STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01751

# MEDRESH RABA SHIR HA-SHIRIM

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mrs. Julius Zulver*
*in memory of*
*Doris & Selma Zulver*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מדרש רבה

# שיר השירים

## (מדרש חזית)

תרגום יידיש

שינויי נוסחאות

ביאורים ומבואות מאת

דערקלערונגען און אריינפירן פון

שמשון דונסקי

מאנטרעאל תשל"ג

מאַנוסקריפּט באַקומען די ליטעראַטור פּרעמיע פונעם

י. י. סיגאַל קולטור פאָנד.

באַקומען סובסידיע צו דערמעגלעכן די אַרבעט איבערן ספר פון דער

מעמאָריאַל פונדאַציע פאַר יידישער קולטור, ניו יאָרק.

אַרויסגעגעבן פון

ש. דונסקי מדרש פאָנד קאָמיטעט

מיט דער מיטהילף פון

דער פּינחס און חיה הובערמאַן פונדאַציע, וואַנקואווער,

די פאַראייניקטע יידישע קהילה באַדינונגען (איי. דזשיי. סי. עס.) מאָנטרעאָל,

דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

שער בלאַט געצייכנט פון

מנחם דונסקי

Copyright 1973 by S. Dunsky

---

געדרוקט אין דער

נאָרטהערן פּרינטינג און ליטאָגראַפינג קאָמפּאַני

מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1973

מיין טייערן חבר און קאָלעגע,
דעם דערציִער און שרייבער

יעקב זיפּער

אַ מתנה

## דאַנקזאָגונג

מיין ליבן חבר און קאָלעגע, יעקב זיפּער, וואָס האָט מיט זיין איניציאַטיוו און באַמיאונג דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון דעם ספר; —

די חברים און פריינד (צווישן זיי דער צענטראַל קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ניו יאָרק), וואָס האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף ח׳ זיפּערס ווענדונג; —

מיין ליבן חבר און קאָלעגע משה שאַפּיר און מיין פריינד עקיבא קאָפּ־לאַנסקי, פאַר זייער הילף ביים לייענען די קאָרעקטור־בויגנס; —

דער מאָנטרעאָלער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק, פאַר אַדמיניסטרירן דעם מדרש־פאָנד, און די סעקרעטאַרינס פון די מאָנטרעאָלער יידישע פאָלקס שולן און פרץ שולן, שרה פּיטערס און ברכה שוגאַר, פאַר זייער טעכנישער הילף;—

דעם „בחור הזעצער״, חבר שלום און דעם בעל הבית פון דער „נאָרטהערן פּרינטינג״, פריינד יוסף עדלשטיין, פאַר זייערע באַמיאונגען, אַז דער ספר זאָל טעכניש אַרויסקומען וואָס בעסער און שענער.

# אַרײַנפֿיר

## א

פּילפּאַרביק און פֿאַרשיידן זײַנען די ספרים פֿון תנך, סײַ אין זייער פֿאָרעם, סײַ אין זייער טעמאַטיק, און סײַ אין זייערע אידעען, אויפֿפֿאַסונגען און באַציאונגען. אַפֿילו נאָר אַן אויבנאויפֿיקער בליק איבערן ספר הספרים אַנטפּלעקט פֿאַר אונדזערע אויגן אַן אומגעהייערן קאַליידאָסקאָפּ פֿון מענטשלעכע פּראָבלעמען, אינדיווידועלע, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע, אין זייערע פֿאַרשיידנסטע שאַטירונגען און אַקצענטירונגען. וואָס פֿאַר אַ ווייטער מהלך עס איז, אַ שטייגער, פֿון דער הונדערט פּראָצענטיקער אמונה־שלמות פֿון אַן עמוס, אַ ישעיה, צי פֿון די מערסטע חומש טעקסטן, ביז צום אויפֿטרייסלענדיק־יאושדיקן און רעזיגנאַציע־פֿולן קוהלת! און צווישן אָט די צוויי עקסטרעמען — די גאַנצע גאַמע פֿון האַפֿערדיקן גלויבן און ווייטאַגלעכן צווייפֿלען: פֿון אַ ירמיה, וואָס אין מיטן פֿון זײַן טיפֿער אמונה קלאָגט ער זיך ביטערלעך: פֿאַרוואָס איז דער וועג פֿון רשעים מצליח? (יב, א); פֿון יענעם גאָט־באַטרונקענעם משורר פֿון תהלים, וואָס קאָן מער ניט שלום מאַכן מיט די אומרעכטן פֿון דער וועלט, און ס׳רייסן זיך אים אַרויס זוערטער פֿון ביטערן צווייפֿל: נאָר אומזיסט האָב איך געלײַטערט מײַן האַרץ און געוואַשן אין ריינקייט מײַנע הענט (עג, יג); און ביז צום גוואַלדיקן פֿאַרמעסט פֿון אַן איוב אין זײַן קעמפֿערישער קאָנפֿראָנטאַציע מיט גאָט פֿאַר זײַנע עטישע אײַנשטעלונגען און אויפֿפֿאַסונגען. און דאָס וואָס איז אמת בנוגע די אַספּעקטן פֿון אמונה און ספֿקות איז אויך אמת בנוגע אַלע אַנדערע אַספּעקטן פֿון מענטשלעכן טראַכטן און פֿילן, ווי זיי ווערן אָפּגעשפּיגלט אין די תנכישע ספֿרים.

די אַלע תנך שאַפֿונגען האָבן אָבער איין צד השוה: ס׳איז אַ ליטעראַטור פֿון פּראָבלעמען און קאָנפֿראָנטאַציעס, פֿון קלאָרן אַרײַנבליק אין די טראַגישקייטן פֿון מענטשלעכן היינט און פֿון טיפֿער בענקשאַפֿט נאָך אַ גליקלעכן מאָרגן, נאָכן „יום שכולו טוב.״

אַן אויסנאַם פֿון דעם אַלעמען איז דער ספר שיר השירים. אומאָפּהענגיק פֿון דעם, ווי שיר השירים ווערט געטײַטשט פֿון הײַנטצײַטיקע קאָמענטאַטאָרן, צי ווי אַ זאַמלונג פֿון נאַטור־און־ליבע־לידער, צי ווי ציקלען פֿון חתונה־לידער, צי גאָר ווי אַ ליריש־דראַמאַטישע גאַנצקייט, — אײן זאַך איז אין פֿלוג קלאָר: שיר השירים איז אין תנך אַ יוצא דופֿן. אַפֿילו דאָס אידילישע „רות״ איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון מענטשלעכן טראַגיזם, אויף טיף־מענטשלעכע שוואַכקייטן און לײַדן, און ערשט ביים סוף לאָזט זיך אַלץ אויס צום גוטן. אין שיר השירים אָבער דערשײַנט דער מענטש אין זײַן אידעאַלער שלמות. ניטאָ

דאָ די אַלע ראַנגלעניש מיט זיך און מיטן גורל, מיט זיך און מיט גאָט, ווי אין די איבעריקע ספרים. דער מענטש אין שיר השירים איז כולו גאַנצקייט, ער לעבט אַ פול לעבן, בשלום מיט זיך און מיט זיין באַשעפער, און איז אין גאַנצן אָפּגעגעבן דעם היינט און דעם דאָ. אוודאי זיינען דאָ פאַראַן טיפע זעלישע איבערלעבונגען, און טיף־ווייטאָגלעכע. אָבער איבער דעם אַלעמען שוועבט די שלמות און די האַרמאָניע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. סיי די ליבע, סיי די אייפערזוכט, ביידע זיינען גאַנץ אין זייער טיפער און פּערפעקטער אור־מענטשלעכקייט. און ס׳קוקט אויס צו זיין אין גאַנצן ניט אין גאַנג פון תנך.

אויך אין שייכות צום עסטעטישן און קינסטלערישן מאָמענט האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ גאַר שאַרפן ווידעראַנאַנד.

דער תנך בכלל פאַרמאָגט וואונדערלעכע אויסדרוקן פון עסטעטישן שאַפן, אָבער די תנך שעפערס, און בעיקר זיינע רעדאַקטאָרן און צוזאַמענשטעלערס, זיינען געווען ווייט פון „קונסט לשם קונסט". ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זאָלן ניט זיין די טעמעס פון די תנך־ספרים: געשיכטע, דערציילונג, ביאָגראַפיע, תפילה, דאַנקזאָגונג, לויב־געזאַנג, מיסטיש־רעליגיעזע מעדיטאַציעס, שטראָף־רייד און טרייסט־רייד, עטישע לערעס, צוקונפט־וויזיעס, — אַלע מאָל און תמיד איז די אויסגעשפּראָכענע רעליגיעז־עטישע טענדענץ געווען דער עיקר, און די קינסטלערישע שפּראַך, דער וואונדערלעכער בילדעריש־אימאַזשיניס־טישער מעדיום, איז געקומען דרך אגב. די תנך־שעפערס זיינען געווען גרויס־קינסטלערס, האָבן זיי פשוט קיין ברירה ניט געהאַט, און זייערע געדאַנקען און געפילן זיינען אָן אַ פריערדיקער כוונה אַריינגעגאָסן געוואָרן אין עכט קינסטלערישע כלים. אָבער קונסט לשם קונסט איז זיי געווען פרעמד, און מעגלעך אויך דערווידער. ס׳איז מיט זיי געווען ווי מיט דער מוטער שרהן, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג ניט געוואוסט פון איר אייגענער שיינקייט. שיר השירים אָבער איז דער איינציקער אַנאַקראָנישער ספר אין תנך, אַ ספר וואָס האָט איין כוונה: געבן קינסטלערישן אויסדרוק צו ריין־מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען, און ברענגען זעלבסט־דערפילונג צו אַ טיף־עסטעטישן דראַנג. זיינען די חכמים, די קאַנאָניזירערס פון תנך, געשטאַנען פאַר אַ שווערער דילעמע: צי איז ניט אַזאַ ספר אין גאַנצן פרעמד דעם גייסט פון די כתבי הקודש? צי פירט ניט אַוועק דער דאָזיקער ספר אויף וועגן וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט דעם ציל וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט: געבן דעם פיל־געפּרוווטן פאָלק אַ מדריך, אַ ליכט און אַ וועגווייזער צווישן די שווערע נסיונות פון לעבן, — אַ תורה אין איר ברייטסטן זין?

פון דער אַנדערער זייט אָבער האָבן די חכמים ניט געקענט פאַרבייגיין אַזאַ ספר און אים לאָזן „אין דרויסן". (און אַזאַ נייגונג איז טאַקע געווען, ווי מיר וועלן זען ווייטער). מיט זייער טיפן חוש פאַר עכטקייט און ערלעכקייט האָבן זיי געפילט, אַז דער ספר איז כולו אמת, כולו שלמותדיק־מענטשלעכע איבערלעבונגען. מיט זייער פּאָזיטיווער באַציאונג צום עראָטישן, ווי בכלל

צום ערדישן אין אונדזער לעבן,[1] האָבן זיי אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין גאַנצן ספר ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט גאָטס נאָמען,[2] ווייעט אָבער פון דער שלימותדיקייט זיינער אַן עכט רעליגיעזער גייסט און סע שוועבט איבער אים דער בראשיתדיקער „וירא אלהים כי טוב". איז דאָך דער מקור פון יעדער עכטער פּאָעזיע טיפע רעליגיעזע אינספּיראַציע, דאָס וואָס די קדמונים באַצייכענען מיט „רוח הקודש", און די עכטע פּאָעטישקייט פונעם „געזאַנג פון די געזאַנגען", איז בולט אין יעדער שורה פון דער מגילה. זיינען די חכמים געקומען צום שלוס, אַז אַ וועג מוז געפונען ווערן אָפּצוראַטעווען דעם ספר פון פאַרגעסנקייט.[3] און דער וועג איז געפונען געוואָרן דורך די בעלי אגדה.

„אַ מאָל פלעגט מען זאָגן: משלי און שיר השירים און קוהלת[4] זיינען געווען באַהאַלטן;[5] ביז עס זיינען געקומען די אנשי כנסת הגדולה[6] און האָבן זיי אויסגעטייטשט".[7] די בעלי אגדה, מיט זייער פאַרטיפטן אַריינבליק אין דער גורלדיקייט פון יידישן לעבן און פון יידישער געשיכטע צווישן די אומות העולם און מיט זייער גרויסער, גרענעצלאָזער ליבשאַפט צום פאָלק און צו זיינע גייסטיקע ווערטן, צו זיין תורה, האָבן דערזען אין דעם דאָזיקן ספר גאָר אַנדערע דימענסיעס. מיט זייער אינטואיטיווער וויזיאָנערישקייט האָבן זיי, דורך זייערע אויסטייטשונגען און אַריינטייטשונגען, פאַרוואַנדלט דעם ספר אין אַ סימבאָליש און אַלעגאָריש ווערק, כולו געווידמעט די באַציאונגען

[1] ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ דאַנק דער ווירקונג און דעם איינפלוס פון די פּרושים איז די פאַרגייסטיקונג פון יידישן געדאַנקענגאַנג שוין לאַנג געווען איינגעשטעלט און דער גלויבן אין אַ יענער וועלט, אין אַ נישט־דאָיקן משיח און אין תחיית המתים איז שוין געווען פולשטענדיק איינגעגלידערט אין דער פּסיכיק פונעם גרעסטן טייל פון יידישן פאָלק, איז פונדעסטוועגן אָנגעהאַלטן געוואָרן אויך אין די נאָך־תנכישע צייטן אַ געזונטער און פולער באַלאַנס צווישן דעם ערדישן און דעם הימלישן, און אין איינקלאַנג מיטן פּסוק: השמים שמים לה׳, והארץ נתן לבני אדם (תהלים קטו, טז) איז דאָס ערדישע און דאָיקע ניט איגנאָרירט געוואָרן. דער גאַנצער אינהאַלט פון די תלמודים און מדרשים, פון דער הלכה ווי פון דער אגדה, איז געבויט אויף אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער הי־וועלטיקייט. אין נאָמען פון רבן ווערט איבערגעגעבן: „עתיד אדם — אַ מענטש איז אָנגעברייט אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון וועגן אַלע זאַכן וואָס זיין אויג האָט געזען, און ער האָט דערפון ניט געגעסן (ירושלמי, סוף קידושין). און אביי זאָגט: „שמעון הצדיק און ר׳ שמעון און ר׳ אלעזר הקפר האָבן איין שיטה, אַז אַ נזיר איז אַ חוטא, אַ זינדיקער מענטש", ווייל (לויט ר׳ אלעזר הקפר) ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער הנאה פון וויין (נדרים י, א).
[2] דער אויסדרוק שלהבתיה, אַ פלאַקער פון גאָט (ח, ו), האָט אַ ריין־טעכנישן באַטייט: אַ שטאַרקער פלאַקער, ווי עיר גדולה לאלהים (יונה ג, ג), אָדער כהררי אל (תהלים לו, ו) — דאָס וואָרט גאָט קומט דאָ ווי אַ באַצייכענונג פון עפּעס גרויסעס און מאַכטיקס. [3] אַז דער נאָמען פונעם טראַדיציאָנעלן מחבר האָט דאָ ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָל איז צו זען פון דעם, וואָס דער זעלבער נאָמען האָט ניט געהאָלפן אַריינצוברענגען אין תנך די אַפּאָקריפישע ספרים מזמורי שלמה און חכמת שלמה. [4] וועגן קוהלת זע ש. דונסקי, קהלת רבה, אַריינפיר. [5] „גנוזים", ניט פאַררעכנט צווישן די הייליקע ספרים. [6] לויט אַן אַנדער ווערסיע: די אנשי חזקיהו (פאַרגלייך משלי כה, א). [7] אבות דר׳ נתן, שעכטער,

צווישן גאָט (דער געליבטער) און דער כנסת ישראל (די געליבטע). דאָס גע־זאַנג פֿון נאַטירלעכער און ערדישער ליבע צווישן אינדיווידועלע בשר ודמס ווערט דורך זיי דערהויבן צו גאַנץ אַנדערע ספֿערן, צו די ספֿערן פֿון יענער גרויסער ליבע, וואָס איז דער שורש פֿון דער גאָרער וועלטס עקזיסטענץ, און וואָס די ערדישע ליבשאַפֿט צווישן מענטשן איז ניט מער ווי אַ בלאַסע אָפּ־שפּיגלונג פֿון איר, — צו די ספֿערן פֿון די אייביקע, שלמותדיקע אידעען.[8] אָבער נאָך דעם ווי די בעלי אגדה האָבן דערהויבן דאָס ערדישע צום הימל, האָבן זיי צוריקגעבראַכט דאָס פֿאַרהימלישטע צו דער ערד (צו פֿאַראַפֿראַזירן צונצעס אַ טרעפֿלעכע באַמערקונג וועגן אגדה בכלל), און אָנגעווענדט דעם אינהאַלט פֿון שיר השירים אויף רעליגיעז־עטישע פּראָבלעמען, סיי פֿון טאָג־טעגלעכן מענטשלעכן לעבן, פֿון מענטשלעכן האַנדלען, טראַכטן און פֿילן; סיי, און בעיקר, אויף פּראָבלעמען גרויס־גורלדיקע, פּראָבלעמען פֿון היסטאָ־רישן און פֿון איבער־צייטלעכן כאַראַקטער. יאָ, אפֿילו די אָפֿענע און פֿרייע שילדערונגען פֿון דער קערפּערלעכער אַנאַטאָמיע פֿון דער פֿרוי און פֿונעם מאַן ווערן אין דער אגדה פֿאַרשטאַנען ווי סימבאָלן פֿון פּערזענלעכקייטן, אינסטיטוציעס און געשעענישן אין דער געשיכטע פֿון פֿאָלק ישראל.

ב

די טראַדיציע צו טייטשן שיר השירים אַלעגאָריש איז אור־אַלט. אַלע פּירושים אויפֿן ספֿר, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז פֿון די קדמונים, זיינען בדרך משל און אַלעגאָריע.[9] אפֿילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז דאָס וואָס די מסורה איז מייחס די אַלעגאָרישע אויסטייטשונג צו די אנשי כנסת הגדולה איז ביז אַ געוויסער מאָס אַן אגדהשע גוזמא, איז עס אָבער אַלץ אַ באַוויז, אַז דער דאָזיקער מעטאָד איז אור־אַלט. און פֿאַר ר׳ עקיבאָן, וואָס האָט געווירקט אין דער יבנה עפּאָכע, ווען דער תנך האָט באַקומען זיין ענדגילטיקע פֿאָרעם און זיין טראַדיציאָנעל־קאַנאָניזירטן אויסטייטש (70—132 נאָך דער אָנגענומענער צייטרעכענונג), איז עס שוין געווען כמעט ווי אַ דאָגמע, אַז מע טאָר ניט נעמען דעם ספֿר אין בוכשטעבלעכן זין. „ר׳ עקיבא זאָגט: ווער עס ציקלט זיין קול מיט שיר השירים אין די טרינקהייזער און מאַכט דערפֿון אַ מין זמר, האָט ניט קיין חלק אויף יענער וועלט".[10] און נאָך האָט ר׳ עקיבא געזאָגט:

זייטן 2—3, ביידע נוסחאות (זע דאָרט, הערות לנו"א כב); מדרש משלי כה, א.

[8] די השפּעה פֿון פּלאַטאָס פֿילאָסאָפֿיע וועגן דער אייביקער און שלמותדיקער אידעען־וועלט — ווי די השפעה פֿון דער גריכישער געדאַנקען־וועלט בכלל (זע ש. ליבערמאַן, יוונים ויוונות בארץ ישראל; א. א. הלוי, שערי האגדה, און באַזונדערס — עולמה של האגדה) — איז שטאַרק קענטיק אין דער מחשבה פֿון אונדזערע פֿאַרצייטיקע חכמים; אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט מאריך צו זיין וועגן דעם.

[9] ר׳ יוחננס ווערטער אויפֿן פּסוק יבא דודי לגנו (שיר השירים רבה סוף פרשה ד), און יענע וואַריאַציע („דבר אחר"), וואָס טייטשט דעם פּסוק כי עזה כמות אהבה, קשה כשאול קנאה (ח, ו) לויטן פּשוטן פּשט, זיינען די אויס־נאַמען, וואָס באַשטעטיקן בלויז דעם כלל.

[10] תוספתא סנהדרין יב, 10. — אמת, דאָס איז אַ סימן, אַז געוויסע עלעמענטן אין פֿאָלק האָבן נאָך דאַן פֿאַרשטאַנען דעם ספֿר ווער־

„גאַר די גאַנצע וועלט האָט ניט געהאַט די ווערט ווי יענעם טאָג, — ווען שיר השירים איז געגעבן געוואָרן, ווייל אַלע „כתובים״ זיינען הייליק, אָבער דער ספר איז קודש־קדשים״.[11] אַ ספר, הייסט עס, וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות מיט טאָג־טעגלעכע, אינדיווידועל מענטשלעכע איבערלעבונגען.

בנוגע דעם אופן ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם ספר און וואָסערע אינהאַלטן אַריינצוטייטשן אין אים האָט זיך ביי די יידישע בעלי מחשבה אויסגעווירקט אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישע נויטווענדיקייט צוזאַמען מיט אַ פּעדאַגאָגיש דער־ציערישן ציל. מיט דער ערשטער באַגעגעניש פון דער מערהייט פון יידישן פאָלק מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ כסדרדיקער, פּאָליטיש־עקאָנאָמישער און רעליגיעז־עטישער געראַנגל צווישן די צוויי, אין גרונד פאַרשיידענע וועלטן, און פון צייט צו צייט, ווי אין די טעג פון אנטיוכוסן און אדריאַנוסן, איז דער גאַרער יידישער קיום געהאַנגען אויף משקולת. אָבער אפילו ניט אין צייטן פון גזרות־שמד איז דער קאַמף פאַר יידישער עקזיסטענץ, פיזיש און גייסטיק, אָפּט געווען שווער און פול מיט געפאַרן. דאָס כסדרדיקע שטיין אין קאַמף, דאָס באַוואוסטזיין, אַז יידן זיינען אַליין אויף דער וועלט;[12] דאָס געפיל פון הילפלאָזיקייט אַנטקעגן רדיפות און גזירות און כלערליי נגישות, דאָס אַלץ האָט דערפירט אַ סך יידן צו יאוש, צו דערשלאָגנקייט און פאַרלאָרנקייט, און אין באַשטימטע פאַלן אפילו צו אַפּטריניקייט און פאַררעטערישקייט, ווי אלישע בן אבויה, אַ שטייגער.

אין אַזעלכע צייטן האָט זיך דאָס פאָלק שטאַרק געניטיקט אין חיזוק, אין דערמוטיקונג. עס האָט זיך געניטיקט אין אַ גלויבן, אַז עס לוינט זיך צו טראָגן גאָטס נאָמען מיט ליבשאַפט, און אין אַ באַנייטער אמונה אין גאָטס חסד און אין אַ בעסערער צוקונפט. האָט דער בעל דרשן געהאַט פאַר זיך אַ דערציערישע פּראָבלעם: ווי אַזוי צו פאַרזיכערן זיין עולם, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע צרות, האָט זיך גאָטס חסד פון זיי ניט אָפּגעטאָן און דער בונד פון גאָט מיט ישראל איז ניט בטל געוואָרן, און אַז אויב אין פלוג קוקט עס אַ מאָל אויס, אַז גאָט איז ניט גרייט בייצושטיין זיינע געטרייע אין זייער גרייטקייט אויף קידוש השם, איז עס נאָר אויגנשיינלעך אַזוי, ווייל אין דער אמתן איז ער שטענדיק גרייט זיי מציל צו זיין אין זייערע שווערע נסיונות.[13]

אָפּט האָבן זיך די בעלי אגדה אַליין געראַנגלט מיט ספקות, און די „הרהורים״, די נאָכטראַכטענישן פון אברהם אבינו וועגן זיין אומזיכערקייט מיט דער אייביקייט פונעם בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אים,[14] זיינען אין תוך זייערע אייגענע הרהורים און ספקות אין אַנבליק פון די יסורימדיקע נסיונות, ווען די פּראָבלעם פון יידן צווישן די אומות האָט זיך געשטעלט פאַר זיי אין איר שאַרפסטער און מאַוימדיקסטער פאָרעם. דעם ענטפער אויף

טערלעך; די אָפיציעלע ליניע פון די חכמים איז שוין אָבער לאַנג געווען אַ פעסטגעשטעלטע.

[11] שיר השירים רבה א, יא. [12] „כל העולם כולו מעבר אחד והוא מעבר אחד״ — די גאַנצע וועלט איז אויף איין זייט, און ער (אברהם) איז אויף דער אַנדערער זייט (בראשית רבה מב, ח). [13] זע ווייטער, קאַפּ. ג, וועגן דער מעשה מיט חנניה, מישאל און עזריה.

אַזעלכע פייניקנדיקע מחשבות, סיי פאַר זיך, סיי פאַרן ברייטן עולם, האָבן זיי געזוכט — און געפונען — אין די ספרים פון די כתבי הקודש.

דער תנך האָט אויסגעווירקט אויף די חז"ל אַ גוואַלדיקן כוח, אַ מיסטישן עפעקט. די טיפע איבערצייגונג, אַז „כולם נתנו מרועה אחד, אל אחד נתנן",[15] און אַז דער דאָזיקער „רועה אחד" האָט קאָנצענטרירט אין די הייליקע ספרים אַלע סודות פונעם באַשאַף און פון דער געשיכטע, אַזוי אַז די דאָזיקע ספרים זיינען ניט נאָר פון און פאַר אַ באַשטימטער צייט, נייערט די גאַנצע אייביקייט איז פאַרבאָרגן אין זיי, מעולם ועד עולם, — דאָס האָט זיי געפירט צו זוכן און צו געפינען אין די תנך ספרים אַן ענטפער אויף אַלע פּראָבלעמען. „שבעים פנים לתורה",[16] און זייער אָפט ווערן די דאָזיקע „פנימער" נתגלה ניט דווקא אין לאַגישן גאַנג פון די הייליקע טעקסטן, נייערט אין אַן איינצלנעם פּסוק, אָדער אין אַ טייל זיינעם, צי גאָר אין אַן איינצל וואָרט מיט אַ באַזונדער מין אויסלייג.

אויף דעם אופן האָבן די חכמים פון דער אגדה באַהאַנדלט אַלע תנכישע טעקסטן. אָבער בעת אין די דרשות אויף די פּסוקים פון אַנדערע ספרים טרעפן מיר אָפט אָן, צוזאַמען מיטן דרש, אויך אַ נייגונג צום פשוטן פּשט, זיינען אָבער די אויסטייטשונגען פון די שיר השירים פּסוקים דורכויס דרש, דורכויס אַלעגאָריע און סימבאָליק.[17]

## ג

אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען אויף פּסוקים פון שיר השירים זיינען צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער תלמוד־און מדרש־ליטעראַטור. די קלאַסישע זאַמלונג אָבער פון אַזעלכע דרשות, וואָס גייט נאָך דעם ספר פּסוק נאָך פּסוק (מיט אַ פּאָר אויסנאַמען, וואו דער פּסוק איז אַן איבערחזורונג פון אַ פריער־דיקן), איז דער מדרש שיר השירים רבה,[18] אָדער, ווי ער הייסט אויך — מדרש חזית.[19] וועגן דעם אָרט וואו דער מדרש איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן קאָן מען מיט פולער זיכערקייט אָננעמען, אַז דאָס איז ארץ ישראל. די גרויסע צאָל גריכישע און לאַטיינישע ווערטער און די אָפטע רמזים אויף וויכוחים

---

[14] א, סא. [15] חגיגה ג, ב, לויט אַ פּסוק אין קוהלת (יב, יא). [16] אותיות דר' עקיבא, נוסח א, ווערטהיימער ב, שנד; פאַרגלייך אויך שבת פח, ב: „כל דיבור — איטלעך וואָרט וואָס איז אַרויס פון מויל פון הקדוש ברוך הוא האָט זיך צעטראָגן אין זיבעציק לשונות (באַטייטונ־גען)." [17] וועגן די פּאָר אויסנאַמען וואָס באַשטעטיקן דעם כלל, זע אויבן באַם. 9.

[18] וועגן דער באַצייכענונג רבה זע ש. דונסקי, קהלת רבה, אַריינפיר, א באַם. 4. — וועגן מדרש בכלל: מדרש הלכה און מדרש אגדה, מדרש שבעל פה און מדרש שבכתב, זע ש. דונסקי, איכה רבה, אַריינפיר ז"ז ד—יא. אונדזער מדרש האָט באַקומען די באַצייכענונג רבה ערשט אין דער ווענעציאַנישער אויסגאַבע פון 1545 (הערמאַן שטראַק, אַריינפיר צו תלמוד און מדרש, ז' 339 באַם. 3). [19] לויטן פּסוק פון משלי ביים אָנהייב פונעם מדרש. — עס עקזיסטירן נאָך צוויי מדרשים אויפן זעלבן ספר: א) שיר השירים זוטא („דער קלענערער", צו אונטערשיידן אים פון אונדזער מדרש, וואָס הייסט רבה, אָדער רבא, דער גרויסער), אַרויסגעגעבן פון שלמה באָבער, בערלין תרנ"ה, און פון ש"ז שעכטער, אונ־טערן נאָמען אגדת שיר השירים, קיימברידזש 1896; ב) מדרש שיר השירים, אַרויסגע־

מיט דער קריסטלעכער וועלט[20] זיינען אַן עדות אויף דער קולטור־ספערע אין וועלכער דער ספר איז צונויפגעשטעלט געוואָרן.[21]

ניט אַזוי זיכער איז מען מיט דער צייט; דאָ זיינען די פאָרשערס שטאַרק מחולק. א. ה. ווייס[22] נעמט אָן, אַז אונדזער ספר געהערט צו די עלטערע מדרשים און שטאַמט פונעם 5טן אָדער 6טן יאָרהונדערט; צונץ[23] ווידער מיינט, אַז ער שטאַמט פון אַ פיל שפּעטערדיקער צייט. אָבער אפילו לויט אים שטאַמט ער ניט שפּעטער ווי פון דעם 7טן—8טן יאָרהונדערט.

דאָס איז אָבער נאָר געריעדט וועגן דער צייט פון זיין צוזאַמענשטעל. דער אינהאַלט זיינער שטאַמט פון פאַרשיידענע צייטן, און עס זיינען אין אים, פון איין זייט, פאַרטראַטן חכמים פון די סאַמע ערשטע תנאים, און פון דער צווייטער זייט זיינען אין אים גאָר וואַרשיינלעך אַריין אויך עלעמענטן וואָס געהערן דעם זאַמלער גופא. די מקורות פון וואַנען דער מחבר שעפּט זיינע מאַטעריאַלן זיינען פאַרשיידן: די משנה, די ברייתות און די תוספתא, דער ירושלמי, די תנאישע מדרשים (מכילתא, ספרא, ספרי), און וואַרשיינלעך אויך אַלטע מדרשים וואָס זיינען היינט ניט מער בנמצא. זעקס פון די פּתיחתות ביים אָנהייב ספר[24] ענדיקן זיך מיט אַ רעפריין, וואָס איז גענומען פון סדר עולם טו: „עס האָט גערוט אויף אים דער רוח הקודש, און ער האָט געזאָגט די דאָזיקע דריי ספרים: משלי, שיר השירים און קוהלת" — אַ זאָג, וואָס שטאַמט פון ר' חייאס אַ ברייתא.[25]

די דאָזיקע פאַרשיידנקייט פון צייט ווען די געבראַכטע מימרות זיינען געזאָגט געוואָרן שפּיגלט פון איין זייט אָפּ אַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּאָליטישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און רעליגיעזע סיטואַציעס און פון דער רעאַקציע צו די דאָזיקע סיטואַציעס; און פון דער צווייטער זייט שפּיגלט זי זיך אָפּ אין דעם סאַמע מעטאָד און אופן פון דעם צוזאַמענשטעל. דאָ בעט זיך צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אונדזער מדרש און דעם תרגום אויף שיר השירים. אויך דער תרגום טייטשט דעם ספר אַלעגאָריש. דערביי אָבער באַמיט זיך דער תרגום, ווי אַ שאַפונג פון אַ יחיד, אָנצוהאַלטן אַ שטרענגע, סיסטעמאַטיש־היסטאָרישע סעקווענץ. ער הייבט אָן דאָס אויסטייטשן די פּסוקים מיט יציאת מצרים און מתן תורה, גייט דורך אַלע וויכטיקע עטאַפּן פון יידישער געשיכטע ביז צום חורבן בית שני דורך די רוימער, און פאַרענדיקט מיט דער גליקלעכער צייט פון ביאת המשיח. דער מדרש, פון דער אַנדערער זייט, וואָס איז אַן אַנטאָלאָגיע פון דרשות פון פאַרשיידענע דרשנים און פון פאַרשיידענע צייטן, קאָן נאַטירלעך קיין היסטאָרישע סעקווענץ ניט נאָכפאָלגן. אַנשטאָט דעם ווערט איין און דער זעלבער פּסוק זייער אָפט געטייטשט אויף פאַרשיידענע צייטן און פּאַסירונגען, לויטן פאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל וואָס דער זאַמלער האָט פאַר זיך געהאַט. אַן עקסטרעמער ביישפּיל פון דעם זיינען די דרשות אויף די פּסוקים א—ד פון פּרק ד,[26] וואָס ווערן געטייטשט אויף

---

[20] זע, אַ שטייגער, ז, יד, באַמערקונג 6, געבן פון אליעזר גרינהוט, ירושלים תרנ"ז. [21] פאַרגלייך אויך א, כז, דעם אויסדרוק „פון דאַנען קיין טבריה." [22] דור דור ודורשיו ג, 263. [23] הדרשות בישראל, טו. [24] א, ה—ו. [25] א, י. [26] ד, ג—יא.

אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע ענינים, ווי קריעת ים־סוף און שירת הים, מתן תורה, די מלחמה מיט מדין, דאָס אַריבערגיין דעם ירדן, דער בית המקדש, די וואָכן פון כהונה און לויה, דער סנהדרין, די עבודה אום יום כיפור.[27] פון שטאַנדפונקט פון אַ יחידיש־שעפערישער פערזענלעכקייט איז מסתמא דער תרגום אינטערעסאַנטער. פון שטאַנדפונקט אָבער פון געשיכטלעכער אַנט־וויקלונג אין אירע פאַרשיידנסטע אַספּעקטן איז דער מדרש אינטערעסאַנטער און וויכטיקער, ווייל אין אים קומען צום אויסדרוק סיי די לעבנס באַדינגונגען און די פּאָליטישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און רעליגיעזע געראַנגלען פון פאַר־שיידענע דורות, סיי די אידעען און מחשבות און אויפפאַסונגען פון די חכמים אין יענע דורות, און סיי די געפילן און איבערלעבונגען און פּראָבלעמען פון די פאָלקס מאַסן און זייערע פירערס אין דער דאָזיקער לאַנגער עפּאָכע.

ד

די קעגנזייטיקע און גורלדיקע ליבשאַפט צווישן גאָט און ישראל און דער תורה איז דער הויפּט־באַשטאַנד און די הויפּט־טעמע פון דער גאַנצער מדרש ליטעראַטור, און אַזוי איז עס אויך מיטן מדרש אויף „שיר השירים״, נאָר מיט איין וויכטיקן אויסנאַם. בעת אין אַנדערע מדרשים ווערן צוזאַמען מיט ישראלס ליבשאַפט און מסירות נפש פאַר גאָט און פאַר זיין תורה, אויך אַרויסגעשטעלט זיינע אָפטע אָפּווייכונגען פון דרך הישר, זיינען אָבער פאַרן מחבר פון אונדזער מדרש תמיד געשטאַנען ווי אַ לייכט־טורעם די ווערטער פון ר׳ יהודהן: „מע דרשנט ניט שיר השירים לגנאי, נייערט לשבח; וואָרום שיר השירים איז געגעבן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט פאַרן לויב פון יש־ראל״,[28] און די פאַר געציילטע אויסנאַמען, וואו עס רעדט זיך וועגן די חטאים פון ישראל,[29] צעשטערן ניט דאָס אַלגעמיינע געפיל, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ ספר, וואָס איז, ווי שיר השירים אַליין, כולו שלמותדיקע ליבשאַפט. ווי ליריש, אַ שטייגער, עס לייענען זיך די דרשות אויפן פסוק דודי לי, ואני לו,[30] אָדער אויף די ווערטער עיניך יונים.[31]

זייער שאַרף און בולט קומט אין אונדזער מדרש צום אויסדרוק די גורל־דיקייט פון ישראל צווישן די אומות. אוודאי זיינען די אומות גרייט אויפצונעמען יידן מיט אָפענע אָרעמס. „ביז וואַנען וועט איר שטאַרבן איבער אייער גאָט און זיך אין גאַנצן אָפּגעבן צו אים? — — — און ביז וואַנען וועט איר געהרגעט ווערן איבער אים? — — — און ביז וואַנען וועט איר אים צאָלן מיט גוטס, און נאָר אים אַליין, און ער זאָל אייך צאָלן מיט שלעכטס? קומט צו אונדז, און מיר וועלן אייך מאַכן פאַר דוכסים, הויפּטלייט און איבערהאַרן — — — און איר וועט זיין דער שפּיגל פון דער וועלט״[32] ס׳איז אָבער קלאָר, אַז די דאָזיקע גרייטקייט איז נאָר על־תנאי: יידן זאָלן אויפגעבן זייער אייגנאַרטיקייט, פאַרגעסן, אַז זיי זיינען יידן. און ווען יידן הערן זיך ניט צו, ווערט די דאָזיקע

[27] זע אויך ב, יט—כב; ב, כג—כט. [28] ב, יג. [29] ר׳ מאירס ווערטער דאָרט; ב, ו; ח, ב; ח, ח. [30] ב, לד. [31] א, סג. [32] ז, ב.

פריינדשאַפט פאַרוואַנדלט אין שנאה, ניט קוקנדיק, וואָס יידן בעטן גאָט צוערשט פאַר דער וועלט און ערשט נאָך דעם פאַר זיך, „וואָרום די אַלע זיבעציק אָקסן, וואָס ער פלעגט מקריב זיין אום סוכות זיינען געווען קעגן די זיבעציק אומות, אַז די וועלט זאָל ניט ווערן לער פון זיי, ווי אין פסוק שטייט (תהלים קט, ד): תחת — פאַר מיין ליבשאַפט האָבן זיי מיך פיינט, כאָטש איך בין אויף זיי מתפלל".[33]

די דאָזיקע גורלדיקייט און מיט איר — די כסדרדיקע גרייטקייט אָן שום תנאים צו גיין אויף קידוש השם, קומט צום שאַרפסטן אויסדרוק אין דער וואונדערלעכער מעשה וועגן חנניה, מישאל און עזריה, וואָס זיינען גרייט געווען זיך צו לאָזן וואַרפן אין פייער אַריין, אַבי זיך ניט צו בוקן צו דער געשטאַלט, וואָס נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט, כאָטש זיי האָבן בפירוש געהערט פונעם נביא, אַז גאָט וועט זיי ניט ביישטיין.[34] דערביי איז דעם בעל המדרש ביז וויטאָג קלאָר דער געשיכטלעך־גורלדיקער פאַקט, אַז דווקא אינעם פייער פון שווערע נסיונות ווערט ישראל אויסגעשמידט און אויסגעשטאַלט. די פאַרשיידענע טייטשן אויפן פסוק סמכוני באשישות, פאַרענדיקט ער מיטן וויטערדיקן: „לענט מיך אונטער מיטן פייער פון אברהם אבינו, און פון מוריה, און פונעם סנה, און מיטן פייער פון אליהו הנביא, און פון חנניה, מישאל און עזריה".[35]

אָפט הערן מיר אין דעם ספר עכאָס פונעם געראַנגל מיטן אויפקומענדיקן קריסטנטום. אַ שטייגער די אגדה וועגן אברהמס מורא, טאָמער וועלן ביי די בני נוח אויפשטיין גרויסע צדיקים און גאָט וועט פאַרביינגן זיין בונד מיט אים און שליסן אַ בונד מיט זיי, און דער ענטפער פון גאָט, אַז דאָס וועט קיין מאָל ניט פאַסירן,[36] — אַ קלאָרע אָנדייטונג אויף דער פרעטענזיע פון דער קריסטלעכער וועלט, אַז פון איצט און וויטער איז זי עס דער אויסדערוויילטער ישראל. אָדער די אגדה, אַז ווען נבוכדנצר האָט געזאָגט, אַז דער פערטער אין קאַלכאויוון (דער מלאך וואָס איז געקומען ראַטעווען חנניהן, מישאלן און עזריהן) האָט דעם אָנזען פון גאָטס זון, איז אַראָפּגעקומען דער מלאך מיכאל, אים אַ פּאַטש געטאָן אויפן מויל און מיט שאַרפע רייד אים געצוואונגען צוריקצונעמען זיין וואָרט.[37] אָדער די פראַגע: „וואָס ווילט איר מיט שבת? מיט מילה",[38] וואָס דריקט מיט זיך אויס די קריסטלעכע קעגנערשאַפט צו די מצוות פון דער תורה.

דער מדרש ווירקט זיך אָבער אויס ניט נאָר מחשבהדיק, אינטעלעקטועל. דער לייענער, און לערנער ווערט אויך כסדר באַווירקט פון אַ טיפער עסטעטישער איבערלעבונג. אמת, ניט אַלע אגדות און דרשות שטייען אויף דער

---

[33] א, סג. [34] ז, יג. [35] ב, יד, און זע דאָרט באַמערקונגען. — דאָס וואָס דער מסדר שטעלט דעם דאָזיקן טייטש צו לעצט איז אַ סימן, אַז פאַר אים איז דער טייטש דער וויכטיקסטער, ווי זיין שטייגער איז געוויינלעך צו געבן דעם וויכטיקסטן טייטש צום סוף. [36] א, סא. [37] ז, יד („דו פאַרעיפּושטער טראָפּן! אַ זון האָט ער?") [38] ב, ל.

זעלבער קינסטלערישער הייך. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דאָס דרשענען שיר השירים אַלעגאָריש איז כמעט געוואָרן אַ דאָגמע, איז עס נאַטירלעך, אַז דאָ און דאָרטן זאָל אַ דרשן טייטשן אַ פּסוק אויף אַ געמאַטערטן אופן. שוין אברהם אבן עזרא האָט, אין דער הקדמה צו זיין פירוש אויף „איכה", געזאָגט וועגן מדרשים בכלל: „מהם כמשי דקים, ומהם עבים כשקים" — פאַראַן מדרשים דין ווי זייד, און פאַראַן אַנדערע גראָב ווי זעק. די מערסטע בעלי אגדה אָבער זיינען צוגעטראָטן צום פּסוק, און צו זייער טעמע בכלל, מיט טיפער אָבסערוואַציע, מיט אייגנאַרטיקייט פון מחשבה, מיט אָריגינעלער וויזיאָנערישקייט און מיט אַ טיף עסטעטיש געפיל. אַזוי ווי זייערע תנכישע פאָרגייערס זיינען אויך די בעלי אגדה געווען ווייט פון שטעלן דעם קינסטלערישן אויסדרוק אויף דער ערשטער ליניע. אויך פאַר זיי איז אינהאַלט געווען דער עיקר, און די אידעע פון קונסט לשם קונסט איז זיי געווען פרעמד. אַנדערש פון די בעלי תנך, אָבער, האָבן די בעלי אגדה אָפט אַרויסגעוויזן אַ זעלבסטבאַוואוסט געפיל פון עסטעטיק, און די וויכטיקייט פון שיינקייט בכלל און פון עסטעטישן וואָרט־אויסדרוק בפרט, קומט זייער אָפט צום דייטלעכן אויסדרוק. לאָמיר זיך דאָ באַנוגענען מיט איין כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל פון אונדזער מדרש.

אינעם דרש אויפן פּסוק נפת תטפנה (ד, יא) ווערט אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז איינער וואָס דרשנט פאַר אַן עולם מוז האָבן אין זינען ניט נאָר דעם אינהאַלט; אויך די פאָרם מוז זיין שיין און באַצויבערנדיק. צולעצט ווערט דאָרט געבראַכט, אין נאָמען פון ריש לקיש, אַז „איטלעכער וואָס זאָגט דברי תורה, און זיי זיינען ניט פאַרגעניגיק פאַר די צוהערערס ווי די דאָזיקע כלה איז פאַרגעניגיק פאַר איר מאַן בעת דער חופּה, איז בעסער, ער זאָל זיי ניט האָבן געזאָגט".[39] — דער צוהערער דאַרף, הייסט עס, האָבן אַן עמאָציאָנעלע, סענסועל־הנאהדיקע איבערלעבונג פון אַן עפנטלעכער דרשה.

דאָ ליגט ביז אין אַ גרויסער מאָס דער סוד פונעם איינפלוס, וואָס די מדרשים ליטעראַטור בכלל און מדרש שיר השירים בפרט האָבן געהאַט אויפן פאָלק דורך די דורות. די עסטעטיש־עמאָציאָנעלע איבערלעבונג האָט גורם געווען, אַז די פּעדאַגאָגישע צילן וואָס די דרשנים האָבן זיך געשטעלט זאָלן טראָגן פרוכט. די ליבשאַפט וואָס זיי האָבן אַנטקעגנגעטראָגן דעם פאָלק אין זיינע שווערע צייטן האָט, אַ דאַנק דער עסטעטיש־עמאָציאָנעלער איבערלעבונג, זיך אַריבערגעטראָגן אין די הערצער פון די פאָלקס מאַסן, און צוזאַמען מיט איר — אויך די טרייסט און די האָפענונג און די וויזיע פון בעסערע צייטן פאַר יידן און פאַר דער גאַנצער וועלט.[40]

---

[39] ד, כב. [40] וועגן אַנדערע אַספּעקטן פון דער מדרש ליטעראַטור: מדרש בכלל, מדרש הלכה און מדרש אגדה, מדרש שבעל־פה און מדרש שבכתב, — זע אַריינפיר צו אונדזער אויסגאַבע פון איכה רבה, זייטן ד—יא. וועגן די שינויי נוסחאות און וועגן דער שפּראַך פון דער איבערזעצונג זע אַריינפיר צו אונדזער

* * *

לסוף — אַ פּערזענלעכע באַמערקונג.

מיין מדרש־אַרבעט האָב איך אָנגעהויבן אין יאָר תש״י (1950) מיט איכה רבה, אַ נאָטירלעכער שריט אין אַ צייט ווען די וואונד פונעם חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום איז נאָך געווען אַזוי רוי און פריש. דורך דער צייט איז דערשינען איכה רבה (תשט״ז), אסתר רבה און רות רבה (אין איין באַנד, תשכ״ב), קוהלת רבה (תשכ״ז), און איצט האָב איך זוכה געווען לברך על המוגמר און אַרויסצוגעבן דעם מדרש אויף דער פינפטער פון די חמש מגילות (לויט תנכישער אָרדנונג — די ערשטע) — שיר השירים רבה, ש„אין דורשין לגנאי, אלא לשבח״. וועל איך אָפּגעבן אַ שבח דעם בורא עולם, שהחייני וקימני והגיעני לזמן הזה.

אויסגאַבע פון אסתר רבה, זייטן 13—15. ביים באַשטימען די סימנים (סוב קאַפּיטלעך) פון דעם ספר האָבן מיר, ווי אין אונדזער אויסגאַבע פון קוהלת רבה, זיך געהאַלטן ביי דער איינטיילונג פון דער ראָם אויסגאַבע פון תרנ״ז (מיטן עץ־ענף יוסף). אין די אַנדערע ראָם אויסגאַבעס איז די איינטיילונג צו קאָמפּליצירט.

(המשך פון זייט 536)


שמאי — 489.
ר' שמואל — 93, 198, 264*, 360, 454, 471, 479.
ר' שמואל בר אבא — 2.
שמואל הקטן — 512*.
ר' שמואל בר חייא בר יודן — 444.
ר' שמואל בר יצחק — 345, 390.
ר' שמואל בר כהנא — 470.
ר' שמואל בר נחמיה (נחמן?) — 477, 478.
ר' שמואל בר נחמן (נחמני) — 28, 30, 50, 90, 108, 116, 146, 158, 178, 244, 326, 344*, 406, 416, 487, 488, 514.
ר' שמואל בר תנחום — 444.
ר' שמעון—32, 324, 328, 362, 437.
ר' שמעון בר אבא — 32, 53.
ר' שמעון בן אלעזר — 226, 460.
ר' שמעון בן גמליאל — 240, 512, 513.
שמעון החשמונאי — 514.
ר' שמעון בן חלפתא — 20, 50, 238, 320, 414, 432, 496.
שמעון הצדיק — 512, 515.
שמעון הצנוע — 515.
ר' שמעון בן יוחאי — 26, 42, 51, 72, 73, 80, 120, 176*, 182*, 186, 248, 249, 263, 280, 282, 284, 328, 354, 358, 382, 388, 394, 404, 408, 464, 472, 474, 494, 495, 514, 516.
ר' שמעון בר' יוסי בן לקוניא — 349, 402.
ר' שמעון בר' יוסנא (יוסינה, יוסינא) — 368, 371.
ר' שמעון בר' ינאי — 336.
שמעון בן לוגה — 258.
ר' שמעון בן לוי — 96.
ר' שמעון בן לקיש (ריש לקיש) — 50, 94*, 96, 110, 126* 136, 246, 276, 346, 348, 374, 376*, 378, 384*, 392, 404*, 416, 417, 436, 458, 506, 514.
ר' שמעון בר' נחמן — 48.
ר' שמעון דער זון פון רבין — 252.
ר' שמלאי („לינקע" שין) — 264.

ת

ר' תנחום — 190.
ר' תנחום בר אחא — 54.
ר' תנחום בר חייא — 62, 410.
ר' תנחום בר' ירמיה — 500.
ר' תנחומא — 52, 74, 198, 202, 218, 224, 250, 274, 364, 374, 392*, 393, 422, 470.


## שליסל צו די געבליבענע ראשי תבות

(אַלע אַנדערע ראשי תבות פון די טראַדיציאָנעלע אויסגאַבן האָבן מיר געדרוקט אין זייער פולן אויסלייג).

או"ה — אומות העולם
א"י ארץ ישראל
א"ל — אמר לו, אמרו לו, אמר להם
אע"פ — אף על פי
א"ר — אמר ר' . . .
בה"מ — בית המקדש
ד"א — דבר אחר
הה"ד — הדא הוא דכתיב
הקב"ה — הקדוש ברוך הוא
וגו' — וגומר
ח"ו — חס ושלום
ט"ב — ט' באב
כהה"ד — כהדא הוא דכתיב
כמד"א — כמה דאת אמר
עאכ"ו — על אחת כמה וכמה
רבש"ע — רבונו של עולם
ר"ל — ריש לקיש
ר"ע — ר' עקיבא.

# שיר השירים רבה

## (מדרש חזית)

# פרשה א

## א

(א) שיר השירים — דאָס געזאַנג פון געזאַנגען. **דאָס איז וואָס דער פסוק האָט געזאָגט דורך שלמהן** (משלי כב, כט): חזית — האָסטו געזען אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט, — פאַר מלכים וועט ער שטיין; ער וועט ניט שטיין פאַר פינצטערע.[1] האָסטו געזען אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט, **דאָס איז יוסף, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (בראשית לט, יא): ויבא — און ער איז אַריינגעקומען אין הויז צו טאָן זיין אַרבעט. **ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ יהודה זאָגט: אַ טאָג פון מנוולדיקייט און אומצוכט איז עס געווען,[2] אַ טאָג פון [פאַרברענגען אין] די שפילהייזער איז עס געווען. און ר׳ נחמיה זאָגט: ס׳איז געווען אַ טאָג פון די שפילהייזער [לכבוד דער שטייגערונג] פונעם נילוס; זיינען אַלע געגאַנגען זען, און ער איז אַריין צו זיין אַרבעט, מאַכן זיין האַרס חשבונות.**

**ר׳ פינחס זאָגט אין נאָמען פון ר׳** שמואל בר אבא: **איטלעכער וואָס באַדינט זיין האַר ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, גייט אַרויס אויף דער פריי. פון וואַנען לערנען מיר עס אַרויס? פון יוספן; דערפאַר וואָס ער האָט באַדינט זיין האַר ווי געהעריק, איז ער אַרויס אויף דער פריי. דעריבער**—פאַר מלכים וועט ער שטיין, **דאָס איז פרעה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט מא, יד): וישלח פרעה — און פרעה האָט געשיקט און געלאָזט רופן יוספן, און מע האָט אים אויף גיך אַרויסגעבראַכט פון גרוב; — ער וועט ניט שטיין פאַר פינצטערע, **דאָס איז פוטיפר, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט אים פאַרפינצטערט די אויגן און אים מסרס געווען.**[3]

## ב

**אַן אַנדער פשט:** האָסטו געזען אַ מענטשן פלינק *[אין זיין אַרבעט]*, **דאָס איז משה רבינו ביי דער אַרבעט אויפן משכן**[1]**, דעריבער** — פאַר מלכים וועט ער שטיין, **דאָס איז פרעה, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות ח, טז): השכם — פעדער זיך אין דער פרי און שטעל זיך פאַר פרעהן; — ער וועט ניט שטיין פאַר פינצטערע, **דאָס איז יתרו.**[2] **האָט ר׳ נחמן געזאָגט: האָסט געמאַכט פון הייליק אומהייליק [און פון אומהייליק — הייליק]**[3]**! נייערט** — פאַר מלכים וועט ער שטיין, **דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט** *(דאָרט לד, כח)*: ויהי שם — און ער איז דאָרט געווען מיט גאָט פערציק טעג; — ער וועט ניט שטיין פאַר פינצטערע, **דאָס איז פרעה, ווי דער פסוק זאָגט** *(דאָרט י, כב)*: ויהי — און ס׳איז געווען אַ שטאָק פינצ־טערניש *[אין גאַנצן לאַנד מצרים]*.[4]

# פרשה א

## א

(א) שיר השירים. **זה שאמר הכתוב על ידי שלמה** (משלי כב): חזית איש מהיר במלאכתו, לפני מלכים יתיצב; בל יתיצב לפני חשוכים. חזית איש מהיר במלאכתו **זה יוסף, דכתיב ביה** (בראשית לט): ויבא הביתה לעשות מלאכתו. **ר' יהודה ור' נחמיה. ר' יהודה אומר: יום ניבול וזיבול היה, יום טיאטרון היה. ור' נחמיה אומר: יום טיאטרון של נילוס היה; והלכו כולם לראות, והוא נכנס למלאכתו לחשוב חשבונותיו של רבו.**

**ר' פנחס אומר בשם ר' שמואל בר אבא: כל שהוא משמש את רבו כראוי, הוא יוצא לחרות. מנין אנו למדין? מיוסף; על ידי ששמש את רבו כהוגן יצא לחרות. לפיכך** לפני מלכים יתיצב, **זה פרעה, שנאמר** (שם מא): וישלח פרעה ויקרא את יוסף, ויריצהו מן הבור; — בל יתיצב לפני חשוכים, **זה פוטיפר, שהחשיך הקב"ה את עיניו וסירסו.**

## ב

**ד"א:** חזית איש מהיר, וכו', **זה משה רבינו במלאכת המשכן, לפיכך** לפני מלכים יתיצב, **זה פרעה, שנאמר** (שמות ח): השכם בבקר והתיצב לפני פרעה; — בל יתיצב לפני חשוכים, **זה יתרו. אמר ר' נחמיה: עשית קודש חול [וחול קודש]! אלא** לפני מלכים יתיצב, **זה מלך מלכי המלכים הקב"ה, שנאמר** (שם לד): ויהי שם עם ה' ארבעים יום; — בל יתיצב לפני חשוכים, **זה פרעה, שנאמר** (שם י): ויהי חשך אפלה, וגו'.

---

א. [1] פאַר געמיינע לייט. [2] אַ יום־טוב פאַר דער עבודה זרה, וואָס איז אָפּט געווען פאַרבונדן מיט אויסגעלאַסנקייט. דער נוסח פון ילקוט שמעוני איז: „יום גידול נילוס היה" (ס'איז געווען, ווען די וואַסערן פון נילוס הייבן זיך); לויט אונדזער נוסח איז עס ר' נחמיהס מיינונג. [3] דער פסוק (בראשית לט, א) רופט פוטיפרן סריס פרעה, און דער בעל המדרש טייטשט עס בוכשטעבלעך.

ב. [1] ס'מיינט: אין זכות פון דעם וואָס ער איז אָנגעברייט צו טאָן שפּעטער. [2] וואָס לגבי פרעהן איז ער געווען אַ פּשוטער, אומבאַקאַנטער מענטש. דער נוסח אין שמות רבה יא, א, איז אַנדערש. [3] איז דאָך יתרו, וואָס האָט זיך מגייר געווען (שמות רבה א, לב), אַ סך חשובער איידער פרעה דער געצנדינער. — צוגאָב לויטן ילקוט שמעוני. [4] און ביים סוף פון יענער פרשה זאָגט משה צו פרעהן: איך וויל מער דיין פּנים ניט זען.

## ג

אַן אַנדער פּשט: האָסטו געזען אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט, דאָס זיינען די צדיקים וואָס זיינען זיך עוסק מיט דער אַרבעט פון הקדוש ברוך הוא[1]; דעריבער — פאַר מלכים וועט ער שטיין, דען זיי שטייען פעסט אין [זכות פון] דער תורה, ווי דער פּסוק זאָגט (משלי ח, טו): בי — דורך מיר קיניגן מלכים[2]; — ער וועט ניט שטיין פאַר פינצטערע, דאָס זיינען די רשעים, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה כט, טו): והיה בחשך — און אין דער פינצטער זיינען זייערע מעשים, און נאָך שטייט געשריבן (תהלים לה, ו): יהי — זאָל זייער וועג זיין פינצטער און גליטשיק.

## ד

אַן אַנדער פּשט: האָסטו געזען אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט, דאָס איז ר' חנינא. מע דערציילט: ער האָט אַ מאָל געזען, ווי זיינע שטאָט־לייט ברענגען אויף עולות און שלמים.[1] האָט ער געזאָגט: „אַלע ברענגען אויף שלמים, און איך ברענג ניט אויף גאָרניט. וואָס קען איך טאָן?[2]" גלייך איז ער אַרויס צום פיטער־פּלאַץ פון זיין שטאָט (צו די חורבות פון זיין שטאָט)[3] און האָט דאָרט געפונען אַ שטיין. האָט ער גענומען און האָט אים אַרומגעהאַקט און אַרומגעטעסעט און אָפּגעפּאַרבט, און ער האָט געזאָגט: „איך נעם אויף זיך אים אַרויפצוברענגען קיין ירושלים.[4]" האָט ער געוואָלט דינגען אַרבעטער, און ער האָט געזאָגט צו זיי: „וועט איר מיר אַרויפברענגען דעם דאָזיקן שטיין קיין ירושלים?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „גיב אונדז אונדזער שכר, הונדערט גאָלדשטיק, און מיר וועלן דיר אַרויפברענגען דיין שטיין קיין ירושלים." האָט ער געזאָגט צו זיי: „פון וואַנען האָב איך הונדערט גאָלדשטיק, צי פופציק, אייך צו געבן?" ער האָט ניט געקראָגן [דאָס געלט] אין צייט, און זיי זיינען גלייך אַוועק. האָט הקדוש ברוך הוא באַלד אים צוגעשיקט פינף מלאכים אין דער געשטאַלט פון מענטשן, און זיי האָבן אים געזאָגט: „גיב אונדז פינף סלע,[5] און מיר וועלן אַרויפברענגען דיין שטיין קיין ירושלים, בתנאי אַז דו זאָלסט צולייגן אַ האַנט מיט אונדז." האָט ער צוגעלייגט זיין האַנט מיט זיי, און זיי האָבן זיך גלייך געפונען שטייענדיק אין ירושלים. האָט ער זיי געוואָלט באַצאָלן זייער שכר, אָבער ער האָט זיי ניט געפונען. איז דער־גאַנגען די מעשה צו דער לשכת הגזית,[6] און זיי האָבן געזאָגט צו אים: „עס קוקט אויס, רבי, אַז די מלאכי השרת האָבן דיר אַרויפגעבראַכט דעם שטיין קיין ירושלים." גלייך האָט ער אַוועקגעגעבן די חכמים דעם שכר וואָס ער האָט זיך באַדונגען מיט די מלאכים.[7]

## ה

אַן אַנדער פּשט: האָסטו געזען אַ מענטשן פלינק אין זיין אַרבעט, דאָס איז שלמה דער זון פון דודן; פאַר מלכים וועט ער שטיין, ווייל ער איז געווען פלייסיק ביים בויען דעם בית המקדש; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן

---

ג. [1] לערנען גאָטס תורה. [2] און אין גיטין (סב, א) דרינגט די גמרא פון דעם פּסוק, אַז תלמידי חכמים ווערן אָנגערופן מלכים.

## ג

**ד״א:** חזית איש מהיר במלאכתו, וגו׳ **אלו הצדיקים, שהם עוסקין במלאכתו של הקב״ה, לפיכך** לפני מלכים יתיצב, **שמתיצבים בתורה, שנאמר** (משלי ח): בי מלכים ימלכו; — בל יתיצב לפני חשוכים, **אלו הרשעים, שנאמר** (ישעיה כט): והיה במחשך מעשיהם, **וכתיב** (תהלים לה): יהי דרכם חשך וחלקלקות.

## ד

**ד״א:** חזית איש מהיר במלאכתו, **זה ר׳ חנינא. אמרו: פעם אחת ראה אנשי עירו מעלים עולות ושלמים. אמר: „כולם מעלים שלמים לירושלים, ואני איני מעלה כלום. מה אעשה?״ מיד יצא למדברה של עירו (בחורבה של עירו) ומצא שם אבן אחת. יצא וסידקה וסתתה וכרכמה; אמר: „הרי עלי להעלותה לירושלים״. בקש לשכור לו פועלים; אמר להם: „מעלים לי אתם את האבן הזאת לירושלים?״ אמרו לו: „תן לנו שכרנו, מאה זהובים, ואנו מעלים לך את אבנך לירושלים.״ אמר להם: „וכי מנין לי מאה זהובים, או חמשים, לתת לכם?״ ולא מצא לשעה; מיד הלכו להם. מיד זימן לו הקב״ה חמשה מלאכים בדמות בני אדם; אמרו לו: „רבי, תן לנו חמשה סלעים, ואנו מעלים אבנך לירושלים, ובלבד שתתן ידך עמנו.״ ונתן ידו עמהם, ונמצאו עומדין בירושלים. בקש ליתן להם שכרם, ולא מצאן. בא המעשה ללשכת הגזית; אמרו לו: „דומה, רבינו, שמלאכי השרת העלו לך את האבן לירושלים.״ מיד נתן לחכמים אותו השכר שהשכיר עם המלאכים.**

## ה

**ד״א:** חזית איש מהיר במלאכתו, **זה שלמה בן דוד;** לפני מלכים יתיצב, **שהיה זריז בבנין בית המקדש; הה״ד** (מלכים א, ו):

---

ד. [1] קיין ירושלים. עולות — קרבנות וואָס ווערן אינגאַנצן פאַרברענט אויפן מזבח (ויקרא ו׳ ב); שלמים — אַ קרבן, וואָס טיילן פון אים ווערן געגעסן (דאָרט ז, יא). [2] ר׳ חנינא [בן דוסא] איז געווען באַקאַנט מיט זיין אָרימקייט (זע תענית כד—כה). [3] לויטן אות אמת איז עס אַ צוגעגעבענער פּירוש צו למדברה של עיר. אין קהלת רבה א, א, איז דער צוגאָב ניטאָ. [4] פאַרן בית המקדש. [5] אַ קלענערע מטבע, די ווערט פון תנכישן שקל. [6] „דער צימער פון געהאַקטן שטיין״, וואו די חכמים פון סנהדרין זיצן. [7] דער אות אמת איז דאָ גורס אַ צוגאָב: ויקראו עליו המקרא הזה: חזית — — — לפני מלכים יתיצב, אל תקרי מלכים, אלא מלאכים (און זיי האָבן אויף אים געלייענט דעם דאָזיקן פסוק: האָסטו געזען — — — פאַר מלכים וועט ער שטיין, לייען ניט מלכים, נייערט מלאכים).

(מלכים א, ו, לח): ויבנהו — און ער האָט אים געבויט זיבן יאָר. **אָבער אַן אַנדער פסוק זאָגט דאָך** (דאָרט ז, א): ואת ביתו — און זיין אייגן הויז האָט ער געבויט דרייצן יאָר, קומט דאָך אויס, אַז דער בנין פון שלמהס הויז איז געווען שענער און גרעסער ווי דער בנין פון דעם בית המקדש! נייערט אַזוי האָט מען געזאָגט: ביים בויען פון זיין אייגן הויז האָט ער זיך אונטערגעפוילט; ביים בויען דעם בית המקדש איז ער געווען פלייסיק און האָט זיך נים געפוילט. — — —

**הונא אין נאָמען פון רב יוסף** [האָט געזאָגט]: **אַלע העלפן דעם מלך, אַ כל־שכן, אַז אַלע העלפן פאַרן כבוד פונעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, אפילו רוחות, אפילו שדים, אפילו מלאכים. יצחק דער זון פון רב יהודה בר יחזקאל האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט** (דאָרט ח, יג): בנה בניתי — בויען האָב איך דיר געבויט אַ הויז פאַר אַ וואוינונג, — **אָן אויפגעבויטן בנין האָב איך דיר געבויט.**[1] **ר' ברכיה האָט געזאָגט: דאָ שטייט ניט „דאָס הויז וואָס זיי האָבן געבויט," נייערט** (דאָרט ו, ז): והבית בהבנותו — און דאָס הויז ווען עס איז געבויט געוואָרן, — **פון זיך אַליין איז עס געבוים געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט): אבן — פון שטיינער אויסגעפאַרטיקטע ביים אַרויסברעכן איז עס געבויט געוואָרן, — **עס שטייט דאָ ניט „בנו,"**[2] **זיי האָבן געבויט, נייערט** נבנה — עס איז געבויט געוואָרן, **לערנט עס אונדז, אַז דער שטיין פלעגט זיך אַליין אַוועקטראָגן און זיך אַוועקלייגן אויף דער שורה** [שטיינער].[3] **רב האָט געזאָגט: דו זאָלסט זיך אויף דעם ניט וואונדערן. וואָס שטייט געשריבן וויטער** (דניאל ו, יח): והיתית אבן — און אַ שטיין איז געבראַכט געוואָרן און איז אַרויפגעטאָן געוואָרן אויפן מויל פון דער גרוב, — **זיינען דען פאַראַן שטיינער אין בבל?**[4] **נייערט דער שטיין איז אַנגעפלויגן אין יענער רגע פון ארץ ישראל און איז געקומען און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן מויל פון דער גרוב. רב הונא האָט אין נאָמען פון רב יוסף געזאָגט: אַ מלאך איז אַראָפּ אין געשטאַלט פון אַ שטיינערנעם לייב און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן מויל פון דער גרוב; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט, כג): אלהי — מיין גאָט האָט געשיקט זיין מלאך, און ער האָט פאַרמאַכט דאָס מויל פון די לייבן. **איז זאָלסטו זיך ניט וואונדערן: אויב פאַרן כבוד פון יענעם צדיק**[5] **שטייט געשריבן:** און עס איז געבראַכט געוואָרן אַ שטיין, **פאַרן כבוד פון הקדוש ברוך הוא — אוודאי און אוודאי!**

פאַר מלכים וועט ער שטיין,[6] — **פאַר די מלכים פון דער תורה וועט ער שטיין;**[7] ער וועט ניט שטיין פאַר פינצטערע, **דאָס איז דאָס געזעמל פון רשעים. ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: בעת זיי האָבן אָפּגעשטימט**[8] **און אָפּגעמאַכט, אַז דריי קיניגן און פיר פּראָסטע לייט האָבן ניט קיין חלק אויף יענער וועלט, האָבן זיי געוואָלט צורעכענען צו זיי אויך שלמהן.**[9] **איז אַרויס אַ בת־קול און**

ויבנהו שבע שנים. וכתוב אחד אומר (שם ז): ואת ביתו בנה שלמה שלש עשרה שנה, נמצא מיופה ומרובה בנין בית שלמה מבנין המקדש! אלא כך אמרו: בבנין ביתו נתעצל; בבנין בית המקדש היה זריז ולא נתעצל. — — —

הונא בשם ר׳ יוסף: הכל מסייעים את המלך, כל שכן הכל מסייעים בשביל כבוד מלך מלכי המלכים הקב״ה, ואפילו רוחות, ואפילו שדים, ואפילו מלאכי השרת. יצחק בריה דרב יהודה בר יחזקאל אמר: כתיב (שם ח): בנה בניתי בית זבול לך, — בנין בנוי בניתי. ר׳ ברכיה אמר: „הבית אשר היו בונים״ אין כתיב כאן, אלא (שם ו): והבית בהבנותו, — מאליו היה נבנה, שנאמר (שם): אבן שלמה מסע נבנה, — „בנו״ אין כתיב כאן, אלא נבנה, מלמד, שהיתה האבן נושאת את עצמה וניתנה על גבי הדימוס. אמר רב: אל תתמה על זה. מה כתיב להלן (דניאל ו): והיתית אבן חדא ושומת על פום גובא, — וכי אבנים יש בבבל? אלא מארץ ישראל פרחה לה לשעה ובאת וישבה לה על פי הבור. רב הונא בשם רב יוסף אמר: מלאך ירד בדמות ארי של אבן וישב על פי הבור; הה״ד (שם): אלהי שלח מלאכה וסגר פום אריותא. ואל תתמה, — אם בכבוד אותו צדיק כתיב: והיתית אבן חדא, בכבודו של הקב״ה — עאכ״ו!

לפני מלכים יתיצב, לפני מלכי תורה יתיצב; בל יתיצב לפני חשוכים, אלו חבורה של רשעים. א״ר יהושע בן לוי: בשעה שנמנו וגמרו — ג׳ מלכים וד׳ הדיוטות אין להם חלק לעולם הבא, בקשו לצרף שלמה עמהם. יצתה בת קול ואמרה (תהלים קה):

ה. [1] באַזירט אויפן טאָפּלטן אויסדרוק בנה בניתי — אַ פאַרטיקן בנין האָב איך אויפ־געבויט, אַ בנין געבויט מיט כוחות פון אויבן. [2] אין די געדרוקטע טעקסטן שטייט דאָ „בנוי״, איז עס אויפגעבויט, אָבער דאַן שטימט עס ניט מיטן דרש, און דער מהרז״ל פאַרריכט עס אויף „בנה״, ער האָט געבויט; מיר האָבן עס קאָרעגירט אויף „בנו״, און נאָר די יוד צום סוף וואָרט איז איבעריק. [3] דער ווערב נבנה ווערט דאָ פאַרשטאַנען ניט ווי אַ פּאַסיוו, נאָר ווי אַ רעפלעקסיוו. [4] זע איכה רבה ה, יג, וואו עס ווערט דערציילט, אַז נבוכדנצר האָט געצוואונגען יידישע בחורים צו טראָגן מילשטיינער פון ארץ ישראל קיין בבל. [5] דניאל. [6] נאָך דער לענגערער אָפּוויכונג קערט זיך דער בעל המדרש אום צו פאַרענדיקן דאָס אויסטייטשן דעם פּסוק חזית אויף שלמה המלך. — עס לאָזט זיך מאַכן די השערה, אַז די דאָזיקע אָפּוויכונג איז אַ צוגאָב פון אַ שפּעטערדיקן איבער־

געזאָגט (תהלים קה, טו): אל תגעו — רירט ניט אָן מיינע געזאַלבטע! ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: און ניט נאָר דאָס, נייערט ער איז נאָך פאַררעכנט געוואָרן ווי דער אָנהייב פון אַ יחוס־קייט, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, יד, כא): ורחבעם — און רחבעם דער זון פון שלמהן.[10] ר׳ יודן בר סימון האָט [נאָך] געזאָגט: און ניט נאָר דאָס, נייערט עס האָט נאָך גערוט אויף אים דער רוח הקודש, און ער האָט געזאָגט[11] די דאָזיקע דריי ספרים: משלי, שיר השירים און קהלת.

**1**

דאָס איז ווי אין פסוק שטייט[1] (תהלים מה, יז): תחת — אָנשטאָט דיינע פאָטערס וועלן זיין דיינע זין. דו געפינסט פאַלן, ווען אַ צדיק געבערט אַ צדיק, אַ רשע געבערט אַ רשע, אַ צדיק געבערט אַ רשע, און אַ רשע געבערט אַ צדיק; און אויף איטלעכן איז דאָ אַ פסוק און אַ שפּריכוואָרט און אַ ווערטל. אַז אַ צדיק געבערט אַ צדיק, אויף דעם איז דאָ אַ פסוק און אַ שפּריכוואָרט. אַ פסוק, ווי עס שטייט געשריבן: אָנשטאָט דיינע פאָטערס וועלן זיין דיינע קינדער; אַ שפּריכוואָרט: „דאָס צווייגל איז אַ גוטזאָגער אויפן פייגנבוים״.[2] אַז אַ רשע געבערט אַ רשע, אויף דעם איז דאָ אַ פסוק און אַ שפּריכוואָרט און אַ ווערטל. אַ פסוק, ווי עס שטייט געשריבן (במדבר לב, יד): והנה — און אָט זענט איר אויפגעשטאַנען אויפן אָרט פון אייערע עלטערן, אַ געזינדל זינדיקע מענטשן; אַ שפּריכוואָרט (שמואל א, כד, יג): כאשר — ווי אַ פאַר־צייטיק שפּריכוואָרט זאָגט: פון שלעכטע קומט אַרויס שלעכטס; וואָסער ווערטל איז דאָ? „וואָס געבערט דער זשוק? שרצים ערגערע פון זיך.״ אַז אַ צדיק געבערט אַ רשע, אויף דעם איז דאָ אַ פסוק (איוב לא, מ): תחת — זאָל אָנשטאָט ווייץ אויפגיין אַ דאָרן; אַ שפּריכוואָרט: „זיי געבערן ניט זייער גלייכן, זיי האָדעווען אויף ניט די זעלבע ווי זיי.״ אַז אַ רשע געבערט אַ צדיק, אויף דעם איז דאָ אַ פסוק (ישעיה נה, יג): תחת — אָנשטאָט דעם דאָרן וועט אויפגיין אַ ציפּרעס; אַ שפּריכוואָרט: „פון דאָרן קומט אַרויס אַ רויז.״ אָבער שלמה איז געווען אַ מלך בן מלך, אַ חכם בן חכם, אַ צדיק בן צדיק, אַ יחסן בן יחסן.[3]

דו געפינסט, אַז אַלץ וואָס איז געשריבן וועגן דעם איז געשריבן וועגן דעם. דוד האָט געקיניגט פערציק יאָר, און דער האָט געקיניגט פערציק יאָר; דוד האָט געקיניגט איבער ישראל און יהודה, און זיין זון האָט געקיניגט איבער ישראל און יהודה; זיין פאָטער האָט געבויט די פונדאמענטן,[4] און ער

שרייבער, — מיטן אויסנאַם פון ר׳ ברכיהן, זיינען אַלע אמוראים וואָס ווערן דאָ דערמאָנט — בבלער (און רב הונא, ר׳ יוספס תלמיד, איז אויך געקומען קיין ארץ ישראל פון בבל), און דער מדרש איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין ארץ ישראל (כאָטש לויטן מדרש תהלים ווערט רבס מאמר געבראַכט אין נאָמען פון דעם ארץ ישראלדיקן ר׳ אבהו). [7] שטיין פאַר די חכמים צו אַ משפט און אַרויסגיין ריינגעוואַשן, ווי ווייטער (זע אויבן ג, באַמ. 2). [8] ווערטערלעך: זיך געציילט, — זיי, די אנשי כנסת הגדולה, האָבן באַשלאָסן לויט אַ מערהייט שטימען. [9] און דאָס וואָלט געמיינט אים שטעלן צווישן „די פינצ־טערע״ (וועגן שלמהס חטאים זע מלכים א, א—ג. מער וועגן דעם ענין זע סנהדרין קב, ב).

אל תגעו במשיחי. א״ר יהודה בר סימון: ולא עוד, אלא שנתייחס ראש (לשלשת) [לשלשלת] יוחסין, שנאמר (מלכים א, יד): ורחבעם בן שלמה. א״ר יודן בר סימון: ולא עוד, אלא ששרתה עליו רוח הקודש ואמר ג׳ ספרים הללו: משלי, שיר השירים וקהלת.

ו

הה״ד (תהלים מה): תחת אבותיך יהיו בניך. את מוצא, צדיק מוליד צדיק, רשע מוליד רשע, צדיק מוליד רשע, רשע מוליד צדיק, וכולהון יש להם מקרא ויש להם משל ויש להם מליצה. צדיק מוליד צדיק יש לו מקרא ויש לו משל. מקרא, דכתיב: תחת אבותיך יהיו בניך. משל: סרכא דאקים תאניתא״. רשע מוליד רשע יש לו מקרא ויש לו משל ויש לו מליצה. מקרא, דכתיב (במדבר לב): והנה קמתם תחת אבותיכם, תרבות אנשים חטאים. משל (שמואל א, כד): כאשר יאמר משל הקדמוני: מרשעים יצא רשע. מליצה מנין? „מה ילדת חיפושיתא? קרוצי בישי מינה״. צדיק מוליד רשע יש לו מקרא (איוב לא): תחת חטה יצא חוח. משל: „מולידין דלית כוותהון, מרביין דלא דמיין להון״. רשע מוליד צדיק יש לו מקרא (ישעיה נה): תחת הנעצוץ יעלה ברוש. משל: „מן סניא נפק ורדא.״ אבל שלמה — מלך בן מלך, חכם בן חכם, צדיק בן צדיק, אווגיטוס בן אווגיטוס.

את מוצא, כל מה שכתוב בזה כתוב בזה. דוד מלך מ׳ שנה, וזה מלך מ׳ שנה; דוד מלך על ישראל ויהודה, ובנו מלך על ישראל ויהודה; אביו בנה את היסודות, והוא בנה את העליונות;

---

[10] און אַזוי ווי עס ווערט שוין פריער דערמאָנט, אַז רחבעם איז שלמהס זון, לערנט אונדז דער איבעריקער פסוק, אַז שלמה איז דער ערשטער פון אַ קיניגלעכער דינאַסטיע (פון מלכות יהודה, ווייל דוד איז דאָך געווען מלך איבער גאַנץ ישראל). [11] מחבר געווען.

ו. [1] די ביז איצטיקע פינף סמנים זיינען לאָגיש איין גאַנצקייט, און דער ציל פונעם בעל המדרש איז צו דערפירן דורך זיי צו דעם, אַז שלמה האָט געשריבן משלי, שיר השירים און קהלת. דאָ קערט ער זיך ווידער אום צום ערשטן פסוק (וואָס נאָר איבער אַ צופאַל, אָדער לשם קיצור, איז ער אַרויסגעלאָזט געוואָרן ביים אָנהייב פונעם סימן) מיט דער כוונה ווידער צו דערפירן צום זעלבן ביים סוף פונעם סימן. — די ערשטע עלף סימנים דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי פתיחתאס, אַריינפירן צום עצם ספר (איינער פון זיי, סימן ט, הייבט זיך טאַקע אָן מיטן קלאַסישן אויסדרוק: ר׳ פנחס בן יאיר פתח. — וועגן פתיחתאס בכלל זע באַמערקונג 1 צו פתיחתא א פון אונדזער איכה רבה אויסגאַבע). [2] אויב אַ פאַרפלאַנצט צווייגל נעמט זיך גוט אָן און גיט שפּעטער גוטע פייגן, איז עס אַ סימן, אַז עס קומט פון אַ גוטן פייגנבוים. [3] יאַסטראָוו הייסט לייענען אין טעקסט אווגינוס, אַנשטאָט אווגיטוס. [4] פון בית המקדש, — צוגעגרייט אויף דעם אַלץ וואָס

**האָט געבויט די אייבער־בנינים; זיין פאָטער האָט געקיניגט פון איין עק וועלט צום אַנדערן, און דער האָט געקיניגט פון איין עק וועלט צום אַנדערן;[5] דוד האָט געשריבן ספרים, און שלמה האָט געשריבן ספרים; דוד האָט געזאָגט[6] געזאַנגען, און שלמה האָט געזאָגט געזאַנגען; דוד האָט געזאָגט „נישטי־קייטן",[7] און שלמה האָט געזאָגט „נישטיקייטן"; דוד האָט געזאָגט „ווער־טער", און שלמה האָט געזאָגט „ווערטער"; דוד האָט געזאָגט שפּריכווערטער, און שלמה האָט געזאָגט שפּריכווערטער; דוד האָט געלויבט [גאָט] מיטן וואָרט „אָז", דעמאָלט, און שלמה האָט געלויבט [גאָט] מיט „אָז"; דוד האָט געבויט אַ מזבח, און שלמה האָט געבויט אַ מזבח; דוד האָט מקריב געווען אַ קרבן, און שלמה האָט מקריב געווען אַ קרבן; דוד האָט אַרויפגעבראַכט דעם ארון, און שלמה האָט אַרויפגעבראַכט דעם ארון.**

**דוד האָט געקיניגט פערציק יאָר, ווי דער פּסוק זאָגט** (מלכים א, ב, יא): והימים — און די טעג וואָס דוד האָט געקיניגט איבער ישראל זיינען געווען פערציק יאָר; **און שלמה האָט געקיניגט פערציק יאָר, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברי הימים ב, ט, ל): וימלך שלמה — און שלמה האָט געקיניגט אין ירושלים איבער גאַנץ ישראל פערציק יאָר. **דוד האָט געקיניגט איבער ישראל און יהודה, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט א, כח, ד): ויבחר — און גאָט דער גאָט פון ישראל האָט מיך אויסדערוויילט פון דעם גאַנצן הויז פון מיין פאָטער [— — — צו מאַכן פאַר אַ מלך איבער גאַנץ ישראל]; **און שלמה האָט געקי־ניגט איבער ישראל און יהודה, ווי דער פּסוק זאָגט** (מלכים א, ד, כ) און יהודה און ישראל זיינען געווען אַ סך. **דוד האָט געבויט די פונדאַמענטן, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברי הימים א, כח, ב): ויקם דוד — און דוד המלך האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס [און האָט געזאָגט: — — — און איך האָב אָנגעגרייט צו בויען]; **און שלמה האָט געבויט די אייבער־בנינים, ווי דער פּסוק זאָגט** (מלכים א, ח, יג): בנה — בויען האָב איך דיר געבויט אַ הויז פאַר אַ וואוינונג. **דוד האָט געזאָגט „ווערטער", ווי דער פּסוק זאָגט** (שמואל ב, כג, א): ואלה — און דאָס זיינען דודס לעצטע ווערטער; **און שלמה האָט געזאָגט „ווערטער", ווי דער פּסוק זאָגט** (קהלת א, א): דברי — די ווערטער פון קהלת דעם זון פון דודן, דעם מלך אין ירושלים. **דוד האָט געזאָגט „נישטיקייטן", ווי דער פּסוק זאָגט** (תהלים לט, ו): אך — פאַרוואָר, אינגאַנצן נישטיק איז יעדער מענטש אין זיין באַשטאַנד אויף אייביק.[8] **און שלמה האָט געזאָגט „נישטיקייטן", ווי דער פּסוק זאָגט** (קהלת א, ב): הבל הבלים — נישטיקייט פון נישטיקייטן, האָט געזאָגט קהלת, נישטיקייט פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט. **דוד האָט געזאָגט שפּריכווערטער, ווי דער פּסוק זאָגט** (שמואל א, כד, יד): כאשר — ווי אַ פאַרצייטיק שפּריכוואָרט

נאָר נויטיק. [5] דאָס ווערט ניט באַפעסטיקט ווייטער מיט קיין פּסוק. אין אסתר רבה (א, ה) שטיצט זיך דער בעל המדרש אויף דברי הימים א, יד, יז, און אויף מלכים א, ה, א. [6] מחבר געווען. [7] האָט מעדיטירט וועגן דער נישטיקייט פון מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. [8] לויטן טראַדיציאָנעלן טייטש פון סלה; זע עירובין נד, א: אומעטום וואו

**אביו מלך מסוף העולם ועד סופו, וזה מלך מסוף העולם ועד סופו; דוד כתב ספרים, שלמה כתב ספרים; דוד אמר שירים, ושלמה אמר שירים; דוד אמר „הבלים", ושלמה אמר „הבלים"; דוד אמר „דברים", ושלמה אמר „דברים"; דוד אמר משלים, ושלמה אמר משלים; דוד קלס ב„אז", ושלמה קלס ב„אז"; דוד בנה מזבח, ושלמה בנה מזבח; דוד הקריב קרבן, ושלמה הקריב קרבן; דוד העלה את הארון, ושלמה העלה את הארון.**

**דוד מלך מ' שנה, שנאמר** (מלכים א, ב): והימים אשר מלך דוד על ישראל ארבעים שנה; **ושלמה מלך מ' שנה, שנאמר** (דברי הימים ב, ט): וימלך שלמה בירושלים על כל ישראל ארבעים שנה. **דוד מלך על ישראל ויהודה, שנאמר** (שם א, כח): ויבחר ה' אלהי ישראל בי מכל בית אבי — — — [להמליך על כל ישראל]; **ושלמה מלך על ישראל ויהודה, שנאמר** (מלכים א, ד): ויהודה וישראל רבים, **וגו'. דוד בנה את היסודות, שנאמר** (דברי הימים א, כח): **ויקם דוד על רגליו** [ויאמר: — — — והכינותי לבנות"]; **ושלמה בנה את העליונות, שנאמר** (מלכים א, ח): בנה בניתי בית זבול לך. **דוד אמר „דברים", שנאמר** (שמואל ב, כג): ואלה דברי דוד האחרונים, **וגו'; ושלמה אמר „דברים", שנאמר** (קהלת א): דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים. **דוד אמר „הבלים", שנאמר** (תהלים לט): אך כל הבל כל אדם נצב סלה; **ושלמה אמר „הבלים", שנאמר** (קהלת א): הבל הבלים, אמר קהלת, הבל הבלים, הכל הבל. **דוד אמר משלים, שנאמר** (שמואל א, כד): כאשר יאמר משל הקדמוני: מרשעים יצא רשע, **וגו'; ושלמה אמר משלים, שנאמר** (משלי, א): משלי שלמה בן דוד מלך ישראל. **דוד כתב ספרים, דתהלים נכתב על שמו. ושלמה כתב ספרים: משלי,**

---

זאָגט: פון שלעכטע קומט אַרויס שלעכטס; **און שלמה האָט געזאָגט שפּריכ־ווערטער, ווי דער פסוק זאָגט** (משלי א, א): משלי — די שפּריכווערטער פון שלמה דעם זון פון דודן, דעם מלך פון ישראל. דוד האָט געשריבן ספרים, **וואָרום דער תהלים איז פאַרשריבן אויף זיין נאָמען,**[9] **און שלמה האָט געשריבן ספרים:** משלי, קהלת, שיר השירים. דוד האָט געלויבט [גאָט] מיטן

---

עס שטייט נצח, סלה, ועד, מיינט עס אויף אייביק און אייביק. [9] **כאָטש ניט ער איז דער מחבר פונעם גאַנצן ספר** (זע קהלת רבה ז, לט: — — — **עשרה זקנים שאמרו בספר תהילים — — — אידער די צען זקנים וואָס האָבן געזאָגט [שירה] אין ספר תהילים; זע אויך** מדרש תהלים א, ו, **ווי אויך** בבא בתרא יד, ב). **דער ספר תהלים ווערט דאָ באַצייכנט ווי ספרים, אין לשון רבים, ווייל ער איז איינגעטיילט אין פינף ספרים.**

וואָרט „אָז“, דעמאָלט, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים קכו, ב): אָז — דעמאָלט איז פול געוואָרן אונדזער מויל מיט געלעכטער און אונדזער צונג מיט געזאַנג; דעמאָלט האָט מען געזאָגט צווישן די פעלקער — — —; און שלמה האָט געלויבט [גאָט] מיט „אָז“, ווי דער פּסוק זאָגט (מלכים א, ח, יב): אָז — דעמאָלט האָט שלמה געזאָגט: גאָט האָט געזאָגט — — —. דוד האָט אַרויפ־געבראַכט דעם אָרון, ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים א, טו, כה): ויהי דוד — און דוד און די עלטסטע פון ישראל — — —[זיינען געגאַנגען אַרויפצוברענגען דעם ארון פון גאָטס בונד]; און שלמה האָט אַרויפגעבראַכט דעם ארון, ווי אין פּסוק שטייט (מלכים א, ח, א): אז — דעמאָלט האָט שלמה פאַרזאַמלט די זקנים פון ישראל — — — [אַרויפצוברענגען דעם ארון פון גאָטס בונד]. דוד האָט געזאָגט געזאַנגען, ווי דער פּסוק זאָגט (שמואל ב, כב, א): וידבר דוד — און דוד האָט גערעדט צו גאָט די ווערטער פון דעם דאָזיקן געזאַנג; און שלמה האָט געזאָגט געזאַנגען, ווי דער פּסוק זאָגט: שיר השירים — דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, וואָס פון שלמהן.

ר׳ סימון האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן פון בית גוברין [וואָס האָט עס געזאָגט] אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי: ווי באַלד דו פאַרגלייכסט אים שוין, פאַרגלייך אים פון אַלע זייטן: אַזוי ווי זיין פאָטער האָט מען מוחל געווען אַלע זיינע חטאים, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, יב, יג): גם ה׳ — אויך גאָט האָט אָפּגעטאָן דיין זינד; וועסט ניט שטאַרבן, — אויך דעם אַזוי; און ניט נאָר דאָס, נייערט עס האָט נאָך גערוט אויף אים דער רוח הקודש און ער האָט געזאָגט דריי ספרים: משלי און קוהלת און שיר השירים.

ז

אַן אַנדער פּשט: שיר השירים, — דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט (משלי טז, כג): לב חכם — דאָס האַרץ פון אַ חכם מאַכט קלוג זיין מויל. אַז דעם חכמס האַרץ איז פול מיט חכמה, ווער מאַכט אים נאָך קליגער, און ווער באַווייזט זיין חכמה? זיין מויל, — זיין מויל מאַכט אים קליגער, זיין מויל ווייזט אָן אויף אים.[1] ועל שפתיו — און אויף זיינע ליפּן מערט עס לערנונג,— דורך דעם וואָס עס ברענגט אַרויס ווערטער פון תורה פון זיין האַרצן מערט ער די לערנונג פון דער תורה.

מע האָט געגעבן אַ משל, — צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ פעסל וואָס איז פול מיט טייערע שטיינער און פערל, און איז אַרומגענומען מיט אַ פאַר־שנורעוועט דעקל און עס שטייט אין אַ ווינקל, און קיינער ווייס ניט, וואָס אין דעם איז פאַראַן. איז געקומען איינער און האָט עס אַרויסגעבראַכט, האָבן אַלע געוואוסט, וואָס אין דעם איז פאַראַן. אַזוי איז שלמהס האַרץ געווען פול מיט חכמה, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָרט איז פאַראַן. ווי באַלד עס האָט גערוט אויף אים דער רוח הקודש און ער האָט מחבר געווען דריי ספרים, האָבן אַלע געוואוסט פון זיין חכמה. און אויף זיינע ליפּן מערט עס לערנונג, — די לערנונג וואָס ער האָט געמערט אויף די ווערטער פון תורה האָט אים דערהויבן,[2] ווי דער פּסוק זאָגט (קהלת א, יג) ונתתי — און

**קהלת, שיר השירים. דוד קלס ב„אז", שנאמר** (תהלים, קכו): אז ימלא שחוק פינו ולשוננו — רנה; אז יאמרו בגוים, **וגו';** **ושלמה קלס ב„אז", שנאמר** (מלכים א, ח): אז אמר שלמה: ה' אמר, **וגו'.** **דוד העלה את הארון, שנאמר** (דברי הימים א, טו): ויהי דוד וזקני ישראל, **וגו',** [ההולכים להעלות את ארון ברית ה']; **ושלמה העלה את הארון, שנאמר** (מלכים א, ח): אז יקהל שלמה את זקני ישראל, **וגו',** [להעלות את ארון ברית ה']. **דוד אמר שירים, שנאמר** (שמואל ב, כב): וידבר דוד לה' את דברי השירה הזאת, **וגו';** **ושלמה אמר שירים, שנאמר:** שיר השירים אשר לשלמה.

**ר' סימון בשם ר' יונתן דבית גוברין בשם ר' יהושע בן לוי אמר: הואיל ואת מקישו, מקישו מכל צד: מה אביו נמחל לו על כל עונותיו, שנאמר** (שם, יב): גם ה' העביר חטאתך; לא תמות, **אף זה כיוצא בו; ולא עוד, אלא ששרתה עליו רוח הקודש ואמר ג' ספרים: משלי וקהלת ושיר השירים.**

ז

**ד"א:** שיר השירים, — **זה שאמר הכתוב** (משלי טז): לב חכם ישכיל פיהו. **לבו של חכם מלא חכמה, — מי ישכיל עליו ומי מחכים עליו?** פיהו, — **פומיה מחכים עליו, פומיה מורה עליו.** ועל שפתיו יוסיף לקח, **מתוך שהוא מוציא דברי תורה מלבו, מוסיף על לקחה של תורה.**

**משלו משל, למה הדבר דומה? לחבית שהיא מלאה אבנים טובות ומרגליות ומוקפת צמיד פתיל, והיא נתונה בזוית אחת, ואין אדם יודע מה בתוכה. בא אחד ופנה אותה, וידעו הכל מה בתוכה. כך לבו של שלמה היה מלא חכמה, ולא היה יודע אדם מה בתוכה; כיון ששרתה עליו רוח הקודש ואמר ג' ספרים, ידעו הכל חכמתו.** ועל שפתיו יוסיף לקח, — **לקח שהוסיף על דברי תורה עילהו, שנאמר** (קהלת [illegible]): ונתתי את לבי לדרוש ולתור בחכמה; **מהו** ולתור? **להעשות תייר בחכמה, הה"ד** (במדבר יג):

---

איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו פאָרשן און נאָכזוכן אין דער חכמה.[3] **וואָס** מיינט און נאָכזוכן? **ווערן אַן אויסקוקער אין דער חכמה, ווי אין פּסוק שטייט**

---

ז. [1] **דורכן אַרויסרעדן דעם חכמס געדאַנקען איז דאָס מויל גורם זייער ווייטערדיקע אויסברייטערונג און פאַרטיפונג, און גלייכצייטיק ווייזט דאָס מויל וואָס פאַר אַ חכם דער מענטש איז** (לויט מתנות כהונה). [2] **דאָס וואָרט** ועל **פון אָנהייב פּסוק ווערט געדרשנט לויט** עלה **(אין פּיעל) — דערהייבן** (מהרז"ו). [3] **לויטן דרש. חכמה איז דאָ**

(במדבר יג, ב): ויתורו — און זאָלן זיי אויסקוקן דאָס לאַנד כנען.[4] האָט עמעצער גוט געלערנט מקרא, איז ער [5] געגאַנגען צו אים; האָט עמעצער גוט געלערנט משנה, איז ער געגאַנגען צו אים, ווי דער פסוק זאָגט: און נאָכזוכן אין דער חכמה.

אַן אַנדער פשט: צו פאָרשן און נאָכזוכן, — „לתור“, [קאָן אויך מיינען] ולהותיר, און איבערצולאָזן [6]; דער דאָזיקער פייטן[7] ווען ער מאַכט אלף־ביתן [8], איז אַמאָל פאַרענדיקט ער עס און אַמאָל פאַרענדיקט ער עס ניט; אָבער שלמה האָט געמאַכט אַן אלף־בית מיט אַ צוגאָב פון פינף אותיות מער, ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, ה, יב): ויהי שירו חמשה ואלף [9] — [לייען] „ויהי שיורו“, — און דער איבערבלייב פון זיין אלף [בית] [10] איז געווען פינף.

און ניט נאָר אין דברי תורה אַליין איז שלמה געווען אַן אויסקוקער, נייערט (קהלת דאָרט) על כל — וועגן אַלץ וואָס ווערט געטאָן אונטערן הימל, אַ שטייגער: ווי מע פאַרזיסט דעם זענעפט, ווי מע פאַרזיסט דעם לובין. האָט הקב״ה געזאָגט צו אים: „דו האָסט נאָכגעזוכט די ווערטער פון דער תורה,— ביי דיין לעבן! איך וועל דיך ניט באַוואָלהן; איך וועל לאָזן רוען אויף דיר דעם רוח הקודש“. גלייך האָט גערוט אויף אים דער רוח הקודש, און ער האָט מחבר געווען די דאָזיקע דריי ספרים: משלי, קהלת און שיר השירים.

ח

אַן אַנדער פשט: שיר השירים, — דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (קהלת יב, ט): ויותר — און נאָך מער, ווייל קהלת איז געווען אַ חכם.[1] וואָלט אַן אַנדער מענטש זיי געזאָגט, וואָלסטו אויך געדאַרפט צונייגן דיינע אויערן און זיך צוהערן צו די דאָזיקע ווערטער; נאָך מער [דאַרפסטו עס טאָן], ווען שלמה האָט זיי געזאָגט. און וואָלט ער זיי פון זיין אייגענעם געדאַנק געזאָגט, וואָלסטו אויך געדאַרפט צונייגן דיינע אויערן און זיך צוהערן צו זיי; און נאָך מער, ווען ער האָט זיי געזאָגט מיט רוח הקודש.

ויותר — און חוץ דעם וואָס קהלת איז געווען אַ חכם, האָט ער נאָך געלערנט דאָס פאָלק ווייסן, און ער האָט געוואויגן און געפאָרשט, און צונויפגעשטעלט אַ סך משלים,[2] — ער האָט געוואויגן די ווערטער פון דער תורה און געפאָרשט די ווערטער פון דער תורה, — ער האָט געמאַכט אויערן [3] צו דער תורה. און דו געפינסט, אַז ביז שלמה איז ניט געקומען איז קיין משל ניט געווען.[4]

רב נחמן [האָט געזאָגט] [5] צוויי זאַכן. [איין זאַך] האָט רב נחמן געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ גרויסן פּאַלאַץ וואָס האָט געהאַט טירן אַ סך, און

אידענטיש מיט תורה. [4] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט נאָר פעסטצושטעלן דעם טייטש פון לתור. [5] שלמה. [6] לאָזן ניט פאַרענדיקט. [7] פּאָעט, מחבר פון פיוטים און שירים. [8] שירים מיט אַן אַקראָסטיך, וואָס יעדע שורה הייבט זיך אָן מיט אַן אַנדער אות, לויט דער אָרדנונג פונעם אלף־בית. [9] און זיינע שירים זיינען געווען טויזנט מיט פינף. [10] פאַרשטאַנען אלף (טויזנט) ווי דער אות אלף.

ויתורו את ארץ כנען. מאן דקרא טבוואות, ניזיל לגביה; מאן דתני טבוואות, ניזיל לגביה, שנאמר; ולתור בחכמה.

ד"א: לדרוש ולתור, ולתור — ולהותיר: הדין פייטנא, כד עביד אלפא ביתא, זמנין מחסל לה וזמנין דלית מחסל לה; ברם שלמה עבד אלפא ביתא וחמשה אתין יתרין עליו, דכתיב (מלכים א, ה): ויהי שירו חמשה ואלף, — ויהי שירו של אלף חמשה.

ולא על דברי תורה בלבד הוה תייר שלמה, אלא (קהלת שם) על כל אשר נעשה תחת השמש, כגון: היאך ממתיקין את החרדל, היאך ממתיקין את התורמסין. א"ל הקב"ה: „אחר דברי תורה איללת, — חייך, שאין אני מקפח שכרך; הריני משרה עליך רוח הקודש." מיד שרתה עליו רוח הקודש ואמר ג' ספרים הללו: משלי, קהלת ושיר השירים.

ח

ד"א: שיר השירים, זהו שאמר הכתוב (קהלת יב): ויותר שהיה קהלת חכם. אלו אדם אחר אמרן, היית צריך לכוף אזניך ולשמוע הדברים האלה; ויותר — שאמרן שלמה. ואלו מדעתו אמרן, היית צריך לכוף אזניך ולשמעם; ויותר — שאמרן ברוח הקודש. ויותר שהיה קהלת חכם, עוד למד דעת את העם, ואזן וחקר, תקן משלים הרבה, — ואזן דברי תורה, וחקר דברי תורה, עשה אזנים לתורה. ואת מוצא, שעד שלא עמד שלמה לא היתה דוגמא.

רב נחמן [אמר] תרתין. רב נחמן אמר: לפלטין גדולה שהיו בה פתחים הרבה, וכל שהיה נכנס בתוכה היה טועה מדרך הפתח. בא פקח אחד ונטל הפקעת ותלאה דרך הפתח; היו הכל נכנסים ויוצאין דרך הפקעת. כך עד שלא עמד שלמה לא היה אדם יכול להשכיל דברי תורה: וכיון שעמד שלמה התחילו הכל

---

איטלעכער וואָס פלעגט אַהין אַריין פלעגט אַװעקבלאָנדזשען פונעם אַרײַנגאַנג. איז געקומען איינער אַ חכם, האָט גענומען אַ שנורקנויל און אים אויפגעהאנגען ביים אַרייַנגאַנג; פלעגן אַלע אַריינגיין און אַרויסגיין מיטן קנויל. אַזוי, ביז שלמה איז ניט געקומען, האָט קיין מענטש ניט געקענט רעכט פאַרשטיין די ווערטער פון דער תורה; און ווי באַלד שלמה איז געקומען, אַזוי האָבן אַלע אָנגעהויבן באַנעמען די תורה. רב נחמן [האָט

---

ח. [1] געטייטשט לויטן דרש. [2] אין זין פון שפּריכווערטער. [3] ווי עס ווערט דערקלערט ווייטער. [4] ביז שלמהן האָט מען זיך ניט באַנוצט מיט קיין משלים און שפּריכווערטער צו דערקלערן די ווערטער פון דער תורה. [5] צוגעגעבן לויט קהלת רבה

געזאָגט] נאָך אַ זאַך: [ס'איז געגליכן] צו אַ וועלדל פון ראָר, וואָס קיין מענטש האָט ניט געקענט אַהין אַריינגיין. איז געקומען איינער אַ חכם און האָט גענומען אַ סערפּ און האָט אויסגעשניטן [אַ וועג]; האָבן אַלע אָנגע־הויבן אַריינגיין און אַרויסגיין דורכן אויסשניט. אַזוי — שלמה. ר' יוסי האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ גרויסן קאָרב פול מיט פּירות, אָבער ער האָט קיין אויער ניט געהאַט און מ'האָט אים ניט געקענט באַוועגן פון אָרט. איז געקומען איינער אַ חכם און האָט אים צוגעמאַכט אויערן, האָט מען אים אָנגעהויבן באַוועגן פאַר די אויערן. אַזוי, ביז שלמה איז ניט געקומען האָט קיין מענטש ניט געקענט רעכט פאַרשטיין די ווערטער פון דער תורה; און ווי באַלד שלמה איז געקומען, אַזוי האָבן אַלע אָנגעהויבן באַנעמען די תורה. ר' שילא האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ גרויסן קרוג פול מיט זודיק וואַסער, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין אויער אויף צו באַוועגן אים; איז געקומען איינער און האָט אים צוגעמאַכט אַן אויער, און מע האָט אָנגעהויבן אים באַוועגן פאַרן אויער. ר' חנינא האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ טיפן ברונעם פול מיט וואַסער, און דאָס וואַסער איז געווען קאַלט און זיס און גוט, אָבער קיין מענטש האָט ניט געקענט טרינקען פון דעם. איז געקומען איינער אַ מענטש און האָט צוגעהעפט צו אים אַ שטריק צו אַ שטריק, אַ שטריקל צו אַ שטריקל, און האָט געשעפּט פון אים און געטרונקען; האָבן אַלע אָנגעהויבן שעפּן און טרינקען. אַזוי, פון איין זאַך צו אַ צווייטער, פון איין משל צו אַ צווייטן, האָט שלמה באַנומען די סודות פון דער תורה, ווי אין פּסוק שטייט (משלי א, א): משלי שלמה — די משלים פון שלמהן דעם זון פון דודן דעם מלך פון ישראל, — דורך זיינע משלים האָט שלמה באַנומען די ווערטער פון דער תורה.

און די רבנן זאָגן: זאָל דער משל ניט זיין קליין אין דיינע אויגן, וואָרום דורכן משל קאָן אַ מענטש באַנעמען די ווערטער פון דער תורה. ס'איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס ס'איז אים ס'איז אים פאַרלאָרן געגאַנגען אַ גאָלדשטיק אין הויז, צי אַ טייערער פּערל, — געפינט ער אים דען ניט מיט אַ קנייטל פאַר אַ פּרוטה? אַזוי זאָל דער משל ניט זיין קליין אין דיינע אויגן, וואָרום דורכן משל באַנעמט אַ מענטש די ווערטער פון דער תורה. אַ ראיה האָסטו, אַז ס'איז אַזוי, וואָרום שלמה האָט דורכן משל זיך דערשלאָגן צו די דיקדוקי תורה.[6] ר' יודן האָט געזאָגט: [דער פּסוק[7] קומט] דיך צו לערנען, אַז איטלעכער וואָס זאָגט דברי תורה פאַרן עולם איז זוכה, אַז דער רוח הקודש זאָל אויף אים רוען. און פון וועמען לערנסטו עס? פון שלמהן, וואָרום דורך דעם וואָס ער פלעגט זאָגן דברי תורה פאַרן עולם האָט ער זוכה געווען, אַז דער רוח הקודש זאָל רוען אויף אים, און ער האָט מחבר געווען דריי ספרים: משלי, קהלת און שיר השירים.

### ט

ר' פּינחס בן יאיר האָט אָנגעהויבן[1] (משלי ב, ד): אם תבקשנה — אויב דו וועסט זי זוכן ווי זילבער [און ווי אוצרות זי נאָכפאָרשן] — אויב

סוברין תורה. רב נחמן [אמר] לישנא חורי: לחורשא של קנים, ולא היה אדם יכול להכנס בה. ובא פקח אחד ונטל את המגל וכסח; התחילו הכל נכנסין דרך הכסות ויוצאין. כך שלמה. א״ר יוסי: לקופה גדולה מלאה פירות, ולא היה לה אזן, ולא היתה יכולה להטלטל. ובא פקח אחד ועשה לה אזנים, והתחילה להטלטל על ידי אזניה. כך עד שלא עמד שלמה, לא היה אדם יכול להשכיל דברי תורה; וכיון שעמד שלמה, התחילו הכל סוברין תורה. א״ר שילא: לקיתון גדול שהוא מלא רותחין, ולא היה לו אזן להטלטל; ובא אחד ועשה לו אזן, והתחיל להטלטל על ידי אזנו. א״ר חנינא: לבאר עמוקה מלאה מים, והיו מימיה צוננין ומתוקים וטובים, ולא היתה בריה יכולה לשתות ממנה. בא אדם אחד וספק לה חבל בחבל, משיחא במשיחא, ודלה ממנה ושתה; התחילו הכל דולין ושותין. כך מדבר לדבר, ממשל למשל, עמד שלמה על סודה של תורה, דכתיב (משלי א): משלי שלמה בן דוד מלך ישראל, — על ידי משלותיו של שלמה עמד על דברי תורה.

ורבנן אמרין: אל יהי המשל הזה קל בעיניך, שעל ידי המשל הזה אדם יכול לעמוד בדברי תורה. משל למלך שאבד זהוב מביתו, או מרגלית טובה, — לא על ידי פתילה באיסר הוא מוצא אותה? כך המשל הזה לא יהיה קל בעיניך, שעל ידי המשל אדם עומד על דברי תורה. ותדע לך שהוא כן, שהרי שלמה, על ידי המשל הזה עמד על דקדוקיה של תורה. א״ר יודן: ללמדך, שכל מי שהוא אומר דברי תורה ברבים, זוכה שתשרה רוח הקודש עליו. וממי אתה למד? משלמה, שעל ידי שאמר דברי תורה ברבים זכה ששרתה עליו רוח הקודש ואמר שלשה ספרים: משלי, קהלת ושיר השירים.

ט

ר׳ פנחס בן יאיר פתח (משלי ב): אם תבקשנה ככסף, וגו׳, אם אתה מחפש אחר דברי תורה כמטמונים הללו, אין הקב״ה

---

דו פאָרשסט נאָך די ווערטער פון דער תורה ווי די דאָזיקע אוצרות, וועט הקדוש ברוך הוא דיך ניט באַעוולהן. ס׳איז אַ משל — אויב אַ מענטש האָט

---

ב, יד, און אַזוי אויך ווייטער. [6] די פּרטים, די פיינערע און טיפערע ניואַנסן פון דער תורה. [7] ויותר — און חוץ דעם וואָס קהלת איז געווען אַ חכם — — —.

ט, [1] ווערטערלעך: האָט געעפנט זיין דרשה אויפן תנכישן טעקסט מיטן ווייטער־

פאַרלאָרן אַ סלע,[2] אָדער אַ בולרין, אין זיין הויז,[3]—וויפל ליכט צינדט ער אָן, וויפל קנויטן צינדט ער אָן, ביז ער זוכט זיי אָפּ. איז עס דאָך אַ קל־וחומר: מה־דאָך די, וואָס זיינען ניט מער ווי עולם־הזהדיקע חיי־שעה,[4] צינדט אַ מענטש אָן ליכט נאָך ליכט און קנויט נאָך קנויט, ביז ער דערטאַפּט זיי און זוכט זיי אָפּ; הייַנט ווערטער פון דער תורה, וואָס זיינען דאָס סאַמע לעבן, סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט, דאַרפסטו זיי ניט נאָכזוכן ווי די דאָזיקע אוצרות? דאָס מיינט: אויב דו וועסט זי זוכן ווי זילבער — — —.
ר׳ אלעזר [5] האָט געזאָגט: זינט איך לעב איז קיינער ניט געקומען פריער פון מיר אין בית מדרש, און איך האָב דאָרט קיין מאָל קיינעם ניט איבערגע־לאָזט ביים אַוועקגיין. איין מאָל האָב איך זיך געפעדערט און געפונען [אין דרויסן] די מיסט־פירערס און די שטרוי־פירערס; האָב איך געזאָגט: אויב דו וועסט זי זוכן ווי זילבער און ווי אוצרות זי נאָכפאָרשן, דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין גאָטספאָרכטיקייט, — און מיר, ניט ווי די מיסט־פירערס און ניט ווי די שטרוי־פירערס — [זאָלן מיר ניט זיין] כאָטש ווי די מיסט־פירערס? ווי די שטרוי־פירערס? [6]

פון דאַנען,[7] האָבן מיר געלערנט, פלעגט ר׳ פינחס בן יאיר זאָגן: פליי־סיקייט [8] ברענגט צו ריינקייט,[9] ריינקייט ברענגט צו טהרה,[10] טהרה ברענגט צו קדושה, קדושה ברענגט צו עניוות, עניוות ברענגט צו מורא פאַר זינד, מורא פאַר זינד ברענגט צו חסידות, חסידות ברענגט צו רוח הקודש, רוח הקודש ברענגט צו תחית המתים, תחית המתים ברענגט [דאָס קומען פון] אליהו הנביא, זאָל ער געדענקט ווערן צום גוטן. „פלייסיקייט ברענגט צו ריינקייט׳ ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, כ): וכלה — און ער וועט ענדיקן מכפר צו זיין אויפן הייליקטום.[11] „ריינקייט צו טהרה״, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יב, ח): וכפר — און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף איר, און זי וועט ווערן טהור.[12] „טהרה צו קדושה״, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט טז, יט): וטהרו וקדשו — און ער זאָל אים מטהר זיין און הייליקן. „קדושה צו עניוות״, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נז, טו): כי כה אמר — וואָרום אַזוי האָט געזאָגט דער הויכער און דערהויבענער, דער וואָס רוט אייביק און זיין נאָמען איז הייליק; הויך און הייליק טו איך רוען, אָבער אויך מיטן דערשלאָגענעם

---

דיקן פסוק, און דערפון קומט די באַצייכנונג פתיחתא (זע אויבן באַמערקונג 1 צו סימן ו).
[2] אַן אַמאָליקע יידישע מטבע, אידענטיש מיטן תנכישן שקל הקודש. [3] אַ פאַרצייטיקע קליינע מטבע. דער נוסח אין דער ראָם אויסגאַבע (תרצ״ח) איז כילרין, און דער מתנות כהונה הייסט לייענען כוליארין, לויט דער משנה, שבת ו, ג — אַ שפילקע, און לויטן מהרז״ו — אַ קאָפּ־צירונג. [4] מאַטעריעלער פאַרמעגן וואָס האָט נאָר אַ צייטווייליקע ווערט אויף דער וועלט. [5] אין סוכה כח, א, איז דער נוסח ר׳. אליעזר. [6] וואָס שטייען אויף אַזוי פרי צו באַמיסטיקן און באַשטרויען די פעלדער. (טעקסט ענדערונג לויטן מהרז״ו. [7] פון דעם וואָס ר׳ אלעזר זאָגט, אַז מע דאַרף זיך פלייסן איבער די ווערטער פון דער תורה. [8] ביים לערנען תורה, ביים אָפּהיטן מצוות. [9] פון דער כוונה. [10] אינערלעכע ריינלעכקייט, לויטערקייט פון דער נשמה. [11] אהרן הכהנס פלייסיקייט, הייסט עס, האָט געבראַכט דעם הייליקטום כפרה, רייניקונג. [12] מכפר זיין

מקפח שכרך. משל לאדם אם מאבד סלע או בולרין בתוך ביתו, הוא מדליק כמה נרות, כמה פתילות, עד שיעמוד עליהם. והרי דברים קל וחומר: ומה אלו, שהם חיי שעה של עולם הזה, אדם מדליק כמה נרות וכמה פתילות, עד שיעמוד עליהם וימצאם; דברי תורה, שהם חיי העולם הזה וחיי העולם הבא, אין אתה צריך לחפש אחריהם כמטמונים הללו? הוי אם תבקשנה ככסף, וגו׳. א״ר אלעזר: מימי לא קדמני אדם לבית המדרש, ולא הנחתי שם אדם ויצאתי. פעם אחת השכמתי ומצאתי הזבלים ותבנים ואמרתי: אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה, אז תבין יראת ה׳, — אנחנו לא (נזבלים ולא נתבנים) [כזבלים ולא כתבנים] — אפילו כתבנים? אפילו כזבנים?

מכאן, תנינא, היה ר׳ פנחס בן יאיר אומר: זריזות מביאה לידי נקיות, נקיות מביאה לידי טהרה, טהרה מביאה לידי קדושה, קדושה מביאה לידי ענוה, ענוה מביאה לידי יראת חטא, יראת חטא מביאה לידי חסידות, חסידות מביאה לידי רוח הקודש, רוח הקודש מביאה לידי תחית המתים, תחית המתים מביאה לידי אליהו הנביא, זכור לטוב. „זריזות מביאה לידי נקיות״, שנאמר (ויקרא טז): וכלה מכפר את הקדש. „נקיות לידי טהרה״, שנאמר (שם יב): וכפר עליה הכהן וטהרה. „טהרה לידי קדושה״, שנאמר (שם טז): וטהרו וקדשו. „קדושה לידי ענוה״, שנאמר (ישעיה נז): כי כה אמר רם ונשא, שוכן עד וקדוש שמו: מרום וקדוש אשכון, ואת דכא ושפל רוח. „ענוה לידי יראת חטא,״ שנאמר (משלי כב): עקב ענוה יראת ה׳. „יראת חטא לידי חסידות,״ שנאמר (תהלים פט): אז דברת בחזון לחסידיך. „חסידות לידי רוח הקודש״ שנאמר: אז דברת בחזון

---

און נידעריקן אין געמיט. „עניוות צו מורא פאַר זינד״, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כב, ד): עקב — אין די טריט [13] פון עניוות [קומט] די מורא פאַר גאָט. „מורא פאַר זינד צו חסידות״, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פט, כ): אז דברת — דעמאָלט האָסטו גערעדט אין אַ זעאונג, לחסידיך — צו דיינע פרומע.[14] „חסידות צו רוח הקודש״, ווי דער פסוק זאָגט: אז — דעמאָלט האָסטו גערעדט אין אַ זעאונג צו דיינע פרומע.[15] „רוח הקודש צו תחית

---

מיינט אויך רייניקן, אַזוי אַרום פירט ריינקייט צו טהרה. [13] לויטן דרש. [14] און אין די פריערדיקע פסוקים רעדט זיך וועגן די יעניקע וואָס גייען „אין ליכט פון גאָטס פנים״ — היטן גאָטס וואָרט און האָבן מורא פאַר זינד. [15] אין אַ זעאונג פון רוח

**המתים״, ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל לז, יד): ונתתי — און איך וועל אַריינגעבן מיין גייסט[16] אין אייך און איר וועט לעבעדיק ווערן. **„תחית המתים צו אליהו הנביא, זאָל ער געדענקט ווערן צום גוטן״, ווי דער פסוק זאָגט** (מלאכי ג, כג): הנה — זעט, איך שיק צו אייך אליהו הנביא.[17]

**ר׳ מתנא האָט געזאָגט: וואָס חכמה האָט געמאַכט אַ קרוין פאַר איר קאָפּ, האָט עניוות געמאַכט אַ שוך פאַרן פוסטריט. „וואָס חכמה האָט געמאַכט אַ קרוין פאַר איר קאָפּ״, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קיא, י): ראשית — דער אָנהייב פון חכמה איז מורא פאַר גאָט; **„האָט עניוות געמאַכט אַ שוך פאַרן פוסטריט״, ווי דער פסוק זאָגט:** אין די טריט פון עניוות [קומט] די מורא פאַר גאָט. **תחית המתים** [ווידער] **קומט דורך אליהו הנביא, זאָל ער געדענקט ווערן צום גוטן.**[18]

**דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (משלי ב, ה): אז תבין — דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין מורא פאַר גאָט, און וויסן פון גאָט וועסטו געפינען **(דאָס איז רוח הקודש).**[19]

**ר׳ סימון** [זאָגט] **אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן חלפתא:** [שלמה איז **געגליכן] צו אַ ראַטגעבער, וואָס איז געווען אַ בן־בית ביים מלך. האָט אים דער מלך געזאָגט: „בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן.״ האָט זיך דער ראַטגעבער געזאָגט: „זאָל איך בעטן זילבער און גאָלד, וועט ער מיר געבן; טייערע שטיינער און פערל, וועט ער מיר געבן״. האָט ער זיך געזאָגט: „איך וועל בעטן דעם מלכס טאָכטער, און מיט דעם וועט שוין אַלצדינג זיין.״ אַזוי** (מלכים א, ג, ה): בגבעון — אין גבעון האָט זיך גאָט באַוויזן צו שלמהן אין חלום פון דער נאַכט, און גאָט האָט געזאָגט: בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן. **האָט זיך שלמה געזאָגט: „זאָל איך בעטן זילבער און גאָלד און טייערע שטיינער און פערל, וועט ער מיר געבן; בייערט איך וועל בעטן חכמה, און מיט דעם וועט שוין אַלצדינג זיין.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט, ט): ונתת — זאָלסטו געבן דיין קנעכט אַ פאַרשטאַנדיק האַרץ. **האָט אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „שלמה, חכמה האָסטו געבעטן, און האָסט ניט געבעטן קיין עשירות און קיין גיטער און דאָס לעבן פון דיינע שונאים, — ביי דיין לעבן: חכמה און וויסן וועט דיר געגעבן ווערן, און דורך דעם וועל איך דיר געבן עשירות און גיטער.״ גלייך** (דאָרט, טו): ויקץ — האָט זיך שלמה אויפגעכאַפּט, ערשט עס איז אַ חלום. **ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דער חלום איז**

---

[16] רוחי, וואָס ווערט דאָ געטייטשט ווי מיין רוח הקודש. [17] און דאָס ווערט געזאָגט אויפן אחרית הימים, וואָס איז פאַרבונדן מיט תחית המתים. [18] ד״ה: דאָס וואָס אויבן שטייט, אַז תחית המתים פירט צו אליהו הנביאס קומען, מיינט ניט, אַז תחית המתים קומט ערשט, נייערט: כדי עס זאָל קומען צו תחית המתים, מוז צוערשט קומען אליהו הנביא. [19] מיט דעם פסוק קערט זיך אום דער בעל המדרש, כדי אַרויסצורונדיקן די דרשה, צום אָנהייב פון דעם סימן, וואו ר׳ פינחס שטיצט זיך אויפן פריערדיקן פסוק אין משלי. די לעצטע פאַר ווערטער, ווידער, זיינען דאָ משמעות אַריין מיט אַ טעות לויטן ירושלמי, שבת א, ג, וואו די אָרדנונג פון די פאַרשיידענע מידות איז אַ ביסל אַנדערש ווי דאָ; לויט דאָרט ברענגט מורא פאַר זיך צו רוח הקודש, און דאָס ווערט

לחסידיך. „רוח הקודש לידי תחית המתים", שנאמר (יחזקאל לז): ונתתי רוחי בכם וחייתם. „תחית המתים לידי אליהו הנביא, זכור לטוב," שנאמר (מלאכי ג): הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא.

א"ר מתנא: מה שעשת חכמה עטרה לראשה, עשת ענוה סנדל לעקבה. „מה שעשת חכמה עטרה לראשה", שנאמר (תהלים קיא): ראשית חכמה יראת ה'; עשת ענוה סנדל לעקבה", שנאמר: עקב ענוה יראת ה'. — תחיית המתים על ידי אליהו הנביא, זכור לטוב.

הה"ד (משלי ב): אז תבין יראת ה' ודעת אלהים תמצא (זו רוח הקודש).

ר' סימון בשם ר' שמעון בן חלפתא: לבוליטוס שהיה גדל בביתו של מלך. א"ל המלך: „שאל מה אתן לך". אמר הבליוטוס: „אם שואל אני כסף וזהב, הוא נותן לי; אבנים טובות ומרגליות, הוא נותן לי." אמר: „הריני שואל את בתו של מלך, והכל בכלל." כך (מלכים א, ג): בגבעון נראה ה' אל שלמה בחלום הלילה ויאמר אלהים: שאל מה אתן לך. אמר שלמה: אם אשאל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות, הוא נותן לי; אלא הרי אני שואל את החכמה, והכל בכלל". הה"ד (שם): ונתת לעבדך לב שומע. אמר לו הקב"ה: „שלמה, חכמה שאלת לך, ולא שאלת עושר ונכסים ונפש אויביך, — חייך! החכמה והמדע נתון לך, ועל ידי כך עושר ונכסים אתן לך." מיד (שם): ויקץ שלמה, והנה חלום. א"ר יצחק: חלום היה עומד על כנו: חמור נוהק, והוא יודע מה נוהק; צפור מצוצי, והוא היה יודע מה מצוצי. מיד (שם): ויבוא ירושלים ויעמד לפני ארון ברית ה', ויעל עולות ויעש שלמים, ויעש משתה לכל עבדיו. א"ר אלעזר: מכאן שעושין סעודה לגמרה של תורה. א"ר יודן: ללמדך, שכל

---

געשטאַנען אויף זיין אָרט[20]: אַן אייזל רעוועט, און ער ווייסט וואָס ער רעד־וועט; אַ פויגל צוויטשערט, און ער ווייסט וואָס ער צוויטשערט. גלייך (דאָרט): ויבא — איז ער געקומען קיין ירושלים און האָט זיך געשטעלט פאַרן ארון פון גאָטס בונד, און ער האָט אויפגעבראַכט עולות און געמאַכט שלמים, און געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט. ר' אלעזר האָט געזאָגט: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז מע מאַכט אַ סעודה ווען מען ענדיקט לערנען די תורה.[21] ר' יודן האָט געזאָגט: [דאָס קומט] דיך צו לערנען, אַז איטלעכער

וואָס לערנט תורה מיטן עולם איז זוכה, אַז דער רוח הקודש זאָל רוען אויף אים. וואָרום אַזוי האָט געטאָן שלמה, — ער האָט געלערנט [מיטן עולם], האָט גערוט אויף אים דער רוח הקודש, און ער האָט מחבר געווען דריי ספרים: משלי, קהלת און שיר השירים.

י

אַן אַנדער פּשט: שיר השירים, — ר׳ איבו און ר׳ יהודה. ר׳ איבו האָט געזאָגט: שיר איז איינס, השירים — צוויי,[1] איז צוזאַמען דריי.[2] און ר׳ יהודה בר סימון האָט געזאָגט: שיר השירים איז אינגאַנצן איינס. — טאָ וואָס טוסטו מיט די אַנדערע צוויי?[3] איינער איז שיר המעלות לשלמה,[4] און איינער — מזמור שיר חנוכת הבית לדוד.[5] [אין פלוג] קאָן מען מיינען צו זאָגן, אַז דאָס [צווייטע געזאַנג] האָט דוד געזאָגט; אָבער מע הענגט עס נאָר אָן אויף דודן, ווי דער פּסוק זאָגט (שיר השירים ד, ד): כמגדל — ווי דער טורעם פון דודן איז דיין האַלדז.[6] נאָר וואָס דען? אַזוי ווי שיר השירים האָט דאָך שלמה געזאָגט, און דאָך האָט ער עס אָנגעהאָנגען [7] אויף דודן — — —.[8]

אַז דו ווילסט, קאָנסטו זאָגן, אַז אַלץ וואָס מיט דעם דאָזיקן מענטשן האָט זיך געטראָפן, איז געווען אין דרייען.

דריי אויפשטייגן איז שלמה געשטיגן. וועגן ערשטן אויפשטייג שטייט געשריבן (מלכים א, ה, ד): כי הוא רודה — וואָרום ער געוועלטיקט איבערן גאַנצן [געגנט פון] דער זייט טייך. וועגן צווייטן אויפשטייג ווערט געזאָגט (דאָרט, דאָרט, א) שלמה — און שלמה האָט געהערשט [איבער אַלע מלוכות]. וועגן דעם דריטן אויפשטייג ווערט געזאָגט (דברי הימים א, כט, כג): וישב שלמה — און שלמה האָט זיך געזעצט אויפן שטול פון גאָט פאַר אַ מלך.

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: צי קאָן דען אַ מענטש זיצן אויפן שטול פון גאָט? דער וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (דברים ד, כב): כי ה׳ — וואָרום גאָט דיין גאָט איז אַ פייער וואָס פאַרצערט, און עס

---

געשטיצט אויף אונדזער פּסוק. [20] דער חלום איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, ער איז מקויים געוואָרן. [21] ווייל שלמה האָט געמאַכט אַ סעודה נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען חכמה, וואָס איז אידענטיש מיט תורה.

י. [1] דער מינימום פון מערצאָל איז צוויי. [2] לויט דער אויסטייטשונג פונעם תרגום וואָס טיילט איין שיר השירים אין דרייען: פון אָנהייב ביז ה, א, טייטשט דער תרגום אויס אויף גלות מצרים, יציאת מצרים און מתן תורה ביזן אויפבויען דעם ערשטן בית המקדש; פון ה, ב, ביז ז, יא — אויף חורבן ירושלים, גלות בבל און נס חנוכה; פון ז, יב — אויף גלות אדום (רוים) און אויף ביאת המשיח (זע יפה קול). [3] לויטן פריער־דיקן חשבון, אַז שיר השירים מיינט דריי. [4] תהלים קכז: דאָס געזאַנג פון די אַרויפ־גאַנגען; פון שלמהן. [5] תהלים ל: אַ מזמור, אַ געזאַנג צו דער באַנייאונג פונעם הויז (לויטן דרש — פונעם בית המקדש), פון דודן. — און די צוויי צוזאַמען מיט שיר השירים זיינען דריי געזאַנגען. [6] און אונטערן וואָרט טורעם ווערט פאַרשטאַנען דער בית המקדש; און כאָטש דער בית המקדש איז געבויט געוואָרן דורך שלמהן, ווערט ער אָבער פאַררעכנט אויף דודן, ווייל ער האָט צוגעגרייט אַלץ וואָס איז געווען נייטיק אויף דעם (זע דונסקי, קהלת רבה, ב, יח; זע אויך ווייטער, ד, יא). [7] דאָס בויען דעם בית המקדש. [8] אַזוי אויך איז דאָס קאַפּיטל ל פון תהלים נאָר צוגעשריבן צו דודן, אין דער אמתן

מי שמלמד תורה ברבים זוכה, ששורה עליו רוח הקודש. שכך עשה שלמה, ושרתה עליו רוח הקודש, ואמר ג׳ ספרים: משלי וקהלת ושיר השירים.

י

ד״א: שיר השירים, — ר׳ איבו ור׳ יהודה. ר׳ איבו אמר: שיר — חד, השירים — תרין, הא תלתא. ור׳ יהודה בר סימון אמר: שיר השירים כולה חד. — ואילין תרתין אחרניאתא מה את עבד לון? [חד] שיר המעלות לשלמה, וחד מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, — סברין מימר דוד אמרן, ואת תולה בדוד, שנאמר (שיר השירים ד): כמגדל דוד צוארך. (אלא מה שיר השירים שלמה אמרה, ותלה אותה בדוד — — —)

כשתמצא אומר, כל מעשיו של אותו האיש משולשין היו. שלש מעלות עלה שלמה. במעלה הראשונה כתיב (מלכים א, ה): כי הוא רודה בכל עבר הנהר. במעלה שניה, שנאמר (שם): ושלמה היה מושל. במעלה שלישית, שנאמר (דברי הימים א, כט): וישב שלמה על כסא ה׳ למלך.

א״ר יצחק: וכי אפשר לו לאדם לישב על כסא ה׳? אותו שכתוב בו (דברים ד): כי ה׳ אלהיך אש אוכלה הוא, וכתיב (דניאל ז) נהר די נור נגד ונפק מן קדמוהי, וכתיב (שם): כורסיה שביבין די נור, ואת אמרת: וישב שלמה על כסא ה׳! אלא מה כסאו של הקב״ה שולט מסוף העולם ועד סופו, אף כסאו של שלמה שולט מסוף העולם ועד סופו; מה כסא ה׳ דן בלא עדים והתראה, אף כסא שלמה

---

שטייט געשריבן (דניאל ז, י): אַ טייך פון פייער האָט אַרויסגעשטראָמט און איז אַרויסגעקומען פון פאַר אים, און ווידער שטייט (דאָרט, ט): כרסיה — זיין שטול איז געווען פייער־פונקען, — און דו זאָגסט: און שלמה האָט זיך געזעצט אויפן שטול פון גאָט! נייערט אַזוי ווי דער שטול פון גאָט געוועלטיקט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, אַזוי אויך האָט דער שטול פון שלמהן געוועלטיקט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן; אַזוי ווי דער שטול פון גאָט משפּט אָן עדות און אָן וואָרענונג,[9] אַזוי אויך משפּט שלמהס שטול אָן עדות און אָן

---

אָבער איז עס שלמהס (מתנות כהונה. — די דאָזיקע פראַזע וואָס איז אי אַן איבערחזורונג, אי ניט פאַרענדיקט, ווערט פונעם אות אמת אין גאַנצן אויסגעלאָזט). [9] דער דין ביי קרימינעלע משפּטים איז, אַז ניט נאָר מוז מען האָבן ניט ווייניקער ווי צוויי עדות, ווי ביי אַלע אַנדערע משפּטים, נאָר אַז די דאָזיקע עדות מוזן האָבן געוואָרנט דעם פאַר־

וואָרענונג. און וואָס [פאַר אַ משפּט] איז עס? דאָס איז דער משפּט פון די זונות; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (מלכים א, ג, טז): אז — דעמאָלט זיינען געקומען צוויי פרויען. ווער זיינען זיי געווען? רב האָט געזאָגט: רוחות זיינען עס געווען.[10] און די רבנן זאָגן: יבמות זיינען זיי געווען.[11] ר׳ סימון האָט אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט: זיי זיינען טאַקע געווען אמתע זונות, און ער האָט אַרויסגע־טראָגן זייער פּסק אָן עדות און אָן וואָרנונג.[12]

דריי ירידות האָט שלמה געהאַט. די ערשטע ירידה — נאָך דעם ווי ער איז געווען אַ גרויסער מלך פון איין עק וועלט צום צווייטן, איז זיין מלוכה געמינערט געוואָרן, און ער איז געווען מלך ניט מער ווי איבער ישראל; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (משלי א, א): משלי — די שפּריכווערטער פון שלמה דעם זון פון דודן, דעם מלך פון ישראל. די צווייטע ירידה — נאָך דעם ווי ער איז געווען מלך פון ישראל, איז זיין מלוכה געמינערט געוואָרן און ער איז געווען מלך ניט מער ווי איבער ירושלים; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (קהלת א, יב): איך קהלת בין געווען מלך איבער ישראל און ירו־שלים. די דריטע ירידה — נאָך דעם ווי ער איז געווען מלך איבער ירושלים, איז זיין מלוכה געמינערט געוואָרן, און ער איז געווען מלך ניט מער ווי איבער זיין הויז, ווי דער פּסוק זאָגט (שיר השירים ג, ז): הנה מטתו — אָט איז דאָס בעט פון שלמהן, [זעכציק גבורים אַרום דעם] — — — אַלע באַ־גורט מיט שווערדן;[13] און אפילו איבער זיין בעט איז ער מער קיין מלך ניט געווען, וואָרום ער האָט מורא געהאַט פאַר די רוחות.[14]

דריי וועלטן האָט ער געזען. [וועגן דעם האָבן געזאָגט] ר׳ יודן און ר׳ חוניא.[15] ר׳ יודן האָט געזאָגט: ער איז געווען אַ מלך, אַ הדיוט,[16] און ווידער אַ מלך;[17] אַ חכם, אַ נאַר, און ווידער אַ חכם; אַן עושר, אַן אביון, און ווידער אַן עושר. פון וואַנען איז עס געדרונגען? (קהלת ז, טו) את הכל — אַלץ האָב איך געזען אין די טעג פון מיין נישטיקייט, — אַ מענטש וועט ניט אויסדער־ציילן זיינע צרות, ביז ער ווערט ניט אין אַ צייט פון וואוילגעמיט.[18] ר׳ חוניא האָט געזאָגט: ער איז געווען אַ הדיוט, אַ מלך, און ווידער אַ הדיוט; אַ נאַר, אַ חכם, און ווידער אַ נאַר; אַן אָרימאַן, אַן עושר, און ווידער אַן אָרימאַן; פון וואַנען איז עס געדרונגען? איך קהלת בין געווען מלך איבער ישראל, — בין געווען, איך בין געווען ווען איך בין געווען; איצט אָבער בין איך עס ניט.

דריי עבירות איז ער עובר געווען: ער האָט זיך געמערט פערד, ער האָט זיך געמערט ווייבער, ער האָט זיך געמערט זילבער און גאָלד, ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, ט, כז): ויתן המלך — און דער מלך האָט גע־מאַכן דאָס זילבער אין ירושלים ווי שטיינער.

---

ברעכער איידער דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן, אַנדערש קאָן מען אים ניט פאַרמשפּטן. [10] און ווייל זיי קומען אָנצורעדן מענטשן צו זינד ווערן זיי אָנגערופן זונות. [11] יבמה — אַ פרוי וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער, און איר מאַנס ברודער איז מחויב חתונה צו האָבן מיט איר, זי „מיבם זיין" (דברים כה, ה—ו). דאָ האָבן

**דן בלא עדים והתראה. ואי זה הוא? זה דינן של זונות;** ההי"ד (מלכים א, ג): אז תבאנה שתים נשים. **מי היו? רב אמר: רוחות היו. ורבנן אמרין: יבמות היו. ר' סימון בשם ר' יהושע בן לוי אמר: זונות ממש היו, והוציא דינן בלא עדים והתראה.**

**ג' ירידות ירד שלמה. ירידה ראשונה — מאחר שהיה מלך גדול מסוף העולם ועד סופו, נתמעטה מלכותו ולא היה מלך אלא על ישראל; ההי"ד** (משלי א): משלי שלמה בן דוד מלך ישראל. **ירידה שניה — מאחר שהיה מלך על ישראל, נתמעטה מלכותו ולא היה מלך אלא על ירושלים; ההי"ד** (קהלת א): אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים. **ירידה השלישית — מאחר שהיה מלך על ירושלים, נתמעטה מלכותו ולא היה מלך אלא על ביתו, שנאמר** (שיר השירים ג): הנה מטתו שלשמה, **וגו',** כלם אחוזי חרב; **ואפילו על מטתו לא היה מלך, שהיה מפחד מן הרוחות.**

**ג' עולמות ראה. ר' יודן ור' חוניא. ר' יודן אמר: מלך, הדיוט, ומלך; חכם, טפש, וחכם; עשיר, עני, ועשיר. מה טעם?** (קהלת ז): את הכל ראיתי בימי הבלי, — **לית בר נש מתני אונקי דידיה אלא בשעת רווחיה. ר' חוניא אמר: הדיוט, מלך, והדיוט; טפש, חכם, וטפש; עני, עשיר, ועני. מה טעם?** אני קהלת הייתי מלך על ישראל, — הייתי, **הוינא כד הוינא, ברם כען לית אנא.**

**ג' עבירות עבר: הרבה לו נשים, הרבה לו סוסים, הרבה לו כסף וזהב, שנאמר** (דברי הימים ב, ט): ויתן המלך את הכסף בירושלים כאבנים. — — —

**ולא היו נגנבות? א"ר יוסי בר חנינא: אבני י' אמות**

---

**און זיי פלעגן ניט געגנבעט ווערן? ר' יוסי בר חנינא האָט געזאָגט: [דאָס זיינען געווען] שטיינער פון צען איילן און שטיינער פון אַכט**

---

ביידע זיך געוואָלט באַפרייען פון „יבום" דורכן לעבעדיקן קינד, (מתנות כהונה), און זיי ווערן דעריבער גערופן מיטן זידל־וואָרט זונות, אָדער ווי דער תרגום טייטשט עס: פונדיקין, קרעטשמערינס. [12] דער אויסדרוק התראה, וואָרענונג, פּאַסט ניט אַהער, ווייל שלמה האָט דאָך זיי ניט געמשפּט פאַר קיין פאַרברעכן (מהרז"ו). [13] ד"ה: זיינע גיבורים זיינען געווען קאָנצענטרירט נאָר ביי אים אין הויז. [14] זע גיטין סח און מדרש תהלים עח וועגן דער שליטה וואָס אשמדאי, דער מלך פון די שדים, האָט געקראָגן איבער שלמהן. [15] אין קהלת רבה א, לב — ר' אוניה. [16] אַ פּשוטער מענטש. [17] זע באַמ. 14. [18] און אויב שלמה דערציילט עס יאָ, איז אַ סימן, אַז ער האָט זיך אומגעקערט

אײלן. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: אפילו די געוויכטן פון שלמהס טעג זײנען געװען פון גאָלד; דאָס איז װי אין פסוק שטײט (דברי הימים ב, ט, כ): אין כסף — קײן זילבער האָט זיך אין שלמהס טעג אין גאַנצן ניט גערעכנט.

ער האָט זיך געמערט װײבער, װי דער פסוק זאָגט (מלכים א, יא, א־ב): והמלך — און דער מלך שלמה האָט ליב געהאַט פיל פרעמד־געבאָרענע װײבער, אַ חוץ די טאָכטער פון פרעהן — — — פון די פעלקער װאָס גאָט האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: איר זאָלט ניט קומען צװישן זײ און זײ זאָלן ניט קומען צװישן אײך. — — —

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: [עס באַציט זיך] אויפן פסוק (דברים ז, ג): לא תתחתן — דו זאָלסט זיך ניט מתחתן זײן מיט זײ. ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: לאהבה, ליב צו האָבן,[19] — טאַקע באמת ליב צו האָבן, אויף זנות. ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ יוסי הגלילי זאָגט: אין פסוק שטײט (נחמיה יג, כו): גם אותו — אויך אים האָבן די פרעמדע װײבער געמאַכט זינדיקן, לערנט אונדז דער פסוק, אַז ער פלעגט זײ באַמאַנען װען זײ פלעגן האָבן די צײט, און זײ פלעגן אים ניט לאָזן װיסן. ר׳ יוסי בן חלפתא זאָגט: ליב צו האָבן — זײ צו מאַכן באַליבט [בײ גאָט]: זײ ליב צו האָבן כדי זײ מקרב צו זײן און זײ מגייר צו זײן און זײ אַרײַנצוברענגען אונטער די פליגלען פון דער שכינה. איז קומט אויס, אַז ר׳ יהושע בן לוי און ר׳ שמעון בן יוחאי און ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ יוסי הגלילי האָבן געזאָגט אײן זאַך,[20] און ר׳ יוסי בן חלפתא קריגט אויף זײ דרײען.

ער האָט זיך געמערט פערד, װי דער פסוק זאָגט (מלכים א, י, כט): ותעלה — און ס׳איז אַרויפגעקומען און אַרויסגעגאַנגען אַ רײטװאָגן פון מצרים פאַר זעקס הונדערט זילבערשטיק, און אַ פערד פאַר הונדערט און פופציק.[21]

דרײ מאָל האָט זיך אים אַ שטן קעגנגעשטעלט. דאָס איז װי אין פסוק שטײט (דאָרט יא, יד): ויקם ה׳ — און גאָט האָט אויפגעשטעלט אַ שטן קעגן שלמהן, הדד דעם אדומי; און עס שטײט געשריבן (דאָרט, דאָרט, כג): ויקם ה׳ — און גאָט האָט אויפגעשטעלט אַ שטן קעגן אים, רזון דעם זון פון אלידע; און װידער שטײט (דאָרט, דאָרט, כה): ויהי — און ער איז געװען אַ שטן צו ישראל אַלע טעג פון שלמהן.[22]

דרײ [ספרים פון] שפּריכװערטער האָט ער מחבר געװען: (משלי א, א): משלי — די שפּריכװערטער פון שלמהן דעם זון פון דודן דעם מלך פון ישראל; (דאָרט י, א) משלי — די שפּריכװערטער פון שלמהן. אַ קלוגער זון דערפרײט דעם פאָטער; (דאָרט כה, א) גם אלה — אויך די דאָזיקע זײנען שלמהס שפּריכװערטער, װאָס די מענטשן פון חזקיה דעם מלך פון יהודה האָבן איבערגעשריבן.

דרײ מאָל האָט ער גערעדט װעגן נישטיקײטן (קהלת א, א): הבל

**ואבני ח' אמות. תני ר' שמעון בן יוחאי: אפילו משקלות שהיו בימי שלמה של זהב היו; הה"ד** (דברי הימים ב, ט): אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה.

**הרבה לו נשים. שנאמר** (מלכים א, יא): והמלך שלמה אהב נשים נכריות רבות, ואת בת פרעה, **וגו',** מן הגוים אשר אמר ה' אל בני ישראל: לא תבאו בהם, והם לא יבאו בכם.

**ר' יהושע בן לוי אמר: על שם** (דברים ז) לא תתחתן בם. **ר' שמעון בן יוחאי אומר:** לאהבה — **אהבה ממש, לזנות. ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אומר: כתיב** (נחמיה יג): גם אותו החטיאו הנשים הנכריות, **מלמד שהיה בועלן כשהן נדות, ולא היו מודיעות אותו. ר' יוסי בן חלפתא אומר:** לאהבה — **להאהיבן, לאהבן ולקרבן ולגיירן ולהכניסן תחת כנפי השכינה. נמצאת אומר: ר' יהושע בן לוי ור' שמעון בן יוחאי ור' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אמרו דבר אחד, ר' יוסי בן חלפתא פליג אתלתיהון.**

**הרבה לו סוסים, שנאמר** (מלכים א, י): ותעלה ותצא מרכבה ממצרים בשש מאות כסף וסוס בחמשים ומאה.

**ג' שטנים נזדווגו לו. הה"ד** (שם יא): ויקם ה' שטן לשלמה את הדד האדומי; **וכתיב** (שם): ויקם אלהים לו שטן את רזון בן אלידע; **וכתיב** (שם): ויהי שטן לישראל כל ימי שלמה.

**ג' משלות אמר:** (משלי א) משלי שלמה בן דוד מלך ישראל; (שם י) משלי שלמה. בן חכם ישמח אב; (שם כה) **גם אלה משלי** שלמה, אשר העתיקו אנשי חזקיה מלך יהודה.

**ג' הבלים אמר** (קהלת א): הבל הבלים, אמר קהלת, **וגו', הבל — חד, והבלים — תרין, הא תלתא.**

**ג' שירים אמר:** שיר — **חד,** השירים — **תרין, הא תלתא.**

---

הבלים — נישטיקייט פון נישטיקייטן, האָט געזאָגט קהלת,—הבל **איז איינס, און** הבלים צווי,[23] **איז האָסטו צוזאַמען דריי.**

**דריי** [ספרים פון] **שירים האָט ער מחבר געווען:** שיר **איז איינס,** השירים — **צוויי, איז האָסטו דריי.**

---

צו זיין פריערדיקן שטאַנד. [19] דער סוף פון אונדזער פסוק: און זיי האָט זיך שלמה באַהעפט ליב צו האָבן. [20] זיי זיינען איינשטימיק, אַז שלמה האָט געזינדיקט. [21] די דאָזיקע מימרא געפינט זיך אין די געדרוקטע אויסגאַבעס נאָכן ווייטערדיקן פּאַראַגראַף; איר פּלאַץ איז אָבער דאָ, אין שייכות מיטן פריערדיקן. [22] לויטן מהרז"ו מיינט עס

מיט דריי נעמען האָט מען אים גערופן: ידידיה,[24] שלמה, קהלת. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: די דאָזיקע דריי, [און די נעמען] אגור, יקא, למואל, איתיאל,[25] איז האָסטו זיבן. ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: די עיקרדיקע און אמתדיקע [נעמען] זיינען ידידיה, קהלת, שלמה. ר׳ שמואל בר נחמן איז אָבער מודה, אַז די אַנדערע פיר וואָס זיינען אים צוגעגעבן געוואָרן און וואָס ער איז אָנגערופן געוואָרן מיט זיי, דאַרפן געדרשנט ווערן: אגור — ווייל ער האָט אָנגעזאַמלט[26] דברי תורה; בן־יקא — דער זון וואָס האָט זיי צוריקגעגעבן[27] אויף אַ צייט, — ווי דער דאָזיקער בעקן, וואָס ווערט אָנגעפילט אין צייט און אויסגעליידיקט אין צייט, אַזוי האָט שלמה געלערנט תורה אין איין צייט און זי פאַרגעסן אין אַ צווייטער צייט; למואל — ווייל ער האָט גערעדט צו גאָט[28] מיטן גאַנצן האַרצן און געזאָגט: איך קען מערן[29] און ניט זינדיקן; איתיאל — [עס שטייט] לאיתיאל ואוכל —: [לייען] „אתי אל ואוכל״, מיט מיר איז גאָט, און איך קען.[30]

דריי ספרים האָט ער געשריבן: משלי, קהלת, שיר השירים. וועלכן פון זיי האָט ער געשריבן ערשט? [וועגן דעם האָבן געזאָגט] ר׳ חייא רבה און ר׳ יונתן. ר׳ חייא רבה האָט געזאָגט: משלי האָט ער געשריבן צוערשט, און נאָך דעם שיר השירים, און נאָכדעם קהלת. און ער ברענגט עס פון אָט דעם פסוק (מלכים א, ה, יב): וידבר — און ער האָט געזאָגט דריי טויזנט שפּריכווערטער: שפּריכווערטער, דאָס איז דער ספר משלי; און זיינע שירים זיינען געווען טויזנט מיט פינף, דאָס איז שיר השירים,[31] און קהלת האָט ער מחבר געווען צום סוף.

די ברייתא[32] פון ר׳ חייא רבה קריגט אויף דער דאָזיקער מסורה.[33] די ברייתא זאָגט, אַז ער האָט אַלע דריי געשריבן אין איין צייט, און די מסורה זאָגט, אַז ער האָט געשריבן איטלעכן באַזונדער. [וואָרום] ר׳ חייא רבה האָט געלערנט [אין זיין ברייתא]: נאָר אין דער צייט פון שלמהס עלטער האָט גערוט אויף אים דער רוח הקודש, און ער האָט מחבר געווען דריי ספרים: משלי און קהלת און שיר השירים.[34]

ר׳ יונתן האָט געזאָגט: שיר השירים האָט ער געשריבן צוערשט, און נאָך דעם משלי, און נאָך דעם קהלת. און ר׳ יונתן נעמט עס פון דעם שטייגער פון דער וועלט: ווען אַ מענטש איז יונג, זאָגט ער ווערטער פון געזאַנג; ווערט ער עלטער, זאָגט ער שפּריכווערטער; ווערט ער אַלט, זאָגט ער ווערטער וועגן די נישטיקייטן [פון לעבן]. ר׳ ינאי דער שווער פון ר׳ אמי האָט געזאָגט: אַלע גיבן צו, אַז קהלת האָט ער מחבר געווען צום סוף.

---

טאַקע דעם שטן אַליין, אָט ווי דער שטן וואָס האָט אָנגערעדט דודן צו ציילן דאָס פאָלק (דברי הימים א, כא, א); לויטן יפה קול באַציט זיך עס אויף ירבעם בן נבט וואָס ווערט דערמאָנט אין די ווייטערדיקע פסוקים. [23] מערצאָל איז ניט ווייניקער ווי צוויי, און אַזוי אויך ווייטער וועגן שיר השירים. [24] שמואל ב, יב, כה. [25] אגור בן יקא (יקה; אפשר געביטן די הא אויף אַן אלף צוליבן ווייטערדיקן דרש) און איתיאל — משלי ל, א; למואל — דאָרט, לא, א. [26] אגר. [27] פאַרוואָרפן, ניט אָפּגעהיט; יקא — הקיא. [28] נם לאל. [29] ווייבער, פערד, זילבער, גאָלד. [30] איך קען מערן, און איך וועל, מיט גאָטס

ג׳ שמות נקראו לו: ידידיה, שלמה, קהלת. ר׳ יהושע בן לוי אמר: הנהו תלתא; אגור, יקא, למואל, איתיאל, — הא שבעה. א״ר שמואל בר נחמן: ועיקר אווּתנטייה שלהן: ידידיה, קהלת, שלמה. מודה ר׳ שמואל בר נחמן באלו ארבעה שנתוספו לו ונתכנה בהן, הן צריכין להדרש: אגור — שאגר דברי תורה; בן יקא — בן שהקיאה לשעה, כספל הזה שנתמלא בשעתו ונשפך בשעתו, כך למד שלמה תורה בשעתה ושכחה בשעתה; למואל — שנם לאל בכל לבו, אמר: „יכול אני להרבות, ולא לחטוא;״ לאיתיאל, לאיתיאל ואוכל: איתיאל — אתי אל, ואוכל.

ג׳ ספרים כתב: משלי, קהלת, שיר השירים. אי זה מהן כתב תחלה? ר׳ חייא רבה ור׳ יונתן. ר׳ חייא רבה אמר: משלי כתב תחלה, ואחר כך שיר השירים, ואחר כך קהלת. ומייתי לה מהאי קרא (מלכים א, ה): וידבר ג׳ אלפים משל: משל, זה ספר משלי; ויהי שירו חמשה ואלף, זה שיר השירים, וקהלת בסוף אמר. — — —

מתנייתא דר׳ חייא רבה פליגא על הדין שמעתא. מתנייתא אמרה: שלשתן כתב כאחת, ושמעתא אמרה: כל חד וחד בפני עצמו. תני ר׳ חייא רבה: רק לעת זקנת שלמה שרתה עליו רוח הקודש, ואמר ג׳ ספרים: משלי, וקהלת, ושיר השירים.

ר׳ יונתן אמר: שיר השירים כתב תחלה, ואחר כך משלי, ואחר כך קהלת. ומייתי לה ר׳ יונתן מדרך ארץ: כשאדם נער, אומר דברי זמר; הגדיל, אומר דברי משלות; הזקין, אומר דברי הבלים. ר׳ ינאי חמוי דר׳ אמי אמר: הכל מודים, שקהלת בסוף אמרה.

יא

ר׳ אלעזר בר אבינה משום ר׳ אחא, ורבנין. ר׳ אלעזר אמר: וידבר שלשת אלפים משל על כל דבר ודבר; ויהי שירו חמשה

---

יא

ר׳ אלעזר בר אבינה אין נאָמען פון ר׳ אחאן, און די רבנן. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: און ער האָט געזאָגט דריי טויזנט שפּריכווערטער אויף איטלעך וואָרט [פון דער תורה]; און זיינע שירים זיינען געווען טויזנט מיט

---

הילף, ניט זינדיקן. [31] וועגן די דאָזיקע צוויי צאָלן זע ווייטער, אָנהייב סימן יא. [32] „דרויסנדיקע״ משנה, הלכות און מסורות וואָס זיינען ניט אַריין אין דער משנה וואָס רבי האָט מסדר געווען, און ר׳ חייא איז געווען איינער פון די חכמים, וואָס האָבן געמאַכט זאַמלונגען פון זיי („משניות גדולות״, קהלת רבה ב, י). [33] אויף די ווערטער

פינף, — טויזנט מיט פינף באַשיידונגען אויף איטלעך וואָרט. און די רבנן זאָגן: און ער האָט געזאָגט דריי טויזנט שפּריכווערטער אויף איטלעכן פּסוק; און זיינע שירים זיינען געווען טויזנט מיט פינף, — טויזנט מיט פינף באַשיידונגען אויף איטלעכן משל: עס שטייט ניט „און די שירים פון שלמהן זיינען געווען", נייערט און זיינע שירים זיינען געווען טויזנט מיט פינף, — די שירים פון איטלעכן משל, דער באַשייד פון איטלעכער זאַך.[1]

ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: מיר האָבן נאָכגעזוכט אין גאַנצן ספר משלי און ניט געפונען, אַז ער זאָל דאָרט האָבן געשריבן מער ווי ביין הונדערט און פופצן פּסוקים, און דו זאָגסט: דריי טויזנט שפּריכווערטער! נייערט ס'איז ניטאָ דער פּסוק וואָס פאַרמאָגט ניט אַ צוויי אָדער דריי באַטראַכטונגען, למשל (משלי כה, יב): נזם זהב — אַ גאָלדענער אוירינג און אַ צירונג פון גינגאָלד;[2] (דאָרט יא, כב) נזם זהב — אַ גילדערנער נאָזרינג אויף אַ חזירס נאָז, איז אַ שיינע פרוי וואָס איז אָפּגעטאָן פון שכל;[3] (דאָרט כה, ו) אל תתהדר — זאָלסט זיך ניט גרייסן פאַרן מלך, אין אַן אָרט פון גרויסע לייט זאָלסטו ניט שטיין: און מע דאַרף שוין ניט זאָגן: [זאָלסט ניט] זיצן; „[ניט] זיצן", און מע דאַרף שוין ניט זאָגן, אַז דו זאָלסט ניט רעדן.[4]

מיר האָבן געלערנט: ר' עקיבא האָט געזאָגט: חס וחלילה אַז עמעצער ביי יידן זאָל האָבן מחולק געווען וועגן [דער מגילה פון] שיר השירים, אַז זי איז ניט מטמא די הענט,[5] וואָרום גאָר די גאַנצע וועלט האָט ניט געהאַט די ווערט ווי יענעם טאָג, ווען שיר השירים איז געגעבן געוואָרן. פאַרוואָס? ווייל אַלע [ספרים פון די] כתובים זיינען קודש, אָבער דער איז קודש קדשים. וועגן וואָס דען איז מען יאָ געווען מחולק? וועגן קהלת. ר' יוחנן בר ר' יהושע דער זון פון ר' עקיבאס שווער האָט געזאָגט: לויט די ווערטער

---

וואָס ווערן איבערגעגעבן אין נאָמען פון ר' חייאן (ד"ה: ר' חייאס פּערזענלעכע מיינונג שטימט ניט מיט דער ברייתא וואָס ער האָט געלערנט). [34] און דאָס מיינט: אַלע אין איין צייט.

יא. [1] „זיינע שירים" באַציט זיך, לויט די רבנן, ניט אויף שלמהן, נייערט אויף יעדן משל זיינעם (און דער רד"ל הייסט טאַקע בייטן פון „טעמא דמילתא", דער באַשייד פון יעדער זאַך, אויף „טעמא דמתלא", דער באַשייד פון יעדן משל. אַזאַ נוסח האָט אויך ווערטהיימער, בתי מדרשות א, שמט). די ענדערונג אין טעקסט איז לויט פּסיקתא דרב כהנא, באבער לה, א, — דער איינציקער פון אַלע טעקסטן (במדבר רבה יט, ג; תנחומא חוקת, ו; פּסיקתא רבתי יד, ט; ילקוט מלכים קעח; קהלת רבה ז, מב) וואָס נייטיקט זיך ניט אין די געמאַטערטע דערקלערונגען פון די מפרשים. [2] צוויי פאַרגלייכן אין זעלבן שפּריכוואָרט. [3] ווי פריער. [4] פון דעם אָנזאָג זאָלסטו ניט שטיין ווערן אַרויסגעדרונגען נאָך צוויי אָנווייזונגען, צוזאַמען דריי. [5] די חכמים האָבן גוזר געווען, אַז ווער עס האַלט אַ ספר פון די כתבי הקודש ווערן זיינע הענט טמא, מחמת מענטשן פלעגן אַוועקלייגן תרומה לעבן ספרים („דאָס איז הייליק און דאָס איז הייליק, זאָלן זיי ליגן איינס לעבן אַנדערן"), און מייז וואָס פלעגן קומען עסן די תבואה פלעגן אויך צעעסן די ספרים (שבת יד, א). אָבער וועגן שיר השירים און קהלת איז מען געווען מחולק, צי

ואלף, — אלף וחמשה טעמים על כל דבר ודבר. ורבנין אמרין: וידבר שלשת אלפים משל על כל פסוק ופסוק, ויהי שירו חמשה ואלף, — אלף וחמשה טעמים על כל משל ומשל: „ויהי (משלו) [שירו של שלמה]" אין כתיב כאן, אלא ויהי שירו חמשה ואלף, — שירו של משל, טעמיה דמילתא, טעמיה דמילתא.

א"ר שמואל בר נחמן: חזרנו על כל ספר משלי, ולא מצינו שכתב בו אלא תשע מאות וט"ו פסוקים, ואת אומר: ג' אלפים משל! אלא שאין לך כל פסוק ופסוק שאין בו ב' וג' טעמים, כגון (משלי כה) נזם זהב וחלי כתם; (שם יא) נזם זהב באף חזיר, אשה יפה וסרת טעם; (שם כה) אל תתהדר לפני מלך, ובמקום גדולים אל תעמד: אין צריך לומר: תשב; „תשב" — אין צריך לומר, שלא תדבר.

תנינן: א"ר עקיבא: חס ושלום לא נחלק אדם אחד מישראל על שיר השירים שלא תטמא את הידים, שאין כל העולם כולו כדאי כיום שנתנה בו שיר השירים; למה? שכל הכתובים קדש, וזה קדש קדשים. ועל מה נחלקו? על קהלת. א"ר יוחנן בר ר' יהושע בן חמיו של ר' עקיבא: כדברי בן עזאי כך נחלקו וכך גמרו. ר' אלעזר בן עזריה עבד לה מתלא: לאחד שהוליך סאה של חטים אצל הנחתום. א"ל: הוצא לי ממנה קמח, [הוצא לי ממנו] סלת, הוצא לי ממנה קלוסקיא (קמח) סלת אחת. כך כל חכמתיה דשלמה לא סלת, אלא שיר השירים לישראל: שיר השירים — המשובח שבשירים, המעולה שבשירים, המסולסל שבשירים. נאמר שירים ונשבח למי שעשאנו שירים בעולם; המד"א (עמוס ח): והילילו שירות היכל, שבחות דהיכלא.

---

פון בן עזאי,[6] אַזוי איז מען מחולק געווען און אַזוי האָט מען באַשלאָסן.[7] ר' אלעזר בן עזריה האָט געמאַכט וועגן דעם אַ משל: [ס'איז געגליכן] צו איינעם וואָס האָט געבראַכט צו אַ בעקער אַ סאָה[8] ווייץ און האָט אים געזאָגט: מאַך מיר פון דעם מעל, טייל אָפּ פון דעם זעמלמעל, און מאַך מיר פון דעם אַ קוכן פון זעמלמעל.[9] אַזוי איז שלמהס גאַנצע חכמה ניט געווען בלויז זעמלמעל, נייערט דער שיר השירים פון ישראל: דאָס געזאַנג פון געזאַנגען — דאָס בעסטע פון די געזאַנגען, דאָס דערהויבנסטע פון די געזאַנגען, דאָס שענסטע פון די געזאַנגען. לאָמיר זינגען געזאַנגען, און לאָמיר לויבן דעם, וואָס האָט אונדז געמאַכט פאַר די געזאַנגען פון דער וועלט; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ח, ג): והילילו — און הויך וועט מען זינגען די געזאַנגען פונעם טעמפּל,[10] די לויבגעזאַנגען פון בית המקדש.

אַן אַנדער פשט: דאָס געזאַנג פון געזאַנגען — דאָס בעסטע פון די געזאַנגען, דאָס דערהויבנסטע פון די געזאַנגען, דאָס געציקלטסטע פון די געזאַנגען. לאָמיר זינגען געזאַנגען פאַר דעם וואָס האָט אונדז געמאַכט אַן איבערבלייב [11] אויף דער וועלט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברים לב, יב) ה׳ — גאָט פירט אים אַליין.[12] ר׳ יוחנן אין נאָמען פון ר׳ אחאן [און ר׳ אחא] אין נאָמען פון ר׳ שמעון בר אבא: לאָמיר זינגען געזאַנגען און לויב פאַר דעם וואָס איז אָנגעברייט צו לאָזן רוען אויף אונדז דעם רוח הקודש; לאָמיר זינגען פאַר אים אַ סך געזאַנגען. אין אַלע געזאַנגען איז אָדער ער לויבט זיי, אָדער זיי לויבן אים. אין משהס געזאַנג לויבן זיי אים און זאָגן (שמות טו, ב): זה — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען; און אין [צווייטן] געזאַנג פון משהן לויבט ער זיי (דברים לב, יג): ירכיבהו — ער מאַכט אים רייטן אויף די הייכן פון לאַנד. אָבער דאָ לויבן זיי אים, און ער לויבט זיי. ער לויבט זיי (א, טו): הנך יפה — ביסט שיין, מיין געליבטע; און זיי לויבן אים (דאָרט טז): הנך יפה — ביסט שיין, מיין געליבטער, און ליבלעך. ר׳ שמעון האָט אין נאָמען פון ר׳ חנין פון צפרין געזאָגט: [שיר השירים איז] אַ טאָפּל געזאַנג.[13] ר׳ סימון האָט געזאָגט: צווייפאַך געטאָפּלט.[14] ר׳ לוי האָט געזאָגט: [דער באַטרעף פון שיר איז] קעגן די יאָרן פון די אבות צוזאַמען מיט די עשרת הדברות: שיר באַטרעפט פינף הונדערט און צען. און טאָמער וועסטו זאָגן: עס זיינען דאָך פאַראַן איבעריקע[15]? רעכן אַראָפּ פון זיי די צוויי הונגער יאָרן,[16] וואָס גייען ניט אַריין אין חשבון.

אַן אַנדער פשט: ר׳ יודן און ר׳ לוי [זאָגן] אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: וואו נאָר עס רעדט זיך אין דער דאָזיקער מגילה וועגן דעם מלך שלמה, רעדט דער פסוק וועגן שלמה המלך; סתם וועגן מלך — רעדט דער פסוק וועגן הקדוש ברוך הוא. און די רבנן זאָגן: [דאָרט וואו עס רעדט זיך] וועגן דעם מלך שלמה, רעדט דער פסוק וועגן דעם מלך וואָס דער שלום איז זיינער;[17] סתם וועגן מלך, — רעדט דער פסוק וועגן דער כנסת ישראל.[18]

---

געהערן זיי צו די כתבי הקודש (משנה, ידים ג, ה). [6] אַז די מחלוקת איז געווען וועגןביידע ספרים. [7] אַז ביידע ספרים געהערן צו די כתבי הקודש. [8] אַ מאָס אַזאַ, אַן ערך 13.3 ליטער. [9] טעקסט ענדערונג לויטן אות אמת. [10] איבערגעזעצט לויטן דרש. [11] שיורים — שירים. [12] געטייטשט לויטן דרש: ישראל איז אָפּגעזונדערט פון די פעלקער אויף דער ערד. [13] פון ישראל צו גאָט און פאַרקערט. [14] ווייל אין פסוק טו איז פאַראַן אַן איבערחזרונג: ביסט שיין, מיין געליבטע, ביסט שיין, און שפּעטער ווערט דאָס זעלבע ווידער איבערגעחזרט (מהרז״ו). [15] אברהם האָט געלעבט 175 יאָר (בראשית כה, ז), יצחק — 180 (דאָרט לה, כח) און יעקב — 147 (דאָרט מז, כח); צוזאַמען מיט די 10 פון די עשרת הדברות מאַכט עס אויס 512, זיינען צוויי איבעריק. [16] ביז יעקב איז געקומען קיין מצרים, ווייל נאָך דעם האָט דער הונגער אויפגעהערט (בראשית רבה פט, ט). [17] שלום — שלמה. [18] דאָס איז דאָס איינציקע אָרט אין גאַנצן ספר, וואו „מלך" ווערט געדרשנט אויף ישראל. לויטן מתנות כהונה איז עס אַ קבלה־סוד; לויט מוהרי״ם יעב״ץ איז עס באַזירט אויף שמות יט, ו, וואו גאָט רעדט וועגן ישראל אין אַ לשון פון מלכות.

**ד"א: שיר השירים—המשובח שבשירים, המעולה שבשירים, המסולסל שבשירים. נאמר שירים למי שעשאנו שירים לעולם; המד"א** (דברים לב) : ה' בדד ינחנו. **ר' יוחנן בשם ר' אחא בשם ר' שמעון בר אבא: נאמר שירים ושבח למי שעתיד להשרות עלינו רוח הקדש, נאמר לפניו שירים הרבה. בכל השירים או הוא מקלסן, או הן מקלסין אותו. בשירת משה הן מקלסין אותו, ואומר** (שמות טו): זה אלי ואנוהו; **ובשירת משה הוא מקלסן** (דברים לב): ירכיבהו על במותי ארץ. **ברם הכא הן מקלסין אותו, והוא מקלסן. הוא מקלסן** (א) : הנך יפה, רעיתי; **והן מקלסין אותו** (שם) : הנך יפה, דודי, אף נעים. **ר' שמעון בשם ר' חנין דצפרין אמר: שיר כפול. ר' סימון אמר: כפול ומכופל. ר' לוי אמר: כנגד שנות אבות ועשרת הדברות נאמרה: מנין שיר תק"י. ואי תימר, דאית בהון יתיר? צא מהן שני רעבון, שאין עולין מן המנין.**

**ד"א: ר' יודן ור' לוי בשם ר' יוחנן: כל מקום שנאמר במגלה זו „במלך שלמה," במלך שלמה הכתוב מדבר; „במלך" סתם, בהקב"ה הכתוב מדבר. ורבנין אמרין: „במלך שלמה", במלך שהשלום שלו הכתוב מדבר; „במלך" סתם, בכנסת ישראל הכתוב מדבר.**

## יב

(ב) ישקני מנשיקות פיהו. **היכן נאמרה? ר' חיננא בר פפא אמר: בים נאמרה; המד"א** (א): לסוסתי ברכבי פרעה. **ר' יודא בר' סימון אמר: בסיני נאמרה, שנאמר:** שיר השירים, — **שיר שאמרו אותו (השירים) [השרים] השוררים, שנאמר** (תהלים סח):

---

## יב

(ב) ישקני — לאָז ער מיך קושן די קושן פון זיין מויל. **וואו איז דאָס [געזאַנג] געזאָגט געוואָרן? ר' חיננא בר פפא**[1] **האָט געזאָגט: ביים ים איז עס געזאָגט געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (א, ט): לסוסתי — צו אַ פערד אין פרעהס רייטוואָגן.[2] **ר' יודא בר' סימון האָט געזאָגט: ביים באַרג סיני איז עס געזאָגט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט:** שיר השירים, — **אַ געזאַנג וואָס די זינגענדיקע זינגערס**[2א] **האָבן געזאָגט, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים

---

**יב.** [1] **געוויינלעך — ר' חנינא בר פפא.** [2] **פאַרגלייך** שמות יד, **וואו עס דערציילט זיך, ווי פרעהס פערד און רייטוואָגן זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים, און די בני ישראל האָבן געזונגען אַ געזאַנג צו גאָט.** [2א] **ווי עס וואָלט געשטאַנען „שיר השרים"**

סח, כו): קדמו — צוערשט די זינגערס, נאָך דעם די שפּילערס. אין נאָמען פון ר׳ נתנען האָבן מיר געלערנט: הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו האָט עס געזאָגט, ווי דער פּסוק זאָגט: שיר השירים אשר לשלמה, פון דעם מלך וואָס דער שלום איז זײַנער.[3] רבן גמליאל האָט געזאָגט: די מלאכי השרת האָבן עס געזאָגט: שיר השירים, — אַ געזאַנג וואָס די האַרן[4] פון אויבן האָבן געזאָגט. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ביים באַרג סיני איז עס געזאָגט געוואָרן, ווי דער פּסוק זאָגט: ישקני — לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זײַן מויל.[5] ר׳ מאיר זאָגט: אין אוהל מועד איז עס געזאָגט געוואָרן, און ער דרינגט עס אַרויס פון דעם דאָזיקן פּסוק (ד, טז): עורי — וואַך אויף, צפון, און קום, דו דרום: וואַך אויף צפון, דאָס איז דער קרבן־עולה וואָס ווערט געשאָכטן אין צפון־זייט;[6] און קום, דו דרום, דאָס איז דער קרבן־שלמים, וואָס ווערט געשאָכטן אין דרום־זייט;[7] בלאָז דורך מײַן גאָרטן, דאָס איז דער אוהל מועד; זאָלן פליסן זײַנע בשמים, דאָס איז דער ווײַרויך פון די געווירצן; זאָל קומען מײַן געליבטער אין זײַן גאָרטן, דאָס איז די שכינה; און זאָל ער עסן זײַן טײַערע פּרוכט, דאָס זײַנען די קרבנות. די רבנן זאָגן: אין הויז פון דער אייביקייט[8] [איז עס געזאָגט געוואָרן], און אויך די רבנן דרינגען עס אַרויס פון דעם זעלבן פּסוק: וואַך אויף, צפון, דאָס איז דער קרבן־עולה וואָס ווערט געשאָכטן אין צפון־זייט; און קום, דו דרום, דער קרבן־שלמים וואָס ווערט געשאָכטן אין דרום־זייט; בלאָז דורך מײַן גאָרטן, דאָס איז דאָס הויז פון אייביקייט; זאָלן פליסן זײַנע בשמים, דאָס איז דער ווײַרויך פון די געווירצן; זאָל קומען מײַן געליבטער, דאָס איז די שכינה; און זאָל ער עסן זײַן טײַערע פּרוכט, דאָס זײַנען די קרבנות. און די רבנן זאָגן [נאָך]: אַלע אַנדערע [פּסוקים], דאָס גאַנצע [געזאַנג], איז געזאָגט געוואָרן אין הויז פון דער אייביקייט. ר׳ אחא האָט געזאָגט: [דער פּסוק (ג, ט)] אפריון, אַ טראָג־בעטל, און די וואָס נאָך דעם [באַציִען זיך אויפן הויז פון דער אייביקייט]. און [אַנדערע] רבנן האָבן זיי[9] געמאַכט פאַר אַ פּתיחתא[10] צו [דעם פּסוק (במדבר ז, א)] ויהי — און עס איז געווען, אין דעם טאָג וואָס משה האָט געענדיקט [אויפשטעלן] דעם משכן].[11]

לויט דער מיינונג פון ר׳ חיננא בר פּפּא וואָס האָט געזאָגט, אַז ביים ים איז עס געזאָגט געוואָרן [דאַרף מען אַזוי טײַטשן דעם פּסוק לאָז ער מיך קושן]: „זאָל ער לאָזן רוען אויף אונדז דעם רוח הקדש, און מיר וועלן זאָגן פאַר אים אַ סך געזאַנגען“.[12] און לויט דער מיינונג פון רבן גמליאלן וואָס האָט געזאָגט, אַז די מלאכי השרת האָבן עס געזאָגט — „לאָז ער אונדז געבן פון די קושן וואָס ער האָט געקושט זײַנע קינדער“.[13] לויט דער מיינונג פון ר׳ מאירן וואָס האָט געזאָגט, אַז אין אוהל מועד איז עס געזאָגט געוואָרן — „זאָל ער אונדז אַראָפּנידערן דאָס פײַער און אויפנעמען זײַנע קרבנות.“ לויט דער מיינונג פון ר׳ יוחנן וואָס האָט געזאָגט, אַז ביים באַרג סיני איז עס געזאָגט געוואָרן[14] — „זאָל ער אונדז אַרויסגעבן קושן פון זײַן מויל“;[15] דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זײַן מויל.

קדמו שרים, אחר — נוגנים. תני משום ר׳ נתן: הקב״ה בכבוד גדולתו אמרה, שנאמר: שיר השירים אשר לשלמה, למלך שהשלום שלו. רבן גמליאל אומר: מלאכי השרת אמרוהו: שיר השירים, — שיר שאמרוהו שרים של מעלה. ר׳ יוחנן אמר: בסיני נאמרה, שנאמר: ישקני מנשיקות פיהו. ר׳ מאיר אומר: באהל מועד נאמרה, ומייתי לה מן הדא קרייא (ד): עורי, צפון, ובואי, תימן: עורי צפון, זו העולה הנשחטת בצפון; ובואי תימן, אלו שלמים שנשחטין בדרום; הפיחי גני, זה אהל מועד; יזלו בשמיו, זו קטרת הסמים; יבא דודי לגנו, זו השכינה; ויאכל פרי מגדיו, אלו הקרבנות. רבנין אמרין: בבית העולמים, ומייתין לה רבנין אף אינון מהאי קרא: עורי, צפון, זו העולה הנשחטת בצפון; ובואי, תימן, השלמים שנשחטים בדרום; הפיחי גני, זה בית העולמים; יזלו בשמיו, זו קטרת הסמים; יבא דודי, זו השכינה; ויאכל פרי מגדיו, אלו הקרבנות. ורבנין אמרי: כולהון חורי, כולה בבית העולמים נאמרה. א״ר אחא: אפריון ודבתריה. ורבנין עבדין יתהון פתיחה לויהי ביום כלות משה.

על דעתיה דר׳ חיננא בר פפא דאמר, בים נאמרה — „ישרי עלינו רוח הקדש ונאמר לפניו שירות הרבה״. ועל דעתיה דרבן גמליאל דאמר, מלאכי השרת אמרוהו — „יתן לנו מנשיקות שנשק לבניו.״ על דעתיה דר׳ מאיר דאמר, באהל מועד נאמרה — „יוריד לנו האש ויקבל קרבנותיו.״ על דעתיה דר׳ יוחנן דאמר, בסיני נאמרה — „יוציא לנו נשיקות מתוך פיהו;״ הה״ד: ישקני מנשיקות פיהו.

---

דאָס געזאַנג פון די זינגערס. [3] שלום — שלמה. [4] לייענענדיק אָנשטאָט השירים — השרים מיט אַ „לינקער״ שין. [5] געמיינט די עשרת הדברות וואָס זיינען אַרויס פון אייבערשטנס מויל (פאַרגלייך ווייטער, סימן יג). [6] ויקרא א, יא. [7] ד״ה: אויך אין דרום זייט; ביי שלמים איז ניטאָ קיין ספּעציעלע אָנווייזונג וועגן דעם אָרט פון דער שחיטה, ווי ס׳איז פאַראַן ביי אַן עולה. [8] אין בית המקדש. [9] די פּסוקים פון אפריון און ווייטער. [10] עפּענונג, אַריינפיר (זע באַמ. 1 צו פּתיחתא א פון אונדזער איכה רבה אויסגאַבע). [11] מיט דעם ווערן וואַרשיינלעך געמיינט די סימנים ב—ג פון דער פּיסקא ויהי ביום כלות משה, פסיקתא דרב כהנא (מאַנדלבוים), וואָס זיינען געבויט אויף די דאָזיקע פּסוקים. געוויסע מפרשים (עץ יוסף, מתנות כהונה) האַלטן, אַז מיט דעם ווערט געמיינט סימן ד, במדבר רבה יב, וואו די דרשה ווערט אויך געבויט אויף די זעלבע פּסוקים. די מערסטע פאָרשער האַלטן אָבער, אַז במדבר רבה איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פיל שפּעטער ווי שיר השירים רבה, בעת די פסיקתא דרב כהנא ווערט באַטראַכט ווי איינער פון די עלטסטע מדרשים, פון וועלכן אונדזער בעל המדרש האָט פיל געשעפּט (זע פסיקתא דר׳ כהנא, ש. באבער, אַריינפיר, ז׳ 38). [12] וואָרום ביים ים האָבן די בני

## יג

אַן אַנדער פּשט: לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַ מלאך פלעגט אַרויסטראָגן דאָס געבאָט פון פאַר הקדוש ברוך הוא, איטלעך געבאָט באַזונדער,[1] און פלעגט עס אַרומטראָגן צו איטלעכן פון ישראל און אים זאָגן: „נעמסטו אויף זיך דאָס דאָזיקע געבאָט? אַזוי פיל און אַזוי פיל דינים פאַרמאָגט עס, אַזוי פיל און אַזוי פיל שטראָפן פאַרמאָגט עס, אַזוי פיל און אַזוי פיל גזרות[2] פאַרמאָגט עס, און אַזוי פיל מצוות און אַזוי פיל גרינגע און שווערע [פאַרזאָגן][3] פאַרמאָגט עס, אַזוי פיל און אַזוי פיל שכר פאַרמאָגט עס"; און דער ייד פלעגט אים ענטפערן: „יאָ". און ווידער פלעגט ער אים זאָגן: „נעמסטו אויף זיך די געטלעכקייט פון הקדוש ברוך הוא?" און ער פלעגט אים זאָגן: „אוודאי יאָ!" גלייך פלעגט ער אים אַ קוש טאָן אויפן מויל; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברים ד, לה): אתה הראית — דיר איז עס באַוויזן געוואָרן, דו זאָלסט וויסן [אַז גאָט איז דער גאָט], — דורך אַ שליח.[4] און די רבנן זאָגן: דאָס געבאָט אַליין פלעגט אומגיין איבער יעדן איינעם פון ישראל און אים זאָגן: „נעמסטו מיך אָן אויף זיך? אַזוי פיל און אַזוי פיל מצוות פאַרמאָג איך, אַזוי פיל און אַזוי פיל דינים פאַרמאָג איך, אַזוי פיל און אַזוי פיל שטראָפן פאַרמאָג איך, אַזוי פיל און אַזוי פיל גזרות[5] פאַרמאָג איך,[6] אַזוי פיל און אַזוי פיל גרינגע און שווערע [פאַרזאָגן][7] פאַרמאָג איך, אַזוי פיל און אַזוי פיל שכר פאַרמאָג איך"; און ער פלעגט זאָגן: „יאָ, יאָ". גלייך פלעגט דאָס געבאָט אים אַ קוש טאָן אויפן מויל — ניט דווקא אַזוי, נייערט עס האָט זיי געמאַכט אַזוי זיך פאַרצושטעלן[8] — און אים געלערנט תורה; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאַרט, ט): פּן — טאָמער וועסטו פאַרגעסן די ווערטער[9] וואָס דיינע אויגן האָבן געזען, — ווערטער, וואָרום דיינע אויגן האָבן געזען, ווי דאָס געבאָט האָט גערעדט מיט דיר.

אַן אַנדער פּשט [אויפן פּסוק] טאָמער וועסטו פאַרגעסן די ווערטער [זאָגן ר׳ יהושע בן לוי און די רבנן. ר׳ יהושע זאָגט]:[10] צוויי געבאָטן[11]

---

ישראל געזונגען לויב־געזאַנגען צו גאָט. [13] די מלאכים וואָלטן אויך געוואָלט געניסן פון גאָטס ליבשאַפט ווי די בני ישראל, וואָס ווערן גערופן גאָטס קינדער (דברים יד, א). [14] פון די בני ישראל. [15] זאָל ער אונדז געבן נאָך תורה און מצוות.

יג. [1] דאָס וואָרט „על" אין טעקסט איז איבעריק. [2] אין ילקוט שמעוני איז דער נוסח גזרות שוות (פאַרגלייכונגען), איינע פון די מידות (מאָדוסן) מיט וועלכע די תורה ווערט געדרשנט, און עס פּאַסט זיך אַריין מיטן ווייטערדיקן קלות וחמורות, וואָס ווערט לויט דעם מיינען קל־וחומרס, אויך איינע פון יענע מידות. אין ילקוט איז די אָרדנונג בכלל אַ מער לאָגישע ווי דאָ. [3] אָדער קל־וחומרס (זע באַם. 2). [4] ווייל עס שטייט ניט „דו האָסט געזען", נייערט דיר איז באַוויזן געוואָרן, מיינט עס, אַז עמעצער האָט עס אים געוויזן, אַ מלאך (מהרז״ו). [5] זע באַם. 2. [6] דאָ האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אַן איבעריקע איבערחזרונג. [7] זע באַם. 3. [8] דער טעקסט איז דאָ שטאַרק פאַרגרייזט, און מערסטע מפרשים הייסן עס אַרויסלאָזן. מיר האָבן עס געביטן לויט יאַסטראָווס השערה, וואָס לייגט זיך שטאַרק אויפן שכל. [9] לויטן דרש. [10] צוגעגעבן לויטן סוף פון דעם סימן, און אַזאַ גירסא האָט געהאַט פאַר זיך דער אות אמת. [11] אנכי און

## יג

ד״א: ישקני מנשיקות פיהו, — א״ר יוחנן: מלאך היה מוציא הדיבור מלפני הקב״ה, (על) כל דיבור ודיבור, ומחזירו על כל אחד ואחד מישראל ואומר לו: „מקבל אתה עליך את הדיבור הזה? כך וכך דינין יש בו, כך וכך עונשין יש בו, כך וכך גזרות יש בו, וכך מצות, וכך קלים וחמורים יש בו, כך וכך מתן שכר יש בו;" והיה אומר לו ישראל: „הן." וחוזר ואומר לו: „מקבל אתה אלהותו של הקב״ה?" והוא אומר לו „הן והן." מיד היה נושקו על פיו; הה״ד (דברים ד): אתה הראית לדעת, — על ידי שליח. ורבנין אמרין: הדיבור עצמו היה מחזר על כל אחד ואחד מישראל ואומר לו: „מקבלני את עליך? כך וכך מצוות יש בי, כך וכך דינין יש בי, כך וכך עונשין יש בי, כך וכך גזרות יש בי (כך וכך מצוות), כך וכך קלין וחמורין יש בי, כך וכך מתן שכר יש בי;" והוא אומר: „הן והן." מיד הדיבור נושקו על פיו — (לאדקולאין כן הדימה) [לאו דווקא, אלא כן הדימם] — ולמדו התורה; הה״ד (שם): פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, — דברים, שראו עיניך איך היה הדיבור מדבר עמך.

ד״א: פן תשכח את הדברים, — [ר׳ יהושע בן לוי ורבנין. ר׳ יהושע אומר:] שני דיבורים שמעו ישראל מפי הקב״ה. [ורבנין אמרין: כל הדברות שמעו ישראל מפי הקב״ה.] ר׳ יהושע (בן לוי) [דסיכנין בשם ר׳ לוי] אמר טעמון דרבנין: אחר כל הדברות כתיב (שמות כ): דבר אתה עמנו ונשמעה. מה עביד ליה ר׳ יהושע בן לוי? פליג, שאין מוקדם ומאוחר בתורה. — או אינו מדבר דבר אתה עמנו ונשמעה, אלא אחר שנים

---

האָט ישראל געהערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא. [און די רבנן זאָגן: אַלע געבאָטן האָט ישראל געהערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא.] [12] ר׳ יהושע [פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין] [13] האָט געזאָגט דעם טעם פון די רבנן: ערשט נאָך אַלע [צען] געבאָט שטייט געשריבן (שמות כ, טז): דבר — רעד דו מיט אונדז און מיר וועלן הערן.[14] וואָס־זשע טוט ר׳ יהושע מיט דעם [פסוק]? ער איז חולק, וואָרום ס׳איז נישטאָ אין דער תורה קיין פריער און שפּעטער.[15] — אָבער טאָמער רעדט דער פסוק רעד דו מיט אונדז, און מיר וועלן הערן ניט אַנדערש, נייערט נאָך צוויי, אָדער דריי גע־

---

לא יהיה לך (שמות כ, ב—ג). [12]—[13] זע באַמ. 10. [14] און אַזוי ווי דאָס ווערט געבראַכט נאָך די צען געבאָט, מיינט עס, אַז אַלע צען געבאָט האָבן זיי געהערט פון גאָטס מויל. [15] די תורה האַלט זיך ניט ביי אַ כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, און ווערטער

באַטן? [16] ר׳ עזריה און ר׳ יהודה בר סימון [רעדן] פון ר׳ יהושע בן לויס וועגן און נעמען אָן זיין שיטה; זיי זאָגן: עס שטייט געשריבן (דברים לג, ד): תורה — אַ תורה האָט משה אונדז באַפוילן, — די גאַנצע תורה באַשטייט פון זעקס הונדערט און דרייצן מצוות. דער באַטרעף פון „תורה״ איז זעקס הונ־דערט מיט עלף,[17] — [זעקס הונדערט מיט עלף] מצוות האָט אונדז משה געבאָטן; אָבער אנכי און לא יהיה לך האָבן מיר ניט געהערט פון משהס מויל, נייערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא. דאָס מיינט: לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל.

און ווי פלעגט דאָס געבאָט אַרויסקומען פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא? ר׳ שמעון בן יוחאי און די רבנן. ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: עס לערנט אונדז,[18] אַז דאָס געבאָט פלעגט אַרויסקומען פון דער רעכטער האַנט[19] פון הקדוש ברוך הוא צו דער לינקער האַנט פון ישראל, און עס פלעגט אַרומגיין רונד אַרום דער מחנה פון ישראל אַכצן מייל אויף אַכצן מייל,[20] און עס פלעגט זיך אומקערן און אַרומגיין פון דער רעכטער האַנט פון ישראל צו דער לינקער האַנט פון הקדוש ברוך הוא, און הקדוש ברוך הוא פלעגט עס אויפנעמען אין זיין רעכטער האַנט[21] און עס אויסקריצן אויפן [שטיינערנעם] טאָוול, און דאָס קול פון דעם פלעגט זיך טראָגן פון איין עק וועלט צום צווייטן, און ס׳איז מקוים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט (תהלים כט, ז): קול ה׳ — דאָס קול פון גאָט האַקט אויס פלאַמען פייער. און די רבנן זאָגן: איז דען פאַראַן אַ לינקע האַנט אויבן? [22] עס שטייט דאָך געשריבן (שמות טו, ו): ימינך — דיין רעכטע האַנט, גאָט, דו פּראַכטיקער אין שטאַרקייט, דיין רעכטע האַנט, גאָט — — — ! נייערט דאָס געבאָט פלעגט אַרויסקומען פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא, — פון זיין רעכטער האַנט צו דער רעכטער האַנט פון ישראל, און עס פלעגט אַרומגיין רונד אַרום דער מחנה פון ישראל, אַכצן מייל אויף אַכצן מייל, און עס פלעגט זיך אומקערן און אַרומגיין פון דער רעכטער האַנט פון ישראל צו דער רעכטער האַנט פון הקדוש ברוך הוא, און הקדוש ברוך הוא פלעגט עס אויפנעמען אין זיין רעכטער האַנט און עס אויס־קריצן אויפן טאָוול, און דאָס קול פון דעם פלעגט זיך טראָגן פון איין עק וועלט צום צווייטן, ווי דער פסוק זאָגט: דאָס קול פון גאָט האַקט אויס

---

וואָס זיינען פאַרשריבן ווייטער קאָנען האָבן געזאָגט געוואָרן פריער, אין דעם פאַל: נאָך די ערשטע צוויי געבאָטן. [16] פון וואַנען איז, הייסט עס, געדרונגען, אַז די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן נאָכן צווייטן געבאָט, — אפשר גאָר נאָכן דריטן? [17] ת — 400, ו — 6, ר — 200, ה — 5, צוזאַמען 611. [18] „מלמד״; דער דאָזיקער אויסדרוק באַציט זיך געוויינלעך אויף אַ באַשטימטן פסוק; לאָזט זיך מאַכן די השערה, אַז דאָ איז אַרויס־געפאַלן דער פסוק (דברים לג, ב): מימינו — פון זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי, און אויף דעם פסוק איז דער דרש באַזירט אין ספרי, דברים שמג. [19] די רעכטע האַנט שטעלט מיט זיך פאָר דאָס מידת־הרחמים, די לינקע — דאָס מידת־הדין (זע תנחומא, בשלח טו). [20] אין ספרי און אין אַנדערע מקורות פאַרנעמט די מחנה פון ישראל 12 מייל אויף 12. [21] טעקסט ענדערונג לויטן ילקוט, דברים תתקנא. [22] ווען ישראל האָט געטאָן גאָטס ווילן און געזאָגט נעשה ונשמע. איז דאָך די לינקע

ושלשה דברות? ר׳ עזריה ור׳ יהודה בר סימון בשם ר׳ יהושע בן לוי — תפסי שיטתיה, אמרי: כתיב (דברים לג): תורה צוה לנו משה, — כל התורה כולה שש מאות ושלש עשרה מצות הוי. בגימטריא „תורה" עולה שש מאות ואחת עשרה מצות דבר עמנו משה; ברם אנכי ולא יהיה לך לא שמענו מפי משה, אלא מפי הקב"ה. הוי: ישקני מנשיקות פיהו.

וכיצד היה הדיבור יוצא מפי הקב"ה? ר׳ שמעון בן יוחאי ורבנן. ר׳ שמעון בן יוחאי אומר: מלמד שהיה הדיבור יוצא מימינו של הקב"ה לשמאלן של ישראל, וחוזר ועוקף את מחנה ישראל שמונה עשר מיל על שמונה עשר מיל, וחוזר ומקיף מימינן של ישראל לשמאלו של הקב"ה, והקב"ה מקבלו (מימינו) [בימינו] וחוקקו על הלוח, וקולו הולך מסוף העולם ועד סופו; לקיים מה שנאמר (תהלים כט): קול ה׳ חוצב להבות אש. ורבנין אמרין: וכי יש שמאל למעלה? והלא כתיב (שמות טו): ימינך, ה׳, נאדרי בכח, ימינך, ה׳! אלא הדיבור היה יוצא מפי הקב"ה מימינו לימינן של ישראל, וחוזר ועוקף את מחנה ישראל י"ח מיל על י"ח מיל, וחוזר ומקיף מימינן של ישראל לימינו של הקב"ה, והקב"ה מקבלו (מימינו) [בימינו] וחוקקו על הלוח, וקולו הולך מסוף העולם ועד סופו, שנאמר: קול ה׳ חוצב להבות אש.

אמר ר׳ ברכיה: שנה לי ר׳ חלבו: הדיבור עצמו היה נחקק מאליו, וכשהוא נחקק הולך קולו מסוף העולם ועד סופו, שנאמר: קול ה׳ חוצב להבות אש. אמרתי לר׳ חלבו: והא כתיב (שמות לא): כתובים באצבע אלהים? אמר לי: חנוקא, סברת לחנקני? אמרית ליה: ומהו דין דכתיב: לוחות אבן כתובים באצבע אלהים? אמר

---

פלאַמען פייער.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ר׳ חלבו האָט מיך געלערנט: דאָס געבאָט פלעגט זיך פון זיך אַליין אויסקריצן, און ווען עס האָט זיך געקריצט, האָט זיך זיין קול געטראָגן פון איין עק וועלט צום צווייטן, ווי דער פסוק זאָגט: דאָס קול פון גאָט האַקט אויס פלאַמען פייער. האָב איך געזאָגט צו ר׳ חלבון: אָט שטייט דאָך געשריבן (שמות לא, יח): כתובים — געשריבן מיט גאָטס פינגער? האָט ער מיר געזאָגט: ווערגער, ווילסט מיך דערווערגן? האָב איך געזאָגט צו אים: טאָ וואָס איז פאַרט דאָס וואָס איז געשריבן: שטיינערנע טאָוולען, געשריבן מיט גאָטס פינגער? האָט ער מיר געזאָגט: אָט ווי אַ תלמיד וואָס

שרייבט, און זיין רבי פירט זיין האַנט.

ר' יהושע בן לוי און די רבנן.[23] ר' יהושע זאָגט: צוויי געבאָטן האָט ישראל געהערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא, אנכי און לא יהיה לך; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט: לאָז ער מיך קושן פון[24] די קושן פון זיין מויל, אָבער ניט אַלע קושן. און די רבנן זאָגן: אַלע געבאָטן האָט ישראל געהערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא. ר' יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר' לוין: דער טעם פון די רבנן איז, ווייל אין פסוק שטייט: ויאמרו — און זיי האָבן געזאָגט צו משהן: רעד דו מיט אונדז, און מיר וועלן הערן. — וואָס־זשע טוט ר' יהושע בן לוי מיט דעם [פסוק]? ער איז חולק,וואָרום ס'איז ניטאָ אין דער תורה קיין פריער און שפּעטער. — אָבער טאָמער רעדט דער פסוק רעד דו מיט אונדז, און מיר וועלן הערן ניט אַנדערש, בייערט נאָך צוויי אָדער דריי געבאָטן? ר' עזריה און ר' יהודה בר סימון רעדן פון ר' יהושע בן לויס וועגן, און נעמען אָן זיין שיטה; זיי זאָגן: עס שטייט געשריבן: אַ תורה האָט אונדז משה באַפוילן, — די גאַנצע תורה באַשטייט פון זעקס הונדערט און דרייצן מצוות. דער באַטרעף פון תורה איז זעקס הונדערט מיט עלף, — [זעקס הונדערט מיט עלף] מצוות האָט גערעדט משה מיט אונדז; אָבער אנכי און לא יהיה לך האָט ניט משה גערעדט מיט אונדז, נייערט פונעם מויל פון הקדוש ברוך הוא האָבן מיר זיי געהערט.

יד

ר' יוחנן האָט באַשיידט דעם פסוק[1] אויף ישראל בשעת זיי זיינען אַרויף צום באַרג סיני. [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס האָט געוואָלט נעמען אַ ווייב אַ בת־טובים און אַ מיוחסת. האָט ער געשיקט צו איר אַ שליח, און ער האָט גערעדט מיט איר, האָט זי געזאָגט: ,איך בין ניט ווערט זיין דינסט צו זיין; נייערט איך וויל עס הערן פון זיין מויל." אַז יענער שליח האָט זיך אומגעקערט צום מלך, איז זיין פּנים געווען פריילעך, זיינע ווערטער אָבער זיינען פאַרן מלך געווען ניט פאַרשטענדלעך.[2] האָט דער מלך, וואָס איז געווען אַ חכם, געזאָגט: „דער דאָזיקער, זיין פּנים שמייכלט, קוקט עס אויס, אַז זי האָט עס אָנגענומען; אָבער זיינע ווערטער זיינען מיר ניט פאַרשטענדלעך,, קוקט עס אויס ווי זי וואָלט געזאָגט: 'איך וויל עס הערן פון זיין מויל'." אַזוי — ישראל איז די בת־טובים, דער שליח איז משה, דער מלך איז הקדוש ברוך הוא. דעמאָלט (שמות יט, ח): וישב משה — און משה האָט צוריקגעבראַכט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט. טאָ וואָס לערנט אונדז דער פסוק

---

האַנט „פאַרביטן געוואָרן" אויף אַ רעכטער (תנחומא דאָרט; זע אויך מהרז"ו). [23] דאָס ווייטערדיקע איז, מיט געוויסע ענדערונגען, אַן איבערחזרונג פונעם צווייטן פּאַראַגראַף אין דעם סימן, — אפשר ווייל יענער נוסח איז געווען פעלערהאַפט (זע דאָרט באַמערקונגען); אָדער ווי סיימאָן (סאָנטשינא) וויל האָבן, אַז די איבערחזרונג קומט כדי צו ברענגען די נייע אויסטייטשונג אויף מנשיקות (ניט מיט די קושן, נאָר — פון די קושן), כדי עס זאָל זיין קלאָר פאַרן אויג, האָבן מיר איינגעצויגן די שורות. [24] לויטן דרש.

לי: כתלמיד שהוא כותב, ורבו מיישב על ידו.

ר׳ יהושע בן לוי ורבנין. ר׳ יהושע אומר: ב׳ דברות שמעו ישראל מפי הקב״ה, אנכי ולא יהיה לך; הה״ד: ישקני מנשיקות פיהו, ולא כל הנשיקות. ורבנין אמרין: כל הדברות שמעו ישראל מפי הקב״ה. ר׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ לוי: טעמון דרבנין, דכתיב: ויאמרו אל משה: דבר אתה עמנו ונשמעה. — מה עביד ליה ר׳ יהושע בן לוי? פליג, שאין מוקדם ומאוחר בתורה. — או אינו מדבר דבר אתה עמנו ונשמעה, אלא אחר שנים ושלשה דיברות? ר׳ עזריה ור׳ יהודה בר סימון בשם ר׳ יהושע בן לוי — תפשי שיטתיה, אמרי: כתיב: תורה צוה לנו משה, — כל התורה כולה שש מאות ושלש עשרה מצוות הוי. תורה בגימטריא עולה כמנין תרי״א מצוות דבר עמנו משה; ברם אנכי ולא יהיה לך לא דבר עמנו משה, אלא מפי הקב״ה שמענום.

## יד

ר׳ יוחנן פתר קרייה בישראל בשעה שעלו להר סיני. למלך שמבקש ליקח לו אשה בת טובים ובת גנוסיא. שלח אצלה שליח, דבר לה. אמרה: „איני כדאית לשפחתו; אלא רצוני לשמוע מפיו.״ כיון שחזר אותו השליח אל המלך, היו פניו שוחקות ושיחותיו אינן נשמעות למלך. המלך, שהיה פקח, אמר: „זה פניו שוחקות, דומה שקבלה עליה; ושיחותיו אינן נשמעות לי, דומה שאמרה: „רצוני לשמוע מפיו.״ כך ישראל היא בת טובים, השליח זה משה, המלך זה הקב״ה. בשעה ההיא (שמות יט): וישב משה את דברי העם אל ה׳. ומה תלמוד לומר (שם): ויגד משה את דברי העם אל ה׳? אלא על ידי שנאמר (שם): הנה אנכי בא אליך בעב הענן, בעבור ישמע העם בדברי עמך, וגם בך יאמינו

---

(דאָרט ט): ויגד משה — און משה האָט דערציילט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט? [3] נייערט וויל דער פסוק זאָגט (דאָרט): הנה — אָט קום איך צו דיר אין געדיכטן וואָלקן, כדי דאָס פאָלק זאָל הערן ווי איך רעד מיט דיר, און אויך אין דיר זאָלן זיי גלייבן אויף אייביק, — [פאַרשטייען מיר דעם פסוק]

---

יד. [1] ישקני. [2] ער האָט ניט גערעדט קלאָר מחמת ער האָט מורא געהאַט, דער מלך זאָל איר פאַרלאַנג ניט נעמען פאַר אומגוט. [3] ס׳איז דאָך אַן איבעריקע איבער־

און משה האָט דערציילט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט אַזוי: ער האָט אים געזאָגט: „אַזוי האָבן זיי פאַרלאַנגט;" האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ, מע דאַרף זיך צוהערן צו אַ קינד וואָס עס וויל".[4]

ר' פינחס האָט געזאָגט פון ר' לויס וועגן: אַ ווערטל זאָגט: „דער וואָס אַ שלאַנג האָט אים געביסן שרעקט זיך פאַר אַ שטריק".[5] אַזוי האָט משה געזאָגט: „נעכטן, מחמת איך האָב געזאָגט צו אים (שמות ד, א): והן — אָבער זיי וועלן דאָך מיר ניט גלייבן, האָב איך אַריינגעקראָגן מיינס איבער זיי;[6] וואָס קאָן איך איצט טאָן מיט זיי?" ר' שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: אַזוי האָבן זיי פאַרלאַנגט; זיי האָבן געזאָגט: „מיר ווילן זען דעם כבוד פון אונדזער מלך." ר' פינחס אין נאָמען פון ר' לוין: ס'איז אַנטפּלעקט געווען פאַר הקדוש ברוך הוא, אַז ישראל איז אָנגעברייט צו פאַרבייטן זיין כבוד אויף אַן אַנדערן, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים קו, כ): וימירו — און זיי האָבן פאַרביטן זייער כבוד [אויף דער געשטאַלט פון אַן אָקס;[7] האָט ער געטאָן זייער ווילן], כדי זיי זאָלן ניט זאָגן: „ווען ער וואָלט אונדז געוויזן זיין כבוד און זיין גרויסקייט, וואָלטן מיר אים געגלייבט; אָבער איצט, אַז ער האָט אונדז ניט געוויזן זיין כבוד און זיין גרויסקייט, גלייבן מיר אים ניט." [האָט זיי גאָט געוויזן זיין כבוד] כדי מקיים צו זיין וואָס דער פּסוק זאָגט (תהלים קמג, ב): ואל תבוא — און גיי ניט אין משפּט מיט דיין קנעכט.[8]

## טו

ר' יודן פון ר' יודא ב"ר סימונס וועגן און ר' יהודה [האָבן געזאָגט, און ס'האָט געזאָגט] ר' נחמיה. ר' יהודה זאָגט: בשעת ישראל האָט געהערט אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט, איז דאָס תורה לערנען אַריינגעטאָן געוואָרן אין זייער האַרצן, און זיי פלעגן לערנען און ניט פאַרגעסן. און זיי זיינען גע־קומען צו משהן און געזאָגט: „משה רבנו, דו מוזט ווערן אַ שליח צווישן אונדז," ווי דער פּסוק זאָגט (שמות כ, טו): „דבר — רעד דו מיט אונדז, און מיר וועלן הערן; (דברים ה, כב) און אַצינד פאַרוואָס זאָלן מיר שטאַרבן? וואָס וועט אַרויסקומען פון אונדזער אונטערגייען?" האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן לערנען און פאַרגעסן.[1] האָבן זיי געזאָגט: „אַזוי ווי משה, אַ בשר ודם, איז פאַרגענגלעך, אַזוי איז אויך זיין לערנען פאַרגענגלעך." גלייך זיינען זיי

---

חזרונג. [4] און גלייך נאָך דעם הייסט גאָט משהן, ער זאָל צוגרייטן דאָס פאָלק צו הערן זיין וואָרט (פּסוק י). [5] וואָס האָט דעם אָנבליק פון אַ שלאַנג. [6] ווערטערלעך: פון אונטער זייערע הענט, — גאָט האָט אים שאַרף אויסגערעדט איבער זיין אומצוטרוי צו ישראל און דערצו אים באַשטראָפט מיט קרעץ (שמות רבה ג, יב—יג). איז דאַרט האָט ער זיך פאַרזינדיקט, ווייל פאַר דעם (ג, יח) זאָגט אים גאָט: און זיי וועלן זיך צוהערן צו דיין קול; דאָ אָבער האָט ער זיך שוין אומזיסט געשראָקן, ווי ווייטער, איז אויף דעם אָנגעווענדט דאָס ווערטל מיטן געביסענעם פון אַ שלאַנג, וואָס האָט מורא פאַר אַ שטריק (מהרז"ו). [7] אויפן עגל הזהב. [8] גאָט באַשטראָפט ניט קיינעם, סיידן יענער האָט זיך מיט גאָרניט ניט צו פאַרענטפערן (יפה קול).

טו. [1] משמעות, ווי אַ שטראָף פאַר זייער ניט גרייט זיין איינצושטעלן און הערן די תורה גלייך פון גאָטס מויל.

לעולם, — ויגד משה את דברי העם אל ה׳. אמר ליה: „ושמעון למיינוקא מה דהוא בעי.״

ר׳ פנחס בשם ר׳ לוי אמר: מתלא אמר: „דנכית ליה חויא, חבלא מדחיל ליה.״ כך אמר משה: „אתמול על ידי שאמרתי לו (שמות ד): והן לא יאמינו לי, נטלתי את שלי מתחת ידיהם; עכשו מה אני עושה להם?״ תני ר׳ שמעון בן יוחאי: כך תבעו; אמרו: „רצוננו לראות כבוד מלכנו.״ ר׳ פנחס בשם ר׳ לוי: גלוי היה לפני הקב״ה, שעתידים ישראל להמיר כבודו באחר, שנאמר (תהלים קו): וימירו את כבודם, — שלא יהו אומרים: „אלו הראנו את כבודו ואת גדלו, היינו מאמינים לו; ועכשו שלא הראנו את כבודו ואת גדלו, אין אנו מאמינים לו.״ לקיים מה שנאמר: (תהלים קמג): ואל תבא במשפט את עבדך.

## טו

ר׳ יודן בשם ר׳ יודא ב״ר סימון, ור׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ יהודה אומר: בשעה ששמעו ישראל: אנכי ה׳ אלהיך, נתקע תלמוד תורה בלבם, והיו למדים ולא היו משכחין. באו אצל משה ואמרו: „משה רבינו, תעשה את פרוזביון שליח בינותינו.״ שנאמר (שמות כ): „דבר אתה עמנו ונשמעה; (דברים ה) ועתה למה נמות? ומה הנייה יש באבדה שלנו?״ חזרו להיות למדים ושוכחים. אמרו: „מה משה בשר ודם עובר, אף תלמודו עובר.״ מיד חזרו באו להם אל משה; אמרו לו: „משה רבינו, לוואי יגלה לנו פעם שניה, לוואי ישקני מנשיקות פיהו, לוואי יתקע תלמוד תורה בלבנו כמות שהיה.״ אמר להם: „אין זו עכשיו, אבל לעתיד לבא הוא,״ שנאמר (ירמיה לא): נתתי את תורתי בקרבם, ועל לבם אכתבנה. ר׳ נחמיה אמר: בשעה ששמעו ישראל לא יהיה לך, נעקר מלבם יצר הרע. באו אצל משה, אמרו לו: „משה

---

צוריקגעקומען צו משהן און אים געזאָגט: „משה רבינו, הלוואי זאָל ער זיך אַנטפּלעקן צו אונדז ווידער אַ מאָל, הלוואי זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל, הלוואי זאָל אַריינגעטאָן ווערן דאָס תורה לערנען אין אונדזער האַרצן ווי ס׳איז פריער געווען.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „דאָס קען ניט זיין איצט, נייערט ערשט לעתיד לבוא,״ ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה לא, לג): נתתי — איך וועל אַריינגעבן מיין תורה אין זיי, און אויף זייער האַרצן וועל איך זי אויפשרייבן. ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: בשעת ישראל האָט געהערט לא יהיה לך — דו זאָלסט ניט האָבן [קיין אַנדערע געטער], איז אַרויסגעריסן

געוואָרן דער יצר הרע פון זייער האַרצן, און זיי זיינען געקומען צו משהן און אים געזאָגט: „משה רבינו, דו מוזט ווערן אַ שליח צווישן אונדז,״ ווי דער פסוק זאָגט: „רעד דו מיט אונדז און מיר וועלן הערן — — — און אַצינד פאַרוואָס זאָלן מיר שטאַרבן? וואָס וועט אַרויסקומען פון אונדזער אונטערגיין?״ גלייך האָט זיך דער יצר הרע אומגעקערט אויף זיין אָרט. זיינען זיי צוריקגעקומען צו משהן און אים געזאָגט: „משה רבינו, הלוואי זאָל ער זיך אַנטפּלעקן צו אונדז ווידער אַ מאָל, הלוואי זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: ״דאָס קען ניט זיין איצט; נייערט ערשט לעתיד לבוא,״ ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל לו, כו): והסירותי — און איך וועל אָפּטאָן דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייער לייב.

## טז

ר׳ עזריה, און אַנדערע זאָגן: ר׳ אליעזר, און ר׳ יוסי בר׳ חנינא און די רבנן [זאָגן].[1] ר׳ אליעזר זאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ קעלער וויין. איז געקומען איינער, דער ערשטער גאַסט, האָט ער אים אָנגעגאָסן [2] אַ כוס און אים געגעבן. איז געקומען אַ צווייטער, האָט ער אים אָנגעגאָסן אַ כוס און אים געגעבן. ווען דעם מלכס זון איז געקומען, האָט ער אים אַוועקגעגעבן דעם גאַנצן קעלער. אַזוי איז אדם הראשון געבאָטן געוואָרן וועגן זיבן מצוות. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית ב, טז): ויצו ה׳ — און באַפוילן האָט גאָט דער האַר דעם מענטשן אַזוי צו זאָגן: פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגסטו עסן: — „באַפוילן,״ דאָס איז [דאָס געבאָט קעגן] געצנדינסט; דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (הושע ה, יא): כי הואיל — ווייל ער איז ווילנדיק געגאַנגען נאָך אומריינקייט.[3] „גאָט,״ דאָס איז דאָס געבאָט [קעגן] שילטן דעם אייבערשטנס נאָמען, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כד, טז): ונוקב — און דער וואָס שילט [4] גאָטס נאָמען טייטן זאָל געטייט ווערן. „אלהים,״ דער האַר, דאָס איז [דאָס געבאָט אויסצופאָלגן] די דיינים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כב, ח): עד האלהים — פאַר די דיינים [5] זאָל קומען ביידנס זאַך. „דעם מענטשן,״ דאָס איז [דאָס געבאָט קעגן] בלוט פאַרגיסונג, ווי אין פסוק שטייט (בראשית ט, ו): שופך — דער וואָס פאַרגיסט אַ מענטשנס בלוט [זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן]. „אַזוי צו זאָגן,״ דאָס איז [דאָס געבאָט קעגן] גילוי עריות,[6] ווי אין פסוק שטייט (ירמיה ג, א): לאמר — אַזוי צו זאָגן: אַז אַ מאַן שיקט אַוועק זיין ווייב,[7] און זי גייט אַוועק פון אים [און ווערט אַן אַנדער מאַנס, וועט ער זיך דען אומקערן צו איר? וואָלט ניט יענעס לאַנד פאַרזינדיקט געוואָרן?] „פון אַלע ביימער פון גאָרטן,״ דאָס איז [דאָס געבאָט קעגן] גזלה, ווי אין פסוק שטייט (בראשית ג, יא): המן העץ — צי פון דעם בוים וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט ניט צו עסן פון אים, האָסטו געגעסן?[8] נוח׳ן איז צוגעקומען [דאָס געבאָט ניט צו עסן קיין] אבר מן החי,[9] ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ט, ד): אך — אָבער פלייש מיט זיין לעבן, זיין בלוט, זאָלט איר ניט עסן. אברהם איז אָנגעזאָגט געוואָרן וועגן דער מצווה פון מילה. דורך יצחקן איז זיי[10] באַנייט געוואָרן

רבינו, תעשה את פרוזביון שליח בינותינו,״ שנאמר: „דבר אתה עמנו ונשמעה — — — ועתה למה נמות? ומה הנייה יש באבדה שלנו?״ מיד חזר יצר הרע למקומו. חזרו על משה ואמרו לו: „משה רבינו, לוואי יגלה לנו פעם שניה, הלוואי ישקני מנשיקות פיהו.״ אמר להם: „אין זו עכשו; אבל לעתיד לבא הוא,״ דכתיב (יחזקאל לו): והסירותי את לב האבן מבשרכם.

טז

ר׳ עזריה, ואמרי לה: ר׳ אליעזר, ור׳ יוסי בר׳ חנינא ורבנן. ר׳ אליעזר אומר: משל למלך שהיה לו מרתף של יין. בא אחד, אורח ראשון, מזג לו את הכוס ונתן לו; ובא השני, ומזג לו את הכוס ונתן לו. כיון שבא בנו של מלך, נתן לו המרתף כולו. כך אדם הראשון נצטווה על שבע מצוות. הה״ד (בראשית ב): ויצו ה׳ אלהים על האדם לאמר: מכל עץ הגן אכול תאכל: — „ויצו״, זו עבודה זרה; המד״א (הושע ה): כי הואיל הלך אחרי צו. „ה״, זו קללת השם, שנאמר (ויקרא כד): ונוקב שם ה׳ מות יומת. „אלהים״, אלו הדיינים, שנאמר (שמות כב): עד האלהים יבא דבר שניהם. „על האדם,״ זו שפיכות דמים, דכתיב (בראשית ט): שופך דם האדם — — —. „לאמר״, זו גלוי עריות, דכתיב (ירמיה ג): לאמר: הן ישלח איש את אשתו, והלכה מאתו — — —. „מכל עץ הגן״, זה הגזל, דכתיב (בראשית ג): המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת? נח ניתוסף לו אבר מן החי, דכתיב (שם ט): אך בשר בנפשו, דמו לא תאכלו. אברהם נצטוה על המילה. יצחק חנכה לשמונה ימים. יעקב — על גיד הנשה, שנאמר (שם לב): על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה.

---

צו אַכט טעג. יעקבן [איז געבאָטן געוואָרן] וועגן דעם שפּרינגאָדער, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט לב, לג): על כן — דעריבער עסן ניט די בני ישראל דעם שפּרינגאָדער. יהודהן — וועגן מיבם זיין,[11] ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט

---

טז. [1] וועגן ישקני. [2] ווערטערלעך: צענויפגעמישט (וויין מיט וואַסער, אָדער מיט געווירצן). [3] נאָך דער עבודה זרה: ויצו — צו פון „צואה״, אָפּפאַל (מצודת ציון). [4] לויטן פּסוק (במדבר כג, ח): מה אקב — ווי זאָל איך שילטן (רש״י). [5] פאַרגלייך אונקלוס און רש״י אויף דעם פּסוק. [6] בלוטשאַנד, פאַרבאָטענער געשלעכטלעכער פאַר־קער. [7] ער גט זי אָפּ. [8] ד״ה: דו טאָרסט ניט נעמען עפּעס וואָס איז דיר ניט דערלויבט, און פון דעם — עפּעס וואָס איז ניט דיינס. [9] עסן פלייש פון אַ בעל חי וואָס לעבט נאָך. — דאָס איז דאָס זיבעטע געבאָט. דער נוסח אין בראשית רבה (טז,ו) איז: גאָט האָט באַפוילן אדמען זעקס מצוות, און אַזאַ נוסח האָט אויך אין אונדזער מדרש

לח, ח): ויאמר יהודה — און יהודה האָט געזאָגט צו אוננען: קום צו דיין ברודערס ווייב און זיי זי מיבם. ישראל [איז געבאָטן געוואָרן] אויף אַלע מצוות עשה און מצוות לא תעשה.[12] ר׳ יוסי בר׳ חנינא און די רבנן זאָגן: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס פלעגט אויסטיילן דאָס אויסקומעניש פון זיינע לעגיאָנען דורך דוכסים, סאַטראַפּן און פירשטן. אַז זיין זון אָבער איז געקומען, האָט ער אים געגעבן פון האַנט צו האַנט.[13] ר׳ יצחק זאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס האָט געגעסן זיסקייטן; ווי זיין זון איז געקומען, אַזוי האָט ער עס אים אָוועקגעגעבן פון האַנט צו האַנט. די רבנן זאָגן: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַלטן אין עסן עפּעס אַ [גוט] שטיקל; ווי זיין זון איז געקומען, אַזוי האָט ער עס אים אָוועקגעגעבן פון האַנט צו האַנט. און אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט עס אַפּגענומען פון זיין אייגן מויל און אים אָוועקגעגעבן, ווי דער פּסוק זאָגט (משלי ב, ו): כי — וואָרום גאָט גיט חכמה, פון זיין מויל איז וויסן און פאַרשטאַנדיקייט.

ר׳ אבהו, און אַנדערע זאָגן — ר׳ יהודה, און ר׳ נחמיה. ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: אַז צוויי חברים שמועסן וועגן אַן ענין פון הלכה, דער ברענגט אַרויס אַ הויפּט־עיקר פון הלכה, און יענער ברענגט אַרויס אַן אַנדער הויפּט־עיקר פון הלכה, זאָגט הקדוש ברוך הוא: „זייער שטרייט־וואָפן[14] איז פון מיר.״ ר׳ יהודה האָט געזאָגט: אפילו אַ נאַרישקייט וואָס קומט אַרויס פונעם [לערנערס] מויל, ווי דער פּסוק זאָגט (איוב לה, טז): ואיוב — אָבער איוב עפנט מיט נאַרישקייט זיין מויל,[15] — האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „זייער קלאַפּן[16] [מיט די ליפּן] איז מיר [באַליבט]. און די רבנן זאָגן: די נשמות פון די דאָזיקע[17] זיינען אַנגעברייט אָוועקגענומען צו ווערן מיט אַ קוש.[18] ר׳ עזריה האָט געזאָגט: מיר געפינען, אַז אהרנס נשמה איז ניט אַנדערש

---

געהאַט פאַר זיך דער אות אמת. [10] די מצוה פון מילה. [11] באַשווער־ערן, חתונה האָבן מיטן פאַרשטאָרבענעם ברודערס אלמנה, אויב זי האָט מיט אים קיין קינדער ניט געהאַט. [12] מצוות פון טאָן און מצוות פון ניט טאָן, פּאָזיטיווע געבאָטן און נעגאַטיווע. און דאָס איז געגליכן צו יענעם, וואָס ווען דעם מלכס זון איז געקומען, האָט ער אים אָוועקגעגעבן דעם גאַנצן קעלער ווייַן. [13] פאַרגלייך די אגדה, אַז די תורה איז באַשאַפן געוואָרן 974 דורות פאַר דער וועלט באַשאַפונג, 1000 דורות פאַרן מעמד הר סיני, (לויטן פּסוק (תהלים קה, ח): דבר — דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן אויפן טויזנטסטן דור), און דורך דער צייט איז די תורה געווען די פרייד פונעם אייבערשטן (לויטן פּסוק (משלי ח, ל): ואהיה — און איך בין געווען אַ פרייד פאַר אים טאָג־טעגלעך), און ווען ישראל איז געקומען, האָט דער רבונו של עולם זי אָוועקגעגעבן צו זיי (זע שבת פח, א; מדרש משלי, ח; מדרש תהלים צג. און אַנדערע מקורות). [14] פון נשק, געווער, אָנשפּיל אויף ישקני מנשיקות: די תורה איבער וועלכער זיי שטרייטן קומט פון גאָט. פאַרגלייך מגילה טו, ב, וואו תורה־שטרייטן ווערן באַצייכנט מיטן וואָרט מלחמה: דער פּסוק (ישעיה כח, ו): משיבי — די וואָס שלאָגן אָפּ די מלחמה ביים טויער, ווערט געטייטשט אויף די וואָס זיינען זיך מתעסק מיט דער מלחמה פון תורה. (אונדזער איבערזעצונג איז לויטן יפה קול; אַנדערע מפרשים האָבן אַנדערע דערקלערונגען). [15] דער פּסוק קומט דאָ נאָר צו דערקלערן דאָס וואָרט הבל, נאַרישקייט, נישטיקייט. [16] „משוקיותהון״, פון „משק״, קלאַפּעריי, רויש. [17] פון די תלמידי חכמים און צדיקים וואָס זיינען עוסק אין

יהודה — על היבמה, שנאמר (שם לח): ויאמר יהודה לאונן: בא אל אשת אחיך ויבם אותה. ישראל — אכל מצוות עשה ומצוות לא תעשה. ר׳ יוסי בר׳ חנינא ורבנין אמרין: למלך שהיה מחלק אפסניות ללגיונותיו על ידי דוכסין ואיפרכין ואיסטרטלין. כיון שבא בנו, נתן לו מיד ליד. ר׳ יצחק אומר: למלך שהיה אוכל איפסטלין; כיון שבא בנו, נתן לו מיד ליד. רבנן אמרי: למלך שהיה אוכל חתיכה אחת; כיון שבא בנו, נתן לו מיד ליד. ויש אומרים, שמנעה מפיו ונתן לו, שנאמר (משלי ב): כי ה׳ יתן חכמה, מפיו דעת ותבונה.

ר׳ אבהו, ואמרי לה — ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר׳ נחמיה אמר: שני חברים שהיו עסוקים בדבר הלכה, זה אומר בית אב של הלכה וזה אומר בית אב של הלכה, אמר הקב״ה: „שוקיותהון על ידי.״ ר׳ יהודה אמר: אפילו הבל היוצא מפיו, כמה דתימא (איוב לה): ואיוב הבל יפצה פיהו, — אמר הקב״ה: „משוקיותהון עלי.״ ורבנן אמרין: עתידין נפשיהון של אלו לינטל בנשיקה. א״ר עזריה: מצאנו, שנפשו של אהרן לא נטלה אלא בנשיקה; הה״ד (במדבר לג): ויעל אהרן הכהן אל הר ההר על פי ה׳, וימת שם. ונפשו של משה מנין? שנאמר (דברים לד): וימת שם משה עבד ה׳ — — — על פי ה.׳ מרים מנין? דכתיב (במדבר כ): ותמת שם מרים, — מה שם שנאמר להלן על פי ה׳, אף כאן כן; אלא שגנאי לפרשו. ושאר כל הצדיקים מנין? שנאמר: ישקני מנשיקות

---

אוועקגענומען געוואָרן, נייערט מיט אַ קוש; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (במדבר לג, לח): ויעל אהרן — און אהרן הכוהן איז אַרויף אויפן באַרג הור לויט דעם מויל פון גאָט, און ער איז דאָרט געשטאָרבן.[19] און משהס נשמה — פון וואַנען איז געדרונגען? [20] ווי דער פסוק זאָגט (דברים לד, ה): וימת — און משה, דער קנעכט פון גאָט, איז דאָרט געשטאָרבן — — — לויט דעם מויל פון גאָט. מרים — פון וואַנען איז געדרונגען? ווי עס שטייט געשריבן (במדבר כ, א): ותמת שם מרים — און מרים איז דאָרט געשטאָרבן, — אַזוי ווי דער שם, דאָרט, וואָס שטייט ווייטער,[21] איז געווען לויט דעם מויל פון גאָט, אַזוי אויך דאָ; נייערט ס׳איז אַן אומכבוד עס קלאָר אַרויסצוזאָגן. און אַלע אַנדערע צדיקים — פון וואַנען איז געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט: ישקני — לאָז ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל, — אויב דו האָסט זיך עוסק געווען מיט דברי תורה, וואָס דייַנע ליפּן קושן זיך צונויף דערביי,

---

תורה. [18] „שטאַרבן בנשיקה״. [19] לויטן מויל פון גאָט — דורך אַ קוש פון גאָטס

איז דער סוף, אַז אַלע װעלן דיך קושן אױפֿן מױל.[22]

אַן אַנדער פּשט אױף ישקני — לאָז ער מיך באַװאָפֿענען, לאָז ער מיך רײניקן, לאָז ער מיך באַהעפֿטן,[23] — לאָז ער מיך קושן. „לאָז ער מיך באַװאָפֿענען," לױט דעם װי עס שטײט געשריבן (דברי הימים א, יב, ב): נושקי — באַװאָפֿנטע מיט בױגנס, אי מיט דער רעכטער האַנט, אי מיט דער לינקער. ר' שמעון בר' נחמן האָט געזאָגט: מע האָט פֿאַרגליכן די װערטער פֿון דער תּורה צו כּלי־זײן: אַזױ װי דאָס כּלי־זײן טוט בײשטײן זײן בעל הבית בשעת מלחמה, אַזױ טוען די װערטער פֿון דער תּורה בײשטײן דעם װאָס באַמיט זיך איבער זײ װי עס באַדאַרף צו זײן. ר' חנא בר אחא לערנט עס אַרױס פֿון דאַנען (תּהלים קמט, ו): רוממות אל — די דערהײבונג פֿון גאָט אין זײער האַלדז, און אַ צװײמײלערדיקע[24] שװערד אין זײער האַנט, — אַזױ װי די [צװײמײלערדיקע] שװערד „עסט" פֿון בײדע זײטן, אַזױ גיט די תּורה לעבן אױף דער װעלט און לעבן אױף יענער װעלט. ר' יהודה און ר' נחמיה און די רבנן. ר' יהודה זאָגט: די תּורה װאָס איז געזאָגט געװאָרן דורך אײן מױל, איז נאָך דעם געזאָגט געװאָרן דורך אַ סך מײלער.[25] ר' נחמיה זאָגט: צװײ תּורות זײנען געגעבן געװאָרן, אײנע אױסנװײניק און אײנע שריפֿטלעך.[26] און די רבנן זאָגן: [די תּורה װערט אָנגערופֿן פֿילמײלערדיק], װײל זײ[27] זײנען גוזר אױף די אײבערשטע [װעלטן], און זײ טוען; אױף די אונטערשטע [װעלטן] און זײ טוען.[28] ר' יהושע פֿון סיכנין האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' לױן דעם טעם פֿון די רבנן: עס שטײט געשריבן (דברי הימים א, כב, ה): כּי היו — װאָרום עס זײנען געװען פֿירשטן פֿון הײליקײט און פֿירשטן פֿון גאָט, — פֿירשטן פֿון הײליקײט, דאָס זײנען די מלאכים, [װי אין פּסוק שטײט] (ישעיה מג, כח): ואחלל — און איך האָב פֿאַרביטן[29] די האַרן פֿון הײליקײט; — פֿירשטן פֿון גאָט, דאָס זײנען די בני ישראל, װאָרום װעגן זײ שטײט געשריבן (תּהלים פּב, ו): אני — איך האָב געזאָגט [װי] געטער זענט איר, װײל זײ זײנען גוזר אױף די אײבערשטע, און זײ טוען; אױף די אונטערשטע, און זײ טוען, — [כּל זמן] זײ פֿירן זיך אין רײנקײט.[30] „לאָז ער מיך רײניקן"[31] װי אײנער װאָס נעמט צונױף[32] צװײ װאַסער־גרובן און באַהעפֿט זײ,[33] װי דו זאָגסט (ישעיה לג, ד): כּמשק — װי דאָס צונױפֿנעמען װאַסער־גרובן נעמט ער עס צונױף.[34] „לאָז ער מיך באַהעפֿטן",[35] דאָס איז װי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל ג, יג): וקול — און דאָס קול פֿון די פֿליגלען פֿון די חיות זיך באַהעפֿטנדיק אײנס מיטן אַנדערן.

אַן אַנדער פּשט אױף ישקני: „לאָז ער מיר אַרױסגעבן אַ קול פֿון קושן פֿון זײן מױל".[36]

---

מױל. [20] אַז אױך זי איז אַרױס דורך אַ קוש. [21] בײ משהס טױט. [22] „אַלע", אפֿילו כּביכול אַלײן. [23] ישראל װיל באַהאָפֿטן װערן מיטן אײבערשטן. [24] אַ צװײשאַרפֿיקע. [25] דורך אַלע װאָס לערנען זי: פּיפֿיות, אַ צװײמײלערדיקע, קאָן אױך מײנען אַ פֿילמײלערדיקע. [26] די תּורה שבעל פּה, דער תּלמוד, און די תּורה שבכתב, דער חומש. [27] די ײדן, װאָס האָבן מקבל געװען די תּורה. [28] אַזױ האָט יהושע גוזר געװען אױף דער זון און דער לבנה, זײ זאָלן בלײבן שטײן, און זײ האָבן געפֿאָלגט; און משה האָט

פיהו, — אם עסקת בדברי תורה, ששפתיך מנושקות, סוף שהכל מנשקין לך על פיך.

**ד"א: ישקני מנשיקות — יזיינני, יטהרני, ידבקני, — ישקני. "יזיינני," מדכתיב** (דברי הימים א, יב): נושקי קשת מימינים ומשמאילים. **א"ר שמעון בר נחמן: משלו דברי תורה בזיין: מה הזיין הזה מתקיים לבעליו בשעת מלחמה, כך דברי תורה מתקיימין עם מי שעמל בהן כל צרכן. ר' חנא בר אחא מייתי לה מהכא** (תהלים קמט): רוממות אל [בגרונם וחרב פיפיות בידם] **— מה החרב שהיא אוכלת משני צדדים, כך תורה נותנת חיים בעולם הזה וחיים לעולם הבא. ר' יהודה ור' נחמיה ורבנן. ר' יהודה אומר: התורה שנאמרה בפה אחד, נאמרה בפיות הרבה. ר' נחמיה אומר: שתי תורות נאמרו, אחת בפה ואחת בכתב. ורבנן אמרין: שהן גוזרין על העליונים ועושין, על התחתונים ועושין. ר' יהושע דסיכנין בשם ר' לוי אמר טעמון דרבנן. דכתיב** (דברי הימים א, כב): כי היו שרי קדש ושרי האלהים, — שרי קדש **אלו מלאכי השרת** (ישעיה מג): ואחלל שרי קדש; — שרי האלהים **אלו ישראל, דכתיב בהון** (תהלים פב): אני אמרתי: אלהים אתם, **שהן גוזרין על העליונים ועושין, על התחתונים ועושין, — כשהן עושין בטהרה.** (ד"א: ישקני מנשיקות פיהו) **"יטהרני," כאדם שהוא משיק שני גבין זה אל זה והוא מדביקן, כמה דתימא** (ישעיה לג): כמשק גבים שוקק בו. (**ד"א:** ישקני מנשיקות פיהו,— ישקני) **"ידביקני," המד"א** (יחזקאל ג): וקול כנפי החיות משיקות אשה אל אחותה. **ד"א:** ישקני, **יוציא לי קול נשיקות מתוך פיהו.**

---

גוזר געווען אויף דער ערד, זי זאָל זיך עפענען און איינשלינגען קורחן מיט זיין געזינדל, און זי האָט אים געפאָלגט (יפה קול). [29] געטייטשט לויט אַ מדרש אין איכה רבה (ב, ה), וואו עס ווערט דערציילט אין שייכות מיטן חורבן פון ירושלים, אַז כדי די יידן זאָלן ניט קענען באַשווערן די מלאכים וואָס זיינען ממונה איבער וואַסער און פייער און אייזן כדי צו ראַטעווען די שטאָט, האָט דער אייבערשטער פאַרביטן זייערע התמנותן, זייערע אויפגאַבן, — מיינט עס, אַז יידן האָבן געהאַט דעם כוח גוזר צו זיין אויף די אייבערשטע וועלטן (מהרז"ו; פאַרגלייך אונדזער איכה רבה אויסגאַבע, ז' 249, באַמ. 4). [30] כל־זמן ישראל לעבט לויט דער תורה. [31] אין טעקסט געפינט זיך דאָ אַן איבעריקע איבערחזרונג פון דער ערשטער פראַזע פון דעם פאַראַגראַף; מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט אין איינקלאַנג מיטן אות אמת. [32] "משיק" פון "משק", קלאַפּעריי, גערויש; דאָ — צונויפקלאַפּן, באַהעפטן. [33] כדי עס זאָל זיין גענוג וואַסער אויף אַ כשרער מקוה. [34] געטייטשט לויטן דרש. [35] זע באַמ. 31 און פריער, באַמ. 23. [36] די כנסת ישראל וויל, אַז כביכול זאָל ווידער אַ מאָל רעדן מיט איר ווי אויפן באַרג סיני.

## יז

(ב) כי טובים — וואָרום דיין ליבשאַפט איז בעסער פון ווײַן. דאָרטן[1] האָבן מיך געלערנט: ר׳ ישמעאל האָט געפרעגט ר׳ יהושען, ווען זיי זײַנען געגאַנגען אין וועג: „פאַרוואָס האָט מען געאַסרט גויאישן קעז?“ האָט ער געזאָגט: „ווייל זיי שטעלן אים[2] אין מאָגן פון אַ נבלה“.[3] האָט ער געזאָגט צו אים: אָבער אָט איז דאָך דער מאָגן פון אַ קרבן־עולה האַרבער איידער דער מאָגן פון אַ נבלה,[4] און [פון דעסטוועגן] האָט מען געזאָגט, אַז אַ כוהן מיט אַ שטאַרקער נאַטור,[5] פאַרברענט אים רויערהייט. און וואָס מיינט ׳פאַרברענט אים רויערהייט׳? ער שלינגט אים שנעל אַראָפּ.“ (און ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: מע באַטראַכט עס, ווי ער וואָלט געטרונקען פון אַ קויטיקן בעכער; מע טאָר טאַקע ניט האָבן פון דעם קיין הנאה, אָבער מע דאַרף ניט ברענגען קיין קרבן מעילה.[6]) [נאָך דעם האָט ער אים געזאָגט: „ווייל זיי שטעלן אים אין מאָגן פון עבודה זרה קעלבער“.[7] האָט ער געזאָגט צו אים: „אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט מען אים ניט געאַסרט אויך בהנאה?[8]“ האָט ער אים פאַררעדט מיט עפּעס אַנדערש; ער האָט אים געזאָגט: „ישמעאל ברודער, ווי לייענסטו: כי טובים דודיך[9] מיין אָדער דודייך[10] מיין?“ האָט ער געזאָגט צו אים: „די זאַך איז ניט אַזוי, ווייל דער צווייטער פסוק[11] קומט און לערנט אונדז וועגן אים: לריח שמניך טובים — גוט צו שמעקן זײַנען דײַנע איילן“.[12]

און פאַרוואָס האָט ער אים ניט אויסגעזאָגט?[13] ר׳ יונתן האָט געזאָגט: ווייל מע האָט עס ערשט געאַסרט, און ר׳ ישמעאל איז נאָך געווען יונג.[14] ר׳ שמעון בן חלפתא, און ר׳ חגי אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן: עס שטייט

---

יז. [1] משנה עבודה זרה ב, ח. [2] מאַכן אים, טוען אַרײַן זויערמילך עס זאָל ווערן קעז (ווי "שטעלן ווײַן", „שטעלן קרויט"). [3] כדי דער קעז זאָל געמאַכט ווערן שנעל. [4] דער חטא פון עסן טיילן פון אַן עולה איז האַרבער. [5] וואָס מיאוסט זיך ניט. [6] אַ קרבן וואָס מע דאַרף ברענגען ווען מע איז מועל, מע פעלשט, אין די הייליקייטן פון גאָט (ויקרא ה, טו). די ווערטער פון ר׳ שמעון בן לקיש ווערן דאָ געבראַכט פון דער גמרא אויף יענער משנה (ירושלמי דאָרט, הלכה ז), און נאָך דעם קערט זיך דער בעל המדרש אום צו דער משנה, האָבן מיר זיי דעריבער געשטעלט אין קלאַמערן, ווי אַ מאמר המוסגר. [7] קעלבער וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן ווי קרבנות צו דער עבודה זרה. — דעם זאַץ האָבן מיר צוגעגעבן פון דער ציטירטער משנה; אָן דעם איז דאָס ווייטערדיקע אומפאַרשטענדלעך. [8] אויב דער קעז איז געמאַכט געוואָרן אין מאָגנס פון אַזעלכע קעלבער, וואָלט מען ניט נאָר אים ניט געטאָרט עסן, נייערט מע וואָלט אויך ניט געטאָרט האָבן פון אים קיין אַנדערע הנאות, ווי פאַרקויפן אים צו אַ ניט־יידן אד״ג. [9] מיט אַ סגל אונטער דער צווייטער דלת, וואָס איז לשון זכר, און לויט דעם רעדט דאָ די כנסת ישראל צום אייבערשטן. [10] מיט אַ פתח אונטער דער צווייטער דלת און אַ חיריק אונטער דער יוד, וואָס איז לשון נקבה, און לויט דעם רעדט דאָ דער אייבערשטער צו דער כנסת ישראל. [11] ווערטערלעך: זײַן חבר. [12] און דער סוף פון יענעם פסוק לייענט זיך: דערפאַר האָבן יונגפרויען דיך ליב, קאָן ער זיך ניט באַציען אויף דער כנסת ישראל (רש״י, עבודה זרה כט, ב). דער גאַנצער ענין פון דער משנה ווערט דאָ געבראַכט, כדי פעסטצושטעלן ווי צו לייענען אונדזער פסוק. [13] דעם טעם סונעם איסור. [14] צווייטעמים: ערשטנס — אויב מע זאָל אויסזאָגן דעם טעם פון אַן ערשט אַרויסגעגעבענעם

**יז**

(ט) כי טובים דודיך מיין. תמן תנינן: שאל ר׳ ישמעאל את ר׳ יהושע כשהיו מהלכין בדרך: „מפני מה אסרו את גבינת הגוים?״ א״ל: „מפני שמעמידין אותה בקיבת נבלה.״ א״ל: „והלא קיבת העולה חמורה מקיבת נבלה, ואמרו: ׳כהן שדעתו יפה שורפה חיה׳; ומה ׳שורפה חיה׳? גמיע לה.״ (ואמר ר׳ שמעון בן לקיש: עשו אותה כשותה בכוס מזוהם, לא נהנה ולא מועל.) [— — — חזר ואמר לו; „מפני שמעמידין אותה בקיבת עגלי עבודה זרה.״] א״ל: „אם כן, למה לא אסרוה בהנייה?״ והשיאו לדבר אחר; א״ל: „ישמעאל אחי, היאך אתה קורא: כי טובים דודיך מיין, או דודייך מיין?״ א״ל: „אין הדבר כך, שהרי חבירו בא ולימד עליו כן: לריח שמניך טובים.״

ולמה לא גלה לו? א״ר יונתן: מפני שבקרוב אסרוה, ור׳ ישמעאל היה קטן. ר׳ שמעון בן חלפתא ור׳ חגי בשם ר׳ שמואל בר נחמן: כתיב (משלי כז): כבשים ללבושיך — כבשים כתיב: בשעה שתלמידיך קטנים, תהיה מכבש לפניהם דברי תורה; הגדילו ונעשו תלמידי חכמים, תהי מגלה להם סתרי תורה. תני ר׳ שמעון בן יוחאי (שמות כא): ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, — מה „שימה״ זו אינה נגלית לכל אדם, כך הן דברי תורה.

---

געשריבן (משלי כז, כו): כבשים — אויסגעגלאַטיקט[14]א זאָל זיין דיין קליידונג — ווי עס וואָלט געשטאַנען „כבשים.[15] בשעת דיינע תלמידים זיינען קליין, זאָלסטו אויסגלאַטיקן פאַר זיי די ווערטער פון תורה; זייבען זיי אויסגעוואַקסן און געוואָרן תלמידי חכמים, אַזוי זאָלסטו זיי אַנטפּלעקן די סודות פון דער תורה.[16] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט (שמות כא, א): ואלה — און דאָס זיינען די געזעצן וואָס דו זאָלסט לייגן פאַר זיי, — אַזוי ווי אַן אוצר[17] איז ניט אַנטפּלעקט פאַר יעדן מענטשן, אַזוי זיינען אויך די ווערטער פון דער תורה.

---

איסור (אין משך פון איין יאָר — מהרז״ו), וועט דער עולם אים ניט נעמען ערנסט; און צווייטנס איז ר׳ ישמעאל נאָך געווען אַ ייִנגל, און פאַר יונגע תלמידים דאַרף מען ניט אַלץ אַנטפּלעקן, ווי ווייטער. [14]א לויטן ווייטערדיקן דרש. [15] כבשים ווערט דאָ געדרשנט צווייפאַכיק, ווי מיט אַ „לינקער״ שין, שעפּסן, און ווי מיט אַ „רעכטער״ שין, פון „כבש״ (אין פּיעל, אויספּרעסן, גלאַט מאַכן): ווען דיינע תלמידים זיינען נאָך יונגע שעפּסן, לערן מיט זיי נאָר דאָס גלאַטע, דאָס אויבנאויפיקע, דאָס ניגלה, און לאָז זיך ניט אַריין אין קיין סתרי תורה. — אַזוי טייטשט יאַסטראָוו. די מפרשים, און מיט זיי אויך סאָנטשינאָ און וואונשע, טייטשן תהיה מכבש — זאָלסט אונטערדריקן, באַהאַלטן, ניט אַנטפּלעקן.

ר׳ הונא [האָט געזאָגט אין נאָמען פון [18] ר׳ חמא בר עוקבא: מע פרעגט: אויב ער האָט געזוכט אים צו פאַררעדן, האָט ער אים דאָך געקענט פאַררעדן מיט [איינער פון] די פינף אומבאַשטימטקייטן וואָס אין דער תורה, און דאָס זיינען זיי (בראשית ד, ז): שאת — אויפגענומען ווערן; (דאָרט מט, ז) ארור — פאַרשאָלטן; (שמות יז, ט) מחר — מאָרגן; (דאָרט כה, לג—לד) משוקדים — מאַנדלבוימיקע; (דברים לא, טז) וקם — און וועסט אויפשטיין.[19] [זאָלן מיר לייענען:] הלא — פאַרוואָר, אויב דו וועסט גוטס טאָן [וועט דיין זינד] פאַרטראָגן ווערן;[20] אָדער: שאת — וועסט טראָגן [אַ זינד], אויב דו וועסט ניט גוטס טאָן, אאַ״וו.[21] ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: איך האָב נאָך אַ פסוק (בראשית לד, ז): ובני יעקב — און די זין פון יעקבן זיינען געקומען פון פעלד ווי זיי האָבן עס געהערט; אָדער: ווי זיי האָבן עס געהערט, האָבן די מענער זיך געקלעמט.[22]

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (דברים ד, יד): ואותי — און מיך האָט גאָט באַפוילן, — פאַראַן זאַכן וואָס ער האָט מיר געזאָגט נאָר פאַר מיר אַליין, און פאַראַן זאַכן וואָס ער האָט מיר געזאָגט אויף צו זאָגן צו זיינע קינדער. ר׳ אילא האָט געזאָגט: פאַראַן זאַכן וואָס מע פאַרקלאַפּט [23] איבער זיי דאָס מויל. ווי אַזוי? איין פסוק זאָגט (תהלים קיט, יא): בלבי — אין מיין האַרצן האָב איך באַהאַלטן דיין וואָרט, כדי איך זאָל ניט זינדיקן צו דיר; און אַן אַנדער פסוק זאָגט (דאָרט, יג): בשפתי — מיט מיינע ליפּן האָב איך דערציילט אַלע גע‍זעצן פון דיין מויל, — ווי אַזוי קאָנען רעכטגעשטעלט ווערן די דאָזיקע צוויי פסוקים? נייערט, כל זמן עירא היאירי, דודס רבי, האָט געלעבט — האָב איך אין מיין האַרצן באַהאַלטן דיין וואָרט;[24] ווי ער איז נפטר געוואָרן — מיט מיינע ליפּן האָב איך דערציילט.

## יח

אַן אַנדער פשט: ווארום דיינע באַליבטע [1] זיינען בעסער פון וויין, — ווערטער פון תורה זיינען ענלעך איינס צום צווייטן, פריינט איינס מיטן צווייטן, אין קרובהשאפט איינס מיטן צווייטן;[2] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט

---

אָבער דאַן קומט עס אויס, ווי בכלל באַהאַלטן פון זיי דברי תורה; סיידן מיר זאָלן אָנשטאָט „דברי תורה" לייענען „סתרי תורה". (דעם אויסדרוק כתיב, עס שטייט געשריבן, האָבן מיר איבערגעזעצט „ווי עס וואָלט געשטאַנען", ווייל דער כתיב אין תנ״ך איז מיט אַ „לינקער" שין). [16] אין דער צווייטער העלפט פונעם פסוק רעדט זיך וועגן עתודים, בעק, — אויסגעוואַקסענע שעפסן. [17] שימה (סימה) אָנשפיל אויף תשים, (זאָלסט לייגן). [18] עמענדירט לויטן ירושלמי, עבודה זרה ב, הלכה ז (אָנשטאָט ר׳ הונא איז דאָרט דער נוסח ר׳ חונייה. [19] וועגן די פינף אויסגערעכנטע ווערטער איז געווען אַ פראַגע, צי לייענען זיי זיך מיטן טעקסט וואָס פאַר זיי, צי מיט דעם וואָס נאָך זיי (זע נדרים נב, א—ב און דאָרט רש״י). [20] שאת. [21] דאָ ווערט געבראַכט נאָר איין פולער פסוק פון די פינף, ווי אַ ביישפּיל; אין ירושלמי ווערן געבראַכט אויך די אַנדערע פיר פסוקים. פון קלאָרקייט וועגן האָבן מיר צוגעגעבן „וגו׳", אאַ״וו. [22] דאָס וואָרט כשמעם, ווי זיי האָבן געהערט, קאָן זיך לייענען מיטן פריערדיקן ווי מיטן ווייטערדיקן. [23] משיקין, אָנשפּיל אויפן פסוק ישקני (עמענדירט לויטן אות אמת). [24] „יעדערער וואָס פסקנט אַ דין ביי זיין רבינס לעבן איז חייב מיתה" (עירובין סג, א; ברכות לא, ב).

**ר׳ הונא (בעי) [אמר בשם] ר׳ חמא בר עוקבא: מקשי: אם להפליגו היה מבקש, היה לו להפליגו מחמשה הכרעות שבתורה, ואלו הן:** שאת, ארור, מחר, משוקדים, וקם: (בראשית ד): הלא אם תיטיב שאת; **או:** שאת, אם לא תיטיב, [וגו׳]. **א״ר תנחומא: אית לי חורי** (בראשית לד): ובני יעקב באו מן השדה כשמעם; **או:** כשמעם ויתעצבו האנשים.

**א״ר יצחק: כתיב** [דברים ד]: ואותי צוה ה׳ — **יש דברים שאמר לי בין לבין עצמי, ויש דברים שאמר לי לומר לבניו. א״ר אילא: יש דברים שמשיקין (אותן על פה) [עליהן את הפה]. כיצד? כתוב אחד אומר** (תהלים קיט): בלבי צפנתי אמרתך, למען לא אחטא לך, **וכתוב אחד אומר** (שם): בשפתי ספרתי כל משפטי פיך, — **באיזה צד יתקיימו שני כתובים הללו? אלא כל זמן שהיה עירא היאירי רבו של דוד קיים,** — בלבי צפנתי אמרתך; **כיון שנסתלק** — בשפתי ספרתי.

## יח

**ד״א:** כי טובים דודיך מיין, — **דברי תורה דומין זה לזה, דודין זה לזה, קרובין זה לזה; המד״א** (ויקרא כה): או דודו, או בן דודו. (שם יא) אך מעין ובור מקוה מים, **שמכשירין, שנאמר** (שם): וכי יתן מים על זרע.

**שמעון בר אבא בשם ר׳ יוחנן: חביבין דברי סופרים כדברי**

---

(ויקרא כה, מט): או דודו — אָדער זיין פעטער, אָדער זיין פעטערס זון.[3] [וואָרום אָט לייענען מיר אין פסוק] (דאָרט יא, לו): אַך — אָבער אַ קוואַל, אָדער אַ גרוב פון אַ וואַסער־איינזאַמלונג [זאָל בלייבן ריין; און מיר ווייסן, אַז ווען וואַסער פאַלט אויף תבואה אָדער פּרות] גרייט עס זיי צו [מקבל טומאה צו זיין], ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, לח): וכי יתן — אָבער אויב עס וועט אַרויפגעטאָן ווערן וואַסער אויף זאָמען [און ס׳וועט פאַלן עפּעס פון זייער נבלה אויף דעם, איז עס טמא פאַר אייך].[4]

**שמעון בר אבא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: די ווערטער פון די סופרים**[5]

---

יח. [1] לויטן ווייטערדיקן דרש. [2] לויטן יפה קול טייטשט דער בעל המדרש דודיך ווי דדיך, דיינע בריסט, און אויף דעם איז געבויט דער דרש וועגן ענלעכקייט און נאָענטקייט. מעגלעך, אַז אַנשטאָט „דודין זה לזה" האָט דער יפה קול געהאַט פאַר זיך די גירסא „דדין זה לזה", ענלעך צו דער גירסא אין תוספתא, פרה י, ג, און ירושלמי, סנהדרין יא, ד, וואו די אויבנגעבראַכטע פראַגע איז, צי דאַרף מען לייענען „כי טובים דדיך מיין".
[3] דער פּסוק קומט דאָ אָנצואווייזן, אַז דוד איז אַ באַצייכענונג פאַר נאָענטער קרובעשאַפט.
[4] די נאָענטקייט פון די דאָזיקע צוויי פּסוקים צווישנאַנאַד מאַכט קלאָר, אַז כאָטש וואַסער אַליין איז ריין, גרייט עס אָבער צו אַנדערע זאַכן מקבל טומאה צו זיין. [5] די חכמים

זיינען אַזוי באַליבט ווי די ווערטער פון דער תורה; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (ז, י) וחכך — און דיין גומען איז ווי גוטער וויין.[6] די חברים אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: די ווערטער פון די סופרים זיינען נאָך מער באַליבט אײדער די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט: וואָרום דיינע באַליבטע [7] זיינען בעסער פון וויין. דער וואָס זאָגט: „ס׳איז ניטאָ קיין [מצווה פון] תפילין," און איז עובר מיט דעם אויף די ווערטער פון דער תורה, איז פטור [פון אַ שטראָף;[8] אָבער דער וואָס זאָגט:] „פינף בתים [דאַרפן זיין אין תפילין]," און גיט צו מיט דעם צו די ווערטער פון די סופרים, איז שולדיק.[9] ר׳ אבא בר כהנא אין נאָמען פון ר׳ יהודה בן פזי האָט עס אַרויסגעלערנט פון דעם: ר׳ טרפון האָט געזאָגט: „איך בין געגאַנגען אין וועג, און איך האָב מיך צוגעלייגט צו לייענען [קריאת שמע], לויט די ווערטער פון בית שמאי,[10] און איך האָב זיך אויסגעשטעלט צו דער סכנה פון גזלנים." זעסטו דאָך, — וואָלט ער אינגאַנצן ניט געלייענט [קיין קריאת שמע], וואָלט ער נאָר עובר געווען אויף אַ מצות עשה אַליין; איצט, אַז ער האָט יאָ געלייענט, האָט ער פאַרשולדיקט זיין לעבן. הייסט עס, אַז די ווערטער פון די סופרים זיינען מער באַליבט אײדער די ווערטער פון דער תורה. ר׳ חנינא דער זון פון ר׳ אדא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ תנחום בר אחא: און זיי זיינען האַרבער אי פון די רייד פון דער תורה, אי פון נבואה, ווי אין פסוק שטייט (מיכה ב, ו): „אל תטיפו — איר זאָלט ניט דרשענען!" דרשענען זיי.[11] ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געשיקט זיינע שליחים אין אַ שטאָט. וועגן איינעם פון זיי האָט ער געשריבן: „ווען ער אייך וועט ווייזן מיין שטעמפּל און מיין זיגל, גלייבט אים; אויב אָבער ניט, זאָלט איר אים ניט גלייבן." און וועגן דעם צווייטן האָט ער געשריבן: „אפילו ער וועט אייך ניט ווייזן דעם שטעמפּל און מיין זיגל, זאָלט איר אים אויך גלייבן." אַזוי, — וועגן די ווערטער פון נבואה שטייט געשריבן (דברים יג, ב): כי יקום — אַז עס וועט אויפשטיין צווישן דיר אַ נביא — — — [און ער וועט דיר געבן אַ צייכן]. אָבער וועגן די ווערטער פון די סופרים שטייט געשריבן (דאָרט יז, יא): על פי — לויט דער תורה וואָס זיי וועלן דיך לערנען, — „וואָס די תורה וועט דיך לערנען" שטייט דאָ ניט, נייערט וואָס זיי וועלן דיך לערנען; „און לויט דעם משפט וואָס זי וועט זאָגן" שטייט דאָ ניט, נייערט וואָס זיי וועלן דיר זאָגן; זאָלסט ניט אָפּטרעטן פון דעם וואָרט וואָס זיי וועלן דיר זאָגן רעכטס אָדער לינקס, — [איך דאַרף דיר ניט זאָגן, אויב זיי וועלן דיר זאָגן] אויף רעכטס, אַז ס׳איז רעכטס, און אויף לינקס, אַז ס׳איז לינקס; [נייערט] אפילו אַז זיי וועלן דיר זאָגן אויף רעכטס, אַז ס׳איז לינקס, און אויף לינקס, אַז ס׳איז רעכטס [הער זיך צו צו זיי].[12]

## יט

אַן אַנדער פשט: וואָרום דיינע באַליבטע זיינען בעסער פון וויין: ווערטער פון תורה זיינען געגליכן צו וואַסער, צו וויין, צו בוימל, צו האָניק און מילך. „צו וואַסער," ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נה, א): אָ, יעדערער וואָס איז

תורה; מה טעם? (ז) וחכך כיין הטוב. חברייא בשם ר׳ יוחנן: חביבין דברי סופרים מדברי תורה. שנאמר: כי טובים דודיך מיין. האומר: „אין תפילין,״ לעבור על דברי תורה, פטור; „ה׳ טוטפות,״ להוסיף על דברי סופרים, חייב. ר׳ אבא בר כהנא בשם ר׳ יהודה בן פזי שמע לה מן הדא: א״ר טרפון: „אני הייתי בא בדרך, והטיתי לקרות כדברי בית שמאי, וסכנתי בעצמי מפני הליסטין.״ את חמי, — אם לא קרא, היה עובר על מצות עשה בלבד; עכשו שקרא, נתחייב בנפשו. הוי: חביבין דברי סופרים מדברי תורה. ר׳ חנינא בריה דר׳ אדא בשם ר׳ תנחום בר אחא אמר: וחמורים מדברי תורה ונבואה, דכתיב (מיכה ב): „אל תטיפו,״ יטיפון. משל למלך ששלח פלמנטרין שלו למדינה על אחד מהן כתב: „אם מראה לכם חותמי וסימנטרין שלי, האמינו לו; ואם לאו, אל תאמינו לו.״ ועל אחד מהם כתב: „אפילו אינו מראה לכם חותמי וסימנטרין שלי, האמינו לו.״ כך, בדברי נבואה כתיב (דברים יג): כי יקום בקרבך נביא — — — [ונתן אליך אות]. בדברי סופרים כתיב (שם יז): על פי התורה אשר יורוך, — „אשר תורך התורה״ אין כתיב כאן, אלא אשר יורוך; „ועל המשפט אשר תאמר״ אין כתיב כאן, אלא אשר יאמרו לך; לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל, — [איני אומר לך, אם יאמרו לך] על הימין שהוא ימין ועל השמאל שהוא שמאל; [אלא] אפילו שיאמרו לך על הימין שהוא שמאל ועל השמאל שהוא ימין [שמע להם].

### יט

ד״א: כי טובים דודיך מיין: נמשלו דברי תורה במים, ביין, בשמן, בדבש וחלב. במים (ישעיה נה): הו, כל צמא לכו למים. מה מים מסוף העולם ועד סופו, דכתיב (תהלים קלו): לרוקע הארץ

---

דאָרשטיק, קומט נאָך וואַסער.[1] אַזוי ווי וואַסער איז פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קלו, ו): לרוקע — צו דעם וואָס

---

פון תורה שבעל פה. [6] ווייַן איז דער סימבאָל פון תורה (זע ווייטער, אָנהייב סימן יט; תרגום און רש״י אויף ב, ד), און דער גומען, וואָס איז ווי אַ דאַך, סימבאָליזירט די תורה שבעל פה, וואָס איז ווי אַ דאַך איבער דער תורה שבכתב. [7] דודיך, און די סופרים און חכמים זייַנען די באַליבטע פון גאָט. [8] ווייל בית דין קאָן ניט באַשטראָפן פאַר עובר זייַן אויף אַ מצות עשה. [9] און ס׳קומט אים אַ שטראָף (משנה, סנהדרין יא, ג). [10] וואָס טייַטשן דאָס וואָרט בשכבך, ווען דו לייגסט זיך (דברים ו, ז) בוכשטעבלעך, ניט ווי די בית הלל, וואָס טייַטשן עס נאָר אויף רער צייַט פון לייגן זיך. [11] דעם גביאס קעגנערס

האָט געשפּרייט די ערד איבער די וואַסערן, אַזוי איז תורה פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן, ווי דער פסוק זאָגט (איוב יא, ט): ארכה — לענגער פון דער ערד איז די מאָס.[2] אַזוי ווי וואַסער איז לעבן פאַר דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (ד, טו): מעין — אַ גאָרטנקוואַל, אַ ברונעם לעבעדיק וואַסער, אַזוי אויך איז תורה לעבן פאַר דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ד, כב): כי חיים — וואָרום לעבן זיינען זיי[3] פאַר די וואָס געפינען זיי; און נאָך שטייט געשריבן (ישעיה נה, א): לכו — קומט, שאַפּט איין און עסט.[4] אַזוי ווי וואַסער איז פון הימל, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה י, יג): לקול — ווען ער גיט אַרויס אַ קול, ווערט אַ גערויש פון וואַסערן אין הימל, אַזוי איז אויך תורה פון הימל, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כ, יט): כי — אַז פון הימל האָב איך גערעדט מיט אייך. אַזוי ווי דאָס וואַסער קומט מיט קולי־קולות, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כט, ג): קול ה׳ — דאָס קול פון גאָט איז איבער די וואַסערן, אַזוי איז אויך תורה געקומען מיט קולי־קולות, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יט, טז): ויהי — און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי ס׳איז געוואָרן פרימאָרגן, אַזוי זיינען געוואָרן דונערן און בליצן. אַזוי ווי דאָס וואַסער דערקוויקט די נשמה, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים טו, יט): ויבקע אלהים — און גאָט האָט אויפגעשפּאָלטן די אויסגעהוילטקייט וואָס אין לחי — — — [און ער האָט געטרונקען און איז געקומען צו זיך], אַזוי אויך תורה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ח): תורת ה׳ — די תורה פון גאָט איז גאַנץ, זי דערקוויקט די נשמה. אַזוי ווי דאָס וואַסער רייניקט דעם מענטשן פון טומאה,[5] ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לו, כה): וזרקתי — און איך וועל שפּריצן אויף אייך ריין וואַסער און איר וועט ריין ווערן, אַזוי אויך רייניקט תורה דעם אומרייניקן פון זיין אומריינקייט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יב, ז): אמרות ה׳ — די ווערטער פון גאָט זיינען ריינע ווערטער. און אַזוי ווי דאָס וואַסער רייניקט דעם קערפּער,[6] ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, כד): ורחץ — און ער זאָל וואַשן זיין לייב מיט וואַסער, אַזוי אויך רייניקט תורה דעם קערפּער, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיט, קמ): צרופה — געלייטערט איז דיין וואָרט ביז גאָר. און אַזוי ווי וואַסער פאַרדעקט די נאַקעטקייט פון ים, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה יא, ט): כמים — ווי דאָס וואַסער באַדעקט דעם ים, אַזוי אויך פאַרדעקט תורה די נאַקעטקייט[7] פון ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (משלי י, יב): ועל — און אַלע פאַרברעכנס דעקט איבער ליבשאַפט. און אַזוי ווי וואַסערן קומען אַראָפּ טראָפּנווייז און ווערן שטראָמען אויף שטראָמען, אַזוי אויך תורה: אַ מענטש לערנט צוויי הלכות הייַנט און צוויי אויף מאָרגן, ביז ער ווערט אַ קוואַליקער שטראָם. אַזוי ווי וואַסער, אויב אַ מענטש איז ניט דאָרשטיק, איז עס אים ניט צום טעם, [7א] אַזוי איז אויך

לאָזן אים ניט רעדן, מיינט עס, אַז אפילו נבואה קאָן געשטערט ווערן. [12] צוגאָבן לויטן נוסח פון אות אמת, אַ נוסח וואָס ענדיקט זיך מיטן ווייטערדיקן: און אַ כל־שכן ווען זיי זאָגן דיר אויף רעכטס, אַז ס׳איז רעכטס, און אויף לינקס, אַז ס׳איז לינקס. — אין דעם סימן הערט זיך אַ שאַרפער אָפּקלאַנג פונעם לאַנג־יעריקן קאַמף פאַר און קעגן דער תורה שבבעל־פה.

על המים, כך תורה מסוף העולם ועד סופו, שנאמר (איוב יא): ארכה מארץ מדה. מה מים חיים לעולם, שנאמר (ד): מעין גנים, באר מים חיים, כך תורה חיים לעולם, שנאמר (משלי ד): כי חיים הם למוצאיהם, וכתיב (ישעיה נה): לכו שברו ואכלו. מה מים מן השמים, שנאמר (ירמיה י): לקול תתו המון מים בשמים, כך תורה מן השמים, שנאמר (שמות כ): כי מן השמים דברתי עמכם. מה המים בקולי קולות, שנאמר (תהלים כט): קול ה׳ על המים, כך תורה בקולי קולות, שנאמר (שמות יט): ויהי ביום השלישי, בהיות הבקר, ויהי קולות וברקים. מה המים משיבין הנפש, שנאמר (שופטים טו): ויבקע אלהים את המכתש אשר בלחי, וגו׳, [וישת ותשב רוחו], כך תורה, שנאמר (תהלים יט): תורת ה׳ תמימה, משיבת נפש. מה המים מטהרים את האדם מטומאה, שנאמר (יחזקאל לו): וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם, כך תורה מטהרת הטמא מטומאתו, שנאמר (תהלים יב): אמרות ה׳ אמרות טהורות. ומה המים מטהרים הגוף, שנאמר (ויקרא טז): ורחץ את בשרו במים, כך תורה מטהרת הגוף, שנאמר (תהלים קיט): צרופה אמרתך מאד. ומה מים מכסים ערותן של ים, שנאמר (ישעיה יא): כמים לים מכסים, כך תורה מכסה ערותן של ישראל, שנאמר (משלי י): ועל כל פשעים תכסה אהבה. ומה מים יורדין טיפין — טיפין ונעשים נחלים — נחלים, כך תורה: אדם לומד ב׳ הלכות היום וב׳ למחר, עד שנעשה כנחל נובע. מה מים, אם אין אדם צמא, אינה ערבה בגופו, כך תורה, אם אין אדם עיף בה, אינה ערבה בגופו. ומה המים מניחין מקום גבוה והולכים במקום נמוך, כך תורה מנחת מי שדעתו גבוהה עליו ומדבקת במי שדעתו נמוכה עליו. ומה מים אין מתקיימין בכלי כסף וזהב,

---

תורה, אויב אַ מענטש איז ניט דאָרשטיק נאָך איר,[8] איז זי אים ניט צום טעם. און אַזוי ווי וואַסער פאַרלאָזט אַ הויך אָרט און גייט צו אַ נידעריק אָרט, אַזוי אויך פאַרלאָזט תורה איינעם וואָס זיין געמיט איז אים פאַרריסן און באַהעפט זיך צו איינעם וואָס זיין געמיט איז אים באַשיידן. און אַזוי ווי

---

יט. [1] און דאָרט ווערט מיט דעם געמיינט גאָטס וואָרט. [2] פון דער חכמה, וואָס איז אידענטיש מיט תורה. [3] די ווערטער פון חכמה. [4] און עסן גיט לעבן. [5] פון אינע־וויניקסטער, נשמהדיקער, אומריינקייט, לויטן וויטערדיקן פסוק (מהרז״ו). [6] פון ריטועלער אומריינקייט. [7] די זינד. [7א] די גראַמאַטיש ניט ריכטיקע פאָרם „אינה ערבה״ (אַנשטאָט ״אינם ערבים״) נעמט זיך פון דעם, וואָס דער בעל המדרש האָט געטראַכט פונעם נמשל, די תורה. [8] „עיף״, מיד, וואָס מיינט אויך דאָרשטיק (זע תהלים סג ב).

וואַסער האַלט זיך ניט אויף אין קיין זילבערנע און גאָלדענע כלים, נייערט אין דער פּשוטסטער כלי, אַזוי אויך האַלט זיך תורה ניט אויף, סיידן ביי דעם וואָס האַלט זיך ווי אַן ערדענע כלי. און אַזוי ווי ביי וואַסער שעמט זיך ניט אַ גרויסער מענטש זאָגן צו אַ קלענערן: גיב מיר אַ טרונק וואַסער, אַזוי אויך ביי תורה שעמט זיך ניט אַ גרויסער מענטש זאָגן צו אַ קלענערן: לערן מיך אַ פּרק, אַן ענין, אַ פּסוק, און אפילו אַן אות. און אַזוי ווי וואַסער, אויב אַ מענטש קען ניט אומשווימען אין דעם, וועט ער לסוף אומקומען, אַזוי זיינען אויך די ווערטער פון תורה, אויב אַ מענטש קען ניט אומשווימען אין זיי און פּסקענען לויט זיי, וועט ער לסוף אומקומען.[9]

ר׳ חנינא פון קיסריה האָט געזאָגט: אַזוי ווי וואַסער ווערט געצויגן צו גערטנער און סעדער, און [אַזוי אויך] צו אָפּטריטן און צו באָד־הייזער קאָן מען מיינען, אַז אויך ווערטער פון תורה זיינען אַזוי?[10] לערנט אונדז דער פּסוק (הושע יד, י): כי ישרים — וואָרום רעכטפאַרטיק זיינען גאָטס וועגן, [און צדיקים גייען אויף זיי, אָבער זינדיקע ווערן געשטרויכלט אויף זיי]. ר׳ חמא בר עוקבא האָט געזאָגט: אַזוי ווי וואַסער האָדעוועט די פלאַנצן, אַזוי אויך האָדעווען ווערטער פון תורה איטלעכן וואָס באַמיט זיך אויף זיי ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער — אַזוי ווי וואַסער ווערט טוכלע און זויער [ווען עס שטייט לאַנג] אין קרוג, זיינען אפשר ווערטער פון תורה אויך אַזוי? לערנט אונדז [די גלייכעניש מיטן] וויין: אַזוי ווי וויין, וואָס עלטער ער ווערט אין קרוג, אַלץ בעסער ווערט ער; אַזוי אויך ווערטער פון תורה, וואָס עלטער זיי ווערן אין אַ מענטשן, אַלץ מער פאַרבעסערן זיי זיך פאַר [דעם לערנערס] כבוד וועגן. אָבער — אַזוי ווי וואַסער איז ניט קאָנטיק אויפן קערפּער,[11] זיינען אפשר ווערטער פון תורה אויך אַזוי? לערנט אונדז [די פאַרגלייכעניש מיט] וויין: אַזוי ווי דער וויין איז קאָנטיק אויפן קערפּער, אַזוי אויך זיינען ווערטער פון תורה קאָנטיק אויפן קערפּער, און מע ווינקט און מע ווייזט מיטן פינגער און מע זאָגט: „דאָס איז אַ תלמיד חכם.״ אָבער — אַזוי ווי וואַסער דערפרייט ניט דאָס האַרץ, קאָן מען דאָך מיינען, אַז אויך ווערטער פון תורה זיינען אַזוי? לערנט אונדז [די גלייכעניש מיט] וויין: אַזוי ווי וויין דערפרייט דאָס האַרץ, ווי עס שטייט געשריבן (תהלים קד, טו): ויין — און וויין טוט דערפרייען דאָס האַרץ פון אַ מענטשן, אַזוי אויך דער־פרייען ווערטער פון תורה דאָס האַרץ, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט יט, ט): פקודי ה׳ — די געבאָטן פון גאָט זיינען רעכטפאַרטיק, זיי דערפרייען דאָס האַרץ. אָבער — אַזוי ווי וויין איז אַ מאָל שלעכט פאַרן קאָפּ און פאַרן גוף, קאָן מען דאָך מיינען, אַז ווערטער פון תורה זיינען אויך אַזוי? לערנט אונדז [די גלייכעניש מיט] בוימל: אַזוי ווי בוימל גיט פאַרגעניגן דעם קאָפּ און דעם גוף, אַזוי אויך גיבן ווערטער פון תורה פאַרגעניגן דעם קאָפּ און דעם גוף, ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט קיט, קה): נר — אַ ליכט פאַר מיין פוס איז דיין וואָרט.[12] אָבער — אַזוי ווי דער בוימל איז ביטער צום אָנהייב[13] און זיס ערשט נאָך דעם, קאָן מען דאָך מיינען, אַז ווערטער פון תורה זיינען אויך

אלא בירוד שבכלים, כך תורה אינה מתקיימת אלא במי שעושה עצמו ככלי חרס. ומה מים אין אדם גדול מתבייש לומר לקטן: השקני מים, כך דברי תורה אין הגדול מתבייש לומר לקטן: למדני פרק אחד, דבר אחד, פסוק אחד, ואפילו אות אחת. ומה מים, כשאין אדם יודע לשוט בהם, סוף שהוא מתבלע, כך דברי תורה, אם אין אדם יודע לשוט בהן ולהורות בהן, סוף שהוא מתבלע.

א״ר חנינא דקיסרין: מה המים נמשכים לגנות ופרדסים ולבתי כסאות ומרחצאות, יכול אף דברי תורה כן? תלמוד לומר (הושע יד): כי ישרים דרכי ה׳ [וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם]. א״ר חמא בר עוקבא: מה המים מגדלין את הצמחים, כך דברי תורה מגדלין את כל מי שהוא עמל בהן כל צרכן. אי מה המים מבאישים ומחמיצים בקנקן, אף דברי תורה כן? תלמוד לומר יין: מה יין, כל זמן שהוא מתיישן בקנקן משתבח, כך דברי תורה, כל זמן שהם מתיישנין בגופו של אדם, הן משתבחין בגדולה. אי מה המים אינן ניכרין בגוף, אף דברי תורה כן? תלמוד לומר יין: מה היין ניכר בגוף, כך דברי תורה ניכרין בגוף, ומרמזין ומראין באצבע ואומרין: „זה הוא תלמיד חכם.״ אי מה המים אין משמחין את הלב, יכול אף דברי תורה כן? תלמוד לומר יין: מה יין משמח את הלב, דכתיב (תהלים קד): ויין ישמח לבב אנוש, כך דברי תורה משמחין הלב, שנאמר (שם יט): פקודי ה׳ ישרים, משמחי לב. אי מה היין פעמים שהוא רע לראש ולגוף, יכול אף דברי תורה כן? תלמוד לומר שמן: מה שמן מעדן הראש והגוף, כך דברי תורה מעדנים הראש והגוף, שנאמר (שם קיט): נר לרגלי דברך. אי מה השמן מר מתחלתו ומתוק בסופו, יכול אף דברי תורה כן? תלמוד לומר דבש וחלב: מה הם מתוקין, אף דברי תורה מתוקין, שנאמר (שם יט): ומתוקים מדבש. אי מה דבש יש בו קצרים, יכול אף דברי תורה כן?

---

אַזוי? לערנט אונדז [די גלייכעניש מיט] האָניק און מילך: אַזוי ווי זיי זיינען זיס, אַזוי אויך זיינען די ווערטער פון תורה זיס, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יט, יא): ומתוקים — און זיסער פון האָניק. אָבער — אַזוי ווי האָניק האָט וואַקסוועַנטלעך,[14] קאָן מען דאָך מיינען, אַז ווערטער פון תורה זיינען אויך

---

[9] אין גייסטיקן זין [10] אַז זיי העלפן און באַשיצן אויך דעם רשע (מהרז״ו). [11] נאָכן טרינקען. [12] און דער גאַנצער קערפּער האָט הנאה דערפון. [13] די איילבירטן, איידער

אַזוי? לערנט אונדז [די גלייכעניש מיט] מילך: אַזוי ווי מילך איז ריין, אַזוי אויך זיינען די ווערטער פון תורה ריין, ווי עס שטייט געשריבן (איוב כח, יז): לא יערכנה — די איז ניט צו פאַרגלייכן מיט גאָלד און מיט גלאָז.[15] אָבער — אַזוי ווי מילך איז אָן [אַ באַזונדערן] טעם, קאָן מען דאָך מיינען, אַז ווערטער פון תורה זיינען אויך אַזוי? לערנט אונדז [די גלייכעניש מיט] האָניק און מילך: אַזוי ווי האָניק און מילך, ווען זיי זיינען אויסגעמישט צוזאַמען שעדיקן זיי ניט דעם גוף,[16] אַזוי זיינען אויך ווערטער פון תורה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, ח): רפאות — אַ היילונג וועט עס זיין פאַר דיין נאָפּל; [און נאָך שטייט] (דאָרט ד, כב): כי — וואָרום לעבן זיינען זיי פאַר די וואָס געפינען זיי.

אַן אַנדער פשט: וואָרום דיינע באַליבטע זיינען בעסער, דאָס זיינען די אבות;[17] פון ווין, דאָס זיינען די נשיאים.[18] אַן אַנדער פשט: וואָרום דיינע באַליבטע זיינען בעסער, דאָס זיינען די קרבנות; פון ווין, דאָס זיינען די גיס־קרבנות.[19] ר׳ חנינא האָט געזאָגט: ווען משה וואָלט געוואוסט, בשעת ישראל האָט אָפּגעטאָן יענע מעשה,[20] ווי באַליבט די קרבנות זיינען, וואָלט ער מקריב געווען אַלע קרבנות וואָס אין דער תורה; ער איז אָבער געלאָפן נאָך זכות אבות, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לב, יג): זכר — געדענק אברהמען, יצחקן און ישראלן דיינע קנעכט. אַן אַנדער פשט: וואָרום דיינע באַליבטע זיינען בעסער, דאָס איז ישראל; פון ווין, דאָס זיינען די פעלקער פון דער וועלט: יוד[21] איז צען, יוד איז צען, נון איז פופציק, צוזאַמען זיבעציק פעלקער: דיך צו לערנען, אַז ישראל איז באַליבט פאַר הקדוש ברוך הוא מער פון אַלע פעלקער.

## כ

לריח — פון וועגן דעם ריח פון דיינע גוטע איילן. ר׳ ינאי דער זון פון ר׳ שמעונען: אַלע געזאַנגען וואָס די אבות האָבן געזאָגט פאַר דיר, זיינען געווען [בלויז] ריחות; אָבער מיר — אייל איבערגעגאָסענער [פון וועגן] דיין נאָמען,[1] ווי אַ מענטש וואָס ליידיקט אויס אייל פון איין כלי אין אַ צווייטער. אַלע מצוות וואָס די אבות האָבן געטאָן פאַר דיר, זיינען געווען [בלויז] ריחות; אָבער מיר — אייל איבערגעגאָסענער [פון וועגן] דיין נאָמען: צוויי הונדערט און אַכט און פערציק מצוות עשה און דריי הונדערט און פינף און זעכציק מצוות לא־תעשה.

ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא. ר׳ אליעזר זאָגט: אויב אַלע ימען וואָלטן געווען טינט און אַלע ראָרן פעדערס און הימל און ערד מגילות און אַלע מענטשן שרייבערס, וואָלט מען ניט באַוויזן אויפצושרייבן די תורה

מע מאַכט פון זיי בוימל. [14] וואָס טויגן ניט צו עסן. [15] תורה איז רייגער פוןביידן. [16] ד״ה: זיינען געזונט פאַרן גוף. [17] לויטן פסוק (דברים י, טו): רק — נאָר צו דיינע עלטערן האָט גאָט געגלוסט זיי ליב צו האָבן (מהרז״ו). [18] די עלטסטע פון די שבטים אין מדבר (במדבר ז). [19] קרבנות פון ווין (שמות כט, מ), אַ מאָל אויך פון בוימל אָדער וואַסער (בראשית לה, יד; שמואל א, ז, ו). [20] געמאַכט דעם עגל הזהב. [21] פון „יין", ווין, און אַזוי די אַנדערע אותיות.

**תלמוד לומר חלב: מה חלב נקי, אף דברי תורה נקיים, דכתיב** (איוב כח): לא יערכנה זהב וזכוכית. **אי מה חלב תפל, יכול אף דברי תורה כן? תלמוד לומר דבש וחלב: מה דבש וחלב, כשמעורבים זה בזה אין מזיקין הגוף, כך דברי תורה, שנאמר** (משלי ג): רפאות תהיה לשרך; (שם ד) כי חיים הם למוצאיהם.

**ד״א:** כי טובים דודיך, **אלו האבות;** מיין, **אלו הנשיאים. ד״א:** כי טובים דודיך, **אלו הקרבנות;** מיין, **אלו הנסכים. א״ר חנינא: אילו היה יודע משה, מה הקרבנות חביבין, בשעה שבאו ישראל לאותו מעשה, היה מקריב כל קרבנות שבתורה; אלא רץ לו לזכות אבות, שנאמר** (שמות לב): זכר לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך. **ד״א:** כי טובים דודיך, **אלו ישראל;** מיין, **אלו אומות העולם: י׳ — עשרה, י׳ — עשרה, נ׳ — חמשים, — אלו שבעים אומות; ללמדך, שחביבין ישראל לפני הקב״ה יותר מכל האומות.**

כ

(ג) לריח שמניך טובים. **ר׳ ינאי בריה דר׳ שמעון: כל השירים שאמרו לפניך האבות, ריחות היו; אבל אנו שמן תורק שמך, כאדם שמריק מכלי לכלי חבירו. כל המצוות שעשו לפניך האבות, ריחות היו; אבל אנו —** שמן תורק שמך: **רמ״ח מצוות עשה ושס״ה מצוות לא תעשה.**

**ר׳ אליעזר ור׳ יהושע ור׳ עקיבא. ר׳ אליעזר אומר: אם יהיו כל הימים דיו ואגמים קולמוסים ושמים וארץ מגילות וכל בני אדם לבלרים, אין מספיקין לכתוב דברי תורה שלמדתי; ואני לא חסרתיה, אלא כאדם שמטביל זכרותו [של] (כ)מכחול בים. ר׳ יהושע אומר: אם יהיו כל הימים דיו ואגמים קולמוסים ושמים וארץ יריעות וכל בני אדם לבלרין, אין מספיקין לכתוב דברי**

---

וואָס איך האָב געלערנט; און איך האָב ניט אַוועקגענומען פון איר מער, ווי אַ מענטש וואָס טונקט איין דעם שפּיץ פון אַן אויגן־פּענדזל[2] אין ים. ר׳ יהושע זאָגט: אויב אַלע ימען וואָלטן געווען טינט און אַלע ראָרן פעדערס און הימל און ערד פּאַרמעטן און אַלע מענטשן שרייבערס, וואָלט מען ניט באַוויזן אויפצושרייבן די דברי תורה וואָס איך האָב געלערנט; און איך האָב

---

כ. [1] לויטן דרש: אונדזערע געזאַנגען, — ביי יציאת מצרים, ביים חנוכת הבית פון אוהל מועד (ויקרא ט, כד) און פון בית המקדש (מלכים א, ח, סו) — זיינען ניט נאָר דער ריח פון אייל, נייערט דער אייל אַליין (מהרז״ו). [2] ענדערונג אין איינקלאַנג מיט

ניט אָװעקגענומען פון איר מער װי אַ מענטש װאָס טונקט איין דעם שפּיץ פון זיין אויגן־פענדזל אין ים. ר׳ עקיבא זאָגט: איך האָב ניט בכוח צו זאָגן װי מיינע רביים האָבן געזאָגט; נייערט מיינע רביים האָבן [דאָך עטװאָס] אָװעקגענומען פון איר, אָבער איך האָב גאָרניט אַװעקגענומען פון איר, נייערט װי איינער װאָס שמעקט פון אַן אתרוג: דער װאָס שמעקט האָט הנאה, אָבער פון אתרוג קומט גאָר ניט אָפּ; און װי איינער װאָס שעפּט פון אַ װאַסער־שטראָם, און װי איינער װאָס צינדט אָן אַ ליכט אָן אַ ליכט. איין מאָל האָט ר׳ עקיבא פאַרשפּעטיקט צו קומען אין בית מדרש; איז ער געקומען און האָט זיך געזעצט אין דרויסן. איז געפרעגט געװאָרן אַ פראַגע: „איז אַזױ די הלכה?״ האָט מען געזאָגט: „די הלכה איז אין דרויסן.״ איז װידער אַ פראַגע געפרעגט געװאָרן; האָט מען געזאָגט: „די תורה איז אין דרויסן.״ און װידער אַ מאָל איז אַ פראַגע געפרעגט געװאָרן; האָט מען געזאָגט: „עקיבא אין אין דרויסן.״ האָט מען געמאַכט אָרט פאַר אים, און ער איז אַריין און האָט זיך געזעצט פאַר ר׳ אליעזרס פיס. און ר׳ אליעזרס בית מדרש איז געװען גע־מאַכט װי אַ לעגגלעכער קרייז, און אַ שטיין איז דאָרט געװען, װאָס איז געװען באַשטימט פאַר זיין זיץ־אָרט. איין מאָל איז אַריין ר׳ יהושע, האָט ער אָנגע־הויבן קושן דעם דאָזיקן שטיין און האָט געזאָגט: דער דאָזיקער שטיין איז געגליכן צום באַרג סיני, און דער װאָס פלעגט זיצן אויף אים איז געגליכן צום ארון פון בונד.[3]

כא

אַן אַנדער פּשט: פון װעגן דעם ריח פון דיינע גוטע אײלן, — ר׳ אחא אין נאָמען פון ר׳ תנחום בר׳ חייא: צװײ מינים זאַלב־אײלן זיינען פאַראַן, דער אייל פון כהונה און דער אייל פון מלוכה.[1] און די רבנן זאָגן: צװײ תורות זיינען פאַראַן, די תורה שבכתב און די תורה שבעל־פּה. ר׳ יודן האָט געזאָגט: דיין נאָמען װערט געגרייסט איבער יעדן װאָס איז זיך עוסק מיטן אייל פון דער תורה. דאָס איז די מיינונג פון ר׳ יודן,[2] װאָס האָט געזאָגט (ישעיה י, כז): וחובל — און ס׳װעט צעבראָכן װערן דער יאָך איבערן אייל,[3] — עס װעט צעבראָכן װערן דער יאָך פון סנחריבן איבער חזקיהו און זיינע אַרויס־העלפערס, װאָס װעלן זיך עוסק זיין מיטן אייל פון דער תורה.[4]

אַן אַנדער פּשט: אייל איבערגעגאָסענער [פון װעגן] דיין נאָמען, — אַזױ

---

מפרשים. [3] װאו די עשרת הדברות זיינען געלעגן. — אין אַ צאָל אויסגאַבן איז דער נוסח אַנשטאָט „התחיל מנשק״, ער האָט אָנגעהויבן קושן — „התחיל ונושק״, ער האָט אָנגעהויבן — — — און קושן, און עס לאָזט זיך מאַכן די השערה, אַז דער ריכטיקער נוסח איז געװען „התחיל בוכה ונושק״, ער האָט אָנגעהויבן װיינען און קושן, װייל אין אבות דר׳ נתן (כה, ג) איז דער ענין (אין אַן אַנדער נוסח) פאַרבונדן מיט ר׳ אלי־עזרס פּטירה.

כא. [1] װייל עס שטייט אײלן, אין מערצאָל, איז דער מינימום צװײ (און אַזױ אויך װייטער. [2] זייער מעגלעך אַז אַנשטאָט דעם דאַרף זיין ר׳ יצחק, װאָס אין זיין נאָמען װערט די מימרא געבראַכט אין סנהדרין צד, ב. .. [3] פון דער תורה, לויטן דרש. [4] זע סנהדרין, דאָרט : אין חזקיהס טעג איז ניט געװען קיינער אין לאַנד, װאָס זאָל ניט זיין

תורה שלמדתי; ולא חסרתיה, רק כאדם שמטביל זכרותו [של] (כ)מכחול בים. ר׳ עקיבא אומר: אני אין בי כח לומר כמו שאמרו רבותי; אלא רבותי חסרוה, ואני לא חסרתיה, אלא כמריח באתרוג, — המריח נהנה והאתרוג לא חסר; וכממלא מאמת המים וכמדליק מנר לנר. פעם אחת שהה ר׳ עקיבא לבוא לבית המדרש; בא וישב לו מבחוץ. נשאלה שאלה: „זו הלכה?" אמרו: „הלכה בחוץ." חזרה ונשאלה שאלה; אמרו: „תורה מבחוץ." חזרה ונשאלה שאלה; אמרו: „עקיבא מבחוץ." פנו לו מקום, בא וישב לו לפני רגליו של ר׳ אליעזר. ובית מדרשו של ר׳ אליעזר היה עשוי כמין ריס, ואבן אחת היתה שם, והיתה מיוחדת לו לישיבה. פעם אחת נכנס ר׳ יהושע, התחיל מנשק אותה האבן ואמר: האבן הזאת דומה להר סיני, וזה שישב עליה דומה לארון הברית.

כא

ד"א: לריח שמניך טובים, — ר׳ אחא בשם ר׳ תנחום בר׳ חייא: שני שמנים הם, שמן כהונה ושמן מלכות. ורבנין אמרין: שתי תורות הן, תורה שבכתב ושבעל פה. א"ר יודן: שמן תורק שמך, — (שמן) [שמך] מתגדל על כל מי שהוא עוסק בשמנה של תורה. היא דעתיה דר׳ יודן, דאמר (ישעיה י): וחובל עול מפני שמן, — חובל עולו של סנחריב מפני חזקיהו וסייעתו, שהיו עוסקין בשמנה של תרה.

ד"א: שמן תורק שמך, — מה השמן הזה מר מתחלתו וסופו מתוק, כך (איוב ח): והיה ראשיתך מצער, ואחריתך ישגה מאד. מה השמן הזה אין משתבח אלא על ידי כתישה, כך ישראל אין עושין תשובה אלא על ידי יסורין. מה השמן הזה אין מתערב בשאר משקין, כך ישראל אין מתערבים באמות העולם, דכתיב (דברים ז): ולא תתחתן בם. מה השמן הזה כוס מלא אינו מזריף

---

ווי דער דאָזיקער אייל איז צוערשט ביטער[5] און שפּעטער זיס, אַזוי אויך (איוב ח, ז) והיה — און דיין אָנהייב וועט זיין קליין, אָבער דיין סוף וועט זיין זייער גרויס. אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל ווערט ניט אַנדערש בעסער, נייערט דורך שטויסן, אַזוי אויך טוט ישראל ניט אַנדערש קיין תשובה, נייערט דורך יסורים. אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל מישט זיך ניט צונויף מיט אַנדערע געטראַנקען, אַזוי אויך מישט זיך ישראל ניט אויס מיט די פעלקער פון דער וועלט, ווי אין פּסוק שטייט (דברים ז, ג): ולא תתחתן — און דו

זאָלסט זיך ניט מתחתן זיין מיט זיי. אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל גיסט זיך ניט איבער פון אַ פולן כוס ווי אַלע אַנדערע געטראַנקען,[6] אַזוי אויך גיסן זיך ווערטער פון תורה ניט איבער ווי ווערטער פון ליצנות.[7] אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל, אויב דו האָסט אַ פולן כוס אייל אין האַנט, און עס פאַלט אַריין אין דעם אַ טראָפּן וואַסער, גייט אַרויס קעגן דעם אַ טראָפּן אייל, אַזוי אויב עס קומט אַריין אַ וואָרט פון תורה אין האַרצן, גייט אַרויס קעגן דעם אַ וואָרט פון ליצנות; קומט ווידער אַריין אין האַרצן אַ וואָרט פון ליצנות, גייט אַרויס קעגן דעם אַ וואָרט פון תורה. אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל ברענגט ליכט פאַר דער וועלט, אַזוי איז ישראל אַ ליכט פאַר דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ס, ג): והלכו — און עס וועלן גיין פעלקער אין דיין ליכט. אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל איז העכער איבער אַלע געטראַנקען,[8] אַזוי אויך איז ישראל העכער איבער אַלע אומות,[9] ווי דער פסוק זאָגט (דברים כח, א): ונתנך ה׳ — און גאָט דיין האַר וועט דיך מאַכן העכער [פון אַלע פעלקער]. אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל האָט ניט קיין אָפּקלאַנג,[10] אַזוי אויך האָט ניט ישראל קיין אָפּקלאַנג אויף דער וועלט; אָבער וועגן יענער וועלט שטייט געשריבן (ישעיה כט, ד): ושפלת — און [אפילו] דו וועסט זיין אין דער נידער, — פון דער ערד וועסטו רעדן.[11]

## כב

ר׳ יוחנן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף אברהם אבינו. בשעת הקב״ה האָט אים געזאָגט (בראשית יב, א): לך־לך — גיי דיר פון דיין לאַנד און פון דיין געבוירנאָרט, צו וואָס איז ער געווען געגליכן? צו אַ פלעשל מיט שמעקעדיקן אייל, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל, און זיין ריח האָט זיך ניט געפילט; איז איינער געקומען און עס אַרויסגענומען פון דאָרט, און זיין ריח האָט זיך צעטראָגן. אַזוי אויך האָט הקב״ה געזאָגט צו אברהמען: „אברהם, אַ סך מעשים טובים פאַרמאָגסטו, אַ סך מצוות טוסטו; לאָז זיך אַרויס אויף דער וועלט, און דיין נאָמען וועט געגרייסט ווערן אויף מיין וועלט: לך־לך, גיי דיר,״ — און וואָס שטייט ווייטער? און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, — על כן — פון וועגן די וועלטן[1] האָבן זיי דיך ליב, — הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט: „נאַ דיר וועלטן אַ סך.״ ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, דאָרט, ה): ויקח אברהם — און אברהם האָט גענומען שרי זיין ווייב און לוטן, זיין ברודערס זון, און זייער גאַנץ פאַרמעגן וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפן, און

בקיא אין דינים פון טומאה און טהרה. [5] די איילבירטן, איידער מע דריקט אויס דעם אייל פון זיי, זיינען ביטער. [6] ווייל אייל איז געדיכט, קאָן מען אָנגיסן אַ כלי פול חי אַן אויג, און ער וועט ניט איבערגיין. די ענדערונג פון בדברי אויף כדברי איז לויט דער ערשטער העלפט פונעם פאַרגלייך, און אַזוי איז אויך די גירסא פון רד״ל, און די געמאַטערטע דערקלערונג פון יאַסטראָוו (און אין זיינע פוס־טריט — סאָנטשינאָ) איז איבעריק. [7] וואָס צוליב זייער נישטיקייט ווערן זיי שנעל פאַרגעסן. [8] ווען מע גיסט אים צונויף מיט אַנדערע געטראַנקען, שווימט ער אַרויף פון אויבן. [9] מיט דער תורה וואָס זיי באַזיצן. [10] צוליב זיין ווייכקייט קאָן מען ניט הערן, ווי ער גיסט זיך. [11] לויטן דרש: לעתיד לבוא וועט מען הערן ישראלס קול אפילו פון דער נידער.

כשאר כל המשקים, כך דברי תורה אין מזרזפים (בדברי) [כדברי] ליצנות. מה השמן הזה, כוס מלא שמן בידך ונפלה לתוכו טיפה של מים, ויצאת כנגדה טיפה של שמן, כך אם נכנס דבר של תורה ללב, יצא כנגדו דבר של ליצנות; נכנס ללב דבר של ליצנות, יצא כנגדו דבר של תורה. מה השמן הזה מביא אורה לעולם, כך ישראל אורה לעולם, שנאמר (ישעיה ס): והלכו גוים לאורך. מה השמן הזה עליון על כל המשקין, כך הם ישראל עליונים על כל האומות, שנאמר (דברים כח): ונתנך ה׳ אלהיך עליון. מה השמן הזה אין לו בת קול, כך ישראל אין להם בת קול בעולם הזה; אבל לעולם הבא כתיב (ישעיה כט): ושפלת, מארץ תדברי.

כב

ר׳ יוחנן פתר קרייא באברהם אבינו. בשעה שאמר לו הקב״ה (בראשית יב): לך־לך מארצך וממולדתך, למה היה דומה? לצלוחית של פולייטון שהיתה מונחת בזוית אחת, ולא היה ריחה נודף; בא אחד וטלטלה ממקומה, והיה ריחה נודף. אף כן אמר הקב״ה לאברהם: „אברהם, הרבה מעשים טובים יש לך, הרבה מצוות יש לך; טלטל עצמך בעולם, ושמך מתגדל בעולמי: לך לך,״ — מה כתיב בתריה? ואעשך לגוי גדול. — על כן עלמות אהבוך,— א״ל הקב״ה: „הא לך עולמות הרבה.״ דכתיב (שם): ויקח אברם את שרי אשתו ואת לוט בן אחיו ואת כל רכושם אשר רכשו ואת הנפש אשר עשו בחרן, — והלא אם מתכנשים כל העולם לבראת יתוש אחד, אינן יכולים לבראתו! אלא אלו הגרים שגיירו אברהם ושרה; לכך נאמר: ואת הנפש אשר עשו בחרן. א״ר חוניא: אברהם היה מגייר אנשים ושרה הנשים. ומה תלמוד לומר: אשר עשו בחרן? מלמד, שהיה אברהם אבינו מכניסן

---

די נפשות וואָס זיי האָבן געמאַכט [2] אין חרן, — אָבער אפילו די גאַנצע וועלט זאָל זיך צונויפנעמען צו באַשאַפן איין מוק, וועלן זיי אים ניט קענען באַשאַפן! נייערט דאָס זיינען די גרים וואָס אברהם און שרה האָבן מגייר געווען; דעריבער ווערט געזאָגט: און די נפשות וואָס זיי האָבן געמאַכט אין חרן. ר׳ חוניא האָט געזאָגט: אברהם פלעגט מגייר זיין די מאַנסלייט און שרה די ווייבער. און וואָס לערנט אונדז דער פסוק: וואָס זיי האָבן געמאַכט אין חרן? [3] ער לערנט אונדז, אַז אברהם אבינו פלעגט זיי אַריינגעמען צו זיך אַהיים און פלעגט זיי געבן עסן און טרינקען, און פלעגט זיי אַרויסווייזן ליבשאַפט

און זיי מקרב זיין און זיי מגייר זיין, און זיי אַריינברענגען אונטער די פליגלען פון דער שכינה. איז האָסטו געלערנט, אַז איטלעכער וואָס ברענגט אַריין איין מענטשן אונטער די פליגלען פון דער שכינה פאַררעכנט מען עס אים, ווי ער וואָלט אים באַשאַפן און געפורעמט און אויסגעוועבט.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ישראל האָט געזאָגט פאַר הקב״ה: „ריבונו של עולם, דורך דעם וואָס דו ברענגסט ליכטיקייט אויף דער וועלט, ווערט דיין נאָמען געגרייסט אויף דער וועלט; און וואָס איז די ליכטיקייט? גאולה, וואָרום בשעת דו ברענגסט אונדז ליכטיקייט, קומען אַ סך גרים און זיינען זיך מגייר, און שטייען צו צו אונדז, אַ שטייגער יתרו און רחב: יתרו האָט געהערט [4] און איז געקומען, רחב האָט געהערט [5] און איז געקומען. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: בשעת הקב״ה האָט געטאָן דעם נס צו חנניה, מישאל און עזריה,[6] האָבן אַ סך גרים זיך מגייר געווען, ווי אין פסוק שטייט (ישעיה כט, כג): כי בראותו — וואָרום אַז ער וועט זען זיינע ייִנגלעך,[7] דאָס ווערק פון מיינע הענט, אין זיין מיטן, וועלן זיי הייליקן מיין נאָמען; און וואָס שטייט נאָך דעם? וידעו — און די וואָס בלאָנדזשען אין גייסט וועלן וויסן צו פאַרשטיין.

אַן אַנדער פשט: פון וועגן די וועלטן האָבן זיי דיך ליב, ווייל דו האָסט אונדז געגעבן דעם רויב פון מצרים [8] און דעם רויב וואָס ביים ים [9] און דעם רויב פון סיחון און עוג [10] און דעם רויב פון די איין און דרייסיק מלכים,[11] האָבן מיר דיך ליב. אַן אַנדער פשט: פון וועגן די פאַרהוילענישן[12] האָבן זיי דיך ליב, ווייל דו האָסט פאַרהוילן פון זיי דעם טאָג פון טויט און דעם טאָג פון טרייסט,[13] האָבן זיי דיך ליב. אַן אַנדער פשט: דערפאַר האָבן זיי דיך מיט יונגשאַפט [14] ליב, — מיט יונגשאַפט און מיט פלייס. אַן אַנדער פשט: דערפאַר האָבן זיי דיך מיט יונגשאַפט ליב, דאָס זיינען די מענטשן וואָס טוען תשובה.[15] אַן אַנדער פשט: דעריבער האָבן זיי דיך מיט יונגשאַפט ליב, דאָס איז דער דריטער חלק,[16] ווי דער פסוק זאָגט (זכריה יג, ט): והבאתי — און איך וועל ברענגען דעם דריט־חלק אין פייער, און איך וועל זיי לייטערן ווי מע לייטערט זילבער. אַן אַנדער פשט: דערפאַר האָבן זיי דיך מיט יונגשאַפט ליב, דאָס זיינען די גרים;[17] דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (חבקוק ג, ב): ה׳ — גאָט, איך האָב געהערט דיין הערונג, איך האָב מורא; גאָט, דיין ווערק זאָלסטו אין די נאָענטע יאָרן אויפלעבן.[17א] אַן אַנדער פשט: דערפאַר האָבן זיי דיך [אפילו] ביים טויט[18] ליב, דאָס איז דער דור פון שמד,[19] ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מד, כג): כי עליך — וואָרום איבער דיר ווערן מיר גע־

כב. [1] אַנשטאָט יונגפרויען — געטייטשט לויטן דרש, ווי עס וואָלט געשטאַנען „עולמות". [2] לויטן דרש. [3] ד״ה: ווי האָבן זיי עס געטאָן? [4] שמות יח, א: וישמע יתרו — און יתרו האָט געהערט (אַז ישראל איז אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים). [5] יהושע ב, י: כי שמענו — וואָרום מיר האָבן געהערט, אַז גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון ים־סוף פון פאַר אייך. [6] דניאל ג. [7] לויטן דרש: חנניה מישאל און עזריה ווערן אָנגערופן אין ספר דניאל (א, יז) ילדים, ייִנגלעך. [8] שמות יב, לו. [9] זע שמות רבה כד, א. [10] במדבר כא, און ווייטער. [11] וואָס יהושע האָט איינגענומען אין

לביתו ומאכילן ומשקן, ומאהיבן ומקרבן ומגיירן ומכניסן תחת כנפי השכינה. הא למדת, שכל המכניס בריה אחת לתוך כנפי השכינה מעלין עליו, כאלו הוא בראו ויצרו ורקמו.

א״ר ברכיה: אמרו ישראל לפני הקב״ה: רבוש״ע, ממה שאתה מביא אורה לעולם, שמך מתגדל בעולם; ומה היא האורה? גאולה, שבשעה שאת מביא לנו אורה, הרבה גרים באים ומתגיירים ונוספים עלינו, כגון יתרו ורחב: יתרו שמע ואתא, רחב שמעה ואתייא.״ א״ר חנינא: בשעה שעשה הקב״ה נס לחנניה, מישאל ועזריה, הרבה גרים נתגיירו, דכתיב (ישעיה כט): כי בראותו ילדיו, מעשי ידי בקרבו, יקדישו שמי; מה כתיב בתריה? וידעו תועי רוח בינה.

ד״א: על כן עלמות אהבוך, על שנתת לנו ביזת מצרים וביזת הים וביזת סיחון ועוג וביזת ל״א מלכים, אנו אוהבים אותך. ד״א: על כן עלמות אהבוך, על שהעלמת מהם יום המיתה ויום הנחמה,אהבוך. ד״א: על כן עלמות אהבוך, — בעלמות ובזריזות. ד״א: על כן עלמות אהבוך, אלו בעלי תשובה. ד״א: על כן עלמות אהבוך, זו כת שלישית, שנאמר (זכריה יג): והבאתי את השלישית באש וצרפתים כצרוף את הכסף. ד״א: על כן עלמות אהבוך, אלו הגרים; הה״ד (חבקוק ג): ה׳, שמעתי שמעך, יראתי; ה׳, פעלך בקרב שנים חיהו. ד״א: על כן עלמות אהבוך, זה דורו של שמד, שנאמר (תהלים מד): כי עליך הורגנו כל היום, נחשבנו

---

כנען, — אין די אַלע פֿאַלן האָט ישראל זיך אָנגענומען „וועלטן״ מיט רויב. [12] עלומים — עלמות. [13] דער טאָג פֿון גאולה: דאָס ניט וויסן דעם טאָג פֿון די ביידע זאַכן טרייבט אַ מענטשן צו כסדרדיקן תשובה טאָן (מפרשים). ס׳איז אויך מעגלעך, אַז דאָס ניט וויסן ווען משיח קומט גיט א מענטשן די האָפֿענונג, אַז אָט־אָט קומט ער; און ווען אַ מענטש זאָל וויסן, ווען ער וועט שטאַרבן, וועט ער כסדר ציילן זיינע געבליבענע טעג און וועט לעבן אין שטענדיקער שרעק פֿאַרן טויט. [14] לייענענדיק עלמות מיט אַ שורוק־ו. [15] בעלי תשובה וואָס ווערן ווי ניי־געבוירן, ווערן ווידער יונג. [16] וואָס וועט בלייבן, נאָך דעם ווי צוויי חלקים פֿון פֿאָלק וועלן אומקומען [17] זע יבמות כב, א, און בכורות מז, א: איינער וואָס האָט זיך מגייר געווען איז ווי אַ ניי־געבוירן קינד. [17א] לויטן דרש האָט דאָ חבקוק אין זינען די גרים, וואָס הערן וועגן גאָטס מעשים און וואַרטן ער זאָל זיי „אויפלעבן״. לויט דער גירסא פֿון מתנות כהונה דאַרף דאָ אַנשטאָט דעם זיין דער פּסוק פֿון יהושע ס, ט: כי שמענו — וואָרום מיר האָבן געהערט זיין הערונג, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין מצרים. [18] לייענענדיק עלמות ווי צוויי ווערטער: על מות. [19] ווען יידן איז געגעבן געוואָרן די ברירה: זיך שמדן, אָדער שטאַרבן אויף קידוש השם. געוויינלעך ווערט מיט דעם געמיינט דער דור פֿון די עשרה הרוגי מלכות (135—138 נאָך דער אַלגעמיינער צייטרעכענונג). [20] האָט גאָט אויסגע־

הרגעט דעם גאַנצן טאָג, מיר ווערן גערעכנט ווי שחיטה־שאָף. **אַן אַנדער פּשט:** דעריבער האָט דיך די יונגשאַפט ליב, **דאָס איז ישראל, ווי דער פּסוק זאָגט** (דברים ד, ח): כי — נייערט אויס גאָטס ליבשאַפט צו אייך, און ווייל ער היט די שבועה [וואָס ער האָט געשוואָרן צו אייערע עלטערן] — — —[20]. **אַן אַנדער פּשט:** איבער די פאַרהוילעניש[21] האָבן זיי דיך ליב, **איבער דעם וואָס דו האָסט פאַרהוילן פון זיי דעם שכר פון די צדיקים.**[22]

כג

(וואָרום) [אַן אַנדער פּשט:] [1] **ר׳ ברכיה און ר׳ חלבו האָבן געזאָגט: הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו ווערן [2] אַ טאַנץ־הויפּט פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט; פון וואַנען איז עס געדרונגען?** [עס שטייט אין פּסוק] (תהלים מח, יד): שיתו — טוט אַכט אויף אירע מויערן (לחילה) — **דער** כתיב [3] **איז** לחולה, **צום טאַנץ: צדיקים פון איין זייט און צדיקים פון דער צווייטער זייט, און הקב״ה אין זייער מיט, און זיי טאַנצן פאַר אים מיט יונגשאַפט,[4] און ווינקען אײנע צו די אַנדערע מיטן פינגער און זאָגן** (דאָרט, דאָרט, טו): כי זה — אַז דאָס איז גאָט, אונדזער גאָט אויף אייביק און שטענדיק, ער וועט אונדז פירן [דורך] וועלטן,[5] **דורך צוויי וועלטן וועט ער אונדז פירן, אויף** דער **וועלט און אויף** יענער **וועלט. אַן אַנדער פּשט:** ער וועט אונדז פירן מיט יונגשאַפט, **מיט יונגשאפט און מיט פלייס. אַן אַנדער פּשט:** עלמות **— זוי די דאָזיקע יונגפרויען, ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט סח, כו): בתוך עלמות — אין דער מיט פון יונגפרויען וואָס פּייקלען. **אַן אַנדער פּשט אויף עלמות: עקילס[6] האָט עס איבערגעזעצט: אַטאַנאַסיאַ, אומשטערבלעכקייט,[7] אַ וועלט וואו ס׳איז קיין טויט ניטאָ. און זיי ווינקען אײנע צו די אַנדערע מיטן פינגער און זאָגן:** אַז דאָס איז גאָט, אונדזער גאָט אויף אייביק, ער וועט אונדז פירן דורך וועלטן, **דורך צוויי וועלטן וועט ער אונדז פירן, אויף** דער **וועלט און אויף יענער וועלט, — אויף** דער **וועלט, ווי עס שטייט געשריבן** (דברים טו, ו): כי — וואָרום גאָט דיין גאָט וועט דיך האָבן געבענטשט; **און אויף יענער וועלט, ווי עס שטייט געשריבן** (ישעיה נח, יא): ונחך — און פירן וועט דיך גאָט תמיד.[8]

כד

(ד) משכני — צי מיך, נאָך דיר וועלן מיר נאָכלויפן. **ר׳ מאיר האָט געזאָגט: בשעת ישראל איז געשטאַנען פאַרן באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „סתם־אַזוי וועל איך אייך געבן די תורה? [1] נייערט ברענגט מיר רעכטע גוטזאָגערס,[2] אַז איר וועט זי אָפּהיטן, וועל איך זי אייך געבן.״ האָבן זיי געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם, אונדזערע אבות וועלן גוטזאָגן פאַר אונדז.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „אייערע אבות אַליין דאַרפן גוטזאָגערס.״ צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אײנעם וואָס איז געגאַנגען לייען געלט פונעם מלך. האָט ער געזאָגט צו אים: „ברענג מיר אַ גוטזאָגער, און איך וועל דיר לייען.״ איז ער אַוועק און אים געבראַכט אַ גוטזאָגער. האָט ער אים געזאָגט: „דיין גוטזאָגער אַליין דאַרף אַ גוטזאָגער.״**

כצאן טבחה. ד״א: על כן עלמות אהבוך, אלו ישראל, שנאמר (דברים ד): כי מאהבת ה׳ אתכם ומשמרו את השבועה, וגו׳. ד״א: על כן עלמות אהבוך, על שהעלמת מהם מתן שכרן של צדיקים.

## כג

(דאמר) [א״ר] ברכיה ור׳ חלבו: עתיד הקב״ה (לעשות) [ליעשות] ראש חולה לצדיקים לעתיד לבוא; מה טעם? (תהלים מח): שיתו לבכם לחילה—„לחולה״ כתיב: צדיקים מכאן וצדיקים מכאן והקב״ה באמצעם, והם חלים לפניו בעלמות, ומרמזין אלו לאלו באצבע ואומרים (שם): כי זה אלהים אלהינו עולם ועד, הוא ינהגנו עלמות, בשני עולמות ינהגנו, בעולם הזה ובעולם הבא. ד״א: הוא ינהגנו עלמות—בעלימות ובזריזות. ד״א: עלמות — כאילין עולימתא, כמד״א (שם סח): בתוך עלמות תופפות. ד״א: עלמות, תרגם עקילס „אתנסייא,״ עולם שאין בו מות. ומרמזין אלו לאלו באצבע ואומרים: כי זה אלהים אלהינו עולם ועד, הוא ינהגנו עלמות, — בשני עולמות ינהגנו, בעולם הזה ובעולם הבא, — בעולם הזה, דכתיב (דברים טו): כי ה׳ אלהיך ברכך; ובעולם הבא, דכתיב (ישעיה נח): ונחך ה׳ תמיד.

## כד

(ד) משכני, אחריך נרוצה. א״ר מאיר: בשעה שעמדו ישראל לפני הר סיני לקבל התורה, אמר להם הקב״ה: „אלעיקי אני נותן לכם את התורה? אלא הביאו לי ערבים טובים שתשמרוה, ואני נותנה לכם״. אמרו לפניו: „רבש״ע, אבותינו ערבים לנו״. א״ל: „אבותיכם צריכין ערבים.״ למה הדבר דומה? לאחד שהלך ללוות מן המלך. א״ל: „הבא לי ערב, ואני מלוה אותך״. הלך והביא לו ערב אחד. א״ל: „ערבך צריך ערב.״ הלך והבא לו ערב

קליבן ישראל ווען ער איז נאָך געווען יונג (פאַרגלייך הושע יא, א: ווען ישראל איז יונג געווען האָב איך אים ליב געהאַט). [21] עלומים — עלמות. [22] אויף יענער וועלט.

כג. [1] ענדערונג אין טעקסט לויט מתנות כהונה און מהרז״ו — עס האָט ניט קיין שייכות מיטן פריערדיקן. [2] אין „נפעל״, לויט ירושלמי, מגילה ב, ד. [3] כתיב — אַ וואָרט אין תנ״ך, וואָס ווערט געשריבן אויף איין אופן, אָבער דאַרף געלייענט ווערן (קרי) אַנדערש. — אין אונדזערע טעקסטן איז אָבער דער כתיב ווי דער קרי — לחילה. איז אָדער דער בעל המדרש האָט געהאַט פאַר זיך אַן אַנדער נוסח, אָדער ער וויל זאָגן: לייען ווי עס וואָלט געשטאַנען לחולה. [4] בעלמות. דער נוסח אין קהלת רבה (א, ל) — כעלמות, ווי יונגפרויען. [5] עולמות. אין קהלת רבה איז דער נוסח אַנדערש (זע אונדזער אויס־גאַבע, ז׳ 73). [6] דער גר, וואָס האָט איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף גריכיש (ירושלמי, מגילה א, ט). [7] ווי עס וואָלט געשטאַנען אַל מות. [8] אויך אויף יענער וועלט.

איז ער אוועק און געבראַכט אַן אַנדער גוטזאָגער, האָט ער אים ווידער געזאָגט: „דיין גוטזאָגער אַליין דאַרף אַ גוטזאָגער.״ ווי ער האָט אים געבראַכט אַ דריטן גוטזאָגער, אַזוי האָט ער געזאָגט: „זיי וויסן, אַז צוליב דעם דאַזיקן אַנטליי איך דיר.״ אַזוי אויך בשעת ישראל איז געשטאַנען מקבל צו זיין די תורה, האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך וועל אייך געבן מיין תורה; ברענגט מיר רעכטע גוטזאָגערס, אַז איר וועט זי אָפּהיטן, וועל איך זי אייך געבן.״ האָבן זיי געזאָגט: „אונדזערע אבות וועלן גוטזאָגן פאַר אונדז.״ האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „איך האָב קעגן אייערע אבות. קעגן אברהמען האָב איך, ווייל ער האָט געזאָגט (בראשית טו, ח): במה — מיט וואָס וועל איך וויסן [אַז איך וועל עס אַרבן]?[3] קעגן יצחקן האָב איך, ווייל ער האָט ליב געהאַט עשון, און איך האָב אים פיינט געהאַט, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי א, ג): ואת עשו — און עשון האָב איך פיינט געהאַט. קעגן יעקבן, ווייל ער האָט געזאָגט (ישעיה מ, כז): נסתרה — פאַרבאָרגן איז מיין וועג פון גאָט. נייערט ברענגט מיר בעסערע גוטזאָגערס, און איך וועל זי אייך געבן.״ האָבן זיי געזאָגט פאַר אים: „ריבונו של עולם, אונדזערע נביאים וועלן גוטזאָגן פאַר אונדז.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך האָב קעגן זיי, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה ב, ח): והרועים — און די פאַסטעכער האָבן פאַרבראָכן קעגן מיר [און די נביאים האָבן נביאות געזאָגט פאַרן בעל]; און ווידער שטייט געשריבן (יחזקאל יג, ד): כשועלים — ווי פוקסן אין חורבות זיינען געווען דיינע נביאים, ישראל. נייערט ברענגט מיר בעסערע גוטזאָגערס, און איך וועל זי אייך געבן.״ האָבן זיי געזאָגט: „אָט וועלן אונדזערע קינדער גוטזאָגן פאַר אונדז.״ האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „זיי זיינען אוודאי רעכטע גוטזאָגערס; דורך זיי וועל איך זי אייך געבן.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים ח, ג): מפי — פון דעם מויל פון עופעלעך און זויג־קינדער האָסטו געגרונטפעסטיקט מאַכט, און עוז, מאַכט, מיינט ניט אַנדערש, נייערט תורה, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כט, יא): ה׳ — גאָט וועט געבן מאַכט צו זיין פאָלק.[4] בשעת דער לוח[5] ווערט געמאָנט, און ער האָט ניט צו באַצאָלן, ווער ווערט פאַרכאַפּט — ניט דער גוטזאָגער? דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (הושע ד, ו): ותשכח — אַז דו האָסט פאַרגעסן די תורה פון דיין גאָט, וועל איך אויך אַן דיינע קינדער פאַרגעסן. ר׳ אחא האָט געזאָגט: „איך אויך, כביכול,[6] איך אויך בין אין דער פאַרגעסנקייט: ווער וועט זאָגן פאַר מיר ביי דער תורה: „ברכו — לויבט גאָט דעם געלויבטן,״ — ניט דאָס קליינוואַרג?״ מיינט עס: צוליב דער אָפּשוואַכונג פון דער תורה צווישן אייך ווערן פאַרכאַפּט אייערע קינדער, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה

---

כד. [1] לויטן ערוך השלם; יאַסטראָוו טייטשט עס ווי אַ מין שבועה: אוודאי וועל איך אייך געבן די תורה, נייערט — — —. [2] ר׳ מאיר לייענט משכני ווי ס׳וואָלט געשטאַנען משכוני! גיט מיר אַ פאַרזיכערונג. [3] ער האָט, הייסט עס, געצווייפלט אין גאָטס וואָרט. [4] אַ גמרא אין זבחים (קטז, א) טייטשט אויס דעם פסוק, ווי אַלע פסוקים פון יענעם קאַפּיטל, אויף מתן תורה. [5] דער וואָס לייט געלט ביי יענעם. [6] אויב מע קען אַזוי זיך

שני, ואמר לו: „ערבך צריך ערב." כיון שהביא לו ערב שלישי, אמר: „תדע, כי מפני זה אני מלוה לך". כך בשעה שעמדו ישראל לקבל התורה, אמר להם: „אני נותן לכם תורתי; הביאו לי ערבים טובים שתשמרוה, ואתננה לכם." אמרו: „אבותינו ערבים אותנו." א"ל הקב"ה: „אבותיכם יש לי עליהם. אברהם יש לי עליו, שאמר (בראשית טו): במה אדע. יצחק יש לי עליו, שהיה אוהב לעשו, ואני שנאתיו, שנאמר (מלאכי א): ואת עשו שנאתי. יעקב, שאמר (ישעיה מ): נסתרה דרכי מה'. אלא הביאו לי ערבים טובים שתשמרוה, ואני נותנה לכם." אמרו לפניו: „רבוש"ע, נביאינו ערבין לנו." א"ל: „יש לי עליהם, שנאמר (ירמיה ב): והרועים פשעו בי, וגו'; וכתיב (יחזקאל יג): כשועלים בחרבות נביאיך, ישראל, היו. אלא הביאו לי ערבים טובים, ואתננה לכם." אמרו: „הרי בנינו ערבים אותנו." אמר הקב"ה: „הא ודאי ערבים טובים; על ידיהם אתננה לכם." הה"ד (תהלים ח): מפי עוללים ויונקים יסדת עוז, ואין „עוז" אלא תורה, שנאמר (שם כט): ה' עוז לעמו יתן. בשעה שהלוה נתבע ואין לו לשלם, מי נתפש — לא הערב? הוי מה שנאמר (הושע ד): ותשכח תורת אלהיך, אשכח בניך גם אני. א"ר אחא: „גם אני, כביכול, אף אני בשכחה: מי יאמר בתורה לפני: „ברכו את ה' המבורך" — לא היונקים?" הוי: מרפיון התורה שבכם נתפשו בניכם, שנאמר (ירמיה ב): לשוא הכיתי את בניכם. (כביכול גם אני בשכחה: מי יאמר „ברכו את ה' המבורך לפני"?) לפיכך צריך אדם להכניס בנו לתורה ולחנכו בלימוד, שיאריך ימים בעולם, שנאמר (משלי ט): כי בי ירבו ימיך.

---

ב, ל): לשוא — איבער דער פאַלשקייט [7] האָב איך געשלאָגן אייערע קינדער.[8] דעריבער דאַרף אַ מענטש אַריינפירן זיין זון אין דער תורה און אים מחנך זיין אין לערנען, כדי ער זאָל מאַריך ימים זיין אויף דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ט, יא): כי בי — וואָרום דורך מיר וועלן געמערט ווערן דיינע טעג.[9]

---

אויסדריקן. [7] אומגעטריישאַפט, — לויטן דרש. [8] אין טעקסט געפינט זיך דאָ אַן איבעריקע איבערחזרונג, וואָס מיר האָבן אַרויסגעלאָזט. [9] דאָרט רעדט זיך וועגן חכמה, וואָס איז אידענטיש מיט תורה.

## כה

ר׳ יוחנן און ר׳ יהושע בן לוי און די רבנן [זאָגן וועגן משכני]. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דערפאַר וואָס דו האָסט אונדז אַריינגעבראַכט אין אַ גוט און רחבותדיק לאַנד,[1] וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן צו אַ גוט לאַנד, וואָס ווערט גערופן „משכנותא." [גאָטס] וואוינאָרט.[2] און ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דערפאַר וואָס דו האָסט אונדז געגעבן אַ גוט און גרויס לאַנד, וואָס ווערט גערופן „משכנותא," וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן.[3] און די רבנן זאָגן: דערפאַר וואָס דו האָסט געלאָזט רוען דיין שכינה צווישן אונדז, ווי עס שטייט געשריבן (שמות כה, ח): ועשו — און זיי זאָלן מיר מאַכן אַ הייליקטום [4] [און איך וועל רוען צווישן זיי], וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן. און די רבנן זאָגן נאָך עפּעס: דערפאַר וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן [5] דיין שכינה פון צווישן אודנז, וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן. אַ ראיה האָסטו, אַז אַזוי איז עס, וואָרום איבער אַלע צרות וואָס זיינען געקומען אויף זיי צוליב דער מעשה מיטן [גאָלדענעם] קאַלב, האָבן זיי ניט געטרויערט; ווי נאָר אָבער משה האָט זיי געזאָגט (דאָרט לג, ג): כי — וואָרום איך וועל ניט אַרויפגיין צווישן דיר,[6] אַזוי גלייך: וישמע — האָט דאָס פאָלק געהערט די דאָזיקע שלעכטע זאַך, און זיי האָבן גע־טרויערט, [און זיי האָבן קיינער ניט אָנגעטאָן זיין צירונג אויף זיך].[7] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: דער כלי־זיין וואָס איז געגעבן געוואָרן צו ישראל ביים באַרג חורב,[8] און וואָס דער שם המפורש [9] איז געווען אויסגע־קריצט אויף אים, — ווי זיי האָבן געזינדיקט מיט דער מעשה פונעם קאַלב, אַזוי איז ער אָפּגענומען געוואָרן פון זיי. ווי אַזוי איז ער אָפּגענומען געוואָרן פון זיי? ר׳ אייבו און די רבנן: ר׳ אייבו האָט געזאָגט: פון זיך אַליין האָט ער זיך אָפּגעשיילט. און די רבנן זאָגן: אַ מלאך האָט אַראָפּגענידערט און אים אָפּגעשיילט. האָט ישראל געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם, צי דען פוצט זיך אַ פרוי אַנדערש ווי פאַר איר מאַן?"[10] ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ישראל איז געווען להוט נאָך דער שכינה, ווי דער פסוק זאָגט (ד, טז): יבא — זאָל קומען מיין געליבטער צו זיין גאָרטן, — לגנו, [וואָס קאָן מיינען] לגינונו, צו זיין חופה.

## כו

ר׳ יודן און ר׳ עזריה [זאָגן וועגן משכני]. ר׳ יודן האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם, איבער דעם וואָס דו האָסט זיך געפירט מיט מיינע שכנות [1] מיט מידת הדין [2] און מיט מיר מיט מידת הרחמים,[3] וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן. וואָרום ר׳ ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזר: ביי די עשרת השבטים איז געטאָן געוואָרן וואָס ס׳איז ניט געטאָן געוואָרן ביים דור המבול. ביים דור המבול שטייט געשריבן (בראשית ו, ה): רק רע — נאָר שלעכטס אַ גאַנצן טאָג; אָבער ביי די עשרת השבטים שטייט געשריבן (מיכה ב, א): הוי — וויי, די וואָס טראַכטן אומרעכט, און אַרבעטן אויס שלעכטס אויף זייערע געלעגערס,

## כה

ר׳ יוחנן ור׳ יהושע בן לוי ורבנן. ר׳ יוחנן אמר: ממה שהכנסתנו לארץ טובה ורחבה, אחריך נרוצה לארעא טבתא דאיתקריאת „משכנותא.״ ור׳ יהושע בן לוי אמר: ממה שנתת לנו ארעא טבתא רבתא דאיתקריאת „משכנותא״, אחריך נרוצה. ורבנן אמרין: ממה שהשרית שכינתך בתוכנו, כדכתיב (שמות כה): ועשו לי מקדש [ושכנתי בתוכם], אחריך נרוצה. ורבנן אמרין חורי: על שסלקת שכינתך מתוכנו, אחריך נרוצה. תדע לך, שהוא כן, שכל צרות שבאו עליהן במעשה העגל, לא נתאבלו; כיון שאמר להם משה (שם לג): כי לא אעלה בקרבך, מיד — וישמע העם את הדבר הרע הזה, ויתאבלו, [ולא שתו איש עדיו עליו]. תני ר׳ שמעון בן יוחאי: זיין שנתן להם לישראל בחורב, ושם המפורש היה חקוק עליו, וכשחטאו במעשה העגל, נוטל מהם. כיצד נוטל מהם? ר׳ איבו ורבנן. ר׳ איבו אמר: מאליו נקלף. ורבנן אמרי: מלאך היה יורד ומקלפו. אמרו ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע, כלום האשה מתקשטת אלא לבעלה?״ א״ר יהושע בן לוי: להוטים היו ישראל אחרי שכינה, כמד״א (ד): יבא דודי לגנו — לגינונו.

## כו

ר׳ יודן ור׳ עזריה. ר׳ יודן אמר: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע, על שנהגת עם שכנותי במדת הדין ועמי במדת רחמים, אחריך נרוצה.״ דאמר ר׳ ברכיה בשם ר׳ אלעזר: נעשה בעשרת השבטים מה שלא נעשה בדור המבול. בדור המבול כתיב (בראשית ו): רק רע כל היום; ובעשרת השבטים כתיב (מיכה ב): הוי חושבי און ופועלי רע על משכבותם, הרי זה

---

כה. [1] עבר הירדן, וואָס איז איינגענומען געוואָרן נאָך ביי משהס לעבן (במדבר כא). [2] דער מערבדיקער טייל פון ארץ ישראל, ווייל דאָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן, און שפּעטער — דער בית המקדש. [3] מיר וועלן גיין אין דיינע וועגן. [4] מקדש, אידענטיש מיט משכן, אָנשפּיל אויף משכני. [5] געטייטשט „משכני״ — אָפּגעצויגן פון מיר. [6] די שכינה, הייסט עס, וועט זיך אָפּטאָן פון ישראל. [7] מיר האָבן צוגעגעבן דעם סוף פונעם פּסוק, ווייל אויף דעם באַציען זיך ר׳ שמעון בן יוחאיס ווייטערדיקע ווערטער. [8] אידענטיש מיט סיני. [9] דער פיר־אותיותדיקער נאָמען פון גאָט, וואָס קיינער טאָר ניט אַרויסרעדן, חוץ דעם כוהן גדול אום יום כיפּור, בשעת דער עבודה, אין קודש קדשים. [10] און אויב גאָט (דער מאַן) פאַרלאָזט זיין פאָלק (די פרוי), צו וואָס דאַרפן זיי דאָס צירונג?

כו. [1] אָנשפּיל אויף משכני. [2] סדום און עמורה זיינען פולשטענדיק חרוב געוואָרן.

איז עס בײנאַכט. פֿון װאַנען איז געדרונגען װעגן פרימאָרגן? [עס שטײט דאָרט װײטער:] באור — אין ליכט פֿון פרימאָרגן טוען זײ עס, װײל עס איז אין דער מאַכט פֿון זײער האַנט.[4] איז יענע, פֿון זײ איז קײן אַנטרינונג ניט געבליבן, אָבער פֿון די איז געבליבן אַן אַנטרינונג. אין װאָסער זכות? ר׳ יצחק האָט עס באַשײדט צו זײער שבח: רבי האָט געזאָגט: אין זכות פֿון (יחזקאל יד, כב) והנה — אָבער אָט איז געבליבן אין איר אַן אַנטרינונג, און נאָך דעם שטײט ניט „המוציאים״, װאָס ברענגען אַרױס,[5] נײַערט המוצאים [בנים ובנות], די זין און טעכטער װאָס װעלן אַרױסקומען,[6] אין זכות פֿון די צדיקים און צדקניות, פֿון די נביאים און נביאות װאָס װעלן אַרױסקומען פֿון זײ.[7]

ר׳ חנינא האָט געזאָגט: װעגן די שטעט בײַם ים איז געזאָגט געװאָרן, װאָס ס׳איז ניט געזאָגט געװאָרן װעגן דור המבול (צפניה ב, ה): הוי — װײ, איר אײַנװאױנער פֿון דעם ים־געגנט, פֿאָלק פֿון כרתים, — אַ פֿאָלק װאָס איז חײב כרת;[8] טאָ אין װעמענס זכות איז עס ניצול געװאָרן? אין זכות פֿון אײן גאָטספֿאָרכטיקן מאַן װאָס קומט אַרױס פֿון זײ יעדעס יאָר. ר׳ לוי האָט באַשײדט דעם פסוק צום גוטן: װײ, איר אײַנװאױנער פֿון דעם ים־געגנט, פֿאָלק פֿון כרתים, — אַ פֿאָלק װאָס האָט געשלאָסן אַ בונד [מיט גאָט], װי דער פסוק זאָגט (נחמיה ט, ח): וכרות[9] — און האָסט געשלאָסן מיט אים אַ בונד. ר׳ יהושע בר נחמיה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ אחאן: װעגן שבט יהודה און בנימין איז געזאָגט געװאָרן, װאָס איז ניט געזאָגט געװאָרן װעגן די סדומער, װאָרום װעגן די סדומער שטײט געשריבן (בראשית יח, כ): וחטאתם — און זײער זינד, פֿאַרװאָר, איז זײער שװער; אָבער װעגן שבט יהודה און בנימין שטײט געשריבן (יחזקאל ט, ט): ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו מיר: די זינד פֿון דעם הױז פֿון ישראל און יהודה איז זײער גרױס. ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אַן אַנדער פסוק האָבן מיר (איכה ד, ו): ויגדל — און די זינד פֿון דער טאָכטער פֿון מײַן פֿאָלק איז גרעסער פֿונעם חטא פֿון סדום, [נײַערט ולא חלו — און קײן הענט זײַנען אױף זײ ניט געפֿאַלן],[10] אַ האַנט צו אַ האַנט איז ניט צוגעפֿאַלן: יענע[11] האָבן ניט אױסגעשטרעקט זײערע הענט צו מצװות,[12] אָבער די האָבן אױסגעשטרעקט זײערע הענט צו מצװות (דאָרט, דאָרט, י): ידי — די הענט פֿון דערבאַרעמדיקע פֿרױען [האָבן געקאָכט זײערע קינדער]; פֿאַרװאָס אַזױ װײט? [װײל זײ האָבן אַװעקגעגעבן פֿון זײ ס׳לעצטע שטיקל ברױט,] עס זאָל זײ זײַן פֿאַר אבלות־ברױט אין דעם בראָך פֿון דער טאָכטער פֿון מײַן פֿאָלק.[13]

---

[3] נאָך אַלע חורבנות איז ישראל לעבן געבליבן. [4] הײסט עס, אַז בײַ די עשרת השבטים איז געטאָן געװאָרן שלעכטס סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט. [5] זײערע אײגענע מעשים טובים, אַז אין דעם זכות זאָלן זײ האָבן געהאַט אַן אַנטרינונג. [6] לױטן דרש. [7] און קײן פֿאַװאָריטיזם מצד דעם אײבערשטן איז אַזױ אַרום ניט געװען. [8] שטאַרבן פֿאַר דער צײַט װי אַ שטראָף פֿאַר באַשטימטע חטאים, װאָס אַ מענטשלעכער בית־דין קאָן פֿאַר זײ ניט באַשטראָפֿן. [9] אָנשפּיל אױף „כרתים.״ [10] ענדערונג אין טעקסט און צוגאָב פֿונעם פסוק לױטן נוסח פֿונעם אות אמת. [11] די סדומער. [12] צו געבן צדקה. [13] די צוגאָבן, סײַ צום פסוק, סײַ צום דרש, זײַנען לױט איכה רבה ד, יג: אַז ס׳איז

בלילה. בבקר מנין? באור הבקר יעשוה, כי יש לאל ידם. אותם לא נותר מהם פליטה, ומאלו נותר פליטה. באיזו זכות? ר׳ יצחק פתר להו לשבח — רבי אמר: בזכות (יחזקאל יד): והנה נותרה בה פלטה, — „המוציאים" אין כתיב כאן, אלא המוצאים [בנים ובנות].

א״ר חנינא: נאמר בכרכי הים מה שלא נאמר בדור המבול (צפניה ב): הוי יושבי חבל הים, גוי כרתים, — גוי שחייב כרת; ובזכות מי ניצל? בזכות ירא שמים אחד שמעמידין בכל שנה ושנה. ר׳ לוי פתר ליה לשבח: הוי יושבי חבל הים, גוי כרתים,— גוי שכרת ברית; כמד״א (נחמיה ט): וכרות עמו הברית. ר׳ יהושע בר נחמיה משום ר׳ אחא אמר: נאמר בשבט יהודה ובנימין מה שלא נאמר בסדומיים, דבסדומיים כתיב (בראשית יח): וחטאתם כי כבדה מאד; אבל בשבט יהודה ובנימין כתיב (יחזקאל ט): ויאמר אלי: עון בית ישראל ויהודה גדול במאד מאד. ר׳ תנחומא אמר: כתוב אחר אית לן (איכה ד): ויגדל עון בת עמי [מחטאת סדום (א״ר תנחומא) — — — ולא חלו בה ידים]: לא חלתה יד ליד, — אותן לא פשטו ידיהן למצות, אבל אלו פשטו ידיהן למצות (שם): ידי נשים רחמניות [בשלו ילדיהן]; כל כך למה? שיהיו לברות למו בשבר בת עמי.

## כז

א״ר עזריה: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע, ממה שנתת לי ביזת שכנותי (אחריך נרוצה), שנאמר (שמות ג): ושאלה אשה משכנתה; ביזת מצרים וביזת סיחון ועוג וביזת

## כז

ר׳ עזריה האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם, דערפאַר וואָס דו האָסט מיר געגעבן דעם רויב פון מיינע שכנותי[1] וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן,[2] ווי דער פסוק זאָגט (שמות ג, כב): ושאלה אשה — און יעדע פרוי זאָל לייען פון איר שכנה — — — [זילבערנע זאַכן און גילדערנע זאַכן]; דעם רויב פון מצרים און דעם רויב

געשטאָרבן בשעתן חורבן אַ קינד ביי עמעצן האָט די שכנה צוגענומען ס׳לעצטע שטיקל ברויט פון איר אייגן קינד און עס געגעבן יענער משפחה אויף דער סעודת הבראה (אָנשפּיל אויף לברות, אבלות־ברויט); האָט עס דער פסוק איר פאַררעכנט, ווי זי וואָלט איר אייגן קינד אָפּגעקאָכט. איז דאָס געווען דער זכות פון ישראל לגבי די סדומער, — זייער גרייטקייט אויף צדקה (זע איכה רבה דונסקי, 6־325).

כז. [1] אָנשפּיל אויף משכני. [2] דער פסוק איז דאָ, משמעות,אַריין מיט אַ טעות,—

פון סיחון און עוג און דעם רויב פון די אייך און דרייסיק מלכים,[3] וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן. אַן אַנדער פּשט: צי מיך, נאָך דיר וועלן מיר נאָכלויפן, — דערפאַר וואָס דו האָסט אָנגערייצט אויף מיר דיינע שלעכטע שכנים.[4] ר' אבון האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס איז איין כעס געוואָרן אויף דער האַרינטע, און ער האָט אָנגערייצט אויף איר שלעכטע שכנים. האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „מיין האַר קיניג, העלף מיך!" אַזוי אויך ישראל (שופטים י, יב): וצידונים — אויך די צידונים און עמלק און מעון האָבן אייך געדריקט; האָט איר געשריען צו מיר, און איך האָב אייך געהאָלפן פון זייער האַנט. אַן אַנדער פּשט: צי מיך, נאָך דיר וועלן מיר נאָכלויפן — שטעל מיך אין סכנה,[5] וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן, אַן אַנדער פּשט: פאַראָרעם מיך,[6] וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן. ווי דאָס וואָס ר' אחא האָט געזאָגט: ווען אַ ייד נייטיקט זיך אין אַ באָקסער,[7] טוט ער תשובה. און ווי דאָס וואָס ר' עקיבא האָט געזאָגט: אָרעמקייט פּאַסט יעקבס טאָכטער ווי אַ רויט בענדל אויפן קאַרק פון אַ ווייס פערד. אַן אַנדער פּשט: צי מיך, נאָך דיר וועלן מיר נאָכלויפן, — פאַרמשכון מיך, וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן, פאַר דעם משכון וואָס דו האָסט גענומען פון מיר וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן;[8] איבער דעם גרויסן משכון וואָס דו האָסט גענומען פון מיר וועלן מיר נאָך דיר נאָכלויפן. וואָרום ר' מנחמא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן: עס שטייט געשריבן (נחמיה א, ז): חבל — פאַרמשכונען האָבן מיר זיך פאַרמשכונט צו דיר,[9] דאָס איז דער ערשטער חורבן און דער צווייטער חורבן,[10] וואָרום מיר זיינען ניט אַנדערש פאַרמשכונט געוואָרן, נייערט דורך זיך אַליין.[11]

ר' ברכיה אין נאָמען פון ר' יהודה בר' אלעאי: עס שטייט געשריבן (שמות טו, כב): ויסע משה — און משה האָט אָפּגעצויגן ישראל [פון ים־סוף], — ער האָט זיי אָפּגעצויגן פון דעם חטא ביים ים.[12] האָט ישראל געזאָגט צו אים: „משה רבינו, וואוהין פירסטו אונדז?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „קיין אילים; און פון אילים קיין אַלוש, און פון אַלוש קיין מרה, און פון מרה קיין רפידים, און פון רפידים צום סיני."[13] האָבן זיי געזאָגט: „וואו נאָר דו וועסט גיין און אונדז פירן זיינען מיר מיט דיר." ס'איז אַ משל מיט איינעם וואָס איז געגאַנגען און חתונה געהאַט מיט אַ דאָרפישער פרוי, און ער האָט איר געזאָגט: „שטיי אויף און קום מיט מיר." האָט זי געזאָגט צו אים: „פון דאַנען — וואוהין?" האָט ער איר געזאָגט: „פון דאַנען קיין טבריה, און פון דאָרטן צו דער גאַרבאַרניע, און פון דער גאַרבאַרניע צום אייבערשטן מאַרק, און פון אייבערשטן מאַרק צום אונטערשטן מאַרק." האָט זי געזאָגט צום אים: „וואו נאָר דו וועסט גיין און מיך נעמען, וועל איך גיין מיט דיר." אַזוי האָט ישראל געזאָגט (תהלים סג, ט): דבקה — באַהעפט איז מיין זעל צו דיר. ר' יוסי בר איקא האָט געזאָגט: אָט רופט דאָך דער פּסוק אויס און זאָגט: משכני — צי מיך, נאָך דיר וועלן מיר נאָכלויפן, — אויב צו פּסוק איז צו פּסוק, אויב צו משנה איז צו משנה, אויב צו תלמוד איז צו תלמוד, אויב צו תוספתא איז צו תוספתא, אויב צו אגדתא איז צו אגדתא.

**שלשים ואחד מלכים,** אחריך נרוצה. **ד"א:** משכני, אחריך נרוצה, — **ממה שגרית בי שכני הרעים. א"ר אבון: למלך שכעס על מטרונה וגירה בה שכנים רעים, והתחילה צווחת:** „אדוני המלך, הושיעני!" **כך ישראל** (שופטים י): וצידונים ועמלק ומעון לחצו אתכם, ותצעקו אלי, ואושיעה אתכם מידם. **ד"א:** משכני, אחריך נרוצה — **מסכינני,** אחריך נרוצה. **ד"א:** ממסכיני, אחריך נרוצה. **כההיא דאמר ר' אחא: צריך יהודאה לחרובא, עביד תתובה. כההיא דאמר ר"ע: יאיא היא מסכנותא לברתיה דיעקב כערקא סומקא בקדלא דסוסיא חיורא. ד"א:** משכני, אחריך נרוצה — **משכינני,** אחריך נרוצה, **ממשכוני שנטלת ממני** אחריך נרוצה; **ממשכון גדול שנטלת ממני** אחריך נרוצה. **דאמר ר' מנחמא בשם ר' יוחנן: כתיב** (נחמיה א): חבל חבלנו לך, **זה חורבן ראשון וחורבן שני, שלא נתמשכנו אלא על ידינו.**

**ר' ברכיה בשם ר' יהודה בר' אלעאי: כתיב** (שמות טו): ויסע משה את ישראל, — **הסיען מחטאו של ים. אמרו לו:** „**משה רבינו, להיכן אתה מוליכנו?" א"ל:** „**לאילים, ומאילים לאלוש, ומאלוש למרה, וממרה לרפידים, ומרפידים לסיני." אמרין:** „**לכל הן דאת אזיל ומוביל לן, אנן עמך". משל לאחד שהלך ונשא אשה מן הכפר; אמר לה:** „**קומי ואתית עמי". אמרה ליה:** „**מן הכא להן?" א"ל: מן הכא לטבריא, ומתמן לבורסקי, ומבורסקי לשוקא עילאה, ומתמן לשוקא ארעייתא." א"ל:** „**לכל הן דאת אזיל ונסיב לי, אנא אתיא עמך." כך אמרו ישראל** (תהלים סג): דבקה נפשי אחריך. **א"ר יוסי בר איקא: והרי מקרא מכריז ואומר:** משכני, אחריך נרוצה, — **אם למקרא — למקרא, אם למשנה — למשנה, אם לתלמוד — לתלמוד, אם לתוספתא — לתוספתא, אם לאגדתא — לאגדתא.**

ער רייסט איבער דעם געדאנקענגאַנג פון דרש. [3] זע אויבן סימן כב, באַמ. 8-11. [4] אָנשפּיל אויף „משכני": ווען דער אייבערשטער שיקט אָן אויף ישראל שלעכטע פעל־קער, טוט דאָס פאָלק תשובה. [5] מסכינני — משכני. [6] פון מסכן, אַן אָרימאַן. [7] ווען ער ווערט אַזוי אָרים, אַז זיין שפּייז באַשטייט פון באָקסערן. [8] דאָס חרוב מאַכן ביידע בתי מקדשים איז געווען ווי גאָט וואָלט זיי גענומען ווי אַ משכון פון ישראל, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן ווי ס'באַדאַרף צו זיין, און דאָס האָט טאַקע, הייסט עס, געווירקט, אַז ישראל זאָל תשובה טאָן. משכון — משכני. [9] איבערגעזעצט לויטן דרש. [10] דער דרש איז באַזירט אויף דער איבערחזרונג פונעם פועל „חבל." [11] דורך אונדזערע אייגענע חטאים. [12] ווען דער זינד ביים ים זע תהלים קו, ז: וימרו — און זיי האָבן

## כח

(ד) הביאני המלך — דער מלך האָט מיך אַריינגעבראַכט אין זיינע קאַמערן. דאָרטן[1] האָבן מיר געלערנט: פיר זיינען אַריין אין גאָרטן:[2] בן עזאי און בן זומא, אלישע בן אבויה און ר' עקיבא. בן עזאי האָט אַריינגעקוקט און איז אַראָפּ פון זינען, און אויף אים זאָגט דער פסוק (משלי כה, טז): דבש — האָסטו געפונען האָניק, עס וויפיל ס'איז גענוג פאַר דיר.[3] בן זומא האָט אַריינגעקוקט און איז געשטאָרבן,[4] און אויף אים זאָגט דער פסוק (תהלים קטז, טו): יקר — טייער[5] איז אין גאָטס אויגן דער טויט פון זיינע געטריע. אלישע בן אבויה האָט אויסגעהאַקט די פלאַנצן. ווי אַזוי האָט ער אויסגעהאַקט די פלאַנצן? בשעת ער פלעגט אַריינגיין אין שולן און בתי מדרשים און פלעגט זען, ווי קינדער האָבן אַ פעולה אין לערנען, פלעגט ער זיי פאַררעדן מיט ווערטער, און זיי[ערע מיילער] פלעגן פאַרמאַכט ווערן. און אויף אים זאָגט דער פסוק (קהלת ה, ה): אל תתן — זאָלסט ניט לאָזן דיין מויל צו פאַרזינדיקן דיין לייב. ר' עקיבא איז אַריין בשלום און איז אַרויס בשלום; ער האָט געזאָגט: „ס'איז ניט ווייל איך בין גרעסער פון מיינע חברים, נייערט אַזוי האָבן געלערנט די חכמים אין דער משנה:[6] דיינע מעשים וועלן דיך דערנענטערן, דיינע מעשים וועלן דיך דערווייטערן." און אויף אים איז געזאָגט געוואָרן: דער מלך האָט מיך אַריינגעבראַכט אין זיינע קאַמערן.

## כט

ר' ינאי האָט געזאָגט: די תורה האָט ניט געדאַרפט געדרשנט ווערן[1] אַנדערש, נייערט פון (שמות יב, ב) החדש — דער דאָזיקער חודש זאָל אייך זיין — — —;[2] טאַ פאַרוואָס האָט הקדוש ברוך הוא זיי אַנטפּלעקט וואָס [איז באַשאַפן געוואָרן] אין דעם ערשטן טאָג און וואָס אין דעם צווייטן טאָג, ביזן זעקסטן טאָג? אין זכות פון דעם וואָס זיי האָבן געזאָגט (דאָרט כד, ז): כל אשר — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן, האָט ער עס זיי גלייך אַנטפּלעקט.

ר' ברכיה האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (דברים ד, יג): ויגד — און ער האָט אייך געזאָגט זיין בונד, — ויגד, און ער האָט אייך געזאָגט דעם ספר בראשית; [את בריתו],[3] וואָס איז דער אָנהייב פון דער וועלט באַשאַפונג; וואָס ער האָט אייך באַפוילן צו טאָן, די צען געבאָט, דאָס זיינען די עשרת הדברות, — צען פאַר מקרא און צען פאַר תלמוד.[4] וואָרום פון וואַנען וואָלט אליהוא בן ברכאל דער בוזי געקענט קומען און אַנטפּלעקן צו ישראל די סודות[5] פון וואַסערפערד און ליוויתן[6] און פון וואַנען וואָלט יחזקאל געקענט קומען און זיי אַנטפּלעקן די סודות פון דער מרכבה?[7] נייערט דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן: דער מלך האָט מיך אַריינגעבראַכט אין זיינע קאַמערן.[8]

---

ווידערשפעניקט ביים ים; שמות יד, יא־יב; שמות רבה כב, ב. [13] אין במדבר לג, ח־ט, איז די אָרדנונג פון די ערטער אַנדערש.

כח. [1] ירושלמי, חגיגה ב, א; בבלי, חגיגה יד, ב. [2] זיך סאַרטיפּט אין מעשה

## כח

(ד) הביאני המלך חדריו. תמן תנינן: ארבעה נכנסו לפרדס: בן עזאי ובן זומא, אלישע בן אבויה ור׳ עקיבא. בן עזאי הציץ ונפגע, ועליו נאמר (משלי כה): דבש מצאת, אכל דיך. בן זומא הציץ ומת, ועליו נאמר (תהלים קטז): יקר בעיני ה׳ המותה לחסידיו. אלישע בן אבויה קצץ בנטיעות. כיצד קצץ בנטיעות? בשעה שהיה נכנס לבתי כנסיות ומדרשות ורואה תינוקות שמצליחין בתורה, היה אומר עליהון מיליא, ומסתתמין. ועליו נאמר (קהלת ה): אל תתן את פיך לחטיא את בשרך. ר׳ עקיבא נכנס בשלום ויצא בשלום, ואמר: לא מפני שגדול אני מחברי, אלא כך שנו חכמים במשנה: מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך. ועליו נאמר: הביאני המלך חדריו.

## כט

ר׳ ינאי אמר: לא היתה התורה צריכה להדרש, אלא מהחדש הזה לכם; ומפני מה גלה הקב״ה מה ביום ראשון ומה ביום שני, עד יום ששי? בזכות שאמרו (שמות כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, מיד גלה להם. — — —

ר׳ ברכיה אמר: כתיב (דברים ד): ויגד לכם את בריתו,
ויגד לכם את ספר בראשית: [את בריתו] שהוא תחלת
ברייתו של עולם; אשר צוה אתכם לעשות, עשרת הדברים,
אלו עשרת הדברות, עשרה למקרא ועשרה לתלמוד.

וכי מניין יבא אליהוא בן ברכאל הבוזי ויגלה לישראל חדרי בהמות ולויתן, ומניין יבא יחזקאל ויגלה להם חדרי מרכבה? אלא הה״ד: הביאני המלך חדריו.

---

בראשית (וועלט באַשאַפונג) און אין מעשה מרכבה (די הימלישע וועלטן). [3] און ווייטער שטייט דאָרט: טאָמער וועסטו זיך איבערזעטיקן מיט דעם, וועסטו עס אויסברעכן, מע טאָר זיך, הייסט עס, אין אַזעלכע ענינים ניט פאַרטיפן צו פיל. [4] אַזוי איז דער נוסח אין ירושלמי; אין בבלי ווערט דערציילט וועגן די צוויי חכמים פאַרקערט. [5] לויטן דרש. [6] עדיות ה, ז.

כט.. [1] אָנגעהויבן ווערן. [2] אַזוי ווי די תורה איז אַ ספר פון געזעצן האָט זי זיך געדאַרפט אָנהייבן מיט יענעם פסוק, וואו עס ווערט געגעבן דאָס ערשטע פאָרמעלע געזעץ. [3] זיין בונד, געלייענט ווי ברייתו — זיין באַשאַפונג. צוגעגעבן לשם קלאָרקייט. [4] דאָס וואָרט לעשות, צו טאָן, איז אין פלוג איבעריק; ווערט דעריבער דאָס וואָרט צוה, באַפוילן, געדרשנט אויף מקרא, די תורה שבכתב, און לעשות, צו טאָן — אויף תלמוד, די תורה שבעל־פה: די תורה שבכתב מוז אָפגעהיט ווערן לויטן אויסטייטש פון דער תורה שבעל־פה (מהרז״ו). — ר׳ ברכיהס מאמר ווערט דאָ געבראַכט דרך אגב, און נאָך דעם

## ל

(ד) נגילה — מיר וועלן זיין לוסטיק און פריילעך מיט דיר. **צענערליי ווערטער פון שמחה ווערט ישראל גערופן [זיך צו פרייען]:** גילה (**פרייד**), שישה (**פריילעכקייט**), שמחה, רינה, (געזאַנג), פצחה (**פרייד־אויסבראָך**), **צהלה** (**פרייד־אויסגעשריי**), עלצה (לוסטיקייט), עלזה (**פריידיקייט**), חדווה, תרועה (שאַלונג). — גילה (זכריה ט, ט): גילי — פריי זיך זייער, טאָכטער פון ציון. — שישה (ישעיה סא, י): שוש — פרייען טו איך זיך פרייען מיט גאָט. —שמחה (דאָרט סו, י): שמחו — פרייט זיך מיט ירושלים. — רינה (זכריה ב, יד): רני — זינג און פריי זיך, טאָכטער פון ציון. — פצחה (ישעיה נד, א): **פצחי** — ברעך אויס מיט געזאַנג און שריי אויס. — צהלה (דאָרט יב, ו): צהלי — שריי אויס און זינג. — עלצה (שמואל א, ב, א): עלץ — לוסטיק איז מיין האַרץ דורך גאָט. עלזה (תהלים כח, ז): ויעלז — און פריידיק איז מיין האַרץ, און מיט געזאַנג טו איך אים דאַנקען. — חדווה, **ווי דער פסוק זאָגט** (עזרא ו, טז): ועבדו — און געמאַכט האָבן די בני ישראל — — — [די באַנייאונג פון דעם דאָזיקן הויז פון גאָט מיט חדווה]. — תרועה (תהלים צח, ד): הריעו — שאַלט צו גאָט מיט אַ קול פון געזאַנג. **און אַנדערע נעמען אַרויס** תרועה, **און שטעלן אַריין** דיצה, (גערטאַנץ); **דאָס איז ווי אין פסוק** שטייט (איוב מא, יד): ולפניו — און אים פאָראויס צעטאַנצט זיך די אַנגסט, — **צעשפּרינגט זיך ווי דער דאָזיקער פיש.**[1]

## לא

**אַן אַנדער פשט:** נגילה — מיר וועלן לוסטיק און פריילעך זיין מיט דיר, **— דאָרט [1] האָבן מיר געלערנט: אַז אַ מענטש האָט גענומען אַ ווייב און האָט געלעבט מיט איר צען יאָר, און זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט, טאָר ער עס ניט פאַרלאָזן.[2] ר׳ אידי האָט געזאָגט: [מע דערציילט] אַ מעשה וועגן איינער אַ פרוי אין צידון, וואָס האָט געלעבט מיט איר מאַן צען יאָר, און זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט. זיינען זיי געקומען פאַר ר׳ שמעון בן יוחאי — זיי האָבן זיך געוואָלט צעשיידן איינס מיטן צווייטן. האָט ער געזאָגט צו זיי: „ביי אייער לעבן, אַזוי ווי איר האָט זיך באַהאָפטן איינס מיטן צווייטן דורך עסן און טרינקען, אַזוי זאָלט איר זיך ניט אַנדערש פונאַנדערשיידן, נייערט דורך עסן און טרינקען.״ זיינען זיי אַוועק לויט זיין עצה,[3] און האָבן זיך געמאַכט אַ יום־טוב, און אַ גרויסע סעודה געמאַכט, און זי האָט אים אָנגעשיכורט**

---

**קערט זיך דער בעל המדרש אום צום מאמר פון ר׳ ינאי. [5] אין טעקסט „חדרים.״ [6] איוב מ. לויטן תנכישן טעקסט האָט ניט אליהוא אַנטפּלעקט יענע סודות, נייערט דער אייבערשטער אַליין. [7] גאָטס הימלישן רייטוואָגן. [8] ד״ה: אין דער פרשה פון בראשית געפינען זיך פאַרבאָרגן אַלע סודות, וואָס זיינען שפּעטער אַנטפּלעקט געוואָרן דורך די נביאים.**

**ל. [1] וואָס איז געכאַפּט אויף דער ווענדקע.**

**לא. [1] משנה, יבמות ו, ו. [2] נייערט ער דאַרף זי אָפּגטן און חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון פרו ורבו, פּרוכפּערט זיך און מערט זיך**

ל

(ד) נגילה ונשמחה בך. **בעשרה לשונות של שמחה נקראו ישראל:** גילה, שישה, שמחה, רנה, פצחה, צהלה, עלצה, עלזה, חדוה, תרועה. גילה (זכריה ט): גילי מאד, בת ציון. — שישה (ישעיה סא): שוש אשיש בה׳. — שמחה (שם סו): שמחו את ירושלים. — רנה (זכריה ב): רני ושמחי בת ציון. — פצחה [ישעיה נד): פצחי רנה וצהלי. — צהלה (שם יב): צהלי ורני. — עלצה (שמואל א, ב): עלץ לבי בה׳. — עלזה (תהלים כח): ויעלז לבי, ומשירי אהודנו. — חדוה, **שנאמר** (עזרא ו): ועבדו בני ישראל, וגו׳, [בחדוה]. — תרועה (תהלים צח): הריעו לה׳ כל הארץ; **וכתיב** (שם מז): הריעו לאלהים בקול רנה. **ואית דמפקין תרועה ומעיילין דיצה; המד״א** (איוב מא): ולפניו תדוץ דאבה — **מקרטעא, כהדא חפיתא.**

לא

**ד״א:** נגילה ונשמחה בך. **תמן תנינן: נשא אדם אשה ושהה עשר שנים ולא ילדה, אינו רשאי ליבטל. אמר ר׳ אידי: מעשה באשה אחת בצידון, ששהתה עשר שנים עם בעלה ולא ילדה. אתון גבי ר׳ שמעון בן יוחאי — בעיין למשתבקא דין מדין. אמר להון: „חייכון, כשם שנזדווגתם זה לזה במאכל ובמשתה, כך אין אתם מתפרשים אלא מתוך מאכל ומשתה.״ הלכו בדרכיו ועשו לעצמן יום טוב ועשו סעודה גדולה ושכרתו יותר מדאי. כיון שנתישבה דעתו עליו, א״ל: „בתי, ראי כל חפץ טוב שיש לי בבית, וטלי אותו ולכי לבית אביך.״ מה עשתה היא? לאחר שישן רמזה לעבדיה ולשפחותיה ואמרה להם: „שאוהו במטה וקחו אותו והוליכוהו לבית אבא.״ בחצי הלילה נגער משנתיה. כיון דפג חמריה, א״ל: „בתי, היכן אני נתון?״ אמרה ליה: „בבית אבא.״ א״ל: „מה לי לבית אביך?״ אמרה ליה: „ולא כך אמרת**

---

איבער דער מאָס. און אַז ער איז געווען אין אַ גוט געמיט, האָט ער געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, וואו נאָר דו זעסט אַ גוטע זאַך אין מיין הויז, נעם דיר עס און גיי צו דיין פאָטער אַהיים.״ וואָס האָט זי געטאָן? נאָך דעם ווי ער איז איינגעשלאָפן, האָט זי אַ וואונק געטאָן צו אירע קנעכט און דינסטן און זיי געזאָגט: „בעמט אים מיטן בעט, טראָגט אים און ברענגט אים אין מיין פאָטערס הויז.״ אין מיטן נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין ווייַן, אַזוי האָט ער געזאָגט צו איר: „טאָכטער מיינע, וואו בין איך?״ האָט זי אים געזאָגט: „ביים טאַטן אין הויז.״

האָט ער געזאָגט צו איר: „וואָס טו איך אין דיין טאַטנס הויז?" האָט זי אים געזאָגט: „האָסטו מיר ניט אַזוי געזאָגט אין אָוונט: 'וואָס נאָר פֿאַר אַ גוטע זאַך ס'איז פֿאַראַן אין מיין הויז, נעם עס און גיי צו דיין פֿאָטער אַהיים'? איך האָב ניט אויף דער וועלט קיין בעסערע זאַך פֿון דיר." זיינען זיי אַוועק צו ר' שמעון בן יוחאי, און ער האָט זיך געשטעלט און מתפּלל געווען פֿאַר זיי, און זיי זיינען געהאָלפֿן געוואָרן.[4] [קומט די מעשה] דיך צו לערנען: אַזוי ווי הקדוש ברוך הוא העלפֿט עקרות, אַזוי אויך העלפֿן צדיקים עקרות. איז עס דאָך אַ קל־וחומר: מה־דאָך אַ בשר ודם, דערפֿאַר וואָס ער האָט געזאָגט צו אַ בשר ודם זיינס גלייכן: „איך האָב ניט אויף דער וועלט קיין בעסערע זאַך פֿון דיר," זיינען זיי געהאָלפֿן געוואָרן; היינט ישראל, וואָס וואַרטן אויף דער ישועה פֿון הקדוש ברוך הוא אַ יעדן טאָג און זאָגן: „מיר האָבן ניט אויף דער וועלט קיין בעסערע זאַך פֿון דיר," — אוודאי און אוודאי! דאָס מיינט [דער פּסוק]: נגילה — מיר וועלן זיין לוסטיק און פֿריילעך מיט דיר.

[ס'איז געגליכן צו] אַ האַרינטע, וואָס איר מאַן דער מלך און אירע זין און איידעמס זיינען אַוועק אויף יענער זייט ים. איז מען געקומען צו איר און געזאָגט: „דיינע זין זיינען געקומען." האָט זי געזאָגט: „וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן? זאָלן זיך מיינע שניר פֿרייען." אַז אירע איידעמס זיינען געקומען, האָט מען איר געזאָגט: „דיינע איידעמס זיינען געקומען." האָט זי געזאָגט: „וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן? זאָלן זיך מיינע טעכטער פֿרייען." האָט מען איר געזאָגט: „דיין מאַן דער מלך איז געקומען." אַזוי האָט זי געזאָגט: „דאָס איז די אמתע שמחה, פֿרייד איבער פֿרייד." אַזוי וועלן לעתיד לבוא קומען די נביאים און זאָגן צו ירושלים (ישעיה ס, ד): בניך — דיינע זין קומען אָן פֿון דער ווייט; וועט זי זיי זאָגן: „וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן? [(תהלים מח, יב): תגלנה — זאָלן זיך פֿרייען די טעכטער פֿון יהודה]".[5] „און דיינע טעכטער וועלן אויף דער זייט געטראָגן;" וועט זי זאָגן: „וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן? [ישמח — זאָל זיך פֿרייען דער באַרג ציון]".[5] ווי באַלד אָבער זיי וועלן איר זאָגן (זכריה ט, ט): הנה מלכך — אָן קומט דיין מלך צו דיר, אַ גערעכטער און אַ זיגער איז ער, אַזוי וועט זי זאָגן: „דאָס איז די אמתע שמחה!", ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט): גילי — פֿריי זיך זייער, טאָכטער פֿון ציון; און נאָך שטייט געשריבן (דאָרט ב, יד): רני — זינג און פֿריי זיך, טאָכטער פֿון ציון. דעמאָלט וועט זי זאָגן (ישעיה סא, י): שוש — פֿרייען טו איך זיך פֿרייען מיט גאָט, מיין זעל איז לוסטיק מיט מיין גאָט.

## לב

אַן אַנדער פּשט: נגילה — מיר וועלן לוסטיק און פֿריילעך זיין מיט דיר. — ר' אבין האָט אָנגעהויבן [מיטן פּסוק] (תהלים קיח, כד): זה היום — דאָס איז דער טאָג וואָס גאָט האָט געמאַכט, לאָמיר לוסטיק זיין און זיך פֿרייען מיט[1] אים. האָט ר' אבין געזאָגט: מיר ווייסן ניט מיט וואָס זיך צו פֿרייען, צי מיטן טאָג, צי מיט גאָט. איז געקומען שלמה און האָט באַשיידט: מיר

לי בערב: ׳כל חפץ טוב שיש בביתי טלי אותו ולכי לבית אביך׳? אין חפץ טוב לי בעולם יותר ממך.״ הלכו להם אצל ר׳ שמעון בן יוחאי, ועמד והתפלל עליהם, ונפקדו. ללמדך: מה הקב״ה פוקד עקרות, אף צדיקים פוקדים עקרות. והרי דברים קל־וחומר: ומה אם בשר ודם, על שאמר לבשר ודם שכמותו: ״אין לי חפץ בעולם טוב ממך,״ נפקדו; ישראל, המחכים לישועת הקב״ה בכל יום ואומרים: ״אין לנו חפץ טוב בעולם אלא אתה,״ — עאכ״ו! הוי: נגילה ונשמחה בך.

למטרונה שהלך המלך בעלה ובניה וחתניה למדינת הים. ובאו ואמרו לה: ״באו בניך.״ אמרה: ״מה איכפת לי? תשמחנה כלותי.״ כיון שבאו חתניה, אמרו לה: ״באו חתניך.״ אמרה: ״מה איכפת לי? תשמחנה בנותי.״ אמרו לה: ״בא המלך בעליך.״ אמרה: ״האי חדותא שלימה, חדו על חדו!״ כך לעתיד לבא באין הנביאים ואומרים לירושלים (ישעיה ס): בניך מרחוק יבאו; והיא אומרת להם: ״מה איכפת לי? [(תהלים מח, יב) תגלנה בנות יהודה].״ ״ובנותיך על צד תאמנה;״ אמרה: מה איכפת לי? [ישמח הר ציון].״ כיון שאמרו לה (זכריה ט): הנה מלכך יבא לך, צדיק ונושע, אמרה: ״הא חדותא שלימה,״ דכתיב (שם): גילי מאד, בת ציון, וכתיב (שם ב): רני ושמחי, בת ציון. באותה שעה היא אומרת (ישעיה סא): שוש אשיש בה׳. תגל נפשי באלהי.

## לב

ד״א: נגילה ונשמחה בך, — ר׳ אבין פתח (תהלים קיח): זה היום עשה ה׳, נגילה ונשמחה בו. א״ר אבין: אין אנו יודעין במה לשמוח, אם ביום, או בהקב״ה. בא שלמה ופירש: נגילה ונשמחה בך — בהקב״ה: ״בך״ — בישועתך, ״בך״ — בתורתך, ״בך״ — ביראתך. א״ר יצחק: ״בך״ בכ״ב אותיות שכתבת לנו בתורה: בי״ת — שנים, כ״ף — עשרים, הרי: ״בך.״

---

וועלן לוסטיק און פריילעך זיין מיט דיר — מיט הקדוש ברוך הוא: ״מיט דיר״ — מיט דיין הילף, ״מיט דיר״ — מיט דיין תורה, ״מיט דיר״ — מיט דיין פאָרכטיקייט. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: ״בך״ — מיט די צוויי און צוואַנציק אותיות, וואָס מיט זיי האָסטו אונדז די תורה געשריבן: בית איז צוויי, כף איז צוואַנציק, איז האָסטו ״בך.״

---

(בראשית א, כח). [3] ווערטערלעך: אין זיינע וועגן. [4] בוכשטעבלעך: געדאַכט געוואָרן,

## לג

(ד) נזכירה — מיר וועלן דערמאָנען דיין ליבשאַפט דורך[1] וויין, דורכן וויין פון דער תורה, אַ שטייגער [ביים לערנען] די דינים פון פסח אום פסח, די דינים פון שבועות אום שבועות, די דינים פון סוכות[2] אום סוכות. אַן אַנדער פשט: מיר וועלן דערמאָנען דיין ליבשאַפט דורך וויין, דורכן וויין פון די אבות; וואָס האָט געטאָן פאַר דיר אדם הראשון?[3] ווער האָט געטאָן פאַר דיר ווי יעקב?

## לד

(ד) מישרים — רעכטפאַרטיק האָבן זיי דיך ליב געהאַט — ווי רעכט־פאַרטיק זייַנען דייַנע באַליבטע,[1] ווי שטאַנדהאַפטיק זייַנען דייַנע באַליבטע! ר׳ איבו האָט געזאָגט: מיט גרויס רעכטפאַרטיקייט האָבן אונדזערע אבות געטאָן פאַר דיר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן. ר׳ חנין האָט געזאָגט (בראשית כב, טז): כי יען — ווייל דו האָסט געטאָן די דאָזיקע זאַך, — דער צענטער ניסיון איז עס דאָך שוין געווען,[2] און דו רופסט עס „זאַך!"[3] ביי'ערט, ווען ער וואָלט ניט גענומען אויף זיך די דאָזיקע זאַך, וואָלט ער שאָדן געהאַט און פאַרלוירן אַלע פריערדיקע; דאָס מיינט רעכטפאַרטיק האָבן זיי דיך ליב געהאַט.

## לה

(ה) שחורה — שוואַרץ בין איך, אָבער שיין, שוואַרץ בין איך מיט מייַנע מעשים, אָבער שיין מיט די מעשים פון מייַנע אבות.

שוואַרץ בין איך, אָבער שיין, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט: שוואַרץ בין איך פאַר זיך,[1] אָבער שיין בין איך פאַר מיין באַשעפער, ווי אין פסוק שטייט (עמוס ט, ז): הלא — פאַרוואָר, אַזוי ווי קינדער פון די כושים זענט איר מיר, קינדער פון ישראל: ווי קינדער פון די כושים[2] זענט איר פאַר זיך, אָבער פאַר מיר זענט איר ווי קינדער פון ישראל,[3] זאָגט גאָט. אַן אַנדער פשט: שוואַרץ בין איך געווען אין מצרים, אָבער אויך שיין בין איך געווען אין מצרים. שוואַרץ בין איך געווען אין מצרים (יחזקאל כ, ח): וימרו —

---

דער אייבערשטער האָט זיך דערמאָנט אָן זיי. [5] צוגעגעבן לויט ורטהימר, בתי מדר־שות א, שמט.

לב. [1] לויטן דרש.

לג. [1] לויטן דרש. [2] סתם חג (יום טוב) מיינט סוכות. [3] איידער ער האָט געזינ־דיקט (מהרז"ו). דער בייט אין נוסח (וואָס האָט געטאָן"... "ווער האָט געטאָן אַזוי ווי...") לאָזט אָבער אויך צו אַן אַנדער מעגלעכקייט: דער בעל המדרש זאָל דאָ מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אדמען, וואָס האָט זיין איינציקן נסיון ניט געקענטביישטיין, און די אבות וואָס זייַנען בייגעשטאַנען אַלע זייערע ניסיונות. אין ילקוט שמעוני אויף דעם פסוק ווערט אדם הראשון ניט דערמאָנט.

לד. [1] די אבות — לויט בראשית רבה סה, טו, טעאָדאָר אַלבעק: כמה רחמין הוו ליה — וויפיל פריינד האָט ער געהאַט — — —, און אַזוי איז אויך דער נוסח אין ילקוט שמעוני, בראשית קטו (אין אַנדערע בראשית רבה אויסגאַבעס איז דער נוסח רחימין). [2] די עקידה. [3] אין איינצאָל. — וועגן די צען נסיונות זע ברטנורא, אבות ה, ג. בהרחבה ווערן זיי אויסגערעכנט אין פרקי דר׳ אליעזר, כו—לא.

### לג

(ד) נזכירה דודיך מיין, מיינה של תורה, כגון הלכות פסח בפסח, הלכות עצרת בעצרת, הלכות חג בחג. ד"א: נזכירה דודיך מיין, מיין של אבות: מה פעל לפניך אדם הראשון? מי פעל לפניך כאברהם? מי פעל לפניך כיצחק? מי פעל לפניך כיעקב?

### לד

(ד) מישרים אהבוך — מה ישריין רחמיך, מה תקיפין אינון רחמיך! אמר ר' אייבו: מישרות גדולות פעלו אבותינו לפניך כל שפעלו. אמר ר' חנין (בראשית כב): כי יען אשר עשית את הדבר הזה, — נסיון עשירי היה, ואת קורא אותן „דבר"? הא אילו לא קבל עליו הדבר הזה, היה מפסיד ומאבד כל הראשונים; הוי: מישרים אהבוך.

### לה

(ה) שחורה אני ונאוה, שחורה אני במעשי ונאוה במעשי אבותי.

שחורה אני ונאוה, — אמרה כנסת ישראל: שחורה אני בפני עצמי ונאוה אני בפני קוני, דכתיב (עמוס ט): הלא כבני כושיים אתם לי, בני ישראל — כבני כושיים אתם בפניכם, אבל אתם לי כבני ישראל, נאם ה'. ד"א: שחורה אני במצרים ונאוה אני במצרים. שחורה אני במצרים (יחזקאל כ): וימרו בי ולא אבו לשמוע אלי; ונאוה אני במצרים בדם הפסח ובדם המילה, דכתיב (שם טז): ואעבר עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואמר לך: בדמיך חיי, זה דם הפסח, ואמר לך: בדמיך חיי, זה דם המילה. ד"א:

---

און זיי האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר, און האָבן ניט געוואָלט זיך צוהערן צו מיר; אָבער אויך שיין בין איך געווען אין מצרים מיטן בלוט פון קרבן פּסח און מיטן בלוט פון מילה,[4] ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט טז, ו): ואעבר — און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר, און האָב דיך געזען זיך וואַל־גערן אין דיין בלוט, און איך האָב געזאָגט צו דיר: אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן, דאָס איז דאָס בלוט פון קרבן פּסח; און איך האָב געזאָגט צו דיר: אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן, דאָס איז דאָס בלוט פון מילה.[5] אַן אַנדער פּשט:

---

לה. [1] אין מיינע אויגן. [2] שוואַרצע. [3] דער פּסוק ווערט דאָ געטיילט אין צוויי העלפטן, און דאָס וואָרט אתם, איר, ווערט געלייענט סיי מיט דער ערשטער העלפט, סיי מיט דער צווייטער. [4] זע יהושע ה' ה: כי מולים — וואָרום געמלעט איז געווען דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען (פון מצרים); זע אויך בבלי, כריתות ט, א. [5] דער

**שוואַרץ בין איך געווען ביים ים, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קו, ז): וימרו — און זיי האָבן ווידערשפעניקט ביים ים, ביים ים־סוף; **אָבער אויך שיין בין איך געווען ביים ים, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות טו, ב): זה אלי — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען.[6] — **שוואַרץ בין איך געווען אין מרה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, דאָרט, כד): וילונו העם—און דאָס פאָלק האָט געמורמלט קעגן משהן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זאָלן מיר טרינקען? **אָבער אויך שיין בין איך געווען אין מרה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, דאָרט, כה): ויצעק — האָט ער געשריען צו גאָט; האָט גאָט אים אָנגעוויזן אַ בוים, און ער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, און דאָס וואַסער איז זיס געוואָרן. — **שוואַרץ בין איך געווען אין רפידים, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יז, ז): ויקרא — און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם אָרט מסה ומריבה;[7] **אָבער אויך שיין בין איך געווען אין רפידים, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, דאָרט, טו): ויבן משה — און משה האָט געבויט אַ מזבח און האָט גערופן זיין נאָמען ה׳ נסי.[8] — **שוואַרץ בין איך געווען ביים באַרג חורב, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קו, יט): יעשו — זיי האָבן געמאַכט אַ קאַלב ביים חורב; **אָבער אויך שיין בין איך געווען ביים חורב, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן.

**שוואַרץ בין איך געווען אין מדבר, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים עח, מ): כמה — וויפיל האָבן זיי אים ווידערשפעניקט אין מדבר; **אָבער אויך שיין בין איך געווען אין מדבר ביים אויפשטעלן דעם משכן, ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר ט, טו): וביום — און אין דעם טאָג וואָס מע האָט אויפגעשטעלט דעם משכן. — **שוואַרץ בין איך געווען מיט די מרגלים, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יג, לב): ויוציאו — און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט שלעכטע רייד אויפן לאַנד; **אָבער אויך שיין בין איך געווען מיט די מרגלים, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט לב, יב): בלתי — חוץ כלב בן יפונה, דער קניזי, און יהושע בן־נון.[9] — **שוואַרץ בין איך געווען אין שיטים, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כה, א): וישב ישראל — און ישראל איז געזעסן אין שיטים [און דאָס פאָלק האָט גענומען מזנה זיין מיט די טעכטער פון מואב]; **אָבער אויך שיין בין איך געווען אין שיטים, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קו, ל): ויעמד — און פינחס האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געטאָן אַ משפט.[10] — **שוואַרץ בין איך געווען מיט עכנען, ווי דער פסוק זאָגט** (יהושע ז, א): וימעלו — און די בני ישראל האָבן געפעלשט אַ פעלשונג אין דעם חרם; **אָבער שיין בין איך געווען מיט יהושען, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, דאָרט, יט): ויאמר יהושע — און יהושע האָט געזאָגט צו עכנען: מיין זון, גיב, איך בעט, כבוד [צו גאָט]. — **שוואַרץ בין איך געווען מיט די מלכים פון ישראל,[11] אָבער שיין בין איך געווען מיט די מלכים פון יהודה.[12]**

לו

(ה) שחורה — שוואַרץ בין איך [אָבער שיין], — **ס׳רעדט זיך וועגן אחאבן,[1] ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, כא, יז): ויהי — און ס׳איז געווען,

**שחורה אני בים, שנאמר** (תהלים קו): וימרו על ים בים סוף; **ונאוה אני בים, שנאמר** (שמות טו): זה אלי ואנוהו. — **שחורה אני במרה, שנאמר** (שם): וילונו העם על משה לאמר: מה נשתה? **ונאוה אני במרה, שנאמר** (שם): ויצעק אל ה׳, ויורהו ה׳ עץ וישלך אל המים וימתקו המים. — **שחורה אני ברפידים, שנאמר** (שם יז): ויקרא שם המקום מסה ומריבה; **ונאוה אני ברפידים, שנאמר** (שם): ויבן משה מזבח ויקרא שמו: ה׳ נסי. — **שחורה אני בחורב, שנאמר** (תהלים קו): יעשו עגל בחורב; **ונאוה אני בחורב, שנאמר** (שמות כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע.

**שחורה אני במדבר, שנאמר** (תהלים עח): כמה ימרוהו במדבר; **ונאוה אני במדבר בהקמת המשכן, שנאמר** (במדבר ט): ביום הקים המשכן. — **שחורה אני במרגלים, שנאמר** (שם יג): ויוציאו דבת הארץ; **ונאוה אני במרגלים, שנאמר** (שם לב): בלתי כלב בן יפונה הקנזי ויהושע בן־נון. — **שחורה אני בשטים, שנאמר** (שם כה): וישב ישראל בשטים [ויחל העם לזנות אל בנות מואב]; **ונאוה אני בשטים, שנאמר** (תהלים קו): ויעמוד פינחס ויפלל. — **שחורה אני בעכן, שנאמר** (יהושע ז): וימעלו בני ישראל מעל בחרם; **ונאוה אני ביהושע, שנאמר** (שם) ויאמר יהושע אל עכן: בני, שים נא כבוד. — **שחורה אני במלכי ישראל, ונאוה אני במלכי יהודה. (אם בשחורים שהיו לי, כך אני נאוה, בנביאים שלי — עאכ״ו!)**

## לו

(ה) שחורה אני — **מדבר באחאב, שנאמר** (מלכים א, כא): ויהי כשמוע אחאב את הדברים האלה, ויקרע בגדיו, וגו׳ ויצום, וגו׳,

---

ווען אחאב האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער צעריסן זיינע קליי־דער — — — און האָט געפאַסט — — — און איז אומגעגאַנגען שטיל.

---

דרש איז געבויט אויף דער איבערחזרונג פון דער פראַזע. [6] און דאָס איז געווען אַ זכות פאַר ישראל. אַנדערע ווילן טייטשן ואנוהו — און איך וועל זיין שיין פאַר אים (סיימאָן, סאָנטשינאָ). [7] פּרוואוואונג און קריג. [8] גאָט איז מיין פאָן. [9] וואָס האָבן גערעדט גוטע רייד אויפן לאַנד. [10] פאַרגלייך במדבר כה, ד־ח. [11] וואָס וועגן אזעלעכן פון זיי דערציילט דער פסוק שלעכטס. [12] וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען צדיקים — דאָ קומט אין די טעקסטן דאָס ווייטערדיקע: אויב מיט די שוואַרצע מיינע בין איך געווען אַזוי שיין, מיט די נביאים מיינע — אוודאי און אוודאי! אָבער דאָ איז די דאָזיקע מימרא ניט אין פלאַץ. אין הסכם מיטן יפה קול און מיטן רד״ל (השמטות) האָבן מיר עס גע־שטעלט, מיט דער נויטיקער קאָרעקציע, אין ווייטערדיקן סימן.

לו. [1] וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ מלך רשע, אָבער לסוף האָט ער תשובה געטאָן,

ווי לאַנג האָט ער געפאַסט? ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דריי שעה. אויב ער איז געווען געוואוינט צו עסן אויף דער דריטער שעה,[2] האָט ער געגעסן אויף דער זעקסטער; און אויב ער פלעגט עסן אויף דער זעקסטער, האָט ער געגעסן אויף דער ניינטער. וישכב — און ער איז געלעגן אין זאַק־קלייד און איז אומגעגאַנגען שטיל, — ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט, אַז ער איז אומגעגאַנגען באָרוועס. ביי יהורמען וואָס שטייט? (מלכים ב, ו, ל) וירא העם — האָט דאָס פאָלק דערזען, ערשט זאַק איז אויף זיין לייב פון אונטן. [אויב מיט די שוואַרצע מיינע בין איך געווען אַזוי שיין, מיט די שיינע מיינע — אוודאי און אוודאי!] [3]

ר׳ לוי בר תיתא האָט געזאָגט אויף דעם דריי באַשיידן: שוואַרץ בין איך אַלע טעג פון דער וואָך, אָבער שיין בין איך אום שבת; שוואַרץ בין איך אַלע טעג פונעם יאָר, אָבער שיין בין איך אום יום כיפור; שוואַרץ בין איך מיט די עשרת השבטים,[4] אָבער שיין בין איך מיטן שבט יהודה און בנימין;[5] שוואַרץ בין איך אויף דער וועלט, אָבער שיין בין איך אויף יענער וועלט.[6]

## לז

(ה) בנות — טעכטער פון ירושלים. די רבנן האָבן געזאָגט: לייען ניט בנות ירושלים, נייערט „בונות ירושלים,״ די בויערס פון ירושלים,[1] דאָס איז דער גרויסער סנהדרין פון ישראל, וואָס [זייבע חכמים] זיצן און גיבן צו פאַרשטיין [2] ביי יעדער שאלה און משפט. אַן אַנדער פשט: טעכטער פון ירושלים — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ירושלים איז אָנגעברייט צו ווערן די קרוינשטאָט פאַר אַלע מדינות, און זי וועט צוציען [די פעלקער] צו זיך ווי אַ שטראָם פון איר כבוד וועגן, ווי דער פסוק זאָגט (יהושע טו, מז): אשדוד — אשדוד, אירע טעכטערשטעט און אירע דערפער; עזה, אירע טעכטערשטעט און אירע דערפער, ביז דעם טייך פון מצרים.[3] דאָס איז [אויך אַנדערש וואו] [4] די מיינונג פון ר׳ יוחנן, וואָרום ר׳ יוחנן האָט גע־זאָגט: עס שטייט געשריבן (יחזקאל טז, סא): ונתתי אתהן — און איך וועל

---

ווי ווייטער (און אַזוי אויך ביי יהורמען). [2] ניין אַזייגער, רעכענענדיק דעם טאָג פון זעקס ביז זעקס. [3] זע אויבן, סימן לה, באָם. 12. — אין איינקלאַנג מיט מפרשים (מהרז״ו, רד״ל), האָבן מיר געביטן דאָס וואָרט „בנביאים״ (מיט די נביאים) אויף „בנאוים״ (מיט די שיינע), און דער געדאַנק פון דער מימרא איז: אויב מיט אַזעלכע מלכים פון ישראל ווי אחאב און יהורם בין איך שיין, בין איך דאָך מיט די מלכים פון יהודה אוודאי און אוודאי שיין! (אַזוי איז אויך דער נוסח אין בתי מדרשות, ורטהימר, א, שנ.) [4] וואָס זייערע מלכים זיינען געווען זינדיק. [5] מיט זייערע גאָטספאָרכטיקע מלכים. [6] צוזאַמען זיינען דאָ פאַראַן פיר באַשיידן. אין ילקוט שמעוני אויף דעם פסוק איז דער דריטער באַשייד ניטאָ, איז מעגלעך, אַז דאָ איז ער אַ שפעטערער צוגאָב, אָדער מע דאַרף בייטן דריי אויף פיר.

לז. [1] פאַרגלייך בבלי, ברכות, סד: וכל בניך — און אַלע דיינע קינדער (ישעיה נד, יג) — לייען ניט „בניך,״ נייערט „בוניך,״ דיינע בויערס. [2] מבינין — אָנשפיל אויף בנות — בונות. [3] אין די טעקסטן איז דאָ אַריינגעפאַלן אַ גרייז: אָנשטאָט עד נחל מצרים שטייט דאָ עד לשע (וואָס געפינט זיך אין בראשית י, יט). דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט צו ווייזן, אַז בנות, טעכטער, קאָן אויך מיינען טעכטער־שטעט. [4] תנחומא באבער,

ויהלך אט. כמה נתענה? ר׳ יהושע בן לוי אמר: ג׳ שעות. אם היה למוד לאכול סעודתו בשלש שעות, אוכל בשש; ואם היה אוכל בשש, אוכל בתשע. וישכב בשק ויהלך אט. — ר׳ יהושע בן לוי אמר, שהלך יחף. ביהורם מה כתיב? (מלכים ב, ו): וירא העם, והנה השק על בשרו מבית. [אם בשחורים שהיו לי — כך, (בנביאים) [בנאוים] שלי — עאכ״ו!]

ר׳ לוי בר חיתא אמר בה ג׳ שיטין: שחורה אני כל ימות השבוע, ונאוה אני בשבת; שחורה אני כל ימות השנה, ונאוה אני ביום הכפורים; שחורה אני בעשרת השבטים, ונאוה אני בשבט יהודה ובנימין; שחורה אני בעולם הזה, ונאוה אני לעולם הבא.

## לז

(ה) בנות ירושלים. אל תקרי בנות ירושלים, אלא „בונות ירושלים,״ זו סנהדרי גדולה של ישראל, שיושבין ומבינין אותן בכל שאלה ומשפט. ד״א: בנות ירושלים — א״ר יוחנן: עתידה ירושלים להעשות מטרפולין לכל המדינות, ולהמשיך כנהר אליה לכבודה, כמד״א (יהושע טו): אשדוד, בנותיה וחצריה; עזה, בנותיה וחצריה עד (לשע) [נחל מצרים]. היא דעתיה דר׳ יוחנן, דאמר ר׳ יוחנן: כתיב (יחזקאל טז): ונתתי אתהן לך לבנות, ולא מבריתך, — מהו לבנות? לכופרנין; ולא מבריתך, לא מן פרניך, אלא מן פרנין דידי.

ר׳ ביבי משום ר׳ ראובן אמר (ישעיה נד): רני עקרה, — הא רנה? עקרותא היא! אלא רני עקרה, שלא ילדה בנים לגיהנם.

---

זיי דיר געבן פאַר טעכטער, אָבער ניט פון וועגן דיין בונד. וואָס מיינט פאַר טעכטער? פאַר דערפער;[5] אָבער ניט פון וועגן דיין בונד, ניט פון דיין נדן,[6] נייערט פון מיין נדן.[7]

ר׳ ביבי האָט אין נאָמען פון ר׳ ראובן געזאָגט (ישעיה נד, א): רני — זינג, דו עקרה, — וואָס פאַר אַ געזאַנג איז עס? זי איז דאָך אַן עקרה! נייערט זינג, דו עקרה, וואָס זי האָט ניט געבאָרן קיין קינדער פאַרן גיהנום.[8]

---

דברים, הוספה ג. [5] אָדער טעכטער־שטעט. [6] די „נכסי צאן ברזל״ („דאָס אייגנטום פון אייזערנע שאָף״ — דער פרויס אַריינגעבראַכטער פאַרמעגן, וואָס מען קאָן נאָר האָבן הכנסה פון דעם, דער קרן אָבער געהערט אַלעמאָל דער פרוי) — די לענדער און שטעט, וואָס וועלן לויט יענעם פסוק פון יחזקאל אַרונטערפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון ירושלים, קומען צו איר נאָר דורך גאָטס חסד. [7] אָדער כתובה — אַ ספּעציעלער צוגאָב

ר׳ ברכיה האָט אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן געזאָגט: ישראל איז געגליכן צו אַ ווייבספּאַרשוין; אַזוי ווי אַ ווייבספּאַרשוין נעמט אַ צענטל פון איר פּאַטערס פאַרמעגן און גייט אַרויס,[9] אַזוי אויך האָט ישראל געירשנט דאָס לאַנד פון זיבן פעלקער,[10] וואָס איז אַ צענט־חלק פון די זיבעציק אומות. און דערפאַר וואָס ישראל האָט געירשנט ווי אַ ווייבספּאַרשוין, האָבן זיי געזאָגט שירה אויף לשון נקבה, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות טו, א): אָז — דעמאָלט האָט משה און די בני ישראל געזונגען דאָס דאָזיקע געזאַנג[11] צו גאָט. אָבער לעתיד לבוא זיינען זיי אָנגעברייט צו ירשענען ווי אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס ירשנט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין פאָטער; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (יחזקאל מח, ז; א־ב): פון מזרח זייט ביז מערב זייט יהודה, איין חלק — — — דן, איין חלק — — — אשר, איין חלק, און אַזוי אַלע. און זיי וועלן זאָגן [שירה] אויף לשון זכר, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים צו, א): שירו — זינגט צו גאָט אַ נײַ געזאַנג — דאָ שטייט ניט „שירה חדשה,״ נייערט שיר חדש.[13] ר׳ ברכיה און ר׳ יהושע בן לוי: פאַרוואָס איז ישראל געגליכן צו אַ ווייבספּאַרשוין? אַזוי ווי אַ ווייבספּאַרשוין ווערט באַלאָדן און אויסגעלאָדן, ווערט באַלאָדן און אויסגעלאָדן, און לאָדט זיך ווידער אויס, און ווערט שוין מער ניט באַלאָדן; אַזוי אויך ווערט ישראל פאַרקנעכטיקט און אויסגעלייזט, פאַרקנעכטיקט און אויסגעלייזט, און ווידער אַ מאָל וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן, און וועלן שוין קיין מאָל מער ניט פאַרקנעכטיקט ווערן. איז אויף דער וועלט, כל־זמן זייער צרה איז ווי די צרה פון אַ ווייבספּאַרשוין אַ געווינערין, זאָגן זיי שירה אויף לשון נקבה; אויף יענער וועלט אָבער, דערפאַר וואָס זיי וועלן די צרה פון אַ געווינערין ניט האָבן מער, וועלן זיי זאָגן שירה אויף לשון זכר. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (ישעיה כו, א): ביום ההוא — אין יענעם טאָג וועט געזונגען ווערן דאָס דאָזיקע געזאַנג.[14]

## לח

(ה) כאהלי — ווי די געצעלטן פון קדר, — אַזוי ווי די געצעלטן פון קדר, כאָטש פון דרויסן זעען זיי אויס מיאוס און שוואַרץ און שמאַטעדיק, אָבער אינעווייניק זיינען זיי [אויסגעצירט מיט] טייערע שטיינער און פּערל; אַזוי אויך די תלמידי חכמים, כאָטש אויף דער וועלט זעען זיי אויס מיאוס און שוואַרץ, אָבער אינעווייניק פאַרמאָגן זיי תורה, פּסוק, משנה, מדרש און הלכות, תלמוד, תוספתות און אגדתאס. איי, אַזוי ווי די געצעלטן פון קדר ווערן קיין מאָל ניט געוואַשן,[1] זאָל איך מיינען, אַז ישראל איז אויך אַזוי?

---

צו דער געווײנלעכער כתובה. — מיר האָבן דאָ געטייטשט לויטן דרש, ניט לויטן פּשט (זע רש״י). [8] פאַרגלייך ברכות י, א: ווייטער שטייט: כי רבים — וואָרום די קינדער פון דער וויסטער זיינען מער ווי די קינדער פון דער באַמאַנטער, — ירושלים, הייסט עס, וועט האָבן קינדער, אָבער ניט קיין רשעים, וואָס זאָלן פאַרלוירן ווערן אין גיהנום, און אין דעם זין איז זי אַן עקרה. [9] עס רעדט זיך וועגן אַ יתומה וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון אירע ברידער, — אויב זי גייט אַוועק און האָט חתונה, באַקומט זי אַ צענטל פון דער ירושה (כתובות סח, א). [10] דברים ז, א. [11] השירה, לשון נקבה. [12] דן געפינט זיך אין פּסוק א, אשר אין פּסוק ב. [13] לשון זכר. [14] שיר, לשון זכר.

ר׳ ברכיה בשם ר׳ שמואל בר נחמן אמר: נמשלו ישראל כנקבה; מה נקבה זו נוטלת עישור נכסים מאביה ויוצאה, כך ירשו ישראל ארץ שבעה עממים, שהוא עישור שבעים אומות. ועל ידי שירשו ישראל כנקבה, אמרו שירה בלשון נקבה, שנאמר (שמות טו): אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה׳. אבל לעתיד לבוא הן עתידין לירש כזכר, היורש לכל נכסי אביו; הה״ד (יחזקאל מח): מפאת קדים עד פאת ימה יהודה אחד — — — דן אחד — — — אשר אחד, וכלהון כך. והן אומרין בלשון זכר שנאמר (תהלים צו): שירו לה׳ שיר חדש, „שירה חדשה" אין כתיב, אלא שיר חדש. ר׳ ברכיה ור׳ יהושע בן לוי: למה נמשלו ישראל כנקבה? מה נקבה זו טוענת ופורקת, טוענת ופורקת, וחוזרת ופורקת, ושוב אינה טוענת; כך ישראל משתעבדין ונגאלין, משתעבדין ונגאלין, וחוזרין ונגאלין, ושוב אין משתעבדין לעולם. בעולם הזה, על ידי שצרתן צרת נקבה יולדת, הן אומרים שירה לפניו בלשון נקבה; אבל לעולם הבא, על ידי שצרתן אין צרת יולדת, הן אומרים שירה בלשון זכר. הה״ד (ישעיה כו): ביום ההוא יושר השיר הזה.

לח

(ה) כאהלי קדר, — מה אהלי קדר, אעפ״י שנראין מבחוץ כעורים ושחורים וסמרטוטין, והן מבפנים אבנים טובות ומרגליות; כך תלמידי חכמים, אעפ״י שנראין כעורים ושחורים בעולם הזה, אבל בפנים יש בהם תורה, מקרא, משנה, מדרשות והלכות, תלמוד, תוספתות ואגדות. אי מה אהלי קדר אין צריכין תכבוסת, יכול אף ישראל כך? תלמוד לומר: כיריעות שלמה, — מה יריעות שלמה זו מתלכלכת ומתכבסת, וחוזרת ומתלכלכת ומתכבסת; כך ישראל, אעפ״י שמתלכלכין בעונות כל ימות השנה, יום הכפורים בא ומכפר עליהם, שנאמר (ויקרא טז): כי ביום

---

לערנט אונדז דער פסוק: ווי די פאָרהאַנגען פון שלמהן, — אַזוי ווי דער דאָזיקער פאָרהאַנג פון שלמהן ווערט קויטיק און וואַשט זיך אויס, ווערט ווידער אַ מאָל קויטיק און וואַשט זיך אויס; אַזוי אויך ישראל, כאָטש דורך אַלע טעג פונעם יאָר ווערן זיי קויטיק פון זינד, קומט אָבער דער טאָג פון יום כיפור און איז מכפר אויף זיי, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, ל): כי —

---

לח. [1] איבערגעזעצט לויטן נוסח פון שמות רבה כג, י (ראָם): אין להן תכבוסת.

וואָרום אין דעם דאָזיקן טאָג וועט מען מכפּר זיין אויף אייך, און ווידער שטייט געשריבן (ישעיה א, יח): אם — אויב אייערע זינד וועלן ווי קאַרמין זיין, וועלן זיי ווי שניי ווייס ווערן. איי, אַזוי ווי די געצעלטן פון קדר ווערן אומגעטראָגן פון אָרט צו אָרט, זאָל איך מיינען, אַז אויך ישראל איז אַזוי? לערנט אונדז דער פּסוק: ווי די פאָרהאַנגען פון שלמהן, — אַזוי ווי די פאָר־האַנגען פון דעם וואָס דער שלום איז ביי אים,[2] דער וואָס האָט געזאָגט און די וועלט איז געוואָרן, וואָס פון זינט ער האָט זיי אַנגעצויגן האָבן זיי זיך נאָך פון אָרט ניט גערירט.[3] ר׳ אליעזר בן יעקב האָט געלערנט: (דאָרט לג, כ): אהל — אַ געצעלט ניט אָוועקגערוקט צו ווערן, — ניט אַרויסצוציִען און ניט צו באַוועגן זיך.[4]

אַזוי ווי די געצעלטן פון קדר האָבן ניט אויף זיך קיין יאָך פון קיינעם ניט, אַזוי אויך וועט ישראל לעתיד לבוא ניט האָבן קיינעמס יאָך אויף זיך. ר׳ חייא האָט געלערנט (ויקרא כו, יג): ואולך — און איך וועל אייך פירן[5] אויפגעריכט, מיט אַן אויסגעגלייכטן שטעל, אַז זיי וועלן פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. ר׳ יודן זאָגט: פּונקט ווי יוסף, — אַזוי ווי יוסף איז פאַר־קויפט געוואָרן צו די געצעלטן פון קדר, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית לז, כח): וימכרו — און זיי האָבן פאַרקויפט יוספן צו די ישמעאלים,[6] און ער האָט שפּעטער אָפּגעקויפט זיינע קויפערס, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט מז, כ): ויקן יוסף — און יוסף האָט אָפּגעקויפט די גאַנצע ערד פון מצרים; אַזוי אויך ישראל (ישעיה יד, ב): והיו—און זיי וועלן ווערן פאַנגערס פון זייערע פאַנגערס.

לט

(ו) אל תראוני — קוקט ניט אויף מיר, וואָס איך בין שוואַרצלעך. ר׳ סימון האָט אָנגעהויבן[1] [מיטן פּסוק] (משלי ל, י): אל תלשן — זאָלסט ניט פאַרמסרן אַ קנעכט פאַר זיין האַר. ישראל ווערט אָנגערופן קנעכט, ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא כה, נה): כי לי — וואָרום צו מיר זיינען די בני ישראל קנעכט, און די נביאים זיינען אָנגערופן געוואָרן קנעכט, ווי דער פּסוק זאָגט (עמוס ג, ז): כי אם — סיידן ער האָט אַנטפּלעקט זיין סוד צו זיינע קנעכט די נביאים. האָט די כנסת ישראל אַזוי געזאָגט צו די נביאים: „קוקט ניט אויף מיר, אין מיין שוואַרצקייט.[2] ניטאָ נאָך איינער וואָס זאָל זיך פרייען מיט מיינע קינדער מער ווי משה; דערפאַר אָבער וואָס ער האָט געזאָגט (במדבר כ, י): שמעו נא — הערט נאָר, איר ווידערשפּעניקערס, איז נגזר גע־וואָרן אויף אים, ער זאָל ניט אַריינקומען קיין ארץ ישראל." אַן אַנדער פּשט: ניטאָ נאָך איינער וואָס זאָל זיך פרייען מיט מיינע קינדער מער ווי ישעיה;

---

דער נוסח פון אונדזער מדרש מיינט: נייטיקן זיך ניט אין וואַשן. [2] דעם אייבערשטנס הימלען. [3] אַזוי וועט ישראל לעתיד לבוא מער ניט פאַרטריבן ווערן פון זיין לאַנד. [4] יעצן ווערט געטיילט אין צווייען: די ערשטע העלפט ווערט געלייענט „יצא", מיטן צוגאָב פון דער אלף, און די צווייטע — „ינוע", בייטנדיק די ערטער פון די אותיות און צוגעבנ־דיק אַ יוד מיט אַן עין. [5] לויטן דרש. [6] און לויט בראשית כה, יג, שטאַמט קדר אָפּ פון ישמעאלן.

הזה יכפר עליכם, **וכתיב** (ישעיה א): אם יהיו חטאיכם כשני, כשלג ילבינו. **אי מה אהלי קדר מטלטלין ממקום למקום, יכול אף ישראל כן? תלמוד לומר:** כיריעות שלמה, **כיריעותיו של מי שהשלום שלו, מי שאמר והיה העולם, שמשעה שמתחן עוד לא זזו ממקומן. תני ר' אליעזר בן יעקב** (שם לג): אהל בל יצען, — **בל יצא ובל ינוע. — מה אהלי קדר אין עליה[ם] עול כל בריה, כך ישראל לעתיד לבא אין עליהם עול כל בריאה. תני ר' חייא** (ויקרא כו): ואולך אתכם קוממיות, **בקומה זקופה, שאינן יראין מכל בריה. ר' יודן אומר:** כיוסף **— מה יוסף נמכר לאהלי קדר, שנאמר** (בראשית לז): וימכרו את יוסף לישמעאלים, **וחזר וקנה את קוניו, שנאמר** (שם מז): ויקן יוסף את כל אדמת מצרים, **כך ישראל** (ישעיה יד): והיו שובים לשוביהם.

לט

(ו) אל תראוני שאני שחרחרת. **ר' סימון פתח** (משלי ל): **אל** תלשן עבד אל אדוניו. **נקראו ישראל עבדים, שנאמר** (ויקרא כה): כי לי בני ישראל עבדים, **ונקראו הנביאים עבדים, שנאמר** (עמוס ג): כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים. **כך אמרה כנסת ישראל לנביאים: „אל תראונו בשחרחרותי. אין לך שמח בבני יותר ממשה, ועל ידי שאמר** (במדבר כ): שמעו נא, המורים, **נגזר עליו, שלא יכנס לארץ." ד"א: אין לך שמח בבני יותר מישעיהו, ועל ידי שאמר** (ישעיה ו): ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב, **אמר לו הקב"ה: „ישעיה, בנפשך את רשאי לומר** (שם): כי איש טמא שפתים אנכי, **— ניחא; שמא** ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב? **אתמהא!" תא חמי, מה כתיב תמן?** ויעף אלי אחד מן השרפים ובידו רצפה, **— א"ר שמואל:** רצפה **— „רוץ פה," רצוץ פה למי שאמר דילטורייא על בני.**

---

דערפאר אבער וואס ער האט געזאגט (ישעיה ו, ה): ובתוך — און צווישן א פאלק מיט אומריינע ליפן זיץ איך, **האט אים הקדוש ברוך הוא געזאגט: „ישעיה, וועגן זיך מעגסטו זאגן** (דארט): כי איש — ווארום א מענטש מיט אומריינע ליפן בין איך, — **דאס איז רעכט; אבער** צווישן א פאלק מיט אומריינע ליפן זיץ איך? **ס'איז צו שטויגען! קום און זע, וואס שטייט דארט געשריבן?** (ו) ויעף — איז צוגעפלויגן צו מיר איינער פון די שרפים, און אין זיין האנט איז געווען רצפה, א ברענענדיקע קויל, — **האט ר' שמואל געזאגט: וואס** מיינט רצפה? „רוץ פה," **צעברעך דאס מויל פון דעם וואס רעדט לשון הרע אויף מיינע קינדער.**

**און דעסטגלייכן שטייט געשריבן ביי אליהון, ווי דער פסוק זאָגט** (מלכים א, יט, יד): ויאמר — און ער האָט געזאָגט: אָננעמען האָב איך זיך אָנגענומען פאַר גאָט דעם האַר פון צבאות, וואָרום פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די בני ישראל. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „מיין בונד [האָבן זיי פאַר־לאָזן], — אפשר דיין בונד?"**[3] דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט. **האָט ער געזאָגט צו אים: „מיינע מזבחות, — אפשר דיינע מזבחות?"** און דיינע נביאים האָבן זיי געהרגעט מיט דער שווערד. **האָט ער געזאָגט צו אים: „מיינע נביאים, — טאָ וואָס אַרט עס דיך?" האָט ער אים געזאָגט:** און איך בין געבליבן אַליין און זיי זוכן מיין לעבן צו נעמען. **קום און זע, וואָס שטייט דאָרט געשריבן?** (דאָרט, דאָרט, ו): ויבט — און ער האָט אַ קוק געטאָן, ערשט צו זיין צוקאָפּנס איז אַ קוכן [געבאַקן אויף] רצפים, אָנגעברענטע שטיינער — **וואָס** מיינט רצפים? **ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט:** רוץ פה, **צעברעך די מיילער פון די אַלע וואָס רעדן אָן לשון הרע אויף מיינע קינדער.**

**ר' יוחנן ברענגט עס פון דאַנען** (ישעיה יז, א־ב): משא — אַ נבואה אויף דמשק. אָט ווערט דמשק [אויס שטאָט] — — — פאַרלאָזן די שטעט פון ערוער. **וואָס איז דאָס? ער האַלט ביי דמשק און דערמאָנט ערוער? אָבער ערוער איז דאָך אין תחום פון מואב־לאַנד! נייערט דריי הונדערט פינף און זעכציק הייזער פון געצנדינסט זיינען געווען אין דמשק, לויט דער צאָל טעג פון דער זון, און זיי פלעגן דינען צו איטלעכן אין זיין טאָג; און איין טאָג האָבן זיי געהאַט וואָס זיי פלעגן יענעם טאָג** [אַרומגיין][4] **איבער זיי אַלע און דינען צו זיי. אָבער ישראל האָט פון זיי אַלע געמאַכט איין געזעמל**[5] **און געדינט צו זיי,**[6] **ווי דער פסוק זאָגט** (שופטים י, ו): ויוסיפו — און די בני ישראל האָבן געמערט[6א] צו טאָן וואָס שלעכט איז אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן געדינט די בעלים — — —. **איז דעמאָלט, ווען אליהו האָט גערעדט לשון הרע אויף ישראל, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „איידער דו רעדסט שלעכטס אויף די, גיי און רעד שלעכטס אויף יענע." דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (מלכים א, יט, טו): לך — גיי און קער זיך אום אויף דיין וועג צום מדבר פון דמשק.[7]

**ר' אבהו און ריש לקיש**[8] **זיינען צוגעקומען צו דער שטאָט קיסריה. האָט געזאָגט ר' אבהו צו ריש לקישן: „צו וואָס זאָלן מיר אַריינגיין אין אַ שטאָט פון לעסטערונג און שענדונג?"**[9] **איז ריש לקיש אַראָפּ פון אייזל, האָט אָנגענומען זאַמד און אים אַריינגעטאָן אין מויל אַריין. ער האָט געזאָגט צו אים: „וואָס איז דאָס?" האָט ער אים געזאָגט: „הקדוש ברוך הוא איז ניט צופרידן מיט איינעם וואָס רעדט לשון הרע אויף יידן."**

---

לט. [1] זע אויבן ט, באַמ 1. [2] אין מיין פאַרזינדיקטקייט. [3] טאָ וואָס אַרט עס דיך? און אַזוי אויך ווייטער. [4] צוגעגעבן לויט אסתר רבה ג, ד. [5] טעקסט ענדערונג לויט אסתר רבה. [6] געדינט צו די אַלע עבודה זרהס צוזאַמען יעדן טאָג פון יאָר. [6א] לויטן דרש: האָבן געדינט די געצן נאָך מער ווי אַנדערע פעלקער. [7] אַן אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל צוערשט באַשולדיקן די געצנדינערס פון דמשק. מעגלעך אויך, אַז דאָס וואָרט מדבר ווערט

דכוותיה כתיב באליהו, שנאמר (מלכים א, יט): ויאמר: קנא קנאתי לה׳ אלהי צבאות, כי עזבו בריתך בני ישראל. א״ל הקב״ה: „בריתי, — שמא בריתך?״ — את מזבחותיך הרסו. א״ל: „מזבחותי, — שמא מזבחותיך?״ — ואת נביאיך הרגו בחרב. א״ל: „נביאי, ואת מה איכפת לך?״ א״ל: ואותר אני לבדי, ויבקשו את נפשי לקחתה. תא חמי, מה כתיב תמן? ויבט, והנה מראשותיו עגת רצפים, — מה הוא רצפים? א״ר שמואל בר נחמן: „רוץ פה,״ רצוץ פיות בכל מי שאמר דילטורייא על בני.

ר׳ יוחנן מייתי לה מן הדא (ישעיה יז): משא דמשק. הנה דמשק, וגו׳, עזובות ערי ערוער. מה זה? עומד בדמשק ומזכיר ערוער? והלא ערוער בתחום ארץ מואב! אלא שס״ה בתי עבודה זרה היו בדמשק, כמנין ימות החמה, והיו עובדים כל אחד ואחד יומו; והיה להם יום אחד שהיו [מחזרין] על כולן באותו היום ועובדין אותם. וכלם עשו ישראל (הגמוניא) [הומוניאה] ועבדו אותם, שנאמר (שופטים י): ויוסיפו בני ישראל לעשות הרע בעיני ה׳ ויעבדו את הבעלים, וגו׳. ובאותה שעה שאמר אליהו על ישראל לשון הרע, א״ל הקב״ה: „אליהו, עד שאתה מקטרג את אלו, בא וקטרג את אלו.״ הה״ד (מלכים א, יט): לך שוב לדרכך מדברה דמשק.

ר׳ אבהו וריש לקיש הוו עללין להדא מדינתא דקיסרין. אמר ליה ר׳ אבהו לריש לקיש: „מהו כן עלינן למדינתא דחירופיא וגידופיא?״ נחת ליה ריש לקיש מן חמריה וספא חלא ויהב בפומיה. א״ל: „מהו כן?״ א״ל: „אין הקב״ה רוצה במי שאומר דילטורייא על ישראל.״

מ

(ו) ששזפתני השמש. א״ר אבא בר כהנא בשם ר׳ חייא רבה: כתיב (ירמיה ב): כי שתים רעות עשה עמי, — הא ויתרו למאד!

---

מ

(ו) ששזפתני השמש — וואָרום די זון האָט מיך אָפּגעברענט. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חייא רבה: אין פסוק שטייט (ירמיה ב, יג): כי שתים — וואָרום צווײ שלעכטסן האָט מײן פאָלק געטאָן, — אָבער

געטייטשט לויט דבר, רעדן: גיי רעד צורעשט אויף דמשק. [8] אין ילקוט שמעוני ב, ריח, איז דער נוסח ר׳ שמעון בן לוי, — אַן איבערשרייבער האָט אפשר שלעכט פאַרשטאַנען

זיי האָבן דאָך נאָכגעלאָזן ביז גאָר!¹ נייערט דער פסוק לערנט אונדז, אַז זיי האָבן געטאָן איין עבירה וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי, וואָרום זיי האָבן זיך געבוקט צו דער עבודה זרה און זיך דערביי אַנטבלויזט קעגן דעם בית המקדש; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל ח, טז): ויבא אותי — און ער האָט מיך געבראַכט צו דעם אינשווייניקסטן הויף פון גאָטס הויז — — — [ערשט — — — אַרום פינף און צוואַנציק מאַן, מיט זייער הינטער־חלק צום טעמפל פון גאָט — — — און זיי בוקן זיך קעגן מזרח צו דער זון.] דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (ויקרא כב, כה): כי משחתם — וואָרום זייער פאַרדאָרבונג איז אין זיי, אַ מום איז אין זיי.² אַן אַנדער פשט: וואָרום די זון האָט מיך אָפּגעברענט. — איבער דעם וואָס איך האָב געמאַכט רייטוועגן³ פון פערד פאַר דער זון, ווי עס שטייט געשריבן (מלכים ב, כג, יא): וישבת — און ער האָט אָפּגעשאַפן די פערד, וואָס די מלכים פון יהודה האָבן געגעבן צו דער זון, פונעם אַריינגאַנג פון גאָטס הויז — — — [און די רייטוועגן פון דער זון האָט ער פאַרברענט אין פייער].

## מא

ר׳ יצחק האָט באַשיידט דעם פסוק אויף דער מלחמה מיט מדין. דו געפינסט, אַז ווען ישראל איז געגאַנגען אויף מלחמה מיט מדין, פלעגן זיי אַריינגיין פאַרוויז צו אַ פרוי,¹ און איינער פון זיי פלעגט פאַרסאַזשען איר פנים און איינער פלעגט אַראָפּנעמען אירע אוירינגען.² און זי פלעגט זאָגן צו זיי: „זיינען מיר דען ניט גאָטס באַשעפענישן, וואָס איר טוט אַזוי צו אונדז?" פלעגן די יידן זאָגן צו זיי: „איז אייך נאָך ניט גענוג וואָס מיר האָבן אַריינגעקראָגן איבער אייך?"³ ווי אין פסוק שטייט (במדבר כה, ד): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם אַלע הויפּטלייט פונעם פאָלק און הענג זיי אויף פאַר גאָט קעגן דער זון. ר׳ אייבו האָט געזאָגט: פאַר וואָסער חטא? (תהלים קו, כח) ויצמדו — און זיי האָבן זיך באַהעפט צום בעל פעור.⁴

און נאָך האָט ר׳ יצחק געזאָגט: מע דערציילט אַ מעשה וועגן איינער אַ שטאָטישער וואָס האָט געהאַט אַ שוואַרצע דינסט. און זי איז אַ מאָל אַראָפּ מיט איר חברטע אַנצונעמען וואַסער פונעם קוואַל. האָט זי געזאָגט צו איר חברטע: „חברטע מיינע, מאָרגן וועט מיין האַר אָפּגטן זיין ווייב און מיך

דעם ראשי תיבות רשב״ל (ר׳ שמעון בן לקיש — ר׳ שמעון בן לוי). ⁹ אין קיסריה האָבן געוואוינט אַ סך העלעניזירטע יידן, וואָס זיינען געווען באַאיינפלוסט פון געצנדינערישן שטייגער (ס׳איז נאָר אַ וואונדער, וואָס ר׳ אבהו זאָל עס האָבן געזאָגט: ער אַליין האָט געלעבט אין קיסריה).

מ. ¹ אַ סך מער ווי צוויי עבירות האָבן זיי דאָך געטאָן. ² דער אויסדרוק והמה משתחויתם (און זיי בוקן זיך) איז אַן אומגעוויינלעכע דקדוק־פאָרם; פאַרבינדט עס דער בעל המדרש מיטן ענלעך־קלינגענדיקן וואָרט משחתם (זייער פאַרדאָרבונג), — דער פסוק אין יחזקאל, זאָל עס הייסן, גיט מיט דעם אַן אָנדייט אויף דער פאַרדאָרבנקייט פון אַזאַ מין האַנדלונג. ³ די טעקסט ענדערונג פון „מרימות" (וואָס איז זיכער אַ פאַרגרייזונג) אויף „מרכבות", רייטוועגן, איז געמאַכט געוואָרן לויטן רד״ל און יאַסטראָוו, און עס שטימט מיטן סוף פסוק וואָס מיר האָבן צוגעגעבן, ווי אויבן, לשם קלאָרקייט.

**אלא מלמד, שעשו אחת שקשה כשתים, שהן משתחוין לעבודה זרה ופורעין עצמן כנגד בית המקדש; הה״ד** (יחזקאל ח): ויבא אותי אל חצר בית ה׳ הפנימית — — — [והנה — — — כעשרים וחמשה איש, אחוריהם אל היכל ה׳ — — — והמה משתחויתם קדמה לשמש]. **המד״א** (ויקרא כב): כי משחתם בהם, מום בם. **ד״א:** ששזפתני השמש, **על שעשיתי** (מרימות) [מרכבות] **של סוסים לשמש, דכתיב** (מלכים ב׳, כג): וישבת את הסוסים אשר נתנו מלכי יהודה לשמש מבא בית ה׳ — — — [ואת מרכבות השמש שרף באש].

מא

**ר׳ יצחק פתר קרייה במלחמת מדין. את מוצא, בשעה שהלכו ישראל למלחמת מדין, היו נכנסין זוגות זוגות אצל האשה, והיה אחד מהם מפחם פניה ואחד מפרק נזמיה. והיא אומרת להם: „אין אנו מבריותיו של הקב״ה, שאתם עושים לנו כן?״ והיו ישראל אומרים להם: „לא דייכם, שנטלנו שלנו מתחת ידיכם?״ הה״ד** (במדבר כה): ויאמר ה׳ אל משה: קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה׳ נגד השמש. **ר׳ איבו אמר: באיזה חטא?** (תהלים קו) ויצמדו לבעל פעור.

**ואמר ר׳ יצחק: מעשה בקרתנית אחת שהיתה לה שפחה כושית, שירדה למלאת מן העין היא וחברתה. אמרה לחברתה: חברתי, למחר אדוני מגרש את אשתו ונוטלני לאשה.״ אמרה לה: „למה?״ „בשביל שראה ידיה מפוחמות.״ אמרה לה: „אי שוטה שבעולם! ישמעו אזניך מה שפיך מדבר: ומה אם אשתו, שהיא חביבה עליו ביותר, את אומרת, מפני שראה ידיה מפוחמות שעה אחת רוצה לגרשה; את, שכולך מפוחמת ושחורה ממעי**

---

נעמען פאַר אַ ווייב.״ האָט יענע געזאָגט צו איר: „פאַרוואָס?״ „ווייל ער האָט געזען ווי אירע הענט זייִנען פאַרסאַזשעט.״ האָט יענע געזאָגט צו איר: „אָ, דו נאַר איינע! זאָלן דייִנע אויערן הערן וואָס דיין מויל רעדט: מה־דאָך זיין ווייב, וואָס איז אים אַזוי שטאַרק באַליבט, זאָגסטו, אַז ווייל ער האָט געזען אירע הענט פאַרסאַזשעט אויף אַ ווייל, וויל ער זי אָפּגטן; הייִנט דו, וואָס דו ביסט אינגאַנצן פאַרסאַזשעט און שוואַרץ פון דיין מאַמעס בויך אויף דיין

---

מא, [1] פון די פרויען וואָס האָבן אָנגערעדט יידן צו זינד, ווי ווייטער. [2] כדי זיי זאָלן מער ניט קענען אויפרייצן צו זינד. [3] ווערטערלעך: פון אונטער אייערע הענט.

גאַנץ לעבן, — אוודאי און אוודאי [וועט ער דיך ניט קענען פאַרטראָגן]!" אַזוי, ווייל די פעלקער פון דער וועלט רייצן זיך מיט ישראל און זאָגן: „די דאָזיקע אומה האָט פאַרביטן איר כבוד",[5] ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קו, כ): וימירו — און זיי האָבן פאַרביטן זייער כבוד [אויף דער געשטאַלט פון אַן אָקס וואָס עסט גראָז],[6] זאָגט ישראל צו זיי: „מה־דאָך מיר [וואָס האָבן געדינט דער עבודה זרה נאָר] אויף אַ ווייל, האָבן זיך אַזוי פאַרזינדיקט; היינט איר — וויפיל מאָל מער!" און נאָך זאָגט ישראל צו די פעלקער פון דער וועלט: „מיר וועלן אייך זאָגן, צו וואָס מיר זיינען געגליכן. צו אַ בן־מלך וואָס איז אַרויס אויפן פיטערפעלד פון שטאָט, און די זון האָט אים געשלאָגן אויפן קאָפּ און זיין פנים איז רויט געוואָרן. איז ער אַריין אין שטאָט און מיט אַ ביסל וואַסער[7] און אַ ביסל וואַשן זיך אין די בעדער איז זיין קערפּער ווייס געוואָרן און צוריקגעקומען צו זיין שיינקייט ווי געוועזן. אַזוי איז מיט אונדז, אויב די זון פון עבודה זרה האָט אונדז אָפּגעברענט. אָבער איר זענט אָפּגעברענט פון אייער מאַמעס בויך; ווען איר זענט נאָך געווען אין אייער מאַמעס בויך האָט איר שוין געדינט דער עבודה זרה." ווי אַזוי? בשעת אַ פרוי פאַרגייט אין טראָגן, קומט זי אַריין אין הויז פון איר עבודה זרה, קניט זי און בוקט זיך צו דער עבודה זרה צוזאַמען מיט איר זון.

מב

(ו) בני אמי — די זין פון מיין מוטער האָבן געצערנט אויף מיר. [זאָגן וועגן דעם] ר' מאיר און ר' יוסי. ר' מאיר זאָגט: די זין פון מיין מוטער — די זין פון מיין אומה,[1] דאָס זיינען דתן און אבירם;[2] האָבן געצערנט אויף מיר — האָבן פאַרפירט אַ קריג קעגן מיר, האָבן אָנגעפילט דעם שופט[3] מיט גרימצאָרן אויף מיר. זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון די ווייַנגערטנער — איבער דעם וואָס ער[4] האָט געטאָן אַ משפט צווישן יתרוס טעכטער [און די פאַסטוכער],[5] האָט ער ניט געקענט טאָן קיין משפט צווישן מיר און מיינע ברידער וואָס אין מצרים;[6] דאָס מיינט: מיין אייגענעם ווייַנגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט. ר' יוסי זאָגט: די זין פון מיין מוטער האָבן געצערנט אויף מיר — די זין פון מיין אומה, דאָס זיינען די מרגלים; האָבן

---

[4] אַן עבודה זרה וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אויסגעלאַסנקייט. [5] איר גאָט. [6] דאָס גאָלדענע קאַלב וואָס יידן האָבן געמאַכט ביים באַרג סיני. [7] אין מדרש שיר השירים (א. גרינהוויט) איז דער נוסח ניט „מים, וואַסער", נאָר „שמנים, איילן", און מיט דעם פאַלט אַוועק די איבערחזרונג אין אונדזער טעקסט.

מב. [1] אומתי — אמי. [2] לויט אַ מדרש (שמות רבה א, לד—לו) זיינען עס געווען די צוויי וואָס משה האָט אויסגעמוסרט פאַר קריגן זיך, און זיי האָבן עס אים פאַרמסרט פאַר פרעהן (זע אויך תרגום יונתן, שמות ב, יג). [3] פרעהן. [4] משה (אַריבער פון ערשטער פערזאָן, ווי פריער, אויף דריטער. לויטן אות אמת ווערט דאָ אויך גערעדט אין ערשטער פערזאָן: איבער דעם וואָס איך האָב געטאָן — — —). [5] ווען ער איז אַנטלאָפן פון מצרים (שמות ב, טו—יז). — צוגאָב לויטן רד"ל, אַנדערש איז דער טעקסט ניט קלאָר; אַזוי איז עס אויך לויטן נוסח פון אבות דר' נתן, כ. [6] איבער דעם וואָס משה האָט געמוזט אַנטלויפן פון מצרים, האָט ער ניט געקענט אַכטונג געבן, אַז צווישן יידן זאָל קיין לשון הרע ניט זיין, כדי גלות מצרים זאָל אַזוי לאַנג ניט דויערן (זע שמות רבה א,

אמך כל ימיך — עאכ״ו!״ כך, לפי שאומות העולם מונין את ישראל ואומרים: „אומה זו המירו כבודם,״ שנאמר (תהלים קו): וימירו את כבודם, — אומרים להם ישראל: „ומה אם אנו לשעה, כך נתחייבנו, אתם — עאכ״ו!״ ועוד ישראל אומרים לאומות העולם: „נאמר לכם למה אנו דומין. לבן מלכים שיצא למדברה של עיר, וקפחתו החמה על ראשו ונתכרכמו פניו. נכנס למדינה — במעט מים ומעט מרחץ מן המרחציות נתלבן גופו וחזר ליופיו כמו שהיה. כך אנו, אם שמשה של עבודה זרה שזפתנו. אבל אתם שזופים ממעי אמכם; עד שאתם במעי אמכם עבדתם עבודה זרה.״ כיצד? בזמן שהאשה מתעברת, נכנסת לבית עבודה זרה שלה וכורעת ומשתחוה לעבודה זרה היא ובנה.

מב

(ו) בני אמי נחרו בי, — ר׳ מאיר ור׳ יוסי. ר׳ מאיר אומר: בני אמי — בני אומתי, אלו הן דתן ואבירם; נחרו בי — נתגרו בי, מלאו הדיין חרון אף עלי. שמוני נוטרה את הכרמים — על שהיה עושה דין בין בנותיו של יתרו [והרועים], לא היה לו לעשות דין ביני ובין אחי אשר במצרים; הוי: כרמי שלי לא נטרתי. ר׳ יוסי אומר: בני אמי נחרו בי — בני אומתי, אלו המרגלים; נחרו בי — נתגרו בי, מלאו הדיין חרון אף עלי. שמוני נוטרה את הכרמים — על שנתעכבתי במדבר ארבעים ושתים מסעות, לא היה לי ליכנס לארץ ישראל [מיד]; הוי: כרמי שלי לא נטרתי. ד״א: בני אמי נחרו בי — בני אומתי, זה ירבעם בן נבט; נחרו בי — נתגרו בי, מלאו הדיין חרון אף עלי. שמוני נוטרה את הכרמים — משמירת שני עגליו של ירבעם,

---

געצערנט אויף מיר — האָבן פאַרפירט אַ קריג קעגן מיר, האָבן אָנגעפילט דעם שופט[7] מיט גרימצאָרן אויף מיר. זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון די ווײַנגערטנער — איבער דעם וואָס איך האָב זיך פאַרהאַלטן אין מדבר אויף צוויי און פערציק רו־ערטער,[8] האָב איך ניט געקענט [גלייך] [9] אַרײַנקומען קיין ארץ ישראל; דאָס מיינט מיין אייגענעם ווײַנגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט. אַן אַנדער פשט: די זין פון מיין מוטער האָבן געצערנט אויף מיר —די זין פון מיין אומה, דאָס איז ירבעם בן נבט; האָבן געצערנט אויף מיר, האָבן פאַרפירט אַ קריג קעגן מיר, האָבן אָנגעפילט דעם שופט מיט גרים־

---

לה: ישראלס קנעכטשאַפט איז געווען אַ שטראָף פאַר דער זינד פון לשון הרע). [7] פון דער וועלט, דעם אייבערשטן. [8] ווערטערלעך: ציאונגען, וואַנדערונגען פון אָרט צו אָרט

צאָרן אויף מיר. זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון די ווייַנגאָרטנער, צוליבן אָפּהיטן ירבעמס צוויי קעלבער[10] האָב איך מיין אייגענעם ווייַנגאָרטן ניט אָפּגעהיט, איך האָב ניט אָפּגעהיט די אָפּהיטונג פון כהונה און לויה;[11] דאָס מיינט מיין אייגענעם ווייַנגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט.

ר׳ לוי האָט געזאָגט: דעם טאָג ווען שלמה האָט זיך מתחתן געווען מיט דער טאָכטער פון פרעה נכה, איז מיכאל, דער גרויסער שר, אַראָפּ פון הימל און אַרייַנגעשטעקט אַ גרויסן ראָר אין ים, און אַ שליים איז אויפגעקומען פון ביידע זייטן, און דאָס אָרט איז געוואָרן ווי אַ וועלדל, און דאָס איז דאָס אָרט פון רוים.[12] דעם טאָג ווען ירבעם בן נבט האָט אויפגעשטעלט די צוויי גאָלדענע קעלבער, זיינען אויפגעבויט געוואָרן די [ערשטע] צוויי בנינים אין רוים.

און מע פלעגט זיי בויען, און זיי פלעגן אייַנפאַלן; מע פלעגט זיי בויען, און זיי פלעגן אייַנפאַלן. איז דאָרט געווען אַן אַלטער מאַן מיטן נאָמען אבא קאַלאַן; האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב איר וועט ניט ברענגען קיין וואַסער פונעם טייך פרת און מיט דעם קנעטן דאָס ליים און דאַן זיי בויען, וועלן זיי קיין קיום ניט האָבן." האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ווער וועט עס טאָן?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך." האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ווייַן־סוחר און ער פלעגט אַרייַן און אַרויס פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון איין מדינה אין דער צווייטער, ביז דער צייט וואָס ער איז אָנגעקומען אַהין. ווי ער איז אַהין אָנגעקומען, אַזוי איז ער געגאַנגען און גענומען וואַסער פונעם פרת, און זיי האָבן מיט דעם געקנאָטן דאָס ליים און זיי געבויט, און זיי האָבן געקראָגן אַ קיום. פון יענער צייט אָן פלעגט מען זאָגן: „איטלעכע מדינה וואו ס'איז ניטאָ קיין אבא קאַלאַן, קאָן ניט אָנגערופן ווערן קיין מדינה." און מע האָט עס אַ נאָמען געגעבן: די בבלדיקע רוים.

דעם טאָג ווען אליהו, געדענקט זאָל ער ווערן צום גוטן, איז נסתלק געוואָרן, איז אויפגעקומען אַ מלך אין אדום;[13] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, כב, מח): ומלך — און קיין קיניג איז ניט געווען אין אדום, אַ געשטעלטער איז געווען מלך.[14]

אַן אַנדער פשט: די זין פון מיין מוטער האָבן געצערנט אויף מיר — די זין פון מיין אומה, דאָס איז אחאב; האָבן געצערנט אויף מיר — האָבן פאַרפירט אַ קריג קעגן מיר, האָבן אָנגעפילט דעם שופט מיט גרימצאָרן

(במדבר לג). [9] צוגעגעבן לויטן אות אמת. [10] מלכים א, יב, כח—לג. [11] מיט אַ חירק אונטער דער ו, — דער שטאַנד פון די לויים; ישראל האָט ניט אַכטונג געגעבן, אַז נאָר די אמתע כוהנים און לויים זאָלן דינען גאָט (פאַרגלייך דאָרט פסוק לא: און ער האָט געמאַכט כוהנים פון צווישן דעם פאָלק, וואָס זיינען ניט געווען פון די קינדער פון לוי).
[12] שלמהס זינד האָט גורם געווען דעם אויפקום פון רוים, וואָס האָט מיט טויזנט יאָר שפּעטער חרוב געמאַכט דעם צווייטן בית המקדש. אַזוי אויך ווייטער ביי ירבעם בן נבט.
[13] מחמת ס'איז מער ניט געווען ווער עס זאָל מגין זיין אויף ישראל. [14] אָבער נאָך דעם ווי אליהו איז נסתלק געוואָרן ווערט דערציילט (מלכים ב, ח, כ): אין זיינע טעג האָט זיך אדום אַרויסגעריסן פון אונטער דער האַנט פון יהודה, און זיי האָבן געמאַכט

כרמי שלי לא נטרתי, **לא הייתי משמר משמרת כהונה ולויה; הוי:** כרמי שלי לא נטרתי.

**א״ר לוי: יום שנתחתן שלמה לבת פרעה נכה ירד מיכאל, השר הגדול, מן השמים ונעץ קנה גדול בים, ועלה לחלוחית מיכן ומיכן, ועשו אותו מקום כחורש, והוא היה מקומה של רומי. יום שהעמיד ירבעם בן נבט שני עגלי זהב, נבנו ב׳ צריפין ברומי.**

**והוו בניין להון, ואינון נפלין: בניין להון, ואינון נפלין. הוה תמן גברא סב ושמיה אבא קולון; אמר לון: ״אי לית אתון מטיין מייא מנהר פרת וגבלין בהדא טינא ובניין להון, לית אינון קיימין.״ אמרו ליה: ״מאן עביד כן? אמר לון: ״אנא.״ עבד גרמיה שפיי דחמר, הוה עליל לקרייא ונפיק לקרייא, עליל למדינה ונפיק למדינה, עד זמן דאתא לתמן. כיון דמטא לתמן, אזל ואמטי מייא מן פרת, וגבלון בטינא ובנון יתהון, וקמון. מן ההיא ענתא הוון אמרין: ״כל מדינה ומדינה דלית אבא קולון, לא תיתקרי מדינה.״ והוו קריין ליה ״רומי בבלון.״**

**יום שנסתלק אליהו, זכור לטוב, נצב באדום מלך; ההי״ד** (מלכים א, כב): ומלך אין באדום, נצב מלך.

**ד״א:** בני אמי נחרו בי — **בני אומתי, זה אחאב;** נחרו בי — **נתגרו בי, מלאו הדיין חרון אף עלי.** שמוני נוטרה את הכרמים — **מפטם ומאכיל לצדקיהו בן כנענה וחביריו; ונביא אחד של אמת היה לי, זה מיכיהו, ופקיד הכי ואמר** (שם): והאכילוהו לחם לחץ ומים לחץ עד בואי בשלום. **הוי:** כרמי שלי לא נטרתי. **ד״א:** בני אמי — **בני אומתי, זו איזבל;** נחרו בי — **נתגרו בי, מלאו הדיין חרון אף עלי.** שמוני נוטרה את הכרמים — **מאכלת**

---

**אויף מיר.** זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון די ווייַנגערטנער — **ער [15] האָט געשטאָפּט און געקאָרמעט צדקיהו בן כנענה און זייַנע חברים;[16] און איין אמתן נביא האָב איך געהאַט, דאָס איז מיכיהו, האָט ער אַזוי באַפוילן און געזאָגט** (דאָרט, דאָרט, כז): והאכילוהו — און שפּייַזט אים מיט קאָרג ברויט און קאַרג וואַסער, ביז איך וועל קומען בשלום. **דאָס מייַנט:** מייַן אייגענעם ווייַנגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט. **אַן אַנדער פּשט:** די זין פון מייַן מוטער — **די זין פון מייַן אומה, דאָס איז איזבל;** האָבן געצערנט אויף מיר — **האָבן פאַרפירט אַ קריג קעגן מיר, האָבן אָנגעפילט דעם שופט מיט גרימצאָרן אויף מיר.** זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון ווייַנגערטנער

---

**איבער זיך אַ מלך.** [15] **אחאב.** [16] **וואָס זייַנען געווען פאַלשע נביאים (מלכים א, כב, ו**

— זי פלעגט קאָרמענען און שטאָפּן די נביאים פון בעל און פון דער אשרה; און צו אליהון, געדענקט זאָל ער ווערן צום גוטן, וואָס איז געווען אַן אמתער נביא, האָט זי געשיקט און געזאָגט צו אים (דאָרט יט, ב): כּעת מחר מאָרגן אין דער צייט וועל איך מאַכן דיין לעבן ווי דאָס לעבן פון איינעם פון זיי. דאָס מיינט: מיין אייגענעם ווייגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט. אַן אַנדער פּשט: די זין פון מיין מוטער, דאָס איז דער מלך צדקיהו; האָבן געצערנט אויף מיר — האָבן פאַרפירט אַ קריג קעגן מיר, האָבן אָנגעפילט דעם שופט מיט גרימצאָרן אויף מיר. זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון די ווייגערטנער, וואָרום ער פלעגט שטאָפּן פשחור בן מלכיה און זיינע חברים;[17] און איין אמתן נביא האָב איך געהאַט, דאָס איז ירמיהו, שטייט געשריבן וועגן אים (ירמיה לז, כא): און מע האָט אים געגעבן אַ לעבל ברויט אַ טאָג מחוץ האופים[18] — וואָס מיינט מחוץ האופים? ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס מיינט שוואַרץ ברויט, וואָס ווערט פאַרקויפט דרויסן פון דער בעקעריי,[19] וואָס איז נאָך שוואַרצער פון גערשטן־קלייען. דאָס מיינט: מיין אייגענעם ווייגאָרטן האָב איך ניט אָפּגעהיט, איבער דעם וואָס איך האָב מיין אייגענעם ווייגאָרטן ניט אָפּגעהיט — — —.[20]

## מג

ר׳ חייא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם! איבער דעם וואָס איך האָב ניט אָפּגעהיט [די מצווה פון אָפּשיידן] איין חלה[1] ווי עס דאַרף צו זיין אין ארץ ישראל, היט איך אָפּ צוויי חלות אין סיריע;[2] האָב איך געמיינט, אַז איך וועל קריגן שכר פאַר צוויי, אָבער איך קריג ניט מער ווי פאַר איינער.” ר׳ אבא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „איבער דעם וואָס איך האָב ניט אָפּגעהיט איין [טאָג] יום־טוב ווי עס דאַרף צו זיין אין ארץ ישראל, היט איך איצט אָפּ צוויי [טעג] יום־טוב אין די גלות לענדער;[3] האָב איך געמיינט, אַז איך וועל קריגן שכר פאַר ביידע, אָבער איך קריג ניט מער ווי פאַר איינעם.” ר׳ יוחנן האָט געלייענט וועגן זיי דעם פּסוק (יחזקאל כ, כה) וגם אני — האָב איך אויך זיי געגעבן געזעצן ניט קיין גוטע. --

---

אונ ווייטער). [17] די פאַלשע נביאים (ירמיה לח, א). [18] לויטן פּשט: פון דער בעקער־גאַס. [19] געטייטשט חוץ — אויסער, דרויסן: ביליק ברויט, וואָס ווערט ניט פאַרקויפט צוזאַמען מיט גוטע ברויטן. טעקסט ענדערונג לויט יאַסטראָוו, געשטיצט אויף משנה דמאי ה, ד, און אַנדערע מקורות. [20] דאָ פעלט, משמעות, דער אויספיר: איז געקומען דער חורבן.

מג. [1] פאַרן כוהן (במדבר טו, כ). [2] איינע צו פאַרברענען און איינע פאַרן כוהן. דאָס איז נאָר נוהג אין סיריע, ניט אין אַנדערע גלות לענדער (זע משנה, חלה ד, ז—ח). [3] די צווייטע יום־טוב טעג פון די שלוש רגלים זיינען איינגעפירט געוואָרן אין די גלות לענדער, ווייל מע האָט, צוליב ווייטקייט, ניט געקאָנט לאָזן וויסן גענוי, ווען יום־טוב פאַלט אויס.

ומפטמת לנביאי הבעל והאשרה; ואליהו, זכור לטוב, שהיה נביא האמת, שלחה ואמרה לו (שם יט): כעת מחר אשים את נפשך כנפש אחד מהם. הוי: כרמי שלי לא נטרתי. ד"א: בני אמי, זה צדקיהו המלך; נחרו בי — נתגרו בי, מלאו הדיין חרון אף עלי. שמוני נוטרה את הכרמים, שהיה מפטם לפשחור בן מלכיה וחביריו; ונביא אחד של אמת היה לי, זה ירמיהו, וכתוב בו (ירמיה לז): ונתון לו ככר לחם ליום מחוץ האופים. מהו מחוץ האופים? א"ר יצחק: זו פת קיבר, שנמכרת חוץ (לפלטיא) [לפלטר], שהיא שחורה מסובים של שעורים. הוי: כרמי שלי לא נטרתי, על שכרמי שלי לא נטרתי — — —.

מג

ר' חייא בשם ר' יוחנן: אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה: „רבש"ע! על שלא שמרתי חלה אחת כתיקונה בארץ ישראל, הריני משמרת שתי חלות בסוריא; סבורה הייתי, שאני מקבלת שכר על שתים, ואיני מקבלת שכר אלא על אחת." ר' אבא בשם ר' יוחנן: אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה: „על שלא שמרתי יום טוב אחד כתיקונו בארץ ישראל, הריני משמרת שני ימים טובים של גליות בחוצה לארץ; סבורה הייתי, שאקבל שכר על שניהם, ואיני מקבלת שכר אלא על אחד." ר' יוחנן הוה קרי עליהון (יחזקאל כ): וגם אני נתתי להם חקים לא טובים.

מד

(ז) הגידה לי, שאהבה נפשי. ר' יהודה בר' סימון פתר קרייה במשה. בשעה שאמר לו הקב"ה (שמות ג): ועתה לכה ואשלחך אל פרעה, א"ל: „רבוש"ע! (שם ד) בי, אדני, כל הדברים האלה יכולין להעשות? מה אני יכול לעמוד בכל האוכלוסין הללו? כמה חיות יש בהן, כמה מעוברות יש בהן, כמה תינוקות יש

---

מד

(ז) הגידה לי — זאָג מיר, דו, וואָס מיין זעל האָט ליב. ר' יהודה בר' סימון האָט באַשיידט דעם פסוק אויף משהן. בשעת הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט (שמות ג, י): ועתה — און אַצינד קום, און איך וועל דיך שיקן צו פרעהן, האָט ער געזאָגט צו אים: „ריבונו של עולם! (דאָרט ד, יג): בי — דורך מיר,[1] גאָט, קאָנען די דאָזיקע אַלע זאַכן געטאָן ווערן? ווי וועל איך קענען אויסהאַלטן מיט דער דאָזיקער מחנה מענטשן? וויפיל קימפעטאָרינס זיינען פאַראַן צווישן זיי, וויפיל טראָגעדיקע זיינען פאַראַן צווישן זיי, וויפיל

קליינוואַרג זייַנען פאַראַן צווישן זיי? וויפיל עסנוואַרג[2] האָסטו אָנגעגרייט פאַר די קימפּעטאָרינס וואָס צווישן זיי? וויפיל מינים ווייכגעבעקסן האָסטו אָנגעגרייט פאַר די טראָגעדיקע וואָס צווישן זיי? וויפיל מינים געבראָטענע זאַנגען און ניס האָסטו אָנגעגרייט פאַרן קליינוואַרג וואָס צווישן זיי?" וואו ווערט די זאַך אַרויסגעבראַכט? דאָ: זאָג מיר, דו, וואָס מיין זעל האָט ליב, די אומה וואָס מיין זעל האָט ליב, די אומה וואָס איך האָב אָפּגעגעבן מיין נפש פאַר איר, — ווי אַזוי[3] וועסטו [זי] פיטערן אין די טעג פון היץ? ווי אַזוי וועסטו [זי] מאַכן הויערן אין מיטן טאָג, אין די רעגנדיקע טעג?[4] שלמה — פאַרוואָס זאָל איך זיין ווי אַ פאַרהילטע, — ר' חלבו האָט געזאָגט פון ר' הונאס וועגן: איך זאָל ניט זיין ווי דער דאָזיקער אבל, וואָס פאַרהילט זיך איבער זיין אייבערשטער ליפּ און וויינט; ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא יג, מה): ועל שפם — און זיין אייבערשטע ליפּ זאָל ער פאַרהילן.[5]

אַן אַנדער פּשט: פאַרוואָס זאָל איך זיין ווי אַ וויקלערין,[6] — איך זאָל ניט זיין ווי דער דאָזיקער פּאַסטעך, וואָס וועלף זייַנען אַריין אין זיין סטאַדע און אָנגעמאַכט אַ חורבן, און ער וויקלט צונויף זיין בגד און גייט אַוועק; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה מג, יב): ועטה — און ער וועט צונויפוויקלען דאָס לאַנד מצרים.[7] — ביי די סטאַדעס פון דיינע חברים, — ווען איך וועל גיין צו דיינע חברים,[8] און זיי וועלן מיך פרעגן וועגן זייערע סטאַדעס, וואָס וועל איך זיי ענטפערן?

ר' ברכיה האָט עס באַשיידט לויט דעם דאָזיקן פּסוק (במדבר כז, טז): יפקד ה' — זאָל גאָט, דער גאָט פון די גייסטער — — — [באַשטימען אַ מאַן איבער דער עדה]. זאָל גאָט — — — באַשטימען, — ער האָט געזאָגט פאַר אים: „ריבונו של עולם! וויבאַלד דו נעמסט מיך אַוועק פון דער וועלט, לאָז־זשע מיך וויסן, ווער וועלן זיין די פּאַסטעכער, וואָס דו וועסט אָנשטעלן איבער דיינע קינדער." וואו ווערט די זאַך אַרויסגעבראַכט? דאָ: זאָג מיר, דו וואָס מיין זעל האָט ליב, די אומה וואָס מיין זעל האָט ליב, די אומה וואָס איך האָב אָפּגעגעבן מיין נפש פאַר איר, — ווי אַזוי וועסטו [זי] פיטערן אין די טעג פון [פרעמדע] מלכותן? ווי אַזוי וועסטו [זי] מאַכן הויערן אין מיטן טאָג, בעת דער פאַרקנעכטונג צו די מלכותן? שלמה — פאַרוואָס זאָל איך זיין ווי אַ פאַרהילטע,[9] — ר' עזריה האָט געזאָגט: שלמה מיינט: איך זאָל ניט ווערן צו בישט[10] אין די אויגן פון דיינע חברים[11] [וואָס

מד. [1] געטייטשט לויטן דרש. [2] לויט שמות רבה ג, ה, וואו דער נוסח איז מזונות, און ס'איז מעגלעך אַז „אנונס" איז אַ פאַרגרייזונג פון מזונות. לויט יאַסטראָוו דאַרף זיך דאָ לייענען אטונס, טונפיש. [3] לויטן דרש. [4] ווי וועט ישראל האָבן זיין אויסקומעניש אין שווערן וואַנדער־וועג דורכן מדבר? [5] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט כדי פעסטצושטעלן דעם טייטש פון "כעוטיה." [6] געטייטשט לויטן דרש. [7] ווי באַם. 5. [8] די אבות, וואָס ווערן אָנגערופן חברים און פריינד פון רבוש"ע (זע איכה רבה, פתיחתא יא — אונדזער אויסגאַבע ז' 67 — וואו אברהם ווערט אָנגערופן גאָטס פריינד). [9] אין טרויער, ווי אויבן. [10] „שלמה" ווערט דאָ געדרשנט ווי אַ ראשי תבות: ש[לא איעשה] למה.

בהן! כמה מיני אנונס התקנת להם לחיות שבהן? כמה מיני רכוכין התקנת למעוברות שבהן? כמה מיני קליות ואגוזים התקנת לתינוקות שבהן?" איכן פירושו של דבר? כאן: הגידה לי שאהבה נפשי, אומה שאהבה נפשי, אומה שנתתי נפשי עליה, — איכה תרעה בימות החמה? איכה תרביץ בצהרים, בימות הגשמים? שלמה אהיה כעוטיה, — ר' חלבו בשם ר' הונא אמר: שלא אהיה כאבל הזה, שהוא עוטה על שפמו ובוכה; המד"א (ויקרא יג): ועל שפם יעטה.

ד"א: שלמה אהיה כעוטיה, — שלא אהיה כרועה זה, שנכנסו זאבים בתוך עדרו ובקעוהו ועטה את בגדו ויצא; המד"א (ירמיה מג): ועטה את ארץ מצרים. — על עדרי חבריך, — כשאני הולך אצל חבריך, וישאלוני על עדריהן, מה אני משיבן?

ר' ברכיה פתר לה בקרייה הדין (במדבר כז): יפקד ה' אלהי הרוחות. יפקד ה', — אמר לפניו: „רבוש"ע! הואיל ואתה מסלקני מן העולם, הודיעני מי ומי הרועים שאתה מעמיד על בניך." איכן פירושו של דבר? כן: הגידה לי שאהבה נפשי, אומה שאהבם נפשי, אומה שנתתי נפשי עליה, — איכה תרעה בימי מלכיות? איכה תרביץ בצהרים, בשעבוד מלכיות? שלמה אהיה כעוטיה, — ר' עזריה אמר: שלמה — שלא איעשה למה בעיני חבריך על עדריהן; חילול שמים בדבר — בניך בצרה ועדרי חבריך ברווחה! א"ר יודן בר סימון: שלא יהו אומות העולם אומרים: (עטת) [טעת] מדת הדין — היה יודע, שמבקש לשחטן במדבר, ושחטן במדבר; המד"א (במדבר יד): וישחטם במדבר.

---

זיינען ממונה] איבער זייערע סטאדעס; עס וועט זיין אַ חלול השם אין דעם — דיינע קינדער זיינען אין אַ צרה, און די סטאַדעס פון דיינע חברים אין וואוילטאָג. ר' יודן בר סימון האָט געזאָגט: [משה האָט מורא געהאַט] אַז די אומות העולם זאָלן ניט זאָגן: דאָס מידת הדין האָט פאַרהילט,[12] — ער האָט [גלייך] געוואוסט, אַז ער וויל זיי אויסשעכטן אין מדבר, און ער האָט זיי טאַקע אויסגעשאָכטן אין מדבר; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יד, טז): וישחטם — און ער האָט זיי אויסגעשאָכטן אין מדבר. און די רבנן

---

[11] לויט דער אגדה האָט יעדע אומה אַ באַזונדער מלאך אין הימל זי אָפּצוהיטן, אַ שר, און די דאָזיקע מלאכים ווערן דאָ באַצייכנט ווי חברים צו גאָט כביכול. [12] פאַרהוילן, באַהאַלטן די אמתע כוונה פון יציאת מצרים. די ענדערונג אויף „עטת", פאַרהילט, אָנשפּיל אויף „כעוטיה," ווערט געמאַכט לויט רד"ל (השמטות). דער אויסדרוק טעת (אַ טעות געמאַכט), ווי דער אָנגענומענער נוסח איז, מאַכט דעם טעקסט אין גאַנצן אומפאַרשטענדלעך,

זאָגן: [משה האָט געזאָגט:] זאָלן דיינע קינדער ניט זען, אַז זייער צרה איז אַן אמתע צרה, און אָפּנייגן[13] פון דיר און זיך באַהעפטן מיט די סטאַדעס פון דיינע חברים; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צד, כ): היחברך — קען זיך חברן מיט דיר דער שטול פון פאַרברעכן?[14] דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו משהן: „משה, דו זאָגסט מיר: ווי אַזוי וועסטו פיטערן, ווי אַזוי וועסטו זי מאַכן הויערן? ביי דיין לעבן,[15] אויב דו ווייסט עס ניט, וועסטו עס לסוף וויסן,״ ווי דער פסוק זאָגט (א, ח): אם — אויב דו ווייסט עס ניט, דו שענסטע צווישן פרויען[16] — דו שענסטער צווישן נביאים, דו דערהויבנסטער צווישן נביאים, —

ר׳ יוסי בר ירמיה האָט געזאָגט: פאַרוואָס זיינען די נביאים געגליכן צו פרויען? דיר צו זאָגן, אַז אַזוי ווי אַ פרוי שעמט זיך ניט צו מאָנען פון איר מאַן אירע הויז־באַדערפענישן, אַזוי שעמען זיך ניט די נביאים צו מאָנען ישראלס באַדערפענישן פון זייער פאָטער אין הימל.

[17] צאי לך — גיי דיר אַרויס אין די טריט פון די שאָף, — [זאָגן וועגן דעם] ר׳ אליעזר און ר׳ עקיבא און די רבנן. ר׳ אליעזר זאָגט: „פון דעם קוכן וואָס ישראל האָט מיטגענומען פון מצרים און האָט געגעסן פון דעם איין און דרייסיק טעג[18] (ווי ר׳ שילא האָט געזאָגט: צוויי און זעכציק סעודות האָט ישראל געהאַט פון דעם דאָזיקן קוכן). [פון דעם דאָזיקן קוכן קאָנסטו וויסן] וואָס איך וועל טאָן פאַר זיי ׳בעקב׳, צום סוף;[19] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים עב, טז): יהי — עס וועט זיין[20] אַ גערעטעניש פון תבואה אין לאַנד. ר׳ עקיבא זאָגט: „פון דעם וואָס איך האָב זיי אַרומגערינגלט מיט וואָלקנס פון כבוד — ווי דער פסוק זאָגט (שמות יג, כא־כב): וה׳ — און גאָט פלעגט גיין פאַר זיי ביי טאָג — — — דער זייל פון וואָלקן פלעגט זיך ניט אָפּטאָן ביי טאָג — קאָנסטו וויסן, וואָס איך וועל טאָן פאַר זיי ׳בעקב׳,

---

ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיאונגען פון די מפרשים (זע מתנות כהונה, מהרז״ו און ידי משה); זע אויך מ. סיימאָן, סאָנטשינאָ, ז׳ 63, באַמ. 4. [13] ויטו — כעוטיה. [14] ווי קענסטו, הייסט עס, פאַרטראָגן, אַז דיינע קינדער זאָלן דיך, צוליב זייערע צרות, פאַרבייטן אויף דער עבודה זרה, להבדיל, און זיך באַהעפטן מיט די אומות העולם? [15] אַ שבועה אַזאַ. [16] אין טעקסט געפינט זיך דאָ אַן איבערחזרונג פון אונדזער פסוק מיטן פאַראויסיקן צוגאָב דבר אחר, אַן אַנדער פשט. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז אַ טעות, און מיר האָבן עס אַרויסגעלאָזט. [17] אין דער ראָם אויסגאַבע הייבט זיך מיט דעם אָן אַ נייער סימן. אָבער לויט דער לאָגיק פון דער דרשה איז דאָס ווייטערדיקע איין גאַנצקייט מיטן פריערדיקן, און אַזוי איז עס אין דער קאָפּעלאָוויטש־אָרגעלבראַנד אויסגאַבע (וואַרשע, תרל״ד, תרל״ח), וואָס מיר האַלטן זיך בדרך כלל ביי איר סימנים־איינטיילונג. [18] די יידן זיינען אַרויס פון מצרים דעם פופצענטן ניסן, און דער מן האָט אָנגעהויבן פאַלן דעם זעכצנטן אייר (שמות טז, א, יג). [19] בעקבי הצאן ווערט דאָ פאַרשטאַנען: אין דער צוקונפט פון ישראל. און דאָס איז דער ענטפער וואָס גאָט גיט משהן אויף זיין פראַגע: ווי אַזוי וועסטו זי פיטערן — — —. די טעקסט ענדערונגען אין ר׳ אליעזרס ווערטער זיינען געמאַכט געוואָרן אין הסכם מיטן נוסח פון אות אמת. [20] לויטן דרש. די פסוקים פון דעם קאַפּיטל

**ורבנן אמרין: שלא יראו בניך, שצרתן צרה, ויטו מאחריך וידבקו בעדרי חבריך; המד"א:** (תהלים צד): היחברך כסא הוות. **באותה שעה אמר הקב"ה למשה: "משה, אתה אומר לי:** איכה תרעה, איכה תרביץ? **חייך, אם לא ידעת, סופך שיש לך לידע," שנאמר** (א): אם לא תדעי לך, היפה בנשים (ד"א: אם לא תדעי לך, היפה בנשים), **היפה שבנביאים, המעולה שבנביאים — — —.**

**א"ר יוסי בר ירמיה: למה נמשלו הנביאים בנשים? לומר לך, מה אשה זו אינה מתביישת לתבוע צרכי ביתה מבעלה, כך אין הנביאים מתביישים לתבוע צרכיהן של ישראל מן אביהם שבשמים.**

צאי לך בעקבי הצאן, — **ר' אליעזר ור' עקיבא ורבנן. ר' אליעזר אומר: "מחררה שנטלו ישראל בידם ממצרים[ו]אכלו ממנה ל"א יום (דאמר ר' שילא: ששים ושתים סעודות את יודע שהיו לישראל מחררה זו), [מחררה זו את יודע] מה אני עושה להם בסוף, 'בעקב';" הה"ד** (תהלים עב): יהי פסת בר בארץ. **ר' עקיבא אומר: "ממה שהקפתי אותם בענני כבוד — המד"א** (שמות יג): וה' הולך לפניהם יומם — — — לא ימיש עמוד הענן יומם — **אתה יודע, מה אני עושה להם בסוף, 'בעקב';" הה"ד** (ישעיה ד): וסוכה תהיה לצל יומם. **ורבנן אמרי: "ממה שהאכלתים במדבר, שמתוק מדבש וחלב, את יודע מה אני עושה להם בסוף, 'בעקב'" שנאמר** (יואל ד): והיה ביום ההוא יטפו ההרים עסיס.

**ד"א** צאי לך בעקבי הצאן, — **א"ל: "סוף כל הצאן לצאת, ואתה יוצא באחרונה." ולא שנתעצל משה, אלא שהיו ישראל עסוקין בבזה, ומשה עסוק במצות יוסף; המד"א** (שמות יג): **ויקח**

---

צום סוף;" דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה ד, ו): וסוכה — און אַן איבערדעק וועט זיין פאַר אַ שאָטן ביי טאָג.[21] **און די רבנן זאָגן: "פון דעם וואָס איך האָב זיי געגעבן צו עסן אין מדבר, וואָס איז זיסער פון האָניק און מילך,[22] קאָנסטו וויסן, וואָס איך וועל טאָן פאַר זיי 'בעקב', צום סוף," ווי דער פסוק זאָגט** (יואל ד, יח): והיה — און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועלן טריפן די בערג מיט זאַפט.

**אַן אַנדער פשט:** גיי דיר אַרויס אין די טריט פון די שאָף, — **ער האָט געזאָגט צו אים: "די גאַנצע שאָף וועט לסוף אַרויסגיין,[23] אָבער דו וועסט אַרויסגיין צולעצט." און ניט ווייל משה האָט זיך אונטערגעפוילט, נייערט ווען ישראל איז געווען פאַרנומען מיטן רויב,[24] איז משה געווען פאַרנומען מיט יוספס געבאָט;[25] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יג, יט): **ויקח**

משה — און משה האָט מיטגענומען יוספס ביינער מיט זיך. אַן אַנדער פשט: גיי דיר אַרויס אין די טריט פון די שאָף, — ער האָט געזאָגט צו אים: „דער סוף פון דעם גאַנצן דור איז אויסצושטאַרבן, און דו וועסט זיין ווי זיי." פון וואַנען איז אים געקומען די דאָזיקע זאַך? ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: פון [זיין באַנעמען זיך ביי] דעם סנה, וואָרום ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: די גאַנצע זיבן טעג ביים סנה האָט הקדוש ברוך הוא גערעדט איבער משהן, ער זאָל גיין אין זיין שליחות קיין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט [דאָרט ד, י]: ויאמר משה — און משה האָט געזאָגט צו גאָט: איך בין ניט קיין מענטש פון ווערטער, סיי פון נעכטן, סיי פון אייערנעכטן, סיי פון זינט דיין רעדן, — איז האָסטו זעקס טעג,[26] און דער טאָג וואָס ער שטייט אין אים, האָסטו זיבן טעג, און לסוף האָט ער געזאָגט צו הקדוש ברוך הוא (דאָרט, יג): שיק, איך בעט, דורך וועמען דו וועסט שיקן. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „ביי דיין לעבן, איך וועל עס דיר איינוויקלען אין דיינע פאָלעס".[27] און ווען האָט עס אים הקדוש ברוך הוא צוריקגעצאָלט? ר' ברכיה [אין נאָמען פון] [28] ר' חלבו און ר' לוי. איינער האָט געזאָגט[29]: אַלע זיבן טעג פון דער הייליקונג[30] האָט ער פאַרנומען די כהונה גדולה,[31] מיינענדיק, אַז זי איז זיינע. אָבער לסוף איז אים געזאָגט געוואָרן: „ס'איז ניט דיינס, ס'איז דיין ברודער אהרנס," ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא ט, א): ויהי — און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג, האָט משה גערופן אהרנען.[32] ר' חלבו[33] האָט געזאָגט: אַלע [ערשטע] זיבן טעג פון אדר[34] האָט משה געבעטן רחמים ביי הקדוש ברוך הוא, ער זאָל אים לאָזן אַריינקומען אין ארץ ישראל, און לסוף האָט ער געזאָגט צו אים (דברים ג, כז): כי — ווארום דו וועסט ניט אַריבערגיין דעם דאָזיקן ירדן.

רעי — און פיטער דיינע ציקעלעך, — ער האָט געזאָגט צו אים: „די ציקעלעך וועלן אַריינקומען [אין לאַנד], די בעק וועלן ניט אַריינקומען".[35]

---

וועדן גערדרשנט אויף משיחס צייטן (זע תרגום אויף פסוק א). [21] אויף דער דאָזיקער פסוק ווערט, ווי דער ווייטערדיקער פסוק פון יואל, גערדרשנט אויף משיחס צייטן. [22] דער מן. [23] פון מצרים. [24] שמות יב, לו. [25] מיטצונעמען זיינע ביינער קיין כנען (בראשית נ, כה). [26] לויט אַ באַמערקונג פונעם גר"א (סדר עולם פרק ה) איז דער חשבון אַזאַ: מתמול (פון נעכטן), משלשום (פון אייערנעכטן), מאז דברך (פון זינט דיין רעדן), איז דריי טעג, און די דריי מאָל „גם" (אויך זיי) זיינען מרבה (מערן, גיבן צו) נאָך דריי טעג, איז צוזאַמען זעקס. אַנדערע מקורות גיבן אָן פאַרשיידענע חשבונות (זע מסורת המדרש, שמות רבה, ראָם ד, יד.) [27] איך וועל עס דיר צוריקצאָלן. [28] טעקסט ענדער־רונג לויט ויקרא רבה יא, ו. זע יויך אנציקלופדיה לחכמי התלמוד והגאונים, זוך־וואָרט ר' ברכיה. [29] לויט ויקרא רבה איז עס ר' חלבו. [30] פון די כוהנים (ויקרא ח). [31] ער האָט דורכגעפירט דעם אַמט פון כוהן גדול. [32] אים איבערצוגעבן די כהונה גדולה — אוודאי לויט גאָטס געבאָט, און דער בעל אגדה זעט אין דעם אַ שטראָף פאַר זיין באַנעמונג ביים סנה. [33] אין ויקרא רבה — ר' לוי. [34] די לעצטע טעג פאַר משהס פטירה („זיבן טעג אין אדר איז משה געבוירן געוואָרן, און זיבן טעג אין אדר איז ער נפטר געוואָרן" — סדר עולם, פרק י; זע אויך קידושין לח, א, און אונדזער אויסגאַבע פון אסתר רבה, ז' 165, באַמ. 24. [35] די וואָס זיינען אַרויס יונג פון מצרים און די אין מדבר געבוירענע,

משה את עצמות יוסף עמו. ד״א: צאי לך בעקבי הצאן, א״ל: „סוף כל הדור למות, ואת תהוי כותייהון.״ מהיכן היה לו הדבר הזה? ר׳ שמואל בר נחמן אמר: מהסנה, דאמר ר׳ שמואל בר נחמן: כל שבעת ימי הסנה היה הקב״ה מפתה את משה, שילך בשליחותו למצרים, שנאמר (שם ד): ויאמר משה אל ה׳: בי ה׳, לא איש דברים אנכי גם מתמול, גם משלשום, גם מאז דברך, הרי ששה ימים, ויומא דהוה קאים בגויה, הרי שבעה ימים, ובסוף אמר להקב״ה (שם): שלח נא ביד תשלח. א״ל הקב״ה: „חייך, שאני צוררה לך בכנפיך.״ ומתי פרע לו הקב״ה? ר׳ ברכיה [בשם] (ו) ר׳ חלבו ור׳ לוי. חד אמר: כל שבעת ימי המלואים היה משמש בכהונה גדולה; סבור שהיא שלו. ובסוף נאמר לו: „אינה שלך, של אהרן אחיך היא,״ שנאמר (ויקרא ט): ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן. ר׳ חלבו אמר: כל שבעת ימי אדר היה משה מפייס ומתחנן לפני הקב״ה שיכנס לארץ; ובסוף א״ל (דברים ג): כי לא תעבור את הירדן הזה.

ורעי את גדיותיך, — א״ל: „גדיים נכנסים, תישים אין נכנסין.״על משכנות הרועים, — אמר לו הקב״ה: „אומר לך עד מתי אתה קיים על עמי ותרעה בם — על משכנות הרועים, על הקוצין, על ארעהון של רעים וקשים שהיו בה, סיחון ועוג.״

מה

(ט) לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך, רעיתי.

דרש ר׳ פפיס (איוב כב): והוא באחד, ומי ישיבנו, דן יחידי

---

ביי די געצעלטן פון די פאַסטעכער, — הקדוש ברוך האָט אים געזאָגט: „איך וועל דיר זאָגן, ביז ווען דו וועסט זיך האַלטן איבער מיין פאָלק און זיי פיטערן: ביי די געצעלטן פון די פאַסטעכער, ביי די דערנער[36] — [ביז דו וועסט אַרויפברענגען ישראל] אויפן לאַנד פון די שלעכטע און שווערע וואָס זיינען דאָרט געווען, סיחון און עוג.״

מה

(ט) לסוסתי — צו אַ פערדין אין פרעהס רייטוועגן האָב איך דיך פאַרגליכן, געליבטע מיינע.

ר׳ פפיס [1] האָט געדרשנט (איוב כב, יג): והוא באחד — אָבער ער [טוט] איינער אַליין, און ווער קען אים דערווידערן, ער משפט איינער אַליין אַלעמען

---

וועלן אַריין אין לאַנד, אָבער ניט די וואָס זיינען געווען איבער צוואַנציק בעת יציאת מצרים (במדבר יד). [36] הרועים (די פאַסטעכער) איז אויסגעלייגט אָן אַ וו(הרעים), ווערט עס

אויף דער וועלט, און ווער קען דערווידערן די ווערטער פון דעם וואס האט געזאגט און די וועלט איז געווארן. האט ר׳ עקיבא אים געזאגט: „גענוג פאר דיר, פפיס [צו זאגן], אז מע קען ניט דערווידערן די ווערטער פון דעם וואס האט געזאגט און די וועלט איז געווארן, ווארום אלץ איז מיט אמת און אלץ איז מיט דין, דען עס שטייט געשריבן (ישעיה ו, א): ואראה — האב איך געזען גאט זיצן אויף א הויכן און דערהויבענעם שטול [2] — ר׳ סימון האט געזאגט: א שטול וואס שיידט אפ צווישן טויט און לעבן[3] —; [און נאך שטייט] (מלכים א, כב, יט): וכל — און דער גאנצער חיל פון הימל שטייט לעבן אים ביי זיין רעכטער האנט און ביי זיין לינקער, — איז דען פאראן א לינקע האנט אויבן? דארט איז דאך אלץ רעכט, ווי דער פסוק זאגט (שמות טו, ו): ימינך ה׳ — דיין רעכטע האנט, גאט, פראכטיק אין שטארקייט, דיין רעכטע האנט, גאט, טוט צעשמעטערן דעם שונא! [4] טא פאר־וואס זאגט דער פסוק ביי זיין רעכטער האנט און ביי זיין לינקער? נייערט טייל נייגן רעכטס און טייל נייגן לינקס, טייל זיינען מכריע צום גוטן און טייל זיינען מכריע צום בייזן".[5] ר׳ יוחנן פון ר׳ אחאס וועגן ברענגט עס פון דעם [פסוק] (דניאל י, א): ואמת — און אמת איז דאסווארט און א גרויסע מחנה,[6] — דאס ווארט [פון גאט] איז אמת, ווען עס ווערט געטאן [דורך] א גרויסער מחנה,[7] ווי אין פסוק שטייט (ירמיה י, י): וה׳ — און גאט [8] דער האר איז אמת — פארוואס אמת? ר׳ איבון האט געזאגט: ווייל ער איז דער לעבעדיקער גאט און דער אייביקער קיניג [9] — [און] [10] ר׳ אלעזר האט געזאגט: וואו נאר עס שטייט וה׳, און גאט, איז עס ער און זיין בית־דין,[11] און דער הויפט יסוד פאר אלע [אזעלכע פסוקים איז דער פסוק] (מלכים א, כב, כג): וה׳ — און גאט האט גערעדט שלעכטס וועגן דיר,[12] — דאס איז דער הויפט יסוד פאר זיי אלע. טא ווי באשיידט ר׳ אלעזר דעם דאזיקן פסוק פון ר׳ פפיסן: און ער טוט איינער אליין, און ווער קען אים דערווידערן? נייערט ער חתמעט איינער אליין פאר אלעמען אויף דער וועלט, און קיין שום באשעפעניש חתמעט ניט מיט אים.

און וואס איז די חתימה פון הקדוש ברוך הוא? ר׳ ביבי פון ר׳ ראובנס וועגן זאגט: „אמת", ווי דער פסוק זאגט (דניאל י, כא): אבל — אבער איך וועל דיר זאגן וואס איז פארצייכנט אין געשריפט פון אמת, — אויב „אמת", פארוואס „פארצייכנט"?,[13] און אויב „פארצייכנט", פארוואס „אמת"? נייערט כל־זמן דער דין ווערט ניט געחתמעט, איז ער [נאר] „פארצייכנט"; אבער ווי דער גזר־דין ווערט געחתמעט, איז ער „אמת." ריש לקיש האט געזאגט:

---

אויסגעטייטשט די שלעכטע, ווי די שטעכיקע דערנער, און עס ווערן געמיינט מיט דעם סיחון און עוג, וואס זייערע לענדער האט משה באוויזן איינצונעמען פאר זיין טויט.

מה. [1] פאראן א מיינונג, וואס אידענטיפיצירט דעם דאזיקן בעל דרשן מיט פפוס בן יהודה, וואס האט געראטן ר׳ עקיבאן צו פאלגן די רוימער און אויפגעבן דאס לערנען תורה (ברכות סא, ב; מדרש משלי, ט) — זע ב. ז. באכער, אגדות התנאים והאמוראים, באנד 1, בוך 2, ז׳ 63 (העברעאישע אויסגאבע). אין אנדערע מקורות ווערט דער נאמען

לכל באי עולם, ואין להשיב על דברי מי שאמר והיה העולם. א"ל ר' עקיבא: דייך, פפיס, שלא להשיב על דברי מי שאמר והיה העולם, לפי שהכל באמת והכל בדין, שכן כתיב (ישעיה ו): ואראה את ה' יושב על כסא רם ונשא (א"ר סימון: כסא שמפריש בין מיתה לחיים); — (מלכים א, כב) וכל צבא השמים עומדים עליו מימינו ומשמאלו, — וכי יש שמאל למעלה? והלא הכל ימין, שנאמר (שמות טו): ימינך, ה' נאדרי בכח, ימינך, ה', תרעץ אויב! ומה תלמוד לומר מימינו ומשמאלו? אלא אלו מימינים ואלו משמאילים, אלו מכריעים לכף זכות ואלו מכריעין לכף חובה. ר' יוחנן בשם ר' אחא מייתי לה מן הדא (דניאל י): ואמת הדבר וצבא גדול, — אמת הדבר כשנעשה [ב] צבא גדול, דכתיב (ירמיה י): וה' אלהים אמת — מהו „אמת"? א"ר איבון: שהוא אלהים חיים ומלך עולם — [ו] אמר ר' אלעזר: כל מקום שנאמר וה' — הוא ובית דינו, ובנין אב שבכולן (מלכים א, כב): וה' דבר עליך רעה, זה בנין אב שבכולן. ומה מקיים ר' אלעזר הדין קרייה דר' פפיס: והוא באחד, ומי ישיבנו? אלא הוא חותם יחידי לכל באי עולם, ואין בריה חותמת עמו.

ומהו חותמו של הקב"ה? ר' ביבי בשם ר' ראובן אמר: „אמת," שנאמר (דניאל י): אבל אגיד לך את הרשום בכתב אמת, — אם „אמת," למה „רשום," ואם „רשום," למה „אמת"? אלא עד שלא נחתם הדין — „רשום," משנחתם גזר הדין — „אמת."

---

טאַקע געשריבן פפוס (תנחומא שמות, יח). [2] אין תנחומא שמות, יח און אין ילקוט איוב, תתקח, ווערט דאָ אַנשטאָט דעם דאָזיקן פסוק געבראַכט דער אָנהייב פון דעם ווייטערדיקן פסוק פון מלכים א: ראיתי — איך האָב געזען גאָט זיצן אויף זיין שטול, און דאָס איז לאָגישער. [3] דער שטול וואָס אויף אים ווערן מענטשן געמשפט צום לעבן אָדער צום טויט. [4] צוויי מאָל רעכטע האַנט, מיינט עס, אַז ביידע הענט ביים כביכול זיינען רעכטע. [5] מיינט עס, אַז דער אייבערשטער משפט ניט איינער אַליין, ווי פפיס וויל עס האָבן. [6] לויטן דרש, און דעם טייטש ברענגט אויך ר' סעדיה, און אַזוי אויך דער מצודות. [7] פון מלאכים, וואָס דער אייבערשטער באַראָט זיך מיט זיי. [8] לויטן ווייטערדיקן דרש; דער פשט איז: אָבער גאָט. [9] דאָס איז דער סוף פון אונדזער פסוק: גאָט וואָס לעבט אייביק קאָן אמת מאַכן, דורכפירן, זיין וואָרט, אַנדערש ווי דער מענטש וואָס זיינע מעגלעכקייטן און זיין סאַמע לעבן זיינען באַגרענעצט (רשי אויפן פסוק). [10] אָן דעם דאָזיקן צוגאָב איז ניטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן די טיילן פון דעם דרש. [11] דער אויסדרוק „און" באַטייט, אַז ער איז ניט אַליין. — אין תנחומא, וארא טז, ווערן אויסגערעכנט אַ צאָל פסוקים פון דעם מין. [12] און לויטן פריער ציטירטן פסוק (יט) איז עס געווען אין בייזיין פון די מלאכים. [13] „פאַרצייכנט" באַדייט ניט קיין ענדגילטיקער באַשלוס,

און פאַרוואָס איז גאָטס חתימה „אמת"? די אלף איז ביים אָנהייב פון די אותיות, די מם איז אין מיטן, די תו איז ביים סוף, דיר צו זאָגן (ישעיה מד, ו): אני ראשון — איך בין דער ערשטער און איך בין דער לעצטער, און אויסער מיר איז ניטאָ קיין גאָט: איך בין דער ערשטער, וואָרום איך האָב ניט באַקומען מיין קיניגרייך פון עמיצן אַנדערש; און איך בין דער לעצטער, וואָרום איך וועל עס ניט איבערגעבן צו עמיצן אַנדערש וואָס איז אויף דער וועלט ניטאָ; און אויסער מיר איז ניטאָ קיין גאָט, וואָרום ס'איז ניטאָ קיין צווייטער צו מיר.

## מו

ר' פפיס האָט געדרשנט (בראשית ג, כב): הן — אָט איז דער מענטש געוואָרן ווי איינער פון אונדז — — —, ווי דער איינציקער פון דער וועלט. האָט ר' עקיבא געזאָגט צו אים: „גענוג דיר, פפיס." האָט ער געזאָגט צו אים: „טאָ ווי באַשיידסטו געוואָרן ווי איינער פון אונדז?" האָט ער אים געזאָגט: „ווי איינער פון די מלאכי השרת." אָבער די חכמים זאָגן: ס'איז ניט ווי דער זאָגט און ניט ווי יענער זאָגט, נייערט [דער פסוק] לערנט אונדז, אַז הקדוש ברוך הוא האָט געגעבן פאַר אים צוויי וועגן, דעם וועג פון לעבן און דעם וועג פון טויט,[1] און ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם וועג פון טויט און האָט איבערגעלאָזט דעם וועג פון לעבן.

## מז

ר' פפיס האָט געדרשנט (תהלים קו, כ): וימירו — און זיי האָבן אויסגעביטן זייער כבוד אויפן געשטאַלט פון אַן אָקס, — קען איך מיינען [אַז עס רעדט זיך] וועגן דעם אָקס פון אויבן,[1] לערנט אונדז [דער פסוק]: וואָס עסט גראָז. האָט ר' עקיבא געזאָגט צו אים: „גענוג דיר, פפיס." האָט ער געזאָגט צו אים: „טאָ ווי באַשיידסטו און זיי האָבן אויסגעביטן זייער כבוד אויפן געשטאַלט פון אַן אָקס [וואָס עסט גראָז]?" [2] „אויף אַן אָקס פון אונטן; קאָן איך מיינען] [3] אַן אָקס פון אַ גאַנץ יאָר? לערנט אונדז [דער פסוק]: וואָס עסט גראָז, — ניטאָ נאָך אַזאַ מנוול און פאַרזעעניש ווי אַן אָקס [אין חודש ניסן] [4] בשעת ער עסט גראָז."

ר' יודן זאָגט פון ר' אחאס וועגן: די חרטומים פון מצרים האָבן זיי אָפּגעטאָן אַ כישוף, און דאָס קאַלב האָט אויסגעקוקט ווי ס'וואָלט געצאַפּלט פאַר זיי;[5] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה מט, כד): רפתה — שוואַך געוואָרן איז דמשק, זי האָט זיך אַוועקגעקערט צו אַנטלויפן, און אַ צאַפּלעניש האָט זי אַרומגעכאַפּט.[6]

## מח

ר' פפיס האָט געדרשנט:[1] לסוסתי — צו אַ פערדין אין פרעהס רייט־וועגן, — „לססתי"[2] שטייט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אַזוי ווי איך האָב זיך געפרייט [3] אומצוברענגען די מצרים אין ים, אַזוי וואָלט איך זיך געפרייט אומצוברענגען די שונאי ישראל".[4] און ווער האָט זיי גורם געווען געראַטעוועט צו ווערן? מימינס — פון זייער רעכטער זייט און פון זייער

**אמר ריש לקיש: ולמה הוא „אמת"? אל"ף בראש האותיות, מ"ם באמצע, ת"ו בסופן, לומר** (ישעיה מד): אני ראשון ואני אחרון, ומבלעדי אין אלהים: אני ראשון, **שלא קבלתי מלכותי מאחר;** ואני אחרון, **שאיני מוסרה לאחר שאינו בעולם;** ומבלעדי אין אלהים, **שאין לי שני.**

מז

**דרש ר' פפיס** (בראשית ג): הן האדם היה כאחד ממנו, **וגו', — כיחידו של עולם. א"ל ר' עקיבא: „דייך, פפיס." א"ל: „מה את מקיים** היה כאחד ממנו?" **א"ל „כאחד ממלאכי השרת." וחכמים אומרים: לא כדברי זה ולא כדברי זה, אלא מלמד, שנתן לפניו הקב"ה שני דרכים, דרך החיים ודרך המות, וברר לו דרך המות והניח לו דרך החיים.**

מו

**דרש ר' פפיס** (תהלים קו): וימירו את כבודם בתבנית שור, — **שומע אני בשור של מעלן? תלמוד לומר:** אוכל עשב. **א"ל ר' עקיבא: „דייך, פפיס." א"ל: „ומה אתה מקיים** וימירו את כבודם בתבנית שור [אוכל עשב?" **„בשור של מטה; יכול] בשור של שאר ימות השנה? תלמוד לומר:** אוכל עשב, — **אין לך מנוול ומשוקץ כשור [בחדש ניסן], בשעה שאוכל עשב."**

**ר' יודן בשם ר' אחא אומר: חרטומי מצרים עשו להם כשפים, והיה נראה כמרטט לפניהם; המד"א** (ירמיה מט): רפתה דמשק, הפנתה לנוס, ורטט החזיקה.

מח

**דרש ר' פפיס:** לסוסתי ברכבי פרעה, — לססתי **כתיב: אמר הקב"ה: „כשם ששׂשתי על המצריים לאבדן בים, כך ששתי לאבד שונאיהם של ישראל." ומי גרם להם להנצל?** מימינם ומשמאלם, — **בזכות התורה שעתידין לקבל מימינו של הקב"ה,**

---

לינקער זייט,[5] — **אין זכות פון דער תורה וואָס זיי זיינען געווען אָנגעברייט**

מז. [1] און נאָר מיט דעם דאָזיקן כוח פון בחירה חפשית, פון פרייען אויסוואַל, **איז דער מענטש געגליכן צום אייבערשטן.**

מז. [1] פון דעם געטלעכן רייטוואָגן (זע יחזקאל א). [2] אויב איך פאַרשטיי סיי־חי, **אַז עס מיינט אַ געוויינלעכער אָקס, זיינען דאָך די ווערטער „וואָס עסט גראָז" איבעריק.** [3] צוגעגעבן לויט מכילתא דר' ישמעאל, בשלח מסכתא ב, ו; **אַנדערש איז דער נוסח ניט קלאָר.** [4] צוגעגעבן לויט מדרש תהילים קו: **די תאווה צום עסן זעט זיך אָן אויפן אָקס אין פרילינג מער ווי אַ גאַנץ יאָר.** [5] **זיך באַוואויגן ווי לעבעדיק, און די יידן זיינען**

מקבל צו זיין פון דער רעכטער האַנט פון הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, ב): מימינו — פון זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי, און פון זייער לינקער זייט, דאָס איז די מזוזה.[6] אַן אַנדער פשט: פון זייער רעכטער זייט, דאָס איז קריאת שמע, און פון זייער לינקער זייט, דאָס איז (תפילה) [תפילין].[7] האָט ר' עקיבא געזאָגט צו אים:[8] „גענוג דיר, פפיס, — אומעטום וואו עס שטייט „שישה", פרייד, שטייט עס מיט אַ [לינקער] שין, און דאָ שטייט עס מיט אַ סמך." האָט ער אים געזאָגט: „טאָ ווי באַשיידסטו: צו אַ פערדין אין פרעהס רייטוועגן?" — נייערט [זאָגט ר' עקיבא], פרעה האָט געריטן אויף אַ פערד אַ זכר;[9] האָט זיך הקדוש ברוך הוא, כביכול, אויך אַנטפּלעקט אויף אַ פערד אַ זכר; ווי אין פסוק שטייט (תהלים יח, יא): וירכב — און ער איז געריטן אויף אַ כרוב[10] און געפלויגן. האָט פרעה געזאָגט: „אַזאַ זכר־פערד הרגעט זיין באַלעבאָס אין מלחמה; נייערט איך וועל רייטן אויף אַ נקבה־פערד." דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: צו אַ פערדין אין פרעהס רייטוועגן. ווידער האָט פרעה [געביטן און] געריטן אויף אַ רויט פערד, אויף אַ ווייס פערד, אָדער אויף אַ שוואַרצס; האָט זיך הקב"ה, כביכול, אויך אַנטפּלעקט אויף אַ רויט פערד, אויף אַ ווייס און אויף אַ שוואַרצס. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (חבקוק ג, טו): דרכת — האָסט געטראָטן דעם ים מיט דיינע פערד, אַ סך[11] פערד. איז דער רשע פרעה אַרויס מיט אַ פאַנצער און אַ קיווער; האָט זיך הקדוש ברוך הוא, כביכול, אויך אַנטפּלעקט אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נט, יז): וילבש — און ער האָט אָנגעטאָן גערעכטיקייט ווי אַ פאַנצער. ער האָט געבראַכט נאַפט; האָט הקדוש ברוך הוא, כביכול, [אויך געטאָן] אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יח, יג): עביו — זיינע וואָלקנס זיינען פאַרבייגעגאַנגען מיט האָגל און קוילן פון פייער. ער האָט געבראַכט שליידער־שטיינער; האָט הקדוש ברוך הוא, כביכול, [אויך געטאָן] אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ט, כג): וה' — און גאָט האָט געגעבן דונערן און האָגל. שווערדן און שפּיזן, — האָט הקדוש ברוך הוא, כביכול, [אויך געטאָן] אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יח, טו): וברקים — און בליצן האָט ער געשאָסן. ער האָט געבראַכט פיילן; האָט הקדוש ברוך הוא, כביכול, [אויך געטאָן] אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט

דורך דעם פאַרפירט געוואָרן. [6] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט, כדי קלאָר צו מאַכן דאָס וואָרט „מרטט."

מח. [1] די דאָזיקע דרשה פון ר' פפיס איז די איינציקע וואָס איז דאָ אין פלאַץ; די פריערדיקע דריי זיינען געבראַכט געוואָרן נאָר צוליב דער אידענטישקייט פונעם בעל דרשן און צוליב ר' עקיבאס ניט מסכים זיין. [2] אַן אַ ו, און דאָס גיט די מעגלעכקייט פאַרן ווייטערדיקן דרש. [3] ששתי — לססתי (אַ „לינקע" שין און אַ סמך ווערן אָפּט פאַרביטן). [4] אַ לשון נקיה, אַן אייפעמיזם, אויף ישראל. [5] שמות יד, כב. [6] וואָס ביים אַרויסגיין פון הויז געפינט זי זיך אויף דער לינקער זייט טיר. [7] „של יד", וואָס מע לייגט אויף דער לינקער האַנט. טעקסט ענדערונג לויט מכילתא בשלח, ו, און אַזוי איז אויך גורס דער אות אמת. [8] אין מכילתא ווערט די דרשה פון פפיסן געבראַכט אין נאָמען פון ר' עקיבאן, און פאַרקערט. [9] אין פסוק שטייט (שמות יד, ט): כל סוס, לשון זכר. [10] „כרוב" איז לשון זכר. [11] געביטן "פגיין," אַ וואָרט אָן אַ באַדייטונג,

שנאמר (דברים לג): מימינו אש דת למו, „ומשמאלם,“ זו מזוזה. ד״א: „מימינם,“ זו קריאת שמע, „ומשמאלם“ זו (תפלה) [תפילין]. א״ל ר׳ עקיבא: „דייך, פפיס. כל מקום שנאמר „שישה“ כתיב בשי״ן, וכאן בסמ״ך.“ א״ל: „ומה את מקיים לסוסתי ברכבי פרעה?“ אלא רכב פרעה על סוס זכר, וכביכול נגלה הקב״ה על סוס זכר; הה״ד (תהלים יח): וירכב על כרוב ויעוף. אמר פרעה: „מה, הסוס זכר הזה הורג בעליו במלחמה; אלא הריני רוכב על סוס נקבה.“ הה״ד: לסוסתי ברכבי פרעה. חזר ורכב פרעה על סוס אדום, על סוס לבן, או בשחור; כביכול נגלה הקב״ה על סוס אדום, לבן, שחור. הה״ד (חבקוק ג): דרכת בים סוסיך, — סוסוון (פגיין) [סגיין]. יצא פרעה הרשע בשריון וכובע; כביכול הקב״ה כן, שנאמר (ישעיה נט): וילבש צדקה כשריון. הביא נפט; כביכול הקב״ה כן, שנאמר (תהלים יח): עביו עברו ברד וגחלי אש. הביא אבני בליסטרוס; כביכול הקב״ה כן, שנאמר (שמות ט): וה׳ נתן קולות וברד. חרבות ורמחים, — כביכול הקב״ה כן, שנאמר (תהלים יח): וברקים רב. הביא חצים; כביכול הקב״ה כן, שנאמר (שם): וישלח חציו. א״ר לוי: וישלח חציו ויפיצם, שהיו החצים מפזרים אותם; וברקים רב ויהמם, מלמד, שהיו מערבבין אותם: עירבבן, הממן, נטל סגניות שלהם, ולא היו יודעים מה הם עושים. יצא פרעה קטפרקטוס; כביכול הקב״ה כן, שנאמר (ישעיה מב): ה׳ כגבור יצא. הרעים קולו; כביכול הקב״ה כן, שנאמר (שמואל ב, כב): ירעם מן השמים ה׳. לבלב בקולו; כביכול (שם): ועליון יתן קולו. יצא פרעה בזעם; כביכול (חבקוק

(דאָרט): וישלח — און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע פיילן. ר׳ לוי האָט געזאָגט: און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע פיילן און זיי צעשפּרייט, וואָרום די פיילן פלעגן זיי צעשפּרייטן; און בליצן האָט ער געשאָסן און זיי פאַרטומלט, דאָס לערנט אונדז, אַז ער האָט זיי צעמישט: ער האָט זיי צעמישט, צעטומלט, אַוועקגענומען זייערע שטאַנדאַרטן, און זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס זיי טוען. פרעה איז אַרויס אין פולן כלי־זיין; האָט הקדוש ברוך הוא, כביכול, [אויך געטאָן] אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מב, יג): ה׳ — גאָט וועט ווי אַ גיבור אַרויסגיין. ער האָט געדונערט מיט זיין קול; האָט הקדוש ברוך הוא, כביכול, [אויך געטאָן] אַזוי, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל ב, כב, יד): ירעם — געדונערט פון הימל האָט גאָט. ער האָט באַהאַרצט זיין קול; כביכול (דאָרט): ועליון — און דער אייבערשטער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול. פרעה איז אַרויס מיט צאָרן; כביכול (חבקוק ג, יב): בזעם — מיט צאָרן טרעטסטו

איבער דער ערד. מיט בויגן, — **כביכול** (דאָרט, ט): עריה — אַנטבלויזט דערוואַכט דיין בויגן. מיט שילד און פּאַנצער, — **כביכול** (תהלים לה, ב): נעם אָן שילד און פּאַנצער. מיט בליציקן שפּיז, — **כביכול** (חבקוק ג, יא): לנוגה — פאַרן שיין פון דיין בליציקער שפּיז.

ר׳ ברכיה פון ר׳ שמואל בר נחמנס וועגן: **ווי באַלד פרעה האָט אויס־געניצט גאָר זיין כלי־זיין, האָט הקדוש ברוך הוא זיך גענומען גרייסן איבער אים. ער האָט געזאָגט צו אים: „דו רשע, פאַרמאָגסטו ווינט? פאַרמאָגסטו אַ כרוב? פאַרמאָגסטו פליגלען?" פון וואַנען האָט הקדוש ברוך הוא זיי געלאָזט אַרויסשוועבן? ר׳ יודן האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט זיי לויז געלאָזט פון אונטער די רעדער פון רייטוואָגן און האָט זיי געמאַכט שוועבן איבערן ים. ר׳ חנינא בר פפא האָט געזאָגט: אַז אַ בשר־ודם רייט, [רייט ער] אויף עפּעס וואָס טראָגט אים, אויף עפּעס וואָס האָט אַ ממשות; אָבער הקדוש ברוך הוא איז ניט אַזוי, — ער טראָגט זיין רייטוואָגן און רייט אויף עפּעס וואָס האָט ניט קיין ממשות. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (תהלים יח, יא): וירכב — און ער איז געריטן אויף אַ כרוב און איז געפלויגן, און ער האָט געשוועבט אויף פליגלען פון ווינט.

איין פּסוק זאָגט: וידא, און ער האָט געשוועבט, **און אַן אַנדער פּסוק זאָגט** (שמואל ב, כב, יא): וירא — און ער האָט זיך באַוויזן אויף פליגלען פון ווינט, — **אויף וואָסער אופן קאָן מען איינשטעלן די צוויי פּסוקים? ר׳ אחא האָט געזאָגט: פון דאַנען** [לערנען מיר], **אַז הקדוש ברוך הוא האָט געהאַט** [אַ סך] וועלטן, און ער איז אַרויס זיך צו באַווייזן דורך זיי.[12]

מט

(ט) דמיתיך — האָב איך דיך פאַרגליכן, מיין געליבטע. **ר׳ אליעזר האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן צו] אַ מלכס אַ טאָכטער, וואָס איז געפאַנגען גע־וואָרן, און איר פאָטער איז געווען גרייט זי אויסצולייזן. און זי האָט געוואונקען צו די פאַנגערס און געזאָגט צו זיי: „מיט אייך בין איך, און אייערע בין איך, און איך גיי אייך נאָך".[1] האָט איר פאָטער געזאָגט צו איר: „וואָס מיינסטו, איך האָב ניט בכוח דיך אויסצולייזן? שטיל־שוויגן[2] זאָלסטו מיר, יאָ, שוויג אין שטילקייט." אַזוי בשעת ישראל האָט גערוט ביים ים** (שמות יד, ט): וירדפו — און די מצרים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, און האָבן זיי דעריאָגט ווי זיי האָבן גערוט ביים ים, — **האָבן ישראל געוואונקען צו די מצרים אויס שרעק און געזאָגט צו זיי: „אייערע זיינען מיר, און מיט אייך זיינען מיר, און אייך גייען מיר נאָך." האָט געזאָגט צו זיי הקדוש ברוך הוא: „וואָס מיינט איר, איך האָב ניט בכוח אייך אויסצולייזן? שווייגט!" דמיתיך [מיינט]: איך האָב דיך איינגעשטילט.[3] דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט** (דאָרט, דאָרט, יד): ה׳ — גאָט וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך, און איר זאָלט זיין שטיל.

---

אויף „סגיין," אַ סך (לויט יאַסטראָוו). [12] ר׳ אחא נעמט אָן ביידע אויסדרוקן צוזאַמען: וידא — וירא: ער האָט געשוועבט און זיך באַוויזן.

מט. [1] כדי זיי זאָלן ניט זיין שלעכט צו איר. [2] וואָרטשפּיל: דומה — דמיתיך,

ג): בזעם תצעד ארץ. **בקשת, — כביכול** (שם): עריה תעור קשתך. **בצנה ומגן, — כביכול** (תהלים לה): החזק מגן וצנה. **בברק חנית, — כביכול:** לנוגה ברק חניתך.

**ר' ברכיה בשם ר' שמואל בר נחמן: כיון שכלה פרעה כל כלי זיין שלו, התחיל הקב"ה מתגאה עליו. א"ל: רשע, יש לך רוח? יש לך כרוב? יש לך כנפים?" מהיכן הטיסן הקב"ה? א"ר יודן: מבין גלגלי המרכבה שמטן הקב"ה והטיסן על הים. א"ר חנינא בר פפא: בשר ודם שהוא רוכב על טוענו — על דבר שיש בו ממש; אבל הקב"ה אינו כן, — טוען את רכובו ורוכב על דבר שאין בו ממש. הה"ד** (תהלים יח): וירכב על כרוב ויעוף, וידא על כנפי רוח.

**כתוב אחד אומר:** וידא, **וכתוב אחר אומר** (שמואל ב, כב): וירא על כנפי רוח, — **באיזה צד יתקיימו ב' כתובים? א"ר אחא: מכאן, שהיה לו להקב"ה עולמות, ויצא להראות בהן.**

מט

(ט) דמיתיך רעיתי. **א"ר אליעזר: לבת מלכים שנשבית, והיה אביה עומד לפדותה. והיתה מרמזת לשבאים ואומרת להם: „לכם אני, ושלכם אני, ואחריכם אני." א"ל אביה: „מה את סבורה, שאין בי כח לפדותך? דומה „דמיתיך," דומי בשתיקה." כך בשעה שהיו ישראל חונים על הים** (שמות יד): וירדפו מצרים אחריהם וישיגו אותם חונים על הים, — **והיו ישראל רומזים למצריים מפחדם ואומרים להם: „אנו שלכם, ולכם אנו, ואחריכם אנו הולכים." אמר להם הקב"ה: „מה אתם סבורים, שאין בי כח לפדותכם? דומו!"** דמיתיך — **שתקתיך. הה"ד** (שם): ה' ילחם לכם, ואתם תחרישון.

נ

**ד"א:** דמיתיך רעיתי — **רבנן אמרי: לפי שנדמו ישראל לסוסים נקבות, ומצריים הרשעים זכרים מזוהמים, והיו רצים**

---

נ

**אַן אַנדער פּשט:** [לסוסתי — צו אַ פערדין — — —] **האָב איך דיך פאַרגליכן,** מיין געליבטע, — **די רבנן זאָגן: ווייל ישראל האָט אויסגעקוקט ווי אַ נקבה־פערד,**[1] **און די מצרים, די רשעים** [זיינען געווען] **ביבזהדיקע**[2] **זכרים, און זיי זיינען זיי נאָכגעלאָפן,**[3] **ביז זיי זיינען געזונקען אין ים. ר'**

סימון האָט געזאָגט: חס ושלום, ישראל האָט ניט אויסגעקוקט ווי נקבה־פערד, נייערט די כוואַליעס פון ים האָבן אויסגעקוקט ווי נקבה־פערד, און די מצרים ווי נבזהדיקע זכר־פערד, און זיי זײַנען זיי נאָכגעלאָפן, ביז זיי זײַנען געזונקען אין ים. און דער מצרי האָט געזאָגט צו זײַן פערד: „נעכטן האָב איך דיך געשלעפּט צום נילוס, און דו ביסט מיר ניט נאָכגעגאַנגען; און איצט פאַרזינקסטו מיך אין ים.‟ און דאָס פערד האָט געענטפערט זײַן רײַטער (שמות טו, א): „רמה בים (האָט ער געוואָרפן אין ים) — זע, וואָס [4] אין ים איז; אַ מפּלה[5] ווערט געגרייט פאַר אײַך אין ים.‟ ר׳ ישמעאל האָט געלערנט (דאָרט יד, כז): וינער ה׳ — און גאָט האָט אויסגעמישט די מצרים אין מיטן ים, — [דער פּסוק] לערנט אונדז, אַז דאָס פערד האָט אַ וואָרף געטאָן זײַן רײַטער אין דער הייך, און ער איז אַראָפּגעפאַלן אונטן און זײַן פערד איז געווען איבער אים. ר׳ לוי האָט געזאָגט: ווי יענער וואָס מישט אין אַ טאָפּ, דאָס אונטערשטע קומט אַרויף אויבן און דאָס אייבערשטע גייט אַראָפּ אונטן.

רעיתי (מײַן געליבטע) — וואָס מיינט רעיתי? ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: מײַן שפּײַזערקע,[6] זיי[7] וועלן עס מיך שפּײַזן מיט צוויי קרבן תמידס יעדן טאָג; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (במדבר כח, ד): את הכבש — דעם איינעם שעפּס זאָלסטו מאַכן אין דער פרי [און דעם צווייטן שעפּס זאָלסטו מאַכן פאַר נאַכט]. וואָרום ר׳ יהודה בר סימון האָט געזאָגט: צוויי קרבן תמידס פלעגט ישראל מקריב זײַן יעדן טאָג, איינעם אין דער פרי און איינעם פאַר נאַכט. דער וואָס אין דער פרי פלעגט געבראַכט ווערן פאַר זינד וואָס פלעגן באַגאַנגען ווערן בײַ נאַכט, און דער וואָס פאַר נאַכט פלעגט געבראַכט ווערן פאַר זינד וואָס פלעגן באַגאַנגען ווערן בײַ טאָג, און קיינער האָט ניט איבער־גענעכטיקט אין ירושלים מיט זינד אין דער האַנט, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה א, כא): צדק — גערעכטיקייט פלעגט נעכטיקן אין איר.

אַן אַנדער פּשט אויף רעיתי, — די רבנן זאָגן: „די פרײַנדין‟ פון מײַן וועלט, ווײַל זיי האָבן מקבל געווען די תורה; וואָרום ווען זיי וואָלטן זי ניט מקבל געווען, וואָלט איך אומגקערט מײַן וועלט צו תוהו ובוהו.‟ וואָרום ר׳ חנינא האָט געזאָגט פון ר׳ אחאס וועגן: עס שטייט געשריבן (תהלים עה, ד): נמוגים — עס צעגייט די ערד און אַלע אירע באַוואוינערס, — איך האָב געגרונטפעסטיקט אירע זײַלן אויף אייביק[8] — ווען ניט דאָס וואָס ישראל איז געשטאַנען ביים באַרג סיני און געזאָגט (שמות כד, ז): נעשה — מיר וועלן טאָן און געהאָרכן, וואָלט די וועלט צעגאַנגען געוואָרן און זיך אומ־געקערט צו תוהו ובוהו; און ווער האָט געגרונטפעסטיקט די וועלט? „איך‟ האָב געגרונטפעסטיקט אירע זײַלן אויף אייביק: אין זכות פון [ישראלס מקבל זײַן דאָס געבאָט] (דאָרט כ, ב) אנכי — איך בין גאָט דײַן גאָט — האָב איך געגרונטפעסטיקט אירע זײַלן אויף אייביק.

---

לויטן שורש דמם, שווײַגן. [8] און אונדזער פּסוק מיינט לויט דעם: לסוסתי — ווען פּרעה איז אָנגעקומען מיט זײַנע פערד און רײַטוועגן, האָב איך דיך אײַנגעשטילט, מײַן פרײַנדין.
ע. [1] כדי אַרײַנצונאַרן די מצרים, און דער פּסוק זאָל מיינען: ווי אַ פערדין האָב איך

**אחריהם עד ששוקעים בים. א״ר סימון: חס ושלום, לא נדמו ישראל לסוסים נקבות, אלא גלי הים נדמו לסוסים נקבות ומצריים לסוסים זכרים מזוהמים, ורצו אחריהם עד ששוקעים בים. והיה המצרי אומר לסוסו: „אתמול הייתי מושכך לנילוס, ולא היית בא אחרי; ועכשיו אתה משקעני בים.״ והיה הסוס אומר לרוכבו** (שמות טו): „רמה בים — **ראה, מה בים; איפתיסים נעשית לכם בים.״ תני ר׳ ישמעאל** (שם יד): וינער ה׳ את מצרים בתוך הים, **מלמד, שהסוס היה זורק רוכבו למעלה, והוא יורד למטה והסוס למעלה ממנו. א״ר לוי: כזה שמנער בקדירה, תחתון עולה למעלה ועליון יורד למטה.**

רעיתי, — **מהו רעיתי? א״ר יונתן: מפרנסתי, הן שירעו אותי בשני תמידין בכל יום; הה״ד** (במדבר כח): את הכבש האחד תעשה בבקר [ואת הכבש השני תעשה בין הערבים]. **דאמר ר׳ יהודה בר סימון: שני תמידין היו ישראל מקריבין בכל יום, אחד בשחרית ואחד בין הערבים. של שחר היה קרב על עבירות שנעשו בלילה, ושל בין הערבים היה קרב על עבירות שנעשו ביום, ולא היה אדם לן בירושלים ובידו עוון, שנאמר** (ישעיה א): צדק ילין בה.

**ד״א:** דמיתיך, רעיתי, — **רבנן אמרי: „רעייתא דעולמי, שקבלו תורתי; שאילו לא קבלוה, הייתי מחזיר עולמי לתהו ובהו.״ דאמר ר׳ חנינא בשם ר׳ אחא: כתיב** (תהלים עה): נמוגים ארץ וכל יושביה, תכנתי עמודיה סלה,—**אילולא שעמדו ישראל על הר סיני ואמרו** (שמות כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, **היה העולם מתמגמג וחוזר לתוהו ובוהו; ומי ביסס העולם?** „אנכי״ תכנתי עמודיה סלה: **בזכות** (שם כ) אנכי ה׳ אלהיך — תכנתי עמודיה סלה.

---

דיך געלאָזט אויסזען (דמתיך, פון דומה, ענלעך). [2] תאווהדיקע. [3] אויס תאווה צו משכב בהמה. [4] „ראה מה,״ אָנשפּיל אויף „רמה״. [5] לויט וואונטשע; יאַסטראָוו לייענט אַנ־שטאָט איפתיסים — איפותורוס (ביידע פון גריכיש) — אַן אָרגיע, צוגעפּאַסט לויטן אינהאַלט. [6] פון רעה, פּאַשען, שפּייזן. [7] די יידן. [8] „סלה״, לויטן טראַדיציאָנעלן טייטש: „וואו נאָר עס ווערט געזאָגט נצח, סלה, ועד, מיינט עס אויף אַלע אייביקייטן״ (עירובין נד, א) און אַזוי טייטשט עס דער תרגום אין חבקוק און אין תהלים, און מיט אים אַלע טראַדיציאָנעלע מפרשים. און ס׳איז אַן אומרעכט צו די בעלי המדרש, ווען די סאַנטשינאָ איבערזעצונג גיט דעם וואָרט די היינט־צייטיק אָנגענומענע באַדייטונג פון אַ מוזיקאַלישן טערמין: אַזוי ווי ביים איבערזעצן תנ״ך דאַרף מען זיך באַמיען צו געבן דעם באַגריף

## נא

(י) נאוו — שיין זיינען דיינע באַקן, — אַזוי ווי די דאַזיקע באַקן זיינען באַשאַפן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט אויף רעדן, אַזוי אויך זיינען משה און אהרן ניט באַשאַפן געוואָרן אַנדערש, נייערט אויף רעדן;[1] בתורים,[2] מיט די צוויי תורהס,[3] די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה. אַן אַנדער פּשט: בתורים — מיט אַ סך תורהס, אַט ווי אין פּסוק שטייט (ויקרא ו:ב, ז, יח; ז:א, יא): זאת התורה — דאָס איז די תורה[4] פון דער עולה[5] — — — דאָס איז די תורה פון דער מינחה[6] — — — דאָס איז די תורה פון דעם חטאת[7] — — — דאָס איז די תורה פון דעם אשם[8] — — — און דאָס איז די תורה פון קרבן־שלמים[9] — — — (במדבר יט, יד): דאָס איז די תורה וועגן אַ מענטשן וואָס שטאַרבט אין אַ געצעלט. אַן אַנדער פּשט: בתורים — מיט די צוויי געשטאַלטן,[10] מיט די צוויי ברידער, דאָס איז משה און אהרן, וואָס יעדנס געשטאַלט איז געווען באַליבט ביים צווייטן, דער האָט זיך געפרייט מיט יענעמס גדולה, און יענער האָט זיך געפרייט מיט דעמס גדולה.

ר׳ פינחס האָט געזאָגט: אין פּסוק שטייט (שמות ד, טז): ודבר — און ער וועט רעדן פאַר דיר צום פאָלק, און עס וועט זיין, ער וועט דיר זיין פאַר אַ מויל, פאַר אַ פירשפּרעכער, און דו וועסט אים זיין ווי אַ גאָט, — אָבער איז דען משה געוואָרן אַן אָפּגאָט פאַר אהרנען, וואָס דו זאָגסט: און דו וועסט אים זיין ווי אַ גאָט! נייערט אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו משהן: „משה, אַזוי ווי מיין מורא איז אויף דיר, אַזוי זאָל זיין דיין מורא אויף דיין ברודער.״ אָבער ער האָט ניט אַזוי געטאָן, נייערט (דאָרט, ל—לא) וילך — און משה און אהרן זיינען געגאַנגען און האָבן פאַרזאַמלט אַלע עלטסטע פון די קינדער פון ישראל, און אהרן האָט גערעדט אַלע ווערטער, — ער האָט אויסגעגלייכט זיין אַקסל מיט יענעמס אַקסל,[11] וואָרום נאָך האָט זיך דער געפרייט מיט יענעמס גדולה, און יענער — מיט דעמס גדולה.[12] און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אהרן האָט זיך געפרייט מיט משהס גדולה? ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט, דאָרט, יד): און אויך, אָט גייט ער אַרויס אַנטקעגן דיר, און ווי ער וועט דיך דערזען, אַזוי וועט ער זיך דערפרייען אין האַרצן. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: דאָס האַרץ וואָס האָט זיך געפרייט מיט משהס גדולה וועט אַנטאָן די אורים ותומים; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות כח, ל): ונתת — און דו זאָלסט אַריינטאָן אין חושן פון משפּט די

פון אַ וואָרט לויט ווי די בעלי התנ״ך האָבן עס פאַרשטאַנען, אַזוי דאַרפן מיר, ביים איבערזעצן מדרש, געבן דעם באַגריף פון דעם זעלבן וואָרט ווי די בעלי המדרש האָבן עס פאַרשטאַנען.

נא. [1] צו ברענגען דעם פאָלק גאָטס וואָרט. [2] לויטן פּשט: אין די קייטעלעך. [3] חייל די פאָרם פון בתורים איז רבים, מערצאָל. [4] דער דין, און אַזוי אויך ווייטער. [5] בראַנד־קרבן. [6] ברויט־קרבן. [7] זינד־קרבן. [8] שולד־קרבן. [9] פריד־קרבן. [10] תארים—תורים. [11] ער האָט זיך געהאַלטן מיט אים ווי מיט אַ גלייכן. [12] דער „נאָך״ איז מרמז, אַז שפּעטער איז אויפגעקומען קנאה צווישן זיי (זע במדבר יב).

נא

(י) נאוו לחייך, — **מה לחיים הללו לא נבראו אלא לדיבור, כך משה ואהרן לא נבראו אלא לדיבור;** בתורים, **בשתי תורות, שבכתב ושבעל פה. ד"א:** בתורים, **בתורות הרבה, הה"ד** (ויקרא ו—ז): זאת תורת העולה — — — זאת תורת המנחה — — — זאת תורת החטאת — — — זאת תורת האשם — — —וזאת תורת זבח השלמים — — —; (במדבר יט) זאת התורה, אדם כי ימות באהל. **ד"א:** בתורים, **בשני תארים, בשני אחים, זה משה ואהרן, שתוארן טובה זה על זה, זה שמח בגדולתו של זה, וזה שמח בגדולתו של זה.**

**א"ר פנחס: כתיב** (שמות ד): ודבר הוא לך אל העם, והיה הוא יהיה לך לפה, **לתורגמן,** ואתה תהיה לו לאלהים, — **וכי עבודה זרה נעשה משה לאהרן, דאת אמרת:** ואתה תהיה לו לאלהים! **אלא כך אמר הקב"ה למשה: „משה, כשם שמוראי עליך, כך יהיה מוראך על אחיך." והוא לא עשה כן, אלא** (שם): וילך משה ואהרן, ויאספו את כל זקני בני ישראל, וידבר אהרן את כל הדברים, — **הקיש כתפו לכתפו, שעדיין היה שמח זה בגדולתו של זה וזה בגדולתו של זה. ומניין, שהיה אהרן שמח בגדולת משה? שנאמר** (שם): וגם הנה הוא יוצא לקראתך, וראך ושמח בלבו. **תני ר' שמעון בן יוחאי: לב ששמח בגדולת משה אחיו ילבש אורים ותומים; הה"ד** (שמות כח): ונתת אל חשן המשפט את האורים ואת התומים, והיו על לב אהרן. **ומניין שהיה משה שמח בגדולת אהרן? שנאמר** (תהלים קלג): כשמן הטוב על הראש, יורד על הזקן, זקן אהרן, — **אמר ר' אחא: וכי שני זקנים היו לאהרן, דכתיב:** על הזקן, זקן אהרן? **אלא כיון שהיה רואה משה שמן המשחה יורד על זקנו של אהרן, היה דומה עליו, כאילו**

---

אורים און די תומים, און זיי זאלן זיין ביי אהרנען אויפן הארצן. **און פון וואנען איז געדרונגען, אז משה האט זיך געפרייט מיט אהרנס גדולה? ווי דער פסוק זאגט** (תהלים קלג, ב): כשמן הטוב — אזוי ווי דער גוטער אייל אויפן קאפ, וואס נידערט אראפ אויף דער בארד, אויף דער בארד פון אהרנען, — **האט ר' אחא געזאגט: האט דען אהרן געהאט צוויי בערד, וואס עס שטייט געשריבן:** אויף דער בארד, אויף דער בארד פון אהרנען? **נייערט ווי באלד משה האט געזען דעם זאלב-אייל אראפנידערן אויף אהרנס בארד, אזוי איז עס אים אויסגעקומען, ווי ער וואלט געניטערט אויף זיין אייגענער בארד,**

און ער האָט זיך געפרייט; דעריבער ווערט געזאָגט: אויף דער באָרד, אויף דער באָרד פון אהרנען.

נב

(י) צוארך — דיין האַלדז אין די פערלשנורן, דאָס זיינען די סנהדרין פון זיבעציק [חברים], וואָס פלעגן אויפסיליען נאָך זיי[1] [די דברי תורה], ווי אַ שנור פערל. אַן אַנדער פשט: שיין זיינען דיינע באַקן בתורים (אין די קייטעלעך), דאָס זיינען די סופרים[2] און די משנה־מלמדים, און די וואָס לערנען מיטן קליינוואַרג מיט געטריישאַפט;[3] דיין האַלדז אין די פערלשנורן, דאָס איז דאָס קליינוואַרג. אַן אַנדער פשט: שיין זיינען דיינע באַקן מיט די תורים, דאָס זיינען די רביים; דיין האַלדז מיט די קייטעלעך (חרוזים), דאָס זיינען די תלמידים, וואָס טוען אומדרייען[4] זייערע העלדזער כדי צו הערן תורה פון זייער מויל, ווי אַ מענטש וואָס האָט אויף זיין לעבן קיין דברי תורה ניט געהערט. אַן אַנדער פשט: שיין זיינען דיינע באַקן מיט די תורים, בשעת זיי טוען באַכפּאָרשן[5] די תורה איינע מיט די אַנדערע, אַ שטייגער ווי ר׳ אבא בר מימי[6] און זיינע חברים; דיין האַלדז אין די פערלשנורן, בשעת זיי סיליען אויף ווערטער פון תורה, און פון די ווערטער פון תורה [גייען זיי איבער] צו נביאים, און פון נביאים צו כתובים, און אַ פייער פלאַקערט אַרום זיי, און די ווערטער זיינען אַזוי פריידיק ווי בשעת זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון סיני, — איז דען דאָס סאַמע געבן זיי פון באַרג סיני ניט געווען מיט פייער? ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, יא): וההר — און דער באַרג האָט געברענט מיט פייער ביזן האַרץ פון הימל.

בן עזאי איז געזעסן און געדרשנט, און אַ פייער איז געווען אַרום אים. איז מען געגאַנגען און געזאָגט צו ר׳ עקיבאַן: „רבי, בן עזאי, זיצט און דרשנט, און אַ פייער פלאַקערט אַרום אים.״ איז ער אַוועק צו אים און אים געזאָגט: „איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געדרשנט, און אַ פייער האָט גע־פלאַקערט אַרום דיר.״ האָט ער געזאָגט צו אים: „ריכטיק.״ האָט ער אים געזאָגט: „אפשר האָסטו זיך עוסק געווען מיט די סודות פון מעשה מרכבה?״[7] האָט ער געזאָגט צו אים: „ניין; נייערט איך בין געזעסן און געסיליעט ווער־טער פון תורה, און פון תורה [בין איך אַריבער] צו נביאים, און פון נביאים צו כתובים, און די ווערטער זיינען געווען אַזוי פריידיק ווי בשעת זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון סיני, און זיי זיינען געווען אַזוי זיס ווי ביים סאַמע געבן זיי, — איז דען דאָס סאַמע געבן זיי פון סיני ניט געווען מיט פייער? שטייט

---

נב. [1] וואַרשיינלעך נאָך משהן און אהרנען, — די ווייטערדיקע ממשיכים פון דער קייט פון תורה. מעגלעך, אַז די איבערזעצונג דאַרף זיין: וואָס האָבן זיך אויפגעסיליעט איינע נאָך די אַנדערע. [2] קאָפּירערס פון די מקרא־ספרים, וואָס זיינען גלייכצייטיק געווען מלמדים פון מקרא. [3] תורים ווערט דאָ, ווי אויבן, פאַרשטאַנען אין שייכות מיט תורה, און אַזוי אויך ווייטער. [4] חוזרים — חרוזים. [5] „מייללין״, ווי „מאללין״ — זוכן נאָך, פאָרשן נאָך (זע אונקלוס, במדבר יג, ב: ויאללון — און זיי זאָלן אויספאָרשן). [6] אין אַ צאָל אויסגאַבעס: בר קומי. [7] קבלה ענינים, און דאָס וואָלט דערקלערט דאָס פלאַקערן פון פייער (זע בבלי, חגיגה יד, ב, און ירושלמי חגיגה, ב, א: ר׳ אלעזר בן

יורד על זקנו של משה, והיה שמח; וכך נאמר: על הזקן, זקן אהרן.

נב

(י) צוארך בחרוזים, אלו שבעים סנהדרין, שהיו חורזים אחריהם כליניא של מרגליות. ד"א: נאוו לחייך בתורים, אלו סופרים ומשנים ומלמדי תינוקות באמונה; צוארך בחרוזים, אלו התינוקות. ד"א: נאוו לחייך בתורים, אלו הרבנין; צוארך בחרוזים, אלו התלמידים שחוזרין צואריהם לשמוע דברי תורה מפיהם, כאדם שלא שמע דברי תורה מימיו. ד"א: נאוו לחייך בתורים, בשעה שמיללין ההלכה אלו עם אלו, כגון ר' אבא בר מימי וחבריו; צוארך בחרוזים, בשעה שהיו חורזים בדברי תורה, ומדברי תורה לנביאים, ומנביאים לכתובים, והאש מתלהטת סביבותיהם, והיו הדברים שמחים כנתינתן מסיני, — וכי עיקר נתינתן מהר סיני לא באש היו ניתנין? שנאמר (דברים ד): וההר בוער באש עד לב השמים.

בן עזאי היה יושב ודורש, והאש סביבותיו. אזלין ואמרון לר' עקיבא: „רבי, בן עזאי יושב ודורש, והאש מלהטת סביבותיו. הלך אצלו ואמר לו: „שמעתי, שהיית דורש, והאש מלהטת סביבך." א"ל: „הן." א"ל: „שמא בחדרי מרכבה היית עסוק?" אמר לו: לאו; אלא הייתי יושב וחורז בדברי תורה, ומתורה לנביאים, ומנביאים לכתובים, והיו הדברים שמחים כנתינתן מסיני, והיו ערבים כעיקר נתינתן, — וכי עיקר נתינתן מסיני לא באש היו ניתנין? הה"ד: וההר בוער באש."

ר' אבהו היה יושב ודורש, ואש מלהטת סביבותיו. אמר: שמא איני חורז בדברי תורה כתיקנן? דאמר ר' לוי: אית דידע דמחרוז ולא ידע למקדח; ואית דידע למקדח ולא ידע למחרוז. ברם אנא הוינא חרוזא ואנא הוינא קדוחא.

---

דאָך אַזוי איז פסוק: און דער באַרג האָט געברענט מיט פייער ביז צום האַרץ פון הימל."

ר' אבהו איז געזעסן און געדרשנט, און אַ פייער האָט געפלאַקערט אַרום אים. האָט ער געזאָגט: צי סיליע איך ניט די ווערטער פון תורה ווי ס'געהער צו זיין? וואָרום ר' לוי האָט געזאָגט: פאַראַן איינער וואָס קאָן אָנסיליען, אָבער ער קאָן ניט בויערן;[8] און פאַראַן איינער, וואָס קאָן בויערן, אָבער ער קאָן ניט אָנסיליען. איך אָבער בין אי אַן אָנסיליער, אי אַ בויערער.

## נג

אן אַנדער פּשט: שיין זיינען דיינע באַקן מיט די תורים, בשעת מע לייענט די ווערטער פון דער תורה לויט זייער ריי:[1] די דינים פון פסח אום פסח, די דינים פון שבועות אום שבועות, די דינים פון סוכות אום סוכות. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (אסתר ב, יב): ובהגיע — און ווען ס'איז אָנגעקומען די ריי פון מיידל נאָך מיידל.[2] — דיין האַלדז מיט די פּערלשנורן, — ר' לוי האָט אין נאָמען פון ר' חמא בר חנינא געזאָגט: דאָס זיינען די פּרשות פון דער תורה, וואָס זיינען צענויפגעפלאָכטן איינע מיט דער אַנדערער, און ציען זיך איינע צו דער אַנדערער,[3] און שפּרינגען אָפּ איינע פון דער אַנדערער,[4] און זיינען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, און זיינען נאָענט איינע צו דער אַנדערער. ר' מנחמא האָט געזאָגט: אַ שטייגער דאָס וואָס שטייט געשריבן (במדבר כו, נג): לאלה — צו די דאָזיקע זאָל דאָס לאַנד איינגעטיילט ווערן פאַר אַ נחלה. און וואָס שטייט דאָרט ווייטער? (דאָרט כז, א) ותקרבנה — און עס האָבן גענענט די טעכטער פון צלפחד.[5] [און ווייטער] (דאָרט, דאָרט, ז): ריכטיק רעדן די טעכטער פון צלפחד; און נאָך דעם שטייט געשריבן (דאָרט, דאָרט, יב): עלה — גיי אַרויף אויף דעם דאָזיקן באַרג עברים,[6] — אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ איינס מיטן צווייטן? [נייערט] ווען דאָס לאַנד איז איינגעטיילט געוואָרן, זיינען געקומען צלפחדס טעכטער צו משהן צו נעמען זייער חלק; אָבער משה האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון זייער משפּט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, דאָרט, ה): ויקרב — האָט משה געבראַכט זייער משפּט [פאַר גאָט]. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „משה, פון זייער משפּט קאָנסטו זיך אַרויסמאַכן, פון מיין משפּט אָבער קאָנסטו זיך ניט אַרויסמאַכן, — גיי אַרויף אויף דעם דאָזיקן באַרג עברים.” האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם, ווי באַלד דו נעמסט מיך אַוועק פון דער וועלט, לאָז־זשע מיך ווי סן, וואָסערע מנהיגים דו באַשטימסט פאַר ישראל.” האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „משה, אויף מיינע קינדער דאַרפסטו אָנזאָגן? אויף דעם באַשאַף פון מיינע הענט זאָגסטו מיר אָן?[7] איידער דו זאָגסט מיר אָן אויף מיינע קינדער, זאָג אָן מיינע קינדער וועגן מיר.” דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט כח, ב): צו — באַפעל די קינדער פון ישראל און זאָלסט זאָגן צו זיי.[8]

צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלכס ווייב, וואָס האָט געהאַלטן ביים גיין פון דער וועלט; האָט זי געזאָגט צו אים: „ביי דיין לעבן, מיין האַר דער מלך, איך זאָג דיר אָן [אַכטונג צו געבן] אויף מיינע קינדער.” האָט ער געזאָגט צו איר: „איידער דו באַפעלסט מיר וועגן מיינע קינדער, באַפעל מיינע קינדער וועגן מיר.” אַזוי אויך, בשעת משה האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם, ווי באַלד דו נעמסט מיך אַוועק פון דער וועלט, לאָז־זשע מיך וויסן, וואָסערע מנהיגים דו באַשטימסט איבער זיי.” — — —[9]

## נג

**ד"א: נאוו לחייך בתורים, בשעה שקוריןבדברי תורה בתוריהן: הלכות פסח בפסח, הלכות עצרת בעצרת, הלכות החג בחג. הד"א** (אסתר ב): ובהגיע תור נערה ונערה. — צוארך בחרוזים, **ר' לוי בשם ר' חמא בר' חנינא אמר: אלו פרשותיה של תורה, שהן חרוזות זו בזו, ומושכות זו בזו, ומדלגות זו מזו, ודומות זו לזו, וקרובות זו לזו. אמר ר' מנחמא: כגון הדין דכתיב** (במדבר כו): לאלה תחלק הארץ בנחלה. **מה כתיב תמן?** (שם כז): ותקרבנה בנות צלפחד; (שם) כן בנות צלפחד דוברות; **וכתיב בתריה** (שם): על אל הר העברים הזה, — **וכי מה ענין זה לזה? כיון דאתפלגת ארעא, באו בנות צלפחד ליטול חלקן אצל משה, ונסתלק משה מדינן. הה"ד** (שם): ויקרב משה את משפטן. **א"ל הקב"ה: „משה, מדינן אתה מסתלק, ומלפני אין אתה מסתלק,** — עלה על הר העברים הזה." **אמר לפניו: „רבוש"ע, הואיל ואתה מסלקני מן העולם, הודיעני מה פרנסים אתה מעמיד לישראל." א"ל הקב"ה: „משה, על בני אתה צריך צווי?** ועל פועל ידי תצוני? **עד שאתה מצוני על בני, צוה את בני עלי." הה"ד** (שם כח): צו את בני ישראל ואמרת אליהם.

**משל למה הדבר דומה? לאשתו של מלך, שהיתה מסתלקת מן העולם; אמרה לו: „חי אדוני המלך, אני מפקדת אותך על בני." א"ל: „עד שאת מצוה אותי על בני, צוה בני עלי." כך בשעה שאמר משה לפני הקב"ה: „רבוש"ע, הואיל ואתה מסלקני מן העולם, הודיעני מה פרנסים את מעמיד עליהם."**

---

ערך האָט געדרשנט וועגן מעשה מרכה, און אַ פייער איז אַראָפּ פון הימל). [8] מאַכן די לעכלעך אין די פּערל: אויפקלערן די טיפערע פּראָבלעמען פון תורה, און אָנסיליען ווערט מיינען: דאָס פון אויבנאויפיקע צונויפבינדן און דערקלערן די דברי תורה.

נג. [1] בתורים ווערט דאָ געדרשנט צווייפאַך, אויף תורה און אויף ריי (תור). [2] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט צו באַשטעטיקן דעם טייטש פון תור. [3] פרשות וואָס זיינען געבונדן צווישן זיך. [4] פרשות, וואָס כאָטש זיי שטייען איינע לעבן דער אַנדערער, האָבן זיי דאָך קיין שייכות ניט צווישן זיך. [5] צו מאָנען זייער פאָטערס ירושה. [6] וואו ס'איז באַשערט געווען משהן נפטר צו ווערן. [7] ישעיה מה, יא, (לייענענדיק תצוני אין לשון יחיד און ווי אַ פראַגע, לויטן דרש). [8] אַזוי איז באַוויזן געוואָרן, אַז די אַלע ציטירטע פסוקים האָבן אַ שייכות צווישן זיך. [9] דער בעל המדרש איז דאָ מקצר און חזרט ניט איבער דעם אייבערשטנס ענטפער.

## נד

(יא) תורי זהב — גילדערנע קייטלעך וועלן מיר דיר מאַכן, — גילדערנע קייטלעך וועלן מיר דיר מאַכן, **דאָס איז דאָס רויב** [**וואָס ישראל האָט גע־קראָגן**] **ביים ים**;[1] עם — מיט פּינטלעך פון זילבער, **דאָס איז דאָס רויב** [**וואָס ישראל האָט געקראָגן**] **פון מצרים**;[2] **אַזוי ווי ס'איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן זילבער און גאָלד, אַזוי איז דאָס פאַרמעגן ביים ים געווען טייערער פונעם רויב פון מצרים**; [**ווי אין פסוק שטייט**] (יחזקאל טז, ז): ותבואי — און דו ביסט געקומען אין צירונג פון צירונגען,[3] — מיט צירונג, **דאָס איז דאָס רויב פון מצרים**; צירונגען, **דאָס איז דאָס רויב ביים ים. אַן אַנדער פשט**: גילדערנע קייטלעך וועלן מיר דיר מאַכן, **דאָס איז די תורה וואָס דער חכם לערנט מיטן פאַרשטאַנד** [**וואָס איז אים געגעבן**] **פון גאָט**.[4] מיט פּינטלעך פון זילבער, — **ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: דאָס זיינען די אותיות; ר' אחא האָט געזאָגט: דאָס זיינען די ווערטער. אַן אַנדער פשט**: גילדערנע קייט־לעך וועלן מיר דיר מאַכן, **דאָס איז די שריפט**; מיט פּינטלעך פון זילבער, **דאָס איז דאָס לייענען**.[5] **אַן אַנדער פשט**: גילדערנע קייטלעך, **דאָס איז דער משכן, דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (שמות כו, כט): ואת הקרשים — און די ברעטער זאָלסטו באַדעקן מיט גאָלד; מיט פּינטלעך פון זילבער, **דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כז, י): ווי — די העקלעך פון די זיילן און זייערע רייפבענדער פון זילבער.

**ר' ברכיה האָט באַשיידט דעם פסוק אויפן ארון־קודש**: גילדערנע קייט־לעך, **דאָס איז דער ארון, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט כה, יא): וצפית — און זאָלסט אים באַדעקן מיט ריין גאָלד; מיט פּינטלעך פון זילבער, **דאָס זיינען די צוויי זיילן וואָס זיינען געשטאַנען אינעוויייניק,[6] וואָס זיינען געווען פון זילבער**, [**און זיינען געשטאַנען**] **ווי אַ מין קאַלאַנאַדע. און ווי איז דער ארון געמאַכט געוואָרן? ר' חנינא און ר' שמעון בן לקיש. ר' חנינא האָט געזאָגט: פון דריי קאַסטנס האָט מען אים געמאַכט, צוויי פון גאָלד און איינער פון האָלץ, און מע האָט אַריינגעטאָן דעם הילצערנעם אויפן גילדערנעם, און דעם** [**צווייטן**] **גילדערנעם אויפן הילצערנעם, און מע האָט איבערגע־צויגן זיינע איבערשטע ברעגן מיט גאָלד. ריש לקיש האָט געזאָגט: פון איין קאַסטן האָט מען אים געמאַכט, און מע האָט איבערגעצויגן** [**מיט גאָלד**] **פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, ווי עס שטייט געשריבן** (דאָרט): מבית — פון אינעוויייניק און פון אויסנווייניק זאָלסטו אים איבערציען. **טאָ ווי דער־קלערט ר' חנינא דעם פסוק פון ריש לקישן? ר' פינחס האָט געזאָגט: מע האָט איבערגעלייגט** [**מיט גאָלד**] **צווישן איין ברעט און דעם צווייטן.**

**יהודה דער זון פון ר' — — —**[7] **זאָגט**: שיין זיינען דיינע באַקן מיט די תורים, **דאָס איז די תורה**; דיין האַלדז מיט די פּערלשנורן, **דאָס זיינען די נביאים**; גילדערנע קייטלעך, **דאָס זיינען די כתובים**; מיט פּינטלעך פון זילבער, **דאָס איז שיר השירים, — אַ וואָרט פון פאַרענדיקטקייט, אַ וואָרט פון אָפּגעצייכנטקייט**.[8]

## נד

(יא) תורי זהב נעשה לך, — תורי זהב נעשה לך, **זו ביזת הים;** עם נקודות הכסף, **זו ביזת מצרים: כשם שהפרש בין כסף לזהב, כך יש שבח ממון הים מביזת מצרים. שנאמר** (יחזקאל טז): ותבאי בעדי עדיים, — בעדי, **זו ביזת מצרים;** עדיים, **זו ביזת הים. ד"א:** תורי זהב נעשה לך, **זו התורה שלמד (אלקולאין) [אסכולאין] בדעתו של הקב"ה.** עם נקודות הכסף, — **ר' אבא בר כהנא אמר: אלו האותיות; ר' אחא אמר: אלו התיבות. ד"א:** תורי זהב נעשה לך, **זה הכתב;** עם נקודות הכסף, **זה (הסרגל) [הסירגול]. ד"א:** תורי זהב, **זה המשכן; הה"ד** (שמות כו): ואת הקרשים תצפה זהב; עם נקודות הכסף, **המד"א** (שם כז): ווי העמודים וחשוקיהם כסף.

**ר' ברכיה פתר קרייה בארון:** תורי זהב, **זה הארון, דכתיב** (שם כה): וצפית אותו זהב טהור;—עם נקודות הכסף, **אלו שני העמודים העומדים לפנים, שהיו של כסף, כמין איצטוון. וכיצד נעשה הארון? ר' חנינא ור' שמעון בן לקיש. ר' חנינא אמר: שלש תיבות עשאו, שתים של זהב ואחת של עץ; נתן של עץ על של זהב, ושל זהב על של עץ, וחיפה שפתיו העליונות בזהב. ריש לקיש אמר: תיבה אחת עשאו, וחיפהו מבפנים ומבחוץ, דכתיב** (שם): מבית ומחוץ תצפנו. **ומה מקיים ר' חנינא קרייה דריש לקיש? א"ר פנחס: שחיפה בין נסר לנסר.**

**יהודה ברבי — — — אומר:** נאוו לחייך בתורים, **זו התורה;** צוארך בחרוזים, **אלו הנביאים;** תורי זהב, **אלו הכתובים;** עם נקודות הכסף, **זה שיר השירים, — מלה חתומה ומלה מסיימה.**

---

נד. [1] ביים ים זיינען די מצרים געווען באַלאָדן מיט זילבער און גאָלד און טייערע שטיינער און פּערל, און ווען זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן, האָבן די יידן דאָס אַלץ צוגענומען (מכילתא בשלח, פרשה ו; שמות רבה כד, א). [2] שמות יב, לו. [3] לויטן דרש. [4] עמענדאַציע און איבערזעצונג לויטן ערוך השלם (זע אויבן יג, באַמ. 8). [5] זע סופרים א, א: ס'איז אַ הלכה למשה מסיני, אַז ביים שרייבן אַ ספר (און אַזוי אויך תפילין און מזוזות) מוז מען לינירן דעם פּאַרמעט מיט אַ ראַר. — געביטן „הסרגל" אויף "הסירגול", וואָס איז גראַמאַטיש ריכטיקער, און אַזוי איז דער נוסח אין ויקרא רבה יט, א. [6] אין ארון, צווישן די לוחות און דער ספר־תורה (בבא בתרא יד, א). [7] דאָ פעלט דער נאָמען פון יהודהס פאָטער. (סיידן עס זאָל מיינען: דער זון פון מיין רבין, דעם רבין פון בעל המדרש, — אָבער זיכער קאָן עס ניט מיינען דער זון פון רבין, דעם מסדר פון דער משנה, וואָס האָט אַליין געהייסן יהודה, און האָט ניט געהאַט קיין זון מיט דעם נאָמען). [8] אַ ספר וואָס פאַרפולקאָמט און דערגאַנצט דעם תנ"ך, ווי די פינטלעך זילבער

## נה

(יב) עד — בעת דער מלך איז נאָך געווען אין זיין מסיבה,[1] — ר׳ מאיר און ר׳ יהודה. ר׳ מאיר זאָגט: בעת דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, אין הימל, האָט שוין ישראל אַרויסגעגעבן אַ שלעכטן ריח און געזאָגט אויפן קאַלב (שמות לב): אלה — דאָס איז דיין גאָט, ישראל. האָט געזאָגט צו אים ר׳ יהודה: גענוג דיר, מאיר; מע דרשנט ניט שיר השירים צום שלעכטן, נייערט צום גוטן, וואָרום שיר השירים איז ניט אַנדערש געגעבן געוואָרן, נייערט פאַרן ליבּ פון ישראל. טאָ וואָס־זשע מיינט בעת דער מלך איז נאָך געווען אין זיין מסיבה? בעת דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, אין הימל, האָט שוין ישראל אַרויסגעגעבן אַ גוטן ריח פאַרן באַרג סיני און האָבן געזאָגט (דאָרט כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן. — אָבער איז דאָס די מיינונג פון ר׳ מאירן צו טייטשן [נרדי] „מיין ווילד־געוויקס[2] האָט אַרויסגעגעבן זיין [שלעכטן] ריח?[3] נייערט אַ מסיכתא[4] האָבן זיי[5] אַרויפגעבראַכט מיט זיך פון גלות, וואָס פון איר האָבן זיי געלערנט, אַז ער[6] האָט זיי איבערגעהיפּערט די מעשה פונעם עגל הזהב און האָט זיי מקדים געווען די מעשה פון משכן.[7]

ר׳ אליעזר און ר׳ עקיבא און ר׳ ברכיה. ר׳ אליעזר זאָגט: בעת דער מלך איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, — בעת דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, אין הימל, האָט שוין דער באַרג סיני אַרויסגעלאָזט זיילן פייער,[8] ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, יא): וההר — און דער באַרג ברענט מיט פייער. ר׳ עקיבא זאָגט: בעת דער מלך איבער מלכים, הקדוש ברוך הוא, איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, אין הימל, האָט שוין (שמות כד, טז) דער כבוד פון גאָט גערוט אויפן באַרג סיני.[9]

---

דערגאַנצן די גילדערנע קייטלעך (זע אויבן א, יא: ר׳ עקיבא האָט געזאָגט: — — — גאָר די גאַנצע וועלט האָט ניט געהאַט די ווערט ווי יענעם טאָג ווען שיר השירים, איז געגעבן געוואָרן).

נה. [1] לויטן דרש [2] מיין זינד. זע תרגום אויף אונדזער פסוק, וואָס זעצט איבער נרד מיטן וואָרט „נידא,״ וואָס איז, לויטן אינהאַלט (און לויט יאַסטראָוו, וואָס הייסט לייענען נירדא) אַ פלאַץ מיט אַ שלעכטן ריח, דער היפוך פון נרד. [3] לויט יפה קול. [4] אין זין פון אַ מדרש (פאַרגלייך אסתר רבה, פתיחתא יא: „דעם דאָזיקן מדרש האָבן מיר מיטגעבראַכט פון גלות.״ אין אות אמת געפינט זיך אַ נוסח: המסורה הזאת — די דאָזיקע מסורה). [5] די חכמים. [6] דער אייבערשטער. [7] לויט דער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג וואָלט די מעשה פונעם עגל הזהב (שמות לב) געדאַרפט שטיין אין חומש פאַר דער באַשרייבונג פונעם משכן (דאָרט כו—כז); האָט אָבער דער אייבערשטער געוואָלט צוערשט שטעלן אין דער תורה דאָס וואָס איז אַ זכות פאַר ישראל. לויט דעם דרשנט ר׳ מאיר אַזוי דעם פסוק: נרדי, מיין נאַרד, וואָס גיט אַ גוטן ריח, איז אַ משל אויף דער מצווה פון משכן, וואָס קומט אין דער תורה צוערשט, און נאָך דעם נתן ריחו, האָט [ישראל] אַרויסגעגעבן זיין [שלעכטן] ריח, — אַ משל אויף דעם עגל הזהב, וואָס קומט אין דער תורה שפּעטער. [8] אין דניאל (ג, כז) געפינען מיר דאָס וואָרט ריח אין שייכות מיט פייער (רש״ש) און מיט נרדי ווערט געמיינט דער באַרג סיני, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם גוטן ריח פון

**נה**

(יב) עד שהמלך במסבו, — **ר' מאיר ור' יהודה. ר' מאיר אומר:** עד שהמלך, מלך מלכי המלכים, הקב"ה, במסבו, ברקיע, נתנו **ישראל ריח רע ואמרו לעגל** (שמות לב): אלה אלהיך, ישראל. **א"ל ר' יהודה: דייך, מאיר: אין דורשין שיר השירים לגנאי, אלא לשבח, שלא ניתן שיר השירים, אלא לשבחן של ישראל. ומהו** עד שהמלך במסבו? **עד שהמלך, מלך מלכי המלכים, הקב"ה, במסבו, ברקיע, נתנו ישראל ריח טוב לפני הר סיני ואמרו** (שם כד): כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע. — **היא דעתיה דר' מאיר, למימר** „סירי נתן ריחו"? **אלא מסכתא עלתה בידם מן הגולה ושנו בה, שקפץ להם מעשה העגל והקדים להם מעשה המשכן.**

**ר' אליעזר ור' עקיבא ור' ברכיה. ר' אליעזר אומר:** עד שהמלך במסבו, — **עד שהמלך, מלך מלכי המלכים, הקב"ה, במסבו, ברקיע, כבר הר סיני מתמר באור, שנאמר** (דברים ד): וההר בוער באש. **ר"ע אומר: עד שהמלך, מלך מלכי המלכים, הקב"ה, במסבו, ברקיע, כבר** (שמות כד): וישכן כבוד ה' על הר סיני. **ר' ברכיה אומר: עד שמשה במסבו ברקיע — שנקרא מלך, שנאמר** (דברים לג): ויהי בישורון מלך, בהתאסף ראשי עם — **כבר** (שמות כ): וידבר אלהים את כל הדברים האלה לאמר.

**ר' אליעזר בן יעקב ורבנן. ר' אליעזר אומר: עד שהמלך, מלך מלכי המלכים, הקב"ה, במסבו, כבר ירד מיכאל השר הגדול מן השמים והציל את אברהם אבינו מכבשן האש. ורבנן אמרי: הקב"ה ירד והצילו, שנאמר** (בראשית טו): אני ה' אשר

---

ר' ברכיה זאָגט: בעת משה איז נאָך געוועזן אין זיין מסיבה, אין הימל — און ער ווערט גערופן מלך, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, ה): ויהי — און ס'איז געוועזן אַ מלך אין ישורון,[10] ווען עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די קעפּ פון פאָלק — האָט שוין (שמות כ, א) גאָט גערעדט אַלע די דאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן.

ר' אליעזר בן יעקב און די רבנן. ר' אליעזר זאָגט: בעת דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, איז נאָך געוועזן אין זיין מסיבה, איז שוין מיכאל, דער גרויסער שר, אַראָפּגעקומען פון הימל און געראַטעוועט אברהם אבינו פון פייערדיקן קאַלכאויוון, און די רבנן זאָגן: הקדוש ברוך הוא איז אַראָפּגעקומען און אים געראַטעוועט, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, ז):

אני ה׳ — איך בין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פונעם פייער[11] פון די כשדים. און ווען איז מיכאל אַראָפּגעקומען? אין די טעג פון חנניה, מישאל און עזריה.[12]

ר׳ טביומי האָט געזאָגט: [דער פּסוק מיינט, אַז] בעת יעקב אבינו איז נאָך געווען אָנגעלענט[13] אין זיין בעט, האָט אויפגעבליצט אין אים דער רוח הקודש, און ער האָט געזאָגט צו זייבע זין (דאָרט מח, כא): והיה — און גאָט וועט זיין מיט אייך, — ער האָט זיי געזאָגט: „גאָט איז אָנגעברייט צו לאָזן רוען זיין שכינה צווישן אייך".[14] ר׳ נחמן האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (דאָרט מו, א): ויסע ישראל — און ישראל האָט אַוועקגעצויגן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און איז געקומען קיין באר שבע, — וואוהין איז ער געגאַנגען?[15] ער איז געגאַנגען אויסהאַקן די צעדערביימער, וואָס אברהם אבינו האָט געפלאַנצט אין באר שבע,[16] ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט כא, לג): ויטע — און ער האָט געפלאַנצטביימער[17] אין באר שבע. [און וועגן דעם] האָט ר׳ לוי געזאָגט: עס שטייט געשריבן (שמות כו, כח): והבריח התיכון — און דער מיטלסטער ריגל, אין מיטן פון די ברעטער, — דער ריגל האָט געהאַלטן צוויי און דרייסיק איילן, איז פון וואַנען האָבן זיי עס פונקט דאַן געקראָגן צו דער האַנט? לערנט עס אונדז, אַז זיי זיינען געווען באַהאַלטן ביי זיי פון די טעג פון יעקב אבינו; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט, לה, כד): וכל — און איטלעכער וואָס ביי אים האָט זיך געפונען שיטים־האָלץ,[18] — דאָ שטייט ניט: „וואָס וועט געפינען שיטים־האָלץ",[19] נייערט וואָס ביי אים האָט זיך געפונען, פון אָנהייב אָן.

ר׳ לוי בר חייא האָט געזאָגט: זיי האָבן זיי אויסגעהאַקט אין מגדלא פון די פאַרבערס און האָבן זיי אַראָפּגענידערט מיט זיך קיין מצרים, און ס׳האָט זיך ניט געפונען אין זיי קיין סענק און קיין איינפלאַץ. — אין מגדלא זיינען געווען שיטים־ביימער, און מע פלעגט זיך מיט זיי נוהג־איסור זיין,[20] איבער דער קדושה פונעם ארון. זיינען זיי געקומען און געפרעגט ר׳ חנניהן, דעם חבר פון די רבנן, און ער האָט זיי געזאָגט: „זייט ניט משנה דעם מנהג פון אייערע עלטערן."

---

מצוות. [9] לויט דעם ווערט נרדי געטייטשט לויט ירד, אַראָפּגיין: גאָטס כבוד איז אַראָפּגעקומען. [10] טייטשנדיק מלך אויף משהן. [11] לויטן דרש (זע תרגום יונתן אויפן פּסוק, און ס׳קוקט אויס, אַז אויך אונקלוס האָט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט אור ווי פייער). [12] דניאל ג. [13] טייטשנדיק במסבו לויטן פּשט: אויף זיין אָנלען, און אין בראשית רבה צג, ז, ווערט יעקב באַצייכנט מיטן טיטול מלך. [14] אין משכן וואָס זיי וועלן בויען פאַר אים, און "נרד" איז לויט דעם אַ באַצייכענונג פאַר דער שכינה. [15] ד"ה: נאָך וואָס איז ער אַהין געגאַנגען? [16] און מיטנעמען קיין מצרים, כדי די יידן זאָלן שפּעטער, נאָך יציאת מצרים, האָבן מיט וואָס צו בויען דעם משכן. [17] לויטן פּשט אַ טאַמאַריסקנבוים. [18] וועגן דעם וואָס אַמאָל ווערן דאָ די ביימער באַצייכנט ווי צעדערן און אַמאָל ווי שיטים (אַקאַציע) זאָגט דער תנחומא (תרומה ט): „פאַרוואָס הייסן זיי שיטים? ווייל זיי זיינען אָנגעברייט אויסצוהיילן (מכפּר צו זיין) די זינד וואָס זיי וועלן זינדיקן אין שיטים" (במדבר כה). [19] עמענדירט לויט אות אמת. [20] מע האָט זיך ניט באַנוצט מיט זיי.

הוצאתיך מאור כשדים. ואימתי ירד מיכאל? בימי חנניה מישאל ועזריה.

אמר ר׳ טביומי: עד שיעקב אבינו מסב במטתו, נצנצה בו רוח הקודש ואמר לבניו (שם מח): והיה אלהים עמכם, — אמר להם: „עתיד הוא להשרות שכינתו ביניכם.״ א״ר נחמן: כתיב (שם מו): ויסע ישראל וכל אשר לו ויבא בארה שבע, — להיכן הלך? הלך לקוץ ארזים שנטע אברהם אבינו בבאר שבע, שנאמר (שם כא): ויטע אשל בבאר שבע. א״ר לוי: כתיב (שמות כו): והבריח התיכון בתוך הקרשים, — הבריח שלשים ושתים אמה היה, ומהיכן היתה נמצאת בידם לשעה? מלמד, שהיו מוצנעים עמהם מימות יעקב אבינו; הה״ד (שם לה): וכל איש אשר נמצא אתו עצי שטים, — „אשר (נמצא) [ימצא] עצי שטים״ אין כתיב כאן, אלא אשר נמצא אתו, מתחילה.

א״ר לוי בר חייא: במגדלא דצבעייא קצצום והורידום עמם למצרים, ולא נמצא בהם קשר ופקע. אעין דשטים הוו במגדלא, והוו נוהגים בהם באיסור מפני קדושת הארון. אתון ושאלון לר׳ חנניה חברהון דרבנן, ואמר לון: „אל תשנו ממנהג אבותיכם.״

## נו

ר׳ פינחס בשם ר׳ הושעיא אמר: עד שהמלך במסבו, — עד שהמלך, מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא, במסבו, ברקיע, כבר הקדים, דכתיב (שם יט): ויהי ביום השלישי, בהיות הבקר. למלך שגזר: „ליום פלוני אני נכנס למדינה.״ וישנו להם בני המדינה כל הלילה. וכשבא המלך ומצאם ישנים, העמיד עליהם

---

## נו

ר׳ פינחס פון ר׳ הושעיאס וועגן זאָגט: בעת דער מלך איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, — בעת דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, איז נאָך געווען אין זיין מסיבה, האָט ער זיך געפעדערט [און אָנגעזאָגט זיין קומען], ווי אין פסוק שטייט (דאָרט יט, טז): ויהי — און ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי ס׳איז געוואָרן פרימאָרגן [אַזוי זיינען געוואָרן דונערן און בליצן]. ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געלאָזט וויסן: „אויף דעם־און־דעם טאָג וועל איך קומען אין שטאָט אַריין.״ און די שטאָט־לייט זיינען זיך אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן. און אַז דער מלך איז געקומען און זיי געפונען שלאָפנדיק, אַזוי האָט ער אויפגעשטעלט איבער זיי אויסשרייערס מיט טרו־

מייטן און שופרות.[1] און דער שר פון יענער שטאָט האָט זיי אויפגעוועקט און זיי אַרויסגעפירט אַנטקעגן דעם מלך, און דער מלך איז געגאַנגען פאַרויס פאַר זיי, ביז ער איז אָנגעקומען צו זיין פּאַלאַץ. אַזוי אויך האָט הקדוש ברוך הוא זיך מקדים געווען, ווי עס שטייט געשריבן: און ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי ס׳איז געוואָרן פרימאָרגן — — —, און פאַר דעם שטייט (דאָרט, דאָרט, יא): כי — וואָרום אויפן דריטן טאָג וועט גאָט אַראָפּקומען פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק. און יענע גאַנצע נאַכט איז ישראל געשלאָפן, וואָרום דער שלאָף פון שבועות־צייט איז זיס און די נאַכט איז קורץ. ר׳ יודן האָט געזאָגט: אפילו אַ פלוי האָט זיי ניט אַ ביס געטאָן. איז געקומען הקדוש ברוך הוא און האָט זיי געפונען שלאָפנדיק. אַזוי האָט ער אויפגעשטעלט איבער זיי אויסשרייערס; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: און ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי ס׳איז געוואָרן פרימאָרגן, אַזוי זיינען געוואָרן דונערן און בליצן. און משה האָט אויפגעוועקט ישראל און האָט זיי אַרויסגעפירט אַנטקעגן דעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק יז): ויוצא משה — און משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק אַנטקעגן גאָט. און הקדוש ברוך הוא איז געגאַנגען פאַר זיי, ביז ער איז צוגעקומען צום באַרג סיני, ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק יח): והר — און דער באַרג סיני איז געווען אין גאַנצן אין רויך [פון וועגן דעם וואָס גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויף אים]. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס איז וואָס ער וואַרפט זיי פיר דורך ישעיהן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נ, ב): מדוע — פאַרוואָס בין איך גקומען, און קיינער איז ניט געווען? גערופן, און קיינער האָט ניט געענטפערט? איז דען קורץ מיין האַנט אויסצולייזן?

**נז**

ר׳ יודן האָט געזאָגט [וועגן דעם פסוק]: בעת דער מלך חזקיהו און זיין סוויטע האָבן נאָך געגעסן זייער קרבן פסח אין ירושלים,[1] האָט שוין הקדוש ברוך הוא זיך מקדים געווען [צו שיקן די ישועה] אין יענער נאַכט, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, יט, לה): ויהי — און ס׳איז געווען אין יענער נאַכט, איז אַרויסגעגאַנגען אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אשור. ר׳ אבהו האָט געזאָגט: בעת משה און די יידן זיינען נאָך געזעסן אָנגעלענט[2] און געגעסן זייער קרבן פסח אין מצרים, האָט זיך הקדוש ברוך הוא שוין מקדים געווען, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, כט): ויהי — און ס׳איז געווען אין האַלבער נאַכט, אַזוי האָט גאָט געשלאָגן איטלעכן בכור אין לאַנד מצרים. — אָבער איז דאָס די מיינונג פון ר׳ אבהו צו טייטשן [נרדי]: „מיין ווילד־געוויקס האָט אַרויסגעגעבן זיין שלעכטן ריח?"[3] [נייערט] דער פסוק לערנט אונדז, אַז דער ריח פון יענעם בלוט[4] איז געווען שווער [צו פאַר־טראָגן], האָט הקדוש ברוך הוא געלאָזט אָנבלאָזן[5] אויף זיי אַ גוטן ריח פון די בשמים פון גן עדן. האָבן זיי געחלשט עפּעס עסן. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, גיב אונדז וואָס צו עסן." האָט משה געזאָגט צו זיי: „אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא מיר געזאָגט (דאָרט, פסוק מג): כל בן נכר — קיין

(ב)קלאנין [ב] בוקינוס ושופר. והיה השר של אותה מדינה מעוררן ומוציאן לאפנטי של מלך, והיה המלך מהלך לפניהם, עד שהגיע לפלטין שלו. כך הקב״ה הקדים, דכתיב: ויהי ביום השלישי, בהיות הבקר, וכתיב (שם): כי ביום השלישי ירד ה׳ לעיני כל העם. ישנו להם ישראל כל אותו הלילה, לפי ששינה של עצרת עריבה והלילה קצר. אמר ר׳ יודן: אפילו פורטענא לא עקץ בם. בא הקב״ה ומצאן ישנים. התחיל מעמיד עליהם (ב)קלאנין; הה״ד: ויהי ביום השלישי, בהיות הבקר, ויהי קולות וברקים. והיה משה מעורר לישראל ומוציאן לאפנטי של מלך מלכי המלכים, הקב״ה; הה״ד: (שם): ויוצא משה את העם לקראת האלהים. והיה הקב״ה מהלך לפניהם, עד שהגיע להר סיני, דכתיב (שם): והר סיני עשן כלו. א״ר יצחק: זה הוא שמקנתרן על ידי ישעיהו, שנאמר (ישעיה נ): מדוע באתי ואין איש, קראתי ואין עונה? הקצור קצרה ידי מפדות?

## נז

א״ר יודן: עד שחזקיהו וסיעתו אוכלין פסחיהם בירושלים, כבר הקדים הקב״ה בלילה ההוא, שנאמר (מלכים ב, יט): ויהי בלילה ההוא, ויצא מלאך ה׳ ויך במחנה אשור. א״ר אבהו: עד שמשה וישראל מסובין ואוכלין פסחיהם במצרים, כבר הקדים הקב״ה, שנאמר (שמות יב): ויהי בחצי הלילה, וה׳ הכה כל בכור בארץ מצרים. היא דעתיה דר׳ אבהו, למימר „סיריי נתן ריחו״? מלמד, שהיה ריחו של אותו הדם קשה, (והופיע) [והפיח] להם הקב״ה ריח טוב מבשומי גן עדן. והיתה נפשם קוהא לאכול. אמרו לו: „משה רבינו, תן לנו מה נאכל.״ א״ל משה: „כך אמר לי הקב״ה (שם): כל בן נכר לא יאכל בו.״ עמדו והפרישו הנכרים שביניהם, והיתה נפשם קוהא לאכול. אמרו לו: „משה רבינו,

---

פרעמדגעבאָרענער טאָר פון דעם ניט עסן.״ האָבן זיי גענומען און אָפּגע־שיידט אַלע פרעמדגעבאָרענע וואָס צווישן זיי, און זייער נשמה איז זיי

---

נו. [1] טעקסט ענדערונגען לויט יאַסטראָוו.

נז. [1] במסבו ווערט דאָ געטייטשט לויטן פשט: אויף זיין אָנלען, ווי ס׳איז דער שטייגער צו זיצן ביים סדר. — לויט דער אגדה איז סנחריבס מפלה פאָרגעקומען פסח, און דאָס האָבן שפּעטער אויסגענוצט די מחברים פון די פסחדיקע פיוטים: „אז רוב נסים״ און „אומץ גבורותיך.״ [2] זע באַם. 1. [3] ווי קומט עס, אַז ר׳ אבהו זאָל טייטשן דעם פסוק אויפן שלעכטן ריח פון די טויטע בכורים? (לויט יפה קול). [4] פון די

אויסגעגאַנגען צו עסן. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, גיב אונדז וואָס צו עסן.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „אַזוי האָט מיר הקדוש ברוך הוא געזאָגט (דאָרט, פסוק מד): וכל עבד — און וואו איינעמס אַ קנעכט, אויב דו האָסט אים געמלעט, דעמאָלט מעג ער[6] עסן פון דעם.״ האָבן זיי גענומען און געמלעט זייערע קנעכט, און זייער נשמה איז זיי אויסגעגאַנגען צו עסן. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, גיב אונדז וואָס צו עסן.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „בקיצור, אַזוי האָט מיר הקדוש ברוך הוא געזאָגט (דאָרט, פסוק מח): כל ערל — קיין ניט־געמלעטעטער טאָר פון דעם ניט עסן״. גלייך האָט יעדער איינער צוגעלייגט זיין שווערד צו זיין דיך און זיך געמלעט.

ווער האָט זיי געמלעט?[7] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: משה האָט זיי מלע געווען און אהרן האָט געמאַכט די פריעה, און יהושע האָט זיי געגעבן צו טרינקען [דעם כוס פון ברכה]. און אַנדערע זאָגן: יהושע האָט זיי מלע געווען, און אהרן האָט געמאַכט די פריעה, און משה האָט זיי געגעבן צו טרינקען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יהושע ה, ב): בעת ההיא — אין יענער צייט האָט גאָט געזאָגט צו יהושען: מאַך דיר שטיינערנע מעסערס, און מלע ווידער די קינדער פון ישראל, צום צווייטן מאָל, — פאַרוואָס צום צווייטן מאָל? איז פון דעם געדרונגען, אַז ער האָט זיי מלע געווען ביים ערשטן מאָל. גלייך (דאָרט, פסוק ג): ויעש לו — האָט זיך יהושע געמאַכט שטיינערנע מעסערס, און האָט געמלעט די קינדער פון ישראל ביי גבעת הערלות, — רבי האָט געזאָגט: פון דעם איז געדרונגען, אַז מע האָט געמאַכט דאָס בערגל[8] פון די ערלות.[9]

נח

(יג) צרור — אַ בינטל מירע איז מיר מיין געליבטע, — וואָס מיינט אַ בינטל מירע? ר׳ זכריה האָט אין נאָמען פון ר׳ יהודהן באַשיידט דעם פסוק אויף אברהם אבינו: אַזוי ווי די דאָזיקע מירע איז די בעסטע פון אַלע מינים בשמים, אַזוי איז אברהם דער בעסטער פון אַלע צדיקים; אַזוי ווי די דאָזיקע מירע גיט ניט אַרויס איר ריח, סיידן ביים פייער, אַזוי אויך זיינען אברהמס מעשים טובים ניט באַקאַנט געוואָרן, ביז ער איז ניט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין פייערדיקן קאַלכאויוון; און אַזוי ווי די דאָזיקע מירע, ווער נאָר עס קלייבט זי ווערן זיינע הענט ביטער, אַזוי האָט אברהם זיך אַליין פאַרביטערט און זיך געפייניקט מיט יסורים.[1] בין — צווישן מיינע בריסט רוט ער, ער האָט זיך געפונען צווישן דער שכינה און דעם מלאך, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יח, ב): וירא — און אַז ער האָט דערזען, אַזוי איז ער געלאָפן אַנטקעגן זיי: אַז ער האָט דערזען [מיינט מען] די שכינה; איז ער געלאָפן [מיינט מען] צום מלאך.

נט

(יד) אשכול — אַ הענגל ציפּערבלומען, — אַ הענגל, דאָס איז יצחק, וואָס איז וגעבונדן געוואָרן אויפן מזבח ווי אַ הענגל [ווינטרויבן];[1] ציפּער־בלומען, ווייל ער איז מכפר[2] אויף די זינד פון ישראל;[3] בכרמי — אין די

**תן לנו מה נאכל." א"ל: "כך אמר לי הקב"ה** (שם): וכל עבד איש מקנת כסף ומלתה אותו, אז יאכל בו." **עמדו ומלו את עבדיהם, והיתה נפשם קוהא לאכול. אמרו לו: "תן לנו מה נאכל." א"ל: "כך אמר לי הקב"ה, סינטומוס** (שם): כל ערל לא יאכל בו." **מיד כל אחד ואחד נתן חרבו על ירכו ומהל את עצמו.**

מי מלן? **ר' ברכיה אמר: משה היה מוהל ואהרן פורע ויהושע משקה. ויש אומרים: יהושע היה מוהל ואהרן פורע ומשה היה משקה; הה"ד** (יהושע ה): בעת ההיא אמר ה' אל יהושע: עשה לך חרבות צורים ושוב מול את בני ישראל שנית, — **ולמה שנית? מכאן שמלן בראשונה. מיד** (שם): ויעש לו יהושע חרבות צורים וימל את בני ישראל אל גבעת הערלות, — **אמר רבי: מכאן, שעשו אותה גבעה בערלה.**

נח

(יג) צרור המור דודי לי, — **מהו** צרור המור? **ר' עזריה בשם ר' יהודה פתר קרייה באברהם אבינו: מה המור הזה ראש לכל מיני בשמים, כך אברהם ראש לכל הצדיקים; מה המור הזה אין ריחו מפיח אלא באור, כך אברהם לא נודעו מעשיו עד שהושלך לכבשן האש; ומה המור הזה כל מי שלוקטו ידיו מתמררות, כך אברהם ממרר עצמו ומסגף עצמו ביסורים.** בין שדי ילין, **שהוא מותאם בין שכינה למלאך, שנאמר** (ברשית יח): וירא וירץ לקראתם, — וירא **בשכינה,** וירץ **למלאך.**

נט

(יד) אשכול הכפר, — אשכול, **זה יצחק, שנכפת על המזבח כאשכול;** הכפר, **שמכפר עונותיהם של ישראל;** בכרמי עין גדי, **זה אבינו יעקב, שנכנס בכרום פניו, מתפחד בהכלמו אצל אביו,**

---

**ווינגערטנער פון עין גדי, דאָס איז אונדזער פאָטער יעקב, וואָס איז אַריין צו זיין פאָטער מיט אַ רויט[4] פּנים אויס שרעק און פאַרשעמטקייט, און האָט**

---

געהרגעטע בכורים. [5] עמענדירט לויטן אות אמת. [6] דער בעל־הבית; לויט ר' ישמעאלן (מכילתא דר' ישמעאל, איש־שלום, ז' יח; אַנדערע מקורות גיבן אָן אַנדערע נעמען) טאָר אַ מענטש ניט עסן פון קרבן פסח, אויב ער האָט אַ ניט־געמלעטן קנעכט (פאַרגלייך: ילקוט שמעוני א, ריא; רש"י אויף אונדזער פּסוק; "תורה שלמה" יב, סה). [7] משמעות, אַז די פראַגע, וואָס שטייט אין סתירה מיטן פריערדיקן, ווי די ווייטערדיקע ענטפערס, קומט פון אַן אַנדער מקור. [8] גבעה. [9] פאַרהויטן.

נח. [1] ער איז געווען גרייט צו ליידן פאַר זיין גלויבן.

נט. [1] ווי אַ שווערער הענגל, וואָס ווערט צוגעבונדן צו אַ שטאַנג כדי מעגלעך צו מאַכן

זיך אַנגעטאָן אין קליידער פון אַ ציגנבעקל און האָט אָוועקגענומען די ברכות, וואָס זיינען דער קוואַל פון [לעבן אויף] דער וועלט.[5]

ר׳ חוניא אין נאָמען פון ר׳ אחאן: ניטאָ ביי אַ פרוי עפּעס ליבערס ווי אַ בינטל בשמים; וואו האַלט זי עס? צווישן אירע בריסט. און אין נאָמען פון ריש לקישן האָט ר׳ חוניא געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: ריבונו של עולם, האָסט אַנגעטאָן צרות די מצרים מיט זייערע בכורים, האָסט זיי פאַרביטערט זייערע נפשות, אָבער מיר — צווישן מיינע בריסט רוט ער.[6] ווי אַזוי? אַ מצרי פלעגט זאָגן[7] צו אַ יידן: „באַהאַלט מיר דעם דאָזיקן זון צווישן דיינע קינדער;" און יענער פלעגט אים נעמען און באַהאַלטן. אָבער דער מלאך איז אַריין און האָט אים געשלאָגן. אָבער מיר — צווישן מיינע בריסט רוט ער.[8]

## ס

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „אפילו בעת דו דריקסט מיך און פאַרביטערסט מיך,[1] — דודי לי, ביסטו מיר מיין געליבטער, דו ווערסט מיין געליבטער און קוקסט נאָך, ווער איז ביי מיר אַן אדם גדול, וואָס האָט בכוח צו זאָגן צום מידת הדין: ׳גענוג!׳ און דו נעמסט אים און ווי אַ משכון פאַר מיר." דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: אשכול הכפר, — וואָס מיינט אשכול? אַ מענטש וואָס אַלץ איז אין אים:[2] פסוק, משנה, תלמוד, תוספתות און אגדות; הכפר, ווייל ער איז מכפר אויף די זינד פון ישראל. בכרמי — אין די ווייַנגערטנער פון עין גדי, — די ווייַנגערטנער, דאָס זיינען די אבות פון דער וועלט,[3] וואָס האָבן זיך געצויגן נאָך דיר ווי די ציקעלעך[4] און האָבן אָוועקגענומען די ברכות וואָס זיינען דער קוואַל פון דער וועלט.[5]

## סא

ר׳ יוחנן האָט באַשיידט דעם פסוק אויף דער קטורת[1] פון דער משפחה אַווטינאַס. דאָס בינטל מירע איז איינס פון די צען שמעקעדיקע געווירצן, וואָס מע האָט אַריינגעטאָן אין דעם. ר׳ הונא האָט געזאָגט וועגן דעם (שמות ל, לד): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם דיר שמעקעדיקע געווירצן, האָסטו צוויי;[2] טריפגעווירץ און רייכערנעגל און גאַלבאַן, האָסטו

---

עס צו טראָגן (זע במדבר יג, כג). [2]אָנשפּיל אויףהכפר. [3] גאָט איז מכפר די זינד פון די יידן אין זכות פון יצחקן, וואָס האָט זיך געלאָזט בינדן אויפן מזבח (בראשית רבה נו, י). [4] כרום — כרמי. [5] ציגנבעקל (גדי עזים) און קוואַל (עין) — אָנשפּיל אויף עין גדי, ווי עס וואָלט געשטאַנען „גדי עין." [6] דער אייבערשטער רוט צווישן ישראל און היט זיי אָפּ מיט גרויס ליבשאַפט. [7] אין דער נאַכט ווען די בכורים זיינען געשלאָגן געוואָרן. [8] ר׳ חוניאס דרשה דאַרף, לויטן אינהאַלט, זיך געפינעןביים סוף פון סימן נח, וואו דער פסוק צרור המור ווערט געדרשנט.

ס. [1] ר׳ ברכיה קערט זיך אום צום פסוק צרור המור, און טייטשט צרור לויט צרר, פיינט האָבן, דריקן, און המור לויט מר, ביטער. [2] איש שהכל בו — אשכול. [3] די אבות פון דעם יידישן פאָלק, וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט. [4] גדי, אַ ציקעלע. [5] זע אויבן, נט, באַמ. 5.

ולבש בגדי גדי עזים ונטל הברכות שהן עין עולם.

ר׳ חוניא בשם ר׳ אחא: אין לה חביב לאשה הזאת יותר מצרור הבשם; איכן היא מלינה אותו? בין שדיה. ואמר ר׳ חוניא בשם ריש לקיש: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבוש״ע, הצרתה למצרים בבכוריהם, המרתה להם בנפשותיהם, ולי — בין שדי ילין.״ הא כיצד? היה מצרי אומר לישראל: „הטמן לי הבן הזה בין בניך.״ והיה נוטלו ומטמינו. והמלאך נכנס ונוגפו, ולי — בין שדי ילין.

ס

ר׳ ברכיה אמר: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „בשעה שאתה מיצר לי, מימר לי, — דודי לי, את נעשה דודי ורואה, אי זה הוא אדם גדול שיש בי, שיכול לומר למדת הדין: ׳די!׳ ואת נוטלו וממשכנו בעדי.״ הה״ד: אשכול הכפר,—מהו אשכול? איש שהכל בו: מקרא, משנה, תלמוד, תוספתות ואגדות; הכפר, שמכפר עונותיהם של ישראל. בכרמי עין גדי, אלו אבות העולם, שנמשכו אחריך כגדיים ונטלו הברכות, שהן עין עולם.

סא

ר׳ יוחנן פתר קרייה בקטרת בית אבטינס. צרור המור, זה אחד מאחד עשר סממנין שנותנין בה. ר׳ הונא אמר לה (שמות ל׳): ויאמר ה׳ אל משה: קח לך סמים, הרי ב׳; נטף ושחלת וחלבנה, הרי ה׳; סמים, — אי תאמר, דאינון תרין, והלא כבר נאמר סמים! [אלא] בד בבד יהיה, — תן חמשה כנגד חמשה, הרי עשרה; ולבונה זכה, הרי אחד עשר. מיכן בדקו חכמים ומצאו, שאין יפה לקטרת, אלא אחד עשר סממנים הללו בלבד. בין שדי ילין,

---

פינף; [נאך אַ מאָל] שמעקעדיקע געווירצן, — ווען זאָגן, אַז עס מיינט ווידער צוויי, — איז דאָך שוין אָבער איין מאָל געזאָגט געוואָרן שמעקעדיקע געווירצן! [נייערט ווייטער שטייט] בד בבד — גלייך אויף גלייך זאָלן זיי זיין, איז גיב פינף קעגן די [פריערדיקע] פינף, האָסטו צען; און לויטערן ווייראך, האָסטו עלף. לויט דעם האָבן די חכמים נאָכגעזוכט און געפונען, אַז ס׳איז ניטאָ קיין בעסערס פאַר קטורת, נייערט די דאָזיקע עלף מינים בשמים אַליין. צווישן מיינע בריסט רוט ער, [דער ווייראך][3] האָט זיך געהאַלטן

---

סא. [1] רויכווערק, בשמים, וואָס פלעגן אויסגערייכערט ווערן אין בית המקדש ווי אַ קרבן, און די משפחה אַווטינאַס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם (זע ווייטער, ג, ז). [2] ווייל

צווישן די צוויי שטאַנגען פונעם אָרון.[4] אשכול הכפר, ווייל ער האָט מכפר געווען אויף די זינד פון ישראל. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אשכול, ווייל ער פלעגט זיך הייבן ווי אַ זייל און אַרויפקומען ביז די באַלקנס, און נאָך דעם פלעגט ער זיך צעשפּרייטן און זיך אַרונטערלאָזן ווי אַ הענגל;[5] הכפר, ווייל ער האָט מכפר געווען אויף די זינד פון ישראל.

און נאָך האָט ר׳ יצחק געזאָגט: עס שטייט געשריבן (ויקרא טז, יג): וכסה — און פאַרדעקן זאָל דער וואָלקן פון דער קטורת, און מיר ווייסן ניט, וואָס מיינט דאָס דאָזיקע פאַרדעקן, ביז דוד איז געקומען און עס אויסגע־טייטשט (תהלים פה, ג): נשאת — האָסט פאַרגעבן די זינד פון דיין פאָלק, האָסט פאַרדעקט אַלע זייערע חטאים. — אין די וויינגערטנער פון עין גדי, „אין זכות פון דעם וואָס איך האָב אָפּגעמאַכט מיט אייער פאָטער אברהם צווישן די שטיקער,״ ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, יח): ביום ההוא — יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אברמען, אַזוי צו זאָגן, און דער פסוק[6] רעדט וועגן אברהמען, ווי עס ווערט געזאָגט (דאָרט פסוק א): אחר — נאָך די דאָזיקע געשעענישן איז גאָטס וואָרט געווען צו אברמען אין אַ זעאונג. [און] ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ חמא האָט געזאָגט: ווערטער פון איבערטראַכ־טונג זיינען דאָרט געווען; ווער האָט איבערגעטראַכט? אברהם האָט איבער־געטראַכט און געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! האָסט געשלאָסן אַ בונד מיט נוחן, אַז דו וועסט ניט פאַרטיליקן זיינע קינדער פון דער וועלט. בין איך אויפגעקומען און האָב מיר איינגעשאַפן מעשים טובים פאַר דיר; האָט מיין בונד פאַרשטויסן זיין בונד.[6א] קען אפשר אויפקומען אַן אַנדער מענטש[7] און זיך איינשאַפן מצוות און מעשים טובים מער פון מיר, און זיין בונד וועט פאַרשטויסן מיין בונד?״ האָט געזאָגט צו אים הקדוש ברוך הוא (דאָרט): „האָב ניט קיין מורא, אברם, איך בין דיין באַשיצער, — פון נוחן האָב איך קיין באַשיצערס און צדיקים ניט אויפגעשטעלט, אָבער פון דיר שטעל איך אויף באַשיצערס און צדיקים. און ניט נאָר דאָס, נייערט ווען דיינע קינדער וועלן באַגיין עבירות און טאָן שלעכטע מעשים, וועל איך נאָכ־קוקן ווער איז ביי זיי אַן אדם גדול, וואָס קאָן זאָגן דעם מידת הדין: ׳גענוג!׳ און איך וועל אים נעמען ווי אַ משכון פאַר זיי,״ ווי דער פסוק זאָגט: אשכול, אַ מענטש וואָס אַלץ איז אין אים: פסוק און משנה, תוספתות און אגדות; הכפר, ווייל ער איז מכפר אויף די זינד פון ישראל. בכרמי עין גדי, — אים נעם איך ווי אַ משכון פאַר זיי.[8]

אַן אַנדער פשט: אשכול, — בן גזירה[9] האָט געזאָגט: דאָס איז הקדוש ברוך הוא, וואָס אַלץ איז אין אים; הכפר, וואָס האָט פאַרלייקנט[10] די אומות פון דער וועלט און אָנגענומען[11] ישראל. און ווען האָט ער פאַרלייקנט די אומות פון דער וועלט? זאָג: ביי דער מלחמה פון יהושפטן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברי הימים ב, כ, א): ויהי — און עס איז געווען, אַז נאָך דעם זיינען געקומען די קינדער פון מואב און די קינדער פון עמון, און מיט זיי די עמונים[12] אויף מלחמה אויף יהושפטן. דו געפינסט, אַז ישראל קומט מיטן

שהיתה מצומצמת בין שני בדי הארון. אשכול הכפר, שמכפרת עוונות של ישראל. א״ר יצחק: אשכול, שהיתה מתמרת ועולה עד הקורות, ואחר כך פוסה ויורדת כאשכול; הכפר, המכפרת עוונותיהם של ישראל.

ואמר ר׳ יצחק: כתיב (ויקרא טז): וכסה ענן הקטרת, — הכיסוי הזה אין אנו יודעין מהו, עד שבא דוד ופרשו (תהלים פה): נשאת עון עמך, כסית [כל חטאתם]. בכרמי עין גדי, „בזכות התנאים שהתניתי לאברהם אביכם בין הבתרים,״ שנאמר (בראשית טו): ביום ההוא כרת ה׳ את אברם ברית לאמר, — מדבר הכתוב באברהם, שנאמר (שם): אחר הדברים האלה היה דבר ה׳ אל אברם במחזה. ר׳ לוי בשם ר׳ חמא אמר: הרהורי דברים היו שם; מי הרהר? אברהם הרהר ואמר לפני הקב״ה: „רבש״ע! כרת בריתך עם נח, שאין את מכלה את זרעו מן העולם. ועמדתי אני וסגלתי מעשים טובים לפניך, ודחת בריתי לבריתו. שמא יעמוד אדם אחר ויסגל מצוות ומעשים טובים יותר ממני, וידחה בריתו לבריתי? אמר לו הקב״ה (שם): „אל תירא, אברם, אנכי מגן לך, — מנח לא העמדתי מגינים וצדיקים, וממך אני מעמיד מגינים וצדיקים. ולא עוד, אלא שבניך באים לידי עבירות ומעשים רעים, אני רואה אי זה הוא אדם גדול שבהן, שיכול לומר למדת הדין: ׳די!׳ ואני נוטלו וממשכנו בעדם,״ שנאמר: אשכול, איש שהכל בו: מקרא ומשנה, תלמוד, תוספתות ואגדות; הכפר שמכפר עונותיהם של ישראל; בכרמי עין גדי, — אני נוטלו וממשכנו בעדם.

ד״א: אשכול, — בן גזירה אמר: זה הקב״ה, איש שהכל בו; הכפר, שכפר באומות העולם והודה בהן בישראל. ואימתי כפר באומות העולם? הוי אומר: במלחמת יהושפט; הה״ד (דברי הימים ב, כ): ויהי אחרי כן באו בני מואב ובני עמון ועמהם מהעמונים על יהושפט למלחמה. את מוצא, ישראל באים מכחו של אברהם,

---

אין לשון רבים, איז עס ניט וויניקער ווי צוויי. [3] דער רויך פון דעם. [4] וואָס זיינען בולט געווען פון אונטערן פרוכת ווי צוויי בריסט. [5] דאָס איז דער צוגאָב פון ר׳ יצחקן צו די רייד פון ר׳ יוחנן און ר׳ הונאן. [6] אונדזער פסוק פון שיר השירים. [6א] אברהם האָט באַזיגט די פיר מלכים, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון נוחן (בראשית יד). [7] פון נוחס קינדער. [8] די אויסטייטשונג פון בכרמי עין גדי איז ווי אויבן, סימן ס, און איז דאָ אַרויסגעלאָזט געוואָרן מסתמא צוליב קיצור. [9] אין דער ראָם אויסגאַבע: בן נזירה.

כּוה פון אבֿרהמען, און עמון און מואָב קומען מיטן כּוח פון לוטן;[13] האָבן יענע געמאַכט אַ מלחמה איינע אויף די אַנדערע און זיינען געפאַלן איינע דורך די הענט פון די אַנדערע,[14] אָבער יהושפטן האָט זיין גאָט געהאָלפן, און ער האָט מנצח געווען. זעסטו, אַז ער האָט פאַרלייקנט די אומות פון דער וועלט. און אויב עמיצער וועט דיר זאָגן, אַז דער פּסוק רעדט ניט וועגן יהושפטן, זאָלסטו אים זאָגן: דאָ שטייט עין גדי, און דאָרטן (פּסוק ב) שטייט אין חצצון תמר, דאָס איז עין גדי, — אַזוי ווי ביי עין גדי וואָס שטייט דאָרט רעדט דער פּסוק וועגן יהושפטס מלחמה, אַזוי אויך דאָ רעדט דער פּסוק[15] וועגן יהושפטס מלחמה.

ר׳ לוי בר זכריה האָט געזאָגט: מה־דאָך אויף דער וועלט, וואָס עס שטייט געשריבן וועגן הקדוש ברוך הוא (דברים ד, כד): וואָרום גאָט דיין גאָט איז אַ פייער וואָס פאַרצערט, אַ צערנדיקער גאָט איז ער, האָט ער דאָך פאַרלייקנט די אומות פון דער וועלט און אַנגענומען ישראל;[16] היינט אויף יענער וועלט, וואָס ער וועט פאַרגליכן צו טוי, ווי דער פּסוק זאָגט (הושע יד, ו): אהיה — איך וועל זיין ווי טוי צו ישראל, — אוודאי און אוודאי!

## סב

(טו) הנך יפה — ביסט שיין, מיין געליבטע, ביסט שיין, ביסט שיין מיט מצוות, ביסט שיין מיט גמילות חסדים. ביסט שיין מיט די מצוות עשה,[1] ביסט שיין מיט די מצוות לא תעשה.[2] ביסט שיין מיט די הויז־מצוות — מיטן צעטיילן[3] תרומה און מעשר; ביסט שיין מיט די פעלד־מצוות — מיטן נאָכקלייב, מיטן פאַרגעסן [אַ גאַרב תבואה] און מיטן פעלד־עק,[4] און מיטן מעשר פאַרן אָרימאַן,[5] און מיטן הפקר.[6] ביסט שיין מיט [דעם געבאָט פון] כלאים,[7] ביסט שיין מיטן אַנטאָן — מיט די ציצית.[8] ביסט שייןביים פלאַנצן — ביסט שיין מיט [דעם געבאָט פון] ערלה,[9] ביסט שיין מיטן געבאָט פון פיר־יאָריקן פלאַנץ.[10] ביסט שיין מיט דער מצווה פון מילה, ביסט שיין מיט דער מצווה פון פריעה,[11] ביסט שיין מיט תפילה, ביסט שיין מיט קריאת־שמע. ביסט שיין מיט דער מזוזה, ביסט שיין מיט די תפילין. ביסט שיין מיט דער סוכה, ביסט שיין מיטן לולב און אתרוג. ביסט שיין מיטן תשובה טאָן, ביסט שיין מיט גוטע מעשים. ביסט שיין אויף דער וועלט, ביסט שיין אויף יענער וועלט.

## סג

(טו) עיניך — דיינע אויגן — טויבן. דיינע אויגן, דאָס זיינען די סנהדרין, וואָס זיינען די אויגן פון דער עדה; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (במדבר טו, כד): והיה — און עס וועט זיין, אויב עס איז [פאַרהוילן] פון די אויגן פון דער עדה, — צוויי הונדערט אַכט און פערציק איברים האָט אַ מענטש, און

---

[10] כּפר — פאַרלייקענען, ניט אָנערקענען. [11] ווערטערלעך: האָט מודה געווען. [12] לויטן רד״ק אויפן פּסוק וואָלט דאָ געדאַרפט זיין המעונים, די קינדער פון מעון. [13] בראשית יט, לו—לח. [14] פאַרגלייך די פּסוקים כב—כד, און דברי הימים ב, כ. [15] פון שיר השירים. [16] ניט קוקנדיק אויף די זינד פון ישראל.

ועמון ומואב באים מכוחו של לוט; אלו עושין מלחמה עם אלו, ונפלו אלו ביד אלו, ויהושפט עזרו אלהיו ונצח. הוי, שכפר באומות העולם. ואם יאמר לך אדם, שאין הכתוב מדבר ביהושפט, אמור לו: נאמר כאן עין גדי, ונאמר להלן (שם): בחצצון תמר, היא עין גדי, — מה עין גדי שנאמר להלן במלחמת יהושפט הכתוב מדבר, אף כאן במלחמת יהושפט הכתוב מדבר. א"ר לוי בר זכריה: מה אם בעולם הזה, שכתוב בהקב"ה (דברים ד): כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא, אל קנא הוא, כפר באומות העולם והודה לישראל; לעתיד לבוא, שנמשל כטל, שנאמר (הושע יד): אהיה כטל לישראל, עאכ"ו!

### סב

(טו) הנך יפה, רעיתי, הנך יפה. הנך יפה במצוות, הנך יפה בגמילות חסדים. הנך יפה במצוות עשה, הנך יפה במצוות לא תעשה. הנך יפה במצוות הבית — בחלוק תרומה ומעשרות; הנך יפה במצוות השדה — בלקט, שכחה ופאה, ומעשר עני וההפקר. הנך יפה בכלאים, הנך יפה בסדין — בציצית. הנך יפה בנטיעה — הנך יפה בערלה, הנך יפה בנטע רבעי. הנך יפה במילה, הנך יפה בפריעה. הנך יפה בתפלה, הנך יפה בקריאת שמע. הנך יפה במזוזה, הנך יפה בתפילין. הנך יפה בסוכה, הנך יפה בלולב ואתרוג. הנך יפה בתשובה, הנך יפה במעשים טובים. הנך יפה בעולם הזה, הנך יפה בעולם הבא.

### סג

עיניך יונים. — עיניך הן הסנהדרין, שהם עינים לעדה; הה"ד (במדבר טו): והיה עם מעיני העדה, — רמ"ח איברים יש באדם, וכלם אינן הולכים וחוזרים אלא אחר העינים, כך אין ישראל יכולין לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהן.

---

זיי אַלע גייען נאָך ניט אַנדערש, בייערט נאָך די אויגן, און אַזוי קאָן ישראל ניט טאָן קיין זאַך אָן זייער סנהדרין.

---

סב. [1] געבאָטן פּאָזיטיווע, געבאָטן דורכצופירן אַקטיוו. [2] געבאָטן נעגאַטיווע, פאַרבאָטן. [3] בחילוק. ווערטהיימער (בתי מדרשות א, שמט) האָט אַנשטאָט דעם: „בחלה", מיטן אָפּשיידן חלה. [4] וועגן די דריי זאַכן זע ויקרא יט, ט—י; דברים כד, יט—כא. [5] וואָס פלעגט געטיילט ווערן אין שטאָט־טויער, ווערט עס פאַררעכנט צווישן די פעלד־מצוות (דברים יד כח—כט). [6] אויפן זיבעטן יאָר, ווען אַלץ וואָס וואַקסט אין פעלד און אין גאָרטן איז הפקר, פריי פאַר אַלעמען (ויקרא כה, ד—ז). [7] דער פאַרבאָט צו זייען פאַרשיידענע מינים תבואה צוזאַמענגעמישט (דאָרט יט, יט). [8] וואו דאָס מישן וואָל מיט

טויבן, אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז גאַנץ,[1] אַזוי אויך איז ישראל [גאַנץ.[2] אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז שיין אין איר גאַנג, אַזוי איז ישראל][3] שיין אין זייער גאַנג, ווען זיי זיינען עולה רגל. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז אָפּגעצייכנט,[4] אַזוי אויך איז ישראל אָפּגעצייכנט מיטן [אופן פון] גאָלן זיך, מיט מילה, מיט ציצית. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז צניעותדיק, אַזוי אויך איז ישראל צניעותדיק. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב שטרעקט אויס איר האַלדז צו דער שחיטה, אַזוי אויך ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מד, כג): כי עליך וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז מכפּר אויף זינד,[5] אַזוי אויך איז ישראל מכפר אויף די אומות [פון דער וועלט], וואָרום די אַלע זיבעציק אָקסן, וואָס מע פלעגט מקריב זיין אום סוכות [זיינען געווען] קעגן די זיבעציק אומות, אַז די וועלט זאָל ניט ווערן לער פון זיי;[6] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט קט, ד): תחת — פאַר מיין ליבשאַפט האָבן זיי מיך פיינט, כאָטש איך בין [אויף זיי] מתפלל. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב, זינט זי דערקענט איר פּאָר, פאַרבייט זי אים ניט מער אויף קיין אַנדערן, אַזוי אויך ישראל, זינט זיי האָבן דערקענט הקדוש ברוך הוא האָבן זיי אים ניט אויסגעביטן אויף קיין אַנדערן. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב, בעת איר אַריינקומען אין נעסט, דערקענט זי איר טויבנשלאַק און איר נעסט, און אירע טייבעלעך און עופהלעך, און אירע פענצטערלעך,[7] אַזוי אויך זיינען די דריי שורות תלמידים פון די חכמים,[8] ווען זיי זיצן פאַר זיי,[9] דערקענט יעדער זיין אָרט. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב, אפילו ווען דו נעמסט אַוועק אירע טייבעלעך פון אונטער איר, פאַרלאָזט זי קיין מאָל ניט איר טויבנשלאַק, אַזוי אויך האָט ישראל, כאָטש דער בית המקדש איז חרוב, ניט אויפגעהערט [עולה רגל צו זיין][10] דריי מאָל אַ יאָר. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב גיט אַ נייע אויסבריאונג[11] יעדן חודש, אַזוי אויך באַנייט ישראל יעדן חודש תורה און מעשים טובים.[12] אַזוי ווי די דאָזיקע טויב ווערט געשיקט[13] אויף אַ סך שליחותן, אָבער זי קערט זיך אום צו איר טויבנשלאַק, אַזוי אויך ישראל; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (הושע יא, יא): יחרדו — זיי וועלן איילן ווי אַ פויגל פון מצרים, דאָס איז דער דור פון מדבר; און ווי אַ טויב פון לאַנד אשור, דאָס זיינען די צען שבטים;[14] סיי די, סיי יענע — און איך וועל זיי באַזעצן אין זייערע היימען, זאָגט גאָט.

רבי זאָגט: פאַראַן אַזאַ מין טויב, וואָס ווען מע קאָרמעט זי, דערשמעקן זי אירע חברטעס און קומען צו איר אין טויבנשלאַק. אַזוי אויך ווען אַ זקן זיצט און דרשנט, דעמאָלט זיינען זיך אַ סך גרים מגייר, אַ שטייגער יתרו, ער האָט דערהערט[15] און איז געקומען; רחב האָט דערהערט און איז געקומען.[16] אויך ביי חנניה, מישאל און עזריה,[17] אַ סך גרים האָבן זיך דעמאָלט מגייר געווען. פאַרוואָס? (ישעיה כט, כג־כד) כי — וואָרום אַז ער וועט זען

---

ליינען איז יאָ דערלויבט. [9] וווערטעלעך — ניט געמלעט: דער פאַרבאָט ניט צו עסן פרוכט פון אַ בוים אין די ערשטע דריי יאָר (דאָרט, פסוק כג). [10] דאָרט, פסוק כד.
[11] דאָס פאַרקאַטשען די פאָרהויט ביים מלע זיין.

יונים, מה היונה הזאת תמה, כך ישראל [תמימים. מה היונה הזאת נאה בהילוכה, כך ישראל] נאים בהילוכן, כשהן עולין לפעמי רגלים. מה יונה זאת מצויינת, כך ישראל מצויינין בתגלחת, במילה, בציצית. מה יונה זו צנועה, כך ישראל צנועים. מה יונה זו פושטת צווארה לשחיטה, כך ישראל, שנאמר (תהילים מד): כי עליך הורגנו כל היום. מה יונה זו מכפרת על העוונות, כך ישראל מכפרים על האומות, שכל אותן שבעים פרים שמקריבים בחג כנגד שבעים אומות, שלא יצדה העולם מהם; הה"ד (תהלים קט): תחת אהבתי ישטנוני, ואני תפלה. מה יונה זו, משעה שמכרת בן זוגה עוד אינה ממירה אותו באחר, כך ישראל, משעה שהכירו להקב"ה לא המירוהו באחר. מה יונה זו נכנסת לקנה ומכרת את קנה ושובכה וגוזליה ואפרוחיה וחלונותיה, כך הן ג' שורות של תלמידי חכמים, כשהן יושבין לפניהן, כל אחד ואחד מכיר את מקומו. מה יונה זו, אע"פ שאת נוטל גוזליה מתחתיה, אין מנחת שובכה לעולם, כך ישראל, אע"פ שחרב בית המקדש לא בטלו שלש רגלים בשנה. מה יונה זו מחדשת בכל חודש וחודש גרן, כך ישראל מחדשין בכל חודש תורה ומעשים טובים. מה יונה זו [מ]שוגרת רוגליות הרבה וחוזרת לשובכה, כך ישראל; הה"ד (הושע יא): יחרדו כצפור ממצרים, זה דור המדבר; וכיונה מארץ אשור, אלו עשרת השבטים; אלו ואלו והושבתים על בתיהם, נאם ה'.

רבי אומר: יש מין יונה שמאכילים אותה, וחברותיה מריחות אותה ובאות אצלה לשובכה; כך בשעה שהזקן יושב ודורש, הרבה גרים מתגיירים באותה שעה, כגון יתרו, הוא שמע ואתא; רחב שמעה ואתיא. אף בחנניה, מישאל ועזריה הרבה גרים נתגיירו באותה שעה. מה טעם? (ישעיה כט): כי בראותו ילדיו

---

סג. [1] תמימותדיק, אָן הינטערוועגלעך. [2] פאַרגלייך: תמים — גאַנץ זאָלסטו זיין מיט גאָט דיין גאָט (דברים יח, יג). [3] צוגעגעבן לויטן מהרז"ו. [4] מיט אירע קאָלירן. [5] פאַרגלייך ויקרא א, יד. [6] זיי זאָלן ניט אומקומען איבער זייערע זינד. [7] וואָס דורך זיי פליט זי אַריין אין טויבנשלאַק. [8] געטייטשט לויטן אינהאַלט, ניט ווי דער אויסדרוק „תלמידי חכמים" מיינט געוויינלעך. [9] פאַר די חכמים. [10] אַזוי לויטן ילקוט אויף אונדזער פסוק. [11] וואָרטערלעך: אַ שייער [תבואה]. [12] דער ילקוט ציטירט דערביי דעם פסוק פון ישעיה (סו, כג): והיה — און עס וועט זיין, ראש חודש נאָך ראש חודש — — — וועלן קומען אַלע לייבער זיך בוקן פאַר מיר, זאָגט גאָט. [13] ענדערונג לויטן נוסח ווייטער, ד, ב. [14] וואָס אשור האָט פאַרטריבן. [15] וואָס גאָט האָט געטאָן צו ישראל (שמות יח, א). [16] יהושע ב. [17] דניאל ג.

זיינע קינדער — — — [ווי זיי הייליקן מיין נאָמען], דעמאָלט — וואָס שטייט נאָך דעם? וועלן די פאַרפירטע אין גייסט וויסן צו פאַרשטיין.

סד

רבי איז געזעסן און געדרשנט, און דער עולם האָט אָנגעהויבן איינדרימלען. האָט ער געוואָלט זיי אויפוועקן; האָט ער אַ זאָג געטאָן: איינע אַ פרוי אין מצרים האָט געבאָרן זעכציק מאָל צען טויזנט מיט איין מאָל.״ איז דאָרט געווען אַ תלמיד מיטן נאָמען ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי; האָט ער אים געפרעגט: „ווער איז עס געווען?״ האָט ער אים געזאָגט: „דאָס איז יוכבד, וואָס האָט געבאָרן משהן, וואָס איז געווען די ווערט ווי די זעכציק מאָל צען טויזנט פון ישראל.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות טו, א): אז — דעמאָלט האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען; (במדבר א, נד): ויעשו — און די קינדער פון ישראל האָבן געטאָן ווי אַלץ וואָס גאָט האָט געבאָטן משהן; (דברים לד, ו): ולא קם — און ס׳איז מער ניט אויפגעשטאַנען אין ישראל אַזאַ נביא ווי משה.[1]

סה

עיניך — דיינע אויגן — טויבן, אַזוי ווי טויבן, — דיין גלייכעניש[1] איז אַזוי ווי די דאָזיקע טויב: אַזוי ווי די דאָזיקע טויב האָט געבראַכט ליכטיקייט אויף דער וועלט, אַזוי אויך ברענגסטו ליכטיקייט אויף דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ס, ג): והלכו גוים — און פעלקער וועלן גיין אין דיין ליכט. און ווען האָט די טויב געבראַכט ליכטיקייט אויף דער וועלט? אין די טעג פון נוחן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית ח, יא): ותבא — איז געקומען צו אים די טויב אין אָוונט־צייט, ערשט אַן אָפּגעריסן איילבירט־בלאַט איז אין איר מויל. וואָס מיינט אָפּגעריסן (טרף) — — — אין איר מויל? געהרגעט, ווי דו זאָגסט (דאָרט לז, לג): טרוף — פאַרצוקן פאַרצוקט געוואָרן איז יוסף.[2] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ווען ניט וואָס זי האָט עס געהרגעט, וואָלט עס צו אַ גרויסן בוים אויסגעוואַקסן.

און פון וואַנען האָט זי עס געבראַכט? ר׳ לוי האָט געזאָגט: פון די שפּראָצן פון ארץ ישראל האָט זי עס געבראַכט. דאָס איז וואָס מענטשן זאָגן: „ארץ ישראל איז ניט געשלאָגן געוואָרן מיט די וואַסערן פונעם מבול;״ דאָס איז ווי ס׳איז געזאָגט געוואָרן דורך יחזקאלען (כב, כד): מענטשנקינד, זאָג צו איר: דו ביסט אַ לאַנד וואָס איז ניט געריייניקט, ניט באַרעגנט געוואָרן אין טאָג פון צאָרן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַפילו די אונטערשטיינער פון מילן זיינען פאַרווישט געוואָרן אין וואַסער. ר׳ טריא האָט געזאָגט: די טויערן פון גן עדן זיינען איר געעפנט געוואָרן, און פון דאָרט האָט זי עס געבראַכט. האָט געזאָגט צו אים ר׳ אייבו: אויב זי וואָלט עס געבראַכט פון גן עדן, וואָלט זי ניט געהאַט עפּעס בעסערס צו ברענגען, צימערינג, אַ שטייגער, צי באַלזאַם? נייערט אַן אָנצוהערעניש האָט זי געגעבן נוחן אַזוי צו זאָגן: „מיין האַרנוח, [ליבערשט][3] [4] באַך ביטערערס פון דעם פון אונטער דער האַנט פון הקדוש ברוך הוא, איידער זיסקייט פון אונטער דיינע הענט.״

— — — [יקדישו שמי]; מה כתיב בתריה? (שם) וידעו תועי רוח בינה.

סד

רבי היה יושב ודורש, ונתנמנם הציבור. בקש לעוררן; אמר: „ילדה אשה אחת במצרים ששים רבוא בכרס אחת.״ והיה שם תלמיד אחד ור׳ ישמעאל בר׳ יוסי שמו; א״ל: „מאן הות כן?״ א״ל: „זו יוכבד שילדה את משה, ששקול כנגד ששים רבוא של ישראל.״ הה״ד (שמות טו): אז ישיר משה ובני ישראל; (במדבר א) ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה׳ את משה; (דברים לד) ולא קם נביא עוד בישראל כמשה.

סה

עיניך יונים, כיונים, — דוגמא דידך דמיא להדא יונה: מה יונה זו הביאה אורה לעולם, אף את מביאה אורה לעולם, שנאמר (ישעיה ס): והלכו גוים לאורך. ואימתי הביאה יונה אורה לעולם? בימי נח; הה״ד (בראשית ח): ותבא אליו היונה לעת ערב, והנה עלה זית טרף בפיה. מהו טרף בפיה? קטיל, כמה דתימר (שם לז): טרף טורף יוסף. א״ר ברכיה: אילולא קטל יתיה, אילן רב הוה מתעביד.

ומהיכן הביאה אותו? ר׳ לוי אמר: משמטוטי ארץ ישראל הביאתו. הדא היא הא דאמרין ברייתא: ארץ ישראל לא לקת במוי דמבולא; הוא שנאמר על ידי יחזקאל (כב): בן אדם, אמור לה: את ארץ לא מטוהרה היא, לא גושמה ביום זעם. א״ר יוחנן: אפילו איצטרובלין של רחיים נמחו במים. ר׳ טרייא אמר: שערי גן עדן נפתחו לה, ומשם הביאתו. א״ל ר׳ אייבו: אילו מגן עדן הביאה אותו, לא היה לה להביא דבר מעולה, כגון קנמון ובלסמון? אלא רמז רמזה לנח ואמרה לו: „מרי נח, [נוח] מר מזה מתחת ידו של הקב״ה, ולא מתוק מתחת ידיך.״

---

סד. [1] די אַלע געבראַכטע פסוקים רעדן וועגן משהן און די קינדער פון ישראל ווי וועגן צוויי גלייכוועטיקע פערזאָנען.

סה. [1] עין, אַן אויג, מיינט אָפט אויך גלייכעניש, אויסזען. [2] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט פעסטצושטעלן דעם טייטש פון טרף: מיטן אָפּרייסן דאָס בלאַט איז עס אומגעבראַכט געוואָרן. [3] מרי, אָנשפּיל אויף מר, ביטער. [4] אָנשפּיל אויפן נאָמען, צוגעגעבן לויט ווערטהיימער, בתי מדרשות א, שנג.

## טז

(טז) הנך — ביסט שיין, מיין געליבטער, אויך ליבלעך, — ר׳ אבהו און ר׳ חנינא. ר׳ אבהו האָט געזאָגט: ער לויבט זי מיט אַ טאָפּל לשון, און זי לויבט אים מיט אַ פּשוט לשון. ער לויבט זי מיט אַ טאָפּל לשון: ביסט שיין, מיין געליבטע, ביסט שיין; וואָרום ווען ער זאָל ווען זיך מאַכן[1] אַן אַנדער אומה, וואָלט ער געקענט.[2] זי לויבט אים מיט אַ פּשוט לשון: ביסט שיין, מיין געליבטער, אויך ליבלעך.[3] האָט ר׳ חנינא געזאָגט צו אים: אויך זי לויבט אים מיט אַ טאָפּל לשון, ווי דער פּסוק זאָגט: ביסט שיין, מיין געליבטער, אויך (אף) ליבלעך,[4] — זי זאָגט צו אים: „דער אף,[5] דער צאָרן, וואָס דו ברענגסט אויף מיר, איז מיר ליבלעך; פאַרוואָס? ווייל [מיט דעם] קערסטו מיך אום און ברענגסט מיך צום גוטן.”

אף — אויך אונדזער בעט איז גרין, דאָס איז דער בית המקדש, ווי אין פּסוק שטייט (מלכים ב, יא, ב): [האָט גענומען יהושבע — — — יואשן — — —] און זיין אַם אין חדר פון די בעטן.[6] וואָס מיינט אין חדר פון די בעטן? ר׳ אלעזר און ר׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אין די זייטנקאַמערן. און ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אין די אייבערקאַמערן. און זיי קריגן ניט: דער וואָס זאָגט אין די זייטנקאַמערן רעדט וועגן ווינטער; דער וואָס זאָגט אין די אייבערקאַמערן רעדט וועגן זומער.

אַן אַנדער פּשט: אויך אונדזער בעט איז גרין, — ר׳ עזריה אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ סימון [זאָגט: ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס איז אַרויס אין אַ מדבר, און מע האָט אים געבראַכט אַ קורץ בעט. איז ער געווען אויף צרות און האָט געמוזט איינקאַרטשען זיינע איברים. ווי ער איז אַריין אין שטאָט און מע האָט אים געבראַכט אַ לאַנג בעט, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסשפּרייטן און אויסציען זיינע איברים. אַזוי אויך כל זמן דער בית המקדש איז ניט געבויט געוואָרן, איז די שכינה געווען איינגעענגט צווישן די צוויי שטאַנגען פון דעם ארון; ווי דער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן, אַזוי (מלכים א, ח, ח) זיינען די שטאַנגען לענגער געוואָרן.[7]

אַן אַנדער פּשט: אויך אונדזער בעט איז גרין, — אַזוי ווי אַ בעט איז ניט אַנדערש געמאַכט געוואָרן, נייערט אויף געמיטלעכקייט, אַזוי אויך כל־זמן דער בית המקדש איז ניט געבויט געוואָרן, האָט די שכינה אומגע־וואַנדערט פון אָרט צו אָרט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמואל ב, ז, ו): ואהיה — און איך פלעג אומגיין אין אַ געצעלט און אין אַ משכן. ווי דער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן, אַזוי (תהלים קלב, יד): זאת — דאָס איז מיין רו־אָרט אויף אייביק און אייביק.

אַן אַנדער פּשט: אַזוי ווי אַ בעט איז ניט אַנדערש געמאַכט געוואָרן, נייערט אויף געמיטלעכקייט. אַזוי האָט אויך ישראל, כל־זמן דער בית המקדש איז ניט געבויט געוואָרן, געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט: ויסעו — ויחנו, געצויגן און גערוט;[8] ווי דער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן (מלכים א, ה, ה): וישב — און געזעסן איז יהודה און ישראל אין זיכערקייט.

## טו

(טז) הנך יפה, דודי, אף נעים, — ר׳ אבהו ור׳ חנינא. ר׳ אבהו אמר: הוא קלסה בלשון כפול, והיא קלסתו בלשון פשוט. הוא קלסה בלשון כפול: הנך יפה, רעיתי, הנך יפה; שאם בקש לו לעשות אומה אחרת, שהוא יכול. היא קלסתו בלשון פשוט: הנך יפה, דודי, אף נעים. א״ל ר׳ חנינא: אף היא קלסתו בלשון כפול, שנאמר: הנך יפה, דודי, אף נעים, — אמרה לו: „ריבונו של עולם, אף שאת מביא עלי נעים הוא: למהי שאת מחזירני ומביאני לידי מוטב.״ אף ערשנו רעננה, זה בית המקדש; המד״א (מלכים ב, יא): [ותקח יהושבע — — —את יואש — — —] ואת מנקתו בחדר המטות. מהו בחדר המטות? ר׳ אלעזר ור׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר אמר: בתאים; ור׳ שמואל בר נחמן אמר: בעליות. ולא פליגי: מאן דאמר בתאים, בימות הגשמים; מאן דאמר בעליות, בימות החמה.

ד״א: אף ערשנו רעננה, — ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון: למלך שיצא לו למדבר, והביאו לו מטה קצרה. התחיל מצטער בעצמו ומדחק באיבריו. כיון שנכנס למדינה, הביאו לו מטה ארוכה; התחיל פושט עצמו ומותח איבריו. כך עד שלא נבנה בית המקדש היתה השכינה מתמצעת בין שני בדי הארון; משנבנה בית המקדש — (מלכים א, ח) ויאריכו הבדים.

ד״א: אף ערשנו רעננה, — מה מטה זו אינה עשויה אלא לנחת רוח, כך עד שלא נבנה בית המקדש היתה השכינה מטלטלת ממקום למקום; הה״ד (שמואל ב, ז): ואהיה מתהלך באהל ובמשכן. משנבנה בית המקדש (תהלים קלב): זאת מנוחתי עדי עד.

ד״א: אף ערשנו רעננה, — מה מטה זו אינה עשויה אלא לנחת רוח, כך ישראל, עד שלא נבנה בית המקדש היו מטלטלין ממקום למקום: ויסעו — ויחנו; משנבנה בית המקדש (מלכים א, ה): וישב יהודה וישראל לבטח.

---

טו. [1] זיך אויסקלייבן. [2] לויבט ער ישראל טאָפּל כדי צו ווייזן, פאַרוואָס ער האָט דווקא די דאָזיקע אומה אויסגעקליבן. [3] ווייל דאָ איז ניט שייך די מעגלעכקייט פון אויס־קלייבן אַן אַנדערן, ווערן די לויב־ווערטער ניט איבערגעחזרט. [4] ר׳ חנינא באַטראַכט דאָס וואָרט ליבלעך ווי אַן איבערחזרונג. [5] אף האָט צוויי באַדייטונגען, סיי אויך, סיי צאָרן. [6] און ווייטער שטייט דאָרט: און ער איז געווען באַהאַלטן מיט איר אין גאָטס הויז.

אַן אַנדער פּשט: אויך אונדזער בעט איז גרין, — אַזוי ווי דאָס בעט איז ניט אויף עפּעס אַנדערש, נייערט אויף פּרוכפּערונג און מערונג, אַזוי אויך כל־זמן דער בית המקדש איז ניט געבויט געוואָרן (דברי הימים א, כא, ב): לכו — גייט און ציילט די קינדער פון ישראל; ווי ער איז אויפגעבויט געוואָרן, אַזוי (מלכים א, ד, כ): יהודה און ישראל זיינען פיל [ווי דער זאַמד וואָס ביים ים].

אַן אַנדער פּשט: אויך אונדזער בעט איז גרין, — אַזוי ווי דאָס בעט איז ניט אויף עפּעס אַנדערש, נייערט אויף פּרוכפּערונג און מערונג, אַזוי אויך כל־זמן דער [צווייטער] בית המקדש איז ניט געבויט געוואָרן (עזרא ב, סד): כל הקהל — די גאַנצע עדה צוזאַמען איז געווען פיר מאָל צען טויזנט; ווי דער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן, אַזוי האָבן זיי זיך געפּרוכפּערט און געמערט. וואָרום ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: פון גבת[9] ביז אַנטיפּרס[10] זיינען געווען זעכציק מאָל צען טויזנט שטעט, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעלקערונג צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די וואָס זיינען אַרויס פון מצרים; אָבער איצט,[11] אפילו מע זאָל דאָרט ווען באַהאַלטן[12] זעכציק מאָל צען טויזנט ראָר־שטעקעלעך, וועט דאָס אָרט זיי ניט איינהאַלטן[13] און ניט פאַרטראָגן. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: ארץ ישראל איז זיי איינגעשרומפּן געוואָרן.

## טז

(יז) קורות די באַלקנס פון אונדזערע הייזער זיינען צעדערן. ר׳ מנחמא פון ר׳ ברכיהס וועגן: די שטיינער וואָס יעקב איז אויף זיי געשלאָפן זיינען געוואָרן אונטער אים ווי אַ בעט און [ווייך] ווי פוך. און וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם?[1] די באַלקנס פון אונדזערע הייזער,[2] צעדערן.[3] אַן אַנדער פּשט: די באַלקנס פון אונדזערע הייזער זיינען צעדערן, דאָס זיינען די צדיקים און צידקניות, די נביאים און נביאות, וואָס זיינען פון אים אַרויסגעקומען.[4]

רהיטנו — אונדזערע ברעטער זיינען ציפּרעסן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: קיינער האָט ניט קיין נוץ פון דעם דאָזיקן ציפּרעס; פאַרוואָס? ווייל ער בייגט זיך. און דאָס איז אין הסכּם מיט ר׳ יוחננס מיינונג, וואָרום ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: [אין פּסוק שטייט] (הושע יד, ט): אני — איך בין ווי אַ גרינער ציפּרעס, — „איך בין עס דער וואָס האָב זיך איינגעבויגן [ווי אַ ציפּרעס] אַרויסצוררייסן דעם יצר הרע פון דער עבודה זרה;" (דאָרט) אפרים [זאָגט]: „וואָס קער איך זיך נאָך אָן [מיט געצנבילדער], — וואָס האָב איך נאָך צו טאָן מיטן יצר הרע פון דער עבודה זרה? (דאָרט) אני עניתי, [לייען]

[7] אַזוי לויטן דרש, — די שכינה האָט געהאַט מער פּלאַץ פאַר זיך. [8] במדבר לג. [9] אין איכה רבה (ב, ד) איז דער נוסח גיבתון, ווי אין פּסוק (יהושע כא, כג), אַ שטאָט אין דער נחלה פון דן. [10] אַנטיפּאַטריס, צווישן ירושלים און קיסריה, געבויט דורך הורדוסן. [11] נאָכן צווייטן חורבן. [12] לויטן ערוך השלם דאַרף מען דאָ לייענען מנעצה, אַריינשטעקן. [13] טעקסט ענדערונג לויטן ערוך השלם.

**ד"א:** אף ערשנו רעננה, — **מה מטה זו אינה אלא לפריה ורביה, כך עד שלא נבנה בית המקדש** (דברי הימים א, כא): לכו ספרו את בני ישראל; **משנבנה** (מלכים א, ד): יהודה וישראל רבים [כחול אשר על הים].

**ד"א:** אף ערשנו רעננה, — **מה מטה זו אינה אלא לפריה ורביה, כך עד שלא נבנה בית המקדש** (עזרא ב): כל הקהל כאחד ארבע רבוא; **משנבנה בית המקדש פרו ורבו, דאמר ר' יוחנן: מגבת ועד אנטיפרס ששים רבוא עיירות היו, והיו מוציאות כפלים מיוצאי מצרים. וכדון, אפילו את מצנעה יתהון ששים רבוא דקני, לא (מטחנא) [מסחנא] להון ולא נסב יתהון. אמר ר' חנינא: קפצה להם ארץ ישראל.**

סז

(יז) קורות בתינו ארזים. **ר' ברכיה: אבנים שישן עליהם יעקב אבינו נעשו תחתיו כמטה וכפלומה. ומה הרטבה הרטיב מהן?** קורות בתינו, ארזים. **ד"א:** קורות בתינו ארזים, **אלו הצדיקים והצדיקות, הנביאים והנביאות שעמדו ממנו.**

רהיטנו ברותים. **אמר ר' יוחנן: אין אדם נהנה מן הברות הזה; למה? שהיא נכפפת. היא דעתיה דר' יוחנן, דאמר ר' יוחנן** (הושע יד): אני כברוש רענן, **„אני הוא שכפפתי לעקור יצרה של עבודה זרה;"** (שם) אפרים: „מה לי עוד, — **מה לי וליצרה של עבודה זרה?** אני עניתי, — **אני עוניתי לו;** ואשורנו — **לא אשורנו, — לא אמרנו לך שירה? אלא הוי אומר: אני הוא שכפפתי לעקור יצרה של עבודה זרה.**

---

'עוניתי', — איך האָב מיך געלאָזט פּייניקן פון וועגן אים;[5] ואשורנו — האָב איך דען ניט געזונגען[6] צו אים? האָבן מיר דען ניט געזאָגט קיין שירה פאַר דיר? נייערט זאָג: איך בין עס דער וואָס האָב זיך איינגעבויגן אַרויסצורייסן דעם יצר הרע פון דער עבודה זרה."

---

סז. [1] פון דעם פּלאַץ וואו די שטיינער זיינען געווען. [2] די בנינים פונעם בית המקדש. [3] וואָס יעקב האָט דאָרט געפלאַנצט, נאָך דעם ווי מע האָט אים געוויזן אין חלום, אַז זיינע קינדער וועלן בויען אַ בית המקדש. [4] און אויך זיי האַלט זיך דאָס פאָלק ישראל. [5] פון גאָטס וועגן (לויטן פשט: איך האָב געענטפערט). לויט מפרשים מיינט דאָ „עוניתי" איך

אַן אַנדער פּשט: רהיטנו ברותים, — דאָס אָרט וואו די כוהנים לויפן[7] איז [געדעקט מיט] ציפּרעסן; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (מלכים א, ו, טו): ויצף — און ער האָט באַדעקט די ערד פונעם הויז מיט ברעטער פון ציפּ־רעסן.[8] ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: די תורה לערנט אונדז וועגן דעם שטייגער פון דער וועלט, אַז אַ מענטש זאָל באַדעקן [זיין הויז] מיט צעדערן און מאַכן דעם פוס־באָדן מיט ציפּרעסן, ווי דער פּסוק זאָגט: די באַלקנס פון אונדזערע הייזער זיינען צעדערן, אונדזער פוס־באָדן איז פון ציפּרעסן.

---

האָב זיך אָפּגערופן, אויפגעהויבן מיין קול (צו זינגען, ווי ווייטער). דאַן אָבער דאַרף מען בייטן די ו אויף אַ יוד. [6] לויטן דרש, פון שיר, זינגען. [7] פון רהט, לויפן: דער פוס־באָדן פון בית המקדש. [8] ברושים, אידענטיש מיט ברותים.

**ד"א:** רהיטנו ברותים, — **מקום שהכהנים רהוטים — בברותים; המד"א** (מלכים א, ו): ויצף את קרקע הבית בצלעות ברושים. **א"ר יוחנן: למדה תורה דרך ארץ, שיהא אדם מקרה בארזים ומרהיט בברותים, שנאמר:** קורות בתינו ארזים, רהיטנו ברותים.

# פרשה ב

## א

(א) אני — איך בין די חבצלת, די רויז, פון שרון, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „איך בין עס, און באַליבט[1] בין איך. איך בין עס, וואָס גאָט האָט מיך ליב געקראָגן מער פון אַלע זיבעציק אומות; די חבצלת פון שרון, ווייל איך האָב אים געמאַכט אַ שאָטן[2] דורך בצלאלן, ווי אין פסוק שטייט (שמות לז, א): ויעש — און בצלאל האָט געמאַכט דעם ארון; — פון שרון, ווייל איך האָב געזאָגט פאַר אים שירה[3] דורך משהן, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט טו, א): אָז — דעמאָלט האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען.״

אַן אַנדער פשט: איך בין די חבצלת פון שרון, — „איך בין עס, און באַליבט בין איך. איך בין עס, וואָס בין געווען באַהאַלטן[4] אין שאָטן פון די מצרים, און אויף אַ קורצער ווילע האָט מיך הקדוש ברוך הוא אַריינגעבראַכט קיין רעמסס,[5] און איך האָב געלאָזט אויפבליען מעשים טובים ווי אַ ליליע,[6] און איך האָב געזאָגט פאַר אים די שירה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ל, כט): השיר — דאָס געזאַנג וועט אייך זיין ווי אין דער נאַכט ווען אַ יום טוב ווערט געהייליקט״.[7]

אַן אַנדער פשט: איך בין די חבצלת פון שרון, — „איך בין עס, און באַליבט בין איך. איך בין עס, וואָס בין געווען באַהאַלטן אין שאָטן פון ים,[8] און אויף אַ קורצער ווילע[9] האָב איך אויפגעבליט מיט מעשים טובים ווי אַ ליליע, און איך האָב געוויזן אויף אים מיטן פינגער: [דאָס איז] דער האַר[10] איבער מיר, ווי דער פסוק זאָגט (שמות טו, ב): זה אלי — דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען.״

---

א. [1] חביבה, אַנשפּיל אויף די ערשטע צוויי אותיות פון חבצלת. [2] צל, אַ רו־אָרט, אַ משכן, אַנשפּיל אויף די איבעריקע אותיות פון חבצלת. און אויף בצלאל, ווי ווייטער. [3] אַנשפּיל אויף שרון. [4] חבויה, נאָך אַן אַנשפּיל אויף די ערשטע אותיות פון חבצלת. [5] וואו יידן האָבן געשקלאַפּט פאַר פרעהן. [6] שושנה, פון דער צווייטער העלפט פסוק. וועגן די מעשים טובים פאַרגלייך מדרש תהלים קיד, ד (באָבער): אין זכות פון פיר זאַכן איז ישראל אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים: ווייל זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען, און האָבן ניט געביטן זייער לשון, און האָבן ניט אַנטפּלעקט זייערע סודות, און זיינען ניט געווען צעלאָזן מיט גילוי עריות. [7] לויטן בעל המדרש ווערט מיט דעם געמיינט די נאַכט, ווען דער יום טוב פסח איז געהייליקט געוואָרן צום ערשטן מאָל, איידער די יידן זיינען נאָך אַרויס פון מצרים; איז פון דעם געדרונגען, אַז ווי האָבן דעמאָלט געזאָגט שירה פאַר גאָט. [8] דער געשפּאָלטענער ים, וואָס האָט באַשירעמט ישראל קעגן די מצרים. [9] ווייל גלייך נאָכן אַריבערגיין דעם ים האָבן יידן אָנגעהויבן מורמלען קעגן משהן און אהרנען (שמות טז, יא); אָבער דאָס איז דער בעל המדרש מבליע, ווייל שיר השירים דרשנט מען ניט צום שלעכטן (אויבן, א, נה). [10] געטייטשט לויט בראשית רבה כב, ו,

# פרשה ב

א

(א) אני חבצלת השרון, — **אמרה כנסת ישראל: „אני היא וחביבה אני; אני היא, שחבבני הקב״ה משבעים אומות.** חבצלת השרון, **שעשיתי לו צל על ידי בצלאל, דכתיב** (שמות לז): ויעש בצלאל את הארון; השרון, **שאמרתי לפניו שירה על ידי משה, דכתיב** (שם טו): אז ישיר משה ובני ישראל.״

**ד״א:** אני חבצלת השרון, — **„אני היא וחביבה אני. אני היא שהייתי חבויה בצלן של מצרים, ולשעה קלה כנסני הקב״ה לרעמסס, והרטבתי מעשים טובים כשושנה, ואמרתי לפניו את השירה, שנאמר** (ישעיה ל): השיר יהיה לכם כליל התקדש חג.״

**ד״א:** אני חבצלת השרון, — **„אני היא וחביבה אני. אני היא שהייתי חבויה בצלו של ים, ולשעה קלה הרטבתי מעשים טובים כשושנה, והראיתיו באצבע: מנון עבורי, שנאמר** (שמות טו): זה אלי ואנוהו.״

**ד״א:** אני חבצלת השרון, — **„אני היא וחביבה אני. אני היא שהייתי חבויה בצלו של סיני, ולשעה קלה הרטבתי מעשים טובים כשושנה בידי ולבי, ואמרתי לפניו** (שם כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע.״

**ד״א:** אני חבצלת השרון, — **„אני היא וחביבה אני. אני היא שהייתי חבויה ורמוסה בצלן של מלכיות; למחר, כשיגאלנו**

---

**אַן אַנדער פּשט:** איך בין די חבצלת פון שרון, — ״איך בין עס, און באַליבט בין איך. אַיך בין עס, וואָס בין געווען באַהאַלטן אין שאָטן פון באַרג סיני, און אויף אַ קורצער ווײַלע[11] האָב איך אויפגעבליט מיט מעשים טובים ווי אַ ליליע מיט האַנט און מיט האַרץ,[12] און איך האָב געזאָגט פאַר אים (דאָרט כד, ז): כל אשר — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן.״

**אַן אַנדער פּשט:** איך בין די חבצלת פון שרון, — „איך בין עס, און באַליבט בין איך. איך בין עס, וואָס בין געווען באַהאַלטן און צעטראָטן[13]

---

אויף משלי כט, כא. [11] ווײַל גלײַך נאָך דעם האָבן ייִדן געזינדיקט מיטן עגל הזהב (זע באַמ. 9). [12] מיט מעשים און מיט אמונה. [13] „רמוסה״, לויטן נוסח פון אָרגעלבראַנד.

אין שאָטן פון [פרעמדע] מלוכות; אויף מאָרגן, ווען הקדוש ברוך הוא וועט מיך אויסלייזן פונעם שאָטן פון די מלוכות, וועל איך אויפבליען ווי אַ ליליע און וועל זאָגן פאַר אים אַ ניי געזאַנג, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צח, א): שירו — זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג, וואָרום וואונדער האָט ער געטאָן; זיין רעכטע האַנט האָט אים געהאָלפן, און זיין הייליקער אָרעם."

## ב

ר' ברכיה האָט געזאָגט: דעם דאָזיקן פסוק האָט דער מדבר געזאָגט. דער מדבר האָט געזאָגט: „איך בין מדבר, און באַליבט בין איך, וואָרום אַלע גוטסקייטן פון דער וועלט זיינען פאַרבאָרגן אין מיר, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מא, יט): אתן — איך וועל געבן אין מדבר צעדער, אַקאַציע — — —. הקדוש ברוך הוא האָט זיי מיר געגעבן, אַז זיי זאָלן זיין אָפּגעהיט אין מיר, און ווען הקדוש ברוך הוא וועט זיי פאַרלאַנגען פון מיר, וועל איך אים צוריק־געבן זיין פּיקדון גאַנצערהייט, און איך וועל אויפבליען מיט מעשים טובים [ווי אַ ליליע][1] און וועל זאָגן שירה פאַר אים, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לה, א): ישֻשׂוּם — לוסטיק וועלן זיין דער מדבר און די וויסטעניש." פון די רבנן וועגן האָט מען געזאָגט: די ערד האָט עס געזאָגט. זי האָט געזאָגט: „איך בין עס, און באַליבט בין איך, וואָרום אַלע טויטע פון דער וועלט זיינען באַהאַלטן אין מיר; ווען הקדוש ברוך הוא וועט זיי פאַרלאַנגען פון מיר, וועל איך זיי אים אומקערן [ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כו, יט): יחיו — עס וועלן אויפלעבן דיינע מתים, מיינע טויטע לייבער וועלן אויפשטיין][2]; און איך וועל אויפבליען מיט מעשים טובים ווי אַ ליליע און וועל זאָגן שירה פאַר אים, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כד, טז): מכנף — פון עק ערד האָבן מיר געזאַנגען געהערט."

## ג

ר' יודן און ר' אליעזר. ר' יודן האָט געזאָגט: איך בין די חבצלת, — איז דען ניט חבצלת דאָס זעלבע וואָס שושנה?[1] ביַיערט כל זמן זי איז קליין, רופט מען זי חבצלת; וואַקסט זי אויס, רופט מען זי שושנה. חבצלת — פאַרוואָס רופט מען זי חבצלת? ווייל זי איז באַהאַלטן אין איר אייגענעם שאָטן.[2] ר' אליעזר האָט געזאָגט: [דער פסוק] האָט פאַרגליכן די צדיקים מיטן בעסטן פון די מינים און מיטן בעסטן פון יענעם מין. דער בעסטער פון די מינים — ווי אַ ליליע, און דער בעסטער פון יענעם מין — די ליליע פון די טאָלן;[3] און ניט ווי די באַרג־ליליע, וואָס ווערט לייכט פאַרוועלקט, ביַיערט ווי די ליליע פון די טאָלן, וואָס האַלט כסדר אָן איר פרישקייט. די רשעים האָט [דער פסוק] פאַרגליכן מיטן ערגסטן פון די מינים און מיטן ערגסטן פון יענעם מין. דער ערגסטער פון די מינים (תהלים לה, ה): כמוץ — ווי שפּריי פאַרן ווינט. וועסטו זאָגן: ווי דער שפּריי וואָס אין טאָל, האָט ער דאָך פייכט־קייט; ביַיערט (ישעיה יז, יג): ורדף — און ער וועט געיאָגט ווערן ווי באַרג־שפּריי פאַרן ווינט.

---

וואַרשע 1878. אין אַנדערע אויסגאַבעס איז דער נוסח „דמוסה", און מפרשים מאַטערן זיך

הקב״ה מצלן של מלכיות, אני מרטבת כשושנה ואומרת לו שיר חדש, שנאמר (תהלים צח): שירו לה׳ שיר חדש, כי נפלאות עשה; הושיעה לו ימינו וזרוע קדשו.״

ב

ר׳ ברכיה אמר: הפסוק הזה המדבר אמרו. אמר המדבר: „אני מדבר וחביב אני, שכל טובות שבעולם חבויין בי, שנאמר (ישעיה מא): אתן במדבר ארז, שטה. נתנם לי הקב״ה, שיהיו שמורים בי, וכשהקב״ה מבקשם ממני, אני מחזיר לו פקדונו בלא חסרון, ואני מרטיב מעשים טובים [כשושנה] ואומר לפניו שירה, שנאמר (שם לה): ישֻשום מדבר וציה.״ משום רבנן אמרו: הארץ אמרה אותו. אמרה: „אני היא וחביבה אני, שכל מתי העולם חבויין בי; לכשיבקשם הקב״ה ממני, אחזירם לו, [שנאמר (שם כו): יחיו מתיך, נבלתי יקומון]; וארטיב מעשים טובים כשושנה ואומרת שירה לפניו, שנאמר (שם כד): מכנף הארץ זמירות שמענו.״

ג

ר׳ יודן ור׳ אליעזר. ר׳ יודן אמר: אני חבצלת, — לא היא חבצלת ולא היא שושנה? אלא כל זמן שהיא קטנה, הוא קורא אותה חבצלת; הגדילה, קורא אותה שושנה. חבצלת, — ולמה נקראת חבצלת? שחבויה בצלה. א״ר אליעזר: משל את הצדיקים במשובח שבמינים ובמשובח שבאותו המין. המשובח שבמינים — כשושנה, ובמשובח שבאותו המין — שושנת העמקים; ולא כשושנת ההר, שנוחה להכמש, אלא כשושנת העמקים, שמרטבת והולכת. משל את הרשעים במגונה שבמינים ובמגונה שבאותו המין. מגונה שבמינים (תהלים לה): כמוץ לפני רוח. אם תאמר: כמוץ שבבקעה, כבר יש בו לחלוח; אלא (ישיה יז): ורדף כמוץ הרים לפני רוח.

---

אומזיסט עס איינצוטייטשן.

ב. [1] צוגעגעבן לויט מדרש תהלים א, (באבער), און לויטן ילקוט. אונטער „מעשים טובים״ ווערט פאַרשטאַנען דאָס אַרויסגעבן כל הגוטסקייטן פון זיך (אין מדרש תהלים און ילקוט איז דער אויסדרוק מעשים טובים ניט פאַראַן). [2] אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך דער פסוק פריער (נאָך דער פראַזע חבויין בי, זיינען באַהאַלטן אין מיר); דאָס ריכטיקע אָרט פאַרן פסוק איז אָבער דאָ, ווי אַ באַווייז אויף תחיית המתים.

ג. [1] לויט ר׳ יודן זיינען די צוויי אידענטיש. [2] חבויה בצלה — חבצלת: אירע בלעטלעך זיינען נאָך ניט צעעפנט און זי איז איינגעוויקלט און פאַרהוילן אין זיך. [3] דרשנענדיק אונדזער פסוק אויף די צדיקים וואָס צווישן ישראל.

## ד

ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקב״ה: „איך בין עס, און באַליבט בין איך, וואָרום איך בין אַריינגעגעבן אין די טיפענישן[1] פון צרות; און אַז הקדוש ברוך הוא וועט מיך אַרויסהייבן פון די צרות, וועל איך זיך צעבליען מיט מעשים טובים ווי אַ ליליע און וועל זאָגן שירה פאַר אים.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט כו, טז): ה׳ — גאָט, אין צרות וועלן זיי דיך האָבן דערמאָנט.[2] ר׳ אחא האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „ווען דיינע אויגן קוקן אַריין טיף[3] אין מיר, צעבלי איך זיך מיט מעשים טובים ווי אַ ליליע און איך זאָג שירה.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים קל, א): שיר — אַ געזאַנג פון די אַרויפ־גאַנגען. פון די טיפענישן רוף איך דיך, גאָט.

די רבנן זאָגן: די כנסת ישראל האָט עס געזאָגט. די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „איך בין עס, און באַליבט בין איך, וואָרום איך בין אַריינגעגעבן אין די טיפענישן פון גיהנם;[4] און ווען הקדוש ברוך הוא וועט מיך אויסלייזן פון זיינע טיפענישן — ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט מ, ג): ויעלני — און ער האָט מיך אַרויפגעבראַכט פון דער גרוב פון וויסטעניש — וועל איך זיך צעבליען מיט מעשים טובים און וועל זאָגן שירה פאַר אים.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, דאָרט, ד): ויתן — און ער האָט אַריינגעגעבן אין מיין מויל אַ נייַ געזאַנג.

די ווערטער פון די רבנן קומען אויס לויט דעם וואָס ר׳ אלעזר דער מודעי האָט געזאָגט: די שרים פון די פעלקער פון דער וועלט[5] זיינען אָנגע־ברייט צו קומען לעתיד לבוא מלמד חוב צו זיין אויף די יידן אַזוי צו זאָגן: „רבונו של עולם! די האָבן געדינט דער עבודה זרה און די האָבן געדינט דער עבודה זרה, די האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות[6] און די האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות, די האָבן בלוט פאַרגאָסן און די האָבן בלוט פאַר־גאָסן; פאַרוואָס זשע נידערן די אין גיהנום און די נידערן ניט?״ ענטפערט זיי הקדוש ברוך הוא און ער זאָגט: „אויב ס׳איז אַזוי, זאָלן אַלע פעלקער נידערן אין גיהנום מיט זייערע געטער.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מיכה ד, ה): כי — וואָרום אַלע פעלקער וועלן גיין איטלעכער מיטן נאָמען פון זיין גאָט.[7] ר׳ ראובן האָט געזאָגט: ווען עס וואָלט ניט געשטאַנען אין פסוק, וואָלט געווען אוממעגלעך עס צו זאָגן (ישעיה סו, טז): כי באש — וואָרום אין פייער ווערט גאָט כביכול געמשפט,[8] — דאָ שטייט ניט: „ה׳ שופט״, גאָט משפט, נייערט נשפט, ער ווערט געמשפט. דאָס איז וואָס דוד האָט געזאָגט מיט רוח הקודש (תהלים כג, טז): גם — אפילו איך זאָל גיין אין

ד. [1] בעמקי העמקים. [2] לויטן דרש: ווען זיי וועלן זיך דערמאָנען אָן די צרות פון וועלכע גאָט וועט זיי האָבן אויסגעלייזט, וועלן זיי אים דערמאָנען מיט געזאַנג (מתנות כהונה, יפה קול). [3] מעמיק — העמקים. [4] וואו יעדערער, ווי אַ יחיד, קומט אָפּ נאָכן טויט פאַר זיינע זינד. [5] זייערע האַרן אין הימל, זייערע מלאכים־באַשיצערס. [6] אינטימער פאַרקער צווישן נאָענטע משפחה מענטשן. [7] געטייטשט לויטן דרש. [8] לויטן

ד

**ר׳ אבא בר כהנא אמר: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „אני היא, וחביבה אני, שנתונה בעמקי הצרות; וכשידלני הקב״ה מהצרות, אני מרטבת מעשים טובים כשושנה ואומרת שירה לפניו.״ הה״ד** (שם כו): ה׳ בצר פקדוך. **א״ר אחא: אמרה כנסת ישראל: „בשעה שאת מעמיק עיניך בי, אני מרטבת מעשים טובים כשושנה ואומרת שירה.״ הה״ד** (תהלים קלו): שיר המעלות. ממעמקים קראתיך, ה׳.

**רבנין אמרין: כנסת ישראל אמרתהו. אמרה כנסת ישראל: „אני היא, וחביבה אני, שאני נתונה בעמקי גיהנם; וכשיגאלני הקב״ה ממעמקיה — הה״ד** (שם מ): ויעלני מבור שאון — **אני מרטיבה מעשים טובים ואומרת לפניו שירה.״ הה״ד** (שם): ויתן בפי שיר חדש.

**אתיא דרבנן כההיא דאמר ר׳ אלעזר המודעי: עתידים שרי האומות העולם לעתיד לבא שיבואו לקטרג את ישראל לפני הקב״ה ואומרים: „רבוש״ע! אלו עבדו עבודה זרה ואלו עבדו עבודה זרה, אלו גלו עריות ואלו גלו עריות, אלו שפכו דמים ואלו שפכו דמים; מפני מה אלו יורדין לגיהנם ואלו אין יורדין?״ והקב״ה משיב להם ואומר: „אם כן הוא, ירדו כל העמים עם אלהיהם לגיהנם.״ הה״ד** (מיכה ד): כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו. **אמר ר׳ ראובן: אלו לא היה הדבר כתוב, אי אפשר לאמרו, כביכול** (ישעיה סו): כי באש ה׳ נשפט, -- **„ה׳ שופט״ אין כתיב כאן, אלא** נשפט. **הוא שאמר דוד ברוח הקדש** (תהלים כג): גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי. **(ד״א)** שבטך, **אלו היסורין;** ומשענתך, **זו תורה;** המה ינחמוני. **יכול בלי יסורין; תלמוד לומר** אך. **יכול בעולם הזה, תלמוד לומר:** אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי, ושבתי בבית ה׳ לאורך ימים.

---

טאָל פון טויטשאָטן,[9] האָב איך קיין מורא ניט פאַר שלעכטס, וואָרום דו ביסט מיט מיר. שבטך[10] — דיין רוט, **דאָס זיינען די יסורים;**[11] ומשענתך — און דיין אָנלען, **דאָס איז די תורה,** המה — זיי וועלן מיך טרייסטן. **קאָן מען מיינען [אַז תורה באַקומט מען] אָן יסורים; לערנט אונדז דער פסוק:** אך — נאָר.[12] **קאָן מען מיינען אויף** דער וועלט;[13] **לערנט אונדז דער פסוק:** אַך טוב — נאָר גוטס און גענאָד וועלן מיר נאָכגיין אַלע טעג פון מיין לעבן, און איך וועל זיצן אין הויז פון גאָט אויף לאַנגע טעג.[14]

## ה

(ב) כשושנה — ווי אַ ליליע צווישן די דערנער. **ר׳ יצחק האָט באַשיידט דעם פסוק אויף רבקהן, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית כה, כ): ויהי יצחק — און יצחק איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, ווען ער האָט גענומען רבקהן, די טאָכטער פון בתואל דעם ארמי פון פדן ארם, די שוועסטער פון לבן דעם ארמי — — —. אויב [**דער פסוק קומט אונדז**] **לערנען, אַז זי איז געווען פון פדן ארם, צו וואָס זאָגט ער:** די שוועסטער פון לבן דעם ארמי? **נייערט** [ער וויל אונדז מיט דעם לערנען, אַז] **איר פאָטער איז געווען אַ רמאי,**[1] **איר ברודער איז געווען אַ רמאי און די איינוואוינער פון איר אָרט זיינען געווען רמאים, און די דאָזיקע צדקת איז אַרויסגעקומען פון צווישן זיי; צו וואָס איז זי געגליכן?** ווי אַ ליליע צווישן די דערנער. **ר׳ פינחס האָט געזאָגט פון ר׳ סימונס וועגן: עס שטייט געשריבן** (דאָרט כח, ה): וישלח יצחק — און יצחק האָט אַוועקגעשיקט יעקבן, און ער איז אַוועק קיין פדן ארם צו לבנען, דעם זון פון בתואל דעם ארמי, — **דער פסוק פאַררעכנט זיי אַלעמען אין כלל פון רמאים.**

## ו

**ר׳ אליעזר האָט באַשיידט דעם פסוק אויף דער אויסלייזונג פון מצרים: אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע, ווען זי געפינט זיך צווישן די דערנער, איז שווער איר בעל־הבית זי אַרויסצוקלייבן, אַזוי איז אויך שווער געווען פאַר הקדוש ברוך הוא די אויסלייזונג פון ישראל; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דברים ד, לד): או — אָדער, צי האָט אַ גאָט געפּרואווט קומען און אַרויסנעמען פאַר זיך אַ פאָלק פון צווישן אַ פאָלק. **ר׳ יהושע פון ר׳ חנגס וועגן האָט געזאָגט:** דאָ שטייט ניט: „אַ פאָלק פון צווישן אַן אומה," אָדער „אַן אומה פון צווישן **אַ פאָלק,"**[1] **נייערט אַ פאָלק פון צווישן אַ פאָלק, וואָרום די זיינען געווען אומגעמלט און די זיינען געווען אומגעמלט, די האָבן געטראָגן לאַנגע גריוועס און די האָבן געטראָגן לאַנגע גריוועס, די האָבן זיך געקליידט אין שעטנז און די האָבן זיך געקליידט אין שעטנז; ווי באַלד אַזוי, וואָלט דער מידת הדין ניט דערלאָזט, אַז ישראל זאָל ווען עס איז אויסגעלייזט ווערן. האָט ר׳ שמואל בר נחמן געזאָגט: ווען ניט דאָס וואָס הקדוש ברוך הוא האָט זיך געבונדן מיט אַ שבועה, וואָלט ישראל ניט אויסגעלייזט געוואָרן אויף אייביק.**

---

**דרש.** [9] **געטייטשט אויפן גיהנום.** [10] די פראַזע ד"א (אַן אַנדער פשט) **וואָס געפינט זיך פאַר דעם אין די טעקסטן איז ניט אין פּלאַץ, ווייל ס׳איז אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון פריערדיקן.**[11] **וואָס דער אייבערשטער שיקט אָן אויפן צדיק.** [12] **אַך ווערט פון די חכמים געווייגלעך פאַרשטאַנען ווי אַ מיעוט, אַ באַגרענעצונג: די טרייסט און גוטסקייט וואָס קומט מיט דער תורה קאָנען ניט קומען אָן פריערדיקע יסורים. פאַרגלייך ברכות ה, א, וואו תורה ווערט גערעכנט צווישן די דריי זאַכן וואָס מע קריגט ניט אָן יסורים.** [13] **ווען דער צדיק באַקומען זיין לוין.** [14] **לויטן בעל המדרש — אויף אייביק (פאַרגלייך מדרש תהלים: „אויף אַ וועלט וואָס איז איין לאַנגער טאָג, דאָס מיינט אויף יענער וועלט."**

**ה.** [1] **אַ שווינדלער; אָנשפּיל אויף ארמי, פאַרבייטנדיק די ערטער פון די אותיות.**

**ו.** [1]**וואָס וואָלט אָנגעוויזן אויף אַ וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן ישראל און די מצרים.**

ה

(ב) כשושנה בין החוחים. **ר׳ יצחק פתר קרייה ברבקה, שנאמר** (בראשית כה): ויהי יצחק בן ארבעים שנה, בקחתו את רבקה בת בתואל הארמי מפדן ארם, אחות לבן הארמי, וגו׳. **אם ללמד, שהיא מפדן ארם, מה תלמוד לומר** אחות לבן הארמי? **אלא אביה היה רמאי, אחיה היה רמאי ואנשי מקומה רמאין, והצדקת הזאת יצאה מבינותם; למה היא דומה?** כשושנה בין החוחים. **ר׳ פנחס בשם ר׳ סימון אמר: כתיב** (שם כח) וישלח יצחק את יעקב וילך פדנה ארם אל לבן בן בתואל הארמי, **וכלל כולם לרמיות.**

ו

**ר׳ אליעזר פתר קרייה בגאולת מצרים: מה שושנה זו, כשהיא נתונה בין החוחים קשה לבעלה להלקט, כך גאולתן של ישראל היתה קשה לפני הקדוש ברוך הוא; הה״ד** (דברים ד): או הנסה אלהים לבא לקחת לו גוי מקרב גוי. **ר׳ יהושע בשם ר׳ חנן אמר: „גוי מקרב עם" ו„עם מקרב גוי" אין כתיב כאן, אלא** גוי מקרב גוי, **שהיו אלו ערלים ואלו ערלים, אלו מגדלי בלורית ואלו מגדלי בלורית, אלו לובשי כלאים ואלו לובשי כלאים; אם כן לא היתה מדת הדין נותנת, שיגאלו ישראל לעולם. א״ר שמואל בר נחמן: אלולי שאסר הקב״ה עצמו בשבועה, לא היו ישראל נגאלין לעולם. הה״ד** (שמות ו): לכן אמור לבני ישראל: אני ה׳, והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים, **ואין לכן אלא שבועה; המד״א** (שמואל א, ג): ולכן נשבעתי לבית עלי. **אמר ר׳ ברכיה** (תהלים עז): גאלת בזרוע עמך, **בטרוניא. א״ר יודן: מלבא** לקחת לו גוי **ועד** מוראים גדולים **ע״ב אותיות הן; ואם יאמר**

---

**דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (שמות ו, ו): לכן — דעריבער זאָג צו די קינדער פון ישראל: איך בין גאָט, און איך וועל אייך אַרויסנעמען פון אונטער די לאַסטן פון מצרים, **און לכן איז ניט אַנדערש בייערט אַ לשון**[2] **פון שבועה; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, ג, יד): ולכן — און דעריבער האָב איך געשוואָרן וועגן עלים הויז. **ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: [אין פסוק שטייט]** (תהלים עז, טז): גאלת — האָסט אויסגעלייזט מיטן אָרעם דיין פאָלק, — **מיט פולער קראַפט. ר׳ יודן האָט געזאָגט: פון** לבא — קומען און אַרויסנעמען פאַר זיך אַ פאָלק **און ביז** מוראים גדולים, שרעקן גרויסע, **זיינען פאַראַן צוויי און זיבעציק אותיות;**[3] **און אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן, [אַז דאָרט**

זיינען פאַראַן] פינף און זיבעציק, זאָג אים: רעכן אַראָפּ פון דעם דאָס צווייטע מאָל גוי, פאָלק, וואָס גייט ניט אַריין אין חשבון.[4] ר׳ אבין האָט געזאָגט: מיט זיין נאָמען האָט ער זיי אויסגעליזט, וואָרום דער נאָמען פון הקדוש ברוך הוא באַשטייט פון צוויי און זיבעציק אותיות.

ר׳ עזריה [זאָגט] פון ר׳ יהודהס וועגן, אַז ר׳ סימון האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ פרוכטגאָרטן און [זיינע מענטשן] זיינען אַריין און פאַרפלאַנצט אַ שורה מיט פייגן און אַ שורה מיט ווייַנשטאָקן און אַ שורה מיט מילגרוימען און אַ שורה מיט עפּלביימער, און ער האָט אים איבערגעגעבן צו אַן אַריס[5] און איז זיך אַוועק. אין אַ צייט אַרום איז דער מלך געקומען און אַרייַנגעקוקט אין גאָרטן אויסצוגעפינען וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן; האָט ער אים געפונען פול מיט דערנער און שטעכלקעס. האָט ער געבראַכט העקערס אים אויסצוהאַקן. אָבער אַז ער האָט דערזען אין אים אַ ראָזעווע ליליע, און האָט זי גענומען און אַ שמעק געטאָן פון איר, אַזוי האָט זיך אים זיין געמיט באַרואיקט. דער מלך האָט געזאָגט: „איבער דער דאָזיקער ליליע זאָל דער גאָרטן געראַטעוועט ווערן.״ אַזוי אויך איז די גאַנצע וועלט ניט אַנדערש באַשאַפן געוואָרן נייערט צוליב דער תורה.[6] אין זעקס און צוואַנציק דורות אַרום האָט הקדוש ברוך הוא אַריינגעקוקט אין זיין וועלט צו זען וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן. און ער האָט זי געפונען וואַסער אויף וואַסער;[7] איז דער דור פון אנוש אַראָפּגעווישט געוואָרן דורך וואַסער,[8] דער דור המבול איז אַראָפּגעווישט געוואָרן דורך וואַסער, דער דור פון צעטיילונג — דורך וואַסער.[9] ׳האָט ער געבראַכט העקערס אים אויסצוהאַקן׳, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כט, י): ה׳ — גאָט האָט זיך פון וועגן מבול געזעצט.[10] ׳אָבער אַז ער האָט דערזען אין אים אַ ראָזעווע ליליע׳, דאָס איז ישראל; ׳און האָט זי גענומען און אַ שמעק געטאָן פון איר״, בשעת ישראל האָט געזאָגט (שמות כד, ז): נעשה ונשמע — מיר וועלן טאָן און געהאָרכן, — האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ׳איבער דער דאָזיקער ליליע זאָל געראַטעוועט ווערן דער גאָרטן׳, איבער דער תורה און אירע לערנערס זאָל געראַטעוועט ווערן די וועלט.

---

[2] אַזוי איז דער נוסח פון הגר״ז. פסיקתא רבתי, החודש יז („מנורה״, ניו יאָרק). [3] דער פולער נאָמען פונעם אייבערשטן, ווי ווייטער, און מיט דעם דאָזיקן פולן נאָמען (״מיט דער פולער קראַפט״) האָט ער אויסגעלייזט ישראל פון מצרים. [4] ווייל דאָס וואָרט איז אַן איבערחזרונג, אָדער (לויט יפה קול) ווייל עס גייט אויף די געצנדינערישע מצרים, ווערט עס ניט אַריינגערעכנט אין גאָטס נאָמען. [5] איינער וואָס באַאַרבעט עמעצנס אַ פעלד, צי אַ גאָרטן, און ער באַקומט דערפאַר אַ טייל פון דער גערעטעניש. [6] עמענדירט לויט ויקרא רבה כג, ג, און אַזוי דאַרף עס זיין לויטן אינהאַלט. [7] לויטער נישטיק, אָן מעשים טובים. [8] מכילתא יתרו. מסכתא דבחדש, ו: איבער דעם וואָס דעמאָלט האָבן מענטשן אָנגעהויבן דינען דער עבודה זרה, איז אַרויף דער ים און האָט פאַרפלייצט אַ דריטל פון דער וועלט. [9] בראשית רבה לח, י: לייען ניט ויפץ, און ער האָט צעשפרייט (בראשית יא, ח), נייערט „ויצף, און ער האָט פאַרשווענקט.״ [10] געטייטשט לויטן דרש: גאָט האָט זיך געזעצט צו משפטן די וועלט מיט אַ נייעם מבול (ישב, זיצן, קומט אָפט אין שייכות מיט משפט, — פאַרגלייך תהלים ט: ה, ח; קכב, ה).

לך אדם: ע״ה הן, אמור לו: צא מהן גוי השני, שאינו מן המנין. א״ר אבין: בשמו גאלן, ששמו של הקב״ה ע״ב אותיות הן.

ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה — אמר ר׳ סימון: משל למלך שהיה לו פרדס, וירדו ונטעו שורה של תאנים ושורה של גפנים ושורה של רמונים ושורה של תפוחים, ומסרו לאריס והלך לו. לאחר ימים בא המלך והציץ בפרדס לידע מה עשה, ומצא מלא חוחין ודרדרים. הביא קצצים לקצצו. וראה בו שושנה אחת של ורד, ונטלה והריח בה, ושבת נפשו עליו. אמר המלך: „בשביל שושנה זו ינצל הפרדס.״ כך העולם לא נברא אלא בשביל (ישראל) [תורה]. לאחר עשרים וששה דורות הציץ הקב״ה בעולמו לראות מה שעשה, ומצאו מים במים, — דור אנוש נמחה מן המים, דור המבול נמחה מן המים, דור הפלגה במים. ׳הביא קצצים לקצצו׳, שנאמר (תהלים כט): ה׳ למבול ישב. ׳וראה שושנה של ורד׳, אלו ישראל; ׳ונטלה והריח בה׳ בשעה שאמרו ישראל (שמות כד): נעשה ונשמע. אמר הקב״ה: ׳בשביל שושנה זו ינצל הפרדס׳, בשביל התורה ולומדיה ינצל העולם.

ז

ר׳ חנן דצפורי פתר קרייה בגמילות חסדים. בנוהג שבעולם עשרה אנשים נכנסין לבית האבל, ואין אחד מהם יכול לפתוח פיו לברך ברכת אבלים; ובא אחד ופתח את פיו וברך ברכת אבלים. למה הוא דומה? לשושנה בין החוחים. ועוד, בנוהג שבעולם עשרה בני אדם נכנסין לבית המשתה, ואין אחד יכול לפתוח פיו לברך ברכת חתנים; ובא אחד ופתח פיו וברך ברכת חתנים. למה הוא דומה ביניהם? כשושנה בין החוחים. בנוהג

---

ז

ר׳ חנן פון ציפורי האָט באַשיידט דעם פסוק אויף גמילות חסדים.[1] עס פירט זיך אויף דער וועלט, אַז צען מענטשן קומען אַריין אין אַ הויז פון אבלים, און קיינער פון זיי קאָן ניט עפענען זיין מויל און מאַכן די ברכה פון אבלות; און ס׳קומט איינער און עפנט זיין מויל און מאַכט די ברכה פון אַבלות,— צו וואָס איז ער געגליכן? צו אַ ליליע צווישן די דערנער. און נאָך, עס פירט זיך אויף דער וועלט, אַז צען מענטשן קומען אַריין אין אַ הויז פון אַ [חתונה־] שמחה, און קיינער פון זיי קאָן ניט עפענען זיין מויל און מאַכן די שבע ברכות: און ס׳קומט איינער און עפנט זיין מויל און מאַכט די שבע ברכות, צו וואָס איז ער געגליכן צווישן זיי? ווי אַ ליליע צווישן די דערנער. עס פירט זיך

אויף דער וועלט, אַז צען מענטשן קומען אַריין אין אַ שול און קיינער פון זיי קאָן ניט פירזאָגן [די ברכות פון] קריאת־שמע[2] און דאַוונען פאַרן עמוד;[3] און איינער פון זיי זאָגט פיר די ברכות פון קריאת־שמע און דאַוונט פאַרן עמוד. צו וואָס איז ער געגליכן? ווי אַ ליליע צווישן די דערנער.

ר׳ אלעזר איז געקומען[4] אין אַן אָרט, און מע האָט אים געזאָגט: „זאָג אונדז פיר [די ברכות פון] קריאת שמע.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך קען ניט.״ „דאַוון פאַרן עמוד.״ [„איך קען ניט.״][5] האָבן זיי געזאָגט: „איז דאָס ר׳ אלעזר? איז עס דער וואָס מע נעמט זיך אַזוי איבער מיט אים? אומזיסט רופט מען אים רבן.״ איז אים רויט געוואָרן דאָס פּנים און ער איז אַוועק צו זיין רבין ר׳ עקיבאַן. האָט ער אים געפרעגט: „פאַרוואָס איז דיין פּנים קרענקלעך?״ האָט ער אים דערציילט די מעשה און געזאָגט צו אים: „וואָלט דער רבי געוואָלט מיך אויסלערנען?״ האָט ער אים געזאָגט, „יאָ,״ און ער האָט אים אויסגעלערנט. אין אַ צייט אַרום איז ער ווידער געקומען אין יענעם אָרט. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „זאָג אונדז פיר [די ברכות פון] קריאת שמע.״ האָט ער זיי פירגעזאָגט. „דאַוון פיר פאַרן עמוד.״ האָט ער פירגעדאַוונט. האָבן זיי געזאָגט: „ר׳ אלעזר איז געשטאַרקט געוואָרן.״ און מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן ר׳ אלעזר חיסמא.[6]

ר׳ יונה פלעגט לערנען זיינע תלמידים די שבע ברכות און די ברכה פון אבלות, כדי זיי זאָלן זיין באַהאַוונט[7] אין יעדן וואָרט.

## ח

ר׳ הונא האָט באַשיידט דעם פּסוק אויף [ישראל צווישן די פיינטלעכע] מלכותן: אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע, וואָס געפינט זיך צווישן די דערנער, און אַ צפון־ווינט קומט אָן און בייגט זי קעגן דרום, און דער דאָרן שטעכט זי, און פונדעסטוועגן איז איר האַרץ געווענדט אַרויפצו; אַזוי אויך ישראל, כאָטש מע מאָנט פון זיי צינזן און גאָלד־און־זילבער אָפּצאָל,[1] איז זייער האַרץ דאָך געווענדט צו זייער פאָטער אין הימל ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כה, טו): עיני — מיינע אויגן זיינען שטענדיק צו גאָט.

ר׳ איבו האָט באַשיידט דעם פּסוק אויף דער גאולה פון מאָרגן:[2] אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע, ווען זי געפינט זיך צווישן די דערנער, איז שווער פאַר איר בעל־הבית זי אַרויסצוקלייבן; וואָס טוט ער? ער ברענגט פייער און ברענט אָפּ דעם אַרום אירן, און נאָך דעם קלייבט ער זי אַרויס, אַזוי (איכה א, יז): צוה ה׳ — האָט גאָט באַפוילן קעגן יעקבן זיינע שונאים אַרום אים,

ז. [1] אין זין פון העלפן מענטשן מקיים צו זיין אַ מצווה. [2] ווערטערלעך: איבערדעקן (דעם קאָפּ מיט אַ טלית, כדי פירצוזאָגן די ברכות פון) קריאת־שמע. [3] ווערטערלעך: פאַרבייגיין פאַרן עמוד (און פירזאָגן די ברכות פון שמונה עשרה). [4] ווערטערלעך: איז אַוועק. [5] צוגאָב לויט ויקרא רבה כג, ד. — אין יענע צייטן איז נאָך קיין סידור ניט געווען און דער נוסח פון די תפילות און ברכות איז נאָך ניט געווען איינגעשטעלט, און אפילו צווישן די חכמים איז ניט יעדערער געווען גרייט פירצוזאָגן און פירצודאַוונען. [6] אָנשפּיל אויף אתחסם. [7] ווערטערלעך: גבורהדיק, ווי אויבן.

ח. [1] לויט יאַסטראָוו, וואָס הייסט (שטיצנדיק זיך אויף ירושלמי, בבא קמא ג) לייענען

שבעולם עשרה בני אדם נכנסין לבית הכנסת, ואין אחד מהם יכול לפרוס על שמע ולעבור לפני התיבה; ואחד מהן פורס על שמע ועובר לפני התיבה. למה הוא דומה? כשושנה בין החוחים.

ר׳ אלעזר אזל לחד אתר; אמרי ליה: „פרוס את שמע״. אמר לון: „לינא חכם.״ „עבור לפני התיבה.״ [„לינא חכם.״] אמרין: „דין הוא ר׳ אלעזר? דין הוא דמתגלגלין ביה? על מגן צווחין ליה רבן.״ נתכרכמו פניו והלך לו אצל ר׳ עקיבא רבו. א״ל: „למה פניך חולניות?״ תני ליה עובדא; א״ל: „צבי רבי דיילף?״ א״ל: „אין,״ ואלפיה. לבתר יומין אזל לההוא אתר. אמרי ליה: „פרוס לן את שמע״; פרס לון. „עבור לפני התיבה,״ ועבר. אמרין: „אתחסם ר׳ אלעזר.״ וקרון ליה ר׳ אלעזר חסמא.

ר׳ יונה הוה מליף לתלמידוי ברכת חתנים וברכת אבלים, כי היכי דיהוון גוברין בכל מלה.

ח

ר׳ הונא פתר קרייה במלכות: מה שושנה זו, כשהיא נתונה בין החוחים, רוח צפון יוצא ומטה אותה כלפי (צפון) [דרום] והחוח עוקצה, אעפ״כ לבה מכוון כלפי מעלה; כך ישראל, אע״פ שהן נגבין ארנוניות, בורסגניות, לבם מכוון כלפי אביהם שבשמים, שנאמר (תהלים כה): עיני תמיד אל ה׳.

ר׳ אייבו פתר קרייה בגאולת מחר: מה השושנה הזו, כשהיא נתונה בין החוחים קשה לבעלה להלקט; מהו עושה? מביא אור ושורף חוצה לה ואחר כך לוקטה, כך (איכה א): צוה ה׳ ליעקב סביביו צריו, כגון חלמיש לנווה, יריחו לנוערן, סוסיתן לטבריה, קסטרא לחיפה, לוד לאונו.; ההו״ד (יחזקאל ה): זאת ירושלים בתוך הגוים שמתיה. למחר, כשיגיע הקץ, מה הקב״ה עושה? מביא האור ושורף חוצה לה; ההו״ד (ישעיה לג): והיו עמים משרפות סיד. מה כתיב תמן? (דברים לב) ה׳ בדד ינחנו.

---

אַ שטייגער חלמיש צו נווה, יריחו צו נוערן, סוסיתן צו טבריה, קסטרא צו חיפה, לוד צו אונו;[3] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל ה, ה): זאת — די דאָזיקע ירושלים, צווישן די פעלקער האָב איך זי באַזעצט. אויף מאָרגן, ווען דער קץ וועט קומען, וואָס וועט הקדוש ברוך הוא טאָן? ער וועט ברענגען פייער און פאַרברענען דעם אַרום אירן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה לג, יב): והיו עמים — און פעלקער וועלן זיין ווי פאַרברענטער קאַלך. און וואָס שטייט דאָרט? (דברים לב, יב) ה׳ — גאָט וועט אים פירן אַליין.[4]

ט

ר׳ אבון האָט געזאָגט: אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע, ווען עס קומט אָן אַ היץ, ווערט זי פאַרוועלקט, און ווען עס קומט אָן אַ טוי, צעבליט זי זיך; אַזוי אויך, כל זמן דער שאָטן פון עשון[1] האַלט זיך, קוקט [ישראל][2] אויס אויף דער וועלט ווי פאַרוועלקט; ווי עס וועט פאַרבייגיין דער שאָטן פון עשון, אַזוי וועלן זיי זיך האַלטן אין איין צעבליען. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (הושע יד, ו): אהיה — איך וועל זיין ווי דער טוי צו ישראל, ער וועט בליען ווי אַ ליליע. אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע ווערט קיין מאָל ניט צוניִשט, סיידן צוזאַמען[3] מיט איר ריח; אַזוי וועט ישראל ניט צוניִשט ווערן, סיידן צוזאַמען מיט די מצוות און מעשים טובים.[4] אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע איז ניט אַנדערש פאַראַן בייערט צוליב איר ריח, אַזוי אויך זייַנען די צדיקים ניט אַנדערש באַשאַפן געוואָרן, בייערט פאַר דער גאולה פון ישראל. אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע קומט אַרויף אויפן מלכס טיש ביים אָנהייב[5] און ביים סוף, אַזוי אויך איז ישראל דער זעלבער אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.[6] אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע איז קענטלעך צווישן גראָזן, אַזוי אויך איז ישראל קענטלעך צווישן די אומות פון דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה סא, ט): כל — אַלע וואָס זעען זיי וועלן זיי דערקענען. אַזוי ווי די דאָזיקע ליליע איז אָנגעברייט אויף שבתים און ימים טובים, אַזוי אויך איז ישראל אָנגעברייט פאַר דער מאָרגנדיקער גאולה.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „גיי זאָג צו די יידן: קינדער מיינע, ווען איר זענט געווען אין מצרים, זענט איר געווען געגליכן צו אַ ליליע צווישן די דערנער. אויך אַצינד, אַז איר קומט אַריין אין לאַנד כנען, זייט געגליכן צו אַ ליליע צווישן די דערנער, — מאַכט אָפּ ביי זיך אַז איר זאָלט ניט טאָן ווי די טואונג פון די און ווי די טואונג פון יענע.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא יח, ג): כמעשה — ווי די טואונג פון לאַנד מצרים וואו איר זענט געזעסן זאָלט איר ניט טאָן, און ווי די טואונג פון לאַנד כנען וואוהין איך ברענג אייך, זאָלט איר ניט טאָן — — —.

י

(ג) כתפוח — ווי אַן עפּלבוים צווישן די ביימער פון וואַלד. ר׳ הונא און ר׳ אחא אין נאָמען פון ר׳ יוסי בן זימרא: אַזוי ווי דער דאָזיקער עפּלבוים, וואָס אַלע אנטלויפן פון אים בשעת א היץ; פאַר־וואָס? ווייל ער האָט ניט קיין שאָטן צו זיצן אין אים; אַזוי זייַנען די אומות פון דער וועלט אַנטלאָפן פון צו זיצן אין שאָטן פון הקדוש ברוך הוא אין טאָג פון מתן תורה.[1] קאָן איך מיינען, אַז אויך ישראל האָט אַזוי געטאָן? לערנט אונדז דער פסוק: בצלו — זיין שאָטן האָב איך געגלוסט און

כריסרגוריות. [2] אויף משיחס צייטן. [3] אין דער ערשטער פון די אויסגערעכנטע שטעט־פאָרן זייַנען געזעסן שונאי ישראל, און אין דער צווייטער — יידן. [4] געטייטשט לויטן דרש; מעגלעך אַז דער בעל אגדה פאַרשטייט דאָ ינחנו (וועט אים פירן) ווי ינחילנו, ער וועט אים מאַכן אַרבן: ישראל וועט דאַן זיצן אין לאַנד אַליין, אָן די פרעמדע פעלקער.

ט

א"ר אבון: מה שושנה זו, שרב יוצא עליה, והיא כמושה, יצא טל, והיא מפרחת; כך, כל זמן שצלו של עשו קיים, (כביכול) [ישראל] נראין כמושין בעולם הזה; עבר צלו של עשו, מרטיבין והולכין. הה"ד (הושע יד): אהיה כטל לישראל, יפרח כשושנה. מה השושנה הזו אינה בטלה לעולם אלא גב ריחה; כך ישראל אינן בטלין אלא גב מצוות ומעשים טובים. מה שושנה זו אינה אלא לריח, כך לא נבראו הצדיקים אלא לגאולתן של ישראל. מה שושנה זו עולה לשולחן מלכים תחילה וסוף, כך ישראל הן הן לעולם הזה, הן הן לעולם הבא. מה שושנה זו נכרת בין העשבים, כך ישראל נכרין בין אומות העולם, שנאמר (ישעיה סא): כל רואיהם יכירום. מה שושנה זו מתוקנת לשבתות וימים טובים, כך ישראל מתוקנים לגאולה של מחר.

א"ר ברכיה: אמר הקב"ה למשה: „לך אמור להם לישראל: בני, כשהייתם במצרים, הייתם דומין לשושנה בין החוחים. עכשו, שאתם נכנסין לארץ כנען, היו דומין לשושנה בין החוחים, — תנו דעתכם שלא תעשו כמעשה אלו וכמעשה אלו." הה"ד (ויקרא יח): כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו, וכמעשה ארץ כנען אשר אני מביא אתכם שמה לא תעשו, וגו'.

י

(ג) כתפוח בעצי היער. ר' הונא ור' אחא בשם ר' יוסי בן זמרא: מה התפוח הזה הכל בורחין ממנו בשעת השרב; ולמה כן? לפי שאין לו צל לישב בצלו; כך ברחו אומות העולם משבת בצל הקב"ה ביום מתן תורה. יכול, אף ישראל כן? תלמוד לומר: בצלו חמדתי וישבתי, חמדתי אותו וישבתי, אני הוא שחמדתי אותו, ולא האומות.

ר' אחא בר' זעירא אמר תרתי. אמר חדא: התפוח הזה מוציא

---

איך בין אין אים געזעסן, איך האָב אים געגלוסט און בין געזעסן, איך בין עס דער[2] וואָס האָב אים געגלוסט, אָבער ניט די אומות [פון דער וועלט].

ר' אחא בר' זעירא האָט געזאָגט צוויי זאַכן. איין זאַך האָט ער געזאָגט:

---

ט, [1] די ממשלה פון עשו (רוים). [2] עמענדירט לויט בתי מדרשות א, שנ. [3] „גב", חי' „אגב." [4] כל־זמן יידן טוען מצוות און מעשים טובים קאָנען זיי ניט אונטערגיין. [5] פון דער סעודה. [6] ישראל וועט קיין מאָל ניט פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדער פאָלק.

י. [1] פסיקתא רבתי כא, ג: דער רבוש"ע האָט צוערשט געוואָלט געבן די תורה צו אַנדערע אומות, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון איר. [2] אַנשטאָט ד', האָבנדיק אין

דער דאַזיקער עפּלבוים גיט אַרויס זיין בליעכץ פריער פון זיינע בלעטער, אַזוי אויך האָט ישראל אין מצרים געפּעדערט דאָס גלויבן פאַרן הערן;[3] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות ד, לא): ויאמן העם — און דאָס פאָלק האָט געגלויבט, און אַז זיי האָבן געהערט, אַז גאָט האָט געדאַכט [אָן די קינדער פון ישראל — — —]. אַ צווייטע זאַך האָט ר' אחא בר' זעירא געזאָגט: אַזוי ווי דער דאַזיקער עפּלבוים גיט אַרויס זיין בליעכץ פריער פון זיינע בלעטער, אַזוי אויך האָט ישראל געפּעדערט דאָס טאָן פאַרן הערן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כד, ז): נעשה — מיר וועלן טאָן און געהאָרכן.

ר' עזריה האָט געזאָגט צוויי זאַכן: אַזוי ווי דער דאַזיקער עפּלבוים צייטיקט זיין פּרוכט ניט אַנדערש, נייערט אין חודש סיוון, אַזוי אויך האָט ישראל אַרויסגעגעבן אַ גוטן ריח ניט אַנדערש, נייערט אין סיוון.[4] אַ צווייטע זאַך האָט ר' עזריה געזאָגט: אַזוי ווי דער דאַזיקער עפּלבוים, פון דער צייט וואָס ער גיט אַרויס זיין בליעכץ ביז ער צייטיקט זיין פּרוכט [דויערט] פופציק טעג, אַזוי אויך פון ווען ישראל איז אַרויס פון מצרים ביז זיי האָבן מקבל געווען די תורה [זיינען אַריבער] פופציק טעג; און ווען האָבן זיי זי מקבל געווען? (דאָרט יט, א): בחדש השלישי — אין דריטן חודש נאָכן אַרויסגיין פון די בני ישראל פון מצרים.

ר' יהודה בר' סימון האָט געזאָגט צוויי זאַכן: אַזוי ווי דער דאַזיקער עפּל, וואָס דו גיסט פאַר אים אַן איסר,[5] און דו קענסט שמעקן פון אים וויפל דו ווילסט, אַזוי אויך האָט משה געזאָגט צו ישראל: „אויב איר ווילט אויסגעלייזט ווערן, קענט איר אויסגעלייזט ווערן דורך אַ קלייניקייט.“ [ס'איז געגליכן] צו איינעם וואָס האָט געליטן אויף די פיס, און ער איז געגאַנגען צו אַלע רופאים זיך צו היילן, און האָט זיך ניט אויסגעהיילט. איז געקומען איינער און האָט אים געזאָגט: „אויב דו ווילסט זיך אויסהיילן, קענסטו זיך אויסהיילן דורך אַ קלייניקייט: לייג דיר צו אָפּפאַל פון בהמות.“ אַזוי האָט משה געזאָגט צו ישראל: „אויב איר ווילט אויסגעלייזט ווערן, קענט איר אויסגעלייזט ווערן דורך אַ קלייניקייט (דאָרט יב, כב): ולקחתם — און איר זאָלט נעמען אַ בינטל אזוב־גראָז און איינטונקען — — —“. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, דאָס דאָזיקי בינטל פון אזוב־גראָז וויפל קאָסט עס, פיר מיני,[6] אָדער פינף מיני?“ האָט ער געזאָגט צו זיי: „אפילו פאַר איינעם, און דאָס וועט אייך גורם זיין[7] צו ירשענען דאָס רויב פון מצרים און דאָס רויב וואָס ביים ים[8] און דאָס רויב פון סיחון און עוג[9] און דאָס רויב פון די איין און דרייסיק מלכים.“[10] [ ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: פון דעם שכר פון איין נעמונג קאָנסטו לערנען אויפן שכר פון אַ צווייטער נעמונג: ביי מצרים שטייט געשריבן: ולקחתם — און איר זאָלט נעמען אַ בינטל אזוב־גראָז; וויפיל האָט עס באַטראָפן? פיר מיני, און דאָס האָט גורם געווען, אַז ישראל זאָל ירשענען דאָס רויב וואָס ביים ים, דאָס רויב פון סיחון און עוג, דאָס רויב פון די איין און דרייסיק מלכים, — היינט די מצוה פון][11] לולב, וואָס קאָסט דעם מענטשן אַ סך געלט און פאַרמאָגט אַ סך מצוות, אוודאי און

ניצו קודם לעליו, כך ישראל שבמצרים הקדימו אמנה לשמועה: הה״ד (שמות ד): ויאמן העם וישמעו, כי פקד ה׳ [את בני ישראל]. ר׳ אחא בר׳ זעירא אמר חורי: מה תפוח זה ניצו קודם לעליו, כך ישראל בסיני הקדימו עשיה לשמיעה, שנאמר (שם כד): נעשה ונשמע.

ר׳ עזריה אמר תרתי: מה תפוח זה אינו גומר פירותיו אלא בסיון, כך לא נתנו ישראל ריח טוב אלא בסיון. ר׳ עזריה אמר חורי: מה תפוח זה משעה שמוציא ניצו ועד שגומר פירותיו חמשים יום, כך משעה שיצאו ישראל ממצרים ועד שקבלו את התורה נ׳ יום; ואימתי קבלו אותה? (שם יט) בחדש השלישי לצאת בני ישראל [מארץ מצרים].

ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר תרתי: מה תפוח זה, את נותן בו איסר ואת מריח בו כמה ריחות, כך אמר להם משה לישראל: „אם מבקשין אתם להגאל, בדבר קל אתם נגאלין.״ לאחד שלקה ברגליו וחזר על כל הרופאים להתרפאות, ולא נתרפא. ובא אחד ואמר לו: „אם אתה מבקש להתרפאות, בדבר קל את מתרפא: טפול לך גללי בהמה.״ כך אמר משה לישראל: „אם אתם מבקשים להגאל, בדבר קל אתם נגאלין (שם יב): ולקחתם אגודת אזוב וטבלתם — — —״. אמרו לו: „משה רבינו, הדא מיסרתא דאזובא בכמה היא טבא, בארבעא מיני או בחמשא מיני?״ אמר לון: „אפילו בחד, והיא גרמה לכון לירש בזת מצרים ובזת הים ובזת סיחון ועוג ובזת שלשים ואחד מלכים.״ [א״ר אבא בר כהנא: משכר לקיחה אתה למד שכר לקיחה: במצרים כתיב: ולקחתם אגדת אזוב; בכמה הוית טימיא דידיה? בד׳ מיני, והוא גרם לישראל לירש ביזת הים, ביזת סיחון ועוג, ביזת ל״א מלכים] — לולב, שהוא עומד על אדם בכמה דמים ויש בו כמה

זינען דעם נמשל, דאָס פאָלק ישראל. [3] רבינו תם (תוספות, שבת פח, א, זוכוואָרט „פריו״) באַמערקט, אַז דער דרש פּאַסט זיך גיכער צום פסוק וריח — און דער ריח פון דיין פּנים ווי עפּל (ווייטער ז, ט), וואו דער אָביעקט איז די כנסת ישראל, איידער צו אונדזער פסוק, וואָס זיין אָביעקט איז דער אייבערשטער (דאָס איז נוגע אויך די ווייטערדיקע דרשות). [4] ווען זיי האָבן גוטוויליק מקבל געווען די תורה. [5—6] קליינע מטבעות. [7] אין אָריגינאַל טעקסט איז דער נוסח אין עבר. גרמה, גורם געווען, ווייל דער דרש איז געבויט לויט ויקרא רבה (ל, א), וואו די ווערטער געהערן דעם בעל דרשן, און ממילא פּאַסט זיך דאָרט די פאָרם פון פאַרגאַנגענער צייט. מיר האָבן איבערגעזעצט לויטן אינהאַלט. [8] זע אויבן א, נד, באַמערקונגען 1 און 2. [9] במדבר כה—לה. [10] פון כנען (יהושע יב, ז—כד).

אוודאי! דעריבער זאָגט משה אָן די יידן (ויקרא כג, מ): ולקחתם — און איר זאָלט אייך נעמען דעם ערשטן טאָג [פּרוכט פון אַ שיינעם בוים]. אַ צווייטע זאַך האָט ר' יהודה בר' סימון געזאָגט: ס'איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ טייערן שטיין און פּערל. איז געקומען זיין זון און געזאָגט צו אים: „גיב עס מיר." האָט ער אים געזאָגט: „פאַר דיר איז עס און דיינס איז עס, און דיר גיב איך עס אַוועק." אַזוי אויך האָט ישראל געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא (דאָרט טו, ב): עזי — מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז זי,[12] גאָט. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „פאַר אייך איז זי און אייערס איז זי, און אייך גיב איך זי אַוועק." ווארום „עוז", שטאַרקייט, איז ניט אַנדערש, נייערט תורה, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים כט, יא): ה' — גאָט גיט זיין פאָלק שטאַרקייט.

יא

ר' לוי האָט געזאָגט: דריי גוטע האָפענונגען האָבן יידן געהאָפט ביים ים: זיי האָבן געהאָפט אויף תורה, געהאָפט אויף פּאָנען,[1] געהאָפט אויפן משכן. זיי האָבן געהאָפט אויף תורה, ווי עס שטייט געשריבן: בצלו — זיין שאָטן האָב איך געגלוסט און אין אים בין איך געזעסן;[2] האָבן געהאָפט אויף פּאָנען, ווי עס שטייט געשריבן: איך האָב געגלוסט;[3] האָבן געהאָפט אויפן משכן, ווי עס שטייט געשריבן: און בין געזעסן, — דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (שמואל ב, ז, ו): כי — וואָרום איך בין ניט געזעסן אין קיין הויז זינט דעם טאָג פון מיין אַרויפברענגען די בני ישראל פון מצרים.[4] [און אַז זיי האָבן געהאָפט אויף פּאָנען, איז] ווי דאָס וואָס ר' מנחמן האָט געזאָגט :(שמות טו, כב) ויצאו — און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צום מדבר שור, — דער פּסוק לערנט אונדז, אַז זיי האָבן נביאות געזאָגט אויף זיך, אַז זיי זיינען אָנגעברייט זיך אויסצוסדרן מחנותווייז, פּאָנענווייז, שורותווייז,[5] ווי די פאַרפלאַנצונג פון אַ וויינגאָרטן.

ופריו — און זיין פּרוכט איז זיס פאַר מיין גומען. ר' יצחק האָט געזאָגט: דאָס זיינען די צוועלף חדשים וואָס ישראל האָט פאַרבראַכט פאַרן באַרג סיני, זיך קוויקנדיק מיט ווערטער פון תורה; פון וואַנען איז עס געדרונגען? און זיין פּרוכט איז זיס פאַר מיין גומען. פאַר מיין גומען איז עס געווען זיס, אָבער פאַרן גומען פון די אומות פון דער וועלט איז עס געווען ביטער ווי ווערמוט.[6]

---

[11] צוגעגעבן לויט ויקרא רבה, ל, א. [12] די תורה — לויטן דרש, ווי ווייטער, און דאָס מיינט אונדזער פּסוק: זיין שאָטן האָב איך געגלוסט — דעם שאָטן (שוץ) פון גאָט און פון זיין תורה האָב איך געגלוסט.

יא. [1] אויסצוסדרן די שבטים לויט זייערע פּאָנען (זע במדבר ב). [2] זע אויבן י, באַם. 12. [3] און אין ווייטערדיקן פּסוק שטייט: ודגלו — און זיין פּאָן איבער מיר איז ליבשאַפט (מהרז"ו לויט במדבר רבה ב, ג). [4] און דער פּסוק ענדיקט זיך: נייערט איך פלעג אומגיין אין אַ געצעלט און אין אַ משכן. — דער פּסוק ווערט דאָ געבראַכט צו באַווייזן, אַז דאָס וואָרט ישבתי, איך בין געזעסן, האָט אַ שייכות מיטן משכן. [5] אָנשפּיל אויף שור. [6] מעגלעך אַן אָנדייט אויף דער קריסטלעכער וועלט, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט

**מצוות, עאכ"ו! לפיכך משה מזהיר לישראל** (ויקרא כג): **ולקחתם** לכם ביום הראשון [פרי עץ הדר].

**ר' יהודה בר' סימון אמר חורי: משל למלך שהיתה לו אבן טובה ומרגליות. בא בנו ואמר לו: „תנה לי." א"ל: „לך היא ושלך היא, ולך אני נותנה." כך ישראל אמרו לפני הקב"ה** (שם טו): עזי וזמרת יה. **אמר להם הקב"ה: „לכם, ושלכם היא, ולכם אני נותנה." ואין עוז אלא תורה, שנאמר** (תהלים כט): **ה' עוז** לעמו יתן.

יא

**א"ר לוי: שלש קיוויות טובות קוו ישראל על הים: קוו לתורה, קוו לדגלים, קוו למשכן. קוו לתורה, דכתיב:** בצלו חמדתי וישבתי; **קוו לדגלים, דכתיב:** חמדתי; **קוו למשכן, דכתיב:** וישבתי, — **המד"א** (שמואל ב, ז): כי לא ישבתי בבית למיום העלותי את בני ישראל ממצרים. **כההיא דאמר ר' מנחמן** (שמות טו): ויצאו אל מדבר שור, **מלמד, שנתנבאו על עצמן, שעתידין להעשות מחנות מחנות, דגלים דגלים, שורות שורות, כמטעת של כרם.**

(ג) ופריו מתוק לחכי. **א"ר יצחק: אלו שנים עשר חדש שעשו ישראל לפני הר סיני, מתמתקים בדברי תורה; מה טעם? ופריו** מתוק לחכי, — **לחכי היה מתוק, אבל לחך אומות העולם היה מר כלענה.**

(ויקרא א) מאהל מועד, — **א"ר אלעזר: אע"פ שנתנה התורה מסיני, לא נענשו ישראל עליה עד שנתפרשה להם באהל מועד. לדיוטגמה שהיא כתובה ומחותמת ונכנסה למדינה; ולא נתחייבו עליה בני המדינה, עד שנתפרשה להם במדינה. כך, אע"פ שהתורה נתנה בהר סיני, לא נענשו עליה, עד שנתפרש להם**

---

[אין פסוק שטייט] (ויקרא א, א): [און גאָט האָט גערעדט צו אים] פון אהל מועד, — **האָט ר' אלעזר געזאָגט: כאָטש די תורה איז געגעבן געוואָרן** פון סיני, **איז אָבער ישראל ניט באַשטראָפט געוואָרן** [פאַרן עובר זיין] **אויף איר, ביז זי איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן צו זיי אין** אהל מועד. [ס'איז **געגליכן] צו אַ** פירשריפט **וואָס איז געווען פאַרשריבן און פאַרזיגלט און איז אָנגעקומען אין שטאָט; אָבער די שטאָט-לייט זיינען ניט געווען אחריותדיק דערפאַר, ביז זי איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן צו זיי אין שטאָט. אַזוי אויך, כאָטש די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, זיינען זיי ניט באַ־**

שטראָפט געוואָרן איבער איר, ביז זי איז ניט אויפגעקלערט געוואָרן צו זיי אין אוהל מועד. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שיר השירים ג, ד): עד — ביז איך האָב אים געבראַכט אין הויז פון מיין מוטער, דאָס איז דער באַרג סיני,[7] און אין קאַמער פון מיין לערנונג,[8] דאָס איז דער אוהל מועד, וואָס פון דאָרט אָן איז ישראל מחויב געוואָרן [צו טראָגן אחריות] פאַר דער לערנונג.

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ווען די אומות וואָלטן געוואוסט, ווי וויכטיק דער אוהל מועד איז פאַר זיי, וואָלטן זיי אים מיט לאַגערן און פעס־טונגען אַרומגערינגלט.[9] וואָרום כל־זמן דער אוהל מועד איז ניט געווען, פלעגן זיי ביים הערן דאָס קול פון [גאָטס] וואָרט אויפגעטרייסלט ווערן אין זייערע לאַגערן; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברים ה, כג): כי — וואָרום וואָסער נאָך באַשעפעניש איז פאַראַן, וואָס האָט געהערט דאָס קול פון לע־בעדיקן גאָט. ר׳ סימון האָט געזאָגט: צוויי־פּנימדיק איז דאָס וואָרט אַרויס־געקומען, אַ לעבנס־באַלזאַם פאַר ישראל און אַ סם־המות פאַר די אומות פון דער וועלט (דאָרט ד, לג): כאשר — אַזוי ווי דו האָסט געהערט, און איז געבליבן לעבן, — דו האָסט געהערט און ביסט געבליבן לעבן,[10] אָבער — אַ סם־המות פאַר די אומות פון דער וועלט; זיי האָבן געהערט און זיינען געשטאָרבן.[11] דעריבער זאָגט דער פּסוק (שיר השירים ח, ה): תחת — אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפגעוועקט.[12]

## יב

פון אוהל מועד, — ר׳ חייא האָט געלערנט, אַז דאָרט פלעגט זיך דאָס קול אָפּהאַקן און פלעגט ניט אַרויסגיין אויסערן געצעלט. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: כל־זמן דער אוהל מועד איז ניט געווען, איז נבואה געווען בנמצא אויך ביי די פעלקער פון דער וועלט; זינט דער אוהל מועד איז אויפגעקומען, האָט זיך די נבואה ביי זיי אָפּגעשטעלט.[1] פון דעמאָלט אָן (שיר השירים ג, ד) אחזתיו — האָב איך אים אָנגענומען און אים ניט אָפּגעלאָזט.[2] און טאָמער וועסטו זאָגן: אָט האָט דאָך בלעם בן בעור נביאות געזאָגט?[3] איז ענטפער: פאַר דער טובה פון ישראל האָט ער נביאות געזאָגט, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר כד, ה): מה טובו — ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב; (דאָרט כג, כא): לא הביט — מע זעט ניט קיין אומרעכט אין יעקב; (דאָרט, פּסוק כג) כי — וואָרום ניטאָ קיין כישוף אין יעקב; (דאָרט, פּסוק י): מי מנה — ווער האָט גע־ציילט דעם שטויב פון יעקב; (דאָרט כד, יז) דרך — עס וועט אויפטרעטן אַ שטערן פון יעקבן; (דאָרט, פּסוק יט) וירד — און געוועלטיקן וועט איינער פון יעקבן.

---

אָפּצוהיטן די מצוות פון דער תורה. [7] וואו ישראל האָט מקבל געווען די תורה, וואָס ווערט אָנגערופן „מוטער", לויט אַ דרשה (במדבר רבה ו, ד) אויפן פּסוק (משלי ב, ג): כי אם — וואָרום „מוטער" (לויטן דרש) רופסטו די פאַרשטאַנדיקייט (יפה תואר, ויקרא רבה א, יא). [8] הורתי (די וואָס האָט מיך אויסגעטראָגן), געטייטשט לויט הוראה, לער־נונג, אין איינקלאַנג מיטן דרש. [9] אים צו באַשיצן. [10] ווי עס וואָלט געשטאַנען ותחי אַנשטאָט ויחי. [11] גייסטיק, זיי האָבן ניט געקראָגן דאָס אייביקע לעבן וואָס די תורה גיט צו די וואָס זיינען זי מקבל. [12] צום אייביקן לעבן.

באהל מועד. הה"ד (שיה"ש ג): עד שהבאתיו אל בית אמו, זה הר סיני, ואל חדר הורתי, זה אהל מועד, שמשם נתחייבו ישראל על ההוראה.

א"ר יהושע בן לוי: אלו היו האומות יודעים, מה היה אהל מועד יפה להם, באהליות וקסטריות היו מקיפין אותו. שעד שלא עמד אהל מועד היו שומעים קול הדיבור ונתרזין מפניקטיהון; הה"ד (דברים ה): כי מי כל בשר אשר שמע קול אלהים חיים. א"ר סימון: דיפרוסופין היה הדיבור יוצא, סם חיים לישראל וסם המות לאומות העולם (שם ד): כאשר שמעת אתה ויחי, — שמעת וחיית, וסם המות לאומות העולם, שמעו ומתו. לפיכך הוא אומר (שיה"ש ח): תחת התפוח עוררתיך

יב

מאהל מועד, — תני ר' חייא, שמשם היה הקול נפסק ולא היה יוצא חוץ לאהל. א"ר יצחק: עד שלא עמד אהל מועד היתה נבואה מצויה באומות העולם; משעמד אהל מועד פסקה נבואה מהם. משם (שם ג) אחזתיו ולא ארפנו. ואם תאמר: והלא בלעם בן בעור נתנבא? אמור: לטובתן של ישראל נתנבא, שנאמר (במדבר כד): מה טבו אהליך, יעקב; (שם כג) לא הביט און ביעקב; (שם) כי לא נחש ביעקב; (שם) מי מנה עפר יעקב; (שם כד) דרך כוכב מיעקב; (שם) וירד מיעקב.

יג

(ד) הביאני אל בית היין, — ר' מאיר ור' יהודה. ר' מאיר אומר: אמרה כנסת ישראל: „הושלט בי יצר הרע כיין, ואמרתי לעגל (שמות לב): אלה אלהיך, ישראל." הדין חמרא כד עלל בבר נש הוה מערבב ליה. א"ל ר' יהודה: דייך, מאיר; אין דורשין שיר

---

יג

(ד) הביאני — ער האָט מיך געבראַכט אין ווײַנהויז, — ר' מאיר און ר' יהודה. ר' מאיר זאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „דער יצר הרע האָט געקראָגן אַ שליטה איבער מיר ווי ווײַן, און איך האָב געזאָגט וועגן [גאָל־דענעם] קאַלב (שמות לב): אלה — דאָס איז דײַן גאָט, ישראל." דער דאָזיקער ווײַן, ווען ער קומט אַרײַן אין אַ מענטשן, פאַרטומלט ער אים. האָט ר' יהודה געזאָגט צו אים: גענוג דיר, מאיר; מע דרשנט ניט שיר השירים צום שלעכטן,

יב. [1] אין אײַנקלאַנג מיט ר' חייאן, אַז דאָס קול פלעגט זיך הערן נאָר אין אוהל מועד. [2] און זײַן קול איז געבליבן נאָר צווישן ישראל. [3] שוין נאָכן אויפשטעלן דעם אוהל מועד.

נייערט צום גוטן, וואָרום שיר השירים איז ניט אַנדערש געגעבן געוואָרן, נייערט צום לויב פון ישראל. טאָ וואָס־זשע מיינט: ער האָט מיך געבראַכט אין ווײַנהויז? די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „הקדוש ברוך הוא[1] האָט מיך געבראַכט אין אַ גרויסן קעלער פון ווײַן, דאָס איז דער באַרג סיני,[2] און ער האָט מיר דאָרט געגעבן פּאַנען פון תורה, און פון מצוות און מעשים טובים, און מיט גרויס ליבשאַפט האָב איך זיי אָנגענומען."[3] ר' אבא פון ר' יצחקס וועגן האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט מיך געבראַכט אין אַ גרויסן קעלער פון ווײַן. דאָס איז דער באַרג סיני, און ער האָט פון דאָרט געגעבן די תורה, וואָס ווערט געדרשנט אויף ניין און פערציק אופנים אויף ריין און אויף ניין און פערציק אופנים אויף אומריין,[4] לויט דעם באַטרעף פון ודגלו[5] (און זיין פאָן), און אויס גרויס ליבשאַפט האָב איך זי אָנגענומען, ווי דער פסוק זאָגט: ודגלו — און זיין פאָן איבער מיר איז ליבשאַפט.

ר' יונה האָט געזאָגט: צוויי חברים וואָס זיינען זיך עוסק מיט אַן ענין פון הלכה, איינער ווייסט צו זאָגן דעם הויפּט־עיקר פון דער הלכה[6] און דער צווייטער ווייסט ניט צו זאָגן דעם הויפּט־עיקר פון דער הלכה, — זאָגט הקדוש ברוך הוא:[7] ודגלו — און זיין פאָן איבער מיר איז ליבשאַפט.[8] ר' אחא האָט געזאָגט: אַן עם הארץ וואָס פאַרבייט „ליבשאַפט" אויף „פיינטשאַפט", אַ שטייגער [אַנשטאָט] ואהבת (און דו זאָלסט ליב האָבן), [לייענט ער] „ואייבת" (און דו זאָלסט פיינט האָבן) — זאָגט הקדוש ברוך הוא: „און זיין איבערהיפּן[9] איז מיר ליבשאַפט." ר' ישׂשכר האָט געזאָגט: אַ קינד וואָס לייענט אַנשטאָט משה — מאָשה, אַנשטאָט אהרן — (אהרן) הרן,[10] אַנשטאָט עפרון — עפראָן, — זאָגט הקדוש ברוך הוא: און זיין געשטאַמל איז מיר ליבשאַפט.

ר' חוניא האָט געזאָגט: פאַרצייטן, אַז אַ מענטש פלעגט אָנווייזן מיט אַ פינגער אויפן געשטאַלט [פונעם מלך],[11] פלעגט ער געניזוקט ווערן; אָבער איצט לייגט אַ מענטש זיין האַנט וויפיל מאָל אויפן שם,[12] און ער ווערט ניט געניזוקט. און ניט דאָס אַליין, נייערט הקדוש ברוך הוא זאָגט: „און זיין פינ־גער[13] איז מיר ליבשאַפט." און די רבנן זאָגן: אפילו ווען אַ קינד היפּט וויפל מאָל איבער דעם שם המפורש, ווערט עס ניט געניזוקט; און ניט דאָס אַליין, נייערט הקדוש ברוך הוא זאָגט: „ודילוגו — און זיין איבערהיפּן איז מיר ליבשאַפט. ר' ברכיה האָט געזאָגט: אפילו יענע איבערשפּיצלעך[14] וואָס יעקב האָט איבערגעשפּיצט זיין פאָטער — ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, טז): ואת עורות — און די פעלכלעך פון די ציגנבעקלעך האָט זי אָנגעטאָן אויף זיינע הענט — האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „אין זיי וועל איך לאָזן רוען מיין שכינה;" דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות כו, ז): ועשית — און דו זאָלסט מאַכן פאָרהאַנגען פון ציגנהאָר.[15] און ניט דאָס אַליין, נייערט הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: און זיין פאָן איבער מיר איז ליבשאַפט, — [לייען] „ודיגולו," און זיין איבערשפּיצל איז מיר ליבשאַפט.

ר' יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר' לוין: די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „הקדוש ברוך הוא האָט מיך געבראַכט אין אַ גרויסן קעלער פון

השירים לגנאי, אלא לשבח, שלא נתן שיר השירים, אלא לשבחן של ישראל. ומהו הביאני אל בית היין? אמרה כנסת ישראל: הביאני הקדוש ברוך הוא למרתף גדול של יין, זה סיני, ונתן לי שם דגלי תורה ומצוות ומעשים טובים, ובאהבה גדולה קבלתי אותם." ר' אבא בשם ר' יצחק אמר: אמרה כנסת ישראל: „הביאני הקדוש ברוך הוא למרתף גדול של יין, זה סיני, ונתן לי משם התורה, שנדרשת מ"ט פנים טהור ומ"ט פנים טמא, מנין ודגלו, ומאהבה גדולה קבלתיה," שנאמר: ודגלו עלי אהבה.

ר' יונה אמר: שני חברים שעוסקין בדבר הלכה, זה אומר בית אב של הלכה וזה אינו אומר בית אב של הלכה, — אמר הקדוש ברוך הוא: ודגלו עלי אהבה. א"ר אחא: עם הארץ שקורא לאהבה — איבה, כגון ואהבת — ואייבת, אמר הקדוש ברוך הוא: „דילוגו עלי אהבה.: א"ר יששכר: תינוק שקורא למשה — משה, לאהרן — (אהרן) [הרן], לעפרון — עפרן, אמר הקב"ה: „וליגלוגו עלי אהבה."

א"ר חונייא: לשעבר אדם מראה איקונין [של מלך] באצבעו והיה ניזוק; ועכשו אדם מניח ידו על האזכרה כמה פעמים ואינו ניזוק. ולא עוד, אלא שאמר הקב"ה: „וגודלו עלי אהבה." ורבנן אמרי: אפילו התינוק מדלג על האזכרה כמה פעמים ואינו ניזוק; ולא עוד, אלא אמר הקב"ה: „ודילוגו עלי אהבה." א"ר ברכיה: אפילו אותן הדגולין שדגל יעקב באביו — המד"א (בראשית כז): ואת עורות גדיי העזים הלבישה על ידיו — אמר הקב"ה: „בהן אני משרה שכינתי;" הה"ד (שמות כו): ועשית יריעות עזים. ולא עוד, אלא שאמר הקב"ה: ודגלו עלי אהבה, — ודיגולו עלי אהבה.

ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי: אמרה כנסת ישראל: „הביאני

---

יג. [1] דער מלך. [2] וואו עס איז אויפגעהיט געוואָרן די תורה ווי גוטער אַלטער ווייַן. [3] פאַן, ליבשאַפט — ווערטער פון דער צווייטער העלפט פון אונדזער פסוק. [4] פאַרגלייך עירובין יג, ב: ר' מאירס תלמיד, סומכוס, פלעגט זאָגן אַכט און פערציק טעמים אויף יעדן דין פון טומאה און אַכט און פערציק טעמים אויף יעדן דין פון טהרה (זע אויך סופרים טז, ו). [5] די אותיות פון ודגלו באַטרעפן, לויט זייער נומערישער ווערט, 49. [6] דעם פרינציפּ, דעם גרונט־טעם. און דאָס העלפט צו פאַרשטיין די הלכה און ניט צו מאַכן קיין טעות אין איר. [7] וועגן דעם צווייטן. [8] ווייל אויך דעם צווייטנס כוונה איז צום גוטן. [9] דאָ — אין זין פון פאַרגרייזן (וואָרטשפּיל: ודילוגו — ודגלו) [10] עמענ־דאַציעס לויטן רבינו תם (תוספות שבת, כב, ב, זוכוואָרט דגלא (רגלא)). [11] צוגעגעבן לויט במדבר רבה ב, ג, און לויט תנחומא במדבר, י (אַזוי איז אויך דער נוסח פון אות אמת). [12] אויף גאָטס נאָמען אין דער תורה, — אין די דערמאָנטע טעקסטן (באַמ. 11)

ווין, דאָס איז דער באַרג סיני, און דאָרט האָב איך געזען מיכאלן און זיין פאָן,[16] גבריאלן און זיין פאָן, און מיינע אויגן האָבן געזען די פאָנען[17] פון אויבן, און איך האָב זיי ליב באַקומען:" דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו משהן: „ווי באַלד ס'איז דער ווילן פון מיינע קינדער צו לאַגערן לויט פאָנען, זאָלן זיי לאַגערן לויט פאָנען;" דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (במדבר ב, ב): איש — איטלעכער ביי זיין פאָן, לויט די צייכנס.

## יד

(ה) סמכוני, לענט מיך אונטער, באשישות, מיט צוויי פייערן,[1] מיטן פייער פון אויבן און מיטן פייער פון אונטן.[2] אַן אַנדער פשט: לענט מיך אונטער מיט צוויי פייערן, מיט דער תורה שבכתב און מיט דער תורה שבעל פה.[3] אַן אַנדער פשט: לענט מיך אונטער מיט פיל פייערן, מיטן פייער פון אברהמען,[4] און פון באַרג מוריה,[5] און פון דעם סנה,[6] און מיטן פייער פון אליהון,[7] און פון חנניה, מישאל און עזריה.[8]

אַן אַנדער פשט: לענט מיך אונטער מיט אשישות, דאָס זיינען די פעסט־געשטעלטע[9] הלכות; שפּרייט מיך אַרום מיט עפּל, דאָס זיינען די אגדתות, וואָס זייער ריח און טעם איז ווי פון עפּל; וואָרום קראַנק בין איך פון ליבשאַפט, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם, אַלע קראַנקייטן וואָס דו ברענגסט אויף מיר זיינען נאָר כדי מיך צו מאַכן באַליבט ביי דיר."[10] אַן אַנדער פשט: וואָרום קראַנק בין איך פון ליבשאַפט, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם, אַלע קראַנקייטן וואָס די אומות העולם פון דער וועלט ברענגען אויף מיר זיינען נאָר ווייל איך האָב דיך ליב." אַן אַנדער פשט: וואָרום קראַנק בין איך פון ליבשאַפט, — „כאָטש איך בין קראַנק,[11] בין איך דאָך באַליבט ביי אים."

מיר האָבן געלערנט: כל־זמן אַ מענטש ווערט ניט קראַנק, עסט ער וואָס ער געפינט; ווי באַלד אָבער ער ווערט קראַנק, אַזוי זוכט ער צו עסן אַלערליי דערקוויקנדיקע מאַכלים. ר' יצחק האָט געזאָגט: פאַרצייטן, אַז די תורה איז געווען [אַלעמען באַקאַנט לויט באַשטימטע] כללים,[12] האָט מען געזוכט צו הערן אַ וואָרט פון משנה און אַ וואָרט פון תלמוד;[13] אַצינד אָבער, אַז די תורה איז מער ניט [באַקאַנט לויט באַשטימטע] כללים,[14] זוכט מען צו הערן אַ וואָרט פון מקרא און אַ וואָרט פון אגדתא.[15] ר' לוי האָט געזאָגט: פאַרצייטן, אַז די פרוטה איז געווען בנמצא, האָט אַ מענטש געזוכט צו הערן אַ וואָרט פון משנה און הלכה און תלמוד; אַצינד אָבער, אַז די פרוטה איז ניט בנמצא, און נאָך מער, ווייל מע איז קראַנק פון פאַרקנעכטונג, זוכט מען ניט צו הערן עפּעס אַנדערש, בייערט ווערטער פון בענטשונג און טרייסט.[16]

---

רעדט זיך וועגן חדר יינגלעך. [13] וגודלו, פון אגודל, גראָבער פינגער, אָנשפּיל אויף ודגלו. [14] לויטן תרגום, משלי טז, י, און לויטן אויבנדערמאָנטן תוספות (באַמ. 10). [15] פאַרן משכן, וואו די שכינה האָט גערוט. [16] די מחנות מלאכים וואָס אונטער זיין פאָן. [17] לויטן תרגום (במדבר ב, ב). — פאַרגלייך פסיקתא רבתי, כא: ווען דער אייבערשטער איז געקומען אויפן באַרג סיני צו געבן ישראל די תורה, זיינען מיט אים אַראָפּגעקומען זעכציק רבוא מלאכים מיט קרוינען אין די הענט צו באַקריינען איטלעכן פון ישראל.

**הקב"ה למרתף גדול של יין, זה סיני, ושם ראיתי מיכאל ודגלו, גבריאל ודגלו, וראו עינו טקסים של מעלה ואהבתי אותם". באותה שעה אמר הקב"ה למשה: "הואיל ורצונם של בני לחנות בדגלים, יחנו בדגלים;" הה"ד** (במדבר ב): איש על דגלו, באותות.

יד

(ה) סמכוני באשישות, **בשתי אשות, באש של מעלה ובאש של מטה. ד"א:** סמכוני באשישות, **בשתי אשות, תורה בכתב ותורה בפה. ד"א** סמכוני באשישות, **באשות הרבה, באשו של אברהם ושל מוריה ושל סנה, ובאשו של אליהו ושל חנניה, מישאל ועזריה.**

**ד"א:** סמכוני באשישות, **אלו ההלכות המאוששות;** רפדוני בתפוחים, **אלו ההגדות, שריחן וטעמן כתפוחים;** כי חולת אהבה אני, — **אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה: "רבוש"ע, כל חלאים שאתה מביא עלי — בשביל לאהבני לך." ד"א:** כי חולת אהבה אני, — **אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה: "רבוש"ע, כל חלאים שאומות העולם מביאין עלי — בשביל שאני אוהבת אותך." ד"א:** כי חולת אהבה אני, — **"אע"פ שאני חולה, אהובה אני לו."**

**תני: עד שלא יחלה אדם, אוכל מה שמוצא; כיון שחלה, מבקש לאכול כל מיני תענוגים. א"ר יצחק: לשעבר היתה התורה כלל, והיו מבקשין לשמוע דבר משנה ודבר תלמוד; ועכשו, שאין התורה כלל, היו מבקשין לשמוע דבר מקרא ודבר אגדה. א"ר לוי: לשעבר היתה פרוטה מצויה, והיה אדם מבקש לשמוע דבר משנה והלכה ותלמוד; ועכשו שאין הפרוטה מצויה, וביותר שהן חולים מן השעבוד, אין מבקשין לשמוע אלא דברי ברכות ונחמות.**

---

יד. [1] אשות, לויטן פשט: מיט טרויבנקוכנס. [2] **גאָט איז אַראָפּ אויפן באַרג סיני** מיט פייער פון אויבן (שמות יט, יח); און דער באַרג האָט געברענט מיט פייער (דברים ה, כ) — פון אונטן (מהרז"ו, יפה קול). [3] **און תורה איז געגליכן צו פייער:** מימינו — אין זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי (דברים לג, ב). [4] **וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין קאַלכאויוון פאַר אָפּזאָגן זיך פון דינען דער עבודה זרה** (בראשית רבה לח, יג). [5] **וואו אברהם איז גרייט געווען מקריב צו זיין יצחקן אויפן פייער וואָס ער האָט מיט־געבראַכט** (בראשית כב). [6] **וואו גאָט האָט זיך באַוויזן צו משהן אין פייער** (שמות ג, ב). [7] **ווען אַ פייער איז אַראָפּ פון הימל און פאַרברענט זיין קרבן** (מלכים א, יח, לח). [8] **וואָס זיינען, ווי אברהם, ניצול געוואָרן פונעם פייערדיקן קאַלכאויוון** (דניאל ג). [9] **מאוששות.** [10] **די צרות דערנענטערן ישראל צום אייבערשטן.** [11] **מיט זינד.** [12] **לויט אַלגעמיינע פאָרמולירונגען און פּרינציפּן.** [13] **כדי אויפצוקלערן די פּרטים פון יעדן כלל.** [14] **און מע דאַרף פון פאָראויס געדענקען אָן אַ שיעור פּרטים און חילוקי דעותן.** [15] **וואָס איז**

טו

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: בשעת ישראל איז אַרויס פון מצרים, צו וואָס זיינען זיי געווען געגליכן? צו אַ בן־מלך וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקייט; האָט זיין דערציִער געזאָגט צום מלך: „זאָל דיין זון גיין אין לערן־הויז." האָט אים דער מלך געזאָגט: „מיין זון איז נאָך צום קאָליר ניט געקומען, ער איז פאַרביטן פון זיין קראַנקייט; נייערט זאָל מיין זון זיך קוויקן און לאָבן אַ דריי חדשים מיט עסן און טרינקען, און נאָך דעמוועט ער גיין אין לערן־הויז." אַזוי אויך, בשעת ישראל איז אַרויס פון מצרים זיינען צווישן זיי געווען בעלי־מומים פון דער פאַרקנעכטונג ביי ליים און ציגל; האָבן די מלאכים געזאָגט צו גאָט: „אַצינד איז די צייט, גיב זיי די תורה." האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „מיינע קינדער זיינען נאָך צו זייער קאָליר ניט געקומען איבער דער פאַרקנעכטונג ביי ליים און ציגל; נייערט זאָלן זיך מיינע קינדער קוויקן ביז דריי חדשים מיטן ברונעם[1] און מיטן מן[2] און מיטן וואַכטל,[3] און נאָך דעם וועל איך זיי געבן די תורה." און ווען? (שמות יט, א) אין דריטן חודש.

טז

ביים סוף פון די גזרות השמד[1] האָבן זיך אונדזערע רבנן פאַרזאַמלט אין אושא,[2] און דאָס זיינען זיי: ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה, ר׳ מאיר און ר׳ יוסי, און ר׳ שמעון בן יוחאי, און ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ יוסי הגלילי, און ר׳ אליעזר בן יעקב. זיי האָבן געשיקט זאָגן צו די זקנים פון גליל: „איטלעכער וואָס האָט געלערנט, זאָל קומען און לערנען [מיט תלמידים]; און ווער ס׳האָט ניט געלערנט, זאָל קומען און [אַליין] לערנען." זיינען זיי זיך צונויפ־געקומען און געלערנט, און האָבן געטאָן אַלץ וואָס מע האָט געדאַרפט.[3] אַז ס׳איז געקומען די צייט זיך פונאַנדערצוגיין, האָבן זיי געזאָגט: „אַן אָרט וואו מיר זיינען אויפגענומען געוואָרן, זאָלן מיר איבערלאָזן מיט ליידיקן?" האָבן זיי צוגעטיילט דעם כבוד ר׳ יהודהן,[4] וואָס איז געווען אַ דאַרטיקער; און ניט ווייל ער איז געווען גרעסער פון זיי אין תורה, נייערט דאָס אָרט פון אַ מענטשן טיילט אים צו כבוד.[5]

איז אַרויסגעקומען[6] ר׳ יהודה און האָט געדרשנט (שמות לג, ז): ומשה — און משה האָט גענומען דאָס געצעלט און האָט עס אויפגעשטעלט אויסערן לאַגער, ווייט פון לאַגער. דאָ זאָגט זיך הרחק, ווייט, און דאָרט זאָגט זיך (יהושע ג, ד): אך רחוק — אָבער ווייט זאָל זיין צווישן אייך און צווישן אים,[7] אַרום צוויי טויזנט איילן אויף דער מאָס, — אַזוי ווי „רחוק," ווייט, וואָס

ניט אַזוי קאָמפּליצירט ווי די הלכה. [16] ר׳ לויס באַמערקונג בינדט זיך בעסער מיטן אייבערשטן משל וועגן דעם קראַנקן מענטשן, איידער ר׳ יצחקס. ס׳איז אָבער אין הסכם מיטן גאַנג פון בעל המדרש, אַז ווען ער האָט פאַר זיך אַ צאָל דערקלערונגען צו איין און דער זעלבער מימרא, משל, אָדער פסוק, צו געבן די אַממערסטן צוגעפּאַסטע צום סאָמע סוף. — אין אַנדערע מקורות (סופרים טז; פסיקתא דר׳ כהנא, בחודש השלישי; ילקוט יתרו, רעד) ווערט ר׳ לויס מאמר געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ יצחקן.

טו. [1] במדבר כא, טז. [2] שמות טז, טו. [3] דאָרט, פסוק יג; במדבר יא, לא.

### טו

תני ר׳ שמעון בן יוחאי: בשעה שיצאו ישראל ממצרים למה היו דומין? לבן מלך שעמד מחליו; א״ל פדגוגו: „ילך בנך לאיסכולי.״ א״ל המלך: „עדיין לא בא בני בזיוו, שנשתנה מחליו; אלא יתעדן ויתענג בני כשלשה חדשים במאכל ובמשתה, ואחר כך ילך לאיסכולי.״ כך בשעה שיצאו ישראל ממצרים היו בהן בעלי מומין משעבוד טיט ולבנים; אמרו לו מלאכי השרת: „הרי השעה, תן להם את התורה.״ אמר להם הקב״ה: „עדיין לא בא זיותן של בני משעבוד טיט ולבנים; אלא יתעדנו בני עד ג׳ חדשים בבאר ומן ושליו, ואחר כך אתן להם התורה.״ ואימתי? (שמות יט): בחדש השלישי.

### טז

בשלפי השמד נתכנסו רבותינו לאושא, ואלו הן: ר׳ יהודה ור׳ נחמיה, ר׳ מאיר ור׳ יוסי, ור׳ שמעון בן יוחאי, ור׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי, ור׳ אליעזר בן יעקב. שלחו אצל זקני הגליל ואמרו: „כל מי שהוא למד, יבא וילמד; וכל מי שאינו למד, יבא וילמוד.״ נתכנסו ולמדו ועשו כל צרכיהון. כיון שהגיע זמנם להפטר, אמרו: „מקום שנתקבלנו בתוכו, אנו מניחים אותו ריקם?״ חלקו כבוד לר׳ יהודה, שהיה בן עיר; ולא שהיה גדול מהם בתורה, אלא מקומו של אדם הוא מכבדו.

נכנס ר׳ יהודה ודרש (שמות לג): ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה, הרחק מן המחנה. נאמר כאן הרחק, ונאמר להלן (יהושע ג): אך רחוק יהיה ביניכם וביניו כאלפים אמה במדה, — מה „רחוק״ שנאמר כאן אלפים אמה, אף „הרחק״ האמור להלן אלפים אמה. „והיה כל מבקש משה״ לא כתיב כאן, אלא כל מבקש ה׳, מכאן למדנו, שכל מי שמקבל פני חברים,

---

שטייט דאָ, מיינט צוויי טויזנט איילן, אַזוי אויך מיינט „הרחק״, ווייט, וואָס שטייט דאָרט, צוויי טויזנט איילן. און עס שטייט ניט: „איטלעכער וואָס האָט געזוכט משהן,״ נייערט איטלעכער וואָס האָט געזוכט גאָט,[8] לערנען מיר

---

טז. [1] אין די יאָרן 135—138, נאָכן דורכפאַל פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד, ווען אַ סך חכמים זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר לערנען תורה. [2] אין גליל. [3] מתקן געווען פאַרשיידענע נייטיקע תקנות (זע כתובות נ, א, וואו אַ טייל תקנות ווערן אויסגערעכנט). [4] צו דרשנען דער ערשטער. [5] לויט אַ גמרא (ברכות סג, ב) — ווייל ער איז אומעטום געווען דער ראש המדברים (זע אויך שבת לג, ב). [6] ווערטערלעך: איז אַריינגעקומען. [7] דעם ארון. [8] כאָטש אין דער אמתן פלעגט מען דאָך גיין צו משהן פרעגן וואָס מע

פון דעם, אַז איטלעכער וואָס איז מקבל פּנים חברים,[9] איז אַלץ איינס ווי ער וואָלט מקבל פּנים געווען די שכינה. הייַנט איר, אונדזערע ברידער, איר רבותי, גדולים אין תורה, ווער פון אייך עס האָט זיך מטריח געווען צען מייל, און ווער צוואַנציק, אָדער דרייסיק, אָדער פערציק, כדי צו הערן דברי תורה, — אוודאי און אוודאי וועט הקדוש ברוך הוא ניט פאַרהאַלטן אייער שכר, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט!

איז אַרויסגעקומען ר׳ נחמיה און האָט געדרשנט (דברים כג, ד): לא יבא — עס זאָל ניט קומען קיין עמוני און קיין מואבי אין דער עדה פון גאָט. מע האָט געלערנט: צוויי גרויסע אומות זייַנען אָפּגעשיידט געוואָרן פון קומען אין דער עדה פון גאָט; פאַרוואָס? (דאָרט, פסוק ה) על דבר — איבער דעם וואָס זיי זייַנען אייך ניט אַקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער. אָבער איז דען ישראל דעמאָלט געווען נויטבאַדערפטיק? די גאַנצע פערציק יאָר וואָס ישראל איז געווען אין מדבר האָט דאָך דער ברונעם אויפגעקוואָלט פאַר זיי,[10] און דער מן האָט גענידערט פאַר זיי, און דער וואַכטל איז זיי געווען צו דער האַנט, און הערלעכע וואָלקנס האָבן זיי אַרומגערינגלט, און אַ וואָלקנזייל האָט געצויגן פאַר זיי, און דו זאָגסט: וואָס זיי זייַנען אייך ניט אַקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער! האָט וועגן דעם ר׳ אלעזר[11] געזאָגט: ס׳איז [אַ מידה פון] דרך ארץ, אַז איינער קומט פון וועג, קומט מען אים אַנטקעגן מיט עסן און טרינקען. איצט קום און זע, ווי הקדוש ברוך הוא האָט אָפּגעצאָלט די דאָזיקע אומות, — אין דער תורה שטייט: עס זאָל ניט קומען קיין עמוני און קיין מואבי אין דער עדה פון גאָט. אָבער איר, מענער פון אושא, וואָס איר זענט אַקעגנגעקומען אונדזערע רבנן מיט אייער עסן און טרינקען און מיט אייערע בעטן, אייך וועט הקדוש ברוך הוא באַלוינען מיט אַ גוטן שכר.

איז אַרויסגעקומען ר׳ מאיר און געדרשנט (מלכים א, יג, יא): ונביא אחד — און איינער אַן אַלטער נביא איז געזעסן אין בית־אל; ווער איז עס געווען? דאָס איז אמציה, דער כוהן פון בית־אל.[12] — — —

האָט ר׳ יוסי געזאָגט:[13] צעבראָכענע אייער זייַנען דאָ פאַראַן.[14] ווער־זשע דען איז עס געווען? דאָס איז יונתן דער זון פון גרשם, דער זון פון משה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שופטים יח, ל): ויהונתן און יונתן דער זון פון גרשם דער זון פון מנשהן, — די נון אין מנשה הענגט: איז ער זוכה, איז ער דער זון פון משהן, איז ער ניט זוכה — איז ער דער זון פון מנשהן.[15] — די חברים האָבן געפרעגט ביי ר׳ שמואל בר נחמן, אַזוי צו זאָגן: „אַ כומר ביי דער עבודה זרה, און ער האָט אַזוי לאַנג געלעבט?"[16] האָט ער געזאָגט צו זיי: „יאָ, דערפאַר

האָט ניט געוואוסט. [9] תלמידי חכמים, וואָס פלעגט טיטולירט ווערן „חבר" („אשת חבר הריהי כחבר," אַ פרוי פון אַ תלמיד חכם איז אַזוי ווי אַ תלמיד חכם — עבודה זרה לט, א). [10] במדבר כא, טז—יז. [11] מסתמא ר׳ אלעזר בן ערך, ר׳ יוחנן בן זכאיס תלמיד, וואָס האָט געלעבט מיט אַ דור פריער. [12] די אידענטישקייט פון די צוויי ווערט געבויט

כאלו מקבל פני שכינה. ואתם אחינו, רבותינו, גדולי התורה, מי שנצטער בכם עשרה מיל, או עשרים, או שלשים, או ארבעים, כדי לשמוע דברי תורה, עאכ"ו שאין הקב"ה מקפח שכרכם בזה ובבא.

נכנס ר' נחמיה ודרש (דברים כג): לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'. תני: שתי אומות גדולות פרשו מלבא בקהל ה'; למה? (שם) על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. וכי צריכין היו ישראל באותה שעה? והלא כל ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר היה הבאר עולה להם והמן יורד להם, והשלו מצוי להם, וענני כבוד מקיפין אותם, ועמוד ענן נוסע לפניהם, ואת אמר: אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים! ואמר ר' אלעזר: דרך ארץ הוא, שהבא מן הדרך מקדמין לו במאכל ומשתה. בא וראה, מה פרע להם הקב"ה לאלו שתי אומות, — כתיב בתורה: לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'. ואתם, בני אושא, שקדמתם רבותינו במאכלכם ומשקיכם ומטותיכם, הקב"ה ישלם לכם שכר טוב.

נכנס ר' מאיר ודרש (מלכים א, יג): ונביא אחד זקן יושב בבית־אל; ואיזה זה? זה אמציה כהן בית־אל. — — —

אמר (לו) ר' יוסי: (מאיר), פתפותי ביצים יש כאן. איזה זה? זה יונתן בן גרשם בן משה; הה"ד (שופטים יח): ויהונתן בן גרשם בן מנשה, — נון תלויה ב „מנשה": זכה — בן משה, ואם לאו — בן מנשה. — חבריא בעון קומי ר' שמואל בר נחמן, אמרין ליה: „כומר לעבודה זרה, והאריך כל אותן השנים?" אמר לון: „הן, על ידי שהיתה עינו צרה בעבודה זרה. כיצד? הוה בר נש אתי למסגד ליה, והוה

---

וואָס ער האָט געקוקט קרום אויף דער עבודה זרה. ווי אַזוי? אַז עמע־צער פלעגט קומען זיך בוקן צו איר, פלעגט ער אים פרעגן: ׳ווי אַלט

---

אויף דעם, וואָס איןביידע פאַלן (מלכים, דאָרט פסוק טו; עמוס ז, יב) איז דאָס אָרט בית־אל, און ביידע רעדן וועגן עסן ברויט (מהרז"ו). [13] מיר האָבן אַרויסגעלאָזט די ווערטער „לו" (צו אים) און „מאיר": לויט אַ ירושלמי (סנהדרין יא, ה) האָט עס געזאָגט ניט דער תנא ר' יוסי וואָס ווערט אויבן דערמאָנט צווישן די חכמים וואָס זיינען געקומען קיין אושא, נייערט דער אמורא מיטן זעלבן נאָמען, פונעם פערטן דור אמוראים, און ער האָט זיך ניט געקענט ווענדן פערזענלעך צו ר' מאירן. דערצו איז עס ניט מעגלעך, אַז ר' מאירס חבר זאָל אים אַזוי שאַרף איבעררייסן זיין דרשה. [14] ווערטער אָן טעם. [15] דער מלך פון יהודה וואָס האָט געדינט דער עבודה זרה און פאַרגאָסן בלוט (מלכים ב, כא). [16] לויט אַ ירושלמי (ברכות ט, ב) האָט ער געלעבט ביזן חורבן פון מלכות

ביסטו?׳ פלעגט אים יענער זאָגן: ׳פערציק יאָר אַלט, אָדער פופציק, אָדער זעכציק, אָדער זיבעציק׳, אָדער וויפל ער איז אַלט געווען. פלעגט ער אים זאָגן: ׳ווי אַלט דו ביסט,—פערציק יאָר, צי פופציק, צי זעכציק, צי זיבעציק, צי אַכציק, און די דאָזיקע עבודה זרה איז ערשט געמאַכט געוואָרן ניט מער ווי מיט אַ פינף יאָר צוריק, אָדער מיט צוועלף יאָר; ווילסטו פאַרלאָזן דיין גאָט און זיך בוקן צו איר? ס׳איז דאָך אַ ניש־טיקייט!׳ פלעגט ער בלייבן אין חרפה און אַוועקגיין. איז געקומען איינער אַ נישטיקער יונג, און ער האָט אים אויך אַזוי געזאָגט; האָט ער געזאָגט צו אים: ׳טאָ וואָס־זשע זיצסטו דאָ און דינסט צו איר?׳ האָט ער אים געזאָגט: ׳איך נעם מיין לוין און פאַרבלענד אים[17] די אויגן׳. ווי דוד האָט געהערט פון אים, אַזוי האָט ער געשיקט און אים געלאָזט ברענגען און געזאָגט צו אים: ׳דו ביסט אַן אייניקל פון יענעם צדיק, און דינסט דער עבודה זרה?׳ האָט ער אים געזאָגט: ׳אַזוי האָב איך בקבלה פון מיין זיידנס הויז: פאַרקויף זיך צו דער עבודה זרה, ווּעסטו ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן.׳ האָט דוד געזאָגט צו אים: ׳חס ושלום! ס׳מיינט ניט אַזוי, נייערט פאַרקויף זיך צו אַן אַרבעט וואָס איז דיר פרעמד,[18] ווּעסטו ניט אָנקומען צו מענטשן.׳ ווי באַלד דוד האָט געזען, אַז ער האָט זייער ליב געלט, אַזוי האָט ער גענומען און אים געמאַכט פאַרן ממונה[19] איבער זיינע אוצרות.[19א] מע זאָגט: ווי דוד איז געשטאָרבן, אַזוי האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צום שלעכטן.״[20]

דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, יג, יח): ויאמר — און ער האָט געזאָגט צו אים: איך בין אויך אַ נביא ווי דו — — — געליגנערט האָט ער אים. וואָס מיינט: ער האָט אים געליגנערט? ער האָט אים אָפּגענאַרט; און וואָס האָט ער אים אָפּגענאַרט? ער האָט אים געגעבן עסן ליגנעריש ברויט.[21] און ווייטער שטייט (דאָרט, פסוק כ): ויהי — און עס איז געווען, ווי זיי זיצן אַזוי ביים טיש, און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו דעם נביא וואָס האָט אים אומגעקערט. איז עס דאָך אַ קל וחומר: מה־דאָך דער וואָס האָט אים געליג־נערט און האָט אים געגעבן עסן ליגנעריש ברויט, האָט זוכה געווען, עס זאָל

ישראל. [17] מיכהן, וואָס האָט אים אָנגעשטעלט פאַר אַ כוהן (זע שופטים, דאָרט). [18] דער ווערטערלעכער טייטש פון עבודה זרה: פרעמדע אַרבעט. [19] עמענדאַציע לויטן ירושלמי (דאָרט). [19א] לויט אַ גירסא פון ווערטהיימער (בתי מדרשות א, קנ) איז דאָ פאַראַן אַ צוגאָב: הדא הוא דכתיב — דאָס איז וואָס אין פסוק שטייט (דברי הימים א, כו, כד): ושבואל — און שבואל דער זון פון יהונתן דער זון פון משהן איז געווען דער הויפּט איבער די שאַצקאַמערן. וועגן דער אידענטישקייט פון שבואל בן גרשום מיט יהונתן בן גרשום זע בבא בתרא קי, א: „יהונתן האָט געהייסן שבואל, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו גאָט (שב לאל) מיטן גאַנצן האַרצן.״ [20] מיר האָבן דעם פראַגמענט, ווי ענלעכע פראַגמענטן ווייטער, געגעבן אין אָפּגערוקטע שורות, ווייל דאָס איז אַ דיגרעסיע פונעם בעל המדרש: די בעלי אגדה וואָס זייערע ווערטער ווערן דאָ געבראַכט זיינען אמוראים פון אַ שפּעטערער צייט (זע אויבן, באַמ. 13). [21] ער האָט אים צוגערעדט צו עסן ברויט,

אמר ליה: 'בר כמה שנין את?' הוה אמר לינה: 'בר ארבעין שנין, או חמשין, או שתין, או שבעין', או בר כמה הוה. והוא אמר ליה: 'בר כמה שנין את, — בר ארבעין שנין, או חמשין, או שתין, או שבעין, או תמנין שנין, והדא עבודה זרה לית היא עבידא, אלא מחמשה, או תרתי עשרה שנין, ואת בעי משבוק אלהך ומסגיד ליה? דא פחיתא!' והוא מתבהית ואזיל ליה. אתא חד בר פחין ואמר ליה כן; אמר ליה: 'ומה את יתיב הכא ועבד בה?' א"ל: ' אנא נסיב אגרי ומסמי עיניה.' כיון ששמע בו דוד, שלח ואייתיתיה ואמר לו: 'את הוא בן בנו של אותו צדיק, ואת עובד עבודה זרה?' א"ל: 'כך אני מקובל מבית אבי אבא: מכור עצמך לעבודה זרה, ולא תצטרך לבריות.' א"ל: 'חס ושלום! לא הוא כן, אלא מכור עצמך לעבודה שהיא זרה ממך, ולא תצטרך לבריות.' כיון שראה דוד, שהממון חביב עליו, עמד ומינה אותו (קומסין) [קומוס על] תסברין שלו. אמרו: כיון שמת דוד, חזר לסורו."

הה"ד (מלכים א, יג): ויאמר לו: גם אני נביא כמוך, וגו', כיחש לו. מהו כיחש לו? שיקר לו; ומה שיקר לו? האכילהו לחם כזבים. וכתיב (שם): ויהי הם יושבים אל השלחן, ויהי דבר ה' אל הנביא אשר השיבו. והלא דברים קל וחומר: ומה אם זה שכיחש בו והאכילהו לחם כזבים, זכה ששרתה עליו רוח הקודש; אתם, אחינו בני אושא, שקבלתם רבותינו במאכל אמת ומשתה ומטה, עאכ"ו שישלם לכם הקב"ה שכר טוב!

נכנס ר' יוסי ודרש (שמואל ב, ו): וישב ארון ה' בית עובד אדום הגתי [שלשה חדשים] וגו,' ויגד למלך דוד לאמר: ברך ה' את

---

רועץ אויף אים דער רוח הקודש;[22] היינט איר, אונדזערע ברידער, מענער פון אושא, וואָס איר האָט אויפגענומען אונדזערע רבנן מיט אמתדיק עסן און טרינקען און מיט אַ בעט, איז דאָך אוודאי און אַוודאי אַז הקדוש ברוך הוא וועט אייך באַלוינען מיט אַ גוטן שכר!

איז אַרויסגעקומען ר' יוסי און געדרשנט (שמואל ב, ו, יא־יב): וישב — און דער ארון פון גאָט איז געבליבן אין הויז פון עובד אדום פון גת [דריי חדשים]. — — — און ס'איז דערציילט געוואָרן דעם מלך דודן אַזוי צו זאָגן:

---

[22] דערפאַר וואָס פאַרזיכערנדיק אַז גאָט הייסט אַזוי, אָבער גאָט האָט עס ניט געהייסן.

גאָט האָט געבענטשט דאָס הויז פון עובד אדומען און אַלץ וואָס געהערט צו אים;
אין וואָסער זכות? בעבור — פון וועגן דעם ארון פון גאָט. און מיט וואָס האָט ער אים געבענטשט? מיט זין; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברי הימים א, כו, ה): עמיאל דער זעקסטער, ישׂשכר דער זיבעטער, [פעולתי דער אַכטער].[23] און ווייטער זאָגט זיך (דאָרט, פסוק ח): כל אלה — די אַלע זיינען פון די קינדער פון עובד אדומען, זיי און זייערע זין. מע האָט געזאָגט:
אַכט זין האָט ער געהאַט און אַכט שנירן האָט ער געהאַט, און איטלעכע פון זיי האָט געבאָרן צוויי יעדן חודש. ווי אַזוי? זי איז געווען זיבן טעג אומריין און זיבן טעג ריין, און זי האָט געבאָרן; זיבן טעג ריין און זיבן טעג אומריין, און ווידער געבאָרן, — זעכצן יעדן חודש. דריי חדשים, האָבן מיר אַכט און פערציק, און זעקס ביי שמעיה זיין זון,[24] האָבן מיר פיר און פופציק, און זיי אַכט,[25] האָבן מיר צוויי און זעכציק. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט): צוויי און זעכציק פון עובד אדומען. — — —

די חברים האָבן געפרעגט ביי ר׳ יוחנן, אַזוי צו זאָגן: „וואָס מיינט דאָס וואָס אין פסוק שטייט פעולתי — דער אַכטער?״[26] האָט ער געזאָגט צו זיי: „דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן אַ גרויסע טואונג פאַר דער תורה. און וואָס האָט ער געטאָן פאַר דער תורה? ער פלעגט אָנצינדן פאַרן ארון אַ ליכט אין פרימאָרגן און אַ ליכט פאַרנאַכט.
איז עס דאָך אַ קל וחומר: מה־דאָך דער ארון פון גאָט, וואָס ניט ער עסט, ניט ער טרינקט און ניט ער רעדט, נייערט דערפאַר וואָס אין אים זיינען געווען די צוויי שטיינערנע לוחות, און ער האָט אָנגעצונדן פאַר אים אַ ליכט, האָט ער זוכה געווען געבענטשט צו ווערן פון זיין כבוד וועגן; הייַנט איר, אונדזערע ברידער, מענער פון אושא, — אוודאי און אוודאי!
איז אַרויסגעקומען ר׳ שמעון בן יוחאי און גערדרשנט (מלכים ב, ד, ח):
ויהי היום — און עס איז געווען איין טאָג, און אלישע איז אַריבער קיין שונם, און דאָרט איז געווען אַן אָנגעזעענע פרוי, האָט זי אים פאַרהאַלטן צו עסן ברויט, און ר׳ יהודה האָט געזאָגט:[27] דערפאַר וואָס אין פסוק שטייט: און זי האָט אים פאַרהאַלטן צו עסן ברויט, האָט זי זוכה געווען ער זאָל אויפלעבן איר זון. — — —

ר׳ יודן פון ר׳ זעיראָס וועגן און ר׳ יוחנן פון ר׳ שמעון בן יוחאיס וועגן האָבן געזאָגט: גרויס איז [די מצווה פון] שפייזן אַ מענטשן, ווייל זי איז גורם צו דעם, אַז תחיית

---

ער האָט אים עסן געגעבן. [23] און דער פסוק פאַרענדיקט: וואָרום גאָט האָט אים געבענטשט. [24] זע דאָרט פסוק ז; דער נוסח „דידיה,״ זיינע, איז אַ פאַרגרייזונג. [25] עובד אדומס זין. [26] די שורשדיקע שייכות צווישן דעם נאָמען „פעולתי״ און דעם וואָרט „פעולה״, האַנדלונג, טואונג, האָט זיי געבראַכט צום געדאַנק, אַז דער נאָמען לאָזט זיך דרשענען. [27] מיר האָבן דאָ אַרויסגעלאָזט בר׳ סימון, — ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געלעבט דורות נאָך דער מעשה פון אושא. מיר האָבן אויך אַרויסגעלאָזט דעם לו, צו אים, ווייל דאָס וואָלט געמיינט, אַז ר׳ יהודה איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד אין מיטן פון זיין דרשה (זע מהרז״ו). מעגלעך, אַז מיט ר׳ יהודה האָט ער געמיינט ר׳ יהודה בן בבא,

בית עובד אדום ואת כל אשר לו; **באיזו זכות? בעבור ארון** האלהים. **ובמה ברכו? בבנים; הה"ד** (דברי הימים א, כו): עמיאל הששי, יששכר השביעי, [פעולתי השמיני]. **וכן הוא אומר:** (שם): כל אלה מבני עובד אדום, המה ובניהם. **אמרו: שמנה בנים היו לו ושמנה כלות היו לו, וכל חדא מנהון הות ילדת תרין בכל ירחא. הא כיצד? טמאה שבעה וטהורה שבעה, והיא יולדת; טמאה שבעה וטהורה שבעה, והיא יולדת, — שיתא עשר בכל ירח. תלתא ירחין, הא ארבעין ותמניא, ושיתא (דידיה) [לשמעיה בנו], הא חמשין וארבעה, ותמניתהון, הא שתין ותרתין. הה"ד** (שם): ששים ושנים לעובד אדום. — — —

**חבריא בעון קומי ר' יוחנן, אמרו לו: "מהו דין דכתיב** (שם): פעולתי השמיני?" **א"ל: "על ידי שפעל פעולה גדולה בתורה; מה פעל בתורה? שהיה מדליק לפני הארון נר אחד שחרית ונר אחד בין הערבים."**

**והרי דברים** קל וחומר: **ומה ארון האלהים, שאינו אוכל ושותה ומדבר, אלא שהיו בו שני לוחות אבנים, והדליק בו נר אחד, זכה להתברך בכבודו; ואתם, אחינו בני אושא, אעכ"ו!**

**נכנס ר' שמעון בן יוחאי ודרש** (מלכים ב, ד): ויהי היום, ויעבור אלישע אל שונם, ושם אשה גדולה, ותחזק בו לאכל לחם, **[ו]אמר (לו) ר' יהודה (בר' סימון): על ידי שכתב: ותחזק** בו לאכל לחם, **זכתה להחיות את בנה.** — — —

**ר' יודן בשם ר' זעירא ור' יוחנן בשם ר' שמעון בן יוחאי אמרו: גדולה היא הפרנסה, שגורמת לתחיית המתים לבא שלא בעונתה: צרפית, על ידי שהאכילה את אליהו, זכתה להחיות את בנה; שונמית, על ידי שהאכילה את אלישע, זכתה להחיות את בנה. [וכי אליהו צריך לשום בריה? והא] א"ר יהודה בר אלעאי: אפילו נרות, אפילו פתילות**

---

**המתים זאָל קומען פאַר דער צייט:[28] די פרוי פון צרפת, איבער דעם וואָס זי האָט געגעבן אליהון עסן, האָט זי זוכה געווען, ער זאָל אויפלעבן איר זון;[29] די שונמית, איבער דעם וואָס זי האָט געגעבן אלישען עסן, האָט זוכה געווען ער זאָל אויפלעבן איר זון.[30] [אָבער איז דען אליהו אָנגעקומען צו עמעצן? האָט דאָך][31] ר' יהודה בר אלעאי געזאָגט: אפילו ליכט, אפילו**

---

אַ תנא פון אַ דור פריער. [28] נאָך פאַרן קומען פון משיחן. [29] מלכים א, יז, יז—כד.

קנויטן פלעגט אליהו אריבערברענגען פון ארט צו ארט, כדי ער זאל קיינעם ניט מטריח זיין! [און] ר׳ יהודה בר׳ סימון האט געזאגט: האט ער דען פון איריקן[32] געגעסן? זי און ער האבן דאך פון זייניקן געגעסן,[33] ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, יז, טו): ותאכל היא והוא — און זי און ער האבן געגעסן, אבער דער כתיב איז פארקערט: הוא והיא, ער און זי![34] בייערט איבער דעם וואס זי האט אים אויפגענומען מיט א פריינדלעך פנים און האט אים באדינט, האט זי זוכה געווען, ער זאל אויפ־לעבן איר זון.

היינט איר, מענער פון אושא, וואס איר האט געטאן אזא גמילות חסד, אוודאי און אוודאי!

איז ארויסגעקומען ר׳ אליעזר דער זון פון ר׳ יוסי הגלילי און געדרשנט (שמואל א, טו, ו): ויאמר שאול — און שאול האט געזאגט צום קיני: נעמט און גייט אוועק, נידערט אראפ פון צווישן דעם עמלקי, טאמער וועל איך דיך אומברענגען מיט אים; און דו האסט דאך געטאן חסד מיט אלע קינדער פון ישראל, ביי זייער ארויסגיין פון מצרים. [אבער האט ער דען][34א] מיט גאנץ ישראל געטאן חסד? ער האט דאך עס געטאן ניט אנדערש, בייערט מיט משהן אליין! — — —

ר׳ אלעזר האט געזאגט: אוודאי האט יתרו געטאן חסד מיט משהן; דאס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות ב, כ): קראן לו — רופט אים, און זאל ער עסן ברויט. ר׳ סימון האט געזאגט: ס׳איז ניט אזוי, בייערט ווי א לוין האט ער אים עסן געגעבן, ווי אין פסוק שטייט (דארט, פסוק יט): וגם — און אויך אנשעפן האט ער אנגעשעפט פאר אונדז.[35] [וועגן דעם פסוק זאגן] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן. ר׳ יהודה האט געזאגט: „ער האט אנגעשעפט פאר אונדז און פאר אונדזערע עלטערן.״[36] ר׳ נחמיה האט געזאגט: „ער האט אנגע־שעפט פאר אונדז און פאר די פאסטעכער.״ און די רבנן זאגן: „ער האט אנגעשעפט פאר אונדז אין זכות פון אונדזערע עלטערן;[37] ער האט אנגעשעפט פאר די פאסטעכער, כדי אריינצוברענגען שלום צווישן זיי.״

און דו זאגסט: מיט גאנץ ישראל האט ער געטאן חסד! בייערט [דער פסוק קומט] דיך צו לערנען, אז איטלעכער וואס טוט א חסד מיט איינעם פון די גדולי ישראל, פארעכנט מען אים ווי ער וואלט עס געטאן מיט גאנץ ישראל. און איר, אונדזערע ברידער, מענער פון אושא — אוודאי און אוודאי!

איז ארויסגעקומען ר׳ אליעזר בן יעקב און געדרשנט (דברים כז, ט): וידבר משה — און משה און די כוהנים פון שבט לוי האבן גערעדט צו גאנץ ישראל, אזוי צו זאגן: פארנעם און הער, ישראל, היינטיקן טאג ביסטו געווארן א פאלק. אבער האבן זיי דען יענעם טאג באקומען די תורה? ס׳איז דאך שוין פערציק יאר, זינט זיי האבן מקבל געווען די תורה, און דו זאגסט:

היה אליהו מעביר ממקום למקום, כדי שלא יטריח לכל בריה! [ו]ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: וכי משלה אכל? והלא היא והוא משלו אכלו, דכתיב (מלכים א, יז): ותאכל היא והוא — הוא והיא כתיב! אלא על ידי שקבלה אותו בסבר פנים יפות ושמשתו, זכתה להחיות את בנה.

ואתם, בני אושא גומלי החסד, עאכ״ו.

נכנס ר׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי ודרש (שמואל א, טו): ויאמר שאול אל הקיני: לכו סורו, רדו מתוך העמלקי, פן אוסיפך עמו, ואתה עשית חסד עם כל בני ישראל בעלותם ממצרים. (וכתיב) [וכי] עם כל ישראל עשה יתרו חסד? והלא לא עשה אלא עם משה בלבד! — — —

א״ר אלעזר: יתרו ודאי עשה חסד עם משה; הה״ד (שמות ב): קראן לו ויאכל לחם. א״ר סימון: אין הוא כן, אלא בשכרו האכילו, דכתיב (שם): וגם דלה דלה לנו. ר׳ יהודה ור׳ נחמיה ורבנן. ר׳ יהודה אמר: „דלה לנו ולאבותינו.״ ר׳ נחמיה אמר: „דלה לנו ולרועים.״ ורבנן אמרי: „דלה לנו בזכות אבותינו; דלה לרועים בשביל להטיל שלום ביניהם.״

ואת אמרת: עם כל ישראל עשה חסד! אלא ללמדך, שכל מי שעושה חסד עם אחד מגדולי ישראל, מעלין לו, כאלו עשה עם כל ישראל. ואתם, אחינו בני אושא — עאכ״ו!

נכנס ר׳ אליעזר בן יעקב ודרש (דברים כז): וידבר משה והכהנים והלוים אל כל ישראל לאמר: הסכת ושמע, ישראל! היום הזה נהיית לעם. וכי היום קבלו התורה? והלא כבר ארבעים שנה שקבלו את התורה, ואת אמרת: היום הזה! אלא

---

היינטיקן טאָג! נייערט [דער פסוק] לערנט אונדז, אַז ווי באַלד משה האָט

30 מלכים ב, ד, לב—לז. 31 צוגאָב לויטן מתנות כהונה. 32 פון דעם וואָס האָט געהערט צו דער פרוי פון צרפת. 33 פון דעם נס וואָס ער האָט באַוויזן. 34 כתיב — דער אופן ווי אַ וואָרט איז געשריבן אין תנ״ך; קרי — דער אופן ווי דאָס ווערט געלייענט: לויטן כתיב שטייט דאָ פריער הוא, ער, איז עס אַ סימן, אַז זי האָט געגעסן פון זייניקן, און ניט פאַרקערט. בלייבט די קשיא, וואָס איז געווען איר זכות? 34א לויט דער גירסא פון מתנות כהונה, און אַזוי איז אויך גורס דער אות אמת. 35 האָט אים יתרו באַלוינט פאַר זיין באַמיען זיך. 36 דאָס וואָרט ״דלה״ שטייט דאָ צוויי מאָל, ווערט עס דאָ און ווייטער געדרשנט אויף אַ צווייענדיק אָנשעפּן, און דאָס צווייטע מאָל ווערט דאָ גענומען אַלעגאָריש, אין זין פון דערהייבן: זייער פאָטער, יתרו („אונדזערע עלטערן״), האָט דורך משהן זיך דערנענטערט צום אמתן גאָט (מתנות כהונה). 37 וואָרום נאָך פאַר משהס קומען האָט

איבערגעחזרט מיט זיי די תורה,[38] און זיי האָבן זי אויפגענומען מיט אַ פריינדלעך פנים, האָט דער פסוק פאַררעכנט, ווי זיי וואָלטן זי יענעם טאָג מקבל געווען פון באַרג סיני; דעריבער ווערט עס געזאָגט: היינטיקן טאָג ביסטו געוואָרן אַ פאָלק פאַר גאָט דיין גאָט. און איר, אונדזערע ברידער, מענער פון אושא, וואָס איר האָט אויפגענומען אונדזערע רבנן מיט אַ פריינד־לעך פנים — אוודאי און אוודאי!

## יז

(ו) שמאלו — זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ, דאָס זיינען די ערשטע לוחות;[1] און זיין רעכטע האַנט טוט מיך אַרומנעמען,[2] דאָס זיינען די צווייטע לוחות. אַן אַנדער פשט: זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ, דאָס איז די מצווה פון ציצית; און זיין רעכטע האַנט טוט מיך אַרומנעמען, דאָס איז די מצווה פון תפילין. אַן אַנדער פשט: זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ, דאָס איז די מצווה פון קריאַת־שמע; און זיין רעכטע האַנט טוט מיך אַרומנעמען, דאָס איז תפילה.[3] אַן אַנדער פשט: זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ, דאָס איז די מצווה פון סוכה; און זיין רעכטע האַנט טוט מיך אַרומנעמען, דאָס איז דער וואָלקן־זייל פון דער שכינה אין משיחס צייטן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה ס, יט): לא יהיה לך — די זון וועט דיר מער ניט זיין פאַר קיין ליכט ביי טאָג, און פאַר קיין שיין וועט דיר די לבנה ניט לייכטן; ווער־זשע וועט דיר לייכטן? נאָר זיין וועט דיר גאָט פאַר אַן אייביק ליכט. אַן אַנדער פשט: זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ, דאָס איז די מצווה פון מזוזה; [וואָרום] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: (דברים ו, ט): וכתבתם — און דו זאָלסט זיי אויפשרייבן אויף די ביישטידלעך פון דיין הויז, — ביי [דער רעכטער זייט[4] פון] דיין אַריינקומען[5] פון דרויסן אין דיין הויז.[6]

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (שמות כו, לה): ושמת — און דו זאָלסט שטעלן דעם טיש דרויסן פון פרוכת [און די מנורה — — —אין דרום־זייט, און דעם טיש זאָלסטו שטעלן אין צפון זייט]. אָבער ס׳איז דאָך ניט ריכטיק! שטעלט ניט אַ מענטש אַוועק אַ מנורה אין דער לינקער זייט, כדי זי זאָל ניט זיין אין וועג דער רעכטער האַנט? לייגט ניט אַ מענטש די לינקע האַנט אונטערן קאָפּ און נעמט אַרום מיט דער רעכטער?[7] ר׳ אחא האָט געזאָגט, אַז ר׳ יוחנן ברענגט עס פון דעם דאָזיקן פסוק (דברים יא, כב): לאהבה — ליב צו האָבן גאָט אייער גאָט — — — און זיך באַהעפטן אָן אים, — וואָס מיינט באַהעפטונג? זיין לינקע האַנט אונטער מיין קאָפּ.

---

זיך יתרו אָפּגעזאָגט פון דער עבודה זרה (שמות רבה א, לב). [38] דורך געבן זיי דעם ספר דברים, וואָס ווערט אָנגערופן „משנה תורה“, די איבערחזרונג פון דער תורה.

יז [1] וואָס משה האָט צעבראָכן נאָך דער מעשה מיטן גאָלדענעם קאַלב. [2] לויטן דרש. [3] שמונה עשרה. [4] פאַרגלייך מנחות לד, א. [5] ביאתך — ביתך. [6] און כביכול. וואָס איז פון אינעווייניק מקבל פנים דעם אַריינקומענדיקן, האָט די מזוזה פון דער לינקער זייט. [7] ווייבאַלד די מנורה איז געשטאַנען אין דרום זייט, איז זי אויסגעקומען לינקס פון דעם אַריינגאַנג, וואָס איז געווען אין מזרח זייט; קומט דאָך אויס, אַז לגבי דער שכינה, וואָס האָט גערוט איבער די כרובים אין מערב זייט (פאַרגלייך שמות רבה

מלמד, כיון ששנה להם משה את התורה וקבלוה בסבר פנים יפות, העלה להם הכתוב, כאלו קבלוה היום מהר סיני; לכך נאמר: היום הזה נהיית לעם לה׳ אלהיך. ואתם, אחינו בני אושא, שקבלתם רבותינו בסבר פנים יפות, עאכ״ו!

יז

(ו) שמאלו תחת לראשי, אלו לוחות הראשונים; וימינו תחבקני, אלו לוחות השניים. ד״א: שמאלו תחת לראשי, זו ציצית; וימינו תחבקני, אלו תפילין. ד״א: שמאלו תחת לראשי, זו קריאת שמע; וימינו תחבקני, זו תפילה. ד״א: שמאלו תחת לראשי, זו סוכה; וימינו תחבקני, זה ענן שכינה לעתיד לבא. ההי״ד (ישעיה ס): לא יהיה לך עוד השמש לאור יומם, ולנגה הירח לא יאיר לך; מי מאיר לך? (שם) והיה לך ה׳ לאור עולם. ד״א: שמאלו תחת לראשי, זו מזוזה; [ד]תני ר׳ שמעון בן יוחאי (דברים ו): וכתבתם על מזוזות ביתך — ביאתך מן השוק לביתך.

א״ר יוחנן: כתיב (שמות כו): ושמת את השלחן מחוץ לפרוכת [ואת המנורה — — — תימנה, והשלחן תתן על צלע צפון]. — ואינו כן! אין אדם מניח את המנורה משמאל, כדי שלא תהא מעכבת הימין? אין אדם מניח את השמאל תחת הראש ומחבק בימין? א״ר אחא: ר׳ יוחנן מייתי לה מן הדא קרייה (דברים יא): לאהבה את ה׳ אלהיכם — — — ולדבקה בו, — אי זהו דיבוק? שמאלו תחת לראשי.

יח

(ז) השבעתי אתכם, בנות ירושלים. במה השביען? ר׳ אליעזר אומר: השביען בשמים ובארץ, — בצבאות: בצבא של מעלה ובצבא של מטה, בשתי צבאות; הוי אומר: בצבאות. — או

---

יח

(ז) השבעתי — איך טו אייך באַשווערן, טעכטער פון ירושלים. ביי וואָס האָט ער זיי באַשוואָרן? ר׳ אליעזר זאָגט: ביי הימל און ערד,[1] — ביי די הערשאַפטן:[2] ביי דער הערשאַפט פון אויבן און ביי דער הערשאַפט פון אונטן, ביי צוויי הערשאַפטן;[3] דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: ביי די הערשאַפטן. —

---

ב. ב; איכה רבה א, לא; בבא בתרא כה, ב) איז די מנורה געווען אין דער רעכטער האַנט, — שטימט עס דאָך ניט מיטן פסוק: און זײַן רעכטע האַנט טוט מיך אַרומנעמען! דער ענטפער אויף דעם ווערט געגעבן פון ר׳ אחאן, וואָס ברענגט פון ר׳ יוחננס וועגן אַן אַנדער פסוק אנשטאָט דעם. (די באַמערקונג פון מתנות כהונה, און נאָך אים אויך יעבץ און סאָנטשינא, אַז די מנורה איז געווען אין דער לינקער זייט פון דער שכינה, איז דורכאויס אַ סתירה מיניה וביה. פאַרגלייך תנחומא, תצוה ז; תנחומא באבער, תצוה ה).

אָדער ביי די הינדן פון פעלד, דאָס מיינט [אַלע] חיות פון פעלד;[4] דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (איוב ה, כג): כי — וואָרום מיט די שטיינער פון פעלד וועט זיין דיין בונד, און די חיה פון פעלד וועט מאַכן שלום מיט דיר. ר׳ חנינא בר פפא און ר׳ יהודה בר׳ סימון [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ חנינא האָט געזאָגט: ער האָט זיי באַשוואָרן ביי די אָבות און ביי די אימהות:[5] בצבאות, דאָס זיינען די אבות, וואָס האָבן געטאָן מיין ווילן,[6] און וואָס איך האָב געטאָן מיין ווילן דורך זיי; אָדער ביי די הינדן פון פעלד, דאָס זיינען די שבטים, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מט, כא): נפתלי איז אַ הינדין אַ פלינקע.[7] ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: ער האָט זיי באַשוואָרן ביי דער מצווה פון מילה; בצבאות מיינט ביי דער הערשאַפט וואָס האָט דעם צייכן [פון מילה]; אָדער ביי די הינדן פון פעלד, ביי די וואָס פאַרגיסן דאָס בלוט פון מילה[8] ווי דאָס בלוט פון אַ הירש און אַ הינד. און די רבנן זאָגן: ער האָט זיי באַשוואָרן ביים דור פון שמד:[9] בצבאות מיינט ביי די וואָס האָבן געטאָן מיין ווילן אויף דער וועלט, און וואָס איך האָב געטאָן מיין ווילן דורך זיי; אָדער ביי די הינדן פון פעלד, ביי די וואָס לאָזן פאַרגיסן זייער בלוט פאַר דער הייליקונג פון מיין נאָמען, ווי דאָס בלוט פון אַ הירש און אַ הינד; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים מד, כג): כי — וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: אויב אַ מענטש וועט מיר זאָגן: „גיב אָפּ דיין נשמה פאַר דער הייליקונג פון גאָטס נאָמען," וועל איך אָפּגעבן, אויב נאָר מע וועט מיך הרגענען גלייך; אָבער [די עינויים פון] דעם דור פון שמד וואָלט איך ניט געקענט איבערטראָגן. וואָס פלעגט מען טאָן אין דור פון שמד? מע פלעגט ברענגען אייזערנע קיילעכלעך, זיי אָנברענען אין פייער און לייגן אונטער זייערע אָרעמס, און אַזוי זיי אַרויסנעמען די נשמה; מע פלעגט ברענגען שפּיציקע ראָרן און אַריינשטעכן זיי אונטער זייערע נעגל, און אַזוי זיי אַרויסנעמען די נשמה. דאָס איז וואָס דוד האָט געזאָגט (דאָרט כה, א): אליך — צו דיר, גאָט, טראָג איך מיין נשמה, „אשיא"[10] שטייט געשריבן, וואָרום זיי פלעגן זיך לאָזן אַרויסנעמען זייערע נשמות פאַר דער הייליקונג פון גאָטס נאָמען.

ר׳ אושעיא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „וואַרט מיר אָפּ,[11] וועל איך אייך מאַכן ווי די הערשאַפטן פון אויבן." ר׳ יודן

---

יח. [1] פאַרגלייך זבחים לב, א. [2] חיילות; געטייטשט לויטן דרש. [3] וויל דאָס וואָרט „צבאות" איז אין מערצאָל. [4] אַז אויב ישראל וועט האַלטן די שבועה, וועלן די חיות זיי קיין בייז ניט טאָן (פאַרגלייך ויקרא כו, כב). [5] ס׳איז זייער מעגלעך אַז אַנשטאָט אימהות דאַרף דאָ זיין שבטים, ווי דער טעקסט גייט ווייטער, און אימהות איז דאָ אַריין מיט אַ טעות צוליב דער אַסאָציאַציע מיט אבות. [6] צביוני — צבאות. [7] און דער בעל המדרש שפּרייט אויס די באַצייכענונג פון נפתלי אויף אַלע שבטים. [8] לויטן נוסח פון אות אמת. [9] די צייט פון די גזרות אַדריאַנוס (65—68 נאָכן צווייטן חורבן), אָדער פון טראַיאַנוסעס שחיטה (אַרום 46 נאָכן חורבן). [10] אין הפעיל, טאָפּל טראַנזיטיוו: מאַכן עמעצן צו טראָגן, אויפהייבן; דאָ — אַרויסנעמען. — דער „שטייט געשריבן," דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן: ווי עס וואָלט געווען געשריבן (מהרז"ו). [11] זייט ניט דוחק דעם קץ.

באילות השדה, זו חית השדה; המד"א (איוב ה): כי עם אבני השדה בריתך, וחית השדה השלמה לך. ר' חנינא בר פפא ור' יהודה בר' סימון. ר' חנינא אמר: השביען באבות ובאמהות: בצבאות, אלו אבות שעשו צביוני ועשיתי צביוני בם; או באילות השדה, אלו השבטים, המד"א (בראשית מט): נפתלי אילה שלוחה. ר' יהודה בר' סימון אמר: השביען במילה: בצבאות, בצבא שיש בו אות; או באילות השדה, ששופכין (דמם) [דם המילה] כדם צבי ואיל. ורבנן אמרי: השביען בדורו של שמד: בצבאות, שעשו צביוני בעולם ושעשיתי צביוני בהן; או באילות השדה, ששופכין דמן על קידוש שמי כדם הצבי והאיל; הה"ד (תהלים מד): כי עליך הורגנו כל היום. א"ר חייא בר אבא: אם יאמר לי אדם: „תן נפשך על קדושת שמו של הקב"ה," אני נותן, ובלבד שיהרגוני מיד; אבל בדורו של שמד איני יכול לסבול. ומה היו עושים בדורו של שמד? היו מביאין כדוריות של ברזל ומלבנין אותן באש, ונותנין אותן תחת שחייהן, ומשיאין נפשותם מהן; ומביאין קרומיות של קנים ונותנין אותן תחת צפרנן, ומשיאין נפשותיהם מהם. הוא שאמר דוד (שם כה): אליך, ה', נפשי אשא, — אשיא כתיב, שהיו משיאין נפשם על קדושת שמו של הקב"ה.

אמר ר' אושעיא: אמר הקב"ה לישראל: „המתינו לי, ואני עושה אתכם כצבא של מעלה." ר' יודן בשם ר' מאיר: אמר הקב"ה לישראל: „אם תשמרו שבועתי, אעשה אתכם כצבא של מעלה; ואם לאו, אעשה אתכם כצבא של מטה." ר' יוסי בר חנינא אמר: שתי שבועות יש כאן, אחת לישראל ואחת לאומות העולם. (נשבע) [השביע] לישראל, שלא ימרדו עול המלכיות,

---

אין נאמען פון ר' מאירן: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „וועט איר אָפּהיטן מיין שבועה, וועל איך אייך מאַכן ווי די הערשאַפטן פון אויבן; און אויב ניט, וועל איך אייך מאַכן ווי די הערשאַפטן פון אונטן." ר' יוסי בר חנינא האָט געזאָגט: צוויי שבועות[12] זיינען דאָ פאַראַן, איינע פאַר ישראל און איינע פאַר די אומות פון דער וועלט. ער האָט באַשוואָרן[12א] ישראל, אַז זיי זאָלן ניט ווידערשפעניקן דעם יאָך פון מלכות,[13] און ער האָט באַשוואָרן

---

ווי ווייטער. [12] ווייל דער פסוק נוצט אַ צווייפאַכן אויסדרוק: אויב איר וועט אויפוועקן און אויב איר וועט אויפרירן. [12א] געביטן (דאָ און ווייטער) נשבע, ער האָט געשוואָרן, אויף השביע, ער האָט באַשוואָרן, און אַזוי איז דער נוסח אין כתובות קיא, א. [13] דעם בעל המדרש זיינען געווען גוט באַקאַנט די גרויזאַמע שחיטות וואָס יידן זיינען אויסגע־

די מלכותן, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן שווער דעם יאָך אויף ישראל; וואָרום אויב זיי וועלן מאַכן שווער דעם יאָך אויף ישראל, וועלן זיי גורם זיין, אַז דער קץ[14] זאָל קומען פאַר דער צייט.[15] ר׳ לוי האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (ישעיה לב, א): הן — זע, מיט רעכטפאַרטיקייט וועט קיניגן אַ קיניג, — הקדוש ברוך הוא שטעלט ניט אויף אַ מלך אַ רשע איבער זיין אומה, סיידן ווען ער דאַרף אויפמאָנען איר חוב[16] און ער פאַרענדיקט עס צוערשט.[17] ר׳ אבהו האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ תנחום: וואָס האָבן די אויפזעערס פון ישראל געזאָגט צו פרעהן? דאָס שטייט אין פסוק (שמות ה, טז): תבן — קיין שטרוי ווערט ניט געגעבן צו דיינע קנעכט — — — און דו זינדיקסט צו דיין פאָלק,[18] — דו זינדיקסט צו דיין פאָלק און דו זינדיקסט צו דיין אומה,[19] און זיך אַליין ביסטו גורם, אַז ס׳מלכות זאָל אָפּגענומען ווערן פון דיר און אָפּגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער אומה.

ר׳ חלבו זאָגט: פיר שבועות זיינען דאָ פאַראַן.[20] ער האָט באַשוואָרן ישראל, אַז זיי זאָלן ניט ווידערשפּעניקן דעם יאָך פון מלכות, און זיי זאָלן ניט דוחק זיין דעם קץ,[21] און זיי זאָלן ניט אַנטפּלעקן זייערע סודות פאַר די אומות פון דער וועלט,[22] און זיי זאָלן ניט עולה זיין פון גלות מיט כוח.[23] [וואָרום] אויב יאָ, נאָך וואָס דאַרף משיח קומען אויפצוזאַמלען די פאַרטריבענע פון ישראל?

ר׳ אוניא האָט געזאָגט: פיר שבועות האָט ער זיי באַשוואָרן, קעגן די פיר דורות וואָס האָבן דוחק געווען דעם קץ און זיינען נכשל געוואָרן, און דאָס זיינען זיי: איינער אין די טעג פון עמרמען,[24] און איינער אין די טעג פון דיניי,[25] און איינער אין די טעג פון בן כוזבא,[26] און איינער אין די טעג

שטאַנען איבער די אָפּטע אויפשטאַנדן קעגן דער רוימישער מאַכט. [14] סוף — דער סוף פון גלות, דאָס קומען פון משיחן. [15] ווייל דאָס מידת הרחמים וועט זיך איינשטעלן פאַר ישראל. [16] נעמען געצאָלט פאַר דער אומהס זינד. [17] פאַרענדיקט צוערשט אַ שטראָף, און ערשט דאַן קומט דער מלך וואָס קיניגט מיט רעכטפאַרטיקייט, דער מלך המשיח. [18] לויטן דרש (זע רשי אויף דעם פסוק). [19] דיין פאָלק איז ישראל, דיין אומה — די מצרים, די באַצווינגערס פון ישראל (מתנות כהונה). [20] אונדזער פסוק (ז) ווערט פינקטלעך איבערגעחזרט אין שיר השירים נאָך אַ מאָל (ג, ה), מיינט עס פיר שבועות (זע אויבן, באַמ. 12). [21] ניט פּרואוון ברענגען משיחן פאַר דער צייט. [22] אונטער סודות ווערט דאָ פאַרשטאַנען די תורה שבעל פה, וואָס איז געגעבן געוואָרן מינדלעך מיט דער כוונה, אַז די אומות העולם זאָלן צו איר קיין צוטריט ניט האָבן, און זי וועט אַזוי אַרום אָפּזונדערן ישראל פון דער וועלט (פאַרגלייך שמות רבה מז, א; תנחומא תשא, לד). [23] „חומה", ווי אַ מויער, שטאַרק און געאייניקט. [24] אפשר ווערט מיט דעם געמיינט דאָס וואָס די גמרא (סוטה יב, א) דערציילט, אַז ווען עמרם האָט געהערט פון פרעהס גזרה צו וואַרפן יעדעס ניי־געבוירן ייִנגל אין וואַסער, האָט ער געזאָגט: „צו וואָס זאָלן מיר זיך באַמיען צו האָבן קינדער?" און ער האָט אָפּגעגט יוכבדן, — משמעות מיט דער כוונה דורך דעם דוחק צו זיין דעם קץ (רד"ל, השמטות). [25] אַ זעלאָטן פירער אין דער צייט פון דעם פּראָקוראַטאָר קומאַנוס; ער האָט גענומען נקמה פון די שומרונים, פאַר דעם וואָס זיי האָבן געהרגעט אַ צאָל עולי רגל פון גליל. קומאַנוס איז דאַן באַפאַלן די יידן און דורכגעפירט אַ שחיטה אויף זיי (יוסיפוס, אַלטערטימלעכקייטן 20, 6; פאַרגלייך אויך משנה סוטה ט, ט; ספרי שופטים, רה). [26] בר־כוכבא, וואָס ר׳ עקיבא האָט אים דער־

(ונשבע) [והשביע] למלכיות, שלא יקשו עול על ישראל; שאם מקשים עול על ישראל, הן גורמין לקץ לבא שלא בעונתו. א"ר לוי: כתיב (ישעיה לב): הן לצדק ימלך מלך, — אין הקב"ה מעמיד מלך חנף על אומתו, עד שגובה דיקי שלה וגומרה תחילה. ר' אבהו בשם ר' תנחום אמר: מה שוטרי ישראל אומרין לפרעה? הה"ד (שמות ה): תבן אין נתן לעבדיך — — — וחטאת עמך, — את חטי על עמך ואת חטי על אומתך, ואת גורם לעצמך שתסתלק המלכות ממך ותנתן לאומה אחרת.

ר' חלבו אומר: ארבע שבועות יש כאן. השביע לישראל, שלא ימרדו על המלכיות, ושלא ידחקו על הקץ, ושלא יגלו מסטירין שלהם לאומות העולם, ושלא יעלו חומה מן הגולה. אם כן, למה מלך המשיח בא לקבץ גליותיהן של ישראל?

ר' אוניא אמר: ד' שבועות השביען, כנגד ד' דורות, שדחקו על הקץ ונכשלו, ואלו הן: אחד בימי עמרם, ואחד בימי דיניי, אחד בימי בן כוזבא, ואחד בימי שותלח בן אפרים; הה"ד (תהלים עח): בני אפרים נושקי רומי קשת. ויש אומרים: אחד בימי עמרם, ואחד בדורו של שמד, ואחד בימי בן כוזבא, ואחד בימי שותלח בן אפרים, שנאמר: בני אפרים נושקי רומי קשת. והן היו מחשבין בשעה שנתגזרה גזרה, כשדבר הקב"ה עם אברהם אבינו בין הבתרים; ומשנולד יצחק התחיל. מה עשו? נתקבצו ויצאו

---

פון שותלח בן אפרים, וואָס אין פּסוק שטייט (תהלים עח, ט): בני אפרים — די קינדער פון אפרים, באַוואָפנטע בויגן־שיסער.[27] און אַנדערע זאָגן: איינער אין די טעג פון עמרמען, און איינער אין דור פון שמד,[28] און איינער אין די טעג פון בן־כוזבא, און איינער אין די טעג פון שותלח בן אפרים, וואָס דער פּסוק זאָגט: די קינדער פון אפרים, באַוואָפנטע בויגן־שיסערס. און זיי האָבן גערעכנט[29] פון דער צייט ווען די גזרה איז אַרויס, ווען הקדוש ברוך הוא האָט גערעדט מיט אברהם אבינו צווישן די שטיקער;[30] אָבער ערשט ווען יצחק איז געבוירן געוואָרן האָט זיך עס אָנגעהויבן.[31] וואָס האָבן זיי געטאָן?

---

קלערט ווי דער משיח (איכה רבה ב, ד). [27] פאַרגלייך דברי הימים א, ז, כ—כא: און די קינדער פון אפרים: שותלח און ברד — — — און די מענטשן פון גת — — — האָבן זיי געהרגעט, ווייל זיי האָבן געניִדערט אַוועקצונעמען זייערע פי. אויף דעם דאָזיקן פּסוק איז געבויט די אגדה, אַז די בני אפרים האָבן דוחק געווען דעם קץ און זיינען אַרויס פון מצרים פאַר דער צייט (זע סנהדרין צב, ב; מכילתא בשלח, פּתיחתא; שמות רבה כ, יא; תרגום יונתן, שמות יג, יז). [28] וואַרשיינלעך די שחיטות פון טראַיאַנוסן (זע אויבן, באַמ. 9), ווייל אַדריאַנוסעס גזרות זיינען נכלל אין „די טעג פון בן־כוזבא." [29] די פיר הונדערט יאָר וואָס ס'איז נגזר געוואָרן אויף ישראל צו זיין אין גלות מצרים (בראשית

זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן און זיינען אַרויס אויף מלחמה, און עס זיינען געפאַלן פון זיי אַ סך געהרגעטע. פאַרוואָס? (דאָרט, פסוק כב) ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט[32] אין גאָט און זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיין הילף, — ווייל זיי האָבן עובר געווען אויפן פאַרבאָט פון דוחק זיין דעם קץ און האָבן עובר געווען אויף דער שבועה.

אם — אויב איר וועט אויפוועקן און אויב איר וועט אויפרירן [די ליבשאַפט]. — ר׳ יודן און ר׳ ברכיה. ר׳ יודן האָט געזאָגט: דאָס איז די ליבשאַפט וואָס יצחק האָט ליב געהאַט עשון, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כה, כח): ויאהב — און יצחק האָט ליב געהאַט עשון. וואָס־זשע מיינט: ביז זי וועט עס באַגערן? ביז דער באַגער פונעם אַלטן וועט געטאָן ווערן.[33] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דאָס איז די ליבשאַפט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט ליב געהאַט ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי א, ב): אהבתי — איך האָב אייך ליב, זאָגט גאָט. וואָס־זשע מיינט: ביז עס[34] וועט עס באַגערן? דאָס איז דאָס מלכות פון אויבן: ווען דאָס מידת הדין אַליין וועט עס וועלן, וועל איך עכּ ברענגען מיט קולי קולות, און וועל זיך מער ניט צוריקהאַלטן; דעריבער זאָגט דער פסוק: ביז עס וועט עס באַגערן.

## צווייטער סדר[1]

### יט

(ח) קול — דאָס קול פון מיין געליבטן! אָן קומט ער, — ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן. ר׳ יהודה זאָגט: דאָס קול פון מיין געליבטן! אָן קומט ער, דאָס איז משה. בשעת ער איז געקומען און געזאָגט צו ישראל: „אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט,״ האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, ווי קאָנען מיר אויסגעלייזט ווערן, אַז הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו אברהמען (בראשית טו, יג): ועבדום — און מע וועט זיי פאַרקנעכטן און מע וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר, און ביז היינט האָבן מיר ניט מער ווי צוויי הונדערט און צען יאָר.״[2] האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווי באַלד ער באַגערט אייער אויסלייזונג, קוקט ער ניט אויף אייערע אויסרעכענונגען, נייערט ער היפּט איבער די בערג״ — און די „בערג״ און „הייכן״ וואָס ווערן דאָ דערמאָנט זיינען ניט אַנדערש, נייערט קצן און צייט־אָפּשניטן: ער היפּט איבער די אויסרעכענונגען און איבער די קצן און צייט־אָפּשניטן, „און אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט,״ ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, ב):

טו, יג). [30] דאָרט. [31] בשעתן „בונד צווישן די שטיקער״ איז אברהם אַלט געווען זיבעציק יאָר (סדר עולם א), און יצחק איז געבוירן געוואָרן ערשט אין דרייסיק יאָר אַרום (בראשית כא, ה), און דאָס איז געווען דער טעות פון די בני אפרים וואָס האָבן געפּרוּווט אַרויסגיין פון מצרים דרייסיק יאָר פאַר דער צייט. [32] שלא, אַנשטאָט דעם כי לא פונעם פסוק. [33] ביז עס וועט אינגאַנצן מקוים ווערן די ברכה וואָס יצחק האָט געבענטשט עשון אויס ליבשאַפט צו אים, און דאַן וועט קומען די גאולה פאַר ישראל. [34] לויטן דרש, אַז מיט דעם ווערט געמיינט דאָס מידת הדין.

למלחמה, ונפלו מהן חללים הרבה. מפני מה? (שם) שלא האמינו בה׳ ולא בטחו בישועתו, — על שעברו על הקץ ועברו על השבועה.

אם תעירו ואם תעוררו [את האהבה], ר׳ יודן ור׳ ברכיה. ר׳ יודן אמר; אהבה שאהב יצחק את עשו, שנאמר (בראשית כה): ויאהב יצחק את עשו. מהו עד שתחפץ? עד שנעשה חפצו של זקן. ר׳ ברכיה אמר: אהבה שאהב הקב״ה לישראל, שנאמר (מלאכי א): אהבתי אתכם, אמר ה׳. מהו עד שתחפץ? מלכות של מעלן: לכשתחפוץ מדת הדין מאליה, אני הוא מביאה בקולי קולות, ולא אתעכב; לכך נאמר: עד שתחפץ.

## סדרא תניינא

### יט

(ח) קול דודי הנה זה בא, — ר׳ יהודה ור׳ נחמיה ורבנן. ר׳ יהודה אומר: קול דודי הנה זה בא, זה משה. בשעה שבא ואמר לישראל: „בחדש זה אתם נגאלין,״ אמרו לו: „משה רבינו, היאך אנו נגאלין, והלא אמר הקב״ה לאברהם (בראשית טו): ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, ועדיין אין בידינו אלא מאתים ועשר שנה.״ אמר להם: „הואיל והוא חפץ בגאולתכם, אינו מביט בחשבונותיכם אלא מדלג על ההרים״ — אין הרים וגבעות האמורין כאן, אלא קצים ועיבורין: מדלג על החשבונות ועל הקצים ועיבורין — „ובחדש הזה אתם נגאלין,״ שנאמר (שמות יב): החדש הזה לכם ראש חדשים.

ר׳ נחמיה אמר: קול דודי הנה זה בא, זה משה. בשעה שאמר לישראל: „בחדש הזה אתם נגאלין,״ אמרו לו: „משה רבינו,

---

החדש הזה — דער דאָזיקער חודש איז פאַר אייך דער אָנהייב פון חדשים.[3]

ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: דאָס קול פון מיין געליבטן! אָן קומט ער, דאָס איז משה. בשעת ער האָט געזאָגט צו ישראל: „אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט,״ האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רביגו, ווי קאָנען מיר

---

יט. [1] לויט דער מסורה איז שיר השירים ניט איינגעטיילט אין סדרים. איז מעגלעך, אַז דער בעל המדרש האָט לויט זיין אייגענעם איינזען איינגעטיילט זיין ספר אין אַ צאָל סדרים (זיכער מער ווי צוויי, אַניט איז די איינטיילונג אויסער יעדער פּראָפּאָרציע), און דורך אַ פאַרזען פון איבערשרייבערס איז די דאָזיקע באַצייכענונג די איינציקע וואָס איז געבליבן. [2] זע סדר עולם, ג, די חשבונות וועגן דעם. [3] ווען ישראל ווערט פריי און

אויסגעלייזט ווערן, אַז מיר פאַרמאָגן ניט קיין מעשים טובים."[4] האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווי באַלד ער באַגערט אייער אויסלייזונג, קוקט ער ניט אויף אייערע שלעכטע מעשים; און אויף וועמען קוקט ער יאָ? אויף די צדיקים וואָס צווישן אייך און אויף זייערע מעשים, אַ שטייגער עמרם און זיין בית־דין," — ער היפּט איבער די בערג און שפּרינגט איבער די הייכן — און בערג מיינען ניט אַנדערש, נייערט די בתי דין, ווי דער פּסוק זאָגט (שופטים יא, לז): ואלכה — און איך וועל גיין און וועל נידערן איבער די בערג[5] — „און אין דעם חודש וועט איר אויסגעלייזט ווערן," ווי דער פּסוק זאָגט: דער דאָזיקער חודש איז פאַר אייך דער אָנהייב פון חדשים.

די רבנן זאָגן: דאָס קול פון מיין געליבטן! אָן קומט ער, דאָס איז משה, בשעת ער איז געקומען און געזאָגט צו ישראל: „אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט," האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, ווי קאָנען מיר אויסגעלייזט ווערן, אַז גאַנץ מצרים איז פאַרטינופט מיט אונדזער עבודה זרה"?[6] האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווי באַלד ער באַגערט אייער אויסלייזונג, קוקט ער ניט אויף אייער עבודה זרה, נייערט ער היפּט איבער די בערג" — און „בערג" מיינט ניט עפּעס אַנדערש, נייערט עבודה זרה, ווי דער פּסוק זאָגט (הושע ד, יג): על—אויף די שפּיצן בערג שלאַכטן זיי און אויף די הייכן רייכערן זיי — „און אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט," ווי דער פּסוק זאָגט: דער דאָזיקער חודש איז פאַר אייך דער אָנהייב פון חדשים.

ר' יודן און ר' נחוניא — ר' יודן אין נאָמען פון ר' אליעזר דעם זון פון ר' יוסי הגלילי און ר' נחוניא אין נאָמען פון ר' אליעזר בן יעקב: דאָס קול פון מיין געליבטן! אָן קומט ער, דאָס איז דער מלך המשיח. בשעת ער וועט זאָגן צו ישראל: „אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט",[7] וועלן זיי אים זאָגן: „ווי קאָנען מיר אויסגעלייזט ווערן, — צי האָט ניט הקדוש ברוך הוא לאַנג שוין געשוואָרן, אַז ער וועט אונדז [צוערשט] פאַרקנעכטן צו זיבעציק אומות?" וועט ער זיי געבן צוויי תשובות, אַזוי צו זאָגן: „אַז איינער פון אייך איז פאַרטריבן קיין באַרבאַריע און איינער קיין סאַמאַטריע,[8] איז עס גלייך ווי איר אַלע וואָלט געווען פאַרטריבן. און ניט דאָס אַליין, נייערט דאָס דאָזיקע מלכות[9] שרייבט אויס זעלנערס פון דער גאַנצער וועלט, פון איטלעכער אומה; איז אויב איינער אַ כותי,[10] אָדער אַ באַרבאַריער, קומט און פאַרקנעכט אייך, איז עס גלייך ווי די גאַנצע אומה זייערע וואָלט אייך פאַרקנעכט,[11] און ווי איר וואָלט פאַרקנעכט געוואָרן צו אַלע זיבעציק אומות, און אין דעם דאָזיקן חודש ווערט איר אויסגעלייזט." דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: דער דאָזיקער חודש איז פאַר אייך דער אָנהייב פון חדשים.

---

קאָן אָנהייבן זיין אייגענע צייטרעכענונג. [4] ווען יוסף איז געשטאָרבן האָבן די בני ישראל פאַרשטערט די מצווה פון מילה; זיי האָבן געזאָגט: „לאָמיר זיין ווי די מצרים" (שמות רבה א, ח). [5] זע תנחומא בחוקותי, ה: על ההרים מיינט די סנהדרין: יפתחס טאָכטער איז געגאַנגען צו די חכמים, זיי זאָלן געפינען אַ היתר אויף איר פאָטערס נדר. זע אויך שמות רבה טו, ד. [6] זע יחזקאל כ, ז—ח. [7] זע ראש השנה יא, א: ר' יהושע זאָגט: — — — אום ניסן זיינען זיי אויסגעלייזט געוואָרן (פון מצרים) און אום ניסן זיינען זיי אָנגעברייט אויסגעלייזט צו ווערן (דורך משיחן). זע אויך מכילתא בא, יד. [8] סאַר־

היאך אנו נגאלין, והלא אין בידינו מעשים טובים." אמר להם: „הואיל וחפץ בגאולתכם, אינו מביט במעשיכם הרעים; ובמי הוא מביט? בצדיקים שבכם ובמעשיהם, כגון עמרם ובית דינו" — מדלג על ההרים, מקפץ על הגבעות, אין „הרים," אלא בתי דינים, המד"א (שופטים יא): ואלכה וירדתי על ההרים — „ובחדש הזה אתם נגאלין," שנאמר החדש הזה לכם ראש חדשים.

רבנן אמרי: קול דודי! הנה זה בא, זה משה. בשעה שבא ואמר לישראל: „בחדש הזה אתם נגאלין," אמרו לו: „משה רבינו, היאך אנו נגאלין, וכל מצרים מטונפת מעבודה זרה שלנו." אמר להם: „הואיל והוא חפץ בגאולתכם, אינו מביט בעבודה זרה שלכם, אלא מדלג על ההרים" — ואין „הרים" אלא עבודה זרה, המד"א (הושע ד): על ראשי ההרים יזבחו ועל הגבעות יקטרו — „ובחדש הזה אתם נגאלין," שנאמר: החדש הזה לכם ראש חדשים.

ר' יודן ור' נחוניא — ר' יודן בשם ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי ור' חוניא בשם ר' אליעזר בן יעקב אומר: קול דודי הנה זה בא, זה מלך המשיח. בשעה שהוא אומר לישראל: „בחדש הזה אתם נגאלין," אומרים לו: „היאך אנו נגאלין, ולא כבר נשבע הקב"ה, שהוא משעבדנו בע' אומות?" והוא משיבן שתי תשובות ואומר להם: „אחד מכם גולה לברבריה ואחד לסמטריה, דומה כמו שגליתם כולכם. ולא עוד, אלא שהמלכות הזאת מכתבת טירונייא מכל העולם, מכל אומה ואומה: כותי אחד, או ברברי אחד בא ומשעבד בכם, כגון (ששעבדתם) [ששעבדו] בכם כל אומתם וכאילו נשתעבדתם בשבעים אומות, ובחדש הזה אתם נגאלין." הה"ד: החדש הזה לכם ראש חדשים.

כ

(ט) דומה דודי לצבי. אמר ר' יצחק: אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! אתה אומר לנו: 'דיו, דיו'

---

כ

(ט) דומה דודי — מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש. ר' יצחק האָט געזאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של

---

מאַטיע, צווישן דער ווייסל און דער וואָלגאַ (יאַסטראַוו). אין פסיקתא רבתי איז דער נוסח לבריטניה, און באבער (פסיקתא דרב כהנא, פרשת החודש) שלאָגט פאָר צו לייענען ומוריטניה, וואָס איז אין שכנות מיט באַרבאַריע (ביידע אין צפון אַפריקע), און די צווײ

עולם! דו זאָגסט אונדז: „איילט זיך, איילט זיך", אָבער דו איילסט זיך צוערשט צו אונדז,"[1] [ווי דער פּסוק זאָגט:] מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש, — אַזוי ווי דער דאָזיקער הירש היפּט פון באַרג צו באַרג און פון טאָל צו טאָל, פון בוים צו בוים און פון שטרויך צו שטרויך[2] און פון פּלויט צו פּלויט, אַזוי איז הקדוש ברוך הוא געשפּרונגען פון מצרים צום ים און פון ים צום סיני און פון סיני צו [דער גאולה פון] לעתיד לבוא. אין מצרים האָבן זיי אים געזען, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות יב, יב): ועברתי — און איך וועל דורכגיין דורכן לאַנד מצרים. ביים ים האָבן זיי אים געזען, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט יד, לא): וירא—און ישראל האָט געזען די גרויסע האַנט — — —. (דאָרט טו, ב) זה — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען. ביים סיני האָבן זיי אים געזען, ווי אין פּסוק שטייט (דברים ה, ד): פּנים צו פּנים האָט גאָט גערעדט מיט אייך אויפן באַרג. און עס שטייט געשריבן (דאָרט לג, ב): ה׳ — גאָט איז געקומען פון סיני.[3] — אָדער צו אַ יונגן הינד, — ר׳ יוסי בר חנינא האָט געזאָגט: צו די יונגע פון די הינדן.[4] אָן שטייט ער הינטער אונדזער וואַנט, הינטער דער וואַנט פון באַרג סיני; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות יט, ב): כי — וואָרום אויפן דריטן טאָג וועט גאָט אַראָפּנידערן. —ער קוקט דורך די פענצטער: (דאָרט פּסוק כ) וירד ה׳ — און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני. — ער בליקט דורך די שפּאַרעס: (דאָרט כ, א) וידבר אלהים — און גאָט האָט גערעדט די דאָזיקע אַלע ווערטער. — (י) ענה — האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, — וואָס האָט ער געזאָגט צו מיר? (דאָרט, דאָרט, ב) אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט.

## כא

אַן אַנדער פּשט: מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! דו זאָגסט צו אונדז: ׳איילט זיך, איילט זיך׳ — אָבער דו איילסט זיך צוערשט צו אונדז: מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש, — אַזוי ווי דער דאָזיקער הירש היפּט פון באַרג צו באַרג, פון טאָל צו טאָל, פון בוים צו בוים, פון שטרויך צו שטרויך, פון פּלויט צו פּלויט, אַזוי שפּרינגט הקדוש ברוך הוא פון איין שול צו אַן אַנדערער, פון איין בית מדרש צו אַן אַנדערן; און צו וואָס דאָס אַלץ? כדי צו בענטשן ישראל. און אין וועמעס זכות? אין זכות פון אברהמען; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (בראשית יח, א): וירא — און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים ביי די אייכנביימער פון ממרא. ר׳ ברכיה אין

---

ווערן פון די חז״ל אָפּט דערמאָנט צוזאַמען. [9] רוים. [10] אַ שומרוני. [11] עמענדירט לויטן זין פון דער מימרא.

כ. [1] די ווערטער דיו, דיו (איילט זיך) זיינען אַן אָנשפּיל אויף די צוויי טראָפּן פון דודי. — אונדזער אויסטייטש פונעם טעקסט שטיצט זיך אויף במדבר רבה יא, ב: „אין, את אתא לגבן תחלה" (יאָ, דו קומסט צו אונדז צוערשט). די ווערטער אין קלאַמערן (אין טעקסט) זיינען אַ צוגאָב דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער. [2] „סוכה", ווי „שוכה", מיט אַ „לינקער" שין. [3] „פון סיני" וועט גאָט קומען און ברענגען די לעצטע גאולה.
[4] די דאָזיקע איבערחזרונג איז אַן אַראַמישע איבערזעצונג פון דער פּראָזע.

(פירוש: דיאו), דיאו, — דיאו, את לגבן תחלה": דומה דודי לצבי, — מה צבי זה מדלג מהר להר ומבקעה לבקעה, מאילן לאילן ומסוכה לסוכה ומגדר לגדר, כך הקב"ה קפץ ממצרים לים ומים לסיני ומסיני לעתיד. במצרים ראו אותו, שנאמר (שמות יב): ועברתי בארץ מצרים. בים ראו אותו, שנאמר (שם יד): וירא ישראל את היד הגדולה, וגו'; (שם טו) זה אלי ואנוהו. בסיני ראו אותו, דכתיב (דברים ה): פנים בפנים דבר ה' עמכם בהר. וכתיב (שם לג): ה' מסיני בא. -- או לעופר האילים, — ר' יוסי בר חנינא אמר: לאורזליהון דאיילתא. הנה זה עומד אחר כתלנו, אחר כתלנו של סיני; הה"ד (שמות יט): כי ביום השלישי ירד ה'. — משגיח מן החלונות: (שם) וירד ה' על הר סיני. — מציץ מן החרכים: (שם כ) וידבר אלהים את כל הדברים האלה. — (י) ענה דודי ואמר לי, — מה אמר לי? (שם) אנכי ה' אלהיך.

כא

ד"א: דומה דודי לצבי, — אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה: „רבוש"ע! את אמרת לי: 'דיו, דיו, — דיאו, דיאו את לגבן תחלה." דומה דודי לצבי, — מה צבי זה מדלג מהר להר, מבקעה לבקעה, מאילן לאילן, מסוכה לסוכה, מגדר לגדר, כך הקב"ה מקפץ מבית הכנסת זה לבית הכנסת זה, מבית מדרש זה לבית מדרש זה; וכל כך למה? כדי לברך ישראל. ובאיזו זכות? בזכותו של אברהם; הה"ד (בראשית יח): וירא אליו ה' באלוני ממרא. ר' ברכיה בשם ר' לוי: יושב — ישב כתיב: בא אברהם לעמוד, א"ל הקב"ה: „שב, אברהם, את סימן לבניך, — מה את יושב ואני עומד, כך יהיו בניך, בשעה שיכנסו לבית הכנסת ובית המדרש וקורין קריאת שמע, הם יושבין וכבודי עומד ביניהם." מה טעמא? (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל.

---

נאָמען פון ר' לוין: [דאָס וואָרט] יושב, ער זיצט, איז געשריבן ישב,[1] ער איז געזעסן: אברהם האָט געוואָלט אויפשטיין, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „זיץ, אברהם. דו וועסט זיין אַ סימן פאַר דיינע קינדער, — אַזוי ווי דו זיצסט און איך שטיי, אַזוי אויך דיינע קינדער, בשעת זיי וועלן אַריינקומען אין שול און אין בית מדרש און וועלן לייענען קריאת שמע, וועלן זיי זיצן און מיין כבוד וועט שטיין צווישן זיי." פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? (תהלים

---

כא. [1] אין יענעם פסוק שטייט ווייטער: והוא יושב, און ער (אברהם) זיצט; אָבער יושב איז געשריבן פעליק, אָן אַ וו, קאָן זיך עס לייענען ווי אַן עבר, ער איז געזעסן, —

פב, א): אלהים — גאָט שטייט אין דער עדה פון גאָט. ר׳ חגי האָט געזאָגט פון ר׳ יצחקס וועגן: דאָ שטייט ניט „אלהים עומד,״ גאָט שטייט, נייערט נצב, — וואָס מיינט נצב? שטיין גרייט; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (שמות לד, ב): ונצבת לי — און זאָלסט מיר דאָרט שטיין גרייט אויפן שפּיץ באַרג, און נאָך שטייט געשריבן (ישעיה סה, כד): והיה — און עס וועט זיין, איידער זיי וועלן רופן, וועל איך ענטפערן.[2] ר׳ שמואל פון ר׳ חנינאס וועגן: ביי איטלעך לויב געזאַנג, וואָס ישראל לויבט הקדוש ברוך הוא, זיצט הקדוש ברוך הוא צווישן זיי; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (תהלים כב, ד): ואתה — און דו ביסט הייליק, זיצסט ביי[3] די לויבגעזאַנגען פון ישראל.

אָדער צו אַ יונגן הינד, — ר׳ יוסי בר׳ חנינא: צו די יונגע פון די הינדן. אָן שטייט ער הינטער אונדזער וואַנט, הינטער די ווענט פון די שולן און בתי מדרשים. ער קוקט דורך די פענצטער, פון צווישן די אַקסלען פון די כוהנים.[4] ער בליקט דורך די שפּאַרעס, פון צווישן די פינגער פון די כוהנים.[5] האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, — וואָס האָט ער געזאָגט צו מיר? (במדבר ו, כד): יברכך ה׳ — זאָל דיך גאָט בענטשן און דיך היטן.

## כב

אָן אַנדער פּשט: מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש, — די כנסת ישראל האָט געזאָגט צו הקדוש ברוך הוא: דו זאָגסט צו אונדז: ׳איילט זיך, איילט זיך׳, אָבער דו איילסט זיך צוערשט צו אונדז.״[1] מיין געליבטער איז געגליכן צו אַ הירש, — אַזוי ווי דער דאָזיקער הירש באַוויזט זיך און ווערט ווידער פאַרהוילן, באַווייזט זיך און ווערט ווידער פאַרהוילן, אַזוי אויך איז דער ערשטער אויסלייזער,[2] ער באַווייזט זיך און ווערט פאַרהוילן און באַ־ווייזט זיך ווידער. און ווי לאַנג איז ער געווען פאַרהוילן פון זיי? ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: דריי חדשים; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות ה, כ): ויפגעו — און זיי האָבן באַגעגנט משהן און אהרנען.[3] (יהודה דער זון פון רבי — — —[4] האָט געזאָגט: אויף באַשטימטע צייטן.)[5] [ר׳ ברכיה האָט געזאָגט פון ר׳ לויס וועגן: אַזוי ווי דער ערשטער אויסלייזער[5א]] אַזוי אויך וועט דער לעצטער אויסלייזער[6] זיך באַווייזן און ווידער פאַרהוילן ווערן פון זיי. און ווי לאַנג וועט ער פאַרהוילן זיין פון זיי? פינף און פערציק טעג; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דניאל יב, יא): ומעת — און פון דער צייט וואָס דער קרבן תמיד וועט אָפּגעטאָן ווערן, און מע וועט אַריינטאָן די וויסטע פאַרזעעניש — טויזנט צוויי הונדערט און ניינציק טעג, און ווייטער שטייט (פּסוק יב): אשרי וואויל איז דעם וואָס וואַרט און וועט דערגרייכן צו טויזנט דריי הונדערט און פינף און דרייסיק טעג, — וואָס זיינען די דאָזיקע איבעריקע [טעג]? ר׳ יוחנן[7] בן קצרתא האָט פון ר׳ יונהס וועגן געזאָגט: דאָס זיינען די פינף און

ער איז געבליבן זיצן אויך נאָך דעם ווי גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן. [2] מיינט עס, אַז בביכול שטייט גרייט און וואַרט אויף ישראלס תפילות. [3] לויטן דרש. [4] ביים דוכנען.
[5] וואָס זיינען אויסגעשפּרייט ביים דוכנען.

**ר' חגי בשם ר' יצחק אמר: „אלהים עומד" אין כתיב, אלא נצב, — מהו „נצב"? איטימוס; המד"א** (שמות לד): ונצבת לי שם על ראש ההר, **וכתיב** (ישעיה סה): והיה טרם יקראו, ואני אענה. **ר' שמואל משום ר' חנינא: כל קילוס וקילוס שישראל מקלסין להקב"ה, הקב"ה יושב ביניהם; הה"ד** (תהלים כב): ואתה קדוש, יושב תהלות ישראל.

או לעופר האילים, — **ר' יוסי בר' חנינא: לאורזליהון דאיילתא.** הנה זה עומד אחר כתלנו, **אחר כתלי בתי כנסיות ובתי מדרשות.** משגיח מן החלונות, **מבין כתפיהם של כהנים.** מציץ מן החרכים, **מבין אצבעותיהם של כהנים.** ענה דודי אמר לי, — **מה אמר לי?** (במדבר ו) יברכך ה' וישמרך.

כב

**ד"א:** דומה דודי לצבי, — **אמרה כנסת ישראל להקב"ה: „את אמר לן: 'דיו, דיו', — את דיאו, דיאו לגבן תחלה."** דומה דודי לצבי, — **מה צבי זה נראה וחוזר ונכסה, נראה וחוזר ונכסה, כך גואל הראשון נראה ונכסה וחוזר ונראה. וכמה נכסה מהם? ר' תנחומא אמר: שלשה חדשים; הה"ד** (שמות ה): ויפגעו את משה ואת אהרן. **(יהודה ברבי — — — אמר: לקירסין) [ר' ברכיה בשם ר' לוי אמר: כגואל הראשון] כך גואל האחרון נגלה להם וחוזר ונכסה מהן. וכמה נכסה מהן? ארבעים וחמשה ימים; הה"ד** (דניאל יב): ומעת הוסר התמיד ולתת שקוץ שומם ימים אלף מאתים ותשעים, **וכתיב** (שם): אשרי המחכה ויגיע לימים אלף שלש מאות שלשים וחמשה, — **איליז יתיריא מאן אינון? ר' יוחנן בן קצרתה בשם ר' יונה אמר: אלו מ"ה יום שהוא נכסה**

---

**פערציק טעג, וואָס ער וועט זיין פאַרהוילן פון זיי, און אין יענע טעג וועט**

---

כב. [1] זע באַמ. 1 סימן כ. [2] משה רבנו. [3] דאָס וואָס עס ווערט דערציילט פאַר דעם אין דער זעלבער פרשה (פרעהס גזרה שווערער צו מאַכן די אַרבעט, דאָס קלאָגן זיך פון די שוטרים און פרעהס ענטפער) האָט געמוזט פאָרקומען אין אַ לענגערן צייט אָפּשניט; נעמט דער בעל המדרש אָן, אַז עס זיינען אַריבער ניט ווייניקער ווי דריי חדשים (אין שמות רבה ה, יט, איז דער נוסח זעקס חדשים; זע דאָרט מהרז"ו). [4] דאָ פעלט דעם פאָטערס נאָמען: רבי (ר' יהודה הנשיא) האָט ניט געהאַט קיין זון מיט דעם נאָמען (אגב, איז דאָך רבים אייגענער נאָמען געווען יהודה). [5] מיר האָבן די פראַזע געשטעלט אין קלאַמערן, ווייל זי האָט דאָ אין גאַנצן קיין זין ניט. מעגלעך, אַז עפּעס איז דאָ אַרויסגעפאַלן. [5א] צוגעגעבן לויט במדבר רבה יא, ב. [6] משיח. [7] אין רות רבה ה, ו —

**ישראל רייסן זאַלץ־קרייטעכצער און וואָרצלען פון בעזעם־ביימלעך און עסן;**[8] **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (איוב ל, ד): הקוטפים — די וואָס רייסן זאַלץ־קרייטעכצער פון די שטרויכן, און וואָרצלען פון בעזעם־ביימלעך איז זייער ברויט. **און וואוהין וועט ער זיי פירן? איינער זאָגט: צום מדבר יהודה,**[9] **און איינער זאָגט: צום מדבר פון סיחון און עוג.**[10] **דער וואָס זאָגט צום מדבר יהודה, — דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (הושע יב, י): עוד אושיבך — ווידער וועל איך דיך לאָזן וואוינען אין געצעלטן ווי אין די טעג פון יום־טוב.[11] **און דער וואָס זאָגט: צום מדבר פון סיחון און עוג [דרינגט עס] פון דעם וואָס אין פסוק שטייט** (דאָרט ב, טז—יז): הנה — אָט וועל איך זי איבערעדן און זי אַוועקפירן אין מדבר, און רעדן צו איר האַרצן און איר אָפּגעבן אירע וויינגערטנער.[12] **און איטלעכער וואָס וועט אים גלייבן און אים נאָכגיין און וואַרטן, וועט בלייבן לעבן; אָבער דער וואָס וועט אים ניט גלייבן און וועט אַוועקגיין צו די אומות פון דער וועלט, וועלן זיי אים לסוף הרגענען. ר׳ יצחק בר מריון האָט געזאָגט: ביים סוף פון די פינף און פערציק טעג וועט ער זיך באַווייזן צו זיי, און ס׳איז ניטאָ גאָר קיין נייעס אונטער דער זון**[13] (קוהלת א, ט).

**(אַן אַנדער פשט:)**[14] אָדער צו אַ יונגן הינד, **צו די יונגע פון די הינדן**[15]. אָן שטייט ער הינטער אונדזער וואַנט, **הינטער דער מערב וואַנט פון בית המקדש; פאַרוואָס?** ווייל הקדוש ברוך הוא האָט אים געשוואָרן, אַז ער וועט קיין מאָל ניט חרוב ווערן,[16] **און אויך זיינען קיין מאָל ניט חרוב געוואָרן דער טויער פונעם כוהן און דער טויער פון חולדהן,**[17] **ביז הקדוש ברוך הוא וועט זיי ווידער באַנייען.** ער קוקט דורך די פענצטער, **דאָס איז דער זכות־אבות;** בליקט דורך די שפּאַרעס, **דאָס איז דער זכות־אימהות.** האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, — **וואָס האָט ער געזאָגט צו מיר?** דער דאָזיקער חודש איז פאַר אייך דער אָנהייב פון חדשים.[18]

---

ר׳ יצחק. [8] ווי אַ ניסיון, צי איז ישראל געטריי צו גאָט, ווי ווייטער. [9] צווישן ירושלים און דעם ים המלח. [10] אין עבר הירדן. [11] ווען ס׳פלעגן קומען מאַסן עולי רגל קיין ירושלים, און זייערע געצעלטן פלעגן זיך אויסשפּרייטן ביזן מדבר יהודה. [12] עס זאָל מיינען: צוריקגעבן ישראל דעם עבר הירדן, וואָס איז איינגענומען געוואָרן פון תיגלת פלאסר זעכצן יאָר פאַרן חורבן שומרון (מלכים ב, טו, כט). — אין רות רבה (ה, ו) ווערן די זעלבע פסוקים ציטירט פאַרקערט: אין שייכות מיט מדבר יהודה ווערט ציטירט יב, י: וויינגערטנער פּאַסט זיך גיכער פאַר מדבר יהודה; און די פסוקים ב, טז—יז ווערן ציטירט אין שייכות מיטן מדבר פון סיחון און עוג, און די ווערטער כימי מועד (וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעזעצט: ווי אין די טעג פון יום־טוב) דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן: ווי אין די טעג פון יענער צייט, די צייט פון נאָך יציאת מצרים, ווי עס רעדט זיך דאָרט פריער אין פסוק, און דאַן האָבן זיי גערוט אין עבר הירדן אין געצעלטן. [13] ביי דער לעצטער גאולה וועט אַלץ פּאַסירן ווי ביי דער ערשטער. [14] מיר האָבן די פראַזע געשטעלט אין קלאַמערן, ווייל דאָס ווייטערדיקע איז אַ דירעקטער המשך פונעם דרש, און ס׳באַציט זיך אויף משיחס צייטן. [15] זע סימן כ, באַמ. 4. [16] ווייל די שכינה איז אין מערב זייט (זע איכה רבה א, לא). [17] אין איכה רבה ווערן די צוויי טויערן ניט דערמאָנט. [18] זע סימן יט, באַמ. 3.

**מהם, ואותן הימים ישראל קוטפים מלוחים ושרשי רותם ואוכלין; הה"ד** (איוב ל): הקוטפים מלוח עלי שיח, ושרשי רתמים לחמם. **ולאיכן הוא מוליכן? מאן דאמר: למדבר יהודה, ומאן דאמר: למדבר סיחון ועוג. מאן דאמר למדבר יהודה, הה"ד** (הושע יב): עוד אושיבך באהלים כימי מועד. **ומאן דאמר למדבר סיחון ועוג, מדכתיב** (שם ב) הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדבר, ודברתי על לבה. ונתתי לה את כרמיה. **וכל מי שהוא מאמין לו והולך אחריו וממתין, הוא חיה; וכל שאין מאמין לו והולך לאומות העולם, בסוף הן הורגין אותו. א"ר יצחק בר מריון: לסוף מ"ה ימים נגלה להם ומוריד להם את המן,** ואין כל חדש תחת השמש (קוהלת א).

**(ד"א)** או לעופר האילים, **לאורזליהון דאיילתא.** הנה זה עומד אחר כתלנו, **אחר כותל מערבי של בית המקדש; למה? שנשבע לו הקב"ה, שאינו חרב לעולם, ושער הכהן ושער חולדה לא חרבו לעולם, עד שיחדשם הקב"ה.** משגיח מן החלונות, **זו זכות אבות;** מציץ מן החרכים, **זו זכות אמהות.** ענה דודי ואמר לי, — **מה אמר לי?** החדש הזה לכם ראש חדשים.

**כג**

**ד"א:** ענה דודי ואמר לי, — **ר' עזריה אמר: לא היא עניה ולא היא אמירה? אלא** ענה לי **על ידי משה,** ואמר לי **על ידי אהרן. ומה אמר לי:** קומי לך, רעיתי, יפתי: קומי לך — **זרוזי גרמיך.**

**ד"א:** קומי לך, **בתו של אברהם, דכתיב ביה** (בראשית יב): לך לך מארצך וממולדתך; — רעיתי, יפתי, **בתו של יצחק, שריעה**

---

**כג**

**אַן אַנדער פשט:** האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, — **ר' עזריה האָט געזאָגט: איז דען ניט „אָפּרופן זיך" דאָס זעלבע ווי „זאָגן"? נייערט ער האָט זיך מיר** אָפּגערופן **דורך משהן**[1] און האָט געזאָגט צו מיר **דורך אהרנען. און וואָס האָט ער געזאָגט צו מיר?** שטיי דיר אויף מיין געליבטע, מיין שיינע: שטיי דיר אויף — **טו זיך פלייסן.**[2]

**אַן אַנדער פשט:** שטיי דיר אויף, **דו טאָכטער פון אברהמען, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (בראשית יב, א): לך לך — גיי דיר פון דיין לאַנד און פון דיין געבוירן־אָרט; — מיין געליבטע, מיין שיינע, **די טאָכטער פון יצחקן,**

---

כג. [1] **אָפּרופן זיך קאָן מיינען דערפילן אַ בקשה: דער אייבערשטער פלעגט זיך צוהערן צו משהס תפילות.** [2] **מיט מצוות און מעשים טובים, כדי דו זאָלסט זוכה זיין**

וואָס האָט מיך פאַרחברט[3] און מיך באַשיינט [ווען ער האָט זיך געלאָזט בינדן אויפן מזבח; — און גיי דיר, דו טאָכטער פון יעקבן, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זיין פאָטער און מוטער, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כח, ז): וישמע יעקב — און יעקב האָט זיך צוגעהערט צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער און איז אַוועק קיין פדן ארם.[4]

כד

(יא) כי הנה — וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער, דאָס זיינען די פיר הונדערט יאָר, וואָס איז נגזר געוואָרן אויף אונדזערע עלטערן [צו זיין] אין מצרים;[1] דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק, דאָס זיינען די צוויי הונדערט און צען יאָר.[2] [אַן אַנדער פשט: וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער, דאָס זיינען די צוויי הונדערט און צען יאָר; דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק, דאָס זיינען די יאָרן פון פאַרקנעכטונג.][3] — אָבער איז ניט דער ווינטער דאָס זעלבע וואָס דער רעגן?[4] ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: דער עיקר שווערקייט [פונעם] רעגן [איז זעקס און אַכציק טעג],[5] אַזוי איז דער עיקר פאַרקנעכטונג פון ישראל אין מצרים געווען זעקס און אַכציק יאָר, פון ווען מרים איז געבוירן געוואָרן.[6] (דער פירוש איז, אַז מע האָט זי גערופן מרים איבער דעם וואָס דער פסוק זאָגט (שמות א, יד): וימררו — און זיי האָבן פאַרביטערט זייער לעבן, ווייל מרים איז אַ לשון פון פאַרביטערונג.)[7]

כה

(יב) הנצנים — די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד, — די זיגערס[1] האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד; ווער זיינען זיי? דאָס זיינען משה און אהרן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יב, א): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אהרנען אין לאַנד מצרים אַזוי צו זאָגן.[2] — די צייט פון געזאַנג[3] איז געקומען, ס׳איז געקומען די צייט פאַר ישראל אויסגעלייזט צו ווערן;[4] ס׳איז געקומען די צייט פאַר דער פאָרהויט אָפּגעשניטן צו ווערן;[5] ס׳איז געקומען די צייט פאַר די מצרים זיי זאָלן אַרומגעשניטן ווערן; ס׳איז געקומען די צייט

---

אויסגעלייזט צו ווערן (יפה קול). [3] ריעה — רעיתי. [4] נעמענדיק אברהמען און יעקבן ווי סימבאָלן פון אויסוואַנדערער, ווערן דאָ די ווערטער: שטיי דיר אויף — — — און גיי דיר געטייטשט אויף ישראלס אַרויסגיין פון מצרים.

כד. [1] בראשית טו, יג. [2] וואָס ישראל איז פאַקטיש געווען אין מצרים (זע יונתן בן עוזיאל, שמות יב, מ: „און ישראלס זיצן אין מצרים איז געווען דרייסיק שמיטות, וואָס זייער צאָל איז צוויי הונדערט און צען יאָר.״ זע אויך שמות רבה, יח, יא). [3] צוגעגעבן לויט פסיקתא רבתי, החדש, יד; אָן דעם בינדט זיך ניט דאָס פריערדיקע מיטן ווייטערדיקן. [4] לויט דעם האָט די קנעכטשאַפט געדויערט די גאַנצע צייט וואָס ישראל איז געווען אין מצרים. [5] צוגעגעבן לויטן אות אמת, און עס שטימט מיטן ווייטערדיקן. [6] בעת יציאת מצרים איז משה אַלט געווען אַכציק יאָר און אהרן דריי און אַכציק (שמות ז, ז); נעמט דער בעל המדרש, משמעות, אָן, אַז מרים איז געווען עלטער פון אהרנען אויך מיט דריי יאָר. [7] די מימרא אין קלאַמערן קוקט דאָ אויס ווי אַ צוגאָב דערקלערונג פון אַן איבערשרייבער; אָבער אין פסיקתא רבתי (פרשת החודש, יא) געפינט זיך עס אין טעקסט, אין נאָמען פון ר׳ יצחקן, און אַזוי הייסט דער אות אמת לייענען אויך אין אונדזער טעקסט.

אותי וייפה אותי על גבי המזבח; ולכי לך, בתו של יעקב, ששמע לאביו ולאמו, שנאמר (שם כח): וישמע יעקב אל אביו ואל אמו וילך פדנה ארם.

### כד

(יא) כי הנה הסתו עבר, אלו ת' שנה שנגזרו על אבותינו במצרים; הגשם חלף הלך לו, אלו מאתים ועשר שנים. [ד"א: כי הנה הסתו עבר, אלו מאתים ועשר שנים; הגשם חלף הלך לו, זה השעבוד.] — ולא הוא הגשם ולא הוא הסתו? א"ר תנחומא: עיקר טרחותא [ד]מטרא הוא [תמנין ושית יומין]; כך עיקר שעבודן של ישראל במצרים שמונים ושש שנים היו, משעה שנולדה מרים. (פירושה, שלכך נקרא שמה מרים, על שום שנאמר (שמות א): וימררו את חייהם, כי מרים לשון מירור הוא.)

### כה

(יב) הנצנים נראו בארץ, — הנצוחות נראו בארץ; איזה זה? זה משה ואהרן, שנאמר (שם יב): ויאמר ה' אל משה ואל אהרן בארץ מצרים לאמר. — עת הזמיר הגיע, הגיע זמנן של ישראל להגאל; הגיע זמנה של ערלה שתזמר; הגיע זמן של מצרים שיזמרו; הגיע זמן עבודה זרה שלהן שתעקר, שנאמר (שם) ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים; הגיע זמן של ים שיבקעו מימיו, שנאמר (שם יד): ויבקעו המים; הגיע זמן של שירה שתאמר, שנאמר (שם טו): אז ישיר משה. ר' תנחומא אמר: הגיע זמן שתעשו זמירות להקב"ה, שנאמר (שם) עזי וזמרת יה, — זמירות

---

פאַר זייער עבודה זרה זי זאָל אויסגעריסן ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק יב): ובכל — און אויף אַלע אָפּגעטער פון מצרים וועל איך טאָן אַ משפט; ס'איז געקומען די צייט פאַרן ים, אַז זיינע וואַסערן זאָלן געשפּאָלטן ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יד, כא): ויבקעו — און ס'האָבן זיך צעשפּאָלטן די וואַסערן; ס'איז געקומען די צייט ווען געזאַנג זאָל געזאָגט ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט טו, א): אז — דעמאָלט האָט משה געזונגען. ר' תנחומא האָט געזאָגט: ס'איז געקומען די צייט איר זאָלט מאַכן געזאַנגען פאַר הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק ב): עזי — מיין שטאַרקייט און מיין געזאַנג איז גאָט — [מיין שטאַרקייט איז אין מיינע] געזאַנגען צו גאָט.

כה. [1] הנצוחות — הנצנים. [2] און דאָרט דערשיינען זיי ווי זיגערס, ווייל גאָט ברענגט זיי די בשורה פון גאולה. [3] הזמיר, וואָס ווערט ווייטער גערדרשנט אי ווי געזאַנג, אי ווי אַרומשניידונג (זע ויקרא כה, ג—ד). [4] אַ גליקלעכע געשעעניש וואָס רופט אַרויס פרייד און געזאַנג (מתנות כהונה). [5] כדי צו קענען עסן פון קרבן פסח האָט מען געמוזט

[ס׳איז געקומען די צייט פון דער תורה געגעבן צו ווערן:][6] ר׳ ביבי האָט געזאָגט: [דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט] (תהלים קיט, נד): זמירות — געזאַנגען זיינען מיר געווען דיינע געזעצן.

וקול — און דאָס קול פון דער טירטלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס קול פונעם גוטן אויסקוקער[7] לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד, דאָס איז משה בשעת ער האָט געזאָגט (דאָרט יא, ד): ויאמר משה — און משה האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַרום האַלבע נאַכט [וועל איך אַרויסגיין צווישן מצרים, און יעדער בכור פון לאַנד מצרים וועט שטאַרבן].

## כו

(יג) התאנה — דער פייגנבוים גיט אַרויס זיינע גרינע פייגן, דאָס זיינען די זינדיקע פון ישראל, וואָס זיינען אויסגעשטאָרבן אין די דריי טעג פון דער פינצטערניש,[1] ווי דער פסוק זאָגט (שמות י, כב—כג): ויהי חשך — און ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער — — — זיי האָבן ניט געזען איינער דעם אַנדערן. — און די ווינשטאָקן — אין פריטרויב,[2] גיבן אַרויס אַ ריח, דאָס זיינען די אַנדערע, וואָס האָבן תשובה געטאָן און זיינען אויסגעלייזט געוואָרן. משה איז געקומען צו זיי און געזאָגט: „אַזאַ גוטער ריח איז ביי אייך, און איר זיצט דאָ? שטיי דיר אויף, מיין געליבטע, מיין שיינע.״

## כז

אַן אַנדער פשט: האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, — ר׳ עזריה האָט געזאָגט: איז דען ניט „אָפּרופן זיך״ דאָס זעלבע ווי „זאָגן״? נייערט ער האָט זיך אָפּגערופן דורך משהן און האָט געזאָגט צו מיר דורך יהושען.[1] און וואָס האָט ער מיר געזאָגט? שטיי דיר אויף, מיין געליבטע, מיין שיינע. וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער, דאָס זיינען די פערציק יאָר, וואָס ישראל האָט געזאַמט אין מדבר; דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק, דאָס זיינען די אַכט און דרייסיק יאָר, וואָס ישראל איז געווען אין מדבר, ווי אין אַ חרם, וואָרום כביכול האָט ניט גערעדט מיט משהן, ביז ס׳איז ניט פאַרלענדט געוואָרן דער גאַנצער דור יענער; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברים ב, יד—יז): והימים — און די טעג וואָס מיר זיינען געגאַנגען פון קדש ברנע [זיינען געווען אַכט און דרייסיק יאָר] — — — און אויך איז די האַנט פון גאָט געווען אויף זיי — — — און ס׳איז געווען, ווען אַלע זיינען אין גאַנצן — — — אויסגעשטאָרבן, אַזוי גלייך האָט גאָט גערעדט צו מיר אַזוי צו זאָגן. — די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד, — די זיגערס[2] האָבן

---

זיין געמלעט (שמות יב: מד, מח). [6] צוגעגעבן דאָ און ווייטער לויטן ילקוט; דעם זעלבן נוסח האָט אויך דער אות אמת. [7] תייר — תור.

כו. [1] פאַרגלייך שמות רבה יד, ג. [2] „סמדר,״ געטייטשט לויט דער משנה (ערלה א, ז): ר׳ יוסי זאָגט: סמדר איז אַ פרי, און לויט רש״י, ברכות לו, ב, און פסחים נב, ב: „סמדר איז דאָס געשטאַלט פון וויינטרויבן, וואָס באַווייזט זיך נאָכן אַראָפּפאַלן פונעם בליעכץ״ (פאַרגלייך אויך שטיינבערג, מלון התנ״ך; י. גור און אבן שושן).

יח. [הגיע זמנה של תורה להנתן:] א״ר ביבי (תהלים קיט): זמירות היו לי חוקיך.

וקול התור נשמע בארצנו, אמר ר׳ יוחנן: קול תייר טב נשמע בארצנו, זה משה בשעה שאמר (שם יא): ויאמר משה: כה אמר ה׳: בחצות הלילה, וגו׳.

## כו

(יג) התאנה חנטה פגיה, אלו פושעי ישראל, שמתו בשלשה ימי אפילה, שנאמר (שמות י): ויהי חשך, וגו׳, לא ראו איש את אחיו. — והגפנים סמדר, נתנו ריח, אלו הנשארים שעשו תשובה ונגאלו. אתא משה לגבן, אמר לון: „כל הדין ריחא טבא אית גביכון, ואתון יתיבין הכא? קומי לך, רעיתי, יפתי.״

## כז

ד״א: ענה דודי אמר לי, — א״ר עזריה: לא היא עניה ולא היא אמירה? אלא ענה על ידי משה ואמר לי על ידי (אהרן) [יהושע]. ומה אמר לי? קומי לך, רעיתי, יפתי. כי הנה הסתו עבר, אלו מ׳ שנה שעשו ישראל במדבר; הגשם חלף, הלך לו, אלו ל״ח שנה שהיו ישראל כמנודין במדבר, ולא היה הדיבור מדבר עם משה עד שתמו כל אותו הדור; הה״ד (דברים ב): והימים אשר הלכנו מקדש ברנע — — — [שלשים ושמנה שנה] — — — וגם יד ה׳ היתה בם — — — ויהי כאשר תמו — — — למות, מיד וידבר ה׳ אלי לאמר. — הנצנים נראו בארץ, — הנצוחות נראו בארץ, אלו הנשיאים שנאמר (במדבר לד, יח): ונשיא אחד, נשיא אחד ממטה. — עת הזמיר הגיע, הגיע זמנה של ערלה שתזמר, הגיע זמנן של כנענים שיזמרו, הגיע זמנה של ארץ ישראל להחלק לישראל, שנאמר (במדבר כו) לאלה תחלק הארץ. — וקול

---

זיך באַוויזן אין לאַנד, דאָס זיינען די פירשטן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לד, יח): ונשיא — און צו איין פירשט, צו איין פירשט פון אַ שבט.[3] די צייט פון געזאַנג[4] איז געקומען, ס׳איז געקומען די צייט פאַר דער פאָרהויט אָפּ־געשניטן צו ווערן,[5] ס׳איז געקומען די צייט פאַר די כנענים זיי זאָלן אַרומגעשניטן ווערן, ס׳איז געקומען די צייט פאַר ארץ ישראל זי זאָל פאַר־טיילט ווערן[6] צו ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כו, נג): לאלה — צו

---

כז. [1] געביטן אהרן אויף יהושע לויטן ווייטערדיקן טעקסט, און אַזוי איז דער נוסח אין ילקוט (זע יפה קול). [2] הנצוחות — הנצנים. [3] אויף צו אַרבן דאָס איינגענומענע לאַנד — ווערן די נשיאים דעריבער גערופן זיגערס. [4] זע אויבן סימן כה, באַמ. 3. [5] נאָכן אַריבערגיין דעם ירדן האָט יהושע געלאָזט מלע זיין די ייִנגלעך וואָס זיינען געבוירן

די דאָזיקע זאָל דאָס לאַנד איינגעטיילט ווערן. — און דאָס קול פון דער טירטלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס קול פונעם גוטן אויסקוקער לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד, דאָס איז דאָס קול פון יהושען בעת ער האָט געזאָגט (יהושע א, יא): עברו — גייט דורך דורכן לאַגער.[7] דער פייגנבוים גיט אַרויס זיינע פייגן, דאָס זיינען די קערב מיט ביכורים;[8] און די ווײַנשטאָקן — אין פריטרויב, גיבן אַרויס אַ ריח, דאָס זיינען די וויין־גיסונגען.[9]

## כח

אַן אַנדער פשט: האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, — ער האָט זיך אָפּגערופן צו מיר דורך דניאלן[1] און האָט געזאָגט צו מיר דורך עזראן.[2] וואָס האָט ער מיר געזאָגט? שטיי דיר אויף, מיין געליבטע, מיין שיינע. וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער, דאָס זיינען די זיבעציק יאָר וואָס ישראל האָט געזאַמט אין גלות; דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק, דאָס זיינען די צוויי און פופציק יאָר פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן ביז די מלוכה פון די כשדים איז אויסגעריסן געוואָרן. — אָבער איז דאָס ניט געווען זיבעציק יאָר?[3] ר׳ לוי האָט געזאָגט: רעכן אַראָפּ פון זיי די אַכצן יאָר, וואָס אַ בת־קול האָט געדונערט און געזאָגט צו נבכדנצרן: „שלעכטער קנעכט, גיי אַרויף און מאַך חרוב דאָס הויז פון דיין האַר, וואָרום די קינדער פון דיין האַר הערן אים ניט".[4] די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד, אַ שטייגער מרדכי און זיינע חברים, עזרא און זיינע חברים. די צייט פון געזאַנג איז געקומען, ס׳איז געקומען די צייט פאַר דער פאָרהויט אָפּגעשניטן צו ווערן,[5] ס׳איז געקומען די צייט פאַר די רשעים, אַז זיי זאָלן צעבראָכן ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה יד, ה): שבר ה׳ — גאָט האָט צעבראָכן דעם שטעקן פון די רשעים, ס׳איז געקומען די צייט פאַר די בבלים פאַרטיליקט צו ווערן, ס׳איז געקומען די צייט פאַרן בית המקדש ער זאָל אויפגעבויט ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (עובדיה א, כא): ועלו — און עס וועלן אַרויפגיין העלפערס אויפן באַרג ציון, און נאָך שטייט (חגי ב, ט): גדול — גרעסער וועט זיין דער כבוד פון דעם דאָזיקן הויז. — און דאָס קול פון דער טירטלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד, ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס קול פונעם גוטן אויסקוקער לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד; ווער איז עס? דאָס איז דאָס קול פון כורשן, ווי אין פסוק שטייט (עזרא א, ב): כה — אַזוי האָט געזאָגט כורש דער מלך פון פרס: אַלע קיניגרייכן פון דער ערד האָט מיר גאָט געגעבן

געוואָרן אין מדבר (יהושע ה, ב און ווייטער). [6] לויטן ווערטערלעכן טייטש: זי זאָל צעשניטן ווערן אויף חלקים. [7] יהושע באַפעלט די שוטרים אָנצוזאָגן דעם פאָלק זיך צו פאַרגרייטן מיט שפייז, וואָרום אין דריי טעג אַרום וועלן זיי אַריבערגיין דעם ירדן. [8] וואָס ישראל איז געווען אָנגעברייט צו ברענגען נאָכן באַזעצן זיך אין כנען (דברים כו). [9] דער וויין וואָס פלעגט געגאָסן ווערן אויפן מזבח ווי אַ קרבן (במדבר כח, יד).

כח. [1] ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין תפילה (דניאל ט, ד—יט). [2] ווען ער האָט

התור נשמע בארצנו, — א״ר יוחנן: קול תייר טב נשמע בארצנו, זה קולו של יהושע בשעה שאמר (יהושע א): עברו בקרב המחנה. — התאנה חנטה פגיה, אלו סלי הבכורים; והגפנים סמדר, נתנו ריח, אלו הנסכים.

## כח

ד״א: ענה דודי ואמר לי, ענה לי על ידי דניאל, ואמר לי על ידי עזרא. מה אמר לי?קומי לך, רעיתי, יפתי. כי הנה הסתו עבר, אלו שבעים שנה שעשו ישראל בגולה; הגשם חלף, הלך לו, אלו חמשים ושתים שנה משחרב הבית עד שנעקרה מלכות כשדים. — ולא שבעים שנה הן? א״ר לוי: צא מהן שמונה עשרה שנה שהיתה בת קול מפוצצת ואומרת לנבוכדנצר: „עבדא בישא, סוק חרוב ביתא דמרך, דבנוי דמרך לא שמעין ליה.״ הנצנים נראו בארץ, כגון מרדכי וחבורתו, עזרא וחבורתו. עת הזמיר הגיע, הגיע זמן של ערלה שתזמר, הגיע זמן של רשעים שישברו, שנאמר (ישעיה יד): שבר ה׳ מטה רשעים, הגיע זמן של בבליים להשמד, הגיע זמן בית המקדש שיבנה, שנאמר (עובדיה א): ועלו מושיעים בהר ציון, וכתיב (חגי ב): גדול יהיה כבוד הבית הזה. וקול התור נשמע בארצנו, — א״ר יוחנן: קול תייר טב נשמע בארצנו: אי זה זה? זה קולו של כורש; ההייד (עזרא א): כה אמר כורש מלך פרס: כל ממלכות הארץ נתן לי ה׳ — — — מי בכם מכל עמו — — — ויעל [לירושלם]. — התאנה חנטה פגיה, אלו הסלים של בכורים; והגפנים סמדר, נתנו ריח, אלו הנסכים.

---

— — — ווער ס׳איז דאָ צווישן אייך פון זיין גאַנץ פאָלק זאָל אַרויפגיין [קיין ירושלים]. — דער פייגנבוים גיט אַרויס זיינע פייגן, דאָס זיינען די קערב מיט ביכורים; און די ווינשטאָקן — אין פריטרויב, גיבן אַרויס אַ ריח, דאָס זיינען די וויין־גיסונגען.[6]

---

געטאָן גאָטס ווילן און עולה געווען מיט נאָך יידן קיין יהודה (עזרא ז—ח). [3] די טראַדיציאָנעלע צאָל יאָרן פון גלות בבל (זע ירמיה כט, י), וואָס שטימט מיט דער צאָל יאָרן וואָס זיינען אַריבער פון דעם חורבן ביזן פאַרענדיקן דאָס אויסבויען דעם בית המקדש. [4] אָפיציעל, הייסט עס, הייבט זיך גלות בבל אָן אַכצן יאָר פאַרן חורבן. [5] „פאָרהויט״ ווערט דאָ גענוצט ווי אַ מעטאַפאָר — „די פאָרהויט פון האַרצן״ (זע ירמיה ד, ד): ס׳איז געקומען די צייט תשובה צו טאָן (עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז בעת שיבת ציון האָבן יידן זיך געדאַרפט מלע זיין). [6] צערעמאָניאַלן וואָס זיינען באַנייט געוואָרן נאָכן אויפבויען דעם צווייטן בית המקדש (זע סימן כז, באַמ. 8, 9).

## כט

**אַן אַנדער פשט:** האָט זיך אָפּגערופן מיין געליבטער און געזאָגט צו מיר, ער האָט זיך אָפּגערופן **דורך אליהון**[1] און געזאָגט צו מיר **דורכן מלך המשיח. וואָס האָט ער געזאָגט צו מיר?** שטיי דיר אויף, מיין געליבטע, מיין שיינע, און גיי דיר. **ר׳ עזריה האָט געזאָגט:** וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער, **דאָס איז דאָס קיניגרייך פון די כותים,**[2] **וואָס רעדט אָן די וועלט און פאַרפירט זי מיט אירע ליגנס; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (דברים יג, ז): כי יסיתך — אַז עס וועט דיך אָנרעדן דיין ברודער, דער זון פון דיין מוטער.[3] — דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק, **דאָס איז די פאַרקנעכטונג.** די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד, — **די זיגערס האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד; ווער זיינען זיי? ר׳ ברכיה** [זאָגט] **אין נאָמען פון ר׳ יצחקן: אין פסוק שטייט** (זכריה ב, ג): ויראני ה׳ — און גאָט האָט מיר געוויזן פיר מייַנסטערס, **און דאָ זיינען זיי: אליהו, און דער מלך המשיח, און מלכי צדק,**[4] **און דער מלחמה־געזאַלבטער.**[5] די צייט פון געזאַנג איז געקומען, **ס׳איז געקומען די צייט פאַר ישראל אויסגעלייזט צו ווערן, ס׳איז געקומען די צייט פאַר דער פאָרהויט אָפּגעשניטן צו ווערן,**[6] **ס׳איז געקומען די צייט פון דער קיניגרייך פון די כותים**[7] **אונטערצוגיין, ס׳איז געקומען די צייט פאַר גאָטס קיניגרייך אַנטפּלעקט צו ווערן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יד, ט): והיה ה׳ — און גאָט וועט זיין דער מלך איבער דער גאַנצער ערד. — און דאָס קול פון דער טירטלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד, **ווער איז עס? דאָס איז דאָס קול פון מלך המשיח, וואָס וועט אויסרופן און זאָגן** (ישעיה נב, ז): מה נאוו — ווי שיין זיינען אויף די בערג די פיס פון דעם בשורה־טרעגער. — דער פייגנבוים גיט אַרויס זיינע גרינע פייגן, — **ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: נאָענט צו משיחס צייט וועט אַ גרויסע מגפה קומען אויף דער וועלט, און די רשעים וועלן אומקומען.** און די ווינשטאָקן אין פריטרויב, גיבן אַרויס אַ ריח, **דאָס זיינען די געבליבענע, און וועגן זיי ווערט געזאָגט** (דאָרט ד, ג): והיה — און עס וועט זיין, דער וואָס וועט בלייבן אין ציון און דער וואָס וועט זיך אָפּשטעלן אין ירושלים [„הייליקער״ **וועט געזאָגט ווערן צו אים].**

**ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: די יאָר־וואָך וואָס בן־דוד**[8] **וועט קומען, — אין ערשטן יאָר וועט מקויים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט** (עמוס ד, ז): והמטרתי

---

כט. [1] **וואָס דאַרף קומען און ברענגען די בשורה פון משיחס קומען.** [2] **שומרונים. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן ווערט מיט דעם געמיינט דאָס קריסטלעכע רוים, אָדער ביזאַנטיע.** [3] **צו דינען פרעמדע געטער.** [4] אין סוכה, נב, ב, **איז דער נוסח** כוהן צדק; **אין** במדבר רבה יד, א — **משיח בן יוסף** (**בן מנשה**)**, וואָס וועט, לויט דער אגדה, אומקומען, איידער משיח בן דוד וועט זיך באַווייזן. וועגן דעם מיסטישן כאַראַקטער וואָס מלכי צדק טראָגט אין דער יידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור פון אַלעקסאַנדריע, זע** ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיע, זוכוואָרט מלכי צדק. **וועגן דעם אורשפּרונג פון דעם נאָמען זע** בראשית יד, יח. [5] **אַ כוהן וואָס פלעגט געזאַלבט ווערן צו זיין מיטן חיל אין צייט פון מלחמה** (דברים כ, ב)**, און לויטן בעל המדרש וועט אַזאַ אויך זיין אין משיחס צייטן.** [6] **זע סימן כח, באַמ. 5.** (**אויך וועגן משיחס צייטן ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז יידן וועלן דעמאָלט זיך דאַרפן מלע זיין**)**.** [7] **באַמ 2.** [8] **משיח, וואָס וועט אָפּשטאַמען פון**

## כט

**ד"א:** ענה דודי אמר לי, ענה **על ידי אליהו** ואמר לי **על ידי מלך המשיח. מה אמר לי?** קומי לך, רעיתי, יפתי, ולכי לך. **א"ר עזריה:** כי הנה הסתו עבר, **זו מלכות כותים, שמסיתה את העולם ומטעת אותו בכזביה; המד"א** (דברים יג): כי יסיתך אחיך, בן אמך. — הגשם חלף, הלך לו, **זה השעבוד.** הנצנים נראו בארץ, — **הנצוחות נראו בארץ; מי הם? ר' ברכיה בשם ר' יצחק: כתיב** (זכריה ב): ויראני ה' ארבעה חרשים, **ואלו הן: אליהו, ומלך המשיח, ומלכי צדק, ומשוח מלחמה.** עת הזמיר הגיע, **הגיע זמנן של ישראל להגאל, הגיע זמנה של ערלה להזמר, הגיע זמנה של מלכות כותים שתכלה, הגיע זמנה של מלכות שמים שתגלה, שנאמר** (שם יד): והיה ה' למלך על כל הארץ. — וקול התור נשמע בארצנו, **איזה זה? זה קולו של מלך המשיח, המכריז ואומר** (ישעיה נב): מה נאוו על ההרים רגלי מבשר. — התאנה חנטה פגיה, — **א"ר חייא בר אבא: סמוך לימות המשיח דבר גדול בא לעולם, והרשעים כלים.** והגפנים סמדר, נתנו ריח, **אלו הנשארים, ועליהם נאמר** (שם ד): והיה הנשאר בציון והנותר בירושלם.

**א"ר יוחנן: שבוע שבן דוד בא, שנה ראשונה מתקיים מה שנאמר** (עמוס ד): והמטרתי על עיר אחת. **בשניה חצי רעב משתלחין בה. בשלישית רעב גדול, ומתים בו אנשים, נשים וטף; וחסידים ואנשי מעשה מתמעטים, והתורה משתכחת מישראל. ברביעית רעב ולא רעב, שובע ולא שובע. בחמישית שובע גדול, ואוכלין ושותין ושמחים, והתורה חוזרת לחדושה ומתחדשת לישראל. בששית — קולות, בשביעית — מלחמות, במוצאי שביעית בן דוד בא.**

---

— און איך וועל לאָזן רעגענען אויף איין שטאָט [און אויף איין שטאָט וועל איך ניט לאָזן רעגענען]; אין צווייטן יאָר וועלן פיילן פון הונגער אָנגעשיקט ווערן אויפן לאַנד. אין דריטן — אַ גרויסער הונגער, און עס וועלן אויסשטאַרבן דורך אים מענער, ווייבער און קינדער; און חסידים און מענטשן פון מעשים טובים וועלן געמינערט ווערן, און די תורה וועט פאַרגעסן ווערן ביי יידן. אין פערטן יאָר וועט זיין הונגער — ניט הונגער, זעט — ניט זעט.[10] אין פינפטן — אַ גרויסע זעט, און מע וועט עסן און טרינקען און זיין פריילעך, און די תורה וועט ווידער באַנייט און אָפּגעפרישט ווערן ביי יידן. אין זעקסטן יאָר וועלן זיין דונערן, אין זיבעטן — מלחמות, אוןביים סוף פון זיבעטן וועט בן־דוד קומען.

אביי האָט געזאָגט: וויפל אַזעלכע יאָר־וואָכן זײַנען שוין אַריבער, און ער איז נאָך אַלץ ניט געקומען. און ער וועט אַנדערש ניט קומען, נייערט ווי דאָס וואָס ריש לקיש האָט געזאָגט: אין דעם דור וואָס בן־דוד וועט קומען וועט דער בית־הוועד[11] ווערן [אַן אָרט פון] זנות, און דער גליל וועט חרוב ווערן, און דער גבלן[12] וועט וויסט ווערן, און די מענטשן פון גליל וועלן אומגיין פון שטאָט צו שטאָט און מע וועט זיך אויף זיי ניט מרחם זײַן, און די חכמה פון די סופרים וועט טוכלע ווערן, און זינד־פאַרכטיקע און מענטשן פון חסד וועלן אומקומען, און דער אמת וועט פעלן, און די חוצפה פונעם דור — ווי די חוצפה פונעם הונט. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דער אמת וועט פעלן? ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נט, טו): ותהי — און דער אמת איז געווען פעליק, און דער וואָס קערט זיך אָפּ פון בייז [קוקט אויס] משוגע. — וואוהין וועט דער אמת אַוועקגיין? אין ר׳ ינאַיס בית־מדרש זאָגט מען: ער וועט אַוועקגיין און זיך באַזעצן גרופּעסווײַז אין מדבר.[13] און די רבנן זאָגן: אין דעם דור וואָס בן־דוד וועט קומען וועלן די חכמים אויסשטאַרבן, און די געבליבענע וועלן אויסקוקן די אויגן אין קומער און זיפץ, און אַ סך צרות וועלן אָנקומען אויפן ציבור, און שווערע גזרות וועלן באַנייט ווערן און אָנגעשיקט ווערן, — איידער נאָך די ערשטע וועט אַוועקגיין, וועט שוין אַן אַנדערע אָנשפּאַרן.

ר׳ נהוראי האָט געזאָגט: אין דעם דור וואָס בן־דוד וועט קומען וועלן יינגלעך מבייש זײַן זקנים, און זקנים וועלן זיך אויפשטעלן פאַר יינגלעך; (מיכה ז, ו) בת— אַ טאָכטער שטעלט זיך קעגן איר מוטער, אַ שנור קעגן איר שוויגער, די שונאים פון אַ מענטשן — זײַנע הויזלײַט, און אַ זון וועט זיך ניט שעמען פאַר זײַן טאַטן. ר׳ נחמיה זאָגט: ערב משיחס צײַטן וועט די אָרעמקייט וואַקסן און אַ יקרות וועט זײַן, און דער ווײַנשטאָק וועט געבן זײַן פּרוכט, אָבער דער ווײַן וועט קאַליע ווערן, און דאָס גאַנצע מלכות וועט פאַרקערט ווערן צו מינות,[14] און ס׳וועט ניט זײַן [ווער ס׳זאָל געבן] שטראָף־רייד. ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: בן־דוד וועט ניט אַנדערש קומען, נייערט אין אַ דור וואָס זײַן [חוצפּהדיק] פּנים וועט זײַן געגליכן צו אַ הונט. ר׳ לוי האָט געזאָגט: בן־דוד וועט ניט אַנדערש קומען, נייערט אין אַ דור וואָס זײַן פּנים איז חוצפּהדיק און ער פאַרדינט דעם טויט. ר׳ ינאַי האָט געזאָגט: אויב דו זעסט אַ דור נאָך אַ דור וואָס לעסטערט און שענדט, מעגסטו דערוואַרטן

דודס הויז. [9] לשון עתיד, לויטן דרש. [10] ערגעץ אין מיטן, ניט קיין גאַנצער הונגער און ניט קיין פולע זעט. [11] זאַמל־הויז פאַר חכמים (זע אבות א, ד). [12] אַ געגנט דרום פון ירושלים. [13] די צוויי טיילן פון דער ערשטער העלפט פסוק שטימען ניט: פון איין זײַט — און דער אמת איז געווען, און פון דער אַנדערער זײַט — פעלנדיק, מיינט עס, אַז דער אמת איז אי יאָ, אי ניט געווען. ווערט דעריבער נעדרת (פעלנדיק) געדרשנט ווי עדרים, גרופּעס (ווערטערלעך: טשערעדעס): די אנשי אמת וועלן האָבן אַנטלאָפן גרופּעס ווײַז אין מדבר אַרײַן (מהרז״ו אין נאָמען פונעם גר״א). [14] אַפּיקורסישע אָפּנייגן. מיט דעם ווערט דאָ העכסט וואַרשײַנלעך געמיינט קריסטנטום, וואָס איז אין אָנהייב 4טן יאָרהונדערט געוואָרן די אָפיציעלע רעליגיע פון רוים.

**אמר אביי: כמה שבועין אתת כהדא, ולא אתא. ולא אתי אלא כההיא דאמר ר"ל: דור שבן דוד בא בית הוועד יהיה לזנות, והגליל יחרב, והגבלן ישום, ואנשי הגליל יסבבו מעיר לעיר ולא יחוננו, וחכמת הסופרים תסרח, ויראי חטא ואנשי חסד נאספים, והאמת נעדרת, ופני הדור כפני הכלב. ומנין שהאמת נעדרת? שנאמר** (ישעיה נט): ותהי האמת נעדרת, וסר מרע משתולל. — **להיכן הולכת? דבי ר' ינאי אומר: הולכת ויושבת לה עדרים עדרים במדבר. ורבנן אמרי: דור שבן דוד בא חכמי הדור מתים, והנותרים עיניהם כלות ביגון ואנחה, וצרות רבות באות על הצבור, וגזרות קשות מתחדשות ומשתלחות, — עד שהראשונה קיימת, אחרת באה ונסמכה לה.**

**א"ר נהוראי: דור שבן דוד בא הנערים ילבינו לזקנים, ויעמדו הזקנים בפני הנערים;** (מיכה ז) בת קמה באמה, כלה בחמותה, אויבי איש אנשי ביתו, **ובן אינו מתבייש מאביו. ר' נחמיה אומר: קודם ימות המשיח עניות ירבה ויוקר הווה, והגפן תתן פריה והיין יסריח, והמלכות כולה תהפך למינות, ואין תוכחות. א"ר אבא בר כהנא: אין בן דוד בא, אלא בדור שפניו דומין לכלב. א"ר לוי: אין בן דוד בא, אלא בדור שפניו חצופות וחייב כלייה. א"ר ינאי: אם תראה דור אחר דור מחרף ומגדף, צפה לרגלי מלך המשיח; הה"ד** (תהלים פט): אשר חרפו אויביך, ה', אשר חרפו עקבות משיחך. **מה כתיב בתריה?** ברוך ה' לעולם, אמן ואמן.

ל

(יד) יונתי בחגוי הסלע. מהו יונתי בחגוי הסלע? **א"ר יוחנן: אמר הקב"ה: "קורא אני לישראל יונה — דכתיב** (הושע ז): ויהי אפרים כיונה פותה, אין לב — **אצלי הם כיונה, אבל אצל אומות**

---

**דאָס קומען פון מלך המשיח; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (תהלים פט, נב): אשר — וואָס דיינע פיינד, גאָט, טוען לעסטערן; וואָס זיי טוען לעסטערן די טריט פון דיין געזאַלבטן. **וואָס שטייט דערנאָך?** ברוך — געלויבט איז גאָט אויף אייביק, אמן ואמן.

ל

(יד) יונתי — טויב מיינע אין די שפאַלטן פון דעם פעלדז. **וואָס מיינט** טויב מיינע אין די שפאַלטן פון דעם פעלדז? **ר' יוחנן האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: "איך רוף ישראל** טויב — **ווי אין פסוק שטייט** (הושע ז, יא): ויהי — און אפרים איז געוואָרן ווי אַ נאַרישע טויב, אָן אַ האַרצ[1] — **לגבי מיר זיינען זיי ווי אַ טויב, אָבער לגבי די אומות פון דער וועלט זיינען**

זיי ווי חיות,״ ווי אין פסוק שטייט (בראשית מט:ט, כא, יז, כז): גור — אַ יונגער לייב איז יהודה; נפתלי איז אַ פלינקע הינדין; דן וועט זיין אַ שלאַנג אויפן וועג; בנימין איז אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט. און אַלע צוועלף שבטים זייַנען געגליכן צו חיות.[2] וואָרום די אומות האַלטן מלחמה מיט ישראל און זיי זאָגן צו ישראל: „וואָס ווילט איר מיט שבת, און מיט מילה?״ אָבער הקדוש ברוך הוא שטאַרקט ישראל, און זיי ווערן לגבי די אומות ווי חיות זיי אונטערטעניק צו מאַכן פאַר הקדוש ברוך הוא און פאַר ישראל. אָבער לגבי הקדוש ברוך הוא ווערן זיי ווי אַ שטילע טויב און הערן זיך צו צו אים, ווי אין פסוק שטייט (שמות ד, לא): ויאמן העם — און דאָס פאָלק האָט געגליבט; און ווי זיי האָבן געהערט, אַז גאָט האָט געדאַכט אָן די קינדער פון ישראל — — —.

(הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „משה, דו שטייסט און שרייסט? איך האָב שוין געהערט דאָס געשריי פון ישראל,״ ווי אין פסוק שטייט (דאָרט יד, טו): „מה — וואָס שרייסטו צו מיר? די קינדער פון ישראל דאַרפן דיך ניט״.[3]

דעריבער האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: טויב מיינע אין די שפּאַלטן פון דעם פעלדז. ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט וועגן ישראל: „לגבי מיר זייַנען זיי שטילע ווי די טויבן, אָבער לגבי די אומות פון דער וועלט זייַנען זיי ליסטיק ווי די שלאַנגען.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל ג, טז): ענו — האָבן געענטפערט שדרך, מישך און עבד נגו און האָבן געזאָגט צום מלך נבוכדנצר,[4] — אויב צום מלך, צו וואָס נבוכדנצר? און אויב נבוכדנצר, צו וואָס צום מלך?[5] נייערט אַזוי האָבן זיי געזאָגט צו אים: אויב אויף שטאָט־שטייערן און קאָפּ־שטייערן, און צוואַנג־שטייערן, און נאַטור־שטייערן, ביסטו מלך איבער אונדז; דאָס איז וואָס עס שטייט: צום מלך נבוכדנצר. אויב אָבער אויף דער דאָזיקער זאַך, וואָס דו הייסט אונדז זיך בוקן צו דיין אָפּגאָט, ביסטו [נאַר] נבוכדנצר און נבוכדנצר איז דיין נאָמען. דער דאָזיקער מענטש און דער וואָס בילט איז אונדז איינס און דאָס זעלבע: נבוכדנצר [מאַכט]: נבח — בילט ווי אַ הונט, [כד[6]] — זידט ווי אַ טאָפּ, נצר — גרילצט ווי אַ גריל. גלייך האָט ער זיך צעבילט ווי אַ הונט, זיך צעזאָטן ווי אַ טאָפּ און צעגרילט ווי אַ גריל. עס שטייט געשריבן (קוהלת ח, ב): אני — איך, דאָס מויל פונעם מלך וועל איך היטן,[7] — האָט ר׳ לוי געזאָגט: איך וועל היטן דאָס מויל פונעם מלך איבער אַלע מלכים, דאָס מויל וואָס האָט אונדז געזאָגט אויפן באַרג סיני (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט; (קוהלת דאָרט): ועל — און פון וועגן דער שבועה פון גאָט, — פון וועגן [דעם וואָס אין פסוק שטייט] (דאָרט, פסוק ז): לא תשא — דו זאָלסט ניט אַרויסברענגען דעם נאָמען פון גאָט דיין גאָט אויף פאַלש.[8]

אין ר׳ ישמעאלס בית מדרש האָט מען געלערנט: בשעת ישראל איז אַרויס פון מצרים, צו וואָס זייַנען זיי געווען געגליכן? צו אַ טויב וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ שפּאַרבער און איז אַריין אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלדז, און האָט

7. [1] לויטן ווייטערדיקן דרש — אָן אַ פאַרלאַנג צו ווידערשטאַנד. [2] פאַרגלייך

העולם כמין חיות,״ דכתיב (בראשית מט): גור אריה יהודה, נפתלי אילה שלוחה, יהי דן נחש עלי דרך, בנימין זאב יטרף. וכל י״ב שבטים משולים כחיות. לפי שהאומות נלחמים לישראל ואומרים לישראל: „מה אתם רוצים מן השבת, ומן המלה?״ והקב״ה מגבירן לישראל, ונעשין בפני האומות כחיות להכניען לפני הקב״ה ולפני ישראל. אבל אצל הקב״ה נעשים כיונה תמה ושומעין לו; הה״ד (שמות ד): ויאמן העם; וישמעו כי פקד ה׳ את בני ישראל — — — —.

(אמר הקב״ה למשה: „משה, את עומד וצועק? כבר שמעתי ישראל וצעקתם;״ הה״ד (שם יד): „מה תצעק אלי? אין בני ישראל צריכין לך.״)

לפיכך אמר הקב״ה: יונתי בחגוי הסלע. א״ר יהודה בר׳ סימון: אמר הקב״ה לישראל: „אצלי הם תמימים כיונים, אבל באומות העולם הם ערומים כנחשים.״ הה״ד (דניאל ג): ענו שדרך מישך ועבד נגו ואמרין למלכא נבוכדנצר, — אין למלכא, למה נבוכדנצר? ואין נבוכדנצר, למה מלכא? אלא כך אמרו לו: „אם למסים וגלגליות ודימוסיות וארנוניות, מלך את עלינו; הה״ד: למלכא נבוכדנצר. ואם לדבר זה, שאת אומר לנו להשתחוות לצלמך, נבוכדנצר את ונבוכדנצר שמך. ההוא גברא וחד נבוח עלינו כחדא: נבוכדנצר — נבח ככלבא, נפיח כקולתא, נצר כצרצרה.״ מיד נבח ככלבא ואתעבד ככדא ונצר כצרצרא. כתיב (קהלת ח): אני פי מלך שמור, — א״ר לוי: אני פי מלך מלכי המלכים אשמור, אותו הפה שאמר לנו בסיני (שמות כ): אנכי ה׳ אלהיך; (קהלת שם) ועל דברת שבועת אלהים, — על שם (שמות שם): לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא.

תני דבי ר׳ ישמעאל: בשעה שיצאו ישראל ממצרים למה היו דומין? ליונה שברחה מפני הנץ, ונכנסה לנקיק הסלע

---

בראשית רבה צט, ד: נאָך דעם ווי יעקב האָט געבענטשט אַלע זיינע זין, האָט ער זיי כולל געווען אין איין אַלגעמיינער ברכה, און מיט דעם האָט ער זיי אַלעמען פאַרגליכן צו חיות.
[3] די דאָזיקע מימרא איז מיט אַ טעות אַריין אַהער צוזאַמען מיטן איבעריקן טעקסט וואָס ווערט דאָ געבראַכט פון שמות רבה כא, ד—ה; האָבן מיר זי געשטעלט באַזונדער און אין קלאַמערן. [4] ניט לויטן טראָפּ. [5] איינס פון זיי איז איבעריק [6] אַנשטאָט „כד״ (אַ קרוג, דאָ — אַ טאָפּ, וואָס איז אַ טייל פון „נבוכדנצר״) געפינט זיך אין טעקסט דאָס אַראַמישע קולתא. [7] לויטן דרש, און ווי עס וואָלט געשטאַנען „אשמור,״ אַנשטאָט „שמור.״ [8] לויטן טייטש פון צווייטן „לשוא״ (אונקלוס; שבועות כא, א): ניט אָנצורופן

דאָרט געטראָפן אַ שלאַנג איינגעגנאַדיעט. אַז זי איז אַריין איבעוויניק האָט זי ווייטער ניט געקענט גיין איבער דער איינגעגנאַדיעטער שלאַנג; זיך אומקערן צוריק האָט זי ניט געקענט, ווייל דער שפּאַרבער שטייט אין דרויסן. וואָס האָט די טויב געטאָן? זי האָט אָנגעהויבן שרייען און קלאַפּן מיט די פליגלען כדי דער בעל הבית פונעם טויבנשלאַק זאָל זי הערן און קומען און זי ראַטעווען. אַזוי איז ישראל געווען געגליכן ביים ים: אַריינגיין אין ים האָבן זיי ניט געקענט, ווייל דער ים איז זיי נאָך ניט געשפּאָלטן געוואָרן; זיך אומקערן צוריק האָבן זיי ניט געקענט, ווייל פּרעה האָט זיך שוין דערנענטערט. וואָס האָבן זיי געטאָן?(דאָרט יד, י): וייראו מאד — און זיי האָבן זייער מורא געקראָגן, און די קינדער פון ישראל האָבן געשריען צו גאָט. גלייך (דאָרט, פסוק ל): ויושע ה׳ — און גאָט האָט געהאָלפן אין יענעם טאָג. ר׳ יהודה אין נאָמען פון ר׳ חמא פון כפר תחומין: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ בת־יחידה, און אים האָט זיך פאַרגלוסט זי צו הערן רעדן. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף אַזוי צו זאָגן: „דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אַרויסקומען אויפן שפּיל־פּלאַץ.״ וואָס האָט ער געטאָן, ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען? ער האָט אַ וואונק געטאָן צו זיינע קנעכט, און זיי זיינען זי פּלוצלונג באַפּאַלן ווי גזלנים. האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „פאָטער, פאָטער! ראַטעווע מיך!״ האָט ער געזאָגט צו איר: „ווען איך וואָלט דיר דאָס ניט געטאָן, וואָלסטו ניט געווען שרייען און זאָגן: ׳פאָטער, ראַטעווע מיך!׳ ״[9] אַזוי אויך, ווען ישראל איז געווען אין מצרים און די מצרים האָבן זיי פאַרקנעכט, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען און הייבן זייערע אויגן צו הקדוש ברוך הוא; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט ב, כג—כד): ויהי — און ס׳איז געווען אין יענער לאַנגער צייט, און דער מלך פון מצרים איז געשטאָרבן, און די קינדער פון ישראל האָבן געזיפצט פון דער אַרבעט, און זיי האָבן געשריען — — —. גלייך האָט גאָט דערהערט זייער קרעכצן, הקדוש ברוך הוא האָט זיך צוגעהערט און זיי אַרויסגענומען מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם (דברים ה, טו). האָט הקדוש ברוך הוא [ווידער] געוואָלט הערן זייער קול, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט. וואָס האָט הקדוש ברוך הוא געטאָן? ער האָט געשטאַרקט פּרעהס האַרץ, און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות יד, ח): ויחזק ה׳ — און גאָט האָט געשטאַרקט דאָס האַרץ פון פּרעה דעם מלך פון מצרים, און ער האָט נאָכגעיאָגט — — —. און ווייטער שטייט (פּסוק י): ופרעה הקריב, — וואָס מיינט הקריב? ער האָט דערנענטערט ישראל צו תשובה:[10] ווי באַלד זיי האָבן זיי דערזען, אַזוי האָבן

קיין פאַלשע געטער מיט זיין נאָמען. [9] אין שמות רבה כא, ה, איז דער נוסח פון דער מעשה אַנדערש: אַ מלך איז געווען אין וועג, און אַ בת־מלכה האָט געשריען צו אים: „איך בעט דיך, ראַטעווע מיך פון די גזלנים.״ האָט דער מלך זי געראַטעוועט. שפּעטער האָט ער געוואָלט זי נעמען פאַר אַ ווייב און האָט געוואָלט רעדן מיט איר, אָבער זי האָט ניט געוואָלט. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אָנגערייצט אויף איר די גזלנים. ווי די גזלנים זיינען געקומען, אַזוי האָט זי אָנגעהויבן שרייען צום מלך. האָט דער מלך געזאָגט צו איר: „צו דעם האָב איך געגלוסט, צו הערן דיין קול.״ [10] לויטן פּשט איז דער טייטש

ומצאה שם הנחש מקנן. ונכנסה לפנים, ולא היתה יכולה להכנס, שעדיין הנחש מקנן; תחזור לאחורה לא היתה יכולה, שהנץ עומד בחוץ. מה עשתה היונה? התחילה צווחת ומטפחת באגפיה, כדי שישמע לה בעל השובך ויבא ויצילה. כך היו ישראל דומים על הים: לירד לים לא היו יכולין, שעדיין לא נקרע להם הים; לחזור לאחוריהם לא היו יכולין, שכבר פרעה הקריב. מה עשו? (שם יד) ויראו מאד, ויצעקו בני ישראל אל ה׳. מיד (שם) ויושע ה׳ ביום ההוא. ר׳ יהודה בשם ר׳ חמא דכפר תחומין: משל למלך שהיתה לו בת יחידה, והיה מתאוה לשמוע שיחתה. מה עשה? הוציא כרוז ואמר: „כל עמא יפקון לקמפון!״ כשיצאו מה עשה? רמז לעבדו ונפלו לה פתאום כליסטין, והתחילה צווחת: „אבא, אבא! הצילני!״ אמר לה: „אילו לא עשיתי לך כך, לא היית צווחת ואומרת: ׳אבא, הצילני!׳״ כך כשהיו ישראל במצרים, היו המצרים משעבדין אותם, והתחילו צועקין ותולין עיניהם להקב״ה; הה״ד (שם ב): ויהי בימים הרבים ההם, וימת מלך מצרים, ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו, וגו׳. מיד וישמע אלהים את נאקתם, שמע הקב״ה לתפלתן והוציאן ביד חזקה ובזרוע נטויה. והיה הקב״ה מתאוה לשמוע קולן, ולא היו רוצין. מה עשה הקב״ה? חיזק לבו של פרעה, ורדף אחריהם; הה״ד (שם יד): ויחזק ה׳ את לב פרעה מלך מצרים, וירדף, וגו׳. וכתיב (שם) ופרעה הקריב, — מהו הקריב? שהקריב את ישראל לתשובה: כיון שראו אותם, תלו עיניהם להקב״ה ויצעקו לפניו, שנאמר (שם): וישאו בני ישראל את עיניהם, והנה מצרים נוסע אחריהם, וייראו מאד, ויצעקו בני ישראל אל ה׳, כאותה צעקה שצעקו במצרים. כיון ששמע הקב״ה, אמר להם: „אילולי שעשיתי לכם

---

זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צו הקדוש ברוך הוא און געשריען פאַר אים, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): וישאו — און די קינדער פון ישראל האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, ערשט די מצרים ציען הינטער זיי, און האָבן זייער מורא געקראָגן; און די קינדער פון ישראל האָבן געשריען צו גאָט, אָט ווי דאָס געשריי וואָס זיי האָבן געשריען אין מצרים. ווי הקדוש ברוך הוא האָט עס געהערט, אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווען ניט דאָס וואָס איך האָב

---

פון הקריב ער האָט זיך דערנענטערט; דאָ אָבער ווערט דאָס וואָרט געטייטשט לויט דער אויסערלעכער פאָרם פון הפעיל, ווי טראַנזיטיוו, מיט אַן אָביעקט: ער האָט זיי דערנענטערט.

**איך געטאָן, וואָלט איך אייער קול ניט געווען הערן.״ וועגן יענער צייט האָט** ער געזאָגט: טויב מיינע אין די שפּאַלטן פון דעם פעלדז — **דאָ שטייט ניט „לאָז מיך הערן אַ קול״,** נייערט דיין קול, **וואָס איך האָב שוין געהאַט געהערט אין מצרים. און ווען די קינדער פון ישראל האָבן געשריען פאַר הקדוש ברוך הוא,** אַזוי גלייך (דאָרט, פסוק ל): ויושע ה׳ — האָט גאָט געהאָלפן אין יענעם טאָג.

לא

ר׳ אלעזר האָט באַשיידט דעם פסוק אויף ישראל בשעת זיי זיינען געשטאַנען ביים ים. טויב מיינע, אין די שפּאַלטן פון דעם פעלדז, **וואָרום זיי זיינען געווען באַהאַלטן אין דער פאַרבאָרגעניש פון ים;** באַוויז מיר דיין פנים, **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט, פסוק יג): התיצבו — שטייט און זעט די הילף פון גאָט; — לאָז מיך הערן דיין קול, **דאָס איז די שירה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט טו, א): אז — דעמאָלט האָט משה געזונגען. — **וואָרום** דיין קול איז זיס, **דאָס איז דאָס געזאַנג;** און דיין פנים איז שיין, **וואָרום ישראל האָט געוויזן מיטן פינגער און געזאָגט** (דאָרט, פסוק ב): זה — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען.

**ר׳ עקיבא האָט באַשיידט דעם פסוק אויף ישראל בשעת ווי זיינען געשטאַנען פאַרן באַרג סיני.** טויב מיינע אין די שפּאַלטן פון דעם פעלדז, **וואָרום זיי זיינען געווען באַהאַלטן אין דער פאַרבאָרגעניש פון סיני;**[1] באַוויז מיר [דיין פנים], **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כ, טו): וכל העם — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די דונערן;[2] — לאָז מיך הערן דיין קול, **דאָס איז דאָס קול וואָס פאַר די עשרת הדברות, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כד, ז): כל אשר — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן; — וואָרום דיין קול איז זיס, **דאָס איז דאָס קול וואָס נאָך די עשרת הדברות, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ה, כה): און גאָט האָט געהערט דאָס קול פון אייערע רייד — — — היטיבו — רעכט איז אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט; —

**וואָס מיינט:** רעכט איז אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט? **[אויף דעם זאָגן חייא בר אדא און בר קפרא. איינער האָט געזאָגט: רעכט, ווי דאָס צורעכט מאַכן די ליכט;**[3] **און איינער האָט געזאָגט: רעכט, ווי דאָס צורעכט מאַכן די קטורת.**[4]

און דיין פנים איז שיין, **ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כ, טו): וירא העם — און דאָס פאָלק האָט געזען און האָט געציטערט, און זיי זיינען געשטאַנען פון

---

לא. [1] **אויפן פסוק** (שמות יט, יז) און זיי האָבן זיך געשטעלט אונטערן באַרג **זאָגט** די מכילתא (יתרו, ג), אַז דער באַרג איז אויסגעריסן געוואָרן פון זיין אָרט, און ישראל **האָט זיך דערנענטערט און איז געשטאַנען ממש אונטערן באַרג. זע אויך** שבת פח, א: **דער אייבערשטער האָט איבערגעבויגן איבער זיי דעם באַרג און געזאָגט: נעמט איר אָן די תורה, איז גוט; אויב אָבער ניט, וועט דאָ זיין אייער קבורה.** [2] **בוכשטעבלעך: ר׳ עקיבא זאָגט: זיי האָבן געזען דאָס וואָס מע הערט** — — — (מכילתא יתרו, ט); **זע אויך** מדרש שמואל, ט: **בר קפרא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געמאַכט, אַז דאָס וואָס ווערט ניט געזען זאָל געזען ווערן.** [3] **דאָס רייניקן די מנורה נאָכן נוצן זי; לויט דעם באַציט זיך דער פסוק אויפן קול פון ישראל נאָך מתן תורה.** [4] **וואָס ווערט צוגעגרייט אין פאַר־**

**כן, לא שמעתי את קולכם." על אותה שעה אמר:** יונתי בחגוי הסלע — **„השמיעיני את הקול" אין כתיב כאן, אלא** קולך **שכבר שמעתי במצרים. וכשצעקו בני ישראל לפני הקב"ה, מיד** (שם) ויושע ה׳ ביום ההוא.

**לא**

**ר׳ אלעזר פתר קרייה בישראל בשעה שעמדו על הים.** יונתי בחגוי הסלע, **שהיו חבויים בסתרו של ים**; הראיני את מראיך, **הה"ד** (שם): התיצבו וראו את ישועת ה׳; — השמיעיני את קולך, **זו השירה, שנאמר** (שם טו): אז ישיר משה; — כי קולך ערב, **זה השיר**; ומראך נאוה, **שהיו ישראל מראין באצבע ואומרים** (שם): זה אלי ואנוהו.

**ר׳ עקיבא פתר קרייה בישראל בשעה שעמדו לפני הר סיני.** יונתי בחגוי הסלע, **שהיו חבויין בסתרו של סיני**; הראיני, **וגו׳, שנאמר** (שם כ): וכל העם רואים את הקולות; — השמיעיני את קולך, **זה קול שלפני הדברות, שנאמר** (שם כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע; — כי קולך ערב, **זה קול שלאחר הדברות, שנאמר** (דברים ה): וישמע ה׳ את קול דבריכם, **וגו׳**, היטיבו כל אשר דברו; — — —

מהו היטיבו כל אשר דברו? **חייא בר אדא ובר קפרא. חד אמר: הטבה כהטבת הנרות; וחד אמר: הטבה כהטבת הקטורת.**

ומראך נאוה, **שנאמר** (שמות כ): וירא העם וינועו, ויעמדו מרחוק.

**ר׳ יוסי הגלילי פתר קרייה במלכיות.** יונתי בחגוי הסלע, **שחבויין בסתרן של מלכיות**: הראיני את מראיך, **זה מעשה הטוב**; השמיעיני את קולך, **זה התלמוד. וכבר נמנו פעם אחת בעלית בית ערים בלוד ואמרו: מה גדול, התלמוד או המעשה?**

---

דער ווייטן.

**ר׳ יוסי הגלילי באַשיידט דעם פסוק וועגן [ישראל אונטער דער ממשלה פון פרעמדע]** מלכותן. טויב מיינע אין די שפּאַלטן פון דעם פעלדז, **וואָרום זיי זיינען באַהאַלטן אין די פאַרבאָרגענישן פון די מלכותן;**[5] באַווייז מיר דיין פנים, **דאָס איז די טואונג פון גוטס**; לאָז מיך הערן דיין קול, **דאָס איז דאָס לערנען** תורה,[6] **און** מע האָט זיך שוין אַ מאָל געציילט[7] **אין** אייבערשטיבל פון ערימס הויז[8] **אין** לוד **און** געזאָגט: **וואָס איז גרעסער, דאָס לערנען, אָדער**

---

**אויס; באַציט זיך דער פסוק אויפן קול וואָס פאַר מתן תורה** (מהרז"ו). [5] **צעזייט און**

דאָס טאָן? ר׳ טרפון זאָגט: דאָס טאָן איז גרעסער; ר׳ עקיבא זאָגט: דאָס לערנען איז גרעסער. האָט מען זיך געציילט און באַשטימט, אַז גרעסער איז דאָס לערנען, ווייל עס ברענגט צו מעשים. וואָרום דיין קול איז זיס, דאָס איז דאָס לערנען תורה; און דיין פנים איז שיין, דאָס איז די טואונג פון גוטס.

ר׳ הונא און ר׳ אחא האָבן אין נאָמען פון ר׳ אחא בר חנינא באַשיידט דעם פסוק לויט ר׳ מאירן — וועגן דעם אוהל מועד. טויב מיינע, אין די שפאַלטן פון דעם פעלדז, וואָרום זיי זיינען געווען באַהאַלטן אין דער פאַרבאָרגנקייט פון אוהל מועד;[9] באַווייז מיר דיין פנים, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא ח, ד): ותקהל — האָט זיך די עדה צענויפגעזאַמלט ביי דער עפענונג פון אוהל מועד; — לאָז מיך הערן דיין קול (דאָרט ט, כד): וירא — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען און זיי האָבן לויבגעזונגען,[10] אַ שיינע שירה האָבן זיי געזאָגט, וואָרום עפּעס ביי׳ס האָבן זיי געזען,[11] דעריבער האָבן זיי געזאָגט אַ ניי געזאַנג; וואָרום דיין קול איז זיס, דאָס איז דאָס געזאַנג; און דיין פנים איז שיין, דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק ה): ויקרבו — האָט גענענט די גאַנצע עדה און האָבן זיך געשטעלט פאַר גאָט.

ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: זיי באַשיידן עס לויט ר׳ מאירן; וועל איך עס באַשיידן לויט די רבנן — וועגן דעם הויז פון אייביקייט.[12] טויב מיינע אין די שפאַלטן פון דעם פעלדז, וואָרום זיי זיינען געווען באַהאַלטן אין דער פאַרבאָרגעניש פון דעם הויז פון אייביקייט;[13] באַווייז מיר דיין פנים, דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ח, א): אז — דעמאָלט האָט שלמה פאַרזאַמלט די עלטסטע פון ישראל; — לאָז מיך הערן דיין קול, דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים ב, ה, יג): ויהי — און ס׳איז געווען, ווען די טרומייטערערס און די זינגערס האָבן אין איינעם געלאָזט הערן איין קול. — — —

---

צעשפּרייט, און מע זעט זיי ניט אַרויס. [6] דער נוסח אין אַלע געדרוקטע אויסגאַבעס איז פאַרקערט: באַווייז מיר דיין פנים, דאָס איז דאָס לערנען תורה; לאָז מיך הערן דיין קול, דאָס איז די טואונג פון גוטס. מיר האָבן עס געביטן לויט אַ נוסח פון אות אמת, וואָס איז לאָגישער און אין איינקלאַנג מיטן ווייטערדיקן (פאַרגלייך מתנות כהונה און יפה קול) —דער געדאַנק פון ר׳ יוסי הגלילי איז, אַז ניט קוקנדיק וואָס ידן זיינען אין גלות ביי פרעמדע פעלקער, האָבן זיי אָבער ניט אויפגעהערט צו לערנען תורה און טאָן מעשים טובים (מהרז״ו). [7] אויפגענומען די ווייטערדיקע פראַגע און באַשלאָסן לויט אַ מערהייט שטימען. [8] אין אונדזערע געדרוקטע טעקסטן איז דער נוסח „בבית עליית ערים,״ אין הויז פון ערימס אייבערשטיבל (אָדער גאָר אין הויז פון עליית ערים, ווי אַ נאָמען פון אַן אָרט). מיר האָבן עס געביטן לויטן נוסח פון ירושלמי, חגיגה א, ז; פּסחים ג, ז, וואָס איז שפּראַכלעך לאָגישער. מיר האָבן אָבער געלאָזט „ערים״ מיט אַן עין, ווי אין די מדרש טעקסטן און ניט מיט אַן אלף ווי אין ירושלמי, צוליבן ילקוט (א, תתסא), וואו דער נוסח איז „בית שערים.״ אין קידושין (מ, ב) איז דער נוסח „בית ניתזה בלוד,״ אין ספרי עקב, מא — „בית ערוד,״ מעגלעך פאַרגרייזט פון „בית ער(ים בל)וד.״ [9] די קדושה פון אוהל מועד האָט זיי באַשיצט; אָדער: ס׳איז געשען אַ נס, און גאַנץ ישראל איז אַריין אין הויף פון אוהל מועד, וואָס איז געווען גאָר פּופציק איילן די לענג און פופציק די ברייט (ויקרא רבה י, ט). [10] זע אונקלוס. [11] אַ פייער איז אַראָפּ פון הימל און פאַרצערט דעם קרבן. [12] דער בית המקדש (זע אויבן, א, יב) [13] זע אויבן, באַמ. 9; זע אויך אבות ה, ח: מע

**ר׳ טרפון אומר: גדול הוא המעשה; ר׳ עקיבא אומר: גדול הוא התלמוד. נמנו וגמרו: גדול הוא התלמוד, שמביא לידי מעשה.** — כי קולך ערב, **זה התלמוד**; ומראך נאוה, **זה מעשה הטוב.**

**ר׳ הונא ור׳ אחא בשם ר׳ אחא בר חנינא פתרי קרייה על דעתיה דר׳ מאיר — באהל מועד.** יונתי בחגוי הסלע, **שחבויין בסתר אהל מועד**; הראיני את מראיך, **שנאמר** (ויקרא ח): ותקהל העדה אל פתח אהל מועד; — השמיעיני את קולך (שם ט): וירא כל העם וירונו, — **שירה נאה אמרו, על ידי שראו דבר חדש, לפיכך אמרו שירה חדשה;** — כי קולך ערב, **זה השיר**; ומראך נאוה, **המד״א** (שם): ויקרבו כל העדה ויעמדו לפני ה׳.

**א״ר תנחומא: אינון פתרין לה על דעתיה דר׳ מאיר; אף אנא נפתרינה על דעתיהון דרבנן בבית העולמים.** יונתי בחגוי הסלע, **שהיו חבויין בסתר בית עולמים**; הראיני את מראיך, **המד״א** (מלכים א, ח): אז יקהל שלמה; — השמיעיני את קולך, **המד״א** (דברי הימים ב, ה): ויהי כאחד למחצצרים ולמשוררים קול אחד; — — —

**ר׳ אבין בשם ר׳ אבא כהן בן דליה אמר: כתיב** (שמות יט): ויענו כל העם יחדיו; **וכתיב** (שם כד): ויען כל העם קול אחד ויאמרו, — **עד היכן עמד להם אותו הקול? עד** ויהי כאחד למחצצרים ולמשוררים להשמיע קול אחד.

כי קולך ערב, **זה השיר**; ומראך נאוה, **אלו הקרבנות; המד״א** (דברי הימים ב, ז): ויזבח המלך שלמה את זבח הבקר, — **אי זה בקר?**

---

**ר׳ אבין האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אבא כהן בן דליה: עס שטייט געשריבן** (שמות יט, ח): ויענו — האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק צוזאַמען; **און ווייטער שטייט** (דאָרט כד, ג): ויען — האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק מיט איין קול און געזאָגט, — **ביז ווען איז זיי בייגעשטאַנען [דער זכות פון] יענעם קול? ביז** — און ס׳איז געווען, ווען די טרומייטערס און די זינגערס האָבן אין איינעם געלאָזט הערן איין קול.[14]

וואָרום דיין קול איז זיס, **דאָס איז דאָס געזאַנג;** און דיין פּנים איז שיין, **דאָס זיינען די קרבנות; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (דברי הימים ב, ז, ה): **ויזבח** המלך — און דער מלך שלמה האָט געשלאַכט אַ שלאַכטאָפּפער פון די רינדער,[15]

---

פלעגט שטיין (אין בית המקדש) צעגויפגעדריקט, אָבער בוקן פלעגט מען זיך געריום.

**[14] אין זכות פון יענעם „קול אחד" האָט ישראל זוכה געווען צום „קול אחד" פון די טרומייטערס און זינגערס אין בית המקדש.** [15] לויטן דרש. — **אין די געדרוקטע**

— וואָסערע רינדער? (במדבר ז, ח) די פיר וועגענער און די אַכט רינדער.[16]

ר' אליהו האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די עולי רגל. באַווייז מיר דיין פנים, דאָס זיינען די עולי רגל, ווי דער פסוק זאָגט (דברים טז, טז): שלש — דריי מאָל אַ יאָר זאָלן זיך ווייזן [אַלע דיינע מאַנספּאַרשוינען פאַר גאָט]; לאָז מיך הערן דיין קול, דאָס איז דאָס זאָגן „הלל" מיט ווּאילגעקלאַנג; ווען ישראל זאָגט „הלל", גייט זייער קול אַרויף צום הימל. דאָס ווערטל זאָגט: „פון קרבן פּסח אַ כזית,[17] און דער „הלל" ברעכט די דעכער".[18] וואָרום דיין קול איז זיס, דאָס איז דאָס געזאַנג; און דיין פּנים איז שיין, דאָס איז דאָס דוכענען.[19]

לב

ר' יהודה בן סימון האָט געזאָגט פון ר' שמעון בן אלעזרס וועגן: פאַרוואָס איז רבקה געווען אַן עקרה? כדי די אומות פון דער וועלט זאָלן ניט זאָגן: „אונדזער תפילה האָט געטראָגן פּרוכט." וואָרום זיי האָבן געזאָגט צו איר (בראשית כד, ס): אחותנו — שוועסטער אונדזערע, דו זאָלסט זיין טויזנטער מאָל צען טויזנט, — ביז יצחק האָט מתפּלל געווען אויף איר, און זי איז אויפגעריכט געוואָרן; דאָס איז ווי איין פסוק שטייט (דאָרט כה, כא): ויעתר — און יצחק האָט געבעטן גאָט וועגן זיין ווייב. ר' עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' חנינא בר פּפּא: פאַרוואָס זיינען די אימהות געווען עקרות? כדי זיי זאָלן זיך טוליען צו זייערע מענער אין זייער שיינקייט.[1] ר' הונא און ר' ירמיה האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר' חייא בר אבא: פאַרוואָס זיינען די אימהות געווען עקרות? כדי וואָס מער יאָרן זאָלן אַריבער אָן פאַרקנעכטונג.[2] ר' חוניי פון ר' מאירס וועגן: פאַרוואָס זיינען די אימהות געווען עקרות? כדי זייערע מענער זאָלן הנאה האָבן פון זייער שיינקייט, וואָרום בשעת אַ פרוי פאַרגייט אין טראָגן ווערט זי מיאוס און דיק־לייביק. אַ ראיה האָסטו, אַז

טעקסטן ווערט דאָ ציטירט דער פסוק פון מלכים א, ח, סג; מיר האָבן אָבער דעם פסוק געביטן לויטן מהרז"ו (אין איינקלאַנג מיטן ווייטערדיקן טעקסט (ו,י) און מיט במדבר רבה יב, יח) וואו דער דרש איז געבויט אויף דעם וואָס דאָרט שטייט ניט סתם „בקר," רינדער, ווי אין מלכים, נייערט הבקר, די רינדער, די באַוואוסטע פון פריער. [16] לויטן מדרש (ווייטער ו, י), האָבן די דאָזיקע רינדער זיך אויפגעהאַלטן ביים לעבן און ביים געזונט, ביז שלמה המלך האָט זיי, לויט די רבנן, מקריב געווען. [17] גאָר אַ קליינער טייל: אַ סך מענטשן פלעגן זיך טיילן מיטן פלייש פונעם קרבן. [18] עמענדירט לויט פסחים פה, ב. [19] ווען די כוהנים אין בית המקדש פלעגן בענטשן דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק (דוכן — די פלאַטפאָרמע וואָס די כוהנים פלעגן שטיין אויף איר, דערפון — דוכנען).

לב. [1] זע ווייטער די ווערטער פון ר' מאירן. — די ענדערונג אין טעקסט איז לויט בראשית רבה מה, ד, און אַזוי איז אויך דער נוסח אין ילקוט א, עט. [2] אַזוי ווי דער גלות מצרים האָט זיך געדאַרפט ענדיקן ניט פריער ווי פיר הונדערט יאָר נאָך יצחקס געבורט (זע אויבן ב, יח), און אַזוי ווי די פאַרקנעכטונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך יוספס טויט (שמות א, ח, און ווייטער), איז וואָס שפּעטער יעקב און זיין זיינע זיינען געבוירן געוואָרן, אַלץ קירצער איז געווען די פאַרקנעכטונג. — לויט דעם ווערן דאָ געמיינט נאָר רבקה און רחל, אָבער ניט שרה, ווייל יצחקס געבוירן ווערן פריער וואָלט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד. לויטן מתנות כהונה: כדי די מערסטע יאָרן (פון די אימהות) זאָלן פאַרבייגיין אָן ליידן (פון טראָגן און האָבן, און האָדעווען די קינדער). לויט דעם איז אויך שרה אין

(במדבר ז) את ארבע העגלות ואת שמונת הבקר.

ר׳ אליהו פתר קרייה בעולי רגלים. הראיני את מראיך, אלו עולי רגלים, שנאמר (דברים טז): שלש פעמים בשנה יראה, וגו׳; השמיעיני את קולך, זה קריאת ההלל בנועם; בשעה שישראל קורין את ההלל, קולן עולה למרום. מתלא אמר: „פסחא (בבייתא) [כזיתא], והלילא מתברא (אברייאה) [איגרייא]. כי קולך ערב, זה השיר; ומראך נאוה, זה הדוכן.

לב

ר׳ יהודה בן סימון בשם ר׳ שמעון בן אלעזר אמר: מפני מה נתעקרה רבקה? כדי שלא יהיו אומות העולם אומרים: „תפלתנו עשתה פירות," שאמרו לה (בראשית כד): אחותנו, את היי לאלפי רבבה, — עד שהתפלל עליה יצחק ונפקדה; ההי״ד (שם כה): ויעתר יצחק לה׳ לנכח אשתו. ר׳ עזריה בשם ר׳ חנינא בר פפא אמר: מפני מה נתעקרו אמהות? כדי (שלא) [ש]יהו מתרפקות על בעליהן בנויין. ר׳ הונא ור׳ ירמיה בשם ר׳ חייא בר אבא אמר: מפני מה נתעקרו אמהות? כדי שיצאו רוב שנים בלא שעבוד. ר׳ חוניי בשם ר׳ מאיר: מפני מה נתעקרו אמהות? כדי שיהנו בעליהן בנויין, שבזמן שהאשה מקבלת הריון, היא מתכערת ומתעבית. תדע לך שהוא כן, שכל השנים שהיתה שרה אמנו עקרה, היתה יושבת בתוך ביתה ככלה בתוך חופתה; כיון שעיברה, נשתנה זיוה. המד״א (בראשית ג): בעצב תלדי בנים. ר׳ לוי בשם ר׳ שילא מכפר תמרתא ור׳ חלבו בשם ר׳ יוחנן: מפני מה נתעקרו אמהות? בשביל שהיה הקב״ה מתאוה לשמוע שיחתן. אמר להן: „יונתי, אומר לכן מפני מה העקרתי אתכן,

---

ס׳איז אַזוי, וואָרום די אַלע יאָרן וואָס אונדזער מוטער שרה איז געווען אַן עקרה, איז זי געזעסן אין הויז ווי אַ כלה אונטער דער חופה;[3] ווי נאָר זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, אַזוי האָט זיך געביטן איר ליכטיק אויסזען. דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, טז): בעצב — מיט ווייטאָג וועסטו געבוירן קינדער. ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ שילא פון כפר תמרתא און ר׳ חלבו אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: פאַרוואָס זיינען די אימהות געווען עקרות? ווייל הקדוש ברוך הוא האָט געגלוסט צו הערן זייער תפילה.[4] ער האָט געזאָגט צו זיי: „טויב מיינע, לאָמיך אייך זאָגן פאַרוואָס איך האָב אייך געמאַכט פאַר עקרות,

---

כלל פון דעם ענטפער. [3] אין איר פולער שיינקייט. [4] ווערטערלעך: זייערע רייד. זע אונקלוס און רש״י אויפן וואָרט לשוח (בראשית כד, סג).

— **ווייל איך האָב געגלוסט צו הערן אייער תפילה.״ דאָס איז ווי אין פסוק** שטייט: וואָרום דיין קול איז זיס און דיין פנים איז שיין.

## לג

(טו) אחזו — גיט אַכטונג פאַר אונדז, איר פוקסן.[1] **ווען דער פסוק פאַר־** גלייכט אַנדערע מלכותן, פאַרגלייכט ער זיי ניט אַנדערש, נייערט מיט פייער; **דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (יחזקאל טו, ז): ונתתי — און איך וועל קערן מיין פנים אויף זיי; פון פייער זיינען זיי אַרויס, און דאָס פייער וועט זיי פאַרצערן. **אָבער ווען ער פאַרגלייכט די מצרים, פאַרגלייכט ער זיי ניט אַנדערש, נייערט מיט עפּעס וואָס ווערט צו נישט אין פייער; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ישעיה מג, יז): דעכו — זיי האָבן געצאַנקט, ווי אַ פלאַקס־קנויט האָבן זיי זיך אויסגעלאָשן.[2] — **ווען ער פאַרגלייכט אַנדערע מלכותן, פאַר־ גלייכט ער זיי ניט אַנדערש, נייערט מיט זילבער און גאָלד; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (דניאל ב, לב): הוא צלמא — די דאָזיקע געשטאַלט, איר קאָפּ איז פון טייערן גאָלד. **אָבער ווען ער פאַרגלייכט די מצרים, פאַרגלייכט ער זיי ניט אַנדערש, נייערט מיט בליי, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות טו, י): צללו —זיי זיינען געזונקען ווי בליי. — **ווען ער פאַרגלייכט אַנדערע מלכותן, פאַרגלייכט ער זיי ניט אַנדערש נייערט מיט צעדערן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (יחזקאל לא, ג): הנה — אָט איז אשור געווען אַ צעדער אין לבנון; **און נאָך שטייט** (דניאל ד, יז): אילנא — דער בוים וואָס דו האָסט געזען, וואָס איז געוואַקסן — — — **און ווידער שטייט** (עמוס ב, ט): ואנכי — און איך האָב פאַרטיליקט פאַר זיי דעם אמורי [וואָס ווי די הייך פון צעדערן איז זיין הייך געווען]. **אָבער זוען ער פאַרגלייכט די מצרים, פאַרגלייכט ער זיי ניט אַנדערש נייערט מיט שטרוי, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות טו, ז)— יאכלמו — ער פאַרצערט זיי ווי שטרוי. — **ווען ער פאַרגלייכט אַנדערע מלכותן, פאַר־ גלייכט ער זיי מיט חיות, ווי דער פסוק זאָגט** (דניאל ז, ג): וארבע — און פיר גרויסע חיות זיינען אַרויפגעקומען פון ים, אַנדערש איינע פון דער אַנדערער. און ווייטער שטייט: די ערשטע ווי אַ לייב. **אָבער ווען ער פאַרגלייכט די מצרים, פאַרגלייכט ער זיי צו פוקסן, ווי דער פסוק זאָגט:** גיט אַכטונג פאַר אונדז, איר פוקסן, **און היט זיי אָפּ פאַרן טייך.**[3]

**ר׳ אלעזר בר שמעון האָט געזאָגט: די מצרים זיינען געווען ליסטיק, דעריבער פאַרגלייכט ער זיי צו פוקסן: אַזוי ווי דער דאָזיקער פוקס קוקט** אויף צוריק,[4] אַזוי פלעגן די מצרים קוקן אויף צוריק.[5] **און זיי פלעגן זאָגן „מיט וואָס קאָנען מיר זיי משפטן? זאָלן מיר זיי משפטן מיט פייער, איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן** (ישעיה סו, טז): כי — וואָרום מיט פייער טוט גאָט זיך משפטן. **זאָלן מיר זיי משפטן מיט שווערד, שטייט דאָך געשריבן** (דאָרט):

---

לג. [1] לויטן ווייטערדיקן דרש: די מצרים האָבן געשיקט זייער קליינוואַרג (שועלים קטנים) אַכטונג צו געבן וואו אַ יידיש ייִנגל ווערט געבוירן, כדי אים אַריינצוּוואַרפן אין טייך. „אחזו" געטייטשט לויט „חזו", זעט, גיט אַכטונג (מהרז"ו). [2] יענער פסוק ווערט געטייטשט אויף די מצרים ביים ים סוף. [3] זע באָמ. 1. [4] כדי צו קענען אַנטלויפן אין צייט פון געפאַר. [5] אויף דעם וואָס איז געשען פריער, כדי צו וויסן ווי דורכצופירן

**שהייתי מתאוה לשמוע שיחתכן." הה"ד:** כי קולך ערב ומראך נאוה.

**לג**

(טו) אחזו לנו, שועלים. **כשהוא מושל את המלכיות אינו מושלן אלא באש; הה"ד** (יחזקאל טו): ונתתי את פני בהם; מהאש יצאו והאש תאכלם. **וכשהוא מושל את המצריים, אינו מושלן אלא בדבר שכבה באש; הה"ד** (ישעיה מג): דעכו, כפשתה כבו. — **כשהוא מושל המלכיות, אינו מושלן אלא בכסף וזהב; הלא הוא דכתיב** (דניאל ב): הוא צלמא ראשיה די דהב טב. **כשהוא מושל המצריים, אין מושלן אלא בעופרת, שנאמר** (שמות טו): צללו כעופרת. — **כשהוא מושל את המלכיות אינו מושלן אלא בארזים; הה"ד** (יחזקאל לא): הנה אשור ארז בלבנון, **וכתיב** (דניאל ד): אילנא די חזית די רבה, **וגו', וכתיב** (עמוס ב): ואנכי השמדתי את האמורי מפניהם [אשר כגבה ארזים גבהו]. **כשהוא מושל המצריים אינו מושלן אלא בקש, שנאמר** (שמות טו): יאכלמו כקש. — **כשהוא מושל המלכיות מושלן בחיות, שנאמר** (דניאל ז): וארבע חיון רברבן סלקן מן ימא, שניין דא מן דא, **וכתיב:** קדמיתא כאריה. **כשהוא מושל המצריים מושלן בשועלים, שנאמר:** אחזו לנו, שועלים, **שמרו אותם ליאור.**

**א"ר אלעזר בר' שמעון: ערומין היו המצריים, לפיכך הוא מושלן בשועלים: מה שועל זה מביט לאחוריו, כך היו המצריים מביטין לאחוריהם. והיו אומרים: „במה נדונם? נדונם באש, והלא כבר נאמר** (ישעיה סו): כי באש ה' נשפט. **נדונם בחרב, והלא כתיב:** ובחרבו את כל בשר; **אלא נדונם במים, שכבר נשבע הקב"ה, שאינו מביא מבול לעולם עוד," כדכתיב** (שם נד): כי מי נח זאת לי. **אמר להם הקב"ה: „חייכם, שכל אחד ואחד מכם**

---

ובחרבו — און מיט זיין שווערד [משפט ער זיך] מיט אַלע לייבער. **נייערט מיר וועלן זיי משפטן מיט וואַסער, וואָרום הקדוש ברוך הוא האָט שוין לאַנג געשוואָרן, אַז ער וועט קיין מבול אויף דער וועלט מער ניט ברענגען," ווי אין פסוק שטייט** (דאָרט נד, ט): כי מי — וואָרום ווי די וואַסערן פון נחן איז עס מיר [וואָס איך האָב געשוואָרן, אַז די וואַסערן פון נחן זאָלן מער ניט אַריבערגיין די ערד]. **האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „ביי אייער לעבן, ווי איטלעך איינציקן פון אייך וועל איך פאַרשלעפּן צו זיין אייגענעם**

מבול,[6] ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סג, יא): יגירוהו — מע וועט אים פאַר־שלעפּן[7] צו דער מאַכט פון דער שווערד, דער חלק פון די פוקסן וועט עס זיין: מע וועט אים פאַרשלעפּן צו דער מאַכט פון דער שווערד, דאָס זיינען די רשעים, וואָס ער האָט זיי פאַרשלעפּט צו דער שווערד פונעם ים;[8] דער חלק פון די פוקסן וועט עס זיין, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „דער דאָזיקער חלק[9] וועט זיין אָנגעברייט פאַר די פוקסן.“ ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דער ערשטער „שועלים“ שטייט פול,[10] דער צווייטער — פעליק, שעלים איז דער כתיב, — דאָס זיינען יענע פוקסן וואָס האָבן געניגדערט צו דער טיפעניש[11] פון ים.

ר׳ תנחומא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ סימון: עס שטייט געשריבן (ישעיה מג, טז—יז): הנותן — דער וואָס גיט דורכן ים אַ וועג, דאָס איז ניט קיין גרויסער אויפטו;[12] און דורך שטאַרקע וואַסערן אַ שטעג, דאָס איז ניט קיין גרויסער אויפטו. נייערט וואָס איז יאָ אַ גרויסער אויפטו? דער וואָס לאָזט אַרויסציען רייטוועגן און פערד, חיל און שטאַרקייט.[13]

ר׳ יודן האָט געזאָגט: אַ גרויסער יעגער און אַ געיעג; אַ גרייטקייט פון יעגערס און בויגן־שיסערס; זיי שטופּן און שטויסן איינער דעם צווייטן — און זייערע פערד היינטער זיי — אין ים אַריין.[14]

ר׳ חנן האָט געזאָגט: וואָס פלעגן די כשרע און צניעותדיקע יידישע טעכטער טאָן?[15] זיי פלעגן נעמען זייערע זין און זיי באַהאַלטן אין היילן. פלעגן די מצרים די רשעים נעמען זייערע קליינע קינדער, זיי אַריינברענגען אין יידישע הייזער און זיי שטעכן; פלעגן זיי וויינען. און אַז דאָס [באַהאַל־טענע] קינד האָט געהערט, ווי זיין חבר וויינט, פלעגט עס זיך אויך צעוויינען; פלעגן זיי זיי נעמען און אַריינוואַרפן אין טייך. און וויפיל קינדער זיינען עס געווען וואָס מע האָט געוואָרפן אין טייך? צען טויזנט, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל טז, ז): רבבה — צען טויזנט, ווי די שפּראָצונג פון פעלד[15א]. און

[6] אַנשטאָט צו ברענגען דעם מבול אויף זיי, וועט ער זיי ברענגען צום מבול. [7] לויטן דרש, פון גרר, שלעפּן. [8] לויטן יפה קול — צו דער טריקעניש פון ים (איידער דאָס וואַסער האָט זיך אומגעקערט): חרב, שווערד — חרבה — טריקעניש. [9] דאָס דערטרונקען ווערן אין ים. [10] מיט אַ ו. [11] לשעלו — שעלים. [12] ווייל אויך מענטשן מאַכן זיך אין ים אַ וועג. [13] זע אויבן באַם. 2. [14] מיר האָבן אויסגעטיילט דעם מאמר באַזונדער, און ניט געפּרוּווט אים אויסבעסערן און פונקטואירן, ווייל ער איז זייער ניט קלאָר. פון אַלע דערקלערונגען האָבן מיר אויסגעקליבן די פונעם ערוך השלם, וואָס לייגט זיך מער אויפן שכל. לויט דעם דאַרף דער מאמר זיך לייענען בערך אַזוי: קיניגין מכללה ודיאַרטיס; עתידים מן בלטורא; דא דוחה וטורדו לזה — וסוסיהם אחריהם — בים. וואונטשע (דייטשע איבערזעצונג) האָט אַן אַנדער דערקלערונג, און ווידער אַן אַנדערע (לויטן מתנות כהונה) — יאַסטראָוו און סיימאָן (סאָנטשינאָ), אָבער אַלע מאַכן זייערע דערקלערונגען לויט גריכיש. אין געוויסע כתב ידן איז דער מאמר אין גאַנצן ניטאָ (זע אות אמת; צונץ, הדרשות בישראל, 402; מתנות כהונה). [15] ווען די מצרים האָבן זיך געיאָגט נאָך ניי־געבוירענע יידישע יינגלעך. [15א] זע סוטה יא, ב, די דרשה פון ר׳ עוירא אויף אונדזער פסוק: די נשים צדקניות אין מצרים פלעגן געבערן זייערע קינדער אויפן פעלד, כדי זיי אויסצובאַהאַלטן פון די מצרים. און ווען די מצרים פלעגן זיי דאָך אויס־

אני גוררו למבולו," שנאמר (תהלים סג): יגירוהו על ידי חרב, מנת שועלים יהיו, — יגירוהו על ידי חרב, אלו הרשעים שגררן לחרבו של ים; מנת שועלים יהיו, — אמר הקב"ה: „המנה הזאת תהיה מתוקנת לשועלים." א"ר ברכיה: שועלים קדמאה מלא, תניינא חסר, שעלים כתיב, — אותם הם השועלים שירדו לשעלו של ים.

א"ר תנחומא בשם ר' יהודה בר' סימון: כתיב (ישעיה מג): הנותן בים דרך, אין זו מדה קשה; ובמים עזים נתיבה, אין זו מדה קשה. אלא איזו היא מדה קשה? המוציא רכב וסוס, חיל ועזוז.

אמר ר' יודן: קיניגין מכללה ודיארטיה עתידים מן בלטוורא דא דיחתו וייטורד זה שטיהם אחריהם בים.

א"ר חנן: מה היו בנות ישראל הכשרות והצנועות עושות? היו נוטלות בניהן וטומנות אותם במחילות. והיו מצריים הרשעים נוטלין בניהם הקטנים ומכניסים אותם לבתיהם של ישראל ועוקצין אותם, והם בוכים. והיה התינוק של ישראל שומע קול חבירו שבוכה, ובוכה עמו; והיו נוטלין אותם ומשליכין אותם ליאור. וכמה תינוקות היו שהשליכו ליאור? עשרת אלפים, שנאמר (יחזקאל טז): רבבה כצמח השדה. ור' לוי אמר: ששים רבוא, שכן אמר משה (במדבר יא): שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו. ומה היו המצרים עושים? מביאים בניהם מן האיסכוליות שלהן ומשלחים אותם לבתי מרחצאות שלהן, ורואין איזו אשה מישראל מעוברת, והן מרשמים לפניהם וחוזרים ואומרים לאבותיהם: „פלניתא יש לה ג' חדשים, פלניתא יש לה ד' חדשים וה' חדשים." למניינם היו נוטלים מדדיהן

---

ר' לוי האָט געזאָגט: זעכציק מאָל צען טויזנט, וואָרום אַזוי האָט משה געזאָגט (במדבר יא, כא): שש מאות — זעקס מאָל הונדערט טויזנט פוסגייער איז דאָס פאָלק וואָס איך בין צווישן אים.[16] און וואָס [נאָך] פלעגן די מצרים טאָן? זיי פלעגן ברענגען זייערע קינדער פון זייערע לערן־הייזער און זיי שיקן אין זייערע באָד־הייזער צו זען, וועלכע יידישע פרוי איז טראָגעדיק, און זיי פלעגן זיך עס פאַרצייכענען און זיך אומקערן און זאָגן צו זייערע עלטערן: די האָט נאָך דריי חדשים, יענע האָט נאָך פיר חדשים, אָדער פינף חדשים."

---

געפינען, פלעגט די ערד זיי איינשלינגען און שפּעטער זיי צוריק אַרויסגעבן, ווי די שפּראָצונג פון פעלד. 16 און ווייניקסטנס איין קינד פון יעדן הויז האָט מען אַרייַנגעוואָרפן

לויט זייער חשבון פלעגן זיי [קומען און] אַוועקנעמען די קינדער פון זייערע בריסט און זיי אַריינוואַרפן אין טייך; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: גיט אַכטונג פאַר אונדז, איר פוקסן, איר קליינע פוקסן, דאָ שטייט ניט: „תפשו לנו,״ כאַפּט פאַר אונדז, אָדער „הרגו לנו,״ הרגעט פאַר אונדז, נייערט אחזו לנו, גיט אַכטונג פאַר אונדז, וואָרום זיי האָבן אונדז אַפּגעהיט פאַרן טייך.[17]

ר׳ יודן און ר׳ ברכיה. ר׳ יודן האָט געזאָגט: קליינע פוקסן, דאָס איז עשו[18] און זיינע האַרן; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (עובדיה א, ב): הנה — זע, קליין האָב איך דיך געמאַכט צווישן די פעלקער. ר׳ שמעון בן אלעזר האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מדינה וואָס פלעגט האַלטן לייבוועכטערס פאַרן מלך; איז דאָרט געווען אַ פרוי וואָס האָט געבוירן אַ זון אַ קאַרליק, און זי פלעגט אים רופן „שנעל־פוסיקער ריז.״[19] זי האָט געזאָגט צו זיי: „מיין זון איז אַ שנעל־פוסיקער ריז, און איר מאַכט אים ניט פאַר קיין לייבוועכטער?״ האָבן זיי געזאָגט צו איר: „אויב אין דיינע אויגן איז ער אַ שנעל־פוסיקער ריז, איז ער אָבער אין אונדזערע אויגן ניט מער ווי אַ קאַרליק שבקאַרליקעס.״ אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „דער דאָזיקער עשו הרשע, זיין פאָטער האָט אים גערופן ׳גרויסער׳״, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, א): ויקרא — האָט ער גערופן זיין גרויסן[20] זון, עשון; זיין מוטער האָט אים גערופן „גרויסער״, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, טו): את בגדי — די קליידער פון איר גרויסן זון עשו. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „אויב אין אייערע אויגן איז ער אַ גרויסער, איז ער אָבער אין מיינע אויגן קליין,״ ווי דער פסוק זאָגט: זע, קליין האָב איך דיך געמאַכט צווישן די פעלקער. און אויב ער איז יאָ גרויס,[21] איז „לויטן אָקס די שלאַכטונג״;[22] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה לד, ו): כי זבח — וואָרום אַ שלאַכטונג האָט גאָט אין בצרה, און אַ גרויסע שחיטה אין לאַנד פון אדום. — מחבלים — וואָס פאַרדאַרבן די וויינגאָרטנער, [וויינגערטנער] דאָס איז ישראל, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ה, ז): כי כרם — וואָרום דער ווייַנגאָרטן פון גאָט פון צבאות איז דאָס הויז פון ישראל; — און אונדזערע וויינגערטנער — אין פריטרויב,[23] ווי דער פסוק זאָגט (מיכה ז, א): אין אשכול — ניטאָ קיין הענגל צו עסן, קיין ערשטפּרוכט ווי מיין זעל גלוסט.[24] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: קליינע פוקסן, דאָס זיינען די פיר מלכותן,[25] ווי דער פסוק זאָגט (משלי ל, כד): ארבעה — פיר זיינען זיי, די קלענסטע אויף דער ערד; — וואָס פאַרדאַרבן די וויינגערטנער, דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט: וואָרום דער ווייַנגאָרטן פון גאָט פון צבאות איז

אין טייך (מתנות כהונה). [17] זע באַמ. 1. [18] רוים, און אַזוי אויך דאָס אידענטישע אדום: דער בעל המדרש, וואָס האָט געלעבט אונטער דער אונטערדריקערישער רוים, האָט געהאַט אַלע סיבות צו רעדן וועגן איר מיט פאַראַכטונג, ווי ווייטער. [19] געביטן לויט יאַסטראָוו (מיקרא — קליינמאַסיק, מאַקראָ — גרויסמאַסיק). [20] לויטן דרש, און אַזוי אויך אין ווייטערדיקן פסוק. [21] סוף־כל־סוף איז דאָך רוים געווען די גרעסטע מאַכט אין איר צייט. [22] ענדערונג אין טעקסט לויט פסיקתא דרב כהנא, פרשת החדש, און פסיקתא רבתי, דאָרט. [23] נאָך ניט ראוי הנאה צו האָבן פון זיי. [24] ישראל ליידט פון די „פאַרדאַרבערס פון די וויינגערטנער״ איבערן דוחק אין מעשים טובים. [25] בבל, פערסיע,

ומשליכים אותן ליאור; הה"ד: אחזו לנו, שועלים, שועלים קטנים, — „תפשו לנו," „הרגו לנו" אין כתיב כאן, אלא אחזו לנו, ששמרו אותנו ליאור.

ר' יודן ור' ברכיה. ר' יודן אמר; שועלים קטנים, אלו עשו ודוכסיה; המד"א (עובדיה א): הנה קטן נתתיך בגוים. א"ר שמעון בן אלעזר: משל למדינה שמגדלת איספתרין למלך; והיתה שם אשה אחת וילדה בן ננס אחד, והיתה קוראת את בנה (מיקרו ליפארוס) [„מקרו־אלפארוס"]. אמרה להם: „בני מקרו־אלפארוס, ואין אתם עושים אותו איספתוריי?" אמרו לה: „אם בעיניך מקרו־אלפארוס, אינו בעינינו אלא ננס שבננסים." כך אמר הקב"ה: „עשו זה הרשע, אביו קראו גדול," שנאמר (בראשית כז): ויקרא את עשו בנו הגדול; אמו קראה אותו גדול, שנאמר (שם): את בגדי עשו בנה הגדול. אמר להם הקב"ה: „אם בעיניכם הוא גדול, בעיני הוא קטן," שנאמר: הנה קטן נתתיך בגוים. אין רב הוא — „לפום תורא (טבחייא) [טבחא]; הה"ד (ישעיה לד): כי זבח לה' בבצרה, וטבח גדול בארץ אדום.—מחבלים כרמים, אלו ישראל, דכתיב (שם ה): כי כרם ה' צבאות בית ישראל; — וכרמינו סמדר, המד"א (מיכה ז): אין אשכול לאכול, בכורה אותה נפשי. ר' ברכיה אמר: שועלים קטנים, אלו ארבע מלכיות, שנאמר (משלי ל): ארבעה הם קטני ארץ; מחבלים כרמים, אלו ישראל, שנאמר: כי כרם ה' צבאות בית ישראל; — וכרמינו סמדר, — מי גרם לכרמינו להיות סמדר? (יחזקאל כב): ואבקש מהם איש גודר גדר, וגו', ולא מצאתי, אילולי נח, דניאל ואיוב.

לד

(טז) דודי לי ואני לו.

הוא לי לאלהים, ואני לו לאומה. הוא לי לאלהים: (שמות כ)

---

דאָס הויז פון ישראל; — און אונדזערע וויינגערטנער — אין פריטרויב; — **ווער האָט גורם געווען, אַז אונדזערע וויינגערטנער זאָלן זיין אין פריטרויב?** (יחזקאל כב, ל): ואבקש — און איך האָב געזוכט צווישן זיי אַ מאַן וואָס זאָל פאַרצאַמען אַ צאַם[26] — — — און איך האָב ניט געפונען, **ווען ניט נוח, דניאל און איוב.**[27]

לד

(טז) דודי לי — מיין געליבטער איז מיינער און איך בין זיינע.

**ער איז מיר אַ גאָט, און איך בין אים אַן אומה. ער איז מיר אַ גאָט:** (שמות

כ, ב) אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט; **און איך בין אים אַ פאָלק און אַן אומה, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה נא, ד): הקשיבו — הערט זיך צו צו מיר, מיין פאָלק, און פאַרנעמט פון מיר, מיין אומה.

**ער איז מיר אַ פאָטער, און איך בין אים אַ זון. ער איז מיר אַ פאָטער:** (דאָרט סג, טז) כי — וואָרום דו ביסט אונדזער פאָטער; (ירמיה לא, ח) כי — וואָרום איך בין געוואָרן אַ פאָטער צו ישראל. **און איך בין אים אַ זון:** (שמות ד, כב) בני בכורי — מיין ערשטגעבוירענער זון איז ישראל; (דברים יד, א) בנים — קינדער זענט איר צו גאָט אייער גאָט.

**ער איז מיר אַ פאַסטוך:** (תהלים פ, ב) רועה — דו פאַסטעך פון ישראל, פאַרנעם; **און איך בין אים שאָף:** (יחזקאל לד, לא) ואתנה — און איר זענט מיין שאָף, די שאָף פון מיין פיטערונג.

**ער איז מיר אַ שומר:** (תהלים קכא, ד) הנה — זע, עס דרימלט ניט און שלאָפט ניט דער שומר ישראל; **און איך בין אים אַ וויינגאָרטן, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה ה, ז): כי — וואָרום דער וויינגאָרטן פון גאָט פון צבאות איז דאָס הויז פון ישראל.

**ער איז מיט מיר קעגן מיינע דערצערענערס, און איך בין מיט אים קעגן זיינע דערבייזערערס. ער איז מיט מיר קעגן מיינע דערצערענערס, וואָרום ער האָט געשלאָגן די בכורים פון די מצרים, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות יב, כט): ועברתי — און איך וועל דורכגיין דורכן לאַנד מצרים; — און ס'איז געווען אין מיטן נאַכט, און גאָט האָט געשלאָגן איטלעכן בכור. **און איך בין מיט אים קעגן זיינע דערבייזערערס, וואָרום איך האָב געשלאַכט די געטער פון מצרים, און אַזוי [שטייט געשריבן]** (פסוק יב): ובכל — און אין אַלע געטער פון מצרים וועל איך טאָן אַ משפט. **און איך האָב זיי געשלאַכט פאַר אים, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ח, כב): הן נזבח — אַט וועלן מיר שלאַכטן די אומווערדיקייט[1] פון מצרים, **און אַזוי [שטייט ווייטער געשריבן]** (דאָרט יב, ג): ויקחו — און זאָלן זיי זיך איטלעכער נעמען אַ לאַם פאַר אַ פאָטערהויז.

**ער האָט געזאָגט צו מיר:** „ס'וועט ניט פעלן דער מישווין," **ווי דער פסוק זאָגט** (ווייטער ז, ג): שררך — דיין נאָפּל איז אַ רונדער בעכער, עס פעלט ניט קיין מישווין;[2] **און איך האָב געזאָגט צו אים: „דו ביסט מיין גוטער פריינד, זאָל דיין גוטס קיין מאָל ניט פעלן," ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים כג, א): ה' — גאָט איז מיין פריינד,[3] ס'וועט מיר ניט פעלן.

**ר' יהודה בר' אלעאי האָט געזאָגט: ער האָט מיך באַזונגען און איך האָב אים באַזונגען; ער האָט מיך געלויבט, און איך האָב אים געלויבט. ער האָט**

---

**בריכנלאַנד און רוים, וואָס האָבן נאָך דער ריי געהערשט איבער יידן.** [26] **אָפּהיטן דאָס פאָלק און אים פירן אויפן גלייכן וועג.** [27] יחזקאל יד, יד.

לד. [1] דעם אָפּגאָט פון די מצרים (וואָס פאַר ישראל איז עס געווען אַן אומווערדיקייט) **און דורכן מקריב זיין די שעפסן פאַר אַ קרבן איז דורכגעפירט געוואָרן גאָטס משפט איבער די מצרישע אָפּגעטער.** [2] **דער דאָזיקער פסוק ווערט ווייטער געדרשנט אויפן סנהדרין.** [3] **לויטן דרש: „רועי" (מיין פאַסטעך) שטייט דאָ אַן אַ ו, לייענט עס דער**

אנכי ה׳ אלהיך; **ואני לו לעם ואומה, שנאמר** (ישעיה נא): הקשיבו אלי עמי, ולאומי אלי האזינו.

**הוא לי לאב ואני לו לבן. הוא לי לאב** (שם סג): כי אתה אבינו; (ירמיה לא) כי הייתי לישראל לאב. **ואני לו לבן;** (שמות ד) בני בכורי ישראל; (דברים יד) בנים אתם לה׳.

**הוא לי לרועה:** (תהלים פ) רועה ישראל, האזינה; **ואני לו לצאן:** (יחזקאל לד) ואתנה צאני, צאן מרעיתי.

**הוא לי לשומר:** (תהלים קכא) הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל; **ואני לו לכרם, שנאמר** (ישעיה ה): כי כרם ה׳ צבאות בית ישראל.

**הוא לי במקניאין, ואני לו במכעיסין. הוא לי במקניאין, שהכה בכורי מצרים, שנאמר** (שמות יב): ועברתי בארץ מצרים; (שם) ויהי בחצי הלילה, וה׳ הכה כל בכור. **ואני לו במכעיסין, שזבחתי לאלהי מצרים, וכן** (שם) ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים, **ואני זבחתים לו, שנאמר** (שם ח): הן נזבח את תועבת מצרים, **וכן** (שם יב) ויקחו להם איש שה לבית אבות.

**הוא אמר לי:** „אל יחסר המזג,״ **שנאמר** (שיר השירים ז): שררך אגן הסהר, אל יחסר המזג; **ואני אמרתי לו: „את הוא רחמי טבא, לא לחסר טיבותך לעולם,״ המד״א** (תהלים כג): ה׳ רועי, לא אחסר.

**א״ר יהודה בר׳ אלעאי: הוא זמרני ואני זמרתיו; הוא קלסני ואני קלסתיו. הוא קראני:** אחותי, רעיתי. יונתי תמתי, **ואני אמרתי ליה:** זה דודי וזה רעי. **הוא אמר לי:** הנך יפה, רעיתי, **ואני אמרתי לו:** הנך יפה, דודי, אף נעים. **הוא אומר לי** (דברים לג): אשריך, ישראל, מי כמוך; **ואני אמרתי לו** (שמות טו): מי כמוך באלים, ה׳. **הוא אמר לי** (שמואל ב, ז): ומי כעמך ישראל גוי אחד

---

מיך גערופן: שוועסטער מיינע, געליבטע מיינע, אומשולדיקע טויב מיינע, **און איך האָב געזאָגט צו אים:** דאָס איז מיין געליבטער און דאָס איז מיין פריינד. **ער האָט געזאָגט צו מיר:** דו ביסט שיין, מיין געליבטע, **און איך האָב געזאָגט צו אים:** דו ביסט שיין, מיין געליבטער, אויך ליבלעך. **ער האָט געזאָגט צו מיר** (דברים לג, כט): אשריך — וואויל איז דיר, ישראל, ווער איז דיין גליכן; **און איך האָב געזאָגט צו אים** (שמות טו, יא): ווער איז דיין גלייכן צווישן די מאַכטיקע, גאָט. **ער האָט געזאָגט צו מיר** (שמואל ב, ז, כג): ומי — און ווער נאָך איז ווי דיין פאָלק ישראל אַן איינציק פאָלק אויף דער וועלט;[4]

**און איך איינציק זיין נאָמען צוויי מאָל יעדן טאָג** (דברים ו, ד): שמע ישראל — הער, ישראל, גאָט אונדזער גאָט, גאָט איז איינער. **ווען איך זאָל עפּעס דאַרפן, מאָן איך ניט פון קיינעם, נייערט פון זיין האַנט, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות ב, כג—כה): ויהי — און ס'איז געווען אין יענער לאַנגער צייט, און דער מלך פון מצרים איז געשטאָרבן — — — און גאָט האָט געהערט זייער קרעכצן — — — און גאָט האָט געזען די קינדער פון ישראל; **און ווען ער דאַרף עפּעס, מאָנט ער עס ניט פון קיינעם, נייערט פון מיר און פון מיין האַנט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, יב, ג): דברו — רעדט צו דער גאַנצער עדה פון ישראל.[5] **האָב איך עפּעס געדאַרפט, האָב איך עס ניט געמאָנט פון קיינעם, נייערט פון זיין האַנט, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט יד, י): ופרעה — און פרעה האָט זיך דערנענטערט, און די קינדער פון ישראל האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן — — — [און האָבן געשריען צו גאָט]; **און ווען ער האָט עפּעס געדאַרפט, האָט ער עס ניט געמאָנט פון קיינעם, נייערט פון מיר, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כה, ב): דבר — רעד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן מיר נעמען אַן אָפּשיידונג. **און ווען איך בין געווען אין אַ צרה, האָב איך ניט געמאָנט פון קיינעם, נייערט פון אים** (שופטים ד, ג) ויצעקו — און די קינדער פון ישראל האָבן געשריען צו גאָט, וואָרום ניין הונדערט רייטוועגן האָט ער געהאַט, און ער האָט געדריקט די קינדער פון ישראל מיט שטאַרקייט. — וואָס מיינט מיט שטאַרקייט? מיט לעסטערונגען און שענדונגען.[6] — **און ווען ער האָט עפּעס געדאַרפט, האָט ער עס ניט געמאָנט פון קיינעם, נייערט פון מיר, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כה, ח): ועשו — און זאָלן זיי מיר מאַכן אַ הייליקטום.

לה

(טז) הרועה — דער וואָס פּיטערט צווישן די ליליעס. — **ר' יוחנן איז געשטראָפט געוואָרן, און ער האָט געליטן פון אַ היץ־קראַנקייט דריי און אַ האַלב יאָר. איז ר' חנינא אַרויפגעקומען אים מבקר חולה זיין, און אים געפרעגט:** „ווי גייט עס דיר?" האָט ער אים געזאָגט: „ס'איז מיר מער ווי איך קען פאַרטראָגן." האָט ער געזאָגט צו אים: „זאָלסט ניט זאָגן אַזוי, נייערט זאָג: **„גאָט געטרייער!" איז אַז די יסורים פלעגן אים פאַלן שווער, פלעגט ער זאָגן: „גאָט געטרייער!" און אַז די יסורים פלעגן אים זיין איבער די כוחות, פלעגט ר' חנינא אַרויפקומען און זאָגן אַ שפּראַך איבער אים, און ער פלעגט אָפּכאַפּן די נשמה.** אין אַ צייט אַרום איז ר' חנינא פאַרשלאָפט געוואָרן, איז ר' יוחנן אַרויפגעקומען אים צו באַזוכן און אים געפרעגט: „ווי גייט עס דיר?" האָט ער אים געזאָגט: „ווי שווער די יסורים זיינען!" האָט ער געזאָגט צו אים: „אָבער ווי גרויס איז זייער שכר!"[1] **האָט ער אים געזאָגט:** „איך וויל ניט, ניט זיי, ניט זייער שכר." האָט ער געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס זאָגסטו ניט יענעם שפּראַך וואָס דו פלעגסט זאָגן איבער מיר, און איך פלעג אָפּכאַפּן די נשמה?" האָט ער אים געזאָגט: „ווען איך בין געווען אין דרויסן,[2] בין איך געווען ערב פאַר אַנדערע; אָבער איצט, אַז איך בין אינעווייניק,

בארץ; **ואני מיחדת שמו בכל יום פעמים:** (דברים ו) שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד. **לכשיהיה לי דבר, לא תבעתי אלא מידו, שנאמר** (שמות ב): ויהי בימים הרבים ההם, וימת מלך מצרים, **וגו׳,** וישמע אלהים את נאקתם, **וגו׳,** וירא אלהים את בני ישראל; **וכשיהיה לו דבר, לא תבע אותו אלא ממני ומידי, שנאמר** (שם יב): דברו אל כל עדת ישראל לאמר. **כשהיה לי דבר, לא תבעתי אלא מידו, שנאמר** (שם יד): ופרעה הקריב, וישאו בני ישראל, **וגו׳;** **וכשהיה לו דבר, לא תבע אלא ממני, שנאמר** (שם כה): דבר אל בני ישראל, ויקחו לי תרומה. **וכשהיתה לי צרה, לא תבעתי אלא ממנו:** (שופטים ד) ויצעקו בני ישראל אל ה׳, כ׳י תשע מאות רכב ברזל לו, והוא לחץ את בני ישראל בחזקה, וגו׳. — **מהו בחזקה? בחירופין וגידופין. — כשהיה לו דבר, לא תבע אלא ממני, שנאמר** (שמות כה): ועשו לי מקדש.

לה

(טז) הרועה בשושנים. — **ר׳ יוחנן אתייסר ועבד חשש בצמרמורייה ג׳ שנים ופלג. סלק ר׳ חנינא למבקרה יתיה. א״ל: „מה אית עלך?״ א״ל: „אית עלאי יותר ממשאי.״ א״ל: לא תהוי אומר כן, אלא הוי אומר: ׳האל הנאמן!׳״ כד הוה צערא קשי עלוי, הוה אמר: „האל הנאמן!״ וכד הוה מקשה עלוי צערא יותר מצרכו, הוה סלק ר׳ חנינא, אמר עלוי מלה, והוה נסב נפש. לבתר יומין אתשש ר׳ חנינא; סלק ר׳ יוחנן למבקריה. א״ל: „מה אית עלך?״ א״ל: „מה קשין הן היסורין!״ א״ל: „ומה שכרן מרובה.״ א״ל: „לא אנא בעי להון ולא לאגריהון.״ א״ל: „למה לית את אמר ההיא מילתא דהויית אמר עלי, ואיתנסיב נפשי?״ א״ל: „כד הוינא מלבר, הוינא ערב לאחרינן; וכדון דאנא מלגיו, לית אנא בעי אחרנין דיערבוני?״ א״ל: „כתיב: הרועה בשושנים, — אין**

---

דאַרף איך ניט האָבן עמעצן וואָס זאָל זיין ערב פאַר מיר?״ האָט ער געזאָגט

---

בעל המדרש ווי מיט אַ צירה אונטער דער ריש, פון „רע,״ אַ פריינד, אַ חבר. [4] אייגנטלעך ווערן די דאָזיקע ווערטער געזאָגט פון דודן, אָבער לויט אַ גמרא (ברכות ו, א) געפינען זיי זיך אין די תפילין פונעם אייבערשטן, אַזוי ווי דער פסוק שמע ישראל געפינט זיך אין די תפילין פון ישראל. [5] זיי זאָלן ברענגען דעם קרבן פסח. [6] און דאָס איז נאָך ערגער ווי דאָס אָוועקנעמען האָב־און־גוטס. — אין מדרש תהלים, ב, ווערט עס געדרשנט לויט אַ פסוק אין מלאכי (ג, יג).

לה. [1] וועגן דער חשיבות פון יסורים („חביבין יסורים״ זע ספרי ואתחנן, לב; ברכות ה. [2] פון די יסורים, — ווען די יסורים זיינען געווען ביי יענעם, ניט ביי אים.

צו אים: „עס שטייט געשריבן: דער וואָס פּיטערט צווישן די ליליעס, — די שטראָף־רוט פון הקדוש ברוך הוא לאָזט זיך ניט אַנדערש אַראָפּ, נייערט אויף מענטשן וואָס זייער האַרץ איז צאַרט ווי ליליעס.[3]

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ בעל הבית, וואָס האָט געהאַט צוויי קי, איינע אַ שטאַרקע און איינע אַ שוואַכע; אויף וועלכער לייגט ער אָן מער אַרבעט, ניט אויף דער שטאַרקערער? אַזוי אויך טוט גאָט ניט פּרואוון די רשעים; פאַרוואָס? ווייל זיי קענען עס ניט ביישטיין, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה נז, כ): והרשעים — און די רשעים זיינען ווי אַ ים אַן אומרואיקער. און וועמען טוט ער יאָ פּרואוון? די צדיקים, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים יא, ה): ה׳ — גאָט טוט פּרואוון דעם צדיק: (בראשית כב, א) ויהי — און ס׳איז געווען נאָך די דאָזיקע זאַכן, און גאָט האָט געפּרואווט אברהמען; און ווייטער שטייט (דאָרט לט, ז): ויהי — און ס׳איז געווען נאָך די דאָזיקע זאַכן, און זיין האַרס ווייב האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו יוספן.[4]

ר׳ יוסי בר׳ חנינא האָט געזאָגט: דער דאָזיקער פלאַקסער, ווען זיין פלאַקס איז האַרט, קלאַפּט ער אים ניט צו שטאַרק; פאַרוואָס? ווייל ער וועט פּלאַצן. אָבער אויב זיין פלאַקס איז גוט, איז וואָס מער ער קלאַפּט אים, אַלץ בעסער ווערט ער. אַזוי אויך טוט גאָט ניט פּרואוון די רשעים, ווייל זיי קענען ניט ביישטיין; אָבער ער פּרואווט די צדיקים, ווי דער פּסוק זאָגט: גאָט טוט פּרואוון דעם צדיק.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער דאָזיקער טעפּער ווען ער וויל אויספּרואוון זיין ברענאויוון, פּרואווט ער אים ניט מיט אָנגעשפּאָלטענע קריגלעך; פאַר־וואָס? ווייל ווי נאָר ער קלאַפּט זיי אָן, אַזוי ווערן זיי צעבראָכן. און מיט וואָס פּרואווט ער אים אויס? מיט גוטע קריגלעך, וואָס וויפיל מאָל ער זאָל זיי ניט קלאַפּן ווערן זיי ניט צעבראָכן. אַזוי אויך טוט גאָט ניט פּרואוון די רשעים; אָבער וועמען פּרואווט ער יאָ? די צדיקים, ווי דער פּסוק זאָגט: גאָט טוט פּרואוון דעם צדיק.

## לו

(טז) עד — ביז דער טאָג וועט אָנווייען. ר׳ יודן און ר׳ ברכיה. ר׳ יודן האָט געזאָגט: „ביז איך וועל אַריינברענגען אַ פּחת[1] אין דער נאַכט פון די מלכותן,[2] — האָב איך דען ניט געהאַט אַריינגעבראַכט אַ פּחת אין דער נאַכט פון מצרים, וואָס האָט געצאָלט זיין פיר הונדערט יאָר, און איך האָב געמאַכט פון זיי צוויי הונדערט און צען יאָר? און אַנטרינען וועלן די שאָטנס, — האָב איך דען ניט געהאַט אָוועקגענומען פון זיי צוויי שווערע שאָטנס, די שאָטנס פון ליים און פון ציגל?"

ר׳ חלבו האָט געזאָגט: [אין פּסוק שטייט] (בראשית טו, יד): הגוי — דאָס פאָלק, [צו וואָס דאַרף נאָך שטיין] וגם את הגוי — און אויך דאָס פאָלק? [נייערט דאָס קומט מרבה צו זיין,[3]] מצרים און די פיר מלכותן.[4]

[און נאָך] האָט ר׳ יודן געזאָגט: פרעמדשאַפט און קענכטשאַפט און פיין

**שרביטו של הקב"ה ממשמש ובא, אלא בבני אדם שלבם רך כשושנים."**

**א"ר אלעזר: לבעל הבית שהיו לו שתי פרות, אחת כחה יפה ואחת כחה רע; על אי זו מהן הוא מטריח, לא על אותה שכחה יפה? כך אין הקב"ה מנסה את הרשעים; למה? שאינן יכולין לעמוד, דכתיב** (ישעיה נז): והרשעים כים נגרש. **ומי הוא מנסה? הצדיקים, שנאמר** (תהלים יא): ה' צדיק יבחן; (בראשית כב) ויהי אחר הדברים האלה, והאלהים נסה את אברהם; **וכתיב** (שם לט): ויהי אחר הדברים האלה, ותשא אשת אדוניו את עיניה אל יוסף.

**א"ר יוסי בר' חנינא: פשתני זה, כשפשתנו קשה אינו מקיש עליו ביותר; למה? שהיא פוקעת. וכשפשתנו יפה, כל שהוא מקיש עליה, היא משבחת והולכת. כך אין הקב"ה מנסה לרשעים, שאין יכולין לעמוד; ומנסה הצדיקים, שנאמר:** ה' צדיק יבחן.

**א"ר יוחנן: היוצר הזה כשהוא בודק כבשנו, אינו בודק בקנקנים מרועעים; למה? שכיון שמקיש עליהם, הן נשברין. ובמי הוא בודק? בקנקנים יפים, שאע"פ שמקיש עליהם כמה פעמים, אינן נשברין. כך אין הקב"ה מנסה את הרשעים; ומי הוא מנסה? את הצדיקים, שנאמר:** ה' צדיק יבחן.

**לו**

(טז) עד שיפוח היום. ר' יודן ור' ברכיה. ר' יודן אמר: **„עד שאכניס פיחה בלילן של מלכיות, — לא כבר הכנסתי פיחה בלילן של מצרים, שהיו ארבע מאות ועשיתים מאתים ועשר שנה?** ונסו הצללים, — **לא כבר העברתי מהן שני צללים קשים, צל טיט ולבנים? — — —**

**ר' חלבו אמר** (בראשית טו): הגוי — וגם את הגוי, — **מצרים וארבע מלכיות.**

**ר' יודן אמר:** גירות ועבדות ועינוי בארץ לא להם, **אפילו**

[3] אַ האַרץ פון צידקות און גוטסקייט. [4] אברהם און יוסף זיינען געווען צדיקים, האָט זיי גאָט געשטעלט צו ניסיון.

לו. [1] פאַרמינערונג, פאַרקלענערונג (פיחה — יפוח), פאַרקירצונג פון גלות, ווי ווייטער. [2] זע ווייטער, ג, א, וואו גלות ווערט פאַרגליכן צו נאַכט. [3] מוסיף צו זיין. [4] די אין פלוג איבעריקע צוויי אותיות און צוויי ווערטער (די ו פון וגם, די ווערטער גם און את, און די הא פון הגוי) קומען כדי מוסיף צו זיין בבל, פרס, יון און רוים, וואָס האָבן אויך געהאַלטן יידן אין גלות, און אויך יענע גלותן וועלן בשעתם געקירצט ווערן

אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זייערס[5] [גייט] אויך אויף זייערע פריישאַפטן.[6] סוב — דריי זיך אום און זיי געגליכן, מיין געליבטער, צו אַ הירש, — לסוף[7] וועל איך זיך בייטן פאַר אייך פון מידת הדין אויף מידת הרחמים, און וועל איילן צו אייער גאולה ווי אַ הירש און ווי אַ הינד.[8] אָדער צו אַ יונגן הינד, — ר׳ יוסי בר׳ חנינא האָט געזאָגט: צו די יונגע פון די הינדינס.[9] אויף די בערג פון בתר,[10] — אין זכות פון די תנאים וואָס איך האָב אויסגענומען מיט אייער פאָטער אברהם צווישן די שטיקער,[11] ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, יח): ביום ההוא — אין יענעם טאָג האָט גאָט פאַרשניטן מיט אברהמען אַ בונד, אַזוי צו זאָגן.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: [עד שיפוח היום מיינט] ביז איך וועל אָנהיצן דעם טאָג,[12] ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל כא, לו): באש — מיטן פייער פון מיין גרימצאָרן וועל איך בלאָזן אויף דיר; (דאָרט, כב ,כ) לפחת — אויפצובלאָזן דערויף פייער. [13] און וואָס מיינט און אַנטרינען וועלן די שאָטנס? דאָס זיינען די שאָטנס פון קומער און זיפץ. דריי זיך אום, זיי געגליכן, מיין געליבטער, — לסוף וועל איך זיך בייטן פאַר אייך פון מידת הדין אויף מידת הרחמים, און וועל איילן צו אייער גאולה ווי אַ הירש און ווי אַ הינד;[14] אָדער צו אַ יונגן הינד, — צו די יונגע פון די הינדן. אויף די בערג פון בתר, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: ווען די מלכותן וועלן אָפּנעמען דאָס וואָס עס גייט זיי נאָך. [15] ר׳ לוי בר חיתא האָט געזאָגט: ווען דאָס מלכות וועט נאָכגיין נאָכן דאָרן.[16] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אפילו אויב איך האָב ניט קעגן זיי ביירטדאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אין ביתר,[17] וועט מיין משפט דורכגעפירט ווערן איבער זיי.“ און וואָס האָבן זיי געטאָן אין ביתר? ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַדריאַנוס קיסר האָט אויסגעהרגעט אין ביתר פיר מאָל הונדערט טויזנט מענטשן.[18]

---

ווי דער גלות מצרים. [5] דאָרט, פסוק יג. [6] אפילו די הונדערט און ניינציק יאָר פון פריישאַפט, וואָס זיינען אַריבער זינט דעם „בונד צווישן די שטיקער“ ביז דער פאַקטישער פאַרקנעכטונג, — אפילו זיי ווערן פאַררעכנט ווי גלות, כל־זמן יידן האָבן געלעבט אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זייערס. — טעקסט ענדערונג לויט יאַסטראָוו. [7] אָנשפּיל אויף סוב. [8] טעקסט עמענדירט לויט מתנות כהונה. [9] אַ צוגאָב דערקלערונג אין אַראַמיש. [10] לויטן דרש. [11] ברית בין הבתרים — הרי בתר. [12] פון גאולה — מאַכן אים ווי פייער פאַר די רשעים, לויטן פסוק (מלאכי ג, יט): כי — וואָרום אָט קומט דער טאָג, ברענענדיק ווי אַן אויוון, און אַלע מוטוויליקע און אַלע שלעכטסטוערס וועלן זיין ווי שטרוי, און אָנצינדן

(באיספטלייה) [באיסופוליטייא] **שלהן.** סוב דמה לך, דודי, לצבי — **סוף שאני נהפך לכם ממדת הדין למדת רחמים וממהר בגאולתכם** (כדם הצבי וכדם האיל) [**כצבי וכאיל**]; או לעופר האילים, — **ר' יוסי בר' חנינא אמר: לאורזליהון דאיילתא.** על הרי בתר, — **בזכות התנאים שהתניתי עם אברהם אביכם בין הבתרים, שנאמר** (בראשית טו): ביום ההוא כרת ה' את אברהם ברית לאמר.

**ר' ברכיה אמר: עד שארתיח היום, כד"א** (יחזקאל כא): באש עברתי אפיח עליך; (שם כב) לפחת עליו אש. **ומהו** ונסו הצללים? **אלו צללי יגון ואנחה.** סוב, דמה לך, דודי, — **סוף שאני נהפך לכם ממדת הדין למדת רחמים וממהר גאולתכם** (כדם צבי) [כ] **צבי ואיל**; או לעופר האילים, **לאורזליהון דאיילתא.** על הרי בתר, — **ר' יודן אמר: כד(י) (שיתלו) [יטלו] המלכיות (בתר אריהון) [בתריהון]: א"ר לוי בר חיתא: כד תסב מלכותא בתר סולא. א"ר ברכיה: אמר הקב"ה: "אפילו אין לי עליהם אלא מה שעשו בבית תר, דיני ימתח עליהם." ומה עשו בבית תר? א"ר יוחנן: אדרינוס קיסר הרג בביתר ת' (רבוא) אלף בני אדם.**

---

וועט זיי דער טאָג (מהרז"ו). [13] **די פסוקים ווערן געבראַכט פעסטצושטעלן דעם טייטש פון** יפוח. [14] **זע באַמ. 8.** [15] **די שטראָף פאַרן שלעכטס וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. —** עמענדאַציע לויטן אות אמת. לויט יאַסטראָוו דאַרף מען לייענען אַנשטאָט „בתר אריהון" — „בתר אריח" — **ווען די מלכותן וועלן אָפּנעמען די שטראָף פאַר דער צעשניידונג** (בתר, מיט צוויי סגלען: אַכזריותדיקע שחיטה) **פון אריח** (טראַכאָניטיס), **וועגן וועלכער פלאַוויוס דערציילט אין די מלחמות, בוך 3, 10, 6—9.** [16] **ווען די רוימישע מלוכה וועט ווערן קריסטלעך** (פאַרגלייך אויבן, ב, כט): **„און דאָס גאַנצע מלכות וועט פאַרקערט ווערן צו מינות," און דאָרט באַמ. 14). איבערזעצונג** לויטן ערוך השלם. [17] **אין טעקסט** „בית תר", און אַזאַ ווערסיע איז פאַראַן אין ירושלמי (תענית ד, ה, תורתן של ראשונים). [18] **דער נוסח אין טעקסט איז „פיר הונדערט מאָל צען טויזנט," אָבער דאָס איז צו גוזמאדיק אפילו פאַר דער אגדה. מיר האָבן עס עמענדירט לויטן ירושלמי** (דאָרט), **אַז בר כוכבאס אַרמיי איז באַשטאַנען פון פיר מאָל הונדערט טויזנט מאַן.**

# פרשה ג

## א

(א) על משכבי — אויף מיין געלעגער דורך די נעכט. **ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: וואָס מיינט** אויף מיין געלעגער דורך די נעכט? **דורך מיין** קראַנקייט;[1] **דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כא, יח): ולא ימות — און ער וועט ניט שטאַרבן, נייערט ער וועט בלייבן ליגן אויפן געלעגער.[2] **ר׳ לוי האָט געזאָגט: די יכנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם, פאַרצייטנס פלעגסטו מיר אויפלייכטן צווישן די נעכט: צווישן דער נאַכט פון מצרים און דער נאַכט פון בבל, צווישן דער נאַכט פון בבל און דער נאַכט פון מדי,**[3] **צווישן דער נאַכט פון מדי און דער נאַכט פון יוון,**[4] **צווישן דער נאַכט פון יוון און דער נאַכט פון אדום.**[5] **איצט אָבער, אַז איך פאַרשלאָף די תורה און מצוות, האָבן אָנגעשפּאַרט אויף מיר נעכט אויף נעכט.** אויף מיין געלעגער אין די נעכט, — **ר׳ אַלכסנדראַי האָט געזאָגט: ווען איך האָב פאַרשלאָפן די תורה און מצוות, האָבן אָנגעשפּאַרט אויף מיר נעכט אויף נעכט:** אויף מיין געלעגער אין די נעכט [מיינט: אויף מיין געלעגער] **זיינען אָנגעקומען נעכט.**[6]

## ב

**אַן אַנדער פשט:** אויף מיין געלעגער דורך די נעכט, **דאָס איז די נאַכט פון מצרים;** האָב איך געזוכט דעם וואָס מיין זעל האָט ליב, **דאָס איז משה;** איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען. (ב) אקומה נא — לאָמיך אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט, אין די מערק און אין די גאַסן, **אין די כרכן און אין די שטעט;** לאָמיך זוכן דעם וואָס מיין זעל האָט ליב, **דאָס איז משה;** איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען.[1] (ג) מצאוני — האָבן מיך געטראָפן די וועכטערס וואָס דרייען זיך אַרום, **דאָס איז דער שבט לוי, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות לב, כז): עברו — גייט דורך הין און צוריק פון טויער צו טויער;[2] — צי האָט איר געזען דעם וואָס מיין זעל האָט ליב. **דאָס איז משה.** (ד) כמעט — קוים בין איך אַוועק פון זיי, גלייך האָב איך געפונען דעם וואָס מיין זעל האָט ליב, **דאָס איז משה;** איך האָב אים אָנגענומען און אים ניט אָפּגעלאָזט, ביז איך האָב אים געבראַכט אין הויז פון מיין מוטער, **דאָס איז דער באַרג סיני;** און אין דער קאַמער פון דער וואָס

א. [1] דורך די גלותן. [2] דער פסוק ווערט געבראַכט ווי אַ ראיה, אַז משכב, געלעגער, איז פאַרבונדן מיט קראַנקייט. [3] אָפּט אידענטיש מיט פרס (פרס ומדי). [4] דאָס גריכישע סיריע, אין דער צייט פון אנטיוכוס הרשע. [5] רוים. [6] באו לילות — בלילות.

ב. [1] ווייל משה איז פאַרהוילן געוואָרן אויף דריי חדשים (זע אויבן ב, כב, און דאָרט באַם. 3). [2] און זיי ווערן גערופן וועכטערס, ווייל זיי האָבן אָפּגעהיט גאָטס געבאָט

# פרשה ג

א

(א) על משכבי בלילות. **א״ר אבא בר כהנא: מהו** על משכבי בלילות? **על מרעי; המד״א** (שמות כא): ולא ימות, ונפל למשכב. **א״ר לוי: אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבוש״ע! לשעבר היית מאיר לי בין לילות ללילות: בין לילן של מצרים ללילן של בבל, בין לילן של בבל ללילן של מדי, ובין לילן של מדי ללילן של יון, ובין לילן של יון ללילן של אדום. ועכשו שישנתי לי מן התורה והמצוות, נסמכו לי לילות ללילות.״** על משכבי בלילות, — **א״ר אלכסנדראי: כשישנתי לי מן התורה ומן המצות, נסמכו לי לילות ללילות:** על משכבי בלילות — **באו לילות.**

ב

**ד״א:** על משכבי בלילות, **זה לילה של מצרים;** בקשתי את שאהבה נפשי, **זה משה;** בקשתיו ולא מצאתיו. (ב) אקומה נא ואסובבה בעיר, בשוקים וברחובות, **בכרכים ובמדינות;** אבקשה את שאהבה נפשי, **זה משה;** בקשתיו ולא מצאתיו. (ג) מצאוני השומרים הסובבים, **זה שבטו של לוי, המד״א** (שמות לב): עברו ושובו משער לשער; — את שאהבה נפשי ראיתם, **זה משה.** (ד) כמעט שעברתי מהם, עד שמצאתי את שאהבה נפשי, **זה משה;** אחזתיו ולא ארפנו, עד שהבאתיו אל בית אמי, **זה סיני,** ואל חדר הורתי, **זה אוהל מועד, שמשם נתחייבו ישראל בהורייה.**

ג

**ד״א:** על משכבי בלילות, **זה לילה של בבל;** בקשתי את שאהבה ופשי, **זה דניאל;** בקשתיו ולא מצאתיו. אקומה נא

---

האָט מיך אויסגעטראָגן, **דאָס איז דער אוהל מועד, וואָס פון דעמאָלט אָן[3] איז ישראל מחויב [צו טראָגן אחריות] פאַר דער לערנונג.[4]**

ג

**אָן אַנדער פשט:** על משכבי — אויף מיין געלעגער דורך די נעכט, **דאָס איז די נאַכט פון בבל;** האָב איך געזוכט דעם וואָס מיין זעל האָט ליב, **דאָס**

---

**און ניט געהאַט קיין חלק אין עגל הזהב. [3] זינט דער אוהל מועד איז אויפגעשטעלט געוואָרן. [4] זע אויבן ב, יא, און דאָרט באַמ. 8.**

איז דניאל; איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען. לאָמיך אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט, אויף די מערק און אין די גאַסן, אין די כרכן און אין די שטעט; לאָמיך זוכן דעם וואָס מיין זעל האָט ליב, דאָס איז דניאל; איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען. האָבן מיך געטראָפן די וועכטערס, דאָס זיינען די כשדים; צי האָט איר געזען דעם וואָס מיין זעל האָט ליב, דאָס איז דניאל. וואוהין איז ער אַוועקגעגאַנגען? איינער זאָגט: צו פאַסטן אַ תענית, און איינער זאָגט: צו אַ סעודה. דער וואָס זאָגט צו פאַסטן אַ תענית, — ער איז געגאַנגען בעטן רחמים וועגן דעם חורבן פון בית המקדש [ווי אין פסוק שטייט] (דניאל ט, יז): ועתה — און אַצינד, גאָט אונדזערער, הער זיך צו צו דער תפילה פון דיין קנעכט. און דער וואָס זאָגט צו אַ סעודה, — צו לייענען די שריפט פאַר בלשצרן, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט ה, כה): מנא, מנא, תקל ופרסין — געציילט, געציילט, געוואויגן און צעטיילט.[1]

ר׳ חייא רבה און ר׳ שמעון בן חלפתא [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ חייא האָט געזאָגט: [די אותיות פון] מנא — — — [זיינען געווען געשריבן אַזוי:] ממתוס, ננקפי, אאלרן.[2] ר׳ שמעון בן חלפתא האָט געזאָגט: יטת, יטת, אדך, פוגחמט.[3] און די רבנן זאָגן: אנם, אנם, לקת, ניסרפו.[4] ר׳ מאיר זאָגט: [די ווערטער זיינען געווען אויסגעשטעלט] פשוט: מנא, מנא, תקל ופרסין: מנא — געציילט, אָפּגעציילט האָט גאָט דיין מלכות, און האָט זי געענדיקט; תקל — געוואויגן, ביסט געוואויגן געוואָרן אויף אַ וואָגשאָל און געפונען געוואָרן פעליק; פרס — צעטיילט, דיין מלוכה ווערט צעטיילט און אַוועקגעגעבן צו מדי און פרס.

דעמאָלט האָט זיך גאַנץ ישראל פאַרזאַמלט ביי דניאלן און אים געזאָגט: „רבינו דניאל, אַלע שלעכטע און האַרבע נבואות וואָס ירמיה האָט נביאות געזאָגט אויף אונדז, זיינען אונדז מקויים געוואָרן; אָבער איין גוטע נבואה וואָס ער האָט נביאות געזאָגט אויף אונדז (ירמיה כט, י): כי — פאַרוואָר, ווען אויף בבל וועלן פול ווערן זיבעציק יאָר, וועל איך זיך דערמאָנען אָן אייך, איז נאָך ניט מקויים געוואָרן.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „ברענגט מיר דעם ספר ישעיה.״ און ער האָט אָנגעהויבן לייענען, און געלייענט ביז ער איז צוגעקומען צו דעם דאָזיקן פסוק (ישעיה כא, א):[5] משא — אַ נבואה וועגן מדבר פון ים. ווי שטורעמס אין דרום — — —. אויב ים, פאַרוואָס מדבר? און אויב מדבר, פאַרוואָס ים? ביייערט דאָס זיינען די פיר מלכותן[6] וואָס זיינען

ג. [1] די שריפט אויף דער וואַנט, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם חורבן פון בבל. [2] די אותיות זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַזאַ אָרדנונג, אַז די ערשטע אותיות פון די דריי גרופּעס לייענען זיך מנא, דאָס זעלבע די צווייטע אותיות, די דריטע לייענען זיך תקל, און די פערטע און פינפטע — ופרסין. [3] די אותיות זיינען געווען אויסגעשטעלט לויטן סדר פון אתבש: די אלף איז פאַרביטן אויף אַ תו, די בית אויף אַ שין, אאַ״וו. [4] יעדעס וואָרט האָט זיך אָנגעהויבן מיטן לעצטן אות און זיך פאַרענדיקט מיטן ערשטן. [5] אַלע פסוקים פון דאַנען ביזן סוף סימן ג, וואָס ווערן ניט באַצייכנט מיט קיין מראה מקום, קומען פון דעם זעלבן פרק, פסוקים א—ה. [6] בבל, מדי און פרס, און רוים, וואָס יידן

ואסובבה בעיר, בשוקים וברחובות, בכרכים ובמדינות; אבקשה את שאהבה נפשי, זה דניאל; בקשתיו ולא מצאתיו. מצאוני השומרים, אלו הכשדים; את שאהבה נפשי ראיתם, זה דניאל. להיכן הלך? מאן דאמר לתענית, ומאן דאמר לסעודה. מאן דאמר לתענית, שהיה מבקש רחמים על חורבן בית המקדש (דניאל ט): ועתה שמע, אלהינו, אל תפלת עבדך; ומאן דאמר לסעודה, לקרוא כתביו של בלשצר, הה"ד (שם ה): מנא, מנא, תקל ופרסין.

ר' חייא רבה ור' שמעון בן חלפתא. ר' חייא אמר: מנא — ממתוס, ננקפי, אאלרן. ר' שמעון בן חלפתא אמר: יטת, יטת, אדך, פוגחמט. ורבנן אמרי: אנם, אנם, לקת, ניסרפו. ר' מאיר אומר: כמשמעו, מנא, מנא, תקל ופרסין: מנא — מנא אלהא מלכותך והשלמה; תקל — תקלתא במאזניא והשתכחת חסיר; פרס — פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס.

באותה שעה נתקבצו כל ישראל אצל דניאל ואמרו לו: „רבינו דניאל, כל הנבואות הרעות והקשות שנתנבא ירמיה באו עלינו; ונבואה אחת טובה שנתנבא עלינו (ירמיה כט): כי לפי מלאת לבבל שבעים שנה אפקד אתכם, עדיין לא באה." אמר להם: „הביאו לי ספר ישעיה." התחיל קורא והולך, עד שהגיע לפסוק זה (ישעיה כא): משא מדבר ים. כסופות בנגב — — —. אם ים, למה מדבר? ואם מדבר, למה ים? אלא אלו ארבע מלכיות שהן משולות כחיות, כדכתיב (דניאל ז): וארבע חיון רברבן, [ו]ר' חנינא א"ר יוחנן: שניין דא מן דא, — מכותיהן שונות זו מזו; אם זכיתם — מן ימא, ואם לאו — מן חורשא. מה הדא חיותא סלקא מן ימא ולא מכיה, נפקא מן חורשא מכיה; כך אם זכיתם, אין אומות מושלות בכם. ודכוותה (תהלים פ): יכרסמנה חזיר מיער, עי"ן תלויה: אם זכיתם — מן היאור, ואם לאו — מן היער:

---

געגליכן צו חיות, ווי אין פסוק שטייט (דניאל ז, ג): וארבע — און פיר חיות גרויסע,[7] און ר' חנינא פון ר' יוחננס וועגן האט געזאגט: שניין — אנדערש איינע פון דער אנדערער, — זייערע קלעפ זיינען אנדערש איינע פון דער אנדערער; ווען איר זוכה זייט, [ווען זיי קומען] פון ים, און אויב ניט, איז

---

זיינען געוועזן ביי זיי אין גלות. [7] קומען ארויף פון ים. [8] ווילדערניש, סינאנים צו

פון וואַלד.[8] אַזוי ווי די דאָזיקע חיה וואָס קומט אַרויף פון ים קאָן קיין בייז ניט טאָן, און די וואָס קומט אַרויס פון וואַלד קאָן יאָ בייז טאָן;[9] אַזוי, אויב איר וועט זוכה זיין, וועלן קיין אומות איבער אייך ניט הערשן.[10] און דעסט־גלייכן (תהלים פ, יד): יכרסמנה — ס׳וועט אים צעפרעסן דער חזיר פון וואַלד, —די עין [פון יער, וואַלד] הענגט:[11] וועט איר זוכה זיין, [וועט די חיה קומען] פון טייך,[12] און אויב ניט, איז פון וואַלד: אַזוי ווי די דאָזיקע חיה וואָס קומט אַרויף פון טייך קאָן קיין בייז ניט טאָן, און די וואָס קומט אַרויס פון וואַלד קאָן יאָ בייז טאָן, אַזוי, [וועט איר זוכה זיין, איז פון טייך, וועט איר ניט זוכה זיין, איז פון וואַלד].[13]

כסופות — ווי שטורעמווינטן וואָס טראָגן זיך אין דרום, — ר׳ לוי האָט געזאָגט: נישטאָ קיין ערגער געוויטער, ווי דאָס געוויטער וואָס קומט אָן פון צפון און מאַכט בלאָס די מענטשן וואָס געפינען זיך אין דרום; און ווער איז עס? דאָס איז נבוכדנצר, וואָס איז אַרויף פון צפון און חרוב געמאַכט דעם בית המקדש וואָס געפינט זיך אין דרום. פון וואַנען איז ער געקומען? ר׳ חנינא האָט געזאָגט: דורך די וויסטענישן פון מדבר איז ער געקומען: פון מדבר איז ער געקומען, פון אַ מוראדיק לאַנד. חזות — אַ זעאונג אַ שווערע איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרן. — — —

מיט צען לשונות ווערט נבואה גערופן: זעאונג, נבואה, הטפה,[13א] רעדן, זאָגן, באַפעלן, משא, משל, מליצה, רעטעניש.[14] וועלכע איז די שווערסטע פון זיי אַלע? ר׳ אליעזר זאָגט: זעאונג איז די שווערסטע, ווי דער פסוק זאָגט: אַ זעאונג אַ שווערע איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: רעדן איז די שווערסטע, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מב, ל): דבר — גערעדט האָט מיט אונדז דער מאַן, דער האַר פון לאַנד, האַרבע רייד. די רבנן זאָגן: משא איז די שווערסטע, ווי דער טייטש איז: ווי אַ שווערע משא.

הבוגד — דער פעלשער פעלשט און דער רויבער רויבט; גיי אַרויף, עילם! באַלאַגער, מדי! גלייך ווי ס׳איז נעלם געוואָרן[15] די צרה פון עילם, צורי, באַלאַגער, מדי, — אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן די צרה [16] פון מדי. אַלע אירע זיפצן מאַך איך צו נישט, אַלע זיפצן וואָס בבל [האָט גורם געווען]. על כן — דעריבער זיינען פול מיינע לענדן מיט ציטערניש, — ר׳ שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: ווי נאָר אונדזערע עלטערן האָבן אַ ביסל דערשמעקט די צרות פון די מלכותן, אַזוי האָבן זיי גלייך ביים אָנהייב זייער געדולד פאַרלאָרן:

---

מדבר. [9] מכיה, לויטן שורש מוך, דערנידעריקן, אונטערדריקן (מתנות כהונה). אין ויקרא רבה יג, ה, און אין מדרש תהלים פ, ו, איז דער נוסח אַנדערש, אָבער די באַדייטונג בלייבט די זעלבע. [10] זיי וועלן זיין ווי ים־חיות אויף דער יבשה, וואָס קאָנען קיין שלעכטס ניט טאָן. [11] געשריבן איבער דער שורה, — אַ סימן, אַז דאָס וואָרט לאָזט זיך לייענען פאַרשיידן. [12] יאור, אנשטאָט יער. [13] צוגעגעבן לויטן אות אמת, אַנדערש איז דער זאַץ ניט געענדיקט. [13א] (לייען: האַטאָפּע) פריידיקונג. [14] זעאונג (חזון) — ישעיה א, א; פריידיקונג (הטפה) — יחזקאל כא, ב; משא (פירטראָג) — ישעיה כא, א; משל — יחזקאל יז, ב; מליצה — ישעיה מג, כז; רעטעניש (חידה) — יחזקאל יז, ב.

**מה הדא חיותא סלקא מן נהרא ולא מכיה, נפקא מן חורשא מכיה, כך [אם זכיתם — מן היאור, ואם לאו — מן היער].**

כסופות בנגב לחלוף, — **א״ר לוי: אין לך עילעול קשה יותר מן העילעול הזה שהוא בא מן הצפון ועולה ומכסיף את הבריות שנתונות בדרום; ואיזה זה? זה נבוכדנצר, שעלה מן הצפון והחריב בית המקדש שנתון בדרום.** (ממדבר בא) **מהיכן בא? ר׳ חנינא אמר: דרך שממות מדבר בא:** ממדבר בא, מארץ נוראה. חזות קשה הוגד לי. — — —

**בעשר לשונות נקראת הנבואה:** חזון, נבואה, הטפה, דבור, אמירה, צווי, משא, משל, מליצה, חידה. **אי זה קשה מכולן? ר׳ אליעזר אומר:** חזון **קשה, שנאמר:** חזות קשה הוגד לי. **ר׳ יוחנן אמר:** דבור **קשה, שנאמר** (בראשית מב): דבר האיש, אדוני הארץ, אתנו קשות. **רבנן אמרי:** משא **קשה, כמשמעו: כמשא כבד.**

הבוגד בוגד והשודד שודד; עלי עילם! צורי, מדי! **כבר נתעלם צרתה של עילם,** צורי מדי, — **כבר נוצרה צרתה של מדי;** כל אנחתה השבתי, **כל אנחתה של בבל.** על כן מלאו מתני חלחלה, — **אמר ר׳ שמעון בן גמליאל: על ידי שהריחו מקצת צרתן של מלכיות, קצרה רוחן של אבותינו בתחילה:** (במדבר כא) — — — לסבב את ארץ אדום, ותקצר נפש העם בדרך; **ירמיה אמר** (איכה ה): בנפשנו נביא לחמנו; **דניאל אמר** (דניאל ז): אתכרית רוחי, אנה דניאל; **ישעיה אמר:** על כן מלאו מתני חלחלה. **אנו, שאנו מובלעין בתוך מעיהן כמה ימים וכמה שנים וכמה קצים וכמה**

(במדבר כא, ד) — — — לסבב — אַרומצוגיין דאָס לאַנד פון אדום, און די זעל פון פאָלק איז אומגעדולדיק געוואָרן פון וועג; **ירמיה האָט געזאָגט** (איכה ה, ט): בנפשנו — מיט אונדזער לעבן ברענגען מיר אונדזער ברויט; **דניאל האָט געזאָגט** (דניאל ז, טו): אתכרית — איז מיר, דניאל, מיין געמיט באַטריבט געוואָרן; **ישעיה האָט געזאָגט:** על כן — דעריבער זיינען מיינע לענדן אָנגעפילט מיט צ׳יטערניש.[17] **היינט מיר, וואָס מיר זיינען פאַרשלונגען אין זייער אינגעווייד אַזוי פיל טעג און אַזוי פיל יאָרן, און אַזוי פיל קץ־דערוואַרטונגען,[18] און אַזוי פיל צייט אָפּשניטן, וויפל מאָל מער [דאַרפן מיר**

[15] נתעלם — עילם. [16] נוצרה צרתה — ביידע ווערטער אַן אָנשפּיל אויף צורי. [17] מיט דעם קערט זיך דער בעל המדרש אום צו דער דרשה איבער די ישעיה פסוקים. [18] קץ — סוף (פון גלות): צייטן וואָס מע האָט אויסגעחשבונט, אַז אין זיי דאַרף משיח קומען.

ציטערן!] דעריבער זיינען מיינע לענדן אָנגעפילט מיט ציטערניש, ווייען האָבן מיך אָנגעכאַפּט ווי די ווייען פון אַ געווינערין; איך בין צעקרימט פון צוהערן, איך בין צעשראָקן פון צוזען: איך בין צעקרימט פון צוהערן דעם רשעס קול פון לעסטערונגען און שענדונגען, ווי אין פסוק שטייט (דניאל ה, כג): ועל — און קעגן דעם האַר פון הימל האָסטו זיך דערהויבן, און די כלים פון זיין הויז האָט מען געבראַכט, אא״וו; איך בין צעשראָקן פון צוזען, — פון צוזען די שלווה פון דעם דאָזיקן רשע. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק א): בלשאצר מלכא — בלשאצר דער מלך האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט, — וואָס מיינט אַ גרויסן מאָלצייט? ר׳ חמא בר׳ חנינא האָט געזאָגט: גרעסער ווי [דער מאָלצייט] פון זיין גאָט.[20] ער האָט געזאָגט צו זיי:[21] „אייער עומר,[22] נאָך וויפל מאָל [זיבן] פלעגט מען אים ברענגען?״ האָבן זיי געזאָגט: „דורך דרייצן זיבן.״[23] האָט ער געזאָגט צו זיי: „און מיינס — דורך פערצן זיבן.״

תעה — צעטומלט איז מיין האַרץ, דאָס איז דער בית דין,[24] וואָס האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון אויף אַ טאָג;[25] אַ שוידער האָט מיך צעגרוילט, — ר׳ פינחס פון ר׳ יהושעס וועגן האָט געזאָגט: פלצות מיינט: „מיט מיין בעכער[26] האָסטו זיך געלאָזט וואוילטאָן.״ אַן אַנדער פשט: פלצות מיינט: דאָס מויל וואָס פאַרשפּרייט ווערטער פון לצנות.[27] אַן אַנדער פשט: פלצות האָט מיך צעגרוילט, — איבער דעם וואָס זיי[28] האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו רעדן לצנות, האָט ער מיר מיין גלוסטיקן אָונט צו ציטערניש געמאַכט, דעם אָונט וואָס מיין זעל האָט געגלוסט אויסגעלייזט צו ווערן [29] אין אים האָט ער מיר צו ציטערניש געמאַט. ערך — ער גרייט דעם טיש,[30] צפה הצפית, מע שטעלט אָן די מנורה,[31] מע צינדט אָן די ליכט; שטייט אויף, איר האַרן, דאָס זיינען כורש און דריוש; באַזאַלבט די שילד, נעמט איבער דאָס מלכות. דריוש האָט געזאָגט צו כורשן: „קיניג דו פאַר מיר.״ האָט כורש געזאָגט צו דריושן: „האָט ניט אַזוי דניאל באַשיידט: פרס — צעטיילט, דיין מלוכה ווערט צעטיילט און אַוועקגעגעבן צו מדי און פרס? צוערשט צו מדי און נאָך דעם צו פרס; איז דאַרפסטו קיניגן פאַר מיר״.[32] ווי נאָר יענער רשע[33] האָט עס געהערט, אַזוי האָט ער געשיקט און אָנגעזאָגט זיינע חיילות: „מיר וועלן זיך אַרויסלאָזן אויף יעדער אומה און מלכות וואָס וועט האָבן ווידערשפּעניקט אין מיר.״ האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „דו רשע, וועגן אַלעמען האָסטו געשיקט, האָסטו אפשר אויך געשיקט וועגן מיר? ביי דיין לעבן, די שטראָף פון דעם דאָזיקן מענטשן וועט ניט קומען פון קיין אַנדער אָרט, נייערט פון מיר.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים עה, ז—ח): כי — וואָרום ניט פון זון־אויפגאַנג אָדער פון מערב — נייערט גאָט איז דער ריכטער, דעם דערנידערט ער און דעם דערהייבט ער, ער וועט דערנידערן בלשאצרן און דערהייבן כורשן און דריושן.

---

[20] אַ לשון נקיה, אַן אייפעמיזם, אָנשטאָט: דעם גאָט פון ישראל. [21] די יידן. [22] וואָס מע פלעגט ברענגען אין בית המקדש דעם צווייטן טאָג פסח (ויקרא כג, י—יא). [23] איינע

עיבורין, עאכ״ו! על כן מלאו מתני חלחלה, צירים אחזוני כצירי יולדה; נעויתי משמוע, נבהלתי מראות: נעויתי משמוע קול חירופין וגידופין של רשע, הה״ד (שם ה): ועל מרא שמיא התרוממת, ולמניא די ביתה היתיו, וגו׳; נבהלתי מראות, — מראות שלותו של אותו רשע. הה״ד (שם): בלשאצר מלכא עבד לחם רב, — מהו לחם רב? ר׳ חמא בר׳ חנינא אמר: רב משל אלוהו. אמר להם: „עומר שלכם בכמה קרב?״ אמרו: „בי״ג נפה.״ אמר להם: „ושלי בי״ד נפה.״

תעה לבבי, זה בית דין, שטעה בחשבונו יום אחד; פלצות בעתתני, — ר׳ פנחס בשם ר׳ יהושע אמר: פיילי נהנית אתה. ד״א: פלצות, — פה שהוא מפיץ דברי לצות. ד״א: פלצות בעתתני, — על ידי שנפקו לדבר לצות, את נשף חשקי שם לי לחרדה, הנשף שהיתה נפשי חשוקה בו לגאלה שם לי לחרדה. ערך השלחן, סדרת פתורא; צפה הצפית, אקימת מנרתא, אדלקת בוצינא; קומו השרים, זה כורש ודריוש; משחו מגן, קבלו מלכותא. הוה אמר (כורש לדריוש) [דריוש לכורש]: „מלוך את קדמיי.״ אמר (דריוש לכורש) [כורש לדריוש]: „לא כן פירש דניאל: פרס — פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס? למדי תחילה, ואחר כך לפרס; הוי את דמליך קדמוי.״ כיון ששמע אותו רשע, שלח ואמר לחיילותיו: „כל אומה ומלכות שמרדה בי, נבוא עליהם.״ א״ל הקב״ה: „רשע, אצל הכל שלחת, — או שמא אצלי שלחת? חייך, לית פורענות דההוא גברא מן אתר אחרן, אלא מגבי.״ הה״ד (תהלים עה): כי לא ממוצא וממערב, וגו׳, כי אלהים שופט, זה ישפיל וזה ירים, ישפיל לבלשאצר וירים לכורש ודריוש.

---

איבער דער אַנדערער (משנה, מנחות ו, ז). [24] די חכמים, וואָס זיינען דאָס האָרץ פון ישראל (מהרז״ו). [25] לויט אַן אַלטער ווערסיע האָט דאָס בית־דין געמאַכט אַ טעות און געזאָגט בלשאצרן, אַז דעם עומר פלעגט מען ברענגען דעם ערשטן טאָג פסח, און כדי צו דערצערענען דעם אייבערשטן האָט בלשאצר יענע נאַכט (די נאַכט פון גאולה) געמאַכט זיין סעודה (ציטירט פון מתנות כהונה). [26] פיילי (פיאַלי), ברייטער בעכער. [27] געלייענט ווי צוויי ווערטער: פה לצות. [28] די יידן. [29] לויט ר׳ יהושען (ראש השנה יא, ב) דאַרף די גאולה קומען אין דער ערשטער פסח נאַכט. [30] דאָ קומט אין טעקסט אַן אַראַמישע איבערזעצונג. [31] לויטן דרש (פאַרגלייך בראשית רבה סג, יד: פאַראַן אַן אָרט, וואו אַ מנורה הייסט צפיתא). [32] דער נוסח אין אַלע געדרוקטע טעקסטן איז פאַרקערט: צוערשט רעדט כורש צו דריושן, און נאָך דעם דריוש צו כורשן, דאָס שטימט אָבער ניט מיטן טעקסט אין דניאל (פאַרגלייך פסוקים א און כט פון פרק ו); לויט דעם האָבן מיר עס געביטן.

כורש און דריוש זיינען געווען בלשאצרס טויער־היטערס; און ווען ער האָט געהערט דעם [באַשייד פון דער] שריפט, האָט ער געזאָגט צו זיי: „איטלעכער וואָס וועט זיך דאָ ווייזן דורך דער דאָזיקער נאַכט, אפילו ער וועט אייך זאָגן ׳איך בין דער מלך׳, זאָלט איר אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ.״ און ס׳איז ניט דער שטייגער פון קיניגן צו האָבן זייער אָפּטריט אין זייערע זאַלן, נייערט אויסער זייערע זאַלן. און יענע נאַכט איז אים זיין מאָגן לויז געוואָרן; איז ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען האָבן זיי אים ניט באַמערקט, אָבער ווען ער איז צוריק אַריין האָבן זיי אים באַמערקט. האָבן זיי אים געפרעגט: „ווער ביסטו?״ האָט ער זיי געזאָגט: „איך בין דער מלך.״ האָבן זיי געזאָגט צו אים: „האָט ניט דער מלך אונדז באַפוילן, אַז איטלעכער וואָס וועט זיך דאָ ווייזן דורך דער דאָזיקער נאַכט, אפילו ער וועט אייך זאָגן: ׳איך בין דער מלך׳, זאָלט איר אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ?״ וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן גענומען אַ בלומענקאָפּ פון אַ מנורה און אים געשפּאָלטן דעם מוח; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל ה, ל): בה בליליא — אין דער זעלבער נאַכט איז געהרגעט געוואָרן בלשאצר, דער מלך פון די כשדים.

אין וועלכער שעה איז ער געהרגעט געוואָרן? ר׳ אלעזר און ר׳ שמואל בר נחמן [זאָגן וועגן דעם]. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אין דער שעה פון דעם זיסטן שלאָף;[34] און ר׳ שמואל האָט געזאָגט: [ווען מע קען שוין דערקענען] צווישן אַ וואָלף און אַ הונט.[35] און זיי קריגן ניט,[36] נייערט לויט דעם וואָס זאָגט ׳אין דער שעה פון זיסטן שלאָף׳, האָט ער זיך געצאַפּלט יענעם גאַנצן טאָג,[36א] וואָס ס׳איז אים נאָך געקומען אין זיין מלכות;[37] און לויט דעם וואָס זאָגט ׳— — — צווישן אַ וואָלף און אַ הונט׳, איז ער אַ גאַנצע נאַכט געווען אין היגערפּלעט, [ער זאָל קריגן] וואָס אים איז נאָך געקומען אין זיין מלכות. ר׳ בנימין בן לוי האָט געזאָגט: ווי צווישן איין כוס און צווייטן, אַזוי איז געקומען איין מלכות נאָכן צווייטן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים עה, ט): כי — וואָרום אַ כוס איז אין דער האַנט פון גאָט, מיט שוימיקן ווייַן, פול מיט מישגעטראַנק, און ער גיסט אָן פון דעם.[38] דאָס איז וואָס דער נביא רייצט זיך [מיט בבל] און זאָגט (ישעיה מז, א): רדי — נידער אַראָפּ און זיץ אין שטויב, — מדה כנגד מדה;[39] אַזוי ווי דאָרטן (איכה ב, י): ישבו — זיי זיצן אויף דער ערד, זיי שווייגן, די זקנים פון דער טאָכטער ציון; אָבער דאָ: נידער אַראָפּ און זיץ אין שטויב. ר׳ חוניא האָט געזאָגט: אַזוי האָט די טאָכטער ירושלים געזאָגט צו דער טאָכטער בבל: דו אַלטע זונה, אומגעלומ־פּערטע,[40] וואָס מיינסטו דיר, אַז דו ביסט אַ יונגפרוי? אַלט ביסטו! (ישעיה דאָרט) שבי — זיץ אויף דער ערד אָן אַ טראָן, — דער זכות פון יענעם טראָן איז בטל געוואָרן.

און וואָס פאַר אַ זכות האָט ער געהאַט? (דאָרט לט, א) בעת ההיא — אין יענער צייט האָט מרודך בלאדן געשיקט. מע דערציילט: מרודך האָט

---

[33] בלשאצר. [34] אין די ערשטע שעהן פון דער נאַכט. [35] באַגינען, ווען ס׳הייבט אָן טאָגן. [36]ביידע זיינען מסכים, אַז מע האָט אים געשפּאָלטן דעם מוח אָנהייב נאַכט;

כורש ודריוש שוערין של בלשאצר היו, וכיון ששמע הכתובים הללו, אמר לון: „כל מאן דמתחמי הכא ליליא הדין, אפילו דהוא אמר לכון. '(ד)אנא הוא מלכא', ארימון ליה ראשיה." ואין דרכן של מלכים להיות מניחים בית הרעי שלהם לפנים מטרקליניהון, אלא חוץ לטרקליניהון. נתותרו מעיו כל אותו הלילה; ונפק מנפק, ולא ארגשון ביה, מכי עייל ארגשון ביה. אמרו ליה: „מאן את?" אמר לון: „אנא הוא מלכא." אמרין ליה: „ולאו כן פקיד מלכא, דכל מאן דמתחמן הכא ליליא דין, אפילו אמר לכון '(ד)אנא הוא מלכא', ארימון רישיה?" מה עשו? נטלו פרחה של מנורה ופצעו את מוחו; הה"ד (דניאל ה): בה בליליא קטיל בלשאצר מלכא כשדיא.

באיזו שעה נהרג? ר' אלעזר ור' שמואל בר נחמן. ר' אלעזר אמר: בשעת מחליית שינתא; ור' שמואל אמר: כבין דבו לכלב. ולא פליגין, דמאן דאמר 'בשעת מחליית שינתא', עבד מפרפר כל ההוא יומא, מה שהיה מתבקש לו מן המלכות; ומאן דאמר 'כמין דבו לכלב', דהוה מדמדם כל ההוא ליליא, שהיה מתבקש לו מן המלכות. א"ר בנימין בן לוי: כבין כוס לכוס נכנסה מלכות במלכות; הה"ד (תהלים עה): כי כוס ביד ה' ויין חמר מלא מסך, ויגר מזה, וגו'. הוא שהנביא מקנתר ואומר (ישעיה מז): רדי ושבי על עפר, — מדה כנגד מדה: מה להלן (איכה ב): ישבו לארץ, ידמו זקני בת ציון; ברם הכא: רדי ושבי על עפר. א"ר חוניא: כך אמרה ירושלים לבת בבל: (פגי פילאי קקוס כאמי) [פורני פלייאה, קקוסכימי], מהו את סבורה בעצמך, שאת בתולה? זקנה את! (ישעיה שם) שבי לארץ אין כסא, — בטלה זכותו של אותו כסא.

ואי זה זכות היה לו? (שם לט) בעת ההיא שלח מרודך בלאדן. אמרו: מרודך עובד לחמה היה, והיה למוד לאכול בשש שעות

דער אונטערשייד איז נאָר ווען ער איז אויסגעגאַנגען, ווי ווייטער. [36א] אַ פולן מעת־לעת (מתנות כהונה; עץ יוסף בייט יומא, טאָג, אויף ליליא, נאַכט; אָבער דאַן איז צווישן די צוויי אין גאַנצן קיין חילוק ניטאָ). [37] אים איז פון הימל באַשערט געווען צו זיין מלך נאָך אַ טאָג („איין מלכות קאָן ניט אָנרירן דאָס צווייטע אפילו אויף אַ האָר," קהלת רבה ה, יג; יומא לח, ב). [38] און ווייטער שטייט: אָבער די הייוון וועלן אויסקוועטשן און אויסטרינקען אַלע רשעים פון דער וועלט: בלשאצר האָט אויסגעטרונקען דעם כוס פון שטראָף, דריוש און כורש האָבן אויסגעטרונקען דעם כוס פון גליק. [39] מאָס קעגן מאָס: ווי די זינד, אַזוי די שטראָף. [40] עמענדירט און פאַרטייטשט לויט יאַסטראָוו. מפרשים,

געדינט צו דער זון, און ער איז געוואוינט געווען צו עסן אין דער זעקסטער שעה[41] און שלאָפן ביז דער נײַנטער שעה. און וויבאַלד דער זון־באַלעם האָט זיך אומגעקערט צוריקוועגס[42] ווען ער איז געשלאָפן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געפונען, אַז ס'איז פרימאָרגן. האָט ער געוואָלט אויסהרגענען אַלע זײַנע זעלנערס; ער האָט זיי געזאָגט: „איר האָט מיך געלאָזט שלאָפן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט." האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דאָס איז די זון[42א] וואָס האָט זיך צוריקגעקערט." האָט ער זיי געפרעגט: „און ווער איז דער גאָט וואָס האָט זי צוריקגעקערט?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דער גאָט פון חזקיהון האָט זי צוריקגעקערט." האָט ער זיי געפרעגט: „איז דען פאַראַן אַ גרעסערער גאָט פון מײַנעם?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דער גאָט פון חזקיהון איז גרעסער פון דײַן גאָט." גלײַך האָט ער געשיקט בריוו און אַ מתנה צו חזקיהון; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: אין יענער צײַט האָט מרודך בלאדן געשיקט — — —. און וואָס האָט ער געשריבן אין זיי? „פרידן צו חזקיהון, פרידן צום גרויסן גאָט, פרידן צו ירושלים." אָבער ווי נאָר די בריוו זײַנען אַרויס, אַזוי האָט ער זיך באַרעכנט און געזאָגט: „איך האָב ניט געטאָן ווי געהעריק, איך האָב מקדים געווען דעם פרידן פון חזקיהון פאַר זײַן גאָט." גלײַך איז ער אויפגעשטאַנען פון זײַן טראָן און געמאַכט דרײַ טריט, און האָט צוריקגעקערט די בריוו און געשריבן אַנדערע בריוו אנשטאָט זיי, און אין זיי האָט ער געשריבן: „פרידן צום גרויסן גאָט פון חזקיהון און פרידן צו חזקיהון, און פרידן צו ירושלים." האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „דו ביסט אויפגעשטאַנען פון דײַן טראָן און געמאַכט דרײַ טריט פון מײַן כבוד וועגן; [איך שווער] בײַ דײַן לעבן, אַז איך וועל אויפשטעלן פון דיר דרײַ מלכים וועלט־הערשערס, וואָס וועלן הערשן פון איין עק וועלט צום צווייטן," און דאָ זײַנען זיי: נבוכדנצר און אויל מרודך און בלשאצר. אָבער וויבאַלד זיי האָבן גענומען און געלעסטערט, אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא אויסגעריסן זייער סאַמע וואָרצל[43] פון דער וועלט און אויפגעשטעלט אַנדערע אויף זייער אָרט.

אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק ב): וישמח — האָט זיך חזקיהו געפרייט מיט זיי און זיי געוויזן זײַן שאַצהויז (בית נכתה), — וואָס מיינט בית נכתה? ר' אימי האָט געזאָגט: [דאָס הויז פון] זײַן בייסונג[44] וואָס ער האָט געביסן[45] פון סנחריבן און דאָס רויב וואָס ער האָט אַוועקגערויבט פון סנחריבן. ר' יוחנן האָט געזאָגט: ער האָט אים געוויזן אַ כלי־זיין וואָס שלינגט איין אַנדערע כלי־זיין.[46] ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: ער האָט זיי געוויזן פאַלאַצן איבערגעצויגן מיט העלפאַנטביין ווי מיט וואַקס.[47] ר' יהודה זאָגט: ער האָט זיי געוויזן האָניק האַרט ווי שטיין. ר' לוי האָט געזאָגט: [ער האָט זיי געעפנט דעם ארון, זיי געוויזן די לוחות און געזאָגט:][48] „מיט דעם האַלטן מיר מלחמה און זײַנען מנצח."

אין פסוק שטייט (ישעיה מז, ב—ג): קחי — נעם אַ זשאָרנע און מאָל מעל, — האָט ר' יהושע געזאָגט: אַלע מענטשן מאָלן ווייץ, און דו זאָגסט: נעם אַ זשאָרנע און מאָל מעל! נייערט אַזוי האָט געזאָגט ירושלים צו דער טאָכטער בבל: „ווען ניט דאָס וואָס פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן מיט מיר,

וישן לו עד ט׳ שעות. וכיון שחזר גלגל חמה בימי חזקיהו מלך יהודה, ישן לו ועמד ומצאו שחרית. בקש להרוג כל חיילותיו; אמר להם: „הנחתם אותי ישן כל היום וכל הלילה!״ אמרין ליה: „יומא הוא דחזר.״ א״ל: „ואי זה אלוה החזירו?״ א״ל: „אלוהו של חזקיהו החזירו.״ א״ל: „וכי יש אלוה גדול מאלוהי?״ א״ל: „אלוהו של חזקיהו גדול הוא מאלהיך.״ מיד שלח ספרים ומנחה לחזקיהו; הה״ד: בעת ההיא שלח מרודך בלאדן — — —. ומה כתב בהן? „שלום לחזקיהו, שלום לאלהא רבה, שלום לירושלים.״ וכיון שיצאו הכתבים, נתישב על דעתו, אמר: „לא עשיתי כהוגן, הקדמתי שלומו של חזקיהו לאלוהו.״ מיד עמד מכסאו ופסע שלש פסיעות, והחזיר הכתבים וכתב כתבים אחרים תחתיהם, וכתב בהם: „שלום לאלהא רבה של חזקיהו ושלום לחזקיהו ושלום לירושלים.״ אמר הקב״ה: „אתה עמדת מכסאך ופסעת שלש פסיעות לכבודי; חייך, שאני מעמיד ממך שלשה מלכים (קוזמוקרוטין) [קוזמוקרטורין] שולטין מסוף העולם ועד סופו,״ ואלו הן: נבוכדנצר ואויל מרודך ובלשאצר. וכיון שעמדו וחרפו, קעקע הקב״ה ביצתן מן העולם והעמיד אחרים תחתיהם.

כתיב (שם): וישמח עליהם חזקיהו ויראם את בית נכתה, — מהו בית נכתה? א״ר אימי: נכיתה שנכת מסנחריב ובזה שבזז מסנחריב. ר׳ יוחנן אמר: זיין בולע זיין הראה להם. ר׳ שמעון בן לקיש אמר: בתי השן נמשכין כשעוה הראה להם. ר׳ יהודה אומר: דבש בריא כאבן הראה להם. ר׳ לוי אמר: [שפתח את הארון והראה להם את הלוחות ואמר:] „בזה אנו עושין מלחמה ונוצחין.״

כתיב (ישעיה מז): קחי רחים וטחני קמח, — אמר ר׳ יהושע בן לוי: כל עמא טוחנין חטים, ואת אמרת: קחי רחים וטחני קמח! אלא כך אמרה ירושלים לבת בבל: „אילולי ממרום עשו מלחמה

---

צווישן זיי אויך דער ערוך השלם, פּרואוון עס אויסטייטשן אויף אַנדערע אופנים. די ווערטער — גריכישע. [41] צוועלף אַזייגער. [42] ישעיה לח, ח. [42א] יומא (לויט חולין ס, א: „יומא — די זון וואָס איז איינער פון די באַדינער וואָס שטייען פאַר הקדוש ברוך הוא — — —.״[43] ווערטערלעך: זייער איי, זייער זאָמען. [44] נכיתה — נכתה. [45] דאָס פאַרמעגן וואָס ער האָט אַוועקגענומען. [46] וואָס איז בעסער פון אַנדערע כלי־זין, גע־טייטשט נכתה לויט כתת, צעשטויסן (יפה קול). [47] לויט וואונטשע, דייטשע איבערזעצונג. אפשר דאַרף דאָ זיין נמשחין בשעוה — באַזאַלבט מיט וואַקס (רד״ל). [48] צוגעגעבן לויט

וואָלסטו מיך דען בייגעקומען? ווען ניט דאָס וואָס ער האָט אַראָפּגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער,[49] וואָלסטו מיך דען בייגעקומען? ס'איז צעמאָלן מעל וואָס דו האָסט געמאָלן, און אַ געהרגעטן לייב האָסטו געהרגעט, און אַ פאַרברענט הויז[50] האָסטו פאַרברענט." אַן אַנדער פּשט: נעם אַ זשאָרנע און מאָל מעל, — אַמאָל פלעגן אַנדערע מאָלן פאַר דיר, איצט נעם דו אַ זשאָרנע און מאָל מעל. דעק אָפּ דיין שלייער, נעם אַוועק דיין פאַרבאָרגנקייט, דאָס איז דער מלך וואָס פלעגט זיך געפינען אין אינעווייניקסטן פון זיבן חדרים; חשפי שובל, דעק אָפּ דעם שטראָם[51] פון טייך;[51א] גיי אַריבער טייכן, — אַמאָל פלעגסטו אַריבערגיין אין קאַרעטן פון זילבער און גאָלד, אָבער איצט אַנטפּלעק די היפט, גיי אַריבער טייכן, זאָל אָפּגעדעקט ווערן דיין נאַקעטקייט, — מדה כנגד מדה: אַזוי ווי דאָרט (איכה א, ח): כל — אַלע וואָס האָבן זי געאַכט, פאַראַכטן זי, ווייל זיי האָבן געזען איר נאַקעטקייט, אַזוי אויך דאָ: זאָל אָפּגעדעקט ווערן דיין נאַקעטקייט.

ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך בין אָנגעברייט צו ברענגען די שטראָף אויף דער טאָכטער בבל, כאָטש דניאל האָט אפילו געבעטן רחמים אויף איר, ווי אין פסוק שטייט (דניאל ד, כד): וחטאך — און דיין זינד טו אָפּ דורך צדקה,[52] וועל איך זיך צו אים ניט צוהערן;" פאַרוואָס? (ישעיה מז, ד): גואלנו — אונדזער אויסלייזער, גאָט פון צבאות איז זיין נאָמען.[53]

## ד

(ו) [1] מי זאת — ווער איז די וואָס גייט אויף פון מדבר, — איר דערהייבונג איז פון מדבר,[2] איר אַראָפּנעמונג[3] איז פון מדבר [ווי ר' שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: אין מדבר האָט מען זיי אָנגעטאָן [זייער צירונג] און אין מדבר האָט מען זיי עס אַראָפּגענומען];[4] איר שטאַרבן איז פון מדבר, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יד, לה): במדבר הזה — אין דעם דאָזיקן מדבר וועלן זיי פאַרלענדט ווערן און דאָרט וועלן זיי שטאַרבן. די תורה איז פון מדבר, דער משכן איז פון מדבר, דער סנהדרין איז פון מדבר,[5] די כהונה איז פון מדבר, די לוויה[5א] איז פון מדבר, דאָס מלכות איז פון מדבר, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יט, ו): ואתם — און איר וועט מיר זיין אַ מלכות פון כוהנים, [ די נבואה איז פון מדבר];[6] און אַזוי זיינען אַלע גוטע מתנות וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געגעבן צו ישראל — פון מדבר. מיינט עס: איר דערהייבונג איז פון מדבר.

---

פרקי דר' אליעזר, נב, און אַזאַ נוסח האָט אויך דער אות אמת (זע אויך מתנות כהונה).
[49] איכה א, יג. [50] דעם בית המקדש. אין איכה רבה א, מא, איז דער נוסח קרתא יקידתא, אַ פאַרברענטע שטאָט. [51] געדרשנט לויט שבלת, שטראָם (שופטים יב, ה). [51א] צי אָפּ דעם שטראָם פון טייך (דורך קאַנאַלן), כדי דו זאָלסט קענען אַנטלויפן. [52] דניאל וויל, הייסט עס, אַז נבוכדנצר זאָל אַזוי אַרום אויסמיידן די שטראָף. [53] מיט דעם ווערט פאַרענטפערט די פראַגע וואָס יידן האָבן געפרעגט דניאלן (זע אָנהייב פון אונדזער סימן) וועגן ירמיהס נבואה צום גוטן וואָס איז נאָך ניט מקוים געוואָרן. בבל מוז פאַלן, און ישראל וועט דורך דעם אויסגעלייזט ווערן.

עמי, את היית יכולה לי? אילולא שלח אש בעצמותי, את היית יכולה לי? הוי קמחא טחינא טחנת, ואריא קטילא קטילת, ודרא יקידא יקדת." ד"א: קחי רחים וטחני קמח, — לשעבר היו אחרים טוחנין לך, עכשו קחי רחים וטחני קמח. גלי צמתך, פרשי צניעותך, זה המלך שנתון לפנים משבעה קנקלין; חשפי שובל, קלופי שובלתא דנהרא; עברי נהרות, — לשעבר היית עוברת בקרונין של כסף וזהב, ועכשו גלי שוק, עברי נהרות, תגל ערותך, — מדה כנגד מדה: מה להלן (איכה א): כל מכבדיה הזילוה, כי ראו ערותה, אף כאן: תגל ערותך.

אמר ר' יהושע בן לוי: אמר הקב"ה: „עתיד אני להביא פורענות לבת בבל, ואפילו דדניאל בעי עלה רחמין — דכתיב (דניאל ד): וחטאך בצדקה פרוק, וגו' — אין אני שומע לו;" למה? (ישעיה מז) גואלנו ה' צבאות שמו.

ד

(ו) מי זאת עולה מן המדבר. עילויה מן המדבר. סילוקה מן המדבר [דאמר ר' שמעון בן יוחאי: במדבר טענו ובמדבר פרקו]; מיתתה מן המדבר; המד"א (במדבר יד): במדבר הזה יתמו ושם ימותו. תורה מן המדבר, משכן מן המדבר, סנהדרין מן המדבר, כהונה מן המדבר, לויה מן המדבר, מלכות מן המדבר, שנאמר (שמות יט): ואתם תהיו לי ממלכת כהנים, [נבואה מן המדבר]; וכל מתנות טובות שנתן הקב"ה לישראל — מן המדבר. הוי: עילויה מן המדבר.

---

ד. [1] פסוק ה, אַן איבערחזרונג פון ב, ו, איז שוין געדרשנט געוואָרן אויבן (ב, יח). [2] שטאַמט אָפּ פון מדבר, און אַזוי שטאַמט אָפּ פון מדבר אַלץ וואָס די כנסת ישראל פאַרמאָגט און אַלץ וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, ווי ווייטער. [3] אויפן פסוק (שמות לג, ה) הורד — נעם אַראָפּ דיין צירונג פון דיר, זאָגט ר' שמעון בן יוחאי (שמות רבה מה, ג): דאָס איז דער כלי זיין מיטן שם המפורש אויסגעקריצט אויף אים, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן בעת מתן תורה, און דאָס האָבן זיי געדאַרפט אַראָפּנעמען פון זיך נאָך דער מעשה מיטן עגל הזהב. פאַרגלייך אויך שבת פח, א: ווען ישראל האָט מקדים געווען נעשה פאַרן נשמע, איז יעדערער פון זיי באַקרוינט געוואָרן מיט צוויי קרוינען, און ווען זיי האָבן געזינדיקט זיינען די קרוינען צוגענומען געוואָרן פון זיי. [4] זע באַם. 3. — די דאָזיקע מימרא געפינט זיך אין די טעקסטן ווייטער; לויטן אינהאַלט אָבער געהערט זי אַהער, מיטן קליינעם צוגאָב פון דער דלת (דאמר). [5] זע במדבר יא, טז. די חז"ל אידענטיפיצירן די שפּעטערדיקע סנהדרין מיט די זקנים פון משהס צייט. [5א] מיט אַ חיריק אונטער דער ו: דער שטאַנד פון די לוויים, וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן די כוהנים אין דער עבודה פון משכן און פון בית המקדש. [6] אין די טעקסטן געפינט זיך די דאָזיקע פראַזע ווייטער; מיר האָבן זי געשטעלט דאָ צוליב איר לאָגישער שייכות מיט די אַנדערע טיילן פון דער דרשה.

ה

(ו) כתמרות — ווי זײלן פון רויך. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוסי בן זמרא: בשעת ישראל האָט אומגעוואַנדערט פון איין ציִאונג צו דער צווייטער, פלעגט אַ וואָלקנזייל אַראָפּקומען, און אַ פייערזייל פלעגט אויפשפּראָצן, און דער רויך פון מזבח[1] פלעגט אויפגיין; אַזוי ווי צוויי פונקען פייער פלעגן אַרויסקומען פון צווישן די צוויי שטאַנגען פונעם ארון, און פלעגן פאַרברענען די שלאַנגען, די אָטערס און די שקאָרפּיאָנען וואָס פאַר זיי. און די אומות פון דער וועלט פלעגן עס זען און זאָגן: „געטער זיינען זיי די דאָזיקע, זיי באַנוצן זיך ניט מיט עפּעס אַנדערש, נייערט מיט פייער.״ און אויס מורא פאַר ישראל פלעגט זיי באַפאַלן אַ פּחד און אַ ציטערניש; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות טו, טז): תפול — ס׳וועט אָנפאַלן אויף זיי אַן אימה און אַ פּחד, — דאָ שטייט ניט „נפלה״, ס׳איז אָנגעפאַלן, נייערט תפול, ס׳וועט אָנפאַלן, פון איצט און ווייטער.[2]

מקטרת — באַרייכערט מיט מירע און ווייראַך. דאָס איז אונדזער פאָטער אברהם: אַזוי ווי די דאָזיקע מירע איז די טייערסטע פון אַלע בשמים, אַזוי אויך איז אברהם אבינו דער פּער פון אַלע צדיקים; אַזוי ווי די דאָזיקע מירע, איטלעכער וואָס קלייבט עס ווערן זיינע הענט ביטער,[3] אַזוי האָט אברהם אבינו זיך געביטערט און געפּייניקט מיט אָפּקומענישן; אַזוי ווי די דאָזיקע מירע לאָזט ניט אַנדערש אַרויס איר ריח, נייערט דורך פייער, אַזוי זיינען אברהמס מעשים טובים ניט אַדערש באַוואוסט געוואָרן, נייערט דורכן פייער־דיקן קאַלכאויוון.[4] און ווייראַך, דאָס איז אונדזער פאָטער יצחק, וואָס האָט זיך געלאָזט מקריב זיין אויפן מזבח ווי אַ הויפן ווייראַך. מכל — מיט אַלערליי ווירצשטויב פונעם הענדלער, דאָס איז יעקב אבינו [וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (בראשית לב, כה): ויאבק — און ס׳האָט זיך געראַנגלט מיט אים אַ מאַן, און] [4א] וואָס זיין בעט איז געווען גאַנץ[5] און קיין פּסול איז אין דעם ביט געווען.

ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אַזוי ווי אינעם הענדלערס קאָרב געפינען זיך בשמים פון אַלע מינים, אַזוי איז אַרויסגעקומען כהונה פון יעקבן און לוויה און מלכות פון יעקבן. יצחקן האָט אברהם געגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית כה, ה): ויתן — און אברהם האָט געגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צו יצחקן. אָבער יעקבס פאַרדינסטן זיינען געקומען

ה. [1] ווערטערלעך: פונעם אויסגעלייגטן (האָלץ וואָס אויפן מזבח). [2] דער פּסוק רעדט. לויט דעם, ניט וועגן דעם פּחד וואָס איז אָנגעפאַלן אויף די פעלקער בשעת קריעת ים סוף, נייערט וועגן דעם פּחד וואָס וועט זיי באַפאַלן שפּעטער, בעת די וואַנדערונגען אין מדבר. [3] שמאַרציק. [4] אַן אָנדייט אויף דער אגדה, אַז נמרוד האָט געלאָזט וואַרפן אברהמען אין פייער פאַר ניט וועלן דינען צו זיינע געטער (בראשית רבה לח, יג). [4א] צו־געגעבן לויט ווערטהיימער, בתי מדרשות א, שנא (זע דאָרט באַמ. יט). [5] אָנשפּיל אויף די ווערטער פונעם ווייטערדיקן פּסוק: מטתו של שלמה, — געטייטשט: זיין בעט איז גאַנץ (זע פסחים נו, א, און תנחומא ויחי, ח: יעקב האָט פאַרן טויט געוואָלט מגלה זיין זיינע קינדער דעם קץ, האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די שכינה, האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

## ה

(ו) כתמרות עשן. אמר ר׳ אלעזר בשם ר׳ יוסי בן זמרא: בשעה שהיו ישראל מתנודדין ממסע למסע, היה עמוד הענן יורד, ועמוד אש צומח, ועשן המערכה עולה; כמין שני זקוקין של אש יוצאין מבין שני בדי הארון ושורפים לפניהם נחשים, שרפים ועקרבים. והיו אומות העולם רואין ואומרין: „אלוהות הן אלו, אין תשמישן של אלו אלא באש.״ ומאימתן של ישראל נופל עליהם פחד ורעדה; הה״ד (שמות טו): תפול עליהם אימתה ופחד, — „נפלה״ אין כתיב כאן, אלא תפול, מיכן ולהבא.

מקטרת מור, זה אבינו אברהם: מה המור הזה ראש לכל הבשמים, אף אברהם אבינו היה ראש לכל הצדיקים; מה המור הזה, כל מי שלוקטו ידיו מתמררות, כך היה אברהם אבינו ממרר ומסגף עצמו ביסורים; מה המור הזה אינו מפיח ריחו אלא באור, כך לא הודיע אברהם את מעשיו הטובים אלא בכבשן האש. ולבונה, זה אבינו יצחק, שנתקרב כקומץ לבונה על גבי המזבח. מכל אבקת רוכל, זה יעקב אבינו [שכתוב בו (בראשית לב): ויאבק איש עמו], שהיתה מטתו שלמה לפניו ולא נמצא בו פסול.

א״ר תנחומא: מה קופת הרוכל יש בה מכל מיני בשמים, כך כהונה מיעקב ולויה ומלכות מיעקב. יצחק, נתן לו אברהם אבינו כל שלו, שנאמר (בראשית כה): ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק; ברם רוכלותיו של יעקב לא (היתה) [היו] אלא מאותו האבק שתחת רגליו. ר׳ יודן אמר תרתי. ר׳ יודן אמר: כל הרוכלות שישראל עושין ומצליחין בעולם הזה — בזכות אותו האבק של יעקב אבינו. ר׳ יודן אמר חורי: כל פרגמטיא שישראל עושין ומצליחין בעולם הזה — בזכות אותו האבק של

---

ניט אַנדערש, בייערט פון יענעם שטויב וואָס אונטער זיינע פיס.[6] ר׳ יודן האָט געזאָגט צוויי זאַכן. ר׳ יודן האָט געזאָגט: אַלע פאַרדינסטן וואָס יידן מאַכן אויף דער וועלט און זיינען מצליח זיינען אין זכות פון יענעם שטויב פון יעקב אבינו. ר׳ יודן האָט געזאָגט נאָך אַ זאַך: יעדער מסחר וואָס יידן טוען אויף דער וועלט און זיינען מצליח, איז אין זכות פון יענעם שטויב

---

אפשר איז דאָ צווישן מיינע קינדער אַ פסול (תנחומא — פסולת). אָבער ווען די זין האָבן אויסגערופן, אין איין קול: שמע ישראל, האָט ער זיך באַרואיקט). [6] אין זכות פון דער ברכה וואָס דער מלאך האָט אים געבענטשט נאָכן ראַנגלען זיך מיט אים: ויאבק — און

פון יעקב אבינו. ר׳ עזריה האָט געזאָגט צוויי זאַכן: אַלע מלחמות וואָס יידן פירן און זיינען מצליח זיינען אין זכות פון יעקב אבינוס שטויב. ר׳ עזריה האָט געזאָגט נאָך אַ זאַך: אַלץ וואָס יידן טוען אויף אין תורה אויף דער וועלט איז אין זכות [פון דעם שטויב] פון יעקב אבינו.[7] ר׳ ברכיה און ר׳ סימון פון ר׳ אבהוס וועגן: יענעם שטויב האָט הקדוש ברוך הוא גענומען און אָפּ־געלייגט אונטערן כסא הכבוד; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (נחום א, ג): ה׳ — מיט ווינטער און מיט שטורעם איז זיין וועג, און וואָלקן איז דער שטויב פון זיינע פיס.[8]

ו

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט פון ר׳ חלבוס וועגן: אין פסוק שטייט (בראשית לב, כה): ויאבק — און ס׳האָט זיך געראַנגלט אַ מאַן[1] מיט אים. וייסן מיר ניט, ווער איז געווען אין וועמעס רשות,[2] צי דער מלאך איז געווען אין יעקבס רשות, צי יעקב איז געווען אין מלאכס רשות. נייערט פון דעם וואָס עס שטייט געשריבן (דאָרט, פסוק כז): שלחני — לאָז מיך גיין, וואָרום דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, — דער מלאך האָט געזאָגט צו יעקבן: „לאָז מיך גיין, וואָרום ס׳איז געקומען [די צייט][3] פאַר מיר צו לויבן [גאָט], זעען מיר, אַז דער מלאך איז געווען אין רשות פון יעקב אבינו. און אין וואָסער געשטאַלט האָט ער זיך צו אים באַוויזן? ר׳ חמא בר׳ חנינא האָט געזאָגט: ווי דער שר[4] פון עשון האָט ער אים אויסגעזען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט לג, י): כי — וואָרום איבער דעם האָב איך געזען דיין פנים ווי מע זעט דאָס פנים פון גאָט, — ער האָט אים געזאָגט: „דיין פנים קוקט אויס ווי דאָס פנים פון דיין שר.“[5] ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ געצוימטן לייב און אַ ווילדן הונט. וואָס האָט דער מלך געטאָן? ער איז באַפאַלן דעם לייב און אים אָנגערייצט אויף זיין זון, און ער האָט געזאָגט: „אויב דער הונט וועט קומען און באַפאַלן מיין זון, וועט מיין זון זאָגן: ׳דעם לייב בין איך בייגעקומען, וועל איך דעם הונט ניט בייקומען?׳“ אַזוי, בשעת די אומות פון דער וועלט וועלן קומען און אָנפאַלן אויף ישראל, וועט הקדוש ברוך הוא זיי זאָגן: „אייער שר האָט ניט געקענט שטיין קעגן זייער פאָטער, וועט איר זיי בייקומען?“

ר׳ הונא האָט געזאָגט: ווי אַ פאַסטעך האָט ער זיך אים באַוויזן, דער האָט געהאַט שאָף און יענער האָט געהאַט שאָף, דער האָט געהאַט קעמלען און

ס׳האָט זיך געראַנגלט מיט אים אַ מאַן (בראשית לב, כה) ווערט דאָ גענומען בוכשטעבלעך: און ס׳האָט זיך געשטויבט, אויפגעהויבן אַ שטויב ביים ראַנגלען זיך. [7] בנוגע דער שייכות פון תורה מיט שטויב זע אבות א, ד: „און וואַלגער זיך אין שטויב פון די פיס פון די חכמים.“ [8] געדרשנט ווי ס׳וואָלט זיך געלייענט: אַ וואָלקן פון שטויב איז אונטער זיינע פיס.

ו. [1] וואָס שפּעטער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ מלאך. [2] ווער האָט געהאַט די איבערהאַנט. [3] צוגעגעבן לויט בראשית רבה עח, א. [4] לויט דער אגדה האָט איט־לעכע אומה איר שר, איר מלאך אין הימל, זי צו באַשיצן. [5] דאָס זאָגט שפּעטער יעקב צו עשון; מיינט עס, אַז ער האָט שוין זיין שר געזען פריער, — דער מלאך וואָס האָט

יעקב אבינו. ר׳ עזריה אמר תרתי: כל מלחמות שישראל עושין ומצליחין — בזכות האבק של יעקב אבינו. ר׳ עזריה אמר חורי: כל תורה שישראל עושין בעולם הזה — בזכות [האבק של] יעקב אבינו. ר׳ ברכיה ור׳ סימון בשם ר׳ אבהו: אותו האבק נטלו הקב״ה ונתנו תחת כסא הכבוד; הה״ד (נחום א): ה׳ בסופה ובשערה דרכו, וענן אבק רגליו.

ו

ר׳ ברכיה בשם ר׳ חלבו אמר: כתיב (בראשית לב): ויאבק איש עמו. אין אנו יודעין, מי היה ברשותו של מי, אם המלאך היה ברשות יעקב, ואם יעקב היה ברשות המלאך. אלא ממה דכתיב (שם): שלחני, כי עלה השחר, — א״ל המלאך ליעקב: „שלחני, כי הגיע [זמן] קילוסי לקלס,״ הוי המלאך ברשות יעקב אבינו. ובאיזה צד נדמה לו? ר׳ חמא בר׳ חנינא אמר: לשרו של עשו הרשע נדמה לו; הה״ד (שם לג): כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים, — אמר לו: „אפך דמיין לשרך.״ משל למלך שהיה לו ארי אימירון וכלב אגריון. מה עשה המלך? זיווג את הארי והיה מלבבו כנגד בנו, והיה אומר: „שאם יבא הכלב להזדווג לבני, יאמר בני: ׳לארי יכולתי ולכלב איני יכול?׳״ כך בשעה שאומות העולם באים להזדווג לישראל, הקב״ה אומר להם: „שר שלכם לא יכול לעמוד באביהם, ואתם יכולין להם?״

ר׳ הונא אמר: לרועה נדמה לו, לזה צאן ולזה צאן, לזה גמלים ולזה גמלים. א״ל: „העבר את (שלי) [שלך, ואחר כך] אני מעביר את (שלך) [שלי].״ כיון שהעביר יעקב אבינו את שלו, אמר: נחזור ונחמי, דילמא אנשינן כלום.״ מן דחזור ויאבק איש עמו. — — —

ר׳ חייא רבה ור׳ שמעון ברבי הוו עסקו בפרגמטיא, והוו

---

יענער האָט געהאַט קעמלען. האָט ער געזאָגט צו אים: „פיר דו אַריבער[6] דיינע, און איך וועל אַריבערפירן מיינע.[7] ווען יעקב האָט געהאַט אַריבער־געפירט זיינע, האָט ער געזאָגט: „לאָמיך זיך אומקערן און זען, טאָמער האָב איך עפּעס פאַרגעסן.״ אַז ער האָט זיך אומגעקערט, האָט אַ מאַן זיך געראַנגלט מיט אים.

ר׳ חייא רבה און ר׳ שמעון דער זון פון רבי האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר, און זיי האָבן געהאַנדלט מיט זיידנס. זיינען זיי אָנגעקומען קיין

---

זיך געראַנגלט מיט אים. [6] איבערן טייך יבוק. [7] עמענדאַציע לויט בראשית רבה עז, ב,

צור און אָפּגעטאָן זייערס, אַז זיי זײַנען אַרויס פון טויער, האָבן זיי געזאָגט: „לאָמיר זיך אומקערן און זען, טאָמער האָבן מיר עפּעס פאַרגעסן." האָבן זיי זיך אומגעקערט און געפונען אַ פּעקל זיידנס. [האָט מען געזאָגט צו זיי: „פון וועמען האָט איר דאָס געלערנט?][8] האָבן זיי געזאָגט: „די דאָזיקע זאַך קומט פון אונדזער זיידן יעקב, ווי עס שטייט געשריבן: און ס'האָט אַ מאַן זיך געראַנגלט מיט אים."[9]

און די רבנן זאָגן: ווי אַ רויבער־הויפּטמאַן האָט ער זיך אים באַוויזן, דער האָט געהאַט שאָף און יענער האָט געהאַט שאָף, דער האָט געהאַט קעמלען און יענער האָט געהאַט קעמלען. האָט ער געזאָגט צו אים: „פיר דו אַריבער מײַנע, און איך וועל אַריבערפי־ן דײַנע." אַזוי האָט דער מלאך אַריבערגע־פירט יעקבס שאָף אין אַן אויגנבליק. און אונדזער פאָטער יעקב האָט אַרי־בערגעפירט די שאָף פונעם מלאך, אַריבערגעפירט און זיך אומגעקערט און ווידער פאַרגעסן שאָף, אַזוי די גאַנצע נאַכט. וואָס האָט יעקב אבינו געטאָן? ר' פּינחס האָט געזאָגט: ער האָט דעמאָלט גענומען אַ וואָלנטוך און אים אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז; ער האָט אים געזאָגט: „כישוף־מאַכער, כישוף־מאַכער, דו ביסט אַ צויבערער, און בײַנאַכט איז אַ צויבערער ניט מצליח." ר' הונא האָט געזאָגט: דעמאָלט האָט דער מלאך געזאָגט: „זאָל איך ניט לאָזן וויסן דעם דאָזיקן מיט וועמען ער האָט צו טאָן?" וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן פעלדז, און אַ פײַער האָט אָנגעהויבן ברויזן. האָט ער געזאָגט צו אים: „מיט דעם ווילסטו מיך אָפּשרעקן? איך בין אין גאַנצן פון דעם, ווי דער פּסוק זאָגט (עובדיה א, יח): והיה — און דאָס הויז פון יעקב וועט זײַן פײַער." ר' חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צום מלאך: „דו האַר פון עשון, וואָס שטייסטו נאָך? ער קומט אויף דיר מיט פינף קמיעות אין זײַן האַנט: זײַן אייגענער זכות, און דער זכות פון זײַן פאָטער און דער זכות פון זײַן מוטער, און דער זכות פון זײַן זיידן און דער זכות פון זײַן באָבען. מעסט זיך אָפּ מיט אים [און דו וועסט זען] אַז דו קענסט ניט בײַשטיין אפילו קעגן זײַן זכות אַליין." גלייך (בראשית לב, ו): וירא — האָט ער געזען, אַז ער קאָן אים ניט בײַקומען. [ס'איז אַ משל] מיט אַ רויבער־הויפּטמאַן וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן מלכס זון. ווי ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן און דערזען, ווי זײַן פאָטער דער מלך שטייט איבער אים, אַזוי האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין בלאָטע אונטער אים. אַזוי, ווי נאָר דער מלאך האָט דערזען, אַז די שכינה שטייט איבער יעקבן, אַזוי האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין בלאָטע אונטער אים; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: און ער האָט געזען, אַז ער קאָן אים ניט בײַ־קומען, — האָט ר' לוי געזאָגט: ער האָט געזען דורך דער שכינה, אַז ער קאָן אים ניט בײַקומען.

ויגע — האָט ער אָנגערירט דאָס לעפּל פון זײַן דיך. [ער האָט אָנגערירט די צדיקים און צידקניות, די נביאים און נביאות, וואָס זײַנען געוועזן אָנגע־בריט אַרויסצוקומען פון אים און פון זײַנע קינדער; ווער איז עס? דאָס איז

נסבין ויהבון בהדא מיטכסין. עלון להדא צור ועבדון עיבידתהון. מן דנפקון מן פילי, אמרון: „נחזור ונחמי, דילמא אנשינן כלום." חזרו ומצאו חבילה של מיטכסין. [אמרין לון: „מן הן אית לכון?"] אמרין: „הדא מלה מיעקב סבאן היא, דכתיב: ויאבק איש עמו."

ורבנן אמרי: לארכיליסטים נדמה לו, לזה צאן ולזה צאן, לזה גמלים ולזה גמלים. א"ל: „העבר שלי, ואני מעביר שלך." כך העביר המלאך צאנו של יעקב כהרף עין. והיה אבונן יעקב [מעביר] (עניא) [ענא] דמלאכא, מעביר וחוזר ומשכח עאן אוחרי כל אותו הלילה. מה עשה יעקב אבינו? א"ר פנחס: באותה שעה נטל (פרקדין) [פוקרין] וכרכו על צוארו; א"ל: „פרמקוס, פרמקוס; חרש את, לית חרשין מצליחין בלילה." א"ר הונא: באותה שעה אמר המלאך: „לינא מידע לדין עם מאן נסיב ויהיב?" מה עשה? נתן אצבע על הצור, התחילה תוססת אש. א"ל: „מן הדא את מדחיל לי? אנא כולי מיניה, שנאמר (עובדיה א): והיה בית יעקב אש. א"ר חנינא בר יצחק: א"ל הקב"ה למלאך: „שרו של עשו, מה את עומד? הוא בא עליך וחמשה קמיעים בידו: זכותו וזכות אביו, וזכות אמו, וזכות זקנן וזכות זקנתו. מדוד עצמך עמו, שאין אתה יכול לעמוד אפילו בזכותו." מיד (בראשית לב) וירא, כי לא יכול לו. לארכיליסטים שהיה מתגושש עם בנו של מלך. תלה עיניו למעלה וראה את אביו המלך עומד על גביו, והרפיש עצמו תחתיו. כך, כיון שראה המלאך השכינה עומדת למעלה מיעקב, הרפיש עצמו תחתיו; הה"ד: וירא, כי לא יכול לו. — א"ר לוי: וירא בשכינה, כי לא יכול לו.

ויגע בכף ירכו, בצדיקים ובצדיקות, בנביאים ובנביאות, שהיו עתידין לעמוד ממנו ומבניו; איזה זהו? זה דורו של שמד. ותקע כף ירך יעקב, ר' אליעזר ור' ברכיה. ר' אליעזר אומר:

דער דור פון שמד.[10] ותקע — און ס'איז אויסגעלונקען געוואָרן דאָס לעפּל פון יעקבס דיך, [זאָגן] ר' אליעזר און ר' ברכיה. ר' אליעזר זאָגט: ער האָט

אַנדערש איז עס דאָס זעלבע ווי די רבנן זאָגן ווייטער. [8] צוגאָב לויט בראשית רבה, דאַרט. [9] און געשען איז עס, ווייל ער האָט זיך אומגעקערט. [10] די שמד־גזירות וואָס נאָך בר־כוכבאס מפּלה: אין גאַנצן אומברענגען ישראל האָט עשוס שר ניט געקענט; האָט ער

עס אויסגעפּלעטשט; ר׳ ברכיה אין נאָמען פון רבסא:[11] ער האָט עס צעשפּאַלטן ווי [מע צעשפּאַלט] אַ פיש. ר׳ נחמן בר יעקב האָט געזאָגט: ער האָט עס אַרויסגערוקט פון אָרט; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל כג, יז): ותקע — און מיין זעל האָט זיך דערווייטערט פון איר.[12]

ז

ר׳ יוחנן האָט באַשיידט דעם פּסוק: מקטרת — באַרייכערט מיט מירע און ווייַרעך, מיט אַלערליי ווירצשטויב פונעם הענדלער — אויף דער קטורת פון דער משפּחה אַווטינאַס, און דאָס[1] איז געווען איינס פון די עלף געווירצן וואָס מע פלעגט אין איר אַריינטאָן. ר׳ הונא האָט עס באַשיידט [לויט דעם פּסוק] (שמות ל, לד): ויאמר ה׳ -- און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם דיר שמעקעדיקע געווירצן, האָסטו צוויי;[2] טריפגעווירץ און רייכערנעגל און גאַלאַבאַן, האָסטו פינף; [נאָך אַ מאָל] שמעקעדיקע געווירצן, — ווּעסטו זאָגן, אַז ס׳מיינט ווידער צוויי, איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן שמעקעדיקע געווירצן; [ניערט ווייטער שטייט] בד בבד — גלייך אויף גלייך זאָלן זיי זיין, איז גיב פינף קעגן [די פריערדדיקע] פינף,[2א] האָסטו צען; און לויטערן ווייַרעך, האָסטו עלף געווירצן. לויט דעם האָבן די חכמים נאָכגעזוכט און געפונען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין בעסערס פאַר קטורת, נייערט די דאָזיקע עלף מינים געווירצן וואָס אין איר.

מיר האָבן געלערנט: די משפּחה אַווטינאַס זיינען געווען מומחים אויף מאַכן קטורת, אויף צונויפמישן די געווירצן, און [זייער קטורת] פלעגט אַרויפלאָזן אַ [גלייכן זייל] רויך, אָבער זיי האָבן עס קיינעם ניט געוואָלט אויסלערנען. האָבן די חכמים געשיקט און געבראַכט מייסטערס פון אַלעקסאַנדריע; זיינען זיי געווען מומחים אויף מאַכן די קטורת, אָבער ניט קיין מומחים אויף אַרויפצולאָזן אַ [גלייכן זייל] רויך. [דער רויך] פון דער משפּחה אַווטינאַס פלעגט זיך אַרויפזיילן גלייך ווי אַ שטעקן[3] ביז די באַלקנס, און נאָך דעם פלעגט ער זיך צעשפּרייטן און אַראָפּנידערן ווי אַ טרויבן־הענגל; [דער רויך] פון די אַלעקסאַנדריער פלעגט זיך גלייך צעשפּרייטן און אַראָפּנידערן. און אַז די חכמים האָבן זיך עס דערוואוסט, האָבן זיי געזאָגט: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן האָט ער ניט אַנדערש באַשאַפן, נייערט פון זיין כבוד וועגן, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה מג, ז): כל — אַלץ וואָס ווערט גערופן מיט מיין נאָמען האָב איך פון מיין כבוד וועגן באַשאַפן,[4] און די משפּחה אַווטינאַס האָט זיך אומגעקערט אויף זייער אָרט. מע האָט געשיקט נאָך זיי, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט קומען, ביז מע האָט זיי ניט געטאָפּלט זייער לוין: צוועלף מנה אַ טאָג פלעגן זיי נעמען, איצט

לפחות אָנגעשיקט צרות אויף זיינע קינדער. [11] געקירצט פון רב אסי, ווי דער נוסח איז אין בראשית רבה. [12] דער פּסוק קומט דאָ פעסטצושטעלן דעם טייטש פון ותקע, ויך דערווייטערט, אָפּגערוקט פונעם אָרט.

ז. [1] די מירע [2] ווייל אין לשון רבים, איז עס ניט ווייניקער ווי צוויי. [2א] ד״ה: דאָס צווייטע מאָל שמעקעדיקע געווירצן שטעלן מיט זיך פאָר נייע פינף מינים, אין צוגאָב צו די ערשטע פינף. [3] עמענדאַציע לויט ירושלמי, שקלים ה, א. [4] איבערגעזעצט לויטן

שייעא; ר׳ ברכיה בשם רבסא: סידקה כדג. ר׳ נחמן בר יעקב אמר: פירקה ממקומה; המד״א (יחזקאל כג): ותקע נפשי מעליה.

ז

ר׳ יוחנן פתר קרייה: מקוטרת מר ולבונה מכל אבקת רוכל — בקטרת בית אבטינס, וזה אחד מאחד עשר סממנים שהיו נותנין בה. ר׳ הונא פתר לה (שמות ל): ויאמר ה׳ אל משה: קח לך סמים, הא תרין; נטף ושחלת וחלבנה, הא חמשא; סמים, אי תימר, דאינון תרין, והלא כבר נאמר סמים, — בד בבד יהיה, תן חמשה כנגד חמשה, הרי עשרה; ולבונה זכה, הא אחד עשר סממנין. מכן בדקו חכמים ומצאו, שאין יפה לקטרת, אלא אחד עשר סממנין הללו שבה.

תני: בית אבטינס היו בקיאין במעשה הקטרת, בפיטום הקטרת, והיה מעלה עשן; ולא רצו ללמד. ושלחו חכמים והביאו אומנין מאלכסנדריה; והיו בקיאין במעשה הקטרת, ולא היה בקיאין במעלה עשן. של בית אבטינס היתה מתמרת ועולה (כאשכול) [כמקל] עד הקורות, ואחר כך פוסה ויורדת (כמקל) [כאשכול]; של אלכסנדריה היתה פוסה ויורדת למטן מיד. וכשידעו חכמים בדבר, אמרו: כל שברא הקב״ה, לא ברא אלא לכבודו, שנאמר (ישעיה מג): כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו, וחזרו בית אבטינס למקומן. שלחו אחריהם ולא רצו לבא, עד שכפלו להם שכרן: י״ב מנה היו נוטלין בכל יום, חזרו להיות נוטלין כ״ד מנה, — כדברי ר׳ מאיר. ר׳ יודא אומר: בכל יום היו נוטלין כ״ד מנה, ועכשו נטלו מ״ח מנה. אמרו להם: „מה ראיתם שלא ללמד?״ אמרו: „מסורת בידינו מאבותינו, שעתיד בית המקדש להחרב, ולא רצינו ללמד, שלא יהיו נוהגין ועושים לפני עבודה זרה שלהן כדרך שאנו עושין לפני הקב״ה.״ ובדבר

---

האבן זיי גענומע פיר און צוואנציק, — דאס איז לויט ר׳ מאירן. ר׳ יודא[5] האט געזאגט: זיי פלעגן נעמען פיר און צוואנציק מנה א טאג, און איצט האבן זיי גענומען אכט און פערציק מנה. האט מען זיי געפרעגט: „וואס איז די סיבה וואס איר ווילט קיינעם ניט אויסלערנען?״ האבן זיי געזאגט: „מיר האבן א מסורה פון אונדזערע עלטערן, אז דער בית המקדש איז אנגעברייט חרוב צו ווערן, האבן מיר עס קיינעם ניט געוואלט אויסלערנען, כדי מע זאל זיך ניט נוהג זיין עס צו מאכן פאר זייער עבודה זרה אויפן שטייגער ווי מיר טוען עס פאר הקדוש ברוך הוא.״ און פון וועגן דער דאזיקער זאך

פלעגט מען זיי דערמאָנען צום גוטן. און ניט נאָר דאָס, נייערט זייערס אַ פרוי אָדער אַ קינד איז קיין מאָל ניט אַרויס אין גאַס באַשמעקט מיט בשמים; און אַז זיי פלעגן נעמען אַ פרוי פון ערגעץ אַנדערש פלעגן זיי אָפּמאַכן מיט איר, אַז זי זאָל זיך קיין מאָל ניט באַשמעקן מיט בשמים, כדי יידן זאָלן ניט זאָגן: „פונעם קטורת־געמיש באַשמעקן זיי זיך." כדי מקיים צו זיין וואָס דער פסוק זאָגט (במדבר לב, כב): והייתם — און איר זאָלט זיין ריין פאַר גאָט און פאַר ישראל; און נאָך זאָגט אַ פסוק (משלי ג, ד): ומצא — און געפין חן און גינציקייט אין די אויגן פון גאָט און לייט.

ר' עקיבא האָט געזאָגט: שמעון בן לוגה האָט מיר דערציילט: „איך און אַ קינד פון די קינדס קינדער פון דער משפחה אַווטינאָס האָבן געקליבן קרייטעכצער אין פעלד, און איך האָב דערזען, אַז ער וויינט און לאַכט. האָב איך אים געפרעגט: 'זון מיינער, וואָס האָסטו געוויינט?' האָט ער מיר געזאָגט: 'איבער כבוד פון מיין פאָטערס הויז וואָס איז געמינערט געוואָרן.'[6] 'און וואָס האָסטו געלאַכט?' האָט ער מיר געזאָגט: '[פון וועגן דעם כבוד וואָס איז] אָפּגעהיט און אָנגעברייט פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט; און סוף־כל־סוף איז דאָך דער אייבערשטער אָנגעברייט בקרוב צו דערפרייען זיינע קינדער.' 'און וואָס האָסטו געזען?'[7] האָט ער געזאָגט צו מיר: 'אָט איז דאָך דער „רויך־אַרויפברענגער"[8] פאַר מיר.' מאַך איך צו אים: 'ווייז מיר עס.' האָט ער גע־זאָגט צו מיר: 'מיר האָבן אַ מסורה אין האַנט, ניט צו ווייזן עס קיין שום מענטשן אויף דער וועלט.'" מע זאָגט: ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און דאָס קינד איז געשטאָרבן.[9]

ר' יוחנן בן נורי האָט געזאָגט: אַך בין אַמאָל געגאַנגען אין וועג און באַגעגנט איינעם אַ זקן פון דער משפחה אַווטינאָס, און ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ מגילה [מיט אַ רשימה] פון געווירצן. האָב איך אים געפרעגט: „וואָס האָסטו אין האַנט?" האָט ער מיר געזאָגט: „ווען [די מענטשן פון] מיין פאָטערס הויז זיינען געווען פרום, פלעגן זיי איבערגעבן זייערע מגילות איינער דעם צווייטן; אָבער איצט גאָ דיר עס, און היט זיך מיט דעם, ווייל דאָס איז אַ מגילה פון געווירצן." און ווען איך בין געקומען און עס פירגע־בראַכט פאַר ר' עקיבאָן, זיינען אים טרערן גערונען. ער האָט מיר געזאָגט: „פון איצט אָן טאָרן מיר קיין שלעכטס ניט רעדן אויף די דאָזיקע."

## ח

די משפחה גאַרמו זיינען געווען מומחים אויף מאַכן דעם לחם הפנים[1] און אויף אַרויסנעמען אים [פונעם אויוון]; אָבער זיי האָבן עס קיינעם ניט

דרש. [5] ר' יהודה, ר' מאירס בר־פלוגתא (ווי ווייטער, אין סימן ח). [6] דאָס איז געווען נאָכן חורבן, ווען די משפחה אַווטינאָס האָט פאַרלאָרן איר חשיבות. [7] וואָס זאָל דער־וועקן אין דיר די דאָזיקע מחשבות. [8] אַ גראָז וואָס זיי פלעגן אַריינמישן אין דער קטורת, כדי דער רויך זאָל גיין גלייך אַרויף. [9] כדי עס זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן פאַר עמיצן מיטן סוד (די דאָזיקע מימרא געפינט זיך ניט אין די אַנדערע מקורות: ירושלמי, שקלים ה, א; יומא ג, ט; בבלי, יומא לח, א).

ח. [1] ברויט פון אָנגעזיכט, וואָס פלעגט ליגן אויפן טיש אין משכן און אין בית

הזה היו מזכירין אותן לשבח. ולא עוד, אלא שלא יצאה אשה מהם ותינוק מהם כשהוא מבושם; וכשנושאין אשה ממקום אחר הם פוסקים עמה, שלא תתבשם לעולם, שלא יהיו ישראל אומרים: „מפיטום הקטרת הן מתבשמות." לקיים מה שנאמר (במדבר לב): והייתם נקיים מה' ומישראל; ואומר (משלי ג): ומצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם.

א"ר עקיבא: סח לי שמעון בן לוגה: „אני ותינוק אחד מבני בניהם של בית אבטינס היינו מלקטים עשבים בשדה וראיתיו, שבכה וצחק. ואמרתי לו: 'בני, על מה בכית?' אמר לי: 'על כבוד בית אבי שנתמעט.' 'ולמה צחקת?' אמר לי: '[על הכבוד ה] שמור ומתוקן לצדיקים לעתיד לבא; וסוף, שהמקום עתיד לשמח את בניו בקרוב.' 'ומה ראית?' אמר לי: 'והלא „מעלה עשן" כנגדי.' נומיתי לו: 'הראיני.' אמר לי: 'מסורת בידינו, שלא להראות לאדם בעולם.'" אמרו: לא באו ימים קלים בעולם, עד שמת אותו התינוק.

א"ר יוחנן בן נורי: פעם אחת הייתי מהלך בדרך, ומצאתי זקן אחד מבית אבטינס ובידו מגילת סממנין. אמרתי לו: „מה בידך?" אמר לי: „כשהיו צנועין בית אבא, היו מוסרין מגילותם זה לזה; ועכשו הא לך, והזהר בה, שמגילת סממנין היא." וכשבאתי והרציתי הדברים לפני ר' עקיבא, זלגו דמעותיו. אמר לי: „מעתה אין אנו רשאין לספר בגנויין של אלו."

ח

של בית גרמו היו בקיאים במעשה לחם הפנים וברדייתו, ולא רצו ללמד. ושלחו חכמים והביאו מאלכסנדריה; והיו בקיאין במעשה לחם הפנים, וברדייתו לא היו בקיאים. של בית גרמו היו מסיקים בתנור מבחוץ, והיא [נאפית ו]נרדית מבפנים; ואלו היו מסיקין מבפנים ואופין מבחוץ, ויש אומרים שהיא

---

געוואַלט אויסלערנען. האָבן די חכמים געשיקט און געבראַכט בעקער־מייסטערס פון אַלעקסאַנדריע; זיינען זיי געווען מומחים אויף מאַכן דעם לחם הפנים, אָבער אויף אַרויסנעמען אים זיינען זיי קיין מומחים ניט געווען. די משפחה גאַרמו פלעגט אָנהייצן דעם אויוון פון דרויסן, און דאָס ברויט פלעגט זיך באַקן און פלעגט אַרויסגענומען ווערן פון אינעווייניק; אָבער יענע פלעגן הייצן אינעווייניק און באַקן פון דרויסן, און אַנדערע זאָגן, אַז עס פלעגט

שימלען. און אַז די חכמים האָבן זיך עס דערוואוסט, האָבן זיי געזאָגט: אַלץ וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געטאָן, האָט ער ניט אַנדערש געטאָן, בייערט פון זיינעטוועגן, ווי דער פסוק זאָגט (משלי טז, ד): כל — אַלץ האָט גאָט געמאַכט פון זיינעטוועגן, און די משפחה גאַרמו האָט זיך אומגעקערט אויף זייער אָרט. מע האָט געשיקט נאָך זיי, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט קומען, ביז מע האָט זיי ניט געטאָפּלט זייער לוין: צוועלף מנה אַ טאָג פלעגן זיי נעמען, איצט האָבן זיי גענומען פיר און צוואַנציק מנה, — לויט ר׳ מאירן. ר׳ יהודה זאָגט: פיר און צוואַנציק מנה אַ טאָג פלעגן זיי נעמען, אָבער איצט — אַכט און פערציק מנה. האָט מען זיי געפרעגט: „וואָס איז די סיבה וואָס איר ווילט עס קיינעם ניט אויסלערנען?" האָבן זיי געזאָגט: „מע האָט גע־וואוסט אין אונדזער פאָטערס משפחה, אַז דער בית המקדש איז אָנגעבערייט חרוב צו ווערן, איז טאָמער וועט זיך עס אויסלערנען אַ ניט קיין ערלעכער מענטש, און ער וועט אַוועקגיין און דינען מיט דעם דער עבודה זרה." און פון וועגן דער דאָזיקער זאַך דערמאָנט מען זיי צום גוטן. און ניט נאָר דאָס, בייערט מע האָט קיינמאָל ניט געזען קיין ווייסברויט אין דער האַנט פון זייערס אַ זון אָדער אַ טאָכטער, כדי יידן זאָלן ניט זאָגן: „פון לחם הפנים שפּייזן זיי זיך." כדי מקיים צו זיין וואָס דער פסוק זאָגט: און איר זאָלט זיין ריין פאַר גאָט און פאַר ישראל; און נאָך זאָגט אַ פּסוק: און געפין חן און גינציקייט אין די אויגן פון גאָט און לייט.

און די אַלע[2] האָבן געהאַט אַן ענטפער אויף די ווערטער [פון די חכמים], אויסער די משפחה קאַמצאַר, וואָס האָבן קיין ענטפער ניט געהאַט. אַז מע האָט זיי געפרעגט: „וואָס איז די סיבה, וואָס איר ווילט עס קיינעם ניט אויס־לערנען?"[3] האָבן זיי קיין ענטפער ניט געגעבן. און דורך דעם וואָס זיי האָבן געזוכט צו פאַרמערן זייער כבוד און צו פאַרמינערן דעם כבוד פונעם איי־בערשטן, איז זייער כבוד פאַרמינערט געוואָרן און דאָס קיניגרייך פון הימל שטייט אויף זיין אָרט; און ניט דאָס אַליין, נייערט ס׳איז ניטאָ פון זיי קיין קינד און קיין אייניקל אין ישראל. וועגן די ערשטע זאָגט מען (משלי י ז): זכר צדיק לברכה, און וועגן די דאָזיקע זאָגט מען (דאָרט): ושם — און דער נאָמען פון רשעים זאָל פאַרפוילט ווערן. פון דעם האָט בן עזאי געזאָגט: פון דיין אייגנס וועט מען דיר געבן,[4] און מיט דיין נאָמען וועט מען דיך רופן, און אויף דיין [פאַרדינט] אָרט וועט מען דיך זעצן, און ס׳איז ניטאָ ביים אייבערשטן קיין פאַרגעסן, און קיין מענטש קאָן ניט אָנרירן דאָס וואָס איז אָנגעבערייט פאַר אַ צווייטן, און איין מלכות קאָן ניט אָנרירן דאָס צווייטע אפילו אויף אַ האָר.

ט

הוגראַס[1] בן לוי האָט געקענט זינגען בעסער פון אַלע זיינע ברידער, און ער האָט עס קיינעם ניט געוואָלט אויסלערנען. מע דערציילט וועגן אים, וועגן הוגראַס בן לוין: ווען ער פלעגט עפענען דאָס מויל צו זינגען, פלעגט ער אַריינשטעקן זיין גראָבן פינגער אין מויל און דעם צווייטן גראָבן פינגער

מעפשת. וכשידעו חכמים בדבר, אמרו: כל שפעל הקב״ה, לא פעל אלא למענו, שנאמר (משלי טז): כל פעל ה׳ למענהו, וחזרו בית גרמו למקומן. שלחו אחריהם, ולא רצו לבא עד שכפלו להם שכרן: י״ב מנה היו נוטלין בכל יום, חזרו והיו נוטלין כ״ד מנה, — כדברי ר׳ מאיר. ר׳ יהודה אומר: בכל יום היו נוטלין כ״ד מנה, ועכשו מ״ח מנה. אמרו להם: „מה ראיתם שלא ללמד?״ אמרו: „יודעים היו בית אבא, שבית המקדש עתיד להחרב, ושמא ילמד אדם שאינו הגון וילך ויעבוד עבודה זרה בכך.״ ובדבר הזה מזכירין אותם לשבח. ולא עוד, אלא שמעולם לא נמצאה פת נקיה ביד בניהם ובנותיהם, שלא יהיו ישראל אומרין: „מלחם הפנים הם נזונים.״ לקיים מה שנאמר: והייתם נקיים מה׳ ומישראל; ואומר: ומצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם.

וכולן מצאו תשובה לדבריהם, חוץ משל בית קמצר, שלא מצאו תשובה. אמרו להם: „מה ראיתם שלא ללמד?״ ולא השיבו תשובה. ועל ידי שבקשו להרבות כבודן ולמעט כבוד המקום, כבודן נתמעט ומלכות שמים במקומה; ולא עוד, אלא שאין להם לא נין ונכד בישראל. על הראשונים נאמר (שם י): זכר צדיק לברכה, ועל אלו נאמר: ושם רשעים ירקב. מכאן אמר בן עזאי: משלך יתנו לך, ובשמך יקראוך, ובמקומך יושיבוך, ואין שכחה לפני המקום, ואין אדם נוגע במוכן לחברו, ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא.

ט

הוגרס בן לוי היה יודע פרק בשיר יותר מאחיו, ולא רצה ללמד. אמרו עליו, על הוגרס בן לוי: בשעה שפותח פיו בשיר, היה נועץ אגודלו בתוך פיו ואגודלו אחר בקרקע, ומכניס אצבעו(ת) בין הנימים ומגביה קולו בנעימה, והיה מוציא כל מיני

---

אין דער ערד, דעם וויזפינגער[2] פלעגט ער שטעלן צווישן די וואָנצעס,[3] און פלעגט אויפהייבן זיין קול מיט געזאַנג, און פלעגט אַרויסלאָזן אַלערליי מינים

---

המקדש (שמות כה, ל). [2] די צווייי און דער ווייטערדיקער הוגראַס (סימן ט), וואָס האָט געגעבן דעם זעלבן ענטפער ווי זיי. [3] בן־קמצר פלעגט נעמען פיר פעדערס צווישן די פינגער און אָנשרייבן מיט איין מאָל אַ וואָרט פון פיר אותיות (בבלי, יומא לח, ב).
[4] איטלעכער ווערט באַצאָלט פון הימל לויט זיינע מעשים.

ט. [1] דער נוסח אין אונדזערע מדרשים איז הוגרם. מיר האָבן אָנגענומען דעם נוסח פון ירושלמי, שקלים, און פון בבלי, יומא, און אַזוי איז עס אויך אין דער מדרש אויסגאַבע

טענער, אַזש זיינע ברידער די לוויים פלעגן אַלע מיט אַ מאָל אָפּשפּרינגען[4] הינטערווייליעכס. — פּינחס „דער אַנטוער" האָט אַ מאָל אָנגעטאָן אַ הויפּטמאַן און האָט באַקומען באַצאָלט.[5]

[דער פּסוק] מי זאת — ווער איז עס וואָס גייט אויף — — — רעדט וועגן אלישבע די טאָכטער פון עמינדב.[1] מע האָט געזאָגט: אלישבע די טאָכ־טער פון עמינדב האָט געזען פינף שמחות אין איין טאָג: זי האָט געזען איר שוואָגער אַ מלך, און איר ברודער אַ נשיא,[2] און איר מאַן אַ כּוהן גדול, און אירע צוויי זין — די צווייטע אין דער כּהונה, און פּינחס איר אייניקל אַ מלחמה געזאַלבטער.[3] ווען אירע זין זיינען אַריין [אין משכּן] מקריב צו זיין [אָן רשות][4] אַזוי זיינען זיי פאַרברענט געוואָרן,[5] און איר שמחה איז פאַר־קערט געוואָרן צו טרויער; גלייך איז זי געוואָרן ווי זיילן רויך.

ווען ר' אלעזר בר' שמעון איז נפטר געוואָרן האָבן זיינע בני־דור גע־לייענט אויף אים: ווער איז עס וואָס גייט אויף פון מדבר — — — מיט אַלערליי ווירצשטויב פונעם הענדלער, — וואָס מיינט דאָ מיט אַלערליי וויר־צשטויב פונעם הענדלער? ווייל ר' אלעזר בר' שמעון איז געווען אַ בקי אין מקרא[6] און אין משנה, אַ מחבר פון קרובות[7] און פּיוטים.

יא

(ז) הנה — אָט איז דאָס בעט פון שלמהן, זעכציק גיבורים אַרום דעם. ר' ביבי האָט פון ר' אלעזרס[1] וועגן באַשיידט דעם פּסוק אויף דער ברכה פון די כּוהנים. הנה מטתו — אָט זיינען זיינע שטאַמען און שבטים,[2] ווי דער פּסוק זאָגט (חבקוק ג, ט): שבועות מטות — די שבועות פון די שבטים;[3] פון שלמהן — פון דעם מלך וואָס דער שלום איז זיינער;[4] זעכציק גיבורים אַרום דעם, דאָס זיינען די זעכציק אותיות פון דער ברכה פון די כּוהנים; פון די גיבורים פון ישראל, וואָרום זיי שטאַרקן ישראל. (ח) כּלם — זיי אַלע אָנגעגורט מיט אַ שווערד, — ר' עזריה האָט געזאָגט: ווערטער וואָס זיינען געבענטשט פון גאָט[5] (במדבר ו, כד—כו): יברכך ה' — גאָט זאָל דיך בענטשן — — — גאָט זאָל דערלייכטן — — — גאָט זאָל אויפהייבן — — — . געלערנטע אין מלחמה, וואָרום זיי פירן מלחמה מיט אַלע מינים אָנשיקע־נישן וואָס זיינען פאַראַן אין דער וועלט; איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיין דיך פון וועגן דער שרעק אין די נעכט, וואָס אפילו אַז אַ מענטש זעט

---

פון בערלין, תרכ"ו (אין תוספתא, יום הכיפורים ב, יח איז דער נוסח הוגדס). [2] לויט יומא לח, ב, וואו עס שטייט אצבעו, אין יחיד. [3] לויט רש"י דאָרט, אַזוי אויך יאַסטראָוו. וואונטשע (דייטשע אויסגאַבע) זעצט איבער: צווישן די סטרונעס. [4] ענדערונג לויט ירושלמי, שקלים ה, א. [5] פאַרגלייך ירושלמי דאָרט: פּינחס דער אַנטוער, וואָס פלעגט אָנטאָן דעם כּוהן זיינע בגדים, און צו באַווייזן די חשיבות פון דער פונקציע, ווערט געבראַכט די מעשה מיטן הויפּטמאַן (דאָרט האָט עס אַ כּוהן געטאָן).

י. [1] אהרנס ווייב. [2] נחשון בן עמינדב, נשיא פון שבט יהודה. [3] זע אויבן ב, כט, באַמ. 5. [4] צוגעגעבן לויט קוהלת רבה ב, ב. [5] ויקרא י, א—ב. [6] תנ"ך. [7] פּיוטים, צוגעגעבן צו די ברכות פון שמונה עשרה אין ימים טובים און באַשטימ־טע שבתים.

זמר, עד שהיו כל אחיו הלויים (נסקרין) [נזקרין] בבת ראש לאחוריהם. — פנחס המלביש אלבש איסטראַטיגא ונסב אגריה.

י

(ו) מי זאת עולה, וגו׳, מדבר באלישבע בת עמינדב. אמרו: אלישבע בת עמינדב ראתה חמש שמחות ביום אחד: ראתה יבמה מלך, ואחיה נשיא, ובעלה כהן גדול, ושני בניה סגני כהונה, ופנחס בן בנה משוח מלחמה. כיון שנכנסו בניה להקריב [שלא ברשות], יצאו שרופין, ונהפכה שמחתה לאבל; מיד נעשית כתימרות עשן.

כד דמך ר׳ אלעזר בר׳ שמעון היה דורו קורא עליו: מי זאת עולה מן המדבר, וגו׳, מכל אבקת רוכל. — מה הוא מכל אבקת רוכל? דהוה ר׳ אלעזר בר׳ שמעון קראוי, ותנויי, וקריבוי, ופייטויי.

יא

(ז) הנה מטתו שלשלמה, ששים גבורים סביב לה. ר׳ ביבי בשם ר׳ אלעזר (בר׳ יוסי) פתר קרייה בברכת כהנים. הנה מטתו, — הנה מטותיו ושבטיו, המד״א (חבקוק ג): שבועות מטות; של־שלמה, — של מלך שהשלום שלו; ששים גבורים סביב לה, אלו ששים אותיות שבברכת כהנים; מגבורי ישראל, שהם מגברין את ישראל. (ח) כלם אחוזי חרב, — א״ר עזריה: דברים מבורכים בגבורה במדבר ו): יברכך ה׳ — — — יאר ה׳ — — — ישא ה׳ — — —. מלומדי מלחמה, שהם נלחמים בכל מיני פורעניות שיש בעולם; איש חרבו על ירכו מפחד בלילות, שאפילו אדם רואה בחלומו חרב מחתכת בירכו, מה יעשה? ילך לבית הכנסת ויקרא קריאת שמע ויתפלל תפלתו וישמע ברכת

---

אין זיין חלום אַ שווערד שניידט זיך איין אין זיין דיך,[6] — וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער גייך אין שול און לייענען קריאת שמע און זאָגן זיין תפילה, און הערן

---

יא. [1] מיר האָבן אַרויסגעלאָזט דעם פאָטערס נאָמען (בר׳ יוסי) לויט במדבר רבה יא, י, און אַזוי איז עס אויך לאָגישער, ווייל ר׳ ביבי, פון צווייטן דור אמוראים, ברענגט אַ מימרא אין זיין נאָמען, מוז עס זיין ר׳ אלעזר בן פדת, פון ערשטן דור אמוראים, און ניט ר׳ אלעזר בן יוסי, וואָס איז געווען אַ תנא אין די טעג פון ר׳ שמעון בן יוחאי (זע מהרז״ו). [2] געלייענט מטתו, מיט אַ פתח אונטער דער מם. [3] געטייטשט לויטן דרש (דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט ווי אַ באַווייז, אַז מטות מיינט שבטים). [4] צוזאַמען מיינט עס: אָט זיינען די שבטים פון גאָט (וואָס די כוהנים דאַרפן בענטשן). [5] גבורה, וואָס איז אָפט אַ באַצייכענונג פאַרן אייבערשטן, אין במדבר רבה, דאָרט, איז דער נוסח: „ווערטער וואָס ביי איטלעכן ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון הקדוש ברוך הוא.״ [6] געמיינט, אַ פנים, צרות וואָס קומען אָן אויף זיינע קינדער וואָס זיינען אַרויס פון זיין דיך (מהרז״ו).

די ברכה פון די כוהנים און ענטפערן נאָך זיי „אמן״, און קיין שום בייז וועט אים ניט שעדיקן. דעריבער וואָרנט דער פסוק די קינדער פון אהרן און זאָגט זיי (דאָרט, כג): כה — אַזוי זאָלט איר בענטשן די קינדער פון ישראל.

## יב

ר׳ שמלאי האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די וואַכן. הנה מטתו — אָט זיינען זיינע שטאַמען און זיינע שבטים, ווי דער פסוק זאָגט: די שבועות פון די שבטים; — שלשלמה — פון דעם מלך וואָס דער שלום איז זיינער; זעכציק גיבורים אַרום דעם, דאָס זיינען די פיר און צוואַנציק כהונה־וואַכן[1] און די פיר און צוואַנציק לוויים־וואַכן[2] און די צוועלף אָפּטיילונגען;[3] פון די גיבורים פון ישראל, ווייל זיי היטן אָפּ ישראל. זיי אַלע אָנגעגורט מיט אַ שווערד, ר׳ זעירא און ר׳ יהודה פון שמואלס וועגן: דאָס זיינען די תלמידי חכמים וואָס לערנען די כוהנים שחיטה, און די דינים פון שפּריצן[4] און פון אויפנעמען[5] און פון אָנהויבן.[6] ר׳ יצחק האָט געזאָגט פון ר׳ אַמיס וועגן: דאָס זיינען די וואָס פלעגן נאָכזוכן מומים ביי הייליקייטן,[7] און זיי פלעגן קריגן זייער לוין פון דער קאַמער־הכנסה.[8]

ר׳ גידל בר בנימין אין נאָמען פון ר׳ יסא:[9] צוויי דיינים [צו משפּטן פאַלן] פון גזלות זיינען געווען אין ירושלים, און זיי פלעגן קריגן זייער לוין פון דער קאַמער־הכנסה. שמואל זאָגט: פרויען וואָס פלעגן וועבן דעם פרוכת פלעגן קריגן זייער לוין פון דער קאַמער־הכנסה; ר׳ הונא האָט געזאָגט: פון דער קאַמער פון בדק־הבית.[10] דער האָט גערעכנט דאָס וועבן דעם פרוכת ווי אַ בוי־אַרבעט,[11] און דער האָט עס פאַררעכנט צווישן די קרבנות.[12]

געלערנטע אין מלחמה, ווארום זיי[13] פלעגן לערנען די כוהנים ווי צו טאָן די עבודה; איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיין דיך, ווארום מע פלעגט זיי וואָרענען בשעת זיי פלעגן שעכטן, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן קיין קרבן צו פיגול,[14] און ניט צו פסלענען אַ קרבן דורך די איבערבלייבן.[15]

## יג

ר׳ יוחנן[1] האָט באַשיידט דעם פסוק אויפן סנהדרין. הנה מטתו — אָט זיינען זיינע שטאַמען און זיינע שבטים, ווי דער פסוק זאָגט: די שבועות פון

יב. [1] דברי הימים א, כד, ז—יח. [2] דאָרט, כה, ט—לא. [3] פונעם פאָלק (דאָרט, כז, ב—טו). [4] דאָס בלוט פונעם קרבן אויפן מזבח, צי אויפן פרוכת. [5] דאָס בלוט. [6] אָנגעמען אַ הויפן פונעם מעל מיטן אייל און ווייערך פון אַ קרבן (ויקרא ב, ב). [7] בהמות געהייליקט פאַרן מזבח, וואָס טאָרן קיין מום ניט האָבן. [8] פון די נדבות וואָס פלעגן אַריינקומען אין בית המקדש אויף קרבנות פאַרן ציבור. [9] מעגלעך, אַז דאָ דאַרף זיין ר׳ אסי, דער בר־פלוגתא פון ר׳ אמין. אין במדבר רבה ווערט אויך די מימרא, ווי די פריערדיקע, געבראַכט אין ר׳ אמיס נאָמען. [10] נדבות וואָס פלעגן געגעבן ווערן אויף צו פאַרריכטן דעם בית המקדש. [11] מחמת דער פרוכת האָט אָפּגעטיילט דעם קדשי קדשים ווי אַ וואַנט. [12] אפשר ווייל מע האָט אום יום כיפור געשפּריצט אויף אים בלוט פונעם קרבן (מהרז״ו). [13] די תלמידי חכמים. [14] אומווערדיקייט. [15] דורך האַלטן די עסבאַרע טיילן איבער דער באַשטימטער צייט.

כהנים ויענה אחריהם „אמן," ואין דבר רע מזיקו. לפיכך מזהיר את בני אהרן ואומר להם (שם): כה תברכו את בני ישראל.

יב

ר' שמלאי פתר קרייה במשמרות. הנה מטתו — הנה מטותיו ושבטיו, המד"א: שבועות מטות; — שלשלמה — של המלך שהשלום שלו; ששים גבורים סביב לה, אלו כ"ד משמרות כהונה וכ"ד משמרות לויה ושתים עשרה מחלקות; מגבורי ישראל, שמשמרין את ישראל. כלם אחוזי חרב, — ר' זעירא ור' יהודה בשם שמואל: אלו תלמידי חכמים שמלמדין לכהנים שחיטה והלכות זריקה וקבלה וקמיצה. ר' יצחק בשם ר' אמי אמר: אלו מבקרי מומי קדשים, ונוטלין שכרן מתרומת הלשכה. — — —

ר' גידל בר בנימין בשם ר' יסא: שני דייני גזלות היו בירושלים, והיו נוטלין שכרן מתרומת הלשכה. שמואל אומר: נשים היו אורגות בפרוכת, ונוטלות שכר מתרומת הלשכה. ר' הונא אמר: מלשכת בדק הבית. הדין עבד לה כבנין, והדין עבד לה כקרבנות.

מלמדי מלחמה, שהיו מלמדין לכהנים היאך יעשו עבודה; איש חרבו, וגו', שהיו מזהירין אותם בעת ששוחטים, שלא יפגל אחד מהזבחים ושלא לפסול אחד מן הקרבנות בנותרות.

יג

ר' יוחנן פתר קרא בסנהדריות. הנה מטתו — מטותיו ושבטיו, כמה דתימר: שבועות מטות; — שלשלמה — למלך שהשלום שלו; ששים גבורים, אלו ששים איש מעם הארץ, הה"ד (מלכים ב, כה): וששים איש מעם הארץ הנמצאים בעיר; — מגבורי ישראל, אלו אחד עשר אנשים, הה"ד (שם): ויקח שר הטבחים את שריה כהן הראש ואת צפניהו כהן משנה, ואת שלשת שומרי הסף; ומן העיר לקח סריס אחד, זה מופלא בית דין, ולמה קורא אותו

די שבטים; שלשלמה — פון דעם מלך וואס דער שלום איז זיינער; זעכציק גיבורים ארום דעם, דאס זיינען די זעכציק מאן פון דעם פאלק פון לאנד, ווי אין פסוק שטייט (מלכים ב, כה, יט) וששים — און זעכציק מאן פון דעם פאלק פון לאנד וואס האבן זיך געפונען אין שטאט; — פון די גיבורים פון ישראל, דאס זיינען די עלף מענער, ווי אין פסוק שטייט (דארט, יח—יט): ויקח — און דער הויפטמאן פון דעם לייב־חיל האט גענומען שריה דעם כוהן גדול און צפניה דעם צווייטן כוהן, און די דריי שוועלהיטערס; און פון דער שטאט האט ער גענומען איין סריס, דאס איז דער מומחה פון בית־דין,

און פֿאַרוואָס רופֿט מען אים סריס? ווייל ער פֿלעגט מסרס זיין דעם דין;[2] און פֿינף מענער פֿון די וואָס פֿלעגן זען דעם מלכס פּנים, האָסטו עלף;[3] איי וואָס דער פּסוק זאָגט (ירמיה נב, כה): זיבן, דאָס איז צוגעגעבן די צוויי סופֿרים[4] פֿון די דיינים, וואָס זיצן פֿאַר זיי;[5] פֿון די גיבורים פֿון ישראל, ווייל זיי באַשענקען ישראל מיט גבורה. זיי אַלע אָנגעגורט מיט אַ שווערד, — ר׳ מאיר און ר׳ יוסי. ר׳ מאיר זאָגט: זיי שאַרפֿן[6] די הלכה ווי אַ שווערד, כדי אַז עס קומט זיי אַ משפּט צו דער האַנט, זאָל זיי דער דין ניט זיין אומקלאָר. ר׳ יוסי זאָגט: בשעתן משפּט זיינען זיי אַלע זיך מתווכח ווי אַרויסצוטראָגן דעם דין און דעם פּסק, און זיי זיינען אין פּחד פֿאַר דער שטראָף פֿון גיהנום.[7] ר׳ מנחם דער אײדעם פֿון ר׳ אלעזר בר אבונא זאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ יעקב בר אבינא: אויב אַן אישה קומט פֿאַר דיר אין בית מדרש דיר פֿרעגן אַ שאלה וועגן אירס אַ [בלוט] פֿלעק און וועגן איר צייט־אויסשייד, זאָלסטו זי באַטראַכטן ווי זי וואָלט אַרויסגעקומען פֿון דיינע דיכן,[8] און זאָלסט אויף איר קיין אויג ניט וואַרפֿן, און זאָלסט האָבן פּחד פֿאַר דער שטראָף פֿון גיהנום.

יד

און די רבנן האָבן באַשיידט דעם פּסוק אויף די וואָס זיינען אַרויס פֿון מצרים. הנה מטתו — אָט זיינען זיינע שטאַמען און שבטים, ווי דער פּסוק זאָגט: די שבועות פֿון די שבטים; שלשלמה — פֿון דעם מלך וואָס דער שלום איז זיינער; זעכציק גיבורים, דאָס זיינען די זעקס מאָל הונדערט טויזנט, וואָס זיינען אַרויס פֿון מצרים אין עלטער פֿון צוואַנציק און העכער; פֿון די גיבורים פֿון ישראל, דאָס זיינען די זעקס מאָל הונדערט טויזנט, וואָס זיינען אַרויס פֿון מצרים אין עלטער פֿון צוואַנציק און אַרונטער. זיי אַלע אָנגעגורט מיט אַ שווערד, געלערנטע אין מלחמה, איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיין דיך, ווייל ווען משה האָט זיי געזאָגט: „אַזוי האָט מיר הקדוש ברוך הוא געזאָגט בקיצור (שמות יב, מח): כל ערל — קיין ניט געמלטער טאָר פֿון דעם [קרבן פּסח] ניט עסן,“ אַזוי גלייך האָט איטלעכער גענומען זיין שווערד צו זיין דיך און זיך אַליין געמלעט.

ווער האָט זיי געמלעט?[1] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: משה האָט געמלעט און אהרן האָט געמאַכט די פּריעה, און יהושע האָט זיי געגעבן טרינקען [דעם

יג. [1] אין במדבר רבה יא, ג, איז די גירסא ר׳ יונתן. [2] מסרס זיין מיינט מאַכן איינעם פֿאַר אַ סריס, דורך אויסשניידן באַשטימטע איברים; דאָ — אַרויסשניידן און אַרויסשיילן דעם דין פֿון די פֿאַרשיידענע מיינונגען און וויכוחים און אים ארויסטראָגן אין זיין פֿולער באַשטימטקייט, — לויט דער גמרא (סנהדרין ז, ב): „צדק את הדין ואחר כך חתכהו,“ מאַך קלאָר דעם דין און נאָך דעם שנייד אים אַרויס (טראָג אים אַרויס).
[3] און צוזאַמען מיט די זעכציק האָסטו איין און זיבעציק, די צאָל חברים פֿון סנהדרין.
[4] שרייבערס, סעקרעטאַרן. [5] און זיי גייען ניט אַריין אין חשבון פֿון איין און זיבעציק.
[6] שוניו, וואָס קאָן מיינען אי לערנען, אי שאַרפֿן; אין במדבר רבה איז דער נוסח בעסער: משננין. [7] לויטן סוף פֿונעם פּסוק: פֿון וועגן דער שרעק אין די נעכט. [8] לויטן פּסוק: איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיין דיך: ווי אַן אייגענע טאָכטער, וועלן אים ניט אויפֿקומען קיין זינדיקע געדאַנקען.

סריס? שמסרס את ההלכה; וחמשה אנשים מרואי פני המלך, הרי אחד עשר; וכשהוא אומר (ירמיה נב): שבעה, להוסיף עליו שני סופרי דיינין שיושבין לפניהם; מגבורי ישראל — מזכין את ישראל בגבורה. כלם אחוזי חרב, — ר׳ מאיר ור׳ יוסי. ר׳ מאיר אומר: שונין הלכה כחרב, שאם בא מעשה על ידיהם, לא תהא הלכה קוהא להם. ר׳ יוסי אומר: בשעת הדין הכל נושאין ונותנין היאך להוציא את הדין ואת המעשה, ומתפחדין מדינה של גיהנם. ר׳ מנחם חתניה דר׳ אלעזר בר אבונא בשם ר׳ יעקב בר אבינא: אם באת אשה לפניך לבית המדרש לשאול לך שאלה על כתמה ועל נדתה, תהא רואה אותה כאילו יצאת מירכיך, ואל תתן עיניך בה ותתפחד מדינה של גיהנם.

יד

ורבנן פתרי קרא ביוצאי מצרים. הנה מטתו — מטותיו ושבטיו, המד״א: שבועות מטות; שלשלמה—למלך שהשלום שלו; ששים גבורים, אלו ששים רבוא שיצאו ממצרים מבן עשרים שנה ולמעלה; מגבורי ישראל, אלו ששים רבוא שיצאו ממצרים מבן עשרים שנה ולמטה. כולם אחוזי חרב, מלומדי מלחמה, איש חרבו על ירכו, שבשעה שאמר להם משה: „כך אמר אלי הקב״ה סינטומוס (שמות יב): וכל ערל לא יאכל בו,״ מיד כל אחד ואחד נטל חרבו על ירכו ומל עצמו.

מי מלן? ר׳ ברכיה אמר: משה היה מוהל ואהרן היה פורע, ויהושע משקה. ויש אומרים: יהושע היה מוהל ואהרן פורע, ומשה משקה. הה״ד (יהושע ה): בעת ההיא אמר ה׳ אל יהושע: עשה לך חרבות צורים ושוב מול את בני ישראל שנית. — ולמה שנית? מכאן שמלן בראשונה. מיד (שם) ויעש לו יהושע חרבות צורים וימל את בני ישראל אל גבעת הערלות. ומהו אל גבעת

---

כוס פון ברכה]. און אַנדערע זאָגן: יהושע האָט געמלעט און אהרן האָט גע־מאַכט די פריעה, און משה האָט זיי געגעבן טרינקען. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יהושע ב, ב): בעת ההיא — אין יענער צייט האָט גאָט געזאָגט צו יהושען: מאַך דיר שטיינערנע מעסערס, און מלע ווידער די קינדער פון ישראל, צום צווייטן מאָל, — פאַרוואָס צום צווייטן מאָל? איז פון דעם גע־דרונגען, אַז ער האָט זיי מלע געווען ביים ערשטן מאָל. גלייך (פסוק ג): ויעש לו — האָט זיך יהושע געמאַכט שטיינערנע מעסערס, און האָט געמלעט די קינדער פון ישראל ביי גבעת הערלות. וואָס מיינט ביי גבעת הערלות?

ר׳ לוי האָט געזאָגט: פון דעם איז געדרונגען, אַז זיי האָבן געמאַכט דאָס בערגל[2] פון די ערלות.[3]

מיר האָבן געלערנט:[4] כל־זמן אַ מענטש זינדיקט ניט, גיט מען אים [פון הימל] שרעק און מורא, און מענטשן האָבן פחד פאַר אים; ווי באַר ער זינדיקט, אַזוי וואַרפט מען אַן אויף אים שרעק און מורא, און ער באַקומט פחד פאַר אַנדערע. אַ ראיה האָסטו פון דעם וואָס רבי האָט געזאָגט: כל־זמן אדם הראשון האָט ניט געזינדיקט, פלעגט ער הערן דאָס קול פון [גאָטס] וואָרט שטייענדיק אויף זיינע פיס, און פלעגט ניט מורא האָבן; ווי באַר ער האָט געזינדיקט, איז ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס קול פונעם וואָרט, אַזוי האָט ער מורא געקראָגן און האָט זיך באַהאַלטן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, י): את קולך — דיין קול האָב איך געהערט אין גאָרטן און איך האָב מורא געקראָגן; [און פריער שטייט] (פסוק ח): און דער מענטש — — — האָט זיך באַהאַלטן. ר׳ איבו האָט געזאָגט: דענסטמאָל איז אדמס הייך געמינערט געוואָרן, און געוואָרן [ניט מער ווי] הונדערט איילן. ר׳ לוי האָט געזאָגט: כל־זמן אדם הראשון האָט ניט געזינדיקט, פלעגט ער הערן דאָס קול אין זיין מילדקייט;[5] אָבער ווי ער האָט געזינדיקט, אַזוי האָט ער געהערט דאָס קול אין זיין ווילדקייט.

כל־זמן ישראל האָט ניט געזינדיקט, פלעגן זיי זען זיבן מחיצות פון פייער שפּאַרן איינס אויף ס׳אַנדערע, און זיי האָבן קיין מורא ניט געהאַט, ניט געציטערט און ניט געהאַט קיין פחד; אָבער ווי זיי האָבן געזינדיקט,[6] אַזוי האָבן זיי אפילו אין פּנים פונעם פאַרמיטלער ניט געקענט קוקן; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות לד, לה): כי קרן — אַז ס׳האָט געשטראַלט די הויט פון משהס פּנים, און פאַר דעם שטייט (פסוק ל): וייראו — און זיי האָבן מורא געהאַט צו גענענען צו אים. ר׳ פינחס און ר׳ אבון האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חנין: אויך דער פאַרמיטלער האָט דערפילט מיט זיי יענע עבירה.[7] כל־זמן ישראל האָט ניט געזינדיקט — וואָס שטייט געשריבן? (תהלים סח, יג): מלכי — די מלאכים[8] פון די מחנות פירן און פירן,[9] און ר׳ אייבו האָט געזאָגט: דאָ שטייט ניט „מלאכי צבאות,“ מלאכים פון מחנות, נייערט מלכי צבאות, די מלכים פון מלאכים; ווער זיינען זיי? דאָס זיינען מיכאל און גבריאל, און זיי האָבן ניט געקענט קוקן אין משהס פּנים;[10] אָבער ווי נאָר זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי האָט משה ניט געקענט קוקן אפילו אין פּנים פון די קלענסטע פון זיי.[11] דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברים ט, יט): כי — וואָרום איך האָב זיך געשראָקן פאַר אַף און חמה.[12]

כל־זמן ס׳האָט ניט געטראָפן מיט דודן יענע מעשה,[13] שטייט געשריבן (תהלים כז, א): ה׳ — גאָט איז מיין ליכט און מיין הילף, פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן? נאָך דעם ווי ס׳האָט געטראָפן מיט אים, שטייט (שמואל ב, יז, ב): ואבא — און איך וועל קומען אויף אים, און ער איז מיד און אָפּהענטיק.

כל־זמן שלמה האָט ניט געזינדיקט, פלעגט ער הערשן איבער די שדים און שדיכעס;[14] דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (קהלת ב, ח): עשיתי לי —

הערלות? א״ר לוי: מכאן שעשו אותה גבעה בערלה.

תני: עד שלא יחטא אדם נותנין לו אימה ויראה, והבריות מתפחדין ממנו; כיון שהוא חוטא, נותנין עליו אימה ויראה, ומתפחד הוא מאחרים. תדע לך, שכן אמר רבי: עד שלא חטא אדם הראשון, היה שומע קול הדיבור עומד על רגליו, ולא היה מתירא; כיון שחטא, כששמע קול הדיבור נתיירא ונתחבא, שנאמר (בראשית ג): את קולך שמעתי בגן ואירא; (שם) ויתחבא האדם. ר׳ איבו אמר: באותה שעה נגרע גובה קומתו של אדם, ונעשית של מאה אמה. ר׳ לוי אמר: עד שלא חטא אדם הראשון, היה שומע את הקול אדיבון; וכיון שחטא, היה שומע את הקול אגריון.

עד שלא חטאו ישראל רואין [שבע מחיצות של אש] טוכסות זו את זו, ולא היו מתיראין ומזדעזעין ונפחדין; וכיון שחטאו, אפילו פני הסרסור לא היו יכולין להסתכל; הה״ד (שמות לד): כי קרן עור משה, וכתיב (שם): וייראו מגשת אליו. ר׳ פנחס ור׳ אבון בשם ר׳ חנין אמרו: אף הסרסור הרגיש עמהם באותה העבירה. עד שלא חטא ישראל מה כתיב? (תהלים סח): מלכי צבאות ידודון, ידודון, — ר׳ איבו אמר: „מלאכי צבאות" אין כתיב, אלא מלכי צבאות, מלכיהון דמלאכיא; איזה זה? זה מיכאל וגבריאל לא היו יכולין להסתכל פניו של משה; וכיון שחטאו, אפילו פניהם של גוליירין לא היה יכול משה להסתכל; הה״ד (דברים ט): כי יגרתי מפני האף והחמה.

עד שלא אירע לדוד אותו המעשה, כתיב (תהלים כז): ה׳ אורי וישעי, ממי אירא? משאירע בו כתיב (שמואל ב, יז): ואבא עליו, והוא יגע ורפה ידים.

עד שלא חטא שלמה, היה רודה (בשירים ושרות) [בשדים ושידות]; הה״ד (קהלת ב): עשיתי לי שרים ושרות, זכרים

---

יד. [1] זע אויבן, א, נז, באַמ. 6. [2] גבעה. [3] פאַרהויטן. [4] אויך אין שייכות מיט אונדזער פסוק: פון וועגן דער שרעק אין די נעכט. [5] יאַסטראָוו לייענט אַנשטאָט אדיבון — אימירון, געצוימט, ווי אויבן (ג, ו), — ס׳איז אָבער ניט נייטיק. [6] מיטן גאָלדענעם קאַלב. [7] באַווירקט געוואָרן דורך איר. [8] לויט אַ דרש אין גמרא (שבת פח, ב). [9] לויטן דרש, וואָס לייענט ידדון מיט אַ פתח אונטער דער ערשטער דלת: מלאכים האָבן געפירט ישראל פון באַרג סיני און צוריק צום באַרג סיני (זע קהלת רבה, דונסקי, זייט 401, באַמ. 4). [10] האָבן מורא געהאַט פאַר אים (פאַרגלייך שבת דאָרט, וואו ס׳ווערט דערציילט, אַז משה האָט באַזיגט די מלאכים אין זיין וויכוח מיט זיי). [11] ווערטערלעך: פשוטע זעלנער.

איך האָב מיר איינגעשאַפּט זינגערס און זינגערינס, זינגערס זכרים און זינ־גערינס נקבות, און די פאַרגעניגנס פון מענטשנקינדער, בעדער, שדה ושדות, שדים און שדיכעס וואָס פלעגן זיי באַהייצן.[15] אָבער ווי נאָר ער האָט גע־זינדיקט, אַזוי האָט ער זיך באַשטימט זעכציק גיבורים פון די גיבורים פון ישראל און האָט זיי געשטעלט אַפּצוהיטן זיין בעט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: אָט איז דאָס בעט פון שלמהן — — — זיי אַלע אָנגעגורט מיט אַ שווערד, וואָרום ער האָט געהאַט פחד פאַר די רוחות.

טו

(ט) אפריון — אַ טראַגבעט האָט זיך געמאַכט [דער מלך שלמה]. ר׳ עזריה האָט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ סימון באַשיידט דעם פסוק אויפן משכן. אַ טראַגבעט, דאָס איז דער משכן. ר׳ יהודה בר׳ אלעאי האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ יונגע טאָכטער. כל־זמן זי איז ניט אויסגעוואַקסן און ניט באַוויזן קיין סימנים [פון ווייבלעכקייט], פלעגט ער זיך זען מיט איר אין גאַס און רעדן מיט איר בפרהסיא,[1] אין אַ געסל, אָדער אין הויף. ווען זי איז אויסגעוואַקסן און באַוויזן סימנים, האָט דער מלך געזאָגט: „ס׳איז ניט קיין כבוד פאַר מיין טאָכטער, איך זאָל רעדן מיט איר בפרהסיא; נייערט מאַכט איר אַ געצעלט, און אַז איך וועל דאַרפן רעדן מיט איר, וועל איך רעדן מיט איר אין געצעלט.״ אַזוי שטייט אין פסוק (הושע יא, א): כי — ווען ישראל איז געווען יונג, האָב איך אים ליב געהאַט: אין מצרים האָבן זיי אים געזען בפרהסיא, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, כג): ועבר ה׳ — און גאָט וועט דורכגיין צו פּלאָגן מצרים; ביים ים האָבן זיי אים געזען בפרהסיא, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט יד, לא): וירא ישראל — און ישראל האָט געזען די גרויסע גבורה; און דאָס קליינוואַרג האָט געוויזן אויף אים מיט אַ פינגער און געזאָגט (דאָרט טו, ב): זה — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען; ביים סיני האָבן זיי אים געזען פנים אל פנים, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, ב): ה׳ — גאָט איז פון סיני געקומען — — —. אָבער ווען ישראל איז געשטאַנען ביים באַרג סיני און מקבל געווען די תורה און געזאָגט (שמות כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט װעלן מיר טאָן און געהאָרכן, זיינען זיי אים געוואָרן אַ פולשטענדיקע אומה. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ס׳איז ניט קיין כבוד פאַר מיינע קינדער, איך זאָל רעדן מיט זיי בפרהסיא; נייערט זאָלן זיי מיר מאַכן אַ משכן, און ווען איך וועל דאַרפן רעדן מיט זיי, וועל איך רעדן מיט זיי פון משכן.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (במדבר ז, פט): ובבא משה — און ווען משה פלעגט אַריינקומען אין אוהל מועד צו רעדן מיט אים. — האָט זיך געמאַכט דער מלך שלמה, דער מלך וואָס דער שלום איז זיינער; — פון די ביימער פון לבנון, דאָס איז

---

[12] כעס און גרימצאָרן, לויטן דרש — נעמען פון צוויי מלאכים. [13] זיין זינד מיט בת שבען (שמואל ב, יא). [14] די ענדערונג אין טעקסט איז געמאַכט לויטן אינהאַלט פונעם ווייטערדיקן דרש, און אַזוי איז עס אין ילקוט תהילים, תשצה. [15] זע קהלת רבה, דונסקי, זייט 106, באַמ. 4.

**משוררים ונקבות משוררות**, ותענוגות בני האדם, **פריבטייה,** שדה ושדות, **שידה ושידתה דהוו אזיין בהון. כיון שחטא, מינה לו ששים גבורים מגבורי ישראל והעמידן לשמור את מטתו; הה"ד:** הנה מטתו, **וגו'**, כלם אחוזי חרב, **שהיה מתפחד מן הרוחות.**

טו

(טו) אפריון עשה לו. **ר' עזריה בשם ר' יהודה בר' סימון פתר** קרייה במשכן. אפריון זה משכן. **א"ר יהודה בר' אלעאי: למלך שהיתה לו בת קטנה. עד שלא הגדילה ובאת לידי סימנים, היה רואה אותה בשוק ומדבר עמה בפרהסיא במבוי ובחצר. כיון שהגדילה ובאת לידי סימנין, אמר המלך: „אין שבחה של בתי שאהא מדבר עמה בפרהסיא; אלא עשו לה פפיליון, וכשאהיה צריך לדבר עמה, אדבר עמה מתוך הפפיליון." כך כתיב** (הושע יא): כי נער ישראל ואהבהו: **במצרים ראו אותו בפרהסיא, שנאמר** (שמות יב): ועבר ה' לנגוף את מצרים; **בים ראו אותו בפרהסיא, שנאמר** (שם יד) וירא ישראל את היד הגדולה; **והיו העוללים מראים אותו באצבען ואומרים** (שם טו): זה אלי ואנוהו; **בסיני ראו אותו פנים בפנים, שנאמר** (דברים לג): ויאמר: ה' מסיני בא, **וגו'. כיון שעמדו ישראל על הר סיני וקבלו את התורה ואמרו** (שמות כד): כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, **נעשו לו אומה שלמה. אמר הקב"ה: „אין שבחן של בני שאהיה מדבר עמם בפרהסיא; אלא יעשו לי משכן, וכשאני צריך לדבר עמהם, אהיה מדבר עמהם מתוך המשכן." הה"ד** (במדבר ז): ובבא משה אל אהל מועד לדבר אתו. — עשה לו המלך שלמה, **המלך שהשלום שלו; מעצי הלבנון, המד"א** (שמות כו): ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עומדים.

(י) עמודיו עשה כסף, **אלו העמודים, שנאמר** (שם כז): ווי העמודים וחשוקיהם כסף; — רפידתו זהב, **שנאמר** (שם כו): ואת הקרשים תצפה זהב; — מרכבו ארגמן, **שנאמר** (שם): ועשית

---

**ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כו, טו): ועשית — און דו זאָלסט מאַכן די ברעטער פאַרן משכן פון שיטים־האָלץ[2], שטייענדיק.

(י) עמודיו — זײַנע זײַלן האָט ער געמאַכט פון זילבער, **דאָס זײַנען די זײַלן** [פון משכן], **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כז, י): ווי — די העקלעך פון די זײַלן און זייערע גורטבענדער פון זילבער; — רפידתו — זײַן אויסבעט פון גאָלד, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כו, כט): ואת הקרשים — **און די ברע־**

טער זאָלסטו באַדעקן מיט גאָלד; — מרכבו — זיין זיץ פון פורפל, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק לא): ועשית — און דו זאָלסט מאַכן אַ פרוכת פון בלויוואָל און פורפל; — תוכו — זיין אינעווייניק איז אויסגעשפרייט מיט ליבשאַפט, — ר׳ יודן **האָט געזאָגט: דאָס איז דער זכות פון דער תורה און דער זכות פון די צדיקים וואָס פאַרנעמען זיך מיט איר; ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יודה** [און ר׳ יודה] **אין נאָמען פון ר׳ סימון: דאָס איז די שכינה.**

איין **פסוק זאָגט** (מלכים א, ח, יא) ולא יכלו — און די כוהנים האָבן ניט געקענט זיך שטעלן טאָן דאָס דינסט — — — [וואָרום די פראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז פון גאָט], **און איין פסוק זאָגט** (מלכים א, ח, כז): הן השמים — אויב די הימלען און די הימלען פון די הימלען קאָנען דיך ניט אַריינעמען.[3] **ווי קען מען אויסגלייכן די צוויי פסוקים? [אויף דעם] האָט ר׳ יהושע פון סיכנין געזאָגט: צו וואָס איז דער אוהל מועד געווען געגליכן? צו אַ הייל וואָס איז געווען נאָענט צום ים. האָט דער ים זיך צעשטורעמט און פאַרפלייצט די הייל; איז די הייל אָנגעפילט געוואָרן, אָבער פון ים האָט גאָרניט ניט געפעלט. אַזוי איז דער אהל מועד**[4] **אָנגעפילט געוואָרן מיטן ליכט פון דער שכינה, און אויף דער וועלט האָט פון דער שכינה גאָרניט ניט געפעלט. פון ווען האָט די שכינה גערוט אויף דער וועלט? אין דעם טאָג ווען דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט** (במדבר ז, א): ויהי — און ס׳איז געווען אין דעם טאָג, ווען משה האָט פאַרענדיקט [אויפצושטעלן דעם משכן, און ווייטער שטייט (שמות מ, לג—לד): ויכל משה — און משה האָט געענדיקט די אַרבעט — — — און די פראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם משכן.][5]

טז

**ר׳ יודה בר׳ אלעאי האָט באַשיידט דעם פסוק אויפן ארון. אפריון, דאָס איז דער ארון; און וואָס מיינט [דאָס וואָרט] אפריון? אַ טראָגבעטל.**[1] **ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ בת־יחידה, שיין און צניעותדיק און אויסגעליבט. האָט דער מלך געזאָגט צו זיינע קנעכט: „מיין טאָכטער איז שיין און צניעותדיק און אויסגעליבט, און איר מאַכט איר ניט קיין טראָג־בעטל? מאַכט איר אַ טראָגבעטל, און זאָל זיך מיין טאָכטערס שיינקייט בעסער אַרויסזען פון טראָגבעטל.״ אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „מיין תורה איז שיין און צניעותדיק און אויסגעליבט, און איר מאַכט ניט פאַר איר קיין ארון? זאָל זיך בעסער די שיינקייט פון מיין תורה אַרויסזען פון דעם ארון.״** האָט זיך געמאַכט דער מלך שלמה, **דער מלך וואָס דער שלום איז זיינער;** פון דיביימער פון לבנון, **ווי דער פסוק זאָגט** (שמות לז, א) — ויעש בצלאל — און בצלאל האָט געמאַכט דעם ארון פון שיטים־האָלץ. — עמודיו — זיינע זיילן האָט ער געמאַכט פון זילבעו, **דאָס זיינען די צוויי זיילן וואָס זיינען געשטאַנען אינעווייניק,**[2] **וואָס זיינען געווען פון זילבער;** זיין אויסבעט פון גאָלד, **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, פסוק ב): ויצפהו — און ער האָט אים באַדעקט מיט

פרכת תכלת וארגמן; — תוכו רצוף אהבה, — ר׳ יודן אמר: זו זכות תורה וזכות צדיקים שעוסקין בה; ר׳ עזריה בשם ר׳ יודה בשם ר׳ סימון אמר: זו השכינה.

כתוב אחד אומר (מלכים א, ח): ולא יכלו הכהנים לעמוד לשרת, וגו׳, [כי מלא כבוד ה׳ את בית ה׳], וכתוב אחד אומר (יחזקאל י): והחצר מלאה את נוגה כבוד ה׳) [(מלכים א, ח): הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך], — כיצד יתקיימו שני כתובים? ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי: למה היה אהל מועד דומה? למערה שהיתה סמוכה לים. געש הים והציף את המערה; המערה נתמלאה, והים לא נחסר כלום. כך אהל מועד נתמלא מזיו השכינה, והעולם לא חסר מן השכינה. אימתי שרתה שכינה בעולם? ביום שהוקם את המשכן, שנאמר (במדבר ז): ויהי ביום כלות משה, וגו׳; [(שמות מ) ויכל משה את המלאכה — — — וכבוד ה׳ מלא את המשכן].

## טז

ר׳ יודה בר׳ אלעאי פתר קרא בארון. אפריון, זה הארון; ומה הוא אפריון? פוריומא. משל למלך שהיתה לו בת יחידה נאה וחסידה ומשובחת. אמר להם המלך לעבדיו: „בתי נאה וחסידה ומשובחת, ואין אתם עושין לה פוריום? עשו לה פוריום, ומוטב שיראה יופיה של בתי מתוך הפוריום.״ כך אמר הקב״ה: „תורתי נאה וחסידה ומשובחת, ואין אתם עושים לה ארון? מוטב שיראה יופיה של תורתי מתוך הארון.״ עשה לו המלך שלמה, המלך שהשלום שלו; מעצי הלבנון, המד״א (שם לז): ויעש בצלאל את הארון עצי שיטים. —עמודיו עשה כסף, אלו שני העמודים לפנים, שהיו של כסף; רפידתו זהב, שנאמר (שם): ויצפהו זהב טהור; —

טו. [1] אָפּן, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן. [2] וואָס וואַקסט אויפֿן לבנון. [3] אַנשטאָט דעם פּסוק פֿון יחזקאל, וואָס געפֿינט זיך אין די געדרוקטע טעקסטן, האָבן מיר זיך באַנוצט מיט דער גירסא פֿון פּסיקתא רבתי (ה, ז) און געשטעלט דעם פּסוק פֿון מלכים, וואָס פּאַסט זיך בעסער צום ווייטערדיקן משל. אין תנחומא ויקהל, ז, און אין ילקוט מלכים, קפּט ווערט אַנשטאָט דעם געבראַכט אַן ענלעכער פּסוק פֿון ירמיה (כג, כד). [4] די פּסוקים רעדן טאַקע וועגן בית המקדש, אָבער דאָס זעלבע איז אויך פּאַרגעקומען אין משכן, ווי אין פּסוק ווייטער (זע מהרז״ו). [5] צוגעגעבן לויטן אות אמת, — דער פּסוק פֿון במדבר אַליין דערקלערט דאָ גאָרניט. באַבער (פּסיקתא דרב כהנא, א) האָט געהאַט פֿאַר זיך אַזאַ נוסח אין דער פּסיקתא רבתי (ה,ז); אין דער אויסגאַבע פֿון „מנורה״, ניו יאָרק, איז דער נוסח ווי אין אונדזערע מדרשים.

טז. [1] און אין מדבר פֿלעגט דער ארון געטראָגן ווערן פֿאַר די שטאַנגען ווי אַ טראָגבעטל. [2] צווישן די לוחות און דער ספר תורה (זע בבא בתרא יד, א).

ריין גאָלד; — זיין זיץ פון פורפל, — ר׳ תנחומא זאָגט: דאָס איז דער פּרוכת וואָס איז נעבן דעם; ר׳ ביבי האָט געזאָגט: דאָס איז דערכּפּורת, וואָס זיין גאָלד האָט אויסגעזען ווי פורפל. זיין אינעווייניק איז אויסגעשפּרייט מיט ליבשאַפט פון די טעכטער פון ירושלים, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: דאָס איז דער זכות פון דער תורה און פון די וואָס לערנען זי; ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יודה [און ר׳ יודה] אין נאָמען פון ר׳ סימון: דאָס איז די שכינה.

ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: (דאָרט כה, כב): ונועדתי — און איך וועל זיך דאָרטן טרעפן מיט דיר — — — [דער פּסוק קומט] דיך צו לערנען, אַז אפילו דאָס אָרט הינטערן כפּורת איז ניט געווען פריי פון דער שכינה. — איינער אַ געצנדינער האָט געפרעגט ר׳ יהושע בן קרחהן, אַזוי צו זאָגן: „פאַרוואָס האָט הקדוש ברוך הוא גערעדט מיט משהן פונעם דאָרנבוים, און ניט פון קיין אַנדער בוים?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָלט ער גערעדט מיט אים פון אַ באָקסערבוים אָדער פון אַ ווילד־פייגנבוים, וואָלסטו עס מיר אויך געפרעגט; איז וואָלט איך דיר געדאַרפט ענטפערן? איצט אָבער [אַז דו האָסט מיך פאַרט געפרעגט], קאָן איך דיך ניט אַרויסלאָזן מיט גאָרניט, — [דער פּסוק קומט] דיך צו לערנען, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אָרט פריי פון דער שכינה, אַז אַפילו פון דעם דאָרנבוים האָט ער גערעדט מיט אים.״

## יז

אַן אַנדער פּשט: אפּריון, דאָס איז דער בית המקדש; האָט זיך געמאַכט דער מלך שלמה, טאַקע שלמה אַליין; פון די ביימער פון לבנון, ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, ב, טו): ואנחנו — און מיר וועלן שניידן ביימער פון לבנון. — זיינע זיילן האָט ער געמאַכט פון זילבער, ווי דער פּסוק זאָגט (מלכים א, ז, כא): ויקם — און ער האָט אויפגעשטעלט די זיילן ביי דער פאָדערשטוב פון היכל.[1] זיין אויסבעט איז פון גאָלד, ווי מיר האָבן געלערנט,[2] אַז דער גאַנצער בנין איז געווען באַדעקט מיט גאָלד, חוץ די הינטערזייט פון די טירן. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: די דאָזיקע משנה וואָס מיר האָבן געלערנט איז וועגן דעם בנין פון צווייטן בית המקדש; אָבער אין בנין פון ערשטן בית המקדש איז אפילו די הינטערזייט פון די טירן געווען איבערגעצויגן מיט גאָלד.

מיר האָבן געלערנט:[3] זיבן מינים גאָלד זיינען געווען אין בית המקדש: גוט גאָלד, ריין גאָלד, געשלאָסן גאָלד, אויסגעקלאַפּט גאָלד, מופּז־גאָלד, געלייטערט גאָלד, פּרווים־גאָלד. ׳גוט גאָלד׳, פּראָסט־פּשוט, ווי דער פּסוק זאָגט (בראשית ב, יב): וזהב — און דאָס גאָלד פון יענעם לאַנד איז גוט. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: ס׳איז גוט ווען ס׳איז אין הויז, ס׳איז גוט ווען ס׳איז אַ באַגלייטער.[4] ׳ריין גאָלד׳, וואָס אַז מע פלעגט עס אַריינלייגן אין טיגל, פלעגט גאָרניט ניט פעלן פון דעם.[5] ר׳ יודה אין נאָמען פון ר׳ אמין: טויזנט מאָל האָט שלמה געלאָזט אַריינלייגן טויזנט צענטנער גאָלד אין אַ טיגל, ביז ס׳איז געבליבן פון דעם איין צענטנער.[6] — אָבער מיר האָבן דאָך געלערנט: ר׳ יוסי בר׳ יהודה האָט געזאָגט: מע דערציילט, אַז די מנורה פון בית המקדש האָט געוואויגן מיט אַ גאָרדיאַנישן [דינאַר][7] מער ווי די מנורה פון מדבר;[8]

מרכבו ארגמן, — ר׳ תנחומא אומר: זו פרכת הסמוכה לה; ר׳ ביבי אמר: זה הכפרת, שזהבה דומה לארגמן. תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים, — ר׳ יודן אמר: זו זכות תורה ולומדיה; ר׳ עזריה אמר בשם ר׳ יודה בשם ר׳ סימון: זו השכינה.

א״ר אבא בר כהנא (שם כה): ונועדתי לך שם, וגו׳, ללמדך, שאפילו מה שאחורי הכפרת לא היה פנוי מן השכינה. — עובד כוכבים אחד שאל לר׳ יהושע בן קרחה, אמר לו: „למה דבר הקב״ה מתוך הסנה ולא מאילן אחר? א״ל: „אלו דבר עמו מתוך חרוב או מתוך שקמה, היית שואלני, והייתי משיבך? עכשו להוציאך חלק אי אפשר, — ללמדך, שאין מקום פנוי בארץ מהשכינה, שאפילו בתוך הסנה היה מדבר עמו.״

יז

ד״א: אפריון, זה בית המקדש; עשה לו המלך שלמה, שלמה ודאי; מעצי הלבנון, שנאמר (דברי הימים ב, ב): ואנחנו נכרת עצים מן הלבנון. — עמודיו עשה כסף, שנאמר (מלכים א, ז): ויקם את העמודים לאולם ההיכל: — רפידתו זהב, כההוא דתנינן, שכל הבית נטוח בזהב, חוץ מאחורי הדלתות. א״ר יצחק: הדא מתניתא דתנינן — לבנין השני; אבל לבנין הראשון אפילו אחורי הדלתות היה מחופה בזהב.

תנינן: שבעה מיני זהבים הם שהיו בו: זהב טוב, זהב טהור, זהב סגור, זהב שחוט, זהב מופז, זהב מזוקק, זהב פרוים. ׳זהב טוב׳ כמשמעו, המד״א (בראשית ב): וזהב הארץ ההיא טוב. א״ר יצחק: טובוי דהוא בביתא, טובוי דהוא (בת) בלווייתיה. ׳זהב טהור׳, שהיו מכניסין אותו לכור, ואינו חסר כלום. ר׳ יודה בשם ר׳ אמי: אלף ככרים של זהב הכניס שלמה לאור אלף פעמים, עד שהעמידו על ככר אחד. — והא תני: א״ר יוסי בר׳ יהודה: מעשה במנורת המקדש שהיתה יתרה על מנורת המדבר משקל גורדינון; הכניסוה לאור שמונים פעמים, עד שחסרה! אלא מן

---

האָט מען זי אַריינגעטאָן אין פייער אַכציק מאָל, ביז זי איז געוואָרן ווייני־

---

יז. [1] אין במדבר רבה (יב, ד) פרעגט זיך: זיינען ניט די זיילן געווען פון קופער? דער ענטפער איז, אַז דער קופער איז געווען אַזוי געשליפן, אַז ער האָט אויסגעקוקט ווי זילבער. [2] משנה, מידות ד, א. [3] יומא מד, ב; במדבר רבה, דאָרט; שמות רבה לה, ב. [4] ס׳איז גוט צו האָבן דאָס גאָלד מיט זיך ווען מע איז אין וועג. (ענדערונג לויט במדבר רבה). [5] אַזוי ריין איז עס געווען. [6] און דאָס איז געווען דאָס ריינע גאָלד. [7] אַ דינאַר

קערן ניירט, צוערשט פלעגט פון דעם פעלן אַ סך; אָבער נאָך דעם און ווייטער פלעגט [ביים לייטערן עס] ניט פעלן פון דעם, ניירט אַ קליין ביסל. 'אויסגעקלאַפט גאָלד', וואָס האָט זיך געצויגן ווי וואַקס. אדריאַנוס האָט געהאַט [פון דעם] די וואָג פון אַן איי; דאָקליטיאַנוס האָט געהאַט די וואָג פון אַ גאָרדיאַנישן דינאַר; דאָס איצטיקע מלכות[9א] האָט גאָרניט פון דעם און האָט עס קיין מאָל ניט געהאַט. 'געשלאָסן גאָלד', ווייל עס פלעגט פאַרשליסן אַלע גאָלדשמידן.[10] — אָבער אין פסוק שטייט דאָך (דברי הימים א, כט, ד): ושבעת — און זיבן טויזנט צענטנער געלייטערט זילבער אויף צו באַדעקן די ווענט פון די בנינים, — איז עס דען געווען זילבער? — ס'איז דאָך גאָר געווען גאָלד, טאָ פאַרוואָס רופט מען עס זילבער? — ווייל עס פלעגט פאַרשעמען[11] אַלע גאָלדשמידן, און פון דעם זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע כלים: די בעקנס, און די טעפּ, און די שופלען, און די שנייצמעסערס, און די שפּרענגבעקנס, און די גאָפּלען, און די לעפלען, און די פייערפאַנען און די פּותות, — ר' יצחק פון מגדלא האָט געזאָגט: דאָס זיינען די אַנגלען;[12] ר' סימא האָט געזאָגט: דאָס איז דאָס שיסעלע אונטער דער זאַוויעסע.[13] דאָס לערנט דיך, אַז אין בית המקדש האָט אפילו די קלענסטע זאַך ניט געפעלט. 'מופז־גאָלד', — ר' פּאַטריקי דער ברודער פון ר' דרוסא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אבא בר' בונא: ס'האָט אויסגעזען ווי דאָס שוועבל ווען ס'ווערט אָנגעצונדן[14] אין פייער; ר' אבון האָט געזאָגט: עס ווערט אַזוי גערופן אויפן נאָמען פון זיין לאַנד, [לייען] מאופז, פון אופז.[15] 'געלייטערט גאָלד', [וועגן דעם] זיינען מחולק די ישיבה פון ר' ינאי און די ישיבה פון ר' יודן בר' שמעון. אין דער ישיבה פון ר' ינאי האָט מען געזאָגט, אַז מע פלעגט עס צעשניידן ווי [די גריס פון] איילבירטן און געבן עסן די שטרויספייגל, און ס'פלעגט אַרויסקומען געלייטערט. אין דער ישיבה פון ר' יודן בר' שמעון האָט מען געזאָגט, אַז מע פלעגט עס באַהאַלטן אין מיסט אויף זיבן יאָר, און ס'פלעגט אַרויסקומען געלייטערט. 'פּרווים־גאָלד', — ריש לקיש האָט געזאָגט: רויט, ווי דאָס בלוט פון אַן אָקס;[16] און אַנדערע זאָגן: ווייל עס פלעגט אַרויסגעבן פרוכט,[16א] וואָרום ווען שלמה האָט געבויט דעם בית המקדש, האָט ער געלאָזט אויסמאָלן אין דעם [גאָלד] אַלע מיניםביימער, און בשעת די ביימער אין פעלד פלעגן אַרויסגעבן פרוכט, פלעגן די, וואָס אין בית המקדש אויך אַרויסגעבן פרוכט; און אַז זייער פרוכט פלעגט אַראָפּפאַלן, פלעגט מען עס אויפקלייבן און אָפּלייגן [די הכנסה] אויף צו פאַררי‌כטן דעם בית המקדש. און ווען מנשה האָט אַריינגעשטעלט אַ געצנבילד אין היכל,[17] זיינען די אַלע ביימער פאַרטריקנט געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (נחום א, ד): ופרח — און די בליאונג פון לבנון[18] ווערט פאַרוועלקט. אָבער לעתיד לבוא וועט הקדוש ברוך הוא זיי צוריקברענגען [צו בליאונג], ווי אין פסוק שטייט (ישעיה לה, ב): פרח — בליען וועט זי טאָן בליען און זיך פרייען, יאָ, מיט פרייד און געזאַנג.

זיין זיץ איז פורפל, דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים ב, ג, יד): ויעש — און ער האָט געמאַכט דעם פרוכת פון בלויוואָל, און פורפל, און

קדמיי הות חסרה סגין; ברם מן הכא ולהלן לא הות חסרה אלא צבחר-צבחר. 'זהב שחוט', שנמשך כשעוה. אדריינוס היה לו משקל ביצה, דוקליטיאנוס היה לו משקל דינר גורדייני: הדא מלכותא לית לה מיניה ולא הוה לה מיניה. 'זהב סגור', שהיה סוגר בעד כל בעלי זהבים. — והא כתיב (דברי הימים א, כט): ושבעת אלפים ככר כסף מזוקק לטוח קירות הבתים, — וכי כסף היה? והלא זהב היה, ולמה קורין אותו כסף? שהיה מכסיף בעד כל בעלי זהבים, וממנו היו נעשים כל הכלים: הסיפים, והסירות, והיעים, והמזמרות, והמזרקות, והמזלגות, והכפות, והמחתות, והפותות. — ר' יצחק מגדלאה אמר: אלו חפיפות; ר' סימאי אמר: זה פותה שתחת הציר. ללמדך, שאפילו דבר קל לא היה המקדש חסר. 'זהב מופז', — ר' פטריקי אחוי דר' דרוסה בשם ר' אבא בר' בונא אמר: דומה לגפרית הזאת (שמוצצת) [שמוצתת] באש; ר' אבון אמר: על שם מדינתו נקרא, מאופז. 'זהב מזוקק', — דבי ר' ינאי ודבי ר' יודן בר' שמעון. דבי ר' ינאי אמרי, שמחתכין אותו כזיתים ומאכילין אותו לנעמיות, והוא יוצא מזוקק; דבי ר' יודן בר' שמעון אמרי, שמטמינין אותו בזבל ז' שנים, ויוצא מזוקק. 'זהב פרוים', — ריש לקיש אמר: אדום, דומה לדם הפר; ויש אומרים, שעושה פירות, שכשבנה שלמה בית המקדש, צר בו כל מיני אילנות, ובשעה שאילנות שבשדה עושים פירות, אלו שבבית עושים פירות; והיו משירים פירותם ומלקטין אותם ומניחים אותם לבדק הבית. ובשעה שהעמיד מנשה צלם בהיכל, יבשו כל אותם האילנות. הה"ד (נחום א): ופרח לבנון אמלל. אבל לעתיד לבא הקב"ה חוזר אותם; הה"ד (ישעיה לה): פרח תפרח ותגל, אף גילת ורנן.

מרכבו ארגמן, המד"א (דברי הימים ב, ג): ויעש את הפרכת תכלת וארגמן וכרמיל ובוץ. — תוכו רצוף אהבה, — ר' יודן

---

אויפן נאָמען פונעם רוימישן קיסר מיטן נאָמען גאָרדיאַן. [8] פון משכן. [9] מיינט עס דאָך, אַז דאָס גאָלד איז נאָך אַלץ ניט געווען אַזוי ריין. [9א] וואַרשיינלעך: ביזאַנץ. [10] די וואָס האָבן דעם גאָלד ניט געהאַט פלעגן פאַרמאַכן זייערע קראָמען. [11] מכסיף — כסף. [12] די שטיפטן אין די זאַוויעסעס. [13] אין במדבר רבה איז די גירסא אַנדערש. [14] טעקסט ענדערונג לויטן ירושלמי, יומא ד, ד, און לויט במדבר רבה. [15] מלכים א, ו, יח: פאַר־לירנדיק די אלף (פאַרגלייך ירמיה י, ט: און גאָלד פון אופז). [16] פר — פרוים. [16א] פרות — פרוים. [17] מלכים ב, כא, ז. [18] דער בית המקדש, וואָס איז געבויט געוואָרן פון צעדערן פון לבנון.

קאַרמין, און פיינליינען. — זיין אינעווייניק איז אויסגעשפרייט מיט ליבשאַפט, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: דאָס איז דער זכות פון דער תורה און דער זכות פון די צדיקים וואָס לערנען זי; ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יודה [און ר׳ יודה] אין נאָמען פון ר׳ סימון: דאָס איז די שכינה.

יח

אַן אַנדער פשט: אפריון, דאָס איז די וועלט; האָט זיך געמאַכט דער מלך שלמה, דער מלך וואָס דער שלום איז זיינער; פון די ביימער פון לבנון, ווייל די וועלט איז אויפגעבויט געוואָרן פונעם אינעווייניק פון דעם אונטערשטן קדשי־קדשים,[1] ווי מיר האָבן געלערנט:[2] ווען ס׳איז אַוועקגענומען געוואָרן דער ארון איז דאָרט געבליבן אַ שטיין, וואָס איז דאָרט געלעגן פון די טעג פון די ערשטע נביאים, און [אבן] השתיה האָט מען אים גערופן. און פאַר־וואָס האָט מען אים גערופן שתיה? ווייל פון אים איז געגרונטפעסטיקט געוואָרן[3] די גאַנצע וועלט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים נ, ב): מציון — פון ציון, די קרוין פון שיינקייט, האָט גאָט אַרויסגעשיינט.[4] זיינע זיילן האָט ער געמאַכט פון זילבער, דאָס איז די ייחוס־קייט;[5] זיין אויסבעט פון גאָלד, דאָס זיינען די פרוכט פון דער ערד און די פרוכט פונעם בוים, וואָס ווערן פאַרקויפט פאַר גאָלד; זיין זיץ פון פורפל, דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, כו): רוכב — ער רייט אין די הימלען צו דיין הילף;[6] — זיין אינעווייניק איז אויסגעשפרייט מיט ליבשאַפט, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: דאָס איז דער זכות פון דער תורה און דער זכות פון די צדיקים וואָס לערנען זי; ר׳ עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יודה [און ר׳ יודה] אין נאָמען פון ר׳ סימון: דאָס איז די שכינה.

יט

אַן אַנדער פשט: אפריון, דאָס איז דער כסא הכבוד;[1] האָט זיך געמאַכט דער מלך שלמה, דער מלך וואָס דער שלום איז זיינער; פון די ביימער פון לבנון, דאָס איז דער קדשי־קדשים פון אויבן, וואָס איז פונקט קעגנאיבער דעם קדשי־קדשים פון אונטן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות טו, יז): מכון — דאָס אָרט פאַר דיין זיצן: [מכון קאָן מיינען] מכוון, פונקט קעגנאי־בער דיין זיץ־אָרט. זיינע זיילן האָט ער געמאַכט פון זילבער ווי דער פסוק זאָגט (איוב כו, יא): עמודי — די זיילן פון הימל ווערן צעטרייסלט;[2] — זיין אויסבעט פון גאָלד, דאָס זיינען די ווערטער פון תורה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, יא): הנחמדים — זיי זיינען גלוסטיקער פון גאָלד און פון גינגאָלד אַ סך; — זיין זיץ פון פורפל, דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט סח, לד): לרוכב — צו דעם וואָס רייט אויף די אוראַלטע הימלען פון די הימלען.[3] —

יח. [1] די הייליקסטע קאַמער אין בית המקדש. „פון אונטערשטן" — ווייל לויט דער אגדה (ווייטער) איז אויך אין הימל פאַראַן אַ בית המקדש, פונקט קעגנאיבער דעם אונ־טערשטן. [2] משנה, יומא ה, ב; תוספתא, יום הכפורים ג, ו. [3] הושתת — שתיה. [4] מיט זיין וועלט־באַשאַפונג. [5] דער משפחה־שטאַם פון מין מענטש און פון פאָלק ישראל, וואָס הייבט זיך אָן פון דער וועלט־באַשאַפונג — פון אדמען. [6] און דער הימל האָט אָפּט אַ פורפל־קאָליר.

**אמר: זו זכות התורה וזכות הצדיקים העוסקין בה; ר' עזריה בשם ר' יודה בשם ר' סימון אמר: זו השכינה.**

יח

ד"א אפריון, **זה העולם;** עשה לו המלך שלמה, **המלך שהשלום שלו;** מעצי הלבנון, **שנבנה מבית קדשי הקדשים שלמטה, דתנינן: משניטל הארון, אבן היתה שם מימות הנביאים הראשונים ושתיה היתה נקראת; ולמה נקראת** שתיה? **שממנה הושתת כל העולם; הה"ד** (תהלים נ): מציון מכלל יופי. — **עמודיו** עשה כסף, **זה שלשלת היוחסין;** רפידתו זהב, **אלו פירות הארץ ופירות האילן, שנמכרין בזהב;** מרכבו ארגמן, **המד"א** (דברים לג): רוכב שמים בעזרך; — תוכו רצוף אהבה, — **ר' יודן אמר: זו זכות התורה וזכות הצדיקים העוסקין בה; ר' עזריה בשם ר' יודה בשם ר' סימון אמר: זו השכינה.**

יט

**ד"א:** אפריון, **זה כסא הכבוד;** עשה לו המלך שלמה, **המלך שהשלום שלו;** מעצי הלבנון, **זה בית הקדשים של מעלה, שהוא מכוון כנגד בית קדשי הקדשים של מטה; הה"ד** (שמות טו) מכון לשבתך — **מכוון כנגד שבתך.** עמודיו עשה כסף, **המד"א** (איוב כו): עמודי שמים ירופפו; — רפידתו זהב, **אלו דברי תורה, שנאמר** (תהלים יט): הנחמדים מזהב ומפז רב; — מרכבו ארגמן, **המד"א** (שם סח): לרוכב בשמי שמי קדם; — תוכו רצוף אהבה, **— ר' ברכיה זר' בון בשם ר' אבהו: ארבעה גאים הם: גאה שבעופות — נשר, גאה שבבהמות — שור, גאה שבחיות — אריה, גאה שבכולן — אדם. וכולן נטלן הקב"ה וחקקן בכסא הכבוד, שנאמר** (שם קג): ה' בשמים הכין כסאו, — **ממה שהכין כסאו על הגאים תדע, שמלכותו** בכל משלה.

---

זיין אינעווייניק איז אויסגעשפּרייט מיט ליבשאַפט, **ר' ברכיה און ר' בון אין נאָמען פון ר' אבהו: פיר שטאַלטיקע [באַשעפעניש] זיינען זיי: דער שטאַל־טיקסטער פון די פייגל—דער אָדלער; דער שטאַלטיקסטער פון די בהמות—דער אָקס; דער שטאַלטיקסטער פון די חיות — דער לייב; דער שטאַלטיקסטער פון זיי אַלע — דער מענטש. און זיי אַלעמען האָט הקדוש ברוך הוא גענומען און אויסגעקריצט אין כסא הכבוד,**[4] **ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט קג, יט): ה' — גאָט האָט אין הימל אויפגעשטעלט זיין טראָנשטול, — **פון דעם וואָס ער**

---

יט. [1] גאָטס טראָנשטול. [2] אַ סימן, אַז דער הימל האָט זיילן. [3] אויבן, סימן יח,

האָט אויפגעשטעלט זיין טראָנשטול איבער די שטאַלטיקע [באַשעפענישן] ווייסטו, אַז זיין מלוכה געוועלטיקט איבער אַלץ.[5]

כ

(יא) צאינה — גייט אַרויס און זעט, טעכטער פון ציון, קינדער וואָס זיינען אָפּגעצייכנט[1] פאַר מיר מיטן [איסור פון] גאָלן זיך, מיט דער [מצווה פון] מילה און מיט די ציצית; דעם מלך שלמה, דעם מלך וואָס האָט באַשאַפן זיינע באַשעפענישן שלמותדיק: ער האָט באַשאַפן די זון און די לבנה אין זייער פולקייט,[2] די שטערן און מזלות אין זייער פולקייט. בר קפרא האָט געזאָגט: אדם און חוה זיינען באַשאַפן געוואָרן ווי צוואַנציק־יעריקע. [אַן אַנדער פשט:][3] דעם מלך שלמה, דעם מלך וואָס דער שלום איז זיינער. אַן אַנדער פשט: דעם מלך שלמה, דעם מלך וואָס האָט שלום געמאַכט צווישן זיין באַשאַף און זיינע מענטשן;[4] ווי אַזוי? ער האָט שלום געמאַכט צווישן דעם פייער און אברהם אבינו;[5] ער האָט שלום געמאַכט צווישן דעם מעסער און יצחקן;[6] ער האָט שלום געמאַכט צווישן דעם מלאך און יעקבן.[7]

אַן אַנדער פשט: דעם מלך שלמה, דעם מלך וואָס האָט געמאַכט שלום צווישן זיינע באַשעפענישן. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: דער הימל איז פון שניי און די חיות פון פייער. ׳דער הימל איז פון שניי׳, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל א, כב): ודמות — און אַ געשטאַלט פון אַ הימל איבער די קעפּ פון די חיות, ווי דער אָנבליק פון מורא־דיקן אייז; ׳און די חיות פון פייער׳, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק יג): ודמות — און דאָס געשטאַלט פון די חיות, זייער אויסזען ווי ברענענדיקע קוילן. און ווייטער שטייט (פסוק יד): והחיות — און די חיות לויפן הין און צוריק ווי דאָס אויסזען פון אַ בליץ־שטראַל, און איינס פאַרלעשט ניט ס׳אַנדערע, און איינס צעשטערט ניט[8] ס׳אַנדערע. מיכאל איז דער שר פון שניי, און גבריאל פון פייער, און דער פאַרלעשט ניט דעם, און דער שעדיקט ניט יענעם. און ניט נאָר צווישן איין מלאך און אַ צווייטן, נייערט אפילו ביי דעם זעלבן מלאך, וואָס אַ האַלב איז ער שניי און אַ האַלב פייער, מאַכט הקדוש ברוך הוא שלום צווישן זיי.

און פינף פאַלן זיינען פאַראַן פון דעם, און דאָ זיינען זיי:

— (דניאל י, ו) וגויתו — און זיין גוף אַזוי ווי תרשיש,[9] און זיין פנים ווי דאָס אויסזען פון אַ בליץ, און איינס שעדיקט ניט ס׳אַנדערע.

באַמ. 6. [4] זע יחזקאל א, י. [5] און אונטער די טעכטער פון ירושלים, וואָס מיט זייער ליבשאַפט איז אויסגעשפּרייט דער כסא הכבוד, ווערן דאָ פאַרשטאַנען די פיר שטאַלטנע באַשעפענישן.

כ. [1] המצוינים — ציון. [2] צוערשט איז די לבנה געווען אַזוי גרויס ווי די זון; ערשט ווען זי האָט גערעדט לשון הרע אויף דער זון איז זי, ווי אַ שטראָף, פאַרקלענערט געוואָרן (תרגום יונתן, בראשית א, טז; חולין ס, ב; בראשית רבה ו, ג. [3] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט. [4] די גירסא אין במדבר רבה (יב, ח) איז „לאוהביו,״ און זיינע ליבהאָבערס. [5] בראשית רבה לח, יג. [6] בראשית כב. [7] דאָרט לב, כז. [8] טעקסט ענדערונג לויט במדבר רבה, דאָרט. [9] תרשיש ווערט דאָ פונעם בעל המדרש פאַרשטאַנען ווי וואַסער (אין אַ צאָל ערטער זעצט איבער דער תרגום דאָס וואָרט מיט ים, אַ שטייגער יונה א, ג;

כ

(יא)צאינה וראינה בנות ציון, **בנים המצוינים לי בתגלחת, במילה, ובציצית**; במלך שלמה, **במלך שברא בריותיו שלמות: ברא חמה ולבנה על מלאתן, כוכבים ומזלות על מלאתן. בר קפרא אמר: אדם וחוה כבן עשרים שנה נבראו. [ד"א:]** במלך שלמה, **במלך שהשלום שלו. ד"א:** במלך שלמה, **במלך שהשלים מעשיו לבריותיו; כיצד? השלים האש לאברהם אבינו, השלים החרב ליצחק, השלים המלאך ליעקב.**

**ד"א:** במלך שלמה, **במלך שעשה שלום בין בריותיו. תני ר' שמעון בן יוחאי: הרקיע של שלג והחיות של אש. 'הרקיע של שלג', שנאמר** (יחזקאל א): ודמות על ראשי החיה רקיע כעין הקרח הנורא, וגו'; **'והחיות של אש', שנאמר** (שם): ודמות החיות מראיהם כגחלי אש. **וכתיב** (שם): והחיות רצוא ושוב כמראה הבזק, **ולא זה מכבה זה, ולא זה (מכבה) [מכלה] זה. מיכאל שר של שלג וגבריאל של אש, ולא זה מכבה זה, ולא זה מזיק זה. א"ר אבין: לא סוף דבר בין מלאך למלאך, אלא אפילו בין מלאך אחד, שחציו שלג וחציו אש, הקב"ה עושה שלום ביניהן.**

**ואית ליה חמש אפין, ואלו הן: —**

— (דניאל י) וגויתו כתרשיש ופניו כמראה ברק, **ולא זה מזיק זה.**

**— כתוב אחד אומר** (תהלים קד): המקרה במים עליותיו, **וכתוב אחד אומר** (דברים ד): כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא, **וכתיב** (דניאל ז): כרסיה שביבין די נור, **ולא זה מזיק זה, ולא זה מזיק זה.**

**— אמר ר' יוחנן:** (איוב כה) עושה שלום במרומיו, **— הרקיע של מים והכוכבים של אש, ואינן מזיקין זה לזה, [ו]מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה. [א"ר לוי: אין לך כל מזל ומזל**

---

**—** איין **פסוק זאָגט** (תהלים קד, ג): המקרה — דער וואָס דעקט מיט וואַסער זיינע אייבערשטובן, **און אַן אַנדער פסוק זאָגט** (דברים ד, כד): כי — וואָרום גאָט דיין גאָט איז אַ פאַרצערנדיק פייער, **און ווידער שטייט** (דניאל ז, ט): כרסיה — זיין טראָנשטול איז פלאַמען פייער, **און איינס שעדיקט ניט ס'אַנדערע.**

**—** ר' יוחנן **האָט געזאָגט** (איוב כה, ב): עושה — ער מאַכט שלום אין זיינע הייכן, **— דער הימל איז פון וואַסער און די שטערן זיינען פון פייער, און זיי שעדיקן ניט איינס ס'אַנדערע, [און] קיין מאָל האָט די זון ניט געזען**

די פגימה[10] פון דער לבנה. [ר׳ לוי האָט געזאָגט: קיינס פון די מזלות רייסט זיך ניט אויפצוגיין פריער פונעם צווייטן; קיין שום שטערן קוקט ניט אויף דעם וואָס איבער אים, נייערט אויף דעם וואָס איז אונטער אים, אָט ווי דער מענטש וואָס גייט אַראָפּ אויף אַ לייטער און זעט ניט וואָס הינטער אים.][11]

— ר׳ יעקב פון כפר חנין האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (דאָרט): המשל — געוועלטיקייט און פּאַרכטיקייט זיינען מיט אים — געוועלטיקייט, דאָס איז מיכאל, און פּאַרכטיקייט, דאָס איז גבריאל; מיט אים — וואָס מיינט מיט אים? שלום געוואָרן [דורך אים].

— אויך ביי פּרעהס מכות האָט הקדוש ברוך הוא געמאַכט שלום, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ט, כד): ויהי — און ס׳איז געווען אַ האָגל, און אַ פייער האָט געפלאַקערט אין מיטן האָגל. ר׳ יודה און ר׳ נחמיה און די רבנן. ר׳ יודה האָט געזאָגט: [מתלקחת, ס׳פלאַקערט, מיינט] פלעשער פון האָגל אָנגעפילט מיט פייער, און איינס פאַרלעשט ניט ס׳אַנדערע, און איינס צעשטערט ניט ס׳אַנדערע. ר׳ חנין האָט געזאָגט: לויט ר׳ יודהן איז עס געווען גלייך ווי אַן אָנגעשפּאָלטענער מילגרוים, וואָס אַלע קערנדלעך זעען זיך אַרויס פון אינע־וויניק. און ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: פייער און האָגל זיינען געווען אויסגע־מישט איינס מיטן אַנדערן. ר׳ חנין האָט געזאָגט: לויט ר׳ נחמיהן איז עס געווען גלייך ווי די וואַזע פון אַ לאָמפּ, — וואַסער און אייל געמישט צוזאַמען, און עס ברענט כסדר, און איינס פאַרלעשט ניט ס׳צווייטע, און איינס צע־שטערט ניט ס׳צווייטע. און די רבנן זאָגן: ס׳גייט אויס און חלשט,[12] — ס׳גייט אויס און חלשט צו טאָן דעם ווילן פון זייער באַשעפער.[13] ר׳ אחא האָט גע־זאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט צוויי שטאַרקע לעגיאָנען, און זיי זיינען זיך געווען שונאים איינע די אַנדערע; אַז זיי האָבן אָבער געזען, אַז דעם מלך גייט שווער אין מלחמה, אַזוי האָבן זיי געמאַכט שלום איינס מיטן אַנדערן, כדי צו העלפן דעם מלך אין זיין מלחמה. אַזוי זיינען זיך פייער און האָגל שונאים איינס ס׳אַנדערע; אַז זיי האָבן אָבער געזען די מלחמה פון דעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, דאָס איז די מלחמה מיט די מצרים, אַזוי האָבן זיי שלום געמאַכט צווישן זיך און האָבן זיך געלאָזט אין דער מלחמה פון הקדוש ברוך הוא קעגן די מצרים. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: און ס׳איז געווען אַ האָגל, און אַ פייער האָט געפלאַקערט אין מיטן האָגל, אַ נס אין אַ נס.

כא

(יא) בעטרה — אין דער קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים באַקרוינט. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געפרעגט ביי ר׳ אלעזר בר׳ יוסיך, אַזוי צו זאָגן: אפשר האָסטו געהערט פון דיין פאָטער, וואָס מיינט אין דער קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים באַקרוינט? האָט ער אים געזאָגט: „יאָ." האָט ער אים געפרעגט: „ווי אַזוי [האָט ער עס באַשיידט?"] האָט ער געזאָגט צו אים: „ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ בת־יחידה, און ער האָט זי זייער שטאַרק ליב געהאַט, און פלעגט זי רופן ׳טאָכטער

שהוא קודם לחברו בעלייתן; אין לך כל כוכב שמביט מה למעלה ממנו, אלא מה שלמטה ממנו, כהדין בר נשא דנחית בסולמא, ואינו חמי לאחוריו.]

— אמר [ר'] יעקב דכפר חנין: כתיב (שם): המשל ופחד עמו, — המשל, זה מיכאל, ופחד, זה גבריאל; עמו — מהו עמו? מושלמין.

— אף במכות פרעה עשה הקב"ה שלום, שנאמר (שמות ט): ויהי ברד, ואש מתלקחת בתוך הברד. ר' יודה ור' נחמיה ורבנן. ר' יודה אמר: צלוחיות של ברד מלאות אש, ולא זו מכבה זו ולא זו (מכבה) [מכלה] זו. א"ר חנין: הדא דר' יודה דמייה לההיא פיטרתא דרימונא, דכל הדא (פיטרתא) [חרצנתא] מיתחמיא מלגו. ור' נחמיה אמר: אש וברד פתוכין זה בזה. א"ר חנין: הדא דר' נחמיה דמייה להדא עשאשיתא דקנדילא, מיא ומישחא מערבין כחדא, והיא דלקה ואזלה, ולא זה מכבה זה ולא זה (מכבה) [מכלה] זה. ורבנן אמרי: מיתא (ומתקלהא) [ומתקהא] — מיתא ומתקהא בשביל לעשות רצון בוראם. א"ר אחא: למלך שהיו לו שני לגיונות קשין, והיו דבובין זה לזה; כיון שראו, שהוקשה מלחמתו של מלך, עשו שלום זה עם זה, כדי לעשות מלחמתו של מלך. כך אש וברד דבובין זה עם זה; כיון שראו מלחמתו של מלך מלכי המלכים הקב"ה, שהיא מלחמת המצריים, עשו שלום ביניהם ועשו מלחמת הקב"ה במצרים. הה"ד: ויהי ברד, ואש מתלקחת בתוך הברד, נס בתוך נס.

כא

(יא) בעטרה שעטרה לו אמו. א"ר יוחנן: שאל ר' שמעון בן יוחאי את ר' אלעזר בר' יוסי, אמר לו: אפשר ששמעת מאביך, מהו בעטרה שעטרה לו אמו. א"ל: „הן". א"ל: „היאך"? א"ל: „למלך שהיתה לו בת יחידה, והיה מחבבה יותר מדאי, והיה

ישעיה ב, טז; דאָרט כג, ו, — כאָטש ניט אומעטום, ווי דער מהרז"ו מיינט). [10] די פאַרטונקלטע זייט פון דער לבנה, — ווידער אַ באַווייז אויפן שלום אין די הייכן: די זון וויל ניט מבייש זיין די לבנה. [11] אין אַלע אויסגאַבעס געפינט זיך ר' לויס מאמר (וואָס מיר האָבן געשטעלט אין קלאַמערן) ווייטער, נאָך ר' יעקבס ווערטער. לויט דער לאָגיק פון דער דרשה אָבער, געהערט ער אַהער. [12] מיתא ומתקהא, אַנשטאָל אויף מתלקחת (ענדערונג לויט ילקוט וארא, קפו; זע יאַסטראָוו). [13] פייער און וואַסער האָבן שלום געמאַכט, כדי צו טאָן גאָטס ווילן.

מיינע.' איז עס אים ניט געווען גענוג געצערטלט, ביז ער האָט זי ניט גערופן 'שוועסטער מיינע'; איז עס אים נאָך ניט געווען גענוג געצערטלט, ביז ער האָט זי ניט גערופן 'מאַמע מיינע.' אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא זייער שטאַרק ליב געהאַט ישראל און האָט זיי גערופן 'טאָכטער מיינע'; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים מה, יא): שמעי — הער, טאָכטער, און זע.[1] איז עס אים ניט געווען גענוג געצערטלט, ביז ער האָט זיי ניט גערופן 'שוועסטער מיינע,' ווי דער פסוק זאָגט (ווייטער ה, ב): פתחי לי — עפן מיר, מיין שוועסטער, מיין געליבטע; איז עס אים נאָך ניט געווען גענוג געצערטלט, ביז ער האָט זיי ניט גערופן 'מאַמע מיינע', ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נא, ד): הקשיבו — הערט זיך צו צו מיר, מיין פאָלק, און פאַרנעמט פון מיר, מיין אומה — ולאמי שטייט געשריבן."[2] האָט ר' שמעון בן יוחאי זיך אויפגעשטעלט, אים אַ קוש געגעבן אויפן קאָפּ און געזאָגט: „ווען איך וואָלט געקומען צו דיר ניט מער, נייערט צו הערן פון דיין מויל דעם דאָזיקן באַשייד, וואָלט מיר גענוג געווען."

ר' חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: מיר האָבן נאָכגעקוקט אין גאַנץ מקרא,[3] און מיר האָבן ניט געפונען, אַז בת שבע זאָל האָבן געמאַכט אַ קרוין פאַר שלמה איר זון, און דו זאָגסט: אין דער קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים באַקרוינט! נייערט, אַזוי ווי די דאָזיקע קרוין איז אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער און פּערל, אַזוי איז דער אוהל מועד געווען באַצירט מיט בלויוואָל און פּורפּל, און מיט ווערמילרויט, און מיט ליינען.[4] ר' יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט פון ר' לויס וועגן: דו געפינסט, אַז בשעת הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „מאַך מיר אַ משכן," האָט ער געקענט אָוועקשטעלן פיר שטאַנגען און אָנציען איבער זיי געצעלט־לייוונט, און אָט איז אַ משכן. אָבער הקדוש ברוך הוא האָט ניט אַזוי געטאָן, נייערט ער האָט אים אַרויפגעבראַכט אויבן, און אים געוויזן רויט פייער, גרין פייער, שוואַרץ פייער, ווייס פייער, און אים געזאָגט: „מאַך מיר ווי דאָס." האָט ער געזאָגט פאַר אים: „ריבונו של עולם, פון וואַנען האָב איך דען שוואַרץ פייער, רויט פייער, גרין פייער און ווייס פייער?" האָט ער געזאָגט צו אים (שמות כה, מ): בתבניתם — לויט זייער געשטאַלט וואָס ווערט דיר געוויזן אויפן באַרג.

ר' אבון האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ שיין אָפּבילד;[5] האָט ער געזאָגט צו זיין הויזמענטש: „מאַך מיר אַזאַ." האָט

כא. [1] טייטשנדיק דעם פסוק אויף ישראל. [2] דער כתיב, הייסט עס, איז אָן אַ ה, קאָן מען עס לייענען ווי ולאימי, און צו מיין מוטער. — אין אונדזערע תנ"ך טעקסטן איז דער כתיב אי מלא, פול, מיט אַ וו, אי מיט אַ דגש אין דער מם, ניט לויטן דקדוק; איז מעגלעך, אַז די חכמים האָבן געהאַט אַן אַנדער ווערסיע פאַר זיך (זע גליון הש"ס, שבת נה, ב, וואו עס ווערן אויסגערעכנט אַ גרויסע צאָל שטעלן, וואָס דער נוסח פון די חכמים איז געווען אַנדערש ווי אונדזערער. — אין זוהר ג, רסב, א, איז דער נוסח: „אל תקרי — לייען ניט לאומי, נייערט „לאמי", אין איינקלאַנג מיט אונדזערע טעקסטן). [3] פסוק, תנ"ך. [4] שמות כח, ה. [5] געביטן לויט שמות ,רבה לה, ו. אין ירושלמי, סנהדרין ב, ו, ווערט אותונין געטייטשט אַ פיינער בגד; אָבער אין דעם פאַל וואָלט דער

(ישעיה נא): הקשיבו אלי, עמי, ולאומי אלי האזינו, — ולאמי כתיב. שעטרה לו אמו! אלא מה עטרה זו מקובעת באבנים טובות לי, אחותי, רעיתי. ולא זז מחבבן, עד שקראן 'אמי', שנאמר זז מחבבה, עד שקרא אותה 'אמי'. כך היה מחבב יותר מדאי עמד ר' שמעון בן יוחאי ונשקו על ראשו ואמר: אלו לא באתי קורא אותה 'בתי'. ולא זז מחבבה, עד שקרא אותה 'אחותי'; ולא הקב"ה לישראל וקראן 'בתי'; הה"ד (תהלים מה): שמעי, בת, וראי. אלא לשמוע מפיך הטעם הזה, דיי.

א"ר חנינא בר יצחק: חזרנו על כל המקרא כולו, ולא מצינו שעשתה בת שבע עטרה לשלמה בנה, ואת אמרת: בעטרה ולא זז מחבבן, עד שקראן 'אחותי', שנאמר (שיר השירים ה): פתחי ומרגליות, כך היה אהל מועד מצויין בתכלת וארגמן ובתולעת השני ובשש. ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר: את מוצא, בשעה שאמר הקב"ה למשה: „עשה לי משכן," היה לו להעמיד ארבעה קונדסין ולמתוח המשכן עליהם, והרי הוא משכן. אבל הקב"ה לא עשה כן, אלא העלה אותו למעלה והראהו אש אדומה, ירוקה, שחורה, לבנה, ואמר לו: „עשה לי כזה." אמר לפניו: „רבש"ע, וכי מניין יש לי אש שחורה, אדומה, ירוקה ולבנה?" א"ל (שמות כה): בתבניתם אשר אתה מראה בהר.

אמר ר' אבון: למלך שהיה לו (אותונין) [איקונין] נאה; אמר לבן ביתו: „עשה לי כמותה." אמר: „אדוני המלך, וכי יכול אני לעשות כמותה? א"ל: „את בסממניך, ואני בכבודי. כך א"ל הקב"ה למשה (שמות כה): וראה ועשה. אמר לפניו: רבש"ע, אלוה אני, שאעשה כמותו?" א"ל: בתבניתם, וגו'. ר' ברכיה בשם ר' בצלאל: למלך שנגלה לבן ביתו בלבוש נאה של מרגליטון ואמר

---

ער געזאָגט: „מיין האַר מלך, צי קאָן איך מאַכן אַזוינס?" האָט ער געזאָגט צו אים: „דו [מאַך] מיט דיינע איילזאַלבן, און איך [בלייב] ביי מיין כבוד".[6] אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו משהן (שמות דאָרט): וראה — און זע און מאַך: האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם, בין איך דען אַ גאָט, אַז איך זאָל קאָנען מאַכן אַזוינס?" האָט ער געזאָגט צו אים: לויט זייער גע־שטאַלט. ר' ברכיה אין נאָמען פון ר' בצלאלן: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר זיין הויזמענטש אין אַ שיינעם בגד [באַצירט] מיט פערל און אים געזאָגט: „מאַך מיר אַזאַ." האָט ער געזאָגט צו אים: „מיין

וייטערדיקער משל פון ר' בצלאל געווען אַן אומזיסטיקע איבערחזורונג. [6] דו מאַך ווי

האַר מלך, צי קאָן איך מאַכן אַזוינס?"[7] אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו משהן: „מאַך מיר אַ משכן."[8] האָט ער געזאָגט פאַר אים: „רבונו של עולם, צי קאָן איך מאַכן אַזוינס?" האָט ער געזאָגט צו אים: און זע און מאַך[9] לויט זייער געשטאַלט, ווי דו זעסט אויבן, מאַך אונטן" — דאָ שטייט ניט „שיטים־האָלץ זאָלסטו אויפשטעלן," נייערט [שיטים האָלץ] שטייענדיק,[10] אָט ווי זיי געפינען זיך אין דעם געהייף פון אויבן — „און אויב דו מאַכסט אונטן דאָס וואָס איז אויבן, וועל איך איבערלאָזן מיין אייבערשטע סוויטע און איך וועל אַראָפּנידערן און מצמצם זיין[11] מיין שכינה צווישן אייך אונטן." ווי אַזוי? אַזוי ווי אויבן: שרפים שטייען,[12] אַזוי אויך אונטן: שיטים־האָלץ שטייענדיק; אַזוי ווי אויבן שטערן, אַזוי אויך אונטן שטערן. ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט: [דער פסוק] לערנט אונדז, אַז די גאָלדענע העקלעך אין משכן האָבן אויסגעזען ווי די שטערן וואָס זעען זיך אין הימל.

— אין טאָג פון זיין חתונה, דאָס איז דער [טאָג פון] סיני — ווי די חתנים זיינען זיי געווען; און אין דעם טאָג פון זיין האַרצפרייד, דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה;[13] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (תהלים יט, ט): פקודי ה' — די באַפעלן פון גאָט זיינען רעכטפאַרטיקע, זיי דערפרייען דאָס האַרץ. אַן אַנדער פשט: אין טאָג פון זיין חתונה, דאָס איז דער [טאָג פון אויפשטעלן דעם] אוהל מועד; און אין טאָג פון זיין האַרצפרייד, דאָס איז דער [טאָג פון אויפשטעלן דעם] בית המקדש.[14]

---

דו קענסט, און פון מיין כבוד וועט גאָרניט ניט געמינערט ווערן. [7] דאָ פעלט דעם מלכס פריערדיקער ענטפער. [8] דאָ פעלט וואָס דער אייבערשטער האָט אים געוויזן אויבן.

לו: „עשה לי כמוהו.״ א״ל: „אדוני המלך, וכי יכול אני לעשות כמוהו?״ כך א״ל הקב״ה למשה: „עשה לי משכן.״ אמר לפניו: „רבש״ע, יכול אני לעשות כמוהו?״ א״ל: וראה ועשה (א״ל: „יכול אני לעשות כמוהו?״ א״ל) בתבניתם, כשם שאתה רואה למעלה עשה למטה״ — ׳עצי שטים העמד׳ אין כתיב כאן, אלא עומדים, כנתונים באיסטרטיאה של מעלה — „ואם את עושה לזה של מעלה למטה, אני מניח סנקליטון שלי של מעלה ויורד ומצמצם שכינתי ביניכם למטה.״ כיצד? מה למעלה שרפים עומדים, אף למטה עצי שטים עומדים; מה למעלה כוכבים, אף למטה כוכבים, — א״ר חייא בר אבא: מלמד, שהיו קרסי זהב נראים במשכן ככוכבים הנראים ברקיע.

ביום חתונתו, זה סיני — כחתנים היו; וביום שמחת לבו, אלו דברי תורה, המד״א (תהלים יט): פקודי ה׳ ישרים, משמחי לב. ד״א: ביום חתונתו, זה אהל מועד; וביום שמחת לבו, זה בית העולמים.

---

[9] מיר האָבן דאָ אַרויסגעלאָזט אַ בטעותדיקע איבערחזרונג. [10] דאָרט כו, ז. [11] אַריינ־דריקן אין אַן ענג אָרט, אָנשטאָט דער רחבות אויבן. [12] ישעיה ו, ב. [13] וואָס זיי האָבן מקבל געווען, און די תורה איז די כלה פון ישראל. [14] ווערטערלעך: דאָס הויז פון אייביקייטן.

# פרשה ד

## א

(א) הנך יפה — ביסט שיין, מיין געליבטע, ביסט שיין. ביסט שיין מיט מצוות, ביסט שיין מיט גמילות חסדים. ביסט שיין מיט מצוות עשה,[1] ביסט שיין מיט מצוות לא־תעשה. ביסט שיין מיט הויז־מצוות — מיט חלה,[2] תרומה און מעשר; ביסט שיין מיט פעלד־מצוות — מיטן באַקקלייב, מיטן פאַרגעסן [אַ גאַרב תבואה], און מיטן פעלד־עק, און מיטן מעשר פאַרן אָרעמאַן, און מיטן הפקר. ביסט שיין מיטן [אָפּהיטן דעם דין פון] כלאים, ביסט שיין מיטן אָנטאָן — מיט די ציצית. ביסט שיין ביים פלאַנצן — ביסט שיין מיטן געבאָט פון ערלה, ביסט שיין מיטן געבאָט פון פיר־יאָריקן פלאַנץ. ביסט שיין מיט דער מצווה פון מילה, ביסט שיין מיט דער מצווה פון פריעה. ביסט שיין מיט תפילה, ביסט שיין מיט קריאת־שמע. ביסט שיין מיט דער מזוזה, ביסט שיין מיט די תפילין. ביסט שיין מיט דער סוכה, ביסט שיין מיטן לולב און אתרוג. ביסט שיין מיטן תשובה טאָן, ביסט שיין מיט מעשים טובים. ביסט שיין אויף דער וועלט, ביסט שיין אויף יענער וועלט.

## ב

עיניך — דיינע אויגן — טויבן. דיינע אויגן, דאָס זיינען די סנהדרין, וואָס זיינען די אויגן פון דער געמיינדע; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (במדבר טו, כד): והיה — און עס וועט זיין, אויב עס איז פאַרהוילן פון די אויגן פון דער עדה, — צוויי הונדערט אַכט און פערציק אברים האָט אַ מענטש, און זיי אַלע גייען נאָך ניט אַנדערש, נייערט נאָך די אויגן, און אַזוי קאָן ישראל ניט טאָן קיין זאַך אָן זייער סנהדרין.

טויבן, אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז תמימותדיק, אַזוי אויך איז ישראל שיין אין זייער גאַנג, ווען זיי זיינען עולה רגל. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז אָפּגעצייכנט,[1] אַזוי אויך איז ישראל אָפּגעצייכנט מיטן [אופן פון] גאָלן זיך, מיט מילה און ציצית. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז צניעותדיק, אַזוי אויך איז ישראל צניעותדיק. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב שטרעקט אויס איר האַלדז צו דער שחיטה, אַזוי אויך ישראל (תהלים מד, כג): כי עליך — וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג. אַזוי ווי די דאָזיקע טויב איז מכפר אויף זינד,[2] אַזוי איז ישראל מכפר אויף די אומות [פון דער

---

א. [1] זע די באַמערקונגען אויבן, א, סב (אונדזער סימן איז אַן איבערחזרונג פון דאָרט) [2] אַנשטאָט בחלה שטייט אויבן בחילוק, מיטן צעטיילן (תרומה און מעשר), — די ווערסיע דאָ קוקט אויס צו זיין ריכטיקער.

# פרשה ד

## א

(א) הנך יפה, רעיתי, הנך יפה. הנך יפה במצות, הנך יפה בגמילות חסדים. הנך יפה במצות עשה, הנך יפה במצות לא־תעשה. הנך יפה במצוות הבית — בחלה, תרומה ומעשרות; הנך יפה במצות השדה — בלקט, שכחה, ופאה, ומעשר עני וההפקר. הנך יפה בכלאים, הנך יפה בסדין — בציצית. הנך יפה בנטיעה — הנך יפה בערלה, הנך יפה בנטע רבעי. הנך יפה במילה, הנך יפה בפריעה. הנך יפה בתפילה, הנך יפה בקריאת שמע. הנך יפה במזוזה, הנך יפה בתפילין. הנך יפה בסוכה, הנך יפה בלולב ואתרוג. הנך יפה בתשובה, הנך יפה במעשים טובים. הנך יפה בעולם הזה, הנך יפה בעולם הבא.

## ב

עיניך יונים. — עיניך הן סנהדרין, שהם עינים לעדה; הה״ד (במדבר טו): והיה אם מעיני העדה, — רמ״ח אברים יש באדם, וכולם אינם הולכין וחוזרין אלא אחר העינים, כך אין ישראל יכולים לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהם.

יונים, מה יונה זו תמה, כך ישראל נאים בהילוכן, כשהן עולין לפעמי רגלים. מה יונה זו מצויינת, כך ישראל מצויינין בתגלחת, במילה וציצית. מה יונה זו צנועה, כך ישראל צנועים. מה יונה זו פושטת צוארה לשחיטה, כך ישראל (תהלים מד): כי עליך הורגנו כל היום. מה יונה זו מכפרת על (העולים) [העוונות], כך ישראל מכפרין על האומות, שכל אותן שבעים פרים שמקריבים בחג כנגד שבעים אומות, שלא יצדה העולם

---

וועלט], וואָרום די אַלע זיבעציק אָקסן וואָס מע פלעגט מקריב זיין אום סוכות [זיינען געווען] קעגן די זיבעציק אומות, אַז די וועלט זאָל ניט לער

---

ב. [1] זע אויבן באַמערקונגען צו א: סג—סה (אונדזער סימן איז, מיט קליינע ענדע־רונגען, אַן איבערחזרונג פון דאָרט). [2] ענדערונג לויטן טעקסט אויבן, דאָרט. און אפשר

ווערן פון זיי; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט קט, ד): תחות — פאַר מיין ליבשאַפט האָבן זיי מיך פיינט, כאָטש איך בין מתפלל [אויף זיי]. אַזוי ווי די דאַזיקע טויב, זינט זי דערקענט איר פּאָר, פאַרבייט זי אים ניט אויף קיין אַנדערן, אַזוי אויך ישראל, זינט זיי האָבן דערקענט הקדוש ברוך הוא, האָבן זיי אים ניט אויסגעביטן אויף קיין אַנדערן. אַזוי ווי די דאַזיקע טויב, בעת איר אַריינקומען אין איר נעסט, דערקענט זי איר נעסט און איר טויבנשלאַק, און אירע טייבעלעך און עופעלעך, און אירע פענצטערלעך, אַזוי אויך זיינען די דריי שורות תלמידים פון די חכמים, ווען זיי זיצן פאַר זיי, דערקענט יעדער איינער זיין אָרט. אַזוי ווי די דאַזיקע טויב, אפילו ווען דו נעמסט אַוועק אירע טייבעלעך פון אונטער איר, פאַרלאָזט זי קיין מאָל ניט איר טויבנשלאַק, אַזוי אויך ישראל, כאָטש דער בית המקדש איז חרוב, האָט ניט אויפגעהערט [דאָס עולה רגל זיין] דריי מאָל אַ יאָר. אַזוי ווי די דאַזיקע טויב גיט אַ בייע אויס־בריאָונג יעדן חודש, אַזוי אויך באַנייט ישראל יעדן חודש תורה און מצוות און מעשים טובים. אַזוי ווי די דאַזיקע טויב ווערט געשיקט אויף אַ סך שליחותן, אָבער זי קערט זיך אום צו איר טויבנשלאַק, אַזוי אויך ישראל; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (הושע יא, יא): יחרדו — זיי וועלן איילן ווי אַ פויגל פון מצרים, דאָס איז דער דור פון מדבר; און ווי אַ טויב פון לאַנד אַשור, דאָס זיינען די צען שבטים; סיי די סיי יענע — און איך וועל זיי באַזעצן אין זייערע היימען, זאָגט גאָט.

רבי זאָגט: פאַראַן אַזאַ מין טויב, וואָס ווען מע קאָרמעט זי, דערשמעקן זי אירע חברטעס און קומען צו איר אין טויבנשלאַק. אַזוי אויך ווען אַ זקן זיצט און דרשנט, דעמאָלט זיינען זיך אַ סך אירע מגייר, אַ שטייגער, יתרו האָט דערהערט, און ער איז געקומען; רחב האָט דערהערט און איז געקומען. אויך ביי חנניה, מישאל און עזריה, אַ סך אירע האָבן זיך דעמאָלט מגייר געווען. פאַרוואָס? (ישעיה כט, כג—כד) כי — וואָרום אַז ער וועט זען זיינע קינדער — — — [ווי זיי הייליקן זיין נאָמען], — וואָס שטייט נאָך דעם? וועלן די פאַרפירטע אין גייסט וויסן צו פאַרשטיין.

רבי איז געזעסן און געדרשנט. און דער עולם האָט אָנגעהויבן איינ־דרימלען. האָט ער געוואָלט זיי אויפוועקן און האָט אַ זאָג געטאָן: „איינע אַ פרוי אין מצרים האָט געבאָרן זעכציק מאָל צען טויזנט פאַר איין מאָל." איז דאָרט געווען אַ תלמיד מיטן נאָמען ר' ישמעאל בר' יוסי; האָט ער אים געפרעגט: „ווער איז עס געווען?" האָט ער אים געזאָגט: „דאָס איז יוכבד וואָס האָט געבאָרן משהן, וואָס האָט געהאַט די ווערט פון זעכציק מאָל צען טויזנט, וואָס דאָס איז גאַנץ ישראל." דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות טו, א): אז — דעמאָלט האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען; (דאָרט לט, לב) און די קינדער פון ישראל האָבן געטאָן ווי אַלץ וואָס גאָט האָט געבאָטן משהן;[3] (דברים לד, י) ולא קם — און ס'איז מער ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ נביא ווי משה.

עיניך — דיינע אויגן — טויבן, אַזוי ווי טויבן. דיין גלייכעניש איז אַזוי

**מהן; הה״ד** (שם קט): תחת אהבתי ישטנוני, ואני תפלה. **מה יונה זו, משעה שמכרת בן זוגה עוד אינה ממירה אותו באחר, כך ישראל, משעה שהכירו להקב״ה לא המירוהו באחר. מה יונה זו נכנסת לקנה ומכרת קנה ושובכה וגוזליה ואפרוחיה וחלונותיה, כך הן ג׳ שורות של תלמידי חכמים כשהן יושבין לפניהם כל אחד ואחד מכיר את מקומו. מה יונה זו אע״פ שאת נוטל גוזליה מתחתיה, אין מנחת שובכה לעולם, כך ישראל, אע״פ שחרב בית המקדש לא בטלו שלש רגלים בשנה. מה יונה זו מחדשת לה בכל חדש וחדש גרן, כך ישראל מחדשים להם בכל חדש תורה ומצוות ומעשים טובים. מה יונה זו משוגרת רוגליות הרבה וחוזרת לשובכה, כך ישראל; הה״ד** (הושע יא): יחרדו כצפור ממצרים, **זה דור המדבר**; וכיונה מארץ אשור, **אלו עשרת השבטים; אלו ואלו** והושבתים על בתיהם, נאם ה׳.

**רבי אומר: יש מין יונה, שמאכילין אותה וחברותיה מריחות אותה ובאות אצלה לשובכה. כך בשעה שהזקן יושב ודורש, הרבה גרים מתגיירים באותה שעה, כגון יתרו, הוא שמע ואתא; רחב שמעה ואתיא. אף בחנניה, מישאל ועזריה הרבה גרים נתגיירו באותה שעה; מה טעמא?** (ישעיה כט) כי בראותו ילדיו — — — [יקדשו שמי], — **מה כתיב בתריה?** וידעו תועי רוח בינה.

**רבי היה יושב ודורש, ונתנמנם הצבור. בקש לעוררן; אמר: „ילדה אשה אחת במצרים ששים רבוא בכרס אחת." והיה שם תלמיד אחד ור׳ ישמעאל בר׳ יוסי שמו; א״ל: „מאן הות כך?" א״ל: „זו יוכבד שילדה את משה, ששקול כנגד ששים רבוא, שהם כל ישראל." הה״ד:** (שמות טו): אז ישיר משה ובני ישראל; (שם לט) ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה׳ את משה; (דברים לד) ולא קם נביא עוד בישראל כמשה.

עיניך יונים, כיונים. **דוגמא דידך דמייה להדא יונה: מה יונה זו הביאה אורה לעולם, כך ישראל מביאין אורה לעולם,**

---

**ווי די דאָזיקע טויב: אַזוי ווי די דאָזיקע טויב האָט געבראַכט ליכטיקייט אויף דער וועלט, אַזוי אויך ברענגט ישראל ליכטיקייט אויף דער וועלט, ווי**

---

דאַרף זיין אַנשטאָט „העולים" (וואָס האָט דאָ קיין זין ניט, — זע מהרז״ו) — „העולם," אויף דער וועלט. [3] אויבן, דאָרט, ווערט דער זעלבער פסוק ציטירט פון במדבר (א, נד).

דער פסוק זאָגט (ישעיה ס, ג): והלכו גוים — און פעלקער וועלן גיין אין דיין ליכט. און ווען האָט די טויב געבראַכט ליכטיקייט אויף דער וועלט? אין די טעג פון נוחן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית ח, יא): ותבא — איז געקומען צו אים די טויב אין אָונט צייט, ערשט אַן אָפּגעריסן איילבירט בלאַט איז אין איר מויל. וואָס מיינט אָפּגעריסן (טרף) — — — אין איר מויל? געהרגעט, ווי דו זאָגסט (דאָרט לז, לג): טרוף — פאַרצוקן, פאַרצוקט געוואָרן איז יוסף. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ווען ניט וואָס זי האָט עס גע־הרגעט, וואָלט עס צו אַ גרויסן בוים אויסגעוואַקסן.

און פון וואַנען האָט זי עס געבראַכט? ר׳ לוי האָט געזאָגט: פון די שפּראָצן פון ארץ ישראל האָט זי עס געבראַכט. דאָס איז וואָס מענטשן זאָגן: „ארץ ישראל איז ניט געשלאָגן געוואָרן פון די וואַסערן פון מבול;" דאָס איז ווי ס׳איז געזאָגט געוואָרן דורך יחזקאלען (כב, כד): מענטשנקינד, זאָג צו איר: דו ביסט אַ לאַנד וואָס איז ניט גערייניקט, ניט באַרעגנט געוואָרן אין טאָג פון צאָרן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אפילו די אונטערשטייַנער פון מילן זיינען פאַרזוישט געוואָרן אין וואַסער. ר׳ טרייא האָט געזאָגט: די טויערן פון גן עדן זיינען איר געעפנט געוואָרן, און פון דאָרט האָט זי עס געבראַכט. האָט גע־זאָגט צו אים ר׳ אייבו: אויב זי וואָלט עס געבראַכט פון גן עדן, וואָלט זי ניט געהאַט עפּעס בעסערס צו ברענגען, צימערינג, אַ שטייגער, צי באַלזאַם? נייערט אַן אָנצוהערעניש האָט זי געגעבן נוחן, אַזוי צו זאָגן: „מיין האַר נוח, [ליבערשט][4] ביטערערס פון דעם פון אונטער דער האַנט פון הקדוש ברוך הוא, איידער זיסקייט פון אונטער דיינע הענט."

## ג

מבעד — דורך דיין האָרגעפלעכט. ר׳ לוי האָט געזאָגט: אַ כלה וואָס אירע אויגן זיינען מיאוס, דאַרף מען איר גאַנצן קערפּער באַטראַכטן; אָבער אַזאַ וואָס אירע אויגן זיינען שיין, דאַרף מען שוין איר גאַנצן קערפּער ניט באַטראַכטן.[1] און [אַזוי ווי] די דאָזיקע פרוי, ווען זי פלעכט צונויף אירע האָר אויף הינטן, איז עס אַ צירונג פאַר איר, אַזוי פלעגט דער גרויסער סנהדרין זיצן הינטערן בית המקדש, און דאָס איז געווען דאָס צירונג פון בית המקדש. ר׳ אבהו האָט געזאָגט: זיי[2] האָבן אויסגעקוקט צענויפגעדריקט,[3] אָבער זיי זיינען גע־זעסן געראַם, ווי דאָס וואָס ר׳ הונא רבה פון צפורי[4] און ר׳ לוי האָבן געזאָגט: [מבעד איז] אַן אַראַביש וואָרט; אַז מע וויל [אין אַראַביש] זאָגן: „מאַך מיר געראַם," זאָגט מען: „אבעד לי."[5]

שערך — דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס בלויזן זיך אַרויס[6] פון באַרג גלעד, — דער באַרג וואָס איך האָב אַרויסגעבלויזט[7] פון אים, אים האָב

[4] זע באַמערקונגען אויבן א, סוף סימן סה.

ג. [1] דאָ זיינען די אויגן שיין אפילו דורכן האָר־געפלעכט. [2] די חברים פון סנהדרין. [3] מצומדין — צמתך. [4] צוגאָב און איינטייטשונג לויטן אות אמת. [5] לויט דעם מיינט דער פסוק: מבעד — געראַם, לצמתך — אין דיין צוזאַמענגעדריקטקייט. — טעקסט ענדע־רונג לויטן אות אמת און יאַסטראָוו. [6] לויטן ווייטערדיקן דרש. [7] דאָס רויב, ווי ווייַ־

שנאמר (ישעיה ס): והלכו גוים לאורך. **ואימתי הביאה יונה אורה לעולם? בימי נח; הה״ד** (בראשית ח): ותבא אליו היונה לעת ערב, והנה עלה זית טרף בפיה, **וגו׳. מהו** טרף בפיה? **קטיל, כמה דתימר** (שם לז): טרוף טורף יוסף. **א״ר ברכיה: אילולי קטלתיניה, אילן רב הוה מתעבד.**

ומהיכן הביאה אותו? **ר׳ לוי אמר: משמטוטי ארץ ישראל הביאתו. הדא היא דאמרין ברייתא: ארץ ישראל לא לקת במוי דמבולא; הוא שנאמר על ידי יחזקאל** (כב): בן אדם, אמר לה: את ארץ לא מטוהרה היא, לא גושמה ביום זעם. **א״ר יוחנן: אפילו איצטרובלין של ריחים נמחו במים. ר׳ טרייא אמר: שערי גן עדן נפתחו לה, ומשם הביאה אותו. א״ל ר׳ איבו: אילו מגן עדן הביאה אותו, לא היה לה להביא דבר מעולה, כגון קנמון ובלסמון? אלא רמז רמזה לנח ואמרה לו: „מרי נח, [נוח] מר מזה מתת ידו של הקב״ה, ולא מתוק מתחת ידיך.״**

**ג**

מבעד לצמתך. **א״ר לוי: כל כלה שעיניה כעורות, כל גופה צריך בדיקה; ושעיניה יפות, אין כל גופה צריך בדיקה. והאשה הזאת, כשמצמתת שערה לאחוריה והוא תכשיט לה, כך היתה סנהדרי גדולה יושבת אחורי בית המקדש, והיא היתה תכשיט של בית המקדש. א״ר אבהו: נראין מצומדין, והן מרווחין, כהדין [ר׳ הונא] רבה דצפורין ור׳ לוי אמר: לשון ערבי הוא, אין בעי ליה מימרא: ׳ארוח לי׳, הוא אומר: (מבעד) [אבעד] לי׳.**

שערך כעדר העזים שגלשו מהר גלעד, — **הר שגלשתי מתוכו עשיתי אותו גלעד לאומות העולם; איזה זהו? זה ים סוף. ור׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר: טורא דאתנהרתון מן גווה: הא אתתא, כד שערה סגין, היא עבדה לה גלשין גלשין; הדא (מוציגא כההוא לפי) [ברוצינא כד הוא לעי] טבאות, הוא עבד**

איך געמאַכט פאַר אַ גלעד, אַן עדות־בערגל[8] פאַר די אומות פון דער וועלט; וואָס איז עס? דאָס איז דער ים־סוף.[9] און ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין האָט געזאָגט: דער באַרג וואָס איר האָט אַרויסגעשטראָמט פון אים: אַ פרוי, ווען זי האָט אַ סך האָר, מאַכט זי אויסבלייזן; די דאָזיקע פלור־צערן, ווען זיי וואַקסן צו גוט,[10] מאַכט מען אויסבלייזן.[11] און וואָסער אויסבלייז

טער. דער ניט־טראַנזיטיווער ווערב גלש ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי טראַנזיטיוו. [8] בראשית לא, מח. [9] וואָס זיינע כוואַליעס זיינען ענלעך צו בערג. [10] צו געדיכט. [11] די דאָזיקע

האָב איך אַרויסגעבלויזט פון דעם? (ב) שניך — דיינע ציין ווי אַ סטאַדע פון באַשטימטע, זאַכן באַשטימטע: דאָס רויב פון מצרים און דאָס רויב וואָס ביים ים.[12] שעלו — וואָס קומען אַרויף פון דעם געוואַש, — ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ אלעאי: פאַר דער שירה [פון דבורה הנביאה] שטייט געשריבן (שופטים ד, א): ויוסיפו — און די קינדער פון ישראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; נאָך דער שירה שטייט נאָר געשריבן (דאָרט ו, א): ויעשו — און די בני ישראל האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, — איז עס דען דער אָנהייב פון טאָן [שלעכטס]?[13] נייערט די שירה האָט גורם געווען פאַר־געבונג אויפ׳ס פריערדיקע.[14] דעסטגלייכן זאָגסטו (שמואל ב, כג, א): ואלה — און דאָס זיינען דודס לעצטע זאַכן [וואָס ער האָט געטאָן],[15] — און וואו זיינען די ערשטע?[16] נייערט די שירה[17] האָט גורם געווען פאַרגעבונג אויפ׳ס פריערדיקע.[18] שכלם — וואָס זיי אַלע זיינען אַריינגעפּאַסט,[19] זיי זיינען אַלע געווען אַריינגעפּאַסט צווישן דער שכינה און דעם מלאך; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות יד, יט): ויסע — און דער מלאך פון גאָט וואָס איז גע־גאַנגען — — — האָט אַוועקגעצויגן [און איז געגאַנגען הינטער זיי.[20]] — ושכלה — און קיין פאַרוואַרפערין איז נישטאָ צווישן זיי, וואָרום קיינער פון זיי איז ביט געניזוקט געוואָרן.

(ג) כחוט השני — ווי דער רויטער פאָדים זיינען דיינע ליפּן, ווען זיי האָבן געזאָגט די שירה (דאָרט טו, א): אז — דעמאָלט האָט געזונגען משה; — און דיין גערייד איז שיין, ווען זיי האָבן געוויזן מיטן פינגער און געזאָגט (פסוק ב): זה — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען. דעמאָלט האָט משה אָנגעהויבן זיי צו לויבן: ווי דער אָפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, — דער ליידיקסטער[21] צווישן אייך איז אָנגעפילט מיט מצוות ווי דער דאָזיקער מילגרוים [מיט קערנדלעך]; און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן די וואָס אונטער דיין האָר־געפלעכט, וועגן די צניעותדיקע און צוריקגעהאַלטענע וואָס צווישן אייך.

(ד) כמגדל דוד — ווי דודס טורעם איז דיין האַלדז, דאָס איז וואָס דוד האָט איך געגרייסט[22] אין זיין ספר; און ווי האָט אייך דוד געגרייסט אין זיין

---

ביישפּילן דינען דאָ ווי אַ באַווייז, אַז גלש מיינט מאַכן שיטער, אויסבלייזן, אַרויסציען.
[12] קצובות האָבן מיר געטייטשט לויטן דרש, און שניך (דיינע ציין) ווערט דאָ, מעגלעך, פאַרשטאַנען, לויט שנים, צוויי: צוויי מינים רויב וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן דורך גאָט צו אברהמען (בראשית טו, יד. — מהרז״ו). [13] דאָ וואָלט אויך געדאַרפט שטיין ויוסיפו, זיי האָבן ווידער (געטאָן שלעכטס). [14] די שירה האָט מכפּר געווען אויף די פריערדיקע חטאים, און אַזוי איז עס אויך געווען מיט דער שירה וואָס משה און ישראל האָבן געזונגען ביים ים; און דאָס זאָל מיינען דער פסוק: וואָס קומען אַרויף פון דעם געוואַש, — די פריערדיקע זינד זיינען אָפּגעוואַשן געוואָרן. [15] לויטן דרש (פאַרגלייך דעם נוסח: ויתר דברי שלמה — און די איבעריקע זאַכן וואָס שלמה [האָט געטאָן], — מלכים א, יא, מא, און אַזוי ביי אַנדערע מלכים). [16] וואָס איז מיטן חטא זיינעם — די מעשה מיט בת־שבען? [17] דודס שירה (שמואל ב, כב). [18] זע באַמ. 14. פאַרגלייך אויך ילקוט שמעוני, שופטים, ס. [19] לויטן דרש. [20] און פאַר דעם (יג, כא) שטייט: וה׳ —

גלשין גלשין. **ומה גלשה הגלשתי מתוכה?** (ב) שניך כעדר הקצובות, מלין קצובין: **בזת מצרים ובזת הים.** שעלו מן הרחצה, — **ר' אבא בר כהנא אמר בשם ר' יהודה בר' אלעאי: לפני השירה כתיב** (שופטים ד): ויוסיפו בני ישראל לעשות הרע בעיני ה'; **לאחר השירה כתיב** (שם ו): ויעשו בני ישראל הרע בעיני ה', — **תחילת עשייה? אלא כבר מחלה שירה לשעבר. כיוצא בדבר אתה אומר** (שמואל ב, כג): ואלה דברי דוד האחרונים, — **והראשונים היכן הם? אלא כבר מחלה שירה לשעבר.** שכלם מתאימות, **שהיו כולן מותאמים בין שכינה למלאך; הה"ד** (שמות יד): **ויסע** מלאך האלהים ההולך — — — [וילך מאחריהם]. — **ושכלה** אין בהם, **שלא ניזק אחד מהם.**

(ג) כחוט השני שפתותיך, **בשעה שאמרו את השירה** שם טו): אז ישיר משה; — ומדברך נאוה, **שמראין באצבע ואומרים** (שם): זה אלי ואנוהו. **באותה שעה התחיל משה משבחן:** כפלח הרמון רקתך, — **הריקן שבכם רצוף מצות כרמון הזה; אין צריך לומר** מבעד לצמתך, **על הצנועין והמצומתין שבכם.**

(ד) כמגדל דוד צוארך, **מה שגידל אתכם דוד בספרו; ומה גידל אתכם דוד בספרו?** (תהלים קלו) לגוזר ים סוף לגזרים; — בנוי לתלפיות, מהו לתלפיות? **ספר שאמרו לו פיות הרבה. עשרה בני אדם אמרו ספר תהלים: אדם הראשון, ואברהם, משה, ודוד, ושלמה. על אילין חמשה לא אתפלגון; אילין חמשה אחרנייתא מאן אינון? רב ור' יוחנן. רב אמר: אסף, והימן, וידותון, ושלשה**

---

ספר? (תהלים קלו, יג) לגוזר — צו דעם וואָס צעשניידט דעם ים־סוף אויף שטיקער; — געבויט אויף תלפיות,[23] — **וואָס מיינט תלפיות? דער ספר וואָס אַ סך מיילער[24] האָבן אים געזאָגט. צען מענטשן האָבן מחבר געווען דעם ספר תהלים: אדם הראשון[25] און אברהם,[26] משה[27] און דוד, און שלמה.[28] וועגן די דאָזיקע פינף זיינען ניטאָ קיין חילוקי דעות; ווער זיינען די אַנדערע פינף? [וועגן דעם זיינען מחולק] רב און ר' יוחנן. רב האָט געזאָגט: אָסף,[29]**

---

אונ גאָט גייט זיי פאָרויס. [21] ריקן, אָנשפּיל אויף רקתך (דיין שלייף). [22] גידל — מגדל. [23] אַן איינמאָליק וואָרט אין תנ"ך, וואָס מע פּרואווט טייטשן פאַרשיידן: צו לער־נען אָדער צו ווייזן (דעם ריכטיקן וועג), פון אלף, לערנען; אויף אָנצוקוקן; פאַרבויט מיט טורעמלעך, א"א. [24] פיות. [25] **וואָס האָט געזאָגט דעם פּרק צב, ווען זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן** (מדרש תהלים באָבער, צב, ג). [26] **לויט אַ גמרא** (בבא בתרא טו, א) **איז** איתן האזרחי (תהלים פט, א) **אידענטיש מיט אברהמען.** [27] דאָרט צ, א. [28] דאָרט

און הימן,[30] און ידותון,[31] און די דריי זין פון קורחן[32] [וואָס ווערן גערעכנט ווי איינער][33] און עזרא.[34] ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אסף און ידותון [ווערן גערעכנט ווי] איינער, און די דריי זין פון קורחן,[35] און עזרא. לויט דער מיינונג פון רבן גייט אסף ניט אַריין אין כלל פון די בני קורח;[36] לויט דער מיינונג פון ר׳ יוחנן איז דער אסף פון דאַנען דער זעלבער אסף וואָס דאָרטן,[37] ביי׳ערט ווייל ער איז געווען אַ בן־תורה, האָט ער זוכה געווען אי צו זאָגן שירה מיט זיינע ברידער, אי צו זאָגן שירה אַליין. [אָבער] לויט דער מיינונג פון רבן איז אסף אַן אַנדערער, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים א, כה, ב־ג): על יד — ביי דער האַנט פון אספן, וואָס האָט נביאות געזאָגט ביי דער האַנט פונעם מלך. [— — — ידותון][38] — — — וואָס האָט נביאות געזאָגט, — [אויך אין דעם זיינען מחולק] רב און ר׳ יוחנן. רב האָט געזאָגט: [וואו עס שטייט] לידותון,[39] פון ידותון, איז עס דער וואָס האָט נביאות געזאָגט;[40] אָבער [וואו עס שטייט] על ידותון,[41] [מיינט עס] וועגן די גזירות,[42] וואָס זיינען אַריבער איבער אים און איבער ישראל. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: [אויך וואו עס שטייט נאָר] לידותון [מיינט עס, אַז דער מחבר פונעם פרק] האָט נביאות געזאָגט וועגן די [בייזע] גזעצן און די גזירות וואָס זיינען אַריבער איבער אים און איבער ישראל.[43]

ר׳ הונא פון ר׳ אחאס וועגן: כאָטש צען מענטשן האָבן מחבר געווען דעם ספר תהלים, ווערט ער אָבער פון זיי אַלע ניט פאַררעכנט אויף קיינעמס נאָמען, ביי׳ערט אויפן נאָמען פון דוד מלך ישראל. מע האָט וועגן דעם געגעבן אַ משל, — צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מסיבה פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זאָגן אַ לויב־געזאַנג פאַרן מלך. האָט דער מלך געזאָגט צו זיי: „איר זענט אַלע אָנגענעמע, אַלע צדיקים, אַלע זענט איר ראוי צו זאָגן אַ לויב־געזאַנג פאַר מיר; ניי׳ערט זאָל דער־און־דער זאָגן פאַר אייך אַלעמען. פאַרוואָס? ווייל זיין קול איז זיס.״ אַזוי, בשעת די צען צדיקים האָבן געוואָלט זאָגן דעם ספר תהלים, האָט הקב״ה געזאָגט צו זיי: „איר זענט אַלע אָנגענעמע און צדיקים, און איר זענט ראוי צו זאָגן אַ לויב־געזאַנג פאַר מיר; ניי׳ערט זאָל עס דוד זאָגן פאַר אייך אַלעמען. פאַרוואָס? ווייל זיין קול איז זיס.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמואל ב, כג, א): ונעים — און דער זיסער זינגער פון ישראל. ר׳ הונא פון ר׳ אחאס וועגן האָט געזאָגט: ווער פאַרזיסט די געזאַנגען פון ישראל? דוד בן ישי.[44]

עב, א. [29] עד, א א״א. [30] פח, א. [31] לט, א. [32] מב, א, א״א. [33] צוגעגעבן לויט קהלת רבה ז, לט. [34] מעגלעך, אַז דאָ ווערט געמיינט דער פרק קלז (מהרז״ו). אין מדרש תהלים באָבער, א, ווערט אַנשטאָט עזרא אָנגעגעבן מלכי צדק (אויפן סמך פון תהלים קי, ד). [35] דורך אַ טעות איז אין טעקסט אַריין דאָס וואָרט אחד. [36] לויט רבן איז דער אסף פון תהלים אידענטיש מיט דעם אסף פון דברי הימים א, ו, כד, און כה, ב, און איז ניט קיין זון פון קורחן. [37] אידענטיש מיט אביאסף בן קורח (שמות ו, כד). — וועגן די אסף־אידענטיפיקאַציעס פון רב און ר׳ יוחנן זע מהרז״ו. [38] צוגעגעבן לויט מתנות כהונה. [39] תהלים לט, א. [40] און רב פאַררעכנט אים ווי איינעם פון די מחברים פון תהלים. [41] סב, א; עז, א. די איבעריקע הא פון הידותון איז אַריין אין טעקסט מיט

בני קרח [אחד], ועזרא. ר׳ יוחנן אמר: אסף, והימן, וידותון — אחד, ושלשה בני קרח (אחד), ועזרא. על דעת רב אין אסף בכלל בני קרח; על דעת ר׳ יוחנן הוא אסף דהכא, הוא אסף דתמן, אלא על ידי שהיה בן תורה, זכה לומר שירה עם אחיו, וזכה לומר שירה בפני עצמו. על דעת רב אסף אחר הוא, שנאמר (דברי הימים א, כה): על יד אסף הנבא על ידי המלך. [— — — — ידותון] — — — הנבא, — רב ור׳ יוחנן. רב אמר: לידותון — הנבא; על (ה)ידותון — על הדינין שעברו עליו ועל ישראל. ר׳ יוחנן אמר: לידותון — הנבא על הדתיק, על הדינין שעברו עליו ועל ישראל.

ר׳ הונא בשם ר׳ אחא: אע״פ שעשרה בני אדם אמרו ספר תהלים, מכלהון לא נאמר על שמותם, אלא על ידי דוד מלך ישראל. משלו משל, למה הדבר דומה? לחבורה של אנשים שבקשו לומר הימנון למלך. אמר להם המלך: „כלכם נעימים, כלכם חסידים, כלכם משובחין לומר הימנון לפני; אלא איש פלוני יאמר על ידי כלכם. למה? שקולו ערב.״ כך בשעה שבקשו עשרה צדיקים לומר ספר התהלים, אמר להם הקב״ה: „כלכם נעימים וחסידים ומשובחים לומר הימנון לפני; אלא דוד יאמר על ידי כלכם. למה? שקולו ערב.״ הה״ד (שמואל ב, כג): ונעים זמירות ישראל. ר׳ הונא בשם ר׳ אחא אמר: מי מנעים זמירותיהם של ישראל? דוד בן ישי.

אלף המגן תלוי עליו, כל אותן האלפים והרבבות שעמדו על הים והגנתי עליהם, לא הגנתי עליהם, אלא בזכות אותו שבא לאלף דור. — כל שלטי הגבורים, להביא מי שהוא עומד

---

אלף — טויזנט שילדן הענגען אויף אים, די אַלע טויזנטער און צענער טויזנטער וואָס זיינען געשטאַנען ביים ים און איך האָב זיי באַשירעמט, האָב איך זיי ניט אַנדערש באַשירעמט, נייערט אין זכות פון דעם וואָס איז געקומען אויפן טויזנטסטן דור.[45] — אַלע פאַנצערס פון די גיבורים, מרבה צו זיין[46]

---

אַ טעות צוליבן דרש. [42] געטייטשט ידותון לויט דת, געזעץ, דאָ — געזעצן צום בייזן, בייזע גזרות. [43] און קיין באַזונדערער מחבר מיט דעם נאָמען איז ניט געווען. [44] די געזאַנגען פון די צען זקנים זיינען פאַרזיסט געוואָרן דורך דודן. [45] אין זכות פון משה רבינו, וואָס האָט מקבל געווען די תורה אויפן טויזנטסטן דור (תהלים קה, ח): לויט דער אגדה (שבת פח, א) איז די תורה באַשאַפן געוואָרן ניין הונדערט פיר און זיבעציק דורות פאַר בריאת העולם, און פון דאַן ביז מתן תורה זיינען אַריבער זעקס און צוואַנציק דורות; און ישראל איז געראַטעוועט געוואָרן ביים ים־סוף אין זכות פון משה רבינו.

איטלעכן וואָס שטעלט זיך אונ באַהערשט און איז גובר זיין יצר הרע, אַ שטייגער משה אין זיין צייט, דוד אין זיין צייט, עזרא אין זיין צייט,[47] — פון אַזאַ איינעם הענגט אָפּ דער גאַנצער דור זיינער. און דורך וועמען איז אייך דער ים־סוף געשפּאָלטן געוואָרן? דורך (ה) דיינע צוויי בריסט, דאָס זיינען משה און אהרן.[48]

ד

ר׳ יוחנן האָט באַשיידט די פּסוקים אויף ישראל פאַרן באַרג סיני: —

עדר, די סטאַדע וואָס איז געשטאַנען ביים באַרג סיני, זיי זיינען ניט געשטאַנען אין אויפגעהייטערטקייט, [נייערט] מבעד לצמתך, זיי האָבן זיך איינגעשרומפּן[1] ביי איטלעכער דיברה און זיי זיינען ניט געשטאַנען אין אויפגעהייטערטקייט, נייערט אין מורא און ציטערניש און פלאַטערניש. דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן [וואָס בלויזן זיך אַרויס[2] פון באַרג גלעד], — ר׳ יהושע האָט געזאָגט פון ר׳ לויס וועגן: דער באַרג וואָס איר האָט אַרויסגעשטראָמט פון אים; דער באַרג וואָס איר האָט זיך אַרויסגעבלויזט פון אים,[3] אים האָב איך געמאַכט פאַר אַ בערגל־אַן־עדות[4] פאַר די אומות פון דער וועלט. וואָסער [באַרג] איז עס? דאָס איז דער באַרג סיני. [ר׳ אבא בר כהנא האָט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן עס אַרויסגעלערנט פון דאַנען: עס שטייט געשריבן (ישעיה ס, יב): והגוים — און די פעלקער וועלן ווּסט פאַרוויסט ווערן, — פון באַרג חורב[5] זיינען זיי חרוב געוואָרן, דאָרט האָבן זיי באַקומען זייער פסק־דין אויף טויט.][6] און וואָס איז דער אויסבלייז, וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון דאָרט? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, — זאַכן געציילטע, צוויי הונדערט אַכט און פערציק מצוות עשה[7] און דריי הונדערט פינף און זעכציק מצוות לא תעשה;[8] וואָס קומען אַרויף פון דעם געוואַש, זיי זיינען אַלע געווען אָפּגעוואַשן פון זינד.[9] ר׳ אחא און ר׳ משרשיא זאָגן אין נאָמען פון ר׳ אידין: ביי אַלע מוסף־קרבנות שטייט געשריבן (במדבר כט, טו): ושעיר — און איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; (פסוק כב) און איין באָק אַ זינדאָפּפער. אָבער ביי שבועות שטייט ניט דאָס וואָרט חטאת, זינד;[10] דאָס איז דיך צו לערנען, אַז זיי האָבן ניט געהאַט אויף זיך קיין זינד און קיין פאַרברעך.

וואָס זיי אַלע זיינען געפּאָרט,[11] — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני צו געבן די תורה צו ישראל, האָבן אַראָפּגענידערט מיט אים זעכציק מאָל צען טויזנט מלאכים, און איטלעכער פון זיי האָט געהאַט אין האַנט אַ קרוין צו באַקרוינען איטלעך איינציקן פון ישראל.[12] ר׳ אבא בר כהנא פון ר׳ יוחננס וועגן: הונדערט און צוואַנציק

---

[46] צוצוגעבן: דאָס וואָרט כל, אלע, קומט מוסיף צו זיין עפּעס צום פריערדיקן. [47] יפה קול: משה האָט זיך פורש געווען פון זיין ווייב (ספרי בהעלותך, צט; מדרש אגדה, באָבער, בהעלותך יב); דוד האָט זיך געצוימט און ניט געהרגעט שאולן (שמואל א, כד; כו); עזרא האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע עולם הזהס, ווייל ער האָט אָפּגעגעבן זיין הארץ צו פאָרשן גאָטס תורה און צו טאָן, און צו לערנען ישראל געזעץ און משפט (עזרא ז, י), און אַזעלכע מענטשן הייסן גיבורים (פאַרגלייך אבות ד, א). [48] זע ווייטער, סימן יב.

וישלט ביצרו ויתגבר על יצרו, כגון משה בשעתו, דוד בשעתו, עזרא בשעתו, — כל דורו נתלה בו. ועל ידי מי נקרע לכם ים סוף? על ידי (ה) שני שדיך, אלו הם משה ואהרן.

ד

ר׳ יוחנן פתר קרייה בישראל לפני הר סיני: —

עדר שעמדו על הר סיני, לא היו עומדים (באלירא) [באילריא]; מבעד לצמתך, שהיו מצמצמין עצמן על כל דיבור ודיבור, ולא היו עומדין באילריא, אלא ביראה ורתת וזיע. שערך כעדר העדים [שגלשו מהר גלעד], — ר׳ יהושע בשם ר׳ לוי אמר: טורא דאתנהרתון מן גווה; הר שגלשתם מתוכו עשיתי אותו גל ועד לאומות העולם. איזה זה? זה הר סיני. [ר׳ אבא בר כהנא בשם ר׳ יונתן מייתי לה מן הכא: כתיב (ישעיה ס): והגוים חרוב יחרבו, — מחורב נחרבו, נטלו אפופסים שלהם למיתה.] ומה הגלשה הגלשתן מתוכו? שניך כעדר הקצובות, — מילין קציבין, רמ״ח מצות עשה ושס״ה מצות לא תעשה; שעלו מן הרחצה, שהיו כלן מרוחצין מן העונות. ר׳ אחא ור׳ משרשיא בשם ר׳ אידי אומר: בכל המוספין כתיב (במדבר כח): ושעיר עזים אחד לחטאת — — — ושעיר חטאת אחד. אבל בעצרת אין כתיב חטאת; ללמדך, שלא היה בידם לא חטא ולא עון.

שכלם מתאימות, — א״ר יוחנן: ביום שירד ה׳ על הר סיני ליתן תורה לישראל, ירדו עמו ששים רבוא של מלאכי השרת, וביד כל אחד ואחד מהן עטרה לעטר את ישראל לכל אחד ואחד מישראל. ר׳ אבא בר כהנא בשם ר׳ יוחנן: מאה ועשרין רבוא

---

ד. [1] צמצמו, אָנשפּיל אויף צמתך. [2] דאָ און ווייטער, ביי די איבערחזרונגען פון סימן ג, זע דאָרט די באַמערקונגען. [3] גאָט האָט אַריבערגעבויגן איבער ישראל דעם באַרג סיני און געזאָגט: נעמט איר אָן די תורה, איז גוט; אלא ניט, וועט דאָ זיין אייער קבורה״ (שבת פח, א). [4] גל ועד; אויבן איז דער נוסח „גלעד״. [5] וואָס איז אידענטיש מיט סיני (דער דרש איז געבויט אויף דער טאָפּלדיקייט פונעם אויסדרוק: חרוב יחרבו). [6] דער אָנהייב פּסוק לייענט זיך: וואָרום דאָס פאָלק און די מלוכה וואָס וועלן דיך ניט דינען, וועלן אונטערגיין, — די פעלקער וואָס האָבן ניט מקבל געווען די תורה האָבן זיך מיט דעם פאַרמשפּט צום גייסטיקן אונטערגאַנג. — אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך ר׳ אבא בר כהנאס מימרא פאַר די ווערטער פון ר׳ יהושע; לויט דער לאָגיק אָבער געהערן זיי דאָ (און אַזוי איז די גירסא פון רד״ל). [7] פּאָזיטיווע געבאָטן. [8] נעגאַטיווע, פאַרבאָטן. [9] דאָס מקבל זיין די תורה האָט מכפּר געווען אויף זייערע זינד. [10] דאָרט (פּסוק ל) שטייט נאָר איין ציגנבאָק. [11] לויטן דרש. [12] איז יעדער איינער געווען געפּאָרט

מאָל צען טויזנט מלאכים האָבן אַראָפּגעבּידערט מיט הקדוש ברוך הוא אויפן סיני; איינער האָט אים אָנגעטאָן אַ קרוין און איינער האָט אים אָנגעבונדן אַ זוני. וואָס מיינט זוני? ר׳ הונא רבה פון ציפּורי האָט געזאָגט: אַ וואָפן־גאַרטל;[13] דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (איוב יב, יח): מוסר — דעם בונד פון די מלכים מאַכט ער לויז,[14] און ער בינדט אָן אַ [וואָפן־] גאַרטל אויף זייערע לענדן.[15] — און קיין פאַרוואָרפעניש איז ניטאָ צווישן זיי, וואָרום קיינער פון זיי איז ניט געניזוקט געוואָרן. ווי דער רויטער פאָדים זיינע דיינע ליפּן, דאָס איז דאָס קול [פון ישראל] וואָס פאַר די עשרת הדיברות, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות כד, ג): ויען — האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק מיט איין קול: [אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן].[16] — און דיין גערייד איז שיין, דאָס איז דאָס קול וואָס נאָך די עשרת הדיברות, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים ה, כה): וישמע ה׳ — און גאָט האָט געהערט דאָס קול פון אייערע ווערטער — — — און גאָט האָט געזאָגט צו מיר: איך האָב געהערט דאָס קול פון די ווערטער פון דעם דאָזיקן פאָלק — — — רעכט איז אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט. וואָס מיינט: רעכט איז אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט? [זאָגן אויף דעם] ר׳ חייא בר אדא און בר קפּרא. איינער האָט געזאָגט: רעכט, ווי דאָס צורעכט מאַכן די ליכט; און איינער האָט געזאָגט: רעכט, ווי דאָס צורעכט מאַכן די קטורת.[17] דעמאָלט האָט משה זיי אָנגעהויבן לויבן: ווי דער אָפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, — דער ליידיקסטער צווישן דיר איז פול מיט תורה ווי דער דאָזיקער מילגרוים, און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן די וואָס אונטער דיין שלייער, וועגן די צניעותדיקע און איינגעהאַלטענע וואָס צווישן אייך.

ווי דודס טורעם איז דיין האַלדז, דאָס איז וואָס דוד האָט אייך געגרייסט אין זיין ספר. און ווי האָט אייך דוד געגרייסט אין זיין ספר? (תהלים סח, ח—ט) אלהים — גאָט, ווען דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פאָרויס פאַר דיין פאָלק; וואָס שטייט ווייטער? האָט די ערד געציטערט — — —. און אַזוי אויך (שופטים ה, ה): הרים — בערג זיינען צערונען געוואָרן פאַר גאָט, און ס׳איז איבעריק צו זאָגן: דער דאָזיקער סיני, פאַר גאָט, דעם גאָט פון ישראל. — געבויט אויף תלפיות, — [וואָס מיינט תלפיות?] דער ספר, וואָס אַ סך מיילער האָבן אים געזאָגט. — טויזנט שילדן הענגען אויף אים, — אַלע טויזנטער און צענער טויזנטער וואָס זיינען געשטאַנען פאַרן באַרג סיני און איך האָב זיי באַשירעמט, האָב איך זיי ניט אַנדערש באַשירעמט, נייערט אין זכות פון דעם וואָס איז געקומען אויפן טויזנטסטן דור. און ניט נאָר איר אַליין זענט אָנגעהאָנגען אָן אים,[18] נייערט אַלע פאַנצערס פון די גיבורים, וואָרום איט־לעכער וואָס שטעלט זיך און באַהערשט און איז גובר זיין יצר הרע, אַ שטייגער

---

מיט אַ מלאך. [13] געביטן לויט יאַסטראָוו (פון גריכיש). [14] פון די לענדן פון די אונ־טערדריקער. [15] ווי אַ סימן פון פרייזיין, און אַזוי האָבן די מלאכים געטאָן מיט ישראל. פאַרגלייך איכה רבה, פּתיחתא כד. [16] און דער ערשטער טייל פון יענער פּרשה איז געזאָגט געוואָרן פאַר מתן תורה (מדרש אגדה בובער; רש״י). [17] זע אויבן ב, לא, באַם. 3—4. [18] אָן משה רבינו און זיין זכות.

**של מלאכי השרת ירדו עם הקב״ה לסיני; אחד מלבישו עטרה ואחד אוסרו זוני. מהו זוני? ר׳ הונא רבה דציפורי אמר: (זונם) [זונס]; המד״א** (איוב יב): מוסר מלכים פתח ויאסור אזור במתניהם. — ושכולה אין בהם, **שלא היה ניזוק אחד מהם.** כחוט השני שפתותיך, **זה הקול שלפני הדיבור, המד״א** (שמות כד): ויען כל העם קול אחד; — ומדברך נאוה, **זה הקול של אחר הדבור, שנאמר** (דברים ה): וישמע ה׳ את קול דבריכם, **וגו׳,** ויאמר ה׳ אלי: שמעתי את קול דברי העם הזה, **וגו׳,** היטיבו כל אשר דברו. מהו היטיבו כל אשר דברו? **ר׳ חייא בר אדא ובר קפרא. חד אמר: הטבה כהטבת הנרות; וחד אמר: הטבה כהטבת הקטורת. באותה שעה התחיל משה מקלסן:** כפלח הרמון רקתך, — **הריקן שבך רצוף הוא תורות כרמון, ואין צריך לומר** מבעד לצמתך, **על הצנועין שבכם ועל המצומתין שבכם.**

כמגדל דוד צוארך, **מה שגידל אתכם דוד בספרו. ומה גידל אתכם דוד בספרו?** (תהלים סח) אלהים, בצאתך לפני עמך; **מה כתיב בתריה?** ארץ רעשה, **וגו׳. וכן** (שופטים ה) הרים נזלו מפני ה׳; **שאין תלמוד לומר:** זה סיני, מפני ה׳ אלהי ישראל. — בנוי לתלפיות, **ספר שאמרוהו פיות רבים.** אלף המגן **[תלוי עליו], כל אותן האלפים והרבבות, שעמדו לפני הר סיני והגנתי עליהם, לא הגנתי עליהם, אלא בזכות אותו הבא לאלף דור. ולא אתם בעצמכם נתליתם בו, אלא** כל שלטי הגבורים, **שכל מי שיעמוד וישלוט ויתגבר על יצרו, כגון משה בשעתו, דוד בשעתו, עזרא בשעתו, כל דורן נתלה בהם. ועל ידי מי נתן התורה? על ידי** שני שדיך, **אלו משה ואהרן.**

ה

**ר׳ יצחק פתר קרייה במלחמת מדין: —**

שערך כעדר העזים, — **עדרים, שהלכו למלחמת מדין, לא**

---

**משה אין זיין צייט, דוד אין זיין צייט, עזרא אין זיין צייט — זייער גאַנצער דור הענגט אָפּ פון זיי. און דורך וועמען האָט ער געגעבן די תורה? דורך** דיינע צוויי בריסט, **דאָס זיינען משה און אהרן.**

ה

**ר׳ יצחק האָט באַשיידט די פסוקים אויף דער מלחמה מיט מדין:[1] —**

שערך — דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן. — **די סטאַדעס וואָס זיינען געגאַנגען אין מלחמה אויף מדין, זיינען געגאַנגען ניט אַנדערש, נייערט אין**

זכות פון משהן און פינחסן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט [(במדבר לא, ו): וישלח — און משה האָט זיי געשיקט — — — זיי און פינחסן].[2] — וואָס בלויזן זיך אַרויס פון באַרג גלעד, דער באַרג וואָס איר האָט זיך אַרויסגעבלויזט פון אים,[3] אים האָב איך געמאַכט פאַר אַ בערגל־אַן־עדות פאַר די אומות פון דער וועלט; און וואָס איז עס? דאָס איז די מלחמה מיט מדין. און וואָס איז דער אויסבלייז וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון איר? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, געציילטע זאַכן, — צוועלף טויזנט [מאַן] פרייוויליקע און צוועלף טויזנט געצוואונגענע,[4] ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק ה): וימסרו — און עס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן[5] פון די טויזנטער פון ישראל צו טויזנט פון אַ שבט. ר׳ חנניה בר יצחק האָט געזאָגט: [נאָר] מיט צוועלף טויזנט זיינען זיי געגאַנגען אין מלחמה אויף מדין. וואָס קומען אַרויף פון דעם געוואַש, — ר׳ הונא האָט געזאָגט: קיינער פון זיי האָט ניט געלייגט די תפילין של ראש פאַר די תפילין של יד;[6] וואָרום ווען עמעצער פון זיי זאָל געווען לייגן די תפילין של ראש פאַר די תפילין של יד, וואָלט משה זיי ניט געווען געלויבט, און זיי וואָלטן ניט אַרויפגעקומען פון דאָרט בשלום. מיינט עס, אַז זיי זיינען געווען גאָר גרויסע צדיקים. וואָס זיי אַלע זיינען געפּאָרט, וואָרום בעת זיי פלעגן פאָרוויז אַריינגיין צו אַ פרוי,[7] פלעגט איינער פון זיי פאַרסאַזשען איר פנים און איינער פלעגט אַראָפּנעמען אירע אויריינגען. פלעגן זיי זאָגן צו זיי: „זיינען מיר ניט פון גאָטס באַשעפעניש, וואָס איר טוט אַזוינס צו אונדז?״ פלעגן די יידן זאָגן צו זיי: „איז אייך נאָך ניט גענוג, וואָס מיר האָבן אַריינגעקראָגן איבער אייך? ווי אין פסוק שטייט (דאָרט כה, ד): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם אַלע הויפּטלייט פון פאָלק און הענג זיי אויף. — און קיין פאַרוואָרפערין איז ניטאָ צווישן זיי, וואָרום אויף קיינעם פון זיי איז ניט געפאַלן קיין חשד פון אַן עבירה.

ווי דער רויטער פאָדים זיינען דיינע ליפּן, בשעת זיי האָבן געזאָגט צו משהן (דאָרט לא, מט): עבדיך — דיינע קנעכט האָבן אויפגענומען די צאָל פון די מלחמה־לייט וואָס אונטער אונדזער האַנט, און קיינער איז פון אונדז ניט געמינערט געוואָרן, אויף שאַנד און אויף זינד. און דיין גערייד איז שיין, ווען זיי האָבן געזאָגט צו אים (פסוק נ): ונקרב — און מיר האָבן געבראַכט

---

ה. [1] מערסטע באַמערקונגען צום סימן ג האָבן אויך אַ שייכות מיט דעם סימן. [2] אין די געדרוקטע טעקסטן ווערט דאָ ציטירט פסוק נא, וואָס האָט דאָ קיין שייכות ניט; מיר האָבן געביטן לויטן מתנות כהונה און מהרז״ו (אויף דער אות אמת שטעלט זיך אָפּ אויף דעם). [3] די צרה וואָס איר זענט ניצול געוואָרן פון איר. [4] די איבערחזרונג פון אלף למטה (טויזנט פון איטלעכן שבט) ווערט פאַרשטאַנען ווי צוויי טויזנט פון אַ שבט (פאַרגלייך במדבר רבה כב, ג: די אַנדערע צוועלף טויזנט האָבן ניט געוואָלט גיין אין מלחמה, ווייל גלייך נאָך דער מלחמה האָט משה געזאָלט שטאַרבן, און זיי האָבן ניט געוואָלט דערנענטערן זיין טויט). [5] קעגן זייער ווילן. [6] אַזוי אָפּגעהיט זיינען זיי געווען מיט די מצוות — אָפּגעוואַשן פון יעדער זינד. [7] פון די וואָס האָבן אָנגערעדט יידן צו

הלכו, אלא בזכות משה ופנחס; הה"ד [(במדבר לא): וישלח אותם משה, וגו', אותם ואת פינחס]. — שגלשו מהר גלעד, הר שגלשתן מתוכו עשיתיו גל ועד לאומות העולם; איזו זו? זו מלחמת מדין. ומה הגלשה הגלשתן מתוכו? שניך כעדר הקצובות, מלין קצובים, — שנים עשר אלף בנדבה ושנים עשר אלף במסירה, שנאמר (שם): וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה. א"ר חנניה בר יצחק: בשנים עשר אלף הלכו למלחמת מדין. שעלו מן הרחצה, — ר' הונא אמר: שלא הקדים אחד מהן תפילין של ראש לתפילין של יד; שאילו הקדים אחד מהן תפילין של ראש לתפילין של יד, לא היה משה משבחן, ולא היו עולין משם בשלום. הוי אומר, שהיו צדיקים ביותר. שכולם מתאימות, שבשעה שהיו נכנסין זוגות זוגות אצל האשה, היה אחד מהן מפחם פניה ואחד מהן מפרק נזמיה. והיו אומרות להם: „אין אנו מבריותיו של הקב"ה, שתעשו לנו כך?" והיו ישראל אומרים להן: „לא דייכם שנטלנו שלנו מתחת ידיכן?" הה"ד (שם כה): ויאמר ה' אל משה: קח את כל ראשי העם והוקע אותם. — ושכולה אין בהם, שלא נחשד אחד מהם בעבירה.

כחוט השני שפתותיך, בשעה שאמרו למשה (שם לא): עבדיך נשאו את ראש אנשי המלחמה אשר בידינו, ולא נפקד ממנו איש, לעריה ולחטא. ומדברך נאוה, שאמרו לו (שם): ונקרב את קרבן ה'. אמר להם משה: „דבריכם סותרים זה את זה. אמרתם: 'ולא נפקד ממנו איש לעריה ולחטא', ואמרתם: 'ונקרב את קרבן ה',' — אילו לא חטאתם, קרבן זה למה?" א"ל: „משה רבינו, זוגות זוגות היינו נכנסין אצל האשה, והיה אחד ממנו מפחם פניה ואחד מפרק נזמיה; אפשר שלא הזיע יצר הרע קמעא? על אותה

---

אַ קרבן צו גאָט. האָט משה געזאָגט צו זיי: „אייערע ווערטער זיינען סותר איינס ס'צווייטע. איר האָט געזאָגט: 'און קיינער איז פון אונדז ניט געמינערט געוואָרן צו שאַנד און צו זינד,' און איר זאָגט: 'און מיר האָבן געבראַכט אַ קרבן צו גאָט' — אויב איר האָט ניט געזינדיקט, צו וואָס איז דער קרבן?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „משה רבינו, פאָרוויז פלעגן מיר אַריינגיין צו אַ פרוי, איינער פון אונדז פלעגט איר פאַרסאַזשען דאָס פנים און איינער פלעגט אַראָפּנעמען אירע אויריגגען; איז עס מעגלעך, אַז דער יצר הרע האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן אויף אַ האָר? וועגן דעם דאָזיקן ריר פונעם יצר

הרע ווילן מיר ברענגען אַ קרבן.״ דערנסטמאָל האָט משה אָנגעהויבן זיי לויבן: „ווי דער אָפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, די ליידיקע צווישן אייך זיינען אָנגעפילט מיט מצוות און מעשים טובים ווי דער דאָזיקער מילגרוים. וואָרום ווען עמעצן קומט אָן עבירה צו דער האַנט, און ער ראַטעוועט זיך פון איר און טוט זי ניט, האָט ער אַ גרויסע מצווה געטאָן; און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן די וואָס אונטער דיין שלייער, וועגן די צניעות־דיקע און צוריקגעהאַלטענע וואָס צווישן אייך.״

ווי דודס טורעם, דאָס איז וואָס דוד האָט אייך געגרייסט אין זיין ספר. און ווי האָט אייך דוד געגרייסט אין זיין ספר? (תהלים קלו, יט—כב): סיחון דעם מלך פון אמורי — — — און עוג דעם מלך פון בשן — — — און געגעבן זייער לאַנד פאַר אַ נחלה — — — [צו ישראל זיין קנעכט]. — געבויט אויף תלפיות, דער ספר וואָס אַ סך מיילער האָבן אים געזאָגט. טויזנט שילדן הענגען אויף אים, די אַלע צענער טויזנטער[8] און טויזנטער וואָס זיינען געגאַנגען אין מלחמה אויף מדין און איך האָב זיי באַשירעמט, האָב איך זיי ניט אַנדערש באַשירעמט, נייערט אין זכות פון דעם וואָס איז געקומען אויפן טויזנטסטן דור. און ניט נאָר איר אַליין זענט אָנגעהאַנגען אָן אים, נייערט אַלע שילדן פון די גיבורים, איטלעכער וואָס שטעלט זיך און באַהערשט און איז גובר זיין יצר הרע, ווערט גערופן גיבור, אַ שטייגער משה אין זיין צייט, דוד אין זיין צייט, עזרא אין זיין צייט, — זייער גאַנצער דור הענגט אָפּ פון זיי. און דורך וועמען איז געמאַכט געוואָרן די מלחמה מיט מדין? דורך דיינע צוויי בריסט, דורך די הויפּטן פון סנהדרין,[9] משה און פינחס.

ו

ר׳ הונא האָט באַשיידט די פסוקים אויפן [אַריבערגיין דעם] ירדן[1]: —

דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן, — די סטאַדע וואָס איז אַריבער דעם ירדן, איז ניט אַנדערש אַריבער, נייערט אין זכות פון יעקב אבינו; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יהושע ד, כב): והודעתם — און איר זאָלט לאָזן וויסן אייערע קינדער, אַזוי צו זאָגן: אין דער טריקעניש איז ישראל אַריבער [דעם דאָזיקן ירדן], און ר׳ הונא האָט געזאָגט: ישראל [מיינט דאָ] דער זיידע ישראל.[1א] ר׳ יודן אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: אין דריי ערטער, אין דער תורה, אין נביאים און אין כתובים, געפינען מיר, אַז ישראל איז ניט אַנדערש אַריבער דעם ירדן, נייערט אין זכות פון יעקב אבינו. אין דער תורה (בראשית לב, יא): כי — וואָרום מיט מיין שטעקן בין איך אַריבער דעם דאָזיקן ירדן; אין נביאים (יהושע ד, כב): והודעתם — און איר זאָלט לאָזן וויסן אייערע קינדער, אַזוי צו זאָגן: אין דער טריקעניש איז ישראל אַריבער דעם דאָזיקן ירדן: ישראל [מיינט דאָ] דער זיידע ישראל. אין כתובים (תהלים קיד,ה־ז):

זינד (במדבר כה, א). [8] לויט דער מיינונג, אַז די צאָל מלחמה־לייט איז געווען צו צוויי טויזנט פון אַ שבט. [9] לויטן ערוך השלם.

ו. [1] פאַרגלייך אויך דאָ די באַמערקונגען צום סימן ג. [1א] ד״ה: אין זכות פון

**הזיעה של יצר הרע אנו אומרים להביא קרבן." באותה שעה התחיל משה משבחן:** כפלח הרימון רקתך, **ריקנין שבכם רצופין מצות ומעשים טובים כרמון הזה. שכל מי שבאה עבירה לידו וניצל ממנה ולא עשה אותה, מצוה גדולה עשה; ואין צריך לומר** מבעד לצמתך, **על הצנועין ועל המצומתין שבכם.**

כמגדל דויד, **מה שגדל אתכם בספרו; ומה גדל אתכם בספרו?** (תהלים קלו) לסיחון מלך האמורי — — — ולעוג מלך הבשן — — — ונתן ארצם לנחלה [— — — לישראל עבדו]. — בנוי לתלפיות, **ספר שאמרוהו פיות הרבה.** אלף המגן תלוי עליו, — **כל הרבבות והאלפים שהלכו למלחמת מדין והגנתי עליהם, לא הגנתי עליהם, אלא בזכות אותו שבא לאלף דור. ולא אתם בעצמכם נתליתם בו, אלא** כל שלטי הגבורים, **כל שעומד ושולט ומתגבר ביצרו, קרוי גבור, כגון משה בשעתו, דוד בשעתו, עזרא בשעתו, — כל דורן נתלה בהן. ועל ידי מי נעשית מלחמת מדין?** על ידי שני שדיך, **על ידי סנדרנא משה ופנחס.**

ו

**ר' הונא פתר קרייה בירדן: —**

שערך כעדר העזים, — **עדר שעברו את הירדן, לא עברו אלא בזכות יעקב אבינו; הה"ד** (יהושע ד): והודעתם את בניכם לאמר: ביבשה עבר ישראל, — **ר' הונא אמר: ישראל סבא. ר' יודן בשם ר' יוחנן: בג' מקומות מצאנו, בתורה, בנביאים, בכתובים, שלא עברו ישראל הירדן, אלא בזכות יעקב אבינו. בתורה** (בראשית לב): כי במקלי עברתי את הירדן הזה; **בנביאים** (יהושע ד): והודעתם את בניכם לאמר: ביבשה עבר ישראל את הירדן הזה: ישראל — **ישראל סבא; בכתובים** (תהלים קיד): מה לך, הים, כי תנוס? הירדן תסב לאחור, **וגו',** מלפני אלוה יעקב. — שגלשו מהר גלעד, **הר שגלשתן מתוכו עשיתיו גל ועד לאומות העולם; איזה זהו? זה הירדן. ומה הגלשה הגלשתם**

---

מה לך — וואָס איז דיר, ים, וואָס דו אַנטלויפסט, דו ירדן, וואָס דו טרעטסט אָפּ אַהינטער? — — — פון פאַר דעם גאָט פון יעקבן. — וואָס בלויזן זיך אַרויס פון באַרג גלעד, **דער באַרג וואָס איר האָט זיך אַרויסגעבלויזט פון אים,[2] אים האָב איך געמאַכט פאַר אַ בערגל־און־עדות פאַר די אומות פון דער וועלט; וואָס איז עס? דאָס איז דער ירדן. און וואָס איז דער אויסבלייז וואָס**

איר האָט אַרויסגעבלויזט פון אים? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, דאָס איז דאָס רויב פון סיחון און עוג.[3] וואָס קומען אַרויף פון גוואַש, — ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: דורך זעכציק טויזנט [מלחמה־לייט][4] איז דאָס לאַנד כנען איינגענומען געוואָרן. דאָס איז די מיינונג פון ר׳ אלעזרן, וואָרום ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אַ יעדע מלחמה, וואָס האָט מער ווי זעכציק טויזנט, איז אַ מלחמה פון צעטומלעניש. ר׳ יהודה האָט פון חזקיהס וועגן געזאָגט: אומעטום וואו דער פסוק זאָגט: אַרום צען, אַרום צוואַנציק, אַרום דרייסיק, אַרום פערציק, מיינט עס אָדער וויניקער, אָדער מער. דאָרטן ווערט געזאָגט (יהושע ד, יג): כארבעים — אַרום פערציק טויזנט פאָדער־חיילות, און דאָ ווערט געזאָגט (דברי הימים א, ה, יח): [די קינדער פון ראובן און גד און דער האַלבער שבט מנשה — — —] פיר און פערציק טויזנט און זיבן הונדערט און זעכציק.[5] ר׳ אחא האָט געזאָגט: זיי[6] זיינען [לכתחילה] געווען אַ גאַנצער טויזנט,[7] אָבער די איבעריקע זיינען אומגעקומען אויף די וועגן. [האָט מען אים געפרעגט:] וואו זיינען די אַנדערע פופצן טויזנט?[8] האָט ער זיי געזאָגט: זיי האָבן געהיט די זאַכן, האָט זיי דער פסוק ניט גערעכנט. וואָס זיי אַלע זיינען אַריינגעפּאַסט, זיי זיינען געווען אַריינגעפּאַסט צווישן דעם פאָדער־חייל און דעם הינטער־חייל; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יהושע ו, ט): והחלוץ — און דאָס פאָדער־חייל גייט פאַר די כוהנים — — — [און דאָס הינטער־חייל גייט נאָכן ארון]. — און קיין פאַרוואָרפערין איז ניטאָ צווישן זיי, וואָרום קיינער פון זיי איז ניט געניזוקט געוואָרן.

ווי דער רויטער פאָדים זיינען דיינע ליפּן, ווען זיי האָבן געזאָגט צו יהושען (דאָרט א, טז): כל — אַלץ וואָס דו האָסט אונדז באַפוילן וועלן מיר טאָן; — און דיין גערייד איז שיין, ווען זיי האָבן געזאָגט (דאָרט, פסוק יח): איטלעכער מאַן וואָס וועט ווידערשפּעניקן דיין מויל — — — וועט געטייט ווערן. דעמאָלט האָט יהושע זיי אָנגעהויבן לויבן: ווי דער אָפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, דער ליידיקסטער ביי דיר איז פול מיט תורה ווי דער דאָזיקער מילגרוים, און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן [וועגן די וואָס] אונטער דיין שלייער, די צניעותדיקע און צוריקגעהאַלטענע וואָס צווישן אייך.

ווי דודס טורעם איז דיין האַלדז, — ווי האָט אייך דוד געגרייסט אין זיין ספר? (תהלים קלו, יז): למכה — דעם וואָס האָט געשלאָגן גרויסע מלכים.[9] — טויזנט שילדן, די אַלע טויזנטער און צענער טויזנטער וואָס זיינען אַריבער דעם ירדן און איך האָב זיי באַשירעמט, האָב איך זיי ניט אַנדערש באַשירעמט, נייערט אין זכות פון דעם וואָס איז געקומען אויפן טויזנטסטן דור. און ניט נאָר איר אַליין הענגט אָן אָן אים, נייערט אַלע פאַנצערס פון די גיבורים, איטלעכער וואָס שטעלט זיך און באַהערשט און איז גובר זיין יצר הרע, אַ שטייגער משה אין זיין צייט, דוד אין זיין צייט, עזרא אין זיין צייט, — זייער גאַנצער דור הענגט אָפּ פון זיי. און דורך וועמען איז ישראל אַריבער דעם ירדן? דורך דיינע צוויי בריסט, דאָס זיינען יהושע און אלעזר.

מתוכו? שניך כעדר הקצובות, **בזת סיחון ועוג.** שעלו מן הרחצה, — **א"ר אלעזר: בששים אלף נכבשה ארץ כנען. היא דעתיה דר' אלעזר, דא"ר אלעזר: כל מלחמה שהיא יתירה על ששים אלף, מלחמת ערבוביה היא. ר' יהודה בשם חזקיה אמר: כל מקום שנאמר: כעשר, כעשרים, כשלשים, כארבעים, אמר או חסר או יתר. תמן איתמר** (יהושע ד): כארבעים אלף חלוצי צבא, **והכא איתמר** (דברי הימים א, ה): ארבעים וארבעה אלף ושבע מאות וששים. **א"ר אחא: אלף שלם היו, והשאר כלו בדרכים. — אותן ט"ו אלף היכן הם? אמר להם: שומרי כלים היו, ולא מנאן הכתוב.** שכלם מתאימות, **שהיו מותאמים בין החלוץ למאסף; ההי"ד** (יהושע ו): **והחלוץ הולך לפני הכהנים, וגו',** [והמאסף הולך אחרי הארון]. — ושכולה אין בהם, **שלא היה ניזק אחד מהן.**

כחוט השני שפתותיך, **כשאמרו ליהושע** (יהושע א): כל אשר צויתנו נעשה, **וגו';** ומדברך נאוה, **שאמרו** (שם): כל איש אשר ימרה את פיך — — — יומת. **באותה שעה התחיל יהושע משבחן:** כפלח הרמון רקתך, **הריקן שבך רצוף הוא תורות כרמון הזה, ואין צריך לומר** מבעד לצמתך, **על הצנועין שבכם ועל המצומתים שבכם.**

כמגדל דוד צוארך, — **במה גדל אתכם דוד בספרו?** (תהלים קלו) למכה מלכים גדולים.—אלף המגן, **כל אותן האלפים והרבבות שעברו את הירדן והגנתי עליהם, לא הגנתי עליהם אלא בזכות אותו הבא לאלף דור. ולא אתם בעצמכם נתליתם בו, אלא כל** שלטי הגבורים, **שכל מי שיעמוד וישלוט ויתגבר על יצרו, כגון משה בשעתו, דוד בשעתו, עזרא בשעתו, כל דורן נתלה בהן. ועל ידי מי עברו ישראל את הירדן? על ידי** שני שדיך, **אלו הן יהושע ואלעזר.**

---

ישראל (יעקב). [2] זע סימן ה, באַמ. 3. [3] די מלכים פון עבר הירדן וואָס זיי האָבן איינגענומען און צוגערויבט זייער פאַרמעגן (במדבר כא, כד און ווייטער). [4] פון די שבטים ראובן און גד און האַלב שבט מנשה, וואָס זיינען געגאַנגען פאָרויס פאַר ישראל, ווי ווייטער, און זיי זיינען געווען צדיקים (אָפּגעוואַשן פון זינד), אַנדערש וואָלטן זיי ניט מצליח געווען. [5] אַ באַווייז, אַז וואו עס שטייט ארום, איז די צאָל ניט פּינקטלעך. [6] די זיבן הונדערט און זעכציק. [7] און עס זיינען געווען פולע פינף און פערציק טויזנט. [8] לויט ר' אלעזרס חשבון פון זעכציק טויזנט. [9] פון ישראלס וועגן.

## ז

אַן אַנדער פשט: — — — פון אונטער דיין האָר־געפלעכט. דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס בלויזן זיך אַרויס פון באַרג גלעד, דער באַרג וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט[1] פון אים, אים האָב איך געמאַכט פאַר אַ בערגל־אַן־עדות פאַר די אומות פון דער וועלט; און וואָס איז עס? דאָס איז דער בית המקדש, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סח, לו): נורא — פאָרכטיק איז גאָט פון דיינע הייליקטומען, — פון וואַנען קומט אַרויס פאָרכט, ניט פון בית המקדש? דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כו, ב): את שבתותי — מיינע שבתים זאָלט איר אָפּהיטן און פאַר מיין הייליקטום זאָלט איר פאָרכטן, וואָרום ער איז געהייליקט אין זיין חורבן אַזוי ווי ער איז געהייליקט אין זיין אויפגעבויטקייט. און דאָ האָבן מיר אַ קל וחומר: מה־דאָך זיין בית המקדש האָט ער ניט נושא פנים געווען;[2] היינט ווען ער וועט קומען באַצאָלט נעמען פון די וואָס האָבן אים חרוב געמאַכט, — אוודאי און אוודאי! און וואָס איז דער אויסבלייז וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון אים? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, — זאַכן געציילטע, דאָס זיינען די בגדים פון דער כהונה גדולה. וואָרום דאָרט[3] האָבן מיר געלערנט: דער כוהן גדול טוט די עבודה אין אַכט בגדים, און דער פשוטער כוהן אין פיר; אין אַ העמד און הויזן, אַ הויב און אַ גאַרטל; צו דעם גיט צו דער כוהן גדול דעם חושן,[4] און דעם אפוד,[5] און דעם מאַנטל, און דאָס שטערנשילדל — די הייליקע קרוין.[5א]

דאָס העמד פלעגט מכפר זיין אויף די בלוט־פאַרגיסערס, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית לז, לא): ויטבלו — און זיי האָבן איינגעטונקט דאָס העמדל אין בלוט;[6] און אַנדערע זאָגן: אויף די וואָס טראָגן שעטנז, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק ג): ועשה לו — און ער האָט אים געמאַכט אַ געשטרייפט העמדל.[7] די הויזן האָבן פאַרגעבן אויף גילוי עריות,[8] ווי דער פסוק זאָגט (שמות כח, מב): ועשה — און מאַך זיי הויזן פון ליינען צו פאַרדעקן דאָס שאַנד־לייב. די הויב פלעגט פאַרגעבן אויף די פאַרריסענע לייט, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כט, ו): ושמת — און דו זאָלסט אָנטאָן די הויב אויף זיין קאָפּ.[9] אויף וואָס פלעגט דער גאַרטל מכפר זיין? אויף די פאַרדרייערס; [און אַנדערע זאָגן: אויף די גנבים].[10] דער טעם פון דעם וואָס זאָגט 'אויף די גנבים' איז, ווייל דער גאַרטל איז געווען הויל, קעגן די גנבים, וואָס טוען זייער אַרבעט אין דער פינצטער; און דער וואָס זאָגט 'אויף די פאַרדרייערס',

---

ז. [1] דער ווערב גלש ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי טראַנזיטיוו. [2] און ווען ישראל האָט זיך פאַרזינדיקט, האָט ער אים חרוב געמאַכט. [3] משנה, יומא ז, ח. [4] ברוסטשילד. [5] אַ וועסטל־בגד. [5א] שמות לט, ל. [6] אַזוי ווי כתונת, העמד, אין דעם פסוק האָט אַ שייכות מיט בלוט פאַרגיסונג, אַזוי אויך האָט עס ביים כוהן גדול אַ שייכות מיט דעם (אין דעם זעלבן זין דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן אויך די ווייטער ציטירטע פסוקים וועגן די כהונה־בגדים און וועגן די זינד וואָס זיי זיינען מכפר). [7] געשטרייפט פאַרשטאַנען ווי געמישט, וואָל מיט פלאַקס (וואָס אין יעקבס צייטן, פאַר מתן תורה, איז עס נאָך ניט געווען פאַרבאָטן). [8] פאַרבאָטענער אינטימער פאַרקער. [9] אַ רמז אויף די וואָס גייען מיט פאַרריסענע קעפּ. [10] צוגעגעבן לויט ירושלמי, יומא ז, ג און ויקרא רבה, י, ו, און

## ז

ד"א: — — — מבעד לצמתך. שערך כעדר העזים שגלשו מהר גלעד, הר שגלשתם מתוכו עשיתיו גל ועד לאומות העולם; ואיזה זה? זה בית המקדש, שנאמר (תהלים סח): נורא אלהים ממקדשיך, — מאיכן מורא יוצאה, לא מבית המקדש? הד"א (ויקרא כו): את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו, שהוא מקודש בחרבנו כשהיה מקודש בבנינו. והרי דברים קל וחומר: ומה אם למקדשו לא נשא הקב"ה פנים; לכשיבא להפרע ממחריביו, עאכ"ו! ומה הגלשה הגלשתן מתוכו? שניך כעדר הקצובות, — מילין קצובין, אלו בגדי כהונה גדולה. דתנינן תמן: כהן גדול משמש בשמונה בגדים, וההדיוט בד': בכתונת ומכנסים, מצנפת ואבנט; מוסיף עליו כהן גדול חשן ואפוד, ומעיל, וציץ נזר הקדש.

כתונת היתה מכפרת על שופכי דמים, המד"א (בראשית לז): ויטבלו את הכתונת בדם; ויש אומרים: על לובשי כלאים, המד"א (שם): ועשה לו כתונת פסים. מכנסים מכפרים על גלוי עריות, המד"א (שמות כח): ועשה להם מכנסי בד לכסות בשר ערוה. מצנפת מכפרת על גסי הרוח, המד"א (שם כט): ושמת המצנפת על ראשו. אבנט על מה מכפר? על העוקמנין; [ומאן דאמר: על הגנבים]. טעמא מאן דאמר 'על הגנבים', לפי שהיה חלול, כנגד הגנבים, שעושין מעשיהם בסתר; ומאן דאמר 'על העוקמנין,' — אמר ר' לוי: שלשים ושתים אמות היה בו, והיה מעקמו לכאן ולכא. חשן היה מכפר על מטי דין; הד"א (שם כח): ונתת אל חשן המשפט — — —. אפוד היה מכפר על עובדי עבודה זרה, המד"א (הושע ג): ואין אפוד ותרפים. מעיל היה מכפר על לשון הרע. ר' סימון בשם ר' יונתן דבית גוברין: שני

---

[לויט דעם וואָס] ר' לוי האָט געזאָגט: צוויי און דרייסיק איילן האָט ער געהאַלטן, און דער כוהן פלעגט אים פאַרדרייען אַהין און אַהער.[11] — דער חושן פלעגט מכפר זיין אויף די וואָס פאַרדרייען אַ משפט; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט כח, ל): ונתת — און דו זאָלסט אַריינטאָן אין דעם חושן פון משפט — — —. דער אפוד פלעגט מכפר זיין אויף די וואָס האָבן געדינט דער עבודה זרה, ווי דער פסוק זאָגט (הושע ג, ד): ואין — און ניט קיין אפוד און קיין תרפים. — דער מאַנטל פלעגט מכפר זיין אויף לשון הרע. ר' סימון אין נאָמען פון ר' יונתן פון בית גוברין: צוויי זאַכן האָבן ניט געהאַט קיין פאַר־

---

אַזוי פאָדערט עס דער אינהאַלט. [11] אַרויף און אַראָפּ, כדי ער זאָל אים ניט מאַכן אויסזען

געבונג, האָט די תורה זיי באַשטימט אַ פאַרגעבונג: די גלעקלעך פונעם מאַנטל, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כח, לה): והיה — און עס זאָל זיין אויף אהרנען ביים דינען, און דאָס קול דערפון זאָל זיך הערן, — זאָל קומען דאָס קול [פון די גלעקלעך] און מכפר זיין אויפן קול פון לשון הרע; און דער וואָס הרגעט אַ מענטשן אומגערן האָט ניט געהאַט קיין פאַרגעבונג; האָט די תורה אים באַשטימט אַ פאַרגעבונג, דאָס איז דער טויט פון כוהן גדול, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לה, כה): וישב — און ער זאָל זיצן אין איר[12] ביזן טויט פון כוהן גדול. דאָס שטערנשילדל האָט מכפר געווען אויף עזות־פּנימער, און אַן אַנדערער זאָגט: אויף לעסטערערס. דער וואָס זאָגט 'אויף עזות־פּנימער', איז עס ווי דער פסוק זאָגט (שמות כח, לח): אויף אהרנס שטערן, און ווייטער זאָגט דער פסוק (ירמיה ג, ג): ומצח — אָבער אַ שטערן פון אַן אישה־זונה האָסטו געהאַט;[12א] און דער וואָס זאָגט 'אויף לעסטערערס' [איז עס לויטן פסוק]: והיה — און עס זאָל זיין אויף זיין שטערן שטענדיק,[13] און ווייטער זאָגט דער פסוק (שמואל א, יז, מט): ותטבע — און דער שטיין איז אַריינגעזונקען אין זיין שטערן.[13א] — — —

עס שטייט געשריבן (דאָרט): ויפול — און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד. פאַרוואָס עפּעס איז ער געפאַלן אויף זיין פּנים?[14] ביַיערט דו דאַרפסט דרשענען דעם אָנהויב (דאָרט פסוק ד): ויגבהו — זיין הייך זעקס איילן און אַ שפּאַן, — [ער איז געפאַלן אויפן פּנים][15] כדי דער דאָזיקער צדיק זאָל ניט דאַרפן זיך באַמיען און גיין די גאַנצע לענג פון זיין וואוקס;[16] דעריבער שטייט: און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד. ר׳ הונא האָט געזאָגט: דאָס איז דערפאַר וואָס אויף זיין האַרץ איז געווען אויסגעקריצט דגון זיין גאָט; איז דאָ מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט (ויקרא כו, ל): ונתתי — און איך וועל אַרויפגעבן אייערע פגרים אויף די פגרים פון אייערע געצן. אַן אַנדער פשט: און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, — רבי האָט געזאָגט: כדי דאָס דאָזיקע פאַרסרחעטע מויל, וואָס האָט געשעגדט און געלעסטערט, זאָל באַהאַלטן ווערן [אין שטויב], אַט ווי דער פסוק זאָגט איוב (מ, יג): טמנם — באַהאַלט זיי אין שטויב צוזאַמען. אַן אַנדער פשט: און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, כדי דער דאָזיקער צדיק זאָל ניט דאַרפן זיך באַמיען ביים צוריקגיין. אַן אַנדער פשט: און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים, כדי דער דאָזיקער צדיק זאָל קומען און טרעטן אויף זיין האַלדז, עס זאָל מקויים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט (דברים לג, כט): ואתה — און דו וועסט אויף זייערע הייכן טרעטן.

---

צו דיק. [12] אין דער עיר מקלט (זע דאָרט, פסוק י און ווייטער). [12א] איז מצח, שטערן, אַ באַצייכענונג פאַר עזות־פּנימדיקייט. [13] שמות כח, לח. [13א] אין שטערן פון גלית

**דברים לא היה להם כפרה, וקבעה להם התורה כפרה: זוג המעיל, שנאמר** (שמות כח): והיה על אהרן לשרת, ונשמע קולו, וגו׳, — **יבא קול ויכפר על קול לשון הרע; וההורג בשגגה לא היה לו כפרה, וקבעה לו התורה כפרה, זו מיתת כהן גדול, שנאמר** (במדבר לה): וישב בה עד מות הכהן הגדול. **ציץ היה מכפר על עזי פנים, ומאן דאמר: על הגודפנים. מאן דאמר ׳על עזי פנים׳, המד״א** (שמות כח): על מצח אהרן, **ולהלן הוא אומר** (ירמיה ג): ומצח אשה זונה היה לך, וגו׳; **ומאן דאמר ׳על הגודפנין׳** (שמות שם): והיה על מצחו תמיד, **ולהלן הוא אומר** (שמואל א, יז): **ותטבע** האבן במצחו.

**כתיב** (שם): ויפול על פניו ארצה, — **למה ויפול על פניו? אלא מתחילה אתה דורש** (שם): גבהו שש אמה וזרת, **כדי שלא יצטער אותו צדיק ויהלך מלא קומתו; לפיכך כתיב:** ויפול על פניו ארצה. **א״ר הונא: לפי שהיה דגון אלהיו חקוק על לבו; לקיים מה שנאמר** (ויקרא כו): ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם. **ד״א:** ויפול על פניו ארצה, — **אמר רבי: כדי שיטמן אותו פה סרוח שחירף וגידף, כענין שנאמר** (איוב מ): טמנם בעפר יחד. **ד״א:** ויפול על פניו ארצה, **כדי שלא יצטער אותו צדיק בתוך (י)שובו. ד״א:** ויפול על פניו, **כדי שיבא אותו צדיק וידרוך על צוארו, לקיים מה שנאמר** (דברים לג): ואתה על במותימו תדרוך.

שעלו מן הרחצה, **שמכפרין על ישראל;** שכולם מתאימות, **אלו שתי שרשרות גבלות של זהב שיוצאות מן החשן והיו נראין מתוכו כמין שתים נרתיקות;** ושכולה אין בהם **שלא נתאכלה אחת מהן.** כחוט השני שפתותיך **זה נזר הקדש;** ומדברך נאוה, **זה הציץ.**

---

— — — וואָס קומען אַרויף פון געוואַש, — **וואָס זיינען מכפר אויף ישראל;** וואָס זיי אַלע זיינען געפּאָרט, **דאָס זיינען די צווייי געפלאָכטענע קייטלעך פון גאָלד,** [17] **וואָס קומען אַרויס פון חושן און קוקן אַרויס פון אים ווי צווייי באַ־העפטערס;**[18] און קיין פאַרוואַרפערין איז ניטאָ צווישן זיי, **וואָרום קיינס פון זיי איז קיין מאָל ניט אָפּגעריבן געוואָרן.** ווי דער רויטער פאָדים זיינען דיינע ליפּן, **דאָס איז די הייליקע קרוין;**[19] און דיין גערייד איז שיין, **דאָס איז דאָס שטערנשילדל.**

ר׳ יונתן איז אַרויפגעגאַנגען מתפלל צו זיין אין ירושלים. אַז ער איז אָנגעקומען צו יענעם פּאַלאַטינוס,[20] האָט אים באַגעגנט איינער אַ כותי.[21] האָט ער אים געפרעגט: „וואוהין גייסטו?" האָט ער געזאָגט צו אים: „מתפלל צו זיין אין ירושלים." האָט ער אים געזאָגט: „וואָלט דיר נישט געווען בעסער, דו זאָלסט אַרויפגיין און מתפלל זיין אויף דעם געבענטשטן באַרג,[21א] און זאָלסט ניט מתפלל זיין אין יענער פאַרשאָלטענער חורבה?"[22] האָט ער אים געפרעגט: „און מיט וואָס איז דער דאָזיקער באַרג געבענטשט?" האָט ער געזאָגט צו אים: „מיט דעם וואָס ער איז ניט פאַרפלייצט געוואָרן מיט די וואַסערן פון מבול; דאָס איז וואָס מענטשן זאָגן: 'ארץ ישראל איז ניט פאַרפלייצט געוואָרן מיט די וואַסערן פון מבול'." איז דעמאָלט פאַרהוילן געוואָרן דאָס וואָרט פון ר׳ יונתן, און ער האָט אים ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט אים זיין אייזל־טרייבער געזאָגט: „רבי, גיב מיר רשות, און איך וועל אים ענטפערן." האָט ער אים געזאָגט: „ענטפער אים." האָט ער געזאָגט צו יענעם כותי: „דער דאָזיקער באַרג, ווי רעכנסטו אים? אויב צווישן די הויכע בערג, שטייט דאָך געשריבן (בראשית ז, יט): ויכסו — און עס זיינען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג; [און ווייטער] שטייט געשריבן (פסוק כ): חמש עשרה — פופצן איילן אַריבער האָבן זיך די וואַסערן געשטאַרקט, און די בערג זיינען פאַרדעקט געוואָרן. [אויב ווידער צווישן די נידעריקע],[23] האָט דאָך דער פסוק קיין אַכט ניט געלייגט אויף די נידעריקע בערג, — אויב ביי די בערג וואָס זיינען געווען העכער ווי הויך שטייט געשריבן: און עס זיינען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג, אַ פשיטא שוין די נידעריקע!" דעמאָלט איז יענער כותי אַנטשוויגן געוואָרן און ניט געפונען וואָס צו ענטפערן. דענסטמאָל איז ר׳ יונתן אַראָפּ און געמאַכט רייטן זיין אייזל־טרייבער דריי מייל, און ער האָט געלייענט אויף אים דריי פסוקים: (דברים ז, יד): ברוך — געבענטשט וועסטו זיין מער פון אַלע פעלקער, ס׳וועט ניט זיין קיין עקר און

---

דעם פלשתי, און גלית האָט געלעסטערט גאָט.[14] איבערן שטויס פונעם שטיין וואָלט ער דאָך געדאַרפט פאַלן אַהינטער. [15] אין ילקוט שמואל, קכז, שטייט: אַ מלאך האָט אים אַ שטויס געטאָן, און ער איז געפאַלן אויפן פנים. [16] כדי אים אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ. [17] שמות כח, כב. [18] צו באַהעפטן דעם חושן מיטן אפוד (מהרז״ו). [19] די בענדלעך וואָס בינדן צו דאָס שילדל צו דער הויב (מתנות כהונה לויט רש״י). [20] געווייגלעך: קיניגלעכע רעזידענץ; דאָ — אַ נאָמען וואָס די שומרונים האָבן געגעבן זייער פאַרהייליקטן באַרג גריזים (יאַסטראָוו). אין דברים רבה (ג, ו) איז דער נוסח ניפולין (נעאַפּאָליס), אידענטיש מיט נאַבלוס ווי שכם הייסט ביי די אַראַבער ביז היינט. [21] אַ שומרוני, [21א] זע דברים כז, יב. [22] קיקלתא; אין בראשית רבה לב, י — קילקלתא. מהרז״ו (דאָרט) שלאָגט פאָר צו לייענען קיללתא, די פאַרשאָלטענע. — די מעשה איז פאָרגעקומען נאָכן חורבן. [23] די דאָזיקע פראַזע געפינט זיך אין אַלע מדרש אויסגאַבעס צווישן די צוויי ציטירטע פסוקים; קומט דער טעקסט אַרויס ניט קלאָר, און די סאָנטשינא אויסגאַבע לאָזט דעם צווייטן פסוק אין גאַנצן אַרויס. דורך שטעלן, אָבער, די פראַזע נאָכן צווייטן פסוק און דורך אַ קליינער טעקסט ענדערונג, ווערט קלאָר, אַז דער צווייטער פסוק קומט דאָ נאָר ווי אַ פאַרשטאַרקונג צום באַווייז פון ערשטן, און אַזוי אַרום ווערט קלאָר דער גאַנצער

ר׳ יונתן הוה סליק לצלויי בירושלים. כיון דמטא לחד פלאטינוס, פגע ביה חד כותי. א״ל: „לאן את אזיל?״ א״ל: „למצלי בירושלים.״ א״ל: „ולא טב לך תיסוק ותצלי בהדין טורא בריכא, ולא תצלי בההיא קיקלתא?״ א״ל: „ולמה הוא בריך טורא הדין?״ א״ל: „דלא טף במוי דמבולא; הדא היא דברייתא אמרין: ׳ארעא דישראל לא טפת במוי דמבולא׳.״ אתעלמת מלתא מן ר׳ יונתן בההיא שעתא, ולא השיבו. א״ל: חמריה: „רבי, תרשני, ואני משיבו.״ א״ל: „השיבו.״ אמר לההוא כותי: „הדין טורא ממה את עביד ליה? אי מן טורא רממיא, הא כתיב (בראשית ז): ויכסו כל ההרים הגבוהים; (הא) [ו]כתיב (שם): חמש עשרה אמה מלמעלה גברו המים, ויכסו ההרים. [אי מן מכיכיא] (ו)לא אשגח (ביה עלוי) קרייה בהרים הנמוכים — אם ההרים שהיו גבוהים מלמעלה, כתיב: ויכסו כל ההרים הגבוהים; קל וחומר לנמוכים!״ בההיא ענתא נשתתק אותו כותי ולא אשכח מה להשיב. בההיא ענתא נחת ליה ר׳ יונתן וארכביה לחמריה תלתא מילין, וקרא עליה תלתא קריין: (דברים ז) ברוך תהיה מכל העמים, לא יהיה בך עקר ועקרה, ובבהמתך, אפילו בבהמין שלך; והדין (ישעיה נד): כל כלי יוצר עליך לא יצלח, וגו׳; והדין: כפלח הרמון רקתך, ריקן שבישראל מלא תשובות כרמון. מבעד לצמתך, — ואין צריך לומר על הצנועין והמצומתין שבכם.

ח

ד״א: שערך כעדר העזים שגלשו מהר הגלעד — הר שגלשתן מתוכו, עשיתיו גל ועד לאומות העולם; איזה זה? אלו המשמרות.

---

קיין עקרה צווישן דיר און צווישן דיינע בהמות, אפילו ניט צווישן דיינע בהמות־טרייבערס;[24] און דעם דאָזיקן (ישעיה נד, יז): כל — איטלעך געווער וואָס וועט געפורעמט ווערן קעגן דיר, וועט ניט מצליח זיין; און דער דאָזיקער: ווי דער אַפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, דער ליידיקסטער אין ישראל איז פול מיט ענטפערס ווי אַ מילגרוים. פון אונטער דיין שלייער, — און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן די צניעותדיקע און צוריקגעהאַל־טענע וואָס צווישן אייך.

ח

אַן אַנדער פשט: דיינע האָר זיינען ווי אַ סטאַדע ציגן וואָס בלויזן זיך אַרויס פון באַרג גלעד, — דער באַרג וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון אים,[1] אים האָב איך געמאַכט אַ בערגל־אַן־עדות פאַר די אומות פון דער וועלט; און וואָס איז עס? דאָס זיינען די וואַכן. און וואָס פאַר אַן אויסבלייז

האָט איר אַרויסגעבלויזט פון דעם? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, זאַכן געציילטע, פיר און צוואַנציק כהונה־וואַכן און פיר און צוואַנציק לוויִם־וואַכן, און צוועלף אָפּטיילונגען.[2] וואָס קומען אַרויף פון געוואַש, וואָרום זיי היטן אָפּ ישראל;[3] וואָס זיי אַלע זיינען געפּאָרט, ווי מיר האָבן געלערנט דאָרטן:[4] דריי צייטן אין יאָר[5] זיינען אַלע וואַכן גלייך;[6] און קיין פאַרוואַרפערין איז ניטאָ צווישן זיי, ווי מיר האָבן געלערנט:[7] דער ערשטער [כוהן שטייט מיטן קאָפּ און פוס [פונעם קרבן].[8] ווי דער רויטער פאָדים דיינע ליפּן, ווי מיר האָבן געלערנט:[9] ווען ער האָט זיך איינגעבויגן צו גיסן [דעם ויין], האָט דער סגן[10] אַ פאָך געטאָן מיט אַ טוך, און בן־ארזא[11] האָט אַ קלונג געטאָן מיטן גלעקל; און דיין גערייד איז שיין, דאָס איז דאָס געזאַנג, ווי מיר האָבן געלערנט דאָרטן:[12] דאָס געזאַנג וואָס די לוויִם פלעגן זאָגן אין בית המקדש: — דעם ערשטן טאָג [פון דער וואָך] פלעגן זיי זאָגן (תהלים כד): לה׳ — גאָטס איז די ערד און איר פולקייט; דעם צווייטן טאָג (דאָרט מח): גדול ה׳ — גרויס איז גאָט און זייער געלויבט אין דער שטאָט פון אונדזער גאָט; דעם דריטן טאָג (דאָרט פב): אלהים — גאָט שטייט אין דער עדה פון גאָט; דעם פערטן טאָג (דאָרט צד): אל נקמות — דו גאָט, דער גאָט פון נקמה; גאָט פון נקמה, שיין אַרויס; דעם פינפטן טאָג (דאָרט פא): הרנינו — לאָזט זינגען צו גאָט, אונדזער שטאַרקייט; שאַלט צו דעם גאָט פון יעקבן; דעם זעקסטן טאָג (דאָרט צג): גאָט טוט קיניגן; מיט גרויסקייט האָט ער זיך באַקליידט; אום שבת (דאָרט צב): מזמור — אַ מזמור, אַ געזאַנג אויפן טאָג פון שבת, — אויף לעתיד לבוא,[13] אויפן טאָג וואָס וועט זיין לויטער שבת און באַרוטקייט, אויף אַ לעבן פון אייביקייטן.

ט

אַן אַנדער פּשט: דיינע האָר זיינען ווי אַ סטאַדע ציגן וואָס בלויזן זיך אַרויס פון באַרג גלעד, — דער באַרג וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון אים, אים האָב איך געמאַכט פאַר אַ בערגל־אַן־עדות פאַר די אומות פון דער וועלט; און וואָס איז עס? דאָס זיינען די קרבנות. וואָס איז דער אויסבלייז וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון דעם? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, זאַכן געציילטע (במדבר כח, ד): את הכבש — דעם איינעם שעפּס זאָלסטו מאַכן אין דער פרי — — —; וואָס קומען אַרויף פון געוואַש, וואָרום זיי טוען נאָכאַנאַנד פאַרגעבן אויף [די זינד פון] ישראל; וואָס זיי אַלע זיינען געפּאָרט,

ענין. [24] עקר און עקרה ווערט דאָ פאַרשטאַנען אין גייסטיקן זין: אפילו זיי האָבן שטענדיק אַ גרייטן ענטפער.

ח. [1] זע ז, באַמ. 1. [2] וועגן די אַלע זע אויבן ג, יב, באַמ. 1, 2, 3. [3] מיט זייער שטיין אויף דער וואַך ביי די קרבנות, וואָס זיינען מכפּר אויף ישראלס זינד. [4] משנה, סוכה ה, ז. [5] אין די שלוש רגלים. [6] ביי דער צעטיילונג פון די קרבנות און דעם לחם הפּנים. [7] משנה, תמיד ד, ג. [8] אַלץ, הייסט עס, איז אין פולער אָרדנונג. [9] משנה, תמיד ז, ג. [10] דער צווייטער צום כוהן גדול. [11] איינער פון דער משפּחה אַרזאַ, וואָס איז געווען ממונה אויף דעם (רא״ש, לויט שקלים ה, א). [12] תמיד, דאָרט. [13] אויף משיחס צייטן.

**ומה הגלשה הגלשתן מתוכו?** שניך כעדר הקצובות, **מילין קציבין, כ״ד משמרות כהונה וכ״ד משמרות לויה, שנים עשר מחלקות.** שעלו מן הרחצה, **שמשמרין לישראל;** שכולם מתאימות, **דתנינן תמן: בשלשה פרקים בשנה היו כל המשמרות שוות;** ושכולה אין בהם, **דתנינן: הראשון בראש ורגל.** כחוט השני שפתותיך, **דתנינן: שחה לנסך, הניף הסגן בסודר והקיש בן ארזא בצלצל;** ומדברך נאוה, **זה השיר, דתנינן תמן: השיר שהיו הלויים אומרים בבית המקדש: — בראשון היו אומרים** (תהלים כד): לה׳ הארץ ומלואה; **בשני** (שם מח): גדול ה׳ ומהלל מאד בעיר אלהינו, **וגו׳; בשלישי** (שם פב): אלהים נצב בעדת אל; **ברביעי** (שם צד): אל נקמות, ה׳, אל נקמות הופיע; **בחמישי** (שם פא): הרנינו לאלהים עוזנו, הריעו לאלהי יעקב; **בששי** (שם צג): ה׳ מלך, גאות לבש; **בשבת** (שם צב): מזמור שיר ליום השבת, — **לעתיד לבא, ליום שכלו שבת ומנוחה, לחיי העולמים.**

ט

**ד״א:** שערך כעדר העזים שגלשו מהר הגלעד, — **הר שגלשתן מתוכו, עשיתיו גל ועד לאומות העולם; ואיזה זה? אלו הקרבנות. מה הגלשה הגלשתן מתוכו?** שניך כעדר הקצובות, **מילין קציבין** (במדבר כח): את הכבש האחד תעשה בבקר, **וגו׳;** שעלו מן הרחצה, **שמכפרים והולכים על ישראל;** שכולם מתאימות, **דתנינן: איל קרב באחד עשר, [הבשר] בחמשה (עשר); ושכולה אין בהם, דתנינן: הקרבים והסלת והיין (בשלשה שלשה) [בשנים שנים].**

י

**ד״א:** שערך כעדר העזים שגלשו מהר גלעד, — **הר שגלשתן מתוכו, עשיתיו גל ועד לאומות העולם; ואיזה זה? אלו סנהדרין.**

---

ווי מיר האָבן געלערנט:[1] **דעם ווידער זיינען מקריב עלף [כוהנים], [דאָס פלייש] פינף;[2]** און קיין פאַרוואַרפעניש איז ניטאָ צווישן זיי, **ווי מיר האָבן געלערנט:[3] די אינגעווייד און דאָס זעמלמעל און דעם ווייַן איז מען מקריב איטלעכס דורך צוויי.**

י

אַן אַנדער פשט: דיינע האָר זיינען ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס בלויזן זיך אַרויס פון באַרג גלעד, — **דער באַרג וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון אים, אים האָב איך געמאַכט פאַר אַ בערגל־אַן־עדות פאַר די אומות פון דער וועלט;**

ט. [1] משנה יומא ב, ו. [2] טעקסט ענדערונג, דאָ און ווייטער אין דעם סימן, לויט יומא דאָרט. [3] דאָרט.

און וואָס איז עס? דאָס זיינען די סנהדרין. און וואָס איז דער אויסבליִז, וואָס איר האָט אַרויסגעבלויזט פון אים? דיינע ציין ווי אַ סטאַדע אַ געציילטע, זאַכן געציילטע, די זיינען פאַר ריינוואַשן, און די — פאַר פאַרמשפטן;[1] וואָס קומען אַרויף פון געוואַש, זיי פלעגן ריינוואַשן ישראל; וואָס זיי אַלע זיינען געפּאָרט, ווי מיר האָבן געלערנט:[2] האָבן זיי אים געפונען אַ זכות, האָט מען אים באַפרייט; און אויב ניט, האָט מען אָפּגעלייגט זיין משפּט אויף מאָרגן, און מע פלעגט איבערגעבן [דעם משפּט] צו די פּאָרן;[3] און קיין פאַרוואַר־פּערין איז צווישן זיי ניטאָ, — ר׳ לוי האָט געזאָגט: זיי פלעגן אַרויסלערנען איין זאַך פון דער צווייטער;[4] ר׳ אבא האָט געזאָגט: זיי זיינען ניט געווען שטומפּיק אויף דער הלכה. ווי דער רויטער פּאָדים זיינען דיינע ליפּן, — ר׳ יודן האָט געזאָגט: ווי דאָס געבאָט פון מלך[5] איז דאָס געבאָט פון בית דין, מיט זייער מויל קאָנען זיי באַפעלן צו פאַרשטיינען, פאַרברענען, הרגענען,[6] און דערוואַרגן.[7] ר׳ חוניא האָט געזאָגט: [ווי דער רויטער פּאָדים מיינט] בלוט, ווי מיר האָבן געלערנט:[8] און אַ רויטע ליניע האָט אים[9] אַרומגעגאַרטלט אין מיטן, כדי צו פאַנאַנדערשיידן צווישן די אייבערשטע בלוטן און די אונטער־שטע בלוטן,[10] [און][11] ר׳ עזריה, פון ר׳ יודהס וועגן [האָט געזאָגט]: אַזוי ווי די רויטע ליניע שיידט פאַנאַדער צווישן די אייבערשטע בלוטן און די אונטער־שטע, אַזוי פלעגט דער סנהדרין פאַנאַנדערשיידן צווישן אומריין און ריין, צווישן מע־טאָר־ניט און מע־מעג, צווישן אומשולד און שולד.

יא

אַן אַנדער פּשט: ווי דער רויטער פּאָדים זיינען דיינע ליפּן, דאָס איז די צונג פון פּורפּל־וואָל;[1] און דיין מדבר[2] איז שיין, דאָס איז דער שעיר המשתלח.[3] ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם, מיר האָבן ניט מער ניט די פּורפּל־צונג און ניט דעם שעיר המשתלח.‟ האָט ער געזאָגט צו זיי: „ווי דער רויטער פּאָדים זיינען דיינע ליפּן, — דאָס באַוועגן זיך פון דיינע ליפּן[4] איז מיר אַזוי ליב ווי דער רויטער פּאָדים פון דער פּורפּל־צונג. ר׳ אבהו האָט געזאָגט וועגן דעם (הושע יד, ג): ונשלמה — און לאָמיר צאָלן אַנשטאָט אָקסן מיט אונדזערע ליפּן. — מיט וואָס זאָלן מיר צאָלן אַנשטאָט די אָקסן און אַנשטאָט דעם שעיר המשתלח? מיט אונדזערע ליפּן: ומדברך נאוה, — דיין מדבר איז שיין און דיינע רייד זיינען שיין.[5]

---

י. [1] די חברים פון סנהדרין פלעגן זיך ציילן און באַשטימען דעם דין לויט אַ מערהייט (דאָ האַנדלט זיך וועגן טויטשטראָף). [2] משנה סנהדרין ה, ה. [3] די חברים פון סנהדרין פלעגן זיך איינטיילן אין פּאָרן, כדי צו דיסקוטירן דעם משפּט.. אין סנהדרין איז דער נוסח „מזדווגין לזוגות‟, פלעגן זיך גרופּירן אין פּאָרן. [4] ד״ה: זיי זיינען אַלע געווען באַהאַוונט אין דער הלכה און געוואוסט, ווי זי אָנצואווענדן אין דער פּראַקטיק (ניטאָ, לויט דעם, קיין הלכה, וואָס פון איר זאָל ניט אַרויסוואַקסן עפּעס נייעס, אָט ווי אַ קינד פון עלטערן: ניטאָ צווישן זיי קיין פאַרוואַרפערין. — יפה קול). [5] וואָס קליידט זיך אין שאַרלעך־רויט (באַהאַלטענער אָנשפּיל אויף ווי דער רויטער פּאָדים). [6] מיט אַ שווערד. [7] די פיר אופנים פון טויטשטראָף פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס. [8] משנה מדות ג, א. [9] דעם מזבח. [10] דאָס בלוט פון אַ קרבן חטאת אַ בהמה און דאָס בלוט פון אַן עולה

ומה הגלשה הגלשתן מתוכו? שניך כעדר הקצובות, מילין קציבין, אלו מזכין ואלו מחייבין; שעלו מן הרחצה, שמזכין את ישראל; שכלם מתאימות, דתנינן: מצאו לו זכות, פטרוהו; ואם לאו, מעבירין דינו למחר, והן מעבירין לזוגות; ושכולה אין בהם, — ר' לוי אמר: שמלמדין דבר מתוך דבר; ר' אבא אמר: שאין הלכה קוהא להם. כחוט השני שפתותיך, — ר' יודן אמר: כגזירת המלך גזירת בית דין, הן מצווין בפיהם סקילה, שרפה, הרג, וחנק. ר' חוניא אמר: דמים, דתנינן: וחוט של סיקרא חוגרו באמצע, כדי להבדיל בין דמים העליונים לדמים התחתונים, [ו]ר' עזריה בשם ר' יודה: כשם שחוט הסיקרא מבדיל בין דמים העליונים לתחתונים, כן סנהדרין מבדילין בין טומאה לטהרה, בין איסור להיתר, בין פטור לחיוב.

יא

ד"א: כחוט השני שפתותיך, זה לשון של זהורית; ומדברך נאוה, זה שעיר המשתלח. אמרו ישראל לפני הקב"ה: „רבש"ע, אין לנו לשון זהורית ושעיר המשתלח." אמר להם: כחוט השני שפתותיך, — רחישת פיך חביבה עלי כחוט השני של זהורית." ר'אבהו אמר עלה (הושע יד): ונשלמה פרים שפתינו, — מה נשלם תחת פרים ותחת שעיר המשתלח? שפתינו: ומדברך נאוה, — מדברך יאי, מדברתיך יאיא.

א"ר אבא בר כהנא: אע"פ שהוא מדבר [עוד נאוה הוא]; חייבין על מחיצתו עכשיו כשהוא חרב, כשם שמחויבין על

---

ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: [דער פסוק מיינט:] כאָטש דער בית המקדש איז מדבר, [איז ער נאָך אַלץ שיין],[6] און מ'איז מחוייב אָפּצוהיטן זיין מחיצה איצט, ווען ער איז חרוב,[7] אַזוי ווי מ'איז מחוייב געווען אָפּצוהיטן

---

אַן עוף פלעגט דער כוהן שפריצן אויפן מזבח איבער דער ליניע; דאָס בלוט פון אַלע אַנדערע קרבנות — אונטער איר. [11] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט.

יא. [1] משנה, יומא ו, ח: יום כיפור איז אַ צונג (אַ טאַשמע) פון פורפּל־וואָל געווען צוגעבונדן ביים אַריינגאַנג פון היכל, און ווען דער באָק (דער שעיר המשתלח — זע באַמ. 3) פלעגט אָנקומען אין מדבר, פלעגט די צונג ווייס ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה א, יח): אם — אויב אייערע זינד וועלן זיין רויט ווי קאַרמין, וועלן זיי ווי שניי ווייס ווערן. [2] לויטן דרש. [3] דער „באָק אויף אַוועקגעשיקט צו ווערן", דער „שעיר לעזאזל" — דער באָק וואָס אויף אים איז געפאַלן דער גורל אַוועקגעשיקט צו ווערן אין מדבר און סימבאָליש אַוועקצוטראָגן אַהין די זינד פון פאָלק ישראל (ויקרא טז, כב; משנה יומא: ד, ב; ו, ד; ו, ח). [4] דיין תפילה. [5] ומדברך ווערט דאָ געטייטשט אויף ביידע

זיין מחיצה, ווען ער איז געווען אויפגעבויט. ר׳ לוי האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: אין איר חורבן האָט זי[8] מיר אויפגעשטעלט צדיקים, און אין איר אויפגעבויטקייט האָט זי מיר אויפגעשטעלט רשעים.״ ׳אין איר חורבן האָט זי מיר אויפגעשטעלט צדיקים׳ — דניאל און זיין חבורה, מרדכי און זיין חבורה, עזרא און זיין חבורה;[8א] ׳אין איר אויפגעבויטקייט האָט זי מיר אויפגעשטעלט רשעים׳, אַ שטייגער אחז און זיין חבורה, מנשה און זיין חבורה, אמון און זיין געזעמל.[8ב] ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט פון ר׳ יוחננס וועגן[9] אויף ר׳ לויס ווערטער (ישעיה נד, א): כי רבים — וואָרום מער זיינען די קינדער פון דער פאַרוויסטער, איידער די קינדער פון דער באַמאַנטער, מיינט עס, אַז די צדיקים וואָס זי האָט מיר אויפגעשטעלט אין איר חורבן זיינען מער פון די צדיקים וואָס זי האָט מיר אויפגעשטעלט אין איר אויפגעבויטקייט.

ווי דער אָפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, — ר׳ אבא בר כהנא און ר׳ אחא. איינער האָט געזאָגט: דער ליידיקסטער פון די דריי שורות[10] איז פול מיט תורה ווי דער דאָזיקער מילגרוים; און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן די וואָס אונטער דיין האָר־געפלעכט, וועגן די וואָס זיצן אין סנהדרין גופא. און איינער האָט געזאָגט: דער ליידיקסטער פון דעם סנהדרין איז געווען פול מיט תורה ווי אַ מילגרוים, און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן די וואָס אונטער דיין האָר־געפלעכט, וועגן די וואָס זיצן אונטערן איילבירטבוים און אונטערן וויינשטאָק און אונטערן פייגנבוים און פאַרנעמען זיך מיט דברי תורה.[11]

ווי דודס טורעם איז דיין האַלדז, דאָס איז דער בית המקדש; און פאַרוואָס פאַרגלייכט אים דער פסוק מיט אַ האַלדז? וואָרום כל־זמן דער בית המקדש איז געשטאַנען אין זיין אויפגעבויטקייט, איז דער האַלדז פון ישראל געווען אַרויפגעשטרעקט צווישן די פעלקער; אָבער ווי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, אַזוי איז ישראלס האַלדז ווי אַראָפּגעבויגן געוואָרן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא כו, יט): ושברתי — און איך וועל צעברעכן דעם שטאָלץ פון אייער מאַכט, דאָס איז דער בית המקדש. אַן אַנדער פשט: אַזוי

אופנים: מדבר און רייד. אַזוי ווי דעם אייבערשטן איז געווען ליב דער ענין פון שעיר המשתלח בשעתן בית המקדש, אַזוי זיינען אים איצט ליב די תפילות וואָס קומען אַנשטאָט דעם. [6] צוגעגעבן לויטן אות אמת. [7] מע טאָר ניט קומען אויפן אָרט פון בית המקדש ווען מ׳איז טמא. [8] ירושלים. [8א] וואָס האָבן געלעבט ווען דער בית המקדש איז געווען חרוב. [8ב] מלכים־רשעים, וואָס האָבן געלעבט אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש. [9] ר׳ יוחנן האָט געווירקט אין צווייטן דור אמוראים און ר׳ לוי איז געווען פון דריטן דור; מוז מען זאָגן אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט זיין מימרא פריער, און ר׳ אבא בר כהנא האָט זי שפּעטער אָנגעווענדט אויף ר׳ לויס ווערטער. [10] דריי שורות תלמידי חכמים פלעגן זיצן פאַרן סנהדרין, און ווען אין סנהדרין איז ליידיק געוואָרן אַן אָרט, פלעגט מען עס אויספילן מיט איינעם פון דער ערשטער שורה, און זיין אָרט פלעגט פאַרנעמען איינער פון דער צווייטער שורה, אאז״וו. [11] די תלמידי חכמים וואָס זיינען ניט געזעסן אין סנהדרין און ניט געווען פאַרטאָן אין די פּראַקטישע ענינים פון צרכי ציבור, האָבן זיך געקענט מער פאַרטיפן אין לערנען (מתנות כהונה לויט קהלת רבה ז, יד).

מחיצתו כשהוא בנוי. א״ר לוי: אמר הקב״ה: „בחורבנה העמידה לי צדיקים ובבנינה העמידה לי רשעים.״ ׳בחורבנה העמידה לי צדיקים׳ — דניאל וחבורתו, מרדכי וחבורתו, עזרא וחבורתו; ׳בבנינה העמידה לי רשעים׳, כגון אחז וחבורתו, מנשה וחבורתו, אמון וסייעתו. ר׳ אבא בר כהנא בשם ר׳ יוחנן על הדא דר׳ לוי אמר (ישעיה נד): כי רבים בני שוממה מבני בעולה, הוי צדיקים העמידה לי בחורבנה יותר מצדיקים שהעמידה לי בבנינה.

כפלח הרמון רקתך, — ר׳ אבא בר כהנא ור׳ אחא. חד אמר: הריקן שבשלש שורות רצוף תורה כרמון הזה; ואין צריך לומר מבעד לצמתך, על היושבין בסנהדרין עצמה. וחד אמר: הריקנין שבסנהדרין רצוף תורה כרמון הזה, ואין צריך לומר מבעד לצמתך, על היושבין תחת הזית ותחת הגפן והתאנה ועוסקין בדברי תורה.

כמגדל דוד צוארך, זה בית המקדש; ולמה מדמהו בצואר? שכל ימים שהיה בית המקדש בנוי וקיים, היה צוארן של ישראל פשוט בין אומות העולם; וכיון שחרב בית המקדש, כביכול נכפף צוארן של ישראל; הה״ד (ויקרא כו): ושברתי את גאון עזכם, זה בית המקדש. ד״א: מה צואר זה נתון בגבהו של אדם, כך בית המקדש נתון בגבהו של עולם; ומה צואר זה רוב תכשיטין תלויין בו, כך כהונה מבית המקדש, לויה מבית המקדש; ומה צואר זה, אם נוטל אין לאדם חיים, כך משחרב בית המקדש אין חיים לשונאי ישראל. בנוי לתלפיות, טטרגונין. חייא בר׳ בון אמר: יופי היה, ונעשה תל. אמר הקב״ה: „אני הוא שעשיתיו תל

---

ווי דער דאַזיקער האַלדז געפינט זיך אויף דער הייך פון אַ מענטשן, אַזוי האָט זיך דער בית המקדש געפונען אויף דער הייך פון דער וועלט; און אַזוי ווי דער דאָזיקער האַלדז טראָגט אויף זיך ס׳מערסטע פון די צירונג, אַזוי איז כהונה געווען אין בית המקדש, לווייה אין בית המקדש; און אַזוי ווי דער דאָזיקער האַלדז, אויב ער ווערט אַוועקגענומען, האָט דער מענטש מער קיין לעבן ניט, אַזוי אויך, זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָבן שונאי ישראל[12] קיין לעבן ניט. געבויט אויף תלפיות, — פירעקיקע [טורעמס]. חייא בר׳ בון האָט געזאָגט: [תלפיות מיינט] אַ שיינקייט[13] איז ער געווען, און איז געוואָרן אַ תל. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך האָב פון אים

[12] אַן אייפעמיזם, אַ לשון נקיה, ניט וועלנדיק עס זאָגן אויף ישראל. [13] יופי (די צווייטע העלפט פון וואָרט, נאָכן אַראָפּנעמען די תו און בייטנדיק דעם סדר פון די אותיות) און

געמאַכט אַ תל אויף דער וועלט, אָבער איך בין אָנגעברייט אים צו מאַכן אַ שיינקייט לעתיד לבוא." אַן אַנדער פשט: תלפיות, אַ תל, וואָס אַלע מיילער[14] זיינען מתפלל דורך אים. לויט דעם האָט מען געזאָגט: די וואָס שטייען און זיינען מתפלל אין חוץ לארץ, ווענדן זייערע פנימער צו ארץ ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ח, מח): והתפללו — און זיי וועלן מתפלל זיין צו דיר דורך זייער לאַנד. די וואָס שטייען אין ארץ ישראל ווענדן זייערע פנימער קעגן ירושלים און זיינען מתפלל, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים ב, ו, לד): יוהתפללו — און זיי וועלן מתפלל זיין צו דיר דורך דער דאָזיקער שטאָט. די וואָס שטייען און זיינען מתפלל אין ירושלים ווענדן זייערע פנימער קעגן דעם בית המקדש, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ח, מב): והתפלל — און ער וועט מתפלל זיין קעגן דעם דאָזיקן הויז. די וואָס שטייען אויפן באַרג פון בית המקדש ווענדן זייערע פנימער קעגן דעם קדשי קדשים און זיינען מתפלל, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק לה): והתפללו — און זיי וועלן מתפלל זיין קעגן דעם דאָזיקן אָרט. קומט אויס, אַז די וואָס שטייען אין צפון זיינען זייערע פנימער קעגן דרום, און די וואָס שטייען אין דרום זיינען זייערע פנימער קעגן צפון, און די וואָס שטייען אין מזרח זיינען זייערע פנימער קעגן מערב, און די וואָס שטייען אין מערב זיינען זייערע פנימער קעגן מזרח; קומט אויס, אַז כל ישראל איז מתפלל קעגן איין אָרט. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז כל ישראל דאַרף מתפלל זיין קעגן איין אָרט? ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט (מלכים א, ו, יז): הוא — דאָס איז דער היכל — לפני, — דאָס איז דער היכל וואָס איטלעכנס פנים[15] איז געווענדט צו אים. ביז אַהער [וויסן מיר וועגן דער צייט פון] זיין אויפגעבויטקייט; אין [דער צייט פון] זיין חורבן — פון וואַנען איז געדרונגען? ר' אבין האָט געזאָגט: געבויט אויף תלפיות, דאָס איז דער היכל[16] וואָס אַלע מיילער זיינען מתפלל פון וועגן אים: אין [דער ברכה פון] קריאת שמע זאָגט מען: „דער וואָס וועט אויפבויען ירושלים;[17] אין שמונה עשרה זאָגט מען: „דער וואָס וועט אויפבויען ירושלים"; אין בענטשן נאָכן עסן זאָגט מען: „דער וואָס וועט אויפבויען ירושלים," — קומט אויס, אַז אַלע מיילער זיינען מתפלל פון וועגן אים[18] פאַר הקדוש ברוך הוא, [און] ער איז אָנגעברייט אים אויפצובויען און צו מאַכן רוען זיין שכינה אין אים.

איין פסוק זאָגט (מלכים א, ט, ג): והיו עיני — און מיינע אויגן און מיין האַרץ וועלן דאָרט זיין אַלע טעג; און אַן אַנדער פסוק זאָגט (הושע ה, טו): אלך — איך וועל גיין, איך וועל זיך אומקערן צו מיין אָרט, — ווי קאָנען שטימען די דאָזיקע צוויי פסוקים? נייערט זיין פנים איז אויבן, אָבער זיין האַרץ איז אונטן. ווי מיר האָבן געלערנט: אַ מענטש דאַרף מכוון זיין זיין האַרץ קעגן דעם אָרט פון קדשי קדשים.[19] [זאָגן וועגן דעם] ר' חייא רבה און ר' שמעון בן חלפתא. ר' חייא רבה האָט געזאָגט: קעגן דעם קדשי־קדשים פון אויבן;[20] און ר' שמעון בן חלפתא האָט געזאָגט: קעגן דעם קדשי־קדשים פון אונטן. האָט ר' פינחס געזאָגט: איך קאָן אויפהאַלטן אייערע ביידנס ווערטער:

בעולם הזה, ואני הוא שעתיד לעשותו יפיפות לעולם הבא.״ ד״א: תלפיות, תל שמתפללים בו כל פיות. מכאן אמרו: העומדים בחוצה לארץ ומתפללין, הופכין פניהם לארץ ישראל, שנאמר (מלכים א, ח): והתפללו אליך דרך ארצם. העומדין בארץ ישראל הופכין פניהם כנגד ירושלים ומתפללין, שנאמר (דברי הימים ב, ו): והתפללו אליך דרך העיר הזאת. העומדים ומתפללים בירושלים הופכין פניהן כנגד המקדש, שנאמר (מלכים א, ח): והתפלל אל הבית הזה. העומדים בהר הבית הופכים פניהם כנגד קדשי הקדשים ומתפללין, שנאמר (שם): והתפללו אל המקום הזה. נמצאו העומדים בצפון פניהם לדרום, והעומדים בדרום פניהם לצפון, והעומדים במזרח פניהם למערב, והעומדים במערב פניהם למזרח; נמצאו כל ישראל מתפללין אל מקום אחד. ומניין שכל ישראל מתפללין אל מקום אחד? ר׳ יהושע בן לוי אמר (מלכים א, ו): הוא ההיכל לפני, — הוא ההיכל שכל הפנים מכוונות אותו. עד כדון בבנינו; בחורבנו מניין? א״ר אבין: בנוי לתלפיות, הוא ההיכל שכל הפיות מתפללות בו: בקריאת שמע הוא אומר „בונה ירושלים,״ בתפלה הוא אומר „בונה ירושלים,״ בברכת המזון הוא אומר „בונה ירושלים,״ הוי שכל הפיות מתפללין עליו לפני הקב״ה, [ו]עתיד הוא לבנותו ולהשרות שכינתו בו.

כתוב אחד אומר (מלכים א, ט): והיו עיני ולבי שם כל הימים; וכתוב אחד אומר (הושע ה): אלך אשובה אל מקומי, — כיצד יתקיימו שני הכתובים הללו? אלא פניו למעלה ולבו למטה. דתניא: יכוין אדם לבו כנגד בית קדשי הקדשים. ר׳ חייא רבה ור׳ שמעון בן חלפתא. ר׳ חייא רבה אמר: כנגד קדש הקדשים של מעלה; ור׳ שמעון בן חלפתא אמר: כנגד קדש הקדשים של מטה. א״ר פנחס: מקיים אני דברי שניכם: כנגד קדש הקדשים של מעלה שמכוון כנגד קדש הקדשים של מטה; הה״ד (שמות

---

קעגן דעם קדשי־קדשים פון אויבן וואָס איז פונקט קעגנאיבער דעם קדשי־קדשים פון אונטן. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמות טו, יז): מכון — דאָס

תל, געלייענט אויף צוריק. [14] פיות. [15] פנים — לפני. [16] דער תל פונעם היכל, די חורבה. [17] מסתמא געמיינט די ברכה „השכיבנו״, וואָס ענדיקט זיך פרייטיק־צו־נאַכטס מיט די ווערטער: „דער וואָס שפרייט אויס אַ סוכה פון שלום איבער אונדז און איבער גאַר זיין פאָלק ישראל און איבער ירושלים״ (ירושלמי, ברכות ד, ה). [18] פון וועגן דעם בית המקדש, וואָס איז דער עיקר פון ירושלים. [19] תוספתא, ברכות ג, יד; דאָרט איז

אָרט פאַר דיין זיצן, וואָס דו האָסט געמאַכט, גאָט, — [מכון קאָן מיינען] מכוון,[21] פונקט קעגנאיבער דיין זיץ־אָרט, דאָס איז דער בית המקדש פון אויבן.
[וועגן דעם] באַרג מוריה[22] [זאָגן] ר׳ חייא רבה און ר׳ ינאי. איינער האָט געזאָגט: [ער הייסט אַזוי] ווייל פון דאָרט קומט אַרויס ביטערקייט[23] פאַר דער וועלט; און דער אַנדערער האָט געזאָגט: ווייל פון דאָרט קומט אַרויס [גאָטס] פאַרכטיקייט[23א] אויף דער וועלט.
[וועגן] ארון, — ר׳ חייא רבה און ר׳ ינאי. איינער האָט געזאָגט, ווייל פון אים קומט אַרויס ליכטיקייט[24] אויף דער וועלט; און איינער האָט געזאָגט, ווייל פון אים קומט אַרויס אַ פלוך[25] פאַר די אומות פון דער וועלט. דביר,[26] — ר׳ חייא רבה און ר׳ ינאי. איינער האָט געזאָגט, ווייל פון אים קומט אַרויס אַ מגפה[27] פאַר די אומות פון דער וועלט; און איינער זאָגט, ווייל פון אים קומען אַרויס געבאָטן[28] פאַר דער וועלט.

טויזנט שילדן הענגען אויף אים, — ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: טויזנט דורות האָב איך פאַרבויגן און איך האָב געבראַכט יענעם פאַנצער וואָס איז געווען די גלוסטונג פון זייער האַרץ.[29] ר׳ ברכיה פון ר׳ יצחקס וועגן האָט געזאָגט: אברהם האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם, פאַר מיר ביסטו געוואָרן אַ שילד, און פאַר מיינע קינדער וועסטו ניט ווערן קיין שילד?" הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו אים: „פאַר דיר בין איך געווען איין שילד, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, א): אנכי — איך בין דיר אַ שילד; אָבער פאַר דיינע קינדער וועל איך ווערן אַ סך שילדן;" דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: טויזנט שילדן הענגען אויף אים. אַלע פאַנצערס פון די גיבורים, דאָס איז די כהונה און דאָס מלכות.[30]

## יב

(ה) שני — דיינע צוויי בריסט, דאָס זיינען משה און אהרן: אַזוי ווי די דאַזיקע בריסט זיינען דער גלאַנץ און די פּראַכט פון דער פרוי, אַזוי זיינען משה און אהרן דער גלאַנץ און די פּראַכט פון ישראל; אַזוי ווי די דאַזיקע בריסט זיינען די שיינקייט פון דער פרוי, אַזוי זיינען משה און אהרן די שיינקייט פון ישראל; אַזוי ווי די דאַזיקע בריסט זיינען דער כבוד און דער לויב פון דער פרוי, אַזוי זיינען משה און אהרן דער כבוד און דער לויב פון ישראל; אַזוי ווי די דאַזיקע בריסט זיינען פול מיט מילך, אַזוי טוען משה און

דער נוסח: אַ בלינדער, און דער וואָס קאָן ניט מכוון זיין די זייטן פון דער וועלט, זאָל מכוון זיין — — —. [20] זע אויבן ג, יט. [21] די ערשטע ו מיט אַ שורוק. [22] וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען. [23] מרה, — פאַר די וואָס טוען ניט גאָטס ווילן (אין ירושלמי, ברכות ד, ה, איז דער נוסח הוריה, לערנונג, תורה). [23א] מורא. [24] אורה. [25] ווי באַם. 23. [26] אַ נאָמען פאַרן קדשי־קדשים. [27] דבר, זע אויבן, באַם. 23. [28] דיברות. [29] די תורה — לויט דער אגדה (שבת פח, א) איז די תורה באַשאַפן געוואָרן ניין הונדערט פיר און זיבעציק דורות פאַר דער וועלט באַשאַפונג, און פון דאַן ביז מתן תורה זיינען אַריבער זעקס און צוואַנציק דורות. [30] וואָס באַשיצן ישראל גייסטיק און פיזיש.

טו): מכון לשבתך פעלת, ה׳, מכוון נגד שבתך, זה בית המקדש של מעלה. — — —

הר המוריה, — ר׳ חייא רבה ור׳ ינאי. חד אמר, שממנו יוצא מרה לעולם; וחרינא אמר, שממנו יוצא מורא לעולם. ארון, — ר׳ חייא רבה ור׳ ינאי. חד אמר, שמשם יוצא אורה לעולם; וחד אמר, שמשם יצא ארירה לאומות העולם. דביר, — ר׳ חייא רבה ור׳ ינאי. חד אמר, שממנו יוצא דבר לאומות העולם; וחד אמר, שמשם יוצא דברות לעולם.

— — — אלף המגן תלוי עליו, — א״ר ברכיה: אלף דור קפלתי והבאתי אותו המגן שהיה תאות לבבם. ר׳ ברכיה בשם ר׳ יצחק אמר: אמר אברהם לפני הקב״ה: „רבוש״ע, לי נעשית מגן, ולבני אין אתה נעשה מגן? א״ל הקב״ה: „לך הייתי מגן אחד, שנאמר (בראשית טו): אנכי מגן לך; אבל לבניך אני נעשה מגינים הרבה;״ הה״ד: אלף המגן תלוי עליו. כל שלטי הגבורים, זו כהונה ומלכות.

יב

(ה) שני שדיך, אלו משה ואהרן: מה השדים הללו הודן והדרן של אשה, כך משה ואהרן הודן והדרן של ישראל; מה השדים הללו נויה של אשה, כך משה ואהרן נוין של ישראל; מה השדים הללו כבודה ושבחה של אשה, כך משה ואהרן כבודן ושבחן של ישראל; מה השדים הללו מלאים חלב, כך משה ואהרן ממלאים ישראל מן התורה; ומה השדים הללו, כל מה שהאשה אוכלת התינוק אוכל ויונק מהן, כך כל תורה שלמד משה רבינו לימדה לאהרן, הה״ד (שמות ד): ויגד משה לאהרן את כל דברי ה׳. ורבנן אמרי: גילה לו שם המפורש. מה השדים הללו אין אחד מהם גדול מחברו, כך היו משה ואהרן; הה״ד (שם ו): הוא

---

אהרן אָנפילן ישראל מיט תורה; און אַזוי ווי די דאָזיקע בריסט, אַלץ וואָס די פרוי עסט, עסט און זויגט דאָס עופהלע פון דעם, אַזוי איז אויך די גאַנצע תורה וואָס משה האָט געלערנט [פון גאָט], האָט ער געלערנט מיט אהרנען, ווי אין פסוק שטייט (שמות ד, כח): ויגד — און משה האָט געזאָגט אהרנען אַלע ווערטער פון גאָט.[1] און די רבנן האָבן געזאָגט: ער האָט אים אַנטפּלעקט דעם שם המפורש.[2] — אַזוי ווי די דאָזיקע בריסט זיינען ניט גרעסער איינע פון דער צווייטער, אַזוי אויך זיינען געוועזן משה און אהרן; דאָס איז ווי אין

---

יב. [1] אַלע איז אַ רמז, אַז ניט נאָר בנוגע דער שליחות צו פּרעהן, נייערט וואָס נאָר גאָט האָט אים געזאָגט, האָט ער דערציילט אהרנען (מהרז״ו). [2] דעם אופן ווי דער כוהן

פסוק שטייט (דאָרט ו, כז): הוא — דאָס זיינען משה און אהרן, און פריער שטייט (פסוק כו): הוא — דאָס זיינען אהרן און משה, — ניט משה איז גרעסער פון אהרנען און ניט אהרן איז גרעסער פון משהן.

ר׳ אבא האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט צוויי טייערע פּערל; האָט ער זיי אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגשאָל, און ניט די איז גרעסער פון יענער, און ניט יענע איז גרעסער פון דער; אַזוי זיינען משה און אהרן — גלייך. ר׳ חנינא בר פפא האָט געזאָגט: געלויבט איז דער אייבערשטער, וואָס האָט אויסדערוויילט די דאָזיקע צוויי ברידער, וואָס זיינען ניט אַנדערש באַשאַפן געוואָרן, נייערט פאַר דער תורה און פאַרן כבוד פון ישראל. ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין: צוויי משפחות פון שלאַנגען[3] זיינען געווען אין אַלעקסאַנדריע, איינע מיט קאַלט בלוט און איינע מיט הייס בלוט. איז געשען, אַז רופאים האָבן געשיקט און געבראַכט פון זיי[ער בלוט][4] און געמאַכט אַ הייל־מיטל, און מיט דעם פלעגן זיי היילן.[5]

רבא פן ר׳ שמעונס וועגן: אַ מענטש מאַכט ניט צורערשט קיין פלאַסטער, איידער ער זעט ניט די מכה; אָבער דער וואָס האָט געזאָגט און די וועלט איז געוואָרן איז ניט אַזוי, נייערט ער מאַכט צוערשט דעם פלאַסטער און נאָך דעם שלאָגט ער; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ירמיה לג, ו): הנני — אָט ברענג איך אויף איר אַ געגעזונג און אַ היילונג, און איך וועל זיי אויסהיילן; און ווידער שטייט (הושע ז, א): כרפאי — ווען איך וויל היילן ישראל, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך בין געקומען היילן די זינד פון ישראל, איז אַנטפּלעקט געוואָרן די זינד פון אפרים און די שלעכטסקייטן פון שומרון.“[6] אָבער די אומות פון דער וועלט שלאָגט ער צוערשט און נאָך דעם היילט ער זיי, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה יט, כב): ונגף — און פלאָגן וועט גאָט מצרים, פלאָגן און היילן, — פלאָגן דורך אהרנען און היילן דורך משהן.[7] וואויל איז די דאָזיקע צוויי ברידער, וואָס זיינען ניט אַנדערש באַשאַפן געוואָרן, נייערט פאַרן כבוד פון ישראל! און דאָס איז וואָס שמואל הנביא האָט געזאָגט (שמואל א, יב, ו): ה׳ — גאָט וואָס האָט באַשאַפן משהן און אהרנען [און וואָס האָט אַרויפגעבראַכט אייערע עלטערן פון לאַנד מצרים]. זאָג־זשע: דיינע צוויי בריסט, דאָס זיינען משה און אהרן.

## יג

(ה) תאומי — צווילינגען פון אַ הירשין, — ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין: אַזוי ווי דער דאָזיקער צווילינג, ווען איינער פון זיי שיידט זיך

---

גדול פלעגט אַרויסרעדן גאָטס נאָמען אום יום כיפור. [3] טעקסט ענדערונג לויטן רד״ל. [4] אָדער פון זייער גיפט. לויט די וואָס ווילן אויפהאַלטן אויבן דעם נוסח כהנים (מתנות כהונה) האָט מען גענומען די מילך פון זייערע פרויען. [5] און אַזוי האָבן משה און אהרן דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן: אויב ווי אַ נביא איז משה געווען גרעסער, איז אהרן געווען גרעסער ווי אַ רודף שלום (אבות א, יב; אבות דר׳ נתן, יב), בעת משה האָט כסדר געהאַט טענות צו ישראל (יפה קול; רד״ל). [6] גאָט איז געקומען מיט דער רפואה נאָך איידער ס׳איז אַנטפּלעקט געוואָרן די מכה. [7] אַ צאָל פון די מכות איז געקומען דורך אהרנען, — די מכה פון בלוט, פון פרעש, פון לייז.

משה ואהרן, וכתיב (שם): הוא אהרן ומשה, — לא משה גדול מאהרן ולא אהרן גדול ממשה.

ר׳ אבא אמר: למלך שהיו לו שתי מרגליות טובות ונתנן בכף מאזנים, — לא זו גדולה מזו ולא זו גדולה מזו; כך הם משה ואהרן — שוים. א״ר חנינא בר פפא: ברוך המקום שבחר בשני אחים האלה, שלא נבראו אלא לתורה ולכבודן של ישראל. ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי: שתי משפחות של (כהנים) [חכנים] היו באלכסנדריה, אחת מקרית ואחת מרתחת. מעשה ששלחו הרופאים והביאו מהן ועשו אותן תיריאקה, ובהן היו מרפאין.

רבא בשם ר׳ שמעון: בשר ודם אין מקדים רטייה, עד שרואה המכה; אבל מי שאמר והיה העולם אינו כן, אלא מקדים הרטייה, ואחר כך הוא מכה. הה״ד (ירמיה לג): הנני מעלה לה ארוכה ומרפא, ורפאתים, וגו׳; וכתיב (הושע ז): כרפאי לישראל, — אמר הקב״ה: „באתי לרפא עונותיהן של ישראל, ונגלה עון אפרים ורעות שומרון.״ אבל אומות העולם מכה אותן ואחר כך מרפאן, שנאמר (ישעיה יט): ונגף ה׳ את מצרים נגוף ורפוא, — נגוף על ידי אהרן ורפוא על ידי משה. אשריהם שני אחים הללו, שלא נבראו אלא לכבוד ישראל! והדא הוא דאמר שמואל הנביא (שמואל א, יב): ה׳ אשר עשה את משה ואת אהרן [ואשר העלה את אבותיכם מארץ מצרים]. הוי: שני שדיך, אלו משה ואהרן.

יג

(ה) תאומי צביה, — ר׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ לוי: מה תאומים הללו, כיון שפורש אחד מהן מדדיהן, דדן נסתם, כך כתיב (זכריה יא): ואכחיד את שלשת הרועים בירח אחד. והלא לא מתו אלא בשנה אחת! אלא בירח אחד נגזרה עליהם גזירה על שלשתן; הה״ד (תהלים מז): נדיבי עמים נאספו. ר׳ יוסי אומר:

---

אָפּ פון דער מוטערס ברוסט,[1] ווערט די ברוסט פאַרשטאָפּט,[2] אַזוי שטייט געשריבן (זכריה יא, ח): ואכחיד — און איך האָב פאַרטיליקט די דריי פּאַס־טעכער[3] אין איין חודש. אָבער זיי זיינען דאָך ניט אַנדערש געשטאָרבן, נייערט אין איין יאָר![4] נייערט אין איין חודש איז נגזר געוואָרן די גזרה אויף אַלע דריי; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (תהלים מז, י): נדיבי — די האַרן פון די פעלקער[5] זיינען איינגעזאַמלט געוואָרן.[6]

---

יג. [1] הערט אויף זויגן און שטאַרבט. [2] און דער צווייטער שטאַרבט אים נאָך. [3] געדרשנט אויף משה, אהרן און מרים (תוספתא, סוטה יא). [4] מרים איז געשטאָרבן

ר׳ יוסי[7] זאָגט: דריי גוטע פּרנסים זיינען אויפגעקומען אין ישראל, און דאָ זיינען זיי: משה, אהרן און מרים, און אין זייער זכות זיינען זיי געגעבן געוואָרן דריי טייערע מתנות: דער קוואַל,[8] דער מן, און די וואָלקנס פון כבוד;[9] דער מן אין זכות פון משהן, דער קוואַל אין זכות פון מרימען,[10] אין זכות פון אהרנען — די וואָלקנס פון כבוד.[11] איז מרים געשטאָרבן, אַזוי האָט דער קוואַל אויפגעהערט, און זיי האָבן געזאָגט (במדבר כ, ה): לא — ס׳איז ניט קיין אָרט פון זאָמען, אָדער פייגן; און ער האָט זיך אומגעקערט אין זכות פון משהן און אהרנען.[12] איז אהרן געשטאָרבן, אַזוי האָבן זיך אָפּגעטאָן די וואָלקנס פון כבוד; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט פּסוק כט): ויראו — האָט די גאַנצע עדה געזען, אַז אהרן איז פאַרגאַנגען, לייען ניט ויראו, און זיי האָבן געזען, נייערט וייראו, און זיי האָבן מורא געהאַט;[13] און ביידע[14] האָבן זיך אומגעקערט אין זכות פון משהן.[15] איז משה געשטאָרבן, אַזוי האָבן זיך אַלע דריי אָפּגעטאָן און זיך מער ניט אומגעקערט. און די האָרנבין[16] איז ניט אַריבער דעם ירדן מיט זיי,[17] און ישראל האָט פון דעמאָלט אָן קיין רואיק געמיט ניט געהאַט.

הרועים — וואָס ,פּיטערן[18] צווישן די ליליעס, שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: מרים און יוכבד זיינען געווען די הייבאַמען פון ישראל,[19] און זיי האָבן געפּיטערט [דאָס קליינוואַרג פון] ישראל, וואָס זייער האַרץ איז געווען צאַרט ווי ליליעס. און וואו איז געווען די פּיטערונג פון ישראל? אין מצרים ביזן ים סוף.[20]

יד

(ו) עד — ביז דער טאָג וועט אָנווייען, — ר׳ אבהו[1] און ר׳ לוי. איינער האָט געזאָגט: בשעת אברהם האָט געמלעט זיך און זיין זון[2] און זיין הויז־געזינד, האָט ער געמאַכט פון זייערע פאָרהויטן אַ בערגל, און די זון האָט געשיינט אויף זיי און זיי זיינען פאַרווערימט געוואָרן; איז זייער ריח אַרויף פאַר הקדוש ברוך הוא ווי דער ריח פון די רויכוואַרג־געווירצן, און ווי דער ריח פון דעם הויפן ווייררויך וואָס אויף די קרבנות. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ווען די קינדער פון דעם דאָזיקן וועלן באַגיין עבירות און שלעכטע

י׳ ניסן, אהרן — א׳ אב און משה — ז׳ אדר (סדר עולם י; תענית ט, א). [5] לויט דער דרשה — די שבטים פון ישראל. [6] לויט דער דרשה — נפטר געוואָרן, ווי דער אויסדרוק מיינט אָפט אין תנ״ך. [7] בר׳ יהודה (לויט תוספתא, דאָרט, און ניט ווי דער מהרז״ו וויל האָבן, אַז דאָס איז ר׳ יוסי [בן חלפתא], דער טראַדיציאָנעלער מחבר פון סדר עולם). [8] „מרימס ברונעם״, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען אין מדבר פערציק יאָר. [9] שמות מ, לח. [10] במדבר רבה א, ב. [11] דאָרט. [12] במדבר כ, א—יא. [13] ווייל עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי דער שוץ פון די וואָלקנס. [14] דער קוואַל און די וואָלקנס. [15] ווייל אויך נאָך דעם פלעגט זיך גאָט באַווייזן צו משהן אין אַ וואָלקן דברים לא, טו). [16] שמות כג, כח. [17] אין תוספתא סוטה, יא, ענדיקט זיך דער מאמר מיטן ווייטערדיקן: נייערט זי איז געבליבן שטיין אויפן ברעג פון ירדן און געוואָרפן אויף זיי (אויף די כנענים) איר גיפט. [18] טראַנזיטיוו, לויטן דרש. [19] שמות א, טו—כב. [20] זיי האָבן אָפּגעהיט דאָס קליינוואַרג, ביז די געפאַר איז אַריבער (מפרשים גיבן דאָ אַן פאַרשיידענע אַנדערע פּירושים).

יד. [1] אין בראשית רבה מז, ז איז דער נוסח ר׳ אייבו. [2] אָנשטאָט „זיינע זין״ ווי

שלשה פרנסין טובים עמדו לישראל, ואלו הן: משה, אהרן ומרים, ובזכותן נתנו להם שלש מתנות טובות: הבאר, המן וענני הכבוד; המן בזכות משה, הבאר בזכות מרים, בזכות אהרן ענני הכבוד. מתה מרים, ופסקה הבאר, והיו אומרין (במדבר כ): לא מקום זרע ותאנה, וחזרה בזכות משה ואהרן. מת אהרן, נסתלקו ענני הכבוד; הה"ד(שם): ויראו כל העדה, כי גוע אהרן, — אל תקרי ויראו, אלא וייראו, וחזרו שניהם בזכות משה. מת משה, נסתלקו שלשתן ושוב לא חזרו. והצרעה לא עברה עמם את הירדן, ולא ראו ישראל קורת רוח מן אותה שעה.

הרועים בשושנים, — אמר שמואל בר נחמני: מרים ויוכבד הן הן חיותיהן של ישראל, והיו רועות את ישראל, שלבם רך כשושנים. והיכן היתה מרעיתן של ישראל? במצרים עד ים סוף.

יד

(ו) עד שיפוח היום, — ר' אבהו ור' לוי. חד אמר: בשעה שמל אברהם אבינו את עצמו (ובניו) [ובנו] ובני ביתו, עשה ערלותיהן גבעה, זרחה עליהן החמה והתליעו; ועלה ריחן לפני הקב"ה כריח קטרת הסמים וכריח קומץ הלבונה שעל גבי האישים. ואמר הקב"ה: „לכשיבואו בניו של זה לידי עבירות ומעשים רעים, אני נזכר להם זה הריח ואתמלא רחמים עליהם והופך להם מדת הדין למדת הרחמים." מה טעם? אלך לי אל הר המור. ר' לוי אמר: בשעה שמל יהושע את בני ישראל, העמיד להם ערלותיהם גבעה, וזרחה עליהם חמה והתליעו; ועלה ריחן לפני הקב"ה כריח קטרת סמים וכריח קומץ של לבונה שעל גבי אישים. באותה שעה אמר הקב"ה: „לכשיבואו בניהם של אלו

---

מעשים, וועל איך זיי געדענקען דעם דאָזיקן ריח, און איך וועל פול ווערן מיט רחמנות אויף זיי און וועל זיי פאַרבייטן דאָס מידת הדין אויף מידת הרחמים." פון וואַנען איז עס געדרונגען? וועל איך מיר גיין צום באַרג פון מירע.[3] ר' לוי האָט געזאָגט: בשעת יהושע האָט געמלעט די קינדער פון ישראל,[4] האָט ער אָנגעהויפנט זייערע פאַרהויטן אין אַ בערגל, און די זון האָט געשיינט אויף זיי און זיי זיינען פאַרוועָרימט געוואָרן; איז זייער ריח אַרויף פאַר הקדוש ברוך הוא ווי דער ריח פון די רויכוואַרג־געווירצן, און ווי דער ריח פון דעם הויפן ווייַרויך וואָס אויף די קרבנות. דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ווען די קינדער פון די דאָזיקע וועלן באַגיין

---

אין די טעקסטן, ווייל יצחק איז געבאָרן געוואָרן ערשט שפּעטער. [3] צום באַרג פון די

עבירות און שלעכטע מעשים, וועל איך זיי געדענקען דעם דאָזיקן ריח און פול ווערן מיט רחמנות אויף זיי, און וועל זיי פאַרבייטן דאָס מידת הדין אויף [מידת] הרחמים." פון וואַנען איז עס געדרונגען? וועל איך מיר גיין צום באַרג פון מירע און צום בערגל פון ווייראַך.

אין פסוק שטייט (בראשית יז, כו): בעצם — אין סאַמע דעם דאָזיקן טאָג איז געמלעט געוואָרן אברהם, — ר' ברכיה האָט געזאָגט: ווען אברהם וואָלט זיך מלע געווען ביי נאַכט, וואָלטן זיינע בני־דור געזאָגט: „ווען מיר וואָלטן עס געזען, וואָלטן מיר אים ניט געלאָזט." נייערט אין סאַמע דעם דאָזיקן טאָג איז געמלעט געוואָרן אברהם: זאָל דער וואָס ס'אַרט אים, רעדן.

ר' (אבהו) [אבא][5] בר כהנא און ר' לוי. ר' אבא האָט געזאָגט: [אברהם] האָט געפּילט [דעם ווייטאָג] און האָט געליטן, כדי הקדוש ברוך הוא זאָל טאָפּלען זיין שכר. [ר' לוי האָט געזאָגט: עס שטייט ניט „אברהם האָט זיך געמלעט," נייערט איז געמלעט געוואָרן: ער האָט זיך באַטראַכט און געפונען, אַז ער איז אַ געמלעטער.][6] אין פסוק שטייט (פסוק יג): המול — מלען זאָל געמאַלעט ווערן דיין הויז־געבאָרענער און דיין געלט־געקויפטער, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „זאָל קומען אַן אומריינער און זיך אָפּגעבן מיט אַ ריינעם?[7] איז מעגלעך אַזוינס? נייערט געמלעט זאָל געמלעט ווערן: איך בין ריין און אברהם איז ריין, פּאַסט עס פאַר אַ ריינעם זיך אָפּצוגעבן מיט אַ ריינעם.[8] ר' אבין פון ר' שמעונס וועגן האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט צוגעלייגט זיין רעכטע האַנט צו אברהמס און האָט אים מלע געווען, ווי דער פסוק זאָגט (נחמיה ט, ח): וכרות — און האָסט פאַרשניטן מיט אים אַ בונד.[9]

## טו

אַן אַנדער פּשט: וועל איך מיר גיין צום באַרג פון מירע, דאָס איז אברהם, וואָס איז דער ערשטער פון אַלע צדיקים; און צום בערגל פון ווייראַך, דאָס איז יצחק, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אויפן מזבח ווי אַ הויפן ווייראַך; (ז) ביסט אין גאַנצן שיין, מיין געליבטע, דאָס איז אונדזער פאָטער יעקב, וואָס זיין בעט איז געווען גאַנץ פאַר אים, און קיין פּסול איז אין דעם ניט געפונען געוואָרן.[1]

[אַן אַנדער פּשט:][2] וואָס מיינט ביסט אין גאַנצן שיין, מיין געליבטע? ר' שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: בשעת ישראל איז געשטאַנען פאַרן באַרג סיני און געזאָגט (שמות כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן, דעמאָלט איז ביי זיי ניט געווען ניט קיין אויספלוסיקע און ניט קיין קרעציקע און ניט קיין הינקעדיקע און ניט קיין בלינדע, ניט

ערלות, וואָס האָבן געטאָן אַנווייען דעם ריח פון מירע (און מיט טאָג ווערט געמיינט די זון, וואָס האָט גורם געווען דעם ריח). [4] יהושע ה, ב—ט. [5] לויט בראשית רבה, דאָרט, ט. [6] אין אונדזערע געדרוקטע מדרשים פעלן ר' לויס ווערטער; מיר האָבן עס צוגעגעבן לויט בראשית רבה, דאָרט. [7] זאָל אַ ניט געמלעטער מלען אברהמען? (אברהם איז דאָך געווען דער ערשטער געמלעט צו ווערן). [8] אין הסכם מיט ר' לוין. [9] געדרשנט פאַר־שניטן מיט אים, בוכשטעבלעך. געהאָלפן זיך מלע צו זיין.

לידי עבירות ומעשים רעים, אני נזכר להם ריח זה ומתמלא עליהם רחמים והופך להם מדת הדין לרחמים." מה טעם? אלך לי אל הר המור ואל גבעת הלבונה.

כתיב (בראשית יז): בעצם היום הזה נמול אברהם, — אמר ר' ברכיה: אילו מל אברהם את עצמו בלילה, היה דורו אומר: „אילו ראינוהו, לא הנחנוהו." אלא בעצם היום הזה נמול אברהם: דרגשה ליה ימלל.

ר' (אבהו) [אבא] בר כהנא ור' לוי. ר' אבא אמר: הרגיש ונצטער, כדי שיכפול לו הקב"ה שכרו. [א"ר לוי: „מל אברהם" אין כתיב כאן, אלא נמול: בדק את עצמו ומצא עצמו מהול]. (שם) המול ימול יליד ביתך ומקנת כספך, — אמר הקב"ה: „יבא טמא ויטפיל בטהור? אפשר כן? אלא המול ימול: אני טהור ואברהם טהור, נאה לטהור להטפל בטהור." ר' אבין בשם ר' שמעון אמר: שיתף הקב"ה ימינו עם אברהם ומלו, שנאמר (נחמיה ט): וכרות עמו הברית.

טו

ד"א: אלך לי אל הר המור, זה אברהם, שהוא ראש לכל הצדיקים; ואל גבעת הלבונה, זה יצחק, שנתקרב כקומץ לבונה על גבי למזבח; (ז) כלך יפה, רעיתי, זה יעקב אבינו, שהיתה מטתו שלמה לפניו, ולא נמצא בה פסולת.

[ד"א:] מהו כלך יפה, רעיתי? תני ר' שמעון בן יוחאי: בשעה שעמדו ישראל לפני הר סיני ואמרו (שמות כד): כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, אותה שעה לא היה בהם לא זבים ולא מצורעין ולא חגרין ולא סומין, לא אלמין ולא חרשין, לא שוטין ולא שממין, לא טפשין ולא חלוקי לב; על אותה שעה נאמר: כולך יפה, רעיתי. כיון שחטאו, לא היו ימים קלים, והיו בם זבים ומצורעים, חגרין וסומין, אלמים, חרשים, שוטים וטפשין; באותה שעה נאמר (במדבר ה): וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב.

---

קיין שטומע און ניט קיין טויבע, ניט קיין משוגעים און ניט קיין צעמישטע, ניט קיין טיפשים און ניט קיין צווייפלערס. וועגן יענער צייט איז געזאָגט געוואָרן: ביסט אין גאַנצן שיין, מיין געליבטע. ווי זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי האָט עס לאַנג ניט געדויערט, און עס זיינען געווען צווישן זיי אויספלוסיקע און קרעציקע, הינקעדיקע און בלינדע, שטומע, טויבע, משוגעים און טיפשים; דעמאָלט איז געזאָגט געוואָרן (במדבר ה, ב): וישלחו — זיי זאָלן אַרויסשיקן פון לאַגער איטלעך קרעציקן און איטלעך אויספלוסיקן.

ר׳ חלבו האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (במדבר ז: יב, יח): ויהי — און דער וואָס האָט געבראַכט זיין קרבן דעם ערשטן טאָג — — — [איז געווען נחשון — — — פון שבט יהודה] — — — דעם צווייטן טאָג האָט געבראַכט נתנאל — — — זיין קרבן, — פאַרוואָס האָט דער פסוק געמאַכט יהודהן טפלדיק?[3] כדי יהודה זאָל זיך ניט גרויסהאַלטן און זאָגן: „וויבאַלד איך האָב מקריב געווען דער ערשטער, בין איך דער חשובסטער פון זיי אַלעמען;" נייערט הקדוש ברוך הוא האָט זיי פאַררעכנט, ווי זיי וואָלטן אַלע מקריב געווען אויפן ערשטן טאָג און אויפן לעצטן טאָג. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק פד): זאת — דאָס איז געווען די באַנייאונג פונעם מזבח, אין טאָג וואָס ער איז געזאַלבט געוואָרן, — האָט ניט איטלעכער פון זיי געבראַכט איין שפּרענגבעקן, איין לעפל [אא״וו], טאָ פאַרוואָס שטייט: זילבערנע שיסלען צוועלף, זילבערנע שפּרענגבעקנס צוועלף, גילדערנע לעפל צוועלף?[4] נייערט כדי יהודה זאָל ניט זאָגן: „וויבאַלד איך האָב מקריב געווען דער ערשטער, בין איך דער חשובסטער פון זיי אַלעמען;" דעריבער האָט הקדוש ברוך הוא זיי פאַררעכנט, ווי זיי וואָלטן אַלע מקריב געווען אויפן ערשטן טאָג און אויפן לעצטן טאָג.

ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (בראשית מט, כח): כל אלה — די אַלע זיינען די צוועלף שבטים פון ישראל — — — [איטלעכן לויט זיין ברכה האָט ער זיי געבענטשט], — נאָך דעם ווי ער האָט זיי שוין געבענטשט, האָט ער זיי ווידער געבענטשט? נייערט עס לערנט אונדז, אַז אונדזער פאָטער יעקב איז געזעסן און האָט זיי [אין זיינע ברכות] פאַרגליכן צו חיות: יהודהן האָט ער פאַרגליכן מיט אַ לייב, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק ט): גור — אַ יונגער לייב איז יהודה; דן — צו אַ שלאַנג, ווי דער פסוק זאָגט (יז): יהי — דן וועט זיין אַ שלאַנג אויפן וועג; נפתלין — צו אַ הינדין, ווי דער פסוק זאָגט (כא): נפתלי איז אַ פלינקע הינדין; בנימינען — צו אַ וואָלף, ווי דער פסוק זאָגט (כז): בנימין איז אַ פאַרצוקנדיקער וואָלף; און נאָך דעם האָט ער זיי אַלעמען ווידער אָנגערופן וועלף, אַלעמען — שלאַנגען, אַלעמען — ברענענדיקע שלאַנגען, אַלעמען — סקאָרפּיאָנען.[5] אַ ראיה האָסטו, אַז ס׳איז אַזוי, וואָרום דן, וואָס ער האָט אים גערופן שלאַנג, ווערט ווייטער גערופן לייב, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, כב): דן איז אַ יונגער לייב.

ר׳ אידי האָט געזאָגט: מיר געפינען ביי די קרבנות פון די נשיאים, אַז דאָס וואָס דער האָט מקריב געווען האָט אויך דער מקריב געווען: דער האָט מקריב געווען אַ קרבן־עולה[6] און דער האָט מקריב געווען אַ קרבן־עולה, דער אַ קרבן־מנחה[7] און דער — אַ קרבן־מנחה; דער אַ קרבן־חטאת[8] און דער אַ קרבן־חטאת, דער — אַ קרבן־שלמים[9] און דער — אַ קרבן־שלמים; פאַרוואָס? ווייל זיי זיינען אַלע געווען שלמותדיק און גלייכווערטיק. — טאָ פאַרוואָס האָט דער פסוק אין ספר ואלה שמות געפונען פאַר נויטיק אויסצורעכענען דעם יחוס פון ראובן, שמעון און לוי?[10] [וועגן דעם זאָגן] ר׳ חנין[11] און ר׳ לוי. איינער האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס זייער פאָטער האָט זיי פירגעהאַלטן;[12] און איינער האָט געזאָגט:

א״ר חלבו: כתיב (במדבר ז): ויהי המקריב ביום הראשון, וגו׳, [נחשון — — — למטה יהודה] — — — ביום השני הקריב נתנאל — — — קרבנו, — ולמה עשה יהודה טפלה? שלא יתגאה יהודה ויאמר: „הואיל ואני הקרבתי תחלה, אני הוא גדול שבכלם;" אלא העלה הקב״ה עליהם כאילו הקריבו כלם ביום ראשון וביום אחרון. א״ר אלעזר: כתיב (שם): זאת חנכת המזבח ביום המשח אותו, — והלא כל אחד ואחד מהן הקריב מזרק אחד, כף אחת, — ומה תלמוד לומר: קערות כסף שתים עשרה, מזרקי כסף שנים עשר, כפות זהב שתים עשרה? אלא יאמר יהודה: הואיל ואני הקרבתי תחלה, אני גדול שבכלם; לפיכך העלה הקב״ה עליהם, כאילו הקריבו כלם ביום הראשון וביום האחרון.

א״ר ברכיה: כתיב (בראשית מט): כל אלה שבטי ישראל שנים עשר — — — [איש אשר כברכתו ברך אותם] — מאחר שברכן חזר וברכן? אלא מלמד, שישב יעקב אבינו ומשלן בחיות: משל ליהודה באריה, שנאמר (שם) גור אריה יהודה; דן לנחש, שנאמר (שם): יהי דן נחש עלי דרך; נפתלי לאילה, שנאמר (שם): נפתלי אילה שלוחה; בנימין לזאב, שנאמר (שם): בנימין זאב יטרף; — וחזר וקראן כלן זאבים, כלן נחשים, כלן שרפים, כלן עקרבים. תדע לך, שהוא כן, שהרי דן שקראו נחש, חזר וקראו אריה, שנאמר (דברים לג): דן גור אריה.

א״ר אידי: מצינו בקרבנות של נשיאים מה שהקריב זה הקריב זה: זה הקריב עולה וזה הקריב עולה, זה מנחה וזה מנחה, זה חטאת וזה חטאת, זה שלמים וזה שלמים, — למה? שכולם שלמים ושוין כאחד. — ומה ראה הכתוב ליחסן בספר ואלה שמות: ראובן, שמעון ולוי? ר׳ (חנינא) [חנין] ור׳ לוי. חד אמר: מפני שקינטרן אביהם; וחד אמר: מפני שייחסן אצל משה ואהרן.

---

ער האָט אויסגערעכנט זייער יחוס פון וועגן משהן און אהרנען.[13] און מיר וויסן

---

טו. [1] פאַרגלייך ילקוט בראשית, קנז. [2] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט. [3] ווי אַ בייזאַך: די ו פון ויהי, און, מיינט ווי אַ צוגאָב צו עפּעס פריערדיקס, בעת ביי די אַנדערע נשיאים איז עס ניטאָ. [4] צו וואָס ווערן די זאַכן ווידער אויסגערעכנט? [5] אַלע שבטים, הייסט עס זיינען גלייך פאַרן אייבערשטן, ווי אויבן. [6] ויקרא א. [7] דאָרט ב. [8] דאָרט ד. [9] דאָרט ג. [10] שמות ו, יד—יט. [11] אַנשטאָט ר׳ חנינא דאָ און אַנשטאָט ר׳ הונא ווייטער — לויט במדבר רבה יג, ח. [12] און זיי האָבן דעם פירוואָרף אָנגענומען (ווי ווייטער), האָט זיי דער פסוק צוריקגעגעבן זייער גלייכווערטיקייט (וועגן דעם פירוואָרף זע (בראשית מט, ג—ז). [13] דער פסוק האָט געוואָלט אויסרעכענען דעם יחוס פון משהן און אהרנען, האָט

ניט, ווער האָט געזאָגט דאָס איינע און ווער האָט געזאָגט דאָס אַנדערע. אָבער פון דעם וואָס ר׳ יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בר׳ סימון [און יענער] אין נאָמען פון ר׳ (הונא) [חנין] (משלי טו, לא): אזן — אַן אויער וואָס הערט זיך צו צום מוסר פון לעבן טוט צווישן חכמים רוען, קאָנסטו וויסן, אַז ר׳ חנין איז דער וואָס האָט געזאָגט: איבער דעם וואָס ער האָט זיי פירגעוואָרפן. און ווייל זיי האָבן אָנגענומען דעם פירוואָרף פון זייער פאָטער, האָבן זיי זוכה געווען מע זאָל אויסרעכענען זייער יחוס צוזאַמען מיט משהן און אהרענען; דע־ריבער זאָגט דער פסוק: ביסט אינגאַנצן שיין.

ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן.[14] ר׳ יהודה האָט געזאָגט: ווייל די אַנדערע שבטים האָבן ניט אָפּגעהיט זייערע יחוס־בריוו אין מצרים, אָבער ראובן, שמעון און לוי האָבן יאָ אָפּגעהיט זייערע יחוס־בריוו אין מצרים. ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: ווייל אַלע אַנדערע שבטים האָבן געדינט דער עבודה זרה אין מצרים,[15] אָבער דער שבט ראובן, שמעון און לוי האָבן ניט געדינט דער עבודה זרה. און די רבנן האָבן געזאָגט: ווייל קיינער פון די שבטים,[16] האָט ניט געהאַט קיין אייבערשאַפט איבער ישראל אין מצרים, אָבער די דאָ־זיקע שבטים האָבן יאָ געהאַט אייבערשאַפט אין מצרים. ווי אַזוי? אַז ראובן איז געשטאָרבן, איז די אייבערשאַפט געגעבן געוואָרן צו שמעונען; איז שמעון געשטאָרבן, איז די אייבערשאַפט געגעבן געוואָרן צו לוין. ווען לוי איז געשטאָרבן, האָט מען געוואָלט געבן די אייבערשאַפט צו יהודהן; איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: לאָזט עס, ביז איר צייט וועט קומען.[17] און ווען איז איר צייט געקומען? נאָך יהושעס טויט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שופטים א, א—ב): ויהי — און עס איז געווען נאָכן טויט פון יהושען — — — האָט גאָט געזאָגט: יהודה זאָל אַרויפגיין.[18] מיט דריי נעמען האָט מען אים[19] גערופן: יהודה,[20] עתניאל, יעבץ.[21] ר׳ ברכיה און ר׳ לוי אין נאָמען פון ר׳ חמא בר׳ חנינא: דאָס איז בועז.[22] ר׳ סימון אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוין: דאָס איז עתניאל.

## טז

[אַן אַנדער פשט:][1] אין פסוק שטייט (יחזקאל כב, יח): בן אדם — מענטשנקינד, דאָס הויז פון ישראל איז מיר געוואָרן צו פסולת, זיי אַלע — [קופער און צין — — —. אָבער] זכריה האָט געזאָגט: „איך האָב זיי[2] געזען

ער אָנגעהויבן מיט די ערשטע שבטים, און ווען ער איז צוגעקומען צו משהן און אהרנען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. [14] דערקלערן, פאַרוואָס נאָר די דריי שבטים ווערן אויסגע־רעכנט מיט משהן און אהרנען. [15] יחזקאל כ, ח. [16] געמיינט: די פאָטערס פון די שבטים. [17] די צייט ווען די אויבערשאַפט וועט זיין אין די הענט פון יהודהס קינדער. [18] דער ערשטער, ווי דער פירער. [19] דעם עלטסטן פון שבט יהודה, וואָס האָט איינגע־נומען קרית ספר (שופטים א, יג). [20] אָננעמנדיק, אַז יהודה פונעם ציטירטן פסוק איז ניט דער שבט, נאָר אַ פרט־נאָמען. [21] דברי הימים א, ד, ט. זע תמורה טז, א, וואו די דאָזיקע נעמען־אידענטיפיצירונגען ווערן גערדרשנט. [22] אין זיינע הענט איז געווען יהודהס אייבערשאַפט איבער ישראל, אָננעמנדיק, אַז מיט יהודה ווערט געמיינט דער שבט, און אַזוי איז עס ווייטער מיט עתניאלן.

ולית אנן ידעין, מאן דאמר הא ומאן דאמר הא. אלא מן דא"ר יודן בשם ר' יהודה בר' סימון בשם ר' (הונא) [חנין] (משלי טו): אזן שומעת תוכחת חיים בקרב חכמים תלין, הוי ר' (הונא) [חנין] הוא דאמר, מפני שקנטרן. )ולפי שקבלו את תוכחת אביהם, זכו להתייחס בצד משה ואהרן; לכך נאמר: כלך יפה.

ר' יהודה ור' נחמיה ורבנן. ר' יהודה אמר: לפי שכל השבטים לא שמרו יחוסיהן במצרים, וראובן, שמעון ולוי שמרו יחוסיהן במצרים. ר' נחמיה אמר: לפי שכל השבטים עבדו עבודה זרה במצרים, ושבט ראובן, שמעון ולוי לא עבדו עבודה זרה. ורבנן אמרין: לפי שכל השבטים לא נהגו שררה במצרים על ישראל, ושבטים הללו נהגו שררה במצרים. כיצד? מת ראובן, נתנה שררה לשמעון, מת שמעון, נתנה שררה ללוי, מת לוי, בא ליתן שררה ליהודה; יצתה בת קול ואמרה: הניחו אותה עד שיגיע זמנה. ואימתי הגיע זמנה? אחרי מיתת יהושע; הה"ד (שופטים א): ויהי אחרי מות יהושע — — — ויאמר ה': יהודה יעלה. שלשה שמות נקראו לו: יהודה, עתניאל, יעבץ. ר' ברכיה ור' לוי בשם ר' חמא בר' חנינא: זה בעז. ר' סימון בשם ר' יהושע בן לוי: זה עתניאל.

## טז

[ד"א]: כתיב (יחזקאל כב): בן אדם, היו לי בית ישראל לסיג; כלם [נחשת ובדיל], וגו'. אמר זכריה: „אנא חמיתה אולוכרוסון" (זכריה ד): ראיתי, והנה מנורת זהב כולה וגולה על ראשה, וגו', ושנים זיתים עליה, וגו', — תרין אמוראי. חד אמר: גולה; וחד אמר: גואלה. מאן דאמר גולה, שגלו' בבבל, וגלתה שכינה עמהם;

---

לויטער גאָלד" (זכריה ד, ב—ג): ראיתי — איך האָב געזען, ערשט אַ מנורה איך גאַנצן גאָלד, און אַ בעקן (גולה) אויף איר שפּיץ — — — און צוויי איילבירטביימער לעבן איר — — —, [וועגן דעם זאָגן] צוויי אמוראים. איינער האָט געזאָגט: [לייען] גולה, גלות; און איינער האָט געזאָגט: [לייען] גואלה, איר אויסלייזער. דער וואָס האָט געזאָגט: גולה, — ווייל ווען זיי זיינען געגאַנגען אין גלות, איז די שכינה געגאַנגען אין גלות מיט זיי;[3] און

---

טז. [1] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט, און אַזוי איז עס אויך לויטן ילקוט. [2] די כנסת ישראל. [3] די שכינה איז זיי געגאַנגען בראש (בראשה, אויף איר שפּיץ. ווייטער אין סימן יז ווערט עס אַרויסגעדרונגען פון אַ פּסוק אין ישעיה).

לויט דעם וואָס האָט געזאָגט: גואלה, איז עס דער אויסלייזער, ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה מז, ד): גואלנו — אונדזער אויסלייזער, גאָט פון צבאות איז זיין נאָמען. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „ווי באַלד עס איז אַזוי, כלך — ביסט אין גאַנצן שיין, און קיין פעלער איז אין דיר נישטאָ.״

יז

(ח) אתי — מיט מיר פון לבנון, כלה, מיט מיר פון לבנון וועסטו קומען, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „מיט מיר פון די ציגל[1] וועסטו קומען״: דאָרטן[2] האָבן מיר געלערנט: אַ בתולה גיט מען צוועלף חדשים פון ווען דער מאַן האָט זי פאַרקנסט, כדי זי זאָל זיך קענען אויסשטאַטן,[3] — „אָבער איך האָב ניט אַזוי געטאָן, נייערט ווען איר זענט נאָך געווען פאַרטאָן ביים ליים און ציגל, האָב איך געאיילט און אייך אויסגעלייזט.״ דער פאַרסרחעטער שכל פון אחשורשן האָט געזאָגט (אסתר ב, יב): ששה — זעקס חדשים מיט מירע־אייל[4] (ר׳ יהודה בר יחזקאל האָט געזאָגט: דאָס איז אַפּאָקסאַנין־אייל;[5] ר׳ ינאי האָט געזאָגט: דאָס איז אַנפּעקינון־אייל,[6] וואָס מאַכט די האָר אויספאַלן און מאַכט גלאַט דאָס לייב פונעם גוף), — „אָבער איך האָב ניט אַזוי געטאָן.״ ר׳ ברכיה און ר׳ ירמיה האָבן פון ר׳ חייא בר אבאס וועגן געזאָגט: ר׳ לוי בן סיסי האָט געדרשנט אין נהרדעא (שמות כד, י): ויראו — און זיי האָבן געזען דעם גאָט פון ישראל, און אונטער זיינע פיס [איז געווען] ווי דאָס ווערק פון סאַפּירשטיין־ציגל,[7] — דאָס איז געווען ביז זיי זיינען ניט אויסגעלייזט געוואָרן; וואו אָבער איז דער ציגל געווען נאָך זייער אויסגעלייזט ווערן? אינעם אָרט וואו אַ ציגל דאַרף אַוועקגעלייגט ווערן, דאָרט איז ער אַוועקגעלייגט געוואָרן. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: „דאָס ווערק״ שטייט דאָ ניט, נייערט ווי דאָס ווערק, מיינט עס דער ציגל און זיין גאַנץ קלאַפּערגעצייג איז אַוועקגעלייגט געוואָרן, ער און דער קאָרב און די קעלניע זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן. בר קפרא האָט געזאָגט: ביז ישראל איז ניט אַרויס פון מצרים, איז ער געווען אָנגעצייכנט אין הימל; אָבער זינט ישראל איז אַרויס פון מצרים האָט ער זיך מער אין וואָלקן ניט געוויזן. פון וואַנען איז עס געדרונגען? (דאָרט) וכעצם — און ווי דער סאַמע הימל אין לויטערקייט, ווען דער הימל איז ריין פון וואָלקנס.[7א]

[אַן אַנדער פּשט:][8] הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו זיי: „ווען איר זענט פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, בין איך געווען מיט אייך,״ ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מג, יד): למענכם — פון וועגן אייך בין איך געשיקט געוואָרן[9]

יז. [1] לבנים — לבנון. עמענדירט לויטן ווייטערדיקן טעקסט, אַנדערש פעלט דאָ דער עיקר, און די פראַזע איז סתם אַן איבערחזרונג. [2] משנה, כתובות ה, ב. [3] פון דער פאַרקנסונג (אירוסין) ביז צום פאַקטישן חתונה האָבן (נישואין, חופה) פלעגט אַמאָליקע צייט דויערן אַ יאָר. [4] האָבן זיך די יונגפרויען געדאַרפט זאַלבן, איידער זיי זיינען גרייט געווען צו קומען פאַר אחשורושן. [5] אייל וואָס קומט אַרויס פון איילבירטן פון זיך אַליין. [6] טעקסט ענדערונג לויט אונקלוס אויפן פסוק. [7] לויטן דרש, אַ דערמאָנונג פאַרן אייבערשטן וועגן דער פאַרקנעכטונג פון ישראל. [7א] נאָך יציאת מצרים, הייסט עס, האָט זיך דער ציגל מער אין הימל ניט אָנגעזען. [8] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט. [9] לויטן

**ולמאן דאמר** גואלה **הוא פרוקא, דכתיב** (ישעיה מז): גואלנו ה׳ צבאות שמו, וגו׳. **אמר הקב״ה: ״הואיל וכך,** כלך יפה, רעיתי, ומום אין בך.״

**יז**

(ח) אתי מלבנון כלה, אתי מלבנון תבואי, — **אמר הקב״ה: ״אתי** (מלבנון) [מלבנים] **תבואי״: תמן תנינן: נותנין לבתולה שנים עשר חדש משתבעה הבעל לפרנס את עצמה, — ״ואני לא עשיתי כן, אלא עד שאתם עוסקין בטיט ולבנים, קפצתי וגאלתי אתכם.״ דעה סרוחה של אחשורוש אמר** (אסתר ב): ששה חדשים בשמן המור (ר׳ **יהודה בר יחזקאל אמר: זה שמן אפוקסנין; ר׳ ינאי אמר: זה שמן (אופקינון) [אנפקינון], שמשיר השער ומחליק הבשר של גוף) — ״ואני לא עשיתי כן.״ ר׳ ברכיה ור׳ ירמיה בשם ר׳ חייא בר אבא אמר: דרש ר׳ לוי בן סיסי בנהרדעא** (שמות כד): ויראו את אלהי ישראל, ותחת רגליו [כמעשה לבנת הספיר], **זאת עד שלא נגאלו; אבל משנגאלו היכן היתה? במקום שדרכה של לבינה ראויה להנתן, שם היתה נתונה. א״ר ברכיה: ״מעשה״ אין כתיב כאן, אלא כמעשה, היא וכל ארגליה שלה נתנה, היא והסל והמגרפה שלה נתנה. בר קפרא אמר: עד שלא יצאו ישראל ממצרים, היתה רשומה ברקיע; ומשיצאו ישראל ממצרים עוד לא נראת בענן. מה טעם?** (שם) וכעצם השמים לטוהר, **כד אינון נקיין מן ענניך.**

**[ד״א:] אמר להם הקב״ה: ״כשגליתם לבבל, עמכם הייתי,״ שנאמר** (ישעיה מג): למענכם שלחתי בבלה; **״לכשתחזרו לבית הבחירה בקרוב, אני עמכם״; הה״ד:** אתי מלבנון, כלה, — **א״ר לוי: לא היה צריך קרא לומר, אלא ״אתי ללבנון, כלה,״ ואת** אמרת מלבנון! **אלא בתחלה הוא נעור מבית המקדש, ואחר כך**

---

קיין בבל; ״ווען איר וועט בקרוב זיך אומקערן צום הויז פון אויסדערוויילט־קייט, וועל איך זיין מיט אייך;״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: מיט מיר פון לבנון, כלה, — [און] ר׳ לוי האָט געזאָגט: דער פסוק האָט ניט געדאַרפט זאָגן אַנדערש, נייערט ״מיט מיר צום לבנון,[10] כלה,״ און דו זאָגסט: ״פון לבנון״! נייערט צוערשט וועט ער דערוואַכן פונעם בית המקדש,[11] און נאָך

---

[10] לבנון ווערט אין דער אגדה אָפט גע־טייטשט אויפן בית המקדש (פאַרגלייך פסיקתא רבתי, לד, א; יומא לט, ב; ירושלמי, יומא ו, ג, וואו די דרשה באַציט זיך אויפן פסוק פון זכריה יא, א). [11] נאָך דעם ווי דער דרש, לייענענדיק שולחתי אַנשטאָט שילחתי.

דעם וועט ער נעמען געצאָלט פון די אומות פון דער וועלט. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: אין דריי שעה צייט וועט הקדוש ברוך הוא נעמען געצאָלט פון עשו הרשע[12] און פון זיינע פירשטן; און פון וואַנען איז עס געדרונגען? ((תהלים יב, ו) [(ישעיה לג, י)]: עתה — איצט וועל איך אויפשטיין, זאָגט גאָט.[13] ר׳ שמעון בר׳ ינאי: איצט וועל איך אויפשטיין, — כל זמן די כנסת ישראל וואַלגערט זיך אין אַש, איז ער, כביכול, אויך אַזוי. און דאָס איז וואָס ישעיה האָט געזאָגט (דאָרט נב, ב): התנערי — טרייסל זיך אָפּ פון שטויב, שטיי אויף, זיץ, ירושלים; דעמאָלט (זכריה ב, יז): הס — שטיל איטלעך לייב פאַר גאָט! פאַרוואָס? וואָרום ער האָט זיך דערוועקט פון זיין הייליקער וואוינונג. ר׳ אחא האָט געזאָגט: ווי די דאָזיקע הון, וואָס טרייסלט אָפּ אירע פליגלען פונעם אַש.

## יח

(ח) תשורי — וועסט אַראָפּקוקן פון שפּיץ אמנה. ר׳ חוניא פון ר׳ יוסטאס וועגן: די פאַרטריבענע זיינען אָנגעברייט צו גרייכן ביז טאַורוס מונוס[1] און זאָגן שירה,[2] און די אומות פון דער וועלט זיינען אָנגעברייט זיי[3] צו ברענגען אַ מתנה[4] דעם מלך המשיח; פון וואַנען איז עס געדרונגען? תשורי מראש אמנה, און דער לשון תשורי איז נישט אַנדערש, נייערט אַ לשון מתנה, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל א, ט, ז): ותשורה — און קיין מתנה צו ברענגען דעם מאַן איז ניטאָ (זי איז ראוי, אָבער ניט פאַר אים[5]) — „צי האָב איך עס אייך שוין אַמאָל ניט געטאָן, אין די טעג פון חזאלן?"[6] (מלכים ב, ח, ט): וילך חזאל — איז חזאל אים געגאַנגען אַנטקעגן; און ער האָט מיטגענומען אַ מתנה אין האַנט, און דאָס גאַנצע[7] גוטס פון דמשק, אַ משא פון פערציק קעמלען, —

ר׳ יהודה האָט געזאָגט: איז דען דאָס גאַנצע גוטס פון דמשק געווען נאָר אַ משא פון פערציק קעמלען? נייערט [דער פסוק קומט דיך צו לערנען, אַז ער האָט געהאַט אין האַנט אַ טייערן שטיין און אַ פּערל, וואָס מע וואָלט געדאַרפט געבן פאַר זיי דאָס גאַנצע גוטס פון דמשק, דעריבער זאָגסטו: און ער האָט מיטגענומען אַ מתנה אין האַנט[8] און דאָס גאַנצע גוטס פון דמשק.

נייערט זיי אַליין זיינען אָנגעברייט צו ברענגען [ישראל][9] אַ מתנה דעם מלך המשיח. פון וואַנען איז עס געדרונגען? (ישעיה סו, כ): והביאו — און זיי וועלן ברענגען אַלע אייערע ברידער פון אַלע פעלקער אַ מתנה צו גאָט, אויף פערד און אויף רייטוועגן און אויף טראָגוועגן און אויף מוילאייזלען און אויף כרכרות, — וואָס מיינט און אויף כרכרות? ר׳ ברכיה פון ר׳ יהודהס וועגן האָט געזאָגט: ווי יענע אַלטע לייט, וואָס קאָנען ניט אומפאָרן אויף קיין שום פאָרוואַרג,[9א] נייערט מע טראָגט זיי

בית המקדש וועט שוין זיין ווידער אויפגעבויט. [12] געמיינט רוים. [13] אין הסכם מיטן מתנות כהונה און רש״ש האָבן מיר געביטן דעם מראה מקום פון תהלים אויף ישעיה: אינעם פסוק אין ישעיה געפינט זיך דאָס וואָרט עתה, איצט, דריי מאָל, ווערט עס גערדרשנט אויף דריי שעה; דער פסוק אין תהלים לאָזט זיך ניט דרשענען אויף דעם.

הוא פורע מן אומות העולם. א״ר ברכיה: בג׳ שעות הקב״ה פורע מן עשו הרשע ומאלופיו; ומה טעם? ((תהלים יב) [ישעיה לג)] עתה אקום, יאמר ה׳, וגו׳. ר׳ שמעון בר׳ ינאי: עתה אקום, — כל זמן שמוכפשת באפר, כביכול והוא כן. והוא שישעיה אמר (שם, נב): התנערי מעפר, קומי, שבי, ירושלים; באותה שעה (זכריה ב): הס כל בשר מפני ה׳! למה? כי נעור ממעון קדשו. א״ר אחא: כהדא תרנגולתא, דמנערה גפה מגווא קטמא.

## יח

(ח) תשורי מראש אמנה. א״ר חוניא בשם ר׳ יוסטא: עתידות הגלויות מגיעות עד טוורוס מונוס ואומרים שירה, ועתידים אומות העולם להביא אותם (סרדיוטות) [דורונות] למלך המשיח; מה טעם? תשורי מראש אמנה, אין לשון תשורי, אלא לשון קרבן; המד״א (שמואל א, ט): ותשורה אין להביא לאיש (ראויה היא, (ואנא לא) [ואינה לו] ראויה) — „לא כבר עשיתי לכם בימי חזאל?״ (מלכים ב, ח) וילך חזאל לקראתו; ויקח מנחה בידו וכל טוב דמשק, משא ארבעים גמל, —

א״ר יהודה: וכי כל טוב דמשק משא ארבעים גמל היה? אלא ללמדך, שהיתה בידן אבן טובה ומרגליות, שהיה ראוי ליתן בדמיהם כל טוב דמשק, ואת אמרת: ויקח מנחה בידו וכל טוב דמשק.

אלא הן עצמן עתידין להביא [ישראל] דורנות למלך המשיח. מה טעם? (ישעיה סו) והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לה׳, בסוסים וברכב ובצבים ובפרדים ובכרכרות, — מהו ובכרכרות? ר׳ ברכיה בשם ר׳ יהודה אמר: כאילין סביא, דלית אינון יכולין מטענין בכל קדיקה, ואינון מטענין להון

יח. [1] לויט תרגום יונתן (במדבר כ, כב) איז עס דער הור ההר, וואו אהרן איז געשטאָרבן (דאָרט איז דער נוסח אומנוס). — ווערטערלעך מיינט עס: דער באַרג מונוס. [2] אָנשפּיל אויף תשורי. [3] די יידן פון גלות. [4] געביטן אין הסכם מיט אַ צאָל מפרשים, און אַזאַ נוסח האָט אויך דער אות אמת. [5] אַ זייטיקע באַמערקונג, וואָס האָט ניט צו טאָן דירעקט מיט אונדזער ענין: דאָס פערטל שקל וואָס שאולס יונג האָט געפונען (זע דאָרט ווייטער), איז ראוי צו זיין אַ מתנה, אָבער ניט פאר אַזאַ מאַן ווי שמואל (טעקסט ענדערונג לויטן יפה קול; אָן דעם האָט די מימרא אין גאַנצן קיין זין ניט). [6] דער אייבערשטער זאָגט עס צו ישראל: מיט מאַטעריעלע מתנות האָב איך אייך שוין לאַנג באַוואָרנט; אָבער די קומענדיקע מתנה וועט זיין פון גאָר אַן אַנדער מין. [7] לויטן דרש. [8] עפּעס וואָס מע קאָן האַלטן אין איין האַנט. [9] צוגאָב לויטן אות אמת. [9א] לויט יאַסטראָוו —

אויף אַ טראָגבעטל.[10] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים צו, ז) הבו — גיט צו גאָט משפחות, איר פעלקער.[11] ר' אחא האָט געזאָגט: דאָ שטייט ניט [בלויז] „פעלקער גיט צו גאָט משפחות,‟ נייערט [גיט צו גאָט] משפחות, איר פעלקער; גיט צו גאָט כבוד און שטאַרקייט, — ווען איר וועט זיי ברענ־גען, זאָלט איר זיי ניט ברענגען מיט ביזיון, נייערט מיט כבוד און שטאַרקייט.

אין וואָסער זכות?[12] אין זכות פון דעם וואָס זיי האָבן געזאָגט שירה ביים ים. רב נחמן האָט געזאָגט: אין זכות פון דעם גלויבן וואָס אברהם האָט געגלויבט, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, ו): והאמין — און ער האָט גע־גלויבט אין גאָט. [ר' נחמיה האָט געזאָגט: ישראל האָט ניט אַנדערש זוכה געווען צו זאָגן שירה ביים ים, נייערט אין זכות פונעם גלויבן, ווי דער פסוק זאָגט שמות יד, לא): ויאמינו — און זיי האָבן געגלויבט אין גאָט.][14] ר' חלבו[15] פון ר' יוחנן וועגן האָט געזאָגט: עס שטייט געשריבן (דאָרט): וירא ישראל — און ישראל האָט געזען די גרויסע האַנט,[16] — ער פירט זיי[17] ערשט, זאָלן זיי ניט גלויבן? איז דען פאַראַן אַ מענטש וואָס זעט, און גלויבט ניט? מוזסטו זאָגן: אין זכות פון דעם גלויבן, וואָס ישראל האָט געגלויבט אין מצרים,[18] ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ד, לא): ויאמן העם — און דאָס פאָלק האָט געגלויבט.

## יט

אַן אַנדער פשט: וועסט אַראָפקוקן פון שפּיץ אמנה, דאָס איז אברהם, וואָס ביי אים שטייט געשריבן: און ער האָט געגלויבט[1] אין גאָט; פון שפּיץ שניר, דאָס איז יצחק: אַזוי ווי דער דאָזיקער שניר האָט פיינט דעם אַקער,[2] אַזוי איז אויך יצחק ניט געפּרואווט געוואָרן מער ווי בלויז איין מאָל; און חרמון, דאָס איז יעקב: אַזוי ווי דער דאָזיקער חרמון האָט דאָס גאַנצע גוטס זיינס אויף זיין נידער,[3] אַזוי קומט אויך אַרויס כהונה פון יעקבן,[4] לוויה[5] פון יעקבן, מלכות פון יעקבן. פון די וואוינונגען פון לייבן, דאָס זיינען סיחון און עוג;[6] אַזוי ווי דער דאָזיקער לייב איז פאַרריסן, אַזוי זיינען אויך סיחון און עוג געווען פאַרריסענע און גיבורים, ווייל ס'איז ניט געווען פון איינעם צום צווייטן מער ווי איין טאָג גאַנג בלויז, אָבער ניט דער איז געקומען יענעם צו הילף, און ניט יענער איז געקומען דעם צו הילף; פון די בערג פון לעמפּערטן, דאָס זיינען די כנענים: אַזוי ווי דער דאָזיקער לעמפּערט איז חוצפּהדיק, אַזוי אויך זיינען די כנענים חוצפּהדיק; דאָס איז ווי אין פסוק

---

בכלקדיקא. [10] יאַסטראָוו הייסט דאָ לייענען אַנשטאָט בורתידא — קתידרא. [11] פּונק־טואַציע לויטן דרש: אַ ווענדונג צו די אומות פון דער וועלט זיי זאָלן ברענגען די משפּחות פון ישראל. [12] וועט דאָס ברענגען ישראל זיין אויף אַ בכבודיקן אופן? [13] אמנה, אָנשפּיל אויף אונדזער פסוק, און אַזוי אויך ווייטער. [14] צוגעגעבן לויט תנחומא באָבער, בשלח יא און שמות רבה כג, ה; אַנדערש איז דער ווייטערדיקער טעקסט אין גאַנצן ניט קלאָר. דער יפה קול האָט דאָ אַן אַנדער נוסח. [15] אין שמות רבה — ר' יצחק. [16] די גרויסע ניסים וואָס גאָט האָט זיי געטאָן. [17] גראַמאַטיש וואָלט געדאַרפט זיין מדדם, אַ לשון הווה; דער בעל המדרש, אָדער אַן איבערשרייבער, איז דאָ מיטגעגאַנגען מיטן לשון פון פסוק (תהלים מב, ה). [18] נאָך איידער די ניסים זיינען געשען.

בבורתידא. הה"ד (תהלים צו): הבו לה' משפחות, עמים. אמר ר' אחא: ,עמים, הבו לה' משפחות" אין כתיב כאן, אלא [הבו לה'] משפחות, עמים, הבו לה' כבוד ועוז, — כשתהיו מביאין אותם, לא תהיו מביאין דרך בזיון, אלא בכבוד ועוז.

באיזו זכות? בזכות שאמרו שירה על הים. רב נחמן אמר: בזכות אמנה שהאמין אברהם, שנאמר (בראשית טו): והאמין בה'. [אמר ר' נחמיה: לא זכו ישראל לומר שירה על הים, אלא בזכות אמנה, שנאמר (שמות יד): ויאמינו בה'.] ר' חלבו בשם ר' יוחנן אמר: כתיב (שם): וירא ישראל את היד הגדולה, — דאדיין אדדם, ואינם מאמינים? אית בר נש דחמי, ולא מהימן? הוי: בזכות האמנה שהאמינו ישראל במצרים, שנאמר (שם ד): ויאמן העם.

יט

ד"א: תשורי מראש אמנה, זה אברהם שכתוב בו: והאמין בה'; מראש שניר (וחרמון), זה יצחק: מה זה השניר שונא את הניר, כך לא נתנסה יצחק אלא פעם אחת בלבד; וחרמון, זה יעקב: מה חרמון זה כל טובו נתון בזוטו, כך כהונה מיעקב, לויה מיעקב, מלכות מיעקב. ממעונות אריות, זה סיחון ועוג: מה הארי הזה שחוץ, כך היו סיחון ועוג שחוצים וגבורים, שלא היה בין זה לזה, אלא מהלך יום אחד בלבד, ולא זה בא לסיועו של זה ולא זה בא לסיועו של זה; מהררי נמרים, אלו הכנעניים: (ו)מה הנמר הזה חצוף, כך הכנעניים חצופים; הה"ד (יהושע ח): ולא נשאר איש בעי', וגו'.

ר' ברכיה בשם ר' אלעזר אמר: ראוין היו ישראל לומר שירה על מפלתן של סיחון ועוג, וראוי היה חזקיהו לומר שירה על

---

שטייט (יהושע ח, יז): ולא נשאר — און ס'איז ניט געבליבן קיין מאַן אין עי.[7]

ר' ברכיה האָט געזאָגט פון ר' אלעזרס וועגן: לעולם האָט ישראל געדאַרפט זאָגן שירה אויף דער מפּלה פון סיחון און עוג,[8] און חזקיהו האָט געדאַרפט זאָגן שירה אויף דער מפּלה פון סנחריבן, ווי אין פּסוק שטייט

---

יט. [1] האמין — אמנה, ווי אויבן, און ראש, שפּיץ וואָס מיינט אויך ערשטקייט, ווערט געדרשנט אויף די אבות. [2] שונא ניר — שניר: דער דאָזיקער פעלדזיקער באַרג קאָן געאַקערט ווערן קוים איין מאָל אַ יאָר. [3] אונטן, וואו ס'איז וואַרעמער און די ערד איז פרוכפּערדיק. [4] וואָס איז דער לעצטער פון די אבות. [5] דער לוויים שטאַנד. [6] במדבר כא. [7] אַלע חיי איינער האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט קעגן ישראל. [8] אין מדרש תהלים, מזמור קלו, ווערט דער דאָזיקער מאמר פאַרענדיקט מיטן ווייטערדיקן: נייערט דוד איז געקומען און געזאָגט

(דברי הימים ב, לב, כה): ולא — אָבער ניט ווי ס׳איז אים געטאָן געוואָרן האָט יחזקיהו אומגעקערט; פאַרוואָס? וואָרום זיין האַרץ האָט זיך דערהויבן,— דו זעסט, אַז חזקיהו איז געווען אַ מלך אַ צדיק, און דו זאָגסט: וואָרום זיין האַרץ האָט זיך דערהויבן! בייערט זיין האַרץ האָט זיך דערהויבן פון צו זאָגן שירה. איז געקומען ישעיה צו חזקיהון און זיין חבורה און געזאָגט צו זיי (ישעיה יב, ה): זמרו — זינגט צו גאָט. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס?״ „וואָרום ער האָט געוואַלדיקס געטאָן.״ האָבן זיי געזאָגט צו אים: „דאָס איז שוין באַוואוסט אויף דער גאַנצער ערד.״ ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: חזקיהו האָט געזאָגט: „די תורה וואָס איך לערן וועט מכפר זיין פאַר דער שירה [וואָס איך האָב ניט געזאָגט].״ ר׳ לוי האָט געזאָגט: חזקיהו האָט געזאָגט: „צו וואָס דאַרפן מיר דערציילן די נסים און די גבורות פון הקדוש ברוך הוא? דאָס איז שוין באַוואוסט פון איין עק וועלט צום צווייטן. איז דען שוין ניט געבליבן שטיין דער זון־באַלעם אין מיטן הימל,[9] און אַלע האָבן געזען די נסים און די גבורות פון הקדוש ברוך הוא, ביז עק וועלט?״ ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי זאָגט פון ר׳ אבאס וועגן: אויך פרעה דער מלך פון מצרים און תרהקה דער מלך פון כוש זיינען געווען אין יענעם נס, וואָרום זיי זיינען געקומען העלפן חזקיהון.[10] האָט סנחריב זיי באַמערקט; וואָס האָט סנחריב הרשע געטאָן מיט זיי? אין אוונט האָט ער זיי געבונדן; און אין האַלבער נאַכט איז אַרויס אַ מלאך און געבראַכט אַ מגפה אויף סנחריבס חיילות, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט לז, לו): ויצא — איז אַרויס אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אשור. אין דער פרי האָט זיך חזקיהו געפעדערט און זיי גע־פונען געבונדענע. האָט ער געזאָגט: „עס קוקט אויס, אַז זיי זיינען ניט אַנ־דערש געקומען, נייערט מיר צו העלפן.״ האָט ער זיי אויפגעבונדן, און זיי זיינען אַוועק און דערציילט די נסים און די גבורות פון הקדוש ברוך הוא. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דאָרט מה, יד—טו): יגיע — די מי פון מצרים און דער מסחר פון כוש, — די מי פון מצרים, דאָס איז פרעה, און דער מסחר פון כוש, דאָס איז תרהקה דער מלך פון כוש;און די סבאים, גע־וויקסיקע לייט, דאָס זיינען זייערע חיילות; צו דיר וועלן זיי איבערגיין, דאָס מיינט צו חזקיהו און זיין חבורה; און צו דיר וועלן זיי געהערן, — זיי האָבן זיך שוין אונטערגעגעבן צו דיר; הינטער דיר וועלן זיי גיין, אין קייטן וועלן זיי אַריבערקומען,— אין האַנט־קייטלעך;[11] און צו דיר וועלן זיי זיך בוקן, דאָס מיינט צו ירושלים; און צו דיר וועלן זיי מתפלל זיין, דאָס מיינט צום בית המקדש. און וואָס האָבן זיי געזאָגט? נאָר ביי דיר איז גאָט, און ניטאָ מער; ניטאָ נאָך אַ גאָט. האָט ישעיה געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „רבונו של עולם! אכן — פאַרוואָר, דו ביסט אַ גאָט וואָס פאַרבאָרגט זיך״ — וואָס מיינט אכן? איכן — וואו ביסטו, דו גאָט וואָס פאַרבאָרגט זיך? אכן, פאַרוואָר,

---

שירה איבער זיי, ווי דער פסוק זאָגט: למכה — צו דעם וואָס שלאָגט גרויסע מלכים — — סיחון דעם מלך פון אמורי — — — און עוג דעם מלך פון בשן — — — —

[9] ישעיה לח, ח. [10] ישעיה לו, ו; לז, ט; מלכים ב, יח, כא; יט, ט. [11] ענדערונג לויט

מפלת סנחריב, דכתיב (דברי הימים ב, לב): ולא כגמול עליו השיב יחזקיהו; למה? כי גבה לבו. — את חמי חזקיהו מלך וצדיק, ואת אמרת: כי גבה לבו! אלא גבה לבו מלומר שירה. אתא ישעיה לגביהון בחזקיהו וסיעתו, אמר להון (ישעיה יב): „זמרו ה׳.״ אמרון ליה: „למה?״ „כי גאות עשה.״ אמרון ליה: „כבר מודעת זאת בכל הארץ.״ א״ר אבא בר כהנא: אמר חזקיהו: „תורה שאני עוסק בה מכפרת על השירה.״ א״ר לוי: אמר חזקיהו: „מה אנו צריכין לומר נסיו וגבורותיו של הקב״ה? כבר מודעת זאת מסוף העולם ועד סופו. לא כבר עמד גלגל החמה באמצע הרקיע וראו נסיו וגבורותיו של הקב״ה עד סוף העולם?״ ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי בשם ר׳ אבא אומר: כבר פרעה מלך מצרים ותרהקה מלך כוש היו באותו הנס, (ובאו) [שבאו] לסייע לחזקיהו. הרגיש בהן סנחריב; ומה עשה להם סנחריב הרשע? בערבית כפתן; בחצי הלילה יצא המלאך ונגפן לחיילותיו של סנחריב, — הה״ד (שם לז): ויצא מלאך ה׳ ויכה במחנה אשור. בשחרית השכים חזקיהו ומצאן כפותין. אמר: „דומה, שלא באו אלה אלא לסייעני.״ התירן, והלכו וספרו נסיו וגבורותיו של הקב״ה. הה״ד (שם מה): יגיע מצרים וסחר כוש, — יגיע מצרים זה פרעה, וסחר כוש זה תרהקה מלך כוש; וסבאים אנשי מדה, אלה חיילותיהן; עליך יעבורו, זה חזקיהו וסייעתו; ולך יהיו, — כבר מושלמין לך; אחריך ילכו, בזקים יעבורו, (בקרקומניקיאה) [בכירומני־קאה]; ואליך ישתחוו, זו ירושלים; ואליך יתפללו, זו בית המקדש. ומה היו אומרין? אך בך אל ואין עוד, אפס אלהים. אמר ישעיה לפני הקב״ה: „רבש״ע! אכן אתה אל מסתתר״ — מהו אכן? איכן אתה, אל מסתתר? אכן יש בך דינמוס, ואתה מסתתר? א״ל: „אלהי ישראל מושיע, חוזר אני ומתנקם.״

ר׳ יהושע בן לוי אמר: אילו אמר חזקיהו שירה על מפלת

---

דו האָסט מאַכט, און דו באַהאַלטסט זיך?[12] האָט ער געזאָגט צו אים: אלהי — דער גאָט פון ישראל וועט העלפן,[13] — איך וועל ווידער נקמה נעמען.״

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ווען חזקיהו וואָלט געזאָגט שירה אויף

---

יאַסטראָוו; פאַרגלייך רות רבה ה, ו. [12] אכן ווערט דאָ געטייטשט צווייפאַך: וואו און פאַרוואָר. מעגלעך, אַז אַכן ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי הכן: פעסט, זיכער (יהושע ג, יז), און די מימרא לייענט זיך: „פעסטקייט האָסטו, מאַכט, און דו באַהאַלטסט זיך?״ לויט וואַרטסקי, לשון המדרשים, 58, דאַרף מען ביידע מאָל איכן פונעם דרש לייענען מיט אַ

סנחריבס מפּלה, וואָלט ער געוואָרן דער מלך המשיח, און סנחריב — גוג און מגוג;[14] אָבער ער האָט ניט אַזוי געטאָן, נייערט ער האָט געזאָגט (תהלים כ, ז—י): עתה — אַצינד ווייס איך, אַז גאָט וועט העלפן זיין משיח[15] — — —; די [פאַרלאָזן זיך] אויף רייטוועגן — — —; און וואָס שטייט נאָך דעם? ה׳ — גאָט, העלף! זאָל דער מלך אונדז ענטפערן אין טאָג ווען מיר רופן.[16]

כ

(ט) לבבתני — האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, מיין שוועסטער, מיין כלה, האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: איין האַרץ האָט איר געהאַט אין מצרים, אָבער איר האָט מיר [לסוף] געגעבן צוויי הערצער:[1] האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט איינס[2] פון דיינע אויגן,[3] מיטן בלוט פון קרבן פסח און מיטן בלוט פון מילה;[4] מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער, דאָס איז משה, דער געאייניציקטער און דער גיבור פון דיינע שבטים. אַן אַנדער פּשט: האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, מיין שוועסטער, מיין כלה, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: איין האַרץ האָט איר געהאַט ביים ים, אָבער איר האָט מיר געגעבן צוויי הערצער: האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט איינס פון דיינע אויגן, ווען איר זענט גע־שטאַנען פאַר מיר ביים באַרג סיני און איר האָט געזאָגט (שמות כד, ז): נעשה ונשמע — מיר וועלן טאָן און געהאָרכן; — מיט איין שנור פון דיינע האַלדז־בענדער, דאָס איז משה, דער געאייניציקטער און דער גיבור פון דיינע שבטים. אַן אַנדער פּשט: האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, מיין שוועסטער מיין כלה, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: איין האַרץ האָט איר געהאַט אין מדבר, אָבער איר האָט מיר געגעבן צוויי הערצער: האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט איינס פון דיינע אויגן, מיטן אויפשטעלן דעם משכן, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר ט, טו): וביום — און אין דעם טאָג ווען מע האָט אויפגעשטעלט דעם משכן; — מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער, דאָס איז משה, דער דערהייבנסטער פון די שבטים.

אַנדערע זאָגן: די ווייבער פון דור המדבר זיינען געווען ערלעכע: און ווען ס'איז געקומען צו יענער מעשה, אַזוי האָבן זיי גענומען און זיך מיישב געווען און ניט געגעבן קיין איינס פון זייערע אוירינגען אויף צו מאַכן דאָס [גאָלדענע] קאַלב. און ווען זיי האָבן געהערט, אַז זיי זיינען אסור פאַר זייערע מענער,[5] אַזוי האָבן זיי גלייך פאַרשלאָסן די טירן זייערע.[6]

אַן אַנדער פּשט: האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, מיין שוועסטער, מיין כלה, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: איין האַרץ האָט איר געהאַט ביי די מרג־לים, אָבער איר האָט מיר געגעבן צוויי הערצער, דאָס זיינען יהושע און כלב,

---

יוד און מיט צוויי צירהס, — אַזוי פיל: „אַזוי פיל קראַפט פאַרמאָגסטו, און דו באַהאַלטסט זיך.“ [13] לויטן דרש. [14] גוג דער מלך פון מגוג (יחזקאל לח), וואָס וועט באַזיגט ווערן פון משיחן אין דער לעצטער פון אַלע מלחמות (פאַרגלייך אגדת בראשית ב; תרגום יונתן, שמות מ, יא, און אַנדערע מקורות). [15] לויטן דרש. [16] חזקיהו האָט פאַרשפּילט די געלעגנהייט אַליין צו זיין משיח, בעט ער גאָט פאַרן משיח וואָס וועט קומען.

**סנחריב, היה נעשה הוא מלך המשיח, וסנחריב גוג ומגוג; והוא לא עשה כן, אלא אמר** (תהלים כ): עתה ידעתי, כי הושיע ה׳ משיחו, **וגו׳**; אלה ברכב, **וגו׳; מה כתיב בתריה?** ה׳ הושיעה, המלך יעננו ביום קראנו.

כ

(ט) לבבתני, אחותי כלה, לבבתני, — **אמר הקב״ה: לב אחד היה לכם במצרים, ונתתם לי שני לבבות:** לבבתני באחד מעיניך, **בדם הפסח ובדם המילה;** באחד ענק מצורניך, **זה משה המיוחד והגבור שבשבטיך. ד״א:** לבבתני, אחותי כלה, — **אמר הקב״ה: לב אחד היה לכם בים, ונתתם לי שני לבבות:** לבבתני באחד מעיניך, **שעמדתם לפני על הר סיני ואמרתם** (שמות כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע; באחד ענק מצורוניך, **זה משה המיוחד והגבור שבשבטיך. ד״א** לבבתני, אחותי כלה, — **אמר הקב״ה: לב אחד היה לכם במדבר, ונתתם לי שני לבבות:** לבבתני באחד מעיניך, **בהקמת המשכן, שנאמר** (במדבר ט): וביום הקים את המשכן; — באחד ענק מצורוניך, **זה משה המעולה בשבטים.**

**אית דאמרי: נשי המדבר כשרות היו; כיון שהגיעו לאותו מעשה, עמדו ונמלכו עצמן ולא נתנו כלום מנזמיהן למעשה העגל. וכיון ששמעו שהן אסורות להן, מיד נעלו דלתותיהן.**

**ד״א:** לבבתני, אחותי כלה, — **אמר הקב״ה: לב אחד היה לכם במרגלים, ונתתם לי שני לבבות, זה יהושע וכלב, שנאמר** (במדבר לב): בלתי כלב בן יפנה ויהושע בן נון, **וגו׳;** באחד ענק

---

ווי דער פסוק זאָגט (במדבר לב, יב): בלתי — אויסער כלב בן יפונה און

---

כ. [1] ווייל לבבתני ווערט געשריבן מיט צוויי ביתן, אָדער ווייל דאָס וואָרט ווערט איבערגעחזרט צוויי מאָל. לויט מפרשים איז דער פשט אַזוי: אין מצרים האָט ישראל גע־דינט גאָט נאָר מיט איין זייט פון זייער האַרץ, מיטן יצר טוב, אָבער דעם יצר הרע האָבן זיי געלאָזט טאָן זיינס (פאַרגלייך יחזקאל כ, ח); נאָך יציאת מצרים אָבער האָבן זיי גובר געווען דעם יצר הרע און אָנגעהויבן דינען גאָט אויך מיט דער צווייטער זייט פון זייער האַרץ („בכל לבבך (דברים ו, ה) מיינט מיט דיינע ביידע יצרס, מיטן יצר טוב און מיטן יצר הרע״ — ספרי און תרגום יונתן אויף דעם פסוק). און אַזוי איז עס אויך אין די ווייַ־טערדיקע דרשות אויף אונדזער פסוק. [2] באחד, לויטן כתיב. [3] „אפילו מיט איינער פון דיינע מצוות, אַ כל־שכן ווען דו טוסט מער״ (רש״י). [4] לויטן נוסח פון אות אמת ווערט דאָ ציטירט דער פסוק (יחזקאל טז, ו): ואעבר — און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר, און האָב דיך געזען זיך וואַלגערן אין דיין בלוט. [5] ווען זייער „צייט״ איז גע־קומען (לויטן מתנות כהונה: ווייל די מענער זיינען געוואָרן געצנדינער). [6] לויט דעם וועט מיט איינס פון דיינע אויגן מיינען: מיט דעם טייל פון פאָלק וואָס האָט ניט געזינדיקט,

יהושע בן נון;[7] — מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער, **דאָס איז משה, דער געאייניציקטער און דער גיבור פון דיינע שבטים. אַן אַנדער פשט:** האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, מיין שוועסטער מיין כלה, — **הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: איך האַרץ האָט איר געהאַט אין שיטים,[8] אָבער איר האָט מיר געגעבן צוויי הערצער:** האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט איינס פון דיינע אויגן, **דאָס איז פינחס, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים קו, ל—לא): ויעמוד — האָט זיך אויפגעשטעלט פינחס און געטאָן אַ משפט — — — און ס׳איז אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גערעכטיקייט; — מיט איין שנור פון דיינע האַלדז־בענדער, **דאָס איז משה.**

כא

(י) מה יפו — ווי שיין איז דיין ליבשאַפט, מיין שוועסטער, מיין כלה. **ר׳ ברכיה און ר׳ חלבו האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמואל בר נחמן: אין צען ערטער ווערט ישראל גערופן כלה, זעקס דאָ און פיר אין [די ספרים פון] די נביאים. זעקס דאָ:** (פסוק ח) אתי — מיט מיר פון לבנון, כלה; (ט) לבבתני — האָסט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, מיין שוועסטער, מיין כלה; (י) מה יפו—ווי שיין איז דיין ליבשאַפט, מיין שוועסטער, מיין כלה; (יא) נפת—זיסקייט טוען טריפן דיינע ליפּן, כלה; (יב) גן נעול—אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן איז מיין שוועסטער, מיין כלה; (ה, א) באתי—איך בין געקומען אין מיין גאָרטן, מיין שוועסטער, מיין כלה, — **האָסטו זעקס. און פיר אין די נביאים:** (ירמיה ז, לד): קול — אַ קול פון לוסטיקייט און אַ קול פון פרייד, אַ קול פון אַ חתן און אַ קול פון אַ כלה; (ישעיה סא, י): וככלה — און ווי אַ כלה באַצירט זיך מיט איר צירונג; (דאָרט מט, יח): ותקשרם — און וועסט זיי אָנבינדן ווי אַ כלה; (דאָרט סב, ה): ומשוש — און ווי די פרייד פון אַ חתן מיט דער כלה. **און קעגן זיי האָט הקב״ה זיך געקליידט אין צען לבושים:** (תהלים צג, א) ה׳ — גאָט טוט קיניג, מיט גרויסקייט האָט ער זיך באַקליידט, **איז איינס;** גאָט האָט זיך אָנגעקליידט מיט שטאַרקייט,[1] **איז צוויי;** זיך אָנגעגורט, **איז דריי;** (ישעיה נט, יז) וילבש — און ער האָט אָנגעטאָן גערעכטיקייט ווי אַ פאַנצער, **איז פיר;** און ער האָט אָנגעטאָן קליידער פון נקמה, **איז פינף;** פאַר אַ מלבוש, **איז זעקס;** און האָט זיך געקליידט אין צאָרן ווי אין אַ מאַנטל, **איז זיבן;** (דאָרט סג, א—ב) זה — דער וואָס איז פּראַכטיק אין זיין מלבוש, **איז אַכט;** פאַרוואָס איז דיין מלבוש רויט, **איז ניין;** (תהלים קד, א) הוד — מיט גלאַנץ און פּראַכט האָסטו זיך באַקליידט, **איז צען, — כדי געצאָלט צו נעמען פון די אומות פון דער וועלט, וואָס האָבן מבטל געמאַכט פון ישראל די עשרת הדברות,[2] וואָס זיי האָבן צוגעדריקט צו זיך ווי אַ כלה [איר צירונג].**

וריח — און דער ריח פון דיינע איילן מער פון אַלע בשמים, — **ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער אייל איז אָנריחדיק,**

---

די ווייבער. [7] **וואָס האָבן זיך ניט פאַרזינדיקט ווי די אַנדערע מרגלים.** [8] **ווען ישראל האָט געזינדיקט מיט די טעכטער פון מואב** (במדבר כה, א).

כא. [1] **ניט לויטן טראָפּ.** [2] **פאַרבאָטן יידן אָפּצוהיטן די תורה.**

מצורוניך, **זה משה המיוחד והגבור בשבטיך. ד"א:** לבבתני, אחותי כלה, — **אמר הקב"ה: לב אחד היה לכם בשטים, ונתתם**
**אחותי כלה, — אמר הקב"ה: לב אחד היה לכם בשטים, ונתתם**
**לי שני לבבות:** לבבתני באחד מעיניך, **זה פנחס, שנאמר** (תהלים קו): ויעמוד פינחס ויפלל — — — ותחשב לו לצדקה; — **באחד** ענק מצורוניך, **זה משה.**

כא

(י) מה יפו דודיך, אחותי כלה. **ר' ברכיה ור' חלבו בשם ר' שמואל בר נחמן אמר: בעשרה מקומות נקראו ישראל** כלה, **שיתא הכא וארבעה בנביאים. שיתא הכא:** אתי מלבנון, כלה; לבבתני, אחותי כלה; מה יפו דדיך, אחותי כלה; נפת תטופנה שפתותיך, כלה; גן נעול אחותי כלה; (ה) באתי לגני, אחותי כלה,— **הא שיתא. וארבעה בנביאים:** (ירמיה ז) קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה; (ישעיה סא) וככלה תעדה כליה; (שם מט) ותקשרם ככלה; שם סב): ומשוש חתן על כלה. **וכנגדן לבש הקב"ה עשרה לבושין:** (תהלים צג) ה' מלך, גאות לבש, **הרי א';** לבש ה' עוז, **הרי ב';** התאזר, **הרי ג';** (ישעיה נט) וילבש צדקה כשריון, **הרי ד';** וילבש בגדי נקם, **הרי ה'.** תלבושת, **הרי ו';** ויעט כמעיל קנאה, **הרי ז';** (שם סג) זה הדור בלבושו, **הרי ח';** מדוע אדום ללבושיך, **הרי ט';** (תהלים קד) הוד והדר לבשת, הרי י', — **כדי ליפרע מאומות העולם, שבטלו מישראל עשרת הדברות, שהיו מצמצמים עליהן ככלה.**

וריח שמניך מכל בשמים, — **א"ר שמואל בר נחמן: מה שמן זה חלק, על ידי שאת מפטמו, את מריח בו כמה ריחות: כך הפסוק הזה, את דורש ומוצא בו כמה טעמים טובים.**

כב

(יא) נפת תטופנה שפתותיך, כלה. **ר' דרוסא ור' ירמיה בשם ר' שמואל בר יצחק: ששים רבוא נביאים עמדו להם לישראל**

---

**אָבער ווען דו באַווירצסט אים, שמעקט ער מיט פיל ריחות; אַזוי איז אויך דער פסוק, דו דרשנסט אים און געפינסט אין אים פיל גוטע טעמים.**

כב

(יא) נפת — זיסקייט טוען טריפן דיינע ליפן, כלה. **ר' דרוסא און ר' ירמיה אין נאָמען פון ר' שמואל בר יצחק: זעכציק מאָל צען טויזנט נביאים**

זײַנען אויפגעקומען אין ישראל אין די טעג פון אליהון.[1] ר׳ יעקב האָט געזאָגט פון ר׳ יוחננס וועגן: הונדערט און צוואַנציק מאָל צען טויזנט. וואָרום ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: פון גיבת ביז אַנטיפּטריס[2] זײַנען געווען זעכציק מאָל צען טויזנט שטעט, און עס זײַנען ניט געווען צווישן זיי קיין מער פאַרדאָרבענע ווי בית־אל און יריחו, — [יריחו] ווייל יהושע האָט זי פאַרשאָלטן,[3] און בית־אל ווייל דאָרט איז געשטאַנען [איינס פון] ירבעמס צוויי גאָלדענע קעלבער; און אין פסוק זאָגט (מלכים ב, ב, ג): ויצאו — זײַנען אַרויסגעגאַנגען די בני נביאים וואָס אין בית־אל צו אלישען, — נביאים, ניט ווייניקער פון צוויי.[4] און פאַרוואָס האָט מען ניט מפרסם געווען זייער נבואה? ווייל ס׳איז ניט געווען [אין איר][5] קיין באַדערפטיקייט פאַר די קומענדיקע דורות. לערן־זשע פון דעם: יעדע נבואה וואָס איז געווען[6] פאַר איר צייט און ס׳איז געווען אין איר אַ באַדערפטיקייט פאַר די קומענדיקע דורות, האָט מען מפרסם געווען; און יעדע נבואה וואָס איז געווען פאַר איר צייט, אָבער ס׳איז ניט געווען אין איר קיין באַדערפטיקייט פאַר די קומענדיקע דורות, האָט מען ניט מפרסם געווען. אָבער לעתיד לבוא וועט זיי הקדוש ברוך הוא ברענגען און מפרסם זײַן זייער נבואה; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (זכריה יד, ה): ובא ה׳ — און גאָט מײַן גאָט וועט קומען, און אַלע הייליקע מיט דיר. ר׳ ברכיה פון ר׳ חלבוס וועגן האָט געזאָגט: אַזוי ווי עס זײַנען אויפגעקומען בײַ ישראל זעכציק מאָל צען טויזנט נביאים, אַזוי זײַנען אויפגעקומען בײַ זיי זעכציק מאָל צען טויזנט נביאות,[7] און שלמה איז געקומען און האָט זיי מפרסם געווען, ווי דער פסוק זאָגט: זיסקייט טוען טריפן דײַנע ליפּן, כלה.[8]

ר׳ הונא און ר׳ חלפתא פון קיסריה האָבן געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש: אַזוי ווי די דאָזיקע כלה צירט זיך אין פיר און צוואַנציק צירונגען,[9] און אויב עס פעלט איר איינס פון זיי, איז זי גאָרניט ווערט; אַזוי דאַרף אַ תלמיד חכם זײַן באַהאַוונט אין די פיר און צוואַנציק ספרים,[9א] און אויב עס פעלט אים איינס פון זיי, איז ער גאָרניט ווערט. ר׳ הונא אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש: אַזוי ווי די דאָזיקע כלה דאַרף זײַן צניעותדיק, אַזוי אויך דאַרף אַ תלמיד חכם זײַן צניעותדיק. ר׳ חלפתא אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן לקיש: אַזוי ווי די דאָזיקע כלה זיצט אויפן געלעגער און זאָגט: „זעט, איך בין ריין, און אָט איז מײַן עדות, וואָס זאָגט עדות אויף מיר;[10]

---

כב. [1] ניט ווייניקער ווי איין נביא אין יעדער שטאָט (וועגן דער צאָל שטעט, זע ווײַטער), און די זיסקייט וואָס טוט טריפן זײַנען די רייד פון די נביאים. אויך איז, לויט יפה ענף, דאָס וואָרט תטופנה אַ רמז אויף נבואה, וואָס איינס פון אירע לשונות איז הטפה (זע ויבן ג, ג). [2] זע ואיבן א, טז, באַמ. 9—210. [3] יהושע ו, כו. [4] און אויב אין אַזאַ פאַרדאָרבענער שטאָט זײַנען געווען צוויי, זײַנען דאָך אין די איבעריקע שטעט אוודאי געווען ניט ווייניקער. [5] צוגעגעבן לויט רות רבה, פתיחתא ב. [6] צוגאָב אין טעקסט לויטן ווײַטערדיקן. [7] אין הסכם מיט דער צאָל פון ר׳ יעקבן, נאָר העלפט זײַנען געווען פרויען. [8] אַ רמז אויף פרויען נביאות. [9] מתנות כהונה: לויט דער צאָל צירונגען וואָס ווערן אויסגערעכנט אין ישעיה ג, יח—כד. [9א] פון תנ״ך. [10] זי ווײַזט דעם לײַלעך מיט

בימי אליהו. ר' יעקב בשם ר' יוחנן אמר: מאה ועשרים רבוא. דא"ר יוחנן: מגיבת ועד אנטיפטרס ששים רבוא עיירות, ואין לך עיירות מקולקלות בכלן כבית אל ויריחו, — [יריחו] שאררה אלישע, בית אל, ששם היו שני עגלי זהב של ירבעם עומדים; [ו]כתוב אחד אומר (מלכים ב, ב): ויצאו בני הנביאים אשר בבית אל אל אלישע, — נביאים, אין פחות משנים. ולמה לא נתפרסמה נבואתן? שלא היה [בה] צורך לדורות. אמור מעתה: כל נבואה ש[היתה] שעתה והיתה צורך לדורות, נתפרסמה; וכל נבואה שהיתה שעתה ולא היה בה צורך לדורות, לא נתפרסמה. אבל לעתיד לבא הקב"ה מביאן ומפרסם נבואתן; הה"ד (זכריה יד): ובא ה' אלהי, כל קדושים עמך. ר' ברכיה בשם ר' חלבו אמר: כשם שעמדו לישראל ששים רבוא של נביאים, כך עמדו להם ששים רבוא של נביאות, ובא שלמה ופרסמן, שנאמר: נפת תטפנה שפתותיך, כלה.

ר' הונא ור' חלפתא קיסרייא בשם ר' שמעון בן לקיש אמרי: מה כלה זו מתקשטת בעשרים וארבעה תכשיטין, ואם חסרה דבר אחד מהן, אינה כלום; כך תלמיד חכם צריך שיהא רגיל בכ"ד ספרים, ואם חיסר אחד מהם, אינו כלום. ר' הונא בשם ר' שמעון בן לקיש: מה כלה זו צנועה, כך תלמיד חכם צריך להיות צנוע. ר' חלפתא בשם ר' שמעון בן לקיש: מה כלה זו יושבת בפוריא ואומרת: „ראו, שאני טהורה, וזו עדותי מעידה עלי;" כך תלמיד חכם צריך שלא יהא בו דבר של דופי. ר' אלעזר (בר' שמעון) [בן פדת] ור' יוסי בר חנינא ורבנן. ר' אלעזר אומר: כל מי שהוא אומר דברי תורה ברבים, ואינן ערבין לשומעיהן כסולת זו שצפה על גבי נפה, נוח לו שלא אמרן. ר' יוסי אומר:

---

אזוי איז נייטיק פאר א תלמיד חכם, אז עס זאל ניט זיין אויף אים קיין פלעק. ר' אלעזר (בר' שמעון) [בן פדת][11] און ר' יוסי בר חנינא און די רבנן. ר' אלעזר זאגט: איטלעכער וואס זאגט דברי תורה פאר אן עולם, און די ווערטער זיינען ניט געשמאק פאר זייערע צוהערערס, ווי דאס דאזיקע זעמלמעל וואס קומט ארויף אויף דער זיפ,[12] איז בעסער, ער זאל זיי ניט האבן געזאגט.

---

די „בתולים" ווי א סימן (פארגלייך (דברים כב, יג—יז). [11] ר' אלעזר בר' שמעון (בר יוחאי) איז געווען פון 5טן דור תנאים, בעת ר' יוסי בר חנינא און ר' אלעזר בן פדת זיינען געווען פון צווייטן דור אמוראים; האבן מיר לויט דעם עמענדירט דעם טעקסט

ר׳ יוסי זאָגט: איטלעכער וואָס זאָגט דברי תורה פאַר אַן עולם, און זיי זיינען ניט געשמאַק פאַר זייערע צוהערערס ווי דער דאָזיקער האָניק וואָס קומט פון צוף,[13] איז בעסער, ער זאָל זיי ניט האָבן געזאָגט. די רבנן זאָגן: איטלעכער וואָס זאָגט דברי תורה פאַר אַן עולם, און זיי זיינען ניט געשמאַק פאַר זייערע צוהערערס ווי האָניק און מילך[14] געמישט[15] מיט אַנאַנדער, איז בעסער, ער זאָל זיי ניט האָבן געזאָגט. ר׳ יוחנן און ריש לקיש. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס זאָגט דברי תורה פאַר אַן עולם און זיי זיינען ניט פאַרגעניגיק פאַר זייערע צוהערערס, ווי די דאָזיקע כלה, וואָס איז פאַרגעניגיק פאַר מענטשן ביי דער חופה, איז בעסער, ער זאָל זיי ניט האָבן געזאָגט. ריש לקיש האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס זאָגט דברי תורה, און זיי זיינען ניט פאַרגעניגיק פאַר זייערע צוהערערס ווי די דאָזיקע כלה, וואָס איז פאַרגעניגיק פאַר איר מאַן בעת דער חופה, איז בעסער, ער זאָל זיי ניט האָבן געזאָגט.

## כג

(יא) דבש — האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג, — ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ניטאָ נאָך אַ געטראַנק וואָס זאָל זיך אַזוי פילן, ווי דאָס געטראַנק וואָס [איז שוין געווען] אונטער דער צונג. און דו זאָגסט: האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג! נייערט, אויב אומקלאָרע הלכות זיינען אונטער דיין צונג האָניק און מילך, אַ כל־שכן באַפּעסטיקטע הלכות! ר׳ לוי האָט געזאָגט: אויך דער וואָס לייענט מקרא[1] מיטן טראָפּ און מיטן ניגון, אויף אים זאָגט דער פסוק: האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג.

וריח — און דער ריח פון דיינע קליידער איז ווי דער ריח פון לבנון. עס שטייט געשריבן (בראשית כז, כז): ויגש — און ער האָט גענענט און ער האָט אים אַ קוש געטאָן, און ער האָט געשמעקט דעם ריח פון זיינע בגדים, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ניטאָ קיין זאַך, וואָס דער ריח זאָל זיין ערגער און האַרבער ווי דער ריח פון געוואַשענע ציגנפעל, און דער פסוק זאָגט: און ער האָט געשמעקט דעם ריח פון זיינע בגדים! נייערט ווי יעקב אבינו איז אַריינגעקומען, אַזוי איז מיט אים אַריין דער גן־עדן; דאָס איז וואָס ער האָט אים געזאָגט: זע, דער ריח פון מיין זון איז ווי דער ריח פונעם פעלד וואָס גאָט האָט עס געבענטשט. ווי עשו איז אַריין צו זיין פאָטער, אַזוי איז אַריין מיט אים דאָס גיהנם; פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? (משלי יא, ב): בא — קומט מוטוויליקייט, קומט שאַנד.[2] דאָס איז וואָס ער האָט אים געזאָגט: מי אפוא — ווער באַקט זיך[3] אין דעם דאָזיקן אויוון? האָט אים דער רוח הקודש געענטפערט: דער וואָס טוט פאַנגען אַ געפאַנג.

---

(זע רד״ל). [12] נפה — נופת, לויט רבס טייטש אין גמרא (סוטה מח, ב). [13] אַן אַרט אַזאַ, לויטן טייטש פון ר׳ יהושע בן לוי (דאָרט: זע דאָרט רש״י) [14] סוגעסטירט פונעם ווייטערדיקן טעקסט אין אונדזער פסוק: דבש — האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג (רד״ל). [15] מעורבין — ערבין.

כג. [1] פסוק, תנ״ך. [2] און אין עובדיה (א, ג) ווערט געזאָגט וועגן אדום (עשו): זדון — די מוטוויליקייט פון דיין האַרצן האָט דיך אָנגערעדט (מהרז״ו). [3] נאפה — איפוא.

כל מי שאומר דברי תורה ברבים, ואינן ערבין על שומעיהן כדבש זה שבא מצוף, נוח לו שלא אמרן. רבנן אמרי: כל מי שאומר דברי תורה ברבים, ואינן ערבין על שומעיהן כדבש וחלב המעורבין זה בזה, נוח לו שלא אמרן. ר׳ יוחנן וריש לקיש. ר׳ יוחנן אמר: כל מי שאמר דברי תורה ברבים, ואינן ערבין על שומעיהן ככלה זו שעריבה על בני אדם בחופתה, נוח שלא אמרן. ריש לקיש אמר: כל מי שאמר דברי תורה, ואינן ערבין על שומעיהן ככלה זו שעריבה על בעלה בשעת חופתה, נוח לו שלא אמרן.

## כג

(יא) דבש וחלב תחת לשונך, — ר׳ ברכיה אמר: אין משקה סורח יותר ממשקה זה שתחת הלשון, ואת אומר: דבש וחלב תחת לשונך! אלא אם הלכות קהות תחת לשונך דבש וחלב, הלכות המאוששות, עאכ״ו! א״ר לוי: אף הקורא מקרא בעינוגו ובניגונו, עליו נאמר: דבש וחלב תחת לשונך.

וריח שלמותיך כריח לבנון. כתיב (בראשית כז) ויגש וישק לו, וירח את ריח בגדיו, — א״ר יוחנן: אין לך דבר שריחו רע וקשה יותר משטף של עזים, והוא אומר: וירח את ריח בגדיו! אלא כיון שנכנס יעקב אבינו, נכנס עמו גן עדן; הדא דאמר ליה: ראה, ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה׳. כיון שנכנס עשו הרשע אצל אביו, נכנס עמו גיהנם; מה טעם? (משלי יא): בא זדון, ויבא קלון. הדא דאמר ליה: מי אפוא — מי נאפה בתנור זה? השיבו רוח הקודש: הוא הצד ציד.

שאל ר׳ אלעזר בר׳ שמעון את ר׳ יוסי בן לקוניא חמוי. א״ל: „כלי קוריוס יצאו עם ישראל למדבר?״ א״ל: „לאו״. א״ל: מהיכן היו לובשין כל אותן מ׳ שנה שעשו ישראל במדבר?״ א״ל: „ממה שהלבישום מלאכי השרת; הה״ד (יחזקאל טז): ואלבישך

---

ר׳ אלעזר בר׳ שמעון האט געפרעגט ביי ר׳ שמעון בר׳ יוסי בן לקוניא, זיין שווער, אזוי צו זאגן: „האט ישראל מיטגענומען לעדער־קליידער אין מדבר?״[3] א האט ער אים געזאגט: „ניין.״ האט ער אים געפרעגט: „טא פון וואנען האבן זיי זיך געקליידט די גאנצע פערציק יאר, וואס ישראל האט געזאמט אין מדבר?״ האט ער אים געזאגט: „פון דעם וואס די מלאכים האבן זיי באקליידט; דאס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקל טז, י): ואלבישך — און איך האב דיך

באַקליידט מיט געשטיקט געוואַנט.״ (ר׳ סימיי האָט געזאָגט: דאָס מיינט פורפל; עקילס האָט עס פאַרטייטשט: איפליקתא).[4] האָט ער אים געפרעגט: „זיינען זיי ניט אָפּגעטראָגן געוואָרן?״[5] האָט ער אים געזאָגט: „האָסטו קיין מאָל ניט געלייענט דעם פּסוק (דברים ח, ד): שמלתך — דיין קלייד איז ניט אָפּגעטראָגן געוואָרן אויף דיר?״ האָט ער אים געפרעגט: פלעגן זיי ניט וואַקסן?[5א] האָט ער אים געזאָגט: „ גיי און לערן פון דעם שנעק, וואָס כל־זמן ער וואַקסט, וואַקסט זיין שאָל מיט אים.״ האָט ער אים געפרעגט: „האָט מען זיי ניט גענדאַרפט וואַשן?״ האָט ער אים געזאָגט: „דער וואָלקן[6] פלעגט זיי רייבן און זיי רייניקן.״ האָט ער אים געפרעגט: „פלעגן זיי ניט פאַרברענט ווערן?״[7] האָט ער אים געזאָגט: „גיי און לערן פון דעם דאַזיקן אַמיאַנטאַן,[8] וואָס ווערט ניט אַנדערש גערייניקט, נייערט אין פייער.״ האָט ער אים גע־פרעגט: „פלעגן זיי ניט אָנפּלאַדיען קיין לייז?״ האָט ער אים געזאָגט: „אויב נאָכן טויט איז עס זיי ניט געשעען,[9] וואָלט עס זיי געשעען ביים לעבן?״ „פלעגט ניט ווערן קיין שלעכטער ריח פון דעם שוויס פון זייער קערפּער?״ האָט ער אים געזאָגט: „זיי פלעגן זיך קייקלען אין גראָז וואָס ביים ברונעם,[10] ווי אין פּסוק שטייט (תהלים כג, ב): בנאות — אויף גראָזיקע פּיטערפּלעצער לאָזט ער מיך הויערן, און זייער ריח פלעגט זיך טראָגן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.״ איז געקומען שלמה און האָט עס אַרויסגעזאָגט: און דער ריח פון דיינע קליידער איז ווי דער ריח פון לבנון.

כד

(יב) גן — אַ גאָרטן אַ פאַרשלאָסענער איז מיין שוועסטער, מיין כלה. ר׳ יהודה בר׳ סימון אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס האָט געהאַט צוויי טעכטער, איינע אַן עלטערע און איינע אַ יינגערע, און ער האָט זיך ניט געאיילט זיי חתונה צו מאַכן; און דער מלך האָט זיי איבערגעלאָזט אויף אַ סך יאָרן און איז אַוועק אויף יענער זייט ים. האָבן די טעכטער גענומען און געמאַכט אַ מחאה[1] וועגן זיך און זיך אַליין חתונה געמאַכט מיט מענער, און איטלעכע פון זיי האָט גענומען איר מאַנס חתימה[2] און זיין זיגל. אין אַ צייט אַרום איז דער מלך געקומען פון יענער זייט ים און האָט געהערט ווי מענטשן רעדן אויף זיינע טעכטער און זאָגן: „דעם מלכס טעכטער האָבן מזנה געווען.״ וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף אַזוי צו זאָגן: „זאָל מיין גאַנץ פאָלק אַרויסקומען אויפן

[3א] זיי זאָלן זיי דינען גאַנצע פערציק יאָר. [4] לויט יאַסטראָוו — אפּיקילתא, געשטיקט געוואַנט. (עקילס — איבערזעצער פון תנ״ך אויף גריכיש אין דער עפּאָכע פון יבנה). [5] טעקסט עמענדירט לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1859, וואָס איז אין הסכם מיטן ווייטערדיקן פּסוק. [5א] פלעגן זייערע קינדער ניט אַרויסוואַקסן פון די קליידער? [6] וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט ישראל אין מדבר (שמות מ, לח). [7] ביינאַכט איז געווען פייער אין וואָלקן (דאַרט). [8] אַ מין געוועב פון אַסבעסט. [9] לויט דער אגדתא אין בבא בתרא עג—עד זיינען די מתי מדבר געלעגן אויפן זאַמד הונדערטער יאָרן, און קיין ווערים און קיין אינזעקטן האָבן אויף זיי קיין שליטה ניט געהאַט. [10] זע אויבן ד, יג, באַמ. 8.

כד. [1] לייען מעכאָע, — פּראָטעסט, ווידערשטאַנד: זיי האָבן אָפּיציעל און לעגאַל זיך

רקמה״ (ר׳ סימיי אמר: פורפירא; תרגם עקילס: איפליקתא). א״ל: „ולא היו (כלים) [בלים]?״ א״ל: „ולא קרית מימיך (דברים ח): שמלתך לא בלתה מעליך?״ א״ל: „ולא היו גדלים?״ א״ל: „צא ולמד מן החלזון, שכל זמן שהוא גדל, נרתיקו גדל עמו.״ א״ל: „ולא היו צריכין תכבוסת?״ א״ל: „הענן היה שף בהם ומגהיצן.״ א״ל: „ולא היו נשרפים?״ א״ל: „צא ולמד מן אמיינטון הזה, שאינו מתגהץ אלא באור.״ א״ל: „ולא היו עושין כנמיות?״ א״ל: „אם במיתתן לא עשו, בחייהן עשו?״ „ולא היו עושין ריח רע מריח הזעה של גופן?״ א״ל: „מתגעגעין היו בעשב הבאר; הה״ד (תהלים כג): בנאות דשא ירביצני, והיה ריחן נודף מסוף העולם ועד סופו.״ בא שלמה ופירש: וריח שלמותיך כריח הלבנון.

כד

(יב) גן נעול אחותי כלה. ר׳ יהודה בר׳ סימון בשם ר׳ יהושע בן לוי: למלך שהיו לו שתי בנות, אחת גדולה ואחת קטנה, ולא נפנה להשיאן; והניחן המלך שנים הרבה והלך למדינת הים. ועמדו הבנות, מיחו על עצמן והשיאו עצמן לאנשים, והיתה כל אחת מהן נוטלת חותם של בעלה וסימנטירין שלו. לאחר ימים בא המלך ממדינת הים ושמע קול הבריות מליזין אחר בנותיו ואומרים: „כבר זנו בנותיו של מלך.״ מה עשה? הוציא כרוז ואמר: „כל עמאי יפקון לקמפון.״ בא וישב עליהן בפרוזדור; אמר להן: „בנותי, כך עשיתן וקלקלתן את עצמכן?״ מיד הוציאו כל אחת ואחת חותם בעלה וסימנטירין שלו. קרא לחתנו, א״ל: „למי את עשוי חתן?״ א״ל: „אני חתנך הראשון, לבתך הגדולה.״ א״ל: „זה מה הוא?״ א״ל: „זה חותם שלי וזה סימנטירין שלי.״

---

שפילפלאַץ.״ און ער איז געקומען און זיך געזעצט [צום משפט] איבער זיי אין פאָדערזאַל; ער האָט געזאָגט צו זיי: „טעכטער מיינע! אַזוינס האָט איר געטאָן און זיך פאַרזינדיקט?״ גלייך האָבן זיי אַרויסגענומען איטלעכע איר מאַנס חתימה און זיין זיגל. האָט ער גערופן איין איידעם זיינעם און אים געפרעגט: „וועמעס איידעם ביסטו?״ האָט ער אים געזאָגט: „איך בין דיין ערשטער איידעם, [חתונה געהאַט] מיט דיין עלטערער טאָכטער.״ האָט ער אים געפרעגט: „וואָס איז דאָס?״ האָט ער אים געזאָגט: „דאָס איז מיין חתימה און דאָס איז מיין זיגל.״ און אַזוי מיטן צווייטן. דעמאָלט האָט דער מלך גע־

---

באַפרייט פון זייער פאָטערס רשות (וועגן דעם לעגאַלן טערמין מחאה און דעם פועל מיחה זע כתובות יא, א; בבא בתרא לח, א; עירובין פב, ב). [2] אויף איר כתובה. [3] לייען:

זאָגט: „מײַנע טעכטער זײַנען אָפּגעצאַמט פֿון עריות,[3] און איר רעדט אָן אויף זיי און זענט זיי מבזה? ביי אײַער לעבן! איך וועל אײַך מקיים פּסק זײַן." אַזוי איז אויך מיט די אומות [פֿון דער וועלט]: ווײַל זיי פּלעגן פֿירוואָרפֿן ישׂראל, אַזוי צו זאָגן (שמות א, יג): „ויעבידו — און די מצרים האָבן געמאַכט די בני ישׂראל אַרבעטן, — אויב זיי האָבן זייערע נפשות[4] געקענט באַצווינגען, אַ כל־שכּן זייערע ווײַבער!" — האָט דעמאָלט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: מײַן שוועסטער, מײַן כּלה, איז אַ גאָרטן, אַ פֿאַרשלאָסענער, — וואָס מיינט אַ גאָרטן, אַ פֿאַרשלאָסענער? הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „מײַן גאָרטן איז פֿאַרשלאָסן, און ער ווערט באַנבלט?" ר' פּינחס האָט געזאָגט: דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא גערופֿן דעם מלאך וואָס איז ממונה אויף טראָגן און האָט אים געזאָגט: „גיי און פֿורעם זיי [5] מיט די מערקצייכנס [6] פֿון זייערע עלטערן." אין וועמען זײַנען זייערע עלטערן אַלײן געווען געראָטן? אין די גדולים[7] פֿון די משפּחות; ווי אין פּסוק שטייט (במדבר כו, ז): משפּחת — די משפּחה פֿון דעם ראובני.[8] ר' הושעיא האָט געזאָגט: פֿון ראובן — פֿון מײַן ראובנען, פֿון שמעון — פֿון מײַן שמעונען.[9] האָט ר' מרינוס בר' הושעיא געזאָגט: אָבער אַט זאָגסטו דאָך: 'דער באַראַני, דער סאַבראָני, דער סיבויי'[10] האָט ר' הונא פֿון ר' אידיס וועגן געזאָגט: די הא צום אָנהייב וואָרט און די יוד צום סוף [מאַכט] יה, גאָט, — ער זאָגט עדות אויף זיי, אַז זיי זײַנען קינדער פֿון זייערע עלטערן.

ר' פּינחס האָט געזאָגט: אַ גאָרטן אַ פֿאַרשלאָסענער, דאָס זײַנען די בתולות; אַ ברונעם אַ פֿאַרשלאָסענער, דאָס זײַנען די באַמאַנטע; אַ קוואַל אַ פֿאַרזיגלטער, דאָס זײַנען די מאַנסלײַט.[10א] אין נאָמען פֿון ר' נתנען האָבן מיר געלערנט: אַ גאָרטן אַ פֿאַרשלאָסענער, אַ ברונעם אַ פֿאַרשלאָסענער — אויף וואָס דאַרף מען עס צוויי מאָל?[11] ניי ערט צוויי אופֿנים פֿון באַמאַנונג קאָנען זײַן ביי אַ פּרוי, ווי דער שטייגער און ניט ווי דער שטייגער.[11א]

ר' הונא פֿון בר קפּראס וועגן האָט געזאָגט: אין זכות פֿון פֿיר זאַכן זײַנען ישׂראל אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מצרים: ווײַל זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען און האָבן ניט געביטן זייער לשון, און האָבן ניט גערעדט קיין לשון הרע, און ס'האָט זיך ניט געפֿונען צווישן זיי קיינער, וואָס זאָל זײַן צעלאָזן מיט עריות. 'זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען' — ראובן און שמעון האָבן

---

אַראָיעס, — פֿאַרבאָטענע געשלעכט־באַציאונגען. [4] טעקסט ענדערונג לויט אות אמת און לויט בתי מדרשות א, שנב, און אַזוי שלאָגן אויך פֿאָר מהרז"ו און יפה קול. [5] די יידישע קינדער וואָס דאַרפֿן געבוירן ווערן. [6] ענדערונג לויט יאַסטראָוו (פֿון גריכיש). [7] איז זייערע שטאַם־פֿאָטערס, וואָס זײַנען געווען גדולים, חשובע לייט. [8] דעם שבט ראובן: אַ סימן, אַז מע האָט איטלעכן דערקענט לויט די מערקצייכנס פֿון זײַן שבט. [9] די ענדונג פֿון די ווערטער מיט אַ חירק און אַ יוד ווערט דאָ פֿאַרשטאַנען אין זין פֿון מײַן, — גאָט זאָגט: „דאָס זײַנען די קינדער פֿון מײַן ראובנען" אא"וו (וואונטשע, דײַטשע איבערזעצונג), אַנדערש האָט דאָ ר' הושעיא גאָרניט ניט צוגעגעבן. [10] און אין אַלע פֿאַלן מיינט עס דאָך אוודאי ניט „מײַנע". [10א] זיי זײַנען געווען אָפּגעצאַמט פֿון משכב זכור. [11] ר' נתן נעמט ניט אָן די איינטיילונג פֿון ר' פּינחסן. [11א] און אויף קיינעם פֿון די

וכן לשני. באותה שעה אמר המלך: „בנותי גדורות מהערוה, ואתם מליזין ומבזין אותן? חייכם, אני עושה בכם דינין.״ כך הן האומות: לפי שהיו מונין את ישראל ואומרים (שמות א): „ויעבידו מצרים את בני ישראל, — אם (בעשותן) [בנפשותן] הן מכריחין, כל שכן (בגופן ו)בנשותיהן!״ באותה שעה אמר הקב״ה: אחותי כלה גן נעול, — מהו גן נעול? אמר הקב״ה: „גנתי נעולה, והיא מתגניא?״ א״ר פנחס: באותה שעה קרא הקב״ה למלאך הממונה על ההריון ואמר: „צא וצור אותן (בכל קטורים) [בכלקטורים] של אבותן.״ עיקר אבותיהן למי היו דומין? לגדולי המשפחות; הה״ד (במדבר כו): משפחת הראובני. א״ר הושעיא: ראובן — הראובני, שמעון — השמעוני. א״ר מרינוס בר׳ הושעיא: הא כמה דתימר: ברוני, סברוני, סיבוריי! ר׳ הונא בשם ר׳ אידי: ה״א בראש התיבה ויו״ד בסופה — יה, מעיד עליהם שהם הם בני אבותיהם.

א״ר פינחס: גן נעול אלו הבתולות; גל נעול, אלה הבעולות; מעין חתום, אלו הזכרים. תני בשם ר׳ נתן: גן נעול, גל נעול, — שתי פעמים למה? אלא שתי ביאות לאשה, כדרכה ושלא כדרכה.

רב הונא בשם בר קפרא אמר: בזכות ארבעה דברים נגאלו ישראל ממצרים: שלא שינו את שמם, ולא שינו את לשונם, ולא אמרו לשון הרע, ולא נמצא בהן אחד פרוץ בערוה. ׳לא שינו את שמם,׳ — ראובן ושמעון נחתין, ראובן ושמעון סלקין; ולא היו קורין לראובן רופוס, ולשמעון לא היו קורין לוליאני, וליוסף ליסטיס ולבנימין אלכסנדרא[י]. ׳ולא שינו לשונם,׳ — להלן כתיב (בראשית יד): ויבא הפליט ויגד לאברם העברי; וכאן כתיב (שמות ה): אלהי העברים נקרא עלינו; וכתיב (בראשית מה): כי פי

---

אַראָפּגענידערט,[12] ראובן און שמעון זיינען אַרויפגעגאַנגען; און זיי האָבן ניט גערופן ראובנען רופוס, און שמעונען האָבן זיי ניט גערופן לוליאַני, און יוספן — ליסטיס און בנימינען — אַלעקסאַנדראַ[י].[12א] און האָבן ניט געביטן זייער לשון׳, — אויבן שטייט געשריבן (בראשית יד, יג): ויבא — איז גע־קומען אַן אַנטרונענער און האָט דערציילט אברם דעם עברי; און דאָ[13] שטייט (שמות ה, ג): אלהי — דער גאָט פון די עברים האָט זיך געטראָפן פאַר אונדז; און ווידער שטייט (בראשית מה, יב): כי פי — אַז מיין מויל רעדט עס צו

---

[12] צוויי אופנים האָבן זיי ניט געזינדיקט. [12א] קיין מצרים. [12א] צוגעגעבן די יוד לויטן נאָמען פון אַן אמורא פון צווייטן דור (בראשית רבה סג, ח). [13] ווייל דאָ

אייך, — אויף לשון קודש.[14] 'און האָבן ניט גערעדט קיין לשון הרע', ווי דער פסוק זאָגט (שמות יא, ב): דבר נא — רעד אַקאָרשט אין די אויערן פון פאָלק, און זאָלן זיי לייען איינער פון אַנדערן, — אָבער דו געפינסט, אַז די דאָזיקע זאַך איז זיי שוין געווען באַקאַנט[15] צוועלף חדשים צייט, און קיינער פון זיי האָט ניט געמסרט אויפן אַנדערן. 'און ס'האָט זיך ניט געפונען צווישן זיי קיינער, וואָס זאָל זיין צעלאָזן מיט עריות,' ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כד, י—יא): — ויצא — און ס'איז אַרויס דער זון פון אַ ישראלדיקער פרוי [וואָס איז געווען דער זון פון אַ מאַן אַ מצרי[16]] — — — און דער זון פון דער ישראלדיקער פרוי האָט געלעסטערט, — דיך צו לאָזן וויסן די לויב פון ישראל, אַז ס'האָט זיך ניט געפונען צווישן זיי מער ווי די איינע, און דער פסוק האָט זי מפרסם געווען.

ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: שרה האָט געניִדערט קיין מצרים און זי האָט זיך אָפּגעצאַמט פון עריות, זיינען אַלע ווייבער אָפּגעצאַמט געוואָרן אין איר זכות; יוסף האָט געניִדערט קיין מצרים און ער האָט זיך אָפּגעצאַמט פון עריות, זיינען אַלע מאַנסלייט אָפּגעצאַמט געוואָרן אין זיין זכות. ר' פינחס פון ר' חייאס וועגן: שוין די אָפּגעצאַמטקייט פון עריות אַליין איז ווערט גע־ווען, אַז אין איר זכות זאָל ישראל אויסגעלייזט ווערן פון מצרים; פון וואַנען איז עס געדרונגען? אַ גאָרטן אַ פאַרשלאָסענער איז מיין שוועסטער, מיין כלה, — וואָס שטייט נאָך דעם? (יג) שלחיך — דיינע אַרויסגעשיקטע[17] זיינען אַ סאָד פון מילגרוימען.

ר' שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: [ס'איז אַ משל] מיט איינעם, וואָס ס'איז אים אַריינגעפאַלן אַ ירושה אַרום אַ מיסטגרוב; אָבער דער יורש איז געווען פויל, איז ער אַוועק און האָט עס פאַרקויפט פאַר אַ בישטיקער קליי־ניקייט. איז אַוועק דער קויפער און האָט זיך געפלייסט און עס צעגראָבן און געפונען אין דעם אַן אוצר, און ער האָט זיך אויסגעבויט אַ גרויסן פאַלאַץ. און דער קויפער האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין גאַס מיט קנעכט, וואָס זיינען אים נאָכגעגאַנגען, — אַלץ פון יענעם אוצר וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט צוזאַמען מיט איר.[17א] ווי דער פאַרקויפער האָט עס דערזען, אַזוי האָט ער זיך געוואָלט דערווערגן; ער האָט געזאָגט: „וויי, וואָס איך האָב פאַרלאָרן." אַזוי, ווען ישראל איז געווען אין מצרים, זיינען זיי געווען פאַר־שקלאַפט ביים ליים און ציגל, און זיינען געווען נמאס ביי די מצרים אין די אויגן. אָבער ווען זיי האָבן זיי דערזען [אויסגעשטעלט לויט זייערע] פאָנען, לאַגערנדיק ביים ים אין אַ מלכותדיקער פאָרמירונג, אַזוי האָבן זיך די מצרים געוואָלט דערווערגן; זיי האָבן געזאָגט: „וויי, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט פון אונדזער לאַנד!" ווי דער פסוק זאָגט (שמות יג, יז): ויהי — וויי איז גע־ווען,[18] ווען פרעה האָט אַרויסגעשיקט [דאָס פאָלק]. ר' יונתן האָט געזאָגט: [ס'איז אַ משל] מיט איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ פעלד פון אַ בית־כור[19] די גרייס; איז ער אַוועק און האָט עס פאַרקויפט פאַר אַ קלייניקייט. איז אַוועק דער קויפער און אויסגעגראָבן אין דעם ברינעמער און געמאַכט פון דעם

המדבר אליכם, — בלשון הקודש. 'ולא אמרו לשון הרע,' שנאמר (שמות יא): דבר נא באזני העם, וישאלו איש מאת רעהו, — את מוצא, זה הדבר היה מופקד אצלם שנים עשר חדש, ולא נמצא בהן אחד שהלשין על חברו. 'ולא נמצא אחד מהן פרוץ בערוה,' שנאמר (ויקרא כד): ויצא בן אשה ישראלית [והוא בן איש מצרי] — — — ויקב בן האשה הישראלית, — להודיע שבחן של ישראל, שלא נמצא בהם אלא זו, ופירסמה הכתוב.

א"ר אבא בר כהנא: שרה ירדה למצרים וגדרה עצמה מן הערוה, וכל הנשים נגדרו בזכותה; יוסף ירד למצרים וגדר עצמו מן הערוה, ונגדרו כל הזכרים בזכותו. ר' פנחס בשם ר' חייא: כדאי היתה גדירת ערוה עצמה, שבזכותה נגאלו ישראל ממצרים; מה טעם? גן נעול אחותי כלה, — מה כתיב בתריה? (יג) שלחיך פרדס רמונים.

תני ר' שמעון בן יוחאי: לאחד שנפלה לו ירושה במקום אשפה; והיה היורש עצל, והלך ומכרה בדבר מועט קל. והלך הלוקח ונזדרז וחפר בה, ומצא בה סימא, ובנה בה פלטין גדולה. התחיל הלוקח מהלך בשוק ועבדים מהלכין אחריו, מן הסימא ההיא שקנה בה. התחיל המוכר רואה ונחנק ואומר: „ווי, מה אבדתי!" כך כשהיו ישראל במצרים, היו משועבדים בטיט ולבנים, והיו מאוסין בעיני המצריים. וכיון שראום דגלים, חונים על הים בטקסיס המלכים, התחילו המצריים נחנקים ואומרים: „ווי, מה שלחנו מארצנו!" שנאמר (שמות יג): ויהי בשלח פרעה. א"ר יונתן: לאחד שהיה לו שדה בית כור; והלך ומכרה בדבר קל. והלך הלוקח וחפר בה מעיינות ועשה בה גנות ופרדסין. התחיל המוכר רואה ונחנק ואומר: „ווי, מה אבדתי!" כך כשהיו ישראל

---

גערטנער און סעדער. ווי דער פאַרקויפער האָט עס דערזען, אַזוי האָט ער זיך געוואָלט דערווערגן; ער האָט געזאָגט: „ווײ, וואָס איך האָב פאַרלאָרן!"

---

האַנדלט זיך וועגן יציאת מצרים ווערט דער דאָזיקער פסוק באַצייכנט מיט „דאָ," און דער פריערדיקער מיט „אויבן." [14] מיין מויל, ניט דאָס „מויל" (לשון) פון די מצרים, נייערט לשון קודש, איז אומעטום, וואו עס שטייט עברי, עברים, ווי ביי יוספן (בראשית מא, יב), איז דאָס לשון געווען לשון קודש. [15] ווערטערלעך: באַהאַלטן, ווי אַ סוד (גאָט האָט עס אַנטפּלעקט משהן נאָך ביים סנה (שמות ג, כב). [16] לויט שמות רבה א, כח, איז זיין מוטער געווען אַן אשת איש. [17] לויטן דרש: ישראל וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מצרים. [17א] מיט דער ירושה. [18] לויטן דרש, אַז וואו אַ ויהי [1](לויט שמות יג, יז) איז אַ צרה (געדרשנט ויהי ווי צוויי ווערטער: „ווי היה"; זע אסתר רבה, פתיחתא יא; רות רבה, פתיחתא ז). [19] אַ שטח לאַנד פון קאַרגע 6 אַקער, אַרום 23 און אַ האַלבן דונאַם

אַזוי, ווען ישׂראל איז געווען אין מצרים, זיינען זיי געווען פֿאַרשקלאַפֿט ביים ליים און ציגל, און זיינען געווען נמאס ביי די מצרים אין די אויגן, אָבער ווען זיי האָבן זיי דערזען [אויסגעשטעלט לויט זייערע] פֿאַנעז, לאַגערנדיק ביים ים אין אַ מלכותדיקער פֿאָרמירונג, אַזוי האָבן זיך די מצרים געוואָלט דערווערגן; זיי האָבן געזאָגט: „ווײַ, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט פֿון אונדזער לאַנד!״ ווי דער פסוק זאָגט: וויי איז געווען, ווען פרעה האָט אַרויסגעשיקט — — —. ר׳ יוסי זאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט איינעם וואָס האָט געהאַט אָפּגעהאַקטע צעדערן, און ער האָט זיי פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קלייניקייט. איז אַוועק דער קויפֿער און געמאַכט פֿון דעם קאַסטנס און אַלמערס און קאַמאָדן.[20] ווי דער פֿאַרקויפֿער האָט עס דערזען, אַזוי האָט ער זיך געוואָלט דערווערגן; ער האָט געזאָגט: „ווײַ, וואָס איך האָב פֿאַרלוירן!״ אַזוי, ווען ישׂראל איז געווען אין מצרים, זיינען זיי געווען פֿאַרשקלאַפֿט ביים ליים און ציגל און זיינען געווען נמאס ביי די מצרים אין די אויגן. אָבער ווען זיי האָבן זיי דערזען [אויסגעשטעלט לויט זייערע] פֿאַנעז, לאַגערנדיק ביים ים אין מלכותדיקער פֿאָרמירונג, אַזוי האָבן זיך די מצרים געוואָלט דערווערגן; זיי האָבן געזאָגט: „ווײַ, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט פֿון אונדזער לאַנד!״ ווי דער פסוק זאָגט: וויי איז געווען, ווען פרעה האָט אַרויסגעשיקט — — —.

כה

אַן אַנדער פשט: שלחיך — דיינע חתונה־גאָבן[1] זיינען אַ סאַד פֿון מילגרוימען, [לייען שילוחיך, דיין חתונה־גאָב, ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א, ט, טז): ויתנה שילוחים — און ער האָט זי געגעבן אַ חתונה־גאָב — — —],[2] און ס׳איז געגליכן צו אַ סאַד פֿון מילגרוימען; אַזוי רעדן מענטשן: ‚וואָס האָט יענער־און־יענער געשיקט[3] צו זיין פֿאַרקנסטער? מילגרוימען.״ ר׳ חנינא און ר׳ סימון. איינער האָט געזאָגט: זי[4] האָט אים[5] אַריינגעבראַכט דרייצן [מתּנות] און ער האָט איר אַריינגעבראַכט דרייצן. ‚זי האָט אים אַריינגעבראַכט דרייצן,׳ וואָס ווערן אויסגערעכנט אין חומש שמות (כה, ג—ז): וזאת — און דאָס איז די תרומה[6] — — — גאָלד, און זילבער, און קופּער; און בלויוואָל, און פּורפּל, און ווערמילרויט, און ליינען און ציגנהאָר; און ווידערפֿעלן רויט געפֿאַרבטע, און תחש־פֿעלן און שיטים־האָלץ; אָניקל־שטיינער און שטיינער איינצופֿאַסן. ‚און ער האָט איר אַריינגעבראַכט דרייצן,׳ וואָס ווערן אויסגערעכנט אין יחזקאל (טז, י—יד): ואלבישך — און איך האָב דיך באַקליידט מיט געשטיקט געוואַנט (ר׳ סימיי האָט געזאָגט: דאָס מיינט פּורפּל; עקילס האָט עס פֿאַרטייטשט: איפּליקטא;[7] און איך האָב דיך באַשוכט מיט תחש־פֿעל, פֿאַר די תחש־פֿעלן;[8] ואחבשך — און איך האָב דיך באַוויקלט מיט ליינען,

(כור — אַ תבואה־מאָס; בית־כור — אַ פֿעלד וואו מע קען פֿאַרזייען אַ כור תבואה).

[20] דער בעל המדרש איז באַווירקט געוואָרן פֿונעם לשון אין קהלת (ב,ח), און דערפֿון נעמט זיך די איבערחזרונג שדה ושדות (דאָרט האָבן די ווערטער אַן אַנדער טייטש).

כה. [1] לויטן דרש. [2] צוגאָב לויט אַ גירסא פֿון אות אמת. דער פסוק ווערט געבראַכט ווי אַ באַווייז אויפֿן טייטש. [3] שלח — שלחיך. [4] די כנסת ישׂראל. [5] דעם איבערשטן. [6] אָפּשיידונג — גאָב, ביישטײַער. [7] זע אויבן ד, כג, באַמ. 4. [8] וואָס ישׂראל

במצרים, היו משועבדים בטיט ולבנים, והיו מאוסין בעיני המצריים. וכיון שראום דגלים, חונים על הים בטקסיס מלכים, התחילו המצריים נחנקין ואומרים: „ווי, מה שלחנו מארצנו,״ שנאמר: ויהי בשלח פרעה. ר׳ יוסי אומר: לאחד שהיה לו קצצה של ארזין, ומכרה בדבר קל. והלך הלוקח ועשה בה תיבות ומגדלים, שדה ושדות. התחיל המוכר רואה ונחנק ואומר: „ווי, מה אבדתיו!״ כך כשהיו ישראל במצרים היו משועבדין בטיט ולבנים, והיו מאוסין בעיני המצריים. וכיון שראום דגלים, חונים על הים בטקסיס מלכים, התחילו המצריים נחנקין ואומרים: „ווי, מה שלחנו מארצנו!״ שנאמר: (שמות יג): ויהי בשלח פרעה.

## כה

ד״א: שלחיך פרדס רמונים, — [שילוחיך, המד״א (מלכים א, ט, טז): ויתנה שילוחים — — —], דמייה לפרדס רמונים; לישן בני נש הוא: „מה שלח פלוני לארוסתיה? רמונים.״ ר׳ חנינא ור׳ סימון; חד אמר: היא הכניסה לו שלש עשרה, והוא הכניס לה שלש עשרה. ׳היא הכניסה לו שלש עשרה׳, מה שמפורש ב„ואלה שמות״ (כה): וזאת התרומה, וגו׳, זהב, וכסף, ונחשת; ותכלת, וארגמן, ותולעת שני, ושש, ועזים; ועורות אילים מאדמים, ועורות תחשים, ועצי שטים; — — — אבני שהם, ואבני מלואים. ׳והוא הכניס לה שלש עשרה׳, מה שמפורש ביחזקאל (טז): ואלבישך רקמה (ר׳ סימי אמר: פורפירא; תרגם עקילס: איפליקטא); ואנעלך תחש, תחת עורות תחשים; — ואחבשך בשש, תחת שש ועזים; — ואכסך משי,—ר׳ איבו אמר: עשאן ממש בעולם; ור׳ יהודה בר׳ סימון אמר: הקיפן ענני כבוד, המד״א (שמות יג): לא ימיש עמוד הענן. — ואעדך עדי, זה זיין; — — —

פאַרן ליינען און ציגנהאָר; — און דיך באַדעקט מיט זיידנס, — ר׳ אייבו האָט געזאָגט: ער האָט זיי געמאַכט אַ ממשות[9] אויף דער וועלט; און ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: ער האָט זיי אַרומגערינגלט מיט כבוד־וואָלקנס, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יג, כב): לא ימיש[10]—עס פלעגט זיך ניט אָפּטאָן דער זייל פון וואָלקן. — און איך האָב דיך באַצירט מיט צירונג, דאָס איז כלי זיין;[11] — — —

[9] אַנשפּיל אויף משי. [10] ווי פריער. [11] לויט ר׳ אליעזרן, וואָס זאָגט האָט געגעבן.

מיר האָבן געלערנט: ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: אויפן כלי־זיין וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן ביים באַרג חורב איז געווען אויסגע־קריצט דער שם המפורש; אָבער ווען זיי האָבן זיך פאַרזינדיקט[12] איז ער אָפּגענומען געוואָרן פון זיי. און ווי אַזוי איז ער אָפּגענומען געוואָרן? ר׳ אייבו האָט געזאָגט:: פון זיך אַליין האָט ער זיך אָפּגע־שיילט; און די רבנן זאָגן: אַ מלאך איז אַראָפּ און האָט אים אָפּגעשיילט.

ואתנה — און איך האָב אַרויפגעגעבן אַרעמבענדער אויף דיינע הענט, דאָס זיינען די צוויי לוחות הברית, וואָס די עשרת הדיברות זיינען געווען אויס־געקריצט אויף זיי, ווי אין פסוק שטייט (שמות לב, טז): והלוחות — און די לוחות זיינען געווען די אַרבעט פון גאָט — — —; ורביד — און אַ האַלדז־באַנד אויף דיין האַלדז, דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ו, כא): קשרם — בינד זיי תמיד אָן אויף דיין האַרצן, [קניפּ זיי אָן אויף דיין האַלדז]. — ואתן — און איך האָב אָנגעטאָן אַ נאָזרינג, דאָס איז די הייליקע קרוין,[12א] און אוירינגען אויף דיינע אויערן, דאָס איז דאָס שטערנשילדל, ווי מיר האָבן געלערנט:[12ב] דאָס שטערנשילדל איז געווען ענלעך צו אַ גילדערן פּלעטל, צוויי פינגער די ברייט, און ס׳האָט אַרומגע־נומען [דעם שטערן] פון איין אויער צום צווייטן; און אַ קרוין פון פּראַכט אויף דיין קאָפּ, דאָס איז די שכינה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה סב, ג): והיית — און דו וועסט זיין אַ קרוין פון פּראַכט אין דער האַנט פון גאָט; און ווידער שטייט (מיכה ב, יג): ויעבר מלכם — און זייער מלך גייט זיי פאָראויס, און גאָט איז בראש פון זיי. און וואָס זיינען די איבעריקע דריי? ותעדי — און דו האָסט זיך אָנגעצירט מיט גאָלד און זילבער — — — און אַ שם איז דיר אַרויס צווישן פעלקער, — [ווי] ציפּערבלומען מיט נאַרדן.[13]

און איינער[14] האָט געזאָגט: זי האָט אים אַריינגעבראַכט דרייצן, און ער האָט איר אַריינגעבראַכט זעקס און צוואַנציק,[14א] וואָרום ס׳איז דער שטייגער, אַז אַ חתן זאָל כפלען דער כלהס כתובה.[15]

ר׳ אחא האָט געזאָגט: זי האָט אים אַריינגעבראַכט כלים און געווירצן, און ער האָט איר אַריינגעבראַכט כלים און געווירצן. ׳[זי האָט אים אַריינגע־בראַכט] כלים [און געווירצן]׳ דורך משהן,[16] ׳[און ער האָט איר אַריינגע־בראַכט כלים] און געווירצן׳ דורך שלמהן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מלכים א, י, י—: ותתן — און זי[17] האָט געגעבן דעם מלך הונדערט און

(משנה, שבת ו, ד), אַז געווער איז אַ צירונג. [12] מיטן עגל הזהב. [12א] מיצנפת פונעם כוהן גדול (נזם — נזר). [12ב] שבת סג, ב. [13] דער סוף פון אונדזער פסוק איז, לויטן מהרז״ו (און מיט אים סאָנטשינאָ) ניט אין פּלאַץ; אָבער אונדזער צוגאָב „ווי־מאַכט דעם ענין פאַרשטענדלעך: איר שם האָט זיך צעטראָגן ווי דער ריח פון ציפּער־בלומען און נאַרדן). [14] אין די טעקסטן שטייט ר׳ הונא. אָבער דער מאמר איז פאַר־בונדן מיטן אָנהייב פון דער דרשה: „ר׳ חנינא און ר׳ סימון. איינער האָט געזאָגט — — —,״ און דאָ איז דער המשך (מהרז״ו). [14א] לויטן מהרז״ו איז די צאָל באַזירט אויף די פסו־קים ח—יד, יחזקאל טז, אַריינרעכענענדיק אויך די זאַכן וואָס דער ערשטער מאַן דאמר האָט ניט גערעכנט. [15] געבן צוויי מאָל אַזוי פיל נדן ווי די כלה האָט געגעבן. [16] שמות

**תני: ר' שמעון בן יוחאי אומר: זיין שנתן להם בחורב, שם המפורש חקוק עליו; וכשחטאו, נוטל מהן. וכיצד נוטל? ר' איבו אמר: מאליו היה נקלף; ורבנין אמרין: מלאך ירד וקלפו.**

ואתנה צמידים על ידיך, **אלו שני לוחות הברית, שחקוק עליהם עשרת הדברות; המד"א** (שמות לב): והלוחות מעשה אלהים המה, **וגו';** — ורביד על גרונך, **אלו דברי תורה, כד"א** (משלי ו): קשרם על לבך תמיד [ענדם על גרגרותיך]. — ואתן נזם, **זה נזר הקדש;** ועגילים על אזניך, **זה הציץ, דתנינן: הציץ דומה לטס של זהב, ורחב שתי אצבעות ומוקף מאוזן לאוזן;** ועטרת תפארת בראשך, **זו השכינה, המד"א** (ישעיה סב): והיית עטרת תפארת ביד ה'; **וכתיב** (מיכה ב): ויעבור מלכם לפניהם, וה' בראשם. **ואילין תלתי אחרנייאתא מה אינון?** ותעדי זהב וכסף — — — ויצא לך שם בגויים, — כפרים עם נרדים.

**(ר' הונא) [וחד אמר]: היא הכניסה לו שלשה עשר, והוא הכניס לה ששה ועשרים, שדרך חתן להיות כופל כתובה של כלה.**

**ר' אחא אמר: היא הכניסה לו כלים ובשמים, והוא הכניס לה כלים ובשמים. '[היא הכניסה לו] כלים [ובשמים]' על ידי משה, '[והוא הכניס לה כלים] ובשמים' על ידי שלמה; הה"ד** (מלכים א, י): ותתן למלך מאה ועשרים ככר זהב ובשמים הרבה ואבן יקרה; לא בא כבשם ההוא עוד לרב, אשר נתנה מלכת שבא למלך שלמה. **ר' סימון אמר: היא הכניסה לו כלים ובשמים במנין, והוא הכניס לה כלים ובשמים שלא במנין; בא שלמה ופירש:** כפרים עם נרדים; [(יד) — — — עם כל ראשי בשמים].

---

צוואַנציק צענטנער גאָלד און פיל געווירצן און טייערע שטיינער; קיין מאָל איז נאָך ניט אַריינגעקומען אַזוי פיל ווי יענע געווירצן, וואָס די מלכה פון שבא האָט געגעבן צו שלמה המלך.

**ר' סימון האָט געזאָגט: זי האָט אים אַריינגעבראַכט כלים און געווירצן מיט אַ צאָל, אָבער ער האָט איר אַריינגעבראַכט כלים און געווירצן אָן אַ צאָל; און שלמה איז געקומען און האָט עס קלאָר געמאַכט:** ציפּערבלומען מיט נאַרדן; [(יד) — — — מיט אַלערליי הויפּטגעווירצן].[18]

---

**לה, יא, און ווייטער; ל, כב, און ווייטער. — טעקסט־צוגאָבן לויטן רד"ל.** [17] **די מלכה פון שבא.** [18] **אַלערליי מיינט, אָן אַ צאָל (צוגאָב לויטן רד"ל).**

כו

אַן אַנדער פּשט: דײַנע אויספּלוסן[1] — אַ סאַד פון מילגרוימען, — [דורך] דײַנע אויספּלוסן איז הקדוש ברוך הוא אָנגעברייט דיך צו מאַכן לעתיד לבוא ווי אַ סאַד פון מילגרוימען; און וואָס איז עס? דאָס איז [מרימס] ברונעם,[2] — פון וואַנען האָט ישראל גענאָסן[3] ווײַן די אַלע פערציק יאָר וואָס זיי האָבן געזאַמט אין מדבר? ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: פון דעם ברונעם, און פון אים האָבן זיי געהאַט די מערסטע תבואות זייערע; וואָרום ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער ברונעם פלעגט זיי מאַכן וואַקסן אַלערליי גרינסן, אַלערליי תבואות, אַלערלייביימער. אַ ראיה האָסטו, אַז אַזוי איז עס געווען, וואָרום ווען מרים איז געשטאָרבן און דער ברונעם האָט זיך אָפּגעשטעלט [פון געבן זיי וואַסער], האָבן זיי געזאָגט (במדבר כ, ה): לא — ניט קיין אָרט פון זאָמען, אָדער פייגן, אָדער ווײַנשטאָקן. ר׳ לוי האָט געזאָגט: פון דעם טרויבן־הענגל, לויטן פּסוק (דאָרט יג, כג): ויכרתו — און זיי האָבן אָפּגעשניטן פון דאָרטן אַ צווײַג און אַ טרויבן־הענגל. — איז עס אָבער מעגלעך?[4] ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: די פּירות אין יענער צײַט זײַנען געווען זייער גרויס. און די רבנן זאָגן: פון דעם וואָס די געצנדינערישע סוחרים פלעגן פאַרקויפן צו ישראל, [ווי] ר׳ ישמעאל האָט געלערנט: דעמאָלט איז דער ווײַן פון געצנ־דינער נאָך ניט געאָסרט געוואָרן פאַר ישראל.

כז

אַן אַנדער פּשט: דײַנע אויספּלוסן — אַ סאַד פון מילגרוימען, — [דורך] דײַנע אויספּלוסן איז הקדוש ברוך הוא אָנגעברייט דיך צו מאַכן לעתיד לבוא ווי אַ סאַד פון מילגרוימען; און וואָס איז עס? דאָס איז דער שטראָם, ווי עס שטייט געשריבן (יחזקאל מז, יב): ועל הנחל — און בײַם שטראָם, אויף זײַן ברעג, וועט וואַקסן — — — און זײַנע בלעטער אויף אַ תרופה, — וואָס מיינט אויף אַ תרופה? ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַ פּאַרדיי־מיטל, מע סמאַקעט דאָס בלאַט, און דאָס עסן ווערט צעגאַנגען. רב און שמואל: איינער האָט גע־זאָגט: [דאָס בלאַט העלפט] אויפצועפענען דאָס איבערשטע מויל.[1] און איי־נער האָט געזאָגט: אויפצועפענען דאָס אונטערשטע מויל.[2] ר׳ חנינא און ר׳ יהושע בן לוי. איינער האָט געזאָגט: אויפצועפענען דאָס מויל פון שטומע; און איינער האָט געזאָגט: אויפצועפענען דאָס מויל פון עקרות.[3]

כח

אַן אַנדער פּשט: דײַנע שליחים[1] — אַ סאַד פון מילגרוימען, [דורך] דײַנע שליחים איז הקדוש ברוך הוא אָנגעברייט דיך צו מאַכן לעתיד לבוא ווי אַ סאַד פון מילגרוימען; און ווער איז עס [דער שליח]? אליהו, געדענקט

כו. [1] לויטן דרש, און אויפן באַזיס פון פּסוקים (איוב ה, י; יב, טו), וואו דער פּועל שלח ווערט געבונדן מיט וואַסער (יפה קול) [2] וואָס גאָט וועט אומקערן צו ישראל לעתיד לבוא ילקוט שמעוני ב: טו, תקעה, — לויט ילמדנו) [3] לויטן טײַטשט פון רש״י אויף אנסכה (קהלת ב, א): „און עס קען ניט מיינען גיסן אויפן מזבח, ווײַל איידער ישראל איז אַרײַן אין כנען איז ניט חל געווען דער דין פון גיסונג־קרבנות״ (מהרז״ו). [4] אַז איין טרויבן־הענגל זאָל געבן ווײַן אויף גאַנצע פערציק יאָר.

כו

ד״א: שלחיך פרדס רמונים, — **שלחיך עתיד הקב״ה לעשותך כפרדס רמונים לעתיד לבא; ואיזה זה? זה הבאר, — מאן היו ישראל (מנטרים) [מנסכים] כל מ׳ שנה שעשו במדבר? ר׳ יוחנן אמר: מן הבאר, וממנו היו רוב הנייתן; דאמר ר׳ יוחנן: הבאר היתה מעלה להם מיני דשאים, מיני זרעונים, מיני אילנות. תדע לך שהוא כן, שכיון שמתה מרים ופסקה הבאר מהן, היו אומרים** (במדבר כ): לא מקום זרע ותאנה וגפן. **ר׳ לוי אמר: מן האשכול, על שם** (שם יג): ויכרתו משם זמורה ואשכול ענבים אחד. **אפשר כן? א״ר אבא בר כהנא: פירות היו גסין באותה שעה. ורבנן אמרין: ממה שהיו תגרי עובדי כוכבים מוכרין להם לישראל, תני ר׳ ישמעאל: עדיין לא נאסר יינם של עובדי כוכבים לישראל.**

כז

ד״א: שלחיך פרדס רמונים, — **שלחיך עתיד הקב״ה לעשותך כפרדס רמונים לעתיד לבא; איזה זה? זה הנחל, דכתיב** (יחזקאל מז): ועל הנחל יעלה על שפתו, וגו׳, ועלהו לתרופה, — **מהו לתרופה? א״ר יוחנן לתרפיון, מציץ עליה ותרף מזוניה. רב ושמואל. חד אמר: להתיר פה של מעלן; וחד אמר להתיר פה של מטן. ר׳ חנינא ור׳ יהושע בן לוי. חד אמר: להתיר פה אלמים; וחד אמר: להתיר פה של עקרות.**

כח

ד״א: שלחיך פרדס רמונים, — **שלוחיך עתיד הקב״ה לעשותך כפרדס רמונים לעתיד לבא; איזה זה? אליהו זכור לטוב. דתנינן תמן: משפחת בית צריפה היתה בעבר הירדן, וקרבוה בני ציון בזרוע; ועוד אחרת היתה, ורחקוה בני ציון בזרוע. כגון אלו**

---

זאָל ער ווערן צום גוטן. ווי מיר האָבן דאָרט[2] געלערנט: אין עבר הירדן איז געווען אַ משפחה בית צריפה, און די בני־ציון[3] האָבן זי דערנענטערט[4] מיט כוח; און נאָך אַ משפחה איז געווען, און די בני־ציון האָבן זי דערווייטערט

כז. [1] פאַרשאַפן אַפעטיט. [2] ס׳דינט ווי אַן אַפּפּיר־מיטל. [3] ס׳עפנט זייער טראַכט, אַז זיי זאָלן האָבן קינדער (און אפשר מיינט עס טאַקע דאָס מויל, לויטן פסוק אין חנהס תפילה (שמואל א, ב, א): מיין מויל איז ברייט קעגן מיינע שונאים).

כח. [1] לויטן דרש [2] משנה, עדיות ח, ז [3] אַ משפחה פון תקיפים ביי יידן; אין דער משנה איז דער נוסח בן ציון, אַ יחיד. [4] אויף דער משפחה איז געווען אַ פסול פון ממזרות (זע דברים כג, ג), און די תקיפים האָבן געצוואונגען זי צו כשרן און אַריינגעמען

מיט כוח. אין אַזעלכע פֿאַלן וועט אליהו קומען מטמא צו זיין, אָדער מטהר צו זיין: דערווייטערן אָדער דערנענטערן. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: דערנענ־טערן יאָ, אָבער דערווייטערן ניט. ר׳ שמעון האָט געזאָגט: [אליהו וועט קו־מען] אויסצוגלייכן די מחלוקתן.[5] און די חכמים זאָגן: ניט צו דערנענטערן און ניט צו דערווייטערן, נייערט צו מאַכן שלום אויף דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי ג, כג—כד): הנה — זעט, איך שיק אייך אליהו הנביא — — —און ער וועט אומקערן דאָס האַרץ פֿון עלטערן צו קינדער — — —

כט

(יד) נרד וכרכם: נרד איז נאַרדאייל, כרכם — ווי דער פשט איז, זאַפֿרען; קנה, דאָס איז געווירצשטעקעלעך, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ל, כג): וקנה בשם — און געווירצשטעקעלעך; — און צימערינג. ר׳ הונא האָט געזאָגט פֿון ר׳ יוסיס וועגן: צימערינג פֿלעגט וואַקסן אין ארץ ישראל, און ציגן און הירשן פֿלעגן עסן דערפֿון. מור — מירע־אייל; און אהלות — ר׳ יסא האָט געזאָגט: דאָס איז פּאַליאַטום.[1] פֿאַרוואָס רופֿט מען עס אהלות? ר׳ אבא בר יודן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ יהודהן: ווייל עס קומט דורך די געצעלטן;[2] און די רבנן זאָגן: ווייל עס צעשפּרייט זיך אין געצעלט.[3] און פֿון וואַנען פֿלעגן די טעכטער פֿון ישראל נעמען אויף צו צירן זיך און אויף צו דערפֿרייען זייערע מענער די אַלע פֿערציק יאָר וואָס ישראל האָט געזאַמט אין מדבר? ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: פֿון [מרימס] ברונעם. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (טו): מעין — אַ גאָרטנקוואַל, אַ ברונעם לעבעדיק וואַסער; ר׳ אבהו האָט געזאָגט: פֿונעם מן, ווי אין פסוק שטייט (תהלים מה, ט): מר — מירע און אַלאָען [און] קאַנאיילן אַלע דיינע בגדים [פֿון דעם עסן[4] פֿונעם צאָן,[5] פֿון מיין מן,[6] האָבן זיי דיך דערפֿרייט], — פֿון דעם וואָס געפֿינט זיך אונטערן צאָן, דערפֿון פֿלעגן די צניעותדיקע און כשרע ייִדישע טעכטער זיך צירן און דערפֿרייען זייערע מענער די אַלע פֿערציק יאָר וואָס ישראל איז געווען אין מדבר.

אין פסוק שטייט (עמוס ו, יא): כי הנה — וואָרום אָט וועט גאָט באַפֿעלן, און מע וועט צעקלאַפּן דאָס גרויסע הויז אויף שפּענער [און דאָס קליינע הויז אויף שפּאַלטן], — [דאָס צעקלאַפּן אויף] שפּענער[7] איז ניט דאָס זעלבע ווי אויף שפּאַלטן: פֿון [צעקלאַפּן אויף] שפּענער בלייבן שפּליטערן, אָבער פֿון [צעקלאַפּן אויף] שפּאַלטן זייַנען ניטאָ קיין שפּליטערן.[8]

אין קהל (אין משנה איז דער נוסח פֿאַרקערט: די משפחה בני צריפה האָט זיי דערווייטערט, און אַן אַנדער משפחה האָט זיי דערנענטערט). [5] די מיינונג־פֿאַרשידנקייטן צווישן די חכמים.

כט. [1] אייל געמאַכט פֿון נאַרד־בלעטער (יאַסטראָוו). [2] אָהלות — אוהלים: די געצעלט־וואַנער פֿאַרקויפֿן עס. לויטן מהרז״ו: עס וואַקסט אין געצעלטן (אין שאָטן, באַהאַלטן פֿון דער זון). [3] דער ריח צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן געצעלט. עס קען אָבער אויך זיין, אַז די גירסא דאַרף זיין כאהל, ווי אַ געצעלט: דער רויך דערפֿון לאָזט זיך אַראָפּ און צעשפּרייט זיך ווי אַ געצעלט (זע אויבן ג, ז). [4] היכלי — אכל, לויטן דרש.

אליהו בא לטמא ולטהר, לרחק ולקרב. ר׳ יהודה אמר: לקרב, אבל לא לרחק. ר׳ שמעון אמר: להשוות את המחלוקות. וחכמים אומרים: לא לרחק ולא לקרב, אלא לעשות שלום בעולם, שנאמר (מלאכי ג): הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא, וגו׳, והשיב לב אבות על בנים, וגו׳.

כט

(יד) נרד וכרכם: נרד — נרדינון, כרכם — כמשמעו; קנה, זה קנה בשם, שנאמר (שמות ל): וקנה בשם; — וקנמון, — ר׳ הונא בשם ר׳ יוסי אומר: קנמון היה גדל בארץ ישראל, והיו עזים וצבאים אוכלים ממנו. מור — אינמרינון; ואהלות — ר׳ יסא אמר: פילטא. למה קורא אותה אהלות? ר׳ אבא בר יודן בשם ר׳ יהודה אמר: מפני שהוא בא דרך אהלים; ורבנן אמרי: שהוא פוסה באהל. ומהיכן היו בנות ישראל מתקשטות ומשמחות לבעליהן כל מ׳ שנה שעשו ישראל במדבר? ר׳ יוחנן אמר: מן הבאר, הה״ד (טו): מעין גנים, באר מים חיים; ר׳ אבהו אמר: מן המן, הה״ד (תהלים מה): מר ואהלות, קציעות כל בגדותיך [מן היכלי שן מני שמחוך], — ממה שנתון תחת השן, ממנו היו בנות ישראל הצנועות והכשרות מתקשטות ומשמחות לבעליהן כל מ׳ שנה שהיו ישראל במדבר.

כתיב (עמוס ו): כי הנה ה׳ מצוה, והכה את הבית הגדול רסיסים [והבית הקטן בקיעים], — לא דמי הדין (ריסה) [רסיסה] להדין ביזעא: הדא (ריסל) [רסיסה] אית מינה אליסים; והדין ביזעא לית מינה אליסים.

ל׳

(טו) מעין גנים, באר מים חיים. א״ר יוחנן: ארבעים ושמנה פעמים כתיב בתורה באר, באר, כנגד ארבעים ושמנה דברים

---

ל׳

(טו) מעין — אַ גאָרטנקוואַל, אַ ברונעם לעבעדיק וואַסער. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַכט און פערציק מאָל שטייט אין דער תורה[1] באר, אַ ברונעם, קעגן

---

[5]—[6] לויטן דרש. [7] געביטן ריסה אויף רסיסה, לויט קהלת רבה י, כ. [8] נייערט גרויסע שטיקער וואָס קענען צוריק אויפגעשטעלט ווערן: „דאָס גרויסע הויז״ איז מלכות ישראל, — פון איר וועט, נאָך איר חורבן דורך אַשור, בלייבן ניט מער ווי שפליטערן; „דאָס קליינע הויז״ איז מלכות יהודה, וואָס וועט, נאָך איר חורבן דורך בבל, ווידער אויפגע־שטעלט ווערן דורך כורשן. מיר האָבן די איבערזעצונג געמאַכט לויטן תרגום און לויטן מצודת דוד אויפן פסוק (זע קהלת רבה, דונסקי, ז׳ 448, באַמ. 16. — דער גאַנצער פאַ־

די אַכט און פערציק זאַכן, וואָס דורך זיי ווערט די תורה איינגעאייגנט;[2] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: אַ גאָרטנקוואַל, אַ ברונעם לעבעדיק וואַסער.[3] — און רינענדיקע פון לבנון, — ר׳ עזריה האָט געזאָגט: דער [תלמיד חכם] לאָזט רינען אַ קליין ביסל[4] און דער לאָזט רינען אַ קליין ביסל, ביז די הלכה קומט אַרויס ווי אַ מין ווייסקייט.[5] ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: דער העפּט צו אַ קליין ביסל און דער העפט צו אַ קליין ביסל, ביז די הלכה קומט אַרויס [גוט צוזויפגעהעפט] ווי קינבאַקן.[6]

לא

(טז) עורי — וואַך אויף, צפון, און קום, דרום. ר׳ אלעזר און ר׳ יוסי בר׳ חנינא. ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: די בני נוח[1] האָבן מקריב געווען [אויך][2] שלמים.[3] ר׳ יוסי האָט געזאָגט: [נאָר] עולות האָבן די בני נוח מקריב געווען. האָט ר׳ אלעזר געפרעגט אַ קשיא אויף ר׳ יוסין: [אין פסוק שטייט] (בראשית ד, ב): והבל — און הבל, אויך ער האָט געבראַכט, פון די ערשטלינגען פון זײַנע שאָף און פון זייער פעטס, — וואָס וועט ר׳ יוסי טאָן מיט דעם פסוק?[4] — [טייטש מחלביהן] פון זייערע פעטסטע.[5] האָט ר׳ אלעזר ווידער געפרעגט אויף ר׳ יוסין (שמות כד, ה): וישלח — און ער האָט געשיקט די יונגע לייט פון די בני ישראל [און זיי האָבן מקריב געווען עולות און געשלאַכט שלמים־שלאַכטונגען] — וואָס וועט ר׳ יוסי טאָן מיט דעם?[6] — [לייען שלמים, מיט אַ צירה־מם] גאַנצע אין קערפּער, ניט אָפּגעשונדן און ניט צעשניטן.[7] האָט ר׳ אלעזר ווידער געפרעגט: עס שטייט געשריבן (דאָרט יח, יב): ויקח יתרו — און יתרו האָט גענומען — — — [און האָט מקריב געווען] אַן עולה און שלאַכטונגען, — אַן עולה לשם עולה און שלאַכטונגען[8] לשם שלמים, — וואָס וועט ר׳ יוסי טאָן מיט דעם?[9] אויף דעם האָט ער געזאָגט: עס קריגן וועגן דעם צוויי אמוראים.[9א] איינער האָט געזאָגט:

---

ראַגראַף איז דאָ ניט אין פּלאַץ; לויטן אות אמת איז זיין אָרט ביים סוף פון ה, ב: קווצותי רסיסי לילה.

ל. [1] אין ברייטערן זין: אין תנ״ך. — די צאָל 48 איז ניט פּינקטלעך, און מפרשים באַהאַנדלען דעם ענין (זע מתנות כהונה, יפה קול). [2] אבות ו, ו. [3] און תורה איז געגליכן צו וואַסער (זע אויבן, א, יט). [4] פון זיין תורה. [5] לבנון — לבן: קלאָר פאַר אַלעמען. [6] אָדער: ווי גוט צונויפגעהעפטע שטאַנגען (לחיים — חיים).

לא. [1] אַלע מענטשן וואָס האָבן געלעבט פאַר מתן תורה. [2] לויטן קרבן העדה, ירושלמי, מגילה א, יא, און לויט דעם צו רש״ין צוגעשריבענעם פירוש אויף בראשית רבה כב, ה, אַזוי אויך לויט אַנדערע מפרשים (אַנדערש קען מען פון די ווייטערדיקע פסוקים פרעגן אַ קשיא אויך אויף ר׳ אלעזרן. — מיר האָבן אָנגענומען דעם נוסח ר׳ אלעזר, אַנשטאָט ר׳ אליעזר, ווי אין אַ צאָל אויסגאַבעס, אויפן סמך פון ירושלמי, דאָרט, וואו די גירסא איז ר׳ לעזר). [3] וועגן די קרבנות פון שלמים און עולות זע ויקרא ו, ב—ו; ז, יא—כז. [4] אַ קרבן עולה ווערט דאָך אין גאַנצן פאַרברענט, ניט נאָר דאָס פעטס, ווי ביי שלמים. [5] אָבער געווען איז עס אַן עולה. [6] דער דאָזיקער פסוק איז געזאָגט געוואָרן פאַר מתן תורה (זע חגיגה ו, א). [7] דער דין פון אָפּשינדן און צעשניידן אַן עולה איז צוגעקומען נאָכן אויפשטעלן דעם משכן (דאָרט ו, ב). [8] עמענדירט לויטן אינהאַלט, און אַזוי איז אויך דער נוסח פון אות אמת. [9] איז דאָך דער פסוק געזאָגט געוואָרן פאַר

שנקנה בם התורה; הה"ד: מעין גנים, באר מים חיים. — ונוזלים מן לבנון, — א"ר עזריה: זה מזיל מקצת דבר וזה מזיל מקצת דבר עד שתהא הלכה יוצאת כמין לבנון. א"ר תנחומא: זה מלחים מקצת דבר וזה מלחים מקצת דבר, עד שתהא הלכה יוצאת כמן לחיים.

לא

(טז) עורי, צפון, ובואי, תימן. ר' אלעזר ור' יוסי בר' חנינא. ר' אלעזר אמר: שלמים הקריבו בני נח; ר' יוסי אמר: עולות הקריבו בני נח. מותיב ר' אלעזר לר' יוסי (בראשית ד): והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלביהן, — דא מה עבד לה ר' יוסי? — מן שמיניהון. מותיב ר' אלעזר לר' יוסי (שמות כד): וישלח את נערי בני ישראל [ויעלו עולות ויזבחו זבחים שלמים], — דא מה עבד לה ר' יוסי? — שלמים בגופן, בלא הפשט וניתוח. מותיב ר' אלעזר: כתיב (שם יח): ויקח יתרו — — — עולה וזבחים, — עולה לשם עולה (ושלמים) [וזבחים] לשם שלמים, — דא מה עבד לה ר' יוסי? אמר לה: פליגי בה תרי אמוראי. חד אמר: לאחר מתן תורה בא יתרו; ואחרינא אמר: קודם מתן תורה בא יתרו. מאן דאמר: קודם מתן תורה בא יתרו, — שלמים הקריבו בני נח; ומאן דאמר: אחר מתן תורה בא יתרו, — עולות הקריבו בני נח.

ודא מסייעא לר' יוסי בר' חנינא: עורי, צפון, ובואי, תימן, — עורי, צפון, זו העולה שנשחטת בצפון; ולמה קורין לה עורי?

---

יתרו איז געקומען נאָך מתן תורה; און דער אַנדערער זאָגט: יתרו איז געקומען פאַר מתן תורה. לויט דעם וואָס האָט געזאָגט, אַז יתרו איז געקומען פאַר מתן תורה, האָבן די בני נוח מקריב געווען [אויך] שלמים;[10] און לויט דעם וואָס זאָגט, אַז יתרו איז געקומען נאָך מתן תורה, האָבן די בני נוח מקריב געווען [נאָר] עולות.[11]

און דער דאָזיקער [פסוק] איז אַ ראיה צו ר' יוסי בר חנינא: וואַך אויף, צפון, און קום, דרום, — וואַך אויף, צפון, דאָס איז די עולה, וואָס ווערט געשאָכטן אין צפון־זייט;[12] און פאַרוואָס זאָגט מען וועגן איר וואַך אויף?

---

מתן תורה, און יתרו, דער „בן־נוח", האָט געבראַכט שלמים. [9]א לויטן ירושלמי, דאָרט — ר' ינאי און יהודה דבי רבי; לויט זבחים קטז, ב — ר' חייאס זין און ר' יהושע בן לוי: אַלע פון ערשטן דור אמוראים, און ר' אלעזר (בן פדת) און ר' יוסי זיינען פון צווייטן דור. [10] און דאָס שטימט מיט ר' אלעזרן. [11] און ר' יוסי האַלט מיט אים. [12] ויקרא

[ווייל ס׳איז ווי] אַ זאַך וואָס איז איינגעשלאָפן און וואַכט אויף.[13] און קום, דרום, דאָס זייַנען די שלמים, וואָס ווערן געשאָכטן [אויך][14] אין דרום; און פאַרוואָס זאָגט מען ווען איר און קום? [ווייל ס׳איז] אַ נייע זאַך. ר׳ אבא בר כהנא און ר׳ חנינא בר פפא און ר׳ יהושע זאָגן פון ר׳ לויס וועגן: אויך דער דאָזיקער פסוק איז אַ ראיה צו ר׳ יוסין (ויקרא ו, ב): דאָס איז דער דין פון דער עולה, דאָס איז די עולה,[15] וואָס די בני נוח פלעגן אַ מאָל מקריב זיין,[15א] אָבער ווען דער פסוק קומט צו צו די שלמים, זאָגט ער (דאָרט ז, יא): וזאת — און דאָס איז דער דין פון דער שלאַכטונג פון די שלמים, — דאָ שטייט ניט „וואָס מע האָט מקריב געווען,” נייערט וואָס מע וועט מקריב זיין, פון איצט אָן און ווייטער.

טאָ וואָס טוט ר׳ אלעזר מיטן פסוק: וואַך אויף, צפון, און קום, דרום? [דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן אויף דער צייט], ווען ס׳וועלן אויפוואַכן די פאַרטריבענע וואָס געפינען זיך אין צפון, און זיי וועלן קומען און לאַגערן אין דרום,[16] ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה לא, ז): הנני — אָט וועל איך זיי ברענגען פון צפון־לאַנד און וועל זיי צונויפזאַמלען פון די עקן פון דער ערד; ווען ס׳וועט אויפוואַכן גוג־און־מגוג וואָס געפינט זיך אין צפון, און וועט קומען און פאַלן אין דרום, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לט, ב): ושבבתיך — און איך וועל דיך פאַרפירן, און וועל דיך אויפרודערן,[17] און וועל דיך אויפ־ברענגען [פון די עקן פון צפון און וועל דיך ברענגען אויף די בערג פון ישראל]; ווען ס׳וועט אויפוואַכן דער מלך המשיח וואָס געפינט זיך אין צפון, און ער וועט קומען און אויפבויען דעם בית המקדש וואָס געפינט זיך אין דרום, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מא, כה): העירותי — איך וועל אויפוועקן פון צפון, און ער וועט קומען.[18]

הפיחי — בלאָז דורך מיין גאָרטן, זאָלן אַרויספליסן זיינע בשמים. ר׳ הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהושע בר׳ בנימין בר לוי: דער שטייגער אויף דער וועלט איז, אַז ווען אַ דרום־ווינט בלאָזט, בלאָזט ניט קיין צפון־ווינט; און ווען אַ צפון־ווינט בלאָזט, בלאָזט ניט קיין דרום־ווינט. אָבער לעתיד לבוא וועט הקדוש ברוך הוא ברענגען אויף דער וועלט אַן אַרגעסטעס־ווינט,[19] און ער וועט פירן צוויי ווינטן פאַר אַ מאָל, און ביידע וועלן דינען צוזאַמען; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה מג, ו): אומר — איך וועל זאָגן צום צפון־ווינט:[20] גיב אַהער! און צום דרום־ווינט: פאַרהאַלט ניט![21]

יבא — זאָל קומען מיין געליבטער אין זיין גאָרטן — ר׳ יוחנן האָט גע־זאָגט: די תורה[22] האָט דיך מיט דעם געלערנט דרך־ארץ, אַז דער חתן זאָל ניט אַריינגיין אין דער חופה,[23] ביז די כלה גיט אים ניט קיין רשות; פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? [פון אונדזער פסוק] זאָל קומען מיין געליבטער אין זיין גאָרטן.

דבר שהוא ישן ונתעורר. ובואי, תימן, אלו שלמים שנשחטין בדרום; ולמה קורין אותה ובואי? דבר של חידוש. ר׳ אבא בר כהנא ור׳ חנינא בר פפא ור׳ יהושע בשם ר׳ לוי אמרי: אף הדין קרא מסייעא לר׳ יוסי (ויקרא ו): זאת תורת העולה, היא העולה שהקריבו בני נח בתחילה; וכד הוי מטי גבי שלמים אמר (שם ז): וזאת תורת זבח השלמים, — „אשר הקריבו" אין כתיב כאן, אלא אשר יקריב, מכאן ולהבא.

מה מקיים ר׳ אלעזר קרא דין: עורי, צפון, ובואי, תימן? — לכשיתעוררו הגליות הנתונות בצפון, ויבאו ויחנו בדרום, המד"א (ירמיה לא): הנני מביא אותם מארץ צפון וקבצתים מירכתי ארץ; לכשיתעורר גוג ומגוג שנתון בצפון, ויבא ויפול בדרום, המד"א (יחזקאל לט): ושבבתיך וששאתיך והעליתיך [מירכתי צפון והביאותיך על הרי ישראל]; לכשיתעורר מלך המשיח שנתון בצפון, ויבא ויבנה בית המקדש שנתון בדרום, המד"א (ישעיה מא): העירותי מצפון, ויאת.

הפיחי גני, יזלו בשמיו. א"ר הונא בשם ר׳ יהושע בר׳ בנימין בר לוי: לפי שבעולם הזה כשרוח דרומית מנשבת, אין רוח צפונית מנשבת; וכשרוח צפונית מנשבת, אין רוח דרומית מנשבת. אבל לעתיד לבא הקב"ה מביא רוח ארגסטיס לעולם ומנהיג שתי רוחות כאחת, ושתיהן משמשות; הה"ד (ישעיה מג): אומר לצפון: תני, ולתימן: אל תכלאי.

יבא דודי לגנו, — א"ר יוחנן: לימדתך תורה דרך ארץ, שלא יהיה החתן נכנס לחופה, עד שתתן לו הכלה רשות; מה טעם? יבא דודי לגנו.

---

א, יא. [13] עולות פלעגן אויך די בני נוח מקריב זיין, און איצט האָט מען עס באַנייט. [14] ביי שלמים איז ניטאָ דער דין פון שלאַכטן דווקא אין צפון־זייט. [15] לויטן דרש. [15א] דער אויסדרוק דאָס איז די עולה, איז מרמז אויף אַ פון פריער באַקאַנטן קרבן [16] אין ארץ ישראל. [17] לויט שטיינבערג, מלון התנ"ך (משפט האורים). [18] געטייטשט אין עתיד, לויטן דרש. [19] אין דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור ווערט מיט דעם וואָרט באַצייכנט אַ מאָל אַ דרום־ווינט, אַ מאָל — אַ מערב־ווינט און אַ מאָל — אַ מערב־צפון ווינט (יאַסטראָוו), באַנוצט זיך דעריבער דער בעל המדרש מיט דעם וואָרט צו באַצייכענען צוויי קעגנגעזעצטע ווינטן וואָס קומען איינצייטיק. [20] לויטן דרש. [21] און דאָס זאָל מיינען אונדזער פסוק: וואַך אויף, צפון ווינט, און קום, דרום ווינט — ביידע צוזאַמען. [22] אין ברייטערן זין: תנ"ך. [23] אין תלמודישן באַטייט: אַ חדר מיוחד פאַרן אינטימען צוזאַמענקום פון חתן־כלה.

# פרשה ה

## א

(א) באתי — איך בין געקומען אין מיין גאָרטן, — ר׳ מנחם דער איידעם פון ר׳ אלעזר בר אבונה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בר׳ יוסנה: דאָ שטייט ניט „באתי לגן,״ איך בין געקומען אין גאָרטן, נייערט לגני, [לייען] „לגנוני,״ אין מיין חופה, דאָרט וואו ס׳איז צו ערשט געווען מיין עיקר־אָרט, — איז דען ניט געווען דאָס עיקר־אָרט פון דער שכינה צווישן די אונטערשטע? דאָס איז וואָס אין פסוק שטייט (בראשית ג, ח): וישמעו — און זיי האָבן געהערט דאָס קול פון גאָט דעם האַר, ווי ער גייט אַרום אין גאָרטן. ר׳ אבא האָט געזאָגט: דאָ שטייט ניט „מהלך,״ ער טוט גיין, נייערט מתהלך, ער גייט אַרום[1] — ער טוט זיך אַ הייב און גייט אַרויף, אַ הייב און אַרויף: האָט אדם הראשון געזינדיקט, איז די שכינה אַרויף אויפן ערשטן הימל; האָט קין געזינדיקט, איז זי אַרויף אויפן צווייטן הימל; האָט אנוש געזינדיקט,[2] איז זי אַרויף אויפן דריטן הימל; האָט דער דור פון מבול געזינדיקט, איז זי אַרויף אויפן פערטן הימל; האָט דער דור פונעם טורעם [פון בבל] געזינדיקט, איז זי אַרויף אויפן פינפטן הימל; האָבן די לייט פון סדום געזינדיקט, איז זי אַרויף אויפן זעקסטן הימל; האָבן די מצרים געזינדיקט אין די טעג פון אברהמען, איז זי אַרויף אויפן זיבעטן הימל. קעגן זיי זיינען אויפגעשטאַנען זיבן צדיקים און האָבן זי אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד: אברהם האָט זוכה געווען, האָט ער זי אַראָפּגעבראַכט פון זיבעטן צום זעקסטן; איז אויפגעקומען יצחק און האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון זעקסטן צום פינפטן; איז אויפגעקומען יעקב און האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון פינפטן צום פערטן; איז אויפגעקומען לוי און האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון פערטן צום דריטן; איז אויפגעקומען קהת און האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון דריטן צום צווייטן; איז אויפגעקומען עמרם און האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון צווייטן צום ערשטן;[2א] איז אויפגעקומען משה און האָט זי אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד.[3] ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דאָס איז ווי אין פסוק שטייטו (תהלים לז, כט): צדיקים — די צדיקים וועלן אַרבן דאָס לאַנד, און וועלן אייביק רוען דערויף, — אָבער וואָס וועלן[4] די רשעים טאָן, — וועלן בלייבן הענגען אין דער לופטן?[5]

א. [1] פון אָרט צו אָרט. [2] לויטן תרגום יונתן, בראשית ד, כו: „דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן מאַכן געצן און זיי אָנרופן מיט גאָטס נאָמען.״ פאַרגלייך אויך בראשית רבה כג, ז, און רשי אויף יענעם פסוק. [2א] אַנשטאָט „לראשון״ שטייט אין טעקסט „לאחד,״ לויטן לשון פון בראשית א, ה, און אַן איבערשרייבער האָט משמעות צוגעשריבן „שהוא ראשון״ (וואָס דאָס איז דער ערשטער), וואָס מיר האָבן געשטעלט אין קלאַמערן; דער נוסח פון אות אמת איז „משני לראשון.״ [3] לויטן ווייטערדיקן פסוק פון חומש. [4] לויט בראשית רבה, טעאָדאָר־אַלבעק ז׳ 177. [5] דאָרט געפינט זיך דאָ דאָס וואָרט אתמהא (צו שטוינען).

# פרשה ה

## א

(א) באתי לגני, — א״ר מנחם חתניה דר׳ אלעזר בר אבונה בשם ר׳ שמעון בר׳ יוסנה: „באתי לגן״ אין כתיב כאן, אלא לגני — לגנוני, למקום שהיה עיקרי מתחלה, — ועיקר שכינה לא בתחתונים היתה? הה״ד (בראשית ג): וישמעו את קול ה׳ אלהים מתהלך בגן. א״ר אבא: „מהלך״ אין כתיב כאן, אלא מתהלך — מקפץ וסליק, מקפץ וסליק: חטא אדם הראשון, ונסתלקה השכינה לרקיע הראשון; חטא קין, נסתלקה לרקיע השני; חטא אנוש, נסתלקה לרקיע השלישי; חטא דור המבול, נסתלקה לרקיע הרביעי; חטא דור המגדל, נסתלקה לרקיע החמישי; חטאו אנשי סדום, נסתלקה לרקיע הששי; חטאו המצריים בימי אברהם, נסתלקה לרקיע השביעי. כנגדן עמדו שבעה צדיקים והורידוה לארץ: זכה אברהם, הורידה משביעי לששי; עמד יצחק והורידה מששי לחמישי; עמד יעקב והורידה מחמישי לרביעי; עמד לוי והורידה מרביעי לשלישי; עמד קהת והורידה משלישי לשני; עמד עמרם והורידה משני לאחד (שהוא ראשון); עמד משה והורידה לארץ. א״ר יצחק: הה״ד (תהלים לז): צדיקים יירשו ארץ וישכנו לעד עליה, — [ו]הרשעים מה [י]עשו, תלויין באויר? (כי) [אלא ש]לא השכינו שכינה לארץ, אבל הצדיקים השכינו לארץ. מה טעם? צדיקים יירשו ארץ וישכנו לעד עליה, — ישכינו לשכינה עליה [(ישעיה נז):] שוכן עד, וקדוש שמו. ואימת

---

נייערט ווייל זיי האָבן ניט געמאַכט די שכינה רוען אויף דער ערד,[6] אָבער די צדיקים האָבן יאָ געמאַכט די שכינה רוען אויף דער ערד. פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? די צדיקים וועלן אַרבן דאָס לאַנד און וועלן אייביק רוען דערויף, — [לייען: ישכינו] זיי וועלן מאַכן רוען די שכינה דערויף [ווי אין פסוק שטייט ישעיה נז, טו): שוכן עד — דער וואָס רוט אייביק, און הייליק איז זיין נאָמען.[7] און ווען האָט [ווידער] גערוט די שכינה אויף דער ערד?

---

[6] עמענדאַציע לויט דאָרט. [7] איןביידע פסוקים געפינט זיך דאָס וואָרט עד, אייביק, מיינט עס, אַז אַזוי ווי אין ישעיה באַציט זיך שוכן אויף גאָט, אַזוי אויך באַציט זיך אין תהלים

אין דעם טאָג ווען דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ז, א): ויהי — און ס'איז געווען אין דעם טאָג ווען משה האָט געענדיקט אויפצושטעלן דעם משכן — — —.[8]

ר' עזריה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יהודה בר' סימון: ס'איז אַ משל מיט אַ מלך וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף דער האַריגטע און האָט זי אַרויסגעהייסן פון זיין פּאַלאַץ. שפּעטער האָט ער געוואָלט זיך איבערבעטן מיט איר: האָט זי אים געשיקט זאָגן: „זאָל מיר דער מלך מאַכן עפּעס אַ נייע זאַך, וועל איך זיך איבערבעטן מיט אים." אַזוי פלעגט אַ מאָל הקדוש ברוך הוא אויפנעמען די קרבנות פון אויבן, ווי אין פסוק שטייט (בראשית ח, כא): וירח ה' — און גאָט האָט געשמעקט דעם געשמאַקן ריח; איצט אָבער נעמט ער זיי אויף פון אונטן, ווי אין פסוק שטייט: איך בין געקומען אין מיין גאָרטן,[9] מיין שוועסטער מיין כלה.

אריתי — איך האָב געקליבן מיין מירע מיט מיינע בשמים, דאָס איז די קטורת פון די געווירצן און דער הויפן פון ווירעך; איך האָב געגעסן מיין סאָט מיט מיין האָניק, דאָס זיינען די איברים פון דעם קרבן־עולה און די אמורים פון די קדשי־קדשים;[10] איך האָב געטרונקען מיין וויין מיט מיין מילך, דאָס זיינען די וויינגיסונגען און די אמורים פון די קדשים קלים;[11] עסט, חברים, דאָס זיינען משה און אהרן; טרינקט און שיכורט, פריינד, דאָס זיינען נדב און אביהוא, וואָס האָבן זיך אָנגעשיכורט צו זייער אייגן אומגליק.[12]

ר' אידי האָט געזאָגט: דוד האָט געוואָלט מקריב זיין אַ קרבן ווי דער קרבן פון די נשיאים;[13] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים סו, טו): עולות —פעטע עולות, וועל איך דיר אויפּבּרענגען [מיט קטורת פון ווידערס; איך וועל מאַכן רינדער, מיט בעק]; וואָס איז עס פאַר אַ קרבן, וואָס באַשטייט פון אָקסן און ווידערס און בעק? מוזסטו זאָגן, אַז דאָס איז דער קרבן פון די נשי־אים, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ז, יז): ולזבח — און פאַרן קרבן שלמים צוויי רינדער [פינף ווידערס, פינף בעק].

---

דאָס וואָרט וישכנו (געלייענט וישכינו) אויף גאָט. [8] אַנשטאָט דעם דאָזיקן פסוק איז דער אות אמת גורס אַן אַנדערן, וואָס איז פּאַסיקער פאַרן ענין (שמות מ, לג—לד): ויכל משה — און משה האָט געענדיקט די אַרבעט, און דער וואָלקן האָט איבערגעדעקט דעם אוהל מועד, און דער כבוד פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם משכן (דער זעלבער פסוק ווערט אויך ציטירט אין פסיקתא רבתי ה, ז; תנחומא פקודי, ז; במדבר רבה יג, ב). [9] אין משכן. [10] די טיילן פון אַ קרבן־חטאת און אַ קרבן־אשם, וואָס ווערן פאַרברענט אויפן מזבח (די נירן, דאָס רויטפלייש איבערן לעבער, דער עק). [11] „גרינגערע הייליקייטן," קרבנות פון אַ קלענערער מדרגה פון קדושה, אַ שטייגער שלמים, תודה (פריד־קרבן, דאַנק־קרבן), וואָס נאָר די אמורים ווערן פאַרברענט און דאָס איבעריקע ווערט געגעסן. [12] לויט אַ מדרש (ויקרא רבה יב, א; אסתר רבה ה, א) זיינען די צוויי אומגעקומען איבער דעם וואָס זיי זיינען אַריין שיכור אין אוהל מועד (און דער אויסדרוק שתו, טרינקט, מיינט: נעמט אייער שטראָף, ווי דאָס מיינט אָפט אין תנ"ך. — יפה קול). [13] דוד האָט געוואָלט בויען דעם בית המקדש (שמואל ב, ז), און ביים חנוכת הבית וואָלט ער מקריב געווען אַזעלכע קרבנות ווי די וואָס די נשיאים האָבן מקריב געווען ביים חנוכת הבית פונעם משכן

שרת שכינה עליה? ביום שהוקם המשכן, שנאמר (במדבר ז): ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן.

ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון אמר: משל למלך שכעס על מטרונה והוציאה מתוך פלטין שלו; לאחר כך בקש להתרצות לה. שלחה ואמרה: „יעשה לי המלך דבר חדש, ויבא אצלי.״ כך, לשעבר היה הקב״ה מקבל הקרבנות מלמעלה, דכתיב (בראשית ח): וירח ה׳ את ריח הניחוח, וגו׳; עכשו מקבל מלמטה, הה״ד: באתי לגני, אחותי כלה.

אריתי מורי עם בשמי, זה קטרת הסמים וקומץ הלבונה; אכלתי יערי עם דבשי, אלו איברי עולה ואמורי קדשי קדשים; שתיתי ייני עם חלבי, אלו הנסכים ואמורי קדשים קלים; אכלו, רעים, זה משה ואהרן; שתו ושכרו, דודים, אלו נדב ואביהוא, שנשתכרו בצרתן.

א״ר אידי: בקש דוד להקריב קרבנו כקרבנן של נשיאים; הה״ד (תהלים סו): עולות מחים אעלה לך, וגו׳; איזהו קרבן, שיש בו פרים ואילים ועתודים? הוי אומר, זה קרבן של נשיאים, הה״ד (במדבר ז): ולזבח השלמים בקר שנים [אילים חמשה, עתודים חמשה].

[ד״א: אכלו רעים, אלו הנשיאים — ] א״ר שמעון בן יוסינא: למה הוא קורא אל הנשיאים רעים? אלא שכיון להאהיבן ולקרבן. וא״ר שמעון בן יוסינא: בכל מקום אין היחיד מביא קטרת בנדבה, וכאן קטרת בנדבה; בכל מקום אין היחיד מביא חטאת נדבה, וכאן חטאת נדבה; בכל מקום אין קרבן יחיד דוחה טומאה

---

[אַן אַנדער פּשט: עסט, חברים, דאָס זיינען די נשיאים][14]— ר׳ שמעון בן יוסינא האָט געזאָגט: פאַרוואָס רופט ער די נשיאים חברים? ווייַערט כדי זיי באַליבט צו מאַכן און זיי צו דערנענטערן. און נאָך האָט ר׳ שמעון בן יוסינא געזאָגט: אין ערגעץ ברענגט ניט קיין יחיד קטורת ווי אַ פרייגאָב,[15] און דאָ איז די קטורת אַ פרייגאָב; אין ערגעץ ברענגט ניט קיין יחיד אַ קרבן־חטאת ווי אַ פרייגאָב, און דאָ איז דער קרבן־חטאת אַ פרייגאָב; אין ערגעץ איז דער קרבן פון אַ יחיד ניט דוחה טומאה און שבת,[16] און דאָ איז דער

---

(במדבר ז). — ר׳ אידיס מאמר וואָלט געדאַרפט קומען ווייטער, נאָך דעם ווי די ווערטער אכלו רעים ווערן געדרשנט אויף די נשיאים. [14] צוגעגעבן לויטן נוסח פון אות אמת. [15] אין טעקסט נדבה, אַ גאָב פון אייגענעם ווילן. [16] שבת האָט מען, אויסער דעם תמיד

קרבן פון אַ יחיד דוחה שבת און טומאה; אין ערגעץ ברענגט ניט קיין יחיד אַ קרבן־חטאת, סיידן אויף אַ חטא, און דאָ ברענגט אַ יחיד אַ קרבן־חטאת ניט אויף קיין חטא.

אַן אַנדער פשט: עסט, חברים, דאָס זיינען די נשיאים; טרינקט און שיכורט, דאָס זיינען די וויינגיסונגען,[17] — ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און פאַרבעטן געסט, און ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ שרץ אין געקעכטס. וואָלט דער מלך צוריקגעצויגן זיין האַנט פון דעם, וואָלטן זיי אַלע צוריקגעצויגן זייערע הענט; האָט אָבער דער מלך אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו דעם, האָבן זיי אַלע אויסגעשטרעקט זייערע הענט.[18] ר׳ ינאי האָט געזאָגט: [ס׳איז אַ משל] מיט אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און פאַרבעטן געסט צו זיך. איז ער אומגעגאַנגען צווישן זיי און געזאָגט צו זיי: „זאָל עס אייך זיין געשמאַק און זאָל איך וואויל באַקומען.“ ר׳ אבהו האָט געזאָגט: ס׳איז אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און האָט פאַרבעטן געסט צו זיך. ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט ער געזאָגט: „בעמט דעם דאָזיקן פיינעם חלק און גיט עס דעם בעל הבית.“ אויך דאָ איז עס אַזוי: איך בין געקומען אין מיין גאָרטן, מיין שוועסטער מיין כלה, איך האָב געקליבן מיין מירע מיט מיינע בשמים, איך האָב געגעסן מיין סאָט מיט מיין האָניק, עסט אויך איר; איך האָב געטרונקען מיין וויין מיט מיין מילך, אויך איר טרינקט און שיכורט, איר פריינד.[19]

## ב

(ב) אני ישנה — איך שלאָף, און מיין האַרץ איז וואַך. די כנסת ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם! איך האָב פאַרשלאָפן [דאָס טאָן] מצוות, אָבער מיין האַרץ איז וואַך אויף גמילות חסדים;[1] איך האָב פאַרשלאָפן [דאָס טאָן] צדקות, אָבער מיין האַרץ איז וואַך [מיטן ווילן] זיי צו טאָן; איך האָב פאַרשלאָפן די קרבנות,[2] אָבער מיין האַרץ איז

---

און דעם קרבן מוסף, קיין אַנדערע קרבנות ניט געטאָרט מקריב זיין; אָבער דאָ האָבן דאָך די צוועלף נשיאים מקריב געווען זייערע קרבנות טאָג נאָך טאָג, איז דאָך איינעם אויסגעקומען עס צו טאָן אום שבת. אַזוי איז אויך מעגלעך, אַז עמעצער פון די נשיאים זאָל דורך דער צייט טמא ווערן (אין במדבר רבה יג, ב, ווערט טומאה ניט דערמאָנט). [17] נסכים. לויט דער שפערלינג אויסגאַבע (לעמבערג 1859) און אַנדערע, און ניט אין דער ראָם אויסגאַבע, וואו דער נוסח איז נסיכים, פירשטן, וואָס סאָנטשינאָ האַלט מיט (מיר האָבן דאָ אַרויסגעלאָזט „אַן אַנדער פשט“, אין איינקלאַנג מיטן אות אמת). [18] און אַזוי האָט דער אייבערשטער מקבל געווען די קרבנות פון די נשיאים, כאָטש אַ טייל איז געבראַכט געוואָרן אין טומאה, אָדער אום שבת (מהרז״ו). [19] דער אייבערשטער זאָגט צו די נשיאים: „איך האָב מקבל געווען אייערע קרבנות, און איצט קאָנט איר עסן און טרינקען און זיך לאָזן וואויל טאָן.“

ב. [1] וואָס קאָן געטאָן ווערן אויך אין טומל פון טעגלעכן הו־האַ (רד״ל). [2] וואָס

ושבת, וכאן קרבן יחיד דוחה את השבת ואת הטומאה; בכל מקום אין היחיד מביא חטאת אלא על חטא, וכאן היחיד מביא חטאת שלא על חטא.

ד״א: אכלו, רעים, אלו הנשיאים; שתו ושכרו, דודים, אלו הנסכים (ד״א: אכלו רעים). — א״ר ברכיה: למלך שעשה סעודה וזימן האורחין, ונפל השרץ לתוך התמחוי. שאילו משך המלך את ידו, היו הכל מושכין את ידיהם; פשט המלך את ידו, ופשטו הכל את ידיהם. א״ר ינאי: למלך שעשה סעודה וזימן אורחין אצלו. והיה מחזיר עליהם ואומר להם: „יערב לכם ויבסם לכם.״ א״ר אבהו: למלך שעשה סעודה וזימן אורחין אצלו. לכשאכלו ושתו, אמר: „טלו מנה זו יפה ותנו לבעל הבית.״ אף הכא כן: באתי לגני, אחותי כלה, אריתי מורי עם בשמי, אכלתי יערי עם דבשי, אף אתון אכלון; שתיתי ייני עם חלבי, אף אתון שתו ושכרו, דודים.

ב

(ב) אני ישנה, ולבי ער. אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבונו של עולם! אני ישנה מן המצות, ולבי ער לגמילות חסדים; אני ישנה מן הצדקות, ולבי ער לעשותן; אני ישנה מן הקרבנות, ולבי ער לקריאת שמע ותפלה; אני ישנה מבית המקדש, ולבי ער לבתי כנסיות ובתי מדרשות; אני ישנה מן הקץ, ולבי ער לגאולה; אני ישנה מן הגאולה, ולבו של הקב״ה ער לגאלני.״ א״ר חייא בר אבא: איכן מצינו, שנקרא הקב״ה „לבן של ישראל?״ מן הדין קרא, דכתיב (תהלים עג): צור לבבי וחלקי אלהים לעולם.

---

וואַך אויף קראת שמע און אויף דאַווגען;[3] איך האָב פאַרשלאָפן דעם בית־המקדש, אָבער מיין האַרץ איז וואַך פאַר שולן און בתי מדרשים; איך האָב פאַרשלאָפן דעם קץ,[4] אָבער מיין האַרץ איז וואַך צו דער גאולה; איך האָב פאַרשלאָפן די גאולה,[5] אָבער דאָס האַרץ פון הקדוש ברוך הוא איז וואַך מיך אויסצולייזן.״ ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: וואו געפינען מיר, אַז הקדוש ברוך הוא ווערט גערופן „דאָס האַרץ פון ישראל?״ אין דעם דאָזיקן פסוק, וואו עס שטייט געשריבן (תהלים עג, כו): צור — דער פעלדז [און][6] מיין האַרץ און מיין חלק איז אויף אייביק גאָט.[7]

---

קאָנען ניט געבראַכט ווערן נאָכן חורבן פון בית המקדש. [3] וואָס פאַרנעמען דאָס אָרט פון קרבנות. [4] דעם סוף פון גלות, וואָס האָט שוין לאַנג געדאַרפט קומען. [5] זע באַמ. 4. [6] לויטן דרש. [7] לויט דעם איז לבי, מיין האַרץ, אַ באַצייכנונג אויף גאָט אַליין.

## ג

(ב) קול — אַ קול, מיין געליבטער קלאַפּט — דורך משהן, בשעת ער האָט געזאָגט (שמות יא, ד): ויאמר משה — און משה האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַרום האַלבע נאַכט וועל איך אַרויסגיין צווישן מצרים — עפן מיר, — ר׳ יסא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „קינדער מיינע, עפנט מיר אַ טיר פון תשובה ווי דער שפּיץ[1] פון אַ נאָדל די גרייס, און איך וועל אייך עפענען טירן, וואָס פורן און וועגענער וועלן קענען אַריינגיין אין זיי."[2] ר׳ תנחומא און ר׳ חוניא און ר׳ אבהו אין נאָמען פון ריש לקישן: אין פּסוק שטייט (תהלים מו, יא): הרפו — לאָזט אָפּ און זייט וויסן, אַז איך בין גאָט, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „לאָזט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים, וועט איר וויסן, אַז איך בין גאָט." ר׳ לוי האָט געזאָגט: ווען ישראל וואָלט תשובה געטאָן אפילו איין טאָג, וואָלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געוואָרן, און גלייך וואָלט בן־דוד[3] געקומען; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (דאָרט צה, ז) כי הוא — וואָרום ער איז אונדזער גאָט, און מיר זיינען זיין פאָלק און די שאָף פון זיין פיטערונג; היום — איין טאָג[4] ווען איר וואָלט זיך צוהערן צו זיין קול! ר׳ יודן און ר׳ לוי זאָגן: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „לאָזט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים און טוט תשובה אויף אַן אויגנבליק,[5] וועט איר וויסן, אַז איך בין גאָט."

אחותי (מיין שוועסטער), — די וואָס האָבן זיך באַהאָפטן[6] מיט מיר אין מצרים דורך צוויי מצוות, דורכן בלוט פון קרבן פסח און דורכן בלוט פון מילה; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (יחזקאל טז, ו): ואעבור — און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר און איך האָב דיך געזען זיך וואַלגערן אין דיין בלוט, און איך האָב דיר געזאָגט: אין דיין בלוט לעב, דאָס איז דאָס בלוט פון קרבן פסח; און איך האָב דיר געזאָגט: אין דיין בלוט לעב, דאָס איז דאָס בלוט פון מילה.[7] מיין געליבטע, ווייל זיי האָבן זיך איינגעליבט אין מיר ביים ים און האָבן געזאָגט (שמות טו, ב): זה — דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען; (דאָרט, פּסוק יח) ה׳ — גאָט וועט קיניגן אויף אייביק און אייביק. — מיין טויב, אין מרה, וואָרום דאָרט זיינען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן און אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט די אַלע מצוות און צדקות און מעשים טובים, ווי די דאָזיקע טויב וואָס איז אָפּגעצייכנט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט, פּסוק כה): דאָרט האָט ער אים געמאַכט געזעצן און דינים. — תמתי — מיין גאַנצע, מיין גאַנץ־איבערגעגעבענע, די וואָס האָבן זיך פאַרגאַנצט מיט מיר[8] ביים סיני און האָבן געזאָגט (דאָרט כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן. ר׳ ינאי האָט געזאָגט: [לייען]

ג. [1] אין פּסיקתא רבתי, טו, איז דער נוסח „כחרירה של מחט," ווי אַ לעכל פון אַ נאָדל. [2] פאַרגלייך יומא לח, ב: הבא ליטהר — אַז איינער קומט זיך צו רייניקן פון (זינד), העלפט מען אים פון הימל. [3] משיח, וואָס דאַרף אָפּשטאַמען פון דודס הויז. [4] לויטן דרש. [5] הרף עין — הרפו. [6] נתאחו — אחותי. [7] ווייל דער אויסדרוק אין דיין בלוט לעב, ווערט אין פּסוק איבערגעחזרט צוויי מאָל, ווערט דער פּסוק געדרשנט אויף די צוויי

## ג

(ב) קול, דודי דופק — על ידי משה, בשעה שאמר (שמות יא): ויאמר משה: כה אמר ה׳: כחצות הלילה אני יוצא בתוך מצרים. — פתחי לי, — ר׳ יסא אמר: אמר הקב״ה לישראל: „בני, פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודה של מחט, ואני פותח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרניות נכנסות בו.״ ר׳ תנחומא ור׳ חוניא ור׳ אבהו בשם ריש לקיש: כתיב (תהלים מו): הרפו ודעו, כי אנכי אלהים, וגו׳, — אמר הקב״ה לישראל: „הרפו ממעשיכם הרעים ודעו, כי אנכי אלהים.״ ר׳ לוי אמר: אילו היו ישראל עושין תשובה אפילו יום אחד, מיד הם נגאלין, ומיד בן דוד בא; מה טעם? (שם צה): כי הוא אלהינו ואנחנו עמו וצאן מרעיתו, היום אם בקולו תשמעו. ר׳ יודן ור׳ לוי אמרי: אמר הקב״ה לישראל: „הרפו ממעשיכם הרעים ועשו תשובה כהרף עין, ודעו כי אנכי אלהים.״

אחותי, שנתאחו לי במצרים בשתי מצות, בדם הפסח ובדם המילה; הה״ד (יחזקאל טז): ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך: בדמיך חיי, זה דם הפסח; ואמר לך: בדמיך חיי, זה דם המילה. רעיתי, שריעו אותי בים ואמרו (שמות טו): זה אלי ואנוהו; (שם) ה׳ ימלוך לעולם ועד. — יונתי במרה, שמשם נצטוו ונצטיינו בכל המצוות וצדקות ומעשים טובים כיונה זו שמצויינת; הה״ד (שם): שם שם לו חק ומשפט. — תמתי, תמותי, שנתממו עמי בסיני ואמרו (שם, כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע. ר׳ ינאי אמר: תאומתי, — כביכול לא אני גדולה ממנה ולא היא גדולה ממני. ר׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ לוי: תאומתי, — מה התאומים הללו אם חושש אחד מהן בראשו, חברו מרגיש, כך כביכול אמר הקב״ה (תהלים צא): עמו אנכי בצרה.

---

תאומתי, מיין צווילינג־שוועסטער, — איך בין, כביכול, ניט גרעסער[9] פון איר, און זי איז ניט גרעסער פון מיר. ר׳ יהושע פון סיכנין אין נאָמען פון ר׳ לוין: מיין צווילינג־שוועסטער,[10] — אַזוי ווי דער דאָזיקער צווילינג, אויב איינעם פון זיי טוט וויי דער קאָפּ, דערפילט עס דער צווייטער, אַזוי, כביכול, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט (תהלים צא, טו): עמו — מיט אים בין איך אין אַ צרה.

---

מצוות. [8] זיך מיר אײנגאַנצן אָפּגעגעבן. [9] גדולה, לשון נקבה: דער בעל המדרש האָט דאָ אין זין די שכינה, צו וועמען ער פאַרגלייכט די כנסת ישראל. [10] תאומתי — תמתי.

שראשי — וואָרום מיין קאָפּ איז פול מיט טוי, לויטן פסוק (דאָרט סח, ט): ארץ — די ערד האָט געציטערט, אויך די הימלען האָבן געטריפט [פאַר גאָט]; מיינע לאָקן מיט טראָפּנס פון דער נאַכט, לויט ווי דער פסוק זאָגט (שופטים ה, ד): גם — אויך די וואָלקנס האָבן געטריפט מיט וואַסער.

ד

(ג) פשטתי — איך האָב אויסגעטאָן מיין העמד, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אפילו די פשוטסטע פון די פשוטע ווייסט, ווי זיך אויסצוטאָן און אָנצוטאָן, און דו זאָגסט: איך האָב אויסגעטאָן מיין העמד [ווי קען איך עס אָנטאָן?] ר׳ חנינא און ר׳ יוחנן האָבן געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס דער רשע נבוכדנצר איז באַפאַלן ישראל, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיי צוויי גרויסע לבושים: דעם לבוש פון כהונה און דעם לבוש פון מלכות.[1] איך האָב געוואַשן מיינע פיס פון דער אומריינקייט פון עבודה זרה: ער האָט געוואוסט,[2] אַז דער שטויב פון יענעם אָרט[2א] פאַרפירט מיך צו דער עבודה זרה,[2ב] און פונדעסטוועגן: (ד) מיין געליבטער האָט אויסעשטרעקט זיין האַנט דורך דער לאָך.[3] ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: וואָס איז די טבע פון אַ לאָך? צו האָדעווען שרצים![4] נייערט אַזוי האָט געזאָגט די כנסת ישראל פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם! די אַלע ניסים וואָס דו האָסט מיר געטאָן דורך כורשן, וואָלט ניט געווען בעסער דו זאָלסט זיי מיר טאָן דורך דניאֵלן, אָדער דורך [אַן אַנדער] מענטש אַ צדיק? פונדעסטוועגן: מיינע אינגעווייד ברומען צו אים.״[5] ר׳ עזריה האָט געזאָגט: און מיינע אינגעווייד ברומען צו אים; האָב איך אויך געזאָגט (ירמיה ד, יט): מעי — מיינע אינגעווייד, מיינע אינגעווייד! איך ציטער!״

אַן אַנדער פשט: איך האָב אויסגעטאָן מיין העמד, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ריש לקישן:[6] אפילו די פשוטסטע פון די פשוטע ווייסט, ווי זיך אויסצוטאָן און אָנצוטאָן, און דו זאָגסט: איך האָב אויסגעטאָן מיין העמד, ווי קען איך עס אָנטאָן? נייערט וואָס מיינט עס? ווייל דער שלאָף פון שבועות־צייט[7] איז זיס, און די נאַכט איז קורץ; און ר׳ יודן האָט געזאָגט: אפילו אַ פלוי האָט זיי ניט אַ ביס געטאָן.[8] איך האָב געוואַשן מיינע פיס פון דער אומריינקייט פון עבודה זרה: ער האָט געוואוסט,[9] אַז דער שטויב פון יענעם אָרט[10] פאַרפירט מיך צו דער עבודה זרה, און פונדעסטוועגן: מיין געליבטער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט דורך דער לאָך,[11] — ר׳ אמי האָט

ד. [1] און ישראל האָט ניט געהאַט בכוח זיי צוריק אָנצוטאָן. [2] טעקסט געביטן אין איינקלאַנג מיטן אינהאַלט און לויטן מהרז״ו. [2א] פון בבל (לויטן ווייטערדיקן). [2ב] פאַרגלייך יחזקאל כ, ל—לב. [3] מיר דערלאַנגט די גאולה דורך כורשן (ווי ווייטער). [4] טאָ ווי קומט עס, וואָס דער אייבערשטער האָט געשיקט די גאולה דורך אַ געצנדינער, ווי כורש? [5] ישראלס ליבשאַפט צו גאָט ווערט דורך דעם ניט געמינערט. [6] וואָס איז צוערשט געווען זיין תלמיד און שפּעטער זיין חבר (בבא מציעא פד, א), איז עס נאַטירלעך, אַז ר׳ יוחנן זאָל ברענגען אַ דרש אין זיין נאָמען (און ניט ווי דער מהרז״ו, וואָס הייסט אַרויסלאָזן די ווערטער „אין נאָמען פון ריש לקישן.״ [7] ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן (און אויף יענער צייט גייט דער דרש). [8] און מע האָט זיי געמוזט אויפוועקן מיט דונערן און בליצן (זע אויבן א, נו). [9] זע באַמ. 2. [10] וואו מע האָט געמאַכט דעם עגל הזהב. [11] לויט

שראשי נמלא טל, **על שם** (שם סח): ארץ רעשה, אף שמים נטפו; — קווצותי רסיסי לילה, **על שם שנאמר** (שופטים ה): גם עבים נטפו מים.

**ד**

(ג) פשטתי את כתנתי, — **א״ר יוחנן: אפילו תמה שבתמות יודעת לפשוט וללבוש, ואת אמרת:** פשטתי את כתנתי [איככה אלבשנה]! **ר׳ חנינא ור׳ יוחנן אמרי: יום שנזדוג להם נבוכדנצר הרשע לישראל, פשט מהם שני לבושים גדולים, לבוש כהונה ולבוש מלכות.** רחצתי את רגלי **מטינוף עבודה זרה: (יודעת הייתי) [יודע היה], שאבק של אותו מקום משיאני לעבודה זרה, אעפ״כ** (ד) דודי שלח ידו מן החור. **א״ר אבא בר כהנא: וכי מה טיבו של חור זה? להיות מגדל שרצים! אלא כך אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה: „רבונו של עולם! כל נסים שעשית לי על ידי כורש, לא היה מוטב לעשותן לי על ידי דניאל ועל ידי אדם צדיק? אעפ״כ** מעי המו עליו.״ **א״ר עזריה: אמר הקב״ה: „גזר טב אנא. אתון אמרין:**ומעי המו עליו; **גם אני אמרתי** (ירמיה ד): מעי, מעי! אוחילה!״

**ד״א:** פשטתי את כתנתי, — **א״ר יוחנן בשם ריש לקיש: אפילו תמה שבתמות יודעת לפשוט וללבוש, ואת אמרת:** פשטתי את כתנתי, איככה אלבשנה? **אלא מהו זה? לפי ששינת העצרת עריבה והלילה קצרה; א״ר יודן: אף פורטענא לא עקצה בהם.** רחצתי את רגלי **מטינוף של עבודה זרה: (יודעת הייתי) [יודע היה], שאבק של אותו מקום משיאני לעבודה זרה, אעפ״כ** דודי שלח ידו מן החור, — **א״ר אמי: כעני שמבקש צדקה. אעפ״כ** ומעי המו עליו, **והוא אמר לי** (שם לא): המו מעי לו, רחם ארחמנו, נאם ה׳.

---

געזאָגט: **ווי אַן אָרימאַן וואָס בעט צדקה.**[12] **און פון דעסטוועגן:**[13] און מיינע אינגעווייד ברומען צו אים, **און ער האָט געזאָגט צו מיר** (ירמיה לא, כ): המו — עס ברומען מיינע אינגעווייד צו אים, דערבאַרעמען וועל איך זיך דערבאַרעמען אויף אים, זאָגט גאָט·

סדר אליהו זוטא (כג) **מיינט עס: פון אונטער די פליגלען פון די חיות (פון דער מרכבה).**

[12] **פאַרגלייך** דברים רבה ח, ה: **אַזוי האָט משה געזאָגט צו ישראל (אין גאָטס נאָמען): „אויב איר היט די תורה, טוט איר צדקה ניט נאָר מיט זיך, נייערט מיט מיר און מיט אייך, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים ו, כה): וצדקה — און אַ צדקה וועט עס זיין פאַר אונדז

(ה) קמתי אני — בין איך אויפגעשטאַנען צו עפענען מיין געליבטן, — איך בין אויפגעשטאַנען, אָבער ניט די אומות פון דער וועלט.[14] ר׳ יעקב בר אבונה האָט מתרגם געווען[15] פאַר ר׳ יצחקן: אין פסוק שטייט (עזרא א, ה): ויקומו — זיינען אויפגעשטאַנען די הויפטן פון די פאָטער־הייזער פון יהודה און בנימין, און די כוהנים און די לוויים: פון יהודה, ווייל ער איז דער מלך;[16] און בנימין, ווייל דער בית המקדש איז אין זיין חלק;[17] פון די כוהנים, צוליב דער עבודה;[18] און פון די לוויים צוליבן דוכן.[19] צו עפענען מיין געליבטן, דורך תשובה טאָן; און מיינע הענט האָבן געטריפט מיט מור, מיט ביטער־ניש,[20] וואָרום כורש האָט גוזר געווען און געזאָגט: „ווער ס׳איז אַריבער דעם טייך פרת, איז אַריבער; דער וואָס איז ניט אַריבער, זאָל ניט אַריבערגיין.״

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (ישעיה יג, י): חשך — פינצטער איז געוואָרן[21] די זון ביי איר אויפגיין, — הלוואי וואָלט יענער טאָג געווען פינצטער און [די זון] וואָלט ניט אויפגעשיינט! כורש איז אַרויס שפּאַצירן אין שטאָט און האָט געזען, אַז די שטאָט איז וויסט. האָט ער געזאָגט: „וואָס איז דער מער מיט דער שטאָט, וואָס זי איז וויסט? וואו זיינען די גאָלדשמידן? וואו זיינען די זילבערשמידן?״ האָט מען געזאָגט צו אים: „ביסטו ניט דער וואָס האָט באַפוילן און געזאָגט: ׳אַלע יידן קאָנען אַרויסגיין און בויען דעם בית המקדש׳? פון זיי זיינען די גאָלדשמידן, פון זיי זיינען די זילבערשמידן, און זיי זיינען אַרויף צו בויען דעם בית המקדש.״ דעמאָלט האָט ער גוזר געווען און געזאָגט: „ווער ס׳איז אַריבער דעם פרת, איז אַריבער; ווער ס׳איז ניט אַריבער, זאָל ניט אַרייבערגיין.״ דניאל מיט זיינע מקורבים און זיין חבורה האָבן דעמאָלט געהאַט עולה געווען; זיי האָבן געזאָגט: „ס׳איז בעסער מיר זאָלן עסן ארץ־ישראלדיק עסנוואַרג און מאַכן אַ ברכה איבער ארץ ישראל.״ עזרא און זיינע מקורבים און זיין חבורה האָבן דעמאָלט ניט געהאַט עולה געווען. און פאַרוואָס האָט עזרא דעמאָלט ניט עולה געווען? ווייל ער האָט געדאַרפט קלאָר מאַכן זיין לערנען פאַר ברוך בן נריה.[22] טאָ זאָל־זשע ברוך בן נריה אויך עולה זיין? ביי׳ערט מע זאָגט: ברוך בן נריה איז געווען אַלט[23] און גרייז, און אפילו אויף אַ טראָגבעטל האָט מען אים ניט געקענט טראָגן. ריש לקיש האָט געזאָגט: פון הקדוש ברוך הוא איז עס געווען,[24] וואָס

— פאַר מיר און פאַר אייך; ווען? אויב מיר וועלן היטן צו טאָן דאָס גאַרע דאָזיקע געבאָט.

[13] כאָטש איך בין שווער באַשטראָפט געוואָרן פאַרן חטא פון עגל הזהב (עץ יוסף).

[14] קמתי מיינט: איך בין אויפגעשטאַנען, ווערט דער אני פאַרשטאַנען ווי אַן אַקצענטירונג: איך, אָבער ניט זיי. [15] איבערגעזעצט און דערקלערט. [16] פון שבט יהודה קומט אַרויס דאָס מלכות פון בית דוד. [17] פאַרגלייך יומא יב, א, און די פאַראַלעלע מקורות. [18] דאָס גאָטסדינסט אין בית המקדש. [19] אַ פלאַטפאָרמע אין בית המקדש, וואו די לוויים פלעגן שטיין בשעתן זינגען. — די אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט כורשעס דערלויבעניש עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. [20] מררים — מור. [21] אין עבר, לויטן דרש. [22] ירמיהס תלמיד (ירמיה מה). [23] עמענדירט לויט אות אמת. [24] עמענדירט לויטן אות אמת; דער רד״ל וויל בייטן פון „מקודש הבית״ (צוליב דער הייליקייט פון בית המקדש) אויף

(ה) קמתי אני לפתוח לדודי, — קמתי אני, **ולא אומות העולם.** **תרגם ר' יעקב בר אבונה קמי ר' יצחק: כתיב** (עזרא א): **ויקומו** ראשי האבות ליהודה ובנימין, והכהנים והלוים, וגו': **ליהודה, שהוא מלך; ובנימין, שבית המקדש בחלקו; לכהנים מפני העבודה; וללוים מפני הדוכן.** לפתוח לדודי, **בתשובה.** וידי נטפו מור, **מררים, דגזר כורש ואמר: „דעבר פרת, עבר; דלא עבר, לא יעבר."**

**א"ר יוחנן: כתיב** (ישעיה יג): חשך השמש בצאתו, **לווי הוה קבל ההוא יומא ולא דנחה. יצא כורש לטייל במדינה וראה המדינה שוממת. אמר: „מה טיבה של מדינה זו שוממת? איכן הם הזהבים? איכן הם הכספים?" אמרי ליה: „ולאו את הוא דגזרת ואמרת: 'כל יהודאין יפקון ויבנון בית מקדשא'? מנהון דהבים ומנהון כספים, הא דסלקין למבנא מקדשא." בההיא שעתא גזר ואמר: „דעבר פרת, עבר; דלא עבר, לא יעבר." דניאל וסיעתו וחבורתו עלו באותה שעה; אמרו: „מוטב שנאכל סעודת ארץ ישראל ונברך על ארץ ישראל." עזרא וסיעתו וחבורתו לא עלו באותה שעה. ולמה לא עלה באותה שעה עזרא? שהיה צריך לברר תלמודו לפני ברוך בן נריה. ויעלה ברוך בן נריה? אלא אמרי: ברוך בן נריה אדם (גדול) [זקן] וישיש היה, ואפילו בגלקטיקא לא היה יכול להטען. אמר ריש לקיש: (מקודש הבית) [מהקדוש ברוך הוא היה] שלא עלה עזרא באותה שעה. שאלו עלה עזרא באותה שעה, היה לשטן לקטרג ולומר: „מוטב שישמש עזרא בכהונה גדולה, מלשמש יהושע בן יהוצדק כהן גדול." ויהושע בן יהוצדק היה כהן גדול בן כהן גדול, אבל עזרא, על ידי שהיה אדם צדיק לא היה ראוי לשמש בכהונה גדולה כמותו.**

---

עזרא האָט דעמאָלט ניט עולה געווען. וואָרום וואָלט עזרא דעמאָלט עולה געווען, וואָלט דער שטן געקענט מקטרג זיין און זאָגן: „זאָל בעסער עזרא דינען ווי אַ כוהן גדול, איידער יהושע בן יהוצדק זאָל דינען ווי אַ כוהן גדול".[25] אָבער יהושע בן יהוצדק איז געווען אַ כוהן גדול בן כוהן גדול, און עזרא, כאָטש ער איז געווען אַ מענטש אַ צדיק, איז אָבער ניט געווען ראוי צו דינען אין דער כהונה גדולה ווי יענער׳ ר׳ סימון האָט געזאָגט: ס׳איז

---

[25] זע „מירושת אבות" (צוליב דער ירושה פון די עלטערן) לויטן ווייטערדיקן אינהאַלט.

**שווער געווען פאַר הקדוש ברוך הוא, אַז אַ יחוס־קייט זאָל אויסגעריסן ווערן פון איר אָרט.** — אויף די הענטלעך פון דעם שלאָס, **וואָרום פון דעמאָלט איז דער פּרת געשלאָסן געוואָרן פאַר זיי.**

**אַן אַנדער פּשט:** איך בין אויפגעשטאַנען, **אָבער ניט די אומות פון דער וועלט;** צו עפענען מיין געליבטן, **דורך תשובה טאָן;** און מיינע הענט האָבן געטריפט מיט מור, **מיט ביטערניש, וואָרום איך האָב געזאָגט אויפן עגל הזהב** (שמות לב, ד): אלה — דאָס איז דיין גאָט, ישראל; — און מיינע פינגער מור עובר, — **פונדעסטוועגן גייט דער האַר[26] פאַרביי, — ער איז פאַרבייגע־גאַנגען** מיין זינדערשפעניקייט,[27] **ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט, פסוק יד): וינחם ה׳ — און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם שלעכטס — — —; אויף די הענטלעך פון דעם שלאָס, **וואָרום דאָרט איז געשלאָסן געוואָרן פאַר זיי [דער וועג], אַז זיי זאָלן ניט אַריינקומען קיין ארץ ישראל.**[28]

פתחתי — איך האָב געעפנט מיין געליבטן, אָבער מיין געליבטער האָט זיך אַוועקגעמאַכט, איז אַוועק, — **ער איז געוואָרן קאַפּריזנע, איז פול געוואָרן מיט צאָרן[29] אויף מיר;** די נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען, ווען ער האָט גע־רעדט, — **ווען כורש האָט גערעדט, ווען ער האָט גוזר געווען: „ווער ס׳איז ניט אַריבער דעם פּרת, זאָל ניט אַריבערגיין."** איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען; איך האָב אים גערופן, און ער האָט מיר ניט געענטפערט.[30]
**אַן אַנדער פּשט:** איך האָב געעפנט מיין געליבטן, אָבער מיין געליבטער האָט זיך אַוועקגעמאַכט, איז אַוועק, — **ער איז געוואָרן קאַפּריזנע, ער איז פול געוואָרן מיט צאָרן ווי אַ מעוברתע[31] אישה;** די נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען, ווען ער האָט גערעדט, **ביי זיין וואָרט, ביי דער ערשטער דיברה, בעת ער האָט געזאָגט** (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט;[32] — איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען; איך האָב אים גערופן, און ער האָט מיר ניט געענטפערט.[33]

(ז) מצאוני — עס האָבן מיך געטראָפן די היטערס וואָס גייען אום אין שטאָט, **דאָס איז** (עזרא ה, ו) תתני — דער פירשט פון יענער זייט טייך, און זיינע חברים; זיי האָבן מיך געשלאָגן, האָבן מיך פאַרוואונדיקט (דאָרט ד, ו): כתבו — זיי האָבן געשריבן אַ מסירה אויף די איינוואוינערס פון יהודה און ירושלים; — זיי האָבן אַראָפּגענומען מיין הילע פון מיר, די היטערס פון די מויערן, — **די מויערן פון ירושלים, — ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אַמאָל[33א] איז די מויער געבויט געוואָרן פון אַכט־אייליקע שטיינער און צען־אייליקע שטיינער;[34] אָבער דאָ** (דאָרט ה, ח): והוא — און ער ווערט געבויט פון שטיינער — גלל: **שטיינער וואָס לאָזן זיך קייקלען.**[35]

---

זכריה ג. [26] מר — מור. [27] **אַנשטאָט** מררי לייענט **דער** אות אמת — מרדי, **אָבער דער באַטייט איז דער זעלבער.** [28] **געמיינט וואַרשיינלעך: איבערן חטא פון די מרגלים, וואָס האָט פּאַסירט קורץ נאָך דער מעשה מיטן גאָלדענעם קאַלב.** [29] עברה — עבר: **גאָט איז**

**א"ר סימון: קשה היה שלשלת יוחסין לפני הקב"ה להעקר ממקומה.** — על כפות המנעול, **שמשם ננעל פרת לפניהם.**

**ד"א:** קמתי אני, **ולא אומות העולם;** לפתוח לדודי, **בתשובה;** וידי נטפו מור, **מררים, שאמרתי לעגל** (שמות לב): אלה אלהיך, ישראל; — ואצבעותי מור עובר, — **אעפ"כ מר עובר, עבר על מררי, שנאמר** (שם): וינחם ה׳ על הרעה, **וגו׳;** על כפות המנעול, **שמשם ננעל בפניהם שלא יכנסו לארץ ישראל.**

(ו) פתחתי אני לדודי, ודודי חמק עבר, — **נתחטא, נתמלא עלי עברה;** נפשי יצאה בדברו, **בדיבורו של כורש, דגזר: „דלא עבר פרת, לא יעבר."** בקשתיהו ולא מצאתיהו, קראתיו ולא ענני. **ד"א:** פתחתי אני לדודי, ודודי חמק עבר, — **נתחטא, נתמלא עלי עברה כאשה עוברת;** נפשי יצאה בדברו, **מקול דיבורו הראשון שאמר** (שמות כ): אנכי ה׳ אלהיך; — בקשתיהו ולא מצאתיהו, קראתיו ולא ענני.

(ז) מצאוני השומרים הסובבים בעיר, **זה** (עזרא ה) תתני פחת עבר נהרה וחבריו; הכוני, פצעוני (שם ד, ו): כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלם; — נשאו את רדידי מעלי שומרי החומות, — **חומותיה של ירושלים, — א"ר אבא בר כהנא: לשעבר היתה נבנה החומה אבן שמנה אמות ואבן עשר אמות; ברם הכא** (שם ה) והוא מתבנא אבן גלל, **אבן דגלגול.**

**ד"א:** מצאוני השומרים, **שבטו של לוי, דכתיב בהו** (דברים לג): כי שמרו אמרתך; — הסובבים בעיר, **המד"א** (שמות לב): עברו ושובו משער לשער; — הכוני, פצעוני, **המד"א** (שם) והרגו איש

---

**אַן אַנדער פּשט:** עס האָבן מיך געטראָפן די היטערס, **דאָס איז דער שבט לוי, וואָס וועגן זיי שטייט געשריבן** (דברים לג, ט): כי — וואָרום זיי האָבן אָפּגעהיט דיין וואָרט; — וואָס גייען אום אין שטאָט, **ווי דער פּסוק זאָגט** (שמות לב, כז): עברו — גייט דורך הין און צוריק פון טויער צו טויער; — זיי האָבן מיך געשלאָגן, האָבן מיך פאַרוואונדט, **ווי דער פּסוק זאָגט** (דאָרט):

---

**אין כעס געוואָרן אויף יידן אין בבל, ווייל זיי זיינען פאַרפירט געוואָרן פון דער עבודה זרה (זע אָנהויב פון דעם סימן).** [30] **די וואָס זיינען איבער כורשעס גזרה געבליבן אין בבל האָבן זיך געפילט ווי פאַרלאָזן פון גאָט.** [31] **מעוברת — עברה — עבר.** [32] **זע** שבת פח, א; שמות רבה כט:ד, ט. [33] **איבער דער מעשה מיטן עגל הזהב.** [33א] **בעתן בויען דעם ערשטן בית המקדש.** [34] **מְלָכִים א, ז, י.** [35] **קליינע, לייכטע שטיינער (לויטן**

והרגו — און הרגעט איטלעכער זיין ברודער; — זיי האָבן אַראָפּגענומען מיין צירונג[35א] פון מיר, דאָס איז דאָס כלי־זיין, וואָרום ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: אויפן כלי־זיין וואָס איז געגעבן געוואָרן צו ישראל ביים באַרג חורב איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש; און ווי זיי האָבן געזינדיקט, אַזוי איז ער אַוועקגענומען געוואָרן פון זיי. ווי אַזוי איז ער אַוועקגענומען געוואָרן פון זיי? ר׳ אייבו האָט געזאָגט: אַ מלאך האָט אַראָפּגענידערט און אים אַראָפּגעשיילט; און די רבנן זאָגן: פון זיך אַליין האָט ער זיך אָפּגעשיילט. — די היטערס פון די מויערן, די וואָס היטן די מויערן פון דער תורה.[36]

(ח) השבעתי — איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושלים — — — וואָס זאָלט איר אים זאָגן? אַז קראַנק בין איך פון ליבשאַפט: אַזוי ווי די דאָזיקע קראַנקע קוקט אַרויס אויף אַ רפואה, אַזוי האָט דער דור וואָס אין מצרים אַרויסגעקוקט אויף גאולה.[37]

## ה

(ט) מה דודך — וואָס איז דיין געליבטער מער פון אַן אַנדער געליבטן, דו שענסטע צווישן פרויען. די אומות פון דער וועלט זאָגן צו ישראל: „וואָס איז דיין געליבטער מער פון אַן אַנדער געליבטן, — וואָס איז דיין גאָט מער פון אַנדערע געטער? וואָס איז דיין באַשיצער מער פון אַנדערע באַשיצערס?״ און ישראל זאָגט צו זיי (י): דודי — מיין געליבטער איז לויטער און רויט,[1] — ער איז לויטער צו מיר אין לאַנד מצרים און רויט צו די מצרים. ער איז לויטער צו מיר אין לאַנד מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, יב—יג): ועברתי — און איך וועל דורכגיין דורכן לאַנד מצרים — — — [און אויף אייך וועט ניט זיין קיין פּלאָג]; און רויט צו די מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): און איך וועל שלאָגן איטלעך בכור אין לאַנד מצרים.[2] ער איז לויטער צו מיר ביים ים, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, יד, כט): ובני ישראל — און די קינדער פון ישראל זיינען דורכגעגאַנגען אין דער טריקעניש אין מיטן פון ים; און ער איז רויט צו זיי[3] ביים ים, ווי דער פסוק זאָגט (פסוק כז): וינער ה׳ — און גאָט האָט אויסגעמישט די מצרים אין מיטן ים. ער איז לויטער

---

דרש). [35א] לויטן דרש, און לויט ר׳ אליעזרן (משנה, שבת ו, ד), אַז כלי־זיין זיינען אַ צירונג פאַר אַ מענטשן. [36] דער שבט לוי, לויטן פסוק (דברים ג, י): יורו — זיי טוען לערנען דיינע געזעצן מיט יעקב — — —. [37] מיר האָבן איבערגעזעצט און איינגעטייטשט דעם סימן ד (וואָס אין דער ראָם אויסגאַבע ווערט עס געטיילט אויף אַ גרעסערער צאָל סימנים) לויטן טעקסט אין די געדרוקטע אויסגאַבעס. לויט דעם ווערט יעדער פסוק, פון ג ביז ח, צוערשט געדרשנט אויף שיבת ציון און דעם אויפבוי פון צווייטן בית המקדש, און נאָך דעם — אויף מתן תורה. — אַ שטאַרק געענדערטן נוסח האָט געהאַט פאַר זיך דער אות אמת.

ה. [1] לויטערקייט איז אַ סימבאָל פון גוטסקייט, פון חסד; רויטקייט — פון כעס און בייזקייט. [2] אין די געדרוקטע טעקסטן ווערט דאָ ציטירט דער ווייטער געבראַכטער פסוק (שמות יד, כז); מיר האָבן געביטן דעם פסוק לויטן אינהאַלט און אין איינקלאַנג

את אחיו; — נשאו את רדידי מעלי, **זה הזין.** [ד]**תני ר' שמעון בן יוחאי: זין שנתן להם לישראל בחורב, שם המפורש היה חקוק עליו; וכיון שחטאו, נטל מהם. כיצד נטל מהם? ר' איבו אמר: מלאך ירד וקלפו; ורבנן אמרי: מאליו היה נקלף.** — שומרי החומות, **שומרי חומתיה של תורה.**

(ח) השבעתי אתכם, בנות ירושלים, **וגו',** מה תגידו לו? שחולת אהבה אני: **מה חולה זו מצפה לרפואה, כך הדור שבמצרים מצפה לגאולה.**

ה

(ט) מה דודך מדוד, היפה בנשים. **אומות העולם אומרים לישראל:** מה דודך מדוד, — **מה אלוה הוא מאלוהות? מה פטרון הוא מפטרונין?" ישראל אומרים להם:** (י) דודי צח ואדום, — **צח לי בארץ מצרים ואדום למצרים. צח לי בארץ מצרים, שנאמר** (שמות יב): ועברתי בארץ מצרים — — — [ולא יהיה בכם נגף]; **ואדום למצרים, שנאמר** (שם): והכיתי כל בכור בארץ מצרים. **צח לי בים, שנאמר** (שם יד): ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים; **ואדום (לי) [להם] בים, שנאמר** (שם): וינער ה' את מצרים בתוך הים. **צח לי בעולם הבא ואדום לי בעולם הזה. ר' לוי בר חייתא אמר בה תלת: צח לי בשבת ואדום לי כל ימי השבת; צח לי בראש השנה, ואדום לי כל ימות השנה; צח לי בעולם הבא ואדום לי בעולם הזה.**

ו

(י) דגול מרבבה. **א"ר אבא בר כהנא: מלך בשר ודם מעטיפתו**

---

צו מיר אויף יענער וועלט און איז רויט צו מיר אויף דער וועלט. ר' לוי בר חייתא האָט געזאָגט וועגן דעם דריי זאַכן: ער איז לויטער צו מיר אום שבת[4] און איז רויט צו מיר אין די וואָכן־טעג; ער איז קלאָר צו מיר אום ראש השנה[5] און איז רויט צו מיר אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר; ער איז קלאָר צו מיר אויף יענער וועלט און איז רויט צו מיר אויף דער וועלט.

ו

(י) דגול — דערהויבן איבער צען טויזנט. ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט:

---

[4] זע ברכות נז, ב: שבת איז אַ זעכציקסטל פון יענער וועלט. [5] ווען גאָט פאַרנעמט די תקיעות און זעצט זיך איבער פונעם שטול פון דין אויפן שטול פון רחמים (מהרז"ו).

אַ מלך אַ בשר־ודם ווערט דערקענט לויט זיין געהיל. אָבער דאָ — ער איז פייער, זיינע באַדינער זיינען פייער (דברים לג, ב): ואתא — און ער איז געקומען פון די הייליקע צענטויזנטער — [טייטש ואתא ווי] ואות הוא: און געצייכנט איז ער צווישן די צענטויזנטער הייליקע.[1]

ז

(יא) ראשו — זיין קאָפּ איז דאָס פיינסטע גינגאָלד — [טייטש] ראשו זיין אָנהייב, דאָס איז די תורה, ווי דער פּסוק זאָגט (משלי ח, כב): ה׳ — גאָט האָט מיך באַשאַפן ביים אָנהייב פון זיין וועג. ר׳ חוניא אין נאָמען פון ריש לקישן: די תורה איז געווען צוויי טויזנט יאָר פריער פון דער וועלט באַשאַפונג; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (דאָרט פּסוק ל): ואהיה — און איך בין געווען אַ האָדעוואַניק ביי אים, און איך בין געווען אַ פרייד טאָג־טעגלעך,[1] און דער טאָג פון הקדוש ברוך הוא איז טויזנט יאָר, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים צ, ד): כי — וואָרום טויזנט יאָר זיינען אין דיינע אויגן ווי דער נעכטיקער טאָג וואָס איז פאַרגאַנגען. — דאָס פיינסטע גינגאָלד, דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט יט, יא): הנחמדים — וואָס זיינען גלוסטיקער פון גאָלד און גינגאָלד אַ סך. — קווצותיו — זיינע לאָקן — קרויזן, דאָס איז דאָס אויסווירען;[2] שוואַרץ ווי דער ראָב, דאָס זיינען די אותיות.

אַן אַנדער פּשט: קווצותיו — זיינע לאָקן, תלתלים — [טייטש עס ווי] תילי־תילים, הויפנס אויף הויפנס [מיט הלכות]. אַן אַנדער פּשט: ר׳ עזריה זאָגט: אפילו זאַכן אין דער תורה, וואָס זעען דיר אויס ווי [בלויזע] שטריכלעך,[3] דערנער אויף דערנער זיינען זיי.[4] ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע זאָגן: הויפנס אויף הויפנס [מיט הלכות]. אַן אַנדער פּשט: ר׳ עזריה זאָגט: אפילו זאַכן אין דער תורה, וואָס זעען דיר אויס ווי [בלויזע] שטריכלעך, הויפנס אויף הויפנס [מיט הלכות] זיינען זיי. ביי וועמען האַלטן זיי זיך אויף? שחורות כעורב — ביי דעם וואָס איז זי דעוסק מיט זיי אין פריען פרימאָרגן און אין שפּעטן אָוונט.[5] ר׳ יוחנן און ר׳ שמעון בן לקיש. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס אַריינשייערן[6] תורה קאָן ניט אַנדערש פאָרקומען, נייערט ביי נאַכט;[7] פון וואַנען איז עס געדרונגען? (משלי לא, טו) ותקם — און זי שטייט אויף ווען ס׳איז נאָך נאַכט, און ווידער שטייט (איכה ב, יט): קומי — שטיי אויף, זינג[8] אין דער נאַכט. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: ביי טאָג און ביי נאַכט, לויט ווי עס ווערט געזאָגט (יהושע א, ח): והגית — און זאָלסט זיך אַריינטראַכטן אין דעם טאָג און נאַכט. [און ווידער] האָט ריש לקיש געזאָגט: ריכטיק האָט ר׳ יוחנן מיך געלערנט, אַז דאָס אַריינשייערן תורה קאָן ניט אַנדערש פאָרקומען, נייערט ביי נאַכט. [און נאָך] האָט ר׳ שמעון בן לקיש געזאָגט: ווען איך פלעג לערנען תורה ביי טאָג, פלעגט עס מיר אויפלייכטן ביי נאַכט, ווי אין פּסוק שטייט: און דו זאָלסט זיך אַריינטראַכטן אין דעם טאָג און נאַכט.[9]

ניכר; ברם הכא — הוא אש, משרתיו אש (דברים לג): ואתא מרבבות קדש — ואות הוא בתוך רבבות קדש.

ז

(יא) ראשו כתם פז. ראשו זו התורה, שנאמר (משלי ח): ה׳ קנני ראשית דרכו. ר׳ חוניא בשם ריש לקיש: שני אלפים שנה קדמה התורה לברייתו של עולם; מה טעם? (שם) ואהיה אצלו אמון, ואהיה שעשועים יום יום, ויומו של הקב״ה אלף שנים, שנאמר (תהלים צ): כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור. — כתם פז, אלו דברי תורה, שנאמר (שם יט): הנחמדים מזהב ומפז רב. — קווצותיו תלתלים, זה הסירגול; שחורות כעורב, אלו האותיות.

ד״א: קווצותיו תלתלים — תלי תלים. ד״א: ר׳ עזריה אומר: אפילו דברים שאתה רואה אותם שהן קוצין בתורה, הן קוצי קוצים. ר׳ אליעזר ור׳ יהושע אומרים: תילי תילים. ד״א: ר׳ עזריה אומר: אפילו דברים שאתה רואה אותם שהן קוצין בתורה, תילי תילים הן. במי הן מתקיימות? שחורות כעורב, — במי שהוא משכים ומעריב בהן. ר׳ יוחנן ור׳ שמעון בן לקיש. ר׳ יוחנן אמר: אין גרנה של תורה אלא בלילה; מה טעם? (משלי לא) ותקם בעוד לילה, וכתיב (איכה ב): קומי, רני בלילה. ר׳ שמעון בן לקיש אמר: ביום ובלילה, על שם שנאמר (יהושע א): והגית בו יומם ולילה. אמר ריש לקיש: יפה למדני ר׳ יוחנן, שאין גרנה של תורה אלא בלילה. אמר ר׳ שמעון בן לקיש: כד הוינא לעי באוריתא בימּמא, בלילה הוה מנהרא לי, דכתיב: והגית בו יומם ולילה.

---

מיטן רש״ש. [3] עמענדירט לויטן אינהאַלט, און אַזאַ נוסח האָט אויך דער אות אמת.

ו. [1] כאַטש זיינע באַדינער זיינען אויך פייער, ווי ער, איז ער דאָך אַנדערש פון זיי.

ז. [1] און אַזוי ווי עס שטייט צוויי מאָל יום, מיינט עס צוויי טויזנט יאָר, און אין פסוק פון משלי רעדט די חכמה, וואָס איז אידענטיש מיט תורה. [2] די שורות אין אַ ספר תורה מוזן זיין געווירעט (סופרים א, א). [3] קוצין, וואָס מיינט אויך דערנער. [4] האַרבע גזעזעץ־פּראַגעס. זע מנחות כט, ב: דער אייבערשטער אַנטפּלעקט פאַר משהן, אַז ר׳ עקיבא איז אָנגעברייט צו דרשענען אויף איטלעך איינציק שטריכל (קוץ) אין דער תורה (די שטריכלעך אויף די אותיות שעטנ״ז ג״ץ) תילי־תילים פון הלכות. [5] שחורות ווערט דאָ געטייטשט ווי שחר, פרימאָרגן; עורב — ווי ערב, אָוונט (לויטן פשט: שוואַרץ ווי דער ראָב). [6] אַריינ־ברענגען דאָס געראַטעניש אין שייער אַריין. [7] נאָר וואָס אַ מענטש לערנט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פאַרבלייבט ביי אים. [8] לויטן דרש. — זע מגילה לב, א: איט־לעכער וואָס לייענט [מקרא] אָן אַ ניגון און לערנט משנה אָן געזאַנג, אויף אים זאָגט דער פסוק (יחזקאל כ, כה): וגם אני — און איך אויך האָב זיי געגעבן געזעצן ניט קיין

## ח

ר׳ יוחנן[1] פון ציפורין האָט באַשיידט דעם פסוק [מיט אַ משל] פון בערגלעך ערד. דער נאַר וואָס זאָגט? „ווער קאָן אַזוינס אָוועקגראָבן?"[2] דער חכם וואָס זאָגט? „איך וועל אָוועקגראָבן צוויי קוישן ביי טאָג און צוויי קוישן ביי נאַכט, און מאָרגן ווידער אַזוי, ביז איך וועל עס אָוועקגראָבן אין גאַנצן." אַזוי זאָגט דער נאַר: „ווער קאָן עס אויסלערנען די גאַנצע תורה, — נזיקין[3] דרייסיק פרקים, כלים דרייסיק פרקים!" און דער חכם זאָגט: „איך וועל לערנען צוויי הלכות היינט און צוויי מאָרגן, ביז איך וועל זי אויסלערנען אין גאַנצן."

ר׳ ינאי האָט געזאָגט (משלי כד, ז): ראמות — צו הויך איז פאַרן נאַר די חכמה, — [ס׳איז געגליכן] צו אַ דורכגעלעכערטן לאַבן ברויט וואָס איז געהאָנגען אין אַ הויז אין דער לופטן.[4] דער נאַר זאָגט: „ווער קאָן עס אַראָפּ־ברענגען?" אָבער דער חכם זאָגט: „האָט ניט עמעצער עס אויפגעהאָנגען? נייערט איך וועל ברענגען צוויי שטעקלעך און זיי צונויפבינדן איינס מיטן צווייטן, ביז איך וועל עס אַראָפּברענגען." אַזוי זאָגט דער נאַר: „ווער קאָן עס אויסלערנען די תורה וואָס דער רבי פאַרמאָגט אין האַרצן?" אָבער דער חכם זאָגט: „האָט ער עס דען ניט געלערנט פון עמעצן אַנדערש? איך וועל לערנען צוויי הלכות היינט און צוויי מאָרגן, ביז איך וועל אויסלערנען די תורה פון דעם דאָזיקן חכם."

ר׳ לוי האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ געלעכערטן קאַרב, וואָס זיין בעל־הבית האָט אָנגעדונגען אַרבעטער אים אָנצופילן מיט וואַסער. זאָגט דער נאַר: „וואָס קאָן איך דאָ אויפטאָן? ס׳גייט אַריין אין איין זייט און גייט אַרויס פון דער צווייטער." אָבער דער חכם זאָגט: „קריג איך דען ניט מיין לוין? קריג איך דען ניט באַצאָלט פונעם בעל־הבית פאַר איטלעך פעסל [וואַסער]?" אַזוי זאָגט דער נאַר: „איך לערן תורה און פאַרגעס; טאָ וואָס קומט מיר אַרויס?" אָבער דער חכם זאָגט: „גיט מיר דען הקדוש ברוך הוא ניט קיין לוין פאַר מיין מי?"

[אַן אַנדער פשט][5]: אפילו זאַכן אין דער תורה וואָס קוקן דיר אויס ווי דערנער,[6] זיינען הויפנס אויף הויפנס,[7] — זיי קענען חרוב מאַכן די וועלט און מאַכן פון איר אַ תל, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יג, יז): תל עולם — אַ תל אויף אייביק: — אין פסוק שטייט (דברים ו, ד): שמע — הער, ישראל,

גוטע. [9] ווייל עס שטייט ביי טאָג און ביי נאַכט און ניט פאַרקערט, מיינט עס, אַז דאָס לערנען ביי נאַכט פאַרפעסטיקט דאָס וואָס מע האָט געלערנט דורכן טאָג.

ח. [1] אין ויקרא רבה (יט, ב) — ר׳ חנין. [2] ווערטערלעך: אָפּהאַקן. [3] די מסיכתות בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא, וואָס זיינען אַ מאָל געווען איין מסיכתא אונטער דעם דאָזיקן נאָמען (אין דער תוספתא איז אויך כלים איינגעטיילט אין דריי מסיכתאָס מיט די זעלבע פאַרנעמען). [4] אויף אַ שטריקל דורכגעצויגן דורך דער לאָך. [5] ענדערונג לויטן אינהאַלט, און אַזוי איז אויך דער נוסח פון אות אמת. [6] ווי ניט וויכטיקע זאַכן, — ר׳ לוי קערט זיך אום צום פסוק קווצותיו תלתלים. [7] חורבות אויף חורבות, לויטן ווייטער

ח

ר׳ יוחנן דצפרין פתר קרא בתלוליות של עפר. מי שהוא טפש, מהו אומר? „מי יכול לקצות את זה?״ מי שהוא פקח, מהו אומר? „הריני קוצה שתי משפלות ביום ושתי משפלות בלילה, ולמחר כן, עד שאני קוצה את כולה.״ כך מי שהוא טפש אומר: „מי הוא יכול ללמד כל התורה, — נזיקין שלשים פרקים, כלים שלשים פרקים! והחכם אומר: „הריני לומד שתי הלכות היום ושתים למחר, עד שאני לומדה כולה.״

א״ר ינאי (משלי כד): ראמות לאויל חכמות, — לככר נקוב שתלוי באוירו של בית. הטפש אומר: „מי יכול להוריד לזה?״ והפקח אומר: „ולא אחר תלאו? אלא הריני מביא שני קנים ומחבר זה עם זה, עד שאני מורידן.״ כך הטפש אומר: „מי יכול ללמוד התורה שבלב רבי?״ והפקח אומר: „והוא לא מאחר למדה? הריני לומד היום שתי הלכות ושתים למחר, עד שאני לומד התורה של חכם זה.״

א״ר לוי: לקרסטל נקוב, ששכרו בעליו פועלים למלאותו מים. אומר הטפש: „מה אני מועיל? מכניס בזו ומוציא בזו.״ והפקח אומר: „ולא שכרי אני נוטל? ולא שכר כל חבית וחבית אני נוטל מבעל הבית?״ כך הטפש אומר: „הריני לומד תורה ומשכחה; מה אני מועיל?״ והפקח אומר: „ולא שכר יגיעה נותן לי הקב״ה?״

(דא״ר) [ד״א]: א״ר לוי: אפילו דברים שאת רואה קוצין בתורה, תילי תילים הן, — יכולות הן להחריב את העולם ולעשותו תל; המד״א (דברים יג): תל עולם: — כתיב (דברים ו): שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד, — אם תעשה מן הדל״ת רי״ש, תחריב לכל העולם. כתיב (שמות לד): לא תשתחוה לאל אחר, — אם תחליף רי״ש בדל״ת, תחריב העולם. כתיב (ויקרא כב): ולא יחללו את

---

גאָט אונדזער גאָט, גאָט איז איינער, — ווען דו וועסטו מאַכן פון דער דלת אַ ריש,[8] וועסטו חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט. אין פסוק שטייט (שמות לד, יד): לא תשתחוה — דו זאָלסט זיך ניט בוקן צו אַן אַנדער גאָט, — וועסטו פאַרבייטן די ריש אויף אַ דלת,[9] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. אין פסוק שטייט (ויקרא כב, ב): ולא יחללו — און זיי זאָלן ניט פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען, —

געבראַכטן פסוק, וואָס קומט ווי אַ ראיה אויפן טייטש פון תל. [8] און אַנשטאָט אחד,

וועסטו פאַרבייטן די חית אויף אַ הא,[10] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. אין פסוק שטייט (ישעיה ח, יז): וחכיתי — און איך וועל וואַרטן אויף גאָט, — וועסטו פאַרבייטן די חית אויף אַ הא,[11] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. אין פסוק שטייט (תהלים קנ, ו): כל הנשמה — איטלעכע נשמה זאָל לויבן גאָט, — וועסטו פאַרבייטן די הא אויף אַ חית,[12] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. אין פסוק שטייט (ירמיה ה, יב): כחשו — זיי האָבן געלייקנט אין גאָט, — וועסטו פאַרבייטן די בית אויף אַ כף,[13] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. אין פסוק שטייט (הושע ה, ז): בה׳ — אין גאָט האָבן זיי געפעלשט, וואָרום פרעמדע קינדער האָבן זיי געבאָרן, — וועסטו פאַרבייטן די בית אויף אַ כף,[14] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. אין פסוק שטייט (שמואל א, ב, ב): אין — ניטאָ קיין הייליקער ווי גאָט, — [וועסטו פאַרבייט די כף אויף אַ בית[15] וועסטו חרוב מאַכן די וועלט].[16]

(דאָרט) כי אין בלתך — וואָרום ניטאָ אויסער דיר, — ר׳ אבהו[17] בר כהנא האָט געזאָגט: אַלץ ווערט צו נישט,[18] אָבער דו ווערסט ניט צו נישט: [טייטש] כי אין בלתך — דיך איז ניט אַריבערצולעבן.[19]

שחורות — שוואַרצע ווי דער ראָב, — ר׳ אלכסנדרי בר הדרין און ר׳ אלכסנדרי קרובה[20] האָבן געזאָגט: זאָלן אפילו אַלע מענטשן אויף דער וועלט זיך פאַרזאַמלען, כדי ווייס צו מאַכן איין פליגל פון אַ ראָב, וועלן זיי ניט קענען; אַזוי, אויב אַלע מענטשן אויף דער וועלט זאָלן זיך פאַרזאַמלען כדי אויסצורייסן אַ יוד, דעם קלענסטן אות פון דער תורה, וועלן זיי ניט קענען. פון וועמען לערנסטו עס? פון שלמה המלך, וואָס איבער דעם וואָס ער האָט געוואָלט אויסרייסן אַ יוד פון דער תורה, איז אים אויסגעוואַקסן אַ קטיגור.[20א] און ווער האָט עס מקטרג געווען? ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: די יוד פון ירבה האָט מקטרג געווען.[21] ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: דער ספר משנה תורה[22] איז אַרויף און זיך אויסגעשטרעקט פאַר הקדוש ברוך הוא און געזאָגט פאַר אים: „ריבונו של עולם! האָסט אָנגעשריבן אין דיין תורה: אַ צוואה, וואָס

---

איינער, לייענען אחר, אַן אַנדערער. [9] און אנשטאָט אחר לייענען אחד. [10] און אנשטאָט לא יחללו, זיי זאָלן ניט פאַרשוועכן, לייענען לא יהללו, זיי זאָלן ניט לויבן. [11] און אַנשטאָט וחכיתי, און איך וועל וואַרטן, לייענען והכיתי, און איך וועל שלאָגן. [12] און אנשטאָט תהלל, זאָל לויבן, לייענען תחלל, זאָל פאַרשוועכן. [15] און אנשטאָט בה׳, אין גאָט, לייענען כה׳, אזוי ווי גאָט. [14] ווי באַם. 13. [15] און אַנשטאָט כה׳ לייענען בה׳, וואָס קאָן, חלילה, מיינען: ניטאָ קיין קדושה אין גאָט. [16] צוגעגעבן לויטן אות אמת. [17] העכסט וואַרשיינלעך: ר׳ אבא. [18] בלה — בלתך. [19] לבלותיך — בלתך. [20] מחבר פון קרובות (פיוט־צוגאָבן צו שמונה־עשרהס פון ימים טובים און באַשטימטע שבתים); אָדער אַ שליח ציבור (וואָס גענענט, קרב, צום עמוד). [20א] אַ באַשולדיקער (דאָ קאָן עס געמיינט ווערן אַ שטן אויפן לעבנס־וועג, — פאַרגלייך מלכים א, יא, פסוקים יד, כג, כה. — מהרז״ו, ויקרא רבה יט, ב). [21] אין פסוק שטייט (דברים יז, יז): ולא ירבה לו — און ער זאָל זיך ניט מערן קיין ווייבער, כדי זיין האַרץ זאָל זיך ניט אָפּקערן; אָבער שלמה האָט געזאָגט: „אני ארבה (פאַרבייטנדיק די יוד אויף אַן אלף) — איך וועל מערן, און מיין האַרץ וועט ניט אָפּקערן.“ (שמות רבה ו, א). [22] דער חומש דברים, וואו דער גע־

שם קדשי, — **אם תחליף חי"ת להא, תחריב העולם. כתיב** (ישעיה ח): וחכיתי לה', — **אם תחליף חי"ת לה"א, תחריב העולם. כתיב** (תהלים ק"נ): כל הנשמה תהלל יה, — **אם תחליף ה"א לחי"ת, תחריב העולם. כתיב** (ירמיה ה): כחשו בה', — **אם תחליף בי"ת לכ"ף, תחריב העולם. כתיב** (הושע ה): בה' בגדו, כי בנים זרים ילדו, — **אם תחליף בי"ת לכ"ף, תחריב העולם. כתיב** (שמואל א, ב): אין קדוש כה', **[אם תחליף כ"ף לבי"ת, תחריב העולם].**

(שם) כי אין בלתך, — **א"ר אבהו בר כהנא: הכל בלה, ואת לא בלה:** כי אין בלתך, — **אין לבלותיך.**

שחורות כעורב, — **ר' אלכסנדרי בר הדרין ור' אלכסנדרי קרובה אמר: אפילו אם מתכנשין כל באי עולם להלבין כנף אחד מן העורב, אינן יכולין; כך, אם מתכנשין כל באי עולם לעקור יו"ד, שהוא קטן האותיות שבתורה, אינן יכולין. ממי את למד? משלמה המלך, שעל ידי שבקש לעקור יו"ד מן התורה, עלה קטיגורו. ומי קטרג? ר' יהושע בן לוי אמר: יו"ד שבירבה קטרג. ר' שמעון בן יוחאי אומר: ספר משנה תורה עלה ונשתטח לפני הקב"ה ואמר לפניו: „רבונו של עולם! כתבת בתורתך: דייתיקי שמקצתה בטלה, כולה בטלה, — שלמה המלך מבקש לעקור יו"ד שבתורה!" אמר לו הקב"ה: „[צא] לך, הרי שלמה בטל ומאה כיוצא בו, ויו"ד שבך אינו בטל לעולם."**

**ר' יהושע בן קרחה אומר: יו"ד שבשרי עלה ונשתטח לפני הקב"ה ואמר: „רבוש"ע! עקרתני משמה של צדקת זו, אשת צדיק זה, אברהם אבינו, וקראת שמה שרה!" א"ל הקב"ה: „[צא]**

---

אַ טייל פון איר ווערט בטל, ווערט זי אין גאַנצן בטל,[23] — שלמה המלך זוכט אויסצורייסן אַ יוד פון דער תורה!" האָט אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „[גיי][23א] דיר, שלמה וועט בטל ווערן און הונדערט אַזעלכע ווי ער, אָבער אין דיר וועט אויף אייביק קיין יוד ניט בטל ווערן."

ר' יהושע בן קרחה זאָגט: די יוד וואָס אין שרי איז אַרויף און זיך אויס־געשטרעקט פאַר הקדוש ברוך הוא און געזאָגט: „ריבונו של עולם! דו האָסט מיך אַרויסגעריסן פונעם נאָמען פון דער דאָזיקער צדקת, די ווייב פון דעם דאָזיקן צדיק, אברהם אבינו, און האָסט גערופן איר נאָמען שרה!"[24] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו איר: „[גיי][24א] דיר, צוערשט ביסטו געשטאַנען

---

בראַכטער פסוק געפינט זיך. [23] בבא בתרא קמח, ב: חרטה אויף אַ טייל (פון אַ צוואה) מיינט חרטה אויפן גאַנצן. [23א] צוגעגעבן לויט ויקרא רבה יט, ב; וואונטשע און סאָנ־

ביים סוף פון די אותיות, און אין נאָמען פון אַ ווייבספּאַרשוין; איצט טו איך דיך אַריין אין נאָמען פון אַ מאַנספּאַרשוין, און פאַראויס פון די אותיות — ביים צדיק פון דער וועלט." דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (במדבר יג, טז): ויקרא משה — און משה האָט גערופן הושע בן נון — יהושע.[25]

ר' אלעזר בר אבונה פון ר' אחאס וועגן: זעקס און צוואַנציק דורות[26] האָט די אלף זיך באַקלאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „דו האָסט מיך געשטעלט בראש פון די אותיות, אָבער די וועלט האָסטו באַשאַפן ניט מיט מיר, נייערט מיט דער בית, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית א, א): בראשית — אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד." האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו איר: „מיין וועלט און אַלץ וואָס אין איר זיינען באַשאַפן געוואָרן ניט אַנדערש, נייערט אין זכות פון דער תורה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, יט): ה' — גאָט האָט צוליב[27] דער חכמה[28] געגרונטפעסטיקט די ערד. מאָרגן וועל איך זיך אַנטפּלעקן און געבן די תורה צו ישראל, און דיך וועל איך שטעלן פאַר־אויס פון די עשרת הדיברות און מיט דיר וועל איך אָנהייבן צוערשט, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כ, ב): אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט." בר חוטא האָט געזאָגט: פאַרוואָס רופט מען זי „אלף"? ווייל ער האָט אָפּגעמאַכט [צו געבן די תורה] מיט טויזנט דורות פריער, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קה, ח): דבר — דאָס וואָרט וואָס ער האָט באַפוילן דעם טויזנטסטן דור.[29]

ט

ר' יהודה האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די תלמידי חכמים: תלתלים — קרויזן שוואַרצע ווי דער ראָב, דאָס זיינען די תלמידי חכמים, וואָס כאָטש אויף דער וועלט קוקן זיי אויס נמאס און שוואַרץ,[1] אָבער לעתיד לבוא (נחום ב, ה): מראיהן — זייער אויסזען ווי די פלאַמען, ווי די בליצן וועלן זיי[2] אומלויפן. ר' שמואל בר יצחק האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די פרשיות פון דער תורה: קרויזן שוואַרצע ווי דער ראָב, דאָס זיינען די פרשיות[3] פון דער תורה, וואָס קוקן אויס נמאס און שוואַרץ זיי צו לייענען פאַר אַן עולם, [אַ שטייגער די דינים פון אויספלוס[4] און פון אויסשלאָג,[5] פון אַ נידה[6] און אַ געווינערין,[7]] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „מיר זיינען זיי אָנגעלייגט;"[8] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי ג, ד): וערבה — און אָנגעלייגט וועט זיין ביי גאָט דער קרבן פון יהודה.[9] אַ ראיה האָסטו, אַז די זאַך איז אַזוי, וואָ־רום די פרשיות פון אַן אויספלוסיקן און פון אַן אויספלוסיקער זיינען ניט געזאָגט געוואָרןביידע צוזאַמען, נייערט די באַזונדער און די באַזונדער, ווי

טשינאַ לאָזן די פּראַזע אין גאַנצן אַרויס. [24] בראשית יז, טו. [24]א זע באַם. [23]א. [25] אַ באַוויַז, אַז אפילו קיין יוד ווערט ניט אויסגעריסן פון דער תורה. [26] פון דער וועלט־באַשאַפונג ביז משה רבינו (צען דורות פון אדמען ביז נוחן, צען — פון נוחן ביז אברהמען און זעקס — פון אברהמען ביז משהן). [27] לויטן דרש. [28] אידענטיש מיט תורה. [29] לויטן דרש. — לויט אַן אגדה (שבת פח, א) איז די תורה באַשאַפן געוואָרן ניין הונ־דערט און פיר און זיבעציק דורות פאַר דער וועלט באַשאַפונג, און צוזאַמען מיט די זעקס און צוואַנציק דורות וואָס פון אדמען ביז משהן, איז עס טויזנט.

לך, מתחילה היית בסופן של אותיות, ובשם נקבה; עכשיו אני נותנך בשמו של זכר, ובראשון של אותיות — בצדיק שבעולמים.״ הה״ד (במדבר יג): ויקרא משה להושע בן נון יהושע.

ר׳ אלעזר בר אבונה בשם ר׳ אחא: כ״ו דורות היה אל״ף קורא תגר לפני הקב״ה: „נתתני בראש האותיות, ולא בראת בי את העולם, אלא בבי״ת, שנאמר (בראשית א): בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ.״ א״ל הקב״ה: „עולמי ומלואו לא נבראו אלא בזכות התורה, שנאמר (משלי ג): ה׳ בחכמה יסד ארץ. למחר אני נגלה ונותן התורה לישראל, ואני נותנך בראשון של דברות ובך אפתח תחלה, שנאמר (שמות כ): אנכי ה׳ אלהיך.״ בר חוטא אמר: למה נקרא שמו אל״ף? שהוא מסכים מאלף דור, שנאמר (תהלים קה): דבר צוה לאלף דור.

## ט

ר׳ יהודה פתר קריא בתלמידי חכמים: תלתלים שחורות כעורב, אלו תלמידי חכמים, שאע״פ שנראין כעורין ושחורין בעולם הזה, לעתיד לבא (נחום ב): מראיהן כלפידים, כברקים ירוצצו. ר׳ שמואל בר יצחק פתר קרא בפרשיות התורה: תלתלים שחורות כעורב. אלו (תלמודות) [פרשיות] של תורה, שנראות כעורות ושחורות מלאומרן ברבים [כגון הלכות זיבה ונגעים, נידה ויולדת], אמר הקב״ה: „ערבות הן עלי;״ המד״א (מלאכי ג): וערבה לה׳ מנחת יהודה. תדע לך, שהוא כן הדבר, שהרי פרשת זב וזבה לא נאמרו שתיהן כאחד, אלא זו בפני עצמה וזו בפני עצמה, שנאמר (ויקרא טו): איש איש כי יהיה זב מבשרו, וכו׳; ואשה כי יזוב זוב דמה.

---

דער פסוק זאָגט (ויקרא טו: ב, כה): איש איש — איטלעכער מאַן וואָס וועט זיין אויספלוסיק פון זיין לייב — — —; און אַ פרוי, אַז איר בלוט־אויספלוס וועט פליסן — — —.[10]

---

ט. [1] מחמת אָרימקייט (פאַרגלייך ירושלמי פאה, ח, ז): די תלמידים האָבן געוויינט און געזאָגט: אַזוי ווי אונדזער אָנטאָן אין דער וואָכן, אַזוי איז אונדזער אָנטאָן אום שבת). [2] אין עתיד, לויטן דרש. [3] עמענדירט לויט ויקרא רבה יט, ג (מעגלעך, אַז דאָס וואָרט פרשיות איז דאָ פאַרגרייזט געוואָרן אויף תלמודות צוליבן פריערדיקן אויסדרוק תלמידי חכמים). [4] ויקרא טו. [5] דאָרט יג—יד. [6] דאָרט טו, יט—כד. [7] דאָרט יב. — צוגאָב

ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: די תורה וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געגעבן, איר פּאַרמעט איז געווען פון ווייס פייער און געשריבן איז זי געווען מיט שוואַרץ פייער. זי איז פייער און זי איז אויסגעהאַקט פון פייער, און אויסגעשלמותט אין פייער, און געגעבן אין פייער; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברים לג, ב): מימינו — פון זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיקע תורה פאַר זיי.

י

(יב) עיניו — זיינע אויגן ווי טויבן. זיינע אויגן, דאָס זיינען די סנהדרין, וואָס זיינען די אויגן פון דער עדה, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר טו, כד): והיה — און עס וועט זיין אויב פון די אויגן פון דער עדה — — — . צוויי הונדערט אַכט און פערציק אברים פאַרמאָגט אַ מענטש, און זיי אַלע גייען נאָך נאָך די אויגן; אַזוי קאָן ישראל קיין זאַך ניט טאָן אָן זייער סנהדרין; ביי באַכן וואַסער, ווייל זיי זיינען די גיבורים[1] פון תורה; וואָרום ר׳ חמא בר עוקבא האָט געזאָגט: דברי תורה שטאַרקן איטלעכן וואָס פאַרנעמט זיך מיט זיי ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.[2] געוואַשן אין מילך, דאָס זיינען די הלכות, וואָס זיי[3] וואַשן זיי אין צווייען,[4] ביז זיי מאַכן זיי קלאָר ווי מילך; זיצן אין פולקייט, די פולקייט פון תורה.

אַן אַנדער פּשט: זיצן אין פולקייט, אין דער פולקייט פון ירושלים; דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה א, כא): מלאתי — פול מיט גערעכטיקייט. ר׳ פּנחס פון וועגן ר׳ הושעיא רבה: פיר הונדערט און אַכציק שולן זיינען געווען אין ירושלים, לויטן באַטרעף פון מלאתי.[5] ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אין פולקייט, — דער פילט אָן אַ קליין ביסל און דער פילט אָן אַ קליין ביסל, ביז די הלכה קומט אַרויס ווי אַ ווייסקייט.[6] וואָרום ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: דער העפט צו אַ קליין ביסל און דער העפט צו אַ קליין ביסל, ביז די הלכה קומט אַרויס [גוט צונויפגעהעפט] ווי קינבאַקן.[7]

---

לויט ויקרא רבה יט, ג. [8] ערבות — כעורב. [9] דער פּסוק קומט פעסטצושטעלן דעם טייטש פון ערבות. [10] באַווייזט עס, אַז אויך די פּרשיות זיינען אָנגעלייגט ביי גאָט, אַנ־דערש וואָלט ער זיי מקצר געווען און געמאַכט פון צוויי איינע.

י. [1] אפיקים, געטייטשט לויטן תרגום און רש״י, איוב מ, יח, און אַזוי אויך א. כהנא, וואָס באַזירט דעם טייטש, לויט דעליטשן, אויפן אשורישן אפקו (לייען עפּעקו), וואָס מיינט שטאַרק, און אַזוי דאַרף עס זיין לויטן ווייטערדיקן דרש. [2] און תורה איז געגליכן צו וואַסער (אויבן א, יט). [3] די חכמים פון סנהדרין. [4] פלעגן דיסקוטירן די הלכות פאַרוויין (מתנות כהונה; זע אויבן ד, י, באַמ. 3). [5] די אותיות פון מלאתי באַטרעפן 421, אָבער לויט איכה רבה ב, ד (אונדזער אויסגאַבע ז׳ 234) האָבן די בעלי המדרש געהאַט אַ כתיב חסר, אָן אַן אלף. אין פּתיחתא יב (דאָרט ז׳ 30) באַצייכנט די אלף דעם בית המקדש. [6] דאָ וואָלט זיך זיכער געפּאַסט דאָס וואָרט כחלב, [קלאָר] ווי מילך. די מימרא ווערט דאָ אָבער ציטירט פון אויבן(ד, ל), איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויך דער נוסח כמין לבנון. [7] זע דאָרט, באַמ. 6. — דאָס לעצטע וואָרט, לחיים, פאַרבינדט סימן י מיט יא, וואָס הייבט זיך אָן מיטן וואָרט לחייו.

א״ר שמעון בן לקיש: תורה שנתן הקב״ה היתה עורה של אש לבנה וכתובה באש שחורה. היא אש וחצובה מאש, ומוכללת באש, ונתונה באש; הה״ד (דברים לג): מימינו אש דת למו.

י

(יב) עיניו כיונים. עיניו, אלו סנהדרין, שהם עינים לעדה, שנאמר (במדבר טו): והיה אם מעיני העדה — — —. רמ״ח אברים יש באדם, וכולן הולכין אחר העינים; כך ישראל אין יכולין לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהן. על אפיקי מים, שהם אפיקים של תורה; דא״ר חמא בר עוקבא: דברי תורה מגבירין הם לכל מי שהוא עוסק בם כל צרכן. רוחצות בחלב, אלו ההלכות, שהן רוחצין אותן בשנים, עד שעושים אותם נקיים כחלב; יושבות על מלאת, מלאתה של תורה.

ד״א: יושבות על מלאת, על מלאתה של ירושלים; המד״א (ישעיה א): מלאתי משפט. ר׳ פנחס בשם ר׳ הושעיא רבה: ארבע מאות ושמנים בתי כנסיות היו בירושלים, מנין מלאתי. א״ר תנחומא: על מלאת, — זה ממלא מקצת דבר וזה ממלא מקצת דבר, עד שתהא הלכה יוצאה כמין לבנון. דא״ר תנחומא: זה מלחים מקצת דבר וזה מלחים מקצת דבר, עד שתהא הלכה יוצאה כמין לחיים.

יא

(יג) לחייו כערוגות הבשם. א״ר ינאי: ביומוי דזמניין תרתין חבורן, והוינן נפקין ולעיין באורייתא בהדא אסטרין, ולא כטעם שהיתה זו אומרת זו אומרת. מגדלות מרקחים, — א״ר תנחומא: מה מגדלות הרקח הזה יש בו מכל מיני בשמים, כך

---

יא

(יג) לחייו — זיינע באַקן ווי אַ בייט פון געווירצן. ר׳ ינאי האָט געזאָגט: אין מיינע טעג פלעגן מיר זיך צונויפטרעפן אין צוויי[1] קרייזלעך, און מיר פלעגן אַרויסגיין און זיך מתוכח זיין אין תורה, אין גאַס, און די מיינונג פון די איז ניט געווען די זעלבע וואָס פון יענע.[2] טורעמלעך מיט בשמים, — ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אַזוי ווי די דאָזיקע טורעמלעך געווירצן האָבן פאַר־שידענע בשמים, אַזוי דאַרף אַ תלמיד חכם זיין פול מיט מקרא, משנה און

יא. [1] לויטן אות אמת — אין צוויי און אַכציק. לייענענדיק אַנשטאָט דזמניין, מיר פלעגן זיך טרעפן — תמנין, אַכציק. [2] אַזוי ווי אויף אַ בייט זיינען פאַראַן פאַרשיידענע

תלמוד, און הלכות און אגדות.[3] זיינע ליפּן ליליעס, דאָס איז דער תלמיד חכם וואָס איז באַהאַוונט אין זיין לערנען; (זיינע ליפּן ליליעס)[4] זיי טריפן מירע וואָס גייט איבער, דאָס איז אַ תלמיד חכם וואָס איז ניט באַהאַוונט אין זיין לערנען, וואָס זיינע ליפּן טריפן ביטערניש;[5] פונדעסטוועגן גייט ער איבער און חזרט איין און מאַכט קלאָר זיין לערנען.

יב

(יד) ידיו — זיינע הענט וואַליקעס פון גאָלד: [זיינע הענט][1] דאָס זיינען די טאָוולען פון בונד, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות לב, טז): והלוחות — און די טאָוולען זיינען געווען די אַרבעט פון גאָט;[2] — וואַליקעס פון גאָלד, דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, ווי דער פּסוק זאָגט (תהלים יט, יא): הנחמדים — וואָס זיינען גלוסטיקער פון גאָלד און פון גינגאָלד. ר׳ יהושע בר נחמיה האָט געזאָגט: ס׳איז געשען מיט זיי אַ נס — זיי האָבן זיך געלאָזט וויקלען;[3] פון סאַפּירשטיין זיינען זיי געווען, און האָבן זיך געלאָזט וויקלען. ר׳ מנחמא האָט געזאָגט פון ר׳ אבונס וועגן: פונעם זון־באַלעם זיינען זיי געווען אויסגעהאַקט.[4]

ווי זיינען זיי געווען באַשריבן? פינף אויף איין טאָוול און פינף אויפן צווייטן טאָוול, לויט דעם ווי דער פּסוק זאָגט: זיינע הענט וואַליקעס פון גאָלד,[5] — דאָס איז לויט ר׳ חנינא בן גמליאלס ווערטער, ווי אין פּסוק שטייט (דברים ד, יג): ויכתבם — און ער האָט זיי אָנגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען. און די רבנן זאָגן: צען אויף איין טאָוול און צען אויפן צווייטן טאָוול,[6] ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט): ויגד לכם — און ער האָט אייך אָנגעזאָגט זיין ׳בונד וואָס ער האָט אייך באַפוילן צו טאָן, די עשרת הדיברות, און ער האָט זיי אָנגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען.[7] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: צוואַנציק אויף איין טאָוול און צוואַנציק אויפן צווייטן טאָוול, ווי דער פּסוק זאָגט: און ער האָט זיי אָנגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען, [און ווידער שטייט געשריבן (שמות לב, טו): לוחות—טאָוולען פון זייערע ביידע זייטן באַשריבן][8] — צוואַנציק אויף איין טאָוול און צוואַנציק אויפן צווייטן טאָוול. ר׳ סימאי זאָגט: פערציק אויף איין טאָוול און פערציק אויפן צווייטן טאָוול,

---

מינים געווירצן, און באַקן האָבן אַ שייכות מיט רעדן און זיך מתווכח זיין. [3] אין טעקסט געפינען זיך דאָ די ווערטער: „כהונה און לויה פון יעקבן,“ וואָס זיינען משמעות אַריין אַהער מיט אַ טעות פון אויבן, ג, ה, וואו עס רעדט זיך אויך וועגן בשמים פון אַלערליי מינים. [4] די ווערטער זיינען דאָ איבעריק, האָבן מיר זיי געשטעלט אין קלאַמערן. [5] מרור — מור: ער מאַכט טעותן אין לערנען.

יב. [1] צוגעגעבן, ווייל גלילי זהב ווערט געדרשנט באַזונדער. [2] פון גאָטס הענט, ווערט ידיו געדרשנט אויף די לוחות. [3] נגללין — גלילי. [4] ווייל זיי האָבן אַזוי געשיינט און געלויכטן (לויט יפה ענף). [5] פינף דיברות אויף יעדן טאָוול לויט די פינף פינגער פון אַ האַנט. [6] זיי זיינען געווען אָנגעשריבן צוויי מאָל (און אַזוי אויך ווייטער: פיר מאָל און אַכט מאָל). [7] משמעות, אַז אויף יעדן טאָוול באַזונדער האָט ער אָנגעשריבן אַלע צען געבאָט. [8] צוגעגעבן לויט אַ גירסא פון אות אמת, אַנדערש איז דער ענין ניט

**תלמיד חכם צריך להיות מלא מקרא, משנה ותלמוד, והלכות, ואגדות (כהונה ולויה מיעקב). שפתותיו שושנים, זה תלמיד חכם הרגיל במשנתו; (שפתותיו שושנים) נוטפות מור עובר, זה תלמיד שאינו רגיל במשנתו, ששפתיו נוטפות מור; אעפ״כ עובר הוא וחוזר ומברר תלמודו.**

יב

(יד) ידיו גלילי זהב: [ידיו] **אלו לוחות הברית. שנאמר** (שמות לב): והלוחות מעשה אלהים המה; — גלילי זהב, **אלו דברי תורה, שנאמר** (תהלים יט): הנחמדים מזהב ומפז. **א״ר יהושע בר נחמיה: מעשה נסים היו — נגללין היו; של סנפירינון והיו נגללין. ר׳ מנחמא בשם ר׳ אבון אמר: וחצובין מגלגל חמה היו.**

**כיצד היו כתובין? חמשה על לוח זה וחמשה על לוח זה, על שם שנאמר:** ידיו גלילי זהב, — **כדברי ר׳ חנינא בן גמליאל, הה״ד** (דברים ד): ויכתבם על שני לוחות אבנים. **ורבנן אמרי: עשרה על לוח זה ועשרה על לוח זה, שנאמר** (שם): ויגד לכם את בריתו אשר צוה אתכם, עשרת הדברים, ויכתבם על שני לוחות אבנים. **ר׳ שמעון בן יוחאי אמר: עשרים על לוח זה ועשרים על לוח זה, שנאמר:** ויכתבם על שני לוחות אבנים, **[וכתיב** (שמות לב): לוחות כתובים משני עבריהם] — **עשרים על לוח זה ועשרים על לוח זה. ר׳ סימאי אומר: ארבעים על לוח זה וארבעים על לוח זה, שנאמר:** לוחות כתובים משני עבריהם, מזה ומזה, **טטרוגא.**

**חנניה בן אחי ר׳ יהושע אמר: בין כל דבור ודבור פרשיותיה ודקדוקיה של תורה היו כתובין. ר׳ יוחנן כד הוה פשיט קרייה והוה מטי בדין פסוקא,** ממולאים בתרשיש, **הוה אמר: יפה למדני**

---

ווי דער פסוק זאָגט: טאָוולען פוןביידע זייטן באַשריבן, פון דער זייט און פון יענער זייט, פיר־זייטיק.[9]

חנניה, דער זון פון ר׳ יהושעס ברודער האָט געזאָגט: צווישן איטלעכע צוויי דיברות זיינען געווען אַריינגעשריבן די פרשיות און די פּרטים פון דער תורה. ווען ר׳ יוחנן פלעגט לערנען מקרא און פלעגט צוקומען צו דעם דאָזיקן פּסוק, געפאַסט אין תרשיש,[10] פלעגט ער זאָגן: גוט האָט מיך געלערנט קלאָר.

---

[9] פון ביידע זייטן, מיינט פון פאָרנט און פון הינטן, און פון דער זייט און פון יענער זייט — אויף דער רעכטער זייט און אויף דער לינקער (אויף דער דיק פון די טאָוולען). [10] אַקוואַמאַרין, אַ ים־שטיין, און צו דעם פּאַסט זיך די דרשה וועגן ים־כוואַליעס.

דער זון פון ר׳ יהושעס ברודער: אַזוי ווי די דאָזיקע כוואַליעס, זיינען צווישן איין גרויסער כוואַליע און אַ צווייטער גרויסער כוואַליע פֿאַראַן קלײנע כוואַליעס, אַזוי זיינען צווישן איטלעכע צוויי דיברות געווען אַריינגעשריבן די פּרשיות און די פּרטים פון דער תורה.

געפּאַסט אין תרשיש, דאָס איז דער תלמוד, וואָס איז ווי דער ים הגדול, לויטן פּסוק (יונה א, ז): תרשישה — קיין תרשיש;[11] דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (קוהלת א, ז): כל הנחלים — אַלע טייכן גייען צום ים.[12] — מעיו — זיין בויך[13] אַ שטיק עלפאַנטביין, דאָס איז תורת כוהנים;[14] אַזוי ווי ביי דעם דאָזיקן בויך איז דאָס האַרץ פון איין זייט און די פיס פון דער אַנדערער זייט, און ער איז אין מיטן, אַזוי איז עס אויך מיט דער תורת כוהנים, צוויי ספרים פון איין זייט און צוויי פון דער צווייטער זייט, און זי אין מיטן; אַ שטיק עלפאַנטביין, אַזוי ווי פון אַ שטיק עלפאַנטביין קאָנסטו מאַכן אַזוי פיל נעגל, אַזוי פיל שפּיזן, אַזוי איז אין דער תורת כוהנים פֿאַראַן וויפל מצוות: וויפל פּרטים, וויפל מילדע און האַרבע [פֿאַרזאָגן], וויפל [דינים וועגן] פּיגול, וויפל [וועגן] נותר[15] זיינען עס פֿאַרשריבן אין תורת כוהנים!

מעולפת — באַלייגט מיט סאַפּירשטיינער, [די תורה איז] באַלייגט מיטן כוח פון מענטשן,[16] וואָרום זי איז האַרט ווי דער דאָזיקער סאַפּיר. ר׳ יודן און ר׳ פּינחס (ר׳ יודן) [17] האָבן געזאָגט: דו קאָנסט דאָך זאָגן, אַז דער דאָזיקער סאַפּיר איז ווייך, טאָ קום און זע: ס׳איז געשען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס האָט געבראַכט קיין רוים אַ סאַפּיר צו פֿאַרקויפֿן. האָט דער קונה געזאָגט: „כדי אויסצופּרוּוון אים, וועלן מיר פּרובירן אָפּברעכן פון אים אַ קליין שטיקל.״ האָט ער אים אַרויפֿגעלייגט אויף דער קאָוואַדלע און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אויף אים מיטן האַמער. איז דער האַמער צעשפּאָלטן געוואָרן און די קאָוואַדלע איז פלאַך געוואָרן,[18] אָבער דער סאַפּיר איז געבליבן גאַנץ, און ס׳האָט פון אים גאָרניט נישט געפעלט. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: באַלייגט מיט סאַפּירשטיינער. ר׳ אבא בר ממל האָט געזאָגט: אויב אַ מענטש ווערט פֿאַרשלאַפֿט[19] דורך די ווערטער פון תורה, און דורך [לערנען] הלכה, וועט ער לסוף ווערן [אַ סאַפּיר.[20] ר׳ יצחק האָט געזאָגט:

---

[11] דער תרגום טייטשט תרשישה — צום ים. [12] אַזוי געפינט זיך אַלץ אין תלמוד: משנה, תוספתא, ספרא, מכילתא (עץ יוסף). [13] בוכשטעבלעך: זיינע געדערעם. [14] דער חומש ויקרא. [15] דער איבערבלייב פון אַ קרבן שלמים, וואָס ווערט ניט אויפגעגעסן אין דריי טעג צייט, דאַרף פֿאַרברענט ווערן; און אויב עמעצער עסט פון דעם נאָך די דריי טעג, איז עס פּיגול, אַן אומווערדיקייט (ויקרא ז, יז—יח). [16] דאָס לערנען תורה נעמט אַרויס דעם כוח פון מענטשן. — מעגלעך, אַז אין טעקסט דאַרף זיין: מעלפת כחן — [לייען] מעלפת (אַן אַ וו), די תורה שוואַכט אָפּ דעם כוח פון מענטשן — — — [17] לויט די געדרוקטע ספרים איז דאָס ווייטערדיקע געזאָגט געוואָרן פון ר׳ יודן, און די ווערטער פון ר׳ פּינחסן פעלן; אָבער לויט דער צווייטער ווערסיע („ספרים אחרים״) אין איכה רבה ד, י (פּסוק ז) געהערט צו ר׳ יודן איין טייל פון דער מימרא און צו ר׳ פּינחסן — דער צווייטער. האָבן מיר אין איינקלאַנג מיט דעם עמענדירט דעם טעקסט און אַרויסגעלאָזט דעם איבעריקן „ר׳ יודן״ און צוגעשטעלט די יוד צו „אמר״. [18] אין איכה רבה איז דער

בן אחי ר׳ יהושע: מה גלים הללו בין גל גדול לגל גדול גלים קטנים, כך בין כל דבור ודבור פרשיותיה ודקדוקיה של תורה היו כתובים.

ממולאים בתרשיש, זה התלמוד, שהוא כים הגדול, הד״א (יונה א): תרשישה; המד״א (קהלת א): כל הנחלים הולכים אל הים. — מעיו עשת שן, זו תורת כהנים: מה הכרס הזה הלב מכאן והכרעים מכאן, והוא בתוך, כך תורת כהנים שני ספרים מכאן ושנים מכאן, והוא באמצע; עשת שן, מה עשת שן זה את עושה ממנה כמה יתדות, כמה רמחים, כך תורת כהנים יש בה כמה מצות: כמה דקדוקין, כמה קלים וחמורים, כמה פיגולים, כמה נותרות כתובים בתורת כהנים!

מעולפת ספירים, מעולפת כחן של בני אדם, שהיא קשה כספיר הזה. ר׳ יודן ור׳ פנחס (ר׳ יודן) אמר[י]: אי תימר שהספיר הזה רך הוא, בא וראה: מעשה באדם אחד שהביא ספיר אחד ברומי למכרו. אמר הלוקח: „על מנת לבדוק אותו נבחין אותו לשבור ממנו חתיכה קטנה.״ נתנו על הסדן, התחיל מכה עליו בפטיש. נבקע הפטיש ונחלק הסדן, והספיר במקומו ולא חסר. הה״ד: מעולפת בספירים. א״ר אבא בר ממל: אם נתעלף אדם בדברי תורה והלכה, סוף שנעשה בהם [ספיר. ר׳ יצחק אמר: כל מי שהוא נעשה ספיר בדברי תורה, סוף שהוא נעשה בהם] קסם. ורבנן אמרין: כל מי שנעשה קסם בדברי תורה, סו שהוא נעשה בהם מלך; המד״א (משלי טז): קסם על שפתי מלך.

איטלעכער וואָס ווערט אַ סאַפּיר דורך דברי תורה, וועט לסוף ווערן דורך זיי] אַ צויבערשפּרעכער.[21] און די רבנן זאָגן: איטלעכער וואָס ווערט אַ צויבערשפּרעכער דורך דברי תורה, וועט לסוף ווערן דורך זיי אַ מלך;[22] דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (משלי טז, י): קסם — אַ צויבערשפּרוך איז אויף די ליפּן פונעם מלך.

נוסח פאַרקערט. [19] נתעלף — מעולפת. [20] צוערשט מעולפת, פאַרשלאָפט, שפּעטער — כספירים, ווי סאַפּירשטיינער (ווי ס׳וואָלט געשטאַנען כספירים). [21] ווי פון אַ צויבערשפּרעכער, אַזוי וועלן אַלע דערוואַרטן פון אים ענטפערס אויף האַרבע שאלות. — צוגאָב לויט אות אמת; אָן דעם פעלט די לאָגישע פאַרבינדונג מיטן פּסוק (אין דער שפּערלינג אויסגאַבע, לעמבערג, 1859, שטייט אַנשטאָט קסם — ספיר, איז קלאָר, אַז דאָ פעלן די ווערטער פון ר׳ יצחקן, וואָס פירן לאָגיש צו די רייד פון די רבנן). [22] זע גיטין סב, א: „פון וואַנען געמסטו, אַז רבנן ווערן גערופן מלכים?״ — — — „ווייל עס שטייט געשריבן (משלי ח, טו) בִּי — דורך מיר טוען מלכים קיניגן.״

## יג

צו ר׳ אלעזר בר׳ שמעונס פאָטער זיינען געקומען איזל־טרייבערס צו קויפן תבואה אין שטאָט. האָבן זיי אים געזען[1] זיצנדיק ביים אויוון, און זיין מאַמע האָט אַרויסגענומען [געבעקס פון אויוון] און ער האָט עס אויפגעגעסן, זיין מאַמע האָט אַרויסגענומען און ער האָט אויפגעגעסן, ביז ער האָט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע געבעקס. האָבן זיי געזאָגט: „ווי, אַ בייזע שלאַנג געפינט זיך אין דעם דאַזיקנס געדערעם; ס׳קוקט אויס, אַז ער וועט ברענגען אַ הונגער אויף דער וועלט.״ ער האָט געהערט ווי זיי רעדן, און ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען קויפן זייער סחורה האָט ער גענומען זייערע איזלען און זיי אַרויפגעבראַכט אויפן דאַך. זיינען זיי געקומען נאָך זייערע איזלען און האָבן זיי ניט געפונען. האָבן זיי אויפגעהויבן די אויגן און דערזען, אַז זיי זיינען אויפן דאַך. זיינען זיי אַוועק צו זיין פאָטער און אים דערציילט די מעשה. האָט ער געזאָגט צו זיי: „אפשר האָט ער געהערט פון אייך אַ שלעכט וואָרט?״ האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ניין, האַר, נייערט אַזוי און אַזוי איז געווען די מעשה.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: „פאַרוואָס האָט איר געוואָרפן אויף אים אַ בייז אויג, אַ ניט־פאַרגינערישן? צי האָט ער אייערס געגעסן אָדער זענט איר מחוייב אים צו שפּייזן? צי האָט ניט דער וואָס האָט אים באַשאַפן אויך באַשאַפן פאַר אים זיין שפּייז? פונדעסטוועגן גייט און זאָגט אים אין מיין נאָמען, און ער וועט זיי אייך אַראָפּברענגען.״ דער צווייטער וואונדער איז געווען גרעסער פונעם ערשטן; ווען ער האָט זיי אַרויפגעבראַכט, האָט ער זיי אַרויפגעבראַכט איינציקווייז; אַרונטערגעבראַכט האָט ער זיי צווייקווייז. אָבער זינט ער האָט זיך פאַרטאָן אין לערנען, האָט ער אפילו זיין טלית ניט געקענט פאַרטראָגן, און ס׳איז מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט: פאַרשלאַפט דורך סאַפּירשטיינער.[2]

רבן גמליאל האָט געהאַט איינעם אַ בן־בית, וואָס איז געווען געוואוינט צו נעמען אַ קאַרב מיט פערציק סאה [מעל] און עס אַוועקטראָגן צום בעקער. האָט ער אים געזאָגט: „אַזאַ כוח האָסטו, און דו לערנסט ניט קיין תורה?״ ווי ער האָט זיך פאַרטאָן אין תורה, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן טראָגן דרייסיק סאה, און צוואַנציק, און צוועלף, און אַכט. אַז ער האָט געענדיקט אַ ספר, האָט ער אפילו קיין קאַרב פון איין סאה ניט געקענט טראָגן. און אַנדערע זאָגן: אפילו זיין הילע האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן, נייערט אַנדערע פלעגן עס אַראָפּנעמען פון אים, וואָרום ער האָט עס ניט געקענט טאָן, און ס׳איז מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט: פאַרשלאַפט דורך סאַפּירשטיינער.

יג. [1] געביטן לויט פסיקתא דרב כהנא, פיסקא י. [2] פאַרשלאַפט דורך דער תורה, וואָס איז האַרט ווי סאַפּיר (ווי אויבן, יב). — נאָך מעשיות וועגן ר׳ אלעזרס פיזישער פעטקייט און שטאַרקייט, איינע אין שייכות מיט אליהו הנביא, וואָס האָט אים באַוואויגן צו לערנען תורה, זע פסיקתא דר׳ כהנא, דאָרט; בבא מציעא פג—פד.

יג

ר׳ אלעזר בר׳ שמעון אתוי חמרייא גבי אבוי למיזבן עיבור מן קרייתא (המונייא). [חמוניה] יתיב גבי תנורא, אמיה נסחא והוא אכיל, אמיה נסחא והוא אכיל, עד דאכיל כל אצוותא. אמרין: „וי, חיווא בישא שריא במיעני דהדין: דומה, שזה מביא רעבון לעולם.״ שמע קולהון: מדנפקון למזבן טעניהון, נסב חמריהון ואסיקון לאגרא. אתון תבעון חמריהון, ולא אשכחון יתהון. תלון עיניהון וחמון יתהון יהיבין באגרא. אזלון גבי אבוי, תנון ליה עובדא. אמר לון: „דלמא מילה בישא אשמעתוניה?״ אמרין ליה: „לא, מרי, אלא כן וכן הוה עובדא.״ אמר לון: „ולמה הכנסתם בו עין רעה וצרה? איפשר דמן דדכון הוה אכיל? או עליכון אינון מזוניו? לא ההוא דברייה ברא ליה מזוני? אעפ״כ אזילו ואמרון ליה מן שמי, והוא מחית לכון.״ הנס האחרון היה קשה מן הראשון: מן מסקן להון הוה מסיק להון חד-חד; מן נחית להון — תרי-תרי. וכיון שנתעסק בתורה, אפילו טליתו לא היה יכול לסבול, לקיים מה שנאמר: מעולפת ספירים.

בן בית אחד היה לו לרבן גמליאל, והיה למוד להיות נוטל קופה של ארבעים סאה ומוליכה אצל הנחתום. א״ל: „כל הדין חילא טבא אית בך, ולית את עסיק באורייתא?״ כיון שנתעסק בתורה התחיל להיות נוטל של שלשים, של עשרים, של שנים עשר, של שמונה סאים. כיון דגמר ספרא, אפילו קופה של סאה לא היה יכול לסבול. ואית דאמרי: אפילו סבניה לא הוה יכול למיסבל, אלא אחרנין מעברין ליה מעילווי, דהוא לא היה יכול, לקיים מה שנאמר: מעולפת ספירים.

יד

(טו) שוקיו עמודי שש. שוקיו, זה העולם. עמודי שש, שהוא מיוסד לששה ימים, דכתיב (שמות כ): כי ששת ימים עשה ה׳, וגו׳; מיוסדים על אדני פז, אלו פרשיותיה של תורה, שנדרשות

---

יד

(טו) שוקיו — זיינע שענקלען זיילן פון מירמל. זיינע שענקלען, דאָס איז די וועלט, וואָס איז גרונטגעפעסטיקט געוואָרן אין זעקס טעג[1], ווי אי פסוק שטייט (שמות כ, יז): כי — וואָרום אין זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט — — — געגרונטפעסטיקט אויף שוועלן פון גינגאָלד, דאָס זיינען די פרשיות

פון דער תורה, וואָס ווערן געדרשנט מיטן פריערדיקן און מיטן ווייטערדיקן. און צו וואָס זיינען זיי געגליכן? צו אַ זייל וואָס האָט אַ געשטעל פון אונטן און אַ זיילנקאָפּ[2] פון אויבן, אַזוי ווערן די פרשיות פון דער תורה געדרשנט מיטן פריערדיקן און מיטן ווייטערדיקן. מיטן פריערדיקן — פון וואַנען איז געדרונגען? דער פסוק זאָגט (ויקרא יט, כ): ואיש — און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ פרוי אַ ליגונג פון זרע; וואָס שטייט נאָך דעם? (פסוק כג): וכי תבואו — און אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד און איר וועט פלאַנצן כלערליי פרוכטביימער, — וואָס־זשע האָט עס צו טאָן איינס מיטן צווייטן? נייערט וויבאַלד ער פאַלעט מיט אים,[3] גייט ער און ווערט [היימיש] מיט זיינע באַדינערס; און וויבאַלד ער ווערט אַ יוצא ונכנס ביי אים אין הויז, פאַלט אויף אים דער חשד [אַז ער האָט צו טאָן] מיט זיין דינסט. זאָגט ער: „בין איך ניט שולדיק אַ קרבן־חטאת?[4] בין איך ניט שולדיק אַ קרבן־אשם? וועל איך ברענגען אַ קרבן־חטאת, וועל איך ברענגען אַ קרבן־אשם.״ ר׳ יודן האָט געזאָגט פון ר׳ לויס וועגן: די וואָס זיינען זיך מתיר מיט די דינסטן אויף דער וועלט, זיינען אָנגעברייט געהאַנגען צו ווערן אויף זייערע קאָפּ־שפּיצן אויף יענער וועלט. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים סח, כב): אך — פאַרוואָר, גאָט וועט דערשלאָגן דעם קאָפּ פון זיינע שונאים, דעם האָריקן שאַרבן פון דעם וואָס גייט אום אין זיינע זינד, — וואָס מיינט: גייט אום אין זיינע זינד? מיט אים איז זיין זינד; מע זאָגט: „זאָל דער דאָזיקער מענטש אומגיין אין זיין זינד.״ און זיי ווערן געדרשנט מיטן ווייטערדיקן — ווי אַזוי? אין פסוק שטייט (ויקרא יט, כג): שלש — דריי יאָר זאָל עס אייך זיין ווי ערלה,[5] עס זאָל ניט געגעסן ווערן; וואָס שטייט נאָך דעם? (פסוק כו) לא תאכלו — איר זאָלט ניט עסן מיטן בלוט; איר זאָלט ניט צויבערן — — —, הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויף ערלה וואַרטסטו דריי יאָר; זאָלסטו ניט וואַרטן אויף דייך ווייב ביז זי ווערט ריין פון איר אומריינקייט?[5א] אויף ערלה וואַרטסטו דריי יאָר; זאָלסטו ניט וואַרטן אויף דיין [געשאָכטענער] בהמה ביז איר בלוט ווערט אין גאַנצן אויסגעדריקט?״

און ווער האָט [דער ערשטער] מקיים געווען די מצווה פון בלוט? שאול איז געווען דער ערשטער מקיים צו זיין די מצווה פון בלוט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (שמואל א, יד, לג—לד): ויגידו — האָט מען אָנגעזאָגט שאולן, אַזוי צו זאָגן: אָט זינדיקט דאָס פאָלק צו עסן מיטן בלוט. — — — האָט שאול געזאָגט: צעשפּרייט זיך אין פאָלק און זאָגט צו זיי: ברענגט אַהער צו מיר איטלעכער זיין אָקס און איטלעכער זיין שעפּס, און איר זאָלט שעכטן — בזה, מיט דעם,[6] און עסן. וואָס מיינט בזה? די רבנן זאָגן: ער האָט זיי געוויזן אַ מעסער פון פערצן [פינגער] די לענג;[7] די בית איז צוויי, די זיין — זיבן, די הא — פינף, האָסטו פערצן. ער האָט געזאָגט צו זיי: „אָט אויף דעם אופן זאָלט איר שעכטן און עסן.״ און ווען האָט אים הקדוש ברוך הוא צוריקגעצאָלט? אין דער מלחמה מיט די פלשתים, ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, יג, כב): והיה — און ס׳איז געווען, אַז אין טאָג פון מלחמה האָט זיך

לפניהם ולאחריהם. ולמה הן דומות? לעמוד זה שיש לו בסיס מלמטן (וקיפלורוסים) [וקיפליס] מלמעלן, כך פרשיות התורה נדרשות לפניהם ולאחריהם. לפניהם מניין? שנאמר (ויקרא יט): ואיש כי ישכב את אשה שכבת זרע; מה כתיב בתריה? וכי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל, — וכי מה ענין זה לזה? אלא משהוא מנכיש [עמיה], הוא אזיל ומתעביד ברביי; מתוך שהוא נכנס ויוצא לתוך ביתו, הוא נחשד על שפחתו. אמר: „לא חטאת אני חייב? ולא אשם אני חייב? חטאת אני מביא, אשם אני מביא." ר' יודן אמר בשם ר' לוי: אלו שנוהגין היתר בשפחות בעולם הזה, עתידים הם להתלות בקדקדי ראשיהן לעתיד לבא. הה"ד (תהלים סח): אך אלהים ימחץ ראש אויביו, קדקד שער מתהלך באשמיו, — מהו מתהלך באשמיו? עמיה חובוי; אמרי: „יזיל האי גברא בחובוי." ונדרשות לאחריהן — כיצד? דכתיב (ויקרא יט): שלש שנים יהיה לכם ערלים, לא יאכל; מה כתיב בתריה? לא תאכלו על הדם; לא תנחשו, וגו'; — אמר הקב"ה: „לערלה אתה ממתין שלש שנים, ולאשתך אי אתה ממתין עד שהיא מטהרת מנדתה? לערלה אתה ממתין שלש שנים, ולבהמתך אי אתה ממתין שיתמצה דמה?"

ומי קיים מצות הדם? שאול התחיל לקיים מצות הדם; הה"ד (שמואל א, יד): ויגידו לשאול לאמר: הנה העם חוטאים לה' לאכל על הדם — — — ויאמר שאול: פצו בעם ואמרתם להם: הגישו אלי איש שורו ואיש שיו ושחטתם בזה ואכלתם. מהו בזה? רבנן אמרין: סכין בר ארבע עשרה [אצבעות] הראה להם: הבי"ת — תרתי, זיי"ן — שבעה, ה"א — חמשה, הרי ארבעה עשר. אמר להם: „כסדר הזה היו שוחטים ואוכלים." ואימתי פרעו לו הקב"ה? במלחמת פלשתים, דכתיב (שם יג): והיה ביום מלחמת,

יד. [1] שש (שיש) — מירמל, שש — זעקס. [2] ענדערונג לויט ויקרא רבה כה, ח (זע יאַסטראָוו). [3] מיטן בעל הבית, וואָס באַשעפטיקט אים ביי פלאַנצןביימער. — צוגאָב לויט ויקרא רבה. [4] לויטן פסוק איז דאָ קרבן־חטאת ניט אין פלאַץ (זע מהרז"ו, ויקרא רבה דאָרט). [5] ערלים, אומבאַשניטענע, — פירות פון די ערשטע דריי יאָר, וואָס ס'איז פאַרבאָטן צו עסן. [5א] איר זאָלט ניט עסן מיטן בלוט ווערט דאָ גענומען ווי אַ רמז אויפן פאַרבאָט ניט צו לעבן מיט דער פרוי אין צייט פון איר בלוטיקן. [6] לויטן דרש. [7] צוגע־געבן לויט מדרש שמואל יז (און ניט ווי סאָנטשינאָ, וואָס טייטשט: פערצן האַנטברייטן).

ניט געפונען קיין שווערד און קיין שפיז אין דער האַנט פון דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט שאולן און מיט יונתן; אָבער ס'האָט זיך געפונען ביי שאולן — — — ס'האָט זיך ניט געפונען, **און דו זאָגסט: אָבער ס'האָט זיך געפונען! טאָ ווער האָט עס אים צוגעשטעלט?**[8] **ר' חגי פון ר' יצחקס וועגן: אַ מלאך האָט עס אים צוגעשטעלט. און די רבנן זאָגן: הקדוש ברוך הוא האָט עס אים צוגעשטעלט.**

עס שטייט געשריבן דאָרט, יד, לה): ויבן שאול — און שאול האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט; מיט אים האָט ער אָנגעהויבן צו בויען [מזבחות צו גאָט], — **אָבער וויפיל מזבחות האָבן געבויט די פאַרצייטיקע! נוח האָט געבויט אַ מזבח,**[9] **אברהם האָט געבויט אַ מזבח,**[10] **יצחק האָט געבויט אַ מזבח,**[11] **יעקב האָט געבויט אַ מזבח,**[12] **משה האָט געבויט אַ מזבח,**[13] **יהושע האָט געבויט אַ מזבח,**[14] — **און דו זאָגסט:** מיט אים האָט ער אָנגעהויבן צו בויען![15] **נייערט** מיט אים האָט ער אָנגעהויבן **ווי דער ערשטער פון די מלכים. ר' יודן האָט געזאָגט: ווייל ער האָט זיך מיטן גאַנצן לעבן איבערגעגעבן דער דאָזיקער זאַך,**[17] **פאַררעכנט אים דער פסוק, ווי ער וואָלט** עס אָנגעהויבן צו בויען מזבחות צו גאָט.

ר' שמעון בר' יוסי בר לאָקוניא: **אויף דער וועלט טרעפט, אַז אַ מענטש בויט אַ בנין, און אַן אַנדערער פאַרניצט אים;**[18] **אַ מענטש פלאַנצט אַ בוים, און אַן אַנדערער עסט פון אים. אָבער לעתיד לבוא — וואָס שטייט געשריבן** (ישעיה סה, כב—כג): לא יבנו — זיי וועלן ניט בויען און אַן אַנדערער זאָל באַוואוינען, זיי וועלן ניט פלאַנצן, און אַן אַנדערער זאָל עסן — — —; זיי וועלן זיך ניט מיען אומנישט און וועלן ניט געבערן אויף בהלה, וואָרום קינדער געבענטשטע פון גאָט זיינען זיי — — —. (דאָרט סא, ט) און באַוואוסט צווישן די פעלקער וועלן זיין זייערע קינדער, און זייערע נאָכשפּראָצן צווישן די אומות; אַלע וואָס וועלן זיי זען, וועלן זיי דערקענען, וואָרום זיי זיינען די קינדער וואָס גאָט האָט געבענטשט.[19]

ולא נמצא חרב וחנית ביד כל העם אשר את שאול ואת יונתן; ותמצא לשאול, **וגו׳,** — ולא נמצא, **ואת אמרת:** ותמצא! **ומי המציאה לו? ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק: מלאך המציאה לו. ורבנן אמרי: הקב״ה המציאה לו.**

**כתיב** (שם יד): ויבן שאול מזבח לה׳; אותו החל לבנות, **וגו׳,** — **וכמה מזבחות בנו ראשונים! נח בנה מזבח, אברהם בנה מזבח, יצחק בנה מזבח, יעקב בנה מזבח, משה בנה מזבח, יהושע בנה מזבח — ואת אמרת:** אותו החל לבנות! **אלא** אותו החל **להיות ראש למלכים. א״ר יודן: לפי שנתן נפשו על הדבר הזה, העלה עליו הכתוב, כאילו** אותו החל לבנות מזבח לה׳.

**ר׳ שמעון בר׳ יוסי בר לקוניא: לפי שבעולם הזה אדם בונה בנין, ואחר** (מכלה) [מבלה] **אותו; אדם נוטע נטיעה, ואחר יאכל אותה. אבל לעתיד לבא מה כתיב?** (ישעיה סה): לא יבנו ואחר ישב, לא יטעו ואחר יאכל, **וגו׳;** לא יגעו לריק ולא ילדו לבהלה, כי זרע ברוכי ה׳ המה, **וגו׳.** (שם סא) ונודע בגוים זרעם, וצאצאיהם בתוך העמים; כל רואיהם יכירום, כי הם זרע ברך ה׳.

---

[8] המציאה — ותמצא. [9] בראשית ח, כ. [10] דאָרט יב, ז. [11] דאָרט כו, כה. [12] דאָרט לג, כ. [13] שמות יז, טו. [14] יהושוע ח, ל. [15] ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער עס צו טאָן. [16] וואָס האָבן געבויט מזבחות. [17] דעם ענין פון כשרער שחיטה. [18] עמענדירט לויט ויקרא רבה סוף כה. [19] די פסוקים ווערן דאָ געבראַכט אין איינקלאַנג מיט דער טראַדיציע פון די דרשנים צו פאַרענדיקן אַן ענין מיט ווערטער פון טרייסט און ברכה (יפה קול).

# פרשה ו

## א 1

(טז) חכו — זיין גומען איז זיסקייטן. אין פסוק שטייט (עמוס ה, ד): כי — ווארום אזוי האט גאט געזאגט צום הויז פון ישראל: זוכט מיך און לעבט — איז דען פאראן א גומען נאך זיסער פון דעם?[2] אין פסוק שטייט (יחזקאל לג, יא): חי אני — ווי איך לעב, זאגט גאט דער האר, אויב איך טו באגערן דעם טויט פון דעם רשע, — איז דען פאראן א גומען נאך זיסער פון דעם? (דארט יח, לב): כי — ווארום איך טו ניט באגערן דעם טויט פון דעם וואס שטארבט, זאגט גאט דער האר; קערט אייך אום און בלייבט לעבן, — איז דען פאראן א גומען נאך חשובער און זיסער פון דעם? (דארט, פסוק כז): ובשוב — און אז דער רשע קערט זיך אפ פון זיין שלעכטס — — — און ער טוט רעכט און גערעכטיקייט, ראטעווועט ער אפ זיין נפש, — איז דען פאראן א גומען נאך זיסער פון דעם? ריש לקיש האט געזאגט: אבער בתנאי, אז ער האט חרטה אויפן פריערדיקן. ווי אזוי א שטייגער? ר' שמעון בן יוחאי האט געלערנט: א מענטש וואס איז זיין גאנץ לעבן געווען א רשע גמור, און איז לסוף געווארן א צדיק גמור, אויף אים זאגט דער פסוק (דארט לג, יב): ורשעת — און דאס שלעכטס פון דעם רשע, דורך דעם וועט ער ניט געשטרויכלט ווערן אין דעם טאג וואס ער קערט זיך אפ פון זיין שלעכטס — — —. ר' יוחנן האט געזאגט: און ניט דאס אליין, נייערט אלע עבירות וואס ער האט געטאן וועט הקדוש ברוך הוא אים פאררעכענען ווי א זכות; דאס איז ווי אין פסוק שטייט (תהלים מה, ט): מור — מירע און אלאעו, קאנייל זיינען אלע דיינע קליידער, — אלע דיינע פעלשונגען[2א] וואס דו האסט געפעלשט אין מיר זיינען פאר מיר ווי מירע און אלאען."

מיר האבן געלערנט:[3] ווי אלט איז אברהם געווען, ווען ער האט דערקענט זיין באשעפער? ר' חנינא און ר' יוחנן זאגן ביידע: צו אכט און פערציק יאר האט אברהם דערקענט זיין באשעפער.[4] ר' שמעון בן לקיש האט געזאגט: דריי יאר איז ער אלט געווען, ווי דער פסוק זאגט (בראשית כו, ה): עקב — דערפאר וואס אברהם האט זיך צוגעהערט צו מיין קול, — לויטן באטרעף פון עקב.[5] ר' לוי האט געזאגט: [ער האט דערקענט זיין באשעפער] ווען ער האט גענומען אויפהייבן זיין פוס־טריט[6] פון דער ערד.

---

א. [1] לעולם דארף זיך פרשה ו אנהייבן ווייטער, מיטן סימן ה, און אזוי איז עס אין דער שפערלינג אויסגאבע, לעמבערג 1859 (און שפעטער אויך ווארשע און קאנטשינא);

# פרשה ו

## א

(טז) חכו ממתקים. **כתיב** (עמוס ה): כי כה אמר ה׳ לבית ישראל: דרשוני וחיו, — **יש לך חיך גדול מתוק מזה? כתיב** (יחזקאל לג): חי אני, נאם ה׳ אלהים, אם אחפוץ במות הרשע, **וגו׳ — יש לך חיך גדול מתוק מזה?** (שם יח) כי לא אחפוץ במות המת, נאם ה׳ אלהים, והשיבו וחיו, — **יש לך חיך גדול מתוק מזה?** (שם) ובשוב רשע מרשעתו, — — — ויעש משפט וצדקה, הוא את נפשו יחיה, **— יש לך חיך גדול מתוק מזה? אמר ריש לקיש: ובלבד בתוהה על הראשונות. הא כיצד? תני ר׳ שמעון בן יוחאי: הרי שהיה אדם רשע גמור כל ימיו, ובסוף נעשה צדיק גמור, עליו הכתוב אומר** (שם לג): ורשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו, **וגו.׳ א״ר יוחנן: ולא עוד, אלא שכל עבירות שעשה, הקב״ה מונה אותן לו זכות; הה״ד** (תהלים מה): מור ואהלות, קציעות כל בגדותיך, — **„כל הבגידות שבגדת בי הרי הן כמור ואהלות לפני.״**

**תני: בן כמה שנים הכיר אברהם את בוראו? ר׳ חנינא ור׳ יוחנן תרויהון אמרין: בן מ״ח שנה הכיר אברהם את בוראו. ר׳ שמעון בן לקיש אמר: בן שלש שנים היה, שנאמר** (בראשית כו): עקב אשר שמע אברהם בקולי, מנין עקב. **א״ר לוי: כד אתא מיתלי עקבא מן ארעא.**

---

אַזוי ווי אָבער אַלע הײנטצײטיקע אויסגאַבעס באַצײכענען דאָ, משמעות איבער עמעצנס אַ טעות, דעם אָנהייב פון פרשה ו, האַלטן מיר זיך אויך, צוליב דער באַקוועמלעכקייט פונעם לערנער, בײ דער דאָזיקער אײנטײלונג. [2] נאָר גאָטס מויל האָט געקענט אַרויס־ברענגען אַזעלכע חשובע און זיסע ווערטער. [2]א בגידותיך, אַנשטאָט בגדותיך, ווי אין פסוק. [3] זע ש. דונסקי, אסתר רבה ו, ג, באַמ. 1. [4] און ניט קוקנדיק אויף זיין פריער־דיקער געצנדינערײ, האָט ער דאָך זוכה געווען צו זיין שפּעטערדיקער הויכער מדרגה, — אַ ראיה צום אויבנגעזאָגטן (רד״ל). [5] די אותיות פון עקב באַטרעפן 172, — אַזוי פיל יאָרן האָט ער זיך צוגעהערט צו גאָטס קול, און אַזוי ווי ער האָט געלעבט 175 יאָר (בראַשית כה, ז), האָט ער צו דרײ יאָר דערקענט זיין באַשעפער. [6] עקב: ווען ער האָט אָנגע־הויבן גײן, אין אַ זײער פריען עלטער.

ב

ר׳ שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: אין דריי ערטער האָט הקדוש ברוך הוא זיך מתווכח געווען מיט ישראל, און די אומות פון דער וועלט האָבן זיך געפרייט אַ גרויסע פרייד, אָבער לסוף זיינען זיי אָוועק מיט בושה. בשעת דער נביא האָט געזאָגט צו זיי (ישעיה א, יח): לכו נא — קומט נאָר און לאָמיר זיך מתווכח זיין, זאָגט גאָט, האָבן די אומות פון דער וועלט זיך דערפרייט. זיי האָבן געזאָגט: „ווי קאָנען זיי זיך מתווכח זיין מיט זייער באַשעפער? און ווער קען פירן אַ וויכוח מיט זיין באַשעפער? אַצינד וועט ער זיי פאַרלענדן פון דער וועלט.״ וויבאַלד הקדוש ברוך הוא האָט געזען· אַז די אומות פון דער וועלט פרייען זיך, האָט ער זיי עס פאַרביטן צום גוטן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): אם — אויב אייערע זינד וועלן זיין ווי קאַרמין, וועלן זיי ווייס ווערן ווי שניי; אויב זיי וועלן זיין רויט ווי ווערמילאָן, וועלן זיי ווערן ווי [ווייסער] וואָל. האָבן זיך די אומות פון דער וועלט געוואונדערט און געזאָגט: „איז דאָס אַן אָפּענטפערונג, און איז דאָס אַ פירוואָרף? נייערט ער קומט ניט אַנדערש ווי צו פאַרשפילן זיך מיט זיינע קינדער.״ — בשעת הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט (מיכה ו, ב): שמעו — הערט, איר בערג, דעם קריג פון גאָט, און איר מאַכטיקע· די גרונטפעסטן פון דער ערד — — — און מיט ישראל וועט ער זיך מתווכח זיין, האָבן די אומות פון דער וועלט זיך דערפרייט. זיי האָבן געזאָגט: „ווי קאָנען זיי זיך מתווכח זיין מיט זייער באַשעפער? און ווער קען פירן אַ וויכוח מיט זיין באַשעפער? אַצינד וועט ער זיי פאַרלענדן פון דער וועלט.״ וויבאַלד הקדוש ברוך הוא האָט געזען די שמחה פון די אומות פון דער וועלט· אַזוי האָט ער זיי עס פאַרביטן צום גוטן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוקים ג, ה): עמי — מיין פאָלק, וואָס האָב איך דיר געטאָן, און מיט וואָס האָב איך דיך מיד געמאַכט? זאָג עדות קעגן מיר. — — — מיין פאָלק, געדענק אָקאָרשט, וואָס בלק דער מלך פון מואב האָט באַראָטן — — —. האָבן די אומות זיך געוואונדערט און געזאָגט: וואָס איז דאָס? ער קומט ניט אַנדערש, נייערט צו פאַרשפילן זיך מיט זיינע קינדער.״ און בשעת דער נביא האָט געזאָגט (הושע יב, ג): וריב — און אַ קריג האָט גאָט מיט יהודה, און [ער איז אָנגעברייט] זיך צו רעכענען מיט יעקב, האָבן די אומות פון דער וועלט זיך דערפרייט. זיי האָבן געזאָגט: „ווי קאָנען זיי ביישטיין פאַר זייער באַשעפער? און ווער קאָן זיך קריגן מיט זיין באַשעפער? אַצינד וועט ער זיי פאַרלענדן פון דער וועלט.״ וויבאַלד הקדוש ברוך הוא האָט געזען די שמחה פון די אומות פון דער וועלט, האָט ער זיי עס פאַרביטן צום גוטן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט פסוק ד): בבטן — אין בויך האָט ער אָנגעכאַפּט זיין ברודער ביים טריט — — —.

ר׳ יודן האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ פרוי אַן אלמנה, וואָס האָט זיך געקלאָגט אויף איר זון פאַרן שופט. וויבאַלד זי האָט געזען דעם שופט ווי ער משפט מיט פייער און מיט פעך, מיט אַלערליי שטראָפן, און מיט קאַנטשיקעס, אַזוי האָט זי געזאָגט: „אויב איך וועל לאָזן וויסן דעם שופט

ב

**א״ר שמואל בר נחמן: בשלשה מקומות נתוכח הקב״ה עם ישראל, ושמחו אומות העולם שמחה גדולה, ולבסוף יצאו בבושת פנים. בשעה שאמר להם הנביא** (ישעיה א): לכו נא ונוכחה, יאמר ה׳, **שמחו אומות העולם. אמרו: „היאך הן יכולין להתוכח עם בוראן? ומי יוכל לווכח עם בוראו? עכשיו הוא מכלה אותם מן העולם.״ כיון שראה הקב״ה, שאומות העולם שמחים, הפכה להם לטובה, שנאמר** (שם): אם יהיו חטאיכם כשנים, כשלג ילבינו; אם יאדימו כתולע, כצמר יהיו. **תמהו אומות העולם ואמרו: „זו תשובה וזו תוכחה? אלא לא אתא אלא להתפוגגה עם בנוי.״ בשעה שאמר הקב״ה** (מיכה ו): שמעו הרים את ריב ה׳, והאיתנים מוסדי ארץ, וגו׳, ועם ישראל יתוכח, **שמחו אומות העולם. אמרו: „היאך הן יכולין להתוכח עם בוראן? ומי יוכל לווכח עם בוראו? עכשיו הוא מכלה אותם מן העולם.״ כיון שראה הקב״ה שמחתן של אומות העולם, הפכה להם לטובה; הה״ד** (שם): עמי, מה עשיתי לך ומה הלאיתיך? ענה בי. — — — עמי, זכר נא, מה יעץ בלק מלך מואב, וגו׳. **תמהו האומות ואמרו: „היאך הוא זה? לא אתא אלא להתפוגגה עם בנוי.״ ובשעה שאמר הנביא** (הושע יב): וריב לה׳ עם יהודה ולפקוד על יעקב, וגו׳, **שמחו אומות העולם. אמרו: „היאך הן יכולין לעמוד בפני בוראן? ומי יכול לריב עם בוראו? עכשיו הוא מכלה אותם מן העולם.״ כיון שראה הקב״ה שמחתן של אומות העולם, הפך להם לטובה, שנאמר** (שם): בבטן עקב את אחיו, וגו׳.

**א״ר יודן: לאשה אלמנה שהיתה קובלת על בנה לדיין. כיון דחמאה דיינא דהוא דאין בנור ובזפת, בדינין ומגלבין, אמרה: „אין אנא מודע ליה לדיינא סורחנין דברי, קטיל ליה.״ כיון דאחסל, אמר לה: „איינוי בריך?״ א״ל: „מה סרח עליך הדין בריך?״ אמרה ליה: „מרי, כד הוה במעיי, הוה בעט בי.״ א״ל:**

---

די פאַרברעכנס פון מיין זון, וועט ער אים אַוועקהרגענען.״ ווען ער האָט גע־ ענדיקט [מיט די אַנדערע], האָט ער געזאָגט צו איר: „איז דאָס דיין זון?״ און ער האָט געזאָגט: „מיט וואָס האָט דיין זון זיך פאַרזינדיקט קעגן דיר?״ האָט זי געזאָגט צו אים: „מיין האַר, ווען ער איז געווען אין מיינע געדערעם, פלעגט ער מיך בריקען.״ האָט ער געזאָגט צו איר: „אויף דעם איז ניטאָ קיין

משפט.״ דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט: אין בויך האָט ער אָנגעכאַפּט זיין ברודער ביים טריט. ר׳ אלעזר בר׳ סימון האָט געזאָגט: דער גאָט פון יעקב אבינו האָט אים צוגעטיילט[1] כבוד.

ג

חכו — זיין גומען איז זיסקייטן. ר׳ עזריה און ר׳ אחא האָבן געזאָגט פון ר׳ יוחננס וועגן: בשעת ישראל האָט געהערט ביים סיני דאָס וואָרט אנכי, איך׳ איז זיי די נשמה אַרויס; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דברים ה, כב) — אם יוספים — אויב מיר וועלן ווייטער הערן — — — [וועלן מיר שטאַרבן]; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שיר השירים ה, ו): נפשי — מיין נשמה איז אויסגעגאַנגען ווען ער האָט גערעדט.[1] האָט זיך דאָס וואָרט אומגעקערט צו הקדוש ברוך הוא און געזאָגט: „ריבונו של עולם! דו לעבסט אייביק און דיין תורה לעבט אייביק, אָבער מיך האָסטו געשיקט צו טויטע, — זיי זיינען אַלע טויט!״ דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געצומען און זיי באַזיסט דאָס וואָרט; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (תהלים כט, ד): קול ה׳ — דאָס קול פון גאָט איז מיט מאַכט, דאָס קול פון גאָט איז מיט שיינקייט.[2] ר׳ חמא האָט געזאָגט: דאָס קול פון גאָט איז מיט מאַכט פאַר די יונגע; דאָס קול פון גאָט איז מיט שיינקייט פאַר די שוואַכע.[3] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: די תורה וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געגעבן צו ישראל האָט זיי אומגעקערט זייערע נשמות; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט יט, ח): די תורה פון גאָט איז גאַנץ, זי קערט אום די נשמה.[4]

ד

אַן אַנדער פּשט: זיין גומען איז זיסקייטן, — [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס האָט שאַרף גערעדט[1] קעגן זיין זון; האָט דער זון מורא געקראָגן, און די נשמה איז אים אַנטגאַנגען. וויבאַלד דער מלך האָט געזען, אַז די נשמה איז אים אַנטגאַנגען, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן אים גלעטן און קושן און איינרעדן, און זאָגן צו אים: „וואָס איז מיט דיר? ביסטו ניט מיין איין־און־ איינציקער? בין איך ניט דיין פאָטער?״ אַזוי, ווען הקדוש ברוך הוא האָט אַרויסגערעדט: אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט, אַזוי איז זיי גלייך די נשמה אַרויס. ווי זיי זיינען געשטאָרבן, אַזוי האָבן די מלאכים אָנגעהויבן זיי גלעטן און קושן, און זאָגן צו זיי: „וואָס איז מיט אייך? האָט קיין מורא ניט, (דברים יד, א) בנים — קינדער זענט איר צו גאָט אייער גאָט.״ און הקדוש ברוך הוא האָט פאַרזיסט דאָס וואָרט אויף זיין גומען און געזאָגט צו זיי: „זענט איר ניט מיינע קינדער? איך בין גאָט אייער גאָט און איר זענט מיין פאָלק, באַליבט זענט איר מיר.״ און ער האָט זיי אָנגעהויבן איינצורעדן, ביז זייער נשמה האָט זיך אומגעקערט, און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך בעטן ביי אים;[2] דאָס מיינט: זיין גומען איז זיס־

ב. [1] ר׳ אלעזרס מימרא איז געבויט אויפן סוף פון יענעם פּסוק: ובאונו שרה את האלהים, טייטשנדיק אים: און מיט זיין קראַפט איז ער געוואָרן אַ שׂררה דורך גאָט (לויט יפה קול).

ג. [1] זע שבת פח, ב; שמות רבה כט: ד, ט. [2] צוערשט מיט כוח און נאָך דעם מיט

„לאו דינא הוא.״ הה״ד: בבטן עקב את אחיו. ר׳ אלעזר בר׳ סימון אמר: אלוהו של יעקב אבינו חלק לו כבוד.

ג

חכו ממתקים. ר׳ עזריה ור׳ אחא בשם ר׳ יוחנן אמרו: בשעה ששמעו ישראל בסיני אנכי, פרחה נשמתן; הה״ד (דברים ה): אם יוספים אנחנו לשמוע; הה״ד (שיר השירים ה): נפשי יצאה בדברו. חזר הדבור לפני הקב״ה ואמר: „רבש״ע! אתה חי וקיים ותורתך חיה וקיימת, ושלחתני אצל מתים, — כולם מתים!״ באותה שעה חזר הקב״ה והמתיק להם את הדיבור; הה״ד (תהלים כט): קול ה׳ בכח, קול ה׳ בהדר. אמר ר׳ חמא: קול ה׳ בכח לבחורים; קול ה׳ בהדר לתשישין. תני ר׳ שמעון בן יוחאי: תורה שנתן הקב״ה לישראל החזירה להם נפשותיהן; הה״ד (שם יט): תורת ה׳ תמימה, משיבת נפש.

ד

ד״א: חכו ממתקים, — למלך שדיבר כנגד בנו, ונתירא ונשמטה נפשו ממנו. כיון שראה המלך כך, שנשמטה נפשו, התחיל מגפף ומנשק אותו ומפתהו ואומר לו: „מה לך? לא בני יחידי אתה? לא אני אביך?״ כך כשדיבר הקב״ה: אנכי ה׳ אלהיך, מיד פרחה נשמתן. כיון שמתו, התחילו המלאכים מגפפין ומנשקין אותם ואומרין להם: „מה לכם? אל תיראו, (דברים יד) בנים אתם לה׳ אלהיכם.״ והקב״ה ממתיק בחכו הדבור ואומר להם: „לא בני אתם? אנכי ה׳ אלהיכם, עמי אתם, חביבין אתם לפני.״ והתחיל מפתה אותן, עד שחזרה נשמתן, והתחילו מבקשין מלפניו; הוי: חכו ממתקים. התחילה התורה מבקשת רחמים על ישראל מן הקב״ה; אמרה לפניו: „רבש״ע! יש מלך משיא בתו והורג את

---

קייטן. [אויך] די תורה האָט אָנגעהויבן בעטן ביי הקדוש ברוך הוא רחמים אויף ישראל; זי האָט געזאָגט פאַר אים: „ריבונו של עולם! קאָן אַ מלך חתונה מאַכן זיין טאָכטער און [אין דער זעלבער צייט] הרגענען זיין בן־בית? גאָר

---

שיינקייט. [3] פאַרגלייך שמות רבה ט, א, און תנחומא שמות, כה: גאָטס וואָרט איז געגעבן געוואָרן איטלעכן לויט זיין אויפנעם מעגלעכקייט. ווערטהיימער (בתי מדרשות א, שנב) האָט אַ נוסח: לישישים, פאַר אַלטע. [4] בוכשטעבלעך, לויטן דרש.

ד. [1] לויטן דרש, אַז וואו עס ווערט גענוצט דער אויסדרוק דבר, רעדן, מיינט עס שאַרפע דיבורים, — ילקוט במדבר, תשפה (אויף לא, א). [2] אַז ער זאָל ניט רעדן דירעקט

די גאַנצע וועלט פרייט זיך איבער מיר, און דיינע קינדער שטאַרבן!״ גלייך האָט זיך זייער נשמה אומגעקערט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט: די תורה פון גאָט איז גאַנץ, זי קערט אום די נשמה.

[וכולו — און ער אין גאַנצן איז גלוסטיקייטן.][3] ר׳ אחא און ר׳ תנחום בר׳ חייא אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: [אין פסוק שטייט] (יחזקאל כ, כ): ואת שבתותי — און מיינע שבתים זאָלט איר הייליקן, — מיט וואָס קאָנסטו הייליקן דעם שבת? הייליק אים מיט עסן, מיט טרינקען און מיט אַ ריינעם בגד, וואָרום אין פסוק שטייט (שמות לא, יג): כי — וואָרום אַ צייכן איז עס צווישן מיר און אייך אויף אייערע דור־דורות, כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך גאָט הייליק אייך,[4] איך גאָט בין באַגלייבט אייך צו באַצאָלן אַ גוטן שכר. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט: אויף דער וועלט פירט זיך, אַז ווען אַ מענטש טוט אַן אַרבעט פאַר אַ בעל־הבית, איז דערפאַר וואָס ער פאַרשמוצט זיך אין ליים, באַצאָלט אים יענער זיין שכר. אָבער הקדוש ברוך הוא איז ניט אַזוי, נייערט ער וואָרנט ישראל און ער זאָגט זיי: „פאַרמיאוסט זיך ניט מיט קיין שלעכטער זאַך, און איך וועל אייך געבן אַ גוטן שכר.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא יא, מג): אל תשקצו — איר זאָלט ניט פאַראומווערדיקן אייערע לייבער; (דאָרט יט, כח) ושרט — און קיין איינקריץ נאָך אַ געשטאָרבענעם זאָלט איר ניט מאַכן אין אייער לייב — — —איך בין גאָט, — איך גאָט בין באַגלייבט אייך צו באַצאָלן אַ גוטן שכר אויף יענער וועלט.

ר׳ יודן אין נאָמען פון ר׳ חמא בר׳ חנינא און ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ אבהו: עס שטייט געשריבן (דאָרט כ, כו): ואבדיל — און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער. וואָלט דער פסוק געזאָגט: „און איך האָב אָפּגעשיידט די פעלקער פון אייך,״ וואָלטן ישראלס שונאים מער קיין תקומה ניט געהאַט; נייערט און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער, וואָרום יענער וואָס קלייבט אָפּ דאָס שלעכטע פונעם גוטן, קערט זיך מער ניט אום ווידער אָפּצוקלייבן; אָבער דער וואָס קלייבט אָפּ דאָס גוטע פונעם שלעכטן, קערט זיך ווידער אום אָפּצוקלייבן.[5] אַזוי, וואָלט דער פסוק געזאָגט: „און איך האָב אָפּגעשיידט די פעלקער פון אייך,״ וואָלטן ישראלס שונאים קיין תקומה ניט געהאַט; זאָגט אָבער דער פסוק: און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער, איר זאָלט זיין פאַר מיר, פאַר מיין נאָמען אויף אייביק. ר׳ אחא האָט געזאָגט: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו די אומות פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן תשובה טאָן, וועט ער זיי מקרב זיין אונטער זיינע פליגלען.

ר׳ לוי האָט געזאָגט: ישראל איז מיט אַלע זייערע טואונגען אַנדערש פון די אומות פון דער וועלט: מיט זייער אַקערן, מיט זייער זייען, מיט זייער פלאַנצן, מיט זייער שניידן, מיט זייער גאַרבן,[6] מיט זייער דרעשן, מיט זייערע שייערן, מיט זייערע קעלטערס, מיט זייערע דעכער, מיט זייערע בכורים, מיט זייער לייב,[7] מיט זייער גאָלן זיך, מיט זייער ציילן זיך. מיט זייער אַקערן, ווי דער פסוק זאָגט (דברים כב, י): לא תחרוש — זאָלסט ניט אַקערן מיט אַן אָקס און

בן ביתו? כל העולם כולו שמח בשבילי, ובניך מתים!" מיד חזרה נשמתן; הה"ד: תורת ה' תמימה, משיבת נפש.

[וכולו מחמדים.] ר' אחא ור' תנחום בר' חייא בשם ר' יוחנן (יחזקאל כ): ואת שבתותי קדשו, — במה את מקדשו? קדשהו במאכל ובמשתה ובכסות נקיה, דכתיב (שמות לא): כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם לדעת, כי אני ה' מקדשכם, — אני ה' נאמן לשלם שכר טוב לכם. אמר ר' חייא בר אבא: בנוהג שבעולם, אדם עושה מלאכה עם בעל הבית, ועל ידי שהוא מנבל את עצמו בטיט, הוא נותן לו שכרו. אבל הקב"ה אינו כן אלא מזהיר להם לישראל ואומר להם: „אל תנבלו עצמכם בדבר רע, ואני נותן לכם שכר טוב." הה"ד (ויקרא יא): אל תשקצו את נפשותיכם; (שם יט) ושרט לנפש לא תתנו בבשרכם, וגו', אני ה' — אני ה' נאמן לשלם לכם שכר טוב לעולם הבא.

ר' יודן בשם ר' חמא בר' חנינא ור' ברכיה בשם ר' אבהו: כתיב (שם כ): ואבדיל אתכם מן העמים, וגו'. אלו נאמר „ואבדיל את העמים מכם," לא היתה תקומה לשונאי ישראל; אלא ואבדיל אתכם מן העמים, כזה שהוא מברר הרעה מן היפה, שוב אינו חוזר ומברר; אבל המברר היפה מן הרעה, שוב חוזר ומברר. כך, אלו נאמר „ואבדיל את העמים מכם," לא היתה תקומה לשונאי ישראל; אלא נאמר ואבדיל אתכם מן העמים, להיות לי, לשמי לעולם. א"ר אחא: מכאן שאמר הקב"ה לאומות העולם, שיעשו תשובה, ויקרבם תחת כנפיו.

א"ר לוי: כל מעשיהן של ישראל משונין מאומות העולם: בחרישתן, בזריעתן, בנטיעתן, בקצירתן, בעימורן, בדישן, בגרניהון, ביקביהן, בגגותיהן, בבכורותיהן, בבשרן, בתגלחתן, במניינן. בחרישתן, שנאמר (דברים כב): לא תחרוש בשור ובחמור יחדו. בזריעתן, שנאמר (שם): לא תזרע כרמך כלאים. בנטיעתן, שנאמר (ויקרא יט): וערלתם ערלתו את פריו. בקצירתן, שנאמר

---

אַן אײזל צוזאַמען. מיט זײער זײען, װי דער פּסוק זאָגט :(דאָרט, פּסוק ט): לא תזרע — זאָלסט ניט זײען דײן װײנגאָרטן געמישט. מיט זײער פלאַנצן,

---

צו זײ, נײערט דורך משהן (שמות כ, טז; דברים ה, כב). [3] צוגעגעבן לויטן נוסח פון אות אמת. [4] לויטן נוסח פון מהרז"ו דאַרף אנשטאָט דעם ציטירט װערן דער סוף פונעם פּסוק אין יחזקאל: והיו — און זײ זאָלן זײן פאַר אַ צײכן צװישן מיר און אײַך, כדי איר זאָלט װיסן, אַז איך בין גאָט אײער גאָט. [5] טאָמער איז נאָך פאָרט געבליבן עפּעס רעכטס. [6] דאָס צוגויפבינדן די תבואה אין גאַרבן. [7] לויטן רד"ל דאַרף מען די לעצטע צװײ אַרויס־

**ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יט, כג): וערלתם — און איר זאָלט פאַרלאָזן זיין פרוכט ווי ערלה.[8] **מיט זייער שניידן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט, פסוק ט): ובקצרכם — און אַז איר וועט שניידן דעם שניט פון אייער לאַנד [זאָלסטו ניט פאַרענדיקן שניידן דעם עק פון דיין פעלד]. **מיט זייער גאַרבן, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כד, יט): ושכחת — און דו וועסט פאַרגעסן אַ גאַרב אין פעלד [זאָלסטו זיך ניט אומקערן אים צו נעמען]. **מיט זייער דרעשן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כה, ד): לא תחסום — זאָלסט ניט פאַרשליסן דאָס מויל פון אַן אָקס ווען ער דרעשט. **מיט זייערע שייערן, מיט זייערע קעלטערס, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות כב, כח): מלאתך — [די גאָב פון] דיין שניט־פולקייט און פון דיין קעלטער־אויסגוס זאָלסטו ניט פאַרשפעטיקן; **און ווידער שטייט: „ווי די תבואה פונעם שייער און ווי די תבואה פונעם קעלטער."[9] מיט זייערע דעכער, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כב, ח): ועשית — זאָלסטו מאַכן אַ געלענדער צו דיין דאַך. [**מיט זייערע בכורים, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים טו, יט): כל הבכור — איטלעכן בכור וואָס וועט געבוירן ווערן צווישן דיינע רינדער — — — זאָלסטו הייליקן צו גאָט דיין גאָט. **מיט זייער לייב, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יט, כח): ושרט — און קיין איינשניט נאָך אַ טויטן זאָלט איר ניט מאַכן אין אייער לייב].[10] **מיט זייער גאָלן זיך, ווי דער פסוק זאָגט** (ויקרא יט, כז): ולא תשחית — און דו זאָלסט ניט פאַרדאַרבן די ברעגן פון דיין באָרד. **מיט זייער ציילן זיך, ווי דער פסוק זאָגט** (שמות ל, יב): כי תשא — אַז דו וועסט אויפנעמען די קעפּ פון די קינדער פון ישראל [לויט זייער ציילונג, זאָלן זיי איטלעכער געבן אַן אויסלייז פאַר זיין נפש צו גאָט. **און נאָך:**] **ישראל ציילט [די צייט] לויט דער לבנה און די אומות פון דער וועלט לויט דער זון.**

**ר' ברכיה האָט געזאָגט צוויי זאַכן, איינס אין נאָמען פון כהנאן און איינס אין נאָמען פון ר' לוין.** איינס אין נאָמען פון כהנאן: **זי האָט אים געליבט, און ער האָט זי געליבט; זי האָט אים געליבט פון אויבן אַראָפּ,[11] און ער האָט זי געליבט פון אונטן אַרויף.[12] זי האָט אים געליבט פון אויבן אַראָפּ, דען ער האָט זיך געפונען צווישן די אייבערשטע און האָט געמאַכט רוען זיין שכינה צווישן די אונטערשטע. און ער האָט זי געליבט פון אונטן אַרויף, דען זי געפינט זיך אויף דער נידעריקסטער מדרגה, און ער איז אַנגעברייט זי אַרויפצוהייבן, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים כח, א): ונתנך ה' — און גאָט דיין גאָט וועט דיך שטעלן העכער. **און איינס אין נאָמען פון ר' לוין:** [ס'איז געגליכן] **צו אַ מלך, וואָס האָט מקדש געווען[13] אַ האַרינטע. און ער האָט געזאָגט: „איך וויל זי זען." ווי ער האָט זי דערזען, אַזוי האָט ער זי אָנגעהויבן רימען און לויבן; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (שיר השירים ז, ח): זאת קומתך — דער דאָזיקער וואוקס דיינער איז געגליכן צו אַ טייטלבוים. **אויך זי האָט געזאָגט: „איך וויל אים זען." ווי זי האָט אים דערזען, אַזוי האָט זי אָנגעהויבן מיטן לויב וואָס זי האָט אים געליבט:** חכו — דיין גומען איז זיסקייטן, און ער אין גאַנצן איז גלוסטיקייטן.

(שם): ובקצרכם את קציר ארצכם [לא תכלה פאת שדך לקצר]. **בעימורן, שנאמר** (דברים כד): ושכחת עומר בשדה, [לא תשוב לקחתו]. **בדישן, שנאמר** (שם כה): לא תחסום שור בדישו. **בגרניהם, ביקביהם, שנאמר** (שמות כב): מלאתך ודמעך לא תאחר; **וכתיב: „כתבואת גרן וכתבואת יקב.״ בגגותיהן, שנאמר** (דברים כב): ועשית מעקה לגגך. [**בבכורותיהן, שנאמר** (דברים טו): כל הבכור אשר יולד בבקרך — — — תקדיש לה׳ אלהיך. **בבשרן, שנאמר** (ויקרא יט, כח): ושרט לנפש לא תתנו בבשרכם.] **בתגלחתיהן, שנאמר** (ויקרא יט): ולא תשחית את פאת זקנך. **במניינם, שנאמר** (שמות ל): כי תשא את ראש בני ישראל [לפקודיהם, ונתנו איש כפר נפשו לה׳]. **[ועוד:] ישראל מונין ללבנה ואומות העולם לחמה.**

**ר׳ ברכיה אמר תרתי, חדא בשם כהנא וחדא בשם ר׳ לוי. חדא בשם כהנא: היא קלסתו והוא קלסה; היא קלסתו מלמעלה למטה, והוא קלסה מלמטה למעלה. היא קלסתו מלמעלה למטה, שהיה בעליונים והשרה שכינתו בתחתונים. והוא קלסה מלמטה למעלה, שהיא במדרגה התחתונה והוא עתיד להעלותה, שנאמר** (דברים כח): ונתנך ה׳ אלהיך עליון. **וחדא בשם ר׳ לוי: למלך שקדש את מטרונה, ואמר: „מבקש אני לראותה.״ כיון שראה אותה, התחיל משבחה ומקלסה; הה״ד** (שיר השירים ז): זאת קומתך דמתה לתמר. **גם היא אמרה: „רוצה אני לראותו.״ כיון שראתה אתו, התחילה בקילוס שקילסתו:** חכו ממתקים וכולו מחמדים.

ה

(א) אנה הלך דודך, היפה בנשים. **אומות העולם אומרים**

ה 1

(א) אנה — וואוהין איז געגאַנגען דיין געליבטער, דו שענסטע צווישן פרויען? **די אומות פון דער וועלט זאָגן צו ישראל: „וואוהין איז געגאַנגען**

לאָזן, מחמת ווייטער זיינען אין אונדזערע מדרש אויסגאַבעס ניטאָ קיין פסוקים אויף זיי. מיר האָבן אָבער ווייטער צוגעגעבן פסוקים אויך צו די צוויי לויט אַ נוסח אין בתי מדרשות, ווערטהיים,א, שנב. [8] זע ה, יד, באַמ. 5. [9] ווערטערלעך לייענט זיך דער פסוק (במדבר יח, כז): כדגן — ווי די תבואה פונעם שייער און ווי די פולקייט פונעם קעלטער, — פון ביידע דאַרפן די לוויים אָפּגעבן תרומה. [10] זע באַמ. 7. [11] אין אונדזערע פסוקים, וואו זי הייבט אָן מיט איר געליבטנס קאָפּ (יא) און פאַרענדיקט מיט זיינע פוס־טריט, וואָס זיינען ווי שוועלן פון מירמלשטיין (טו). [12] אין פרק ז, וואו ער הייבט אָן מיט אירע פוס־טריט (ב) און פאַרענדיקט מיט איר קאָפּ (ו). [13] פאַרקנסט, לויטן פאַרצייטיקן שטייגער מקדש צו זיין אַ פרוי ביים פאַרקנסן זי.

דיין געליבטער פון מצרים? צום ים סוף, צום סיני;[2] וואוהין האָט דיך אָוועקגעקערט דיין געליבטער [אַצינד]?"[3] וואָס טוט די כנסת ישראל ענטפערן צו די אומות פון דער וועלט? „וואָס האָט איר עפּעס צו פרעגן וועגן אים, אַז קיין חלק אין אים האָט איר ניט. נאָך דעם ווי איך האָב זיך באַהאָפטן אָן אים, — צי קאָן איך זיך אָפּשיידן פון אים? נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַהאָפטן אָן מיר, — צי קאָן ער זיך אָפּשיידן פון מיר? וואו נאָר ער זאָל ניט זיין, טוט ער קומען צו מיר."

ו

(ב) דודי — מיין געליבטער האָט אַראָפּגענידערט אין זיין גאָרטן צו די בייטן פון בשמים. ר' יוסי בר' חנינא האָט געזאָגט: דער דאָזיקער פּסוק — זיין אָנהייב איז ניט ווי זיין סוף און זיין סוף איז ניט ווי זיין אָנהייב. געדאַרפט האָט דער פּסוק זאָגן ניט אַנדערש, נייערט „מיין געליבטער האָט אַראָפּגענידערט — — — צו פיטערן אין זיין גאָרטן," און דו זאָגסט: צו פיטערן אין די גערטנער! נייערט מיין געליבטער, דאָס איז הקדוש ברוך הוא; אין זיין גאָרטן, דאָס איז די וועלט; צו די בייטן פון בשמים, דאָס איז ישראל; צו פיטערן אין די גערטנער, דאָס זיינען די שולן און בתי מדרשים; און צו קלייבן ליליעס, אָוועקצונעמען די צדיקים וואָס אין ישראל.

וואָס איז דער חילוק צווישן דעם שטאַרבן פון יונגע און דעם שטאַרבן פון אַלטע? [וועגן דעם זאָגן] ר' יהודה און ר' אבהו.[1] ר' יהודה זאָגט: דער דאָזיקער לאָמפּ, אַז ער לעשט זיך אויס פון זיך אַליין, איז עס גוט פאַר אים און גוט פאַרן קנויט; ווען ער ווערט אָבער פאַרלאָשן ניט פון זיך אַליין, איז עס שלעכט פאַר אים און שלעכט פאַרן קנויט.[2] ר' אבהו האָט געזאָגט: די דאָזיקע פייג, אַז זי ווערט אַראָפּגעקליבן אין איר צייט, איז עס גוט פאַר איר און גוט פאַרן פייגנבוים; אַז זי ווערט אַראָפּגעקליבן ניט אין איר צייט, איז עס שלעכט פאַר איר און שלעכט פאַרן פייגנבוים.

אַ מעשה: ר' חייא בר אבא און זיינע תלמידים — און אַנדערע זאָגן: ר' עקיבא און זיינע תלמידים, און נאָך אַנדערע זאָגן: ר' יהושע און זיינע תלמידים[3] — פלעגן זיך נוהג זיין צו זיצן און לערנען אונטער אַ פייגנבוים, און טאָג־טעגלעך פלעגט דער בעל־הבית פונעם פייגנבוים זיך פעדערן און אַרומקלייבן די פייגן. האָבן זיי געזאָגט: „לאָמיר בייטן אונדזער אָרט, טאָמער איז ער אונדז חושד." וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי זיינען אָוועק און האָבן זיך געזעצט אין אַן אַנדער אָרט. האָט זיך דער בעל־הבית פונעם פייגנבוים געפעדערט, און האָט זיי ניט געפונען. איז ער געגאַנגען און זיי אַרומגעזוכט, ביז ער האָט זיי געפונען. האָט ער געזאָגט צו זיי: „רבותי, איין מצווה פלעגט איר טאָן

ה. [1] זע אויבן סימן א, באָמ. ו. [2] דאָרט צו טאָן די ניסים פאַר דיר. [3] ווען איר זענט אין צרות, און אייער גאָט העלפט אייך ניט (לויטן מהרז"ו; אַן ענלעכן אויסטייטש גיט אויך דער יפה קול).

ו. [1] אין קוהלת רבה ה, טו, — ר' נחמיה. [2] אַזוי איז שלעכט ווען איינער שטאַרבט ניט אין צייט. [3] אין קוהלת רבה — ר' שמעון בן חלפתא; אין ירושלמי ברכות, ב, ח —

לישראל: „אנה הלך דודך ממצרים? לים, לסיני; אנה פנה דודך?" מה כנסת ישראל משיבה לאומות העולם? „מה טיבכם שואלים עליו, ואין לכם חלק בו. מאחר שנדבקתי בו, יכולה אני לפרוש ממנו? מאחר שנדבק בי, יכול הוא לפרוש ממני? כל הן דהוא, לגבי הוא אתי ליה.

ו

(ב) דודי ירד לגנו לערוגות הבושם. א"ר יוסי בר' חנינא: הפסוק הזה לא ראשו סופו, ולא סופו ראשו, — לא היה צריך קרא למימר, אלא „דודי ירד — — — לרעות בגנו," ואת אמר: לרעות בגנים! אלא דודי, זה הקב"ה; לגנו, זה העולם; לערוגות הבושם, אלו ישראל; לרעות בגנים, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות; וללקוט שושנים, לסלק את הצדיקים שבישראל.

מה בין מיתת זקנים למיתת נערים? ר' יהודה ור' אבהו. ר' יהודה אומר: הנר הזה בזמן שהוא כבה מאליו, יפה לו ויפה לפתילה; ובזמן שאינו כבה מאליו, רע לו ורע לפתילה. ר' אבהו אמר: התאנה הזו בזמן שנלקטת בעונתה, יפה לה ויפה לתאנה; ובזמן שאינה נלקטת בעונתה, רע לה ורע לתאנה.

דלמא: ר' חייא בר אבא ותלמידיו — ואית דאמרי: ר' עקיבא ותלמידיו, ואית דאמרי: ר' יהושע ותלמידיו — הוו נהיגין יתבין פשטין תחות חדא תאנה, ובכל יום ויום היה משכים בעל התאנה ומלקט תאנתו. אמרון: „נשנה את מקומנו, שמא חושדנו." מה עשו? הלכו וישבו להם במקום אחר. השכים בעל התאנה ולא מצאן; הלך וחזר אחריהם עד שמצאן. אמר להם: רבותי, מצוה אחת הייתם עושין לי, ואתם מבקשין למנעה ממני?" אמרו ליה: „חס ושלום!" „ומפני מה הנחתם מקומכם וישבתם במקום אחר?" אמרינן: „שמא אתה חושדנו." א"ל: „חס ושלום! אלא אומר לכם, מפני מה אני משכים ללקוט תאנתי, שכיון שהחמה זורחת על התאנים, מיד הן מתליעות." מיד חזרו לתמן. ההוא יומא אשכחון,

---

מיט מיר, ווילט איר זי פאַרמיידן פון מיר?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „חס ושלום!" „טאָ פאַרוואָס־זשע האָט איר פאַרלאָזט אייער אָרט און זיך געזעצט אין אַן אַנדער אָרט?" „מיר האָבן געזאָגט: „טאָמער ביסטו אונדז חושד." האָט ער געזאָגט צו זיי: „חס ושלום! ביי ערט איך וועל אייך זאָגן, פאַרוואָס איך פעדער זיך אַרומצוקלייבן מיין פייגנבוים, וואָרום ווי נאָר די זון שיינט אויף די פייגן, אַזוי גלייך ווערן זיי פאַרוואָרעמט." גלייך האָבן זיי זיך אומגעקערט

אַהין. יענעם טאָג האָבן זיי געפונען, אַז ער האָט ניט אַרומגעקליבן; האָבן זיי גענומען אַ פּאָר פון זיי און זיי אויפגעשפּאָלטן, און האָבן זיי געפונען פאַרווערעמט. האָבן זיי געזאָגט: „ריכטיק האָט דער בעל־הבית פונעם פייגנבוים געזאָגט.״ און אויב ער ווייסט די צייט פון זיין פייגנבוים, און ער קלייבט אים אַרום, אַזוי ווייסט [אוודאי] הקדוש ברוך הוא ווען ס'איז די צייט אָוועקצונעמען די צדיקים און ער נעמט זיי אַוועק.

ר' שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס האָט אַ סאָד, און ער האָט פאַרפלאַנצט אין אים שורות פון נוסביימער און פון עפּלביימער און פון מילגרוימביימער, און האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין זון. איז כל־זמן זיין זון האָט געטאָן זיין רצון, פלעגט דער מלך נאָכזוכן, און וואו נאָר ער פלעגט זען אַ שיינע פלאַנץ, פלעגט ער זי לאָזן אויסרייסן און ברענגען און איינפלאַנצן אין דעם דאָזיקן סאָד; אָבער בעת זיין זון האָט ניט געטאָן זיין רצון, איז ווי דער מלך פלעגט דערזען אַ שיינע פלאַנץ אין סאָד, אַזוי פלעגט ער זי אויסרייסן. אַזוי, כל־זמן ישראל טוט דעם איבערשטנס ווילן, איז וואו נאָר ער זעט אַ צדיק ביי די אומות פון דער וועלט, אַ שטייגער יתרו און רחב, אַזוי ברענגט ער אים און באַהעפט אים מיט ישראל; אָבער בעת ישראל טוט ניט דעם ווילן פון הקדוש ברוך הוא, איז ווי נאָר ער זעט ביי זיי עפּעס אַ צדיק און אַ רעכטפאַרטיקן און אַן ערלעכן און אַ גאָטספאָרכטיקן, אַזוי נעמט ער אים אַוועק פון זיי.

ווען ר' חייא בר אדא,[4] דער זון פון בר קפראס שוועסטער, איז נפטר געוואָרן, האָט מען געזאָגט צו ר' יוחנן: „גיי אַריין און זאָג עפּעס נאָך אים.״ האָט ער געזאָגט צו זיי: ‚זאָל אַריינגיין ריש לקיש, וואָרום ער[4א] איז געווען זיין תלמיד, און ער ווייסט, וואָס זיין כוח איז געווען.״ איז אַריין ר' שמעון [בן לקיש][5] און געזאָגט נאָך אים: דודי — מיין געליבטער האָט אַראָפּגענידערט אין זיין גאָרטן, — הקדוש ברוך הוא ווייסט די מעשים [טובים] פון ר' חייא בר אדא, און ער האָט אים אַוועקגענומען פון דער וועלט.[6]

ז

ווען ר' סימון בר זבדי[1] איז נפטר געוואָרן, איז אַריין ר' אילא און נאָכגעזאָגט נאָך אים (איוב כח: יב, יד, כא): והחכמה — אָבער די חכמה, וואו קאָן זי געפונען ווערן, און וואו איז דאָס אָרט פון פאַרשטאַנדיקייט? — — — דער תהום זאָגט: ניט אין מיר איז זי, און דער ים זאָגט: ניט ביי מיר. — — — און זי איז פאַרהוילן פון די אויגן פון איטלעך לעבעדיקן, און פונעם פויגל פון הימל איז זי פאַרבאָרגן. פיר זאַכן זיינען אַ נוץ פאַר דער וועלט. און אויב זיי ווערן פאַרלאָרן, האָבן זיי אַ פאַרבייט; און דאָס זיינען זיי (דאָרט, פסוקים א—ב): כי יש — וואָרום פאַראַן איז אַן אויסגראָב פאַר זילבער, און אַן אָרט וואו מע טוט לייטערן גאָלד; אייזן ווערט פון ערד גענומען, און פון שטיין שמעלצט מען קופּער, — אַ תלמיד חכם, אָבער, אַז ער שטאַרבט, ווער קען אונדז ברענגען זיין פאַרבייט? היינט מיר, וואָס האָבן פאַרלאָרן ר' סימונען, וואו קענען מיר געפינען זיינס גלייכן? ר' לוי האָט געזאָגט: די שבטים[2] האָבן

דלא לקט; נטלו מהן ופצעו אותם, ומצאום מותלעות. אמרו: „יפה אמר בעל התאנה.״ ואם הוא יודע עונתה של תאנתו והוא לוקטה, כך הקב״ה יודע, אימתי עונתן של צדיקים לסלקן, והוא מסלקן.

א״ר שמואל בר נחמן: למלך שהיה לו פרדס, ונטע בו שורות של אגוזין ושל תפוחין ושל רמונים, ומסרו ביד בנו. בזמן שבנו עשה רצונו, היה המלך מחזיר ורואה איזו נטיעה יפה בעולם, והיה עוקרה ומביאה ושותלה בתוך אותו הפרדס; ובזמן שלא היה בנו עושה רצונו, היה המלך רואה איזה נטיעה יפה בתוך הפרדס ועוקרה. כך כל זמן שישראל עושין רצונו של מקום, רואה איזה צדיק יש באומות העולם, כגון יתרו ורחב, מביאו ומדבקו בישראל; ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של הקב״ה, רואה איזה צדיק וישר וכשר וירא שמים יש בהם, ומסלקו מתוכן.

כד דמך ר׳ חייא בר (אויא) [אדא], בר אחתיה דבר קפרא, אמרין לר׳ יוחנן: „עול ואפטר עליו.״ אמר לון: „ייעול ריש לקיש, דהוא תלמידיה, והוא ידע חייליה.״ עאל ר׳ שמעון [בן לקיש] ואפטר עילוי: „דודי ירד לגנו,—הקב״ה יודע במעשיו של ר׳ חייא בר (אויא) [אדא], וסלקו מן העולם.״

ז

כד דמך ר׳ סימון בר זבדי, עאל ר׳ אילא ואפטר עילוי (איוב כח): והחכמה מאין תמצא, ואי זה מקום בינה? — — — תהום אמר: לא בי היא, וים אמר: אין עמדי — — — ונעלמה מעיני כל חי, ומעוף השמים נסתרה. ארבעה דברים שהם תשמישו של עולם, ואם אבדו, יש להם חליפין; ואלו הן (שם): כי יש לכסף מוצא, ומקום לזהב יזוקו; ברזל מעפר יוקח, ואבן יצוק נחושה,— תלמיד חכם אם מת, מי מביא לנו תמורתו? אנו, שאבדנו את ר׳ סימון, מאיכן נמצא כמוהו? א״ר לוי: שבטים מציאה מצאו, וכתיב

---

אַ מציאה געפונען, און אין פסוק שטייט (בראשית מב׳ כח): ויצא — און ס׳האַרץ איז זיי אַנטגאַנגען, און זיי האָבן אויפגעציטערט; הייסט מיר, וואָס

---

ר׳ יוסי בן חלפתא. [4] געביטן לויט ירושלמי ברכות, ב, ח; קוהלת רבה ה, טז. ר׳ חייא בר אויא האָט געלעבט אין אַ שפּעטערדיקער צייט (זע מרגליות, אנציקלופדיה לחכמי התלמוד והגאונים). [4א] ר׳ חייא בר אדא. [5] צוגעגעבן לויט ווערטהיימער, בתי מדרשות א, שנב. [6] אין ירושלמי איז דער הספד פון ריש לקישן פיל לענגער, אַנטהאַלטנדיק די דרשה וואָס ווערט דאָ אויבן געבראַכט פון ר׳ יוסי בר׳ חנינא און דעם משל פון ר׳

מיר האָבן פאַרלאָרן ר' סימון בר זבדי, וואו קענען מיר געפינען זיין פאַרבייט? דאָס מיינט: אָבער די חכמה, וואו קאָן זי געפונען ווערן?

## ח

ווען ר' בון בר' חייא איז נפטר געוואָרן איז אַריין ר' זירא און נאָכגעזאָגט נאָך אים (קהלת ה, יא): זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט. לאָמיך אייך זאָגן צו וועמען ר' בון איז געגליכן. צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ ווייגגאָרטן, און ער האָט אָנגעדונגען פאַר אים אַרבעטער. איז דאָרט געווען איינער אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך אויסגעטויגט צו זיין אַרבעט מער פון זיי אַלעמען. וויבאַלד דער מלך האָט געזען, אַז ער טויג זיך אויס צו זיין אַרבעט מער ווי געוויינלעך, אַזוי האָט ער אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און האָט אָנגעהויבן אומשפּאַצירן מיט אים אַהין און אַהער. אָוונט צייט זיינען געקומען די אַרבע־טער נעמען זייער לוין; אויך יענער אַרבעטער איז געקומען מיט זיי צו נעמען זיין לוין, און דער מלך האָט אים געגעבן זיין לוין ווי זיי. האָט עס אָנגעהויבן די אַרבעטער פאַרדריסן; זיי האָבן געזאָגט צו אים: „אונדזער האַר מלך, מיר האָבן געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג, און דער דאָזיקער האָט ניט געאַרבעט מער ווי אַ צוויי אָדער דריי שעה דורכן טאָג, און ער נעמט זיין שכר גלייך ווי מיר." האָט דער מלך געזאָגט צו זיי: „וואָס פאַרדריסט עס אייך? דער דאָזיקער האָט פאַרהאָרעוועט אין צוויי אָדער דריי שעה, וואָס איר האָט ניט פאַרהאָרעוועט דעם גאַנצן טאָג." אַזוי האָט ר' בון בר חייא פאַרהאָרעוועט אין תורה צו אַכט און צוואַנציק יאָר, וואָס קיין וואוילגעלערנטער תלמיד האָט ניט פאַרהאָרעוועט צו הונדערט יאָר.

ר' יוחנן האָט געזאָגט: איטלעכער וואָס פאַרנעמט זיך מיט תורה אויף דער וועלט, לאָזט מען אים אויך אויף יענער וועלט ניט שלאָפן, נייערט מע פירט אים צום בית מדרש פון שם ועבר, און פון אברהם יצחק און יעקב, און פון משה און אהרן.[1] און ביז וואַנען? ביז (שמואל ב, ז, ט) ועשיתי — און איך וועל דיר מאַכן אַ גרויסן נאָמען, ווי דער נאָמען פון די גרעסטע וואָס אויף דער ערד.

## ט

(ד) יפה — שיין ביסטו, מיין געליבטע, ווי תרצה. ר' יהודה בר סימון האָט באַשיידט דעם פסוק אויף קרבנות: שיין ביסטו, מיין געליבטע, ווי תרצה, דאָס זיינען די קרבנות. וואָרום איר ווערט באַוויליקט[1] [פאַר גאָט] דורך די קרבנות; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא א, ד): ונרצה לו — און עס וועט אים באַוויליקט ווערן מכפר צו זיין אויף אים. — ליבלעך ווי ירושלים, דאָס זיינען די קדשים [קלים][1א] וואָס [מע קאָן עסן] אין [גאַנץ] ירושלים;

---

שמואל בר נחמן.

ז. [1] אין ירושלמי — זביד. [2] די פאָטערס פון די שבטים, יעקבס זין.

ח. [1] דער תנחומא (תשא ג) פאַרבינדט דעם געדאַנק מיטן סוף פונעם פריער גע־בראַכטן פסוק אין קוהלת: והשבע — און די זעט פונעם עושר לאָזט אים ניט שלאָפן, — געמיינט דעם עושר אין תורה.

ט. [1] מתרצים — תרצה. [1א] „גרינגע הייליקייטן" — קרבנות פון אַ נידעריקערן

(בראשית מב): ויצא לבם ויחרדו; אנו, שאבדנו את ר׳ סימון בר זבדי, מאיכן אנו מוצאים תמורתו? הוי: והחכמה מאין תמצא?

ח

כד דמך ר׳ בון בר׳ חייא עאל ר׳ זירא ואפטר עילוי (קהלת ה): מתוקה שנת העובד. נימר לכון, למה ר׳ בון דומה. למלך שהיה לו כרם ושכר עליו פועלים. והיה שם פועל אחד מתכשר במלאכתו יותר מכולן. כיון שראהו המלך כשר במלאכתו יותר מדאי, אחזו בידו והתחיל מטייל עמו ארוכות וקצרות. לעתותי ערב באו הפועלים ליטל שכרן; ובא אותו פועל ליטול שכרו עמהם, ונתן לו המלך שכרו כמותן. התחילו הפועלים מצירים; אמרו לו: „אדוננו המלך, אנו שיגענו כל היום, וזה לא יגע אלא שתים או שלש שעות ביום, הוא נוטל שכרו כמותינו.״ אמר להם המלך: „מה אתם מצירין? יגע זה בשתים או בשלש שעות מה שלא יגעתם אתם כל היום כלו.״ כך יגע ר׳ בון בר חייא לעשרים ושמונה שנים בתורה מה שלא יגע תלמיד ותיק למאה שנה.

ר׳ יוחנן אמר: כל מי שהוא עוסק בתורה בעולם הזה, אף לעתיד לבא אין מניחין אותו לישן, אלא מוליכין אותו לבית מדרשו של שם ועבר, ושל אברהם ויצחק ויעקב, ושל משה ואהרן. ועד היכן? עד (שמואל ב, ז) ועשיתי לך שם גדול כשם הגדולים אשר בארץ.

ט

(ד) יפה את, רעיתי, כתרצה. ר׳ יהודה בר סימון פתר קרייה בקרבנות: יפה את, רעיתי, כתרצה, אלו הקרבנות, שאתם מתרצים בקרבנות; ההי״ד (ויקרא א): ונרצה לו לכפר עליו. — נאוה כירושלים, אלו הקדשים שבירושלים; המד״א (יחזקאל לו): כצאן קדשים, כצאן ירושלים. ד״א: יפה את, רעיתי, כתרצה, אלו נשי

---

דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לו, לח): כצאן — ווי די שאָף פון די הייליקייטן, ווי די שאָף פון ירושלים [אין אירע ימים טובים]. אַן אַנדער פּשט: שיין ביסטו, מיין געליבטע, ווי תרצה, דאָס זיינען די ווייבער פון תירען[2], גראַד קדושה.

[2] אויבן (ד, כ) — „נשי דור המדבר“, די ווייבער פון דור המדבר. מעגלעך, אַז תירען איז אַן אָנשפּיל אויף תרצה, פאַרבייטנדיק, ווי דער שטייגער אין אַראַמיש, אַ צדיק אויף אַן עין (ווי ארץ — ארעא), און ביידע זאָלן זיין אַן אָנשפּיל אויף ווילן (רצון — רעוה): די ווייבער וואָס האָבן געטאָן גאָטס ווילן, און ניט געהאָלפן מאַכן דעם עגל הזהב (מתנות כהונה). — מעגלעך, אַז תירען איז אַ פאַרגרייזונג פון תירעא, וואָס איז אין גאַנצן

וואָרום רבי האָט געזאָגט: די ווייבער פון תירצן זיינען געווען ערלעכע; האָבן זיי גענומען און זיך געווערט, און האָבן ניט געגעבן פון זייערע אוירינגען אויף צו מאַכן דאָס [גאָלדענע] קאַלב. זיי האָבן געזאָגט: „מה־דאָך די שטאַרקע אָפּגעטער[3] האָט הקדוש ברוך הוא צעבראָכן, אַ פּשיטא שוין דעם שוואַכן אָפּגאָט[4]!" ליבלעך ווי ירושלים, וואָרום איטלעכער וואָס האָט געוואָלט קריגן אָפּבילדער פון דעם אָפּגאָט פּעור, פלעגט גיין און עס געפינען אין ירושלים;[5] דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה י, י): ופסיליהם — און זייערע אָפּ־געטער זיינען נאָך מער ווי אין ירושלים און אין שומרון.[6]

י

אַן אַנדער פּשט: שיין ביסטו, מיין געליבטע, ווי תרצה, — ווען דו ווילסט:[1] ווען דו באַגערסט עפּעס [צו וויסן] דאַרפסטו ניט פרעגן ביי קיינעם, ניט לערנען פון קיינעם. ווער האָט זיי[2] דען געזאָגט, זיי זאָלן ברענגען וועגענער און רינדער צו טראָגן דעם משכן? האָבן זיי דען ניט פון זיך אַליין זיי גע־בראַכט? דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (במדבר ז, ג—ד): ויביאו — און זיי האָבן געבראַכט[3] זייער קרבן פאַר גאָט, זעקס איבערגעדעקטע וועגענער, — [זעקס][4] קעגן די זעקס הימלען. אָבער זיינען זיי דען ניט זיבן? ר׳ אבון האָט געזאָגט: דאָרט וואו דער מלך רוט איז זיין סוד.[5] זעקס, קעגן די זעקס ערדן: ארץ (לאַנד), ארקא (ערד), אדמה (ערד), גיא (טאָל), ציה (טריקעניש), נשיה (פאַרגעסונג), תבל (וועלט), — [אָבער וועגן תבל] שטייט געשריבן (תהלים צח, ט): ישפוט — ער וועט משפטן די וועלט מיט רעכטפאַרטיקייט.[6] זעקס, קעגן די זעקס סדרים פון דער משנה; זעקס, קעגן די זעקס טעג פון בראשית; זעקס, קעגן די זעקס מוטערס: שרה רבקה, רחל, לאה, זלפה, בלהה. צב, אי־בערגעדעקט, ענלעך אויף אַ חופּה; צב, באַצייכנטע;[7] צב, אויסגעסדרט[8]; צב, ווייל די מחנה[9] פון די לוויים שטייט איבער זיי. פון נחמיה׳ס וועגן האָבן מיר געלערנט: בויגנאַרטיק זיינען זיי געווען, כדי די דינסט־כלים[10] זאָלן ניט צעפּלאַצט ווערן.[11] און צוועלף רינדער, קעגן די צוועלף נשיאים; אַ וואָגן

אידענטיש מיט תרצה. [3] די שטיינערנע געטער פון מצרים. ווערטערלעך: די רויבער־הייל (יאַסטראָוו), אַ חוזק־נאָמען פאַרן מצרישן פּאַנטעאָן (וועגן דער שטראָף אויף די מצרישע אָפּגעטער זע שמות יב, יב). [4] דאָס קאַלב פון גאָלד, וואָס איז ווייכער פון שטיין. [5] און דאָך איז ישראל ניט מיטגעריסן געוואָרן פון די דאָזיקע אָפּגעטער, און דאָס איז די ליב־לעכקייט פון ירושלים (מתנות כהונה. — יפה קול: ליבלעך ווי ירושלים, וואָס איז געווען באַוואוסט מיט דער שיינקייט פון אירע קונסט־אַרבעטן). [6] אַ סימן, אַז אין ירושלים זיינען זיי געווען זייער פיל.

י. [1] ווי ס׳וואָלט געשטאַנען: כשתרצי. [2] די נשיאים, ווי ווייטער. [3] אַליין געבראַכט, כאָטש קיינער האָט זיי ניט באַפוילן וועגן דעם. [4] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט, און אַזוי איז עס ווייטער. [5] ווערטערלעך — אוצר, דעם מלכס פאַרבאָרגענער סוד, און ס׳קאָן ניט סימבאָליזירט ווערן אויף דער ערדישער וועלט. [6] איז תבל דאָס אָרט פון גאָטס משפט, און עס קאָן אויך ניט סימבאָליזירט ווערן, בלייבן נאָר זעקס ערדן. [7] באַמאָלן מיט פאַר־שיידענע צייכנס; אין במדבר רבה (יב, יז) איז דער נוסח מצויירות, באַמאָלן. סיי דאָ, סיי דאָרט, ווערט צב פאַרשטאַנען לויט צבע, קאָליר. [8] פון צבא, אַ מושטירטער חייל, ווי ווייטער. [9] צבא — צב. [10] די כלים פון משכן וואָס אויף די וועגענער. [11] פון דער

תירען, דאמר רבי: נשי תירען כשרות היו; עמדו ומיתו על עצמן, ולא נתנו מנזמיהם למעשה העגל. אמרו: „מה ליסטטירין הקשה שיברו הקב"ה; ליסטטירין הרך, עאכ"ו!" נאוה כירושלים, שכל מי שהיה רוצה ומבקש טיפוסים של פעור, היה הולך ומוצאה בירושלים; הה"ד (ישעיה י): ופסיליהם מירושלים ומשומרון.

י

ד"א: יפה את, רעיתי, כתרצה, — כשאת רוצה: כד את בעייה, לית את צריכה בעייה מכלום, מילף מכלום. מי אמר להם להביא עגלות ובקר לטעון המשכן? לא מהן ובהן הביאו אותן? הה"ד (במדבר ז): ויביאו את קרבנם לפני ה' שש עגלות צב, [שש] כנגד ששה רקיעים. ולא שבעה הם? א"ר אבון: הן דמלכא שרי טמיקון. שש, כנגד שש ארצות: ארץ, ארקא, אדמה, גיא, ציה, נשיה, תבל, — וכתיב (תהלים צח): ישפוט תבל בצדק. שש, כנגד ששה ערכי משנה; שש, כנגד ששת ימי בראשית; שש, כנגד שש אמהות: שרה, רבקה, רחל, לאה, זלפה, בלהה. צב, דומות לקוליינון; צב, מצויינות; צב, מטוכסות; צב, שצבא הלוים עומדים עליהם. תני בשם נחמיה: כמין קמרוטין היו, שלא יהיו כלי שרת מתבקעין. ושני עשר בקר כנגד שנים עשר נשיאים; עגלה על שני הנשיאים ושור לאחד, מלמד שלא לקחום בדמים, אלא זה הביא שור וזה הביא עגלה, זה הביא עגלה וזה הביא עגלה; ויקריבו אותם לפני המשכן, מלמד, שמסרום לצבור. ויאמר ה' אל משה לאמר, — מהו לאמר? אמר לו הקב"ה: „צא ואמור להם

---

פאַר צוויי נשיאים און אַן אָקס פאַר איטלעכן, — דער פסוק לערנט אונדז, אַז זיי האָבן עס ניט געקויפט פאַר געלט. נייערט דער האָט געבראַכט אַן אָקס און דער האָט געבראַכט אַן אָקס, די האָבן געבראַכט אַ וואָגן און די האָבן געבראַכט אַ וואָגן;[12] ויקריבו — און זיי האָבן זיי צוגעבראַכט צום משכן, — דער פסוק לערנט אונדז, אַז זיי האָבן עס איבערגעגעבן דעם ציבור. ויאמר ה' — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן, — וואָס מיינט אַזוי צו זאָגן?[13]

---

זון. [12] ווייל די אָקסן און וועגענער ווערן ווידער אויסגערעכנט לויט יעדן נשיא, איז עס אַ סימן, אַז אַנשטאָט צונויפלייגן געלט און קויפן אַלע צוזאַמען, האָט עס יעדערער געבראַכט פון זיין אייגנס, — אַ באַווייז, אַז זיי האָבן עס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן (לויט עץ יוסף; אין פסיקתא דרב כהנא, באבער, פיסקא א, איז דער נוסח פאַרקערט: זיי האָבן צונויפגעלייגט געלט און געקויפט). [13] מערסטנס געפינט זיך דער אויסדרוק לאמר, אַזוי צו זאָגן, נאָך די ווערבן דבר, הגיד, צוה, נשבע, אדג"ל, אָבער אַ סך זעלטענער נאָכן ווערב אמר, ווי אין אונדזער פסוק; דרינגט דערפון דער בעל המדרש, אַז דאָ האָט גאָט

הקב״ה האָט געזאָגט צו אים: „גיי און זאָג זיי ווערטער פון ליבּ און טרייסט.״ ר׳ הושעיא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך פאַררעכן עס אייך, ווי איך וואָלט מיט דעם געדאַרפט טראָגן מיין וועלט, און איר האָט עס מיר געבראַכט.״ [14]

דעמאָלט האָט משה מורא געקראָגן; ער האָט זיך געזאָגט אין האַרצן: „טאָמער האָט זיך דער רוח הקודש אָפּגעטאָן פון מיר און גערוט אויף די נשיאים? אָדער אפשר איז אויפגעקומען אַן אַנדער נביא און האָט מחדש געווען דעם דין?״ [15] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „משה, ווען איך וואָלט זיי געהייסן ברענגען, וואָלט איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיי זאָגן; נייערט נעם צו פון זיי, און זיי זאָלן זיין״ — וואָס מיינט נעם צו פון זיי? פון זיי אַליין איז די זאַך געקומען. און ווער האָט זיי די עצה געגעבן? ר׳ סימון האָט געזאָגט: דער שבט יששכר; ער האָט געזאָגט צו זיי: „דער דאָזיקער משכן וואָס איר מאַכט — אין דער לופטן וועט ער פליען? מאַכט וועגענער פאַר אים, כדי ער זאָל אויף זיי געטראָגן ווערן.״ דאָס איז וואָס דער פסוק לויבּט דעם שבט יששכר, ווי דער פסוק זאָגט (דברי הימים א׳ יב, לג): ומבני — און פון די קינדער פון יששכר, די וואָס פאַרשטייען זיך אויף די ציַיטן, — וואָס מיינט אויף די ציַיטן? ר׳ תנחומא האָט געזאָגט: אויף די תקופות;[16] ר׳ יוסי פון קיסריה[17] האָט געזאָגט: אויף [צו באַשטימען] די עיבור־יאָרן. (דאָרט) צו וויסן, וואָס ישראל דאַרף טאָן, דען זיי האָבן געוואוּסט ווי צורעכט צו מאַכן דעם חשבון פון די טעג.[18] זייערע עלטסטע — צוויי הונדערט, דאָס זיינען די צוויי הונדערט עלטסטע פון סנהדרין, וואָס דער שבט יששכר פלעגט צושטעלן; און אַלע זייערע ברידער [האָבן זיך געפירט] לויט זייער וואָרט, דאָס לערנט אונדז, אַז אַלע זייערע ברידער פלעגן אָננעמען די הלכה לויט זייער וואָרט, ווי אַ הלכה למשה מסיני.

דעמאָלט האָט משה געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם! טאָמער וועט שטאַרבן איינער פון די אָקסן,[19] אָדער ס׳וועט צעבראָכן ווערן איינס פון די רעדער, וועט דאָך דער קרבן פון די נשיאים געפונען ווערן פסול,[20] און ס׳וועט בטל ווערן די עבודה אין משכן.״ גלייך (במדבר ז, ד—ה): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: נעם צו פון זיי, און זיי זאָלן זיין אויף צו דינען — און זיי זאָלן זיין, ער האָט זיי געגעבן אַ דיין, אַז זיי זאָלן לעבן און זיך אויפהאַלטן אויף אייביקע אייביקייטן. ביז ווען

---

[14] „ביז ס׳איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן, האָט זיך די וועלט געוואַקלט; זינט דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן, איז די וועלט געגרונטפעסטיקט געוואָרן״ (במדבר רבה יב, יא). לויט דעם האָבן די אָקסן און וועגענער געטראָגן אויף זיך ניט נאָר דעם משכן מיט די כלים, נייערט אויך גאַנץ גאָרע וועלט. לויט מדרש תהילים, קיט דאַרף אַנשטאָט „כבר״, זיין „דבר״, עפּעס: ——— ווי איך וואָלט געדאַרפט עפּעס צו טראָגן אויף דעם — — — דעם משכן (וועגן דעם טעקסט אין מדרש תהלים זע יצחק וואַרטסקי, לשון המדרשים ד׳ 81). [15] אַז די נשיאים דאַרפן ברענגען די אָקסן מיט די וועגענער. [16] פון יאָר. [17] אין אסתר רבה (ד, א): בר קצרת. [18] זע דונסקי, אסתר רבה דאָרט, באַמ. 2. [19] אין אָריגינאַל: קי. [20] אַלע אָקסן און וועגענער זיינען געווען גלייך, וועט מען ניט קענען וויסן, וועמענס קרבן איז פּעליק (יפה

דברי שבח ונחמות." א"ר הושעיא: אמר הקב"ה: „מעלה אני עליכם, כאילו כבר הייתי צריך לסבול בו את עולמי, והבאתם לי."

באותה שעה נתיירא משה; אמר בלבו: „תאמר רוח הקדש נסתלקה ממני ושרת על הנשיאים? או שמא נביא אחר עמד וחידש את ההלכה?" א"ל הקב"ה: „משה, אילו להם הייתי אומר שיביאו, הייתי אומר לך שתאמר להם; אלא קח מאתם והיו" — מהו קח מאתם? מאתם היו הדברים. ומי נתן להם את העצה? א"ר סימון: שבטו של יששכר; אמר להם: „המשכן הזה שאתם עושים — פורח הוא באויר? עשו לו עגלות כדי שיהא נטען בהם." הוא שהכתוב משבח שבט יששכר, שנאמר (דברי הימים א, יב): ומבני יששכר יודעי בינה לעתים, — מהו לעתים? ר' תנחומא אמר: לקירסין; ר' יוסי בר קסריי אמר: לעיבורין. — (שם) לדעת מה יעשה בישראל, שהיו יודעים לרפאות את הקירוס. ראשיהם מאתים, אלו מאתים ראשי סנהדראות שהיה שבטו של יששכר מעמיד; וכל אחיהם על פיהם, מלמד, שכל אחיהם היו מסכימין ההלכה על פיהם כהלכה למשה מסיני.

באותה שעה אמר משה לפני הקב"ה: „רבש"ע! שמא תמות אחת מן הפרות וישבר אחד מן הגלגלים, ונמצא קרבנן של נשיאים פסול, ונמצאת עבודת משכן בטלה." מיד (במדבר ז): ויאמר ה' אל משה לאמר: קח מאתם והיו לעבד, וגו', — והיו, נתן להם הויה, שיהו חיות וקימות בעולם לעולמי עולמים. עד איכן היו קיימות? ר' יודן ור' הונא בשם בר קפרא: עד הגלגל; הה"ד (הושע יב): בגלגל שורים זבחו, גם מזבחותם כגלים על תלמי שדי. ואיכן הקריבו אותן? ר' אבון אמר: בנוב הקריבו אותן; ר' אבא אמר: בגבעון הקריבו אותן; ר' לוי אמר: בשילה

---

האבן זיי זיך אויפגעהאלטן? ר' יודן און ר' הונא פון בר קפראס וועגן: ביז גילגל; ווי אין פסוק שטייט (הושע יב, יב): בגלגל — אין גילגל האבן זיי אקסן מקריב געווען; אויך זיינען זייערע מזבחות געווען ווי בערגלעך, אויף די בייטן פון פעלד.[21] און וואו האט מען זיי מקריב געווען?[22] ר' אבון האט געזאגט: אין נוב[23] האט מען זיי מקריב געווען; ר' אבא האט געזאגט: אין

---

קול). [21] לויטן דרש — א רמז אויף די צוועלף שטיינער וואס יהושע האט אויפגעשטעלט אין גילגל (יהושע ד, כ), וואס זאלן, לפי דעם, האבן געדינט ווי מזבחות פאר די צוועלף אקסן. [22] מתנות כהונה (במדבר רבה יב, יח): דער פרעגער האלט ניט מיט בר קפראן (אפשר וויל אין הושע רעדט זיך קלאר וועגן קרבנות צו אפגעטער). [23] וואו ס'איז גע־

גבעון[24] האָט מען זיי מקריב געווען; ר' לוי האָט געזאָגט: אין שילה[25] האָט מען זיי מקריב געווען; און די רבנן זאָגן: אינעם הויז פון אייביקייטן[26] האָט מען זיי מקריב געווען. ר' חמא האָט געזאָגט: די רבנן דרינגען עס פון דעם וואָס אין פסוק שטייט (דברי הימים ב, ז, ה): ויזבח — און דער מלך שלמה האָט מקריב געווען די קרבנות פון די רינדער, — „קרבנות פון רינדער" שטייט דאָ ניט, נייערט קרבנות פון די רינדער;[27] וועלכע־זשע רינדער? מיינט עס וואָס דער פסוק זאָגט (במדבר ז, ז): את שתי — די צוויי וועגענער און די פיר רינדער, און ווייטער שטייט [דאָרט, ח]: און די פיר וועגענער און די אַכט רינדער.

ר' מאיר זאָגט: ביז איצט האַלטן זיי זיך אויף, און זיי האָבן ניט געקראָגן קיין מום און זיינען ניט געעלטערט געוואָרן און זיינען ניט טריף געוואָרן, נייערט זיי לעבן און האַלטן זיך אויף. איז עס דאָך אַ קל־וחומר: מה־דאָך די אָקסן,[28] וואָס זיינען באַהעפט געוואָרן מיט דער אַרבעט פון משכן דורך מענטשן, איז זיי געגעבן געוואָרן אַ זיין, אַז זיי זאָלן לעבן און זיך אויפהאַלטן אויף אייביקע אייביקייטן; היינט ישראל, וואָס זיינען באַהעפט מיט דעם וואָס לעבט אייביק, — אוודאי און אוודאי, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ד, ד): ואתם — אָבער איר, וואָס איר זענט באַהעפט אָן גאָט אייער גאָט, — איר אַלע לעבט היינט.[29]

## יא

(ה) הסבי — קער אַוועק דיינע אויגן. ר' עזריה פון וועגן ר' יהודה בר' סימון: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף דער האַרינטע, און ער האָט זי אַרויסגעשטויסן און אַרויסגעהייסן פונעם פּאַלאַץ אין דרויסן אַרויס. וואָס האָט זי געטאָן? זי איז געגאַנגען און צוגעפּרעסט איר פּנים צו אַ זייל אין דרויסן פונעם פּאַלאַץ. ווען דער מלך איז פאַרבייגע־גאַנגען, האָט ער געזאָגט: „נעמט זי אַוועק פון קעגן מיין פּנים, וואָרום איך קאָן עס ניט פאַרטראָגן." אַזוי אויך, בעת דאָס בית־דין זיצט און איז גוזר תענית, און יחידים[1] פאַסטן, זאָגט הקדוש ברוך הוא: „איך קאָן עס ניט פאַר־טראָגן, וואָרום זיי האָבן מיך באַוועלטיקט, זיי האָבן מיך געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דער וועלט."[2] און בשעת דאָס בית־דין איז גוזר תענית, און קינדער פאַסטן, זאָגט הקדוש ברוך הוא: „איך קאָן עס ניט פאַרטראָגן, וואָרום זיי האָבן מיך באַוועלטיקט, — זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר מלך איבער זיי און האָבן געזאָגט (שמות טו, יח): ה' — גאָט וועט קיניגן אויף אייביק און אייביק." און בעת מ'איז גוזר תענית, און זקנים פאַסטן, זאָגט הקדוש ברוך הוא: „איך קאָן עס ניט פאַרטראָגן, וואָרום זיי האָבן מיך באַוועלטיקט, זיי האָבן ביים סיני מקבל געווען מיין מלכות אויף זיך און

[23] ווען אַ מזבח צו גאָט (שמואל א, כא). [24] וואו ס'איז געווען אַ גרויסע במה (מלכים א, ג, ד). [25] וואו דער משכן איז געשטאַנען אין דער צייט פון די שופטים (שמואל א, א). [26] אין בית המקדש. [27] פון באַשטימטע און באַוואוסטע רינדער. [28] אין אָריגינאַל — פרות, קי. [29] דעם אייבערשטנס „היינט" — אויף אַלע אייביקייטן.

**הקריבום; ורבנן אמרין: בבית העולמים הקריבום. ר׳ חמא אמר: טעמא דרבנן, דכתיב** (דברי הימים ב, ז): ויזבח המלך שלמה את זבח הבקר, — **„זבח בקר" לא נאמר, אלא** זבח הבקר; **אי זה בקר? הוי אומר** (במדבר ז): את שתי העגלות ואת ארבעת הבקר, **וכתיב** (שם): ואת ארבע העגלות ואת שמונת הבקר.

**ר׳ מאיר אומר: עכשיו הן קיימות, ולא הוממו ולא הזקינו ולא הטריפו, אלא הן חיות וקיימות. והרי הדברים קל וחומר: ומה הפרות, שנדבקו על ידי אדם במלאכת המשכן, נתן להם הוויה שיהיו הן חיות וקיימות לעולמי עולמים; ישראל שדבקים בחי העולמים, עאכ״ו, שנאמר** (דברים ד): ואתם, הדבקים בה׳ אלהיכם, חיים כולכם היום.

יא

(ה) הסבי עיניך. **ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון: למלך שכעס על מטרונה, ודחפה והוציאה מפלטין בחוץ. מה עשתה? הלכה וצמצמה פניה אחר העמוד חוץ לפלטין. לכשעבר המלך, אמר המלך: „העבירוה מנגד פני, שאיני יכול לסבול." כך בשעה שבית דין יושבין וגוזרין תעניות, והיחידים מתענים, הקב״ה אומר: „איני יכול לסבול,** שהם הרהיבוני, **הן גרמו לי לפשט ידי בעולמי." ובשעה שבית דין גוזרין תעניות, ותינוקות מתענים, אומר הקב״ה: „איני יכול לסבול,** שהם הרהיבוני, — **הם המליכוני עליהם ואמרו** (שמות טו): ה׳ ימלוך לעולם ועד." **ובשעה שגוזרין תעניות וזקנים מתענים, אומר הקב״ה: „איני יכול לסבול,** שהם הרהיבוני, **הם קבלו מלכותי עליהם בסיני ואמרו** (שם כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע." **וכתיב** (תהלים פז): אזכיר רהב ובבל ליודעי, **וגו׳. ר׳ פנחס בשם ר׳ חמא בר חנינא בר פפא: כתיב** (שם סח): ואף סוררים לשכן יה אלהים, — **ואף סוררים, והקב״ה**

---

האָבן געזאָגט (דאָרט כד, ז): כל — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן;" **און ווידער שטייט** (תהלים פז, ד): אזכיר — איך טו דער־מאָנען רהב[3] און בבל פאַר די וואָס קאָנען מיך.[4] **ר׳ פינחס פון וועגן ר׳ חמא בר חנינא בר פפא: אין פסוק שטייט** (דאָרט סח, יט): ואף — אַז אפילו צווישן די אָפּקערערס זאָל רוען גאָט דער האַר, — **אפילו ווען זיי זיינען אָפּקערערס**

---

יא. [1] **תלמידי חכמים** (תענית י, א): **ווער זיינען די יחידים? ר׳ הונא האָט געזאָגט: די רבנן).** [2] **אויף די רשעים פון דער וועלט.** [3] **אָנשפּיל אויף** הרהיבוני: **אַ צונאָמען פאַר מצרים** (לויט ישעיה ל, ז; **זע אויך תרגום אויפן פסוק אין תהלים).** [4] **לויטן דרש:**

לאָזט הקדוש ברוך הוא רוען זיין שכינה צווישן זיי; אין וואָסער זכות? אין זכות פון [זייער זאָגן:] אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און האָרכן.

יב

(ה) שערך — דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן, — אַזוי ווי די דאָזיקע ציג איז ניבזהדיק, אַזוי איז ישראל געווען ניבזהדיק אין שיטים, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כה, א): וישב ישראל — און ישראל איז געזעסן אין שיטים [און דאָס פאָלק האָט גענומען מזנה זיין מיט די טעכטער פון מואב. אָבער] (ו) שניך — דיינע ציין ווי אַ סטאַדע שאָף, — אַזוי ווי די דאָזיקע שאָף איז צניעותדיק, אַזוי איז ישראל געווען צניעותדיק און ערלעך אין דער מלחמה מיט מדין.[1] ר׳ הונא האָט פון ר׳ אחאס וועגן געזאָגט: קיינער פון זיי האָט ניט געלייגט די תפילין של ראש פאַר די תפילין של יד;[2] וואָרום ווען עמעצער פון זיי זאָל געווען לייגן די תפילין של ראש פאַר די תפילין של יד, וואָלט משה זיי ניט געוועזן געלויבט, און זיי וואָלטן ניט אַרויפגעקומען פון דאָרט בשלום. מיינט עס, אַז זיי זיינען געווען גאָר גרויסע צדיקים. שכולם — וואָס זיי אַלע זיינען אויסגעפּאָרט׳ — בשעת זיי פלעגן פאָרוויז אַריינגיין צו אַ פרוי,[3] פלעגט איינער פון זיי פאַרסאַזשען איר פנים און איינער פלעגט אַראָפּנעמען אירע אוירינגען. פלעגן זיי זאָגן צו זיי: „זיינען מיר ניט פון גאָטס באַשעפעניש, וואָס איר טוט אַזוינס מיט אונדז?״ פלעגן די יידן זאָגן צו זיי: „איז אייך נאָך ניט גענוג, וואָס מיר האָבן אַריינגעקראָגן איבער אייך?״ ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק ד): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם אַלע הויפּטלייט פון פאָלק און הענג זיי אויף. — און קיין פאַרוואָרפערין איז ניטאָ צווישן זיי, וואָרום אויף קיינעם פון זיי איז ניט געפאַלן קיין חשד פון אַן עבירה.

(ז) כפלח — ווי דער אָפּשניט פון אַ מילגרוים איז דיין שלייף, — דער־מאָלט, בעת זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער מלחמה מיט מדין, האָט משה אָנגעהויבן זיי צו לויבן: ׳אפילו די ליידיקע צווישן אייך זיינען אָנגעפילט מיט מצוות און מעשים טובים, ווי דער דאָזיקער מילגרוים. וואָרום ווען עמעצן קומט אָן עבירה צו דער האַנט, און ער ראַטעוועט זיך פון איר און טוט זי ניט, האָט ער אַ גרויסע מצווה געטאָן; און אוודאי איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן [די וואָס אונטער] דיין שלייער, וועגן די צניעותדיקע און צוריק־געהאַלטענע וואָס צווישן אייך.״

יג

(ח) ששים — זעכציק זיינען זיי, די מלכות [און אַכציק די קעפּסווייבער]. ר׳ חייא פון ציפּורי און ר׳ לוי האָבן באַשיידט דעם פסוק אויף די אומות פון דער וועלט. ר׳ חייא האָט געזאָגט: זעכציק און אַכציק איז הונדערט און פערציק.[1] פערציק פון זיי האָבן אַן [אייגן] לשון, אָבער ניט קיין שריפט, און פערציק פון

---

איך באַשטראָף די אונטערדריקערישע פעלקער לטובת די וואָס קאָנען מיך (לטובת ישראל).

יב. [1] נאָך דעם ווי די הויפּטלייט זיינען אויפגעהאָנגען געוואָרן, ווי ווייטער. [2] אַזוי אָפּגעהיט זיינען זיי געווען מיט די מצוות. [3] פון די פרויען וואָס האָבן אָנגערעדט יידן צו זינד.

יג. [1] פעלקער־משפחות (פאַרגלייך במדבר רבה ט, יד).

משרה שכינתו ביניהם; באי זו זכות? בזכות כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע.

יב

(ה) שערך כעדר העזים, — מה עז זו בזויה, כך ישראל בזויין בשטים, שנאמר (במדבר כה): וישב ישראל בשטים, וגו׳. (ו) שניך כעדר הרחלים, — מה רחל זו צנועה, כך היו ישראל צנועים וכשרים במלחמת מדין. ר׳ הונא בשם ר׳ אחא אמר: שלא הקדים אחד מהן תפילין של ראש לתפילין של יד; שאלו הקדים אחד מהן תפילין של ראש לתפילין של יד, לא היה משה משבחם, ולא היו עולין משם בשלום. הוי אומר, שהיו צדיקים ביותר. שכולם מתאימות, — בשעה שהיו נכנסים זוגות זוגות אצל האשה, היה אחד מהם מפחם פניה ואחד מהם מפרק נזמיה. והיו אומרות להם: „אין אנו מבריותיו של הב״ה, שתעשו לנו כך?״ והיו ישראל אומרים להם: „לא דייכם שנטלנו שלנו מתחת ידיכם? הה״ד (שם): ויאמר ה׳ אל משה: קח את כל ראשי העם והוקע אותם. — ושכולה אין בהם, שלא נחשד מהם אחד בעבירה.

(ז) כפלח הרמון רקתך, — באותה שעה, כשחזרו ממלחמת מדין, התחיל משה לשבחן: „אפילו ריקנין שבכם רצופים מצות ומעשים טובים כרמון הזה. שכל מי שבא עבירה לידו, ונצל ממנה ולא עשה אותה, מצוה גדולה עשה; ואין צריך לומר לצמתך, על הצנועין ועל המצומתים שבכם.״

יג

(ח) ששים המה מלכות [ושמונים פילגשים]. ר׳ חייא ציפוראה ור׳ לוי פתרי קרייה באומות העולם. ר׳ חייא אמר: ששים ושמונים הרי מאה וארבעים. ארבעים מהם יש להם לשון ואין להם כתב, וארבעים מהם אין להם לשון ויש להם כתב; ועלמות אין מספר, — השאר מהם שאין להם לא כתב ולא לשון. יכול אף ישראל כן? תלמוד לומר (אסתר ח): ואל היהודים ככתבם וכלשונם. ר׳ לוי אמר: ששים ושמונים הרי מאה וארבעים. שבעים מהם

---

זיי האָבן ניט קיין [אייגן] לשון, אָבער זיי האָבן אַ שריפט; און יונגפרויען אָן אַ צאָל, — די איבעריקע פון זיי האָבן ניט קיין כתב און ניט קיין [אייגן] לשון. קאָן איך מיינען, אַז ישראל איז אויך אַזוי? לערנט אונדז דער פסוק (אסתר ח, ט): וְאל היהודים — און צו די יידן לויט זייער כתב און לויט זייער לשון. ר׳ לוי האָט געזאָגט: זעכציק און אַכציק איז הונדערט און פערציק. זיבעציק פון זיי

קאָנען זייערע פאַטערס, אָבער קאָנען ניט זייערע מוטערס, און זיבעציק פון זיי קאָנען זייערע מוטערס, אָבער קאָנען ניט זייערע פאַטערס; און יונגפרויען אָן צאָל, וואָס קאָנען ניט, ניט זייערע פאַטערס און ניט זייערע מוטערס.[2]

(ט) אחת — איינע איז די מיין טויב, מיין אומשולדיקע, — איינע, **דאָס איז אברהם, ווי דער פסוק זאָגט** (יחזקאל לג, כד): אחד — איינער איז געווען אברהם; — איינע איז זי ביי איר מוטער, **דאָס איז יצחק, וואָס איז געווען אַן איינציקער ביי זיין מוטער;** אויסדערוויילט איז זי ביי איר געווינערין, **דאָס איז יעקב אבינו, וואָס איז געווען אויסדערוויילט ביי זיין געווינערין,[3] ווארום ער איז געווען אַן אמתער צדיק.** טעכטער האָבן זי געזען און האָבן זי געלויבט, **דאָס זיינען די שבטים,[4] ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית מה, טז): והקול — און דער קלאַנג איז געהערט געוואָרן אין פרעהס הויז;[5] **אַן אַנדער פשט:** טעכטער האָבן זי געזען און האָבן זי געלויבט, **דאָס איז לאה, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט ל, יג): באשרי — אויף מיין לויב! ווארום די טעכטער וועלן מיך לויבן.[6] — מלכות און קעפסווייבער, און האָבן זי געריִמט, **דאָס איז יוסף, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט מא, לח): ויאמר פרעה — און פרעה האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: „געפינט זיך דען אַזאַ? **אויב מיר וועלן אומגיין פון איין עק וועלט צום אַנדערן, וועלן מיר אַזאַ ניט געפינען." ווי דער פסוק זאָגט** (פסוק לט): אחרי — נאָך דעם ווי גאָט האָט דיך דאָס אַלץ געלאָזט וויסן [איז נישטאָ קיין פאַרשטאַנדיקער און קיין קלוגער ווי דו].

## יד

**ר' יצחק האָט באַשיידט דעם פסוק אויף די פרשיות פון דער תורה.[1]** זעכציק זיינען זיי, די מלכות, **דאָס זיינען די זעכציק מסכתות פון הלכות;[2]** און אַכציק די קעפסווייבער, **דאָס זיינען די אַכציק פרשיות פון תורת כוהנים;[3]** און יונגפרויען אָן צאָל, — **ניטאָ קיין צאָל צו די תוספתות;[4]** איינע איז זי, — **זיי[5] קריגן טאַקע איינע אויף די אַנדערע; אָבער זיי אַלע דרשענען אויף איין יסוד, פון דער זעלבער הלכה, פון אַ גזירה שוה, פון אַ קל־וחומר.[6]**

---

[2] **אין במדבר רבה ווערט** ועלמות (און יונגפרויען) געדרשנט ווי מעולמות, פאַרהוילן: **זייער אָפּשטאַם איז זיי ניט באַקאַנט. — דער געדאַנק איז, אַז די אומות פון דער וועלט זיינען ניט אָפּגעהיט אין טהרת המשפחה.** [3] **צו באַקומען יצחקס ברכות.** [4] **די פאַטערס פון די שבטים.** [5] **און** ווייטער שטייט: און ס'איז געווען וואוילגעפעלן אין די אויגן פון פרעהן און — — — פון זיינע קנעכט. [6] **געטייטשט לויטן דרש** (זע אונקלוס).

יד. [1] **לויטן ווייטערדיקן מיינט עס די תורה שבעל־פה.** [2] **די משנה. — היינט איז די משנה איינגעטיילט אין 63 מסיכתות; אַ מאָל אָבער זיינען די מסיכתות בבא קמא,** בבא מציעא און בבא בתרא געווען פאַררעכנט ווי איין מסיכתא (אונטערן נאָמען נזיקין), **און אַזוי איז אויך** סנהדרין **געווען איין מסיכתא מיט** מכות (לויטן מהרז"ו **איז שבת בעי־ווען איין מסיכתא** מיט עירובין). [3] **ספרא** אויף ויקרא, **וואַרשיינלעך לויט אַן אַמאָליקער איינטיילונג** (רד"ל). (היינט **איז דער ספר צעטיילט אין איבער 100 פרשיות).** [4] **הלכה זאַמלונגען, וואָס זיינען ניט אַריין אין דער משנה. — געדרשנט** ועלמות ווי ועלומות, **און פאַרהוילן: די תוספתות זיינען ניט געווען אַזוי באַקאַנט צווישן די חכמים ווי די משנה** (יפה קול). [5] **די תלמידי חכמים.** [6] **ניט קוקנדיק אויף זייערע חילוקי דעות, זיינען זיי**

מכירים אבותיהם ואין מכירים אמותיהם, ושבעים מהם מכירין אמותיהם ואין מכירין אבותיהם; ועלמות אין מספר, שאין מכירין אבותיהם ואמותיהם.

(ט)אחת היא יונתי, תמתי, — אחת, זה אברהם, שנאמר (יחזקאל לג): אחד היה אברהם; — אחת היא לאמה, זה יצחק, שהיה יחיד לאמו; ברה היא ליולדתה, זה יעקב אבינו, שהיה ברור ליולדתו, שהיה צדיק גמור. ראוה בנות ויאשרוה, אלו השבטים, שנאמר (בראשית מה): והקול נשמע בית פרעה. ד"א: ראוה בנות ויאשרוה, זו לאה, שנאמר (שם ל): באשרי, כי אשרוני בנות. — מלכות ופילגשים, ויהללוה, זה יוסף, שנאמר (שם מא): ויאמר פרעה אל עבדיו: „הנמצא כזה? אם אנו מהלכין מסוף העולם ועד סופו, אין אנו מוצאין כזה." שנאמר (שם): אחרי הודיע אלהים אותך את כל זאת, וגו'.

יד

ר' יצחק פתר קרייה בפרשיותיה של תורה. ששים המה מלכות, אלו ששים מסכתות של הלכות; ושמונים פילגשים, אלו שמונים פרשיות שבתורת כוהנים; ועלמות אין מספר, — אין קץ לתוספות; אחת היא, — הן חולקים אלו עם אלו, וכלהון דורשין מטעם אחד, מהלכה אחת, מגזירה שוה, מקל וחומר.

ר' יודן בר' אלעי פתר קרייה בעץ חיים ובגן עדן. ששים המה מלכות, ששים חבורות של צדיקים שיושבות בגן עדן תחת עץ החיים ועוסקות בתורה. — — —

תני: עץ חיים מהלך חמש מאות שנה, וכל מימי בראשית מתפלגין ויוצאין מתחתיו. ר' יהודה בר' אלעי אמר: לא סוף דבר (גופו) [נופו], אלא אפילו קורתו מהלך ת"ק

---

ר' יודן בר' אלעי האָט באַשיידט דעם פּסוק אויפן בוים פון לעבן[7] און אויפן גן־עדן. זעכציק זיינען זיי די מלכות, — זעכציק כיתות פון צדיקים וואָס זיצן אין גן־עדן אונטערן בוים און לערנען תורה. — — —

מיר האָבן געלערנט:[8] דער [היקף פונעם] בוים פון לעבן איז פינף הונדערט יאָר גאַנג, און אַלע וואַסערן פונעם באַשאַף צעצווייגן זיך און צעגייען זיך פון אונטער אים. ר' יהודה בר' אלעי האָט געזאָגט: ניט נאָר זיין געצווייג,[9] נייערט אפילו זיין שטאַם איז פינף הונדערט

---

אַלע געשטאַנען אויף איין יסוד: די אויטאָריטעט פון דער תורה שבעל פה. [7] בראשית ב, ט. [8] ירושלמי, ברכות א, א; בראשית רבה טו, ו. [9] לייענענדיק נופו (ווי אין

יאָר גאַנג. מיר האָבן געלערנט: מיטן [וואַסער] איבערבלייב פון אַ כור,[10] טרינקט זיך אָן אַ תרקב;[11] און מיטן וואַסער איבערבלייב פון כוש טרינקט זיך מצרים אָן; און מצרים איז פערציק טאָג גאַנג, און דאָס איז פיר הונדערט פרסה[12] אויף פיר הונדערט פרסה, און זי איז אַ זעכציקטל די גרייס פון כוש. און כוש איז זיבן יאָר גאַנג און מער, און זי איז אַ זעכציקטל פון דער וועלט. און די לענג פון דער וועלט איז פינף הונדערט יאָר גאַנג און איר ברייט איז פינף הונדערט יאָר גאַנג, און זי איז איין פיר הונדערטל[13] פון גיהנום. קומט אויס, אַז דער גיהנום איז צוויי מאָל הונדערט טויזנט יאָר גאַנג. געפינען מיר, אַז גאָר די גאַנצע וועלט איז קעגן גיהנום ניט מער ווי אַ שטערצל פון אַ טאָפּ. און די וועלט איז איין זעכציקטל פון גן־עדן; און [אַנדערע זאָגן:][14] דער גן־עדן האָט קיין שיעור ניט.

און אַכציק קעפּסווייבער, דאָס זיינען אַכציק כיתות פון מיטלמעסיקע [תל־מידי חכמים], וואָס זיצן און לערנען תורה און דרויסן פון דעם עץ החיים; און יונגפרויען אָן צאָל, ניטאָ גאָר קיין סוף צו [דער צאָל פון] תלמידים. קאָן איך דאָך מיינען, אַז זיי זיינען צעטיילט צווישן זיך? לערנט אונדז דער פּסוק: איינע איז זי, מיין טויב, מיין אומשולדיקע, — זיי אַלע דרשענען אויף איין יסוד, פון דער זעלבער הלכה, פון דער זעלבער גזירה שוה, פון אַ קל וחומר.

## טו

די רבנן האָבן באַשיידט דעם פּסוק אויף די וואָס זיינען אַרויס פון מצרים. זעכציק זיינען זיי, די מלכות, — זעכציק, דאָס זיינען די זעכציק מאָל צען טויזנט וואָס זיינען אַרויס אין עלטער פון צוואַנציק יאָר און העכער; און אַכציק קעפּסווייבער, דאָס זיינען די אַכציק מאָל צען טויזנט פון ישראל, וואָס זיינען אַרויס פון מצרים אין עלטער פון צוואַנציק יאָר און אַרונטער; און יונגפרויען אָן צאָל, ס'איז ניט געווען קיין סוף און קיין צאָל צו די גרים.

ר' ברכיה האָט געזאָגט פון ר' לויס וועגן: די אומות פון דער וועלט האָבן[1] אַ ציילונג, אָבער ניט קיין סך־הכל. זיי האָבן אַ ציילונג (בראשית י, ב): בני — די זין פון יפתן: גומר און מגוג — — —.[2] אָבער ישראל האָט אַ ציילונג און האָט אַ סך־הכל; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (במדבר ג, כב):

בראשית רבה און ירושלמי) אַנשטאָט גופו, ווי אין די מדרש אויסגאַבעס (אין דער אויס־גאַבע פון זוסמאַן און יעבץ, בערלין תרכ"ו, איז פאַראַן אַ באַמערקונג, אַז אין אַ ווענע־ציאַנישער אויסגאַבע פון אונדזער מדרש איז דער נוסח נופו). [10] אַ פעלד גרויס גענוג אויף צו פאַרזייען אַ כור תבואה (אַ כור — אַרום 395.5 ליטער). [11] אַ שטיקל פעלד אויף צו פאַרזייען אַ תרקב (לייען: טאַרקאַוו), אַרום 6.6 ליטער, איין זעכציקטל פון אַ כור. [12] פּערסישער מייל, נאָענט צו 4.5 קילאָמעטער. [13] אין די טעקסטן האָט זיך דאָ דורך אַ טעותדיקער איבערחזרונג אַריינגעכאַפּט דאָס וואָרט שנה, יאָר, וואָס מיר האָבן גע־שטעלט אין קלאַמערן. [14] צוגאָב לויט תענית י, א, — אָן דעם שטימט עס ניט איינס מיטן אַנדערן.

טו. [1] אין חומש. [2] דאָרט ווערן אויסגערעכנט די פאַטערס פון די פאַרשיידענע

שנה. תני: תמצית כור תרקב שותה; ותמצית כוש מצרים שותה; ומצרים מהלך ארבים יום, והיא ארבע מאות פרסה והיא אחד מששים בכוש. וכוש מהלך שבע שנים ועוד, והיא אחד מששים בעולם. וארכו של עולם ת״ק שנה מהלך ורחבו מהלך ת״ק שנה, והוא אחד מארבע מאות (שנה) לגיהנם; ומוצא הילוכה של גיהנם שני אלפים מאה שנה. מצינו, שכל העולם כלו ככיסוי קדירה לגיהנם. ועולם אחד מששים בעדן; [ויש אומרים:] עדן אין לה שיעור. ושמנים פילגשים, אלו שמנים חבורות בינוניות, שיושבות ועוסקות בתורה חוץ לעץ החיים; ועלמות אין מספר, — אין קץ לתלמידים. יכול שהן חלוקין זה עם זה? תלמוד לומר: אחת היא יונתי, תמתי, — כולן דורשין מטעם אחד, מהלכה אחת, מגזירה שוה אחת, מקל וחומר.

טו

רבנן פתרי קרייה ביוצאי מצרים. ששים המה מלכות, — ששים, אלו ששים רבוא שיצאו מבן עשרים שנה ומעלה; ושמנים פילגשים, אלו שמונים רבוא שיצאו ישראל ממצרים מבן עשרים שנה ולמטה; ועלמות אין מספר, אין קץ ואין סכום לגרים. ר׳ ברכיה בשם ר׳ לוי אמר: אומות העולם יש להם מנין ואין להם סכום. יש להם מנין (בראשית י): בני יפת: גומר ומגוג. אבל ישראל יש להם מנין ויש להם סכום; הה״ד (במדבר ג): פקודיהם במספר כל זכר, — פקודיהם, זה המנין; במספר, זה הסכום. ודכוותיה (שמואל ב, כד): ויתן יואב את מספר מפקד העם אל המלך, וכו׳, — מספר, זה המנין; מפקד, זה הסכום. אין תימר, שאנן מעידין על

---

פקודיהם — זייערע געציילטע לויט דער צאָל פון אַלע מאַנספערשוינען, — זייערע געציילטע, דאָס איז די ציילונג; לויט דער צאָל, דאָס איז דער סך־הכל.[3] און דעסטגלייכן (שמואל ב, כד, ט): ויתן יואב — און יואב האָט איבערגעגעבן דעם מיספר פון דער ציילונג פונעם פאָלק צום מלך, — מיספר, דאָס איז די ציילונג; פון דער ציילונג, דאָס איז דער סך־הכל.[4] איי, טאָמער וועסטו זאָגן,

---

אומות, אָבער קיין סך־הכל פון זייערע אָפּשטאַמערס ווערט ניט געגעבן. [3] אַנדערש איז לויט דער צאָל איבעריק (און דאָרט, פסוק מג, ווערט געגעבן דער סך־הכל פון אַלע בני לוי; און אַזוי איז עס אויך פאַר דעם, פרק א און ב וואו עס ווערט געגעבן דער סך־הכל פון איטלעכן שבט באַזונדער און פון גאַנצן פאָלק צוזאַמען). [4] אונטערן ערשטן וואָרט ווערט פאַרשטאַנען די ציילונג לויט די פרטים, אונטערן צווייטן — דער סך־הכל (און פאַרן בעל המדרש איז ניט וויכטיק, וואָס די ווערטער פאַר די צוויי באַגריפן געפינען זיך אין

אַז דאָס זאָגן מיר עדות אויף זיך אַליין? אָבער אָט האָט דאָך בלעם הרשע עדות געזאָגט אויף אונדז, ווי אין פּסוק שטייט [במדבר כג, י]: מי מנה — ווער האָט געציילט דעם שטויב פון יעקב, דאָס איז די ציילונג; און דעם מיספר פון אַ פערטל[5] פון ישראל, דאָס איז דער סך־הכל.

אַן אַנדער פּשט:[6] אײנע איז זי, מײן טויב, מײן אומשולדיקע, דאָס איז די כנסת ישראל, ווי דער פּסוק זאָגט (שמואל ב, ז, כג): ומי — און ווער איז נאָך ווי דײן פאָלק, ווי ישראל, אַן אײנציקע אומה אויף דער ערד; — אײנע איז זי בײ איר מוטער, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה נא, ד): הקשיבו — הערט זיך צו צו מיר, מײן פאָלק, און פאַרנעמט פון מיר, מײן אומה, — לאמי (צו מײן מוטער) שטייט געשריבן;[7] ברה — אויסדערווײלט איז זי בײ איר געווי־נערין, — ר׳ יעקב בר אבונה האָט פאַרטײטשט פאַר ר׳ יצחק: [ברה] „בר־מינה" — אויסער איר איז ניטאָ [נאָך אַזאַ] בײ איר געווינערין; טעכטער האָבן זי געזען און האָבן זי געלויבט, ווי דער פּסוק זאָגט (מלאכי ג, יב): ואשרו — און לויבן וועלן אײך אַלע פעלקער; — מלכות און קעפּסווײבער, און האָבן זײ געריִמט, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה מט, כג): והיו מלכים — און מלכים וועלן זײן דײנע דערציִערס.

טז

(י) מי זאת — ווער איז עס די וואָס קוקט אַרויס ווי דער מאָרגנשטערן.

אַ מעשה: ר׳ חייא און ר׳ שמעון בן חלפתא זײנען אַ מאָל געגאַנגען אין דעם טאָל פון ארבאל אין באַגינען, און האָבן געזען, ווי דאָס ליכט פון מאָרגנ־שטערן רײסט זיך אַרויס. האָט ר׳ חייא רבה געזאָגט צו ר׳ שמעונען: אַזוי וועט די גאולה פון ישראל אַרויסשײנען, ווי אין פּסוק שטייט (מיכה ז, ח): כי אשב — אַז איך זיץ אין פינצטערניש, איז מיר גאָט אַ ליכט, — צוערשט קומט ער[1] אָן צו ביסלעך, און נאָך דעם צעשײנט ער זיך און קומט אַרויס, און נאָך דעם מערט ער זיך און פאַרשפּרײט זיך, און נאָך דעם האַלט ער זיך אין אײן צעבליִען. אַזוי, צוערשט (אסתר ב, כא): בימים ההם — אין יענע טעג, ווען מרדכי איז געזעסן אין מלכס טויער; און נאָך דעם (דאָרט ח, טו): ומרדכי — און מרדכי איז אַרויס פון פאַרן מלך אין אַ קיניגלעך קלײד; און נאָך דעם (דאָרט, פּסוק טז): ליהודים — בײ די ייִדן איז געווען אַ ליכטיקייט און אַ שמחה.[2]

ווי דער מאָרגנשטערן, — אײ, אַזוי ווי דער מאָרגנשטערן האָט ניט קײן שאָטן, קאָן איך מײנען, אַז ישראל איז אויך אַזוי?[3] לערנט אונדז דער פּסוק: שײן ווי די לבנה. אײ, אַזוי ווי די לבנה האָט ניט קײן קלאָר ליכט, איז ישראל אויך אַזוי? לערנט אונדז דער פּסוק: קלאָר ווי די זון; דאָס איז ווי אין פּסוק

צווייטן פּסוק אין אַן אַנדער אָרדענונג ווי אין ערשטן). [5] לויט אונקלוס. [6] לויטן אינהאַלט איז די פראַזע ניט אין פּלאַץ, ווײל דאָ רעדט זיך ניט וועגן דעם זעלבן פּסוק וואָס ביז אַהער; סײדן זי באַציט זיך אויף די דרשות פון סימן יד. [7] זע אויבן ג, כא, באַמ. 2.

טז. [1] דער מאָרגנשטערן. [2] אין מדרש תהלים, כב, איז דער נוסח פיל ברײטער; זע ש דונסקי, אסתר רבה י, יד, באַמ. 2. [3] שאָטן ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי שונץ (פאַר־

**עצמנו? והלא בלעם הרשע העיד בנו, דכתיב** (במדבר כג): מי מנה עפר יעקב, זה מנין; ומספר את רובע ישראל, **זה הסכום.**

**ד"א:** אחת היא יונתי. תמתי, **זו כנסת ישראל, שנאמר** (שמואל ב, ז): ומי כעמך, כישראל, גוי אחד בארץ; — אחת היא לאמה, **שנאמר** (ישעיה נא): הקשיבו אלי, עמי, ולאמי אלי האזינו, — לאמי **כתיב;** ברה היא ליולדתה, **תרגם ר' יעקב בר אבונה קומי ר' יצחק: בר מינה לית ליולדתה;** ראוה בנות ויאשרוה, **המד"א** (מלאכי ג): ואשרו אתכם כל הגוים; — **מלכות ופילגשים, ויהללוה, המד"א** (ישעיה מט): והיו מלכים אומניך.

## טז

(י) מי זאת הנשקפה כמו שחר.

**דילמא: ר' חייא ור' שמעון בר חלפתא הוון מהלכין בהדא בקעת ארבאל בקריצתא, וראו אילת השחר שבקעה אורה. א"ל ר' חייא רבה לר' שמעון: כך תהיה גאולתן של ישראל מצפצפת, דכתיב** (מיכה ז): כי אשב בחשך, ה' אור לי, — **בתחילה היא באה קימעא קימעא, ואחר כך היא מנצנצת ובאה, ואחר כך פרה ורבה, ואחר כך מרטבת והולכת. כך, בתחילה** (אסתר ב): בימים ההם, ומרדכי יושב בשער המלך; **ואחר כך** (שם ח): ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות; **ואחר כך** (שם): ליהודים היתה אורה ושמחה, **וגו'.**

כמו שחר, — **אי מה שחר זה שאין לו צל, יכול אף ישראל כן? תלמוד לומר:** יפה כלבנה. **אי מה הלבנה הזו אין אורה ברור, כך ישראל? תלמוד לומר:** ברה כחמה; **הה"ד** (שופטים ה): ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. **אי מה החמה קופחת, יכול אף ישראל כן? תלמוד לומר:** יפה כלבנה; **הה"ד** (תהלים לו): מה יקר חסדך, אלהים. **אי מה לבנה זו פעמים חסרה, פעמים יתירה, יכול אף**

---

שטייט (שופטים ה, לא): ואוהביו — אָבער זיינע ליבהאָבערס — ווי דער אויפגאַנג פון דער זון אין איר שטאַרקייט. איי, אַזוי ווי די זון שרפעט, קאָן איך מיינען, אַז ישראל איז אויך אַזוי? לערנט אונדז דער פסוק: שיין ווי די לבנה, ווי אין פסוק שטייט (תהלים לו, ח): מה יקר — ווי חשוב[4] איז דיין חסד, גאָט. איי, אַזוי ווי די לבנה איז אַ מאָל פעליק און אַ מאָל פול, קאָן איך

גלייך במדבר יד, ט). [4] לויט איוב לא, כו: וירח — און די לבנה ווי זי גייט מיט חשיבות, אַ פסוק וואָס דער בעל דרשן האָט זיכער געהאַט אין זינעןביים ציטירן פון תהילים, —

מיינען, אַז ישראל איז אויך אַזוי? לערנט אונדז דער פּסוק: קלאָר ווי די זון. איי, אַזוי ווי די זון דינט נאָר ביי טאָג, אָבער ניט ביי נאַכט, קאָן איך מיינען, אַז ישראל איז אויך אַזוי? לערנט אונדז דער פּסוק: שיין ווי די לבנה, — אַזוי ווי די לבנה דינט סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט, וואָרום וועגן איר שטייט געשריבן (בראשית א, יח): ולמשול — און צו געוועלטיקן ביי טאָג און ביי נאַכט,[5] אַזוי איז ישראל, די זעלבע אויף דער וועלט, די זעלבע אויף יענער וועלט. איי, אַזוי ווי די זון און די לבנה רופן ניט אַרויס קיין אימה, קאָן איך מיינען, אַז ישראל איז אויך אַזוי? לערנט אונדז דער פּסוק: פּאַרכטיק ווי די באַפאַנטע,[6] ווי די פאָנען פון אויבן, אַ שטייגער מיכאל און זיין פאָן, גבריאל און זיין פאָן. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז זיי[6א] וואָרפן אָן אַן אימה? ווי דער פּסוק זאָגט (יחזקאל א, יח): וגביהן — און זייערע ראָמען,[7] אַ הייך האָבן זיי און אַ מוראדיקייט האָבן זיי. ר' יהושע זאָגט: ס'איז אַן אימה [ווי פאַר די פאָנען][8] פון אונטן, אַ שטייגער די דוכסים, די הויפּטלייט און די אייבער־האַרן; און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז זיי רופן אַרויס אימה? ווי דער פּסוק זאָגט (דניאל ז, ז): דחילה — פּאַרכטיק און אימהדיק און איבערשטאַרק.

ר' יודן און ר' הונא, — ר' יודן אין נאָמען פון ר' אליעזר דעם זון פון ר' יוסי הגלילי, און ר' הונא אין נאָמען פון ר' אלעזר המודעי. [ר' יודן:][9] דאָ שטייט ניט „כדגלים,” ווי די פאָנען, נייערט כנדגלות, — ווי דער דור, וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסוואַנדערן אין גלות;[10] וואָסער דור איז עס? דאָס איז דער דור פון חזקיהון, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה לז, ג): יום — אַ טאָג פון צרה און שטראָף. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז זיי[11] רופן אַרויס אימה? ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים ב, לב, כג): וינשא — און ער איז געהייכט געוואָרן פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער. ר' הונא אין נאָמען פון ר' אלעזר המודעי: דאָ שטייט ניט „כדגלים,” נייערט כנדגלות, ווי דער דור וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסוואַנדערן אין גלות, און האָט ניט אויסגעוואַנדערט; און וואָסער דור איז עס? דאָס איז דער דור פון דעם מלך המשיח; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (זכריה יד, ב): ואספתי — און איך וועל אויפזאַמלען אַלע פעלקער קיין ירושלים אויף מלחמה. און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז ער רופט אַרויס אימה? ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה יא, ד): והכה — און ער וועט שלאָגן דאָס לאַנד מיט דער רוט פון זיין מויל. ר' אלעזר אין נאָמען פון ר' יוסי בר ירמיה: אין יענער צייט[12] וועט ישראל אומוואַנדערן פון וואַנדער צו וואַנדער.

ר' יהושע פון סיכנין זאָגט: די כנסת ישראל האָט געזאָגט: „הקדוש ברוך הוא האָט מיך געבראַכט צו אַ קעלער פון וויין, דאָס איז דער באַרג סיני, און דאָרט איז געווען מיכאל מיט זיין פאָן, גבריאל מיט זיין פאָן.”[13] זי האָט גע־

אַנדערש איז דער ציטאַט אומפאַרשטענדלעך. [5] לויטן דרש באַציט זיך דער פּסוק אויף דער לבנה, וואָס ווייזט זיך אָפט אויך דורכן טאָג. [6] ווי די חיילות הינטער זייערע פאָנען. [6א] די מלאכים. [7] די ראָמען פון די מרכבה־רעדער (אידענטיש מיט הימלישע וועזנס). [8] צוגעגעבן לויטן רד"ל. [9] צוגעגעבן לויטן ווייטערדיקן. [10] געדרשנט כנדגלות, ווי אַ ראשי תבות. [11] דער דור פון חזקיהו. [12] אידער משיח וועט קומען. [13] זע אויבן.

ישראל כן? תלמוד לומר: ברה כחמה. אי מה חמה זו משמשת ביום ואינה משמשת בלילה, יכול אף ישראל כן? תלמוד לומר: יפה כלבנה, — מה לבנה זו משמשת ביום ובלילה, דכתיב בה (בראשית א): ולמשול ביום ובלילה, כך ישראל הן הן בעולם הזה, הן הן לעולם הבא. אי מה חמה ולבנה אין להם אימה, יכול אף ישראל כן? תלמוד לומר: איומה כנדגלות, כדגלין של מעלן, כגון מיכאל ודגלו, גבריאל ודגלו. ומניין שיש להם אימה? שנאמר (יחזקאל א): וגביהן וגבה להם ויראה להם. ר׳ יהושע אומר: אימה [כדגלים] שלמטה, כגון דוכסין ואיפרכין ואיסטרטיליטין; ומנין שיש להם אימה? שנאמר (דניאל ז): דחילה ואימתני ותקיפא.

ר׳ יודן ור׳ הונא, — ר׳ יודן בשם ר׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי ור׳ הונא בשם ר׳ אלעזר המודעי. [ר׳ יודן:] „כדגלים" אין כתיב כאן, אלא כנדגלות, כדור שנתנדנד לגלותו; איזה זה? זה דורו של חזקיהו, שנאמר (ישעיה לז): יום צרה ותוכחה. ומניין שיש להם אימה? שנאמר (דברי הימים ב, לב): וינשא לעיני כל הגוים. ר׳ הונא בשם ר׳ אלעזר המודעי: „כדגלים" אין כתיב כאן, אלא כנדגלות, כדור שנתנדנד לגלות, ולא גלה; ואיזה זה? זה דורו של מלך המשיח; הה"ד (זכריה יד): ואספתי את כל הגוים אל ירושלם למלחמה. ומנין, שיש לו אימה? שנאמר (ישעיה יא): והכה ארץ בשבט פיו. ר׳ אלעזר בשם ר׳ יוסי בר ירמיה: בשעה ההיא יהיו ישראל מתנדנדים ממסע למסע.

ר׳ יהושע דסכנין אומר: אמרה כנסת ישראל: „הביאני הקב"ה למרתף של יין, זה סיני, שם מיכאל ודגלו, גבריאל ודגלו." אמרה: „הלואי נסע כטכסיס הזה של מעלן." באותה שעה אמר הקב"ה: „הואיל ונתאוו בני להיות כדגלים, יחנו בדגלים," שנאמר (במדבר ב): איש על דגלו באותות לבית אבותם יחנו בני ישראל.

---

זאָגט: „הלוואי זאָלן מיר ציען אין דעם זעלבן סדר ווי אויבן".[14] דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ווי באַלד מיינע קינדער גלוסטן צו זיין [אויס־געסדרט] לויט פאָנען, זאָלן זיי לאַגערן לויט פאָנען," ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ב, א): איש — איטלעכער ביי זיין פאָן, לויט די צייכנס פון זייערע פאָטערהייזער, זאָלן לאַגערן די קינדער פון ישראל.

---

ב, יג, באָמ. 17. [14] ווי די מלאכים אין הימל.

## יז

(יא) אל גנת — צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט. ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ישראל איז געגליכן צו אַ נוסבוים, — אַזוי ווי דער נוס־בוים, ווען ער ווערט אַרומגעשאָרן (און ווערט ווידער באַוואַקסן)[1], איז עס פאַר זיין טובה, וועגן; פאַרוואָס? ווייל ער באַוואַקסט זיך ווידער, ווי די דאָזיקע האָר, וואָס ווערן אַרומגעשאָרן און וואַקסן ווידער, און ווי די דאָזיקע נעגל, וואָס ווערן אַרומגעשאָרן און וואַקסן ווידער. אַזוי, וויפל ישראל ווערט ניט אַרומגעשאָרן פון זייער פאַרהאָרעוועט פאַרדינסט אויף אָוועקצוגעבן פאַר די וואָס האָרעווען איבער דער תורה אויף דער וועלט, איז עס פאַר זייער טובה וועגן וואָס זיי ווערן אַרומגעשאָרן, און עס וועט זיי ווידער אָנוואַקסן, און מע וועט זיי מערן עשירות אויף דער וועלט און אַ גוטן לוין אויף יענער וועלט. ר׳ יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט פון ר׳ לויס וועגן: אַלע פלאַנצן, אויב דו פאַרדעקסט זייערע וואָרצלען בשעתן פלאַנצן,[2] נעמען זיי זיך אָן, און אויב ניט, נעמען זיי זיך ניט אָן; אָבער דער דאָזיקער נוסבוים, אויב דו פאַרדעקסט זיינע וואָרצלען בשעתן פלאַנצן, נעמט ער זיך ניט אָן; אַזוי איז ישראל (משלי כח, יג): מכסה — דער וואָס פאַרדעקט זיינע זינד, וועט ניט מצליח זיין.

ר׳ אלעשה האָט געזאָגט: דער פסוק האָט געדאַרפט ניט אַנדערש זאָגן, נייערט „צום גרינסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט״,[3] און זאָגן זאָגט ער צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט! נייערט דער פסוק לערנט אונדז, אַז ער האָט זיי געגעבן[3א] דעם כוח פון ביימער און די פרישקייט פון גרינס. ר׳ עזריה האָט געזאָגט צוויי זאַכן. [די ערשטע זאַך:] אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס, — זיין שאָלעכץ[3ב] היט אָפּ זיין פרוכט. אַזוי האַלטן די עמי־הארצים פון ישראל אויף די ווערטער פון דער תורה;[3ג] דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (משלי ג, יח): עץ חיים — אַ בוים פון לעבן איז זי פאַר די וואָס האַלטן זי אויף.[3ד] און נאָך אַ זאַך האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס, אויב ער פאַלט אַריין אין קויט, נעמסטו אים און שייערסט אים און וואַשסט אים און שווענקסט אים, און ער ווערט ווידער ווי פריער און איז גוט צו עסן; אַזוי, וויפל ישראל פאַרקויטיקט זיך ניט אין זינד אַלע טעג פון יאָר, קומט יום־כיפור און איז אויף זיי מכפר. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ויקרא טז, ל): כי ביום הזה — וואָרום אין דעם דאָזיקן טאָג וועט ער מכפר זיין אויף אייך, אייך צו ריייניקן. ר׳ יהודה בר׳ סימון זאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס האָט צוויי שאָלעכצן, אַזוי האָט ישראל צוויי מצוות [ביי מילה]: דאָס מלע זיין און די פריעה.

אַן אַנדער פשט: צום נוסגאָרטן, — ריש לקיש האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער

---

יז. [1] די פראַזע איז דאָ ניט אין פלאַץ, האָבן מיר זי געשטעלט אין קלאַמערן. [2] אין פסיקתא רבתי יא, ב, איז דער נוסח „בשעת זיי ווערן קראַנק,״ און אַזוי אויך אין ילקוט אויף אונדזער פסוק. [3] ווייל די ווייטערדיקע פראַזע רעדט וועגן דעם גרינס פון טאָל. [3א] הקדוש ברוך הוא צו ישראל. [3ב] עץ, האָלץ־אַרטיקע שאָלעכץ, — אַזוי טייטשן אויך וואונטשע און סאָנטשינאָ. [3ג] מיט זייער שטיצן די תלמידי חכמים. [3ד] דאָס וואָרט עץ פונעם פסוק ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי אויבן: שאָלעכץ, — דער עם הארץ וואָס זיין אויפ־

## יז

(יא) אל גנת אגוז ירדתי. א״ר יהושע בן לוי: נמשלו ישראל באגוזה, — מה האגוזה נגזזת (ונחלפת), לטובתה היא נגזזת; למה? שהיא מחלפת, כשער הזה שנגזז ונחלף, וכצפרנים הללו, שנגזזין ונחלפין. כך, כל מה שישראל נגזזין מעמלן ונותנין לעמלי תורה בעולם הזה, לטובתן הן נגזזין, ונחלפין להם, ומרבין להם עושר בעולם הזה ושכר טוב לעולם הבא. ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר: מה הנטיעות הללו, אם את מכסה שרשיהם בשעת נטיעתן, הן מצליחות, ואם לאו אין מצליחות; אבל האגוז הזה, אם את מכסה שרשיו בשעת נטיעתו, אינו מצליח; כך ישראל (משלי כח): מכסה פשעיו לא יצליח.

א״ר אלעשה: לא היה צריך קרא למימר, אלא „אל גנת ירק," ואמר אל גנת אגוז! אלא מלמד, שנתן להם כחן של נטיעות וזיון של ירק. ר׳ עזריה אמר תרתי. מה אגוז זה עצו משמר פריו, כך עמי הארץ שבישראל מחזיקין בדברי תורה; הה״ד (משלי ג): עץ חיים היא למחזיקים בה. ואמר חורי: מה אגוז זה אם נופל לתוך הטנופת, את נוטלו ומורקו ושוטפו ומדיחו, והוא חוזר כתחילתו והוא יפה לאכילה; כך, כל מה שישראל מתלכלכין בעונות כל ימות השנה, בא יום הכפורים ומכפר עליהם. הה״ד (ויקרא טז): כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם. ר׳ יהודה בר׳ סימון אומר: מה אגוז זה יש לו שתי קליפות, כך ישראל יש להן שתי מצוות: מילה ופריעה.

ד״א: אל גנת אגוז, — אמר ריש לקיש: מה אגוז זה חלק — דתנינן: ר׳ שמעון אומר: אף בחליקי אגוזים — וכל מי שעולה לראשו ואינו נותן דעתו היאך יעלה, הוא נופל ומת ונוטל שלו מן האגוז; כך כל מי שמנהיג שררה על הצבור בישראל ואינו נותן דעתו, היאך הוא מנהיג את ישראל, סוף שהוא נופל ונוטל

---

דאָזיקער נוסבוים איז גלאַט — ווי מיר האָבן געלערנט:[4] ר׳ שמעון זאָגט: אויך אויף די גלאַטע נוסביימער[5] — און איטלעכער וואָס גייט אַרויף צום שפּיץ און באַרעכנט זיך ניט צוערשט ווי אַזוי ער זאָל אַראָפּגיין, פאַלט און שטאַרבט און באַקומט דאָס זייניקע פונעם נוסבוים; אַזוי, איטליכער וואָס פירט ביי יידן שררהשאַפט איבער קהל, און באַרעכנט זיך ניט צוערשט, ווי אַזוי ער זאָל פירן די יידן, איז דער סוף, אַז ער פאַלט און באַקומט דאָס זייניקע

---

[4] משנה פאה ד, א. [5] דאַרף דער גאַבע איז אויפצוהאַלטן דעם לעבנס־קערן, די תורה.

פון אונטער זייערע הענט.[6] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ירמיה ב, ג): קודש — הייליק איז ישראל צו גאָט, די ערשטע פון זיין תבואה; אַלע זיינע פאַרצערערס וועלן זינדיק זיין — — —. אַן אַנדער פשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט, — אַזוי ווי דער דאַזיקער נוס ברענגט געלעכטער[7] צו קינדער און צייטפאַרטרייב צו מלכים, אַזוי איז ישראל [אַ געלעכטער][8] אויף דער וועלט איבער די זינד, ווי עס שטייט געשריבן (איכה ג, יד)): הייתי — איך בין געוואָרן אַ געלעכטער ביי אַלע פעלקער[9] — — —. אָבער לעתיד לבוא (ישעיה מט, כג): והיו מלכים — און מלכים וועלן זיין דיינע דערציערס.

אַן אַנדער פשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט, — אַזוי ווי צווישן ניס זיינען פאַראַן לייכט־ברעכלעכע ניס, מיטלמעסיקע ניס און שטאָק־האַרטע ניס, אַזוי איז ישראל, פאַראַן צווישן זיי וואָס גיבן צדקה פון זיך אַליין, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס אויב דו מאָנסט זיי, גיבן זיי, און פאַראַן, וואָס דו מאָנסט זיי, און זיי גיבן ניט. ר' לוי האָט געזאָגט: אַ ווערטל זאָגט: „אַ טיר, וואָס איז ניט אָפן פאַר אַ מצווה, וועט זיין אָפן פאַרן רופא.“ אַן אַנדער פשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט, אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס ווערט צעבראָכן דורך אַ שטיין, אַזוי ווערט די תורה גערופן „שטיין“, און דער יצר הרע ווערט גערופן „שטיין“. די תורה ווערט גערופן „שטיין“, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כד, יב): ואתנה לך — און איך וועל דיר געבן די שטיינערנע טאָוולען; און דער יצר הרע ווערט גערופן „שטיין,“ ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לו, כו): והסירותי — און איך וועל אָפּטאָן דאָס האַרץ פון שטיין פון אייער לייב. ר' לוי האָט געזאָגט: [ס'איז געליכן] צו אַ וויסט אָרט, וואָס איז פול מיט גזלנים; וואָס האָט דער מלך געטאָן? ער האָט דאָרט באַזעצט וועכטערס[10] אַכטונג צו געבן, זיי זאָלן ניט באַרויבן די פאַרבייגייערס. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „די תורה ווערט גערופן „שטיין“ און דער יצר הרע ווערט גערופן „שטיין“; זאָל איין שטיין אויסהיטן קעגן אַן אַנדערן.[11]

אַן אַנדער פשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט, — אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס קאָן ניט פאַרגנבענען זיין גרענעץ־צאָל, ווייל ער לאָזט זיך הערן און איז דערקענטלעך; אַזוי איז ישראל, וואו נאָר איינער פון זיי גייט,

בעל הבית אַליין אַרויפקלעטערן און אַראָפּנעמען דעם „לקט“ (נאָכקלייב, די רעשטלעך פרוכט) פאַר די אָרעמעלייט, צוליב דער געפאַר ביים קלעטערן. [6] אין פסיקתא רבתי און אין ילקוט ווערן דאָ געבראַכט דריי ביישפּילן: משה, ישעיה און אליהו, וואָס זיינען באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייערע האַרבע רייד קעגן ישראל (במדבר כ: י, יב; ישעיה ו: ה, ז; מלכים א, יט: י, טז). [7] געטייטשט לויטן ווייטערדיקן פסוק. [8] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט, און ענלעך צו דעם איז דער נוסח אין פסיקתא רבתי. [9] געטייטשט אין איינקלאַנג מיטן אינהאַלט און לויט אַ נוסח אין דער מסורה, וואָס הייסט לייענען אַנשטאָט עמי, מיין פאָלק — עמים, פעלקער (זע מנחת שי אויף דעם פסוק; אַזוי טייטשט אויך פערלעס, א. כהנאס תנ"ך אויסגאַבע; זע אויך רד"ק, שמואל ב, כב, מד. דאָס איז אויך אין הסכם מיט דער טראַדיציע, אַז פרק ג, איכה, באַציט זיך אויף כלל ישראל, — זע איכה רבה פרשה ג). [10] טעקסט ענדערונג לויט ויקרא רבה לה, ה און לויט יאַסטראָוו. [11] אויפן באַזיס פונעם פריערדיקן („אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס ווערט צעבראָכן דורך אַ שטיין“) לאָזט זיך דאָ מאַכן אַ השערה, אַז אַנשטאָט „משמר,“ היט אויס, דאַרף זיין „משבר“:

שלו מתחת ידיהם. **הה"ד** (ירמיה ב): קדש ישראל לה', ראשית תבואתה; כל אכליו יאשמו, וגו'. **ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, — **מה אגוז זה שחוק לתינוקות ושעשוע למלכים, כך הן ישראל** [שחוק] **בעולם הזה על ידי עונות, דכתיב** (איכה ג): הייתי שחוק לכל עמי, וגו'; **אבל לעתיד לבוא** (ישעיה מט): והיו מלכים אומניך.

**ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, — **מה האגוז הזה יש בו אגוזי פרך, אגוזים בינונים ואגוזים קנטרנין, כך ישראל, יש מהן עושין צדקה מאליהן, ויש שאם אתה תובען הם נותנים, ויש שאת תובען ואין עושין. א"ר לוי: מתלא אמר: תרעא דלא פתיח למצוותא, יהא פתיח לאסיא. ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, — **מה אגוז זה האבן שוברו, כך התורה קרויה „אבן" ויצר הרע קרוי „אבן." התורה קרויה „אבן", שנאמר** (שמות כד): ואתנה לך את לוחות האבן; **ויצר הרע קרוי „אבן," שנאמר** (יחזקאל לו): והסירותי את לב האבן מבשרכם. **א"ר לוי: למקום ארימין, שהוא משובש בגייסות; מה עשה המלך? הושיב בו** (כוסטריינים) **[קוסטריינוס] בשביל לשמרו, כדי שלא יקפחו לעוברים ולשבים. כך אמר הקב"ה: תורה קרויה „אבן" ויצר הרע קרוי „אבן"; תהא האבן משמר האבן.**

**ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, — **מה אגוז זה אינו יכול לגנוב המכס שלו, שהוא נשמע וניכר; כך הם ישראל, כל מקום שאחד מהם הולך, אינו יכול לומר שאינו יהודי; למה? שהוא ניכר. הה"ד:** (ישעיה סא): כל רואיהם יכירום, כי הם זרע ברך ה'. **ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, — **מה אגוז זה, השק מלא אגוזים בידך, את נותן לתוכו כמה שומשמים, כמה חרדלים, והן מחזיקין; כך כמה גרים באו ונתוספו בישראל. הה"ד** (במדבר כג): מי מנה עפר

---

קאָן ער ניט זאָגן, אַז ער איז ניט קיין ייד; פאַרוואָס? ווייל ער איז דערקענט־לעך. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה סא, ט): כל — אַלע וואָס וועלן זיי זען וועלן זיי דערקענען, אַז זיי זיינען קינדער, וואָס גאָט האָט געבענטשט. אַן אַנדער פשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט, — אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס, דו האָסט אַ זאַק פול מיט ניס אין דיין האַנט, און דו קאָנסט נאָך אַריינטאָן אין אים אַ סך סעזאַם־קערנדלעך, זענעפט־קערנדלעך, און זיי נעמען זיי אַריין; אַזוי זיינען געקומען אַ סך גרים און האָבן זיך באַהאַפטן אָן ישראל.

---

זאָל איין שטיין צעברעכן דעם אַנדערן. [12] די גרויסע צאָלן גרים וואָס האָבן איינציקווייז,

דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (במדבר כג, י): מי מנה — ווער האָט געציילט דעם שטויב[12] פון יעקב. אַן אַנדער פּשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגע־נידערט, — אַזוי ווי די דאָזיקע ניס, אויב דו נעמסט אַוועק איינעם פונעם הויפן, צערירן זיי זיך און צעקייקלען זיך איינער נאָכן אַנדערן; אַזוי איז ישראל, ליידט איינער פון זיי, דערפילן זיי עס אַלע. דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט טז, כב): האיש אחד — איין מענטש זינדיקט [און אויף דער גאַנצער עדה טוסטו צערענען.][13] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער נוס באַשטייט פון פיר קעמערלעך און אַן אָפּצאָם[14] אין מיטן, אַזוי האָט ישראל גערוט אין מדבר אונטער פיר פאָנען, פיר מחנות, און דער אהל מועד אין מיטן. דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (במדבר ב, יז): ונסע — און דער אוהל מועד זאָל ציען — — — [אין מיטן פון די מחנות].

אַן אַנדער פּשט: צום נוסגאָרטן האָב איך אַראָפּגענידערט, דאָס איז די וועלט; צו זען דאָס גרינס פון דעם טאָל, דאָס איז ישראל; צו זען, אויב גע־בליט האָט דער ווייַנשטאָק, דאָס זייַנען די שולן און בתי מדרשים; האָבן זיך צעבליט די מילגרוימען, דאָס זייַנען די קינדער, וואָס זיצן און לערנען תורה, און זייַנען אויסגעזעצט שורותווייז ווי די קערנדלעך פון מילגרוימען.

## יח

(יב) לא ידעתי — איידער איך האָב געוואוסט, האָט מייַן זעל מיך אַרויפּ־געטאָן [אויף די רייַטוועגן פון מייַן פירשטלעך פאָלק]. ר׳ חייא האָט געלערנט: ס׳איז אַ משל מיט אַ בת־מלך, וואָס האָט געקליבן [קערנער] צווישן דעם שטאָפּל.[1] איז אויסגעקומען, אַז דער מלך איז פאַרבייַגעפאָרן און האָט דער־קענט, אַז דאָס איז זייַן טאָכטער. האָט ער געשיקט זייַן פריינד, און ער האָט זי גענומען און אַוועקגעזעצט מיט זיך אין דער קאַרעטע. האָבן אירע חברטעס זיך געוואונדערט איבער איר און געזאָגט: „נעכטן האָסטו געקליבן צווישן דעם שטאָפּל, און היינט זיצסטו אין דער קאַרעטע מיטן מלך.״ האָט זי גע־זאָגט צו זיי: „אַזוי ווי איר וואונדערט זיך אויף מיר, אַזוי וואונדער איך זיך אויף זיך אַליין.״ און זי האָט געלייענט אויף זיך: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מייַן זעל מיך אַרויפגעטאָן אויף די רייַטוועגן פון מייַן פירשטלעך פאָלק. אַזוי, ווען ישראל איז געווען אין מצרים, זייַנען זיי געווען פאַרשקלאַפט אין ליים און ציגל, און זיי זייַנען געווען נמאס און נבזהדיק אין די אויגן פון די מצרים; אָבער ווען זיי זייַנען געוואָרן פרייע מענטשן און זייַנען אויסגעלייזט געוואָרן, און זייַנען געוואָרן שררהס איבער אַלע מענטשן פון דער וועלט, פלעגן די אומות פון דער וועלט זיך וואונדערן און זאָגן: „נעכטן האָט איר געאַרבעט ביי ליים און ציגל, און היינט זענט איר געוואָרן פרייע מענטשן און שררהס איבער דער גאַנצער וועלט.״ פלעגן ישראל זאָגן צו זיי: „אַזוי ווי איר וואונדערט זיך אויף אונדז, אַזוי וואונדערן מיר זיך אויף זיך אַליין.״ און זיי האָבן געלייענט אויף זיך: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מייַן זעל[2] מיך אַרויפגעטאָן — — —.

אַן אַנדער פּשט: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מייַן זעל מיך אַרויפּ־

יעקב. **ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, — **מה אגוז זה, את נוטל אחד מהכרי, וכולו מדרדרין ומתגלגלין זה אחר זה; כך הן ישראל, לקה אחד מהן, כולן מרגישין. הה"ד** (שם טז): האיש אחד יחטא, וגו'. **א"ר ברכיה: מה אגוז זה עשוי ארבע מגורות והסירה באמצע, כך היו ישראל שרויין במדבר ד' דגלים, ד' מחנות, ואהל מועד באמצע. הה"ד** (במדבר ב): ונסע אהל מועד — — — [בתוך המחנות].

**ד"א:** אל גנת אגוז ירדתי, **זה העולם;** לראות באבי הנחל, **אלו ישראל;** לראות, הפרחה הגפן, **אלו בתי כנסיות ובתי** מדרשות; הנצו הרמונים, **אלו התינוקות, שיושבין ועוסקין בתורה, ויושבין שורות שורות כגרעיני** רמונים.

יח

(יב) לא ידעתי, נפשי שמתני [מרכבות עמי נדיב]. **תני ר' חייא: משל לבת מלכים, שהיתה מלקטת בשלפים. נמצא המלך עובר, והכיר שהיא בתו. שלח אֲוהבו, נטלה והושיבה עמו בקרונין. והיו חברותיה תמהות עליה ואומרות: „אתמול היית מלקטת בשלפים, והיום יושבת בקרונין עם המלך." אמרה להם: „כשם שאתם תמהות עלי, כך אני תמהה על עצמי." וקראת על עצמה:** לא ידעתי, נפשי שמתני [מרכבות עמי נדיב]. **כך כשהיו ישראל במצרים משועבדין בטיט ולבנים, והיו מאוסין ובזויין בעיני המצריים; וכשנעשו בני חורין ונגאלו, ונעשו סגנים על כל באי עולם, והיו אומות העולם תמהות ואומרות: „אתמול הייתם עובדים בטיט ולבנים, והיום נעשיתם בני חורין וסגנים על כל העולם!" והיו ישראל אומרים להם: „כשם שאתם תמהים עלינו, כך אנו תמהים על עצמנו." וקראו על עצמן:** לא ידעתי נפשי שמתני — — —.

**ד"א:** לא ידעתי נפשי שמתני — — — **ביוסף הצדיק הכתוב מדבר. אתמול** (תהלים קה): ענו בכבל רגלו, ברזל באה נפשו;

---

געטאָן — — — **דער פסוק רעדט וועגן יוסף הצדיק. נעכטן** (תהלים קה, יח): ענו — מע האָט געפייניקט אין קייטן זיין פוס, אין אייזן איז אַריין זיין לייב;

---

**ווי קערנדלעך שטויב, זיך באַהאַפטן אָן ישראל.** [13] **געטייטשט ניט ווי אַ פראַגע, נייערט ווי אַ פעסטשטעלונג.** [14] **סירה, אַ דאָרן־צאַם.**

**יח.** [1] **אָדער שטאָפּסל, דער קורצער שטרוי, וואָס בלייבט נאָכן שניט.** [2] **הקדוש**

און היינט (בראשית מב, ו): ויוסף — און יוסף איז דער געוועלטיקער איבערן לאַנד. און ער האָט געלייענט אויף זיך: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — ——. אַן אַנדער פשט: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — — — דער פסוק רעדט וועגן דודן. נעכטן איז ער אַנטלאָפן פון שאולן, און היינט (שמואל ב, ח, טו): וימלך דוד — און דוד האָט געקיניגט איבער גאַנץ ישראל. און ער האָט געלייענט אויף זיך: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — — —. אַן אַנדער פשט: איידער איך האָב געוואוטס, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — — —, דער פסוק רעדט וועגן מרדכין. נעכטן (אסתר ד, א): וילבש — — און ער האָט אָנגעטאָן אַ זאַק מיט אַש; און היינט (דאָרט ח, טו): ומרדכי — און מרדכי איז אַרויס פון פאַרן מלך אין אַ קלייד פון מלכות, בלוי און ווייס — — —. און ער האָט געלייענט אויף זיך: איידער איך האָב געוואוסט — — —. אַן אַנדער פשט: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — — — דער פסוק רעדט וועגן דער כנסת ישראל. די כסת ישראל האָט געזאָגט צו די אומות פון דער וועלט (מיכה ז, ח): אל תשמחי — פריי זיך ניט איבער מיר, מיין שונאטע; אַז איך בין געפאַלן, וועל איך אויפשטיין, וואָרום בעת איך בין געזעסן אין דער פינצטער, האָט מיך הקדוש ברוך הוא אַרויסגענומען אויף דער ליכטיקייט, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט): כי אשב — אַז איך זיץ אין דער פינצטער, איז מיר גאָט אַ ליכט. און זי האָט געלייענט אויף זיך: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — — —.

יוסטא, דער שניידער פון ציפורי, איז אַרויף צו מלכות און איז אויפגענומען געוואָרן פונעם מלך. האָט דער מלך געזאָגט צו אים: „בעט עפּעס, און איך וועל דיר געבן." האָט ער געזאָגט צו אים: „גיב [מיר] די פירשטנשאַפט וואָס ביי אונדז."[3] האָט עס אים דער מלך געגעבן. ווען ער האָט איבערגענומען די פירשטנשאַפט און איז אַראָפּגעקומען פון דאָרט, זיינען דאָרט געווען אַזעלכע וואָס האָבן אים געקענט. האָבן זיי געזאָגט: „דאָס איז ער"; אָבער אַנדערע האָבן געזאָגט: „דאָס איז ניט ער."[4] האָט איינער געזאָגט צו זיי: „אָט גייט ער דורכן מאַרק; וועט ער קוקן צו יענעם געשטעל וואו ער פלעגט זיך נוהג זיין צו זיצן און שניידערן, איז עס ער; און אויב ניט, איז עס ניט ער." איז ער דורכגעגאַנגען דורכן מאַרק און האָט אָנגעהויבן קוקן צו יענעם געשטעל, וואו ער פלעגט זיך נוהג זיין צו זיצן און שניידערן, האָט מען אים דערקענט, אַז דאָס איז ער. האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר וואונדערט זיך אויף מיר, און איך וואונדער זיך אויף זיך נאָך מער ווי איר." און מע האָט געלייענט אויף אים: איידער איך האָב געוואוסט, האָט מיין זעל מיך אַרויפגעטאָן — — —.

עמי נדיב[5] — מיט מיר פלעגט אומגיין דער פירשט וואָס לעבט אין די אייביקייטן.[6]

**והיום** (בראשית מב): ויוסף הוא השליט על הארץ. **וקרא על עצמו:** לא ידעתי, נפשי שמתני — — —. **ד״א:** לא ידעתי נפשי שמתני — — — **הכתוב מדבר בדוד. אתמול היה בורח מפני שאול, והיום** (שמואל ב, ח): וימלך דוד על כל ישראל. **וקרא על עצמו:** לא ידעתי, נפשי שמתני — — —. **ד״א:** לא ידעתי נפשי שמתני — — — **הכתוב מדבר במרדכי. אתמול** (אסתר ד): וילבש שק ואפר; **והיום** (שם ח): ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות, תכלת וחור, וגו׳. **וקרא על עצמו:** לא ידעתי, נפשי שמתני — — —. **ד״א:** לא ידעתי, נפשי שמתני — — — **הכתוב מדבר בכנסת ישראל. כנסת ישראל אמרה לאומות העולם** (מיכה ז): אל תשמחי, אויבתי, לי; כי נפלתי — קמתי, *שבשעה שהייתי יושבת בחשך,* **הקב״ה הוציאני לאור,** *שנאמר* (שם): כי אשב בחשך, ה׳ אור לי. **וקראה על עצמה:** לא ידעתי, נפשי שמתני — — —.

**יוסטא, חייטא דציפורין סלק למלכותא ואיתקבל למלכא. א״ל מלכא: „שאל שאלה, ואתן לך.״ א״ל: „הב[לי] דוכסותא לגבן.״ יהב לה מלכא. כד נסב דוכסותא, נחת מינה, — הוו אילין דחכמין ליה. אמרין: „הוא הוא״; ומנהון אמרין: „לית הוא הוא.״ אמר לן חד: „כדון הוא עובר בשוקא, אין הוא מסתכל לההוא מסטוביתה דהוה נהיג יתיב ומחייט עלה, הוא הוא; ואין לא, לית הוא.״ עבר בשוקא מסתכל לההוא מסטוביתה דהוה נהיג יתיב ומחייט עליה, וחכמוניה דהוא הוא. אמר לון: „אתון תמהין עלי, ואנא תמה עלי יותר מנכון.״ וקרון עליה:** לא ידעתי, נפשי שמתני, וגו׳.

עמי נדיב, — **עמי הוה מהלך נדיב חי העולמים.**

---

ברוך הוא (לויט יפה ענף). [3] מאַכן אים פאַרן פירשט פון ציפורי. לויט יאַסטראָוו, וואָס שטיצט זיך אויף בראשית רבה צח, יא, דאַרף אָנשטאָט „דגבן״ (וואָס ביי אונדז) זיין „דגובבתא״, די פירשטנשאַפט פון גאַוועוואַטאַ, אַן אָרט ביי ציפורי; אין קוהלת רבה אויף ט, י — „גובתתא״ (לי, מיר, צוגעגעבן לויטן נוסח פון ווערטהיימער, בתי מדרשות א, שנג). [4] ס׳איז שווער געווען אים צו דערקענען צוליב זיין האַלטן זיך, אָדער צוליב זיינע אָפיציעלע בגדים. [5] מיין פירשטלעך פאָלק. [6] געלייענט עמי ווי „עימי,״ מיט מיר, און מיט דער מימרא פאַרענדיקט זיך די דרשה וואָס פאַר דער מעשה מיט יוסטא דעם שניידער.

# פרשה ז

## א

(א) שובי — קער זיך אום, קער זיך אום, דו שולמית. ר׳ שמואל בר חייא בר יודן פון ר׳ חנינאס וועגן: פיר מאָל שטייט דאָ שובי, קער זיך אום, דאָס איז קעגן די פיר מלוכות[1] וואָס געוועלטיקן איבער ישראל, און ישראל גייט אַריין אין זייערע הענט בשלום[2] און גייט אַרויס בשלום. דו שולמית, די אומה וואָס דער שלום פון דעם וואָס לעבט אין די אייביקייטן[3] גייט אום צווישן איר; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (שמואל ב, ז, ו): ואהיה מתהלך — און איך פלעג אומגיין אין אַ געצעלט און אין אַ משכן. אַן אַנדער פשט: דו שולמית, די אומה וואָס מע פאַרענדיקט איר טאָג־טעגלעך [די תפילה] מיט „שלום״;[4] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ו, כו): וישם — און ער זאָל דיר שענקען שלום. אַן אַנדער פשט: דו שולמית, די אומה וואָס איך בין אַנגעברייט זי צו באַזעצן אין אַ וואוינונג פון שלום; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (ישעיה לב, יח): וישב עמי — און מיין פאָלק וועט זיצן אין אַ וואוינונג פון שלום. אַן אַנדער פשט: דו שולמית, די אומה וואָס איך נייג איבער איר שלום; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דאָרט סו, יב): הנני — אָט נייג איך צו איר שלום ווי אַ טייך. ר׳ אלעזר בר׳ מרון האָט געזאָגט: די אומה וואָס פאַרגאַנצט[5] דעם קיום פון דער וועלט,[6] סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט.

ר׳ יהושע פון סיכנין האָט געזאָגט פון ר׳ לויס וועגן: די אומה וואָס אַלע גוטסקייטן פון דער וועלט קומען ניט אַנדערש, נייערט אין איר זכות; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית כז, כח): ויתן לך — און זאָל דיר גאָט געבן פון דעם טוי פון הימל און פון די פעטקייטן פון דער ערד, — דיר, אין דיין זכות, און אין דיר הענגט אָפּ די זאַך. און ווידער שטייט געשריבן (דברים כח, יב): יפתח ה׳ — גאָט וועט דיר עפענען זיין גוטן אוצר, — אין דיין זכות און אין דיר הענגט אָפּ די זאַך.

ר׳ שמואל בר תנחום און ר׳ חנן דער זון פון ר׳ ברכיה פון בצרה אין נאָמען פון ר׳ ירמיהן: דאָס פאָלק וואָס האָט געמאַכט שלום צווישן מיר און

א. [1] לויט דניאל ז: בבל, מדי, פרס, יוון; אָדער: בבל, פּרס ומדי, יוון, אדום (רוים). [2] אָנשפּיל אויף שולמית, און אַזוי אויך ווייטער. [3] אין בראשית רבה סו, א: דער שלום פון די אייביקייטן (ד״ה: שלום איז אידענטיש מיטן כביכול). [4] די ברכה פון די כוהנים וואָס ענדיקט זיך מיט „שלום.״ [5] משלמת — השולמית. [6] אַזוי לויטן ערוך השלם; יאַסטראָוו טייטשט: די באַוואַכונג, די אָפּהיטונג. — אין בראשית רבה ס, א, לייענט זיך

# פרשה ז

## א

(א) שובי, שובי, השולמית. ר׳ שמואל בר חייא בר יודן בשם ר׳ חנינא: ד׳ פעמים כתיב כאן שובי, שובי, כנגד ד׳ מלכיות ששולטין בישראל, וישראל נכנסין תוך ידיהן בשלום ויוצאין לשלום. השולמית, אומה ששלום חי העולמים מתנהג בה; ההׄ״ד (שמואל ב, ז): ואהיה מתהלך באהל ובמשכן. ד״א: השולמית, אומה שמסיימים לה „שלום״ בכל יום; המד״א (במדבר ו): וישם לך שלום. ד״א: השולמית, אומה שאני עתיד להושיבה בנוה שלום; הה״ד (ישעיה לב): וישב עמי בנוה שלום, וגו׳. ד״א: השולמית, אומה שאני נוטה עליה שלום; הה״ד (שם סו): הנני נוטה אליה כנהר שלום. ר׳ אלעזר בר׳ מרון אמר: אומה שמשלמת איסטטיונרון של עולם, הן בעולם הזה, הן בעולם הבא.

ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר: אומה שכל טובות שבעולם אין באות אלא בזכותה; הה״ד (בראשית כז): ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ, — לך, בזכותך ובך הדבר תלוי. דכתיב (דברים כח): יפתח ה׳ לך את אוצרו הטוב, בזכותך ובך הדבר תלוי. ר׳ שמואל בר תנחום ור׳ חנן בריה דר׳ ברכיה בוצריה בשם ר׳ ירמיה: אומה שעשתה שלום ביני ובין עולמי, שאלו לא קבלה תורתי, הייתי מחזיר עולמי לתהו ובהו. דאמר [ר׳] הונא בשם ר׳ אחא. כתיב (תהלים עה): נמוגים ארץ וכל יושביה, — אלולא שעמדו ישראל לפני הר סיני ואמרו (שמות כד): כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, כבר היה העולם (מתגמגם)

צווישן מיין וועלט, וואָרום ווען זי וואָלט ניט אָנגענומען מיין תורה, וואָלט איך אומגעקערט מיין וועלט צו תוהו ובוהו. וואָרום [ר׳][7] הונא האָט געזאָגט פון ר׳ אחאס וועגן: אין פסוק שטייט (תהלים עה, ד): נמוגים — עס צעגייט די ערד און אַלע אירע באַוואוינערס, — ווען ניט וואָס ישראל האָט זיך געשטעלט פאַרן באַרג סיני און געזאָגט (שמות כד, ז): כל אשר — אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן, וואָלט שוין די וועלט לאַנג

צעגאַנגען געוואָרן.[8] און ווער האָט באַפּעסטיקט די וועלט? [דער זכות פון][9] אנכי, איך, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים עה, ד): אנכי — איך האָב באַפעסטיקט אירע זיילן אויף אייביק,[10] — אין זכות פון (שמות כ, ב) אנכי — איך בין גאָט דיין גאָט, האָב איך באַפעסטיקט אירע זיילן.

ב

(א) ונחזה — און לאָמיר דיך אָנזען. די אומות פון דער וועלט זאָגן צו ישראל: „ביז וואַנען וועט איר שטאַרבן איבער אייער גאָט און זיך אין גאַנצן אָפּגעבן צו אים? ווי עס שטייט געשריבן (שיר השירים א, ג): על כן — דעריבער האָבן זיי דיך ביז צום שטאַרבן[1] ליב. און ביז וואַנען וועט איר געהרגעט ווערן איבער אים? ווי עס שטייט געשריבן (תהלים מד, כג): כי עליך — וואָרום איבער דיר ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג. און ביז וואַנען וועט איר אים צאָלן מיט גוטס, און נאָר אים אַליין, און ער זאָל אייך צאָלן מיט שלעכטס? קומט צו אונדז, און מיר וועלן אייך מאַכן פאַר דוכסים, הויפּטלייט און איבערהאַרן;[2] און לאָמיר דיך אָנזען, — און איר וועט זיין[2א] דער שפּיגל[3] פון דער וועלט.״ ווי אין פסוק שטייט (שמות יח, כא): ואתה תחזה — און דו זאָלסט זען פון דעם גאַנצן פאָלק[4] — — —. און ישראל ענטפערט זיי: „וואָס ווילט איר[4א] זען אין דער שולמית, — ווי אַ טאַנץ פון די מחנות?[5] האָט איר אין אייער לעבן ווען געהערט, אַז אברהם, יצחק און יעקב זאָלן האָבן געדינט דער עבודה זרה, — אַז זייערע קינדער זאָלן זיי נאָכטאָן? אָבער ניט אונדזערע אבות האָבן געדינט דער עבודה זרה, און ניט מיר וועלן דינען דער עבודה זרה נאָך זיי. בייערט וואָס קאָנט איר טאָן פאַר אונדז, — מאַכן אַזאַ טאַנץ ווי ס'איז געמאַכט געוואָרן פאַר יעקב אבינו, ווען ער איז אַרויס פון לבנס הויז? — — —

ר' ברכיה האָט געזאָגט פון ר' לויס וועגן: זעקס מאָל הונדערט טויזנט מלאכים האָבן געטאַנצט און געהאָפּקעט פאַר יעקב אבינו, ווען ער איז אַרויס פון לבנס הויז. און די רבנן זאָגן: צוועלף מאָל הונדערט טויזנט; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית לב, ג): ויאמר יעקב — און יעקב האָט געזאָגט, ווען ער האָט זיי דערזען: דאָס איז אַ מחנה פון גאָט, האָבן מיר זעקס מאָל הונדערט טויזנט;[6] און ער האָט גערופן

---

אָנשטאָט איסטיטיונרון — אסטטיון. [7] צוגעגעבן לויט רות רבה, פתיחתא א. [8] טעקסט ענדערונג לויט אויבן א, נ; אין רות רבה, פתיחתא א, איז דער נוסח מתמוגג, דער טייטש אָבער בלייבט דער זעלבער. [9] לויטן נוסח ווייטער. [10] סלה, לויטן טראַדיציאָנעלן טייטש.

ב. [1] לויטן דרש, ווי ס'וואָלט געשטאַנען על מות, און אַזאַ נוסח איז טאַקע פאַראַן ביי ווערטהיימער, בתי מדרשות א, שנג. [2] געביטן לויט אויבן ו, טז; זע אויך יאַסטראָוו. [2א] לויטן נוסח פון ווערטהיימער: „ואתון תהון.״ [3] לויט אונקלוס, שמות לח, ח (מקראות גדולות). [4] דער פסוק ווערט דאָ געבראַכט פעסטצושטעלן, אַז דער ווערב חזה, זען, ווערט גענוצט הויפּטזעכלעך ווען ס'רעדט זיך וועגן מענטשן מיט אָנזען און חשיבות. [4א] לויטן דרש. [5] לויטן דרש: אַ רמז אויף געצנדינערישע טענץ (זע שמות לב, יט). [6] אַ מחנה פון גאָט ווערט דאָ פאַרשטאַנען ווי ענלעך צו דער מחנה פון ישראל אין מדבר, וואָס איז

[מתמגמג] והולך. ומי ביסס העולם? אנכי, שנאמר (תהלים עה): אנכי תכנתי עמודיה סלה, בזכות (שמות כ) אנכי ה׳ אלהיך, תכנתי עמודיה.

ב

(א) ונחזה בך. אומות העולם אומרות לישראל: „עד מתי אתם מתים על אלהיכם ומשלמין לו? הה״ד (שיר השירים א): על כן עלמות אהבוך. ועד מתי אתם נהרגין עליו? כדכתיב (תהלים מד): כי עליך הורגנו כל היום. ועד מתי אתם גומלין טובות עליו ולו לעצמו, והוא גומל לכם רעות? באו לכם אצלנו, ואנו ממנין אתכם דוכסין, אפרכין (ואיטרטלין) [ואיסטרטיליטין]; ונחזה בך, — ואתון אינון מחזיתיה דעלמא.״ הה״ד (שמות יח): ואתה תחזה מכל העם. וישראל משיבין להם: „מה תחזו בשולמית, — כמחולת המחנים? שמעתם מימיכם אברהם, יצחק ויעקב עבדו עבודת כוכבים, שיעבדו בניהם אחריהם? ולא אבותינו עבדו עבודת כוכבים, ולא אנו נעבוד עבודת כוכבים אחריהם. אלא מה אתם יכולין לעשות לנו, — כחולה שנעשה ליעקב אבינו כשיצא מבית לבן? — — —

ר׳ ברכיה בשם ר לוי אמר: ששים רבוא מלאכים היו חלין ומרקדים לפני יעקב אבינו בצאתו מבית לבן. ורבנן אמרי: מאה ועשרים רבוא; הה״ד (בראשית לב): ויאמר יעקב, כאשר ראם: מחנה אלהים זה הרי ששים רבוא; ויקרא שם המקום ההוא מחנים, הרי מאה ועשרים רבוא.

או שמא אתם יכולין לעשות לנו כחולה שנעשה לאבותינו על הים? שנאמר (שמות יד): ויסע מלאך אלהים. או שמא יכולין אתם לעשות כחולה שנעשה לאלישע? שנאמר (מלכים ב, ו): וישכם משרת איש האלהים לקום ויצא, והנה חיל סובב את העיר, וסוס

---

דעם נאָמען פון יענעם אָרט מחנים,[7] איז האָבן מיר צוועלף מאָל הונדערט טויזנט.

אָדער, טאָמער קאָנט איר אונדז מאַכן אַ טאַנץ ווי דער וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אונדזערע עלטערן ביים ים? ווי דער פסוק זאָגט (שמות יד, יט): ויסע — און אַוועקגעצויגן האָט דער מלאך פון גאָט — — —. אָדער, טאָמער קאָנט איר מאַכן אַזאַ טאַנץ, ווי דער וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אלישען? ווי דער פסוק זאָגט (מלכים ב, ו, טו—יז): וישכם — האָט זיך געפעדערט דער משרת פון דעם געטלעכן מאַן אויפצושטיין און ער איז אַרויסגעגאַנגען,

ערשט אַ חיל רינגלט אַרום די שטאָט, מיט פערד און רייטוועגן; האָט זיין יונג געזאָגט צו אים: ווי, מיין האַר! ווי וועלן מיר טאָן? **און ווייטער שטייט:** האָט ער געזאָגט: האָב קיין מורא ניט, וואָרום די וואָס מיט אונדז זיינען מער ווי די וואָס מיט זיי. **גלייך** האָט אלישע מתפלל געווען און געזאָגט: גאָט, עפן, איך בעט, זיינע אויגן, און זאָל ער זען. האָט גאָט געעפנט די אויגן פונעם יונג און ער האָט געזען, ערשט דער באַרג איז פול מיט פערד און פייערדיקע רייטוועגן, רונד אַרום אלישען. **אָדער, טאָמער קאָנט איר אונדז מאַכן אַזאַ טאַנץ ווי דער וואָס הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו מאַכן פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט?" ר' ברכיה און ר' חלבו און עולא פון בירא און ר' אלעזר פון ר' חנינאס וועגן האָבן געזאָגט: הקדוש ברוך הוא איז אָנגעברייט צו ווערן[8] אַ טאַנץ־הויפּט פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים מח, יד): שיתו — טוט אַכט אויף אירע מויערן (לחילה) **— דער כתיב[9] איז** לחולה, **צום טאַנץ; און זיי וועלן אָנווייזן אויף אים מיט אַ פינגער, ווי דער פסוק זאָגט ווייטער:** כי זה — אַז דאָס איז גאָט אונדזער גאָט אויף אייביק און שטענדיק, ער וועט אונדז פירן על מות [לייען] עלמות, מיט יונגשאַפט, **אין די טענץ[10] פון די צדיקים.**

ג

(ב) מה יפו — ווי שיין זיינען דיינע טריט אין די שיך, דו פירשטלעכע טאָכטער. **ר' יודן האָט געזאָגט: אפילו ווען אַ פשוטער מענטש זאָל עמיצן לויבן מיט דעם לשון, איז עס אַן אומכבוד פאַר אים, און דו זאָגסט:** ווי שיין זיינען דיינע טריט [אין די שיך]! **באָר דער פסוק רעדט ניט אַנדערש, נייערט וועגן די טריט פון די עולי רגל. — אָבער די דאָזיקע טריט זיינען דאָך אַ מאָל אָפּגעדעקט און אַ מאָל פאַרדעקט![1] נייערט** ווי שיין זיינען דיינע טריט **[ווען זיי זיינען] אין די שיך,[2] טאָכטער פון מיין באַליבטן.[3]**

**ר' ברכיה האָט געזאָגט: אַזוי האָבן געדרשנט די צוויי וועלט־בערג, ר' אליעזר און ר' יהושע; זיי האָבן געזאָגט:** ווי שיין זיינען דיינע טריט אין די שיך, **— וואָס פאַר אַ שיינקייט עס האָט פאַרמאָגט דיין עולה רגל זיין, וואָס פלעגט** פאַרשליסן **[די הייזער און הויפן] קעגן אַלע צרות.[4]**

**ס'איז געשען אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טירן פון זיין הויז און איז אַוועק עולה רגל זיין; און ווען ער איז צוריק־געקומען, האָט ער געפונען אַ שלאַנג פאַרפלאָכטן אין די רינגען פון זיינע טירן. און ווידער אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט פאַרגעסן און ניט אַריינ־**

---

באַשטאַנען פון זעקס מאָל הונדערט טויזנט. [7] ווערטערלעך: צוויי מחנות. [8] זע אויבן א, כג, באַמ. 2 [9] זע דאָרט, באַמ. 3. [10] **בייטנדיק די כף פון כמחולות אויף אַ בית.**

ג. [1] **אַנדערע גייען באָרוועס און אַנדערע אין שיך.** [2] **ווען זיי פירן זיך אין צניעות און דעקן ניט אָפּ זייער לייב** (רד"ל)**; אָדער: ווען זיי זיינען מקיים די מצווה פון חליצה** (מתנות כהונה). [3] **אברהם** (ישעיה מא, ח; זע ווייטער, אָנהייב סימן ה). [4] **בעסער איז דער נוסח פון רד"ל** (לויט רשב"ץ)**: אָנשטאָט הצרות לייענט ער חצרות, הויפן: די מצווה פון עולה רגל זיין פלעגט פאַרשליסן אַלע הויפן — אין ווערטערלעכן איינקלאַנג מיט די**

ורכב; ויאמר נערו אליו: אהה, אדוני! איכה נעשה? **וכתיב:** ויאמר: אל תירא, כי רבים אשר אתנו מאשר אותם. **מיד** — ויתפלל אלישע ויאמר: ה׳, פקח נא את עיניו, ויראה. ויפקח ה׳ את עיני הנער וירא, והנה ההר מלא סוסים ורכב אש סביבות אלישע. **או שמא יכולין אתם לעשות לנו כחולה שעתיד הקב״ה לעשות לצדיקים לעתיד לבא?״ ר׳ ברכיה ור׳ חלבו ועולא ביראה ור׳ אלעזר בשם ר׳ חנינא אמרו: עתיד הקב״ה לעשות ראש חולה לצדיקים לעתיד לבא, שנאמר** (תהלים מח): שיתו לבכם לחילה, — לחולה **כתיב; ומראין לו באצבע, שנאמר:** כי זה אלהים אלהינו עולם ועד, הוא ינהגנו על מות, — **בעלמות, (כמחולות) [במחולות] של צדיקים.**

ג

(ב) מה יפו פעמיך בנעלים, בת נדיב. **א״ר יודן אפילו הדיוט מקלס בלשון זה, גנאי הוא לו, ואת אומר:** מה יפו פעמיך! **אלא אינו מדבר אלא מפעמי רגלים. — והלא פעמים הללו פעמים מגולין, פעמים מכוסין! אלא מה יאיין עקיביך במסאנא, ברתיה דרחמי.**

**א״ר ברכיה: כך דרשו שני הרי עולם, ר׳ אליעזר ור׳ יהושע; אמרו:** מה יפו פעמיך בנעלים, — **מה היה יפיין לפעמיך, שהיו נועלין בעד כל הצרות.**

**מעשה באחד ששכח לנעול דלתי ביתו, ועלה לפעמי רגלים; וכשבא מצא הנחש קשור בטבעות דלתותיו. שוב מעשה באחד ששכח ולא הכניס תרנגלותיו לתוך ביתו, ועלה לפעמי רגלים; ובא ומצא החתולות מקורעות לפניהם. שוב מעשה באחד ששכח ולא הכניס כרי של חטים לתוך ביתו, ועלה לרגל; וכשבא מצא אריות מקיפין לחטים.**

**א״ר פנחס: מעשה בשני אחים עשירים שהיו באשקלון, והיו**

---

געגומען זיינע היגער אין הויז, און איז אַוועק עולה רגל זיין; און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געפונען צעריסענע קעץ פאַר זיי. און ווידער אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט פאַרגעסן און ניט אַריינגענומען אַ הויפן ווייץ אין שייער, און איז אַוועק עולה רגל זיין; און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געפונען לייבן רונד אַרום דעם ווייץ.

ר׳ פינחס האָט געזאָגט: ס׳איז אַ מעשה מיט צוויי רייכע ברידער אין אַשקלון וואָס האָבן געהאַט שלעכטע שכנים פון אַן אַנדער פאָלק. פלעגן יענע

זאָגן: „ווען די דאָזיקע יידן וועלן אַרויפגיין גאָט בעטן אין ירושלים, וועלן מיר אַריינגיין, אויסרויבן זייערע הייזער און זיי חרוב מאַכן." די צייט איז געקומען, און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען. האָט זיי הקדוש ברוך הוא צוגעשיקט מלאכים אין זייער געשטאַלט, און זיי פלעגן אַריין און אַרויס אין זייערע הייזער. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָבן זיי איינגעטיילט זייערע שכנים פון אַלץ וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. האָבן יענע געזאָגט צו זיי: „וואו זענט איר געווען?" האָבן זיי געזאָגט צו זיי: „אין ירושלים." „ווען זענט איר אַרויף?" „אין יענעם און יענעם טאָג." „און ווען זענט איר צוריק געקומען?" „אין דעם און דעם טאָג." האָבן זיי געזאָגט: „געלויבט איז דער גאָט פון די יידן, וואָס זיי האָבן אים ניט פאַרלאָזט און ער האָט זיי ניט פאַרלאָזט. די דאָזיקע מענטשן[5] האָבן געטראַכט, אַז ווען די דאָזיקע יידן וועלן אַרויפגיין גאָט בעטן אין ירושלים, וועלן זיי אַריינגיין און באַרויבן זייערע הייזער און זיי חרוב מאַכן. האָט זייער גאָט געשיקט מלאכים אין זייער געשטאַלט, און זיי פלעגן אַרויס און אַריין אין זייערע הייזער, מחמת זיי האָבן געהאַט ביטחון אין אים." און ס'איז מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט: ווי שיין זיינען דיינע טריט.

ד

אַן אַנדער פשט: ווי שיין זיינען דיינע טריט אין די פאַרשליסונגען,[1] — אין צוויי פאַרשליסונגען.[2] ר' חמא בר' חנינא האָט געזאָגט: ס'איז געגליכן צו צוויי סוחרים, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין אַ שטאָט. האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופן און געזאָגט צום אַנדערן: „אויב מיר וועלן ביידע אין דער זעלבער צייט עפענען [אונדזערע קראָמען] אין שטאָט, וועלן מיר מאַכן אַ זול[3] אין שטאָט; בייערט עפן דו אין דיין וואָך און איך וועל עפענען אין מיין וואָך." ר' חנניה דער זון פון ר' איבי האָט געזאָגט: דאָ שטייט ניט: „ווי שיין זיינען דיינע טריט אין דער פאַרשליסונג," בייערט אין די פאַרשליסונגען, צוויי פאַרשליסונגען, אַ פאַרשליסונג אום פסח און אַ פאַרשליסונג אום סוכות.[4] הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „איר פאַרשליסט פאַר מיר [אייערע הייזער] אויף סוכות,[5] און איך פאַרשליס פאַר אייך [די הימלען][6] אום פסח. איר פאַרשליסט פאַר מיר אויף סוכות, און איך עפן [די הימלען] און מאַך בלאָזן ווינטן און ברענג אויף וואָלקנס און לאָז פאַלן רעגן און מאַך שיינען די זון און מאַך וואַקסן געוויקסן און מאַך פעט די פירות, און גרייט אַ טיש פאַר איטלעכן לויט זיינע באַדערפעענישן און פאַר יעדן

ווייטערדיקע מעשיות. [5] זיי רעדן אין דריטער פערזאָן, סיי וועגן זיך, סיי וועגן די צוויי ברידער.

ד. [1] לויטן ווייטערדיקן דרש, פון נעל, פאַרשליסן (זע אויך יאַסטראָוו). [2] ווייל אין רבים, ניט ווייניקער ווי צוויי. [3] לויטן ילקוט פינחס, תשפב. [4] אונטער חג סתם, ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען סוכות. [5] כדי עולה רגל צו זיין קיין ירושלים (ווי שיין זיינען דיינע טריט). כאָטש מע פלעגט אויך עולה רגל זיין אויף פסח, פלעגט אָבער די גרעסטע צאָל עולי רגל קומען אויף סוכות, ווען אַלע אַרבעטן אין פעלד און אין גאָרטן זיינען גע־

להם שכנים רעים מאומות העולם. והוון אמרין: „אימתי אילין יהודאין סלקין למצלייא בירושלם, ואנן עלין, מקפחין ביתיהון ומחרבון להון." מטא זמנא וסלקין. זימן להם הקב"ה מלאכים כדמותן, והוו נכנסין ויוצאין בתוך בתיהם. מן דאתיין, פלגין מן מה דאייתון עמהון לכל מגיריהון. אמרון לון: „אן הויתון?" אמרון לון: „בירושלם." „אימת סליקתון?" „ביום פלן." „ואימת אתיתון?" „ביום פלן." אמרין: „בריך אלההון דיהודאין, דלא שבקון ולא שבק יתהון. אינון גבריא סבירין, אימת יסקון אילין יהודאין למצלייה בירושלים, דאינון עלין ומקפחין לביתיהון ומחרבון להון. ושלח אלההון מלאכים כדמותהון, דהוו נפקין ועללין בגו בתיהון, בגין דאתרחיצו ביה." לקיים מה שנאמר: מה יפו פעמיך.

ד

ד"א: מה יפו פעמיך בנעלים, — בשני נעלים. א"ר חמא ב"ר חנינא: לשני פרגמטיטין שנכנסו למדינה. ענה אחד מהם ואמר לחבירו: „אם פותחין אנו שנינו כאחד במדינה, אנו עושין (אפרגייס) [אפרגייא] במדינה; אלא פתח אתה שבתך ואני שבתי." ר' חנניה בריה דר' איבי אמר: „מה יפו פעמיך בנעל" אין כתיב כאן, אלא בנעלים, שתי נעלים, נעילה בפסח ונעילה בחג. אמר להם הקב"ה לישראל: „אתם נועלים לפני בחג, ואני נועל לפניכם בפסח. אתם נועלים לפני בחג, ואני פותח ומשיב רוחות ומעלה עננים ומוריד גשמים ומזריח חמה ומגדל צמחים ומדשן פירות, ועורך שלחן לפני כל אחד ואחד צרכיו ולכל גויה וגויה כדי מחסורה; ואני נועל לפניכם בפסח, ואתם יוצאים וקוצרים ודשין וזורים ועושים כל צרכיכם בשדה, ומוצאין אותה מלאה ברכות."

---

קערפער לויט זיינע בויטן; און איך פאַרשליס פאַר אייך אום פסח, און איר גייט אַרויס און שניידט און דרעשט און ווינטשופלט און טוט אַלץ וואָס איר דאַרפט אין פעלד, און איר געפינט עס פול מיט ברכות".[7]

---

ענדיקט. [6] זיי זאָלן מער קיין רעגן ניט געבן, ווי ווייטער. [7] דאָ ענדיקט זיך דער נמשל: אַזוי ווי די צוויי סוחרים טוען זייער מסחר אין באַזונדערע צייטן, אַזוי בייט זיך ישראל מיטן אייבערשטן מיט זייערע פאַרשליסונגען. אין ילקוט ווערט די דרשה געבויט אויף דעם, וואָס ביי פסח שטייט (דברים טז, ח): עצרת לה', און ביי סוכות שטייט (במדבר כט,

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: געדאַרפט האָט דער עצרת פון סוכות[8] זיין אָפּגערוקט אויף פופציק טעג ווי דער עצרת פון פסח;[9] נייערט דער עצרת פון סוכות, ווייל מע גייט דעמאָלט איבער פון זומער צו ווינטער, זיינען עס ניט קיין טעג צו גיין און קומען. ס׳איז אַ משל, צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט טעכטער אַ סך, טייל פון זיי האָבן חתונה געהאַט אין אַ נאָענט אָרט, און טייל פון זיי האָבן חתונה געהאַט אין אַ ווייט אָרט. איין טאָג זיינען זיי אַלע געקומען זען, וואָס זייער פאָטער דער מלך מאַכט. האָט דער מלך געזאָגט: „די וואָס האָבן חתונה געהאַט אין אַ נאָענט אָרט, האָבן צייט צו גיין און צו קומען; אָבער די וואָס האָבן חתונה געהאַט אין אַ ווייט אָרט, האָבן ניט קיין צייט צו גיין און צו קומען. נייערט כל־זמן זיי זיינען אַלע דאָ ביי מיר, לאָמיר פאַר אַלע מאַכן איין יום־טוב און לאָמיר זיך פרייען מיט זיי.״ אַזוי, דער עצרת פון פסח, אַזוי ווי מע גייט איבער פון ווינטער צו זומער, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „דאָס זיינען טעג צו גיין און צו קומען.״ אָבער דער עצרת פון סוכות, ווי באַלד מע גייט איבער פון זומער צו ווינטער, און דער שטויב פון די וועגן איז שווער, און די גרודעס[10] אויף די וועגן זיינען האַרט,[11] דעריבער איז ער ניט אָפּגערוקט אויף פופציק טעג. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „דאָס זיינען ניט קיין טעג צו גיין און צו קומען; נייערט כל־זמן זיי זיינען דאָ, לאָמיר פון זיי אַלע[12] מאַכן איין יום־טוב און לאָמיר זיך פרייען.״ דעריבער פאַרזאָגט משה ישראל און ער זאָגט צו זיי (במדבר כט, לה): ביום השמיני — אויפן אַכטן טאָג זאָל אייך זיין אַן עצרת, אַן איינזאַמלונג. דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: ווי שיין זיינען דיינע טריט אין די שיך.[13]

ה

(ב) בת נדיב — דו פירשטלעכע טאָכטער, די טאָכטער פון אברהמען, וואָס ווערט גערופן נדיב, פירשט; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מז, י): נדיבי — די פירשטן פון די אומות האָבן זיך פאַרזאַמלט, דאָס פאָלק פון דעם גאָט פון אברהמען. — דיינע דיכן די רונדע. — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַלע צערטלעכקייטן און תענוגים, וואָס ישראל ווערט געצערטלט און גע־תענוגט אויף דער וועלט, זיינען אין זכות פון [דער מצווה פון] מילה, וואָס איז געגעבן געוואָרן צווישן די דיכן. ר׳ חייא האָט געזאָגט: וואָס האָט גע־בראַכט די חכמים אַריינצושטעלן רופא — דער וואָס היילט [די קראַנקע פון ישראל] אין דער אַכטער ברכה [פון שמונה עשרה]? קעגן דער [מצווה פון] מילה, וואָס איז געגעבן געוואָרן [מקיים צו זיין] אויפן אַכטן טאָג; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (מלאכי ב, ה): בריתי — מיין בונד איז געווען מיט אים

---

לה): עצרת תהיה לכם. [8] שמיני עצרת. [9] שבועות, וואָס ווערט גערופן עצרת (ביכורים א, ג). [10] געביטן לויטן אות אמת און לויט בתי מדרשות א, שנג, און געטייטשט לויטן ברטנורא, מקואות ט, ב. [11] איידער די רעגנס הייבן אָן גיין. [12] פון די זיבן טעג סוכות צוזאַמען מיט שמיני עצרת. [13] ווי אויבן: די טריט פון די עולי רגל, וואָס באַווייזן אַ היים צו קומען מיט טרוקענע שיך.

א״ר יהושע בן לוי: ראויה היתה העצרת של חג שתהא רחוקה חמשים יום כנגד העצרת של פסח; אלא עצרת של חג, על ידי שהן יוצאים מן הקיץ לחורף, לית ביומיהו דייזלון וייתון. משל, למה הדבר דומה? למלך שהיו לו בנות הרבה, מהן נשואות במקום קרוב, ומהן נשואות למקום רחוק. יום אחד באו כלם לשאול שלום המלך אביהם. אמר המלך: „אלו שנשואות במקום קרוב, אית בעונתה למיזל ולמיתי; ואלין שנשואות במקום רחוק, לית בעונתה ליזיל ולמיתי. אלא עד דאינון כלהון אצלי הכא נעבד כולן חד יום טב ונחדי עמן.״ כך עצרת של פסח, עד דאינון נפקין מהחורף לקיץ, אמר הקב״ה: „אית ביומא למיזל ולמיתי.״ אבל עצרת של חג, על ידי שהן יוצאין מהקיץ לחורף, ואבק דרכים קשה, (וידות) [ויתדות] דרכים קשות, לפיכך אינה רחוקה חמשים יום. אמר הקב״ה: „לית ביומיא למיזל ולמיתי; אלא עד דאינון הכא נעבד כלן חד יום טב ונחדי.״ לכך משה מזהיר לישראל ואומר להם (במדבר כט): ביום השמיני עצרת תהיה לכם. הוי אומר: מה יפו פעמיך בנעלים.

ה

(ב) בת נדיב, בתו של אברהם, שנקרא נדיב; המד״א (תהלים מז): נדיבי עמים נאספו, עם אלהי אברהם, וגו׳. חמוקי ירכיך, — א״ר יוחנן: כל חיטטין ופרניקין שישראל מחטין ומתפרנקין בעולם הזה, בזכות מילה שנתנה בין ירכים. א״ר חייא: מה ראו חכמים לקבוע רופא בברכה שמינית? כנגד המילה שנתנה בשמיני; ההי״ד (מלאכי ב): בריתי היתה אתו החיים והשלום, וכו׳. כמו חלאים, — כמה חליים מתחת ידיה, כמה תינוקות הנמולים ומתים תחת ידיה.

א״ר נתן: מעשה שבאתי למדינת קפוטקיא, והיתה שם אשה אחת והיתה יולדת בנים זכרים, ונמולים ומתים. מלה ראשון ומת,

---

אויף לעבן און אויף שלום.[1] — כמו חלאים,[2] וויפל[3] קראַנקייטן קומען פון אונטער אירע הענט,[4] וויפל געמלעטע קינדער שטאַרבן אונטער אירע הענט.

ר׳ נתן האָט געזאָגט: ס׳איז געשען, אַז איך בין געקומען קיין קאַפּאַדאָקיע, און דאָרט איז געווען איינע אַ פרוי, וואָס פלעגט געבוירן יינגלעך, און זיי

---

ה. [1] דער ברית מאַכט נייטיק די ברכה אויף לעבן און שלום, — דער געמלעטער זאָל פון דעם ניט קראַנק ווערן (רד״ל). [2] לויטן פשט: ווי רינגען; לויטן דרש: אָנשפּיל

זיינען געמלעט געוואָרן און געשטאָרבן. זי האָט געמלעט דעם ערשטן, און ער איז געשטאָרבן, דעם צווייטן, און ער איז געשטאָרבן, דעם דריטן, און ער איז געשטאָרבן. דעם פערטן האָט זי געבראַכט צו מיר, און איך האָב געזען, אַז זיין לייב איז גרין; איך האָב געקוקט אויף אים, און האָב ניט געפונען אין אים קיין בלוט פאַרן ברית. האָבן זיי געזאָגט צו מיר: „נו וואָס, זאָלן מיר אים מלע זיין?” האָב איך געזאָגט צו זיי: „וואַרט אָפּ און לאָזט אים, ביז עס וועט אים אָנקומען בלוט אויפן ברית. וואָרום דאָרטן[5] האָבן מיר געלערנט: אַ קינד וואָס איז קראַנק מלעט מען ניט, ביז ער ווערט ניט געזונט.” האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט. ווען מע האָט אים שפּעטער געמלעט, איז אַרויסגעקומען, אַז ער איז געבליבן לעבן, און מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן נתן, לויט מיין נאָמען. דאָס מיינט: כמו חלאים — וויפל[6] קראַנקייטן.

אַן אַנדער פּשט: ווי רינגען, — צו וואָס איז עס[7] געגליכן? ר׳ חוניא און די רבנן. ר׳ חוניא האָט געזאָגט: צו אַ רינג פון אַ זייל;[8] און די רבנן זאָגן: צום רינג פון אַ פּערל.[9] ווער האָט עס געמאַכט?[10] ר׳ מנחמא האָט געזאָגט: דאָס ווערק פון די הענט פון אַ מייסטער, דאָס ווערק פון די הענט פון דער מייסטערשאַפט[11] פון הקדוש ברוך הוא אויף דער וועלט. ר׳ שמואל האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס האָט געהאַט אַ סאָד, און ער האָט פאַרפלאַנצט אין אים שורות פון נוסביימער און עפּלביימער און מילגרוימביימער. און ער האָט עס איבערגעגעבן זיין זון, און האָט אים געזאָגט: „זון מיינער, איך פאַרלאַנג פון דיר גאָרניט ניט; נייערט ווען די דאָזיקע ביימער וועלן אַרויסגעבן זייער ערשטע פּרוכט, זאָלסטו מיר ברענגען פון דעם און מיר געבן עס צו פאַרזוכן, כדי איך זאָל זען די אַרבעט פון מיינע הענט און זיך פרייען מיט דיר.” אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו ישראל: „קינדער מיינע, איך פאַרלאַנג פון אייך גאָרניט ניט; נייערט ווען ביי עמיצן פון אייך וועט געבוירן ווערן אַ זון אַ בכור, זאָל ער אים הייליקן צו מיין נאָמען; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (שמות יג, ב): „קדש לי — הייליק צו מיר איטלעכן בכור. און ווען איר וועט עולה רגל זיין, זאָלט איר מיטברענגען אים און אַלע אייערע זכרים זיך צו ווייזן פאַר מיר.” דעריבער האָט משה אָנגעזאָגט ישראל (דאָרט כג, יז): שלש — דריי מאָל אַ יאָר [זאָלן אַלע דיינע זכרים זיך ווייזן פאַר גאָט דעם האַר].

ו

(ג) שררך — דיין נאָפּל איז אַ בעקן אַ רונדער. דיין נאָפּל, דאָס איז דער סנהדרין: אַזוי ווי דאָס דאָזיקע קינד, כל־זמן ס׳איז אין דער מוטערס געדע־

אויף חליים, קראַנקייטן. [3] כמה — כמו. [4] פון דער מצוות מילה. [5] שבת קלד, א. [6] כמה — כמו, ווי אויבן. [7] דער טייל פונעם אבר, וואָס אויף אים ווערט די מצווה פון מילה דורכגעפירט (די איבערחזרונג פון חלאים איז איבעריק, און אַזוי איז דער נוסח פון אות אמת. [8] ווייל די מצוה פון מילה איז דער זייל פון יידישקייט (יפה קול). [9] צוליב דער שיינקייט פון דער מצווה (דאָרט). [10] די שיינע מצווה. [11] אומנותו, ווי דער נוסח איז אין דער לעמבערגער אויסגאַבע, 1859.

שני ומת, שלישי ומת. רביעי הביאתו לפני, וראיתי בשרו ירוק; נסתכלתי בו, ולא מצאתי בו דם ברית. אמרו לו: „מה, אנו מולין אותו?" אמרתי להם: „המתינו והניחו אותו, עד שיבא לו דם ברית, דתנינן תמן: הקטן החולה אין מולין אותו, עד שיבריא. והניחו אותו. מלו אותו, ונמצא הבן של חיים, והוציאו שמו נתן כשמי. הוי: כמו חלאים.

ד"א: כמו חלאים, — לְמָה (חלאים) היה דומה? ר' חוניא ורבנן. ר' חוניא אמר: לחוליא של עמוד; ורבנן אמרין: לחוליא של מרגלית. ומי עשאה? ר' מנחמא אמר: מעשה ידי אמן, מעשה ידי (אומנתו) [אומנותו] של הקב"ה בעולם. א"ר שמואל: למלך שהיה לו פרדס, ונוטע בו שורות שורות של אגוזין ותפוחים ורמונים, ומסרן לבנו. א"ל: „בני, איני תובע ממך דבר; אלא בשעה שהנטיעות הללו מבכרות, תהא מביא לפני מהן ומטעמני, כדי שאראה מעשי ידי ואשמח בך." כך אמר הקב"ה לישראל: „בני, איני תובע מכם דבר; אלא כשיולד לאחד מכם בן בכור, יהא מקדישו לשמי; הה"ד (שמות יג): קדש לי כל בכור. וכשאתם עולין לפעמי רגלים, תהיו מעלין אותו וכל זכרים שלכם להראות לפני." לפיכך הזהיר משה את ישראל (שמות כג): שלש פעמים בשנה — — —.

ו

(ג) שררך אגן הסהר. שררך, אלו סנהדרין: מה תינוק זה, כל זמן שהוא במעי אמו, אינו חי אלא מטיבורו, כך אין ישראל יכולין לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהם. אגן הסהר, אדרא דאזהרה. אבון בר חסדי אמר: אית אתרין דקריין וצווחין לזהרא — סהרא. אל יחסר המזג, אל תחסר סנהדרין מעשרים ושלשה

---

רעם, לעבט עס ניט אַנדערש, נייערט פון זיין נאָפּל, אַזוי אויך קאָן ישראל קיין זאַך ניט טאָן אָן זייער סנהדרין. אַ בעקן אַ רונדער,[1] — דער שייער פון באַלייכטונג.[2] אבון בר חסדי זאָגט: פאַראַן ערטער, וואו אָנשטאָט זהרא[3] רופט מען [די לבנה] און מע רעדט אַרויס סהרא.[4] — עס פעלט ניט דער מישווין,

ו. [1] ווי די לבנה (סהר). [2] דאָס זיץ־אָרט פון סנהדרין, וואָס פלעגט זיין אויסגעזעצט אין אַ האַלבן קרייז, ווי אין אַ שייער, אַ האַלב קיילעכיק דרעש־אָרט (משנה, סנהדרין ד, ג), און פון דאָרט פלעגט אַרויסקומען דאָס ליכט פון דער תורה. (רד"ל: לויט אַנדערע — דער שייער פון וואָרענונג, פון אָנזאָג). [3-4] לבנה (זע תרגום יונתן, דברים ד, יט; ת' יונתן, דאָרט יז, ג; ת' יונתן בראשית לז, ט — אין די אַלע ערטער ווערן ביידע ווער־

— דער סנהדרין טאָר ניט זיין ווייניקער פון דריי און צוואַנציק,[5] [ווי דאָס וואָס מיר האָבן געלערנט דאָרטן:[6] דער מישוויין איז צוויי חלקים ווייַן און איין חלק וואַסער, [ס'רעדט זיך] וועגן ווייַן פון שרון].[7] אַן אַנדער פּשט: עס פעלט ניט דער מישוויין, — עס טאָר ניט פעלן דעם סנהדרין זיין מופלא.[8] אַן אַנדער פּשט: עס פעלט ניט דער מישוויין, — עס טאָר ניט פעלן אין סנהדרין דער וואָס שטעלט אים צונויף די הלכה.[9] אַן אַנדער פּשט: עס פעלט ניט דער מישוויין, -- עס פעלט ניט דער טראַנקמייסטער פון דער וועלט;[10] דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט (תהלים כג, א): ה׳ — גאָט איז מיין פּאַסטעך, ס'וועט מיר ניט פעלן.

(ג) בטנך — דיין בויך איז אַ הויפן ווייץ, דאָס איז תורת כוהנים:[1] אַזוי ווי בּיים בויך איז דאָס האַרץ פון איין זייט און די פיס פון דער אַנדערער זייט און ער איז אין מיטן, אַזוי איז תורת כוהנים, צוויי ספרים פון איין זייט און צוויי פון דער אַנדערער זייט און ער אין מיטן. אַ הויפן ווייץ (חטים), אַ הויפן [פאַרזאָגן וועגן קרבנות אויף] חטאים: וויפל מצוות און פּרטים פון מצוות זיינען פאַראַן אין תורת כוהנים, וויפל מילדע און האַרבע [פאַרזאָגן, וויפל דינים וועגן] פּיגול און נותר[2] זיינען פאַראַן אין תורת כוהנים; [אַרומ־געצוינגלט מיט ליליעס, דאָס זיינען די ווערטער פון דער תורה, וואָס זיינען ווייך ווי ליליעס[3]]. ר׳ לוי האָט געזאָגט: ס'פירט זיך אויף דער וועלט, אַז אַ מאַן אין עלטער פון דרייסיק אָדער פערציק יאָר נעמט אַ ווייב, און נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט אַלע זיינע הוצאות[4] קומט ער זיך צו באַהעפטן מיט איר, און זי זאָגט אים: „איך האָב געזען [אַ בלוט־פלעק] ווי אַ רויטע רויז,“ אַזוי שיידט ער זיך גלייך אָפּ פון איר. ווער האָט עס אים געבראַכט צו דעם, אַז ער זאָל ניט גענענען צו איר? וואָסער אייזערנע וואַנט איז פאַראַן צווישן זיי? און וואָסער אייזערנער זייל איז צווישן זיי? וואָסער שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן? וואָסער שקאָרפּיאָן האָט אים אַ שטאָך געטאָן, אַז ער זאָל ניט גענענען צו איר? [דאָס זיינען] די ווערטער פון דער תורה, וואָס זיינען ווייך ווי אַ ליליע, וואָרום אין איר ווערט געזאָגט (ויקרא יח, יט): ואל אשה — און צו אַ ווייב אין דער אָפּזונדערונג פון איר אומריינקייט זאָלסטו ניט גענענען. און אַזוי איז דער וואָס מע האָט אים געבראַכט אַ געקעכץ פון שטיקלעך [פלייש], און מע האָט אים געזאָגט: „אַ שטיק חלב איז אַריינגעפאַלן אַהין,“ און ער ציט צוריק זיין האַנט און פאַרזוכט עס ניט. — ווער האָט אים גע־בראַכט צו דעם, אַז ער זאָל ניט פאַרזוכן? וואָסער שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן, אַז ער זאָל ניט פאַרזוכן? און וואָסער שקאָרפּיאָן האָט אים אַ שטאָך געטאָן, אַז ער זאָל ניט גענענען און עס פאַרזוכן? [דאָס זיינען] די ווערטער פון דער תורה, וואָס זיינען ווייך ווי אַ ליליע, וואָרום אין איר איז געשריבן (דאָרט ג, יז): כל חלב — קיין חלב און קיין בלוט זאָלט איר ניט עסן.

---

טער געשריבן מיט אַ יוד נאָכן ערשטן אות). — אויב מיר זאָלן זיך דערלויבן צו בייטן און לייענען: „דקריין וצווחין לסהרא — זהרא,“ וואָלטן אבונס ווערטער געווען מער צו־

[כההיא דתנינן תמן: המזוג — שני חלקים מים ואחד יין, מיין השרוני]. ד"א: אל יחסר המזג, אל תחסר סנהדרין מופלא שלה. ד"א: אל יחסר המזג, אל תחסר סנהדרין זה שהוא ממזג לה את ההלכה. ד"א: אל יחסר המזג, לא נחסר מזגא דעלמא; המד"א (תהלים כג): ה' רועי, לא אחסר.

ז

(ג) בטנך ערמת חטים, זה תורת כוהנים. מה כרס זה הלב מכאן והכרעיים מכאן והוא באמצע, כך תורת כוהנים, שני ספרים מכאן ושני ספרים מכאן והוא באמצע. ערמת חטים, — ערמה של חטאים: כמה מצוות ודקדוקים יש בתורת כהנים, כמה קלין וחומרין, פיגולין ונותרות יש בתורת כהנים; [סוגה בשושנים, אלו דברי תורה, שהן רכין כשושנים]. א"ר לוי: בנוהג שבעולם, אדם נושא אשה בן ל' ובן מ' שנה, משמוציא יציאותיו הוא בא לזקק לה, והיא אומרת לו: „כשושנה אדומה ראיתי," ופורש ממנה מיד. מי גרם לו, שלא יקרב לה? איזה כותל ברזל יש ביניהם? ואיזה עמוד ברזל ביניהם? איזה נחש נשכו? איזה עקרב עקצו, שלא יקרב לה? דברי תורה שרכין כשושנה, שנאמר בה (ויקרא יח): ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב. וכן מי שהביאו לו תמחוי של חתיכות [בשר], אמרו לו: „חלב נפל שם", ומשך ידו ולא טעמו, — מי גרם לו, שלא לטעום? איזה נחש נשכו, שלא יטעום? ואיזה עקרב עקצו, שלא יקרב ויטעם אותו? דברי תורה שרכין כשושנה שכתוב בה (שם ג): כל חלב וכל דם לא תאכלו.

געפּאַסט צום פּריערדיקן. [5] דער קליינער סנהדרין, אַ דריטל פונעם גרויסן סנהדרין, וואָס איז באַשטאַנען פון 69 חברים, חוץ דעם נשיא און דעם אב־בית־דין. [6] משנה, נידה ב, ז. [7] זע במדבר רבה א, ד. — דער ציטאַט געפינט זיך אין אַלע אויסגאַבעס ווייטער, פאַרן סוף פון סימן; מיר האָבן אים געשטעלט דאָ לויטן אינהאַלט און אין הסכם מיט מפרשים (זע מהרז"ו) [8] אַ מומחה, אַ ספּעציאַליסט אין הלכה, וואָס האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די פאַרהאַנדלונגען זאָלן זיין אין הסכם מיטן דין. [9] מאַכט קלאָר די הלכה לויט אירע פאַרשיידענע עלעמענטן, ווי דער ווײַנמישער טוט מיטן ווײַן (די דאָזיקע מימרא קוקט אויס צו זיין ניט מער ווי אַ דערקלערונג אויף מופלא, — מהרז"ו. וועגן מופלא זע סנהדרין פז, א). [10] לויטן מתנות כהונה.

ז. [1] דער חומש ויקרא. [2] זע אויבן ה, יב, באַמ. 15. [3] האָבן ניט קיין פיזישן כוח הינטער זיך, נייערט דעם כוח פון וואָרט. — אין די געדרוקטע טעקסטן געפינט זיך די איינגעקלאַמערטע מימרא פריער, נאָך „ערמה של חטאים." מיר האָבן זי געשטעלט דאָ לויטן נוסח פון פסיקתא רבתי, כי תשא (שקלים) ג, און אַזוי איז די לאָגיק פון טעקסט (זע אויך רד"ל). [4] פון דער חתונה.

אַן אַנדער פּשט: דיין בויך איז ווי אַ הויפן ווייץ, — אָבער איז ניט אַ הויפן שישקעס שענער ווי אַ הויפן ווייץ? נייערט די וועלט קאָן זיך באַגיין אָן שישקעס, אָבער זי קאָן זיך ניט באַגיין אָן ווייץ. ר׳ אידי האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער ווייץ איז אָנגעשפּאָלטן, אַזוי איז ביי ישראל אָנגע־שפּאָלטן די מילה.[5] ר׳ יוסי בר חנניה [5א] האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער ווייץ זאַפּט איין [וואַסער], אַזוי וועט ישראל איינזאַפּן דאָס פאַרמעגן פון די אומות פון דער וועלט; דאָס איז ווי עס שטייט געשריבן (דברים ז, טז): ואכלת — און דו וועסט פאַרצערן אַלע פעלקער, און נאָך שטייט געשריבן (ישעיה סא, ו): חיל — דאָס פאַרמעגן פון פעלקער וועט איר עסן, און מיט זייער רייכקייט וועט איר זיך דערהייבן. ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער ווייץ ווערט געמאָסטן צוזאַמען מיט זיין אָפּפאַל, אַזוי אויך ישראל (דברים כט, י): מחוטב — פון דיין האָלצהעקער ביז דיין וואַסערשעפּער. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אַזוי ווי דער דאָזיקער ווייץ, ווען ער גייט אַרויס אויף זריעה, גייט ער ניט אַנדערש אַרויס, נייערט מיט אַ צאָל, און ווען ער קומט אַריין פון שייער קומט ער אַריין מיט אַ צאָל; אַזוי אויך ווען ישראל האָט געניִדערט קיין מצרים, האָבן זיי געניִדערט מיט אַ צאָל, ווי דער פּסוק זאָגט (דאָרט י, כב): בשבעים נפש — מיט זיבעציק נפשות האָבן דיינע עלטערן געניִדערט קיין מצרים; און ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען, זיינען זיי אַרויפגע־קומען מיט אַ צאָל, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות יב, לז): כשש מאות — אַרום זעקס מאָל הונדערט טויזנט פוסגייערס. ר׳ חוניה האָט געזאָגט וועגן ר׳ יצחקס ווערטער: אַזוי ווי דער בעל־הבית לייגט ניט קיין אַכט ניט אויף די קערב פון מיסט און ניט אויף די קערב פון שטאָפּל, און ניט אויפן שטרוי און ניט אויף דער פּלעווע; פאַרוואָס? ווייל זיי ווערן גערעכנט ווי גאָרניט. אַזוי לייגט הקדוש ברוך הוא ניט קיין אַכט אויף די אומות פון דער וועלט; פאַרוואָס? ווייל זיי זיינען גאָרניט, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה מ, יז): כל הגוים — אַלע פעלקער זיינען ווי גאָרניט קעגן אים. אָבער אויף וועמען לייגט ער יאָ אַכט? אויף ישראל, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות ל, יב): כי תשא — אַז דו וועסט אויפנעמען די צאָל פון די בני ישראל; (במדבר א, ב) שאו — נעמט אויף די צאָל פון דער גאַנצער עדה פון די בני ישראל.

ר׳ נחמיה אין נאָמען פון ר׳ אבון: די אומות פון דער וועלט האָבן ניט קיין פלאַנצונג, האָבן ניט קיין זייאונג, האָבן ניט קיין וואָרצל, און אַלע דריי זיינען פאַראַן אין איין פּסוק (ישעיה מ, כד): אף בל — זיי זיינען נאָך אפילו ניט איינגעפלאַנצט, זיי זיינען נאָך אפילו ניט פאַרזייט, זייער שטאָם איז נאָך אפילו ניט איינגעוואָרצלט אין דער ערד. אָבער ישראל האָט אַ פלאַנ־צונג, ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה לב, מא): ונטעתים — און איך וועל זיי איינפלאַנצן אין דעם דאָזיקן לאַנד, און ווידער שטייט (עמוס ט, טו): ונטעתים — און איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף זייער ערד; זיי האָבן אַ זייאונג, ווי דער

[5] דורך פריעה, — דאָס איינרייסן דעם איבערבלייב פון דער פאָרהויט.

ד״א: בטנך ערמת חטים, — והלא של איסטרובילין יפה משל חטים? אלא אפשר לעולם להיות בלי איסטרובילין, ואי אפשר לעולם להיות בלי חטים. א״ר אידי: מה חטה זו סדוקה, כך ישראל סדוקה מילתן. ר׳ יוסי בר חנניה אמר: מה חטה זו סופגת, כך ישראל סופגין נכסיהם של אומות העולם; הה״ד (דברים ז): ואכלת את כל העמים, וגו׳, וכתיב (ישעיה סא): חיל גוים תאכלו ובכבודם תתימרו. א״ר שמעון בן לקיש: מה חטים הללו פסולת שלהם נמדדות עמהם, כך ישראל (דברים כט): מחוטב עציך עד שואב מימיך. א״ר יצחק: מה חטים הללו כשהן יוצאין לזרע אינן יוצאין אלא במנין, וכשנכנסין מהגורן נכנסין במנין; כך כשירדו ישראל למצרים, ירדו במנין, שנאמר (שם י): בשבעים נפש ירדו אבותיך מצרימה; וכשעלו, עלו במנין, שנאמר (שמות יב): כשש מאות אלף רגלי. ר׳ חוניה אמר על הדא דר׳ יצחק: כשם שאין בעל הבית משגיח לא על משפלות של זבל ולא על משפלות של תבן, ולא על הקש ולא על המוץ; למה? שאין נחשבין לכלום. כך אין הקב״ה משגיח על אומות העולם; למה? שאינן כלום, שנאמר (ישעיה מ): כל הגוים כאין נגדו, וגו׳. ועל מי הוא משגיח? על ישראל, שנאמר (שמות ל): כי תשא את ראש בני ישראל, וגו׳; (מבדבר א) שאו את ראש כל עדת בני ישראל.

ר׳ נחמיה בשם ר׳ אבון: אומות העולם אין להם נטיעה, אין להם זריעה, אין להם שרש, ושלשתם בפסוק אחד (ישעיה מ): אף בל נטעו, אף בל זורעו, אף בל שרש בארץ גזעם, וגו׳. אבל ישראל יש להם נטיעה, שנאמר (ירמיה לב): ונטעתים בארץ הזאת, וכתיב (עמוס ט): ונטעתים על אדמתם, וגו׳; יש להם זריעה, שנאמר (הושע ב): וזרעתיה לי בארץ; יש להם שרש, שנאמר (ישעיה כז): הבאים ישרש יעקב. משל, למה הדבר דומה? התבן והמוץ והקש היו מדיינין זה עם זה; זה אומר: „בשבילי נזרעה הארץ,״ וזה

פסוק זאָגט (הושע ב, כה): וזרעתיה — און איך וועל זי מיר פאַרזייען אין לאַנד; זיי האָבן אַ וואָרצל, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כז, ו): הבאים — אין די קו־מענדיקע [טעג] וועט יעקב זיך פאַרוואָרצלען. ס׳איז אַ משל, צו וואָס איז די זאַך געגליכן? דער שטרוי און די פּלעווע און דער שטאָפּל האָבן זיך מתווכח געווען איינס מיטן אַנדערן; דער זאָגט: „פון וועגן מיר איז די ערד פאַרזייט געוואָרן,״ און דער זאָגט: „פון וועגן מיר איז די ערד פאַרזייט גע־

ווארן.״ האט דער ווייך געזאגט צו זיי: „ווארט צו, ביז ס׳וועט קומען די צייט פון שייער, וועלן מיר וויסן, פון וועמעס וועגן דאס פעלד איז פארזייט געווארן.״ אז ס׳איז געקומען די צייט פון שייער און מע איז אריין אין שייער, איז ארויסגעקומען דער בעל־הבית צו ווינטשופלען [די תבואה]. איז די פלעווע אוועק מיטן ווינט, דעם שטרוי האט ער גענומען און געווארפן צו דער ערד, דעם שטאפל האט ער גענומען און פארברענט, דעם ווייץ האט ער גענומען און געמאכט א הויפן פון אים. פלעגן מענטשן פארבייגיין, און איטלעכער וואס האט עס געזען, פלעגט עס קושן; דאס איז ווי דער פסוק זאגט (תהלים ב, יב): נשקו — קושט די תבואה.[6] אזוי איז מיט די אומות פון דער וועלט, די זאגן: „מיר זיינען ישראל,[7] און פון אונדזערט וועגן איז די וועלט באשאפן געווארן,״ און די זאגן: „מיר זיינען ישראל, און פון אונדזערט וועגן איז די וועלט באשאפן געווארן.״ זאגט ישראל צו זיי: „ווארט צו, ביז דער טאג פון הקדוש ברוך הוא וועט קומען, וועלן מיר וויסן, פון וועמעס וועגן די וועלט איז באשאפן געווארן.״ דאס איז ווי אין פסוק שטייט (מלאכי ג, יט): כי הנה — ווארום אט קומט דער טאג, ער ברענט ווי אן אויוון [און אלע מוטוויליקע — — — וועלן זיין ווי שטאפל, און אנצינדן וועט זיי דער טאג — — —]; און ווידער שטייט (ישעיה מא, טז): תזרם — וועסט זיי ווינטשופלען, און א ווינט וועט זיי פארטראגן.[8] אבער וועגן ישראל ווערט געזאגט (דארט): און דו וועסט זיך פרייען מיט גאט, מיטן הייליקן פון ישראל וועסטו זיך רימען.

ח

(ה)[1] צווארך — דיין האלדז איז ווי דער טורעם פון העלפאנדביין. עס שטייט געשריבן (בראשית לג, ד): וירץ עשו — איז אים עשו אנטקעגן געלאפן און האט אים ארומגענומען, און איז אים געפאלן אויפן האלדז, וישקהו — און ער האט אים געקושט, — [דער וישקהו איז] אין גאנצן באפינטלט.[2] [און] ר׳ שמעון בן אלעזר האט געזאגט: אומעטום וואו דו געפינסט די [ניט באפינטלטע] שריפט מער ווי די באפינטלטע, נעמסטו אן די שריפט[3] און לאזסט אפ די פינטלעך; אויב די באפינטלטע זיינען מער ווי די [ניט באפינטלטע] שריפט, נעמסטו אן די פינטלעך און לאזסט אפ די שריפט. אבער דא איז ניט די שריפט מער ווי די פינטלעך, און ניט די פינטלעך זיינען מער ווי די שריפט, נאר דער גאנצער וישקהו איז באפינטלט! נייערט דאס לערנט אונדז, אז ער איז ניט געקומען אים קושן, נייערט אים בייסן; איז יעקב אבינוס האלדז געווארן מירמלשטיין, און די ציינער פון יענעם רשע זיינען געווארן הייליק און זיינען צעגאנגען געווארן ווי וואקס. אבער פארוואס שטייט אין פסוק: און זיי האבן געוויינט? נייערט דער האט געוויינט פון וועגן זיין האלדז, און דער האט געוויינט פון וועגן זיינע צייך.

---

[5]א אן אנדער נוסח: בר חנינא. [6] לויטן דרש. [7] משמעות א רמז אויף די קריסטן, וואס זאגן אז זיי האבן געירשנט דאס ארט פון ישראל אויף דער וועלט.
[8] אין פריערדיקן פסוק רעדט זיך וועגן בערג און היגלען (גרויסע און שטארקע פעלקער), וואס וועלן ווערן ווי פלעווע.

אומר: „בשבילי נזרעה הארץ.״ אמר להן החטים: „המתינו לי, עד שתבא הגורן, ואנו יודעין, בשל מי נזרעה השדה.״ בא הגורן, וכשנכנסים אל הגורן, יצא בעל הבית לזרותה. הלך לו המוץ לרוח, נטל התבן והשליכו לארץ, נטל הקש ושרפו, נטל את החטין ועשה אותן כרי. היו עוברים הבריות, כל מי שרואהו, מנשקו; המד״א (תהלים ב): נשקו בר. כך אומות העולם, הללו אומרין: „אנו ישראל, ובשבילנו נברא העולם,״ והללו אומרין: „אנו ישראל, ובשבילנו נברא העולם.״ אמר להם ישראל: „המתינו, עד שיבא היום של הקב״ה, ואנו יודעין, בשביל מי נברא העולם.״ הה״ד (מלאכי ג): כי הנה היום בוער כתנור, וגו׳; וכתיב (ישעיה מא): תזרם, ורוח תשאם. אבל ישראל נאמר עליהם (שם): ואתה תגיל בה׳, בקדוש ישראל תתהלל.

ח

(ה) צוארך כמגדל השן. כתיב (בראשית לג): וירץ עשו לקראתו ויחבקהו, ויפל על צואריו וישקהו, — כולו נקוד. א״ר שמעון בן אלעזר: כל מקום שאת מוצא הכתב רבה על הנקודה, את תפיש את הכתב ומניח את הנקודה; נקודה רבה על הכתב, את תפיש הנקודה ומניח את הכתב. ברם הכא לא כתב רבה על נקודה, ולא נקודה רבה על הכתב, אלא כולו וישקהו נקוד עליו! אלא מלמד, שלא בא לנשקו, אלא לנשכו; ונעשה צוארו של יעקב אבינו של שיש, וקהו שיניו של אותו רשע ונמסו כדונג. ומה תלמוד לומר: ויבכו? אלא זה בוכה על צוארו וזה בוכה על שיניו.

ר׳ אבהו בשם ר׳ אלעזר מייתי לה מן הדא: צוארך כמגדל השן. כתיב (שמות ב): וישמע פרעה את הדבר הזה ויבקש להרוג את משה; ויברח משה, — וכי יש אדם יכול לברוח מן המלך?

---

ר׳ אבהו פון ר׳ אלעזרס וועגן ברענגט עס פון דעם:[4] דיין האַלדז איז ווי דער טורעם פון העלפאַנדביין. אין פסוק שטייט (שמות ב, טו): וישמע פרעה — און פרעה האָט געהערט די דאָזיקע זאַך, און ער האָט געוואָלט הרגנען משהן; איז משה אַנטלאָפן, — איז דען פאַראַן אַ מענטש וואָס קאָן אַנטלויפן פונעם מלך? נייערט דער פסוק לערנט אונדז, אַז ער איז יענעם

---

ח. [1] פסוק ד, אַן איבערחזרונג פון ד, ה, איז שוין געדרשנט געוואָרן אויבן (ד, יב—יג). [2] איבער יעדן אות שטייט אַ פינטל. — אין מסיכתא סופרים, ו, ג ווערן אויסגע־רעכנט צען ערטער אין דער תורה, וואו די ווערטער זיינען אין גאַנצן אָדער טיילווייז באַ־פינטלט. [3] און דאָס וואָרט ווערט געדרשנט לויט דעם. [4] דער דאָזיקער נוסח פאַסט

טאָג געשטאַנען צו משפט, און מע האָט אים געפּסקנט אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ, [און] ר׳ אביתר האָט געזאָגט:[5] די שווערד איז אָפּגעשפּרונגען פון משהס האַלדז און האָט איבערגעהאַקט דעם האַלדז פון דעם תלין, דעם רשע; דאָס איז ווי אַ פּסוק שטייט (דאָרט יח, ד): כי — ווייל דער גאָט פון מיין פאָטער איז געווען מיין הילף, און ער האָט מיך מציל געווען פון פּרעהס שווערד, — מיך האָט ער מציל געווען, אָבער דעם תלין האָט ער ניט מציל געווען. ר׳ בון האָט אויף דעם געלייענט (משלי יא, ח): צדיק — דער צדיק ווערט אַרויס־געצויגן פון אַ צרה, און דער רשע קומט אויף זיין אָרט. ר׳ ברכיה האָט געזאָגט (דאָרט כא, יח): כפר — אַן אויסלייז פאַרן צדיק איז דער רשע.

בר קפּרא האָט געזאָגט: דער פּסוק לערנט אונדז, אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ מלאך אין משהס געשטאַלט; האָבן זיי געכאַפּט דעם מלאך און אָפּגעלאָזט משהן, איז ער אַנטלאָפן. ר׳ אבא דער זון פון ר׳ פּפּי און ר׳ יהושע פון סיכנין פון ר׳ לויס וועגן: אַלע חכמים[6] פון פּרעהן זיינען אין יענער שעה געוואָרן טייל שטום, טייל טויב, טייל בלינד, טייל הינקעדיק. אַז מע האָט געזאָגט צו די שטומע: „וואו איז משה?״ האָבן זיי ניט געקענט רעדן; און צו די בלינדע, און זיי האָבן ניט געזען; און צו די טויבע, און זיי האָבן ניט געהערט; און צו די הינקעדיקע, און זיי האָבן ניט געקענט גיין; ווי דער פּסוק זאָגט (שמות ד, יא): ויאמר ה׳ — און גאָט האָט געזאָגט צו אים: ווער האָט געמאַכט דעם מענטשן אַ מויל? אָדער ווער מאַכט שטום, אָדער טויב, אָדער זעעוודיק, אָדער בלינד, אויב ניט איך, גאָט? איך האָב דאָך געטאָן די אַלע זאַכן; (דאָרט ג, י) ועתה — און אַצינד גיי, און איך וועל דיך שיקן צו פּרעהן.

ט

(ה) עיניך — דיינע אויגן — סאַזשלקעס אין חשבון, — דיינע אויגן, דאָס זיינען די סנהדרין, וואָס זיינען די אויגן פון דער עדה. דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר טו, כד): והיה — און עס וועט זיין, אויב פון די אויגן פון דער עדה וועט געטאָן ווערן אַ פאַרזע.[1] צוויי הונדערט אַכט און פערציק איברים האָט אַ מענטש, און זיי אַלע גייען נאָך די אויגן; אַזוי איז אויך ישראל, זיי קאָנען קיין זאַך ניט טאָן אָן זייער סנהדרין. סאַזשלקעס אין חשבון, זאַכן [וואָס ווערן באַשטימט] לויט אַ חשבון,[2] — זעקס און דרייסיק זאָגן: ניט שולדיק, און פינף און דרייסיק זאָגן: שולדיק; ביים טויער פון בת־רבים, דאָס איז די הלכה וואָס קומט אַרויס פון אינעווייניק[3] פונעם טויער[4] און ווערט פאַרשפּרייט צווישן דעם עולם. ר׳ יהודה[5] זאָגט: ער[6] האָט באַזעצט [דעם סנהדרין] (שמות כג, ב): לנטות — נאָכצוגיין נאָכן רבים.[7]

---

זיך ניט אַהער; אָבער ווייל ר׳ אבהוס ווערטער זיינען אַ ציטאַט פון בראשית רבה עח, ט, ווערן זיי געבראַכט אין יענעם לשון. [5] ר׳ אביתר האָט געלעבט אַ דור פאַר ר׳ אבהון, און דער לעצטער שטיצט זיך אויף זיינע ווערטער; לויט דעם האָבן מיר צוגעגעבן דעם און. [6] געביטן לויט דברים רבה ב, כט, און אַזאַ נוסח האָט אין אונדזער טעקסט דער אות אמת.

ט. [1] געטייטשט לויטן דרש. [2] און סאַזשלקעס ווערט אין ספרי (עקב, מא) אויס־

אלא מלמד, שהיה עומד ונדון באותו היום, וחייבו להתיז את ראשו, — א״ר אביתר: נתזה החרב מצוארו של משה והתיזה צוארו של קוסטנר הרשע; הה״ד (שם יח): כי אלהי אבי בעזרי, ויצילנו מחרב פרעה, — אותי הציל ולקוסטנר לא הציל. ר׳ בון הוי קרי עליה (משלי יא): צדיק מצרה נחלץ, ויבא רשע תחתיו. א״ר ברכיה (שם כא): כפר לצדיק רשע.

בר קפרא אמר: מלמד, שירד מלאך בדמותו של משה; ותפשו את המלאך והניחו את משה, וברח. ר׳ אבא בריה דרב פפי ור׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ לוי: כל (איסקולין) [איסכולין] של פרעה נעשו באותה שעה מהן אלמין, מהן חרשין, מהן סומין, מהן חגרין. אומרין לאלמין: „איכן הוא משה?״ ולא היו מדברים, ולסומין, ולא היו רואים; ולחרשין, ולא היו שומעים; ולחגרים, ולא היו מהלכין; שנאמר (שמות ד): ויאמר ה׳ אליו: מי שם פה לאדם, או מי ישום אלם, או חרש, או פקח, או עור, — הלא אנכי ה׳? — הלא אנא הוא דעבד כל אילין; (שם ג, י): ועתה לך, ואשלחך אל פרעה.

ט

(ה) עיניך ברכות בחשבון, — עיניך, אלו סנהדרין שהם עינים לעדה; המד״א (במדבר טו): והיה אם מעיני העדה [נעשתה לשגגה]. רמ״ח אברים יש בו באדם, וכולן הולכין אחר העינים; כך הן ישראל, אין יכולין לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהן. ברכות בחשבון, מילי דחושבן, — ל״ו מזכין, ל״ה מחייבין; על שער בת רבים, זו ההלכה שיוצאה מבית שער ומרווחת לרבים. ר׳ יהודה (ברבי) אומר: שיכן (שמות כג) לנטות אחרי רבים.

---

געטײטשט אויף די חכמים: „אַזוי ווי קײנער ווײסט ניט, וואָס ס׳טוט זיך אין דער טיף פון אַ סאַזשלקע, אַזוי קאָן קײנער זיך ניט דערגרונטעווען אין די ווערטער פון די חכמים.״
[3] מבית — בת. [4] דער טויער פון לישכת הגזית („דער צימער פון געטעסעטע שטײנער״), וואו דער סנהדרין פלעגט זיצן. [5] דאָס וואָרט ברבי איז דאָ ניט אין אָרט: לויטן ספרי (דברים, א) איז אָנצונעמען, אַז דער בעל המאמר איז ר׳ יהודה ברי׳ אלעאי, פון פערטן דור תנאים; ר׳ יוסי בן דורמסקית, זײנער אַ בן־דור, רופט אים דאָרט אָן ר׳ יהודה ברבי, ר׳ יהודה דער זון פונעם רבין (דער תנא ר׳ אלעאי פון דריטן דור), און דורך אַ טעות איז דער דאָזיקער אויסדרוק אַרײַן אויך אין אונדזער טעקסט, וואָס איז אַ ציטאַט פון ספרי. [6] דער אײבערשטער. [7] לויטן דרש: דער סנהדרין זאָל פּסקענען לויט אַ מערהײט שטי־מען, — אַן אויסטײַטשונג פונעם וואָרט רבים.

י

(ה) אפך — דיין שטערן[1] איז ווי דער טורעם פון לבנון, דאָס איז דער בית המקדש: אַזוי ווי דער דאָזיקער שטערן געפינט זיך ביים מענטשן אויפן העכסטן אָרט, אַזוי געפינט זיך דער בית המקדש אויפן העכסטן אָרט פון דער וועלט; אַזוי ווי אויף דעם דאָזיקן שטערן הענגען ס׳רוב באַצירונגען,[2] אַזוי איז די כהונה און די לוויה[3] און די מלוכה פון בית המקדש.[4] ווי דער טורעם פון לבנון [און לבנון איז ניט אַנדערש, ניייערט דער בית המקדש],[5] ווי דער פסוק זאָגט (דברים ג, כה): ההר — דעם דאָזיקן גוטן באַרג און דעם לבנון. ר׳ טביומי האָט געזאָגט: [ער ווערט אַזוי גערופן] ווייל ער מאַכט ווייס די זינד פון ישראל ווי שניי, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה א, יח): אם — אויב אייערע זינד וועלן זיין ווי קאַרמעזין, וועלן זיי ווי שניי ווייס ווערן.[6] ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: [דער בית המקדש הייסט לבנון] ווייל אַלע הערצער[7] פרייען זיך מיט אים, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מח, ג): יפה נוף — דערהויבענע שיינקייט, די פרייד פון דער גאַנצער ערד. און די רבנן זאָגן: לויטן פסוק (מלכים א, ט, ג): והיו עיני — און מיינע אויגן און מיין האַרץ[8] וועלן דאָרטן זיין אַלע טעג.

וואָס קוקט קעגן דמשק, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ירושלים איז אָנגעברייט צו גרייכן ביז די טויערן פון דמשק, ווי דער פסוק זאָגט (זכריה ט, א): משא — די נבואה פון גאָטס וואָרט: אין לאַנד חדרך [און דמשק וועט זיין זיין רו־אָרט]. וואָס איז חדרך? [זאָגן וועגן דעם] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה. ר׳ יהודה האָט געזאָגט: ס׳איז אַן אָרט אַזאַ, וואָס רופט זיך חדרך. האָט געזאָגט צו אים ר׳ יוסי בן דורמסקית: איך שווער[9] — וואָרום איך בין פון דמשק — אַז דאָרט איז פאַראַן אַן אָרט מיטן נאָמען חדרך. ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: דאָס איז דער מלך המשיח, וואָס איז שאַרף און ווייך,[10] שאַרף צו די אומות פון דער וועלט און ווייך צו ישראל. אַן אַנדער פשט: חדרך איז דער מלך המשיח, וואָס איז אָנגעברייט מדריך[11] צו זיין אַלע מענטשן אויף דער וועלט צו תשובה פאַר הקדוש ברוך הוא. און דמשק וועט זיין זיין רו־אָרט, — איז דען דמשק זיין רו־אָרט? איז דאָך זיין רו־אָרט ניט אַנדערש, ניייערט דער בית המקדש, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קלב, יד): זאת — דאָס איז מיין רו־אָרט ביז אייביק! ניייערט[12] ירושלים איז אָנגעברייט זיך אויסצוברייטערן אויף אַלע אירע זייטן, ביז זי וועט גרייכן צו די טויערן פון דמשק,

י. [1] געטייטשט לויטן דרש. זע רשי. [2] לויטן יפה קול — די תפילין של ראש און דער ציץ (שטערן שילדל) פון כוהן גדול. [3] מיט אַ חיריק אונטער דער וו: דער שטאַנד פון די לוויים. [4] עמענדירט לויט יפה קול, און אַזוי פאָדערט די לאָגיק פונעם טעקסט. [5] צוגאָב לויטן נוסח פון אות אמת. [6] ילבינו — לבנון, און די זינד ווערן פאַרגעבן דורך די קרבנות וואָס ווערן געבראַכט אין בית המקדש. [7] לבבות — לבנון. [8] לבי — לבנון. [9] ביי דער „עבודה״ פון בית המקדש. [10] חד ורך. [11] להדריך — חדרך. [12] אמר לו, ער האָט געזאָגט צו אים, איז דאָ ניט אין אָרט, ווייל דער גאַנג פונעם דרש איז, אַז דער בעל המדרש אַליין פרעגט און ענטפערט; האָבן מיר דעריבער אָנשטאָט דער פאַרקירצונג א״ל געשטעלט אלא, ניייערט. בכלל איז אין אונדזערע טעקסטן דער נוסח ניט אין אָרדנונג;

י

(ה) אפך כמגדל הלבנון, זה בית המקדש: מה האף הזה נתון בגבהו של אדם, כך בית המקדש נתון בגבהו של עולם; מה האף הזה רוב תכשיטין תלויין עליו, כך כהונה ולויה ומלכות (מיעקב) [מבית המקדש]. כמגדל הלבנון [אין לבנון, אלא בית המקדש], שנאמר (דברים ג): ההר הטוב הזה והלבנון. ר' טביומי אמר: שמלבין עונותיהם של ישראל כשלג, שנאמר (ישעיה א): אם יהיו חטאיכם כשנים, כשלג ילבינו. ר' שמעון בן יוחאי אומר: שכל הלבבות שמחות בו שנאמר (תהלים מח): יפה נוף, משוש כל הארץ. ורבנן אמרי: על שם (מלכים א, ט): והיו עיני ולבי שם כל הימים.

צופה פני דמשק, — א"ר יוחנן: עתידה ירושלים שתהא מגעת עד שערי דמשק, שנאמר (זכריה ט): משא דבר ה': בארץ חדרך [ודמשק מנוחתו]. מהו חדרך? ר' יהודה ור' נחמיה. ר' יהודה אמר: מקום הוא, שנקרא חדרך. א"ל ר' יוסי בן דורמסקית: העבודה, שאני מדמשק, ויש שם מקום ששמו חדרך. ר' נחמיה אמר: זה מלך המשיח, שהוא חד ורך, חד לאומות העולם ורך לישראל. ד"א: חדרך זה מלך המשיח, שעתיד להדריך כל באי העולם בתשובה לפני הקב"ה. ודמשק מנוחתו, — וכי דמשק מנוחתו? והלא אין מנוחתו אלא בית המקדש, שנאמר (תהלים קלב): זאת מנוחתי עדי עד! (א"ל) [אלא] עתידה ירושלים להיות מתרחבת בכל צדדיה, עד שתהא מגעת לשערי דמשק, וגליות באות ונינוחות תחתיה, לקיים מה שנאמר: ודמשק מנוחתו, — עד דמשק מנוחתו. מה מקיים ר' יוחנן (ירמיה ל): ונבנתה עיר על תלה? כתאנה זו שקצרה מלמטה ורחבה מלמעלה, כך עתידה ירושלים להיות מתרחבת בכל צדדיה, וגליות באות ונינוחות

---

און די וואָס זיינען אין גלות געגאַנגען וועלן קומען און געפינען רו אין איר; און ס'וועט מקויים ווערן וואָס דער פסוק זאָגט: און דמשק וועט זיין זיין רו־אָרט, — ביז דמשק וועט זיין זיין רו־אָרט. טאָ ווי אַזוי דערקלערט ר' יוחנן דעם פסוק (ירמיה ל, יח): ונבנתה עיר — און די שטאָט וועט אָפּגעבויט ווערן אויף אירע חורבות?[13] [דער ענטפער איז:] אַזוי ווי דער דאָזיקער פייגנבוים וואָס איז שמאָל אונטן און ברייט אויבן, אַזוי איז ירושלים אָנגע־ברייט זיך אויסצוברייטערן אויף אַלע אירע זייטן, און די וואָס זיינען אין

---

אַ פיל בעסערער טעקסט געפינט זיך אין ספרי, דברים א, און אין פסיקתא דרב כהנא, בובער קמג, א. דער נאָמען ר' יוחנן געפינט זיך דאָרט אין גאַנצן ניט, און ס'איז מעגלעך,

גלות געגאַנגען וועלן קומען און געפינען רו אין איר; און ס׳וועט מקויים ווערן וואָס דער פּסוק זאָגט (ישעיה נד, ג): כי ימין — וואָרום רעכטס און לינקס[14] וועסטו זיך אויסשפּרייטן. האָבן מיר אין דער לענג; אין דער ברייט — פון וואַנען איז געדרונגען? דער פּסוק לערנט אונדז (זכריה יד, י): ומגדל — און [פון] דעם טורעם פון חננאל ביז די קעלטערן פונעם מלך, — ר׳ זכאי רבה האָט געזאָגט: ביז די גריבער פון יפו,[15] [דאָס מיינט] ביז צו די קעלטערן וואָס דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, האָט געקעלטערט.[16] האָבן מיר אין דער לענג און אין דער ברייט; אין דער הייך — פון וואַנען איז געדרונגען? לערנט אונדז דער פּסוק (יחזקאל מא, ז): ורחבה — און וואָס העכער אַלץ ברייטער ווערן די זייטקאַמערן רונד אַרום[17]. מיר האָבן געלערנט: ירושלים איז אָנגעברייט זיך אויסצובריי־טערן און זיך אויפצוהייבן און צו גרייכן ביז צום כיסא הכבוד, ביז זי וועט זאָגן (ישעיה מט, כ): צר לי — ס׳איז מיר ענג דאָס אָרט, [טרעט מיר אָפּ, איך זאָל קענען זיצן]. ר׳ יוסי בר׳ ירמיה האָט געזאָגט: מיר האָבן נאָך אַלץ ניט געלערנט דעם [פולן] שבח פון ירושלים; פון וואַנען לערנסטו דעם [פולן] שבח אירן? פון אירע מויערן, ווי דער פּסוק זאָגט (זכריה ב, ט): ואני — און איך וועל איר זיין, זאָגט גאָט, אַ פייערדיק מויער רונד אַרום.

## יא

(ו) ראשך — דיין קאָפּ אויף דיר איז ווי דער כרמל. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „דיינע אָרעמע[1] וואָס ביי דיר זיינען ווי דער כרמל, — די אָרעמע וואָס ביי איך זיינען מיר באַליבט ווי אליהו ווען ער איז אַרויף אויפן באַרג כרמל, ווי דער פּסוק זאָגט (מלכים א, יח, מב): ואליהו — און אליהו איז אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ[2] פונעם כרמל — — —און ער האָט אַריינגעטאָן זיין פּנים צווישן זיינע קני. און פאַרוואָס האָט ער אַריינגעטאָן זיך פּנים צווישן זיינע קני? נייערט ער האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: [אויב][2א] מיר האָבן ניט קיין זכות, קוק אויפן [צייכן פון] ברית.״ ודלת ראשך — און די האָר פון דיין קאָפּ איז אַזוי ווי פּורפּל, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „די נויטבאַדערפטיקע און די אָרעמע[2ב] וואָס אין ישראל זיינען מיר באַליבט ווי דוד,״[3] ווי דער פּסוק זאָגט (זכריה יב, ח): והיה הנכשל — און דער געשטרויכלטער צווישן זיי וועט אין יענעם טאָג זיין ווי דוד. און אַנ־דערע זאָגן: ווי דניאל, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (דניאל ה, כט):

---

אַז אַן איבערשרייבער האָט פון דער פאַרקירצונג ר״י (ר׳ יהודה, וואָס איז דאָרט דער בעל המאמר) געמאַכט ר׳ יוחנן. [13] נאָר אויף איר פריערדיק אָרט. [14] צו דרום און צו צפון (און דמשק איז אין צפון). [15] געביטן פון ריפע אויף דיפו לויטן נוסח פון פּסיקתא דרב כהנא, דאָרט. [16] ביז צום ים, — די גרויסע גרוב, וואָס דער אייבערשטער אַליין האָט אויסגעגראָבן (פאַרגלייך פּסיקתא, דאָרט), און דאָס איז פון מזרח צו מערב. [17] דאָס וואָס באַציט זיך אין פּסוק אויפן בית המקדש ווערט דאָ אָנגעווענדט אויף ירושלים.

יא. [1] אין תורה און מעשים טובים. געטייטשט ראש לויט שמואל ב, יב, א; משלי יג, כג. [2] ראש. [2א] צוגעגעבן לויט ויקרא רבה לא, ד. [2ב] דלים — דלת. [3] פּורפּל

תחתיה; לקיים מה שנאמר (ישעיה נד): כי ימין ושמאל תפרוצי. הרי לארך; לרחב מניין? תלמוד לומר (זכריה יד): ומגדל חננאל עד יקבי המלך, — ר' זכאי רבה אמר: עד שיחיה (ריפע) [דיפו], עד היקבין שיקבן מלך מלכי המלכים, הקב"ה. הרי לארכה ולרחבה; ולמעלה מניין? תלמוד לומר (יחזקאל מא): ורחבה ונסבה למעלה למעלה לצלעות. תני: עתידה ירושלים להתרחב ולעלות ולהיות מגעת עד כסא הכבוד, עד שתאמר (ישעיה מט): צר לי המקום, [גשה-לי ואשבה]. ר' יוסי בר' ירמיה אמר: עדיין לא למדנו שבח ירושלים; מהיכן את למד שבחה? מחומותיה, שנאמר (זכריה ב): ואני אהיה לה, נאם ה', חומת אש סביב.

יא

(ו) ראשך עליך ככרמל. אמר הקב"ה לישראל: ראשך עליך ככרמל, — הראשים שבכם חביבים עלי כאליהו שעלה להר הכרמל," שנאמר (מלכים א, יח): ואליהו עלה אל ראש הכרמל — — — וישם פניו בין ברכיו. ולמה שם פניו בין ברכיו? אלא אמר לפני הקב"ה: „[אם] אין לנו זכות, הבט לברית." ודלת ראשך כארגמן, — אמר הקב"ה: „הדלים והרשים שבישראל חביבין עלי כדוד," שנאמר (זכריה יב): והיה הנכשל בהם ביום ההוא כדויד. ויש אומרים: כדניאל, דכתיב (דניאל ה): והלבישו לדניאל ארגונא. — מלך אסור ברהטים, זה מלך מלכי המלכים, הקב"ה, דכתיב ביה (תהלים צג): ה' מלך, גאות לבש,—אסור ברהטים, שאסר עצמו בשבועה, שהוא משרה שכינתו בתוך ישראל, ברהטים של יעקב אבינו. [ד"א:] בזכות מי? ר' אבא בר כהנא

---

והלבישו — און מע האָט אָנגעטאָן דניאלן אין פורפל. — דער מלך איז געבונדן צווישן די וואַנטברעטער,[4] דאָס איז דער מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן (תהלים צג, א): ה' — גאָט טוט קיניגן, ער האָט זיך אין גרויסקייט געקליידט, — געבונדן צווישן די וואַנטברעטער, וואָרום ער האָט זיך געבונדן מיט אַ שבועה, אַז ער וועט מאַכן רוען זיין שכינה צווישן ישראל, צווישן די וואַנטברעטער פון יעקב אבינו.[5] [אַן אַנדער פשט:[5א] אין וועמעס זכות? ר' אבא בר כהנא און ר' לוי. איינער

---

איז דער קאָליר פון מלכות. [4] לויטן ווייטערדיקן דרש (אויבן, סוף פרשה א — דיל־ברעטער). [5] צווישן די ברעטער פון משכן, וואָס איז געבויט געוואָרן פון די שיטים־ביימער וואָס יעקב האָט מיטגעבראַכט קיין מצרים (זע אויבן, א, נה). [5א] צוגעגעבן לויטן איינ־

**האָט געזאָגט: אין זכות פון אברהם אבינו, ווי דער פסוק זאָגט** (בראשית יח, ז): ואל הבקר — און צו די רינדער איז אברהם געלאָפן;[6] **און איינער האָט געזאָגט: אין זכות פון יעקב אבינו, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן** (דאָרט, ל, לח): ויצג — און ער האָט אָוועקגעשטעלט די שטעקלעך — — — [אין די קאַריטעס].[7]

**ר׳ ברכיה האָט געזאָגט:** דער מלך, **דאָס איז משה, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים לג, ה): ויהי — און ער איז געווען[8] אין ישורון אַ מלך. — געבונדן ביי די קאַריטעס, **וואָרום ס׳איז נגזר געוואָרן אויף אים, ער זאָל ניט אַריינ־קומען אין ארץ ישראל; איבער וואָס? איבער די קאַריטעס פון די קריג־וואַסער,**[9] **ווי אין פסוק שטייט** (במדבר כ, יג): המה — דאָס איז דאָס קריג־וואַסער. **ר׳ נחמיה האָט געזאָגט:** דער מלך, **דאָס איז משה, ווי אין פסוק שטייט:** און ער איז געווען אין ישורון אַ מלך. **הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן: „איך האָב דיך באַשטימט פאַר אַ מלך איבער ישראל, און דער שטייגער פון אַ מלך איז גוזר צו זיין, און אַנדערע דאַרפן עס מקיים זיין; אַזוי אויך זאָלסטו גוזר זיין אויף ישראל, און זיי וועלן מקיים זיין. דאָס איז ווי אין פסוק שטייט** (ויקרא כד, ב): צו — באַפעל די קינדער פון ישראל.[10]

## יב

(ז) מה יפית — ווי שיין דו ביסט און ווי זיס דו ביסט. **ווי שיין דו ביסט מיט מצוות, און ווי זיס דו ביסט מיט גמילות חסדים. ווי שיין דו ביסט מיט די מצוות עשה,**[1] **און ווי זיס דו ביסט מיט די מצוות לא־תעשה. ווי שיין דו ביסט מיט די הויז־מצוות — מיטן צעטיילן תרומה און מעשר, און ווי זיס דו ביסט מיט די פעלד־מצוות — מיטן באַכקלייב, מיטן פאַרגעסן** [**אַ גאַרב תבואה,**] **און מיטן פעלד־עק, און מיטן מעשר פאַרן אָרעמאַן, און מיטן הפקר. ווי שיין דו ביסט מיט** [**דעם געבאָט פון**] **כלאים, און ווי זיס דו ביסט מיטן אָנטאָן — מיט די ציצית. ווי שיין דו ביסטביים פלאַנצן,**[2] **און ווי זיס דו ביסט מיט** [**דעם געבאָט פון**] **ערלה. ווי שיין דו ביסט מיטן** [**געבאָט פון**] **פיר יאָריקן פלאַנץ, און ווי זיס דו ביסט מיט דער** [**מצווה פון**] **מילה. ווי שיין דו ביסט מיט פריעה, און ווי זיס דו ביסט מיט תפילה. ווי שיין דו ביסט מיט קריאת שמע, און ווי זיס דו ביסט מיט דער מזוזה. ווי שיין דו ביסט מיט די תפילין, און ווי זיס דו ביסט מיט דער סוכה. ווי שיין דו ביסט מיטן לולב, און ווי זיס דו ביסט מיט תשובה. ווי שיין דו ביסט מיט גוטע מעשים, און**

---

**האַלט.** [6] **אויף אַראַמיש** רהט (אונקלוס), **אָנשפּיל אויף** ברהטים. [7] ברהטים, **וואָס ווערט אין פאַרלויף פונעם דרש אַ מאָל געטייטשט לויט איין באַדייטונג, אַ מאָל לויט אַן אַנדערע.** [8] **לויטן דרש, וואָס טייטשט דעם פסוק אויף משהן.** [9] **וואו משה האָט זיך פאַרזינדיקט.** [10] **די ווערטער פון ר׳ נחמיהן זיינען דאָ ניט אין אָרט; אָבער אַזוי ווי דער גאַנצער** סימן יא **ווערט דאָ געבראַכט פון** ויקרא רבה (לא, ד), **וואו די ווערטער פון ר׳ נחמיהן** (**דאָרט: ר׳ נחמן**) **זיינען צוגעפּאַסט צום ענין, ווערן זיי דרך אגב געבראַכט אויך דאָ.**

יב. [1] **זע** אויבן, א, סב, **באַמערקונגען 1—10.** [2] **דער גאַנצער סימן יב איז גענומען** פון אויבן, א, סב; **אָבער פון דאַנען און ווייטער איז דער נוסח איבערגעגעבן אין אַן אומ־אָרדנונג. מיר האָבן אָבער געלאָזט דעם טעקסט ווי ער איז, ווייל דער לייענער קאָן לייכט**

**ור' לוי. חד אמר: בזכותו של אברהם אבינו, שנאמר** (בראשית יח): ואל הבקר רץ אברהם; **וחד אמר: בזכות יעקב אבינו, שכתוב בו** (שם, ל): ויצג את המקלות — — — [ברהטים].

**א"ר ברכיה:** מלך, **זה משה, שנאמר** (דברים לג): ויהי בישורון מלך; — אסור ברהטים, **שנגזר עליו, שלא יכנס לארץ ישראל; בשביל מה?** ברהטים **של מי מריבה; הה"ד** (במדבר כ): המה מי מריבה. **ר' נחמיה אמר:** מלך, **זה משה, שנאמר:** ויהי בישורון מלך. **אמר הקב"ה למשה: „מניתיך מלך על ישראל, ודרכו של מלך להיות גוזר, ואחרים מקיימין; כך תהא גוזר על ישראל, והן מקיימין. הה"ד** (ויקרא כד): צו את בני ישראל.

יב

(ז) מה יפית ומה נעמת. **מה יפית במצות, ומה נעמת בגמילות חסדים. מה יפית במצוות עשה, ומה נעמת במצוות לא תעשה. מה יפית במצוות הבית — בחלוק תרומה ומעשרות, ומה נעמת במצוות השדה — בלקט, שכחה ופאה ומעשר עני וההפקר. מה יפית בכלאים, ומה נעמת בסדין — בציצית. מה יפית בנטיעה, ומה נעמת בערלה. מה יפית בנטע רבעי, ומה נעמת במילה. מה יפית בפריעה, ומה נעמת בתפילה. מה יפית בקריאת שמע, ומה נעמת במזוזה. מה יפית בתפילין, ומה נעמת בסוכה. מה יפית בלולב, ומה נעמת בתשובה. מה יפית במעשים טובים, ומה נעמת בעולם הזה. מה יפית בעולם הבא, ומה נעמת לימות המשיח.**

אהבה בתענוגים, **זה אהבתו של אברהם, שהיה מתחטא על מלך סדום; הה"ד** (בראשית יד): ויאמר אברם אל מלך סדום: הרימותי ידי אל ה' — — — אם מחוט ועד שרוך נעל. **ד"א: אהבה**

---

**ווי זיס דו ביסט אויף דער וועלט; ווי שיין דו ביסט אויף יענער וועלט, און ווי זיס דו ביסט אין משיחס צייטן.**[3]

אהבה — דו ליבשאַפט מיט [דיינע] תענוגים, **דאָס איז די ליבשאַפט פון אברהמען,**[4] **וואָס האָט זיך ריין געהאַלטן פאַרן מלך פון סדום; דאָס איז ווי אין פסוק** שטייט (בראשית יד, כב—כג): ויאמר אברם — און אברם האָט געזאָגט צום מלך פון סדום: איך הייב אויף מיין האַנט צו גאָט — — — אויב [איך וועל נעמען] אַ פאָדים, אָדער אַ שוכבענדל! **אַן אַנדער פשט:** דו ליב־

---

**פאַרגלייכן די צוויי נוסחאות.** [3] **משמעות, אַז כדי אָנצוהאַלטן דעם ריטם פון טעקסט, וואָס איז צעשטערט געוואָרן איבער דער אויבן אָנגעוויזענער אָפּווייכונג** (באַמ. 2)**, האָט דער צוזאַמענשטעלער געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן די לעצטע פראַזע, וואָס איז אויבן**

שאַפט מיט [דיינע] תענוגים, דאָס איז די ליבשאַפט פון דניאלן, וואָס האָט זיך ריין געהאַלטן פאַר בלשצרן, ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ה, יז): מתנתך — דיינע מתנות זאָלן בלייבן ביי דיר, און דיינע געשאַנקען גיב אַן אנדערן. ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: נבזח[5] מיינט אַ הויפּטמאַן; דאָרט[6] רופט מען אַ הויפּטמאַן — נבוזבזתאך.[7] ר' ברכיה האָט געזאָגט: [דאָס וואָרט מיינט] בזבוזיך, דיינע רויבערייען;[8] איר זענט רויבערס בני רויבערס. דאָס ווערטל זאָגט: פון פאַקנטרעגעריי,[9] אָבער ניט פון אָנגערויבטן.[10]

יג

(ח) זאת קומתך — דער דאָזיקער וואוקס דיינער איז געגליכן צו תמרן.[1]
ר' חנינא אין נאָמען פון ר' דוסא בר טבת: צוויי יצר הרעס האָט הקדוש ברוך הוא באַשפן אויף זיין וועלט, דעם יצר הרע פון עבודה זרה און דעם יצר הרע פון זנות; דער יצר הרע פון עבודה זרה איז שוין אויסגעריסן געוואָרן,[1א] אָבער דער יצר הרע פון זנות איז נאָך פאַראַן. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „איטלעכער וואָס קאָן ביישטיין קעגן זנות, וועל איך אים פאַררעכענען, ווי ער וואָלט בייגעשטאַנען קעגן ביידן.‟ ר' יהודה האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו אַ צויבער־שפּרעכער, וואָס האָט געהאַט [צוויי] שלאַנגען; האָט ער פאַרצויבערט די גרויסע און געלאָזט די קליינע. ער האָט געזאָגט: „איטלעכער וואָס וועט קענען ביישטיין דער דאָזיקער, וועט מען אים פאַררעכענען, ווי ער וואָלט בייגעשטאַנען ביידן.‟ אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא אויסגעריסן דעם יצר הרע פון עבודה זרה און איבערגעלאָזט דעם וואָס פון זנות; ער האָט געזאָגט: „איטלעכער וואָס וועט ביישטיין דעם יצר הרע פון זנות, וועט מען אים פאַררעכענען, ווי ער וואָלט בייגעשטאַנען ביידן.‟

ווען איז אויסגעריסן געוואָרן דער יצר הרע פון עבודה זרה? ר' בנייה האָט געזאָגט: דאָס איז [געשען אין די טעג פון][2] מרדכי און אסתר; און די רבנן זאָגן: דאָס איז [געשען אין די טעג פון] חנניה, מישאל און עזריה.[3] האָבן די רבנן געפרעגט ר' בנייהן: איז ער דען אויסגעריסן געוואָרן דורך אַ יחיד? האָט ר' בנייה אָפּגעפרעגט די רבנן: זיינען דען מרדכי און אסתר געווען יחידים?[4]

דאָ האָבן מיר אַ ראיה פאַר ר' בנייהן: ר' תנחומא און ר' מיאשא און ר' ירמיה אין נאָמען פון ר' שמואל בר כהנא האָבן געזאָגט: אין פסוק שטייט

---

ניטאָ (און לויטן רד״ל דאַרף מען זי דאָ אַרויסלאָזן). [4] צו גאָט. [5] פון נבזביתך, דיינע געשאַנקען.[6] משמעות אין בבל, וואו די מעשה מיט דניאלן קומט פאָר. [7] און בלשצר האָט געוואָלט מאַכן דניאלן פאַר אַ הויפּטמאַן, אָבער דניאל האָט זיך אָפּגעזאָגט. [8] דניאל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די מתנות, ווייל זיי זיינען געווען אָנגערויבט פאַרמעגן. [9] זע יאַסטראָוו, זוך־וואָרט דור, 1; פאַרגלייך ראש השנה ט, ב; ספרא בהר, ב, ב: כמדייר בי דיירא — ווי עס גייט אום דער פאַקנטרעגער און טראָגט סחורה (אין ספרא: און האַנדלט אין אַלע מדינות (אָדער שטעט). פאַרגלייך אויך ערוך השלם ג, קלד; לויטן מתנות כהונה (און נאָך אים — עץ יוסף, וואונטשע, סאָנטשינא) מיינט דיירות, געירשנט פאַרמעגן. [10] בעסער אומטראָגן סחורה איבער די הויפן, איידער לעבן אויף געשאַנקען פון אָנגערויבט פאַרמעגן.

בתענוגים, זה אהבתו של דניאל, שהיה מתחטא על בלשצר, שנאמר (דניאל ה): מתנתך לך להוין, ונבזביתך לאחרן הב. ר' אבא בר כהנא אמר: נבוז — ראשה; תמן הינון צווחין ליה לאיפרכא — נבוזבזתאך. ר' ברכיה אמר: בזבוזיך; בזיזין בני בזיזין אתון. מתלא אמר: מן דיירות, ולא מן דבזין ליה.

יג

(ח) זאת קומתך דמתה לתמר. ר' חוניא בשם ר' דוסא בר טבת: שני יצרים ברא הקב"ה בעולמו, יצר עבודה זרה ויצר זנות; יצר עבודה זרה כבר נעקר, ויצר זנות הוא קיים. אמר הקב"ה: „כל מי שהוא יכול לעמוד בזנות, מעלה אני עליו, כאלו עומד בשתיהן." א"ר יהודה: לחבר, שהיה לו חכינים; חבר את הגדולה והניח את הקטנה. אמר: „כל מי שהוא יכול לעמוד בזו, מעלין עליו, כאילו עומד בשתיהן." כך עקר הקב"ה יצר עבודה זרה והניח של זנות; אמר: „כל מי שעומד ביצר זנות, מעלין לו, כאילו עמד בשתיהן."

אימתי נעקר יצר עבודה זרה? ר' בנייה אמר: אלו [בימי] מרדכי ואסתר; ורבנן אמרי: אלו [בימי] חנניה, מישאל ועזריה. מיתיבין רבנן לר' בנייה: וכי על ידי יחידי נעקר? מיתיב ר' בנייה לרבנן: וכי מרדכי ואסתר יחידים היו?

הדא מסייעא לר' בנייה: א"ר תנחומא ור' מיאשא ור' ירמיה בשם ר' שמואל בר כהנא: כתיב (אסתר ד): שק ואפר יצע לרבים, — רובן של אותו הדור צדיקים היו.

ודא מסייעא לרבנן: ר' פנחס ור' חלקיה בשם ר' שמואל: כתיב (יחזקאל ו): וזכרו פליטיכם אותי בגוים אשר נשבו שם [אשר

---

(אסתר ד, ג): שק — זאַק און אַש האָבן אַ סך זיך אונטערגעבעט, — ס'רוב פון יענעם דור זיינען געווען צדיקים.

און דאָ האָבן מיר אַ ראיה פאַר די רבנן: ר' פינחס און ר' חלקיה [זאָגן] פון ר' שמואלס וועגן: אין פסוק שטייט (יחזקאל ו, ט): וזכרו פליטיכם — און אייערע אַנטרונענע וועלן מיך גדענקען צווישן די פעלקער וואָס זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן אַהין [וואָס איך האָב צעבראָכן[5] זייער פאַרפירט האַרץ,

---

יג. [1] לויטן דרש: יהודהס שנור (בראשית לח), וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ זונה, און דאָ רעדט זיך וועגן דעם יצר הרע פון זנות און עבודה זרה. [1]א ווי ווייטער. [2] צוגעגעבן דאָ און ווייטער לויטן נוסח פון אות אמת. [3] דניאל ג. — אין יומא סט, ב, ווערט דערציילט, אַז אין עזראס טעג האָט מען געכאַפּט דעם יצר הרע פון עבודה זרה און אים פאַרשפּאַרט אין אַ בלייענעם קעסל. [4] די איינציקע צדיקים אין זייער דור? [5] גע־

וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר:] אייערע אַנטרונענע, דאָס זיינען חנניה, מישאל און עזריה, וואָס זיינען געווען אַנטרונען פונעם פייערדיקן קאַלכ־אויוון; דאָ שטייט ניט „צווישן די פעלקער וואָס זיי זיינען דאָרט געזעסן,"[6] נייערט — צווישן די פעלקער וואָס זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן אַהין.[7] הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל (הושע יד, ט): אפרים [וועט זאָגן]: וואָס קער איך זיך נאָך אָן מיט געצן ־בילדער? וואָס האָב איך צו טאָן מיטן יצר הרע פון דער עבודה זרה? אני עניתי,[8] [לייען] „אני עוניתי," איך האָב מיך געלאָזט פייניקן פון וועגן אים; לא אשורנו, — האָבן מיר דען ניט געזאָגט קיין שירה[8א] פאַר דיר? מיינט עס: איך[9] בין עס דער וואָס האָט איינגעבויגן דעם יצר הרע פון דער עבודה זרה.

אויב אַזוי, פאַרוואָס־זשע איז ישראל אַריין אין אַ צרה אין די טעג פון המנען? [זאָגן וועגן דעם] די רבנן און ר' שמעון בן יוחאי. די רבנן זאָגן: דערפאַר וואָס ישראל האָט [ווידער][10] געדינט דער עבודה זרה; און ר' שמעון האָט געזאָגט: דערפאַר וואָס זיי האָבן געגעסן פון גויאיש געקעכטס.[11] האָבן זיי געזאָגט צו אים: אָבער די סעודה האָבן דאָך קיין אַנדערע ניט געגעסן, נייערט די מענטשן פון שושן הבירה אַליין! דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (אסתר א, ה): ובמלאת — און ווען די דאָזיקע טעג זיינען דערפילט געוואָרן [האָט דער מלך געמאַכט פאַרן גאַנצן פאָלק וואָס האָבן זיך געפונען אין שושן הבירה — — — אַ מאָלצייט פון זיבן טעג.] האָט ער געזאָגט צו זיי: אָבער גאַנץ ישראל איז דאָך ערב איינער פאַרן צווייטן, ווי עס שטייט געשריבן (ויקרא כו, לז): וכשלו — און זיי וועלן געשטרויכלט ווערן איינער איבערן אַנדערן, — איינער איבער די זינד פון אַנדערן. [און נאָך] האָט ער געזאָגט צו זיי: אויב ס'איז ווי איר מיינט, האָט איר דאָך פאַרמשפּט גאַנץ ישראל אויף אונטערגאַנג, ווי אין פסוק שטייט (שמות כב, יט): זובח — דער וואָס שלאַכט צו געטער זאָל ווערן חרם.[12] האָבן זיי געזאָגט צו אים: פונדעסט־וועגן האָבן זיי דאָך ניט געדינט דער עבודה זרה מיטן גאַנצן האַרצן, ווי דער פסוק זאָגט (איכה ג, לג): כי לא ענה — וואָרום ער האָט ניט געזונגען [צו דער עבודה זרה] פון זיין האַרצן;[13] אָבער פונדעסטוועגן (דאָרט) ויגה —

---

טייטשט לויטן דרש. און אַזוי טייטשט עס אויך דער תרגום, ווי ס'וואָלט געשטאַנען שברתי, אָנשטאָט נשברתי. [6] אַ שטייגער מרדכי און אסתר, וואָס זיינען שוין לאַנג געזעסן אין גלות (כאָטש אויך זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן פון יהודה — אסתר ב, ה—ו). — עמענדירט לויט רד"ל. [7] וואָס קלינגט, ווי עס וואָלט ערשט פּאַסירט, און דאָס לייגט זיך אויף חנניה, מישאל און עזריה. [8] לויטן פשט: איך האָב געענטפערט. [8א] אָנשפּיל אויף אשורנו. [9] אפרים וואָס איז דאָ אַ סימבאָלישער נאָמען פאַר ישראל (אויבן, א, סז, האָט דער זעלבער דרש באַשטימטע שינויים). [10] מתנות כהונה. [11] אין מגילה יב, א, ווערט אין זיין נאָמען געבראַכט די מיינונג פון די רבנן (זע דאָרט דעם שמועס צווישן אים און זיינע תלמידים). [12] אָננעמענדיק, אַז אויך די רבנן האַלטן פון ישראלס קעגנזייטיקער ערבות. [13] לויטן דרש, טייטשנדיק ענה לויט שמות לב, יח: קול ענות (מיט אַ פּתח אונטער דער עין) — אַ קול פון געזאַנג הער איך: ישראל האָט נאָר מיט די ליפּן געדינט דער עבודה זרה (לויט אסתר רבה ז, ח, האָט המן זיך געמאַכט פאַר אַ גאָט, און אחשורוש האָט אַלעמען באַפוילן

נשברתי את לבם הזונה אשר סר מעלי]: פליטיכם, **אלו חנניה, מישאל ועזריה, שהיו פליטים מכבשן האש; "בגוים אשר (שבו) [ישבו] שם" אין כתיב כאן, אלא** בגוים אשר נשבו שם. **אמר הקב"ה לישראל** (הושע יד): אפרים: מה לי עוד לעצבים? **מה לי ליצרה של עבודה זרה?** אני עניתי, — **אני עוניתי לו; לא** אשורנו, — **לא אמרנו שירה לפניך? הוי אומר: אני הוא שכפפתי יצרה של עבודה זרה.**

**אם כן, למה באו ישראל בספק בימי המן? רבנן ור' שמעון בן יוחאי. רבנן אמרי: על שעבדו ישראל עבודה זרה; ור' שמעון אמר: על שאכלו מתבשיל הגוים. אמרו לו: והלא לא אכלו סעודה, אלא אנשי שושן הבירה בלבד! הה"ד** (אסתר א): ובמלאת הימים האלה [עשה המלך לכל העם הנמצאים בשושן הבירה — — — משתה שבעת ימים]. **אמר להם: והלא כל ישראל ערבין אילין באילין, דכתיב** (ויקרא כו): וכשלו איש באחיו, — **איש בעון אחיו. אמר להם: אם כדעתכם, אתם חייבתם את כל ישראל כלייה, דכתיב** (שמות כב): זובח לאלהים יחרם. **אמרו לו: אף על פי כן לא עבדו אותה בכל לבם, שנאמר** (איכה ג): כי לא ענה מלבו; **אף על פי כן** (שם) ויגה בני איש, **העמיד עליהם אדם קשה ביותר לנסותן, זה** (נבוכדנצר) **[המן], ועמד והגה את מכתן.**

**ר' ברכיה בשם ר' לוי אמר: בשני מקומות פעלו ישראל עם הקב"ה. בסיני פעלו בפיהם, ולא פעלו בלבם, שנאמר** (תהלים עח): ויפתוהו בפיהם, ובלשונם יכזבו לו, ולבם לא נכון עמו. **בבבל פעלו בלבם ולא פעלו בפיהם, שנאמר:** כי לא ענה מלבו; **אף על**

---

האָט ער פאַראומערט די מענטשנקינדער, **ער האָט אויפגעשטעלט אויף זיי אַ זייער שווערן מענטשן זיי אויסצופרואוון, דאָס איז המן,**[14] **און ער האָט גענומען און האָט אויפגעדעקט**[15] **זייער וואונד.**

ר' ברכיה **האָט** געזאָגט פון ר' לויס וועגן: **אין צוויי ערטער האָט ישראל זיך אויפגעפירט מיט הקדוש ברוך הוא [ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין]. ביים סיני האָבן זיי זיך [גוט] אויפגעפירט מיט זייער מויל, אָבער זיך ניט [גוט] אויפגעפירט מיט זייער האַרץ, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים עח, לו): ויפתוהו — און זיי האָבן אים איבערגעבעטן מיט זייער מויל, און מיט זייער צונג האָבן זיי אים ליגן געזאָגט, אָבער זייער האַרץ איז ניט געווען פעסט מיט אים. **אין בבל האָבן זיי זיך [גוט] אויפגעפירט מיט זייער האַרץ, אָבער זיך ניט [גוט] אויפגעפירט מיט זייער מויל, ווי דער פסוק זאָגט:** כי לא ענה —

וואָרום ער האָט ניט געזונגען [צו דער עבודה זרה] פון דיין האַרצן; פונדעסט־וועגן: ויגה — האָט ער פּאַראומערט די מענטשנקינדער, ער האָט געבראַכט אויף זיי אַ [בייזן] מאַן, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ז, ו): איש — אַ מאַן אַ צורר און אַ שונא, דער דאָזיקער בייזער המן, און ער האָט אויפגעדעקט זייער וואונד.

לויט דער מיינונג פון די רבנן האָט ישראל געדינט דער עבודה זרה אין די טעג פון נבוכדנצרן; לויט דער מיינונג פון ר׳ שמעון בן יוחאי האָט ישראל ניט געדינט דער עבודה זרה אין די טעג פון נבוכדנצרן. „לויט דער מיינונג פון די רבנן האָט ישראל געדינט דער עבודה זרה" — ווי איז עס געשען? נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט אַ געשטאַלט, און ער האָט אָפּגעקליבן צו דריי און צוואַנציק פון איטלעכער אומה און דריי און צוואַנציק פון גאַנץ ישראל.[16] „לויט דער מיינונג פון ר׳ שמעונען האָט ישראל ניט געדינט דער עבודה זרה — ווי איז עס געשען? נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט אַ געשטאַלט, און האָט אָפּגעקליבן צו דריי פון איטלעכער אומה און דריי פון גאַנץ ישראל; און חנניה, מישאל און עזריה, וואָס זיינען געווען די דריי פון ישראל, האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך געוועדט, און זיי האָבן ניט געדינט דער עבודה זרה.[17] זיי זיינען אַוועק צו דניאלן און געזאָגט צו אים: „רבינו דניאל, נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט אַ געשטאַלט און האָט אָפּגעקליבן צו דריי פון איטלעכער אומה, און אונדז האָט ער אָפּגעקליבן פון גאַנץ ישראל; וואָס זאָגסטו אונדז, זאָלן מיר זיך בוקן צו דעם, אָדער ניט?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „דאָ האָט איר אַ נביא פאַר זיך, גייט צו אים." זיינען זיי גלייך אַוועק צו יחזקאלן און אים געזאָגט ווי זיי האָבן געזאָגט צו דניאלן: „זאָלן מיר זיך בוקן צו דעם, אָדער ניט?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „איך האָב בקבלה פון מיין רבין ישעיה (כו, כ): חבי — באַהאַלט זיך אויס אויף אַ קליינער ווילע, ביז ס׳וועט איבערגיין דער צאָרן." האָבן זיי געזאָגט צו אים: „וואָס ווילסטו, מע זאָל זאָגן: ׳אַלע אומות בוקן זיך צו דער דאָזיקער געשטאַלט׳?"[18] האָט ער געזאָגט צו זיי: „און וואָס זאָגט איר?" האָבן זיי געזאָגט: „מיר ווילן עס מבזה זיין, אַז מיר וועלן דאָרט זיין און זיך ניט בוקן צו דעם, כדי מע זאָל זאָגן: ׳אַלע אומות בוקן זיך צו דער דאָזיקער געשטאַלט, אויסער ישראל׳." האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב דאָס איז אייער דעה, וואַרט מיר צו, ביז איך וועל מיך מיישב זיין מיטן אייבערשטן." דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל כ, א): באו — עס זיינען געקומען מענער פון די עלטסטע פון ישראל נאָכצופרעגן ביי גאָט, און זיי זיינען געזעסן פאַר מיר; און ווער זיינען זיי עס געווען? חנניה, מישאל און עזריה. האָט ער געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו

---

זיך צו בוקן פאַר אים). [14] געביטן פון נבוכדנצר אויף המן ליוטן אינהאַלט און אין הסכם מיטן רש״ש. [15] טייטשנדיק ויגה לויט נגה, שיינען, — אַרויסגעשטעלט פאַר דער ליכטיקער שיין. [16] און אַזוי ווי נאָר דריי, חנניה, מישאל און עזריה, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דינען דער עבודה זרה, מיינט עס, אַז די אַנדערע צוואַנציק האָבן יאָ געדינט צו איר (דריי און צוואַנציק, לויט דער צאָל חברים פון דעם קליינעם סנהדרין — רד״ל). [17] מיינט עס, אַז קיינער פון ישראל האָט ניט געדינט דער עבודה זרה. [18] קיינער וועט דאָך ניט

פי כן ויגה בני איש, **הביא עליהם איש, שנאמר** (אסתר ז): איש צר ואויב, המן הרע הזה, **והגה את מכתן.**

על דעת רבנן עבדו ישראל עבודה זרה בימי נבוכדנצר; על דעת ר׳ שמעון בן יוחאי לא עבדו ישראל עבודה זרה בימי נבוכדנצר. „על דעת רבנן עבדו ישראל עבודה זרה״ — כיצד? נבוכדנצר העמיד צלם והפריש עשרים ושלשה מכל אומה ואומה, ועשרים ושלשה מכל ישראל. „על דעת ר׳ שמעון לא עבדו ישראל עבודה זרה״ — הא כיצד? נבוכדנצר העמיד צלם, והפריש מכל אומה ואומה שלשה-שלשה, ושלשה מכל ישראל; וחנניה, מישאל ועזריה, שהיו השלשה מישראל, עמדו ומיחו על עצמן, ולא עבדו עבודה זרה. הלכו להם אצל דניאל, אמרו לו: „רבינו דניאל, נבוכדנצר העמיד צלם והפריש מכל אומה ואומה שלשה-שלשה, ולנו הפריש מכל ישראל; מה אתה אומר לנו, נסגוד ליה, או לא?״ א״ל: „הנה הנביא לפניכם, לכו אצלו.״ הלכו להם מיד אצל יחזקאל; אמרו לו כמו שאמרו לדניאל: „נסגוד ליה, או לא?״ א״ל: „כבר מקובל אני מישעיה רבי (ישעיה כו): חבי כמעט רגע, עד יעבור זעם.״ א״ל: „מה את בעי, דיהון אמרין: ׳הדין צלמא סגדין ליה כל אומיא׳?״ אמר לון: „ומה אתון אמרין?״ א״ל: „אנן בעינן נתן ביה פגם, דניהוי תמן ולא נסגוד ליה, בגין דיהון אמרין: ׳הדין צלמא כל אומיא סגדין ליה, לבר מישראל׳.״ א״ל: „אם כדעתכם, המתינו לי, עד שאמלך בגבורה.״ הה״ד: (יחזקאל כ): באו אנשים מזקני ישראל לדרוש את ה׳, וישבו לפני; ומי היו אלו? חנניה, מישאל ועזריה. אמר לפני הקב״ה: „רבש״ע, חנניה, מישאל ועזריה מבקשים ליתן נפשם על קדושת שמך; מתקיים אתה עליהן או לאו?״ א״ל: „איני מתקיים עליהם.״ הה״ד (שם): „בן אדם, דבר את זקני ישראל ואמרת אליהם: — — — הלדרוש אותי אתם באים? מאחר שגרמתם לי להחריב ביתי ולשרוף היכלי ולהגלות בני לבין האומות, ואחר כך אתם

---

של עולם, חנניה, מישאל און עזריה ווילן זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם; וועסטו זיי ביישטיין, צי ניט?״ האָט ער געזאָגט צו אים: „איך וועל זיי ניט ביישטיין.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (פסוק ג): „בן אדם — מענטשנקינד, רעד צו די עלטסטע פון ישראל און זאָג זיי: — — — נאָכצו־פרעגן ביי מיר זענט איר געקומען? נאָך דעם ווי איר האָט מיר גורם געווען חרוב צו מאַכן מיין הויז און פאַרברענען מיין טעמפּל און פאַרטרייבן מיינע

קינדער צווישן די אומות, — נאָך דעם קומט איר נאָכצופרעגן ביי מיר? ווי איך לעב, אויב איך וועל זיך לאָזן נאָכפרעגן פון אייך!" דעמאָלט האָט יחזקאל געוויינט און געקלאָגט און געיאָמערט פאַר זיך, און ער האָט געזאָגט: „ווייאיז צו די שונאי ישראל,[19] דער איבערבלייב פון יהודה איז פאַרלאָרן! וואָרום עס זיינען פון יהודה מער ניט געבליבן,[20] נייערט די אַליין — ווי דער פסוק זאָגט (דניאל א, ו): ויהי — און ס׳זיינען געווען צווישן זיי פון די קינדער פון יהודה דניאל, חנניה, מישאל און עזריה[20א] — און דאָס איז דער ענטפער וואָס ווערט זיי געגעבן!" און ער האָט געהאַלטן אין איין וויינען. אַז ער איז צוריקגעקומען, האָבן זיי געזאָגט צו אים: „וואָס האָט הקדוש ברוך הוא דיר געזאָגט?" האָט ער געזאָגט צו זיי: „ער וועט אייך ניט ביישטיין." האָבן זיי געזאָגט צו אים: „סיי ער וועט ביישטיין, סיי ער וועט ניט ביישטיין; מיר וועלן אָפּגעבן אונדזערע לעבנס אויף קידוש השם." אַ ראיה האָסטו, אַז אַזוי איז עס, וואָרום וואָס האָבן זיי געזאָגט צו נבוכדנצרן, איידער זיי זיינען געקומען צו יחזקאלען? (דאָרט, ג, טז—יז): לא חשחין — מיר געפינען ניט פאַר נויטיק דיר צו ענטפערן וועגן דעם דאָזיקן באַפעל. ס׳איז דאָך פאַראַן אונדזער גאָט, וואָס מיר דינען אים, און ער קאָן אונדז מציל זיין.[21] נאָך דעם אָבער ווי זיי זיינען געקומען צו יחזקאלען און האָבן געהערט דעם ענטפער, האָבן זיי געזאָגט צו נבוכדנצרן (פסוק יח): „והן לא — און אויב ניט, זאָלסטו וויסן זיין, מלך, צי ער וועט יאָ ראַטעווען, צי ער וועט ניט ראַטעווען, — זאָלסטו וויסן זיין, מלך, אַז צו דיין גאָט וועלן מיר ניט דינען און צו דער גאָלדענער געשטאַלט וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט וועלן מיר זיך ניט בוקן."

ווען זיי זיינען אַרויס פון יחזקאלען, האָט הקדוש ברוך הוא זיך אַנטפּלעקט און געזאָגט צו אים: „יחזקאל, וואָס מיינסטו, איך וועל זיי ניט ביישטיין? איך וועל זיי זיכער ביישטיין — דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל לו, לז): כה אמר — אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: אויך אויף דעם וועל איך זיך לאָזן נאָכפרעגן פון ישראל,[22] — נייערט לאָז זיי, און זאָג זיי גאָרניט ניט; איך וויל זיי לאָזן גיין אין זייער גאַנצקייט."[23] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (משלי י, ט): הולך — דער וואָס גייט אין גאַנצקייט,[24] גייט אין זיכערקייט. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי זיינען אַוועק און זיך צעשפּרייט צווישן די פאַרזאַמלטע, און האָבן געזאָגט: „און אויב ער וועט ניט מציל זיין, זאָלסטו וויסן זיין — — — ." דאָס איז וואָס מענטשן שווערן זיך און זאָגן: „ביי דעם וואָס האָט געשטעלט די וועלט אויף דריי זיילן." פאַראַן וואָס זאָגן: דאָס זיינען אברהם, יצחק און יעקב; און פאַראַן וואָס זאָגן: דאָס זיינען חנניה, מישאל און עזריה.

---

מערקן, אַז די דריי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. [19] אַן אייפעמיזם, אַ לשון נקיה, ניט וועלנדיק פאַראויסזאָגן שלעכטס אויף ייִדן. [20] קיין אמתע צדיקים. [20א] און ווייטער ווערט דאָרט דערציילט, ווי געטריי און איבערגעגעבן זיי האָבן אָפּגעהיט די געבאָטן פון ייִדישקייט. [21] געטייטשט לויטן דרש, און אַזוי טייטשן מערסטע מפרשים. [22] מיט דעם ווערט פאַרענטפערט די אויגנשיינלעכע סתירה צווישן די צוויי פסוקים פון יחזקאל. [23] אין זייער

**באים לדרשני?** חי אני, אם אדרש לכם!" **באותה שעה בכה יחזקאל וקונן והילל בעצמו ואמר: "ווי לשונאי ישראל, אבדה שארית יהודה! שלא נשתייר מיהודה, אלא אלו בלבד — שנאמר** (דניאל א): מהי בהם מבני יהודה דניאל, חנניה, מישאל ועזריה — **וזו תשובה באה להם!" והוה בכי ואזיל. כיון דאתא אמרו ליה: "מה אמר לך הקב"ה?" א"ל: "אינו מתקיים עליכם." א"ל: "בין מתקיים, בין שאין מתקיים, אנו נותנים נפשותינו על קדושת שמו." תדע לך, שהוא כן, שעד שלא באו אצל יחזקאל, מה אמרו לו לנבוכדנצר?** (שם,ג): "לא חשחין אנחנא על דנה פתגם להתיבותך. הן איתי אלהנא, די אנחנא פלחין, יכל לשזבותנא." **לאחר שבאו אל יחזקאל ושמעו התשובה, אמרו לנבוכדנצר** (שם): "והן לא, ידיע ליהוא לך, מלכא, **בין מציל, בין לא מציל,** — ידיע ליהוא לך, מלכא, די לאלהיך לא איתנא פלחין ולצלם דהבא די הקימת לא נסגד."

**מן דנפקין מן גביה דיחזקאל, נגלה הקב"ה ואמר לו: "יחזקאל, מה את סבור, שאיני מתקיים עליהם? מתקיים אני עליהם בודאי — הה"ד** (יחזקאל לו): כה אמר ה' אלהים: עוד זאת אדרש לבית ישראל, — **אלא שביק להון, ולא תימר להון מידי; אשבוק להון מהלכין על תומם." הה"ד** (משלי י): הולך בתום ילך בטח, **וגו'. מה עשו? הלכו ופזרו עצמן בין האוכלוסין והוון אמרין: "והן לא מציל,** ידיע ליהוא לך — — —." **הדא היא דברייתא משתבעין ואמרין: "במאן דאקים עלמא על תלתא עמודים." אית דאמרי: אברהם, יצחק ויעקב אינון; ואית דאמרין: אלו הן חנניה, מישאל ועזריה.**

זאת קומתך דמתה לתמר, — **מה תמר נגזרה עליה שריפה, ולא נשרפה; אף אלו נגזר עליהם שריפה, ולא נשרפו. כיצד נעשה להם האור? ר' אלעזר ור' שמואל בר נחמיה. ר' אלעזר**

---

זאת קומתך — דער דאָזיקער וואוקס דיינער איז געגליכן צו תמרן,[25] אַזוי ווי אויף תמרן איז נגזר געוואָרן פאַרברענט צו ווערן, און זי איז ניט פאַרברענט געוואָרן; אַזוי איז אויך אויף די [25א] נגזר געוואָרן פאַרברענט צו ווערן, און זיי זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן. אין וואָס איז זיי דאָס פייער פאַרוואַנדלט געוואָרן? [וועגן דעם זאָגן] ר' אלעזר און ר' שמואל בר נחמיה.

---

פולער איבערגעגעבנקייט. [24] אין ערלעכקייט. [25] אַ וואוקס וואָס לאָזט זיך ניט בייגן. — דאָ קערט זיך דער בעל המדרש אום צום אָנהייב פון אונדזער סימן. [25א] אויף חנניה,

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: [ס׳איז פון דעם געוואָרן] ווי אַ מין טאַלנאַס; און ר׳ שמואל האָט געזאָגט: ווי אַ מין אַווקיי.[26]

יד

(ט) אמרתי — איך האָב געזאָגט: איך וועל זיך אַרויפהייבן אויפן טייטל־בוים, — איך האָב זיך געזאָגט, אַז איך וועל דערהייבן ווערן דורך דער גאַנצער אומה, אָבער איך בין ניט דערהויבן געוואָרן דורך עמיצן אַנדערש, נייערט דורך אייך.[1] איך וועל אָננעמען זיינע צווייגן, — זיינע צווייג־שפּראָצן: דער דאָזיקער טייטלבוים, אפילו ווען ער גיט גאָרניט אַרויס, גיט ער אַלץ אַרויס ניט ווייניקער ווי דריי צווייג־שפּראָצן[2] — אַבון בר חסדאי האָט געזאָגט: אין אונדזער אָרט רופט מען צווייג־שפּראָצן סנסנייה, — דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דניאל ג, כא): באדין — דעמאָלט זיינען די דאָזיקע מענער[3] געבונדן געוואָרן אין זייערע סרבלים —, ר׳ יודן און ר׳ הונא. ר׳ יודן האָט געזאָגט: [דאָס מיינט:] אין זייערע מאַנטלען; און ר׳ הונא האָט געזאָגט: אין זייערע יום־טובדיקע בגדים.

ר׳ אבדימי פון חיפה האָט געזאָגט: זעקס ניסים זיינען געשען יענעם טאָג: עס האָט זיך אַרויסגעהויבן דער קאַלכאויוון,[4] און ס׳איז אויפגעריסן געוואָרן דער קאַלכאויוון, און עס זיינען פאַרברענט געוואָרן [מענער פון] פיר קיניגרייכן, און נבוכדנצר איז געוואָרן האַלב צעברענט,[5] און דער ווינט האָט אומגעוואָרפן די געשטאַלט, און יחזקאל האָט לעבעדיק געמאַכט די טויטע אין טאָל פון דורא.

„עס האָט זיך אַרויסגעהויבן דער קאַלכאויוון" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ר׳ יצחק האָט געזאָגט: פון דעם דאָזיקן פּסוק (דאָרט, דאָרט, כד־כה): אדין — דעמאָלט איז דער מלך נבוכדנצר נשתומם געוואָרן, און ער איז אויפגעשטאַנען אין בהלה, און ער האָט זיך אָפּגערופן און געזאָגט: — — —:

---

מישאל און עזריה, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון תמרן. [26] מפרשים טייטשן די צוויי ווערטער פאַרשיידן. לויט וואונטשע (דייטשע איבערזעצונג) מיינט טאַלנאַס — אַ גלעזערן הויז, און אַווקיי — גלאַנץ, שיין (ס׳פייער האָט, הייסט עס, נאָר געלויכטן, אָבער ניט געברענט); דער ערוך השלם הייסט לייענען פלאַניס (אַ פּלאַנעט, אַ שיינענדיקער שטערן), און אַווקיי — ווי וואונטשע. יאַסטראָוו וויל בייטן טאַלנאַס אויף נילוס און אַווקיי אויף אוקיאַנוס, און לויט אים געהער דער סוף פון דער דרשה צום ווייטערדיקן סימן: נאָך דעם ווי חנניה, מישאל און עזריה זיינען אַרויס גאַנץ פון קאַלכאויוון, האָט זיך דאָס פייער אַרויסגעריסן ווי דער נילוס־שטראָם, אָדער ווי דער ים, און פאַרברענט די שונאי ישראל וואָס זיינען דערביי געווען.

יד. [1] דורך חנניה, מישאל און עזריה. [2] דער נמשל: די דריי צדיקים פון יענעם דור. (דאָס וואָרט אילנין, ביימער, איז אַריין אין טעקסט דורך אַ טעות). [3] נאָר זיי, הייסט עס, זיינען געווען גרייט אויף קידוש השם. [4] וואָס איז געווען טיף איינגעגראָבן אין דער ערד, כדי אַלע זאָלן זען, וואָס דאָרטן טוט זיך. [5] אימוס שירוף. לויט יאַסטראָוו דאַרף מען לייענען אימאוס שירוף, מיאוס צעברענט; אין מדרש תהלים, כב, טו איז דער נוסח: אמכסירוס, און באָבער טייטשט עס אויך, לויט גריכיש, האַלב צעברענט. אַן אַנדער נוסח געפינט זיך אין תנחומא נח, י (ונמק יסודו, ס׳איז צעגאַנגען געוואָרן זיין פונדאַמענט); ענלעך צו דעם איז די גירסא אין סנהדרין צב, ב (והומק יסודו); אין ילקוט דניאל, תתרס:

אמר: כמין טלנס; ור' שמואל אמר: כמין אוקיי.

יד

(ט) אמרתי: אעלה בתמר, — אמרתי, שאני מתעלה בכל האומה כולה, ולא נתעליתי אלא בכם. אוחזה בסנסיניו, — בסנסנייה: הדא תמרתא, כדלא עבדא כלום, לא פחיתא היא עבדה מן תלת (אילנין) אלבנין — אבון בר חסדאי אמר: באתרין צווחין לאלבנייה סנסנייה. — הה"ד (דניאל ג): באדין גבריא אלך כפיתו בסרבליהון — — — ר' יודן ור' הונא. ר' יודן אמר: בגוליהון; ור' הונא אמר: במוקסיהון.

א"ר אבדימי דמן חיפה: ששה נסים נעשו באותו היום: צף הכבשן, ונפרץ הכבשן, ונשרפו ד' מלכיות, ונעשה נבוכדנצר אימוס שירוף, והפילה הרוח את הצלם, והחיה יחזקאל המתים בבקעת דורא.

„צף הכבשן" מניין? א"ר יצחק: מן הדא קרא (שם): אדין נבוכדנצר מלכא תוה וקם בהתבהלה, ענה ואמר, וגו', הא אנה חזה גברין ארבעה שרין מהלכין בגו נורא, וגו', ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין. ר' פנחס בשם ר' ראובן אמר: באותה שעה ירד מיכאל המלאך וסטרו על פיו; א"ל: „אי, רשע, לחה סרוחה! בר אית ליה? חזור ויתיב מילין!" חזר ויתיב מילוי (שם): ענה נבוכדנצר ואמר: בריך אלההון, — „די שלח בריה," אין כתיב כאן, אלא די שלח מלאכה ושזיב לעבדוהי די התרחצו עלוהי. א"ר ראובן: פריטין משלו היו.

---

אָט זע איך פיר מענער, אויפגעבונדענע, אַרומגיין אין מיטן פייער — — — און דאָס אויסזען פונעם פערטן איז געגליכן צו אַ זון פון גאָט. ר' פינחס האָט פון ר' ראובנס וועגן געזאָגט: דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען דער מלאך מיכאל און האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן מויל; ער האָט געזאָגט צו אים: „ווי, דו רשע איינער, דו פאַרעיפּושטער טראָפּן! אַ זון האָט ער? נעם צוריק דיינע ווערטער!"[6] האָט ער צוריקגענומען זיינע ווערטער (דאָרט, פסוק כח): ענה — האָט זיך אָפּגערופן נבוכדנצר און געזאָגט: געלויבט איז זייער גאָט — „וואָס האָט געשיקט זיין זון" שטייט דאָ ניט, נייערט וואָס האָט געשיקט זיין מלאך און האָט מציל געווען זיינע קנעכט וואָס האָבן געהאַט ביטחון אין אים.[7] ר' ראובן האָט געזאָגט: זיין אייגן געלט איז עס געווען.[8]

---

והומק סידו, זיין קאַלך איז צעגאַנגען. זע אויך תנחומא באָבער. פרשה צו, ג. [6] אַן אָפּ־קלאַנג פון די וויכוחים מיט די קריסטן. [7] און מיט דעם ווערט אויסגעגלייכט די סתירה

„ס׳איז אויפגעריסן געוואָרן דער קאַלכאויוון״ — פון וואַנען איז עס גע־דרונגען? פון דעם וואָס אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק כו): באדין — דעמאָלט האָט נבוכדנצר גענענט צו דער טיר פון דעם ברענענדיקן פייער־אויוון; ער האָט אויסגערופן און געזאָגט: שדרך, מישך און עבד נגו,[9] קנעכט פון דעם העכסטן גאָט, — „צעוואַרפט [דעם אויוון] און קומט אַרויס״ שטייט דאָ ניט, נייערט: גייט אַרויס און קומט, איז פון דאַנען געדרונגען, אַז דער קאַלכאויוון איז אויפגעריסן געוואָרן [פון זיך אַליין].

„עס זיינען פאַרברענט געוואָרן [מענער פון] פיר קיניגרייכן״ — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ר׳ יצחק האָט געזאָגט: ווייל אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק ב): שלח — ער האָט געשיקט איינצוזאַמלען די אחשדרפניא, די סגניא, און די פחותא, די אדרגזריא, די גדבריא, די דתבריא, די תפתיא.[10] — — —

אדרגזריא מיינט הערשערס; גדבריא — באַאַמטע; דתבריא — גע־זעץ־קענערס,[11] — מע רופט זיי דתבריא, ווייל זיי צעברעכן[12] די ווערטער [פון געזעץ;] תפתיא — פאַיאַצן;[13] און פאַרוואָס רופט זיי דער פסוק תפתיא? ווייל זיי רעדן צו[14] צום יצר הרע פון זנות.

האָב איך נאָר די; פון וואַנען לערן איך צוצוגעבן די דוכסים און די מלוכה־פירשפּרעכערס און די הויפטן? לערנט אונדז דער פסוק: און אַלע געוועלטי־קער פון דער מדינה. ווייס איך נאָר די וואָס [זיינען געשטאַנען] ביי זייער אַראָפּנידערן [אין קאַלכאויוון]; פון וואַנען ווייסן מיר [ווער איז געשטאַנען] ביי זייער אַרויפקומען? פון דעם וואָס אין פסוק שטייט (פסוק כז): און די פאַר־זאַמלטע אחשדרפניא, סגניא און די פחותא און די דברי[15] פון דעם מלך [האָבן באַקוקט די דאָזיקע מענער.[16]]

וועגן אחשדרפניא [זאָגן] ר׳ אחא און די רבנן. ר׳ אחא האָט געזאָגט: דאָס זיינען די עלטסטע, וואָס זיינען חשוד,[17] און זיי דרייען דאָס געזעץ אויף יעדער זייט; און די רבנן זאָגן: ווייל זיי שאַנעווען[18] דאָס פנים [פון אַ תקיף] און פאַרדרייען דאָס געזעץ. סגניא — געזעץ־קענערס; פחותא — שאַצמייסטערס; און די דברי פונעם מלך — די זקנים און די שטערן־זעערס.

---

צווישן ביידע פסוקים. [8] ער האָט אַליין באַצאָלט פאַר די ווערטער פון לעסטערונג. [9] די אַראַמישע נעמען פון חנניה, מישאל און עזריה. [10] סאַטראַפּן, הערשערס, פירשטן, ריכ־טער, שאַצמייסטערס, ראַטגעבערס, אויפזעערס (יהואש). [11] טעקסט ענדערונג לויט יאַס־טראָוו, און ענלעך צו דעם איז דער נוסח ווייטער. [12] פון תבר, צעברעכן. [13] טעקסט ענדערונג לויט רד״ל, יאַסטראָוו. [14] מפתין — תפתיא. [15] לייען „דאָווריי״: פירערס, האַרן. [16] די דאָזיקע, הייסט עס, האָבן זיי געזען, אָבער ניט די אַנדערע פיר, וואָס ווערן דערמאָנט אין פסוק ב; נעמט אָן דער בעל המדרש, אַז וועגן יענע דערציילט עס דער פסוק (כב), אַז זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן. — דער סוף פון אונדזער פסוק (האָבן באַ־קוקט — — —) געפינט זיך אין די געדרוקטע אויסגאַבעס נאָך די ווייטערדיקע דערקלע־רונגען פון די נעמען; מיר האָבן עס געשטעלט דאָ, כדי ניט איבערצורייסן דעם פסוק אין מיטן. [17] חשד — אחשדרפניא. [18] לויט דער שפּערלינג אויסגאַבע, לעמבערג 1859;

„**נפרץ הכבשן" — מניין? דכתיב** (שם): באדין קרב נבוכדנצר לתרע אתון נור יקדתא, ענה ואמר: שדרך, משך ועבד נגו, עבדוהי די אלהא עלאה, — „**פרקו ואתו" אין כתיב כאן, אלא** פוקו ואתו, **מכאן, שנפרץ הכבשן.**

„**נשרפו ארבע מלכיות" — מניין? א"ר יצחק: דכתיב** (שם): שלח למכנש לאחשדרפניא, סגניא, ופחותא, אדרגזריא, גדבריא, דתבריא, תפתיא. — — —

**אדרגזריא — איפרכיא, גדבריא — איסטרטיא, דתבריא — (איסכלוסקוקי) [איסכולסטיקי], — הוא קורא להם** דתבריא, **שהם שוברים את הדברים; תפתיא — (מימרם) [מומוס]; ולמה הוא קוראן כן תפתיא? שמפתין יצר הרע על זנות.**

**אין לי אלא אלו; מניין לרבות דוכסין ואנדיקין וההגמונין? ת"ל:** וכל שלטוני מדינתא. **אין לי אלא בירידתן; בעלייתן מניין? דכתיב** (שם): ומתכנשין אחשדרפניא, ופחותא והדברי מלכא [חזין לגבריא אלך], **וגו'.**

**אחשדרפניא, — ר' אחא ורבנן. ר' אחא אמר: אלו הארכונות, שהן נחשדין ופונין דין לכל צד; ורבנן אמרי: שמהדרין פנים ופונים דין. סגניא—סכולוסטיקי, ופחותא—קתאליקי, והדברי מלכא — קשישי ואיסטרולוגיסי.**

„**ונעשה נבוכדנצר אימוס שירוף" — מניין? א"ר יצחק: מן הדא דהוא אמרה בפומיה** (שם): אתיא ותמהיא די עבד עמי אלהא עילאה שפר קדמי להחויה, — „**(למי) [עמי] עבד" — בגופי עבד.**

„**הפילה הרוח את הצלם" — מניין? א"ר יצחק: מן הדא קרא** (ישעיה מו): כרע בל, קרס נבו.

---

„**און נבוכדנצר איז געוואָרן האַלב צעברענט" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ר' יצחק האָט געזאָגט: פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט מיט זיין אייגן מויל** (פסוק לב): די צייכנס און די וואונדער וואָס דער העכסטער גאָט האָט געטאָן מיט מיר איז מיר וואוילגעפעלן צו דערציילן — „מיט מיר[19] **האָט ער געטאָן," מיט מיין אייגענעם גוף.**

„**דער ווינט האָט אומגעוואָרפן די געשטאַלט" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ר' יצחק האָט געזאָגט: פון דעם דאָזיקן פסוק** (ישעיה מו, א): כרע בל — געקניט איז בל, געבויגן איז נבו.

„יחזקאל האָט לעבעדיק געמאַכט די טויטע" — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ר' יצחק האָט געזאָגט: פון דעם דאָזיקן פסוק (יחזקאל לז, ט): מאַרבע — פון די פיר ווינטן קום, דו ווינט, — ר' פינחס האָט געזאָגט: דער ווינט וואָס האָט אומגעוואָרפן די געשטאַלט, דער זעלבער ווינט[20] האָט לעבעדיק געמאַכט די טויטע. ר' אלעזר האָט געזאָגט: יענער טאָג איז געווען שבת און יום־כיפור.[21]

און די רבנן זאָגן: ווייל נבוכדנצר האָט זיך עס ניט באַמיט איבערצורעדן דניאלן, זאָגנדיק צו אים: „ווילסט זיך טאַקע ניט בוקן צו דער געשטאַלט מיינער?"[22] האָט ער אים געפרעגט: „האָט זי אַ ממשות?" האָט ער געזאָגט צו אים: „קום און זע, וואָס זי קאָן טאָן, — דו וועסט פון זיך אַליין זיך בוקן צו איר." וואָס האָט יענער רשע געטאָן? ער האָט גענומען דאָס שטערן־שילדל פונעם כוהן גדול[23] און עס אַריינגעלייגט דער געשטאַלט אין מויל. און ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלערליי כלי־זמרים, און זיי האָבן געשפּילט לויב־געזאַנגען פאַר איר, און זי האָט געזאָגט: „איך בין גאָט דיין גאָט." ווי דניאל האָט דאָס געזען, אַזוי האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָלסט מיר ניט געגעבן קיין רשות אַרויפצוגיין און אַ קוש טאָן דער דאָזיקער געשטאַלט דיינער אויפן מויל?"[24] האָט ער אים געפרעגט: „פאַרוואָס אויפן מויל?" האָט ער געזאָגט צו אים: „ווייל זי רעדט מיט טעם." גלייך האָט ער אים געגעבן רשות. איז ער אַרויף, האָט באַשוואָרן דאָס שטערן־שילדל און געזאָגט צו דעם: „איך בין נאָר אַ בשר ודם, אָבער איך בין אַ שליח פון הקדוש ברוך הוא; נייערט היט זיך, עס זאָל ניט קומען דורך דיר צו חילול השם. בין איך גוזר אויף דיר, דו זאָלסט מיטקומען מיט מיר." ער האָט געענטפערט זי אַ קוש צו טאָן, און האָט אַרויסגענומען איר שלונג פון מויל. ווי ער איז אַראָפּגעקומען, אַזוי האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלערליי כלי־זמרים און געשפּילט לויב־געזאַנגען פאַר איר, אָבער זי האָט גאָרניט געטאָן. דעמאָלט האָט דער ווינט אומגעוואָרפן די געשטאַלט. ווי באַלד די אומות פון דער וועלט האָבן דערזען די ניסים און די גבורות וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געטאָן מיט חנניהן און זיינע חברים, אַזוי האָבן זיי גענומען זייערע געצן און זיי צעבראָכן, און געמאַכט פון זיי גלעקלעך און גלעקער און זיי אָנגעהאַנגען אויף זייערע הינט און אייזלען; און זיי פלעגן קלינגען מיט זיי און זאָגן: „קומט זעט, צו וואָס מיר פלעגן זיך בוקן!" און ס'איז מקויים געוואָרן וואָס דער פסוק זאָגט (ישעיה מו, א): כרע בל — געקניט איז בל, געבויגן איז נבו; זייערע געצן זיינען פאַר די חיות און בהמות.

---

מהדרין — אחשדרפניא. [19] טעקסט ענדערונג לויטן רד"ל. [20] ווייל עס שטייט ניט „רוח," סתם אַ ווינט, נייערט הרוח, דער ווינט, מיינט עס אַ באַשטימטן ווינט, אַ ווינט וואָס ווערט דערמאָנט ערגעץ אַנדערש. [21] זע רד"ל און רש"ש וועגן אַ דערקלערונג פאַר ר' אלעזרס ווערטער. [22] עמענדירט לויטן ווייטערדיקן גאַנג פון מדרש, און אין הסכם מיט יאַסטראָוו (אַן ענלעכן נוסח האָט ווערטהיימער, בתי מדרשות שנג). לויט די געדרוקטע טעקסטן מיינט דער מאמר: „— — — צו דער געשטאַלט וואָס האָט כוח („רידא," לויט רדה, הערשן) און ממשות," און [ווידער האָט ער געזאָגט צו אים:] — — — (זע רד"ל וועגן

„החיה יחזקאל את המתים" — מניין? א"ר יצחק: מן הדא קרא (יחזקאל לז): מארבע רוחות באי, הרוח. — א"ר פנחס: אותה הרוח שהפילה את הצלם, הרוח ההוא החיה המתים. א"ר אלעזר: אותו היום שבת ויום הכפורים היה.

ורבנן אומרים: כמה הוה נבוכדנצר מפתהו לדניאל ואומר לו: „לית את סגיד לצלמא (דרידא) [דידי? אמר] ליה: „ואית ליה ממשא?" א"ל: „תא חמי מהו עביד, ואת מן גרמך את סגיד ליה." מה עשה אותו רשע? נטל ציצו של כהן גדול ונתנו לתוך פיו; וכנס כל זני זמרא, והוו מקלסין קדמוהי, והוא אומר: „אנכי ה' אלהיך." כיון דחמא דניאל כן, אמר ליה: „לית את יהיב לי רשותא למיסק ולמנשק הדין צלמא דידך על פומיה?" א"ל: ולמה על פומיה?" א"ל: „דהוא טעים משתעי." מיד נתן לו רשות. וסלק מיסלק, אישתבע לציצא ואמר ליה: „בשר ודם אני ושלוחו של הקב"ה אני; אלא הזהר, שלא יתחלל בך שם שמים, וגוזר אני עליך, שתבא אחרי." בא לנשקו והוציא בלעו מתוך פיו. מן דנחת, מתכנשין כל זני זמרא והוו מקלסין קדמוהי, ולא עבד כלום. באותה שעה הפיל הרוח את הצלם. כיון שראו אומות העולם נסים וגבורות שעשה הקב"ה עם חנניה וחבריו, הוו נסבין ית טעותהון ומתברין יתהון, ועבדין יתהון זוגין פעמונין ותלן יתהון בכלביהון ובחמוריהון; והוון מקרקשין בהון ואמרון: „אתון חמון למה הוינן סגדין!" לקיים מה שנאמר: כרע בל, קרס נבו; היו עצביהם לחיה ולבהמה.

ויהיו נא שדיך כאשכלות הגפן, זה פרץ וזרח: מה פרץ וזרח נגזרה עליהם שריפה, ולא נשרפו; אף אלו נגזרה עליהם שרפה, ולא נשרפו. וריח אפך כתפוחים, — א"ר אלעזר: מאחר שכתב

---

ויהיו נא — און זאָלן מיר דיינע בריסט זיין ווי הענגלעך פון אַ וויינשטאָק, דאָס זיינען פּרץ און זרח: אַזוי ווי אויף פּרצן און זרחן איז נגזר געוואָרן פאַר־ברענט צו ווערן, און זיי זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן,[24] אַזוי איז אויך אויף די נגזר געוואָרן פאַרברענט צו ווערן, און זיי זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן. און דער ריח פון דיין פנים ווי עפּל, — ר' אלעזר האָט געזאָגט: נאָך דעם ווי עס שטייט געשריבן וועגן זיי (דניאל ג, כז): וריח נור — און קיין ריח פון

---

אַנדערע מעגלעכע עמענדאַציעס). [23] וואָס ער האָט אַוועקגערויבט בשעתן חרוב מאַכן דעם בית המקדש. [24] זיי האָבן געזאָלט פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיט זייער מוטער

פייער איז ניט אַריבער אויף זיי. זאָגסטו: און דער ריח פון דיין פּנים ווי עפּל![25] און צו וואָס איז זייער ריח געווען געגליכן? צום ריח פון אַן עפּלסאַד.

## טו

(י) חִכּוֹ — און דיין גומען ווי גוטער וויין. ר' יוחנן האָט געזאָגט: דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא צונויפגערופן אַלע מלאכים און געזאָגט צו זיי: „נידערט אַראָפּ און קושט די ליפּן[1] פון די אבות פון די דאָזיקע,[2] וואָרום אַזוי ווי זיי האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר מיר אין פייער,[3] אַזוי האָבן זייערע קינדער זיך איינגעשטעלט פאַר מיר אין פייער." ר' עזריה אין נאָמען פון ר' יהודה בר' סימון: דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא צונויפגערופן די מלאכים און געזאָגט צו זיי: „נידערט אַראָפּ און קושט די ליפּן פון די דאָזיקע,[4] וואָרום ווען זיי וואָלטן ניט אָנגענומען די תורה און מיין מלכות [וואָס פון] סיני,[5] וואָלט איך געוואָרן אַ שונא[5א] צו די וואָס שלאָפן אין דער מערת המכפלה.

דובב — ער טוט באַוועגן די ליפּן פון די שלאָפנדיקע. ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַ בן־תורה,[6] אפילו ווען ער איז טויט, באַוועגן זיך אים די ליפּן אין קבר;[7] פון וואַנען איז עס געדרונגען? ער טוט באַוועגן די ליפּן פון די שלאָפנדיקע. שמואל האָט געזאָגט: ס'איז ווי אַ צעוואַרימטע קופּע וויינטרויבן, וואָס רינט פון זיך אַליין. ר' חנינא בר פּפּא און ר' סימון, — איינער האָט געזאָגט: ווי דער וואָס טרינקט געווירצטן וויין;[8] און איינער האָט געזאָגט: ווי דער וואָס טרינקט אַלטן וויין; כאָטש ער האָט אים שוין אויסגעטרונקען, בלייבט אים אָבער דער טעם און ריח אין מויל.

## טז

(יא) אני — איך געהער צו מיין געליבטן, און צו מיר איז זיין גלוסטונג. דריי גלוסטונגען זיינען פאַראַן: די גלוסטונג פון ישראל איז ניט אַנדערש, נייערט צו זייער פאָטער וואָס אין הימל, ווי דער פּסוק זאָגט: איך געהער צו מיין געליבטן, און מיט מיר איז די גלוסטונג צו אים.[1] די גלוסטונג פון דער

---

ווען זי האָט געטראָגן מיט זיי. [25] דער טעקסט איז דאָ פעליק. לויט אונדזער השערה דאַרף זיך דאָ געפינען דאָס ווייטערדיקע: נייערט קיין ריח פון פייער איז ניט אַריבער אויף זיי, אָבער אַן אַנדער ריח יאָ; און צו וואָס — — —.

טו. [1] וואָס פירן צום גומען. [2] פון חנניה, מישאל און עזריה. [3] אברהם אין קאַלכאויוון (בראשית רבה לח, יג) און יצחק אויף דער עקדה (בראשית כב). [4] פון חנניה, מישאל און עזריה. [5] וואָס איז געקומען צו ישראל פון באַרג סיני, בייטנדיק, לויט דער לאָגיק פון טעקסט, בסיני אויף מסיני, אַן אַנדער מעגלעכקייט איז, אַז לכתחילה איז אין טעקסט געשטאַנען „שקבלו ישראל מסיני," וואָס ישראל האָט מקבל געווען ביים סיני. [5א] אַ באַהאַלטן וואָרטשפּיל: שונא (בעל דבב) — סיני. [6] געביטן בן תורתה אויף בן־תורה לויט אַ צאָל מקורות (ירושלמי, ברכות ב, א; דאָרט, שקלים ב, ה; פּסיקתא רבתי ב, ד; ילקוט שיר השירים, תתקצב — אין די לעצטע צוויי ווערט דער דרש איבערגעגעבן אין נאָמען פון ר' יוחנן סתם). עס קען אָבער אויך זיין, אַז לכתחילה איז דער נוסח געווען: „א"ר יוחנן בן תורתה: בן תורה — — —," און צוליב ענלעכקייט איז דאָס צווייטע אַרויסגעפאַלן. [7] ווען מע זאָגט נאָך זיינס אַ דבר־תורה (זע אויבן ציטירטע מקורות). [8] און דער טעם בלייבט אין מויל אַ לאַנגע צייט.

בהן (דניאל ג): וריח נור לא עדת בהון, ואת אמר: וריח אפך כתפוחים! ולמה היה דומה ריחן? לריח שדה של תפוחים.

טו

(י) וחכך כיין הטוב. א״ר יוחנן: באותה שעה קרא הקב״ה למלאכי השרת כלן ואמר להם: „רדו ונשקו שפתותיהן של אבותיהן של אלו, שכשם שפעלו הם לפני באש, כך פעלו לפני בניהם באש.״ ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה בר׳ סימון: באותה שעה קרא הקב״ה למלאכי השרת ואמר להם: „רדו נשקו שפתותיהן של אלו, שאילולי אלו לא קבלו תורתי ומלכותי (בסיני) [מסיני,] הייתי נעשה בעל דבב לאלו שהם ישנים במערת המכפלה.

דובב שפתי ישנים. א״ר יוחנן (בן תורתה): [בן תורה], אעפ״י שמת, שפתותיו רוחשות עליו בקבר; מאי טעמא? דובב שפתי ישנים. שמואל אמר: ככומר זה של ענבים, שהוא זב מאליו. ר׳ חנינא בר פפא ור׳ סימון, — חד אמר: כהדין דשתי קונדיטין; וחד אמר: כהדין דשתי חמר עתיק; אף על גב דהוא שתי ליה, טעמא וריחא בפומיה.

טז

(יא) אני לדודי ועלי תשוקתו. ג׳ שוקין הן: אין שוקן של ישראל, אלא באביהם שבשמים, שנאמר: אני לדודי ועלי תשוקתו; אין שוקה של אישה, אלא בבעלה, שנאמר (בראשית ג): ואל אישך תשוקתך; אין שוקו של יצר הרע, אלא בקין וחבורתו, שנאמר (שם ד): ואליך תשוקתו. ר׳ יהושע בשם ר׳ אחא: אין שוקן של גשמים, אלא בארץ, שנאמר (תהלים סה): פקדת הארץ ותשוקקה, רבת תעשרנה, — אם זכיתם, תעשירנה; ואם לא — תעשרנה,

---

פרוי איז ניט אַנדערש, נייערט צו איר מאַן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, טז): ואל אישך — און צו דיין מאַן וועט זיין דיין גלוסטונג; די גלוסטונג פונעם יצר הרע איז ניט אַנדערש, נייערט צו קינען און זיין געזעמל, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ד, ז): ואליך — און צו דיר איז זיין גלוסטונג. ר׳ יהושע פון ר׳ אחאס וועגן: די גלוסטונג פונעם רעגן איז ניט אַנדערש, נייערט צו דער ערד, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סה, י): פקדת — דו דערמאָנסט זיך אָן דער ערד און דו באַשענקסט זי מיט גלוסטונג,[1א] שפעדיק טוסטו זי באַרייכערן, — וועט איר זוכה זיין, וועסטו זי באַרייכערן; אויב אָבער ניט, „וועסטו

---

טז. [1] לויטן דרש. [1א] פונעם רעגן. געטייטשט לויטן דרש: תשוקתו — ותשוקקנה.

זי צעצענטלען,"[2] — זי וועט איך אַרויסגעבן נאָר איינס פון צען. אַן אַנדער פּשט: פאַרשלאַפּט[3] זיינען מיר: אָבער כאָטש מיר זיינען פאַרשלאָפּט, קוקן מיר דאָך אויס און האָפן טאָג נאָך טאָג אויף דער ישועה פון הקדוש ברוך הוא, און איינציקן זיין נאָמען צוויי מאָל [אַ טאָג] און זאָגן (דברים ו, ד): שמע — הער, ישראל, גאָט אונדזער גאָט — גאָט איז איינער.[4]

יז

(יב) לכה, דודי — קום, מיין געליבטער, לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד. דער רוח הקודש רופט און זאָגט:[1] לאָמיר אַרויסגיין און שפּאַצירן איבער די תענוגים־פּלעצער[2] פון דער וועלט; לאָמיר נעכטיקן בכפרים, צווישן די וואָס לייקענען[3] אין אים, דאָס זיינען די שטעט פון די אומות פון דער וועלט, וואָס לייקענען אין הקדוש ברוך הוא. ר' אבא בר כהנא האָט געזאָגט: און פונדעסט־וועגן — נאָר אויף אַ ווײַלע.[4] (יג) נשכימה — לאָמיר זיך פעדערן צו די ווײַנ־גערטנער, דאָס איז ישראל, ווי דער פּסוק זאָגט (ישעיה ה, ז): כי כרם — וואָרום דער ווײַנגאָרטן פון גאָט פון צבאות איז דאָס הויז פון ישראל; — לאָמיר זען, צי האָט געבליט דער ווײַנשטאָק, דאָס איז קריאת שמע;[5] אַרויס־געגעבן די פּרי־טרויבן, דאָס זיינען די שולן און בתי מדרשים;[6] צי האָבן זיך צעבליט די מילגרוימען, — די קינדער וואָס זיצן און לערנען תורה;[7] דאָרט וועל איך דיר געבן מיין ליבשאַפט, דאָרט וועל איך אַרויסגעבן די צדיקים און די צידקניות און די נביאים און די נביאות וואָס קומען אַרויס פון מיר.

יח

(יד) הדודאים — די ליבעפּעלעך גיבן אַרויס אַ ריח, דאָס איז דאָס יונג־וואַרג פון ישראל, וואָס האָבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד; און פאַר אונדזערע טירן — אַלערליי טייערע פּירות, דאָס זיינען די טעכטער פון ישראל,

[2] געלייענט תעשרנה מיט אַ „לינקער" שין. [3] תשים — תשוקתו. [4] און אין דעם ווערט אויסגעדריקט ישראלס גלויבונג צו גאָט.

יז. [1] צום אייבערשטן פון ישראלס וועגן. אין אַנדערע מקורות ווערן די ווייטערדיקע ווערטער (נאָר מיט מער אויסברייטערונג) געזאָגט דירעקט פון ישראל (פאַרגלייך: פסיקתא רבתי לא, ד; עירובין כא, ב; ילקוט שיר השירים, תתקצג), און אויפן באַזיס פון דעם שלאָגט פאָר דער עץ יוסף, צו בייטן רוח הקודש אויף כנסת ישראל. [2] ווערטערלעך: עפּנט־לעכע בעדער. [3] לויטן דרש: כופרים — כפרים. [4] ס'איז גענוג פאַרן אייבערשטן אַ קורצע ווײַלע, כדי צו מערקן די שלעכטע מעשים פון די אומות העולם; טאָ זאָל ער גלייך ווענדן זיין בליק צו ישראל, — לויטן ווייטערדיקן דרש. [5] אַזוי ווי דער ווײַנשטאָק פּע־דערט זיך צו בליען אין פרילינג, אַזוי פעדערט זיך ישראל גאַנץ פרי אין טאָג צו זאָגן „שמע ישראל." [6] וואָס פירן צו תורה און תפילה, ווי די פּרי־טרויבן זיינען דער אָנהייב פון די צייטיקע טרויבן (יפה קול). [7] דער רד"ל דערקלערט אַלע דריי סטאַדיעס אויף קינדער: „דאָס איז קריאת שמע", וואָס מע לייענט מיטן קליינוואַרג אין זייערע פריסטע יאָרן; „דאָס זיינען די שולן און בתי מדרשים," וואו מע ברענגט דאָס אונטערוואַקסנדיקע קליינוואַרג זיי מחנך צו זיין אין מצוות; „די קינדער וואָס זיצן און לערנען תורה," ווען זיי זיינען גרעסער און זיינען ראוי צו דעם. — וועגן דעם פאַרגלייך פון די תינוקות של

**שתעשה לכם אחד מעשרה. ד"א: תשים אנו; אע"פ שאנו תשים, אנו מצפים ומקוים לישועתו של הקב"ה בכל יום ויום, ומיחדים שמו שתי פעמים ואומרים** (דברים ו): שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד.

## יז

(יב) לכה, דודי, נצא השדה. **רוח הקדש צווחת ואומרת: נצא ונטייל בדימוסין של עולם;** נלינה בכפרים, **בכופרים בו, אלו כרכי אומות העולם, שכפרו בהקב"ה. א"ר אבא בר כהנא: אעפ"כ — לשעה.** (יג) נשכימה לכרמים, **אלו ישראל, שנאמר** (ישעיה ה): כי כרם ה׳ צבאות בית ישראל; — נראה, אם פרחה הגפן, **זו קריאת שמע;** פתח הסמדר, **אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות;** הנצו הרמונים, — **תינוקות שיושבים ועוסקים בתורה;** שם אתן את דודי לך, **שם אני נותנת הצדיקים והצדיקות והנביאים והנביאות שעמדו ממני.**

## יח

(יד) הדודאים נתנו ריח, **אלו עולמי ישראל, שלא טעמו טעם חטא;** ועל פתחינו כל מגדים, **אלו בנות ישראל שדבקו בבעליהן ואינן מכירות אדם אחר. ד"א:** הדודאים נתנו ריח, — **ר׳ יודן ור׳ לוי. ר׳ יודן אמר: בא וראה, כמה חביבין הדודאים לפני מי שאמר והיה העולם, שבשכר הדודאים הללו עמדו שני שבטים גדולים מסוימים, ואלו הם: שבטו של יששכר ושבטו של זבולון, שנאמר** (בראשית ל): ויבא יעקב מן השדה בערב — — —. **ר׳ אלעזר ור׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר אומר: זו הפסידה וזו הפסידה;**

---

וואָס האָבן זיך באַהאַפטן אָן זייערע מענער און זיי קאָנען ניט קיין אַנדער מאַנספאַרשוין. אַן אַנדער פשט: די ליבעפּעלעך גיבן אַרויס אַ ריח, — ר׳ יודן און ר׳ לוי. ר׳ יודן האָט געזאָגט: קום און זע, ווי ליב זיינען די ליבעפּע־לעך פאַר דעם וואָס האָט געזאָגט און די וועלט איז געוואָרן, וואָרום דורך אָפּדינגען [יעקבן] מיט די דאָזיקע ליבעפּעלעך זיינען אויפגעקומען צוויי גרויסע שבטים באַוואוסטע, און זיי זיינען דער שבט פון יששכר און דער שבט פון זבולון, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ל, טז): ויבא יעקב — און יעקב איז געקומען אין אָוונט פון פעלד — — —[1]. ר׳ אלעזר און ר׳ שמואל בר נחמן. ר׳ אלעזר זאָגט: די האָט פאַרלוירן און די האָט פאַרלוירן; די האָט

---

בית רבן מיט מילגרוימען זע אויבן ו, סוף סימן יז.

יח. [1] און לאה האָט געזאָגט צו אים: צו מיר זאָלסטו קומען, וואָרום אָפּדינגען האָב

געוואונען און די האָט געוואונען. לאה האָט פאַרלוירן די ליבעפּעלעך און האָט געוואונען [צוויי] שבטים און קבורה;[2] רחל האָט געוואונען די ליבעפּעלעך און האָט פאַרלוירן שבטים און קבורה.[3] ר׳שמואל האָט געזאָגט: די האָט פאַר־לוירן און די האָט פאַרלוירן; די האָט געוואונען און די האָט געוואונען. לאה האָט פאַרלוירן די ליבעפּעלעך און האָט געוואונען שבטים און האָט פאַרלוירן די בכורה;[4] רחל האָט געוואונען די ליבעפּעלעך און די בכורה,[5] און זי האָט פאַרלוירן שבטים.

ר׳ לוי האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (ירמיה כד, א—ב): הראני ה׳ — גאָט האָט מיר געוויזן צוויי קערב פייגן — — — איין קאָרב פייגן זייער גוטע, דאָס איז דער גלות פון יכניהן;[6] און איין קאָרב פייגן זייער שלעכטע, דאָס איז דער גלות פון צדקיהן.[7] טאָמער וועסטו זאָגן, אַז דער גלות פון יכניהן האָט יאָ תשובה געטאָן און דער גלות פון צדקיהן האָט קיין תשובה ניט געטאָן, לערנט אונדז דער פסוק: די דודאים גיבן אַרויס אַ ריח, —ביידע קערב, די גוטע און די שלעכטע, האָבן אַרויסגעגעבן אַ ריח.[8] און פאַר אונ־דזערע טירן — אַלערליי טייערע פירות, — [וועגן דעם זאָגן די חכמים] פון ר׳ שילאס בית מדרש און די רבנן. די פון ר׳ שילאס בית מדרש זאָגן: [ס׳איז געגליכן] צו אַן ערלעכער פרוי, וואָס איר מאַן האָט איר איבערגע־לאָזן אַ ביסל חפצים און אַ ביסל [געלט אויף] הוצאות. ווען דער מאַן איז צוריקגעקומען האָט זי אים געזאָגט: „זע, וואָס דו האָסט מיר איבערגעלאָזן, און וואָס איך האָב דיר אָפּגעשפּאָרט, און איך האָב עס דיר נאָך אפילו פאַר־מערט.“[9] און די רבנן זאָגן: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ סאָד און האָט אים איבערגעגעבן צו אַן אַריס.[10] וואָס האָט יענער אַריס געטאָן? ער האָט אָנגעפילט קוישן מיט פייגן פון די פירות פונעם סאָד און האָט זיי אויסגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פון סאָד. אַז דער מלך איז פאַרביי־געגאַנגען און האָט געזען די דאָזיקע גאַנצע שפע, האָט ער געזאָגט: „אויב

איך דיך אָפּגעדונגען פאַר די ליבעפּעלעך — — —. [2] זי איז באַגראָבן געוואָרן אין דער מערת המכפלה מיט יעקבן. [3] „ווייל זי האָט מזלזל געווען דעם צדיק — — — ווען זי האָט געזאָגט: דערפאַר זאָל ער ליגן מיט דיר די נאַכט“ (בראשית רבה, עא, ג) — רחל איז באַגראָבן געוואָרן אויפן וועג קיין בית לחם. [4] די בכורה איז אָפּגענומען געוואָרן פון איר זון, פון ראובנען (בראשית מט, ד). [5] יוסף האָט געקראָגן צוויי חלקים אין ארץ ישראל, לויטן דין פון אַ בכור (בראשית מח: ה, כב). [6] די יידן וואָס נבוכדנצר האָט פאַרטריבן צוזאַמען מיטן מלך יכניה (יהויכין) עלף יאָר פאַרן חורבן (מלכים ב, כד, יד—טז), און די גוטע פייגן זיינען החרש והמסגר, די מייַנסטערס און די שלאָסערס, וואָס זיי־נען פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט אים, און וואָס די אגדה טייטשט אויף די חכמי התורה פון יענער צייט (ירושלמי, סנהדרין א, ב; בבלי, גיטין פח, א). [7] בעתן חורבן. [8] ר׳ לויס דרש איז געבויט אויף דער־באַדייטיקייט פון דודאים, קערב און ליבעפּעלעך. [9] לויט די ווייטערדיקע ווערטער פון די רבנן איז דאָס דער נמשל: די תורה, וואָס גאָט האָט געגעבן אויפן באַרג סיני, האָט ישראל שפּעטער אויסגעברייטערט און באַרייכערט דורך די ווערטער פון די חכמים. [10] איינער וואָס באַאַרבעט עמיצנס אַ פעלד, צי אַ גאָרטן,

זו נשתכרה וזו נשתכרה. לאה הפסידה דודאים ונשתכרה שבטים וקבורה; רחל נשתכרה דודאים והפסידה שבטים וקבורה. ר׳ שמואל אמר: זו הפסידה וזו הפסידה; זו נשתכרה וזו נשתכרה. לאה הפסידה דודאים ונשתכרה שבטים והפסידה הבכורה; רחל נשתכרה דודאים ונשתכרה הבכורה והפסידה שבטים.

א״ר לוי: כתיב (ירמיה כד): הראני ה׳ והנה שני דודאי תאנים, וגו׳, הדוד אחד תאנים טובות מאד, זו גלותו של יכניה; והדוד האחד תאנים רעות מאד, זו גלותו של צדקיה. אין תימר, גלותו של יכניה עשת תשובה וגלותו של צדקיה לא עשת תשובה; תלמוד לומר: הדודאים נתנו ריח, — שני הדודאים, הטובים והרעים, נתנו ריח. ועל פתחינו כל מגדים, — דבית ר׳ שילא ורבנן. דבית ר׳ שילא אמרין: לאשה כשרה, שהניח לה בעלה מעט חפצים ומעט יציאות; כיון שבא בעלה, אמרה לו: „ראה, מה הנחת לי ומה סגלתי לך, וגם הוספתי לך עליהם.״ ורבנן אמרי: למלך שהיה לו פרדס ונתנו לאריס. מה עשה אותו האריס? מלא כלכלות של תאנים מפירותיו של פרדס ונתנן על פתח הפרדס. כשהיה המלך עובר ורואה כל השבח הזה, אמר: „כל השבח הזה בפתח הפרדס, בפרדס כולו — אעכ״ו!״ כך בדורות הראשונים — אנשי כנסת הגדולה, הלל ושמאי, ורבן גמליאל הזקן; בדורות האחרונים — ר׳ יוחנן בן זכאי ור׳ אליעזר, ור׳ יהושע, ור׳ מאיר, ור׳ עקיבא, ותלמידיהון — עאכ״ו! ועליהם הוא אומר: חדשים גם ישנים, דודי, צפנתי לך.

---

אַזאַ שפע ביים אַריינגאַנג פונעם סאָד, אַ פּשיטא־שוין אין גאַנצן סאָד!״ אַזוי זיינען אין די אַמאָליקע דורות געווען די אנשי כנסת הגדולה,[11] הלל און שמאי, און רבן גמליאל הזקן; אין די שפּעטערדיקע דורות — ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ אליעזר, און ר׳ יהושע, און ר׳ מאיר, און ר׳ עקיבא, און זייערע תלמידים — אויף וויפל מאָל מער![12] און וועגן זיי זאָגט דער פסוק: חדשים — נייע און אַלטע, מיין געליבטער, האָב איך באַהאַלטן פאַר דיר.

---

פאַר אַ טייל פון דער גערעטעניש. [11] „די מענער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג,״ אַ געזעצגעבערישע קאָלעגיע, וואָס האָט עקזיסטירט אין די ערשטע דורות פונעם צווייטן בית המקדש. [12] איז די תורה באַרייכערט געוואָרן. — כראָנאָלאָגיש וואָלט ר׳ מאיר געדאַרפט שטיין נאָך ר׳ עקיבאן.

ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו ישראל: „איר באַהאַלט פון מיינט וועגן, און איך באַהאַלט פון אייערט וועגן. איר באַהאַלט מצוות און מעשים טובים, און איך באַהאַלט פאַר אייך אוצרות אָנ־געפּילט מיט מער ווי אַלע גוטסקייטן פון דער וועלט.״ ר׳ אבא בר כהנא בר יודן האָט געזאָגט: נייערט זיינע זיינען מער ווי אונדזערע; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (תהלים לא, כ): מה רב — ווי גרויס איז דיין גוטס, וואָס דו האָסט באַהאַלטן פאַר די וואָס פאָרכטן דיך, וואָס דו האָסט געמאַכט פאַר די וואָס שירעמען זיך אין דיר — – —.

א״ר אבא בר כהנא: אמר הקב״ה לישראל: „אתם צופנים לי, ואני צופן לכם. אתם צופנים במצוות ומעשים טובים, ואני צופן לכם באוצרות מלאים יותר מכל הטובות שבעולם.״ א״ר אבא בר כהנא בר יודן: אלא דדידיה הינון סגין מן דידן; הה״ד (תהלים לא): מה רב טובך אשר צפנת ליראיך, פעלת לחוסים בך, וגו׳.

# פרשה ח

## א[1]

(א) מי יתנך — הלוואי וואָלסטו מיר געווען ווי אַ ברודער. ווי וואָסער ברודער, ווי קין צו הבלען? האָט דאָך קין געהרגעט הבלען, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ד, ח): ויקם — איז אויפגעשטאַנען קין קעגן זיין ברודער הבלען און האָט אים געהרגעט. נייערט ווי ישמעאל צו יצחקן? איז דאָך יש־מעאל אַ שונא יצחקן. נייערט ווי עשו צו יעקבן? זאָגט דאָך דער פסוק (דאָרט כז, מא): וישטום עשו — און עשו האָט פיינט געקראָגן יעקבן. נייערט ווי יוספס ברידער צו יוספן? האָבן זיי אים דאָך פיינט געהאַט, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לז, יא): ויקנאו — האָבן אים די ברידער מקנא געווען. טאָ וואָסער ברודער מיינט מען? וואָס האָט געזויגן די בריסט פון מיין מוטער; זאָג־זשע: ווי יוסף צו בנימינען, וואָס האָט אים ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט מג, טז): וירא יוסף — און אַז יוסף האָט דערזען בנימינען מיט זיי — — —[2]. ווען איך וואָלט דיך געטראָפן אין דרויסן, וואָלט איך דיך געקושט, — אין דרויסן, דאָס איז דער מדבר, וואָס איז אויסערן ישוב; וואָלט איך דיך געקושט, דורך די צוויי ברידער, וואָס האָבן געקושט איינער דעם אַנדערן, און דאָס זיינען משה און אהרן, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ד, כז): וילך — איז ער געגאַנגען און האָט אים באַגעגנט ביים באַרג פון גאָט, און ער האָט אים געקושט. — — — און מע וואָלט מיך ניט פאַראַכט, — ר׳ פינחס האָט געזאָגט: ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ ברודער און אַ שוועסטער,[3] וואָס איינער האָט געוואוינט אין מירון און איינע אין גוש חלב. איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין הויז פון דעם וואָס איז געווען אין מירון; איז געקומען זיין שוועסטער פון גוש חלב און האָט אָנגעהויבן אים גלעטן און אַרומנעמען און קושן, און זי האָט געזאָגט: „דאָס איז מיר ניט קיין ביזיון, וואָרום מיין ברודער איז געווען אין אַ צרה און איז ניצול געוואָרן פון איר.״

(ב) אנהגך — איך האָב דיך געפירט, איך האָב דיך געבראַכט,[4] — איך האָב דיך געפירט פון די אייבערשטע וועלטן צו די אונטערשטע;[5] איך האָב

---

א. [1] אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון תרל״ד, נאָך וועלכער מיר גייען נאָך אין דער איינטיילונג פון די פרשיות און סימנים, געהער דער דאָזיקער סימן צו פרשה ז, און פרשה ח הייבט זיך אָן מיט פסוק ב. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דאָ איז געשען אַ טעות; הייבן מיר דעריבער אָן סימן ח מיטן פסוק א, איינשליסנדיק אין דעם זעלבן סימן דעם פסוק ב, כדי אויסצוגלייכן די ווייטערדיקע סימנים לויט יענער אויסגאַבע. [2] האָט ער, כדי צו זיין צוזאַמען מיט בנימינען, באַפוילן צוצוגרייטן פאַר די ברידער אַ מאָלצייט ביי זיך אין הויז. [3] טעקסט ענדערונג לויטן ווייטערדיקן אינהאַלט, און אַזוי איז דער נוסח אין שמות רבה ה, א. [4] געטייטשט לויטן דרש. לויטן פשט: איך וואָלט דיך געפירט — — —. [5] פאַרגלייך אויבן ה, א: איז אויפגעקומען משה און האָט אַראָפּגעבראַכט די שכינה אויף

# פרשה ח

## א

(א) מי יתנך כאח לי. **באי זה אח, כקין להבל? קין הרג להבל, שנאמר** (בראשית ד): ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו. **אלא כישמעאל ליצחק? ישמעאל שונא ליצחק. אלא כעשו ליעקב? הרי נאמר** (שם כז): וישטום עשו את יעקב. **אלא כאחי יוסף ליוסף? שונאין היו אותו, שנאמר** (שם לז): ויקנאו בו אחיו. **באיזה אח?** יונק שדי אמי; **הוי אומר: כיוסף לבנימין, שאהבו בלבו, שנאמר** (שם מג): וירא יוסף אתם את בנימין. — אמצאך בחוץ אשקך: חוץ, **זה המדבר, שהוא חוץ לישוב;** אשקך, **בשני אחים שנשקו זה לזה, ואלו הן משה ואהרן, שנאמר** (שמות ד): וילך ויפגשהו בהר האלהים, וישק לו. — לא יבוזו לו. — **א"ר פנחס: מעשה (בב' אחים) [באח ואחות], שהיה אחד במירון ואחד בגוש חלב. נפלה דליקה בבית זה שהיה במירון, ובאת אחותו מגוש חלב, התחילה מגפפתו מחבקתו ומנשקתו ואומרת: „לית דא מבדה לי, דהוה אחי באנקי ונתפלט ממנה."**

(ב) אנהגך אביאך, — **אנהגך מהעליונים לתחתונים;** אביאך אל בית אמי, **זה סיני. א"ר ברכיה: למה קוראין לסיני בית אמי? שמשם נעשו ישראל כתינוק בן יומו.** תלמדני מצוות ומעשים **טובים;** אשקך מיין הרקח, **אלו משניות גדולות, כגון משנתו של ר' חייא רבה ומשנתו של ר' הושעיא ושל בר קפרא, ומשנת ר' עקיבא;** מעסים רמוני, **אלו בגדי כהונה גדולה; המד"א** (שמות כו): פעמון זהב ורמון.

---

דיך געבראַכט אין הויז פון מיין מוטער, דאָס איז דער באַרג סיני. ר' ברכיה האָט געזאָגט: פאַרוואָס רופט מען דעם באַרג סיני הויז פון מיין מוטער? ווייל דאָרט איז ישראל געוואָרן ווי אַן ערשט געבוירן קינד. דו זאָלסט מיך לערנען מצוות און מעשים טובים; איך וועל דיר געבן טרינקען פון געווירצטן וויין, דאָס זיינען די משניות גדולות[6] פון ר' חייא רבה, און די משנה פון ר' הושעיא און פון בר קפרא, און די משנה פון ר' עקיבא;[7] פונעם זאַפט פון מיין מילגרוים, דאָס זיינען די בגדים פונעם כוהן גדול; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט (שמות כח, לד): פעמון — אַ גלעקל אַ גינדערנס און אַ מילגרוים.[8]

ב

(ה)[1] מי זאת — ווער איז די וואָס גייט אויף פון מדבר, — איר דערהייבונג איז פון מדבר, איר אַראָפּנעמונג איז פון מדבר, איר שטאַרבן איז פון מדבר;[2] דאָס איז ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר יד, לה): במדבר הזה— אין דעם דאָזיקן מדבר וועלן זיי פאַרלענדט ווערן און דאָרט וועלן זיי שטאַרבן. — מתרפקת — טוליעט זיך צו איר געליבטן, — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: די וואָס לייגט אָפּ פּרקים[3] פון תורה און פּרקים פון מלכות אויף לעתיד לבא.[4] אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפגעוועקט, — פּלאַטיאָן פון רוים האָט דערוועגן געדרשנט: דער באַרג סיני איז אויסגעריסן געוואָרן און געבליבן שטיין אין די הויכע הימלען, און ישראל האָט זיך געפונען אונטער אים, ווי דער פּסוק זאָגט (דברים ד, יא): ותקרבון — און איר האָט גענענט און זיך געשטעלט אונטערן באַרג. [הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „נעמט איר אָן די תורה, איז גוט; אלא ניט, וועל איך אַראָפּדריקן אויף אייך דעם דאָזיקן באַרג און אייך הרגענען.״][5] אַן אַנדער פּשט: אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפגעוועקט, דאָס איז דער באַרג סיני; און פאַרוואָס ווערט ער פאַרגליכן צו אַן עפּלבוים? ווייַערט אַזוי ווי דער דאָזיקער עפּלבוים גיט אַרויס פּירות אין חודש סיוון, אַזוי איז די תורה געגעבן געוואָרן אין חודש סיוון. אַן אַנדער פּשט: אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפגעוועקט, — פאַרוואָס ניט צו אַ נוסבוים, אָדער אַן אַנדער בוים? ווייַערט דער שטייגער פון איטלעכן בוים איז אַרויסצוגעבן צוערשט זיינע בלעטער און נאָך דעם זיינע פּירות. אָבער דער דאָזיקער עפּלבוים גיט צוערשט אַרויס זיינע פּירות און נאָך דעם גיט ער אַרויס זיינע בלעטער;[6] אַזוי האָט ישראל מקדים געווען דאָס טאָן פאַרן הערן, ווי דער פּסוק זאָגט (שמות כד, ז): מיר וועלן טאָן און געהאָרכן.[7] — דאָרט איז דיין מוטער געווען אין ווייען מיט דיר, — האָט זי דען דאָרט געהאַט אירע ווייען?[8] ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו איינעם, וואָס איז געגאַנגען אין אַן אָרט פון סכנה און איז ניצול געוואָרן. האָט אים באַגעגנט זיין חבר און געזאָגט צו אים: „אין יענעם סכנהדיקן אָרט ביסטו דורכגעגאַנגען? וואָס פאַר אַ סכנה דו ביסט עס דורכגעגאַנגען! דעמאָלט האָט דיין מאַמע דיך געבאָרן! וואָס פאַר אַן ערגערניש דו האָסט עס דורכגעמאַכט, און איצט ביסטו אַ ניי־באַשאַפענער מענטש!״

ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: דאָרט איז זי געווען אין ווייען („חיבלה״), און דאָרט איז זי געניזוקט געוואָרן („חובלה״). זי איז געווען אין ווייען, בשעת זיי האָבן געזאָגט: אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן;[9] „דאָרט איז זי געניזוקט געוואָרן,״ בעת זיי האָבן געזאָגט וועגן דעם קאַלב (דאָרט לב, ד): אלה — דאָס איז דיין גאָט, ישראל. און „חובלו״ [קאָן אויך מיינען] זיי זיינען געמשכונט געוואָרן,[10] [ווי] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט גע־

---

דער ערד. [6] די ברייתות און תוספתות, וואָס רבי האָט ניט איינגעשלאָסן אין דער משנה. [7] אין קוהלת רבה יב, ח, און אין איכה רבה, פּתיחתא כג, ווערט ר׳ עקיבא דערמאָנט צוערשט, און דאָס איז כראָנאָלאָגיש ריכטיקער. [8] אויפן מאַנטל פונעם כוהן גדול.

ב

(ה) מי זאת עולה מן המדבר, — עלויה מן המדבר, סילוקה מן המדבר, מיתתה מן המדבר; המד"א (במדבר יד): במדבר הזה יתמו ושם ימותו. — מתרפקת על דודה, — א"ר יוחנן: שהיא מנחת פרקי תורה ופרקי מלכות לעתיד לבא. תחת התפוח עוררתיך, — דרש פלטיון איש רומי ואמר: נתלש הר סיני ונצב בשמי מרום, והיו ישראל נתונים תחתיו, שנאמר (דברים ד): ותקרבון ותעמדון תחת ההר. [אמר הקב"ה: „אם אתם מקבלים עליכם תורתי, מוטב; ואם לאו, הריני כובש עליכם ההר הזה והורג אתכם."] ד"א: תחת התפוח עוררתיך, זה סיני; ולמה נמשל בתפוח? אלא מה תפוח זה עושה פירות בחדש סיון, כך התורה נתנה בסיון. ד"א: תחת התפוח עוררתיך, — למה לא באגוז ואילן אחר? אלא כל אילן דרכו מוציא עליו תחלה ואחר כך פירותיו, ותפוח זה מוציא פירותיו תחלה ואחר כך מוציא עליו; כך הקדימו ישראל עשייה לשמיעה, שנאמר (שמות כד) שם המפורש היה חקוק עליו, וכשחטאו נוטל מהם. ר' איבו ורבנן. נעשה ונשמע. (אמר הקב"ה: „אם אתם מקבלים עליכם תורתי, מוטב; ואם לאו, הריני כובש עליכם ההר הזה והורג אתכם.") שמה חבלתך אמך, — וכי שמה חבלה? א"ר ברכיה: לאחד שהלך במקום סכנה וניצל. פגע ביה חבריה, א"ל: „בההוא אתרא דסכנתא עברת? כמה סכנתא עברת! כדון ילדך אמך! כמה צערא עברה עליך, וכדין איתברית ברייה חדתא!"

א"ר אבא בר כהנא: שמה חבלה ושמה חובלה. „חבלה" בשעה שאמרו: כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע; „שמה חובלה," בשעה שאמרו לעגל (שם לב): אלה אלהיך, ישראל. ו„חובלו" — נתמשכנו, — תני ר' שמעון בן יוחאי: זיין שנתן לישראל בחורב

ב. [1] די פסוקים ג—ד ווערן דאָ ניט געדרשנט, ווייל זיי זיינען אַן איבערחזרונג פון ב, ו—ז. [2] זע אויבן ג, ד, און באַמערקונגען. וועגן „איר אַראָפּנעמונג" זע ווייטער די ווערטער פון ר' שמעון בן יוחאי. [3] אָנשפּיל אויף מתרפקת, בייטנדיק די פּאָזיציע פון די אותיות. [4] באַשטימטע דינים, וואָס קענען ניט דורכגעפירט ווערן בעת ס'עקזיסטירט ניט קיין בית המקדש און קיין מלוכה, ווערן דורך דער כנסת ישראל פאַרשריבן און אָפּגעלייגט אויף משיחס צייטן. [5] צוגעגעבן, אין הסכם מיטן רד"ל, פון ווייטער, וואו דער דאָזיקער מאמר איז ניט אין פּלאַץ. [6] אויבן, ב, י, איז דער נוסח: „— — — גיט אַרויס זיין בליעכץ פריער פון זיינע בלעטער." אין שבת פח, א, איז דער נוסח ווי ביי אונדז; באַמערקט דאָרט רבינו תם, אַז אונטער עפּלבוים ווערט דאָ פאַרשטאַנען דער אתרוג־בוים,

לערנט: אויפן כלי־זיין וואָס איז געגעבן געוואָרן צו ישראל ביים באַרג חורב[11] איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש, און ווען זיי האָבן געזינדיקט, איז עס אָפּגענומען געוואָרן פון זיי. ר׳ אייבו און די רבנן. ר׳ אייבו האָט געזאָגט: פון זיך אַליין האָט זיך עס אָפּגעשיילט; און די רבנן זאָגן: אַ מלאך איז אַראָפּ און האָט עס אָפּגעשיילט. ר׳ שמעון בן חלפתא האָט געזאָגט: ווי איז דער כלה, וואָס זינדיקט אונטער דער חופה.[12] ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: זיי האָבן פאַרוואָרפן[13] די גוטע עצה וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, ווי דער פסוק זאָגט (משלי א, כה): ותפרעו — און איר האָט צונישט געמאַכט מיין גאַנצע עצה, און „עצה" איז ניט אַנדערש, נייערט תורה, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ח, יד): לִי — ביי מיר איז עצה און בריהשאַפט.[14]

ר׳ יהושע פון סיכנין פון ר׳ לויס וועגן: אין פסוק שטייט (דברים ט, ח): ובחורב הקצפתם — און ביים חורב האָט איר דערצערנט גאָט, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך בין געקומען אייך בענטשן און האָב געפונען אייער גומען צעלעכערט, און ער קאָן די ברכה ניט אויפהאַלטן,"[15] ווי דער פסוק זאָגט (שמות לב, כה): וירא משה — און משה האָט געזען, אַז דאָס פאָלק איז פרוע,[16] און „פרוע" מיינט ניט אַנדערש, נייערט צעלעכערט;[17] דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט: ותפרעו — און איר האָט צעלעכערט[18] מיין גאַנצע עצה. ר׳ לוי האָט געזאָגט: איר האָט גורם געווען, אַז כביכול זאָל זיין ווי אין טרויער נאָך אייך: פאַראַן ערטער, וואו מע רופט אַ הויז פון אבלים „בית קצופה," הויז פון צאָרן.[19]

## ג

(ו) שִׂימֵנִי — טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל. ר׳ מאיר האָט געזאָגט: ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „וואָס דו האָסט געטראַכט אין האַרצן צו טאָן מיט אונדז, טו." וואָרום ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אֶלי־עזר דעם זון פון ר׳ יוסי הגלילי: בשעת ישראל איז געשטאַנען פאַרן באַרג סיני און האָבן געזאָגט: מיר וועלן טאָן און געהאָרכן, דעמאָלט האָט הקדוש

זיינע פירות בלייבן אויף אים פון איין יאָר אויפן צווייטן, און אין צווישן באַנייט ער זיינע בלעטער; קומט אויס, אַז די נייע בלעטער קומען אַרויס נאָך די פירות. [7] אין טעקסט געפינט זיך דאָ, אין קלאַמערן, דער מאמר וואָס מיר האָבן געשטעלט אויבן (זע באַמ. 5). [8] איז ניט דאָס פאָלק ישראל געבוירן געוואָרן פאַר דעם? [9] און דעמאָלט איז ישראל פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן. [10] געטייטשט לויטן פסוק (שמות כב, כה): אם חבל תחבל — אויב דו וועסט נעמען אין משכון — — —: ס׳איז פון זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס טייערסטע, ווי אַ משכון. [11] אידענטיש מיט סיני. [12] דאָ מיינט עס דער חדר־מיוחד, וואו חתן־כלה קומען זיך צונויף נאָך דער חתונה צערעמאָניע. [13] לייענענדיק „איבדו", אין פיעל. [14] דאָרט רעדט די חכמה (פסוק א), וואָס איז אידענטיש מיט תורה. [15] דאָס זעלבע מויל (גומען) וואָס האָט געזאָגט: מיר וועלן טאָן און געהאָרכן, און האָט געזאָלט ברענגען ברכה צו ישראל, האָט געזאָגט וועגן דעם קאַלב: דאָס איז דיין גאָט ישראל. [16] צעווילדערט. [17] נקוב; מעגלעך, אַז דער דאָזיקער טייטש איז געבויט אויפן תלמודישן פרע, הפריע, וואָס באַצייכנט אָפּט דאָס גיין אויף נקבים (יומא עז, א; קידושין עב, ב). [18] לויטן דרש. [19] וואָט גאָטס צאָרן האָט זיך דאָרט אויסגעגאָסן, — אַ דרש אויפן פסוק ובחורב הקצפתם.

שם המפורש הה חקוק עליו, וכשחטאו נוטל מהם. ר׳ איבו ורבנן. ר׳ איבו אמר: מאליו היה נקלף; ורבנן אמרי: מלאך היה יורד ומקלפו. א״ר שמעון בן חלפתא: עלובה היא הכלה, שמקלקלת בתוך חופתה. א״ר יוחנן: אבדו עצה טובה שנתנה להם בסיני, שנאמר (משלי א): ותפרעו כל עצתי, ואין עצה אלא תורה, שנאמר (שם ח): לי עצה ותושיה.

ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי: כתיב (דברים ט): ובחורב הקצפתם את ה׳, — אמר הקב״ה: „באתי לברך אתכם ומצאתי חככם נקוב, שאינו מחזיק ברכה,״ שנאמר (שמות לב): וירא משה את העם, כי פרוע הוא, ואין פרוע אלא נקוב; המד״א: ותפרעו כל עצתי. ר׳ לוי אמר: עשיתם להקב״ה, כאלו מתאבל עליכם: אית אתרין צווחין לבית אבלה „בית קצופה.״

ג

(ו) שימני כחותם. א״ר מאיר: אמרו ישראל לפני הקב״ה: „רבש״ע! מה שחשבת בלבך לעשות לנו, עשה.״ דאמר ר׳ יוחנן בשם ר׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי: בשעה שעמדו ישראל לפני הר סיני ואמרו: נעשה ונשמע, באותה שעה קרא הקב״ה למלאך המות ואמר לו: „אע״פ שמניתיך (קפוקליטור) [ספיקלטור] קוזמוקרטור על בריותי, אין לך עסק באומה זו.״ הה״ד (דברים ה): ויהי כשמעכם את הקול מתוך החשך, — וכי יש חשך למעלה? והא כתיב (דניאל ב): ונהורא עמה שרא! ומהו מתוך החשך? זה מלאך המות, שקרוי חשך. (שנאמר) [הה״ד]

---

ברוך הוא גערופן דעם מלאך המות און געזאָגט צו אים: כאָטש איך האָב דיך באַשטימט פאַרן הענקער[1] און אייבערהערשער איבער מיינע באַשעפע־נישן, האָסטו אָבער גאָרניט צו טאָן מיט דער דאָזיקער אומה.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דברים ה, כ): ויהי — און ס׳איז געווען ווי איר האָט געהערט דאָס קול פון מיטן דער פינצטערניש, — איז דען אויבן פינצטערניש פאַראַן? עס שטייט דאָך געשריבן (דניאל ב, כב): ונהורא — און ליכטיקייט רוט ביי אים! טאָ וואָס־זשע מיינט פון מיטן דער פינצטערניש? דאָס איז דער מלאך המות, וואָס ווערט גערופן פינצטערניש. דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט.[2]

---

ג. [1] טעקסט ענדערונג לויט ויקרא רבה כו, ב; ספרי במדבר, צא. [2] טעקסט געביטן לויט ויקרא רבה יח, ג: „שנאמר״ קלינגט ווי דער פסוק וואָלט געווען אַ באַווייז, אַז דער מלאך המות ווערט גערופן פינצטערניש; אָבער דער פסוק באַציט זיך ניט אויף דעם, נייערט אויפן אייבערשטנס צוזאָג צו באַפרייען ישראל פון מלאך המות. וועגן „פינצטערניש״ זעי

(שמות לב, טז): והלחות — און די לוחות זיינען געווען דאָס ווערק פון גאָט, און דער כתב איז געווען דער כתב פון גאָט, חרות — אויסגעקריצט אויף די לוחות, — לייען ניט חרות, נייערט „חירות״, פרייהייט. [און וועגן דעם האָבן געזאָגט] ר׳ יהודה און ר׳ נחמיה און די רבנן. ר׳ יהודה זאָגט: פריי־שאַפט פון מלאך המות; ר׳ נחמיה האָט געזאָגט: פריישאַפט פון [פרעמדע] מלכותן; און די רבנן זאָגן: פריישאַפט פון יסורים.[3]

ד

אַן אַנדער פשט: טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן, — ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: דאָס איז קריאת שמע, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ו, ו): ומיו — און זיין זאָלן די דאָזיקע ווערטער — — —אויף דיין האַרצן;— ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם, דאָס איז די תפילין, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, פסוק ח): וקשרתם — און זאָלסט זיי אָנבינדן ווי אַ צייכן אויף דיין האַנט. ר׳ מאיר האָט געזאָגט: טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן, ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם, זוי יהויכין, וואָרום ר׳ מאיר האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געשוואָרן אַ שבועה, אַז ער וועט אַראָפּרייסן פון זיין האַנט דאָס מלכות פון דודס הויז; דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (ירמיה כב, כד): חי אני — ווי איך לעב, זאָגט גאָט, אפילו אויב כניהו דער זון פון יהויקים דער מלך פון יהודה זאָל זיין אַ זיגל אויף מיין רעכטער האַנט, וועל איך דיך פון דאָרט אַראָפּרייסן — [און] ר׳ חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: [דאָס מיינט] פון דאָרט וועל איך אָוועקרייסן דאָס מלכות פון דודס הויז,[2] — דאָ שטייט ניט „אנתקך״,[3] נייערט אתקנך,[4] — „איך וועל דיך פאַרריכטן״ דורך תשובה; פונעם אָרט פון דיין אַראָפּרייסונג, פון דאָרט וועט זיין דיין פאַרריכטונג.[5]

ר׳ זעירא האָט געזאָגט: איך האָב געהערט ר׳ יצחקן, ווי ער איז געזעסן און געדרשנט די דאָזיקע זאַך, און איך האָב ניט געוואוסט, פון וואַנען ער נעמט עס. האָט געזאָגטצו אים ר׳ אחא אריכא: אפשר פון דעם וואָס אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק ל): כתבו — פאַרשרייבט דעם דאָזיקן מענטשן אָנקינ־דערדיק, אַ מאַן וואָס וועט ניט מצליח זיין אין זיינע טעג, — אין זיינע טעג וועט ער ניט מצליח זיין, ער וועט אָבער מצליח זיין אין די טעג פון זיין זון, ווי אין פסוק שטייט (חגי ב, כג): ביום ההוא — אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פון צבאות, וועל איך דיך נעמען, זרובבל, זון פון שאלתיאלן[6] מיין קנעכט, זאָגט גאָט, און איך וועל דיך מאַכן ווי אַ זיגל — — —.

ר׳ אחא בר אבון בר בנימין אין נאָמען פון ר׳ אחא דעם זון פון ר׳ פפין: מע האָט געזאָגט: „גרויס איז דער כוח פון תשובה, וואָרום זי איז מבטל אַ גזירה און איז מבטל אַ שבועה.״ „איז מבטל אַ גזירה״ — פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט: פאַרשרייבט דעם דאָזיקן מענטשן אָנקינדער־

אַ באַצייכענונג פאַרן מלאך המות זע תנחומא וישב, ד (בראשית א, ב): וחשך — און פינצטערניש איבערן תהום, דאָס איז דער מלאך המות, וואָס פאַרפינצטערט די פנימער פון מענטשן. [3] און ר׳ יוחננס דרש איז אין איינקלאַנג מיט די ווערטער פון ר׳ יהודהן.

(שמות לב): והלוחות מעשה אלהים המה, והמכתב מכתב אלהים הוא, חרות על הלוחות, — **אל תקרי חרות, אלא חירות. ר׳ יהודה ור׳ נחמיה ורבנן. ר׳ יהודה אומר: חירות ממלאך המות; ר׳ נחמיה אמר: חירות מן המלכיות; ורבנן אמרי: חירות מן היסורין.**

ד

**ד״א:** שימני כחותם על לבך, — **ר׳ ברכיה אמר: זה קריאת שמע, שנאמר** (דברים ו): והיו הדברים האלה, **וגו׳,** על לבבך. כחותם על זרועך, **אלו התפילין, המד״א** (שם): וקשרתם לאות על ידך. **א״ר מאיר:** שימני כחותם על לבך, כחותם על זרועך, **כיהויכין, דאמר ר׳ מאיר: נשבע הקב״ה שבועה, שהוא נותק מלכות בית דוד מידו; הה״ד** (ירמיה כב): חי אני, נאם ה׳ כי אם יהיה כניהו בן יהויקים מלך יהודה חותם על יד ימיני, כי משם אתקנך — **א״ר חנינא בר יצחק: משם אני נותק מלכות בית דוד, — (ד״א) „אנתקך״ אין כתיב כאן, אלא** אתקנך, — **אתקנך בתשובה; ממקום שנתיקתך שם תהיה תקנתך.**

**א״ר זעירא: אנא שמעית קליה דר׳ יצחק יתיב ודריש הדא מילה, ולית אנא ידע מה היא. א״ל ר׳ אחא אריכא: תימר הה״ד** (שם): כתבו את האיש הזה ערירי, גבר לא יצלח בימיו, — **בימיו אינו מצליח, אבל בימי בנו מצליח, דכתיב** (חגי ב): ביום ההוא, נאם ה׳ צבאות, אקחך, זרובבל בן שאלתיאל עבדי, נאם ה׳, ושמתיך כחותם, **וגו׳.**

**ר׳ אחא בר אבון בר בנימין בשם ר׳ אחא בריה דרב פפי: אמרין: „גדול כחה של תשובה, שמבטלת הגזירה ומבטלת את השבועה.״ „מבטלת הגזירה״ מניין? שנאמר:** כתבו את האיש הזה ערירי, **וכתיב:** ביום ההוא, נאם ה׳ צבאות, אקחך, זרובבל

---

דיק; **און עס שטייט געשריבן:** אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פון צבאות, וועל איך דיך נעמען, זרובבל זון פון שאלתיאלן מיין קנעכט. **„איז מבטל אַ שבועה״**

ד. [1] אידענטיש מיט יהויכין, אָדער יכניה. [2] ר׳ חנינאס ווערטער ווערן געבראַכט ווי אַ דערקלערונג צום פסוק, און דער עיקר פון ר׳ מאירס דרשה ווערט געבויט אויפן ווייטערדיקן, און דער אויסדרוק אין טעקסט „דבר אחר״ איז דאָ ניט אין פּלאַץ. [3] וואָס וואָלט געקענט האָבן נאָר איין טייטש: איך וועל דיך אַראָפּרייסן. [4] וואָס קוקט אויס ווי אַ וואָרט פון צוויי באַזונדערע שרשים: נתק, אַראָפּרייסן, און תקן, פאַרריכטן. [5] דאָ ענדיקט זיך ר׳ מאירס דרש אויף אונדזער פסוק: אַזוי ווי יהויכין, אַזוי וועט אויך ישראל דורך תשובה ווידער ווערן אַ זיגל אויף גאָטס רעכטער האַנט. [6] זון פון יהויכינען.

— פון וואַנען איז עס געדרונגען? ווי דער פסוק זאָגט: ווי איך לעב, זאָגט גאָט, אפילו אויב כניהו דער זון פון יהויקימען, דער מלך פון יהודה, זאָל זיין אַ זיגל אויף מיין רעכטער האַנט, וועל איך דיך פון דאָרט אַראָפּרייסן; און עס שטייט געשריבן (דברי הימים א, ג, יז): ובני — און די זין פון יכניה: אַסיר,[7] שאלתיאל זיין זון — — —.[8] ר׳ תנחום בר׳ ירמיה האָט געזאָגט: [איין זון האָט ער גערופן] אַסיר, ווייל ער איז געווען פאַרשפאַרט אין תפיסה; [דעם אַנדערן האָט ער גערופן] שאלתיאל, ווייל דורך אים איז ווידער פאַרפלאַנצט געוואָרן[9] דאָס מלכות פון דודס הויז. אַן אַנדער פשט: אַסיר, ווייל הקדוש ברוך הוא האָט זיך געאַסרט מיט אַ שבועה; שאלתיאל, ווייל ער האָט געפרעגט[10] ביים בית־דין של מעלה, און זיי האָבן אים מתיר געווען זיין נדר.

ה

ר׳ איבו האָט געזאָגט: צוויי זאַכן האָט ישראל געבעטן ביי הקדוש ברוך הוא, אָבער זיי האָבן ניט געבעטן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין; זיינען אויפגעשטאַנען די נביאים און זיי עס צורעכט געמאַכט. ישראל האָט געזאָגט (הושע ו, יג): ויבא — און זאָל ער אונדז קומען ווי דער רעגן. האָבן די נביאים געזאָגט צו זיי: „איר האָט ניט געבעטן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, וואָרום די דאָזיקע רעגנס זיינען אַ סימן פון הכבדה פאַר דער וועלט. וועג־גייערס ליידן פון זיי; ים־פאָרערס ליידן פון זיי; דאַך־שמירערס ליידן פון זיי; וויין־טרעטערס ליידן פון זיי; שייערטרעגערס ליידן פון זיי; דער וואָס זיין גרוב איז פול מיט וואַסער און זיין קעלטער איז פול מיט וויין, ליידט פון זיי,[1] — און איר זאָגט: און זאָל ער אונדז קומען ווי אַ רעגן!" זיינען אויפגעשטאַנען די נביאים און האָבן עס צורעכט געמאַכט (דאָרט יד, ו): אהיה — איך וועל זיין ווי דער טוי צו ישראל. און נאָך האָט ישראל געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן, ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם. האָבן די נביאים געזאָגט צו זיי: „איר האָט ניט געבעטן ווי עס באַדאַרף צו זיין: דאָס האַרץ — אַ מאָל ווערט עס געזען און אַ מאָל ווערט עס ניט געזען, און זיין זיגל איז דעמאָלט ניט אָנזעעוודיק." וואָס־זשע הייסט [בעטן] ווי ס׳באַדאַרף צו זיין? (ישעיה סב, ג): והיית — און דו וועסט זיין אַ קרוין פון שיינקייט אין דער האַנט פון גאָט.

ר׳ סימון בן קוזית האָט געזאָגט פון ר׳ לויס וועגן:[2] הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו זיי: „ניט איר און ניט אייערע נביאים האָבן געבעטן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין און וואָס ריכטיק איז; וואָרום אַ מלך אַ בשר ודם גייט אַ מאָל פאַרביי, און די קרוין פאַלט אים אַראָפּ פון

---

[7] גערעכנט באַזונדער לויטן טראָפּ און לויט אַ גירסא אין ויקרא רבה י, ה: אסיר בנו, שאלתיאל בנו (לויט יהואשן באַציט זיך „אַסיר" אויף יהויכינען: דער געפאַנגענער; לויט סימאָן, סאָנטשינאָ, זיינען אַסיר און שאלתיאל צוויי נעמען פון איין מענטשן). [8] און שאלתיאלס זון, זרובבל, איז געווען דער הויפּט פון יהודה, אַן איבערבלייב פון מלכות בית דוד. [9] הושתלה — שאלתיאל. [10] שאל — שאלתיאל.

ה. [1] דאָס וואַסער פון גרוב גייט איבער און רינט אַריין אין וויין. [2] אין פסיקתא דרב כהנא, באָבער, סוף פיסקא יז: ר׳ סימאי בר קוסי פון ר׳ יוחאיס וועגן.

בן שאלתיאל עבדי; **מבטלת את השבועה מניין? שנאמר:** חי אני, נאם ה׳, כי אם יהיה כניהו בן יהויקים מלך יהודה, חותם על יד ימיני, כי משם אתקנך, **וכתיב** (דברי הימים א, ג): ובני יכניה: אסיר, שאלתיאל בנו, וגו. **ר׳ תנחום בר׳ ירמיה אמר: אסיר, שהיה חבוש בבית האסורין; שאלתיאל, שממנו הושתלה מלכות בית דוד. ד״א: אסיר, שאסר הקב״ה בשבועה את עצמו; שאלתיאל, ששאל לבית דין של מעלה, והתירו לו נדרו.**

ה

**א״ר איבו: שני דברים שאלו ישראל מלפני הקב״ה, ולא שאלו כהוגן; עמדו הנביאים ותקנו על ידיהם. ישראל אמרו** (הושע ו): ויבא כגשם לנו. **אמרו להן הנביאים: „לא שאלתם כהוגן, שהגשמים הללו סימן טירחות הן לעולם. יוצאי דרכים מצירין בהם; מפרישי ימים מצירין בהם; טחי גגות מצירין בהם; דורכי גיתות מצירין בהם; עומסי גרנות מצירין בהם; מי שבורו מלא מים וגתו מלא יין מצירין בהם, — ואתם אומרים:** ויבא כגשם לנו!״ **ועמדו הנביאים ותקנו** (שם, יד): אהיה כטל לישראל. **ועוד אמרו ישראל לפני הקב״ה:** שימני כחותם על לבך, כחותם על זרועך. **אמרו להם הנביאים: „לא שאלתם כהוגן: הלב פעמים נראה ופעמים אינו נראה, ואין חותמו נגלה.״ ואיזהו כהוגן?** (ישעיה סב): והיית עטרת תפארת ביד ה׳.

**ר׳ סימון בן קוזית אמר בשם ר׳ לוי: אמר להם הקב״ה: „לא אתם ולא נביאיכם שאלתם כהוגן וכראוי, שמלך בשר ודם עובר ועטרה נופלת מעל ראשו וצניף מלוכה מעליה.״ ואיזה כהוגן? הה״ד** (שם מט): הן על כפים חקותיך, חומותיך נגדי תמיד. **כשם שאי אפשר לו לאדם לשכח כפות ידיו, כך** (שם) גם אלה תשכחנה, ואנכי לא אשכחך.

---

קאָפּ מיט דער מלכותדיקער הויב אויף איר.״ וואָס־זשע הייסט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין? דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (דאָרט מט, טז): הן — אָט האָב איך דיך אויף די האַנטפלאַכן אויפגעקריצט, דיינע מויערן זיינען תמיד פאַר מיר. אַזוי ווי אַ מענטש קאָן ניט פאַרגעסן זיינע האַנטפלאַכן, אַזוי (דאָרט, פּסוק טו): גם אלה — אפילו די דאָזיקע זאָלן פאַרגעסן, וועל איך דיך ניט פאַרגעסן.

ו

(ו) כי עזה — וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט, — **שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט אייך ליב, ווי אין פסוק שטייט** (מלאכי א, ב): אהבתי — איך האָב אייך ליב, זאָגט גאָט; — האַרט ווי דער קבר איז דערצערענונג,[1] **בשעת מע דערצערנט אים מיט זייער עבודה זרה, ווי דער פסוק זאָגט** (דברים לב, טז): יקניאוהו — זיי האָבן אים דערצערנט מיט פרעמדע געטער. **אַן אַנדער פשט:** וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט, **די ליבשאַפט וואָס יצחק האָט ליב געהאַט עשון, ווי אין פסוק שטייט** (בראשית כה, כח): ויאהב — און יצחק האָט ליב געהאַט עשון; — האַרט ווי דער קבר איז די קינאה[2] **וואָס עשו האָט מקנא געווען יעקבן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט כז, מא): וישטום — און עשו האָט פיינט געקראָגן יעקבן. **אַן אַנדער פשט:** וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט, **די ליבשאַפט וואָס יעקב האָט ליב געהאַט יוספן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט לז, ג): וישראל — און ישראל האָט ליב געהאַט יוספן מער פון אַלע זיינע זין; — האַרט ווי דער קבר איז די קינאה, **וואָס זיינע ברידער האָבן אים מקנא געווען, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק יא): ויקנאו — און זיינע ברידער האָבן אים מקנא געווען. **אַן אַנדער פשט:** וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט, **די ליבשאַפט וואָס יהונתן האָט ליב געהאַט דודן, ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל א, יח, א): ויאהבהו — און יהונתן האָט אים ליב געקראָגן ווי זיין אייגן זעל; — האַרט ווי דער קבר איז קינאה, **די קינאה וואָס שאול האָט מקנא געווען דודן, ווי דער פסוק זאָגט** (דאָרט פסוק ט): ויהי שאול — און שאול האָט געקוקט קרום אויף דודן. **אַן אַנדער פשט:** וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט, **די ליבשאַפט וואָס אַ מאַן האָט ליב זיין ווייב, ווי דער פסוק זאָגט** (קוהלת ט, ט): ראה — געניס דאָס לעבן מיט דעם ווייב וואָס דו האָסט ליב; — האַרט ווי דער קבר איז אייפערזוכט, **ווען ער ווערט אייפערזיכטיק אויף איר און ער זאָגט איר: „דו זאָלסט ניט רעדן מיט יענעם מאַן,“ און זי איז אַוועק און האָט גערעדט מיט אים; גלייך** (במדבר ה, יד): ועבר — און עס וועט איבערגיין איבער אים אַ גייסט פון אייפערזיכט, און ער וועט ווערן אייפערזיכטיק אויף זיין ווייב.

**אַן אַנדער פשט:** וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז ליבשאַפט, **די ליבשאַפט וואָס דער דור פון שמד[3] האָט ליב געהאַט הקדוש ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט** (תהלים מד, כג): כי עליך — וואָרום פון דיינעטוועגן ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג; — האַרט ווי דער קבר איז צערענונג,[4] **וואָרום הקדוש ברוך הוא איז אַנגעברייט צו צערענען פון וועגן ציון אַ גרויסן צאָרן, ווי אין פסוק שטייט** (זכריה ח, ב): קנאתי — איך טו ערענען פון וועגן ציון אַ גרויסן צאָרן. — רשפיה — אירע פלאַמען — פלאַמען פייער, אַ פלאַקער

---

ו. [1] לויטן דרש. [2] געביטן דעם טייטש לויטן גאַנג פון דער דרשה. [3] **דער דור פון די עשרה הרוגי מלכות, ווען אדריאנוס האָט גוזר געווען צו פאַרטיליקן יידישקייט פון דער וועלט, און אַ סך זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם.** [4] **זע באַמ. 1 און 2.**

ו

(ו) כי עזה כמות אהבה, — **עזה אהבה כמות, שהקב״ה אוהב אתכם; הה״ד** (מלאכי א): אהבתי אתכם, אמר ה׳ — — —; קשה כשאול קנאה, **בשעה שמקנאים אותו בעבודה זרה שלהם, שנאמר** (דברים לב): יקניאוהו בזרים. **ד״א:** כי עזה כמות אהבה, **אהבה שאהב יצחק את עשו; הה״ד** (בראשית כה): ויאהב יצחק את עשו; — קשה כשאול קנאה **שקנא עשו ליעקב, שנאמר** (שם, כז): וישטום עשו את יעקב. **ד״א:** כי עזה כמות אהבה, **אהבה שאהב יעקב ליוסף, שנאמר** (שם לז): וישראל אהב את יוסף מכל בניו; — קשה כשאול קנאה **שקנאו בו אחיו, שנאמר** (שם): ויקנאו בו אחיו. **ד״א:** כי עזה כמות אהבה, **אהבה שאהב יהונתן לדוד, שנאמר** (שמואל א, יח): ויאהבהו יהונתן כנפשו; — קשה כשאול קנאה, **קנאה שקנא שאול לדוד, שנאמר** (שם): ויהי שאול עוין את דוד. **ד״א:** כי עזה כמות אהבה, **אהבה שאוהב האיש לאשתו, שנאמר** (קהלת ט): ראה חיים עם אשה אשר אהבת; — קשה כשאול קנאה **קנאה שמקנא לה ואומר לה: „אל תדברי עם איש פלוני,״ והלכה ודברה עמו; מיד** (במדבר ה): ועבר עליו רוח קנאה, וקנא את אשתו.

**ד״א:** כי עזה כמות אהבה, **אהבה שאהבו דורו של שמד להקב״ה, שנאמר** (תהלים מד): כי עליך הורגנו כל היום; — קשה כשאול קנאה, **שעתיד הקב״ה לקנא לציון קנאה גדולה; הה״ד** (זכריה ח): כה אמר ה׳: קנאתי לציון קנאה גדולה. — רשפיה רשפי אש, שלהבתיה, — **ר׳ ברכיה אמר: כאש של מעלה; לא האש (מכבה) [מכלה] למים, ולא המים מכבין לאש.**

ז

(ז) מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה. מים רבים, **אלו אומות העולם, שנאמר** (ישעיה יז): הוי המון עמים רבים; — לא

---

פון גאָט, — **ר׳ ברכיה האָט געזאָגט: ווי דאָס פייער פון אויבן; ניט דאָס פייער פאַרטיליקט**[5] **דאָס וואַסער, און ניט דאָס וואַסער לעשט אויס דאָס פייער.**[6]

ז

(ז) מים רבים — אַ סך וואַסערן קענען ניט אויסלעשן די ליבשאַפט. אַ סך וואַסערן, **דאָס זיינען די אומות פון דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט** (ישעיה יז, יב): הוי — אַ, די ברומונג פון פיל פעלקער; — קענען ניט אויס־

---

[5] טעקסט ענדערונג אין הסכם מיטן רד״ל. [6] אַ רמז אויפן ווייטערדיקן פסוק. — פאַר־גלייך אויבן ג, כ, ר׳ יוחננס דרש אויפן פסוק עושה שלום במרומיו.

לעשן די ליבשאַפט, דאָס איז די ליבשאַפט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט ליב ישראל, ווי דער פסוק זאָגט: אהבתי — איך האָב אייך ליב, זאָגט גאָט. — און טייכן וועלן זי ניט פאַרשווענקען, דאָס זיינען די אומות פון דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט ז, כ): ביום ההוא — אין יענעם טאָג וועט גאָט אָפּגאָלן מיטן גאָלמעסער געדונגען אויף יענער זייט טייך, [מיטן מלך פון אשור]; (דאָרט ח, ז): ולכן — און דעריבער, אָט ברענגט גאָט אַרויף אויף זיי די וואַסערן פון טייך. — ווען אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין הויז פאַר ליבשאַפט, — אפילו אַלע אומות פון דער וועלט זאָלן עפּענען אַלע אוצרות זייערע און אַוועקגעבן זייער געלט פאַר איין וואָרט פון דער תורה,[1] וועט זיי עס אויף אייביק ניט פאַרגעבן ווערן. אַן אַנדער פשט: ווען אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין הויז פאַר ליבשאַפט, — אפילו די אומות פון דער וועלט זאָלן עפּענען אַלע אוצרות זייערע פאַר איין וואָרט פון דער תורה און אַוועקגעבן גאָר זייער געלט פאַרן בלוט פון ר׳ עקיבאן מיט זיינע חברים,[2] וועט זיי אויף אייביק ניט פאַרגעבן ווערן.

בוז — פאַראַכטן וואָלט מען אים פאַראַכט. ר׳ יוחנן האָט אַ מאָל אַרויפגעשפּאַצירט פון טבריה קיין ציפּורי, און ר׳ חייא בר אבא איז מיטגעגאַנגען מיט אים. זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ פעלד; האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: „דאָס פעלד איז געווען מיינס, אָבער איך האָב עס פאַרקויפט, כדי איך זאָל קענען לערנען תורה.“ זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ ווייngאָרטן, און ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: „דער דאָזיקער ווייngאָרטן איז געווען מיינער, אָבער איך האָב אים פאַרקויפט, כדי איך זאָל קענען לערנען תורה.“ זיי זיינען אָנגעקומען צו אַן איילבירט־גאָרטן, און ער האָט געזאָגט דאָס זעלבע. האָט ר׳ חייא בר אבא אָנגעהויבן וויינען. האָט ער אים געפרעגט: „וואָס וויינסטו?“ האָט ער אים געזאָגט: „איך וויין, וואָס דו האָסט דיר גאָרניט איבערגעלאָזט אויף דער עלטער.“ האָט ער געזאָגט צו אים: „חייא מיין זון! איז עס דיר נישטיק אין די אויגן וואָס איך האָב געטאָן? איך האָב פאַרקויפט אַ זאַך, וואָס איז געגעבן געוואָרן נאָך זעקס טעג, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כ, יא): כי — וואָרום אין זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד; אָבער די תורה איז געגעבן געוואָרן נאָך פערציק טעג, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לד, כח): ויהי שם — און ער איז דאָרט געווען מיט גאָט פערציק טעג; און ווידער שטייט געשריבן (דברים ט, ט): ואשב — און איך בין געזעסן אויפן באַרג פערציק טעג.“ ווען ר׳ יוחנן איז נפטר געוואָרן האָט זיין דור געלייענט אויף אים: ווען אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין הויז פאַר דער ליבשאַפט, וואָס ר׳ יוחנן האָט ליב געהאַט די תורה, פאַראַכטן וואָלט מען אים פאַראַכט. ווען ר׳ אושעיא פון טרייה[3] איז נפטר געוואָרן, האָט מען געזען זיין מיטה פליענדיק אין דער לופטן;[4] האָט זיין דור געלייענט אויף אים: ווען אַ

ז. [1] וואָס זיי האָבן גורם געווען ניט אָפּצוהיטן. [2] וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר לערנען תורה (די עשרה הרוגי מלכות). [3] לויט ורטהימר, בתי מדרשות א,

יוכלו לכבות את האהבה, **אהבה שהקב״ה אוהב לישראל, שנאמר:** אהבתי אתכם, אמר ה׳. — ונהרות לא ישטפוה, **אלו אומות העולם; המד״א** (שם ז): ביום ההוא יגלח ה׳ בתער השכירה בעברי נהר, וגו׳; (שם ח): ולכן הנה ה׳ מעלה עליהם את מי הנהר. — אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה, — **אם פותחין הן כל אומות העולם את כל תסבריות שלהן ונותנים ממונם בדבר אחד מן התורה, אינו מתכפר בידם לעולם. ד״א:** אם יתן איש את כל הון, ביתו באהבה, — **אם פותחין אומות העולם כל תסבריות שלהן בדבר אחד מן התורה ונותנין כל ממונם בדמיו של ר׳ עקיבא וחבריו, אין מתכפר להם לעולם.**

בוז יבוזו לו. **ר׳ יוחנן הוה מטייל וסליק מטבריה לציפורין, והוה ר׳ חייא בר אבא סמך ליה. מטון חד בית חקלא; א״ר יוחנן: „הדין בית חקלא הות דידי, וזבינתיה בגין מלעי באוריתא.״ מטון חד בית כרם, וא״ר יוחנן: „הדין בית כרם דידי הוה, וזבינתיה בגין מלעי באוריתא.״ מטון חד בית זיתא, ואמר כמו כן. שרי ר׳ חייא בר אבא בכי. א״ל: מה את בכי?״ א״ל: „בכי אנא, דלא שבקת לסיבותיך כלום.״ א״ל: „חייא בני! ונקלה זו בעיניך מה שעשיתי? שמכרתי דבר שניתן לששה ימים, שנאמר** (שמות כ): כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ; **אבל התורה ניתנה לארבעים יום, שנאמר** (שם לד): ויהי שם עם ה׳ ארבעים יום; **וכתיב** (דברים ט): ואשב בהר ארבעים יום.״ **כד דמך ר׳ יוחנן היה דורו קורא עליו:** אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה **שאהב ר׳ יוחנן את התורה,** בוז יבוזו לו. **כד דמך ר׳ אושעיא איש טרייה, ראו מטתו פורחת באויר; היה דורו קוראין עליו:** אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה **שאהב הקב״ה לר׳ אושעיא איש טרייה,** בוז יבוזו לו.

ח

(ח) אחות לנו קטנה, **אלו ישראל. ר׳ עזריה בשם ר׳ יודן בר׳**

---

מענטש זאָל אָװעקגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זײן הױז פאַר דער ליבשאַפט װאָס הקדוש ברוך הוא האָט ליב געהאַט ר׳ אושעיא פון טרײה, פאַראַכטן װאָלט מען אים פאַראַכט.

ח

(ח) אחות — אַ שװעסטער אַ קלײנע האָבן מיר, דאָס איז ישראל. ר׳ עזריה אין נאָמען פון ר׳ יודן בר׳ סימון: לעתיד לבוא װעלן אַלע שרים¹ פון די

אומות פון דער וועלט קומען און פאַרקלאָגן ישראל פאַר הקדוש ברוך הוא, אַזוי צו זאָגן: „רבונו של עולם! די האָבן געדינט דער עבודה זרה און די האָבן געדינט דער עבודה זרה; די האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות[2] און די האָבן עובר געווען אויף גילוי עריות; די האָבן בלוט פאַרגאָסן און די האָבן בלוט פאַרגאָסן; פאַרוואָס־זשע נידערן די אין גיהנום און די נידערן ניט?" וועט הקדוש ברוך הוא זיי זאָגן: אַ שוועסטער אַ קליינע האָבן מיר, — אַזוי ווי אַ קליין קינד, וואָס עס זאָל ביט טאָן, ווערט מען אים ניט; פאַרוואָס? ווייל עס איז קליין. אַזוי, וויפל ישראל זאָל זיך ניט אַ גאַנץ יאָר פאַראומרייניקן מיט זייערע זינד, קומט יום־כיפור און איז מכפר אויף זיי, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, ל): כי — וואָרום אין דעם דאָזיקן טאָג וועט מען מכפר זיין אויף אייך.

ט

ר' ברכיה האָט באַשיידט דעם פסוק אויף אברהם אבינו. אַ שוועסטער אַ קליינע, האָבן מיר, דאָס איז אברהם, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לג, כד): אחד[1] — איינער איז געווען אברהם, און ער האָט געאַרבעט דאָס לאַנד, און ער האָט באַהאַפטן[2] אַלע מענטשן פון דער וועלט מיט הקדוש ברוך הוא.[3] בר קפּרא האָט געזאָגט: ס'איז ווי אַ מענטש באַהעפט אַ ריס. [קטנה, אַ קליינע],[4] ווען ער איז נאָך געווען קליין האָט ער זיך שוין עוסק געווען מיט מצוות און מעשים טובים; און קיין בריסט האָט זי נאָך ניט, כאָטש ער האָט נאָך ניט דערגרייכט דעם עלטער פון מצוות און מעשים טובים;[5] וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער שוועסטער אין דעם טאָג, ווען עס וועט גערעדט ווערן וועגן איר, אין דעם טאָג, ווען נמרוד הרשע האָט גוזר געווען און געהייסן, ער זאָל נידערן אין קאַלכאויוון.[6]

(ט) אם — אויב זי איז אַ מויער, וועלן מיר בויען אויף איר אַ טורעם פון זילבער. אויב זי איז אַ מויער, דאָס איז אברהם, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויב ער וועט אויפשטעלן ווערטער ווי אַ מויער, וועלן מיר בויען אויף איר אַ טורעם פון זילבער, מיר וועלן אים ראַטעווען און אים אַריינבויען אין דער וועלט;[7] אָבער אויב זי איז אַ דלת, אַ טיר, וועלן מיר אויסמאָלן אויף

שנג — טבריה. [4] פאַרגלייך קוהלת רבה יב, יד (אונדזער אויסגאַבע — ז' 502, און דאָרט באַמ. 6).

ח. [1] איטלעכע אומה האָט אין הימל איר שר, אַ מלאך זי צו באַשיצן (זע דניאל י, כא, וועגן מיכאלן, דעם שר פון ישראל). [2] אינטימער פאַרקער מיט באַשטימטע בלוט־קרובים, אָדער מיט אַן אשת איש (ויקרא יח).

ט. [1] אָנשפּיל אויף אחות. [2] איחה — אחות. [3] לויטן פּירוש וואָס איז צוגעשריבן צו רשין (בראשית רבה לט, ג): מיט זיין צידקות האָט אברהם שלום געמאַכט צווישן גאָט און מענטש. [4] צוגעגעבן לויט בראשית רבה. [5] לויט ריש לקישן וואָס זאָגט, אַז אברהם אבינו איז אַלט געווען דריי יאָר, ווען ער האָט דערקענט גאָט (פאַרגלייך דונסקי, אסתר רבה ו, ב, באַמ. 1). אין בראשית רבה איז דער נוסח: און קיין בריסט האָט זי ניט, — קיינער האָט אים ניט אָנגעזויגן צו מצוות און מעשים טובים. [6] בראשית רבה לח, יג. [7] ער וועט ווערן דער יסוד פון דער וועלט. פאַרגלייך בראשית רבה יד, ו: פאַרוואָס האָט

סימון: לעתיד לבא עתידין כל שרי אומות העולם באין ומקטרגין את ישראל לפני הקב״ה ואומרין: „רבוש״ע! אלו עבדו עבודה זרה ואלו עבדו עבודה זרה, אלו גלו עריות ואלו גלו עריות, אלו שפכו דמים ואלו שפכו דמים; מפני מה אלו יורדין לגיהנם ואלו אינן יורדין?״ אמר להם הקב״ה: אחות לנו קטנה, — מה קטן זה, כל מה שהוא עושה אין ממחין על ידו; למה? שהוא קטן. כך כל מה שישראל מתלכלכין כל ימות השנה בעונותיהן, בא יום הכפורים ומכפר עליהם, שנאמר (ויקרא טז): כי ביום הזה יכפר עליכם.

ט

ר׳ ברכיה פתר קרא באברהם אבינו. אחות לנו קטנה, זה אברהם, שנאמר (יחזקאל לג): אחד היה אברהם, ויירש את הארץ, ואיחה את כל באי העולם לפני הקב״ה. בר קפרא אמר: כאדם שהוא מאחה את הקרע. [קטנה], עד שהוא קטן היה עסוק במצות ומעשים טובים; ושדים אין לה, שעדיין לא בא לכלל מצות ומעשים טובים; מה נעשה לאחותינו ביום שידובר בה, ביום שגזר נמרוד הרשע ואמר לירד לכבשן האש.

(ט) אם חומה היא, נבנה עליה טירת כסף. אם חומה היא, זה אברהם, — אמר הקב״ה: „אם מעמיד הוא דברים כחומה, נבנה עליה טירת כסף, נצילנו ונבנה אותו בעולם; ואם דלת היא, נצור עליה לוח ארז, אם דל הוא ממצות ומטלטל מעשיו כדלת, נצור עליה לוח ארז: מה צורה זו אינה מתקיימת אלא לשעה אחת, כך איני מתקיים עליו אלא לשעה אחת. (י) אני חומה, — אמר אברהם לפני הקב״ה: „אני חומה, ואעמיד מעשים טובים כחומה;

---

איר אַ צורה[8] ווי אויף אַ טאָוול פון צעדער, אויב ער איז אָרעם[9] פון מצוות און קערט זיך מיט זיינע מעשים היך־און־העך ווי אַ טיר,[10] וועלן מיר אויס־מאָלן אויף איר אַ צורה ווי אויף אַ טאָוול פון צעדער: אַזוי ווי די דאָזיקע צורה האַלט זיך ניט מער ווי אַ קורצע צייט, אַזוי וועל איך אים ניט ביישטיין מער ווי אויף אַ קורצער צייט.[11] (י) אני — איך בין אַ מויער, — אברהם האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „איך בין אַ מויער, און איך וועל אויפשטעלן

---

הקדוש ברוך הוא באַשאַפן אברהמען אין מיטן פון די דורות (צוואַנציק דורות נאָכן וועלט באַשאַף)? כדי ער זאָל טראָגן (מיט זיין זכות) די דורות וואָס פאַר אים און די דורות וואָס נאָך אים. [8] נצור, געטייטשט לויטן דרש. [9] דל — דלת. [10] אַ מאָל צום גוטן, אַ מאָל צום שלעכטן. [11] גאָט וועט אים נאָר ראַטעווען פון פייער, אָבער ער וועט ניט ווערן דער

מעשים טובים ווי אַ מויער; און מיינע בריסט זיינען ווי די טורעמס, וואָרום איך בין אָנגעברייט אויפצושטעלן אויף דיין וועלט גאַנצע כיתות און חבורות פון צדיקים אַזוי ווי איך.״ דעמאָלט בין איך געווען אין זיינע אויגן ווי איינע וואָס געפינט שלום, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו אים: „אַזוי ווי דו האָסט גענידערט אין קאַלכאויוון [בשלום],[12] אַזוי וועל איך דיך אַרויסנעמען בשלום.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (בראשית טו, ז): אני — איך בין גאָט, וואָס איך האָב דיך אַרויסגענומען פונעם פייער[13] פון די כשדים.

י

ר׳ יוחנן האָט באַשיידט די פסוקים אויף סדום און אויף ישראל. אַ שוועסטער אַ קליינע האָבן מיר, דאָס איז סדום, ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל טז, מו): ואחותך — און דיין שוועסטער די גרעסערע, שומרון — — — [און דיין שוועסטער די קלענערע — — — סדום]. — און קיין בריסט האָט זי ניט, וואָרום זי האָט ניט אָנגעזויגן [אירע איינוואוינערס] מיט מצוות און מעשים טובים; וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער שוועסטער אין דעם טאָג, ווען דער אייבערשטער בית־דין האָט גוזר געווען, זי זאָל פאַרברענט ווערן אין פייער, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יט, כד): וה׳ — און גאָט האָט געלאָזט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבל און פייער. — אויב זי איז אַ מויער, וועלן מיר בויען אויף איר, דאָס איז ישראל, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויב ישראל וועט אויפשטעלן זייערע מעשים טובים ווי אַ מויער, וועלן מיר בויען אויף זיי און זיי מציל זיין; אָבער אויב זי איז אַ טיר, אויב זיי קערן זיך מיט זייערע ווערטער הין־און־הער ווי אַ טיר, וועלן מיר אויסמאָלן אויף זיי אַ צורה ווי אויף אַ טאָוול פון צעדער: אַזוי ווי די דאָזיקע צורה האַלט זיך ניט מער ווי אַ קורצע צייט, אַזוי וועל איך זיי ניט ביישטיין מער ווי אויף אַ קורצער צייט.״ איך בין אַ מויער, — ישראל האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם! מיר זיינען אַ מויער, און מיר וועלן אויפשטעלן מצוות און מעשים טובים ווי אַ מויער; און מיינע בריסט זיינען ווי די טורעמס, וואָרום מיר זיינען אָנגעברייט אויפצושטעלן אויף דיין וועלט כיתות און כיתות צדיקים אַזוי ווי מיר. דעמאָלט בין איך געווען אין זיינע אויגן ווי איינע וואָס געפינט שלום, — פאַרוואָס? וואָרום אַלע אומות פון דער וועלט פלעגן זיך רייצן מיט ישראל און זאָגן: „אויב אַזוי, פאַרוואָס־זשע האָט ער אייך פאַרטריבן פון זיין לאַנד און פאַרוואָס האָט ער חרוב געמאַכט זיין בית המקדש?״ און ישראל פלעגט זיי ענטפערן: „מיר זיינען געגליכן צו אַ בת־מלך, וואָס האָט זיך געלאָזט געאיילטערהייט[1] צו איר פאָטערס הויז, און דער סוף איז, אַז זי האָט זיך אומגעקערט בשלום אַהיים.״[2]

אַן אַנדער פשט: אויב זי איז אַ מויער, דאָס איז חנניה, מישאל און עזריה, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „אויב חנניה, מישאל און עזריה וועלן

יסוד פון דער וועלט פאַר די קומענדיקע דורות. [12] און ער איז ניט צעמזיקט געוואָרן דורך די הענקערס (יפה קול). צוגעגעבן לויט בראשית רבה לט, ג. [13] מאור, געטייטשט לויטן דרש.

ושדי כמגדלות, שאני עתידה להעמיד כתים כתים וחבורות של צדיקים כיוצא בי בעולמך." אז הייתי בעיניו כמוצאת שלום, — א"ל הקב"ה: „כשם שירדת לכבשן האש [בשלום], כך אני מוציאך בשלום." הה"ד (בראשית טו): אני ה' אשר הוצאתיך מאור כשדים.

י

ר' יוחנן פתר קראי בסדום ובישראל. אחות לנו קטנה, זו סדום; הה"ד (יחזקאל טז): ואחותך הגדולה שומרון — — — [ואחותך הקטנה — — — סדום]. — ושדים אין לה, שלא הניקה מצוות ומעשים טובים; מה נעשה לאחותנו ביום שגזר בית דין של מעלה שתשרף באש, שנאמר (בראשית יט): וה' המטיר על סדום ועל עמורה גפרית ואש. — אם חומה היא, נבנה עליה, אלו ישראל, — אמר הקב"ה: „אם מעמידין ישראל מעשיהן כחומה, נבנה עליהם ונצילם; ואם דלת היא, אם מטלטלין הם דבריהם כדלת זו, נצור עליה לוח ארז: מה צורה זו אינה מתקיימת אלא לשעה אחת, כך איני מתקיים עליו אלא לשעה אחת." אני חומה, — אמרו ישראל לפני הקב"ה: „רבש"ע! אנו חומה, ונעמיד מצוות ומעשים טובים כחומה; ושדי כמגדלות, שאנו עתידים להעמיד כתות כתות של צדיקים כיוצא בנו בעולמך." אז הייתי בעיניו כמוצאת שלום, — למה? שהיו כל אומות העולם מונין לישראל ואומרים להם: „אם כן, למה הגלה אתכם מארצו ולמה החריב למקדשו?" וישראל היו משיבין להם: „אנו דומין לבת מלכים, שהלכה לעשות רגל רדופים בבית אביה, סוף שחוזרת לביתה בשלום."

ד"א: אם חומה היא, זה חנניה, מישאל ועזריה, — אמר הקב"ה: „אם מעמידין הן חנניה, מישאל ועזריה מעשיהם

---

אויפשטעלן זייערע מעשים [ווי אַ מויער],[3] וועלן מיר בויען אויף זיי די

---

י. [1] רגל רדופה, ווערטערלעך: אַ געיאָגטער פוס, אָנשפּיל אויפן זעלבן אויסדרוק אין אַנדערע מקורות (כתובות עא, ב; פסחים פז, א), וואו ס'מיינט: אין געאייל אויף יום־טוב (אָן אַנדער טייטש פון רגל). — אַ יונגע פרוי איילט זיך צום פאָטער אויפן ערשטן יום־טוב נאָך איר חתונה, נייגעריק אים צו דערציילן וועגן איר גוטער מערכה ביי איר מאַן און שווער אין הויז. דאָ מיינט עס: אַ בת־מלך, וואָס איר מאַן איז אין כעס געוואָרן אויף איר, און זי איז אַנטלאָפן צו איר פאָטער אַהיים. [2] און אַזוי איז די כנסת ישראל, איבערן כעס פונעם אייבערשטן, פאַרטריבן געוואָרן צו איר פאָטערס הויז (קיין בבל,

וועלט און זיי מציל זיין; אָבער אויב זי איז אַ טיר, אויב זיי קערן זיך מיט זייערע מעשים הין־און־הער ווי אַ טיר, וועלן מיר אויסמאָלן אויף איר אַ צורה ווי אויף אַ טאָוול פון צעדער: אַזוי ווי די דאָזיקע צורה האַלט זיך ניט מער ווי אַ קורצע צייט, אַזוי וועל איך זיי ניט בײַשטיין מער ווי אויף אַ קורצער צייט. איך בין אַ מויער, — זיי האָבן געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: „מיר זײַנען אַ מויער, און מיר וועלן אויפשטעלן מצוות און מעשים טובים ווי אַ מויער; און מײַנע בריסט זײַנען ווי די טורעמס, מיר זײַנען אָנגעברייט אויפצושטעלן אויף דײַן וועלט כיתות צדיקים אַזוי ווי מיר.״ דעמאָלט בין איך געווען אין זײַנע אויגן ווי איינע וואָס געפינט שלום, — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו זיי: „אַזוי ווי איר האָט גענידערט אין קאַלכאויוון בשלום, אַזוי וועל איך אײַך אַרויסנעמען פון דאָרט בשלום.״ דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (דניאל ג, כו): באדין — דעמאָלט זײַנען שדרך, מישך און עבד־נגו[4] אַרויסגעקומען [פון פייער].

יא

די רבנן האָבן באַשיידט דעם פסוק אויף די וואָס זײַנען אַרויפגעקומען פון גלות [בבל]. אַ שוועסטער אַ קליינע האָבן מיר, דאָס זײַנען די וואָס זײַנען אַרויפגעקומען פון גלות; אַ קליינע, וואָרום זיי זײַנען געווען קליין אין צאָל;[1] און קיין בריסט האָט זי ניט, דאָס זײַנען די פינף זאַכן, וואָס דער צווייטער בית המקדש איז געווען פעליק קעגן דעם ערשטן, און דאָ זײַנען זיי: דאָס פייער פון הימל, די אייל פון זאַלבונג, דער ארון, דער רוח הקודש, און די אורים ותומים;[1א] דאָס איז ווי אין פסוק שטייט (חגי א, ח): וארצה בו — און איך וועל עס באַוויליקן און וועל געאַכפּערט ווערן, — ואכבד שטייט,[2] אָן אַ הא.[3] וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער שוועסטער, וואָס זאָלן מיר טאָן אין דעם טאָג ווען כורש[4] גיט אַרויס די גזירה: ווער ס'איז אַריבער דעם טייך פרת, איז אַריבער; ווער ס'איז ניט אַריבער, זאָל ניט אַריבער.״[5] אויב זי איז אַ מויער, ווען ישראל וואָלט אַרויפגעגאַנגען פון בבל ווי אַ מויער,[6] וואָלט דער בית המקדש דעמאָלט ניט חרוב געוואָרן אַ צווייט מאָל. — — —

ר׳ זעירא איז אַרויס אין מאַרק מאַכן אַן אײַנקויף. האָט ער געזאָגט צו דעם וואָס ביי דער וואָג: „וועג עס גוט אָפּ.״ האָט אים יענער געזאָגט: „גייסט ניט אַוועק פון דאַנען, דו בבלער,[7] וואָס דײַנע עלטערן

---

אברהם אבינוס געבוירנלאַנד); לסוף אָבער וועט איר מאַן, הקדוש ברוך הוא, זי צוריקברענגען צו זיך אַהיים. [3] צוגעגעבן לויטן אינהאַלט און אין הסכם מיטן רד״ל: אויב זיי וועלן בײַשטיין דעם ניסיון און זיך ניט בוקן צום געץ (דניאל ג). [4] אידענטיש מיט חנניה, מישאל און עזריה.

יא. [1] זע עזרא ב, סד—סה; ישעיה נ, א—ב. [1א] וועגן די דאָזיקע פינף זאַכן זע יומא כא, ב, און די פאַראַלעלע מקורות; וועגן די אורים ותומים פאַרגלייך אויך עזרא ב, סג; נחמיה ז, סה. [2] מיט אַ קמץ אונטער דער דלת. [3] און דאָס פעלן פון דער הא איז אַ סימן, אַז עס האָבן געפעלט די פינף זאַכן. [4] אין דער ראָם אויסגאַבע איז דער נאָמען נישטאָ. [5] זע אויבן ה, ד. [6] אין גרויסע און געדיכטע מאַסן. [7] וועגן דעם בבלישן אָפּשטאַם פון ר׳ זעירא (אין תלמוד בבלי — ר׳ זירא) און זײַן עולה זײַן קיין ארץ ישראל, זע

[כחומה], נבנה עליהם הערלם ונצילם; ואם דלת, ואם מטלטלין הן מעשיהן כדלת זו, נצור עליה לוח ארז: מה צורה זו אינה מתקיימת אלא לשעה אחת, כך איני מתקיים עליהן אלא לשעה אחת.״ אני חומה,—אמרו לפני הקב״ה: „אנו חומה, ואנו מעמידין מצות ומעשים טובים כחומה; ושדי כמגדלות, אנו עתידין להעמיד בעולמך כתות של צדיקים כיוצא בנו.״ אז הייתי בעיניו כמוצאת שלום, — אמר להם הקב״ה: „כשם שירדתם לכבשן האש בשלום, כך אוציא אתכם משם לשלום.״ הה״ד (דניאל ג): באדין נפקין שדרך, מישך ועבד נגו.

יא

רבנן פתרי קרא בעולי גולה. אחות לנו קטנה, אלו עולי גולה; קטנה, שהיו דלים באוכלוסין; ושדים אין לה, אלו חמשה דברים שהיה בית אחרון חסר מן הראשון, ואלו הן: אש של מעלה, ושמן המשחה, ארון, רוח הקדש, ואורים ותומים; הה״ד (חגי א): וארצה בו ואכבדה, — ואכבד כתיב, חסר ה׳. מה נעשה לאחותנו, מה נעשה ביום שיגזור כורש: „די עבר פרת, עבר; די לא עבר, לא יעבור.״ אם חומה היא, אלו ישראל העלו חומה מבבל, לא חרב בית המקדש בההיא שעתא פעם שנית. — — —

ר׳ זעירא נפיק ליה לשוקא למזבן מקומא. א״ל לדין דהוא תקיל: „תקיל יאות.״ ואמר ליה: „לית את אזיל לן מן הכא, בבלייא, די חרבון אבהתיה [לבית מקדשא]!״ בההיא ענתה א״ר זעירא: „לית אבהתי כאבהתהון דהדין?״ על לבי ווערא ושמע קליה דר׳ שילא יתיב ודריש: „אם חומה היא, אילו עלו ישראל חומה מן הגולה, לא חרב בית המקדש פעם שניה.״ אמר: „יפה למדני עם הארץ.״

---

האבן חרוב געמאַכט [דעם בית המקדש]!״[8] בשעת מעשה האָט ר׳ זעירא געזאָגט: „זיינען ניט מיינע עלטערן די זעלבע וואָס די עלטערן פון דעם דאָזיקן?״ אַז ער איז אַריין אין בית הוועד,[9] האָט ער געהערט ווי ר׳ שילא זיצט און דרשנט: „אויב זי איז אַ מויער, אויב ישראל וואָלט עולה געווען פון גלות ווי אַ מויער, וואָלט דער בית המקדש ניט חרוב געוואָרן אַ צווייט מאָל.״ האָט ער געזאָגט: „ריכטיק האָט מיך געלערנט דער עם הארץ.״

---

שבת מא, א; כתובות קיב, א. [8] צוגעגעבן אין הסכם מיטן רד״ל. [9] „הויז פון פאַר־

אָבער אויב זי איז אַ טיר, וועלן מיר אויסמאָלן אויף איר אַ צורה ווי אויף אַ טאָוול פון צעדער, — אַזוי ווי די דאָזיקע צורה, כאָטש זי ווערט אָפּגעריבן, בלייבט אָבער קאָנטיק איר אָרט; אַזוי כאָטש דער בית המקדש איז חרוב, האָט ישראל ניט אָפּגעשטעלט זייער עולה רגל זיין דריי מאָל אַ יאָר.

ר׳ איבו האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „איך בין אָנגע־ברייט צו מאַכן פאַר ישראל אַ סניגור קעגן די אומות פון דער וועלט.״ וואָס איז עס? דאָס איז דער בת־קול; דאָס איז ווי אין פּסוק שטייט (ישעיה א, ט): לולי — ווען ניט וואָס גאָט פון צבאות האָט אונדז געלאָזט אַ קליינעם איבער־בלייב — — —.[10] מיר האָבן געלערנט:[11] נאָך דעם ווי די לעצטע נביאים, חגי, זכריה און מלאכי, זיינען געשטאָרבן, האָט אויפגעהערט דער רוח הקודש פון ישראל; זיי האָבן זיך אָבער פונדעסטוועגן באַנוצט מיט אַ בת־קול. און געשען איז אַ מעשה, אַז די חכמים האָבן זיך געציילט[12] אין דעם אייבערשטיבל פון בית־גדיא אין יריחו. איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט צו זיי: „צווישן אייך איז פאַראַן איינער אַ מענטש, וואָס איז ראוי אויף רוח הקודש, אָבער זיין דור איז עס ניט ווערט.״ האָבן זיי געוואָרפן אַן אויג אויף הלל הזקן. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים נאָכגעזאָגט: „אָט אַן ענו, אָט אַ צדיק, אַ תלמיד פון עזראַן.״

ווידער איז געשען אַ מעשה, אַז די חכמי ישראל האָבן זיך געציילט אין וויינגאָרטן אין יבנה. — אָבער איז עס דען געווען אַ וויינגאָרטן? נייערט דאָס איז דער סנהדרין, וואָס איז געווען אויסגעזעצט שורות־ווייז, פּאָנען־ווייז,[13] ווי אַ געפלאַנצטער וויינגאָרטן. — איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט צו זיי: „צווישן אייך איז פאַראַן איינער אַ מענטש, וואָס איז ראוי אויף רוח הקודש, אָבער זיין דור איז עס ניט ווערט.״ האָבן זיי געוואָרפן אַן אויג אויף שמואל הקטן.[14] און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים נאָכגעזאָגט: „אָט אַן ענו, אָט אַ צדיק, אַ תלמיד פון הלל הזקן.״ דער זעלבער האָט געזאָגט דריי זאַכן בשעתן שטאַרבן: „שמעון און ישמעאל[15] [זיינען אָנגעברייט] פאַר דער שווערד, און די איבעריקע חברים זייערע — געהרגעט צו ווערן, און דאָס רעשט פון פאָלק — אויף רויב, און גרויסע צרות זיינען אָנגעברייט צו קומען אויף דער וועלט.״ און אויף אַראַמיש לשון איז עס געזאָגט געוואָרן. און אויך וועגן ר׳ יהודה פון בבא[16] האָט מען אָפּגעמאַכט, מע זאָל אים נאָכזאָגן: „אָט אַן ענו, אָט אַ צדיק, אַ תלמיד פון שמואל [הקטן]״; נייערט די צייט איז געווען אומפּאַסיק פאַר דעם, מחמת מע קען ניט מספּיד זיין די געהרגעטע דורך מלכות.

ס׳איז געשען אַ מעשה, אַז יוחנן כוהן גדול[17] האָט געהערט, ווי אַ בת־קול קומט אַרויס פון קדשי־קדשים און זאָגט: „די קינדער וואָס זיינען געגאַנגען מלחמה האַלטן קעגן אנטיוכיה האָבן מנצח געווען.״ האָט מען פאַרשריבן דעם טאָג און די שעה, און אַזוי איז עס געווען, יענעם טאָג האָבן זיי מנצח געווען.[18] געשען איז אַ מעשה, אַז שמעון הצדיק האָט געהערט, ווי אַ בת־קול קומט אַרויס פון קדשי־קדשים און זאָגט: די זאַך וואָס דער שונא האָט געוואָלט,

ואם דלת היא, נצור עליה לוח ארז, — מה צורה זו, אע״פ שהיא מטשטשת, מקומה ניכר; כך אע״פ שחרב בית המקדש, לא בטלו ישראל פעמי רגלים שלהם ג׳ פעמים בשנה.

(אני חומה) א״ר איבו: אמר הקדוש ברוך הוא: „עתיד אני לעשות לישראל סניגור בין אומות העולם.״ אי זה זה? זה בת קול; הה״ד (ישעיה א): לולי ה׳ צבאות הותיר לנו שריד כמעט. תנא: משמתו נביאים אחרונים, חגי, זכריה ומלאכי, פסקה רוח הקדש מישראל; אף על פי כן היו משמשין בבת קול. מעשה שנמנו חכמים בעליית בית גדיא ביריחו. יצאה בת קול ואמרה להם: „יש ביניכם אדם אחד, שהוא ראוי לרוח הקדש, אלא שאין דורו כדאי לכך.״ נתנו עיניהם בהלל הזקן. כשמת, היו אומרים עליו: „הא ענו, הא חסיד, תלמידו של עזרא.״

שוב מעשה שנמנו בכרם ביבנה חכמי ישראל. — וכי בכרם היו? אלא זו סנהדרין, שעשויה שורות שורות, דגלים דגלים, כמטעה של כרם. — יצתה בת קול ואמרה להם: „יש ביניכם אדם אחד שהוא ראוי לרוח הקדש, אלא שאין דורו כדי לכך.״ נתנו עיניהם בשמואל הקטן. וכשמת אמרו עליו: „הא ענו, הא חסיד, תלמידו של הלל הזקן.״ אף הוא אמר ג׳ דברים בשעת מיתתו: „שמעון וישמעאל לחרבא, ושאר חברוהי לקטלא, ושאר עמא לביזא, ועקן סגיאן עתידין למיתי בעלמא.״ ובארמי אמרן. ואף על יהודה בן בבא התקינו, שיהו אומרין עליו: „הא ענו, הא חסיד, תלמידו של שמואל;״ אלא שנטרפה לו השעה, שאין מספידין הרוגי מלכות.

מעשה ששמע יוחנן כהן גדול בת קול יוצאת מקדש הקדשים ואמרה: „נצחו טליא דאזיל לאגחא קרבא באנטיוכיה.״ וכתבו אותו היום ואותה השעה, והיה כן, ובאותו היום נצחו. מעשה ששמע שמעון הצדיק בת קול יוצאת מבית קדש הקדשים ואומרת:

---

זאַמלונג״, בית מדרש. [10] דער דרש איז געבונדן מיטן פריערדיקן: איבער דעם וואָס נאָר טייל פון ישראל האָבן עולה געווען און טייל ניט, האָבן זיי אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש ניט זוכה געווען צו האָבן נביאים, וואָס האָבן גערעדט מיט רוח הקודש, און האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ בת־קול („אַן אָפּגעריבענע צורה״). אין הסכם מיט דעם האָבן מיר ביים אָנהייב דרש אַרויסגעלאָזט די ווערטער אני חומה (זע רד״ל; מהרז״ו). [11] סנהדרין יא, א. [12] דורכגעפירט אַן אָפּשטימונג וועגן אַן ענין אין הלכה. [13] גרופּעס־ווייז, ווי אונטער באַזונדערע פאָנען. [14] ר׳ עקיבאס אַ בן־דור. [15] רבן שמעון בן גמליאל און ר׳ ישמעאל כוהן גדול, פון די עשרה הרוגי מלכות. [16] אויך פון די עשרה הרוגי

חרוב מאַכן דעם בית המקדש, איז בטל געוואָרן; גיוסלוקין[19] איז געהרגעט געוואָרן, און זיינע גזירות זיינען בטל געוואָרן.״ און אויף אַראַמיש לשון האָט ער עס געהערט.

ר׳ חוניא פון ר׳ ראובנס וועגן: איז דער מלך אין שטאָט, שרייט מען צו אים, און ער טוט [וואָס מע בעט אים]. אויב דער מלך איז נישטאָ אין שטאָט, איז דאָרט פאַראַן זיין געשטאַלט, אָבער דאָס געשטאַלט קאָן ניט טאָן וואָס ־ער מלך טוט.[20]

ר׳ יוחנן און ר׳ שמואל בר נחמן. ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין פסוק שטייט (דברים כח, סה): ונתן ה׳ — און גאָט וועט דיר געבן דאָרטן אַן אומרואיק האַרץ, — ווי זיי זיינען אין גלות געגאַנגען,[21] אַזוי איז זיי אַריינגעגעבן געוואָרן אַן אומרו, און זי איז מיט זיי אַרויפגעגאַנגען [קיין ארץ ישראל]. ר׳ שמואל האָט געזאָגט: דאָרטן[21א] אַן אומרואיק האַרץ, — ווי זיי האָבן עולה געווען, אַזוי זיינען זיי אויסגעהיילט געוואָרן.

ווען ריש לקיש פלעגט זיי[22] זען זיך שטופּנדיק אין מאַרק, פלעגט ער זאָגן צו זיי: „צעשפּרייט זיך.״ ער פלעגט זיי זאָגן: „בשעת אייער עולה זיין זענט איר קיין מויער ניט געוואָרן, און אַהער זענט איר געקומען צו ווערן אַ מויער.״ ווען ר׳ יוחנן פלעגט זיי זען, פלעגט ער זיי עס פירוואַרפן; ער האָט געזאָגט: „אָט פלעגט דער נביא זיי פירוואַרפן, ווי דער פסוק זאָגט (הושע ט, יז): ימאסם — פאַראַכטן וועט זיי מיין גאָט, ווייל זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו אים [און זיי וועלן אומוואָגלען צווישן די פעלקער], זאָל איך זיי ניט פירוואַרפן?״

ר׳ אבא בר כהנא האָט געזאָגט: אויב דו זעסט אין ארץ ישראל בענק באַזעצט פון בבלער, קאָנסטו דערוואַרטן די טריט פון משיחן; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (איכה א, יג) פרש — ער האָט אויסגעשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס.[23] ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: אויב דו זעסט אַ פּערסיש פערד צוגעבונדן ביי די קברים[24] אין ארץ ישראל, קאָנסטו דערוואַרטן די טריט פון משיחן; פון וואַנען איז עס געדרונגען? (מיכה ה, ד) והיה זה — און דאָס וועט זיין דער שלום: ווען אשור וועט קומען אין אונדזער לאַנד, און ווען ער וועט טרעטן אין אונדזערע פּאַלאַצן, וועלן מיר אויפשטעלן אויף אים זיבן פּאַסטעכער. און דאָס זיינען די זיבן פּאַסטעכער: דוד אין מיטן, אדם און שת און מתושלח פון זיין רעכטער האַנט, אברהם און יצחק און משה פון זיין לינקער האַנט. און וואוהין איז יצחק אַוועק? יצחק איז אַוועק און זיך געזעצט ביי דער טיר פון גיהנום מציל צו זיין זיינע קינדער פון דער שטראָף פון גיהנום.[25] און אַכט פירשטלעכע לייט, — דאָס זיינען די אַכט פירשטן: ישי, שאול און שמואל, עמוס, צפניה, חזקיה, אליהו און דער מלך המשיח.[26]

---

מלכות. [17] דער זון פון שמעון החשמונאי. [18] ס׳איז אָנגענומען אַז אונטער טליא (קינדער) ווערן דאָ פאַרשטאַנען יוחננס זין וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די מלחמות מיט סיריע (אנטיוכיה). [19] לויטן ערוך השלם, און אַזוי אויך יאַסטראָוו און לוי, איז עס אַ פאַרגרייזונג פון גאַיוס (קאַיוס) קאַליגולאַ, וואָס האָט אין יאָר 40 גוזר געווען אַריינצו־

„בטילת עבידתא די אמר סנאה למיחרבא היכלא, ונהרג גיוסלוקין ובטלו גזירותיו.״ ובלשון ארמי שמען.

ר׳ חוניא בשם ר׳ ראובן: מלך במדינה, צועקים לו, והוא עושה. אם אין מלך במדינה, איקונין שלו שם; אלא שאין איקונין עושה מה שהמלך עושה.

ר׳ יוחנן ור׳ שמואל בר נחמן. ר׳ יוחנן אמר: כתיב (דברים כח): ונתן ה׳ לך שם לב רגז, — כיון (שעלו) [שגלו], רוגז ניתן, ועלה עמהם. ר׳ שמואל אמר: שמה לב רגז, — כיון שעלו, נתרפאו.

ריש לקיש כד הוה חמי להון מצמתין בשוקא, הוה אמר להון: „בדרו גרמיכון.״ א״ל: „בעליתכם לא נעשיתם חומה, וכאן באתם לעשות חומה.״ ר׳ יוחנן כד חמי להון, הוה מקנתר להון; אמר: „מה נביא מקנתר להון, שנאמר (הושע ט): ימאסם אלהי, כי לא שמעו לו, ואנא לית אנא מקנתר להון?״

א״ר אבא בר כהנא: אם ראית ספסלין מלאין בבליין בארץ ישראל, צפה לרגלי מלך המשיח; מה טעם? (איכה א): פרש רשת לרגלי. תני ר׳ שמעון בן יוחאי: אם ראית סוס פרסי קשור בקברי ארץ ישראל, צפה לרגליו של משיח; מה טעם? (מיכה ה): והיה זה שלום: אשור כי יבוא בארצנו וכי ידרוך בארמנותינו, והקמנו עליו שבעה רועים, וגו׳. ואלו הן שבעה רועים: דוד באמצע, אדם ושת ומתושלח מימינו, אברהם ויעקב ומשה משמאלו. ויצחק להיכן הלך? הלך וישב על פתחה של גיהנם להציל בניו מדינה של גיהנם. ושמונה נסיכי אדם, — אלו הן שמונה נסיכים: ישי, שאול ושמואל, עמוס, צפניה, חזקיה, אליהו ומלך המשיח.

---

שטעלן זיין סטאַטוע אין בית המקדש, און שמעון הצדיק זאָל זיין אידענטיש מיט דעם שמעון, וואָס האָט, לויט יוסיפוס (אַלטערטימלעכקייטן 19, 7, 4) געוואָגט אויסצורעדן אגריפא דעם ערשטן פאַר זיין ניט גענוג הייליקער אויפפירונג (זע ב״צ לוריא, מגילת תענית כו, ז״ז 184—187). זיכער איז ער ניט אידענטיש מיט שמעון הצנוע (תוספתא כלים, בבא קמא א, 6, ווי יעבץ וויל האָבן (דאָרט, באַמ. 7): יענער איז געווען אַ בן־דור פון ר׳ אליעזרן און ר׳ עקיבאַן. [20] און אַזוי איז אַ בת־קול ניט דאָס זעלבע ווי דער רוח הקודש. [21] „שגלו״, אַנשטאָט „שעלו״ (ווען זיי האָבן עולה געווען), — אַזוי איז מחייב דער אינהאַלט און אַזוי עמענדירט אויך רד״ל. [21א] אין טעקסט שמה, מיט אַ צוגעגעבענער הא (ניט ווי אין פסוק), מסתמא צו אַקצענטירן, אַז דער פסוק באַציט זיך נאָר אויף דאָרטן. [22] עולים פון בבל. [23] פרש, מיט אַ „לינקער שין״, לייענט זיך דאָ ווי פרס: ווען יידן וועלן עולה זיין פון פרס (דאָ אידענטיש מיט בבל, און ווייטער אויך מיט אשור) אין גרויסע צאָלן, וועט עס זיין ווי אַ נעץ צו ברענגען משיחן. אַדער: ווען מלכות פרס (פּאַרטיע), וואָס איז געווען אין שטענדיקן קאַמף מיט רוים, וועט איינגעמען ארץ ישראל,

## יב

(יא) כרם — אַ ווײנגאָרטן האָט געהאַט שלמה. [אַ ווײנגאָרטן], דאָס איז ישראל, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ה, ז): כי כרם — וואָרום דער ווײנגאָרטן פון גאָט פון צבאות איז דאָס הויז פון ישראל; — האָט געהאַט שלמה, דער מלך וואָס דער שלום איז זײנער; אין בעל־המון, [לײען] „המון בעל״ דען זײ האָבן זיך מאַסנווײז געריסן נאָכן בעל, ווי דער פסוק זאָגט (שופטים י, ו): ויעבדו — און זײ האָבן געדינט די בעל־געטער און די עשתרות, און דעריבער זײנען אָנגעקומען אויף זײ מחנות[1] [אַ סך, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה יז, יב): הוי — אַ, די מחנות[2] פון פיל אומות. — נתן — האָט ער איבערגעגעבן דעם ווײנגאָרטן צו די היטערס][3], ער האָט אויפגעשטעלט איבער זײ וואַכן; איש — אַ מאַן האָט ער געבראַכט[4] אויף זײן פּרוכט, — טויזנט זילבערשטיק[5], — ער האָט געבראַכט אַ מאַן אויף זײן פּרוכט, און ער האָט געפונען אין דעם טויזנט צדיקים, שלימותדיק אין תורה און מעשים טובים.[6]

אַן אַנדער פּשט: אַ ווײנגאָרטן, דאָס איז [ארץ] ישראל,[7] ווי דער פסוק זאָגט(ירמיה ב, ז): ואביא אתכם — און איך האָב אײך געבראַכט אין אַ פּרוכטיק[8] לאַנד; (דברים יא, יב) ארץ — אַ לאַנד וואָס גאָט דײן גאָט זאָרגט וועגן דעם; — האָט געהאַט שלמה, דער מלך וואָס דער שלום איז זײנער; אין בעל־המון, [אינעם לאַנד ] וואָס עס רײסן זיך נאָך דעם אַן אַ שיעור מלכותן.[9] דאָס איז ווי אין פסוק שטײט (יהושע ז, כא): וארא — און איך האָב געזען אין דעם רויב אַ מאַנטל אַ גוטן פון שנער[10] — ר' חנינא בר יצחק האָט געזאָגט: אַ בבלער פּורפּל מאַנטל — ווי קומט בבל אַהער? [וועגן דעם] האָט ר' שמעון בן יוחאי געלערנט: דער מלך פון בבל האָט געהאַט אַ שני למלך[11] אין יריחו, פלעגט דער שיקן יענעם טײטלען,[12] און יענער פלעגט שיקן דעם מתנות.[13] דאָס איז וואָס מע זאָגט: איטלעכער מלך וואָס האָט ניט געהאַט אין ארץ ישראל קײן שני למלך, האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר קײן מלך. האָט ער איבערגעגעבן דעם ווײנגאָרטן צו די היטערס, דאָס איז נבוכדנצר; איש — אַ מאַן האָט ער געבראַכט אויף זײן פּרוכט, — טויזנט זילבערשטיק,[14] — ער האָט געבראַכט אַ מאַן אויף זײן פּרוכט, און ער האָט אָפּגעקליבן פון זײ טויזנט צדיקים, שלימותדיק אין תורה און מעשים טובים. דאָס איז ווי אין פסוק שטײט (מלכים ב, כד, טז): החרש — די מײנסטערס און די שלאָסערס טויזנט, — די מײנסטערס טויזנט און די שלאָסערס טויזנט; און די רבנן זאָגן: די און די צוזאַמען טויזנט.[15]

---

ווען עס זײן ווי אַ נעץ צו ברענגען משיחן. [24] אין אסתר רבה א, מא, איז דאָס וואָרט „בקברי״ נישטאָ. [25] פאַרגלײך די גמרא אין שבת (פט, ב) אויפן פסוק אין ישעיה (סג, טז) „וואָרום אברהם ווײסט אונדז ניט און ישראל קאָן אונדז ניט: יצחק איז דער אײנציקער פון די אבות וואָס שטעלט זיך אײן צו בעטן בײ׳ הקדוש ברוך הוא רחמים אויף זײנע קינדער. [26] ס'איז ניט צו געפינען אין די מקורות קײן דערקלערונג צו די דאָזיקע נעמען. רש״י (סוכה נב, ב) זאָגט: איך ווײס ניט, פון וואַנען דאָס איז געדרונגען, כאָטש וועגן די זיבן פאַסטעכער פּרוּווט ער יאָ געבן אַ דערקלערונג. מהרש״א (דאָרט) זאָגט: אַזאַ קבלה האָבן זײ (די בעלי אגדה) געהאַט.

## יב

(יא) כרם היה לשלמה, אלו ישראל, **שנאמר** (ישעיה ה): כי כרם ה' צבאות בית ישראל; — היה לשלמה, **למלך שהשלום שלו**; בבעל המון, — **המון בעל, שהמו אחרי הבעל, המד"א** (שופטים י): ויעבדו את הבעלים ואת העשתרות, **לפיכך באו עליהן המונות [רבים, המד"א** (ישעיה יז): הוי, המון עמים רבים; — נתן את הכרם לנוטרים], **העמיד עליהם משמרות**; איש יביא בפריו אלף כסף, **הביא איש על פריו, ומצא בו אלף צדיקים, שלמים בתורה ובמעשים טובים.**

**ד"א**: כרם, (אלו) [זו ארץ] **ישראל, שנאמר** (ירמיה ב): ואביא אתכם אל ארץ הכרמל; (דברים יא) ארץ אשר ה' אלהיך דורש אותה; — היה לשלמה, **למלך שהשלום שלו**; בבעל המון, **שהמו (אחרי) [אחריה] המוני המוניות דמלכוותה. הה"ד** (יהושע ז): וארא בשלל אדרת שנער אחת טובה — **ר' חנינא בר יצחק אמר: פורפירה בבליא. — מה בבל עבדא הכא? תני ר' שמעון בן יוחאי: מלך בבל היה (וקנה) [לו קצין] ביריחו, והיה זה משלח לזה כותבות וזה משלח לזה דורוניות. הדא אמר: כל מלך שלא היה לו קצין בארץ ישראל לא היה תופס בעצמו שהוא מלך.** נתן את הכרם לנוטרים, **זה נבוכדנצר**; איש יביא בפריו אלף כסף, **הביא איש על פריו וליקט מהן אלף צדיקים שלמים בתורה ובמעשים טובים. הה"ד** (מלכים ב, כד): החרש והמסגר אלף, **החרש אלף והמסגר אלף; ורבנן אמרי: זה וזה אלף.**

## יג

**ד"א**: כרם, **זו סנהדרין, דתנינן תמן: שלשה דברים העיד ר' ישמעאל לפני חכמים בכרם ביבנה, וקבלו דבריו, — וכי בכרם**

---

### יג

אַן אַנדער פשט: אַ וויינגאָרטן, דאָס איז דער סנהדרין, ווי מיר האָבן דאָרט[1] געלערנט: וועגן דריי זאַכן האָט ר' ישמעאל עדות געזאָגט פאַר די חכמים אינעם וויינגאָרטן אין יבנה, און מע האָט אָנגענומען זיינע ווערטער, —

---

יב. [1] המונות. [2] לויטן דרש. [3] צוגעגעבן לויטן אות אמת; אָן דעם איז דער טעקסט פעליק. [4] נבוכדנצרן. [5] לויטן פשט: איש — איטלעכער זאָל ברענגען פאַר זיין פרוכט טויזנט זילבערשטיק. [6] וועגן די טויזנט צדיקים זע ווייטער דעם דרש אויף מלכים ב, כד, טז. [7] טעקסט ענדערונג אין הסכם מיט די מפרשים, און אַזוי איז אויך דער נוסח פון אות אמת. [8] כרמל — כרם. [9] המון, מאַסע, ווי אויבן, און בעל — דער באַגער צו

**אָבער זיינען זיי דען געזעסן אין אַ ווײַנגאָרטן? נייערט דאָס איז דער סנהדרין, וואו מע איז געזעסן שורותווייז, ווי אַ ווײַנגאָרטן. האָט געהאַט שלמה, דער מלך וואָס דער שלום איז זײַנער.** — — —[2]

[אַן אַנדער פשט: אַ ווײַנגאָרטן **דאָס איז ישראל פאַרן באַרג סיני; האָט** געהאַט שלמה, **דער מלך וואָס דער שלום איז זײַנער**][3]; אין בעל המון, **וואו זיי האָבן זיך מאַסנווייז גערוסן נאָכן מאַן,**[4] **דעריבער זיינען אָנגעקומען אויף זיי מאַסן, וואָרום ס'האָבן זיך מאַסנווייז גערוסן נאָך איר**[5] **מחנות מלכים,**[6] **ווי אין פסוק שטייט** (תהלים סח, יג): מלכי — די מלכים פון [גאָט פון] צבאות[7] טוען לויפן און לויפן. **ר' יודן אין נאָמען פון ר' איניין: „מלאכים פון צבאות" שטייט דאָ ניט,** נייערט מלכי, מלכים, **דאָס מיינט די מלכים פון מלאכים: אפילו מיכאל,** אפילו גבריאל, לויפן און לויפן. **ר' יודן האָט געזאָגט: ידודון**[8] **מיינט: זיי טוען וואַרפן וועגן זיי קוויטלעך;**[9] **דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (יואל ד, ג): ועל עמי — און אויף מײַן פאָלק טוען זיי וואַרפן[10] גורל.

**ר' יודן בר' סימון האָט געזאָגט: ידודון — זיי טוען פירן ביים אַוועקגיין, ידודון — זיי טוען פירן ביים צוריקגיין.**[11] **ר' אחווא דער זון פון ר' זעיראן האָט געזאָגט: ער האָט זיי געמאַכט ווי וועטלויפערס; דאָס איז ווי דער פסוק זאָגט** (שמואל ב, יח, כב): למה — נאָך וואָס־זשע טוסטו לויפן, מײַן זון?[12]

**וואָס מיינט** ונות — און די שיינע[13] פון הויז צעטיילט רויב?[14] **„די שיינע וואָס אין הויז, דאָס איז די תורה, און דו גיסט זי אַוועק צו אים,**[15] **און זי צעטיילט אונטן**[16] **רויב."**[17] **אַן אַנדער פשט:** און די שיינע פון הויז,[18] **דער שיינער**

---

**ווערן בעל־הבית איבערן לאַנד.** [10] **אידענטיש מיט בבל.** [11] **טעקסט עמענדירט לויטן** אות אמת, און ענלעך צו דעם איז דער נוסח אין בראשית רבה פה, יד. [12] **יריחו איז** געוועזן באַרימט מיט אירע טייטלען (יריחו, די שטאָט פון טייטלביימער, — דברים לד, ג). [13] **און דער מאַנטל איז געוועזן איינע פון יענע מתנות.** [14] **זע באַם. 4, 5.** [15] **וועגן דער אויסטייטשונג פון דעם פסוק זע אויבן ז, יח, באַם. 13.**

יג. [1] עדיות ב, ד. [2] **ס'איז קלאָר, אַז דאָ פעלן שורות, דער סוף פון** דעם **דרש און דער אָנהייב פון ווייטערדיקן.** [3] **דער צוגאָב איז אונדזער השערה, געבויט אויפן אינהאַלט פונעם ווייטערדיקן דרש.** [4] **נאָך גאָט, וואָס איז, כביכול, דער מאַן פון דער כנסת ישראל.** [5] **נאָך דער תורה ווי ווייטער. טעקסט ענדערונג לויטן** רש"ש. [6] **הימלישע מלכים, ווי ווייטער.** [7] **לויטן דרש.** [8] **לויטן פשט:** טוען לויפן. [9] **קומען פאַר גאָט מיט טענות, און ניט וואַגנדיק צו עפענען אַ מויל, שרייבן זיי עס אָן אויף קוויטלעך. — טעקסט ענדערונג אין הסכם מיטן** רד"ל, **און אַזוי איז דער נוסח אין דער ראָם אויסגאַבע מיטן עץ יוסף** (תרנ"ז) [10] **ידו — ידודון.** [11] **ר' יודן דרשנט די טאָפּלקייט פונעם וואָרט און טײַטשט עס לויט דער גמרא** (שבת פח, ב), **וואָס לייענט אַנשטאָט ידודון — ידדו, פון דדה, פירן: ביי איטלעכער פון די עשרת הדיברות, ווען יידן האָבן דערהערט גאָטס קול, פלעגן זיי, פון גרויס פחד, צוריקלויפן צוועלף מייל; פלעגן די מלאכים מיטלויפן מיט זיי און זיי צוריקפירן. — ר' יודן בר' סימון איז דאָ דער איינציקער וואָס טײַטשט דאָס לויפן פון די מלאכים לטובת ישראל, האָבן מיר אויסגעטיילט זיינע ווערטער באַזונדער.** [12] **דאָרט וויל אחימעץ איבעריאָגן דעם כושי, מיינט עס, אַז דער פועל רוץ, לויפן, קאָן געניצט ווערן פאַר וועטגעלויף.** [13] **לויטן דרש.** [14] **דער סוף פון אונדזער פסוק.** [15] **משהן.** [16] **צו־**

היו יושבין? אלא זו סנהדרין, שעשויה שורות שורות ככרם. היה לשלמה, למלך שהשלום שלו. — — —

[ד"א: כרם, אלו ישראל לפני הר סיני; היה לשלמה, למלך שהשלום שלו]; בבעל המון, שהמו אחרי הבעל, לפיכך באו עליהם המונים, שהמו אחריה(ם) המוני מלכים; הה"ד (תהלים סח): מלכי צבאות ידודון ידודון. ר' יודן בשם ר' איני: „מלאכי צבאות" אין כתיב כאן, אלא מלכי, הן מלכיהון דמלאכייא: אפילו מיכאל, ואפילו גבריאל, ידודון ידודון. ר' יודן אמר: ידודון — (בהם ממדדין) [מדדין בהם] פיטקין; המד"א (יואל ד): ועל עמי ידו גורל. — — —

ר' יודן בר' סימון אמר: ידודון בהליכה, ידודון בחזירה. ר' אחווא בריה דר' זעירא אמר: עשאן מרוצין; המד"א (שמואל ב, יח): למה זה אתה רץ, בני, וגו'.

מהו ונות בית תחלק שלל? „הנוה שבבית, זו התורה, ואת נותנה לו, והיא מחלקת שלל [למטה]!„ ד"א: ונות בית (הנוה שבבית את מחלקת שלל למטה), — הנוה שבבית, זה משה, שנאמר (במדבר יב): בכל ביתי נאמן הוא; „ואת נותנה לו, והוא מחלקה שלל לתחתונים!"

ר' פנחס ור' אחא בשם ר' אלכסנדרי: כתיב (תהלים ח): ה' אדונינו, מה אדיר שמך בכל הארץ, אשר תנה הודך על השמים. ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי: „תנה הודך" אין כתיב כאן, אלא אשר תנה הודך, — „(הודכה בה) [הודך הוא], אישורך הוא,

---

וואָס אין הויז איז משה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יב, ז): בכל ביתי — אין מיין גאַנץ הויז איז ער באַגלויבט; „און דו גיסט זי אַוועק צו אים, און ער צעטיילט זיי ווי רויב צו די אונטערשטע!"[19]

ר' פינחס און ר' אחא פון ר' אלכסנדריס וועגן: אין פסוק שטייט (תהלים ח, ב): ה' אדונינו — גאָט אונדזער האַר, ווי מאַכטיק איז דיין נאָמען אויף דער גאַנצער ערד! אשר תנה — דיין לויב איז צו געבן דיין פראַכט אויפן הימל.[20] ר' יהושע פון סיכנין פון ר' לויס וועגן: דאָ שטייט ניט תנה הודך — גיב דיין פראַכט, נייערט אשר תנה הודך, — ס'איז דיין פראַכט,[21] ס'איז דייך

---

גאָב לויט ווייטער, סוגעסטירט פון רד"ל. [17] די תורה פאַרשפּרייט אירע מצוות צווישן ישראל. [18] דאָס אויסגעלאָזטע אין טעקסט איז אַ טעותדיקע איבערחזרונג. [19] לויט דער גמרא (שבת פט, א) איז עס געבויט אויפן פסוק (דאָרט, פסוק יט): עלית — ביסט אַרויף אויפן הימל, האָסט געפאַנגען אַ געפאַנג. [20] לויטן ווייטערדיקן דרש. [21] ענדע־

לויב,[22] אַז דיין תורה זאָל זיין אין הימל." האָט ער געזאָגט צו זיי: „ניין, ניט פון אייך קען אַרויסקומען [אמתע] גלוסטונג."[23] ר' יודן האָט געזאָגט: [ס'איז געגליכן] צו איינעם וואָס האָט געהאַט אַ זון מיט אַפּגעהאַקטע פאָדער־פינגער. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט אים אָוועקגעפירט צו אַ זייד־וועבער אים אויסצולערנען די מלאכה. האָט יענער אַ קוק געטאָן אויף זיינע פינגער און געזאָגט: „די דאָזיקע מלאכה ווערט ניט אַנדערש געטאָן, נייערט מיט די פאָדער־פינגער; ווי אַזוי וועט ער זיך אויסלערנען?" דאָס מיינט: „ניט פון אייך וועט אַרויסקומען גלוסטונג. אַזוי, בשעת הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט געבן די תורה צו ישראל, האָבן די מלאכים געוואָרפן [קוויטלעך] קעגן ישראל, און זיי האָבן [זיך] געוואָרפן [24] פאַר הקדוש ברוך הוא און געזאָגט: „ריבונו של עולם! ס'איז דיין לויב, דיין פּראַכט, דיין כבוד, אַז דיין תורה זאָל זיין אין הימל." האָט ער געזאָגט צו זיי: „ניט פון אייך וועט אַרויסקומען גלוסטונג. אין דער תורה שטייט געשריבן (ויקרא טו, כה): ואשה — און אַ פרוי, אַז איר בלוטפלוס וועט פליסן אַ סך טעג, — געפינט זיך דען אַ פרוי צווישן אייך? מיינט עס: ניט פון אייך וועט אַרויסקומען גלוסטונג. און ווידער שטייט אין דער תורה (במדבר יט, יד): אדם — אַז אַ מענטש וועט שטאַרבן אין געצעלט, — איז דען פאַראַן טויט ביי אייך? מיינט עס: ניט פון אייך וועט אַרויסקומען גלוסטונג." דאָס איז וואָס דער פסוק לויבט אים[25] (תהלים סח, יט): עלית — ביסט אַרויף אויפן הימל, האָסט געפאַנגען אַ געפאַנג, [האָסט גענומען מחנות אין מענטשן],[26] — ר' אחא האָט געזאָגט: דאָס זיינען די הלכות וואָס זיינען נוהג ביי מענטשן, אַ שטייגער בלוטפלוסיקע מענער און פרויען, נידות און קימפעטאָרינס; דאָס מיינט: „ניט פון אייך וועט אַרויסקומען גלוסטונג."[27]

און די רבנן זאָגן: [ס'איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט אויסגעגעבן זיין טאָכטער אויסער שטאָט. האָבן געזאָגט צו אים די שטאָט־לייט: „אונדזער האַר מלך! ס'איז פאַר דיין לויב און ס'געהער צו זיין, אַז דיין טאָכטער זאָל זיין מיט דיר אין שטאָט." האָט ער געזאָגט צו זיי: „וואָס מאַכט עס אייך אויס?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „טאָמער וועסטו מאָרגן גיין צו איר און וואוינען מיט איר פון וועגן דיין ליבשאַפט [צו איר]." האָט ער געזאָגט צו זיי: „מיין טאָכטער וועל איך אויסגעבן אויסער דער שטאָט, אָבער איך וועל וואוינען מיט אייך אין שטאָט." אַזוי, ווען הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט געבן די תורה צו ישראל, האָבן די מלאכים געזאָגט צו הקדוש ברוך הוא: „ריבונו של עולם! אשר תנה הודך על השמים, — ס'איז דיין לויב, דיין פּראַכט, דיין שבח, אַז די תורה זאָל זיין אין הימל." האָט ער געזאָגט צו זיי: „וואָס מאַכט עס אייך אויס?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „טאָמער וועסטו מאָרגן לאָזן רוען דיין שכינה צווישן די אונטערשטע." האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו זיי: „מיין תורה גיב איך צו די אונטערשטע, אָבער איך וועל וואוינען צווישן די אייבערשטע. איך וועל אָפּגעבן מיין טאָכטער מיט איר נדן[28] אין אַן אַנדער מדינה, אַז זי זאָל מיט איר שיינקייט און גלוסטיקייט

שתהא תורתך בשמים.״ אמר לון: ,,לאו, לית שוקה נפיק מן גביכון.״ א״ר יודן: לאחד שהיה לו בן גידם אצבעים. מה עשה? הוליכו אצל סרקאריס ללמדו אומנות. התחיל מסתכל באצבעותיו; אמר: ,,כל עצמה של אומנות זו אינה נקנית אלא באצבעים; היאך זה שילמד?״ הוי: ,,לית שוקה נפיק מן גביכון.״ כך בשעה שבקש הקב״ה ליתן תורה לישראל, היו מלאכי השרת מדדין להם לישראל, והוא מדדין לפני הקב״ה ואומרים: ,,רבש״ע! אישורך הוא, לודך הוא, כבודך הוא, שתהיה תורתך בשמים.״ אמר לון: ,,לית שוקה נפיק מן גביכון. כתיב בה (ויקרא טו): ואשה כי יזוב זוב דמה ימים רבים, — וכי יש אשה ביניכם? הוי: לית שוקה נפיק מן גביכון. ועוד כתיב (במדבר יט): אדם כי ימות באהל, — וכי יש מיתה ביניכם? הוי: לית שוקה נפיק מן גביכון.״ הוא שהכתוב משבחו (תהלים סח): עלית למרום, שבית שבי, [לקחת מתנות באדם], — א״ר אחא: אלו הלכות שנוהגות בבני אדם, כגו: זבין וזבות, נדות ויולדות; הוי: לית שוקה נפיק מן גביכון.

ורבנן אמרי: למלך שמשיא בתו חוץ למדינה. אמרו לו בני המדינה: ,,אדונינו המלך! שבחך הוא ובדין הוא, שתהא בתך אצלך במדינה.״ א״ל: ,,וכי מה איכפת לכם?״ א״ל: ,,שמא למחר אתה הולך אליה ודר אצלה ועמה בשביל אהבתה.״ א״ל: ,,בתי אשיא חוץ למדינה, אבל אני דר עמכם במדינה.״ כך בשעה שאמר הקב״ה ליתן תורה לישראל, אמרו לו מלאכי השרת להקב״ה: ,,רבש״ע! אשר תנה הודך על השמים, — אישורך הוא, הודך הוא, שבחך הוא, שתהיה תורה בשמים.״ א״ל: ,,וכי מה איכפת לכם?״ א״ל: ,,שמא למחר אתה משרה שכינתך בתחתונים.״ א״ל הקב״ה: ,,תורתי אני נותן בתחתונים, אבל אני דר בעליונים. אני נותן את בתי בכתובתה במדינה אחרת, שתתכבד עם בעלה ביפיה ובחמדתה, שהיא בת מלך ויכבדוה. אבל אני דר בעליונים.״ ומי פירש זה? חבקוק, שנאמר (חבקוק ג):

---

לעבן בכבודיק מיט איר מאַן;[29] וואָרום זי איז אַ בת־מלך, וועט מען זי האַלטן בכבוד. אָבער איך וועל וואוינען מיט די אייבערשטע.״ און ווער האָט עס קלאָר אַרויסגעבראַכט? חבקוק, ווי דער פסוק זאָגט (חבקוק ג, ג): כסה — עס

---

רונג לויטן אות אמת, [22] אשר ווערט דאָ געטייטשט לויט ויאשרוה — און זיי האָבן זי געלויבט (משלי לא, כח). [23] נאָך תורה, ווי ווייטער. [24] דער דרש איז געבויט אויף דעם

האָט פאַרדעקט די הימלען זיין פראַכט, און מיט זיין ליבע איז פול די ערד. ר׳ סימון האָט געזאָגט פון וועגן ר׳ יהושע בן לוין: וואו נאָר הקדוש ברוך הוא האָט געלאָזט רוען זיין תורה, דאָרט האָט ער געלאָזט רוען זיין שכינה.[30] און ווער האָט עס קלאָר אַרויסגעבראַכט? דוד, ווי אין פסוק שטייט (תהלים קמח, יג): יהללו — זיי טוען לויבן דעם נאָמען פון גאָט, וואָרום דערהויבן איז זיין נאָמען אַליין; זיין פראַכט איז איבער ערד און הימל, — קודם איבער דער ערד, און ערשט נאָך דעם איבערן הימל.

יד

(יב) כרמי — מיין אייגענער ווייגאָרטן איז פאַר מיר. ר׳ חייא האָט גע־לערנט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף זיין זון און האָט אים איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון זיין קנעכט. וואָס האָט יענער געטאָן? ער האָט אים גענומען שלאָגן מיט אַ שטעקן און האָט אים געזאָגט: „זאָלסט זיך ניט צוהערן צו דיין פאָטער.״ האָט ער געזאָגט צו אים: „דו נאַר איינער! די גאַנצע זאַך וואָס מיין פאָטער האָט מיך איבערגעענטפערט אין דיין האַנט איז ניט אַנדערש, נייערט דערפאַר וואָס איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו אים; און דו זאָגסט מיר: ׳הער זיך ניט צו צו דיין פאָטער׳.״ אַזוי, אַז די זינד האָבן גורם געווען, און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, האָט נבוכדנצר געזאָגט צו זיי: „איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו דער תורה פון אייער פאָטער אין הימל, נייערט (דניאל ג, טו): תפלון — איר זאָלט אַנידערפאַלן און זיך בוקן צו דער געשטאַלט וואָס איך האָב געמאַכט.״ האָבן די יידן געזאָגט צו אים: „דו נאַר איינער! די גאַנצע זאַך וואָס הקדוש ברוך הוא האָט אונדז איבערגעענטפערט אין דיין האַנט איז ניט אַנדערש, נייערט דערפאַר וואָס מיר פלעגן זיך בוקן צו דער געשטאַלט, ווי אין פסוק שטייט (יחזקאל כג, יד): צלמי — געשטאַלטן פון כשדים געצייכנט מיט רויטער פאַרב; און דו זאָגסט אונדז: ׳איר זאָלט פאַלן און זיך בוקן צו דער געשטאַלט וואָס איך האָב געמאַכט,׳ — ווי צו דעם דאָזיקן מענטשן!״ דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: מיין אייגע־נער ווייגאָרטן איז פאַר מיר.[1] האָט געזאָגט פאַר אים דער דאָזיקער רשע: ״טויזנט זיינען זיי געווען,[2] אָבער זיי זיינען געמינערט געוואָרן און זיינען געוואָרן צוויי הונדערט מאַן״.[3] האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: „ווי צו דעם דאָזיקן רשע, דעם פאַרעיפושטן טראַפּן! טויזנט זיינען זיי געווען, און דאָ האָבן זיי זיך געמערט און זיינען געוואָרן צוויי מאָל הונדערט טויזנט״.[4]

האלף — די טויזנט זיינען פאַר דיר, שלמה. ר׳ הילל דער זון פון ר׳ שמואל בר נחמן: דער רבי נעמט טויזנט און דער תלמיד נעמט אַ שכר פון צוויי הונדערט; פון וואַנען איז עס געדרונגען? די טויזנט זיינען פאַר דיר,

וואָס אין פסוק שטייט צוויי מאָל ידודון. [25] משהן. [26] צוגעגעבן אין הסכם מיטן אות אמת. [27] פאַרגלייך שבת פח, ב—פט, א — משהס אויסטענהן זיך מיט די מלאכים. [28] ווערטערלעך: כתובה, וואַרשיינלעך — די תורה שבעל־פה. [29] מיט ישראל. [30] פאַר־גלייך אבות ג, ג.

כסה שמים הודו, ותהלתו מלאה הארץ. **ר׳ סימון בשם ר׳ יהושע בן לוי אמר: כל מקום שהשרה הקב״ה תורתו, השרה שכינתו. ומי פירש זה? דוד; הה״ד** (תהלים קמח): יהללו את שם ה׳, כי נשגב שמו לבדו, הודו על ארץ ושמים, — **קודם על הארץ ואחר כך על השמים.**

יד

(יב) כרמי שלי לפני. **תני ר׳ חייא: למלך שכעס על בנו ומסרו ביד עבדו. מה עשה? התחיל חובט עליו במקל; א״ל: „אל תשמע לאביך.״ א״ל: „שוטה שבעולם! כל עצמו של אבא לא מסרני לידך, אלא על ידי שלא הייתי שומע לו; ואתה אומר לי: ׳אל תשמע לאביך׳.״ כך, כיון שגרמו העונות וחרב בית המקדש וגלו ישראל לבבל, אמר להם נבוכדנצר: „אל תשמעו לתורת אביכם שבשמים, אלא** (דניאל ג) תפלון ותסגדון לצלמא די עבדת.״ **א״ל ישראל: „שוטה שבעולם! כל עצמנו לא מסרנו הקב״ה לידך, אלא שהיינו משתחוים לצלם; המד״א** (יחזקאל כג): צלמי כשדים חקוקים בששר; **ואת אמר לן:** ׳תפלון ותסגדון לצלמא די עבדת׳, — **ווי ליה להוא גברא!״ באותה שעה אמר הקב״ה:** כרמי שלי לפני. **אמר לפניו אותו רשע: „אלף היו ונתמעטו, ונעשו מאתים איש.״ א״ל הקב״ה: „אוי לו לאותו רשע, לחה סרוחה! אלף היו, ונתרבו כאן ונעשו מאתים אלף.״**

האלף לך שלמה. **ר׳ הלל בריה דר׳ שמואל בר נחמן: הרב נוטל אלף ותלמיד נוטל שכר מאתים; מה טעם?** האלף לך שלמה. **ר׳ אלכסנדרי אמר: אין הרב נוטל שכר על תלמודו, עד שישלימנו לאחרים; מה טעם?** האלף לך — שלמה.

---

שלמה.[5] **ר׳ אלכסנדרי האט געזאגט: דער רבי נעמט ניט קיין שכר פאַר זיין לערנען, ביז ער צאָלט ניט אָפּ פריער די אַנדערע;[6] פון וואַנען איז עס געדרונגען?** די טויזנט זיינען פאַר דיר — נאָך דיין באַצאָלן.[7]

---

יד. [1] **ישראל שטעלט זיך אויס צו געפאַר פון וועגן הקדוש ברוך הוא.** [2] **די צדיקים,** — לויט דער אויסטייטשונג פון מלכים ב, כד, טז (**זע** אויבן ח, סוף סימן יב, און **ז**, יח, באַמ. 13. [3] גע**בויט אויפן סוף פון אונדזער פסוק:** ומאתים — און צוויי הונדערט פאַר די וואָס היטן אָפּ זיין פרוכט. [4] **טייטשנדיק דעם פסוק: איטלעכער פון דיינע טויזנט, שלמה (גאָט), האָט אויפגעשטעלט אונטער דער הערשאַפט פון די וואַכן נייע צוויי הונדערט צדיקים. פאַרגלייך** ד, יא: „**די צדיקים וואָס זי** (ירושלים) **האָט מיר אויפגעשטעלט אין איר חורבן זיינען מער פון די צדיקים וואָס זי האָט מיר אויפגעשטעלט אין איר אויפגעבויטקייט**״ (יפה קול). [5] **ווייל שלמה איז געווען דער „חכם מכל אדם״** (מלכים א, ה, יא),

ר׳ חייא דער זון פון ר׳ אבא פון יפו האָט געזאָגט: דער וואָס לערנט תורה מיט מאַטערניש, באַקומט טויזנט; אַן מאַטערניש, באַקומט ער זיין שכר צוויי הונדערט. פון וועמען לערנסטו עס אָפּ? פון דעם שבט יששכר און פון דעם שבט נפתלי. דער שבט נפתלי, דערפאַר וואָס זיי פלעגן לערנען תורה מיט מאַטערניש,[8] האָבן זיי באַקומען אין לוין טויזנט, ווי אין פסוק שטייט (דברי הימים א, יב, לה): ומנפתלי — און פון נפתלי טויזנט האַרן; אָבער דער שבט יששכר, דערפאַר וואָס זיי פלעגן לערנען תורה אָן מאַטערניש,[9] האָבן זיי באַקומען אין לוין צוויי הונדערט, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט, דאָרט, לג): ראשיהם — זייערע עלטסטע צוויי הונדערט, און זייערע אַלע ברידער [האָבן געוואַרט אויפן וואָרט] פון זייער מויל.[10] ר׳ יודן האָט געזאָגט פון ר׳ בונס וועגן: דער וואָס לערנט תורה ניט אין זיין אָרט, באַקומט אין לוין טויזנט; און אויב אין זיין אָרט, באַקומט ער אין לוין צוויי הונדערט. און פון וועמען לערנסטו עס אָפּ? פון דעם שבט יששכר און פון דעם שבט נפתלי. דער שבט נפתלי, דערפאַר וואָס זיי פלעגן לערנען תורה ניט אין זייער אָרט, האָבן זיי באַקומען אין לוין טויזנט, ווי אין פסוק שטייט: און פון נפתלי טויזנט האַרן; אָבער דער שבט יששכר, דערפאַר וואָס זיי האָבן געלערנט תורה אויף זייער אָרט, האָבן זיי באַקומען אין לוין צוויי הונדערט, ווי דער פסוק זאָגט: זייערע עלטסטע צוויי הונדערט, און זייערע אַלע ברידער [האָבן געוואַרט אויפן וואָרט] פון זייער מויל.

טו

(יג) היושבת — דו, וואָס דו זיצסט אין די גערטנער, די חברים הערן ידיך צו צו דיין קול; לאָז עס מיך הערן. ר׳ נתן האָט געזאָגט פון ר׳ אחאס וועגן: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס איז אין כעס געוואָרן אויף זיינע קנעכט און האָט זיי פאַרשפאַרט אין תפיסה. וואָס האָט דער מלך געטאָן? ער האָט גענומען אַלע זיינע זעלנערס און זיינע קנעכט און איז געגאַנגען הערן, וואָס זיי זאָגן. האָט ער געהערט, ווי זיי האָבן געזאָגט: „אונדזער האַר דער מלך, ער איז אונדזער לויב, ער איז אונדזער לעבן, מיר וועלן קיין מאָל ניט זיין פעליק צו אונדזער מלך!" האָט ער געזאָגט צו זיי: „קינדער מיינע,

---

ווערט דער רבי באַצייכנט מיט זיין נאָמען, און דער סוף פונעם פסוק איז אַ רמז אויף די תלמידים (און צוויי הונדערט פאַר די וואָס היטן אָפּ זיין פרוכט). [6] די תלמידים. [7] שלמה געטייטשט לויט שלם, באַצאָלן (מפרשים טייטשן דעם פסוק פאַרשיידן; מיר האָבן אָנגענומען דעם טייטש פון וואונטשעס דייטשער איבערזעצונג). [8] „זיי פלעגן אומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט צו לערנען תורה, ווי אין פסוק שטייט (בראשית מט, כא): נפתלי איז אַ פלינקע הינדין; ער גיט אַרויס שיינע רייד" (רד״ל; פאַרגלייך מדרש אגדה, באָבער, בראשית מט, כא). [9] „ווי אין פסוק שטייט (דאָרט, פסוק טו): וירא — און ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט; און ווידער שטייט (דברים לג, יח): און דו, יששכר, אין דיינע געצעלטן" (רד״ל; פאַרגלייך בראשית רבה עב, ה; צט, ט). [10] האלף ווערט דאָ געטייטשט צווייפאַכיק: טויזנט, און ווי אַ פועל יוצא אין הפעיל: לערנען, און שלמה פון שלם, באַצאָלן, ווי אויבן (עץ יוסף); די וואָס היטן אָפּ זיין פרוכט — די וואָס קומען אויפן גרייטן, לערנען אָן מאַטערניש.

ר׳ חייא בריה דר׳ אבא דיפו אמר: הלומד תורה בצער, נוטל אלף; שלא בצער, מאתים נוטל בשכרו. ממי את למד? משבטו של יששכר ומשבטו של נפתלי. שבטו של נפתלי, על ידי שהיו עוסקים ולומדים תורה בצער, נטלו שכר אלף; הה״ד (דברי הימים א, יב): ומנפתלי שרים אלף; אבל שבטו של יששכר, על ידי שהיו למדין תורה שלא בצער, נטלו שכר מאתים, שנאמר (שם): ראשיהם מאתים, וכל אחיהם על פיהם. ר׳ יודן בשם ר׳ בון אמר: הלומד תורה שלא במקומו, נוטל שכר אלף, ובמקומו, נוטל שכר מאתים. וממי את למד? משבטו של יששכר ומשבטו של נפתלי. שבטו של נפתלי, על ידי שהיו למדין תורה שלא במקומן, נטלו שכר אלף, הה״ד: ומנפתלי שרים אלף; אבל שבטו של יששכר, על ידי שהיו למדין תורה במקומן, נטלו שכר מאתים, שנאמר: ראשיהם מאתים, וכל אחיהם על פיהם.

טו

(יג) היושבת בגנים, חברים מקשיבים לקולך, השמיעיני. ר׳ נתן בשם ר׳ אחא אמר: למלך שכעס על עבדיו וחבשן בבית קולין, מה עשה המלך? נטל כל קצרקטין שלו ועבדיו והלך לשמוע, מה היו (מן) הן אומרים. שמע שהיו אומרים: „אדונינו המלך, הוא שבחנו, הוא חיינו, אל נחסר לאדונינו המלך לעולם!״ אמר להם: „בני, הגביהו קולכם, כדי שישמעו חברים שעל גבכם.״ כך, אעפ״י שישראל עסוקין במלאכתן כל ששת ימים, ביום השבת משכימים ובאים לבית הכנסת, וקורין קריאת שמע, ועוברין לפני התיבה, וקורין בתורה, ומפטירין בנביא. והקב״ה אומר להם: „בני, הגביהו קולכם, כדי שישמעו חברים שעל גבכם — ואין „חברים,״ אלא מלאכי השרת — ותנו דעתכם, שלא תשנאו זה את זה ולא תקנאו זה את זה, ולא תחרחרו זה עם זה, ולא

---

הייבט אויף אייער קול, כדי די חברים וואָס שטייען איבער אייך זאָלן הערן.״ אַזוי, כאָטש יידן זיינען אַלע זעקס טעג פאַרנומען מיט זייער מלאכה, פעדערן זיי זיך אָבער אום שבת און קומען אין שול, און לייענען קריאת שמע, און דאַוונען פאַרן עמוד, און לייענען פון דער תורה, און זאָגן מפטיר פון די נביאים. און הקדוש ברוך הוא זאָגט צו זיי: „קינדער מיינע, הייבט אויף אייער קול, כדי די חברים וואָס איבער אייך זאָלן הערן — און „חברים״ מיינט ניט אַנדערש, נייערט מלאכים — און לייגט אַכט, אַז איר זאָלט ניט פיינט האָבן איינע די אַנדערע און איר זאָלט ניט מקנא זיין איינע די אַנדערע, און איר

זאָלט ניט אַריין אין מחלוקת איינס מיטן אַנדערן, און זאָלט ניט מבייש זיין איינער דעם אַנדערן. כדי די מלאכים זאָלן ניט זאָגן פאַר מיר: 'ריבונו של עולם! די תורה וואָס דו האָסט געגעבן צו ישראל, זיי לערנען זי ניט, און אָט הערשט פיינטשאַפט און קנאה און שנאה און קריגעריי צווישן זיי', בעת איר זענט זי גאָר מקיים אין פרידלעכקייט." בר קפרא האָט געזאָגט: פאַרוואָס רופט מען די מלאכים „חברים"? דערפאַר וואָס צווישן זיי איז ניטאָ קיין פיינטשאַפט און קיין קנאה און שנאה און קיין קריגעריי און קיין מחלוקת[1] און קיין וואָרט־שטרייטן.

אַן אַנדער פשט: דו וואָס דו זיצסט אין די גערטנער, די חברים הערן זיך צו — ווען יידן קומען אַריין אין די שולן און לייענען קריאת שמע מיט כוונה, מיט איין קול, מיט איין געדאַנק און מיט איין ניגון, זאָגט הקדוש ברוך הוא צו זיי: דו, וואָס דו זיצסט אין די גערטנער, ווען איר לייענט [קריאת שמע], איז די חברים, איך און מיין פמליא, הערן זיך צו צו דיין קול; לאָז עס מיך הערן." אָבער ווען יידן לייענען קריאת שמע אין צעטומלטקייט, איינער פריער און איינער שפּע־טער, און זיינען ניט מכוון זייער געדאַנק בעתן לייענען „שמע," שרייט דער רוח הקודש און זאָגט (יד): ברח — אַנטלויף, מיין געליבטער, און זיי דיר געגליכן צו אַ הירש, — [לייען ניט לצבי, צו אַ הירש, נייערט] „לצבא," צום חיל פון אויבן, וואָס זיינען געגליכן[2] צו דיין כבוד, [און זינגען] מיט איין קול, מיט איין ניגון;[3] אויף די בערג פון בשמים, — אויף די העכסט־אייבערשטע הימלען.[4] אַן אַנדער פשט: אַנטלויף, מיין געליבטער, פונעם גלות וואו מיר געפינען זיך און ווערן פאַראומרייניקט אין זינד; און זיי גע־גליכן צו אַ הירש, — רייניק אונדז ווי אַ הירש;[5] אָדער צו אַ יונגן הינד, אַז דו זאָלסט אָננעמען אונדזער תפילה ווי אַ קרבן פון ציגן און באַראַנעס;[6] אויף די בערג פון די בשמים, — און קום דיר צום גוטן ריח[7] אין זכות פון אונדזערע אבות, וואָס זייער ריח קומט אויף פאַר דיר ווי בשמים. [אויף די בערג פון בשמים,] דאָס איז דער גן־עדן, וואָס איז לויטער בשמים. דעריבער זאָגט דער פסוק: אויף די בערג[8] פון בשמים.

טו. [1]טעקסט ענדערונג לויטן רד"ל, און אַזוי איז דער נוסח פונעם גר"א, דרך ארץ זוטא, פרק השלום. [2] הדומים — ודמה. [3] אַזוי ווי גאָט איז איינער, אַזוי זיינען די מלאכים איינס אין זייער געזאַנג צו אים. [4] דאָס וואָרט „בשמים" (געווירצן) ווערט דאָ געלייענט ווי „באַשאָמאַיים", אין די הימלען. [5] כאָטש אַ הירש איז פאַררעכנט צווישן חיות, איז ער אָבער ריין און כשר. דער מהרז"ו וויל לייענען אַנשטאָט „טהרנו," רייניק אונדז — „מהרנו," אייל אונדז (אַרויס פון גלות) ווי אַ הירש (וואָס איז שנעל־פוסיק). [6] געלייענט „אילים" (הינדן) מיט אַ צירה־אלף — באַראַנעס, און „עופר" — ווי „אפר," אַש, אַ רמז אויף אַ קרבן. [7] דער נוסח אין פסיקתא רבתי כא איז: ערוק מן ריחא בישא, ואתי (לויטן תיקון פון רד"ל) לריחא טבא — אַנטלויף פונעם שלעכטן ריח (פון דיין צאָרן איבער אונדזערע שלעכטע מעשים), און קום דיר צום גוטן ריח. [8] די אבות ווערן אָפט באַצייכנט ווי בערג (ראש השנה יא, א; שמות רבה כח, ב; במדבר רבה כ, יט).

**תביישו זה לזה. שלא יאמרו מלאכי השרת לפני: ׳רבש״ע! תורה שנתת להם לישראל אינן עוסקין בה, והרי איבה וקנאה ושנאה ותחרות ביניהם,׳ ואתם מקיים אותה בשלום.״ בר קפרא אמר: למה קרא למלאכי השרת „חברים״? לפי שאין ביניהם איבה וקנאה ושנאה ותחרות (ומינות) [ומצות] ופלוגת דברים.**

**ד״א:** היושבת בגנים, חברים מקשיבים, — **כשישראל נכנסין לבתי כנסיות וקורין קריאת שמע בכיוון הדעת, בקול אחד, בדעה [אחת] וטעם אחד, הקב״ה אומר להם:** „היושבת בגנים, **כשאתם קורין,** חברים, **אני ופמליא שלי,** מקשיבים לקולך, השמיעני.״ **אבל כשישראל קורין קריאת שמע בטירוף הדעת, זה מקדים וזה מאחר, ואינם מכוונים דעתם בקריאת שמע, רוח הקדש צווחת ואומרת** (יד): ברח, דודי, ודמה לך לצבי, — **לצבא של מעלה, הדומים לכבודך — בקול אחד, בנעימה אחת;** על הרי בשמים,— **בשמי שמים העליונים. ד״א:** ברח, דודי, **מן גלות שאנו בה ומתלכלכין בעונות;** ודמה לך לצבי, — **טהרנו כצבי;** או לעופר האילים, **שתקבל את תפלתנו כקרבן גדיים ואילים;** על הרי בשמים, — **אתא לך לריחא טבא בזכות אבותינו, שריחן עולה לפניך כבשמים; זו גן עדן שכולה בשמים. לכך נאמר:** על הרי בשמים.

טז

**ד״א:** היושבת בגנים חברים, — **ר׳ ירמיה בשם ר׳ חייא רבה: שני חברים שהיו עסוקים בדבר הלכה ונכבשין זה לזה בהלכה, עליהן הכתוב אומר** (מלאכי ג): אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו, ויקשב ה׳ וישמע; **ואין דבור אלא לשון נחת, שנאמר** (תהלים מז): ידבר עמים תחתינו. **ולא עוד, אלא שאם טעו, הקב״ה מחזיר להן**

---

טז

**אַן אַנדער פּשט:** דו, וואָס דו זיצסט אין די גערטנער [ווי][1] חברים, — **ר׳ ירמיה פון ר׳ חייא רבה׳ס וועגן: צוויי חברים, וואָס זיינען פאַרטאָן אין אַן עניין פון הלכה און אונטערטעניקן זיך איינס דעם אַנדערן אין דער הלכה, אויף זיי זאָגט דער פּסוק** (מלאכי ג, טז): אז נדברו — דעמאָלט האָבן זיך צונויפגערעדט די גאָטספאָרכטיקע איינער מיטן אַנדערן, און גאָט האָט פאַר־נומען און זיך צוגעהערט; **און „דיבור״, רעדן, איז ניט אַנדערש, נייערט אַ לשון פון אונטערטעניקייט, ווי דער פּסוק זאָגט** (תהלים מז, ד): ידבר — ער וועט אונטערטעניקן פעלקער אונטער אונדז. **און ניט גאָר דאָס, נייערט אויב אפילו זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, וועט הקדוש ברוך הוא זיי אומקערן [וואָס**

זיי האָבן פאַרגעסן דורך] זייער טעות; פון וואַנען איז עס געדרונגען? ויקשב ה׳ — און גאָט האָט פאַרנומען און זיך צוגעהערט און ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ בוך פון דערמאָנונג פאַר אים פאַר די וואָס פאָרכטן פאַר גאָט און טראַכטן פון זיין נאָמען; און ער האָט זיך צוגעהערט צו זיי;[2] און ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן, — ער שרייבט אָן אויף זייער האַרצן, ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה לא, לב): ועל — און אויף זייער האַרצן וועל איך עס אָנשרייבן; — אַ בוך פון דערמאָנונג פאַר אים, וואָרום ער דערמאָנט עס זיי; וועמען? די וואָס פאָרכטן פאַר גאָט און טראַכטן פון זיין נאָמען.

ר׳ יודן האָט געזאָגט: בשעת יידן לייענען אין דער תורה בחברותא, איז לאָז מיך הערן דיין קול;[3] אויב אָבער ניט, איז — אַנטלויף, מיין געליבטער.
ר׳ זירא האָט געזאָגט: בשעת יידן לייענען קריאת שמע מיט איין מויל,[4] מיט איין קול, מיט איין ניגון, איז — לאָז מיך הערן דיין קול; אויב אָבער ניט, איז — אַנטלויף, מיין געליבטער.

אַנטלויף, מיין געליבטער, — ר׳ לוי האָט געזאָגט: [ס׳איז געגליכן] צו אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה און פאַרבעטן געסט; האָבן טייל פון זיי געגעסן און געטרונקען און געבענטשט דעם מלך, און טייל פון זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און געשאָלטן דעם מלך. האָט עס דער מלך באַמערקט, און ער האָט געוואָלט אַריינברענגען זיי אַ מהומה אין דער סעודה און זי צו נישט מאַכן. איז אַריין די האַרינטע און האָט אויף זיי מלמד זכות געווען; זי האָט געזאָגט צו אים: „מיין האַר מלך! איידער דו זאָלסט קוקן אויף די וואָס עסן און טרינקען און שילטן דיך, קוק בעסער אויף די וואָס עסן און טרינקען און בענטשן דיך און לויבן דיין נאָמען.״ אַזוי, ווען יידן עסן און טרינקען און בענטשן און לויבן און אַכפּערן הקדוש ברוך הוא, פאַרנעמט ער זייער קול און ער לאָזט זיך איבערבעטן. אָבער בשעת די אומות פון דער וועלט עסן און טרינקען און לעסטערן און דערצערענען הקדוש ברוך הוא מיט די אויסגעלאַסנקייטן וואָס זיי ברענגען אויף, דעמאָלט טראַכט הקדוש ברוך הוא אפילו חרוב צו מאַכן זיין וועלט. קומט אַריין די תורה און איז מלמד זכות און זאָגט: „ריבונו של עולם! איידער דו זאָלסט קוקן אויף די וואָס לעסטערן און דערכעסן דיך, קוק אויף דיין פאָלק ישראל, וואָס בענטשן און לויבן און אַכפּערן דיין גרויסן נאָמען מיט תורה, און מיט געזאַנגען און מיט שבחים.[5] און דער רוח הקודש שרייט: אַנטלויף, מיין געליבטער, — אַנטלויף פון די אומות פון דער וועלט און באַהעפט זיך מיט ישראל; און זיי דיר געגליכן צו אַ הירש, — אַזוי ווי דער דאָזיקער הירש, בעת ער שלאָפט איז אים איין אויג אָפן און איין אויג איז פאַרמאַכט; אַזוי, בשעת ישראל טוט דעם רצון פון הקדוש ברוך הוא, קוקט ער אויף זיי מיט זיינעביידע אויגן, ווי אין פסוק שטייט (תהלים לד, טז): עיני ה׳ — די אויגן פון גאָט זיינען אויף די צדיקים; און בשעת זיי טוען ניט דעם רצון פון הקדוש ברוך הוא, קוקט ער אויף זיי מיט איין אויג, ווי דער פסוק זאָגט (דאָרט לג, יח): הנה — זע, דאָס אויג פון גאָט איז אויף די וואָס פאָרכטן אים.[6]

טעותן; מאי טעמא? ויקשב ה׳ וישמע, ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו: וישמע להם; ויכתב, שהוא כותב על לבם, המד״א (ירמיה לא): ועל לבם אכתבנה; ספר זכרון לפניו, שהוא מזכירה להם; למאן? ליראי ה׳ ולחושבי שמו.

א״ר יודן: בשעה שישראל קורין בתורה בחבורות — קולך השמיעני; ואם לאו — ברח, דודי. א״ר זירא: בשעה שישראל קורין את „שמע״ בפה אחד, בקול אחד, בנעימה אחת — קולך השמיעני; ואם לאו — ברח, דודי.

ברח, דודי, — א״ר לוי: למלך שעשה סעודה וזימן האורחין; מהן אוכלין ושותין ומברכין למלך, ומהן אוכלין ושותין ומקללין למלך. הרגיש המלך וביקש להכניס בהם מהומה בסעודתו לערבבה. נכנסה מטרונא ולימדה עליהם סניגוריא; א״ל: „אדוני המלך! עד שאתה מביט באלו שאוכלין ושותין ומקללין אותך, הבט באלו שאוכלים ושותים ומברכים אותך ומשבחים לשמך.״ כך כשישראל אוכלים ושותים ומברכין ומשבחין ומקלסין להקב״ה, מקשיב לקולם ומתרצה. ובשעה שאומות העולם אוכלין ושותין ומחרפין ומנאצין להקב״ה בעריות שמזכירין, אותה שעה חושב הקב״ה אפילו להחריב לעולמו. והתורה נכנסה ומלמדת סניגוריא ואומרת: „רבש״ע! עד שאתה מביט באלו שמחרפין ומכעיסים לפניך, הביטה בישראל עמך, שמברכים ומשבחים ומקלסים לשמך הגדול בתורה ובזמירות ובשבחות.״ ורוח הקדש צווחת: ברח, דודי, — ברח מאומות העולם והדבק בהם בישראל; ודמה לך לצבי, — מה צבי זה, בשעה שהוא ישן עינו אחת פקוחה ועינו אחת קמוצה, כך בשעה שישראל עושין רצונו של הקב״ה, מביט אליהם בשתי עיניו; הה״ד (תהלים לד): עיני ה׳ אל צדיקים; ובשעה שאין עושים רצון הקב״ה, הוא מביט להם בעינו אחת, שנאמר (שם לג): הנה עין ה׳ אל יראיו.

על הרי בשמים, — א״ר סימון: אמר הקב״ה: „המתינו לי עד שאשב בדין על הריהם, שהם שריהם (שנתונות) [שנתונים]

---

אויף די בערג פון בשמים, — ר׳ סימון האָט געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: „וואַרט מיר אָפּ, ביז איך וועל זיצן אין משפט אויף זייערע בערג, דאָס זיינען זייערע שרים, וואָס געפינען זיך ביי מיר אין הימל״; דאָס איז וואָס אין פסוק שטייט: אויף די בערג פון בשמים.[7] ר׳ יצחק האָט געזאָגט:

---

טז. [1] לויטן דרש. [2] צו די תלמידי חכמים. [3] איז דער אייבערשטער צופרידן צו הערן דאָס קול פון ישראל. [4] אַלע אין איינעם. [5] פאַרגלייך מגילה יב, ב; אסתר רבה ג, יג. [6] וואָס טוען זיין רצון ניט אויס ליבשאַפט, נאָר אויס פאָרכט. — מיט דעם דרש

ס׳איז ווי דער דאָזיקער פסוק (שמות ל,כג): ואתה — און דו נעם דיר הויפּט־בשמים.[8] ר׳ חנינא וועגן ר׳ יצחקס ווערטער: הקדוש ברוך הוא נעמט פון קיינעם ניט קיין באַצאָלט אונטן, ביז ער דערנידעריקט ניט זייערע שרים אויבן, און ער האָט אויף דעם פינף פסוקים. איינער, — עס שטייט געשריבן (ישעיה כד, כא): והיה — און ס׳וועט זיין, אין יענעם טאָג וועט זיך גאָט רע־כענען מיטן חיל פון אויבן אין דער הייך, און ערשט נאָך דעם — מיט די מלכים פון דער ערד. אַ צווייטער (דאָרט יד, יב): איך — ווי ביסטו פון הימל געפאַלן, דו שיינענדיקער מאָרגנשטערן, און ערשט נאָך דעם — ביסט אָפּגע־האַקט געוואָרן צו דער ערד. אַ דריטער (דאָרט לד, ה): כי רותה — וואָרום אָנגעטרונקען האָט זיך אין הימל מיין שווערד, און ערשט נאָך דעם — אָט וועט זי זיך אויף אדום אַראָפּלאָזן. אַ פערטער (תהלים קמט, ח): לאסור — צו בינדן זייערע מלכים אין קייטן, דאָס זיינען די שרים פון אויבן; און זייערע חשובע לייט מיט אייזערנע פענטעס, דאָס זיינען די האַרן פון אונטן. אַ פינפטער (דאָרט, דאָרט, ט): לעשות — צו טאָן אויף זיי דעם פאַרשריבענעם משפּט,[9] און ערשט נאָך דעם — שיין וועט עס זיין פאַר אַלע זיינע פרומע,[10] — לויבט גאָט!

צו פיר זאַכן איז געגליכן די גדולה[11] פון ישראל: צום שניט, צו דער לעז, צו בשמים, און צו אַ קימפּעטאָרין. צום שניט; דאָס פעלד, ווען עס ווערט געשניטן פאַר דער צייט, איז אפילו דער שטרוי ניט גוט; אין צייט, איז ער גוט, ווי אין פסוק שטייט (יואל ד, יג): שלחו — שטרעקט אויס דעם שנייד־מעסער, וואָרום צייטיק איז דער שניט. זי איז געגליכן צו דער לעז: דער וויינגאָרטן, ווען ער ווערט אַרומגעקליבן פאַר דער צייט, איז אפילו זיין עסיק ניט גוט; אין צייט, איז ער גוט; אַזוי [זאָגט דער פסוק] (ישעיה כז, ב): כרם — וויינגאָרטן פון שוימיקן וויין, זינגט צו איר, — ווען דער וויינגאָרטן איז צייטיק אויף שוימיקן וויין, זינגט צו אים. זי איז געגליכן צו בשמים: אַזוי ווי די דאָזיקע בשמים, ווען זיי ווערן געקליבן בעת זיי זיינען ווייך, פייכט, טראָגט זיך ניט זייער ריח; ווען זיי ווערן געקליבן טרוקענערהייט, טראָגט זיך זייער ריח. זי איז געגליכן צו אַ קימפּעטאָרין; ווען די פרוי געבערט פאַר דער צייט, בלייבט דאָס קינד ניט לעבן; ווען זי געבערט אין צייט, בלייבט עס לעבן, און אַזוי שטייט געשריבן (מיכה ה, ב): לכן — דעריבער וועט ער זיי איבערגעבן[12] ביז דער צייט ווען די געווינערין דאַרף געווינען.[13] ר׳ אחא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי (ישעיה ס, כב): אני ה׳ — איך גאָט וועל זי אין איר צייט צואיילן, — ווערט איר ניט האָבן זוכה געווען, וועט זי קומען אין [דער באַשטימטער] צייט; ווערט איר האָבן זוכה געווען, וועל איך זי צואיילן.[14]

**אַזוי זאָל גאָטס רצון זיין אין גיכן, אין אונדזערע טעג, אמן!**

געענדיקט מדרש חזית בעזרת השם יתברך

---

ווערט פאַרענטפערט די אויגנשיינלעכע סתירה פון די פסוקים. [7] לייענענדיק „באַשאָמאַיים."

[8] ר׳ יצחק דרינגט פונעם פסוק, אַז דאָס וואָרט בשמים (געווירצן), וואָס קומט דאָרט אין

**אצלי בשמים;" הה"ד:** על הרי בשמים. **א"ר יצחק: כי הדא** (שמות ל): ואתה קח לך בשמים ראש (ראש (מלכים א, י): גמלים נושאים זהב ובשמים, **זהב** וסמים). **ר' חוניא על הדא דר' יצחק: אין הקב"ה פורע מאומה למטה, עד שמשפיל שריה מלמעלה, ואית ליה חמשה קריין. חד, דכתיב** (ישעיה כד): והיה ביום ההוא יפקד ה' על צבא המרום במרום, **ואחר כך** — על מלכי האדמה. **תרין** (שם יד): איך נפלת משמים, הילל בן שחר, **ואחר כך** — נגדעת לארץ. **תלתא** (שם לד): כי רותה בשמים חרבי, **ואחר כן** — הנה על אדום תרד. **ארבעה** (תהלים קמט): לאסור מלכיהם בזקים, **אלו שרים של מעלה;** ונכבדיהם בכבלי ברזל, **אלו שרים של מטה. חמשה** (שם): לעשות בהם משפט כתוב, **ואחר כך** — הדר הוא לכל חסידיו, הללויה.

**בארבעה דברים נמשלה גאותן של ישראל: בקציר, בבציר, בבשמים, וביולדה. בקציר: הדא חקלא, כד היא מתחצדא בלא ענתה, אפילו תבנא לית הוא טב; בענתה הוא טב, הה"ד** (יואל ד): שלחו מגל, כי בשל קציר. **נמשלה בבציר: הדין כרמא כד מקט'ף בלא ענתיה, אפילו בסמיה לית הוא טב; בענתיה הוא טב; כך** (ישעיה כז): כרם חמר, ענו לה, **איתעביד כרמא חמר, זמר לה. נמשלה בבשמים: מה בשמים הללו, כשהן נלקטין כשהן רכין, לחים, אין ריחם נודף; כשהן יבשים ונלקטין, ריחן נודף. נמשלה כיולדה: הדא איתתא, כד ילדה בלא ענתה, לא חייא ולדא; כד ילדת בענתה, חיי; כך כתיב** (מיכה ה): לכן יתנם עד עת יולדה ילדה. **ר' אחא בשם ר' יהושע בן לוי אמר** (ישעיה ס): אני ה' בעתה אחישנה: **לא זכיתם** — בעתה, **זכיתם** — אחישנה.

**כן יהי רצון במהרה בימינו, אמן!**

חסלת מדרש חזית בעזרת השם יתברך

---

פאַרבינדונג מיט „הויפט," קאָן זיין אַ רמז אויף די שרים, די הויפטן, אין הימל, און ס'איז ניט נייטיק עס צו לייענען אַנדערש ווי דער פשט (יפה קול). — די ווייטערדיקע פראַזע אין די טעקסטן האָט ניט קיין זין, און מיר האָבן עס, אין הסכם מיטן אות אמת, אַרויסגעלאָזט (מפרשים באַמיען זיך עס אויסצוטייטשן, ס'איז אָבער זייער געמאַטערט; זע רד"ל). [9] דער משפט וואָס איז פאַרשריבן אין דער תורה (שמות יב, יב): ובכל אלהי — און אויף אַלע געטער פון מצרים וועל איך טאָן אַ משפט (יפה קול). [10] ווען זיי וועלן זען דעם סוף פון דער רשעות אויף דער ערד. [11] דער עץ יוסף שלאָגט פאָר צו לייענען אַנשטאָט גאותן — גאולתן, די גאולה. [12] לויטן דרש: אין די הענט פון די אומות פון דער וועלט. [13] לויטן דרש. — פון די אַלע פאַרגלייכן איז צו דרינגען, אַז ישראלס גדולה (אָדער גאולה) מוז וואַרטן אויף איר באַשטימטער צייט, און מע טאָר ניט דוחק זיין דעם קץ. [14] און ס'ווערט אויסגעגליכן די אויגנשיינלעכע סתירה צווישן בעתה, אין איר צייט, און אחישנה, איך וועל זי צואיילן, וואָס מיינט פאַר דער צייט.

# זוכצעטל

**נעמען פון די דרשנים און פון אַנדערע פּערזאָנען פון דער תלמודישער עפּאָכע וואָס ווערן געבראַכט אין שיר השירים רבה.**

(די ציפערן מיט די שטערנדלעך באַטייטן, אַז דער געגעבענער נאָמען ווערט געבראַכט אויף דער זעלבער זייט מער ווי איין מאָל).


## א

ר' אבא — 102, 172, 318, 324, 340, 423.
ר' אבא בר בונא — 276.
ר' אבא בר יודן — 362.
ר' אבא כהן בן דליה — 219.
ר' אבא (אבהו) בר כהנא — 54, 95, 126, 156, 166, 210, 236, 274, 294, 298*, 299, 316, 318*, 328, 340, 354 360, 366, 376, 380, 383, 388, 470, 486, 490, 494, 514.
ר' אבא בר כהנא בר יודן — 490.
ר' אבא בר מימי (בר קומי?) — 122*
ר' אבא בר ממל — 396.
ר' אבא דער זון פון ר' פפי — 462.
אבא קולון — 100.
ר' אבדימי פון חיפה — 478.
ר' אבהו — 8, 46, 94, 123, 132*, 133, 146, 190, 252, 279, 292, 316, 326, 372, 374, 410, 414, 461.
ר' אבון — 76, 164, 268, 276, 284, 394, 420, 423, 458.
ר' אבון בר חסדי (חסדאי) — 455, 478.
אביי — 210.
ר' אבין — 82, 160, 218, 320, 328.
ר' אביתר — 462.
אַדריאַנוס — 188, 191, 234, 276, 502.
אַווטינאַס ( אבטינס), משפחה—136, 256*, 258*.
ר' אוניא — 190.
אונקלוס — 122, 130, 218, 334.
ר' אושעיא — זע ר' הושעיא
ר' אושעיא פון טרייה (טבריה?) — 504, 505.
ר' אחא — 29, 32, 34, 62, 74, 76, 110, 112, 116, 118, 121, 126, 136, 156, 164, 172, 186, 187, 218, 282, 296, 298, 306, 318, 336, 338, 390, 408, 410*, 426, 444, 480, 485, 519, 520, 524, 530.
ר' אחא בר אבון בר בנימין — 498.
ר' אחא אריכא — 498.
ר' אחא בר' זעירא — 165, 166.
ר' אחא בר חנינא — 218.
ר' אחא דער זון פון ר' פפין — 498
ר' אחווא דער זון פון ר' זעיראן — 518.
ר' איבון — 110.
ר' אידי — 80, 298, 330, 352, 370, 371.
ר' אייבו — 22, 72, 144, 162, 268*, 292, 356, 358, 382, 496, 500, 512.
ר' אילא — 52, 416.
ר' אימי — 246.
ר' איני — 518.
ר' אליעזר (הגדול, בן הורקנוס) — 18, 44, 60, 62*, 106*, 116, 128, 154, 158, 187, 240, 255, 364, 382, 384, 448, 489, 515.
ר' אליעזר דער זון פון ר' יוסי הגלילי — 26*, 176, 184, 194, 434, 496.
ר' אליעזר בן יעקב — 92, 129, 176, 184, 194.
אלישע בן אבויה — 78*.
ר' אלכסנדראי — 236, 519, 523.
ר' אלכסנדרי בר הדרון — 388.
ר' אלכסנדרי קרובה — 388.
ר' אלעאי — 463.
ר' אלעזר — 434, 448, 461.

ר' אלעזר (בן פדת) — 18*, 21, 110, 146, 168, 184, 216, 232, 244, 250, 262, 263, 306*, 330, 339, 347*, 364*, 365, 366, 477, 482*, 483, 487.
ר' אלעזר בר אבינה — 29, 390.
ר' אלעזר המודעי — 156, 434.
ר' אלעזר חיסמא — 162.
ר' אלעזר בר' יוסי — 263, 282.
ר' אלעזר בר מרון (מרינוס? מרום) — 444.
ר' אלעזר בר' סימון (שמעון?) — 408*.
ר' אלעזר בן עזריה — 31.
ר' אלעזר בן ערך — 122, 178*.
ר' אלעזר בר' שמעון — 222, 262*, 349, 398*.
ר' אלעשה — 436.
ר' אמי — 264, 274, 376.
אנטיוכוס — 236.
רב אסי — 256, 264.

ב

ר' בון (אבון?) — 279, 462, 524.
ר' בון בר' חייא — 418.
ר' ביבי — 89, 110, 204, 262, 263, 274.
בית צריפא (משפחה) — 361.
בית שמאי — 54.
בן־ארזא — 314.
בן גזירה (נזירה?) — 138, 139.
בן זומא — 78.
בן כוזבא — זע בר כוכבא.
בן נזירה — זע בן גזירה.
בן עזאי — 31, 78*, 122*, 260.
ר' בנייה — 470.
בני ציון (משפחה) — 361.
ר' בצלאל — 285*.
בר־כוכבא (בן כוזבא) — 177, 190*, 191, 235.
ר' ברכיה — 6, 39, 66, 68, 76, 78, 79, 90*, 104, 116, 126, 128, 129, 134, 136*, 144, 154, 159, 164, 172, 192, 196, 198, 208, 224, 226*, 232, 234*, 252*, 256, 266, 279, 285, 292, 322*, 328, 330, 332, 334*, 336*, 339, 344, 346, 348, 372, 410, 412, 430, 440, 446, 448*, 468, 470, 473, 493, 494, 498, 503, 506.
בר קפרא — 216, 280, 300, 334, 352, 423, 462, 493, 506, 526.

ג

גאַרדיאַן — 277.
ר' גידל בר בנימין — 264.
רבן גמליאל — 34, 398.
ר' גמליאל הזקן — 489.
גרמו (משפחה) — 259, 260.

ד

ר' דוסא בר טבת — 470.
דיאָקליטיאַנוס — 276.
דיניי — 190.
ר' דרוסא — 345.

ה

הוגראַס (הוגרס) בן לוי — 260.
ר' הונא — 6, 52, 104, 136, 139, 162, 164, 218, 252, 254, 256, 264, 296, 302, 304*, 310, 330, 346*, 352*, 358, 362, 366, 423, 425, 426, 434, 444, 478.
ר' הונא רבה פון צפורי—292, 300.
ר' הושעיא (רבה)—131, 188, 352*, 392, 422, 493.
ר' הלל דער זון פון ר' שמואל בר נחמן — 522.
הלל (הזקן) — 489, 512*.

ז

ר' זירא — זע ר' זעירא
ר' זכאי רבה — 466.
ר' זכריה — 134.
ר' זעירא — 182, 264, 418, 498, 510*, 511.

ח

ר' חגי — 50, 198, 402.
ר' חוניא (חוניה) — 24, 65, 136*, 172, 244, 316, 336, 374, 384, 454, 458, 514.
חזקיה — 306.
ר' חייא (רבה) — 28*, 29*, 30*, 92, 95, 102, 170, 238, 252, 320, 322*, 354, 365, 432*, 440, 452, 493, 522, 527.
ר' חייא בר אבא — 188, 208, 286,

334, 373, 410, 414, 504.

ר' חייא דער זון פון ר' אבא פון יפו — 524.

ר' חייא בר אדא — 216, 300, 416, 417.

ר' חייא בר אויא (איוויא) — 417.

ר' חייא פון ציפורי — 426.

ר' חיננא בר פפא — זע ר' חנינא בר פפא.

ר' חלבו — 39*, 68, 104, 108*, 190, 232, 252, 330, 338, 344, 346, 446.

ר' חלפתא פון קיסריה — 346.

ר' חלקיה — 471.

ר' חמא — 138, 408, 423.

ר' חמא (חייא?) דכפר תחומין—214.

ר' חמא בר חנינא — 124, 252, 410, 425, 450.

ר' חמא בר עוקבא — 52, 58.

ר' חנא בר אחא — 48.

ר' חנין — 282, 330, 332, 386.

ר' חנין פון ציפרין — 32.

ר' חנינא — 16, 60, 66, 74, 118, 126*, 146, 198, 230*, 239, 240, 330, 356, 358, 360, 376, 404, 444, 448, 470, 530.

ר' חנינא בר אדא — 54.

ר' חנינא בן גמליאל — 394.

ר' חנינא (בן דוסא) — 4, 5.

ר' חנינא (חנניה? חיננא?) בר יצחק — 254, 284, 498, 499, 516.

ר' חנינא (חיננא) בר פפא — 33, 116, 188, 324, 366, 484.

ר' חנינא פון קיסריה — 58.

ר' חנן — 158, 224.

ר' חנן דער זון פון ר' ברכיה פון בצרה — 444.

ר' חנן פון צפורי — 161.

ר' חנניה דער זון פון ר' איבי—450.

ר' חנניה (חנינא? חיננא) בר יצחק — 302.

חנניה דער זון פון ר' יהושעס ברודער — 395.

ר' חנניה, דער חבר פון די רבנן — 130.

ט

ר' טביומי — 130, 464.

טראיאנוס — 188, 191.

ר' טרייא — 144, 292.

ר' טרפון — 54, 218.

י

ר' יהודה — 2, 42, 46, 48, 128*, 134, 160, 171*, 184, 192, 214, 246, 260, 264, 272, 274*, 282, 306, 316, 336*, 362* 390, 414, 462, 470, 498.

(ר' יהודה בר' סימון?)

מעגלעך, אַז טייל פון די מאמרים געהערן צו ר' יהודה בן אלעאי.

ר' יהודה (יודא), [בר' אלעאי] — 76, 176*, 183, 228, 257, 270, 272, 294, 332, 429*, 463, 464, 466, 498.

יהודה ברבי — 126, 127, 198.

ר' יהודה [בן בבא] — 182, 512.

ר' יהודה בר יחזקאל — 6, 334.

ר' יהודה הנשיא — זע רבי.

ר' יהודה (יודן, יודא) בר' סימון — 22, 40, 42, 103, 105, 118, 146, 166, 168, 182, 184, 188, 212, 224, 270, 332, 350, 357, 370, 418, 423, 436, 484, 505, 518.

יהודה דבי רבי (בר' — — —?) — 365.

ר' יהושע (בן חנניה) — 50, 60, 61, 62, 158, 242, 243, 246, 298, 299, 366, 384, 414, 434, 448, 485, 489.

ר' יהושע בר' בנימין בר לוי—366.

ר' יהושע בן לוי — 6, 12, 24, 26, 28, 36, 40* 72*, 88*, 90*, 170, 248, 320, 332, 341, 348, 350, 360, 365, 388, 436, 452, 522, 530.

ר' יהושע בר נחמיה — 74, 394.

ר' יודא בר' סימון — זע ר' יהודה בר' סימון.

ר' יהושע בן קרחה — 274, 388.

ר' יהושע פון סיכנין — 37, 40, 48, 172, 272, 284, 293, 324*, 375,

434, 436, 444, 462, 496, 519.
ר' יודה — זע ר' יהודה.
ר' יודה בר' אלעי — זע ר' יהודה בר' אלעי.
ר' יודן — 16, 21, 24, 32, 62, 92, 112, 116, 132*, 154, 155, 159, 182, 188, 192, 194, 224, 226, 232*, 234, 251*, 272, 274, 278*, 304, 316, 332, 374, 376, 396*, 400, 402, 406, 410, 422, 434, 448, 478, 487, 518*, 520, 524, 528.
ר' יודן בר' אלעי — זע ר' יהודה בר' אלעי.
ר' יודן בר' סימון — זע ר' יהודה בר' סימון.
ר' יודן בר' שמעון — 276*.
ר' יוחאי — 500.
יוחנן כוהן גדול — 512.
ר' יוחנן (בר נפחא) — 32*, 34*, 36, 40, 53, 54, 64, 72, 76, 88*, 94, 102, 110, 118, 136, 139, 144, 150, 182*, 186*, 204, 206*, 208, 211, 230, 232, 234, 239, 240, 246, 256, 264, 281, 282, 292, 295, 296*, 298*, 318, 338, 346, 348*, 360*, 362, 363, 366, 376*, 378, 384*, 386, 395, 404*, 408, 410, 416, 418, 452, 464, 465*, 466, 484*, 494, 496*, 498, 503, 504*, 508, 514*.
ר' יוחנן פון בית גוברין — 12.
ר' יוחנן בן זכאי — 178, 489.
ר' יוחנן בר ר' יהושע — 30.
ר' יוחנן בן נורי — 258.
ר' יוחנן בן קצרתא — 198.
ר' יונה — 162, 172, 198.
ר' יונתן — 28*, 50, 266, 312*, 354.
יונתן (תרגום) — 98, 130, 191, 336, 368.
ר' יונתן פון בית גוברין — 309.
ר' יוסטא — 336.
יוסטא, דער שניידער פון ציפורי — 442, 443.
ר' יוסי (אמורא פון פערטן דור) — 178, 204, 348, 356, 365*, 366.
ר' יוסי בן דורמסקית — 463, 464.
ר' יוסי הגלילי — 216, 218.
ר' יוסי בן זימרא — 164, 250.
ר' יוסי [בן חלפתא] — 16, 26, 98, 176, 179, 181, 266, 326, 417.
ר' יוסי בר חנינא (חנניה?) — 25, 44, 46, 189, 196, 198, 232, 234, 347, 364*, 365, 414, 417.
ר' יוסי בר' יהודה — 274, 326*.
ר' יוסי בר' ירמיה — 106, 434, 466.
יוסיפוס פלאוויוס — 235.
ר' יוסי פון קיסריה — 422.
ר' יוסף — 6.
ר' ינאי—78, 210*, 276, 322*, 334, 365, 372, 374, 386, 392.
ר' ינאי דער שוועער פון ר' אמין—28.
ר' ינאי דער זון פון ר' שמעונען — 60.
ר' יסא (אסי?) — 264, 362, 374.
ר' יעקב — 346*.
ר' יעקב בר אבינא (אבונא, אבין, אבון, בון)—266, 282, 378, 432.
ר' יעקב פון כפר חנין — 282.
ר' יצחק — 20, 22, 46, 52, 74, 83, 96*, 132, 138*, 139, 158, 168, 170, 172, 174, 176*, 195, 202, 208, 274*, 276, 300, 322, 368, 378, 396, 397, 402, 428, 432, 458, 478, 481, 482, 498, 530.
ר יצחק דער זון פון ר' יהודה בר יחזקאל — 6.
ר' יצחק בר מריון — 200.
ר' ירמיה — 334, 345, 444, 470, 527.
ר' ישמעאל (בן אלישע) — 50*, 113, 212, 360, 517.
ר' ישמעאל בר' יוסי — 144, 290, 340.
ר' ישמעאל כהן גדול — 512, 513.
ר' יששכר — 172.

כ

כהנא — 412.

ל

ר' לוי — 32*, 37, 40, 42, 48, 74, 100, 108*, 114, 115, 118, 123, 124, 130, 138, 144, 168, 172,

174, 176*, 190, 197, 198, 206, 210, 212, 224, 236, 240, 246, 254, 268*, 282, 283, 284, 292*, 293, 298, 309, 316, 318, 335, 340, 348, 366, 374*, 375, 340, 348, 366, 374*, 375, 386*, 400, 410, 412, 416, 423, 426, 430, 436, 438*, 444, 446, 456, 462, 473, 487, 488, 496, 500, 519, 528.

ר׳ לוי בר זכריה — 140.

ר׳ לוי בר חייא — 130.

ר׳ לוי בר חיתא (חייתא) — 88, 234, 383.

ר׳ לוי בן סיסי — 334.

מ

ר׳ מאיר — 34, 68, 70, 98, 128*, 171, 173, 176, 178, 179, 189, 218*, 238, 257, 260, 266, 423, 489*, 496, 498*, 499*.

ר׳ מיאשא — 470.

ר׳ מנחם, אײדעם פון ר׳ אלעזר בר אבונא — 266, 368.

ר׳ מנחמא (מנחמן) — 76, 124, 168, 394, 454.

ר׳ מרינוס בר׳ הושעיא — 352.

ר׳ משרשיא — 298.

ר׳ מתנא — 20.

נ

ר׳ נהוראי — 210.

ר׳ נחוניא — 194.

ר׳ נחמיה (תנא, דור פון אושא) — 176, 178, 192, 193, 282, 332, 414, 498.

ר׳ נחמיה (אמורא פון פערטן דור)— 2, 42, 43, 46,, 48, 184, 210, 338, 458, 468*.

מעגלעך, אַז טייל פון די מאמרים געהערן צום תנא ר׳ נחמיה (אין דור פון אושא).

ר׳ נחמן—2, 14, 15, 130, 338, 468.

ר׳ נחמן בר יעקב — 256.

ר׳ נתן — 34, 352*, 452, 524.

ס

סומכוס — 173.

ר׳ סימון — 12, 20, 24, 92, 110, 158, 160, 184, 252, 272, 274, 278, 309, 332, 356, 358, 359, 378, 422, 484, 522, 529.

ר׳ סימון בר זבדי — 416, 418.

ר׳ סימון בן קוזית ( ר׳ סימאי בר קוסי) — 500.

ר׳ סימיי (סימאי) — 350, 356, 394.

ע

עולא פון בירא — 448.

ר׳ עזריה — 40, 44, 75, 104, 146, 166*, 200, 204, 208, 252*, 262, 270, 274, 278*, 316, 364, 370, 376, 384, 386, 408, 423, 436, 484, 505.

ר׳ עקיבא — 30, 60, 62*, 76, 78*, 106, 110*, 112*, 114*, 122, 128, 162, 216*, 218*, 258*, 385, 414, 489*, 493, 494, 504, 513, 515.

עקילס — 68, 350*, 356.

פ

ר׳ פּאַטריקי דער ברודער פון ר׳ דרוסא — 276.

ר׳ פינחס — 2, 20, 42, 120, 126, 131, 158, 242, 254, 268, 320, 352*, 354, 392, 396, 425, 448, 471, 479, 482, 492, 519.

פינחס דער אַנטוער — 262.

ר׳ פינחס בן יאיר — 9, 16.

פלאַוויוס — זע יוסיפוס.

ר׳ פפיס (פפוס בן יהודה?) — 109, 110*, 111, 112*, 114*.

ק

קומאַנוס — 190*.

קמצר (בן קמצר) — 260, 261.

ר

ר׳ ראובן — 89, 110, 156, 479, 514.

רב — 6, 24, 295, 296*, 348, 360.

רבא — 324.

רבי (ר׳ יהודה הנשיא) 29, 74, 127, 134, 142, 144, 199, 268, 290*, 310, 420.

רבסא — זע ר׳ אסי.

ריש לקיש — זע ר׳ שמעון בן לקיש.

ש

ר׳ שילא — 16, 106, 488, 511.

(המשך אויבן, זייט טז)

(Daniel 3, 25), Michael came down and struck his mouth, saying, "Wretch, miserable mortal! Has God a son? Take back your words!" The King thereupon retreated and said, —**Blessed be the God of Shadrach, Meshach and Abednego, who sent His angel and delivered His servants that trusted in Him** (ib. 28).

As said above, to the Aggadic sages the idea of art for art's sake was a strange notion. Nevertheless, very frequently they felt the urge to clothe their sayings and teachings in aesthetic and artistic forms, and at times they even gave distinct and conscious expression to that urge. In a lengthy exposition on the verse: **Thy lips, O my bride, drop honey** (Song of Songs 4, 11), the author cites different Aggadists which, in different ways express the idea, that it is not sufficient for a public preacher to bring forth important and enlightened ideas and thoughts; even the very form of his lecture must be artistic and enjoyable. At the end the words of Resh Lakish are cited: "If one discourses on the Torah, and his words are not as pleasurable to his hearers as a bride is to her husband when she is in her bridal chamber, it were better that he had not delivered them", i.e. the listener is to have a sensual and pleasurable experience. [15]

Here lies the secret of the great influence the Aggadists exerted over their listeners and, later on, their readers and students. The aesthetic and emotional experience created by the poetic expression of most of the Aggadic material effected excellent results. Aggadic ideas, expressed in such effective ways found their echo in the hearts of the masses and implanted in them new hope for and renewed belief in, a better future for themselves and for all of mankind. [16]

---

15 Ib. 4, 22.

16 Concerning other aspects of Midrashic literature, see S. Dunsky, Midrash Rabbah Koheleth, introduction pp. III - VIII.

nations are always ready and willing to accept and embrace the Jewish people as one of them. "How long", they say, "will you die for your God and completely devote yourself to Him; and how long will you be slain for Him, as it is written, **Nay, but for Thy Sake are we killed all the day** (psalms 45, 23). Join us, and we will appoint you governors, leaders and generals — and you will be the cynosure of the world". [12] But all this on one condition: that Israel shall forsake the heritage of their ancestors and lose their identity. And as Israel refuses to comply with this condition, this readiness for brotherhood turns into sharp hatred, notwithstanding the fact that even before the Jews pray for their own good, they pray for the good of the world, "since the seventy bullocks that were sacrificed during the first seven days of the festival of Tabernacles were sacrificed for the well being of the seventy nations of the world, that the world may not be emptied of them, as it is written, **For my love they hate me, but I am all prayer"** (psalms 109, 4). [13]

And so as well the Midrash arrives at a very vivid expression of Israel's ever ready willingness not only to suffer, but even to die for the sanctification of the holy Name. Very pathetic in this respect is the story of Hananiah, Mishael and Azariah (Shadrach, Meshach and Abednego — cf. Daniel 3), who firmly stood by their decision not to bow before Nebuchadnezzar's image, but rather to burn at the stake for the sanctification of the holy Name, even though the prophet Ezekiel forewarned them in the name of God Himself, that He will not stand by them. [14]

Very frequently one finds in this Midrash an echo of the struggle against the onslaught of young and militant Christianity. A good example in this respect are the harsh words of the angel Michael to Nebuchadnezzar. When the latter said, "**Lo, I see four men loose, walking in the midst of the fire — and the form of the fourth** (the angel that came down to save the three martyrs) **is like a son of God**

12 Ib. 7, 2.
13 Ib. 1,63.
14 Ib. 7, 13.

## C

The largest and most complete collection of such allegorical commentaries on Song of Songs besides the many fragmentary commentaries of that type in the vast Talmudic and Midrashic literature, and besides two smaller compilations of such commentaries and expositions,[10] is the Midrash Shir Hashirim Rabbah, which was, according to certain data, composed in Palestine not later than the 7-8 centuries C.E. But this is, as in the case of other Midrashim, true only in regard to its composition. The contents, however, originate much earlier, some as early as the beginning of the Common Era.

This spread in time of origin confronts the student with a very wide and kaleidoscopic range of different religious, political and economic situations, as well as ideas, and with a variety of reactions to those situations and ideas. This fact also explains the method and manner of the compilation. One and the same verse often is subject a great variety of expositions and explanations, depending on the time and circumstances in which the given Aggadists lived. And so, in its entirety the Midrash may serve as a reflection of events in Jewish life and history over the course of many hundreds of years.

## D

The mutual and faithful love between God and His people is the main subject of Aggadic literature in general. But whereas in other Midrashic books one finds, along with the virtues of Israel, also accusations of their frequent deviations and sins, this Midrash is, again with negligible exceptions, fully dedicated to the virtues and good deeds of the people of the Covenant. Because, in the words of R. Juda, "one must not expound Song of Songs in a sense of disgrace, but of praise, since Song of Songs was given only for the praise of Israel".[11]

The fate of Israel among the nations is most vividly and distinctly expressed in this Midrash. Certainly the

10 A) Shir Hashirim Zuta (the smaller), published by S. Buber, Berlin 1895, and by S. Schechter, Cambridge 1896. B) Midrash Shir Hashirim published by E. Greenhut, Jerusalem 1897.

11 Shir Hashirim Rabbah 1, 55.

on different forms, from time to time even reaching stages when the very existence of the nation was thretened, as in the days of the Greek Antiochus IV, and the Roman Adrian. But even in times of greater or lesser tranquility, the Jewish people were always possessed with the feeling of being alone in the world, "a lonely sheep amongst seventy wolves." [8]

In such times the people were in dire need of moral support and encouragement; of a strengthening of the belief that God will never forsake his people and will always stand by his devotees, and that times eventually will change for the better.

Sometimes even the Aggadists themselves felt some doubt about he eternity of God's covenant with Israel. Such doubts were very relevant after the phenomenal spread in the fourth century of Christianity, which pretended to have become the new Israel with the full right of supplanting the Jews as God's chosen people. [9] The answers to this and to other torturing doubts and questions, for themselves and for their people, they sought — and found — in the holy books of the Bible.

For a long time the Biblical books have exerted tremendous influence and a mystical effect on the Talmudic and Midrashic sages. It was their strong belief that the Biblical verses contain all the hidden secrets of creation and of history, and as a result they should serve as the source of the answers to all possible questions and problems. So strong was their belief in the boundless power of the Word, that they often believed that the answer could be found not merely in a sentence, but even in part of it, or even in a word of irregular and peculiar spelling. This is especially true in the case of Song of Songs, which is, with a negligible number of exceptions, fully and wholly interpreted allegorically and symbolically, whereas the other Aggadic books contain, along with allegorical interpretations, also commentaries of an exegetic character.

---

8 Esther Rabbah 10, 11.

9 See Shir Hashirim Rabbah 1, 61, the question Abraham is asking God concerning this matter, and God's assuring answer.

dedicated to the mutual love between Israel, God and the Torah. The ephemeral love between two earthly individuals they sublimated to the heights of eternity, to the world of the perfect Ideas, to the source of all earthly existence and of everlasting love. [4] And so the lover of the book turned out to be God Himself, and the beloved bride — the community of Israel. All detailed anatomical descriptions of the two lovers become symbols of personalities, institutions and events in the life and history of the people of Israel. To paraphrase Zunz, after the Aggadists elevated the earth to heaven, they brought back heaven to earth, interpreting the fate of the Jewish people and its destiny according to the poetic verses of the Songs of Solomon.

## B

The tradition of interpreting Song of Songs symbolically and allegorically is, as we have seen earlier, [5] very old. All interpretations of the sages of old that have come down to us are of the same type and character. Certainly this became an established tradition from the time of the last canonization, both of the Bible itself and of its interpretations. R. Akiba says: "He who raises his voice and sings the Song of Songs in the taverns and turns it into a (popular) song, has no part in the world to come" [6], because "all the Hagiographic books are holy, but this is the holiest of the holy". [7]

Concerning the character of the interpretations themselves, the Aggadists were animated both by needs of a national-historic character and by pedagogic and educational purposes. Beginning with the first encounter of the Jewish community of Palestine with the occidental world in 332 B.C.E., a struggle emerged between these two extremely different cultural entities, both on the politico-economic level and in the area of religious and socio-ethical ideology. At different times this struggle took

---

4 The influence of Platonic philosophy regarding the world of eternal and perfect Ideas is to be seen in many texts of the Talmudic and Midrashic literature.

5 See note 3 and text.

6 Tosefta Sanhedrin 12, 10.

7 Shir Hashirim Rabbah 1, 11.

passionate thoughts and feelings in an artistic form; but certainly this was not their primary aim. And at the last act of canonizing the Bible,[1] a question arose: Is not this particular book totally out of line with the goal which the sages had set for themselves in selecting the Biblical books, namely to give the people a book to live by during the trying times which lay ahead of them?

On the other hand the same sages deeply felt that this book is a product of intrincic and truly human experience, and with their positive attitude to all aspects of mundane life,[2] they simply could not by-pass this wonderful book and exclude it from the canon. Furthermore, although God's name is not mentioned even once, the sages nevertheless felt that the book was written with holy inspiration (Ruah Hakodesh), and that its genuine truthfulness stemmed from deep religious sources. A way had to be found to save the book from oblivion and to bring it into line with the rest of the Bible. The Aggadists found that way and saved it for posterity. In the language of the Aggadists themselves: "Formerly it was said, proverbs and Song of Songs and Ecclesiastes were hidden (not counted among the holy books), till the men of the Great Assembly came and gave them a (new) interpretation."[3]

Out of their great love for their suffering people on the one hand, and for the Creator and His Torah on the other, they began to see this book in entirely different dimensions. With their visionary creativity, they turned it into an allegorical and symbolic creation, entirely

---

1 In the period of Yabne, 70 - 132 C.E.

2 It is an established fact that, with some exceptions, the sages of old never negated earthly pleasures of life. Rab said: "He who saw the good things of life and did not taste them eventually will be called to account". And Rabbi Elazar Hakapar said: "A Nazirite is called sinner because he renounced the pleasures of wine" (Babli Nedarim 10, 1).

3 Aboth d'rabbi Nathan, S. Schechter, both versions, pp. 2 - 3; Midrash on Proverbs 25, 1. — The opinion that the tradition of Solomon being the author of the book, saved it from oblivion has no sound foundation: that same tradition did not stand by two books of the Apocrypha, namely Psalms of Solomon and Wisdom of Solomon, to be included in the Biblical canon.

# "SONG OF SONGS"

## IN THE BIBLE AND IN THE AGGADAH

### (INTRODUCTION TO THE MIDRASH ON "SONG OF SONGS")

### A

The books of the Bible (Tanakh) are extremely diversified, both in their content and form. Even a cursory glimpse into the Holy Books reveals a rich kaleidoscope of human problems — individual, national and universal in all their ramifications. The different aspects of faith and skepticism, for instance, range from the perfect and naive faith that prevails in the five books of Moses on the one hand, to the skeptical and pessimistic outlook of Ecclesiastes on the other; and in between these two extremes one may find the whole gamut of the pious devotion of most psalmists and the militant confrontation of Job with God. And what is true concerning the aspects of religious belief and doubt is also true regarding all other aspects of human thought and emotion. One general idea, however, is common to all Biblical writings — the deep insight into the tragic phenomenon of human existence and experience, and the deep and overwhelming longing for the day of perfection and everlasting happiness.

An exception among all the Biblical texts is the book of Song of Songs. No matter what modern exegesis has to say concerning this book, both its form and content bear more of an Anacreonic character, wholly dedicated to individual human experiences, without any trace of religious, social or national connotations.

The Biblical writers, certainly its compilers and editors, were very far from the concept of art for art's sake. For them the content and the message it contained was the goal; the aesthetic and artistic aspects came only as a side effect. By nature, the Biblical writers were great artists and they simply could not help but clothe their

# MIDRASH RABBAH

## SHIR HASHIRIM

## (SONG OF SONGS)

with

**YIDDISH TRANSLATION**

**TEXT EMENDATIONS**

**EXPLANATORY NOTES AND INTRODUCTIONS**

by

**S. DUNSKY**

RECIPIENT OF THE LITERARY AWARD

of the

J. I. SEGAL FUND FOR JEWISH CULTURE

Copyright 1973 by S. Dunsky

---

Printed 1973 in Canada by

THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.

Montreal, Quebec